STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06960

www.libtool.com.cn

# VELT-GESHIKHTE FUN YIDISHN FOLK

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דובנאָוו / וועלט־געשיכטע
פֿון ייִדישן פֿאָלק / באַנד פֿינף

www.hbtool.com.cn

שמעון דובנאָוו

www.libtool.com.cn

# וועלט-געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק

## פֿון די עלטסטע צײַטן ביז צו דער הײַנטיקער צײַט

אין צען בענד

באַנד V

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ

ווילנע / 1939

שמעון דובנאָוו

www.libtool.com.cn

# געשיכטע פֿון ייִדן אין אייראָפּע

פֿון די ערשטע ייִשובֿים ביזן סוף XVIII יאָרהונדערט

באַנד II

שפּעטער מיטלעלטער ביז גירוש שפּאַניען XIII—XV י״ה

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע
ווילנע / 1939

www.libtool.com.cn

יידיש: ז. קלמנאָוויטש

Żydowski Instytut Naukowy (Jiwo)
Yiddish Scientific Institute (Yivo)

S. DUBNOW
Historia powszechna narodu żydowskiego
w dziesięciu tomach,
tom V: Żydzi w Europie w późnim średniowieczu
XIII — XV w.
World History of the Jewish People
in ten volumes,
vol. V: The Jews in Europe in the Late Middle
Ages / XIII — XV Centuries
PRINTED IN POLAND
„Drukarnia Wydawnicza“, Wilno, Kwaszelna 23

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט

## ערשטער אָפּטייל

### פראַנצייזיש־שפּאַנישע העגעמאָניע ביז צום גירוש פון ייִדן פון פראַנקרייך (1306–1215)


זייט

§ 1. אַלגעמיינער איבערבליק . . . . . . . 9

קאַפּיטל I. דער פראַנצייזישער צענטער און די ענגלישע קאָלאָניע אין 13טן י"ה

§ 2. דער אינעווייניקסטער קרייצצוג און דער לאַטעראַנער קאָנציל פון 1215 . . . . . . . . 13

§ 3. קיניגלעכע און פעאָדאַלע ייִדן אונטער לודוויג דעם הייליקן . 24

§ 4. רעליגיעזע וויכּוחים און די פאַרברענונג פון תּלמוד ; קרבנות פון דער אינקוויזיציע . . . . . . 33

§ 5. פיליפּ דער שיינער און דער גירוש פון 1306 . . . 44

§ 6. ייִדן אין ענגלאַנד אונטער דזשאָן אָן אַ לאַנד . . . 52

§ 7. די צרות פון די ענגלישע ייִדן אונטער הענרי III . . 55

§ 8. עדוואַרד I און דער גירוש פון ייִדן פון ענגלאַנד (1290) . 64

קאַפּיטל II. ייִדן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע אין 13 י"ה

§ 9. קאַסטיליע אין דער עפּאָכע פון רעקאָנקיסטע . . . 69

§ 10. די ייִדן אין אַראַגאָניע אונטער כיימע I . . . . 75

§ 11. די אויטאָנאָמע קהילה (Aljama) . . . . . 80

§ 12. די קירכלעכע פּאָליטיק און דער וויכּוח אין באַרצעלאָנע. . 83

§ 13. די אַראַגאָנישע קהילות אונטער פּעדראָ III און אַלפאָנס III (1291—1276) . . . . . . . 91

קאַפּיטל III. די גייסטיקע באַוועגונג אין שפּאַניע און פראַנקרייך אין XIII י"ה

§ 14. די אָנהענגער פון דעם רמב"ם און זייערע געגנער . . 97

§ 15. די רבנות אין פראַנקרייך און שפּאַניע . . . . 106

§ 16. פילאָסאָפיע און פריידענקעריי . . . . . . 111

§ 17. דער קאַמף קעגן פילאָסאָפיע און וועלטלעכע וויסנשאַפטן . 118

§ 18. מיסטישע טעאָסאָפיע, מקובלים און משיח-זוכערס . 127

§ 19. דער ספר הזוהר . 133


www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל IV. דײַטשע ייִדן אונטערן שוץ פֿון די קיסרים און פּעאָדאַלן (XIII י"ה)


§ 20. „קאַמערקנעכט" אין דער צײַט פֿון פרידריך II (ביז יאָר 1250) . 139

§ 21. בלוט-בילבולים און דער פּראָטעסט פֿון פּויפּס . 144

§ 22. די מאַכט פֿון די פעאָדאַלן און בירגערשאַפט אין די יאָרן פֿון אינטעררעגנום (1250—1273) . 150

§ 23. דער דרוק אונטער די האַבסבורגער און די גזרה פֿון רינד-פלײשן (1298) . 156

§ 24. די ייִדן אין עסטרײַך, בײמען און אונגערן . 162

§ 25. די קהילה-אָרדענונג און די רבנות . 172

§ 26. אַנטיראַציאָנאַליזם, מיסטיציזם און מאַרטיראָלאָגיע . 176


## קאַפּיטל V. די קלײנע צענטערס און קאָלאָניעס אין 13טן י"ה


§ 27. די רוימישע פּויפּסן און די איטאַליענישע ייִדן . 182

§ 28. דרום-איטאַליע אונטער די שטויפנס, אַנזשווער און אַראַגאָניער . 186

§ 29. דאָס גײַסטיקע לעבן אין איטאַליע . 190

§ 30. פּוילן — אַ קאָלאָניע פֿון דײַטשן ייִדנטום . 196

§ 31. ביזאַנץ און רוסלאַנד (קרים) . 203


# צווייטער אָפּטייל

## די שפּאַניש-דײַטשע העגעמאָניע ביז צום גירוש פֿון דעם פּירענעיִשן האַלבאינדזל (XIV—XV י"ה)


§ 32. אַלגעמיינער איבערבליק . 207


## קאַפּיטל I. ייִדן אין בירגערלעכן לעבן פֿון שפּאַניע און די קאַטאַסטראָפע פֿון יאָר 1391


§ 33. די הויפלייט אין קאַסטיליע און די ייִדנפײַנטלעכע אַגיטאַציע . 212

§ 34. ייִדן אין קאַסטילישן בירגערקריג . 218

§ 35. נצחונות פֿון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי . 223

§ 36. אַראַגאָניע, נאַוואַרע, פּאָרטוגאַל . 228

זײַט

§ 37. דער „הײליקער קריג״ פֿון יאָר 1391 . . . . 236
§ 38. די רבנות און די קאָנסערוואַטיווע פֿילאָסאָפֿיע (קרשקש). 241

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל II. דער חורבן פֿון פֿראַנצײזישן צענטער

§ 39. דער אומקער פֿון די פֿאַרטריבענע פֿון פֿראַנקרײַך (1315) . 249
§ 40. דער לעצטגילטיקער גירוש פֿון ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך . . 254
§ 41. די רעשטלעך פֿון פֿראַנצײזישן ייִדנטום (15טער י״ה) . . 258
§ 42. דער אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך . 263

## קאַפּיטל III. יאָרהונדערטער פֿון פּורעניות אין דײַטשלאַנד (XIV — XV)

§ 43. דרוק פֿון אויבן און פּאָגראָמען פֿון אונטן: לודוויג דער בײַער און די „ייִדן-שלעגערס״ . . . . . . 268
§ 44. דער שוואַרצער טויט (1348 — 49) . . . . 273
§ 45. די רעסטאַווראַציע אין דײַטשלאַנד (1350 — 1400). . 281
§ 46. די הוסיטישע באַוועגונג און די רעאַקציע (1400 — 1450) . 288
§ 47. דער המשך פֿון דער מלחמה מיט ייִדן ביזן סוף 15טן י״ה . 294
§ 48. דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון די קהילות און די ליטעראַטור . 303

## קאַפּיטל IV. דער לעצטער יאָרהונדערט פֿון דעם ייִדישן צענטער אין שפּאַניע

§ 49. די ממשלה פֿון דער קירך און דער מיסיאָנערישער טעראָר (1391 — 1415) . . . . . . 312
§ 50. דער וויכּוח אין טאָרטאָזע . . . . . 319
§ 51. די הפסקה פֿון דער רעסטאַווראַציע (1415 — 49). . 327
§ 52. די באַוועגונג קעגן די מאַראַנען (1449 — 74) . . . 331
§ 53. פּאָרטוגאַל ווי אַ מקום-מקלט פֿאַר שפּאַנישע ייִדן . . 337
§ 54. דער אונטערגאַנג פֿון דער גײַסטיקער קולטור אין שפּאַניע . 342
§ 55. פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ, די אינקוויזיציע (1480 — 90) . 351
§ 56. דער גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע (1492). . . . 360
§ 57. דער גירוש פֿון פּאָרטוגאַל (1492 — 98) . . . . 369

## קאַפּיטל V. ייִדן אין איטאַליע אין XIV און XV י״ה

§ 58. די רוימישע קהילה (14טער — 15טער י״ה) . . . 377
§ 59. די קהילות פֿון אײבער- און מיטל-יטאַליע (14טער — 15טער י״ה). 384

§ 60. דרום-איטאַליע ביזן גירוש פֿון סיציליע (1492) . . . 396
§ 61. די ליטעראַטור פֿון דער תּקופֿה פֿון דעם איטאַליעניש רענעסאַנס . 402


## קאַפּיטל VI. מזרח-אייראָפּע און דער ייִדישער מזרח


§ 62. דער וווּקס פֿון די קאָלאָניעס אין פּוילן אונטער קאַזימיר דעם גרויסן . . . . . . . . 411
§ 63. פּוילן און ליטע אונטער יאַגאַילאָ און וויטאָווטאָס . . 416
§ 64. דער קאַמף פֿון דער קלעריקאַלער פּאָליטיק מיט דער ליבעראַלער אונטער די יאַגעלאָנער . . . . . . 421
§ 65. קרים און רוסלאַנד אונטער דער ממשלה פֿון די טאַטערן . 428
§ 66. דער נײַער צענטער אין טערקײַ . . . . . 434
§ 67. מצרים און ארץ-ישראל פֿאַר דער טערקישער באַצווינגונג . 439


## קאַפּיטל VII. דער שטייגער און די מידות פֿון מיטל-עלטער


§ 68. דער ייִדישער קוואַרטאַל . . . . . . . 447
§ 69. דער שטובּיקער און דער משפּחהדיקער שטייגער. . . 454
§ 70. דערציִען און לערנען קינדער . . . . . 461
§ 71. מידות און מוסר-ליטעראַטור . . . . . . 468


## הוספֿות


איבערבליק איבער די מקורים און ליטעראַטור . . . . 479
1. אַקטן און רעגעסטן . . . . . . . 480
2. כראָנאָגראַפֿיע . . . . . . . 482
3. מאָנאָגראַפֿיעס וועגן אײנציקע לענדער און קהילות . . 484
4. מאָנאָגראַפֿיעס וועגן אײנציקע פּראָבלעמען . . . 487
ביבליאָגראַפֿיע . . . . . . . . . 489
זוכצעטל פֿון נעמען און זאַכן . . . . . . 505

www.libtool.com.cn

# ערשטער אָפּטײל

## פֿראַנצײזיש=שפּאַנישע העגעמאָניע ביז צום גירוש פֿון ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך (1306—1215)

### § 1. אַלגעמײנער איבערבליק

אין 13טן יאָרהונדערט האָט זיך לעצטגילטיק אײַנגעשטעלט די אָרדענונג פֿון דער מיטלעלטערישער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט און עס איז געוואָרן באַשטימט די לאַגע פֿון די ייִדן אין איר. די מלכים, די פֿעאָדאַלע פֿירשטן, די קריסטלעכע קירך, די אויטאָנאָמע שטעט — דאָס זײַנען די פֿיר מאַכטפֿאַקטאָרן, וואָס פֿון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער. די מלכים און די פֿעאָדאַלע פֿירשטן האָבן שטאַרקער געמאַכט די פֿריִערדיקע סיסטעם פֿון השגחה איבער די ייִדישע קהילות. מען האָט די ייִדן געלאָזט ווײַנען און מען האָט זיי געשיצט קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דעם קריסטלעכן המון=עם, אָבער מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט אונטער אַ שטרענג באַשטימטן עקאָנאָמישן רעזשים, צוגעפּעסטיקט זיי צו אַ באַגרענעצטן קרײַז פּרנסות, און דערבײַ גענומען פֿון זיי אַזעלכע שווערע אָפּצאָלן, אַז ייִדן זײַנען אָפֿט מאָל מחמת דעם געוואָרן אַזוי ווי לײַב=אײגענע אָדער קנעכט פֿון די מלכים און פֿירשטן.

אין פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד, ווו מען האָט ייִדן צוגעפּעסטיקט צום האַנדל, בפֿרט צום געלטהאַנדל, האָבן די רעגירערס די באַשיצערס זיך באַגאַנגען מיט זיי ווי מיט זייערע האַנדלס=אַגענטן און געפֿאָדערט פֿאַר זיך אַ גרויסן טייל פֿון דעם ריווח וואָס די ייִדן האָבן אַרויסגענומען פֿון די האַנדלס=געשעפֿטן. אין פֿראַנקרײַך זײַנען אָט די לײַב=אײגענע הענדלערס אײַנגעטיילט געוואָרן צווישן דעם קיניג און די „סעניאָרן״ אויף די זעלביקע יסודות, ווי זייערע לײַב=אײגענע פּויערים: אַ ייִד וואָס איז געווען צוגעשריבן צום קיניג האָט ניט געטאָרט אַריבערגיין אין רשות פֿון די סעניאָרן, און דאָס אײגענע פֿאַרקערט. אין ענגלאַנד האָבן די מלכים זיך דערלויבט פֿון צײַט

www.libtool.com.cn

צו צײַט פּשוט דורכצופֿירן רעקוויזיציעס פֿון דעם אייגנס פֿון זייערע ייִדישע האַנדלס־אַגענטן. אין דײַטשלאַנד פֿון יענער תּקופֿה איז אָפֿיציעל אײַנגעפֿירט געוואָרן די סיסטעם פֿון „קאַמער־קנעכטשאַפֿט“, וואָס לויט איר זײַנען ייִדן אין גאַנצן איבערגעגעבן־געוואָרן אין רשות פֿון די קיסרים, וואָס האָבן זייער מאַכט געטיילט מיט די פֿעאָדאַלן און מיט די שטאָטישע מאַגיסטראַטן.

אין שפּאַניע פֿון דער תּקופֿה פֿון דער „רעקאָנקיסטאַ“ (ד״ה ווען עס איז אויפֿגעריכט געוואָרן די ממשלה פֿון די קריסטלעכע פֿירשטן אין די מוסלימישע מדינות) איז די סאָציאַלע לאַגע פֿון ייִדן געווען אַ סך העכער, און די ספֿערע פֿון זייער עקאָנאָמישער טעטיקייט ברייטער, אָבער אויך דאָ זײַנען די ייִדישע קהילות געווען מעלקעדיקע בהמות פֿאַר די מלכים פֿון אַראַגאָניע און קאַסטיליע, וואָס האָבן זייער מלוכה־בודזשעט געבויט דער עיקר אויף די הכנסות פֿון די ייִדן.

דער וווּקס פֿון די אויטאָנאָמע שטעט, דאָס הייסט פֿון דער קריסטלעכער בורזשואַזיע, וואָס האָט זינט דעם 13טן י״ה זיך פֿאַרשטאַרקט אין פֿאַרשיידענע לענדער, האָט שטאַרק פֿאַרערגערט דעם עקאָנאָמישן און דעם יורידישן מצבֿ פֿון ייִדן. מען האָט זיי ניט אַרײַנגעלאָזן אין קיין איינער פֿון די ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער קריסטלעכער שטאָט, ניט אין די סוחרישע גילדעס, ניט אין די בעל־מלאָכישע צעכן; אַ פּשיטא שוין, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין פֿאָרשטייער אין דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג. זיי וואָלטן געקענט ווערן לגמרי אַרויסגעשטופּט פֿון אַלע ווירטשאַפֿטצווײַגן, אויב עס וואָלטן זיי ניט געשיצט די מלכים און פֿירשטן. דער דאָזיקער שוץ האָט אָבער זייער טײַער געקאָסט, און חוץ דעם איז ער ניט שטענדיק געווען ביכולת צו פֿאַרהיטן די ייִדן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דעם שטאָטישן פּעוול. דער סוף איז געווען, אַז פֿון צוויי לענדער, ווו די עקאָנאָמישע באַציִונגען זײַנען באַזונדערס פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן, האָט מען די ייִדן פֿאַרטריבן — אין יאָר 1290 האָט מען זיי פֿאַרטריבן פֿון ענגלאַנד אויף שטענדיק, אין יאָר 1306 פֿון פֿראַנקרײַך צײַטווײַליק, ביז מען האָט זיי ענדגילטיק פֿאַרטריבן אין יאָר 1394.

איבער אָט דער גאַנצער אָרדענונג האָט געוועלטיקט דער גײַסט פֿון דער מיטלעלטערישער קירך, וואָס האָט אין 13טן י״ה דערגרייכט דעם מאַקסימום פֿון איר השפּעה אויף דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק פֿון די אייראָפּעיִשע מלוכות. דער אָנהייב פֿון אָט דעם יאָרהונדערט איז געצייכנט געוואָרן דורך דעם „אינעווייניקסטן קרייצצוג“ פֿון דער פֿאַנאַטישער אַרמיי פֿונעם פּויפּס אינאָקענטיוס III קעגן די אַלביגענזער – די כּופֿרים אין פּראָוואַנס, דורך דער גרינדונג פֿון דער קירכלעכער אינקוויזיציע און דורך דעם לאַטעראַנער קאָנציל פֿון 1215, וואָס האָט אײַנגעשטעלט אַ באַזונדער צייכן פֿאַר ייִדן צו טראָגן אויף די קליידער. דער סוף פֿון דעם יאָרהונדערט האָט

www.libtool.com.cn

געבראַכט די צעשטערונג פֿון דער ייִדישער קאָלאָניע אין ענגלאַנד, און אין פֿופֿצן יאָר אַרום איז געקומען אויך דער חורבן פֿון איר פֿראַנצײזישער מעטראָפּאָליע. די קירכלעכע פּאָליטיק האָט אומעטום צוגעגרייט אַזעלכע לעגאַלע אָפּרעכענונגען מיט ייִדן. דער „קינס-צייכן“ וואָס זי האָט אײַנגעשטעלט פֿאַר דער ייִדישער הלבשה האָט געמוזט דינען ווי אַ סימבאָל פֿון דער סאָציאַלער אָפּגעזונדערטקייט פֿון ייִדן. דאָס איז געווען אַ קונציקער מאַנעווער, וואָס אַ דאַנק אים איז דאָס ייִדנטום פֿון אַ לעבעדיקן עדות קעגן דער דאָגמע פֿון קריסטנטום מגולגל געוואָרן אין אַ לעבעדיקן באַווײַז פֿון זײַן נצחון, פֿון דער אײבערהאַנט פֿון דעם נײַעם בונד איבער דעם אַלטן. עפֿנטלעכע רעליגיעזע וויכּוחים (אין פּאַריז 1240 און אין באַרצעלאָנע 1263), אינקוויזיציע-פּראָצעסן איבער כּלומרשטע ריטועלע מאָרדן און פֿאַרשוועכונגען פֿון קירכלעכע סאַקראַמענטן האָבן באַדאַרפֿט אײַנפּעסטיקן אין די גײַסטער די איבערצײַגונג, אַז גאָט האָט דאָס פֿאָלק פֿון זיך אָפּגעשטויסן און מען קאָן דאָס שוין צום גוטן ניט באַקערן.

אין דער אמתן אָבער איז אָט דאָס פֿאָלק אויפֿן געביט פֿון גײַסטיקער קולטור אין יענער צײַט געשטאַנען אָן אַן ערך העכער פֿאַר זײַנע פּײַניקער. ניט ווינציק עלעמענטן פֿון ייִדישן פֿרײַדענקערטום אין שפּאַניע און פּראָוואַנס זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין יענער רעפֿאָרם-באַוועגונג פֿון די פּראָוואַנסער קאַטאַרן אָדער אַלביגענזער, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען צו דער איבערפֿורעמונג פֿון דער קאַטוילישער קירך, אויב עס וואָלט ניט דערטרונקען געוואָרן אין שטראָמען בלוט.

אין ייִדנטום גופֿא האָט זיך אין 13טן י״ה צעפֿלאַקערט אַ קולטורקאַמף, אַ מלחמה צווישן דער טראַדיציע און פֿרײַדענקערײַ, צווישן די אָרטאָדאָקסן און מײַמוניסטן, די אָנהענגערס פֿון דעם רמבמס רעליגיע פֿון שׂכל. פֿראַנקרײַך און שפּאַניע, די צוויי העגעמאָנישע צענטערס פֿון ייִדנטום, זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אָט דעם הונדערטיאָריקן קאַמף, וואָס ענדיקט זיך ערשט אָנהייב 14טן י״ה מיט אַ נצחון פֿון דער אָרטאָדאָקסיע.

אַזאַ אויסלאָז פֿון דעם קאַמף איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך. אין דער קריסטלעכער מלוכה, וואָס איז געוואָרן אַ באַוואָפֿנטער לאַגער צוליב דער שטענדיקער מלחמה קעגן די אַנדערש-גלייביקע און די פֿרײַדענקערס, האָט די באַלעגערטע ייִדישע מחנה ניט געקאָנט אַוועקלייגן דאָס געווער, ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פֿון זיך יענעם פּאַנצער פֿון נאָמאָקראַטיע, יענע דיסציפּלין פֿון דער תּורה, וואָס האָט באַשיצט ניט אַזוי איר רעליגיע, ווי איר נאַציאָנאַליטעט. גראָד אין יענער תּקופֿה טוען די פֿירער פֿון דער אומה גאָר באַזונדערס אָנשפּאַנען זייערע כּוחות אויף אײַנצוהיטן און צו פֿאַרברייטערן די ייִדישע קהילה-אויטאָנאָמיע (די ברייטע אָרגאַניזאַציע פֿון די אויטאָנאָמע

www.libtool.com.cn

„אַלכאַמאַס“ אין שפּאַניע, די צונויפֿפֿאָרן פֿון די קהילות אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד). דער רביניזם בויט אַלץ העכער דעם „צאַם אַרום דער תּורה“, ציט אַרײַן אַלץ טיפֿער דעם פֿאָלקס גײַסט אין זײַן טונקעלן לאַבירינט, וואָס פֿון אים איז שווער זיך אַרויסצוקריגן אויפֿן וועג פֿון ברייטן, פֿרײַען געדאַנק. צו הילף קומט די „חכמת הנסתּר“ פֿון דער קבלה, וואָס הילט אײַן די מחנה־ישׂראל מיטן עמוד־הענן פֿון מיסטיציזם. מיט אַלע מיטלען פֿון זעלבשוץ גרייט זיך דאָס ייִדנטום צום געראַנגל מיט דער פֿײַנטלעכער וועלט ערבֿ דער לעצטער און דער שרעקלעכסטער תּקופֿה פֿון דעם מיטלעלטער, דעם 14טן און 15טן י״ה.

www.libtool.com.cn

קאַפּיטל ז

# דער פֿראַנצייזישער צענטער און די ענגלישע קאָלאָניע אין 13טן י״ה

## § 2. דער אינעווייניקסטער קרייצצוג און דער לאַטעראַנער קאָנציל פֿון 1215

אָנשטאָט דער ניט־אָרגאַניזירטער ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט פֿון 12טן י״ה מיט אירע מאַסן־עקסצעסן איז אין 13טן י״ה געקומען אַן אָרגאַניזירטע ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אונטער דער ממשלה פֿון דער קאַטוילישער קירך. דער דאָזיקער שינוי איז פֿאָרגעקומען אין יענעם מאָמענט, ווען די קעמפֿנדיקע קירך, וואָס האָט פֿריִער געטריבן די מאַסן קרייצפֿאָרערס אין די מזרח־לענדער, האָט גענומען רופֿן צו אַן אינעווייניקסטן קרייצצוג קעגן די כופֿרים, וואָס האָבן זיך פֿאַרמערט אין אייראָפּע, בפֿרט אין דרום־פֿראַנקרײַך. דער אויפֿטוער פֿון אָט דעם נײַעם קרייצצוג און פֿון דער קומענדיקער אינקוויזיציע, דער פּויפּסט אינאָקענטיוס III (1198–1216), איז געווען אויך דער באַשעפֿער פֿון יענער פּאָליטיק, וואָס לויט איר האָט די קירך זיך גענומען סיסטעמאַטיש רעגולירן דעם מצב פֿון ייִדן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער קאַסטע פֿון פֿאַרשטויסענע.

דער פּויפּסט אינאָקענטיוס III האָט בהדרגה, אין זײַנע שיקבריוו צו די ביסקופּן און צו פֿאַרשיידענע רעגירערס פֿון אייראָפּע, אײַנגעשטעלט די יסודות פֿון אָט דער נײַער אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק. שוין אין איינעם פֿון די ערשטע אַקטן פֿון זײַן רעגירונג (1199), ווען ער האָט באַשטעטיקט די באַוווּסטע בולע פֿון די פֿריִערדיקע פּויפּסן, אַז מען טאָר ייִדן ניט אָנטון קיין געוואַלד־מעשׂים, האָט ער געשריבן אין דעם אַרײַנפֿיר: „הגם דער קרומער גלויבן (perfidia) פֿון ייִדן איז ווערט אויף אַלע אופֿנים געטאַדלט צו ווערן, פֿון דעסט וועגן דאַרפֿן די גלייביקע ניט צו פֿיל זיי באַדריקן, וואָרעם דורך זיי ווערט באַוויזן די אמתדיקייט פֿון אונדזער גלויבן".

www.libtool.com.cn

צען יאָר שפּעטער ווערט בײַם פּויפּס די ייִדנפֿײַנטלעכע שטימונג שטאַרקער, און ער האָט געפֿאָדערט האַרטע רעפּרעסיעס קעגן ייִדן. אין אַ בריוו צום גראַף פֿון נעווער, וואָס אים האָט אינאָקענטיוס III אויפֿגעוואָרפֿן, אַז ער איז צו פֿיל גוט צו ייִדן (1208), האָט דער פּויפּס געשריבן: „די ייִדן זײַנען פֿאַרמשפּט, אַזוי ווי דער ברודער-מערדער קין, אַרומצוואָגלען איבער דער ערד ווי פּליטים און אַרומשלעפּערס, און זייערע פּנימער באַדאַרפֿן זײַן באַדעקט מיט שאַנד. די קריסטלעכע מושלים באַדאַרפֿן זיי בשום אופֿן ניט באַשיצן, נאָר דאַרפֿן זיי אָפּגעבן אין קנעכטשאַפֿט. דעריבער טוען ניט גוט די קריסטלעכע רעגירערס, וואָס לאָזן אַרײַן ייִדן אין זייערע שטעט און דערפֿער און באַדינען זיך מיט זיי ווי מיט וואָכערערס אויף אַרויסצוצאַפּן געלט פֿון קריסטן. זיי [די רעגירערס] זעצן אַרײַן אין תּפֿיסה קריסטן פֿאַר ניט צאָלן חובֿות ייִדן, דערלויבן ייִדן צו נעמען פֿאַר משכּנות שלעסער און מאַיאָנטקעס פֿון קריסטן, און ערגער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס זיי דערלאָזן, אַז די קירך זאָל מחמת דעם [וואָס די נחלאות גייען איבער אין אייגנטום פֿון ייִדן] פֿאַרלירן איר מעשׂר".

די זעלביקע טענות האָט אינאָקענטיוס III אַרויסגעשטעלט קעגן פֿראַנצייזישן קיניג פֿיליפּ אויגוסט, וואָס האָט צוריק אַרײַנגעלאָזט די פֿאַרטריבענע ייִדן אין זײַן לאַנד, בכדי ממלא צו זײַן די מלוכה-קאַסע (ב' I, § 35). דער פּויפּס איז אויפֿגעבראַכט פֿון דעם, וואָס ייִדן האָבן אין פֿראַנקרײַך צו שאַפֿן איבער קריסטלעכע נחלאות, וואָס זײַנען פֿאַרמשכּנט בײַ זיי אָדער וואָס זיי האָבן אַרענדירט, און האַלטן קריסטלעכע באַדינערס אין זייערע הײַזער. ער איז געוואָרן אויפֿגערעגט פֿון אַ ידיעה, אַז אין איין שטאָט (Sens) האָבן ייִדן אויסגעבויט אַ שול, וואָס איר דאַך איז העכער פֿאַרן טורעם פֿון דער שכנישער קירך, און דאַווגען טוען זיי אין איר מיט אַזאַ הויכן קול, אַז זיי שטערן דעם גאָטדינסט אין דער קירך; ער קאָן ניט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס אין סאַמע דער וואָך פֿאַר פּאַסכע גייען זיך ייִדן אַרום פֿרײַ איבער די גאַסן, אַזוי ווי צום חוזק איבער די וואָס גלייבן אין געקרייציקטן. דער פּויפּס איז אַפֿילו נוטה צו גלייבן דעם קלאַנג וועגן דעם, אַז ייִדן הרגען בשתיקה קריסטן צום טויט. ער פֿאָדערט פֿון דעם קיניג אָנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן ייִדן און כּופֿרים אין פֿראַנקרײַך.

די שׂנאה צום ייִדנטום ווי אַ גרויסע סאָציאַלע און גײַסטיקע קראַפֿט איז געוואַקסן אין דער נשמה פֿון אינאָקענטיוס III, וואָס מער עס איז געוואַקסן די כּופֿרישע באַוועגונג אין קריסטנטום, וואָס ער האָט קעגן איר געקעמפֿט די גאַנצע צײַט פֿון זײַן רעגירונג איבער דער קירך. אין דרום-פֿראַנקרײַך און אין אַנדערע ערטער איז נאָך אין 12טן י"ה אויפֿגעקומען די סעקטע פֿון די „וואַלדענזער" אָדער „אָרעמע לײַט פֿון ליאָן", וואָס האָבן אָפּגעוואָרפֿן די

www.libtool.com.cn

גאנצע קירכלעכע אָרדענונג בראש מיטן רוימישן פויפּס און געפאָדערט זיך אומצוקערן צו דער לכתחילהדיקער פשוטקייט פון דער עוואַנגעליע. אָנהייב 13טן י"ה האָט זיך פאַרשפּרייט די סעקטע קאטאַרן אָדער אַלביגענזער (נאָכן נאָמען פון דער פּראָוואַנסאַלישער שטאָט אַלבי). די סעקטאַנטן זײַנען געווען קעגן דער פאַרדאַרבענער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, האָבן אָפּגעלייקנט זייער רעכט אָנצונעמען ווידויים און מכפּר זײַן זינד, און אַ סך זײַנען געגאַנגען נאָך ווײַטער: האָבן געלייקנט אין אַלע סאַקראַמענטן פון דער קירך, אין דעם קולט פון גאָטמוטער, פון די הייליקע בילדער און געביין פון די הייליקע. אין דער דאָקטרינע פון דער סעקטע זײַנען געווען אויסגעמישט עלעמענטן פון אַלטן גנאָסטיציזם, פון מאַניכעיִשן דואַליזם און פון דעמאָניזם; אַ סך קאַטאַרן האָבן געהאַלטן, אַז די תּורה האָט געגעבן דער שׂטן־יהוה, און די עוואַנגעליע דער אמתער גאָט. פון דער אַנדער זײַט האָבן זיך באַוויזן, אין פאַרבינדונג מיט דער סעקטע וואַלדענזער, אויך אַ גרופּע יודאַיִזירנדיקע סעקטעס, וואָס מען האָט זיי גערופן „וואַגלערס" אָדער „געמלטע" (Circumcisi, Passagii), וואָס האָבן געלערנט, אַז מען מוז זיך אומקערן צום תּנך.

די צאָל סעקטאַנטן פון פאַרשיידענע מינים, באַזונדערס קאַטאַרן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אָנהייב 13טן י"ה איז די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין אייניקע ערטער פון פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק באַשטאַנען כמעט דורכויס פון „כּופרים". די הויפּטנעסטן פון דער כּפירה זײַנען געווען די שטעט בעזיער, קאַרקאַסאָן, אַלבי, טולוזע און זייערע געגנטן, וואָס זײַנען געווען געדיכט באַזעצט פון ייִדן. די דאָזיקע נאָענטע שכנישאַפט פון די אַלביגענזישע כּופרים מיט די ייִדן האָט געפירט צום געדאַנק, אַז ייִדישקייט האָט טאַקע דירעקט געווירקט אויף אייניקע סעקטעס. עס איז נאָך אויסגעקומען אַזוי, אַז דער רעגירער פון דרום־פראַנקרײַך, דער טולוזער גראַף רײַמונד VI, דער מעכטיקסטער צווישן די וואַסאַלן פון פראַנצייזישן קיניג, האָט געהאַט דעם שם פון אַ באַשיצער סײַ פון די כּופרים און סײַ פון די ייִדן. די אַלביגענזער האָט דער גראַף, קעגן די פאָדערונגען פון די ביסקופן און פון דעם פּויפּס, ניט גערודפט, מחמת ער האָט ניט געוואָלט אויפהייבן קעגן זיך אַ גרויסן טייל פון זײַנע אונטערטאַנען. אין זײַן באַשיצן ייִדן איז ער דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין אייניקע ערטער האָט ער זיי באַשטימט פאַר באַאַמטע, קעגן די קאַנאָנען פון די קאָנצילן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דעם פּויפּס אינאָקענטיוס צום באַשלוס צו פירן גלײַכצײַטיק דעם קאַמף קעגן די כּופרים און קעגן ייִדן.

דער פאַרלענדונגס־קריג קעגן די כּופרים און זייערע באַשיצערס האָט זיך געצויגן מיט הפסקות צוואַנציק יאָר (1209—1229). דער אינעוווייניקסטער קרייצצוג וואָס אינאָקענטיוס האָט פּראָקלאַמירט האָט אַראָפּגעבראַכט קיין דרום־פראַנקרײַך אַן אַרמיי פון פאַנאַטיקער און אַוואַנטוריסטן אונטער דער אָנפי־

www.libtool.com.cn

רונג פֿון ביסקופֿן און מאָנאַכן און פֿון אַזעלכע גערי‏קע סעניאָרן ווי סימאָן דע מאָנפֿאָר, וואָס פֿאַרן אָנטייל אין הייליקן קריג האָבן זיי געזוכט פֿאַר זיך אַ באַלוינונג די קאָנפֿיסקירטע מאַיאָנטקעס פֿון די כּופֿרים. אין בעזיער איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעכע שחיטה (יולי 1209); זיבן טויזנט מאַנצבילן, פֿרויען און קינדער זײַנען אויסגעקוילעט געוואָרן אין דער קירך פֿון דער הייל' מאַגדאַלענע, ווו די אומגליקלעכע האָבן געזוכט אַ שוץ־באַהעלטעניש. סך־הכּל זײַנען אומגעקומען בעת אָט דעם קרייצצוג ביז צוואַנציק טויזנט מענטשן. מען האָט געהרגעט ניט איבערצוקלײַבן סײַ כּופֿרים און סײַ אַזעלכע רעכטגלייביקע קאַטוילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו מסרן זייערע מיטבירגערסעקטאַנטן. דאָס ווערטל פֿון דעם פּויפּס' דעלעגאַט אַרנאָלד, דעם אָנפֿירער פֿון די פֿאַנאַטיקער: „הרגעט אַלעמען, און גאָט וועט אין הימל שוין אָפּקלײַבן די זײַניקע" — איז געוועזן אַ געזעץ פֿאַר די קריגסלײַט פֿון דער קירך. צי האָבן זיי דערבײַ געקאָנט שאַנעווען די ייִדן?

פֿון אַ קורצער ידיעה פֿון אַ ייִדישער כראָניק ווערן מיר געוואָר אָט וואָס: „אין יאָר [תת]קסט, דעם יאָר פֿון טרויער, זײַנען אַרויסגעגאַנגען מנוולים פֿון פֿראַנקרײַך צו פֿירן מלחמה און 19 טעג אין אָבֿ איז דאָרט געוועזן אַ גרויסע הריגה, און עס זײַנען דערהרגעט געוואָרן פֿון די ערלים צוואַנציק טויזנט און פֿון ייִדן צוויי הונדערט, און אַ סך זײַנען גענומען געוואָרן געפֿאַנגען".[1] דער זעלביקער כראָניסט טיילט מיט, אַז אין יאָר 1217 האָט די פֿרוי פֿון דעם פֿאַרטיליקער פֿון די כּופֿרים סימאָן מאָנפֿאָר געלאָזט אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה אַלע ייִדן אין טולוזע מיט זייערע פֿרויען און קינדער און געפֿאָדערט פֿון זיי, זיי זאָלן „פֿאַרבײַטן דעם לעבעדיקן גאָט אויף אַ טויטן", ד"ה זיי זאָלן זיך שמדן. אַ סך יונגע קינדער האָט מען צעטיילט צווישן די גײַסטלעכע און אָפּגעשמדט, די דערוואַקסענע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שמדן זיך און האָבן זיך געגרייט צום טויט; אָבער לויטן באַפֿעל פֿון מאָנפֿאָרן אַליין, וואָס האָט גערעכנט, אַז פֿון לעבעדיקע ייִדן וועט ער האָבן מער הכנסה ווי פֿון טויטע, האָט מען די ייִדן אַרויסגעלאָזט פֿון תּפֿיסה און אָפּגעגעבן זיי צוריק זייער קאָנפֿיסקירטן אייגנטום; די געשמדטע קינדער האָט מען אָבער צו די עלטערן ניט אומגעקערט, „וואָרעם אַזוי האָט באַפֿוילן דער קאַרדינאַל" (בערטראַן).

די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט האָט געאַרבעט מעשׂים אין פּראָוואַנס בעת אָט דעם „הייליקן קריג". זי האָט באַנײַט די גזרות פֿון די סינאָדן

[1] „שבֿט יהודה", ז' 113 (ווינערס אויסגאַבע) אין אַ ציטאַטע פֿון אַן אַלטער כראָניק פֿון שאַנצולו. דער נאָמען פֿון דער שטאָט איז ניט אָנגעוויזן, אָבער די דאָזיקע פּאַסט גוט צו די געשעענישן אין בעזיער. אין דער כראָניק „יוחסין" (אויסג' פֿון פֿיליפּאָווסקי, ז' 210) ווערט דירעקט אָנגערופֿן בעזיער ווי דער אָרט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע פֿין יאָר תּתקס"ט. דאָ איז אויך די דאָזיקע פֿאַרצייכנט מיט אַלע אותיות, בעת ווען אין טעקסט פֿון „שבֿט יהודה" איז די דאָזיקע פֿאַרקירצט: קסט. זע: Graetz, Bd. VI, Note 1 ad 7.

www.libtool.com.cn

פֿון די מעראָווינגער־צײַטן, וואָס איז געווען געווענדט צו דערנידעריקן „קריסטוסעס שׂונאים". דער סינאָד אין אַוויניאָן פֿון יאָר 1209 האָט באַשלאָסן מחייבֿ זײַן דורך אַ שבֿועה אַלע גראַפֿן, קאַשטעלאַנען און שטאָטלײַט, אַז זיי זאָלן פֿאַרטרײַבן די כּופֿרים, אַראָפּזעצן יידן פֿון אַלע עפֿנטלעכע אַמטן און ניט דערלאָזן זיי האַלטן קריסטלעכע באַדינערס, אַרבעטן עפֿנטלעך בעת די קריסטלעכע חגאות און אַפֿילו עסן פֿלייש אין די קריסטלעכע פֿאַסטטעג (צו אָט דעם קוריאָז האָט זיך אַ פּראָווינציעלער סינאָד דערטראַכט צום ערשטן מאָל). דער צוזאַמענפֿאָר פֿון וועלטלעכע און גײַסטלעכע שׂררות אין פּאַמיע (Pamiers, 1212) האָט באַשלאָסן ניט צו באַשטימען אויף עפֿנטלעכע אַמטן קיין כּופֿרים, אַפֿילו אַזעלכע וואָס האָבן תּשובֿה געטאָן, און קיין יידן. נאָר די קרוין פֿון דער קירכלעכער געזעצגעבונג זײַנען די באַשטימונגען פֿון דעם קאָנציל פֿון יאָר 1215, דעם אַזוי גערופֿענעם „פֿערטן לאַטעראַנער קאָנציל", וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ נײַע קאָנסטיטוציע פֿאַר יידן אין די קריסטלעכע לענדער.

דער דאָזיקער גרויסער קאָנציל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם פּויפּס אינאָקענטיוס III אין דער לאַטעראַנער קירך אין רוים, האָט זיך פֿאַרנומען מיט די פֿראַגעס, ווי אַזוי אויסצוּוואָרצלען די כּפֿירה פֿון די קאַטאַרער און צו באַשטראָפֿן זייער באַשיצער רײַמונד VI, ווי אַזוי אויסצובעסערן די מידות פֿון דער גײַסטלעכקייט און צו פֿאַרפֿעסטיקן די צעטרייסלטע יסודות פֿון דער קירך. די יידישע פֿראַגע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַזוינס וואָס איז אַזוי ענג פֿאַרבונדן מיט אָט דער אויפֿגאַבע, אַז פֿון די זיבעציק קאַנאָנען, וואָס דער קאָנציל האָט אָנגענומען, זײַנען פֿינף שייך צו יידן. דורך אָט די קאַנאָנען האָט מען געהאָפֿט צו צעשטערן די פֿעסטונג פֿון יידישקייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט.

קודם האָט מען זיך גענומען אונטערגראָבן די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פֿון יידן – זייער טעטיקייט אויפֿן פֿעלד פֿון קרעדיט. איין קאַנאָן האָט געזאָגט: „וואָס מער קריסטן האַלטן זיך אָפּ לויט זייער רעליגיע פֿון צו נעמען ציינזן בײַ אַנטלײַען געלט,[1] אַלץ מער פֿאַרנעמען זיך מיט דער זאַך די אומגלייביקע יידן, וואָס אין אַ קורצער צײַט שלינגען זיי אײַן דאָס קריסטלעכע פֿאַרמעגן. ווען לנדיק באַשיצן קריסטן קעגן אונטערדריקונג מצד

---

[1] דער דריטער לאַטעראַנער קאָנציל פֿון יאָר 1179 האָט, ווי באַוווּסט, פֿאַרבאָטן קריסטן צו נעמען פּראָצענט, נאָר פֿון דעסט וועגן האָבן זיי שפּעטער ניט געקוקט אויף דעם פֿאַרבאָט און זיך יאָ פֿאַרנומען מיט קרעדיט־געשעפֿטן (די איטאַליענישע „לאָמבאַרדן" און בענק).

www.libtool.com.cn
ייִדן, באַשטימען מיר אין קאָנציל: אויב ייִדן רײַסן אַרויס איבער אַ וואָסער עס איז תּירוץ בײַ קריסטן שווערע און איבערמאָסיקע פּראָצענטער, ווערט זיי פאַרבאָטן צו פירן געשעפטן מיט קריסטן, ביז וואַנען די לעצטע וועלן ניט ווערן באַפרײַט פון דעם איבערשווערן יאָך". די קירכלעכע מאַכט מוז דערויף אויפּפּאַסן, די וועלטלעכע מאַכט מוז זי אונטערהאַלטן. ווײַטער רעדט שוין די גײַסטלעכקייט פאַר זיך: „מען דאַרף צווינגען די ייִדן אָפּצו־צאָלן די קירכן דעם מעשׂר־אָפּצאָל און די חיובֿדיקע נתינות, וואָס עס פלעגן אַרײַנטראָגן די קריסטלעכע בעלי־בתּים פון הײַזער און אַנדערע נחלאות, איידער זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון ייִדן, כּדי די קירך זאָל ניט לײַדן קיין היזק אין פאַרמעגן". אַזוי אַרום איז געוואָרן אַ געזעץ די התחײַבֿות פון ייִדן צו צאָלן אומעטום מעשׂר פאַר דער קירך, וואָס פריִער פלעגט מען זיי צווינגען דערצו נאָר אין אייניקע ערטער.

נאָך דאָס הויפּטנײַס, וואָס דער פערטער לאַטעראַנער קאָנציל האָט מחדש געווען, איז באַשטאַנען איז דעם פונקט פון זײַנע אַנטי־ייִדישע קאַנאָ־נען, וואָס שטעלט אײַן פאַר ייִדן אַ באַזונדער פאָרם פון הלבשה, בכדי מען זאָל זיי אָפּשיידן דורך דעם פון קריסטן. אויף אומבאַוווּסטע וועגן איז צו די פירערס פון דער קירך דערגאַנגען דאָס אַמאָליקע אויסגעפינס פון פאַנאַטישע מוסלימישע כאַליפן, וואָס האָבן אײַנגעפירט פאַר ייִדן און קריסטן באַזונדערע דערקען־צייכנס אויף די מלבושים. האָט דער קריגערישער פּויפּס אינאָקענטיוס III אָפּגעלערנט פון דעם באַגדאַדער כאַליף מוטאַוואַקיל און פון דעם מצרישן כאַליף חכים און האָט אײַנגעפונען פאַר ריכטיק אָפּצו־צייכענען מיט באַזונדערע צייכנס די ייִדן און די מוסלימס אין די קריסטלעכע לענדער. אָט די ביידע גרופּעס אַנדערשגלייביקע זײַנען פאַראייניקט געוואָרן אין אַ נײַעם קאַנאָן, וואָס איז געוואָרן פאָרמולירט אויף אַזאַ שטייגער: „אין אייניקע מדינות שיידן זיך אָפּ ייִדן און סאַראַצינער פון קריסטן דורך אַ באַזונדער הלבשה, אָבער אין אַנדערע פאַרשטאַרקט זיך אַזאַ אויסמישונג, אַז זיי [די אַנדערשגלייביקע] קאָן מען ניט דערקענען לויט קיין שום סימן. דערפון איז געדרונגען, אַז על־פּי־טעות האָבן קריסטן פאַרקער מיט ייִדישע און סאַראַצענישע פרויען, און ייִדן און סאַראַצענער מיט קריסטלעכע. בכדי אַז להבא זאָל ניט זײַן קיין תּירוץ פאַר אַזעלכע פאַרברעכערישע באַציִונגען אין דעם, וואָס די מענטשן זײַנען געוואָרן אַרײַנגעפירט אין טעות, טוען מיר באַשטימען, אַז אַזעלכע פּערזאָנען פון ביידערליי געשלעכט [פון די אַנדערש־גלייביקע] אין אַלע קריסטלעכע מדינות זאָלן שטענדיק זײַן אָפּגעשיידט אין עפנטלעכע ערטער דורך אַ באַזונדער אייגנשאַפט פון דער הלבשה (qualitate habitus) פון דער איבעריקער באַפעלקערונג, בפרט אַז לויט משהס געזעץ איז דאָס זיי [די ייִדן] געבאָטן געוואָרן".

www.libtool.com.cn

דעם פּויפּס אינאָקענטיוס III האָט איין דרייסטער רוימער אַרײַנגעזאָגט: „רעדן רעדסטו געטלעכע רייד, נאָר טון טוסטו טײַוואָלישע מעשׂים". אָט אַזאַ אויפֿטו פֿון טײַוול האָט געשטעקט אין אָט די ווערטער פֿון דער החלטה פֿון דעם קאָנציל, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אונטער דעם פּויפּס' ווירקונג. אין די מיט אַן אָנשטעל גערעמפּטע דערקלערונגען פֿון דעם נײַעם אַקט האָט מען זיך געפֿלײַסט צו פֿאַרמאַסקירן זײַן האַרטן מהות. פּונקט ווי עס איז ניט ריכטיק, אַז דער יידישער דין זאָל כּלומרשט האָבן אײַנגעשטעלט פֿאַר יידן אַ באַזונדער מין הלבשה, אַזוי איז באַשײַמפּערלעך אויסגעקלערט אויך דער צווייטער מאָטיוו: צו פֿאַרהיטן, אַז יידן זאָלן ניט לעבן מיט קריסטלעכע פֿרויען אָדער קריסטן מיט יידישע פֿרויען „על-פּי-טעות" (per errorem). געמישטע שידוכים זײַנען געווען פֿאַרבאָטן לויטן געזעץ פֿון ביידע צדדים, און פֿאַר אַן אומגעזעצלעכן צוזאַמענלעבן האָט דער אונטערשייד פֿון דער הלבשה ניט געקאָנט זײַן קיין מניעה. אין דער אמתן האָט די כּוונה פֿון די אויסגעפֿינערס פֿון דעם אויסווייניקסטן אונטערשייד געצילעוועט אַ סך ווײַטער: זיי האָט זיך געוואָלט בכלל אָפּזונדערן די יידן אין אַ באַזונדער קאַסטע פֿון פּאַריער און אָפּשטעמפּלען זיי ווי מענטשן, וואָס שטייען מחוץ דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט. איטלעכער פֿרומער קריסט, בעת ער באַגעגנט אַזאַ מין געשטעמפּלטן מענטשן, האָט געקאָנט אָדער אויסמײַדן אים, אָדער צוגיין צו אים מיטן מיין צו באַליידיקן. בײַם יידן גופֿא האָט אַזאַ מין קין-צייכן געמוזט אַראָפּדריקן דעם מוט אין גאַנצן און פֿאַרשטאַרקן אין אים דעם געפֿיל, אַז ער איז אַ פֿאַרשטויסענער פֿון אַלעמען.

דער קאָנציל פֿון יאָר 1215 האָט פֿעסטגעזעצט דעם פּרינציפּ, אַז די אַנדערשגלייביקע מוזן האָבן אויף זיך אַן אויסווייניקסטן צייכן, נאָר בדרך כּלל, און די וועגן ווי אַזוי אָנצווענדן אים האָט ער איבערגעלאָזט אויפֿן אײַנזען פֿון דער קומענדיקער געזעצגעבונג, וואָס וועט דאָ מיט דער צײַט געפֿינען אַ ברייט פֿעלד אויף צו דערגיין יידן די יאָרן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. עס וועלן אויסגעקלערט ווערן סײַ דאָס „געלע רעדל" אויפֿן אייבער-בגד, סײַ היטלען מיט הערנער און כּלערליי אַנדערע קין-צייכנס פֿאַרן פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרמשפּט צו זײַן נע-ונד איבער דער וועלט.

חוץ דעם האָט דער קאָנציל באַנײַט אַ ריי אַלטע קאַנאָנען, מיט אַ מער אָדער ווייניקער אויסדרוקפֿולער מאָטיווירונג. אין די טרויערטעג פֿון דער פּאַסיע-וואָך טאָרן יידן זיך ניט באַווײַזן אויף דער גאַס, ווײַל אַ סך פֿון זיי „האַלטן זיך ניט אָפּ פֿון אַרומצושפּאַצירן אין יענע טעג אויסגעפּוצטע [מן-הסתם דערפֿאַר, ווײַל געוויינטלעך געפֿאַלט פּסח אין דער וואָך פֿאַר דער קריסטלעכער פּאַסכע] און לאַכן אָפּ פֿון די קריסטן, וואָס טראָגן טרויער-צייכנס צום אָנדענק פֿון די אַלהייליקסטע לײַדן" (קריסטוסעס). די וואָס זײַנען

www.libtool.com.cn

עובֿר אויף אָט דעם פאַרבאָט מוזן שטרענג באַשטראָפט ווערן, „בכדי זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו פאַרשוועכן דעם געקרייציקטן פאַר אונדז". ווייטער, פאַררופנדיק זיך אויף די החלטות פון די טאָלעדער סינאָדן פון דער וועסט=גאָטישער תקופה, פאַרבאָט דער לאַטעראַנער קאָנציל צו באַשטימען ייִדן אויף געזעלשאַפטלעכע אַמטן; דער קריסט, וואָס וועט געבן אַ ייִדן אַזאַ אַמט, דאַרף געמשפט ווערן פאַר אַ קירכלעכן געריכט, און דער ייִד מוז „מיט חרפה" באַזייטיקט ווערן, און עס זאָל אים ווערן פאַרבאָטן צו האָבן געשעפטן מיט קריסטן, ביז ער וועט ניט אַוועקגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט געקראָגן זייענדיק אויפן אַמט, לטובֿת אָרעמע קריסטן לויטן איינזען פון דעם אָרטיקן ביסקופּ.

כאַראַקטעריסטיש לויטן סטיל איז די ווייטערדיקע החלטה פון דעם קאָנציל: „אייניקע [ייִדן], וואָס זיינען מיטן גוטן ווילן דורכגעגאַנגען דעם בעקן פון הייליקן טויף, האָבן, ווערליג מיר האָבן געהערט, נאָך ניט אין גאַנצן אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם אַלטן מענטשן; האַלטנדיק די רעשטלעך פון זייער פריִערדיקן צערעמאָניאַל, מאַכן זיי קאַליע דורך אַזאַ אויסמישונג די שיינקייט פון דער קריסטלעכער אמונה. דעריבער טוען מיר באַשטימען, אַז די פּרעלאַטן פון די קירכן זאָלן אויף כלערליי אופנים זיי שטערן אָפּצוהיטן זייערע פריִערדיקע צערעמאָניעס, בכדי יענע, וואָס דער גוטער ווילן האָט זיי דערפירט צו דער קריסטלעכער אמונה, זאָלן ווערן איינגעהאַלטן אין איר מיטן כוח פון דעם אויסלייזנדיקן צוואַנג (salutiferae coactionis)." דאָ ווערט מן=הסתם גערעדט וועגן די ייִדן, וואָס האָבן זיך געשמדט אין טויט=שרעק בעת די פּאָגראָמען פון דעם קרייצצוג קעגן די אַלביגענזער. די אָנווענדונג פון דעם „אויסלייזנדיקן צוואַנג" לגבי אַזעלכע אָפּטריניקע איז שוין געווען אַן אָנזאָג אויפן רעזשים פון דער אינקוויזיציע און פון די קומענדיקע אויטאָ=דאַ=פעס.

דער לעצטער אַקט פון דעם קאָנציל איז געווען די באַשטעטיקונג פון דעם פּויפּס' דעקרעט וועגן אַ נייעם קרייצצוג אין די מזרח=לענדער, וואָס איז שפּעטער דורכגעפאַלן. דער קאָנציל האָט באַשטימט, אַז די אָנטייל=נעמער אין דעם קרייצצוג ווערן באַפרייט פון צו צאָלן ציינזן אויף די חובֿות, וואָס זיי זיינען שולדיק, און דאָס אויסצאָלן דעם קרן ווערט זיי אָפּגעלייגט. ייִדן קרעדיטאָרן דאַרף מען דערביי צווינגען, זיי זאָלן נאָכגעבן, און די וואָס וועלן ניט פאָלגן, זאָל מען זיי פאַרבאָטן צו האָבן געשעפטן מיט קריסטן.

די ייִדן פון דרום=פראַנקרייך זיינען געוואָרן אומרויִק, נאָך איידער דער קאָנציל איז געוואָרן צונויפגערופן, מחמת זיי זיינען געוואָר געוואָרן דעם פּויפּס אינאָקענטיוס' כוונות. דער כראָניסט פאַרצייכנט נאָך, אַז אין יאָר 1215 האָבן דעלעגאַטן פון ייִדישע קהילות פון די מדינות נאַרבאָנע און

מאַרסעל זיך צונויפֿגעקליבן אין סען־זשיל (Saint Gilles) און אַרומגעקלערט די פֿראַגע, „ווער עס זאָל גײן קײן רוים, כּדי מבֿטל צו זײַן די מחשבֿה פֿון דעם פּויפּס אין דעם טאָג, ווען עס וועלן זיך צונויפֿקלײַבן אַלע ביסקופּן". צי אַזאַ דעפּוטאַציע איז געפֿאָרן, איז ניט באַוווּסט; על־כּל־פּנים אָפּצוּווענדן די סכּנה האָט ניט אָפּגעגליקט, און דער זעלביקער כראָניסט דערציילט, אַז שוין אַ יאָר שפּעטער, 1216, איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אַן אונטערשייד־סימן: „אין יאָר ד׳ תּתקע"ו האָט די מלכות הרשעה באַפֿוילן, אַז אַלע אונדזערע ברידער, אָנגעהויבן פֿון 12 יאָר אָן, זאָלן זיך אָנצײכענען מיט אַ באַזונדער צײכן: מאַנצביל אויף די היט און פֿרויען אויף די הויבן. און נאָך האָט מען זיי באַשווערט דערמיט, וואָס מען האָט מחייבֿ געווען איטלעכן בעל־הבית צו געבן דעם אָרטיקן גלח זעקס פּשוטים אַלע יאָר בעת די חגאות. אין דעם זעלביקן יאָר איז פּלוצלונג געשטאָרבן דער פּויפּס, וואָס האָט גערעדט רשעות אויף אונדזער פֿאָלק". [1]

און טאַקע: אינאָקענטיוס III, דער אויפֿטוער פֿון דער קאָנציל־קאָנסטי־טוציע פֿון 1215, איז אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן. די זאָט פֿון רשעות וואָס ער האָט פֿאַרזייט איז אָבער אויפֿגעגאַנגען דאָ און דאָרט. די דרום־פֿראַנצייזישע סינאָדן פֿון ביסקופּן האָבן פֿאַר זייערע דיאָצעזיעס באַשטעטיקט די דערמאָנטע רוימישע קאַנאָנען און אָנגעוויזן די אופֿנים, ווי אַזוי זיי אײַנ־צופֿירן אין לעבן. דער געגנט־סינאָד פֿון יאָר 1227 אין נאַרבאָנע האָט באַשטימט, אַז ייִדן מוזן טראָגן אַ קײַלעכדיקן צייכן (signum rotae) — אַ רעדעלע פֿון געוואַנט צוגעהעפֿט צום אייבער־בגד אויף דער ברוסט; איטלעכע ייִדישע משפּחה מוז יעדער יאָר צו פּאַסכע אויסצאָלן דעם אָרטיקן גלח קירכן־שטײַער – אַ סומע פֿון זעקס דינאַרן (deniers, אין דער העברעיִשער כראָניק הייסן זיי „פּשוטים"). באַשטימונגען וועגן דער ייִדישער הלבשה אָדער וועגן אַ באַזונדער צייכן און אַנדערע דעקרעטן פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל זײַנען שפּעטער איבערגעחזרט געוואָרן אויף די סינאָדן אין רואַן (1231), נאַיאָן (1233), אַרל (1234 און 1236) און בעזיער (1246). דער סינאָד פֿון בעזיער האָט צוגעגעבן נאָך איין פֿאַרבאָט: קריסטן טאָרן זיך ניט קורירן בײַ ייִדישע דאָקטוירים.

אין דרום־פֿראַנקרײַך האָבן ייִדן ענערגיש געקעמפֿט קעגן דער אָנווענ־דונג פֿון דעם שענדלעכן געזעץ. אין דער כראָניק [2] זײַנען פֿאַרבליבן מטושטשע ידיעות מכּוח דעם, אַז איין משומד פֿון מאָנפּעליע, וואָס האָט געוואָלט דערלעבן נקמה אָן זײַנע פֿריִערדיקע גלויבנס־ברידער, האָט אויס־געפּועלט אין רוים אַ באַפֿעל, אַז ייִדן זײַנען מחוייבֿ צו טראָגן אויף די בגדים

1 זע „שבט יהודה", ז׳ 114—115 (ווינערס אויסג׳).

2 דאָרט גיפּא (פֿון אַן אַלטער כראָניק פֿון שאַנצולו).

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַ חותם (צייכן) פֿון רויטן אָדער געלן געוואַנט. אָבער אַ דעפּוטאַציע פֿון די יידישע קהילות פֿון אַוויניאָן און טאַראַסקאָן איז אַוועק צום פֿראַנצייזישן קיניג און איז געקומען צוריק מיט דער פֿריילעכער בשׂורה, אַז די אויספֿירונג פֿון דעם פּויפּס׳ באַפֿעל איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

אָבער אין גיכן — דערציילט דער כראָניסט ווײַטער — „האָט זיך אויף אונדזערע ברידער אַוועקגעלייגט די שווערע האַנט פֿון די אויספֿאָרשערס״, ד״ה די טוערס פֿון דער אינקוויזיציע, וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין דרום-פֿראַנקרײַך; „זיי האָבן געמאַכט זוכונגען אין גאַנץ פּראָווואַנס און האָבן אויסגעפּרעסט אַ סך געלט. דעמאָלט האָבן אַ סך חשובֿע מענטשן אין מאַרסעל און אַוויניאָן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיט צייכנס אויף די קליידער, דערבײַ האָבן באַזונדערס געליטן די יידן פֿון אַוויניאָן״. לויט די רייד פֿון דעם מחבר פֿון דער כראָניק איז דער סימן אויפֿן בגד באַשטאַנען פֿון אַ רעדעלע געל געוואַנט פֿיר פֿינגער די ברייט, מיט אַ שטיקל שוואַרץ געוואַנט אין מיטן אין דער געשטאַלט פֿון אַ האַלבער לבֿנה. די דאָזיקע ידיעות זײַנען משמעות שייך צו דער רעגירונג פֿון לודוויג דעם הייליקן, וואָס דעמאָלט האָבן משומדים אָנגעטאָן ניט ווייניק רשעות זייערע געוועזענע פֿאָלקסברידער.

אין דער זעלביקער צײַט האָבן די פּויפּסן גרעגאָר IX און אינאָקענטיוס IV דערמאָנט די וועלטלעכע מושלים, זיי זאָלן צווינגען יידן צו טראָגן דעם סימן אויף די קליידער. אינאָקענטיוס IV האָט אין יאָר 1248 זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס אין אייניקע ערטער טראָגן יידן קײַלעכדיקע היט מיט ברייטע ראַנדן, אַזעלכע ווי עס טראָגן גײַסטלעכע, אַזוי אַז די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג גיט זיי אַ מאָל אָפּ על-פּי-טעות „כּבֿוד וואָס עס קומט זיי גאָר ניט״. פֿאַרצייכענענדיק אָט דעם קוריאָז, פֿאָדערט דער פּויפּס, אַז יידן זאָלן טראָגן קליידער, וואָס זאָלן זיי אָפּשיידן „לא די וואָס פֿון קלעריקער, נאָר אויך פֿון וועלטלעכע מענטשן״.

די רעליגיעזע מלחמה אין דרום-פֿראַנקרײַך האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שווערע ירושה צוויי אָרגאַניזאַציעס: דעם אָרדן פֿון די דאָמיניקאַנער און דעם טריבונאַל פֿון דער „הייליקער אינקוויזיציע״. דער אָנטייל-נעמער פֿון דער דאָזיקער מלחמה, אַ מיסיאָנער פֿון קאַטוליציזם צווישן די כּופֿרים, דער שטרענגער שפּאַנישער מאָנאַך דאָמיניק, האָט אין יאָר 1215 געגרינדעט זײַן אָרדן פֿון די „ברידער פּריידיקער״ מיט דער הילף פֿון פּויפּס אינאָקענטיוס III. דער לכתחילהדיקער ציל פֿון אָט דעם מאָנאַכן-אָרדן איז באַשטאַנען אין אויסטײַטשן די קאַטוילישע דאָקטרינע פֿאַר וועלטלעכע מענטשן און אַרויספֿירן אויפֿן וועג פֿון גלויבן די וואָס זײַנען ניט פֿעסט. שפּעטער אָבער זײַנען די דאָמיניקאַנער אַריבער פֿון ווערטער צו מעשׂים און האָבן גענומען דעם טעטיקסטן אָנטייל אין רודפֿן כּופֿרים, און פֿאַר איין וועגס אויך אַנדערשגלייביקע. אין

www.libtool.com.cn

אַ קורצער צײַט האָט דער דאָמיניקאַנער־אָרדן און אויך דער אָרדן פֿון די פֿראַנציסקאַנער אָדער „בעטלער־ברידער" (מינאָריטן), וואָס איז אויפֿגעקומען אין דער זעלביקער צײַט, געקראָגן אַ גוואַלדיקע השפּעה אין פֿראַנקרײַך, שפּאַניע און אַנדערע לענדער. אונטער זייער אָנפֿירונג האָבן זיך געפֿונען אַ סך קלויסטערס, שולן און פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. דער צענטער פֿון די דאָמיניקאַנער איז געווען דער יאַקאָביטן־קלויסטער אין פּאַריז, און מחמת דעם ווערן די מיטגלידער פֿון דעם אָרדן אין ייִדישע ספֿרים אָפֿט אָנגערופֿן „יאַקאָביטן". זיי האָבן זיך אויך פֿעסט באַזעצט אין דעם פּראַגער אוניווערסיטעט, ווו עס פֿלעגן זיך דער עיקר לערנען די קאַטוילישע טעאָלאָגן. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן זײַנען געווען די איניציאַטאָרן און אָנטייל־נעמער פֿון רעליגיעזע וויכּוחים, וואָס זיי פֿלעגן אָפֿט אַרײַנציִען אין זיי ייִדן. זיי האָבן מיט התמדה נאָכגעשפּירט נאָך כּופֿרים, פֿרײַדענקערס, יודאַיִזירנ־דיקע און נאָך די ייִדן זייערע „פֿאַרפֿירערס". זיי האָבן פֿולקום פֿאַרדינט דעם טיטל „וואַכהינט" פֿון דער קירך, וואָס מען האָט זיי געגעבן אויפֿן סמך פֿון אַ פֿאַראָדירטן אויסטײַטש פֿון דעם נאָמען פֿון דעם אָרדן (Domini-canes — דעם האַרס הינט).

זייער אָנטייל איז געווען באַזונדערס ניכּר אין דער טעטיקייט פֿון דער קירכלעכער אינקוויזיציע. דאָס גײַסטלעכע געריכט פֿון דער אינקוויזיציע, געשטיצט דורך דעם פּויפּס גרעגאָר IX, האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט אין צווייטן פֿערטל פֿון 13טן י״ה, אין דער רעגירונגס־צײַט פֿון לודוויג דעם הייליקן. די פּויפּסן און די ביסקופֿן פֿלעגן באַשטימען אין פֿאַרשיידענע ערטער אויספֿאָרשער (inquisitores) מאָנאַכן, דער עיקר דאָמיניקאַנער און פֿראַנציסקאַנער, בכדי אויסצוגעפֿינען די רעשטן פֿון די אַלביגענזישע כּופֿרים און בכלל אויסצופֿאָרשן אַלע פֿאַלן פֿון אָפּנייג פֿון רעכטן גלויבן. די אויספֿאָרשונג בסוד, דאָס אויספֿרעגן אונטער עינויים, דער פּסק־דין לויטן אײַנזען פֿון דעם פֿאַנאַטישן ריכטער, דאָס איבערגעבן דעם פֿאַרמשפּטן אין די הענט פֿון דער וועלטלעכער מאַכט (brachium saeculare) אויף צו פֿאַרברענען אויף אַ שײַטער־הויפֿן — די אַלע גענג פֿון דעם אינקוויזיציע־געריכט, וואָס האָבן שפּעטער דערגרייכט צו שלמות אין שפּאַניע, זײַנען אין פֿראַנקרײַך אָנגעווענדט געוואָרן שוין אין דער געשילדערטער תּקופֿה. די קירך פֿלעגט אויפֿזוכן און משפּטן די זינדיקע, נאָר „היות ווי דער קירך איז דערווידער בלוט" (Ecclesia abhorret a sanguine), האָט זי איבערגעגעבן די אויספֿירונג פֿון דעם פּסק־דין דער וועלטלעכער מאַכט. אין משך פֿון 13טן י״ה האָט די אינקוויזיציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דאָמיניקאַנער און פֿראַנציסקאַנער אָפּגעטאָן מעשׂים נוראים צו ערשט אין דרום־פֿראַנקרײַך, און שפּעטער אין אַלע אַנדערע געגנטן פֿון לאַנד. דער בלוטיקער טריבונאַל, וואָס איז לכתּחילה געווען באַשטימט פֿאַר קריסט־

www.libtool.com.cn

לעכע סעקטירער און פרײַדענקער, האָט בהדרגה אַרײַנגעצויגן אין זײַנע נעצן אויך ייִדן. די קריגערישע קירך האָט אָנגעצונדן שײַטער־הויפנס סײַ פאַר ייִדישע ספרים וואָס זי האָט אויף זיי געוואָרפן אַן אומחן, סײַ צײַטנווײַז אויך פאַר ייִדן גופא, וואָס פלעגן אַרײַנפאַלן אין די נעצן פון דער עלילת־דם וואָס די מאָנאַכן האָבן אויפגעשטעלט.

## § 3. קיניגלעכע און פעאָדאַלע ייִדן אונטער לודוויג דעם הייליקן

די רעליגיעזע מלחמה אין דרום־פראַנקרײַך האָט געבראַכט צו אַן ענגערער דערנעענטערונג צווישן דרום און צפון. פראָוואַנס און לאַנגעדאָק, וואָס פריִער זײַנען זיי געווען כמעט אומאָפהענגיק אונטער דער רעגירונג פון די גראַפן רײַמונד און פאַרשיידענע וויקאָנטן, זײַנען בהדרגה אַרונטער אונטער דער ממשלה פון די פראַנצייזישע מלכים. פיליפ אויגוסט און זײַן זון לודוויג VIII האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער מלחמה קעגן די אַלביגענזער, און די נצחונות פון סימאָן מאָנפאָר זײַנען שפּעטער געקומען צו גוט דער דינאַסטיע קאַפּעטינגער.

אָבער דער אויסגערעכנטער פיליפ אויגוסט (1181—1223), וואָס האָט דערשטיקט דעם אַפּיקורסישן דרום מיט דער ברכה פון אינאָקענטיוס III, האָט אין פראַנקרײַך ניט געוואָלט אונטערהאַלטן די פּאָליטיק פון דער קירך, וואָס איז אויסן געווען בדלות צו שטעלן ייִדן. זינט 1198, ווען דער דאָזיקער קיניג איז געווען געצוווּנגען צוריק אַרײַנצולאָזן ייִדן אין זײַנע צפונדיקע פּראָווינצן נאָך דעם צײַטווײַליקן גירוש (באַנד I, § 35), איז ער געווען שטאַרק אָפּגעהיט לגבי זיי, ווײַל ער האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ טײַערן פינאַנציעלן אַפּאַראַט, וואָס מען קאָן דורך אים אַרײַנבאַקומען געלט. ער רעגולירט די קרעדיט־אָפּעראַציעס פון די ייִדן, באַשיצט די אינטערעסן פון די קרעדיטאָרן און זײַנע אייגענע אינטערעסן: דער קיניג איז דאָך געווען אַ שותף צום ריווח, וואָס פלעגט אַרײַנפליסן אין זײַן קאַסע אין דער געשטאַלט פון הויכע אָפּצאָלן. אין יאָר 1204 האָט ער פאַרבאָטן דער גײַסטלעכקייט אַרײַנצולייגן אין חרם יענע קריסטן, וואָס האַלטן אונטער קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט ייִדישע פינאַנסיסטן אָדער דינען בײַ זיי אויף שטעלעס — פונקט דער היפך פון יענע רעפאָרמעס, וואָס זײַנען רעקאָמענדירט געוואָרן אין די פירערבריוו פון אינאָקענטיוס III און וואָס זײַנען אין גיכן באַשטעטיקט געוואָרן אויפן לאַטעראַנער קאָנציל.

עס איז ניטאָ קיין ידיעות, אַז פיליפ זאָל האָבן אויסגעפירט כאָטש איינע פון די באַשטימונגען פון דעם קאָנציל. אין דרײַ יאָר אַרום נאָך דער פראָקלאַמירונג פון די קאַנאָנען פון דעם קאָנציל גיט ער אַרויס מיט מילואים דעם רעגלאַמענט פון ייִדישן

www.fbtoor.com.cn

געלטהאַנדל, וואָס ער האָט אײַנגעשטעלט פריִער. בהסכם מיט אייגענע וואַסאַלן זײַנע (סטאַטוט פון יאָר 1206, מיט מילואים פון יאָר 1218). לויט אָט דעם רעגלאַמענט מעגן ייִדן נעמען אויף הלוואות ניט מער ווי 43 פּראָצענט יעריקע; אַלע שריפטלעכע האַנדלס-אָפּמאַכן און חובות-פאַרשרײַבונגען ווערן אָנגעשריבן דורך אַן אָפיציעלן שרײַבער און ווערן באַקרעפטיקט דורך אַ שטעמפּל וואָס געפינט זיך בײַ צוויי בכבודיקע בירגער — אָן דעם איז דאָס געשעפט ניט גילטיק. דאָס אַלץ האָט אַרײַנגעבראַכט דעם קיניג ניט קיין קליינע הכנסה. אין יאָר 1202 האָט די דאָזיקע הכנסה (produit des Juifs) באַטראָפן 1200 ליווערס, און אין יאָר 1217 איז זי אויסגעוואַקסן ביז 7550 ליווערס. די פעאָדאַלע באַראָנען און גרויסע פּריצים-סעניאָרן (seigneurs) האָבן נאָכגע-טאָן דעם קיניג און געפלײַסט זיך אַרויסצוציִען וואָס מער הכנסה פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין זייערע לענדער. דערפון נעמען זיך די טערי-טאָריעלע אַמפּערנישן צווישן דעם קיניג און די פעאָדאַלן אָדער סעניאָרן פאַרן רעכט צו בעלי-בתעווען איבער די ייִדן וואָס גייען אַריבער פון איין אָרט אין אַנדערן; און סוף-כל-סוף פלעגט מען דורכקומען צווישן זיך אויף באַ-שטימטע תנאים און זיך קעגנזײַטיק מתחייב זײַן אַרויסצוגעבן איינער דעם אַנדערן די איבערוואַנדערער (באַנד I, § 35). אַזוי למשל איז פיליפּ אויגוסט געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן דער גרעפין פון דער פּראָווינץ שאַמפּאַניע איר צינזצאָלער, דעם רײַכן ייִד קרעסעלען, וואָס האָט געהאַט זיך אַריבער-געקליבן אין דעם קיניגס מדינה (1203), און שפּעטער איז געוואָרן באַשטעטיקט אַן אָפּמאַך, אַז מען זאָל בכלל אַרויסגעבן איינער דעם אַנדערן אַזעלכע „בורחים" (1210). אַזעלכע אָפּמאַכן פלעגן שליסן צווישן זיך אויך פאַרשיידענע סעניאָרן. זינט יענער צײַט פיגורירט אָפט אין די אַקטן דער טיטל „קיניגלעכער ייִד" (Juif de roi, judaeus regis), אויף אָפּצושיידן אים פון אַ ייִדן וואָס איז אַן אונטערטאַן פון אַ סעניאָר — אַ גראַף אָדער אַ באַראָן.

פיליפּס יורש, דער פרומער לודוויג VIII (1223–1226), וואָס האָט נאָך, בעת ער איז געווען אַ פּרינץ, שטרענג זיך אָפּגערעכנט מיט די כופרים אין דרום, האָט געפּרוּווט אַ קערעווע צו טון אויפן וועג פון רדיפות בנוגע צו ייִדן. ער האָט אַנולירט אַלע חובות צו ייִדן וואָס זײַנען עלטער פון פינף יאָר און באַפרײַט די בעלי-חובות פון צו צאָלן פּראָצענטן אויף נײַע הלוואות; דער קרן פון די נײַע הלוואות האָט באַדאַרפט ווערן געסילוקט אין משך פון דרײַ יאָר דורך יענע, „וואָס די ייִדן זײַנען זיי אונטערטעניק", פאַרשטייט זיך אַראָפּרעכענענדיק קאָמיסיע לטובת דעם קיניג אָדער באַראָנען. גלײַכצײַטיק איז באַנײַט געוואָרן דער אָפּמאַך מיט די באַראָנען וועגן אַרויס-געבן איינער דעם אַנדערן ייִדישע אויסוואַנדערער. אַ רדיפות-פּאָליטיק אין קירכלעכן גײַסט האָט גענומען פירן דער קיניג לודוויג IX דער הייליקער,

וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך אַ טרויעריקן אָנדענק אין דער ייִדישער געשיכטע.

אין דעם דאָזיקן קיניג האָט די קירך געפֿונען איר אידעאַל פֿון אַ מאָנאַרך, וואָס איז אַן אונטערטעניקער דינער דעם פּויפּס. זײַן זיידע, פֿיליפּ אויגוסט, פֿלעגט אָט טרײַבן ייִדן און אָט באַשיצן זיי, געווענדט אָן דעם, ווי עס האָט אים געלוינט מאַטעריעל; לודוויג אָבער, וואָס האָט זיך ניט געקוואַפּעט אויף ערדישע אוצרות, איז שטענדיק געווען מוכן ומזומן צו שטיקן ייִדן צום לויב פֿון קריסטנטום. ווי אַ ריטער פֿון דער קירך האָט ער געזען זײַן באַרוף אין רודפֿן כּופֿרים און אַנדערשגלייביקע; קרייצצוגן, אויסווייניקסטע און אינעווייניקסטע, זײַנען געווען דער אידעאַל פֿון זײַן לעבן. לויט דער טבֿע ניט קיין שלעכטער מענטש, האָט ער אָבער פֿון קיין רחמנות ניט געוווסט, ווען עס איז געגאַנגען אין גלויבן. ער האָט געחלומט וועגן אָפּשמדן אַלע ייִדן און האָט געשאַפֿן אַ באַזונדער פֿאָנד אויף אונטערצוהאַלטן משומדים. מער פֿון אַלץ האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר דער השפּעה פֿון ייִדישקייט אויף די קריסטן, און דערפֿאַר האָט ער געעצהט וועלטלעכע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך ניט חקירהן מיט ייִדן וועגן אמונה־זאַכן. לודוויגס גוטער פֿרײַנד און דער כראָניסט פֿון זײַן רעגירונג זשאָענוויל דערציילט אַזאַ מעשׂה. אין דעם קלויסטער פֿון קליני איז איין מאָל געגאַנגען אַ וויכּוח וועגן גלויבן צווישן ייִדן און מאָנאַכן. האָט איינער אַ ריטער, וואָס איז געווען צו גאַסט אין קלויסטער, אַ פֿרעג געטאָן בײַם רבֿ, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם וויכּוח: צי גלייבט ער, אַז די בתולה מרים איז געווען גאָטס מוטער? האָט דער רבֿ געענטפֿערט: ניין. „אויב אַזוי — האָט אויסגערופֿן דער ריטער — טוט איר דאָך אַן אומזיניקע זאַך, ווען איר קומט אין הויז פֿון דער הייליקער בתולה, וואָס איר גלייבט ניט אין איר און האָט זי פֿײַנט", און האָט טאַקע תּוך כּדי דיבור אַ קלאַפּ געטאָן דעם רבֿ מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. די ייִדן זײַנען אַוועק און מיטגענומען מיט זיך דעם צעהרגעטן רבֿ. אַז מען האָט דעם קיניג דערציילט וועגן דעם וויכּוח, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַזאַ נצחון פֿאַרן קריסטנטום, האָט ער זיך אָפּגערופֿן: „זאָלן זיך מתווכּח מיט ייִדן נאָר גוטע גײַסטלעכע, אַ וועלטלעכער מענטש אָבער, ווען ער הערט אַ שלעכט וואָרט אויף דער קריסטלעכער אמונה, דאַרף ער באַשיצן זי מיט דער שווערד און אַרײַנשטעקן זי אין קערפּער פֿון דעם גאָט־לעסטערער, ווי טיף זי קריכט אַרײַן". פֿון זײַן זײַט האָט דער געקריינטער קרייצלער געלאָזט אין גאַנג די שווערד פֿון געזעץ אויף צו צעברעכן דאָס ייִדנטום ווי אַ וואָגיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן כּוח אין פֿראַנקרײַך. ער האָט אָבער דערבײַ געמוזט פֿירן אַ מלחמה מיט דעם אַלגעמיינעם

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ווירטשאַפטלעכן סדר פון לאַנד, און דערין איז דער מעכטיקער מאָנאַרך געווען אָנמעכטיק.

אין דעם סטאַטוט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מעלען (Melun) אויף אַ באַראָטונג פון די מלוכה־פונקציאָנאַרן (1230), איז געוואָרן דעקלאַרירט, אַז דער קיניג האָט „צוליב ראַטעווען זײַן נשמה, צוליב דעם לויב פון זײַן פּאַטער און די פריִערדיקע מלכים", אין איינעם מיט די באַראָנען באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן להבא, אַז ייִדן זאָלן אַנטלײַען געלט אויף חובות־געשריפטסן און זאָלן קאָנען אויפמאָנען די חובות דורכן געריכט. פאַר איין וועגס האָבן לודוויג און זײַנע פעאָדאַלן לעצטגילטיק צוגעבונדן ייִדן ווי קנעכט צו זייערע בעלי־בתים: עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז ניט דער קיניג און ניט די באַראָנען האָבן ניט קיין רעכט צו האַלטן אויף זייער טעריטאָריע „פרעמדע ייִדן", אונטערטאַנען פון אַ צווייטן האַר, און איטלעכער קיניגלעכער באַאַמטער אָדער גראַף, וואָס וועט כאַפּן אין אַ פרעמדער פּאָסעסיע „זײַן ייִדן" (judaeum suum), מעג אים פאַרהאַלטן ווי זײַנעם אַ שקלאַוו (tamquam proprium servum suum). אַזוי אַרום איז ביז גאָר פאַרשווערט געוואָרן פאַר ייִדן צו פאָרן פון די קיניגלעכע פּראָווינצן אין די פעאָדאַלע און פאַרקערט, און אויך פון איין פעאָדאַלער פּראָווינץ אין דער אַנדערער.

נאָך די הכרחיות פון לעבן האָט צעבראָכן אָט די אַלע פאַרצאַמונגען. אויב מען האָט ניט געטאָרט אַרויסגעבן ייִדן קיין וועקסלען אויפן חוב, האָבן די וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין הלוואות גענומען געלט אויף זיכערע משכנות, וואָס האָבן געקלעקט צו דעקן סײַ דעם קרן סײַ די ציינזן. אַלע די באַשטימונגען האָבן מערניט אַרײַנגעבראַכט אַ צעמישעניש אין דעם האַנדלס־אויסקער און מיטגעווירקט, עס זאָלן זיך פאַרמערן קריסטלעכע וואָכערערס, וואָס זײַנען ניט געווען נתפּעל פון דעם איסור וואָס די קירך האָט אַרויסגעלייגט און האָבן געגעבן הלוואות אויף פּראָצענט צו ריטערס און האַנדלסלײַט.

אין יאָר 1247, בעת דער קיניג האָט זיך געגרייט צום קרייצצוג אין די מזרח־לענדער, האָט ער זיך פירגענומען צו טון אַ מצווה: אַרויסצוטרײַבן ייִדן פון זײַן מדינה און צו קאָנפיסקירן זייער אייגנס. אָבער דעם קיניגס פרומער ווונטש האָט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר צום טייל: מען האָט קאָנפיסקירט דאָס אייגנס פון עטלעכע ייִדן. אַז ער איז געקומען צוריק נאָך אַ זעקסיאָריקן צרהדיקן קריגסמאַרש, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַר ייִדן. דעם קיניג האָט גערופעט דאָס געוויסן: סטײַטש, די קרוין באַקומט אַן אָפּצאָל פון אַלע ייִדישע געשעפטן און קרעדיט־אָפּעראַציעס, קומט דאָך אויס, אַז ער, דער פרומסטער פון אַלע קריסטלעכע מלכים, איז נהנה פון ציינזן, איז אַ שותף צו וואָכערײַ, און איז בכן עובר אויף אַ רעלי־

www.libtool.com.cn

גיעזן לאַוו. דער חשבון איז טאַקע געווען אַ וויכטיקער. און דער קיניג לודוויג האָט אַרויסגעגעבן דעקרעטן (1257–58), אַז מען זאָל אַלע קריסטלעכע בעלי־חובֿות אָדער זייערע יורשים אויסצאָלן צוריק די פּראָצענטער, וואָס זײַנען אויפֿגעמאָנט געוואָרן פֿון די הלוואות. עס זײַנען באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע קאָמיסאַרן, וואָס האָבן אומעטום באַדאַרפֿט אויסגעפֿינען אַזעלכע פֿאַלן פֿון חובֿות און באַפֿרידיקן די תּבֿיעות פֿון די בעלי־חובֿות.

ווי אַזוי האָבן ייִדן רעאַגירט אויף אָט די עקספּערימענטן פֿון דעם פֿרומען קיניג, קאָן מען זען פֿון דער רעדע פֿון אַ דעמאָלטיקן רבֿ, וואָס איז פֿאַרבליבן בײַ אונדז. די רעדע איז גיכער פֿון אַלץ אַן אַפּאָקריפֿישע, אָבער זי שפּיגלט ריכטיק אָפּ די שטימונג פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן. עס ווערט דערציילט, אַז אין דער פּראָווינץ פֿון נאַרבאָנע איז אָנגעקומען אַ קיניגלעכער דעקרעט וועגן דעם, אַז עס ווערן צום טייל אַנולירט די חובֿות, וואָס עס קומט ייִדן פֿון קריסטן. בײַ די ייִדן איז געוואָרן אַ גרויסע אויפֿרעגונג, און פֿאַרשטייער פֿון די ייִדישע קהילות זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אין נאַרבאָנע אויף אַן אַסיפֿה אַרומצורעדן דעם ענין. אויף דער אַסיפֿה איז געווען אויך דער אָרטיקער גובערנאַטאָר, וואָס איז קענטיק אויך געווען ניט צופֿרידן מיט דעם קיניגס אַרײַנמישונג אין די ענינים פֿון דער אויטאָנאָמער פּראָווינץ. דאָ איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע דער נאַרבאָנער רבֿ רבי מאיר בן שמעון, אַ באַוווסטער מחבר פֿון ספֿרי־וויכּוח.[1] ער האָט גערעדט מכּוח די פּריווילעגיעס, וואָס די פֿריִערדיקע מלכים פֿון קאַרל דעם גרויסנס צײַטן אָן האָבן געגעבן ייִדן, און האָט דערבײַ דערמאָנט אָן דעם, ווי אַזוי ייִדן האָבן אַ מאָל געהאָלפֿן קאַרלען אין דער מלחמה מיט די אַראַבער פֿאַר נאַרבאָנע. איצטער אָבער – האָט געטענעט דער רבֿ – גיט דער קיניג לודוויג אַרויס גזרות קעגן ייִדן, וואָס מאַכן זיי שווער דאָס לעבן. מען לאָזט ניט ייִדן אַריבערקלײַבן זיך פֿון די פּאָסעסיעס פֿון איין סעניאָר אין די פּאָסעסיעס פֿון אַ צווייטן, אָבער וואָס זאָלן טון יענע, וואָס האָבן ניט קיין חיונה אין דעם אָרט, ווו זיי וווינען? ווען זיי פֿאָרן אַריבער פֿון איין שטאָט אין אַ צווייטער, פֿאָדערט מען בײַ זיי אַ באַזונדער אָפּצאָל בײַ די טויערן פֿון שטאָט. דער קיניג האָט באַפֿוילן די גובערנאַטאָרן, זיי זאָלן ניט העלפֿן די ייִדן בײַם אויפֿמאָנען חובֿות בײַ קריסטן, בעת ווען בײַ ייִדן פֿאָדערט מען, זיי זאָלן באַצאָלן, וואָס עס קומט קריסטן אַרויס פֿון זיי. ייִדן פֿאַרבאָט מען צו פֿאַרלײַען געלט אויף פּראָצענט אָדער „מיט ריווח“, און מען מאַכט ניט

1 די רעדע איז געבליבן אין רבי מאירס חיבור, א"ט „מלחמת מצוה“, וואָס האַלט אַ וויכּוח צווישן אַ ייִד אין אַ קריסט און אַנדערע טעאָלאָגישע חקירות. זי איז רעפּראָדוצירט לויט אַ פּאַרמער כּתבֿ־יד אין דעם ווערק פֿון רענאַן און נייבויער Les rabbins français. זע די ביבליאָגראַפֿיע צו דעם קאַפּיטל.

www.libtool.com.cn

קיין חילוק צווישן אַ צו גרויסן „וואָכערצינז" (usurae) ביז דעם געזעצלעכן ריווח פֿון קאַפּיטאַל, וואָס איז ניט פֿאַרבאָטן ניט לויט דעם דין פֿון דער תּורה און ניט לויט די געזעצן פֿון די קריסטלעכע קיסרים. אָבער אָן אָט די פֿינאַנציעלע אָפּעראַציעס קאָנען ניט אויסקומען ניט די ייִדן, וואָס האָבן ניט קיין צוטריט צו אַנדערע מחיות, און ניט די קריסטן, פֿון דעם סעניאָר ביזן פּויער, וואָס מוזן אָפֿט אָנקומען צו הלוואות. ווי פֿיל מאָל האָבן ייִדישע פֿינאַנסיסטן אַרויסגעהאָלפֿן מלכים אין שווערע אומשטאַנדן, ווי פֿיל נצחונות האָבן אָפּגעהאַלטן די אַרמייען, וואָס זײַנען געוואָרן אויסגעריכט אויף ייִדישע געלטער!..

אַ פּנים, אַז דעם רבֿס קלוגע רייד זײַנען צו לודוויג דעם הייליקן ניט דערגאַנגען, און אויב אַפֿילו יאָ, וואָלט געווען שווער צו ווירקן מיט אַזעלכע סבֿרות אויף אַ קיניג, וואָס אים האָט מער געאַרט דער צושטאַנד פֿון די קירכן אין הייליקן לאַנד, איידער דאָס וווילזײַן פֿון פֿראַנקרײַך. וואָרעם דאָס וואָס לודוויג האָט געפֿירט מלחמה קעגן דעם געלטהאַנדל און קעגן די דעמאָלט אָנגענומענע פֿאָרמען פֿון קרעדיט, איז דאָך ניט געווען געדרונגען פֿון עקאָנאָמישע מאָטיוון, נאָר פֿון די קירכלעך-קאַנאָנישע פֿאָדערונגען. מיר וועלן ווײַטער זען, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין דעם רעליגיעזן לעבן פֿון ייִדן און האָט אויפֿגעגעבן דער אינקוויזיציע צו פֿאַרברענען זייערע הייליקע ספֿרים.

צום סוף פֿון זײַן לעבן איז דער קיניג אַלץ מער געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון דירעקטע רעליגיעזע רדיפֿות. אין יאָר 1269 האָט ער באַפֿוילן זײַנע באַאַמטע אין דרום צו צווינגען די ייִדן צו הערן די דרשות פֿון דעם באַוווסטן מיסיאָנער, דעם דאָמיניקאַנער פּאַולאָ כריסטיאַני פֿון מאָנפּעליע, וואָס פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער די שטעט און אַרויסרופֿן ייִדן אויף אַ וויכּוח, און דערבײַ זײַנען זיי מחויבֿ געווען צוצושטעלן דעם מיסיאָנער זייערע ספֿרים אויף אַ רעוויזיע. אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער קיניג באַמערקט, אַז עס ווערט שלעכט אָפּגעהיט דער געזעץ פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל וועגן סימן אויף די ייִדישע קליידער, און ער האָט געהייסן, אַז מען זאָל אויפֿפּאַסן, אַז זיי זאָלן אומעטום טראָגן אַ באַזונדער סימן – אַ רעדל פֿון קאָלירטן שטאָף.

אין דער זעלביקער צײַט, ווען לודוויג דער הייליקער האָט געפּײַניקט ייִדן אין צפֿון-פֿראַנקרײַך, האָט זײַן ברודער דער גראַף אַלפֿאָנס דע פּואַטיע זיי געדריקט אין לאַנגעדאָק, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ פֿון טולוזע, וואָס איז אָנגעקומען אויף זײַן חלק נאָך די פֿריִערדיקע ליבעראַלע גראַפֿן רײַמונד. להיפּך צו זײַן ברודער, האָט אַלפֿאָנס געהאַט אין זינען מער ערדישע ענינים, ווי הימלשע. ער האָט אָנגעטאָן רשעות ייִדן נאָר מיטן מיין זיך צו באַרײַכערן אויף זייער חשבון. ער פֿלעגט אָפֿט מאָל אַרויסגעבן באַפֿעלן אַרויס-

www.libtool.com.cn

צוטרײַבן די ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט אין זײַן פּראָווינץ און פֿלעגט אָפּשאַפֿן דעם באַפֿעל, ווען די ייִדן פֿלעגן אים אַרײַנטראָגן אַ גרויסן אויסקויף. אין יאָר 1268 האָט אַלפֿאָנס באַפֿוילן אַרײַנצווזעצן אין תּפֿיסה אַלע פֿאַרמעג-לעכע ייִדן אין זײַן פּראָווינץ און צו קאָנפֿיסקירן זייער אייגנס. די תּפֿוסים האָט מען געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי האָבן אויסגעזאָגט אַלצדינג פּינקטלעך וועגן דעם צושטאַנד פֿון זייערע פֿינאַנצן. נאָך לאַנגע אונטער-האַנדלונגען האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט פֿרײַ פֿאַרן אויסקויף פֿון צוואַנציק טויזנט ליווערס, וואָס עס האָבן זיך מתחייבֿ געווען אַרײַנצוטראָגן די ייִדישע קהילות פֿון טולוזע און אַנדערע שטעט. אין אַ יאָר אַרום האָט דער גראַף אַלפֿאָנס, אויף צופֿרידן צו שטעלן די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט, באַשטעטיקט פֿאַר לאַנגעדאָק זײַן ברודערס באַפֿעל מפּות דעם, אַז ייִדן מוזן טראָגן אַ באַ-זונדער „סימן", אָבער שפּעטער האָט ער געלאָזן רײַכע ייִדן די מעגלעכקייט אויסצוקויפֿן זיך פֿאַר געלט, זיי זאָלן ניט דאַרפֿן טראָגן אָט דעם שאַנדצייכן. עס איז געווען אי פֿרומקייט אָפּגעהיט אי ניט צוגעלייגט צום עסק. ווען דער גראַף איז געוואָרן געשלאָגן מיט אַ שווערער אויגן-קראַנקייט, האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צו אַ ייִדישן אויגן-דאָקטאָר איבראַהים, הגם די גײַסט-לעכקייט האָט אויף אירע קאָנצילן פֿאַרבאָטן ערלעכע קריסטן צו קורירן זיך בײַ ייִדישע דאָקטוירים.

בעסער איז געווען דער מצבֿ פֿון ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אונטער די פֿעאָדאַלע האַרן אין יענע פּראָווינצן פֿון פֿראַנקרײַך, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער שווערער האַנט פֿון די קאַפּעטינגער. פֿאַר-אינטערעסירט צו באַקומען די „ייִדישע הכנסות" אין דער פֿאָרם פֿון קאָפּשטײַער און האַנדלס-אַקציז, האָבן די פֿעאָדאַלע גראַפֿן און ביסקופֿן גערן צוגענומען צו זיך די גערודפֿטע ייִדן פֿון די קיניגלעכע שטעט. אין דרום איז געגאַנגען אַ שטענדיקע עמיגראַציע פֿון ייִדן פֿון טולוזע, נים און אַנדערע שטעט, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער רעגירונג פֿון דעם קיניגס ברודער אַלפֿאָנס, קיין נאַרבאָנע, ווו עס זײַנען געווען צוויי ייִדישע קהילות – איינע אין דעם קוואַרטאַל, וואָס האָט געהערט דעם וויקאָנט, און די צווייטע אין דעם ביסקופֿס קוואַרטאַל. דעם קיניגס באַאַמטע, וואָס האָבן ניט געוואָלט לײַדן, וואָס זייערע צינזצאָלערס גייען אַוועק, פֿלעגן זיי אויפֿזוכן אין זייערע נײַע ווינערטער און פֿאָדערן, זיי זאָלן צאָלן קאָפּשטײַער, ווי דעם „קיניגס ייִדן"; דער וויקאָנט און דער ביסקופֿ פֿלעגן די תּבֿיעות אָפּוואַרפֿן, ווײַל זיי האָבן געהאַלטן, אַז די צוגעקומענע ייִדן מוזן צאָלן צינז זיי, פֿון דער אַנדער זײַט האָבן די מושלים פֿון נאַרבאָנע, סײַ דער וועלטלעכער און סײַ דער גײַסטלעכער, זיך געפֿלײַסט צוצוציִען ייִדן דורך פֿאַרשיידענע הנחות, איטלעכער אין זײַן ראַיאָן, אונטער זײַן יוריסדיקציע.

www.libtool.com.cn

די קהילה אין דעם גרויסן ייִדישן קוואַרטאַל (Grandes Juiveries) האָט זיך געלעבט פֿרײַ אונטער דעם שוץ פֿון די ליבעראַלע וויקאָנטן. בראָש פֿון דער קהילה זײַנען געשטאַנען אויסגעקליבענע פּרנסים אָדער „קאָנסולן", וואָס אין די ענינים בנוגע דער אויסווייניקסטער אײַנאָרדענונג פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל זײַנען זיי געשטאַנען אונטער די שטאָטישע קאָנסולן אָדער דעם מאַגיסטראַט, אָבער אין די אינעווייניקסטע ענינים זײַנען זיי געווען אויטאָנאָם. דער מנהיג פֿון דער קהילה איז געווען אַ „נשׂיא" פֿון דער מיוחסדיקער משפּחה בני קלונימוס (ב' I, §§ 35 און 39), וואָס איז אין פֿאָלק געווען באַוווסט אונטערן הויכן נאָמען roi juif (דער ייִדישער מלך). זײַן הויף (cortada) — אַ שורה הויכע בנינים פֿון אַ שיינער אַרכיטעקטור — האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿון דעם Grandes Juiveries.

אַ קלענערע קהילה האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַן אַנדער טייל שטאָט, אויף דעם ביסקופּס ערד. דער ביסקופּ פֿון נאַרבאָנע פֿלעגט באַקומען פֿון איר אַלע אָפּצאָלן, און דערפֿאַר האָט ער זי באַשיצט קעגן אַלע נגישות, דערין אויך קעגן די באַגרענעצנדיקע קאַנאָנען פֿון דער קירך. לא די וואָס מען האָט דאָ ניט אָפּגעהיט די באַשטימונגען פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל וועגן דער ייִדישער הלבשה, נאָר אַפֿילו ניט די החלטות פֿון דעם נאַרבאָנער סינאָד פֿון יאָר 1227, וואָס האָט באַשטעטיקט די רוימישע קאַנאָנען און באַשטימט די פֿאָרם פֿון דעם „ייִדישן צייכן". דער אַרציביסקופּ פּעטרוס III גופֿא, וואָס איז געווען פֿאָרזיצער אין דעם דאָזיקן סינאָד, האָט גאָר ניט געקלערט דורכצופֿירן אין לעבן זײַנע באַשטימונגען, וואָס זײַנען מבֿזה ייִדן, וואָרעם ער האָט מורא געהאַט, אַז זײַנע צינזצאָלערס וועלן דעמאָלט זיך אַריבערקלײַבן אין דעם אַנדער טייל שטאָט, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דעם ליבעראַלן וויקאָנט. די קאַנאָניקעס פֿון די אָרטיקע קירכן פֿלעגן ניט איין מאָל אויפֿוואַרפֿן די אַרציביסקופּן, וואָס זיי זײַנען עובֿר אויף די קירכלעכע תּקנות, נאָר יענע האָבן זיך ווײַטער געפֿירט זייער צווייזײַטיקע פּאָליטיק: אויף די סינאָדן האָט די גײַסטלעכקייט באַשטע־טיקט כלערליי פֿאַרבאָטן קעגן די קרעדיט־אָפּעראַציעס פֿון ייִדן (אַ שטייגער אין מאָנפּעליע אין יאָר 1258), נאָר בײַ זיך אין דער מעטראָפּאָליע האָבן זיי דעם דאָזיקן געלטהאַנדל ניט געמאַכט קיין שום שטערונגען, וואָס פֿון זיי וואָלטן געקאָנט לײַדן זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן און דער אָרטיקער האַנדל בכלל.

דער נאַרבאָנער אַרציביסקופּ פּעטרוס IV, היות ווי ער האָט געוואָלט צוציִען וואָס מער אײַנוואַנדערער, האָט געשאָנקען די ייִדן אַ נײַע כאַרטיע פֿון פֿרײַהייטן (1284). פֿאַר זיך האָט דער אַרציביסקופּ געשטעלט אַ תּנאַי, אַז ער באַקומט אַן אָפּצאָל פֿון יעדער „פֿײַעראָרט" אָדער „רויך" (feu), דער־

www.libtool.com.cn

פֿאַר האָט ער גאַראַנטירט די ייִדישע מלווים די אונטערשטיצונג פֿון דעם געריכט אין זייערע גערעכטע תּביעות צו זייערע בעלי־חובות און דאָס רעכט צו שאַפֿן איבער די משכּנות, דערבײַ איז נאָר געווען פֿאַרבאָטן צו נעמען פֿאַר אַ משכּן קירכלעכע חפֿצים. ווײַטער האָט ער זיך מתחייבֿ געווען, אַז איטלעכן ייִדן וואָס וועט זײַן אַרעסטירט אין אַ ציווילן ענין וועט מען ערבֿ שבת און יום־טובֿ אַרויסלאָזן פֿרײַ, בתּנאַי אַז נאָך שבת זאָל ער אַליין קומען צוריק אין אַרעסט אַרײַן. אַזוי אַרום האָט דער גײַסטלעכער פֿירשט באַשײַמפּערלעך קאָנקורירט מיט זײַן וועלטלעכן שכן, דעם וויקאָנט פֿון נאַרבאָנע, וואָס האָט פֿריִער געהאַט אַרויסגעגעבן זײַנע ייִדן אַ פֿרײַהייט־כאַרטיע. צווישן אָט די צוויי שכנים פֿלעגן ניט זעלטן אַרויסקומען סיכסוכים פֿון וועגן דער יוריסדיקציע איבער די ייִדן פֿון די צוויי קהילות פֿון נאַרבאָנע, וואָס פֿלעגן זיך אַריבערקלײַבן פֿון איין קוואַרטאַל אין צווייטן — די דאָזיקע סיכסוכים פֿלעגן אויסגעגלײַכט ווערן דורך שריפֿטלעכע אָפּמאַכן צווישן די צוויי קאָנקורענטן. פֿון אָט דער קאָנקורענץ פֿון זייערע באַשיצערס האָבן ייִדן פֿאַרשטייט זיך נאָר געוווּנען.

אַ דאַנק אָט דעם שוץ פֿלעגן אָפֿט מאָל אויסגעמיטן ווערן מאַסן־אָנפֿאַלן אויף ייִדן אין די לענדער פֿון די פֿעאָדאַלן. אין יאָר 1236 האָט איינער אַ ייִד אין נאַרבאָנע זיך צעקריגט מיט אַ קריסטלעכן פֿישער־ייִנגל, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ הילצערנער כּלי איבערן קאָפּ און געמאַכט אים אַ שווערע וווּנד. דער קריסטלעכער דאָקטאָר וואָס מען האָט גערופֿן צום פֿאַרוווּנדטן האָט אים ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט היילן, און דאָס ייִנגל איז אַוועקגעשטאָרבן. באַלד איז געוואָרן אומרויִק אין שטאָט. עס האָט זיך צעקלונגען דער געוואַלדגלאָק אויפֿן קירכן־טורעם, דער המון איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן, גענומען אַרײַנרײַסן זיך אין ייִדישע הײַזער, ברעכן טירן, שלאָגן די אײַנוווינער, ראַבעווען זייער אייגנס. אין דער זעלביקער צײַט זײַנען די מיטגלידער פֿון דעם שטאָטראַט, די קאָנסולן, אַוועק צום פּאַלאַץ פֿון דעם וויקאָנט עמערי IV און געפֿאָדערט פֿון אים נקמה פֿאַרן דערהרגעטן קריסט. נאָר דער וויקאָנט, וואָס איז געווען פֿרײַ פֿון די ווילדע אײַנגלייבענישן און וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער טויט פֿון דעם פֿישער־ייִנגל איז נאָר אַן אומגליקלעכער פֿאַל, איז אויף דער גיך געקומען די ייִדן צו הילף. ער האָט געבראַכט אַן אָפּטיילונג מיליטער קעגן די אָנפֿאַלערס, אַוועקגעטריבן זיי פֿון די ייִדישע הײַזער און דאָס אָנגעראַבעוועטע אייגנס אָפּגעגעבן צוריק די בעלי־בתּים. די קהילה איז פּטור געוואָרן פֿון אַ גרויסער סכּנה, און צום אָנדענק פֿון דער געשעעניש איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ יערלעכער יום־טובֿ אין יענעם טאָג, 21 טעג אין אָדר, אַ וואָך נאָך פּורים (דער „נאַרבאָנער פּורים").

www.libtool.com.cn

אָבער די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען זײַנען גאָרנישט געווען בכּוח אויפֿצוטון קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די קרייצפֿאָרערס, וואָס אין לודוויג IXטנס צײַט זײַנען זיי ניט איין מאָל צונויפֿגעקליבן געוואָרן צוליב אַ קריגסמאַרש אין די מזרח-לענדער. עס פֿלעגט אָפֿט טרעפֿן, אַז דער געפּלאַנטער קריגסמאַרש אין דער ווײַט איז געוואָרן אָפּגעשאַפֿט אָדער אָפּגעלייגט, און דעמאָלט פֿלעגן די אָפּטיילונגען וואָס האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן, פֿאַרן צעגיין זיך אין זייערע היימען, האַלטן פֿאַר זייער חובֿ זיך אָפּצורעכענען מיט ייִדן. זומער פֿון דעם זעלביקן יאָר 1236 האָבן ווילדע כאָפּטעס פֿון די קרייצפֿאָרערס גערויבעוועט און געהרגעט מענטשן אין באָרדאָ, אַנזשו, פּואַטו און די שכנישע שטעט. ווייניק ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט דורך אָננעמען קריסטנטום לפּנים, דער גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען אומגעקומען אויף קידוש-השם; טייל האָבן אַליין זיך גענומען דאָס לעבן, אַזוי ווי די ריינישע קדושים פֿון דעם ערשטן קרייצצוג. אַן ערך 3000 מאַן זײַנען אין יענעם שרעקלעכן זומער געוואָרן דערהרגעט און פֿאַרווונדט.[1] אַפֿילו דער פּויפּס גרעגאָר IX איז געווען גערירט דורך דער „טרערנדיקער בקשה פֿון די ייִדן וואָס ווינען אין פֿראַנקרײַך", ער זאָל זיי באַשיצן פֿון די טרעגערס פֿון דעם קרייץ. אין דעם בריוו צו די ביסקופּן פֿון באָרדאָ און אַנדערע צעראַבירטע שטעט האָט ער דערמאָנט, אַז צו דער פּראָגראַם פֿון דעם קאַמף קעגן ייִדישקייט געהער ניט ניט די פֿאַרטיליקונג און ניט דער איבערגעוואַלדיקער שמד פֿון ייִדן, וואָס געפֿינען זיך איצט „אין אַ נײַער קנעכטשאַפֿט פֿון מצרים" (sub nova egyptiaca servitute)— דאָס האָט זייער אַ סך צו זאָגן, ווען דער ראָש פֿון דער קריסטלעכער קירך אַליין איז דאָס מודה.

## § 4. רעליגיעזע וויכּוחים און די פֿאַרברענונג פֿון דעם תּלמוד; קרבנות פֿון דער אינקוויזיציע

די צײַט פֿון אַ טיפֿן רעליגיעזן אויפֿברויז און פֿון דרייסטע אַפּיקורסישע שיטות אין קריסטנטום האָט אַנטוויקלט אין דער געזעלשאַפֿט אַ ניט-געוויינטלעכן חשק צו רעליגיעזע וויכּוחים. די כּפֿירה פֿון די וואַלדענדער און אַלביגענזער, וואָס האָבן אָפּגעלייקנט יענע קריסטלעכע דאָגמעס, וואָס זײַנען באַזונדערס געווען דערווידער ייִדן, איז צום טייל געווען פֿאַרבונדן מיט יענע

1 די דאָזיקע קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאַרצייכנט נאָר אין אַ קורצער נאָטיץ פֿון דער העברעיִשער כראָניק „שבט יהודה" (אין דער הוספֿה, מיט אַ פֿאַלשער דאַטע 1219); קלערער ווערט גערעדט וועגן איר אין דעם בריוו פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: Lacrimabilem Judaeorum... recepimus quaestionem. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

הייסע וויכּוחים, וואָס זײַנען פֿון קדמונים אָן געפֿירט געוואָרן צווישן ייִדן און קריסטן. אין דער צווייטער העלפֿט 12טן י״ה, בעת אָט די כּפֿירות האָבן דערגרייכט צו זייער העכסטער מדרגה אין דרום־פֿראַנקרײַך, זײַנען אַזעלכע רעליגיעזע וויכּוחים געוואָרן אַ מעשׂה בכל יום אין דער געזעלשאַפֿט און אין דער ליטעראַטור. מען האָט זיך צו זיי געגרייט בײַ ביידע צדדים: קאַטוי־לישע טעאָלאָגן האָבן געשריבן פּאָלעמישע טראַקטאַטן אויף צו לערנען קריסטן, וואָס זיי האָבן צו טענען אין די וויכּוחים קעגן ייִדן,[1] און די רבנים ווידער פֿלעגן מחבר זײַן פּונקט אַזעלכע הילפֿסביכער אויף אָפּצופֿרעגן די דאָגמעס פֿון קריסטנטום און אָפּצוווענדן זײַנע פֿאַלשע אײַנטײַטשונגען פֿון תּנך. אין יענער צײַט האָבן די מדקדקים און מפֿרשים רבי יוסף און רבי דוד קמחי (באַנד I, § 47) געשריבן זייערע אַנטיקריסטלעכע אַפּאָלאָגיעס. אין דער הקדמה צו זײַן „ספֿר הברית“ זאָגט קמחי, אַז ער האָט דעם ספֿר געשריבן לויט דעם פֿאַרלאַנג פֿון זײַנע תּלמידים, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַ הדרכה פֿאַר די וואָס פֿירן וויכּוחים מיט אַנדערשגלייביקע און געשמדטע ייִדן, וואָס פֿאַרדרייען דעם פּשט פֿון די כּתבֿי־הקודש דורך סימבאָלישע אײַנטײַטשונגען אין קריסטלעכן זינען.

דער דאָזיקער קליינער טראַקטאַט איז געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ שמועס צווישן אַ קריסט און אַ ייִד („מין ומאמין“) וועגן די דאָגמעס פֿון דרײַ־אייניקייט און גאָטמוטער, וועגן קריסטוסעס אויסלייזן די וועלט פֿון אָדם הראשונס חטא און וועגן זײַן ראָלע ווי אַ משיח. דער וויכּוח גייט אַ מאָל אַריבער פֿון טעאָלאָגישע ענינים צו סאָציאַלע און שטייגערישע. דער ייִד באַווײַזט אין דעם דיאַלאָג, אַז מאָראַליש שטייען ייִדן העכער ווי קריסטן. די לאַוון „לא תרצח“, „לא תנאף“ היטן זיי אָפּ בעסער, ווײַל צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אַ סך ווייניקער רוצחים און נואפֿים ווי צווישן קריסטן; די ליבשאַפֿט צום חבֿר איז בײַ ייִדן אויך מער פֿאַרשפּרייט: זיי שטייען בײַ איינער דעם אַנדערן אין אַן עת־צרה, זיי העלפֿן זייערע אָרעמע לײַט און יענע וואָס שעמען זיך צו בעטן האַלטן זיי אונטער מיט אַ מתּן־בסתר; זיי זײַנען מקיים די מצווה פֿון הכנסת־אורחים, זיי נעמען קיין מאָל ניט קיין געצאָלט בײַ אַ גאַסט, וואָס בײַ קריסטן איז דאָס זעלטן נוהג. אויף דער קיצלדיקער פֿראַגע וועגן דער ייִדישער וואָכערײַ האָט דער בעל־וויכּוח געענטפֿערט, אַז לויטן

---

1 די דאָזיקע ביכער פֿלעגן על־פּי־רובֿ ווערן געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון דיאַלאָגן צווישן אַ קריסט און אַ ייִד. פּאָפּולער זײַנען געווען די ביכער פֿון דעם מאָנאַך רופּערט: Annulus seu Dialogus christiani et judaei de fidei sacramentis, און פֿון פּעטרוס פֿון בלוא: Liber contra perfidiam judaeorum. אין 13טן י״ה פֿלעגט מען אַ מאָל אַזעלכע פּאָלעמישע לערנביכער שרײַבן אויך אויף דער פֿראַנצייזישער פֿאָלקשפּראַך (De la disputaison de la sinagogue et de la sainte église).

www.libtool.com.cn

דין פֿון דער תּורה טאָרן ייִדן ניט לײַען קיין געלט אויף צינזן זייערע פֿאָלקס-ברידער, און דאָס ווערט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט, אַז אַ ייִד דערלויבט זיך אַפֿילו ניט צו האַלטן תּבֿואה און אַנדערע פּראָדוקטן, ביז וואַנען די פּרײַזן דערויף וועלן שטײַגן, וואָרעם דער ריווח וואָס באַקומט זיך דערפֿון ווערט גערעכנט גלײַך ווי צינז; זיי נעמען צינזן אויף הלוואות בײַ קריסטן, אָבער קריסטן לײַען דאָך אויך געלט אויס אויף פּראָצענט סײַ אייגענע און סײַ ייִדן. איר זאָגט, — טענעט ווײַטער דער ייִד, — אַז צווישן אײַך זײַנען פֿאַראַן הייליקע לײַט, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון עולם-הזה, אָבער אַזעלכע זײַנען פֿאַראַן איינער אויף טויזנט אָדער צען טויזנט, די איבעריקע פֿירן אַ זינדיק לעבן; אַפֿילו אײַערע גלחים און בישקופֿן, וואָס האָבן געטאָן אַ נדר ניט חתונה צו האָבן, זײַנען אַרײַנגעטאָן אין זנות, אָבער צווישן דער ייִדישער גײַסטלעכקייט וועט איר אַזוינס ניט געפֿינען. נאָך גרינגער איז דעם ייִדן צו טענען אין דעם דאָגמאַטישן וויכּוח. שוין זשע, רופֿט ער אויס, האָט דער בורא עולם, וואָס צו זײַן גרויסקייט איז קיין שיעור ניטאָ, דווקא געמוזט אַרײַן אין דער טראַכט פֿון אַ פֿרוי, געבאָרן ווערן און שטאַרבן, בכדי צו ברענגען די גאולה פֿאַר דער מענטשהייט? וואָס באַטײַט ישוס אויסרוף אויפֿן קרייץ: „אלי, למה שבקתני?" — „מײַן גאָט, פֿאַר וואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזן?" ווי באַלד ער איז אַליין דער גאָט, האָט ער דאָס גערופֿן צו זיך? אויב ער איז געקומען מכפּר צו זײַן אויף דעם חטא פֿון אָדם הראשון מיט חוהן, טאָ צוליב וואָס האָט ער געוואַרט פֿיר טויזנט יאָר? אויב ער וואָלט געקומען פֿריִער, וואָלטן דאָך הונדערטער דורות געווען גליקלעך, ווײַל זיי וואָלטן פּטור געווען פֿון אָפּצוקומען די שטראָף פֿאַר די זינד פֿון די אור-אָבֿות. איר טענעט, אַז ייִדן זײַנען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט און לײַדן צרות דערפֿאַר, וואָס זייערע אָבֿות האָבן קריסטוסן פֿאַרפֿײַניקט אויפֿן קרייץ. אָבער איר גופֿא גלייבט דאָך, אַז ישו איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, בכדי איבערצוקומען עינויִים און טויט צוליב דער אויסלייזונג פֿון דער מענטשהייט, — הייסט דאָס, אַז אונדזערע אָבֿות האָבן אים נאָר געהאָלפֿן אויספֿירן זײַן רצון, אָדער ער, דער גאָט, האָט זיי אַרײַנגעגעבן דעם געדאַנק דאָס צו טון, איז פֿאַר אָט דעם וואָס זיי האָבן געטאָן אַזאַ מצווה, דאַרפֿן זייערע קינדסקינדער אָפּקומען? דער דיאַלאָג לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער: „אונדזער תּורה ווערט צוגע-גליכן צו פֿײַער, און איר האָט וואַסער צום טויפֿן, אײַער וואַסער וועט אונדזער פֿײַער קיין מאָל ניט אויסלעשן".

ר' יוסף קמחיס זון ר' דודן (רד"ק) איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו פֿירן פּערזענלעך וויכּוחים מיט קריסטן. אָפּקלאַנגען פֿון אָט די וויכּוחים געפֿינען זיך אין זײַן פּירוש אויף תּהילים און אין אַ באַזונדער אַפּאָלאָגיע א"נ „תּשובֿת הרד"ק". צווישן אַנדערע זאַכן ווײַזט ער אָן דערויף, אַז די

www.libtool.com.cn

ראַיות, וואָס די אַפּאָסטאָלן און קירכן-פּאָטערס ברענגען פון די נביאים, אַז ישו איז דער משיח, זײַנען קיין ראַיות ניט, מחמת מען קאָן אין אים ניט געפינען קיין איינעם פון די סימנים, וואָס די נביאים האָבן אָנגעזאָגט אויפן משיח: ישו איז אַ „בן-דוד" נאָר פון דער מוטערס צד, אַפילו אויב מען זאָל גלייבן דעם יחוס-בריוו פון דער עוואַנגעליע; ער האָט ניט צונויפגעקליבן דאָס צעזייטע פאָלק ישראל פון אַלע עקן וועלט און האָט ניט אויפגעבויט ירושלים; ער האָט ניט אײַנגעשטעלט שלום אויף דער וועלט, וואָרעם מלחמות האָבן ניט אויפגעהערט און מענטשן האָבן נאָך ניט איבערגעשמידט זייערע שווערדן אין אַקער-אײַזנס.

די פּאָלעמיק בעל-פּה און בכתב האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין 13טן י"ה, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די מיסיאָנערן פון דעם אָרדן פון דאָמיניקאַנער אָדער „ברידער-פּריידיקער" (fratres praedicatores), וואָס פלעגן צושטיין צו ייִדן, זיי זאָלן זיך מיט זיי מתווכח זײַן אין די ענינים פון גלויבן. צי אין אַ פּריוואַטן שמועס צווישן אַ מאָנאַך און אַ רבֿ, אָדער אין שול, וואָס דער מיסיאָנער דער דאָמיניקאַנער פלעגט קומען אַהין מיט גדלות זאָגן זײַן דרשה, פלעגט זיך צעפלאַקערן די אייביקע פּלוגתא פון די צוויי רעליגיעס. אַ סך ייִדישע תּלמידי-חכמים האָבן זיך אַזוי אײַנגעשאַרפט אין דער קונסט צו פירן וויכּוחים, אַז זיי זײַנען געוואָרן אמתע קינצלער אויף דעם געביט. אין יענער צײַט זײַנען געווען מפורסם צוויי אַזעלכע בעלי-וויכּוח, רבי נתן אופיציאַל און זײַן זון רבי יוסף. זיי פלעגן אָפט פירן וויכּוחים מיט ביסקופּן, געלערנטע „יאַקאָביטן" (דאָמיניקאַנער) און פראַנציסקאַנער און מיט דעם קיניגס הויפגײַסטלעכן. עס איז געבליבן אין כּתבֿ-יד אַ זאַמלונג פון זייערע תּשובֿות אונטערן נאָמען „ספר יוסף המקנא". פון אָט דעם ספר איז צו זען, אַז די שמועסן זײַנען געפירט געוואָרן אין אַזאַ פרײַהייט און אומגעצווונגענקייט, וואָס אין פלוג וואָלט מען ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַזוינס אין יענע צײַטן פון אויפגערייצטע רעליגיעזע לײַדנשאַפטן. אין אינטימע שמועסן מיט די שׂרים פון דער קירך פלעגן די ייִדישע בעלי-וויכּוח זיך אײַנשטעלן צו געבן אומגעווינטלעך דרייסטע ענטפערס. אַ סך ענטפערס רופן אַרויס התפעלות מיט זייער חריפותדיקייט. עמעצער האָט געשטעלט ר' נתנען די קשיא: פאַר וואָס האָט דער גלות-בבֿל געדויערט נאָר 70 יאָר, און דער איצטיקער גלות נאָכן חורבן בית שני ציט זיך שוין איבער טויזנט יאָר? צי איז דאָס ניט אַ שטראָף דערפאַר, וואָס ייִדן האָבן ניט אָנגענומען קריסטוסן? דערויף האָט רבי נתן געענטפערט: „אין דער צײַט פון ערשטן בית-המקדש האָט דאָס ייִדישע פאָלק געזינדיקט דערמיט, וואָס עס האָט געדינט צו נישטיקע געצן, וואָס האָבן קיין באַטרעף און קיין האַפט ניט, און דערפאַר האָט די שטראָף זיך לאַנג ניט געהאַלטן, אָבער אין דער צײַט

www.libtool.com.cn

פֿון צווייטן בית־המקדש האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַרויסגעגעבן פֿון זיך ישון און זײַנע שליחים, וואָס האָבן אײַנגעפּעסטיקט זייער אמונה אין גאָר דער וועלט, פֿאַר אַזאַ חטא זײַנען זיי פֿאַרמשפּט צו זײַן צעשפּרייט איבער דער וועלט ביזן הײַנטיקן טאָג". איין גלח האָט געפֿרעגט: פֿאַר וואָס האָט איר ייִדן ניט אין אײַערע שולן קיין גלעקער צום קלינגען? האָט דער ייִד אים אָוועקגעפֿירט אויפֿן מאַרק, און זיי האָבן געהערט די קולות פֿון די הענדלערס מיט וואָלוועלע פֿיש, וואָס האָבן גערופֿן דאָס פּובליקום אין זייערע קרעמלעך אַרײַן. דערנאָך זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו יענער שורה קראָמען, ווו עס ווערן פֿאַרקויפֿט העכערע סאָרטן פֿיש, און דאָרט האָט מען קיינעם ניט גערופֿן. „אָט זעסטו, האָט געזאָגט דער ייִד: די בעלי־בתּים פֿון אַ גוטער סחורה דאַרפֿן ניט רופֿן צו זיך, ווײַל די סחורה רעדט פֿאַר זיך אַליין, און דעריבער טאַקע קלינגט מען בײַ אונדז ניט אין קיין גלעקער". דער קאַנצלער פֿון דעם פּאַריזער אוניווערסיטעט האָט געפֿרעגט בײַ אַ רבֿ: פֿאַר וואָס האָט תּורת משה אָנגעזאָגט, אַז דער וואָס האָט זיך אָנגערירט אָן אַ מת זאָל זײַן טמא, און מוז זײַן מחוץ למחנה? — האָט דער רבֿ געענטפֿערט: „וואָרעם דער אייבערשטער האָט פֿאָרויסגעזען, אַז עס וועלן אַ מאָל קומען מענטשן, וואָס וועלן גרויס האַלטן ישון דערפֿאַר, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך דעם טויט; דעריבער האָט ער אײַנגעשטעלט אַ חוק, אַז ווען מען רירט זיך צו צו אַ מת ווערט מען טמא". אַ גלח האָט געפֿרעגט: פֿאַר וואָס איז גאָט נתגלה געוואָרן משהן אין אַ סנה און ניט אין אַן אַנדער בוים? — „דאָס איז דערפֿאַר — איז געווען דער תּירוץ — וואָס פֿון אַ סנה קאָן מען ניט מאַכן קיין צלם". די ייִדישע בעלי־וויכּוח האָבן ניט געשאַנעוועט אויך די באַציאָנאַלע אייגן־ליבע פֿון זייערע מיט־שמועסערס. אויף דער טענה, אַז ייִדן זײַנען פֿאַרשקלאַווט בײַ פֿרעמדע פֿעלקער לויט גאָטס רצון, האָט רבי נתן געענטפֿערט: „איר טראָגט אויף זיך ניט דעם יאָך פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק, און קיין איין שטעקן שלאָגט אײַך ניט איבערן רוקן, אָבער איר אַליין זײַט אַ שטעקן, וואָס שלאָגט. אײַער געצײַג איז די שווערד, אײַער אומנות איז בלוטיקער קריג".

קיין ספק ניט, אַז די טענות פֿון די ייִדישע בעלי־וויכּוח האָבן צעטומלט די קריסטן, אַ מאָל פֿלעגן זיי זיי אויך אַרײַנברענגען אין כּעס. די פֿרידלעכע רעליגיעזע שמועסן פֿלעגן זיך אויסלאָזן מיט שאַרפֿע רייד פֿון איין זײַט, און טייל מאָל מיט „שלאָגנדיקע ראַיות", ווי אין דעם פֿאַל, וואָס איז דערציילט אויבן מיטן ריטער, וואָס האָט אָנגעשלאָגן דעם רבֿ אין קלויסטער. ווי מיר האָבן געזען, האָט לודוויג דער הייליקער געהאַלטן פֿאַר גוט אַזאַ מין אויסלאָז פֿון דעם וויכּוח און האָט אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש, אַז מיט ייִדן זאָלן זיך מתווכּח זײַן נאָר געלערנטע טעאָלאָגן, און ניט וועלטלעכע מענטשן.

www.libtool.com.cn

דערמיט איז דער קיניג מן הסתם אויסן געווען. די בולע פון דעם פויפס גרעגאר IX פון יאר 1233, אז עס איז בכלל פארבאטן קריסטן זיך אריינצולאזן אין וויכוחים מיט יידן וועגן די ענינים פון גלויבן, ווייל פשוטע און תמימות-דיקע קאטוילישע קאנען ביי אזעלכע וויכוחים אריינפאלן אין די נעצן פון כפירה. די קאטוילישע גייסטלעכקייט ווידער, וואס האט אין די איינצלנע וויכוחים מיט יידן ניט שטארק מצליח געווען, האט גענומען נאכפארשן און זוכן יענעם ארסענאל, פון וואנען „קריסטוסעס שונאים" נעמען זייערע כלי-זין. א סך געלערנטע מאנאכן פון דעם דאמיניקאנער-ארדן האבן געקענט העברעיש און מיט דער הילף פון געשמדטע יידן זייערע חברים האבן זיי געפרווט לייענען אויך דעם טעקסט פון תלמוד. און טאקע אין תלמוד האט מען גענומען זוכן דעם מקור פון די אנטיקריסטלעכע אידעען, און די יידישע משומדים האבן זיך גענומען העלפן דערין די קירכלעכע אויסשפירערס. אזוי איז פארפירט געווארן דער פראצעס קעגן תלמוד.

אין יאר 1239 האט דער דאמיניקאנער ניקאלאי דונין, א געשמדטער ייד פון לא-ראשעל, מיטן מיין צו ווייזן, וואס פאר א געטרייער דינער פון דער קירך ער איז, אריינגעשיקט דעם באשיצער פון דער אינקוויזיציע, דעם פויפס גרעגאר IX, א מסירה, ווו ער האט דערציילט, אז אין תלמוד זיינען פאראן ערטער מיט באליידיקונגען פאר קריסטוסן און די קריסטן, און בכלל אוממאראלישע מיינונגען. האט דער פויפס אויפגעגעבן די ביסקופן פון שפאניע, פראנקרייך און ענגלאנד און די פריארן פון דעם דאמיניקאנער-ארדן אין פאריז, זיי זאלן צונעמען ביי די יידן די ספרים פון תלמוד און אויס-פארשן, ווי ווייט אין דונינס מסירה איז פאראן אמת. די אויספארשונג האט זיך אנגעהויבן אין פאריז. מען האט ביי די ארטיקע יידן צוגענומען די ספרים פון תלמוד, און מען האט גערופן די רבנים, זיי זאלן געבן דערקלע-רונגען. עס איז באשטימט געווארן א קאמיסיע, וואס זאל אויסהערן דונינס באשולדיקונג און די תירוצים פון די רבנים. צום וויכוח זיינען מצד די יידן געקומען רבי יחיאל פון פאריז (מפריש), רבי משה פון קוסי (מקוצי) און נאך צוויי רבנים.

דעם 12טן יוני 1240 האט אין פאריז זיך אנגעהויבן אן עפנטלעכער וויכוח אינעם בייזיין פון די העכסטע שררות פון הויף און פון דער גייסט-לעכקייט. די קאמיסיע, וואס צו איר האבן געהערט דער ארציביסקופ פון פאריז, דער קאנצלער פון אוניווערסיטעט און איינער א מיטגליד פון דער „הייליקער אינקוויזיציע", האט צוגעשטעלט א לאנגן באשולדיקונגס-אקט קעגן תלמוד, וואס איז אויסגעארבעט געווארן מיטן אנטייל פון דעם מסור דונינען און וואס איז באשטאנען פון 35 פונקטן. די הויפטפונקטן פון דער באשול-דיקונג זיינען באשטאנען דערין, וואס אין תלמוד זיינען פאראן מימרות מיט

www.libtool.com.cn

באַליידיקונגען אויף קריסטוסן, דאָרט שטייט אַ שטייגער, אַז ער איז אַ ממזר און מרים האָט אים געהאַט פֿון אַ געוויסן בן סטדא, און אַז דערפֿאַר, וואָס ער איז אַוועק פֿון דער יִדישער אמונה איז ער פֿאַרמשפּט אויף אייביקע עינוּיִים אין גיהנם. ווײַטער זאָלן אין תּלמוד פֿלומרשט זיך געפֿינען מימרות מיט שׂנאה צו קריסטן: אַז מען מעג הרגענען „גוֹיִים" און אָפּנאַרן זיי („טעות גוי מותּר"), חוזק מאַכן פֿון זייערע „געצנבילדער" אָדער הייליקע בילדער, שילטן זיי אין תּפֿילות; אין תּלמוד זאָלן אויך זײַן גאָטלעסטערישע מימרות און אויך אוממאָראַלישע זאַכן, נאַרישקייטן און סתּם אומגעלומפּערטקייטן.

די אַלע באַשולדיקונגען זײַנען געווען געבויט אויפֿן סמך פֿון ציטאַטעס גענומען פֿון דער תּלמודישע אַגדה, ווו עס זײַנען געבליבן צווישן אַ סך לעגענדעס און מימרות שפּורן פֿון דעם פֿאָלקס אײַנגלייבעניש און פֿון זײַן פֿײַנטשאַפֿט צו די פֿרעמדגלייביקע וואָס האָבן דאָס גערודפֿט. אַ ראַציאָנאַליסט פֿון דעם רמבמס חדר וואָלט באַלד געקאָנט אָפּוואַרפֿן אָט די אַלע באַשולדיקונגען דורך דער דערקלערונג, אַז פֿאַר אָט דער גאַנצער ליטעראַטור פֿון דער אַגדה טראָגט די יִדישע רעליגיע ניט קיין אַחריות, פּונקט ווי דער קריסטנטום טראָגט ניט קיין אַחריות פֿאַר אַלע שרײַבעכצן פֿון די קירכן=פֿאָטערס און פֿון די מחברים פֿון די לעבנס=באַשרײַבונגען פֿון די הייליקע, וואָס האָבן אײַנגלייבענישן און רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ ניט ווינציקער ווי דער תּלמוד. נאָר דער פּאַריזער רבֿ רבי יחיאל און זײַנע חבֿרים פֿון דער שול פֿון די בעלי=התּוספֿות, וואָס האָבן אָנגענומען פֿאַר הייליק אויך די אַגדתא פֿון תּלמוד, האָבן זיך שווער געקאָנט אַן עצה געבן. בנוגע צו אייניקע מאַמרים האָט רבי יחיאל זיך אַרויסגעדרייט מיטן תּירוץ, אַז זיי האָבן ניט קיין שײַכות צום קריסטנטום, אָבער ער האָט אַפֿילו ניט געפּרוּווט אײַנצוטײַטשן יענע פּאָעטישע לעגענדעס, וואָס די באַשולדיקער האָבן אין זיי אײַנגעפֿונען גאָטלעסטערונג (למשל, אַז גאָט פֿאַרגיסט אַלע טאָג טרערן דערויף, וואָס ער האָט חרובֿ געמאַכט דעם בית=המקדש און צעשפּרייט די יִדן איבער דער וועלט, און כּדומה נאָך אַזעלכע). אַנטקעגן די מאַמרים פֿון תּלמוד וואָס זײַנען פּוגע בכּבֿוד די „גוֹיִים" האָט רבי יחיאל געבראַכט אַנדערע מאַמרים וועגן דעם, אַז יִדן זײַנען מחוייבֿ צו זאָרגן פֿאַר אָרעמע לײַט און פֿאַר קראַנקע אָן אונטערשייד פֿון גלויבן, אָדער אַז יִדן באַדאַרפֿן די ערשטע באַגריסן ניט=יִדן וואָס זיי באַגעגענען אאַז"וו. „דו ווייסט, — האָט ער געזאָגט צום באַשולדיקער דונינען, — ווי מיר היטן געטרײַ אונדזער תּורה, וויפֿל פֿון אונדז זײַנען געוואָרן דערהרגעט, פֿאַרטרונקען, פֿאַרברענט, דערשטיקט פֿאַר אונדזער גלויבן, און פֿון דעסט וועגן האַלטן מיר אונטער דעם פֿאַרקער מיט קריסטן, וואָס מיט געצנדינער טאָרן מיר דאָס ניט לויטן תּלמוד. עס שטייט אין תּלמוד למשל: „דרײַ טעג פֿאַר די חגאות פֿון די עכּו"ם טאָר מען מיט זיי ניט האָבן

www.libtool.com.cn

קיין מגע-ומשא" — און איצט גיי זיך נאָר דורך איבער דער ייִדישער גאַס, ווען זעסטו זען, אַז ייִדן פירן געשעפטן מיט קריסטן אַפילו אין די טעג פון די קריסטלעכע חגאות גופא. מיר האָבן שותפישע געשעפטן מיט זיי, גיבן אָפּ קינדער צו קריסטלעכע אַמען, לערנען מיט קריסטן תורה, וואָרעם עס זײַנען דאָך פאַראַן אַ סך גײַסטלעכע וואָס קענען העברעיִש". אין דעם זעלביקן זינען האָבן געענטפערט אויך רבי יחיאלס חברים אויפן וויכוח. די מאָנאַכן ווידער האָבן אין פּראָטאָקאָל פון די זיצונגען אַרײַנגעשריבן, אַז די רבנים האָבן זיך מודה געווען, אַז אין תלמוד זײַנען פאַראַן אַ סך משונהדיקע ערטער. דערפון איז געמאַכט געוואָרן דער אויספיר, אַז דער תלמוד איז אַ גאָט-לעסטעריש און שעדלעך בוך, און מען באַדאַרף אים אויסהאָבן. און די קאָמיסיע פון די גײַסטלעכע פּאַטערס האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק, אַז אַלע צונויפ-געקליבענע כתבֿ-ייִדן פון תלמוד דאַרפן פאַרברענט ווערן.

אויפגערודערט דורך דער החלטה פון דער פּאַריזער קאָמיסיע האָבן די ייִדן אויפגעהויבן אַ גרויסע השתדלות בײַ די העכערע שׂררות, אַז מען זאָל די גזרה מבֿטל זײַן אָדער לכל-הפּחות אָפּלייגן אויסצופירן דעם פּסק-דין. אַ דאָמיניקאַנער-מאָנאַך פון יענער צײַט דערציילט, אַז די פּאַריזער ייִדן האָבן אונטערגעטראָגן אַ גרויסע סומע געלט איינעם אַ הויפישן פּרעלאַט און געבעטן בײַ אים רחמים, ער זאָל ראַטעווען זייערע ספרים פון דעם שײַטער-הויפן. דער אונטערגעקויפטער פּרעלאַט האָט געפועלט בײַם קיניג אָפּצושאַפן דעם פּסק פון דער קאָמיסיע, און מען האָט זיי אָפּגעגעבן צוריק די קאָנפיסקירטע ביכער. זײַנען די ייִדן געווען מלא שׂמחה, אָבער די שׂמחה האָט לאַנג ניט געדויערט: אין אַ יאָר אַרום איז דער זעלביקער פּרעלאַט איין מאָל געקומען אויף אַן אוידיענץ צום קיניג, און מיט אַ מאָל האָט ער דערשפּירט אַ ווייטאָג אין די געדערעם און איז באַלד אויפן אָרט אַנידערגעפאַלן אַ טויטער; דער קיניג האָט דערין אײַנגעזען אַ שטראָף פאַר דער זינד פון זײַן גײַסטלעכן, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט די ייִדישע ספרים, און האָט געהייסן אויספירן דעם פּסק-דין איבער זיי. פון דער דאָזיקער מעשׂה מעג מען אַרויסדרינגען נאָר דעם פאַקטישן אויספיר, אַז דורך זייערע השתדלותן האָט ייִדן אָפּגע-גליקט אָפּצורוקן אויף צוויי יאָר די אויספירונג פון דעם גזר-דין פון דער קאָמיסיע. אין יאָר 1242 איז דער גזר-דין אויסגעפירט געוואָרן. אין יוני פון דעם יאָר האָט מען אָנגעלאָדן די ספרים פון תלמוד אויף 24 פורן, אַוועק-געפירט אויף איינעם פון די פּאַריזער פּלעצער און פאַרברענט. די בשׂורה וועגן דער פאַרברענונג פון די הייליקע ספרים האָט אַרויפגעוואָרפן אַ גרויסן טרויער אויף ייִדן פון אַלע לענדער. דער דײַטשער הויפּט-רבֿ רבי מאיר פון ראָטנבורג האָט איבער דעם פאַל מחבר געווען זײַן באַוווסטע קינה, וואָס הייבט זיך אָן מיט אָט די האַרצרײַסנדיקע ווערטער געווענדט צו דער

הייליקער תּורה: „פֿרעג, דו פֿאַרברענטע אין פֿײַער, וואָס טוט זיך מיט די וואָס קלאָגן אויף דײַן שרעקלעכן גורל" („שאלי שׂרופֿה באש..."). אויך אין איטאַליע און אין פֿראַנקרײַך האָט מען געזאָגט אין די שולן קינות אויף דער פֿאַרברענונג פֿון דער תּורה. אין רוים האָט מען גוזר תּענית געווען פֿון וועגן דער גזרה אין פּאַריז.

נאָכן פּויפּס גרעגאָר IX האָט פֿאַרנומען דעם הייליקן שטול אינאָקענ־טיוס IV. ער האָט צו ערשט באַגריסט לודוויג דעם הייליקנס אויפֿטועון אין דעם קאַמף קעגן די „שענדלעכע ביכער" פֿון די ייִדן. אין אַ בריוו צום קיניג (1244) האָט דער פּויפּס געבעטן: „הייס, אַז אומעטום אין דײַן מלוכה, ווו מען וועט נאָר געפֿינען די דאָזיקע ביכער, זאָל מען זיי פֿאַרברענען אויפֿן פֿײַער". מען האָט ווידער אָנגעהויבן קאָנפֿיסקירן די ספֿרים פֿון תּלמוד אין די ייִדישע קהילות, און אין דער פּראָווינץ האָט מען זיך געגרייט אָפּצוריכטן פּונקט אַזעלכע אויטאָ־דאַ־פֿעס ווי אין פּאַריז. אין יענער צײַט איז דער פּויפּס געקומען צו פֿאָרן אויף אַ לענגערער צײַט קיין ליאָן, און עס זײַנען צו אים געקומען רבנים פֿון פֿאַרשיידענע קהילות מיט טענות דערויף, וואָס מען מישט זיך אַרײַן אַזוי גראָב אין דעם אינעווייניקסטן רעליגיעזן לעבן פֿון ייִדן. אָן תּלמוד, האָבן געזאָגט די רבנים, קאָנען מיר ניט לערנען די תּורה, וואָס ער טײַטשט אײַן, און ניט האַלטן די דינים פֿון אונדזער אמונה. דעמאָלט האָט אינאָקענטיוס IV אָנגעזאָגט דעם קאַרדינאַל דעם לעגאַט אָדאָן אין פּאַריז, וואָס איז געווען קאַנצלער פֿון אוניווערסיטעט און אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע וואָס האָט פֿאַרמשפּט דעם תּלמוד, אַז ער זאָל נאָך אַ מאָל איבערקוקן די תּלמודישע ספֿרים, בכדי צו זען וואָסערע פֿון זיי וואָלט מען געקאָנט אָפּגעבן צוריק די ייִדן אָן שאָדן פֿאַר דער קירך (1247). אין דער זעלביקער צײַט האָט דער פּויפּס געשריבן צום קיניג לודוויג, אַז ער האַלט פֿאַר זײַן חובֿ ווי דער כּהן־גדול פֿון דער קירך, וואָס טאָלערירט לעבן זיך די אָנהענגער פֿון דעם אַלטן בונד, צו געבן זיי די מיגלעכקייט צו לעבן לויט די דינים פֿון זייער רעליגיע. נאָר די פּאַריזער פֿאַנאַטיקער איז ניט געפֿעלן געוואָרן דעם פּויפּס' אָנווײַז, אַז מען מוז מילדערן די גזרה. דער לעגאַט האָט אין זײַן ענטפֿערבריוו אָנגעוויזן, אַז דער תּלמוד פֿאַרדרייט דעם פּשט פֿון דער ביבל, אַז די רבנים נאַרן אָפּ דעם פּויפּס און די קאַרדינאַלן מיט זייערע טענות, אַז מען קאָן כּלומרשט די ביבל אָן דעם תּלמוד ניט פֿאַרשטיין, און אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה, ווען מען זאָל אָפּגעבן די ייִדן די איבערגעבליבענע כּתבֿ־ידן פֿון דעם ניט לאַנג פֿאַרברענטן בוך. שלעכטע ביכער מוז מען פֿאַרטיליקן, פּונקט ווי שלעכטע מענטשן, כּופֿרים, הגם עס קאָנען געמאָלט זײַן אין זיי אויך גוטע געדאַנקען: מען פֿאַרמשפּט דאָך אַ כּופֿר וואָס לייקנט אָפּ כאָטש איין עיקר פֿון דער אמונה, ער מעג אַפֿילו גלייבן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין אַלע איבעריקע עיקרים. פֿון דעסט וועגן, פֿאַרענדיקט דער דעלעגאַט, פֿאָלגט ער דעם באַפֿעל פֿון דעם פּויפּס און זאָגט צו נאָך אַ מאָל איבערצוקוקן די כּתבֿ־ידן פֿון תּלמוד וואָס די ייִדן האָבן צוגעשטעלט.

אויף איבערצוקוקן דעם תּלמוד איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ נײַע צענזור־קאָמיסיע, וואָס אין איר האָבן גענומען אַן אָנטייל אַ סך קריסטלעכע טעאָלאָגן, צווישן זיי אויך דער באַרימטער דאָמיניקאַנער אַלבערטוס מאַגנוס, וואָס האָט אַרויסגענומען פֿון דעם רמבמס און אבן גבֿירולס פֿילאָסאָפֿישע ווערק די הויפּט־יסודות פֿון זײַן טעאָלאָגישער סיסטעם (Summa Theologiae). ווי מען האָט זיך געמעגט ריכטן, איז דער תּלמוד אויך אין דער נײַער קאָמיסיע פֿאַרמשפּט געוואָרן. איר פֿירער דער קאַרדינאַל דער לעגאַט אָדאָן האָט געמאָלדן (מאַי 1248), אַז די ספֿרים זײַנען פֿול מיט שרעקלעכע בלאָנדזשענישן און גאָט־לעסטערונגען און קאָנען ניט ווערן טאָלערירט אין אַ קריסטלעכער מלוכה. ווידער האָט מען זיך גענומען שטאַרק קאָנפֿיסקירן ייִדישע ספֿרים אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון פֿראַנקרײַך. אין די אַקטן פֿון יאָר 1250 זײַנען פֿאַרצייכנט אַ סך גבֿורות פֿון די „ברידער־פּריידיקער" (דאָמיניקאַנער) אין פּרט פֿון אויפֿזוכן און צעניששטעווען כּתבֿ־ידן פֿון דעם תּלמוד. שפּעטער האָבן אָט די רדיפֿות אויפֿגעהערט. ייִדן האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצוקויפֿן זיך פֿון אָט די נײַע גזרות, ווי פֿון אַ סך פֿריִערדיקע. די וועלטלעכע מאַכט האָט זיי אויך דאָ געהאָלפֿן קעגן דער אַרײַנדרינגונג פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט אין זייער אינעווייניקסטן לעבן. געליטן האָט נאָר צײַטווײַליק דער שטודיום פֿון תּלמוד אין די ישיבֿות פֿון פֿראַנקרײַך. אַ סך תּלמידי־חכמים און רבנים האָבן עמיגרירט. רבי יחיאל, דער אָנטיילנעמער אין דעם פּאַריזער וויכּוח, האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין ארץ־ישׂראל (1259).

די דאָמיניקאַנישע אינקוויזיציע, וואָס האָט אַוועקגעלאָזט מיטן פֿײַער די ייִדישע ספֿרים, האָט אַ מאָל געמאַכט שײַטער־הויפֿנס פֿאַר די ייִדן גופֿא אויך. אַ מאוימדיקע געשעעניש האָט געטראָפֿן אין פֿריִיאָר 1288 אין דער שטאָט טרואַ (Troyes), רשיס געבוירן־שטאָט און די וויג פֿון דער תּלמודישער וויסנשאַפֿט. אין דעם שטילן פֿרײַטאָג פֿון דעם יאָר, 26 טעג אין מאַרץ, וואָס איז אויסגעפֿאַלן גראָד אום שבֿיעי של פּסח, האָט אַ המון קריסטן, אונטערגעהעצט דורך דער דרשה אין קירך וועגן די עינויִים פֿון דעם געקרייציקטן קריסטוסן, זיך אַרײַנגעריסן אין הויז פֿון דעם רײַכן און געלערנטן ייִד יצחק שאַטעלען, בכדי „נקמה צו נעמען פֿאַרן אויסלייזערס טויט". לויט די רמזים אין די קינות, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אויף אָט דער גזרה, ווײַזט אויס, אַז די קריסטלעכע אויפֿהעצערס האָבן נאָך פֿריִער געהאַט אונטערגעוואָרפֿן אין שאַטעלענס הויז אַ דערהרגעטן קריסט און איצט האָבן זיי־

www.libtool.com.cn

געבראַכט צו פֿירן אַן אויפֿגערייצטן המון, בכדי אויפֿצודעקן דעם „ייִדישן פֿאַרברעך". דאָס הויז האָט מען צערויבּט, שאַטעלענען מיט זײַן משפּחה און נאָך אַכט פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה האָט מען אַרעסטירט און איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון די דאָמיניקאַנישע אינקוויזיטאָרן. דאָס געריכט פֿון דער אינקוויזיציע האָט באַשולדיקט די ייִדן אין אַ ריטועלן מאָרד און האָט פֿאַרמשפּט דרײַצן מענטשן צום פֿאַרברענען אויף אַ שײַטער=הויפֿן. די אינקוויזיטאָרן האָבן פֿאָרגעלייגט צו באַגנעדיקן יענע פֿאַרמשפּטע וואָס וועלן לאָזן זיך שמדן, אָבער די ייִדן האָבן ניט געוואָלט. דעם 24סטן אַפּריל איז דער פּסק=דין געוואָרן עפֿנטלעך אויסגעפֿירט.

דאָס שרעקלעכע בילד פֿון דעם פֿײַערטויט איז באַשריבּן אין פֿיר קלאָגלידער פֿון בני=דור, וואָס דרײַ פֿון זיי זײַנען אָנגעשריבּן אין העבּרעיִש און דאָס פֿערטע אין אַלט=פֿראַנצייזיש פֿון יענער צײַט מיט העבּרעיִשע אותיות. די ערשטע זײַנען צוגעגאַנגען צום שײַטער=הויפֿן רבּי יצחק שאַטעלען און זײַן משפּחה: זײַן טראָגעדיקע פֿרוי, צוויי זין און אַ שנור. מיט געבונדענע הענט אויפֿן רוקן זײַנען זיי געגאַנגען צום טויט זינגענדיק קאַפּיטלעך תּהילים. מען וואַרפֿט אַרײַן אין פֿײַער רבּי יצחקן, „וואָס איז געווען רײַך מיט כּל=טובֿ, אַ באַרימטער שאַפֿער פֿון תּוספֿות און פּירושים צו דער תּורה". אַז זײַן פֿרוי האָט דאָס דערזען, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן געשריי: „איך וויל גיין נאָך מײַן פֿרײַנד!" — און די טראָגעדיקע פֿרוי האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין שײַטער=הויפֿן. אין פֿײַן פֿון טויט האָט דער ייִנגערער זון אַ געשריי געטאָן צום עלטערן: „ברודער, איך ברען!" — און דער עלטערער האָט אים געענטפֿערט: „דו גייסט אין גן=עדן אַרײַן". אַז עס איז געקומען די ריי צו דער שיינער שנור, דער פֿרוי פֿון דעם עלטערן זון, האָבן די תּלינים גענומען זי אײַנרעדן: „שמד זיך, מיר וועלן דיר געבן אַ פֿײַנעם קאַוואַלער". נאָר זי האָט זיי ניט געוואָלט הערן און האָט אויסגערופֿן: „איך וועל מײַן גאָט ניט פֿאַרלאָזן, וויפֿל איר זאָלט מיך ניט פּײַניקן!" איינער פֿון די חשובֿים פֿון דער קהילה רבּי שמשון איז אומגעקומען ווי אַ העלד פֿון גײַסט אויפֿמונטערנדיק זײַנע חבֿרים. רבּי ברוך טובֿ=עלם (Bendit Bonfils) האָט צוגעשריִען דעם תּלין, וואָס האָט אים לאַנג געפּײַניקט: „בלאָז פֿונאַנדער דאָס פֿײַער, רשע!" אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך איז געווען נאָר שמעון דער סופֿר און דער חזן, וואָס „פֿלעגט אַזוי שיין דאַוונען אין שול"; ער האָט געוויינט און געטענעט: „ניט איבער מיר וויין איך, נאָר איבער מײַנע קינדער". צו רבּי יצחק כּהן זײַנען צוגעגאַנגען די „פּריידיקער" (די דאָמיניקאַנער) און האָבן אים גענומען צורעדן, ער זאָל זיך שמדן. האָט דער קדוש געענטפֿערט: „איך וועל שטאַרבּן אין גאָטס נאָמען; ווי אַ כּהן ברענג איך אים אַ קרבּן מײַן אייגענעם גוף". אויפֿן שײַטער=

www.libtool.com.cn

הויפן איז אומגעקומען נאָך דער כירורג ר׳ חיים פון בריטאַנאָן, „וואָס פלעגט בלינדע מאַכן זעענדיק״.

די שטאָט טרואַ, ווו עס איז פאָרגעקומען אָט די שרעקלעכע געשיכטע, האָט זיך געפונען אין דער גראַפשאַפט שאַמפּאַניע, וואָס איז קורץ פאַר דעם פאַראייניקט געוואָרן מיט די קרוינלענדער, ווײַל די גרעפין פון שאַמפּאַניע האָט חתונה געהאַט מיטן פראַנצייזישן קיניג פיליפּ דעם שיינעם. אַז דער קיניג איז געוואָר געוואָרן, וואָס די אינקוויזיציע האָט אָפּגעטאָן מיט די מיטגלידער פון דער יידישער קהילה, האָט ער דאָס באַטראַכט ווי אַ פאַרמי־נערונג פון זײַנע רעכט און ווי אַ היזק פאַר זײַן קאַסע. אין דרײַ וואָכן אַרום נאָך דעם עלילת־דם־פּראָצעס אין טרואַ האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די מאָנאַכן די אינקוויזיטאָרן טאָרן ניט משפטן קיין יידן אָן דער־לויבעניש פון דעם אָרטיקן קיניגלעכן סענעשאַל, וואָס מוז באַשטימען דעם ריין רעליגיעזן כאַראַקטער פון דעם פאַרברעך.

אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער טראַגעדיע אין טרואַ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ בלוטיקער אַקט אויפן יסוד פון דעם פאָלקס אײַנגלייבעניש אין פּאַריז גופא. אין יאָר 1290 זײַנען דאָ פאַרברענט געוואָרן אויף אַ שײַטער־הויפן אַ ייד און זײַן פרוי, וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי זאָלן האָבן דורכגעשטאָכן אַ האָסטיע, אַ ברייטל, וואָס ווערט באַנוצט אין דער קירך בײַ דער קאָמוניע. צווישן פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט דער אומגע־לומפּערטער קלאַנג, אַז פון דער דורכגעשטאָכענער האָסטיע האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט, דאָס איז דאָס בלוט פון קריסטוסעס גוף, וואָס איז סימבאָליש אײַנגעשלאָסן אין דעם קירכנברויט. דער „מופת״ איז באַזונגען געוואָרן אין באַלאַדעס, און די קירך אויף Rue de Billettes, ווו דאָס איז געשען, האָט צוגעצויגן אַ סך גאָטבעטערס מיט מתנות. צוליב דעם טאַקע איז אַ פּנים געוואָרן אינסצענירט דער גאַנצער פּראָצעס. און צוויי יידישע נשמות זײַנען אומגעקומען אויפן שײַטער־הויפן פון דעם כבוד ווענן פון דער אייכאַריסטיע.

## § 5. פיליפּ דער שיינער און דער גירוש פון 1306

צווישן די צוויי רעגירונגען, ווען די שנאה צו יידן האָט געפלאַקערט מיט אַ העלישן פײַער — פון דעם פרומען לודוויג דעם הייליקן און פון דעם ווידערשפּעניקן פיליפּ דעם שיינעם, איז די קורצע רעגירונג פון פיליפּ III דעם דרייסטן (1270–1285) געווען ווי אַ מין „נייטראַלער פּאַס״ אין אַ מאַגנעט. דעם קיניגס פּערזאָן שפּילט ניט קיין ראָלע אין דער פּאָליטיק לגבי דער יידישער פראַגע: די קיניגלעכע מאַכט שטעלט נאָר איר שטעמפּל אויף די באַפעלן פון די קירכלעכע מאַכטאָרגאַנען, וואָס פירן דורך אין די דאָזיקע

www.1btool.com.cn

יאָרן מיט אַ באַזונדער התמדה די סינאָדאַלע קאַנאָנען. לויט דער פֿאָדערונג פֿון דער גײַסטלעכקייט האָט פֿיליפּ III באַנײַט אין יאָר 1271 דעם דעקרעט פֿון לודוויג דעם הייליקן, אַז ייִדן מוזן ניט אַנדערש טראָגן אַ סימן אויף די קליידער, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט אָן די קירכלעכע קאַנאָנען, וואָס האָבן פֿאַרבאָטן ייִדן צו האַלטן קריסטלעכע אַמען, פֿאַרקויפֿן פֿלייש קריסטן, באָדן זיך אין איין מרחץ מיט זיי, אאַז״וו. מיט דער ברכה פֿון די רוימישע פּויפּסן האָט דער אָרדן פֿון די דאָמיניקאַנער און דאָס געריכט פֿון דער אינקוויזיציע אין יענער צײַט אַנטוויקלט אין פֿראַנקרײַך אַן אינטענסיווע טעטיקייט, וואָס ייִדן האָבן זי אַלץ מער געשפּירט אויף זייער לײַב און לעבן.

נאָך אין יאָר 1267 האָט דער פּויפּס קלעמענס IV אַרויסגעגעבן אַ בולע („Turbato corde“), וואָס אין איר האָט ער באַפֿוילן די אינקוויזיטאָרן פֿון „דער געליבטער ברודערשאַפֿט פֿון די אָרדנס פֿון די פּריידיקערס און פֿון די מינאָריטן“, אַז זיי זאָלן רודפֿן ניט בלויז יענע קריסטן, וואָס זײַנען פֿאַרפֿירט געוואָרן צום ייִדישן גלויבן, נאָר אויך די ייִדן זייערע פֿאַרפֿירערס. די „פֿאַרפֿירטע“ זײַנען געווייניטלעך געווען יענע געשמדטע ייִדן, וואָס פֿלעגן בעת די גזרות אָננעמען לפּנים וועגן קריסטנטום און דערנאָך פֿלעגן זיי זיך פֿון אים אָפּזאָגן. אין יאָר 1273 האָט דער פּויפּס גרעגאָר X באַשטימט, אַז אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון דער קירך צוזאַמען מיט זייערע העלפֿערס, דאַרפֿן געמשפּט ווערן דורך דער אינקוויזיציע באַגלײַך מיט די כּופֿרים. אַ יאָר שפּעטער איז דער מאָנאַך בערטראַן דעלאַראָש באַשטימט געוואָרן פֿאַרן „אינקוויזיטאָר קעגן די כּופֿרים און יודאַיִזירנדיקע קריסטן“ אין דער פּראָוואַנס. אין יאָר 1277 האָבן די פֿראַנצייזישע אינקוויזיטאָרן אָנגעפֿרעגט בײַם פּויפּס ניקאָלאַוס III, וואָס זאָל מען טון מיט די ייִדן וואָס האָבן זיך אָפּגעווענדט פֿון קריסטנטום, וואָס זיי זיצן שוין אין תּפֿיסה אַ גאַנץ יאָר און ווילן נאָך אַלץ קיין תּשובֿה ניט טון און זיך אומקערן אין שויס פֿון דער קירך. האָט דער פּויפּס געענטפֿערט, אַז מיט אַזעלכע מענטשן דאַרף מען זיך באַגיין ווי מיט כּופֿרים, הײַנו, אַז מען דאַרף זיי איבערגעבן אין די הענט פֿון דער וועלטלעכער מאַכט אויף צו פֿאַרברענען זיי אויפֿן פֿײַער. אין דעם זעלביקן יאָר איז אין טולוזע פֿאַרברענט געוואָרן דער רבֿ רבי יצחק מאַל (Males), דערפֿאַר וואָס ער האָט צוגענומען איינעם אַ געשמדטן ייִדן, וואָס האָט תּשובֿה געטאָן פֿאַרן טויט, און האָט אים מקבר געווען אויפֿן ייִדישן בית־עלמין. אונטער דער השפּעה פֿון דעם פּויפּס׳ אַגענטן האָט פֿיליפּ III איבערגעמאַכט די החלטות פֿון די קאָנציליען אין קיניגלעכע „אָרדאָנאַנצן“. דער סינאָד אין בורזש (1276) האָט אויסגעאַרבעט אַ נײַע באַגרענעצונג פֿאַר ייִדן: ייִדן מעגן וווינען נאָר אין שטעט און גרעסערע שטעטלעך, אָבער ני

www.libtool.com.cn

אין דערפֿער, בכדי זיי זאָלן ניט אַראָפּפֿירן פֿון וועג די תּמימותדיקע דאָרפֿישע אײַנוווינער, – און עטלעכע יאָר שפּעטער באַווײַזט זיך דער דאָזיקער קאַנאָן שוין ווי אַ קיניגלעכער דעקרעט (1283), וואָס לייגט אַרויף אַ התחייבֿות אויף דוכסים, גראַפֿן, באַראָנען און אַלע באַאַמטע צו „צווינגען די ייִדן צו וווינען אין די גרויסע שטעט, ווו זיי וווינען געוויינטלעך". דערבײַ איז צו גלײַך אָנגעזאָגט געוואָרן אויפֿצופּאַסן, אַז די ייִדן זאָלן ניט בויען קיין נײַע שולן און ניט האַלטן בײַ זיך קיין ספֿרים פֿון תּלמוד, וואָס זײַנען פֿאַרמשפּט געוואָרן אין פּאַריז און וואָס מוזן פֿאַרברענט ווערן.

אַן אַנדער סיסטעם פֿון גזרות אויף ייִדן האָט זיך אײַנגעשטעלט אונטער פֿיליפּ IV דעם שיינעם (1285–1314). דער דאָזיקער אומרו פֿון אַ קיניג, וואָס האָט געפֿירט אַ מלחמה מיטן פּויפּסטום און דערפֿירט זי ביז אַ פֿויסטן־געשלעג מיטן פּויפּס באָניפֿאַציוס VIII, האָט געשטרעבט אײַנצוצאַמען די אינקוויזיציע און אָפּצושוואַכן די אַרײַנמישונג פֿון דער גײַסטלעכקייט אין די ענינים פֿון דער מלוכה, אָבער געטאָן האָט ער דאָס ניט מחמת ליבעראַליזם, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן קיין אַנדער מאַכט לעבן זיך, און אַוודאי ניט קיין קאָנקורענטן אויף אויסצופּרעסן געלט בײַ די אונטער־טאַנער. ער האָט פֿײַנט געהאַט די אינקוויזיציע ניט פֿאַר איר אַכזריות, נאָר פֿאַר איר רעכט צו קאָנפֿיסקירן דאָס אייגנס פֿון די פֿאַרמשפּטע, וואָס דאָס האָט צוגענומען בײַ אים די ירושה פֿון זײַנע אונטערטאַנער, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן אייגנס. אָט פֿאַר וואָס פֿיליפּ IV האָט נאָך דעם אויבן באַשריבענעם משפּט אין טרואַ פֿאַרבאָטן די אינקוויזיטאָרן להבא צו משפּטן ייִדן אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער קיניגלעכער מאַכט, און שפּעטער האָט ער ניט איין מאָל דערמאָנט זײַנע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן צו אַרעסטירן ייִדן לויט דער פֿאָדערונג פֿון מאָנאַכן און אַפֿילו פֿון הויכע שׂררות פֿון דער קירך, כּל־זמן זיי וועלן ניט זײַן זיכער, אַז דער ענין דאַרף ניט באַטראַכט ווערן אין קיניגלעכן ראָט (1288, 1291, 1302).

אַז דער קיניג אַליין האָט אָנגענומען פֿאַר גוט געלט אַפֿילו די סאַמע ווילסטע אָבערגלייבענישן פֿון דעם המון עם מכּוח ייִדן, איז צו זען דערפֿון, וואָס אין זײַן צײַט און בלתּי־ספֿק מיט זײַן הסכּם זײַנען אין פּאַריז פֿאַרברענט געוואָרן די אויבן דערמאָנטע צוויי ייִדן פֿאַר שענדן אַ האָסטיע. חוץ דעם האָט ער אין אַ באַזונדער דעקרעט (1299) אָנגעזאָגט זײַנע באַאַמטע, אַז לויט דער פֿאָדערונג פֿון „די אינקוויזיטאָרן אין די ענינים פֿון דער כּופֿרישער פֿאַרדאַרבעניש", מוזן זיי „אַרעסטירן, אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה, שלעפּן פֿון תּפֿיסה אין תּפֿיסה און שטראָפֿן לויט די געזעצן פֿון דעם אַפּאָסטאָלישן שטול" יענע ייִדן, וואָס עס פֿאַלט אויף זיי אַ חשד, אַז זיי פֿירן אַראָפּ קריסטן אויפֿן וועג פֿון ייִדישקייט אָדער אַז זיי פֿאַראומרייניקן „קריסטוסעס אַלהייליקן גוף" (האָסטיעס).

www.libtool.com.cn

אין דעם זעלביקן דעקרעט רעכנט דער קיניג אויס נאָך אַנדערע „פֿאַרברעכנס״ פֿון ייִדן: זיי באַהאַלטן אויס בײַ זיך אַנטרונענע כּופֿרים, זיי בויען אויס נײַע שולן און זינגען דאָרט צו הויך, זיי פֿאַרשפּרייטן די פֿאַרבאָטענע ספֿרים פֿון תּלמוד מיט זייערע „גאָטלעסטערישע אויסדרוקן קעגן דער בתולה מרים״.

בכלל האָט פֿיליפּ IV פֿאַרמאָגט אַלצדינג וואָס איז נייטיק אויף צו זײַן אַ גוטער שותּף פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט און דער הייליקער אינ־קוויזיציע אין זייער מלחמה קעגן ייִדן, מער ניט איין זאַך, וואָס אין דעם ייִדישן זאַקרויב האָט ער צו זיך קיין שותּפֿים ניט געוואָלט האָבן. אַפֿילו דעם געזעץ וועגן דעם סימן אויף ייִדישע מלבושים האָט דער געלטזוכיקער קיניג פֿאַרשטאַנען צו מאַכן פֿאַר אַ מקור פֿון הכנסה: ער האָט געהייסן נעמען געלטשטראָף בײַ יענע ייִדן, וואָס טראָגן ניט דעם סימן (1288). ער האָט באַנײַט דעם דעקרעט פֿון זײַן פֿאָרגייער וועגן דעם, אַז ייִדן טאָרן ניט וווינען אין קליינע שטעטלעך און דערפֿער (1291), אָבער ניט צוליב דעם, כּדי די „תּמימותדיקע דאָרפֿסלײַט״ זאָלן זיך ניט אַראָפּנעמען אַ שלעכטן בײַשפּיל, נאָר דערפֿאַר, ווײַל אין די קליינע יישובֿים איז קיין מסחר ניטאָ, און ממילא וועט די קרוין ניט אַרויסבאַקומען אַזוי פֿיל הכנסה פֿון די האַנדלס־אַקציזן, ווי אין די גרויסע שטעט.

קיין איין פֿראַנצייזישער קיניג האָט זיך אַזוי פֿיל ניט געעסקט מיט ייִדן ווי קיניג פֿיליפּ IV, אין דעם פּרט האָט ער אַריבערגעיאָגט אַפֿילו זײַן עלטער־זיידן פֿיליפּ אויגוסט. דורך אַלע זײַנע דעקרעטן ציט זיך איין פֿאָדעם: מיט ייִדן ווערט געהאַנדלט ווי מיט לײַב־אייגענע, פֿון ייִדן ווערט אַרויס־געפּרעסט געלט וויפֿל עס לאָזט זיך. נאָך זײַנענדיק אַ פּרינץ, בעת ער האָט חתונה געהאַט מיט דער גרעפֿין פֿון שאַמפּאַניע און האָט איבערגענומען די ממשלה איבער אָט דער פּראָווינץ, האָט ער זיך געלאָזט אויסצאָלן פֿון די ייִדן פֿון שאַמפּאַניע אַ „נדן״ פֿון 25.000 ליווערס פֿאַר באַשטעטיקן זייער וווינרעכט. שטענדיק האָט ער געפֿירט מחלוקתן מיט די באַראָנען וועגן דער יוריסדיקציע איבער די ייִדן פֿון די וואַסאַלע פּראָווינצן, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף זײַנע קיניגלעכע אייבעררעכט. אין יאָר 1297 איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ בוררים־געריכט צווישן דעם קיניג און זײַן ברודער קאַרל, דעם גראַף פֿון וואַלואַ, אַלאַנסאָן און אַנזשו, מכּוח 43 ייִדן, וואָס איטלעכער צד האָט געהאַלטן, אַז זיי זײַנען „זײַנע״; דאָס געריכט האָט געפּסקעט, אַז נאָר 12 ייִדן געהערן דעם גראַף, און דערבײַ זײַנען די צדדים געקומען צו אַ הסכּם, אַז ווען ייִדן קלײַבן זיך אַריבער פֿון איין פּראָווינץ אין אַ צווייטער, ווערן זיי דורך דעם ניט פּטור פֿון דער ערשטער אונטערטאַנשאַפֿט. טשיקאַווו איז, וואָס בוררים אין אָט דעם ענין זײַנען געווען לויטן אויסקלײַב פֿון די צדדים צוויי ייִדן: קאַלאָ (Calot) פֿון רואַן, דער פֿאָרשטייער פֿון דעם קיניגס ייִדן,

www.libtool.com.cn

און זשוסע (Joucet) פֿון פּאָנטואַז, „אַ ייִד פֿון דעם גראַף ד'אַלאַנסאָן". אין צוויי יאָר אַרום האָבן די ברידער אָפּגעשלאָסן צווישן זיך אַ גרויס געשעפֿט: גראַף קאַרל דע-וואַלואַ האָט פֿאַרקויפֿט צו פֿיליפּ IV אַלע ייִדן פֿון זײַנע פּראָווינצן, סך-הכּל 2000 מאַן, פֿאַר 20.000 ליווערס. זײַנע פּראָווינציעלע באַאַמטע, די סענעשאַלן און די באַלייִס, פֿלעגט דער קיניג כּסדר דערמאָנען, אַז זיי האָבן פּינקטלעך אויפֿצומאָנען דעם ספּעציעלן „ייִדישן אָפּצאָל" (taille des Juifs), און אַז די ניט-פּינקטלעכע צאָלערס דאַרף מען אַרעסטירן און אָפּשיקן קיין פּאַריז. פֿאַר אויפֿמאָנערס פֿון די אָפּצאָלן מיט אַחריות פֿאַרן אויפֿמאָנען פֿלעגן ווערן באַשטימט פֿאַרמעגלעכע ייִדן.

פֿיליפּ IV האָט שאַרף נאָכגעקוקט די קרעדיט-אָפּעראַציעס פֿון די ייִדן, בכדי עס זאָל אים אָנקומען זײַן חלק פֿון דעם ריווח. אין יאָר 1291 האָט דער סענעשאַל פֿון קאַרקאַסאָן, אַ גרויסן ייִדישן צענטער אין דרום, באַקומען פֿון קיניג אַ באַפֿעל: צונויפֿקלײַבן ידיעות וועגן אַלע פּראָצענט-הלוואות פֿון ייִדן און דורך איבערקוקן די שטרי-חובֿות און אויספֿרעגן די בעלי-חובֿות אויפֿקלערן, וויפֿל באַטרעפֿט אין איטלעכן חובֿ דער קרן און וויפֿל די אָנגע-וואַקסענע ציגזן, און דערבײַ האָט מען געמאָלדן די בעלי-חובֿות, אַז די ציגזן זײַנען זיי פּטור צו צאָלן. נאָר אין אַ יאָר אַרום האָט דער קיניג זיך מיישבֿ געווען, אַז אים קומט אויך צו פֿאַרדינען עפּעס בײַ אָט דעם עסק, און ער האָט געהייסן אויפֿמאָנען דעם קרן פֿון יענע חובֿות, וואָס מען האָט אויף זיי גענומען וואָכערצינזן, לטובֿת דער קיניגלעכער קאַסע. אין יאָר 1295 זײַנען אַרעסטירט געוואָרן די רײַכע ייִדן פֿון דעם סענעשאַלטום באָקער (Beaucaire) און אָפּגעשיקט קיין פּאַריז, ווו מען האָט זיי געהאַלטן תּפֿוס אין שלאָס, ביז וואַנען זיי האָבן ניט אויסגעזאָגט די גענויע סומעס פֿון זייערע הלוואות און האָבן ניט אָפּגעגעבן דעם קיניג דעם גאַנצן „וואָכערערשן" ריווח (usuraria) פֿון די דאָזיקע הלוואות. אַזוי אַרום איז דער קיניג, אונטערן אויסרייד צו באַפֿרײַען די בעלי-חובֿות פֿון דעם יאָך פֿון די וואָכערערס, אַליין געוואָרן דער הויפּט-וואָכערער. אָט דורך אַזעלכע טיילווײַזע קאָנפֿיסקאַציעס האָט ער צוגעגרייט דעם אַקט פֿון דער אַלגעמיינער עקספּראָפּריאַציע פֿון די ייִדן אין פֿראַנקרײַך.

עס איז געווען קלאָר, אַז פֿיליפּ דער שיינער, גייענדיק אין די דרכים פֿון פֿיליפּ אויגוסט, וועט דערגיין ביזן סוף — ביז דער אַלגעמיינער באַרוי-בונג פֿון ייִדן און זייער פֿאַרטרײַבונג פֿון לאַנד. דאָס איז טאַקע געשען אין יאָר 1306. די קיניגלעכע קאַסע איז געווען ליידיק, מען האָט געמוזט האָבן מיט אַ מאָל אַ גוואַלדיקע סומע, און דער קיניג האָט, פּונקט ווי יענער בעל-הבית אין דער מעשׂהלע, באַשלאָסן צו קוילען די הון וואָס לייגט גילדענע אייער: אַרויסטרײַבן די ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך און פֿאַרכאַפּן זייערע רײַכטימער.

www.libtool.com.cn

אויף אויסצופֿירן אָט דעם פּלאַן זײַנען אומעטום באַשטימט געוואָרן קאָמיסאַרן. לויט זײער באַפֿעל זײַנען קודם־כּל געוואָרן אַרעסטירט די פֿאָרשטײער פֿון די קהילות אין דעם גרעסטן טײל פֿון דער פֿראַנצײזישער טעריטאָריע, און דאָס גאַנצע אײגנס און די האַנדלסביכער פֿון די ייִדן זײַנען געוואָרן פֿאַר־חתמעט. דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט בלויז אין די קיניגלעכע פּראָווינצן, וואָס צו זײ האָבן איצט געהערט אַ סך פֿון די פֿריִערדיקע גרויסע גראַפֿשאַפֿטן (חוץ איל דע־פֿראַנס נאָך שאַמפּאַניע, נאָרמאַנדיע, אַנזשו, לאַנגעדאָק און אַנד׳), נײַערט אויך אין די פּראָווינצן פֿון פֿאַרשײדענע סעניאָרן, וואָס אַהין פֿלעגן די עקספּלואַטירטע ייִדן אָפֿט זיך אַרויסכאַפּן. פֿאַרשוינט זײַנען געבליבן נאָר אײניקע פּראָווינצן.

די אַרעסטן פֿון די ייִדן זײַנען געמאַכט געוואָרן אומעטום אין אײן טאָג, דעם 22סטן יולי (10 טעג אין אָב), אויף מאָרגן נאָך תּשעה־באָב. די אַרעסטירטע האָט מען געמאָלדן, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ חודש אַרום מוזן זײ אַוועק פֿון פֿראַנקרײַך, און איבערלאָזן דאָרט גאָר זײער אײגנס, חוץ די נײטיקע בגדים און אַ קלײנער סומע געלט אויפֿן וועג. אַ גרויסע מאַסע ייִדן (זײער צאָל איז אין די מקורים ניט אָנגעוויזן) זײַנען מיט אײן מאָל געבליבן אָן אַ הײם און אָן אײגנס. אַז דער געמאָלדענער טערמין איז פֿאַרבײַ, האָבן צענדליגער טויזנטער ייִדן פֿאַרלאָזן די שטעט פֿון פֿראַנקרײַך, ווו זײערע אָבֿות האָבן געוווינט נאָך אין די צײַטן פֿון דער אַלט־רוימישער אימפּעריע. דאָס גאַנצע אײגנס פֿון די פֿאַרטריבענע, די נחלאות און די מטלטלין, האָט צוגענומען דער קיניג און ליציטירט דאָס מיט ריוות. עס איז נאָך אַרויס אַ קלאַנג, אַז די פֿאַרטריבענע, וואָס האָבן געהאָפּט, אַז מען וועט זײ אין גיכן אַרײַנלאָזן צוריק אין פֿראַנקרײַך, האָבן פֿאַרגראָבן אַ סך טײַערע זאַכן אין באַהאַלטענע ערטער פֿון זײערע הויפֿן. האָט פֿיליפּ געלאָזט אויסרופֿן, אַז ווער עס וועט אָנווײַזן די קאָמיסאַרן די ערטער, ווו עס געפֿינען זיך די באַהאַלטענע ווערטזאַכן, זאָל מען דעם געבן אַ פֿינפֿט־חלק פֿון דעם געפֿינס. די ייִדן וואָס האָבן זיך געשמדט זײַנען ניט פֿאַרטריבן געוואָרן, נאָר פֿיליפּן איז געוויס ניט ניחא געווען דער צוואַקס פֿון דעם קריסטנטום, וואָרעם דורך דעם איז פֿאַרקלענערט געוואָרן זײַן זאַקרויב. איבעריקנס איז די צאָל פֿון משומדים געווען ניט גרויס, חוץ טולוזע, ווו אַ סך האָבן זיך געשמדט לפּנים וועגן כּדי ניט צו ווערן בדלות.

וועגן אָט דעם גירוש זאָגט אַ מאָדערנער פֿראַנצײזישער היסטאָריקער (Langlois) אָט וואָס: „דאָס וואָס איז געשען אין דער טולוזער פּראָווינץ נאָך דעם קיניגס פֿאַרכאַפּ, איז מן־הסתּם געשען אויך אין אַנדערע ערטער, [1]

---

1 קײן טולוזע איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַ באַזונדער רעקוויזיר־קאָמיסיע בראָש מיטן

www.libtool.com.cn

דאָס גאַנצע באַוועגלעכע און ניט-באַוועגלעכע אייגנס פון די ייִדן איז גיך געוואָרן אָפּגעשריבן און ליציטירט. טייל האָבן אויסבאַהאַלטן די ווערטפולסטע זאַכן; האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש פון די באַהאַלטענע אוצרות, און אַ פינפט-חלק פון דעם געפינס איז צוגעזאָגט געוואָרן די מוסרים. די אויפ-קלייבערס האָבן צוגענומען דאָס געלט, וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון די פאַרקויפטע זאַכן, און אויך חפצים פון גאָלד און זילבער: בעכערס, גאַרטלען, רינגען; דאָס אַלץ האָט מען אָפּגעשיקט אין דער מינצעריי אַריין, חוץ די שענסטע חפצים, וואָס מען האָט איבערגעלאָזן פאַרן קיניג. דער פאַרקויף פון די נחלאות איז אין גרעסטן טייל פּראָווינצן געוואָרן פונאַנדערגעטיילט אויף עטלעכע יאָר, בכדי ניט אַראָפּצוזעצן די פרייזן, הגם פון פּאַריז האָט מען כסדר אונטערגעאײַלט די קאָמיסאַרן איבער די ייִדישע ענינים, אַז זיי זאָלן ווירקן „גיכער און פּרוכטבאַרער"... אין די אַרכיוון פון דער אַלטער רעכענונג-קאַמער זײַנען פאַראַן אַ סך רשימות און באַריכטן, וואָס אָט די באַאַמטע האָבן צוגעשטעלט; עס זײַנען געבליבן אַ סך געריכט-פּראָטאָקאָלן, וואָס פון זיי איז צו זען, אַז טייל הײַזער, סעדער, שולן און בית-עלמינס פון ייִדן זײַנען פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ הויכן פּרײַז. אַזוי האָבן די קאָנסולן (מיטגלידער פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג) אין נאַרבאָנע אָפּגעקויפט פאַר 860 ליווורעס די באַרימטע „קאָרטאַדע" – דעם הויף פון דער משפחה בני-קלונימוס, וואָס איר ראָש איז געווען דער „פירשט" („נשיא") פון דער ייִדישער קהילה. די אויפקלייבערס פון דעם ייִדישן אייגנס אין דעם טולוזער סענעשאַלטום האָבן צונויפגעקליבן 75.264 ליווורעס."

פיליפ IV האָט געהאַט אַ תירוץ אויף צו באַרויבן די ייִדן דאָס, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעדיט-אָפּעראַציעס. אָבער נאָכן גירוש פון די ייִדן האָט ער גענומען אויפמאָנען פאַר זיך זייער געלט פון די קריסטלעכע בעלי-חובות מיט אַן איבערגעוויינטלעכער שטרענגקייט, הגם געמאָנט האָט ער נאָר דעם קרן אָן די ציִנזן. יענע בעלי-חובות, וואָס זייערע וועקסלען האָט מען ניט געפונען צווישן די פּאַפּירן פון די פאַרטריבענע, זײַנען געווען מחויב אַליין צו קומען און צו מעלדן די קיניגלעכע קאָמיסאַרן, ווי גרויס עס איז זייער חוב; די וואָס זײַנען ניט געקומען האָט מען אויפ-געזוכט לויט די פאַרשרײַבונגען אין די ייִדישע חשבונות-ביכער וואָס מען האָט צוגענומען בײַ ייִדן. דורך צוואַנג האָט דער קיניג אַרויסבאַקומען געלט אַפילו אויף אַלטע חובות און אויף שטרײַטיקע. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ סך אַ האַרטערן קרעדיטאָר, ווי די „וואָכערניקעס" וואָס ער האָט

---

באַוווסטן גיליאָם דע-נאָגאַרע (Nogaret), דעם קיניגס נאָענטסטער בעל-יועץ, דער אויספירער פון זײַנע מיאוסטע מעשים — דעם אָנפאַל אויפן פויפּס באָניפאַציוס און די באַרויבונג פון דעם טעמפּלער-אָרדן.

www.libtool.com.cn

פאַרטריבן. אין דעם פאַל, ווען עס פלעגן קומען קריסטן, וואָס זיי האָט געקומט געלט פון ייִדן, און זיי פלעגן מאָנען, אַז מען זאָל זיי סילוקן דעם חוב פון דעם קאָנפיסקירטן ייִדישן אייגנס, פלעגט מען זיי פשוט געבן האַלדז און אַקן: דער קיניג האָט זײַנע חובות ניט געצאָלט. די באַראָנען און סעניאָרן, וואָס האָבן נאָכן גירוש פון די ייִדן פון זייערע לענדער אָנגעוואָרן זייערע הכנסות, האָבן אַרויסגעשטעלט צום קיניג תביעות, אַז עס קומט זיי אַרויס אַ טייל פון דעם „ייִדישן זאַקרויב". די קיניגלעכע קאָמיסאַרן האָבן ניט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע תביעות, זיי האָבן אָבער מיט אַ כּיוון אַלץ אָפּגעשלעפּט צו באַפרידיקן זיי, בכדי צו צווינגען די סעניאָרן צו גיין אויף הנחות. און אַזוי איז טאַקע געווען: אַלע סעניאָרן וואָס האָבן געפאָדערט קאָמפּענסאַציעס האָבן סוף־כּל־סוף געמוזט זײַן צופרידן, ווען זיי האָבן געקראָגן אַ דריט־חלק פון דעם וואָס זיי האָבן געמאָנט, און אַ מאָל אויך ווייניקער.

די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע פון די ייִדן איז געווען אַזוי ווי אַ רעפּעטיציע צו יענע רויבערישע געננג, וואָס דער אומערלעכער קיניג און זײַנע בכבודיקע באַהעלפערס האָבן פּראַקטיקירט אין די שפּעטערדיקע יאָרן בײַם קאָנפיסקירן דאָס אייגנס פון דעם טעמפּלער־אָרדן. דאָס פראַנצייזישע פאָלק, נאָך אַלע זײַנע פאָראורטיילן לגבי ייִדן, האָט ניט געהאַלטן פאַר ריכטיק דאָס וואָס דער קיניג האָט אָפּגעטאָן מיט זיי. אין פראַנצייזישע פאָלקסלידער קאָן מען געפינען די מיינונג, אַז „די ייִדן האָבן געפירט ערלעכער זייערע געשעפטן, ווי איצט קריסטן", און אַז דאָס לאַנד איז אָרעמער געוואָרן נאָך זייער פאַרטרײַבונג. אין נײַן יאָר אַרום וועט דער נײַער קיניג פון פראַנקרײַך מוזן נאָכגעבן „דעם אַלגעמיינעם געשריי פון פאָלק" און אומקערן די ייִדן אין לאַנד אַרײַן, אָבער דער קלאַפּ פון יאָר 1306 וועט זיך שוין ניט לאָזן אויסהיילן.[1]

די פאַרטריבענע פון צפון־פראַנקרײַך האָבן זיך קודם־כּל געלאָזט גיין אין די נאָענטסטע געגנטן פון לאָטרינגען, בורגונד און דאָפינע, וואָס זייערע פעאָדאַלע מושלים זײַנען געווען ווייניקער אָפּהענגיק פון דער פראַנצייזישער קרוין. די ייִדן פון דרום זײַנען אַוועק אין די טיילן פון פּראָוואַנס בשכנות מיט שפּאַניע, וואָס האָבן זיך צײַטווײַליק געפונען אונטער דער ממשלה פון

1 מען דאַרף באַמערקן, אַז ייִדן זײַנען ניט געווען די איינציקע באַפעלקערונג־גרופּע אין פראַנקרײַך, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע גזרות. חוץ די טעמפּלערס, וואָס פיליפּ IV האָט פון זיי געמאַכט אַ תּל, כּדי צוצונעמען זייערע גוואַלדיקע רײַכטימער (צווישן די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן ריטער־אָרדן זײַנען געווען ניט ווייניק באַנקירן, וואָס האָבן געגעבן הלוואות מלכים און פירסטן), איז אין פראַנקרײַך געווען נאָך אַ באַפעלקערונג־גרופּע, וואָס איז געווען ענלעך צו ייִדן לויט איר עקאָנאָמישער ראָלע און וואָס האָט געהאַט דעם זעלביקן סוף וואָס זיי. דאָס זײַנען געווען איטאַליענישע סוחרים און חלפנים, וואָס זײַנען באַוווּסט אונטערן נאָמען „לאָמבאַרדער" און וואָס האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט פאַרלײַען געלט אויף פּראָצענט. אין 13טן י"ה האָבן די לאָמבאַרדער געמענגט זיך פאַרנעמען מיט זייער

www.libtool.com.cn

רעגירערס פֿון דער אַראַגאָנישער דינאַסטיע (די שטאָט פּערפּיניאַן מיטן קרײַז א"אַנד). אַ סך אָבער, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג זיך אומצוקערן, האָבן זיך באַזעצט אין די אינעווייניקסטע שטעט פֿון אַראַגאָניע, ווו עס האָבן אין יענער צײַט געבליט גרויסע ייִדישע קהילות (באַרצעלאָנע, סאַראַגאָסע א"אַנד), וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד (זע ווײַטער §§ 10–13).

## § 6. ייִדן אין ענגלאַנד אונטער דזשאָן אָן אַ לאַנד

די געשיכטע פֿון ייִדן אין ענגלאַנד אין 13טן י"ה איז אין די הויפּט-שטריכן אַ קאָפּיע פֿון זייער געשיכטע אין פֿראַנקרײַך. די ייִדישע מעטראָ-פּאָליע אויפֿן קאָנטינענט און אירע קאָלאָניעס אויף די אינדזלען האָבן אין גרויסן און גאַנצן איבערגעלעבט איין גורל, און די אונטערשיידן אין די פּרטים זײַנען געווען באַדינגט נאָר דורך דעם אונטערשייד אין דעם שטייגער און אין דער פּאָליטישער אָרדענונג פֿון ביידע לענדער. אין דעם ענגלישן אַרום איז די קאָפּיע אַרויסגעקומען אַ סך מגושמדיקער ווי דער אָריגינאַל. דער פּרינציפּ, אַז „די ייִדן זײַנען דעם קיניגס לײַבאייגענע האַנדלסלײַט", איז דאָ פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ פֿאַראייַנפֿאַכטער פֿאָרם און איז דורכגעפֿירט געוואָרן סיסטעמאַטיש, אָן רחמנות.

אַז דער קיניג ריטשאַרד I איז אין יאָר 1194 געקומען צוריק פֿון דעם קרייצצוג און איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם חורבן וואָס מען האָט אָנגעמאַכט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער צײַט, ווען ער איז ניט געווען (באַנד I, § 36), האָט ער באַפֿוילן צו מאַכן אַן אויספֿאָרשונג, דער עיקר בכדי אויפֿצוקלערן, ווי גרויס זײַנען געווען די היזקות פֿון דער קרוין דערפֿון, וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן דאָס ייִדישע אייגנס און זייערע שטרי-חובֿות. היות ווי דער קיניג האָט געקראָגן אַ באַשטימטן אָפּצאָל פֿון איטלעכן קרעדיט-חשבון, ממילא האָט ער געהאַט דירעקט היזק פֿון איטלעכן פֿאַרפֿאַלן געוואָרענעם וועקסל, וואָס דער ייִדישער קרעדיטאָר האָט שוין ניט

פּראָפּעסיע, נאָר בתנאי אַז זיי זאָלן אײַנצאָלן אין דער קיניגלעכער קאַסע אַ באַשטימטע סומע פֿון איטלעכער קרעדיט-אָפּעראַציע. צײַטנווײַז האָבן זיי אויך געהאַט אויסצושטיין פּלוצימדיקע עקספּראָפּריאַציעס. אין יאָר 277‚ זײַנען אַלע לאָמבאַרדער, וואָס האָבן געוווינט אין פּאַריז, געוואָרן אַרעסטירט in persona et rebus; דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין יאָר 1291, אונטער פֿיליפּ דעם שיינעם. אין יאָר 1311, פֿינף יאָר נאָכן גירוש פֿון די ייִדן, האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו פֿאַרטרײַבן אַלע לאָמבאַרדער, וואָס „עסן אַרום די באַפֿעלקערונג מיט זייער וואָכערײַ און פּטרן אַוועק דעם קורס פֿון אונדזערע מטבעות". די בעלי-חובֿות פֿון די פֿאַרטריבענע זײַנען געווען מחויבֿ צו באַצאָלן די ציִנזן פֿאַר די חובֿות די קיניגלעכע קאָמיסאַרן. שפּעטער האָט מען אויך די לאָמבאַרדער גערופֿן צוריק קיין פֿראַנקרײַך.

www.libtool.com.cn

געקאָנט אויפֿמאָנען דעם חוב לויט אים. בכדי אַזוינס זאָל להבא שוין ניט קאָנען פּאַסירן, האָט ריטשאַרד געהייסן, אַז ספּעציעלע באַאַמטע זאָלן רעגיסטרירן אַלע פֿינאַנציעלע געשעפֿטן פֿון ייִדן. אַלע מינים קרעדיט=התחייבֿותן און חשבונות האָבן געמוזט געשריבן ווערן אין צוויי עקזעמפּלאַרן, וואָס איינער פֿון זיי האָט זיך געפֿונען בײַ דעם קרעדיטאָר דעם ייִד, און דער צווייטער איז געוואָרן אַוועקגעלייגט אין מלוכה=אַרכיוו אין אַ באַזונדער קעסטל.[1] אַזוי אַרום ווען עס וואָלט זיך געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף ייִדן, און עס וואָלטן פֿאַרפֿאַלן גיין די דאָקומענטן, איז דער קיניג געווען באַוואָרנט דורך די קאָפּיעס. אָבער דער עיקר איז, וואָס דורך אָט דער רעגיסטראַציע האָט דער קיניג אַלע מאָל געקאָנט וויסן, ווי גרויס עס זײַנען די ייִדישע קרעדיט=אָפּעראַציעס און וויפֿל ריווח עס קומט אים אַרויס.

דערפֿון איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַרויסגעוואַקסן אַן אינסטיטוציע, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „ייִדישע רענטײַ" (Exchequer of the Jews), וואָס האָט זיך פֿאַרנומען ניט בלויז מיט דער רעגיסטראַציע פֿון ייִדישע געשעפֿטן, נאָר אויך מיט פֿונאַנדערקלײַבן געלט=סיכסוכים צווישן קרעדיטאָרן און בעלי=חובֿות, ווען די צדדים האָבן געהערט צו פֿאַרשיידענע אמונות. צווישן די שופֿטים זײַנען געווען סײַ קריסטן און סײַ ייִדן, פֿאַר באַאַמטע פֿון דער רענטײַ זײַנען באַשטימט געוואָרן נאָר קריסטן פֿון צווישן אַדלקרײַזן. אין משך פֿון דער צײַט זײַנען אין אָט דער „ייִדישער רענטײַ" קאָנצענטרירט געוואָרן אַלע ענינים וועגן אויפֿמאָנען שטײַערן און אָפּגאָבן פֿון ייִדן. די הכנסות פֿון דעם קיניג זײַנען געגאַנגען פֿון פֿיר מקורים: אַ שטײַער אויף דער ירושה פֿון פֿאַרשטאָרבענע, וואָס האָט באַטראָפֿן ביז אַ דריטל פֿון דער ירושה=סומע; קאָנפֿיסקירטע פֿאַרמעגנס פֿון מענטשן וואָס האָבן אָפּגעטאָן אַ קרימינעלן פֿאַרברעך; אַקציז פֿון געריכט=לאָדונגען, קרעדיט=געשעפֿטן און כלערליי אָפּמאַכן; צו לעצט אויסערגעוויינטלעכע אָפּגאָבן (tallages), וואָס מען פֿלעגט אויפֿמאָנען איטלעכס מאָל, ווען דער קיניג האָט זיך גענייטיקט אין געלט, צי אין דער געשטאַלט פֿון אַ קאָפּשטײַער אָדער אין דער פֿאָרם פֿון קאָנטריבוציעס, וואָס מען פֿלעגט אַרויפֿלייגן אויף איינציקע קהילות מיט אַן ערבֿות פֿון דעם כּלל. אָט די אַלע געצײַג פֿון דעם פֿיסקוס אויף אַרויסצוציִען געלט פֿון די לײַבאייגענע האַנדלסלײַט האָבן געלטגײַציקע מלכים געמאַכט פֿאַר עינויים=געצײַג, וואָס האָבן בהדרגה אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט בײַ דעם ייִדישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם אין ענגלאַנד און האָבן אים צעשטערט.

אַ גרויסער קונצנמאַכער אין דעם פּרט איז געווען דזשאָן אָן לאַנד (1199–1216). דער דאָזיקער געלטדאָרשטיקער קיניג האָט אויסגענוצט ייִדן

1 אַזעלכע שטרות זײַנען געשריבן געוואָרן געוויינטלעך אין העברעיִש מיט אַ לאַטײַנישער איבערזעצונג, און אַ מאָל נאָר אין לאַטײַן אָדער אין פֿראַנצייזיש פֿון נאָרמאַנדישן דיאַלעקט.

www.libtool.com.cn

ווי אַ שוואָם, וואָס מען לאָזט אים זיך אָנזאַפּן, בכדי דערנאָך אויסצוקוועטשן.
צו ערשט האָט ער פֿאַר געלט אַרויסגעגעבן די ייִדן אַ כאַרטיע (1201), ווו
ער האָט באַשטעטיקט זייער רעכט צו ווינען אומעטום און צו האַנדלען, פֿירן
זייערע פּראָצעסן מיט קריסטן אין קיניגלעכן געריכט, און ניט אין דעם
שטאַנדן-געריכט וואָס איז פֿײַנטלעך צו ייִדן, און אין די אינעווייניקסטע
סיכסוכים זיך צו משפּטן פֿאַרן אייגענעם בית-דין; אין אַ געלט-סיכסוך צווישן
אַ קרעדיטאָר אַ ייִד און אַ בעל-חובֿ אַ קריסט איז דער ערשטער געווען מחויבֿ
צו דערווײַזן די קרן-סומע פֿון דעם חובֿ, און דער צווייטער – זײַן רעכט אָפּצו-
ווענדן די תּבֿיעה פֿון פּראָצענטן, און דערבײַ האָבן געמעגט זײַן עדות ייִדן
און קריסטן אין אַ גלײַכער צאָל. אין זײַן כאַרטיע האָט דער קיניג אויפֿגערופֿן
אַלע זײַנע אונטערטאַנער צו באַשיצן ייִדן און האָט געסטראַשעט מיט שטראָפֿן
פֿאַר אָנרירן זייערע רעכט. פֿאַר דער דאָזיקער כאַרטיע האָט מען דעם קיניג
באַצאָלט 4000 מאַרק.

די ערשטע צײַט האָט דזשאָן טאַקע באַשיצט די ייִדן. ווען מען האָט
אין לאָנדאָן געפּרוווט מאַכן אַ פּאָגראָם, האָט דער קיניג געהאַט טענות צו
די מערן און באַראָנען, פֿאַר וואָס זיי היטן ניט אָפּ דעם שלום וואָס איז
געשאָנקען געוואָרן די ייִדן, און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זיי די אַחריות פֿאַר
אָפּהיטן די אָרדענונג. גאָר אין אָנהייב פֿון זײַן רעגירונג האָט דזשאָן באַ-
שטימט איינעם פֿון די ייִדישע חשובֿים, יעקבֿ פֿון לאָנדאָן, פֿאַרן
„עלטסטן" פֿון די ייִדן (presbyter judaeorum) און האָט אים אַרויסגעגעבן
אַ בריוו, וואָס אין אים רופֿט ער אים אָן „אונדזער טײַערער און נאָענטער"
(dilectus et familiaris noster). ווי עס איז צו זען פֿון דער שפּעטערדיקער
טעטיקייט פֿון די טרעגערס פֿון דעם טיטל „פּרעסביטער", איז זייער געזעל-
שאַפֿטלעכע התמנות באַשטאַנען ניט אין דער גײַסטלעכער פֿאָרשטייערשאַפֿט,
נאָר אין דער פֿינאַנציעלער פֿאַרמיטלערשאַפֿט צווישן דעם קיניג און די ייִדישע
קהילות, בכדי עס זאָל זײַן גרינגער און באַקוועמער אַרויסצובאַקומען הכנסות
לטובֿת דעם פֿיסקוס.

דעם קיניגס שוץ האָט געגעבן די ייִדן די מעגלעכקייט צו קומען צו
זיך נאָך די קלעפּ פֿון דעם אָקערשטיקן קרייצצוג און ווידער צו דערלאַנגען
צו ווילשטאַנד. נאָר באַלד האָט זיך אַנטפּלעקט דעם קיניגס רויבערישע
נאַטור. ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז אייניקע ייִדן האָבן דורך האַנדל זיך
אָנגעפֿאַרדינט היפּשע קאַפּיטאַלן, האָט ער גענומען אויספּרעסן בײַ זיי געלט דורך
אַרעסטן און עינויים. נאָכן אָנווער פֿון נאָרמאַנדיע האָט ער זיך גענייטיקט
אין געלט, און דערפֿאַר האָט ער אַרויפֿגעלייגט קאָנטריבוציעס אויף די אינסטי-
טוציעס פֿון דער קירך (דאָס איז געווען אין עצם ברען פֿון זײַן מלחמה מיטן
פּויפּס אינאָקענטיוס III) און אויף ייִדן. אין יאָר 1210 האָט ער אַרויפֿגעלייגט

www.libtool.com.cn

אויף די ייִדן די גוואַלדיקע קאָנטריבוציע פֿון 66.000 מאַרק. בײַ דעם גבֿיר אַבֿרהם פֿון בריסטאָל האָט מען געפֿאָדערט 10.000 זילבערמאַרק, און היות ווי ער האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט געבן אַזוי פֿיל געלט, האָט דער קיניג געהייסן אַרויסרײַסן בײַ אים איטלעכן טאָג צו איין צאָן, ביז ער וועט ניט נאָכגעבן. נאָך דעם ווי דער אומגליקלעכער עושר האָט אַזוי אַרום אָנגעוואָרן זיבן ציינער, האָט ער זיך אונטערגעגעבן, בכדי צו ראַטעווען די איבעריקע ציין, און האָט באַצאָלט די געפֿאָדערטע סומע.

ביטער איז געווען דער מצבֿ פֿון ייִדן בעת דעם היסטאָרישן אויפֿשטאַנד פֿון די שטעט און באַראָנען קעגן דזשאָן אָן אַ לאַנד, וואָס האָט געבראַכט צו דער שאַפֿונג פֿון דער ענגלישער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָנסטיטוציע. דאָס מיליטער פֿון די באַראָנען האָט צענומען די ייִדישע הײַזער אין לאָנדאָן און באַנוצט דעם מאַטעריאַל פֿון זיי אויף צו באַפֿעסטיקן די שטאָטישע מויערן, זייער געלט ווידער האָט צוגענומען די מלוכה-קאַסע. ווען די אויפֿשטענדלער האָבן בײַ דזשאָנען אַרויסגעריסן די קאָנסטיטוציע — „די גרויסע כאַרטיע פֿון פֿרײַהייטן" (1215) — זײַנען אין איר אויך אַרײַנגעשטעלט געוואָרן הנחות פֿאַר באַראָנען וואָס זײַנען פֿאַרחובֿעט בײַ ייִדן.

בײַ אַזאַ ווילדווילן מצד די הערשנדיקע קלאַסן האָט די אינעווייניקסטע אָרדענונג פֿון די ייִדישע קהילות אין ענגלאַנד ניט געקאָנט זיך אײַנפֿעסטיקן. די רבנים און תּלמידי-חכמים פֿון אייניקע קהילות, וואָס האָבן דאָ ניט געקאָנט פֿרײַ לערנען תּורה, זײַנען אַוועק קיין ארץ-ישׂראל צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון זייערע חבֿרים פֿון פֿראַנקרײַך, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען גרויסע בעלי-תּוספֿות (1211).

## § 7. די צרות פֿון די ענגלישע ייִדן אונטער הענרי III

די לאַנגע רעגירונגס-צײַט פֿון הענרי III (1272–1216) איז געווען זייער אַן אומרויִקע צײַט אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין ענגלאַנד. אַנדערש האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט געמאָלט זײַן בײַ דעם כּסדרדיקן קאַמף צווישן דעם קיניג און די שטאַנדן, וואָס פֿילט אָן די דאָזיקע תּקופֿה. דעם קיניגס „שוץ" איבער די ייִדן, הגם ער האָט זיך אויסגעדריקט אין סיסטעמאַטישער אויספּרעסונג, האָט אַוועקגעשטעלט די באַשיצטע אין אַ ניט-נאָרמאַלער לאַגע צווישן די אַנדערע שטאַנדן. דעם קיניגס שׂונאים האָבן ניט ליב געהאַט אויך דעם „קיניגס מענטשן". די שטאָטישע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט פֿאַרטיידיקט איר אויטאָנאָמיע קעגן די פֿאָדערונגען פֿון דער קיניגלעכער מאַכט, האָט געקוקט קרום אויף דער פֿרעמדער גרופּע אײַנוווינער פֿון דער שטאָט, וואָס איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון אָט דער מאַכט און האָט מחמת דעם צעשטערט די גאַנצקייט פֿון דער

www.libtool.com.cn

פרייער שטאַט. דער אַדל, וואָס איז געווען פיינטלעך געשטימט לגבי דעם קיניג, בפרט די קליינע פריצים, האָבן פיינט געהאַט יידן ווי אַ פינאַנ־ציעלן כוח, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם קיניג קעגן די אינטערעסן פון דעם אַדלשטאַנד. די קליינע באַראָנען פלעגן מער פאַר אַלעמען אָנקומען צו יידישע קרעדיטאָרן נאָך אַ הלוואה אויף אַ משכון פון זייערע נחלאות. ווען עס פלעגט קומען דער טערמין צו צאָלן, האָט דער פריץ דער אויסברענגער, וואָס האָט ניט געקאָנט פּינקטלעך סילוקן דעם חוב, געזען הינטער דעם רוקן פון זיין נכנעדיקן קרעדיטאָר די שטרענגע פיגור פון דעם קיניגלעכן באַאַמטן, וואָס איז גרייט אויפצומאָנען דעם חוב פאַר דער קיניגלעכער קאַסע. ווען עס פלעגט טרעפן, אַז נאָך דעם קרעדיטאָרס טויט אָדער דורך קאָנפיסקאַציע פון זיין פאַרמעגן האָבן די חובות געמוזט אויסגעצאָלט ווערן אין גאַנצן דעם קיניג, דעמאָלט פלעגט מען זיי אויפמאָנען מיט אַ באַזונדער שטרענגקייט. אָט פאַר וואָס די באַראָנען פלעגן בעת די אָנפאַלן פון המון אויף יידן זיך פלייסן אַרייַנצוכאַפּן זיך אין די הייזער פון זייערע קרעדיטאָרן, בכדי צו באַקומען און צו צערייסן די וועקסלען. וואָס איז שייך דער קאַטוי־לישער גייסטלעכקייט, איז זי דאָך לויט איר טבע געווען פיינטלעך לגבי יידן, בפרט נאָך דעם ווי אינאָקענטיוס III און דער לאַטעראַנישער קאָנציל האָבן אויפן יידישן פאָלק אַרויפגעזעצט דעם ,,קינס־צייכן״.

אָבער פון די אַלע פיינטלעכע כוחות האָבן יידן געליטן ווינציקער ווי פון זייער ,,באַשיצער" און אַפּוטרופּוס — דעם קיניג, וואָס האָט געריסן די הויט פון זיינע שוצליגגער, אויסגעקוועטשט דעם צינז פון אָט די לייבאייגענע פונעם געלטהאַנדל, געלאָזט זיי זיך אָנפאַרדינען, בכדי זיי שפּעטער בדלות צו שטעלן בהדרגה אָדער מיט אַ מאָל, און האָט זיי ניט שטענדיק באַשיצט בעת די עקסצעסן פון פאָלק. דער מצב פון די יידן צווישן די קעמפנדיקע סאָציאַלע כוחות איז געווען אַזעלכער, אַז זיי האָבן געמעגט זאָגן: ,,זאָל אונדז דער אייבערשטער שומר ומציל זיין פון אונדזערע גוטע פריינד, מיט אונדזערע שונאים וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן". דער שורש פון דער ענגליש־יידישער טראַגעדיע איז דאָך באַשטאַנען גראָד אין דעם קיניגלעכן שוץ, דערין וואָס אַ טשערעדע אַרומגערינגלט מיט וועלף איז געווען געשטעלט אונטער דער שמירה פון אַ פּאַסטעך אַ רויבער, וואָס האָט אַליין פאַרצוקט זיינע שאָף.

די ערשטע יאָרן פון דער רעגירונג פון הענרי III, ווען איבער דער מלוכה האָט רעגירט אַ רעגענטשאַפט, מחמת דער קיניג איז געווען צו יונג, איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו אָפּצושטעלן די געוואַלד־מעשים פון אויבן לגבי די יידן. עס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון די תפיסות די יידן וואָס זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין דזשאָנס צייט פאַר ניט באַצאָלן די קאָנטריבוציע.

www.libtool.com.cn

עס איז געוואָרן באַנײַט די גילטיקייט פון דער כאַרטיע פון 1201, וואָס איר מחבר אַליין האָט אויף איר עובר געווען. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אָפּצוהיטן יידן קעגן די אָנפאַלן פון המון בעת דעם דעמאָלט גע־פּלאַנטן קרייצצוג (1217). בכדי די אָנפאַלערס זאָלן ניט האָבן קיין תירוץ, אַז זיי ווייסן ניט דעם געזעץ, אַז מען טאָר יידן ניט טשעפּען, האָט מען אָנגע־זאָגט איטלעכן יידן, ער זאָל טראָגן אויף אַן אָנזעעוודיקן אָרט פון זײַן מלבוש אַ באַזונדער צייכן פון צוויי שטרייפן ווײַסן לײַוונט אָדער פּאַרמעט (1218). דאָס איז טאַקע געווען אַ „קינס־צייכן", ווי עס שטייט אין חומש: „בכדי עס זאָל דיך ניט טייטן איטלעכער וואָס זעט דיך".

די העכסטע ענגלישע גײַסטלעכקייט ווידער פון איר זײַט האָט געמאַכט איר אייגענע פּאָליטיק אין דעם גײַסט פון פּויפּס אינאָקענטיוס III. דער אַרציביסקופּ פון קענטערבערי לאַנגטאָן, דעם פּויפּס' אַ קרעאַטור, האָט אין יאָר 1222 צונויפגערופן אין אָקספאָרד אַ סינאָד, וואָס האָט באַשטעטיקט אַלע בזיונותדיקע באַשטימונגען פאַר יידן פון דעם לאַטעראַנער קאָנציל, און נאָך צוגעגעבן עפּעס פון זיך. דער צייכן אויף די יידישע מלבושים דאַרף באַשטיין פון אַ ווײַסן וואָלענעם שטרייף אויף דער ברוסט, פיר פינגער די לענג און צוויי פינגער די ברייט. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו בויען נײַע שולן. עס איז באַשטעטיקט געוואָרן די תקנה, אַז מען זאָל שטרענג אויפמאָנען פון יידישע נחלאות דעם מעשר־אָפּצאָל פאַר דער קירך. דער אַרציביסקופּ פון קענטער־בערי צוזאַמען מיט די ביסקופּן פון לינקאָלן און נאָרוויטש האָבן נאָך געפּרוווט אָנטראַשען מיט אַ חרם פון דער קירך יענע קריסטן וואָס פירן געשעפטן מיט יידן, אָבער דער קיניג האָט באַלד אָפּגעשאַפט דעם דאָזיקן פאַרבאָט וואָס איז שעדלעך פאַר דער קרוין. און נאָר אין איין זאַך האָט ער נאָכגעגעבן דער גײַסטלעכקייט: מיט זײַן הסכם איז אין יאָר 1232 געגרינדעט געוואָרן אַ היים פאַר געשמדטע יידן (domus conversorum), אַן אינסטיטוציע צו כאַפּן יידישע נשמות. לויט דעם פאַרלאַנג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון לאָנדאָן האָט דער קיניג אויך קאָנפיסקירט אַ נײַ אויסגעבויטע גרויסאַרטיקע שול און האָט זי געמאַכט פאַר אַ קירך אין נאָמען פון דער גאָטמוטער. יידן האָבן געמוזט דאַוונען אין לאָקאַלן וואָס זײַנען ניט קענטיק, מחמת די לאָנדאָנער קריסטן האָבן ניט געקאָנט צוזען, ווי לעבן אַ קירך הייבט זיך אויף הויך דער דאַך פון אַ שול.

וואָס מער דער קיניג הענרי III איז געוואַקסן און האָט גענומען אַלץ מער זיך אַרײַנמישן אין די ענינים פון דער רעגירונג, אַלץ גרעסער זײַנען געוואַקסן זײַנע פינאַנציעלע אַפּעטיטן. עקסטרע אָפּצאָלן אויף יידן (tallages) זײַנען באַשטימט געוואָרן, ייִען מען האָט געוואָלט און וויפל מען האָט געוואָלט: אין יאָר 1226 האָבן זיי באַטראָפן אַרום און אַרום 4000 מאַרק, אין 1230 -

www.libtool.com.cn

6000, זינט 1232–18.000, און זינט 1239 איז איטלעכער ייִד געווען מחויב אָוועקצוגעבן אַ דריט-חלק פֿון זײַן פֿאַרמעגן. אַ סך פֿלעגט זיך צוקלעפּן צו די הענט פֿון די באַאַמטע, וואָס האָבן באַדאַרפֿט אויפֿמאָנען דאָס געלט און וואָס מען האָט זיי געכאַפּט אין מעילות. בכדי צו קענען באַקוועמער אײַנמאָנען די אָפּצאָלן, האָט מען ייִדן צוגעפּעסטיקט צו באַשטימטע שטעט. פֿון אייניקע שטעט האָט מען זיי פֿאַרטריבן לויט דער פֿאָדערונג פֿון דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך פֿאַררופֿן אויף איר אויטאָנאָמיע: פֿון ניוקעסטל (1234), סאַוטהעמפּטאָן (1236), ניובערי (1244) און אַנדערע. אין יאָר 1253 איז געבליבן צו לאָזן ייִדן וווינען נאָר אין יענע שטעט, ווו עס זײַנען פֿאַראַן רעגטײַען אויף צו רעגיסטרירן און היטן די שטרי-חובות און די האַנדלס-דאָקומענטן (archa). מחמת דעם איז געוואָרן אַ תחום-המושבֿ פֿאַר ייִדן אין 25 שטעט פֿון ענגלאַנד. דאָ זײַנען די אינדוסטריעלע טעטיקייט און די געלט-אָפּעראַציעס פֿון ייִדן געוואָרן געשיצט, נאָר אַריבערקלײַבן זיך אין אַנדערע ערטער, און אַ פּשיטא שוין עמיגרירן פֿון ענגלאַנד און אַרויספֿירן זייערע קאַפּיטאַלן האָבן זיי ניט געטאָרט, ווײַל דאָס וואָלט געווען אַ היזק פֿאַר דעם קיניגס קאַסע.

דער אייבערשטער „פּרעסביטער" פֿון די ענגליש-ייִדישע קהילות, וואָס דער קיניג האָט אים באַשטימט, האָט געמוזט זאָרגן דערפֿאַר, אַז די קרוינישע אָפּצאָלן זאָלן רעגולער ווערן אויפֿגעמאָנט, און צוליב דעם האָט ער געמעגט באַנוצן אויך צוואַנגמיטלען. די קהילות-אָרגאַניזאַציע פֿון ייִדן איז געוואָרן באַשטעטיקט דורכן געזעץ: געפֿירט האָבן די ענינים „פּרנסים" און „גבאים", און אַ קאָלעגיע פֿון דרײַ דיינים האָט באַהאַנדלט פּראָצעסן. די דאָזיקע קעמערלעך פֿון דער אויטאָנאָמיע זײַנען אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די אינטערעסן פֿון דעם קיניגלעכן פֿיסקוס. אין יאָר 1241 האָט הענרי III צונויפֿגערופֿן אין וואָרטשעסטער אַ ייִדישן „פּאַרלאַמענט", וואָס אין אים האָבן גענומען אָן אָנטייל איבער הונדערט דעפּוטאַטן פֿון אַלע קהילות. אין די פֿונאַנדערגעשיקטע פֿאַרבעטונגען שטייט געשריבן, אַז די פֿאָרשטייער פֿון ייִדנטום דאַרפֿן „אַרומריידן מיטן קיניג אַלצדינג וואָס נעהער צו זײַנע און צו זייערע אינטערעסן". ייִדן האָבן געהאָפֿט, אַז פֿון דעם פּאַרלאַמענט וועט אַרויסקומען אַ פֿאַרבעסערונג פֿון זייער מצבֿ, דער עיקר אַז מען וועט זיי פֿאַרגרינגערן די משׂא פֿון זייערע שטײַערן, זיי האַבן זיך אָבער געפֿונען גענאַרט אין זייערע האָפֿענונגען. ווי נאָר עס האָט זיך געעפֿנט די זיצונג, האָט מען געמאָלדן די דעפּוטאַטן, אַז דער קיניג פֿאַרלאַנגט פֿון זיי אַן איינמאָליקן אָפּצאָל פֿון 20.000 מאַרק, און אַז זיי פּערזענלעך טראָגן די אַחריות דערפֿאַר, אַז די דאָזיקע סומע זאָל אַרײַנגעטראָגן ווערן אין דער קאַסע צום באַשטימטן טערמין. אַזוי אַרום האָבן אַלע דעפּוטאַטן געמוזט ווערן שטײַער-אויפֿמאָנערס פֿאַרן קיניג. אַ סך

www.libtool.com.cn

קהילות האָבן ניט געקוקט אויף גאָר זייער מי ניט געקאָנט איינצאָלן די סומע וואָס איז אויסגעפֿאַלן אויף זייער חלק, און אין אַזעלכע פֿאַלן האָט מען די אָרטיקע דעפּוטאַטן מיט זייערע ווײַבער און קינדער געהאַלטן אין תּפֿיסה, ביז זיי האָבן ניט אַרײַנגעטראָגן דאָס געלט פֿון זייערע אייגענע מיטלען. שלעכט אָפּגעשניטן האָט אויך דער „ייִדישער פּרעסביטער", אַהרן פֿון יאָרק, וואָס ער האָט געטראָגן די אַחריות פֿאַר אַלע אָפּצאָלן: בײַ אים האָט דער קיניג צוגענומען גאַנצע 32.000 מאַרק.

אין דער זעלביקער צײַט האָבן די ייִדן אין ענגלאַנד געהאַט אויסצושטיין נאָך ערגערע צרות: עס האָבן זיך גענומען שיטן אויף זיי רעליגיעזע און „ריטועלע" באַשולדיקונגען. אין יאָר 1230 האָט מען באַשולדיקט די ייִדן אין נאָרוויטש דערין, אַז זיי האָבן פֿאַרכאַפּט אַ פֿינפֿיאָריק ייִנגל, דעם זון פֿון קריסטלעכן דאָקטאָר בענעדיקט, און האָבן אים מל געווען. די ייִדן האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן דאָס ייִנגל פֿאַר אַן אייגענעם (עס קאָן זײַן, אַז ער האָט געשטאַמט פֿון אַ געשמדטן איבער געוואַלד). מען האָט געשטעלט פֿאַרן געריכט 13 חשובֿע מיטגלידער פֿון דער נאָרוויטשער קהילה. און דעם ענין האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַזוי וויכטיק, אַז מען האָט באַשלאָסן די באַשולדיקטע אַריבערצופֿירן קיין לאָנדאָן, און דאָרט איז דער פּראָצעס באַטראַכט געוואָרן אין אַ קאָלעגיע מיטן אָנטייל פֿון קיניג, פֿון דעם אַרציביסקופּ פֿון קענטערבערי, פֿון ביסקופּן און באַראָנען. די באַשולדיקטע זײַנען אָפּגעזעסן אין תּפֿיסה צען יאָר, און סוף־כּל־סוף זײַנען עטלעכע פֿון זיי געוואָרן אויפֿגעהאַנגען, און דערבײַ האָט מען זיי פֿון דער תּפֿיסה ביז צו דער תּליה געשלעפּט צוגעבונדענע צו עקן פֿון פֿערד. אין יאָר 1244 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פֿון אַן עלילת־דם אין לאָנדאָן גופֿא. פֿון אַ קבֿר, לויט עפּעס אַ מסירה, האָט מען אויסגעגראָבן דעם גוף פֿון אַ קריסטלעכן קינד און מען האָט אויף אים געפֿונען עפּעס מאָדנע צייכנס. האָט מען זיך משער געווען, אַז דאָס זײַנען העברעיִשע אותיות, און מען האָט גערופֿן געשמדטע ייִדן, זיי זאָלן דאָס איבערלייענען, נאָר זיי האָבן ניט געקאָנט. אויפֿן סמך פֿון מוטל־בספֿקדיקע עדות האָט מען פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו ייִדן, און ממילא איז דאָס פֿאַרפּײַניקט געוואָרן און געוואָרן אַ קדוש. איז שוין פֿון דעם גופֿל געוואָרן „הייליקע געביין", וואָס מען האָט שוין ניט מער באַגראָבן אויפֿן צווינטער, נאָר אַוועקגעפֿירט און באַהאַלטן אין דער קאַטעדראַל־קירך פֿון הל' פּוילוס. דער קיניג האָט באַלד אויסגענוצט דעם גליקלעכן טראַף און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדישע קהילות אַ שטראָף פֿון 60.000 מאַרק (אַן ערך 40.000 איצטיקע ענגלישע פֿונט).

טראַגישערע רעזולטאַטן האָט געהאַט פֿאַר ייִדן דער עלילת־דם־פּראָצעס אין לינקאָלן (1255), וואָס האָט אויפֿגערודערט אַלע אָבערגלייבישע נשמות

www.libtool.com.cn

אין ענגלאַנד און איבערגעלאָזט אַ זכר אין די פאָלקס-לעגענדעס. אין לינקאָלן איז פארפאלן געגאַנגען אַן אַכטיעריק קריסטלעך יינגל מיטן נאָמען הוגאָ (Hugh). מען האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט, ביז מען האָט אים געפונען אַ טויטן אין ברונעם אין הויף פון אַ ייִדן. אַנשטאָט צו נעמען פאָרשן, צי האָט זיך אפשר געטראָפן אַן אומגליק (דאָס יינגל האָט זיך געשפּילט מיט ייִדישע קינדער פון ויין עלטער אין הויף און האָט געקאָנט אַרײַנפאַלן אין ברונעם), אָדער אפשר האָבן די מערדערס, וואָס האָבן דאָס יינגל דערהרגעט, אונטער-געוואָרפן ויין טויטן קערפּער דעם ייִדן, בכדי צו פאַרווישן די שליאַדן, — האָבן די געריכטס-אָרגאַנען תיכף גענומען זוכן די שולדיקע אין אַן עלילת-דם, וואָס וועגן דעם האָט געשריבן די אַבערגלייבישע קריסטלעכע גאַס. מען האָט באַלד גענומען תּפוס דעם בעל-הבית פון דעם הויף, ווי מען האָט געפונען דאָס טויטע יינגל, און דורך סטראַשונקעס און הבטחות האָט מען בײַ אים אַרויסגעקראָגן אַ פאַלשע הודאה, אַז דאָס האָבן ייִדן דערהרגעט דאָס יינגל, און אַז בכלל „אַלע יאָר טוען זיי קרייציקן אַ קינד אויף לעסטערן ישוס נאָמען". אַלץ איז געוואָרן צוגעטראָכט אויף צוצוגרייטן אַ לעגענדע וועגן אַ קדוש, און די גלחים פון דער לינקאָלנער קירך האָבן באַלד אַריבער-געפירט די „הייליקע געביין" און באַגראָבן זיי אויפן הויף פון דער קירך. דער קיניג הענרי III, וואָס האָט געגלייבט אין דער עלילת-דם-לעגענדע, פונקט ווי דער סאַמע פינצטערער פון ויינע אונטערטאַנער, האָט באַפוילן צו משפטן די שולדיקע און באַשטראָפן זיי, אַזוי אַז עס זאָל זײַן אַן אָנלערעניש אויף להבא. היות אָבער ווי דעם מערדער האָט מען ניט געקענט געפינען, זײַנען דערקלערט געוואָרן פאַר „שולדיק" 92 מענטשן, דאָס הייסט אַלע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער ייִדישער קהילה אין לינקאָלן. מען האָט זיי געכאַפּט, אָפּגעפירט קיין לאָנדאָן און אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה. 18 מאַן פון זיי האָט מען תיכף פאַרמשפּט צום טויט און אויפגעהאַנגען. די איבעריקע האָט מען געהאַלטן אין טאַוער; און זיי וואָלטן געהאַט דעם זעלביקן סוף, גאָר עס האָט זיך פאַר זיי אײַנגעשטעלט דעם קיניגס ברודער, דער גראַף פון קאָרנוואַליס, און הענרי III האָט זיי אַרויסגעלאָזט פרײַ. אויך בײַ אָט דעם ענין האָט דער קיניג פאַרדינט: ער האָט געקראָגן דעם פאַרמעגן פון די פאַרמשפּטע, וואָס איז לויטן געזעץ קאָנפיסקירט געוואָרן. אַ גוט געשעפט האָבן געמאַכט אויך די קלעריקער פון דער לינקאָלנער קירך, וואָס האָט אַ דאַנק די „וווּנדער-געביין" פון דעם הייליקן קינד, וואָס האָבן גערוט אין איר, גענומען צוציִען פון אומעטום מאַסן גאָטבעטערס, וואָס זײַנען געקומען ניט מיט ליידיקע הענט.

אויפן גרונט פון די בלוטיקע רעליגיעזע רדיפות האָט זיך אַנטוויקלט אַ רעליגיעזער שיגעון. אַזוי האָט אין דער אוניווערסיטעט-שטאָט אָקספאָרד

www.libtool.com.cn

געטראָפֿן אַזאַ מעשׂה. איינער אַ ייִד, געטריבן פֿון אָט אַזאַ מין פּסיכאָז, האָט זיך איין מאָל אַרײַנגעריסן אין אַ קירכלעכער פּראָצעסיע, אַרויסגעכאַפּט בײַם גלח פֿון די הענט דעם קרייץ, אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד און גענומען טרעטן אים מיט די פֿיס (1268). דערפֿון האָט ווידער געקאָנט ווערן אַ ריטועלער פּראָצעס אָדער אַ פּאָגראָם, אָבער דאָ האָט אַפֿילו דער קיניג פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז ניטאָ קיין יסוד צו שטראָפֿן אַ ציבור פֿאַרן אַרויסטריט פֿון אַ משוגענעם, און עס איז געוואָרן באַשטימט אַ געמעסיקטע שטראָף. די ייִדישע קהילה פֿון אָקספֿאָרד האָט געקראָגן אַ באַפֿעל אונטערצוטראָגן דעם אוניווערסיטעט אַ גילדענעם קרייץ און חוץ דעם אַוועקצושטעלן אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרברעך אַ גרויסן קרייץ פֿון מירמלשטיין.

אָט די אַלע רדיפֿות און אויספּרעסונגען האָבן דערפֿירט ייִדן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז אַ סך האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן ענגלאַנד און אַריבערקלײַבן זיך אין אַנדערע לענדער. נאָר לויטן געזעץ האָבן ייִדן, ווי דעם קיניגס קנעכט, ניט געטאָרט עמיגרירן, און זיי האָבן געמוזט בעטן די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן ווי אַ חסד. אין יאָר 1254, ווען הענרי III האָט אַרויפֿגעלייגט אויף ייִדן אַ באַזונדערס שווערן עקסטרע-אָפּצאָל און האָט אויפֿגעגעבן זײַן ברודער, דעם גראַף ריטשאַרד פֿון קאָרנוואַליס, אויפֿצומאָנען דאָס געלט, זײַנען די ייִדן אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָלעקטיווער מעלדונג, אַז זיי ווילן עמיגרירן. צום גראַף ריטשאַרד איז געקומען אַ דעפּוטאַציע בראָש מיטן פּרעסביטער אליהו, וועלכער האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ רעדע, וואָס אויב זי איז ניט געזאָגט געוואָרן אין דער געשטאַלט, ווי זי איז אונדז איבערגעגעבן, האָט אַן ענגלישער ייִד אין יענער צײַט זי געקאָנט זאָגן:

„מיר זעען בחוש, אַז אונדזער האַר דער קיניג האָט בדעה אָפּצומעקן אונדז פֿון דער ערד, בעטן מיר זיך בײַ אים רחמים, ווי גאָט איז אים ליב, אַז ער זאָל אונדז געבן אַ דערלויבעניש און אַ שוצבריוו אַרויסצופֿאָרן פֿון זײַן קיניגרײַך, בכדי מיר זאָלן קאָנען זוכן אַ מקום-מקלט אין אַן אַנדער אָרט, אונטער דער ממשלה פֿון אַ רעגירער, וואָס איז כאָטש וויפֿל עס איז דורכגעדרונגען מיטן געפֿיל פֿון רחמנות און גערעכטיקייט. מיר ווילן אַוועקגיין, בכדי קיין מאָל מער ניט צו קומען צוריק אַהער, און לאָזן איבער אונדזערע הײַזער און זאַכן. צי קאָן דער קיניג ליב האָבן אָדער שאַנעווען אונדז, אומגליקלעכע ייִדן, וואָס שטערן זײַן נאַטירלעכע ענגלישע אָרדענונג? ער האָט אַן אייגן פֿאָלק, אייגענע סוחרים — איך זאָג ניט וואָכערניקעס, נאָר אַזעלכע וואָס קלײַבן אָן הויפֿנס געלט מיט וואָכערײַ-געשעפֿטן. זאָל דער קיניג אויסשטעלן אויף זיי און קלײַבן הכנסות פֿון זיי. זיי פּרעסן אונדז דאָך אויס און שטעלן אונדז בדלות. דער קיניג מוז ניט אַנדערש וויסן, אַז ער פֿאָדערט פֿון אונדז דאָס, וואָס מיר קאָנען אים ניט געבן, אַפֿילו ווען ער זאָל אונדז

www.libtool.com.cn

אויסשטעכן די אויגן, איבערשניידן די העלדזער און אָראָפּציִען פון אונדז די הויט".

אַז דער גראַף קאַרל, וואָס איז געווען גינציקער געשטימט צו ייִדן ווי אַנדערע מענטשן פון זיין קרייז, האָט אויסגעהערט אָט די רעדע, האָט ער געענטפערט, אַז אַרויסוואַנדערן פון לאַנד וועט דער קיניג זיי ניט לאָזן, און ייִדן וועלן דורך אויסוואַנדערונג ניט געהאָלפן ווערן, וואָרעם אָקערשט האָט אויך דער פראַנצייזישער קיניג (לודוויג דער הייליקער) אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט קעגן ייִדן, און קיין שום אַנדער קריסטלעכע מלוכה וועט זיי ניט אַריינלאָזן. נאָר איצט וועט דער קיניג צונעמען אַזוי פיל אָפּצאָלגעלט וויפל די ייִדן קאָנען געבן.

נאָר אין אַ יאָר אַרום האָט העגרי III ווידער אַ מאָל געפאָדערט ביי די ייִדן אַ גוואַלדיקע סומע, און אויף די נייע טענות זייערע האָט ער געענטפערט, אַז אים איז דערעסן געוואָרן זיך אַרומצופאָרען מיט „זיינע גאָרנישטיקע ייִדן" און אַז ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו „פאַרקויפן" זיי אויף אַ באַשטימטער צייט פאַר 5000 פונט צו זיין ברודער ריטשאַרד, וואָס צו אים גייען להבא אַריבער די אָפּצאָלן פון ייִדן און דער שוץ איבער זיי. לויט ווי עס באַמערקט אַ קריסטלעכער כראָניקער, האָט דער קיניג „אַראָפּגעצויגן פון די ייִדן די הויט און דערנאָך געלאָזט דעם גראַף אַרויסנעמען ביי זיי די געדערים". (quos rex excoriaverat comes evisceraverat). נאָר אין דער אמתן האָט אָט דער ביים פון דעם שוצהאַר פאָרט געלוינט די ייִדן: ריטשאַרד האָט ווי אַ שטייערן-אויפמאָנער ניט אַזוי אומברחמנותדיק געריסן ביי זיי געלט ווי זיין ברודער.

נאָך דער טערמין פון דער „אַרענדע" האָט זיך געענדיקט, און די ייִדן זיינען ווידער אַרונטער אונטער דער ממשלה פון קיניג. עס איז אָפּגעפרישט געוואָרן די פריִערדיקע עקספּלואַטאַציע, און ווידער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער חשק פון די ייִדן צו עמיגרירן פון ענגלאַנד. דעמאָלט האָט העגרי III אָפּגעגעבן די הכנסות פון די ייִדן אין רשות פון זיין זון, דעם קומענדיקן קיניג עדוואַרד I. דער פרינץ עדוואַרד האָט פון זיך איבערגעגעבן די דאָזיקע הכנסות אין אַרענדע צו איטאַליענישע חלפנים אָדער די „פויפּסלעכע וואָכער-ניקעס", די קאַהאָרסינער (Cahorsins), נאָכן נאָמען פון דער דרום-פראַנצייזישער שטאָט Cahors, ווו עס האָט זיך געפונען איינער פון זייערע בענק). די דאָזיקע קריסטלעכע סוחרים האָבן אין ענגלאַנד געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס זייערע לאַנדסלייט די „לאָמבאַרדער" האָבן געטאָן אין פראַנקרייך: ניט געקוקט אויפן קירכלעכן פאַרבאָט צו נעמען פּראָצענט האָבן זיי דורך פאַרשיידענע הערמות זיך אויסגעקליגט צו באַקומען העכערע פּראָצענטן אויף הלוואות ווי ייִדן. ביי זיי פלעגן אַנטלייען געלט דער קיניג, די פרינצן און די העכערע

www.libfool.com.cn

אַדללײַט. אָט צו זיי האָט מען דאָס אָפּגעגעבן, ווי אַ גאַראַנטיע צו דעקן דעם קיניגס הלוואה, דאָס רעכט אויפֿצומאָנען אָפּצאָלן בײַ ייִדן, זייערע קאָנקורענטן אין געלטהאַנדל, און די פֿלינקע איטאַליענער האָבן פֿאַרשטייט זיך באַוויזן אַרויסצונעמען וואָס מער רווחים (1265). מען דאַרף מוסיף זײַן, אַז פֿון אָט דער אָפּצאָלן־רויבערײַ האָבן ניט ווינציק געליטן אויך די קריסטלעכע מיטעלע שטאַנדן. אין ענגלאַנד איז אָן אויפֿהער געגאַנגען אַ קאַמף פֿאַר דער מאַכט צווישן דעם קיניגלעכן דעספּאָטיזם און דער „פּאַרלאַמענטאַרישער" אָליגאַרכיע פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, און די מיטלען דערצו האָבן געמוזט צושטעלן די שטײַער צאָלנדיקע שטאַנדן.

דער קאַמף פֿון הענרי III קעגן דער אַריסטאָקראַטיע האָט אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פֿון זײַן רעגירונג דערפֿירט צו אַן אָפֿענעם אויפֿשטאַנד פֿון די באַראָנען אונטער דעם אָנפֿיר פֿון סימאָן מאָנפֿאָר II (אַ זון פֿון דעם דערשטיקער פֿון די אַלביגענזישער כופֿרים מיטן זעלביקן נאָמען). דער בירגערקריג, וואָס האָט אָפּגעגעבן דאָס לאַנד אויף עטלעכע יאָר (1262—1265) אין די הענט פֿון דער באַראָנישער אָליגאַרכיע, האָט געקאָסט ניט ווינציק קרבנות אויך די ייִדן. די באַראָנען וואָס זײַנען געווען בעלי־חובֿות בײַ ייִדן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין זייערע הײַזער, צעריסן דאָרט און אין די רענטײַען זייערע וועקסלען. אין לאָנדאָן, בשעת די באַראָנישע אַרמיי האָט אין יאָר 1262 אײַנגענומען די שטאָט, איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, און עס זײַנען אומגעקומען אַ 700 ייִדן. אַזעלכע פּאָגראָמען מיט מענטשלעכע קרבנות זײַנען שפּעטער פֿאָרגעקומען אין וואָרטשעסטער, נאָרטהעמפּטאָן, לינקאָלן (1263—1266). דער אָנפֿירער פֿון די אויפֿשטענדלער מאָנפֿאָר האָט דערקלערט, אַז די באַראָנען זײַנען פּטור פֿון צו באַצאָלן זייערע חובֿות די ייִדן זייערע קרעדיטאָרן. נאָך דער אונטערדריקונג פֿון דעם אויפֿשטאַנד זײַנען די רעכט פֿון ייִדן בנוגע קרעדיט ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן, אָבער מיט זייער אַ תּוכיקער באַגרענעצונג: די געזעצן פֿון 1269 און 1271 האָבן צוגענומען בײַ זיי דאָס רעכט צו נעמען אין משכּון מאַיאָנטקעס, אויפֿצומאָנען די חובֿות לויט פֿאַרמשכּונטע נחלאות און בכלל זיך אײַנצושאַפֿן ערד־אייגנטום דורך אַ משכּון אָדער אַרענדע. די געזעצן זײַנען אָנגענומען געוואָרן מיטן הסכּם פֿון דעם פּרינץ עדוואַרד, וואָס האָט געפֿירט די רעגירונג די לעצטע יאָרן פֿון זײַן פֿאָטערס לעבן. אַ הייסער אָנהענגער פֿון דער קירך, אַ שותּף פֿון לודוויג דעם הייליקן אין קרייצצוג, איז בײַ אים מיטן פֿאָטערס פֿינאַנציעלער גערייט געווען פֿאַרבונדן רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם. הענרי IIIטנס טויט (1272) האָט באַפֿרײַט דעם טרוין פֿאַר דעם דאָזיקן פּרינץ, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ פֿאַטאַלע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון דעם ענגלישן ייִדנטום.

www.libtool.com.cn

## § 8. עדוואַרד I און דער גירוש פון יידן פון ענגלאַנד (1290)

נאָך דעם ווי עדוואַרד I האָט איבערגענומען די רעגירונג איבערן לאַנד, האָט ער באַשלאָסן צו באַגליקן „זיינע יידן" מיט אַ נייער קאָנסטיטוציע. אין יאָר 1275 האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען דעם דאָזיקן נייעם „סטאַטוט וועגן יידנטום" (Statutum de judaismo). דער סטאַטוט הייבט זיך אָן מיט דער פייערלעכער דערקלערונג, אַז פון איצט ווערט, „פון גאָטס כבוד וועגן און צוליב דער אַלגעמיינער טובה פון פאָלק", פאַרבאָטן יידן אָפּצוגעבן געלט אויף פּראָצענט; אַלע אַזעלכע געשעפטן ווערן אָנערקענט להבא פאַר ניט גילטיק, אַלע הלוואות זיינען אָן פּראָצענטן; ווען אַ ייד מאָנט געלט ביי אַ קריסט, מעג מען אַרויפלייגן אַן אַרעסט נאָר אויף אַ העלפט פון דעם בעל-חובֿס אייגנס, און די צווייטע בלייבט ביים בעל-הבית אויף חיונה פאַר אים. ווייטער איז געוואָרן איינגעשטעלט, אַז אַלע יידן מוזן וווינען אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס געהערן צום קיניג, „ווו עס געפינט זיך דער אַלגעמיינער אָפּלעגער פון זייערע (האַנדלס-) דאָקומענטן". איטלעכער ייד, אָנגעהויבן פון זיבן יאָר אַלט, איז מחויבֿ צו טראָגן אויף זיין אייבערשטן מלבוש אַ באַזונדער צייכן, וואָס באַשטייט פון צוויי פּאַסיקלעך געלע טאַפטע זעקס פינגער די לענג און דריי פינגער די ברייט. אָנגעהויבן פון 12 יאָר אַלט מוזן יידן, מאַנצביל און פרויען, צאָלן אַלע יאָר צו פּסח אַ קאָפּשטייער פון דריי פּענס. אָן דעם קיניגס דערלויבעניש האָט קיין ייד ניט קיין רעכט איבערצוגעבן אַ צווייטן זיין הויז אָדער זיינע הכנסות, אַפילו ניט באַפרייען אַ קריסט פון אַ חובֿ וואָס עס קומט דעם יידן — בכלל האָט ער ניט קיין רעכט צו שאַפן איבער זיין פאַרמעגן. דער קיניג דערלויבט יידן צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל (מיט סחורות) אָדער מיט אַ מלאָכה און אין די דאָזיקע געשעפטן צו האָבן אַ מגע-ומשא מיט קריסטן, אָבער אַ היימישע דערנעענטערונג צווישן מענטשן פון ביידע אמונות איז פאַרבאָטן. די וואָס קענען ניט פירן קיין האַנדל און ניט קיין מלאָכה מעגן אַרענדירן ערד אויף אַ צייט ניט מער פון צען יאָר, אָבער דערביי זיי ניט אויסנוצן קיין אַרבעט פון קריסטן און אויך ניט קיין אייגנס פון דער קירך.

די נייע קאָנסטיטוציע האָט פאַרשטייט זיך ניט געקאָנט בעסער מאַכן דעם מצבֿ פון יידן. ווי באַלד דער סטאַטוט פון 1275 האָט אָפּגעשאַפט די קרעדיט-אָפּעראַציעס פון די יידן, מחמת ער האָט פאַרבאָטן זיי צו אַנטלייען געלט אַפילו אויף מעסיקע פּראָצענטן, האָט ער דורך דעם גופא צעשטערט דעם עקאָנאָמישן יסוד פון דעם מיטלקלאַס. דעם קרעדיטאָר איז אַפילו ניט געווען געזיכערט די גאַנצקייט פון דעם קרן, ווי באַלד די הלוואה האָט געקאָנט

ווערן גאַראַנטירט נאָר דורך אַ האַלבן אייגנס פון דעם בעל־חוב. די דער־לויבעניש פאַר יידן צו האַנדלען מיט סחורות אָדער צו פאַרנעמען זיך מיט מלאָכה און ערד־אַרבעט וואָלט געווען באמת אַן אויסלייזונג, אויב זיי וואָלטן ניט ווערליג דעם מצב פון יענער צייַט געמוזט בלייַבן אַ טויטער אות. אין ענגלאַנד זייַנען נאָך מער ווי אין אַנדערע לענדער מלאָכה און האַנדל געווען רעגולירט דורך די צעכן און גילדעס, וואָס זייַנען געווען געשלאָסענע קאָרפּאָ־ראַציעס וואָס האָבן ניט אַרייַנגעלאָזט יידן צו זיך; ווידער אַרבעט פון מאַיאָנטקעס איז אויך ניט געווען קיין עסק פאַר מענטשן, וואָס זייַנען ניט געווען באַוואָרנט קעגן ווילדווילן, אַ שטייגער ווי קאָנפיסקאַציעס אָדער גירושים, און זייַנען שטענדיק געשטאַנען אַזוי ווי אויף דער שוועל פון עמיגראַציע. בכדי ווי עס איז צו ציִען חיונה ביי די נייַע באַגרענעצונגען האָבן די יידן די מלווים געמוזט אַרומגיין דעם געזעץ און אָנווענדן די זעלביקע הערמות, וואָס דורך זיי האָבן די איטאַליענישע חלפנים געקאָנט פּראַקטיקירן זייער פּראָפעסיע: מען האָט געגעבן הלוואות כלומרשט „אָן צינזן", אָבער מען פלעגט דעם גרויסן ריווח צורעכענען צום קרן. אָבער היות ווי די יידן האָבן ניט געהאַט אַזעלכע מעכטיקע באַשיצערס ווי דעם פויפס' באַנקירן, דעריבער האָבן זיי מיט זיי ניט געקאָנט קאָנקורירן. דער קיניגלעכער פיסקוס ווידער האָט ניט אויפגעהערט צו מאָנען: דער קיניג האָט פאַרלאַנגט זייַן חלק אין יענעם ריווח, וואָס זייַן געזעץ האָט געאַסרט. מיט רעכט האָט באַמערקט אַן ענגלישער שרייַבער, אַז יידן אין ענגלאַנד זייַנען אין יענער צייַט געווען אַזוי געדריקט ווי זייערע אָבות אין מצרים, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס אַנשטאָט ציגל פון ליים האָט מען פון זיי פאַרלאַנגט ציגל פון גאָלד. דערצו קאָן מען נאָך מוסיף זייַן, אַז די יידן פון ענגלאַנד האָבן, פונקט ווי די יידן אין מצרים, געמעגט טענען, אַז: „קיין שטרוי גיט מען ניט, און ציגל הייסט מען מאַכן". אַ סכן האָט די נויט דערפירט דערצו, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיטן ניט־כשרן עסק פון „אַרומשערן מטבעות", וואָס איז דעמאָלט אין ענגלאַנד געווען פאַרשפּרייט צווישן די איטאַליענישע חלפנים און די פלאַמאַנדישע סוחרים, די עקספּאָרטערן פון וואָל. אין יאָר 1278 האָט מען אַ סך יידן אַרעסטירט מיט דער באַשולדיקונג, אַז זיי מאַכן קאַליע די מטבעות; אין לאָנדאָן אַליין האָט מען באַשטראָפט מיט טויט 293 מאַן. הגם צו אָט דעם פאַרברעך האָבן געהאַט אַ שייַכות אויך אַ סך קריסטן, נאָר דעם גאַנצן כעס פון דעסט וועגן האָט מען אויסגעלאָזן צו די יידנס קעפּ.

אויב די דעה איבער דער מאַטעריעלער זייַט פון די יידנס לעבן האָט דער קיניג איבערגעלאָזט אין גאַנצן פאַר זיך, האָט ער די יידישע נשמות איבערגעגעבן לחלוטין אין רשות פון דער קאַטוילישער גייַסטלעכקייט און



www.libtool.com.cn

געשטיצט איר מיסיאָנערישע טעטיקייט. די „ברידער פּרעדיקער" האָבן אין יענער צײַט פֿונאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די גערודפֿטע, בדלות געשטעלטע ייִדן, און האָבן משמעות געהאַט אַ געוויסע פּעולה. די „היים פֿון די משומדים" איז פֿול געוואָרן מיט אומגליקלעכע, וואָס האָבן געזוכט דאָרט ניט צו ראַטעווען די נשמה, נאָר אַ שטיקל אָנשפּאַר צו ראַטעווען זיך פֿון נגישות, פֿון נויט און פֿון הונגער. די מיסיאָנערן, וואָס זײַנען געווען אײַנגעגלייבט, אַז זייערע דרשות מוזן ווירקן ווי אַ כּישוף, פֿלעגן אָפֿט מאָל צוצײַען צוהערערס דורך מיטלען וואָס שטייען ווינציק אָן אָפּאָסטאָלן פֿון גלויבן. לויט זייער פֿאָדערונג האָט עדוואַרד I פֿונאַנדערגעשיקט צו די שעריפֿן אַ באַפֿעל, זיי זאָלן צווינגען די ייִדן אויסצוהערן די דרשות פֿון די דאָמיניקאַנער, וואָס װעלן אויפֿווײַזן די בלאָנדזשעניש פֿון ייִדישקייט (1279). דער טעאָלאָג דער סכאָלאַסטיקער פֿון יענער צײַט, דער מיטגליד פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער־אָרדן דונס סקאָטוס, האָט געהאַלטן פֿאַר פֿולקום ריכטיק די דראָזיקע סיסטעם פֿון צוצײַען ייִדן איבער געוואַלד צו דעם אמתן גלויבן. ער האָט פֿאָרגעלייגט צוצונעמען בײַ ייִדן זייערע קליינע קינדער און אויס־האָדעווען זיי אין קריסטלעכן גלויבן, און אויך צורעדן די עלטערן זיך צו שמדן דורך פֿאַרשיידענע הבטחות און אויך סטראַשונקעס. אין דער זעלביקער צײַט האָט דער אַרציביסקופּ פֿון קענטערבערי דזשאָן פּעקהאַם געהייסן שליסן אַלע ייִדישע געבעטהײַזער אין לאָנדאָן, די באַשיידענע מנינים און קלײַזלעך, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן, נאָך דעם ווי מען האָט בײַ ייִדן צוגענומען די הויפּט־סינאַגאָגע אין הענרי III צײַט (1282). און דעם פּויפּס האָנאָריוס IV איז אָט דער ברען פֿון דער ענגלישער גײַסטלעכקייט נאָך אַלץ געווען ווינציק, און ער האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צוצוגעבן היץ צו אָט דעם קירכלעכן פֿאַנאַטיזם דורך זײַנע בריוו. אין יאָר 1286 באַקלאָגט ער זיך אין אַ בריוו צו די אַרצי־ביסקופּן פֿון קענטערבערי און יאָרק, אַז די „אומגעטרײַע ייִדן" באַקערן צו זייער גלויבן זייערע געשמדטע פֿאָלקסברידער, אַז זיי פֿאַרנאַרן קריסטן אין זייערע סינאַגאָגעס אין די טעג פֿון שבת און יום־טוב און צווינגען זיי צו בוקן זיך צו אַ פֿאַרמעטענער ספֿר־תּורה, „אַזוי אַז אַ סך קריסטן יודאַיזירן צוזאַמען מיט די ייִדן". די דאָזיקע טענה איז פֿאַרשטייט זיך אַ גוזמא און איז אויסן נאָר צו דערמאָנען די מאַכטהאָבערס, אַז מען מוז אָפּהיטן דעם קאַנאָן, וואָס פֿאַרלאַנגט אָפּצוזונדערן די קריסטן פֿון ייִדן. די גײַסטלעכקייט האָט טאַקע געפֿאָלגט זייער ראָש: דער סינאָד פֿון ביסקופּן און עקסעטער (1287) האָט באַשטעטיקט די קירכלעכע קאַנאָנען, אַז ייִדן טאָרן ניט פֿאַרנעמען קיין געזעלשאַפֿטלעכע שטעלעס, האַלטן קריסטלעכע באַדינערשאַפֿט, בויען נײַע שולן אאַז"וו.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

נאָך אין יענער צײַט האָט זיך עדוואַרד I שוין געגרייט צו מאַכן אַ סוף צו דער ייִדישער פֿראַגע אין ענגלאַנד מיט איין קלאַפּ. אין פֿריִיאָר 1287 איז אַרויס אַ באַפֿעל צו אַרעסטירן אַלע ייִדישע ראָשי־משפּחה אין לאַנד און צו האַלטן זיי אין תּפֿיסה, ביז זיי וועלן ניט אײַנצאָלן אין דער מלוכה־קאַסע 12 טויזנט פֿונט. דאָס איז געווען נאָר אַ פֿאָרשפּיל. אין דרײַ יאָר אַרום האָט דער קיניג לעצטגילטיק זיך באַשלאָסן צו מאַכן יענעם שריט, וואָס צו אים האָט פֿאַטאַל געפֿירט די גאַנצע ענגלישע פּאָליטיק אין דער ייִדישער פֿראַגע: צו פֿאַרטרײַבן אַלע ייִדן פֿון ענגלאַנד.[1] עדוואַרד I האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אין זײַנע פֿראַנצייזישע פּראָווינצן, און ער האָט אָנגעהויבן זײַן פֿרומע אַקציע טאַקע פֿון דאָרט: ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון דער דרום־פֿראַנצייזישער פּראָווינץ גאַסקאָניע. דערנאָך איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן, ווו עס האָבן אים וואַרעם באַגריסט יענע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס זײַנען געווען פֿײַנטלעך געשטימט צו ייִדן. דער פּאַרלאַמענט און די גײַסטלעכקייט האָבן באַשלאָסן אונטערצוטראָגן דעם קיניג אַ היפּשן אָפּגאָב, בתּנאַי אַז ער זאָל טון מיט די ענגלישע ייִדן דאָס וואָס ער האָט געטאָן מיט די גאַסקאָניער ייִדן. די זאַך איז געווען אַ באַשלאָסענע. דעם 18טן יולי 1290 האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו פֿאַרטרײַבן אַלע ייִדן פֿון ענגלאַנד. די עמיגראַנטן איז געגעבן געוואָרן צײַט ביזן 1טן נאָוועמבער, דעם טאָג פֿון „אַלע הייליקע", אויף צו ליקווידירן זייערע געשעפֿטן. מען האָט זיי דערלויבט מיטצונעמען זייערע מטלטלין אָדער זיי צו פֿאַרקויפֿן, זייערע הײַזער און סינאַגאָגעס ווידער גייען אַריבער אין אייגנטום פֿון דעם

---

1 גרעץ (געשיכטע VII, נאָטע 11) פֿאַרבינדט אָט דעם אַקט מיטן עפּיזאָד, וואָס ווערט דערציילט אין דער הוספֿה צו דעם חיבור פֿון דעם ענגלישן כראָניסט פֿלאָרענץ פֿון ווּסטער (Worcester): אין יאָר 1275 איז אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך, „אַ פֿײַנער בעל־דרשן, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין דער העברעיִשער שפּראַך", מיטן נאָמען ראָבערטוס דע רעדינג, אַוועק פֿון דער קירך, אָנגענומען ייִדישקייט, חתונה געהאַט מיט אַ ייִדישער טאָכטער און זיך אַ נאָמען געגעבן ח ג י. וועגן אָט דער געשעעניש ווערט דערמאָנט אויך אין דער כראָנאָגראַפֿיע „שבֿט יהודה" (נר' 20), נאָר דאָרט רעדט זיך וועגן פֿראַנקרײַך, און ניט וועגן ענגלאַנד, און קיין דאַטע איז ניט פֿאַרצייכנט. אין אַן אומבאַשטימטער פֿאָרם ווערט די דאָזיקע ידיעה איבערגעחזרט אין דער פּאָעטישער כראָניק פֿון שמואל אושקווי (Consolaçãos). אויפֿן יסוד פֿון אָט די מטושטש־דיקע ידיעות קאָנסטרויִרט גרעץ די השערה, אַז דער אַוועקגאַנג פֿון דעם מאָנאַך, וואָס האָט אויפֿגערודערט די קיניגין־מוטער און די גײַסטלעכקייט, איז געווען איינע פֿון די הויפּט־סיבות וואָס האָבן געבראַכט צום גירוש פֿון ייִדן פֿון ענגלאַנד מיט 15 יאָר שפּעטער. גרעצס פֿאַרדינסט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט צום טייל אויפֿגעקלערט אָט דעם טונקעלן עפּיזאָד דורך קאָנ־פֿראָנטירונג פֿון די פֿאַרשיידענע עדות, אָבער צושרײַבן דעם עפּיזאָד אַזאַ וויכטיקן באַטײַט ווײַזט אונדז אויס צו זײַן צו ריזיקאַליש. דער גירוש איז געווען צוגעגרייט דורך דער גאַנצער פֿריִערדיקער געשיכטע פֿון די ענגלישע ייִדן און איז בעצם געווען אַן ענטפֿער אויף דער שטרעבונג פֿון די ייִדן גופֿא זיך אַרויסצורײַסן פֿון דעם לאַנד פֿון קנעכטשאַפֿט, ווי עס איז אָנגעוויזן אויבן אין טעקסט.

www.libtool.com.cn

קיניגלעכן פּיסקוס; נאָר אײניקע האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו פֿאַרקויפֿן זײערע הײַזער. די וואָס װעלן בלײַבן אויף דער ענגלישער טעריטאָריע שפּעטער װי דער באַשטימטער טערמין האָט געקומט טויטשטראָף. די ייִדן וואָס האָבן שוין פֿון לאַנג אָן געשטרעבט צו עמיגרירן האָבן גאָר ניט געוואַרט ביזן לעצטן טערמין. נאָך פֿריִער (אָקטאָבער 1290) האָבן 16.000 ענגלישע ייִדן זיך געזעצט אויף שיפֿן און האָבן אויף שטענדיק פֿאַרלאָזן דאָס שטיפֿמוטערלעכע לאַנד. די פֿאַרטריבענע זײַנען אַוועק דער עיקר קײן פֿראַנקרײַך. דער קיניג פֿיליפּ דער שײנער האָט זײ צו ערשט דערלויבט צײַטווײַליק צו וווינען אין זײַנע מדינות, נאָר דערנאָך האָט ער אויך געהײסן זײ אַרויספֿאָרן פֿון אײניקע ערטער (למשל פֿון קאַרקאַסאָן אין יאָר 1291). פֿון דעסט וועגן איז די מאַסע פֿון די ענגלישע פֿאַרטריבענע געבליבן אין פֿראַנקרײַך. אין 16 יאָר אַרום האָבן זײ װידער געמוזט נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט צוזאַמען מיט די אָרטיקע ייִדן, וואָס זײַנען געוואָרן פֿאַרטריבן פֿון פֿראַנקרײַך אין יאָר 1306. אַ טײל פֿון די פֿאַרטריבענע זײַנען אַוועק פֿון ענגלאַנד קײן פֿלאַנדערן, אײנציקע גרופּעס זײַנען אָנגעקומען אין דײַטשלאַנד און אין שפּאַניע.

אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט יציאַת=מצרים אין צווײ לענדער פֿון אײראָפּע, סוף 13טן און אָנהײב 14טן י"ה. די פּרעהס פֿון בײדע מלוכות האָבן געשאַפֿן פֿאַר ייִדן אַ נײַע קנעכטשאַפֿט אין דער פֿאָרם פֿון האַנדלס=לײַבאײגנטום און בירגערלעכער רעכטלאָזיקײט, און די אונטערדריקטע האָבן נאָך אַ לאַנגן קאַמף אָן רעזולטאַט קײן אַנדער ברירה ניט געהאַט װי אַוועקצוגײן. אָבער ניט אין געגאַרטן לאַנד פֿון פֿרײַהײט זײַנען זײ אַוועק, נאָר אין דער זעלביקער מיטלעלטערלעכער מדבר, ווו דאָס פֿאָלק פֿון וואָגלערס האָט זעלטן ווען געקאָנט אָנטרעפֿן אויף אַ רויִקן מקום=מקלט. ניט אין גאַנצן גלײַך זײַנען געווען די רעזולטאַטן פֿון די צווײ גירושים — פֿון 1290 און 1306: די ענגלישע ייִדן זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן לעצטגילטיק, און אַ נײַע ייִדישע קאָלאָניע האָט געקאָנט אויפֿקומען אין בריטאַניע ערשט מיט 400 יאָר שפּעטער; די פֿראַנצײזישע ייִדן אָבער איז געווען באַשערט אין גיכן זיך אומצוקערן אַהײם, מיט דעם אַז זײ זאָלן לעצטגילטיק פֿאַרטריבן װערן צום סוף 14טן י"ה. אַ טיפֿערער חילוק באַשטײט אין דער קולטורעל=גײַסטיקער ראָלע פֿון די ייִדן פֿון בײדע לענדער ביזן גירוש: די ייִדישע מעטראָפּאָליע אין פֿראַנקרײַך איז ניט געקוקט אויף אַלע פֿורעניות געווען אַ גרויסער גײַסטיקער צענטער פֿון דער אומה, און גראַד אין 13טן י"ה האָט דאָרט געפֿלאַקערט דער קאַמף פֿון פֿאַרשײדענע גײַסטיקע שטרעמונגען (זע װײַטער קאַפּיטל III); די ענגליש=ייִדישע קאָלאָניע ווידער, וואָס האָט קײן מאָל ניט אַרויסגעוויזן קײן פֿעיִקײט צו זעלבשטענדיקער שאַפֿונג, איז פֿאַרשוווּנדן אָן קענטיקע שפּורן אין דער אינעווייניקסטער געשיכטע פֿון פֿאָלק.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל II

# ייִדן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע אין 13טן י״ה

### § 9. קאַסטיליע אין דער עפּאָכע פֿון רעקאָנקיסטע

דער אָנהייב פֿון 13טן י״ה איז אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון דעם פּירענעיִשן האַלבאינדזל. נאָך דעם נצחון פֿון די קאַסטיליער און אַראַגאָניער איבער די אַלמאָהאַדן בײַ נאַוואַס דע טאָלאָסאַ (יולי 1212) גייט צו די אויפֿריכטונג פֿון דער קריסטלעכער ממשלה אין דער אַראַבישער שפּאַניע (Reconquista) זייער גיך, אין משך פֿון עטלעכע צענדלינג יאָר. דעם נצחון בײַ טאָלאָסאַ האָבן געגעבן צוויי כּוחות: דער כּוח פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון די שפּאַניער, וואָס האָבן געשטרעבט צו פּאָליטישער פֿרײַהייט, און דער כּוח פֿון דער רעליגיעזער באַוועגונג פֿון דעם קאַטוילִיציזם. די שפּאַניער האָבן געקראָגן די וואָגיקע הילף פֿון די אַנטייל־נעמער פֿון רעליגיעזן קריג — פֿון דעם אינעווייניקסטן קרייצצוג, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט דער פּויפּס אינאָקענטיוס III. נאָך דעם ווי זיי האָבן פּאַרטיליקט די אַלביגענזער, זײַנען די אָפּטיילונגען קרייצלערס אַריבער די פּירענייען, בכדי צו פֿאַרטיליקן די מוסלימס.

דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פֿון די שפּאַניער האָבן ייִדן מיטגעפּילט מיטן גאַנצן האַרצן, ווײַל דער נצחון פֿון די שפּאַניער האָט געקאָנט באַפֿרײַען די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דעם פֿאַנאַטישן רעזשים פֿון די אַלמאָהאַדן. אָבער דער רעליגיעזער עלעמענט, וואָס עס האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דעם קאַמף די אָנגעקומענע פֿרעמדע קרייצלערס, האָט געקאָנט אָפּקילן די פּאַטריאָטישע געפֿילן פֿון די ייִדן, מחמת די פֿאָן פֿון קרייץ האָט זיי געוויינטלעך געבראַכט נאָר פּאָגראָמען. און עס איז טאַקע געקומען צו אַ פּרווו פֿון אַ פּאָגראָם אויך דאָ. די ייִדישע קהילה פֿון טאָלעדאָ האָט איבערגעלעבט אומרויִקע טעג זומער 1212, ווען אין שטאָט זײַנען אַרײַן די חיילות פֿון דעם פּויפּסלעכן לעגאַט אַרנאָלד, וואָס האָבן געהאַט פֿריִער פּאַרוויסט די פּראָווענס. די פֿאַנאַטיקער די קריסטן, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן פֿאַנאַטיקער מוסלימס, האָבן ניט געקאָנט גלײַכגילטיק צוזען דעם ווילשטאַנד און די הויכע קולטור

www.libtool.com.cn

פון די ייִדן אין קאַסטיליע און האָבן באַשלאָסן זיך אַרויסצוּווײַזן מיט אַ גרויסן פּאָגראָם. די קרייצפאָרערס זײַנען פּלוצים אָנגעפאַלן אויף די ייִדן פון דער שטאָט טאָלעדאָ און האָבן גענומען מאָרדן און רויבן, אָבער די קאַסטילישע ריטערס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר די ייִדן און האָבן אָפּגעהאַלטן די ווילדע מעשׂים פון די „אולטראַמאָנטאַנען", די „מענטשן פון אַריבער די בערג". אַז דער קיניג אַלפאָנס VIII איז געקומען צוריק אין דער קרוינשטאָט נאָך דעם נצחון בײַ טאָלאָסאַ, האָט ער אַרויסגעוויזן זײַן פולקומע פרײַנדשאַפט צו ייִדן.

די קאַסטיליער האָבן בכלל נאָך דעמאָלט ניט געהאַט אָנגענומען די קאַמפּפּראָגראַם פון דער קירך, וואָס אינאָקענטיוס III האָט פּראָקלאַמירט, און האָבן זיך פאַרהאַלטן לגבי ייִדן ווי לגבי שותּפים אין קאַמף קעגן די מוסלימס. נאָך אַ סך נצחונדיקע שלאַכטן האָט דער קיניג פון קאַסטיליע פערדינאַנד דער הייליקער (1252–1217) אײַנגענומען אַ גרויסן טייל פון אַנדאַלוזיע, מיט קאָרדאָווע און סעווילִיע, די אַלטע צענטערס פון דער ייִדישער קולטור. די מ אַ ו ר ע ן, די קינדסקינדער פון די אַראַביש-בערבערישע באַצווינגערס, זײַנען אָפּגעשטופּט געוואָרן אויפן סאַמע דרומדיקן ברעג פון אַנדאַלוזיע, אין דער געגנט פון גראַנאַדע, וווּ זיי זײַנען נאָך אַ לאַנגע צײַט געבליבן אומאָפּהענגיק. קאָרדאָווע, דעם רמבמס היימשטאָט, וואָס די קאַסטיליער האָבן אײַנגענומען אין יאָר 1236, איז ווידער געעפנט געוואָרן פאַר ייִדן, און איז אין גיכן באַשיינט געוואָרן מיט אַ גרויסאַרטיקער שול. די צווייטע ייִדישע מעטראָפּאָליע פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, סעווילִיע, איז אײַנגענומען געוואָרן אין יאָר 1248. די ייִדן האָבן באַגריסט פערדינאַנדן, בעת ער איז אַרײַן אין שטאָט, און האָבן אים (אָדער זײַן זון אַלפאָנס) אונטערגעטראָגן אַ זילבערנעם שליסל מיט אַן אויסגעקריצטער אויפשריפט אין העברעיִש: „מלך המלכים יפתח, מלך הארץ יבוא". אַ קירצערע אויפשריפט אין קאַסטיליש האָט זיך אַזוי געלייענט: „גאָט וועט עפענען, דער קיניג וועט אַרײַנגיין" (Dios abrira, Rey enterara). נאָך דעם ווי די ייִדן האָבן זיך ווידער באַזעצט אין זייער אַלטן גרויסן קוואַרטאַל, האָבן זיי געקראָגן אַ מתּנה פון קיניג דרײַ מעטשעטן און האָבן זיי איבערגעמאַכט פאַר שולן.

נאָך דעם ווי קאַסטיליע האָט זיך פאַראייניקט מיט לעאָן און שפּעטער נאָך אײַנגענומען אַנדאַלוזיע מיט דער סוווערעניטעט איבער גראַנאַדע וואָס איז געבליבן אין די הענט פון די מאַורען, האָט זי פאַרנומען דעם גאַנצן צענטער פון דעם פירענעיִשן האַלבאינדזל. אין מזרח-זײַט פון איר האָבן זיך געפונען די קלענערע קיניגרײַכן אַראַגאָניע און נאַוואַרע, אין מערב-זײַט — דער קלענער בײַ-ימיקער פּאַס פון פּאָרטוגאַל.

דורך דער פאַרפעסטיקונג פון דער קריסטלעכער ממשלה אין שפּאַניע איז געקומען צו אַן ענגערן קולטורעלן פאַרבאַנד צווישן דעם דאָזיקן לאַנד

www.libtool.com.cn

און דער איבעריקער אייראָפּע, ווו עס האָט אין יענער צײַט געוועלטיקט די קירכלעכע רעאַקציע. די שפּאַנישע גײַסטלעכקייט, וואָס צווישן איר זײַנען געווען ניט ווינציק דאָמיניקאַנער, האָט געשטרעבט אײַנצופֿירן אין לעבן די קאַנאָנען פֿון דעם פּויפּס און פֿון די קאָנצילן, וואָס זײַנען אויסן געווען אָפּצוזונדערן די אַנדערשגלייביקע זײַן אַ נידעריקערער קאַסטע. עס איז געשטאַנען אויפֿן סדר־היום די פֿאַרווירקלעכונג פֿון די תּקנות פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל פֿון 1215, וואָס האָבן אין שפּאַניע באַקומען אַ באַזונדער באַטײַט, מחמת זיי זײַנען געווען נוגע ניט נאָר ייִדן, נײַערט אויך די מאַווריטאַנער „סאַראַצינער". דאָס הויפּטנײַס פֿון דעם קאָנציל וועגן טראָגן אַ דערקענצייכן אויף די מלבושים איז געווען שייך צו ביידע אַנדערשגלייביקע גרופּעס פֿון דער באַפֿעלקערונג. דער העלד פֿון דעם באַפֿרײַונגס־קריג פֿערדינאַנד דער הייליקער האָט געהאַט פֿאַר זיך די האַרבע ברירה: אַרויפֿזעצן אַ שאַנד־פֿלעק אויף דער לאָיאַלער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד, אָדער ווידערשפּעניקן קעגן דער קירך, וואָס אין איר נאָמען האָט ער אָפּגענומען דאָס לאַנד בײַ די מאַורען. גרעגאָר IX און אינאָקענטיוס IV פֿלעגן דערמאָנען דעם קיניג, אַז מען דאַרף אויספֿירן די החלטות פֿון דעם קאָנציל, אָבער בײַ זײַן בעסטן ווילן איז ער דאָס ניט געווען ביכולת צו טון: ניט די ייִדן און ניט די מאַורען וואָלטן ניט שלום געמאַכט מיטן מוז צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן, און אויפֿרייצן זיי וואָלט געקאָנט ווערן געפֿערלעך, וואָרעם צוליב פֿאַרענדיקן די נאַציאָנאַלע מלחמה מיט אַ נצחון האָט מען געמוזט האָבן די ייִדישע פֿינאַנצן און די רו פֿון די אָרטיקע מוסלימס. איבער דער זעלביקער סיבה איז פֿערדינאַנד געווען געצוווּנגען ניט צו מאַכן זיך וויסן פֿון דעם קאַנאָנישן פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו בויען נײַע שולן. אין די אײַנגענומענע קאָרדאָווע, סעוויליע און אַנדערע שטעט פֿון אַנדאַלוזיע זײַנען אין יענער צײַט אויסגעבויט געוואָרן שולן, וואָס זײַנען לויט זייער פּראַכט ניט אָפּגעשטאַנען פֿון די שענסטע קירכן.

אַ צווייזײַטיקע פּאָליטיק האָט געפֿירט פֿערדינאַנדס יורש, אַלפֿאָנס X דער חכם (1252–1281), פּונקט ווי עס איז געווען צווייזײַטיק דער כאַראַקטער פֿון דעם דאָזיקן קיניג, וואָס פֿרײַדענקערײַ האָט זיך געפּאָרט בײַ אים מיט אָבערגלייבערײַ. אין אָנהייב פֿון זײַן רעגירונג האָט ער באַשלאָסן אויסצושטימען די אָרטיקע געזעצן און פּריווילעגיעס („פֿועראָס") פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון קאַסטיליע מיט די קירכלעכע קאַנאָנען, און צוליב דעם האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ נײַעם געזעצבוך אויף קאַסטיליש („Las siete partidas"), וואָס אַ טייל פּאַראַגראַפֿן אין אים האָבן רעגולירט דעם מצבֿ פֿון ייִדן. דער געזעצגעבער גייט דאָ אַרויס פֿון דעם פּרינציפּ פֿון אינאָקענטיוס III: ייִדן

www.libtool.com.cn

מוז מען טאָלערירן אין דער קריסטלעכער מלוכה, אָבער זיי מוזן זיך געפינען אין צושטאַנד פון „אייביקן גלות", בכדי אַלע זאָלן געדענקען, אַז זיי געהערן צו אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרמשפּט קריסטוסן. אונטער טויטשטראָף איז זיי פאַרבאָטן צו פאַרשפּרייטן זייער גלויבן צווישן אַנדערע. אין דעם שטילן פרייטאָג פאַר פּסח טאָר אַ ייִד זיך ניט ווייַזן אויף דער גאַס. טויטשטראָף קומט אַזאַ ייִדן וואָס וועט אין אָט דעם פרייטאָג קרייציקן (?) אַ קריסטלעך קינד אָדער דורכפירן אַזאַ אַקט איבער אַ וועקסענער פיגור כדי צו לעסטערן קריסטוסן. ייִדן טאָרן ניט צוגעלאָזט ווערן צו קיין עפנטלעכע כבוד-שטעלעס. זיי איז פאַרבאָטן צו וווינען, צו עסן און צו באָדן זיך צוזאַמען מיט קריסטן, און זיי טאָרן אויך ניט האַלטן קיין קריסטלעכע באַדינערשאַפט; קריסטן טאָרן אויך ניט אָננעמען קיין רפואות פון אַ ייִדנס האַנט. ייִדן מיט קריסטן טאָרן ניט לעבן אין אַ זיווג-משפחה. מען טאָר ניט בויען קיין נייַע שולן אָן אַ דערלויבעניש פון קיניג. ייִדן זייַנען מחויב צו טראָגן אויפן קאָפּשצודעק אַ באַזונדער צייכן, און ווער פון זיי עס טוט דאָס ניט צאָלט שטראָף צען מאַראַוועדיס אָדער באַקומט צען קלעפּ מיט אַ בייַטש.

דאָס איז געווען דער געזעץ, נאָר דאָס לעבן האָט זיך צונויפגעשטעלט גאָר אַנדערש, און לחלוטין אַנדערש איז געווען די טועכץ פון דעם קיניג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אָט דעם געזעץ, בכדי יוצא צו זייַן לגבי אַ פאָרמאַלן חוב.

אַלפאָנס X גאַנצער פיר איז געווען דער היפך פון זייַנע געזעצן. אין ערגעץ האָבן ייִדן ניט געטראָגן דעם באַזונדערן צייכן, און עס איז ניטאָ קיין ידיעות, אַז ייִדן זייַנען ערגעץ באַשטראָפט געוואָרן פאַר ניט טראָגן. די שפּאַנישע ייִדן זייַנען געווען צו שטאָלץ, אַז זיי זאָלן דערלאָזן אָנטון אויף זיך אַ שאַנדצייכן; ניט איין מאָל האָבן זיי וועגן דעם געמאָלדן די וועלטלעכע און גייַסטלעכע שררות. אַלפאָנס X האָט לא די וואָס ניט באַשטאַנען דערויף, אַז עס זאָל אָפּגעהיט ווערן אָט דער קאָנציליען-קאַנאָן, וואָס איז אין יענער צייַט שוואַך אָפּגעהיט געוואָרן אַפילו אין פראַנקרייַך פון לודוויג דעם הייליקן, נאָר ער האָט אויך אָפן עובר געווען אויף דעם לאַנגגאָניקן קירכלעכן איסור, וואָס ער גופא האָט באַשטעטיקט, און פלעגט באַשטימען ייִדן אויף מלוכישע שטעלעס, ווען דאָס איז אויסגעקומען נייטיק צוליב זייַנע אינטערעסן. פונקט ווי די פריִערדיקע מלכים, האָט ער גענוצט ייִדן פינאַנסיסטן פאַר אַרענדאַטאָרן פון שטייַערן, פאַר אַלמאַכאַריפן (אָדער אַלמאָקסאַריפן), וואָס האָבן פאַקטיש געהאַט צו שאַפן איבער דער מלוכה-קאַסע.

נאָך אין דער צייַט פון פערדינאַנד דעם הייליקן איז געווען אַלמאָכאַריף דאָן מאיר דע מאַלעאַ, וואָס דער ראָש פון די שפּאַנישע רבנים פון יענער צייַט (דער רמבן) האָט אים אָנגערופן „אַ חשובער שׂר איי אַ תּלמיד-חכם";

www.libtool.com.cn

ער איז געבליבן אויף זײַן שטעלע אויך אונטער אַלפאָנסן. אַ ברייטע פינאַנציעלע טעטיקייט האָבן פונאַנדערגעוויקלט זײַנע זין ד אָ ן  ס אַ ג (יצחק) און ד אָ ן  י ו ס ף. דורך זייערע פינאַנציעלע המצאות האָבן די דאָזיקע אַלמאָכאַריפן גרינגער געמאַכט אַלפאָנסאָן צו פירן מלחמות און צו פאַרווירקלעכן אַנדערע פּאָליטישע פּלענער. בשותפות מיט צוויי אַנדערע גבירים פלעגן זיי אויסצאָלן דעם קיניג אַלע יאָר גוואַלדיקע סומעס. בײַ איינמאָנען די שטײַערן האָבן אָט די אַלמאָכאַריפן געהאַט אין זייער רשות די אָרטיקע קיניגלעכע באַאַמטע, און אַזוי אַרום איז מקוים געוואָרן דער חשש פון די קירכלעכע טוערס, אַז קריסטן וועלן מוזן פאָלגן יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז די שטײַערן־איינמאָנערס, וואָס האָבן אָפט מאָל געמוזט אָנקומען צו צוואַנגמיטלען, האָבן געוועקט בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג שנאה צו יידן, נאָר די מלכים האָבן אָן אָט די פינאַנציעלע אַגענטן ניט געקאָנט זיך באַגיין, און דעריבער האָבן זיי ניט געלייגט קיין אַכט ניט אויף די קירכלעכע פאַרבאָטן און ניט אויף די געפילן פון פאָלק.

אויף להכעיס דעם קאַנאָן, אַז אַ קריסט טאָר זיך ניט היילן בײַ יידן, האָט אַלפאָנס X געהאַט אין זײַן דינסט דעם דאָקטאָר י ה ו ד ה  כ ה ן, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווען אויך דער הויפישער אַסטראָלאָג. ווי אַ גרויסער ליבהאָבער פון אַסטראָלאָגיע האָט דער קיניג פאַרבעטן צו זײַן הויף מאַטעמאַטיקער און שטערנזעערס פון פאַרשיידענע אומות. צווישן זיי האָט פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן אָרט דער חזן פון דער טאָלעדער שול ר ב י  י צ ח ק  א ב ן  ס י ד, וואָס האָט לויטן קיניגס באַשטעלונג צונויפגעשטעלט די באַרימטע „אַסטראָנאָמישע טאַבעלעס“, וואָס הייסן „אַלפאָנסאָס טאַבעלעס“. די דאָזיקע טאַבעלעס האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ סך אויסבעסערונגען אין דער אַלטער פלאַנעטאַרער סיסטעם פון פּטאָלעמײַאָס און האָבן געדינט ווי אַ הילפסמיטל פאַר ספּעציאַליסטן אַזש ביז די ווויסנשאַפטלעכע אויסגעפינסן פון דער נײַער צײַט. דער דערמאָנטער דאָקטאָר יהודה כהן און אַנדערע יידישע געלערנטע האָבן איבערגעזעצט פאַרן קיניג ווערק וועגן אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע פון אַראַביש אויף שפּאַניש.

די קלעריקאַלע פאַרטיי איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט דעריבער, וואָס יידן האָבן געקראָגן אַזאַ השפעה בײַם קיניגלעכן הויף. מען האָט געשיקט אָנקלאָגעס קיין רוים. דער פויפּס ניקאָלאַוס III האָט אין אַ בריוו געטאַדלט אַלפאָנסן, פאַר וואָס ער איז אָפן עובר אויף די תקנות פון די קאָנצילן, און האָט געסטראַשעט קאַסטיליע מיט כל הפורעניות דערפאַר, „וואָס מען גיט יידן הערשאַפט איבער קריסטן“. נאָר דאָס מוסר זאָגן האָט ניט געהאָלפן. די קאָנסטיטוציע פון יידישער רעכטלאָזיקייט, וואָס די קאַטוילישע רוים האָט געהאַט אויסגעאַרבעט פאַר יידן, איז אין מיטלעלטער אָפט פונקט אַזוי שלעכט

www.libtool.com.cn

אָפּגעהיט געוואָרן, ווי די קאָנסטיטוציע פון גלײַכבאַרעכטיקונג אין דער נײַסטער צײַט.

איבעריקנס האָט דער ייִדישער אַלמאָכאַריף סאַג דע מאַלעאַ געהאַט אַ שלעכטן סוף. אַלפאָנס דעם חכמס זון, דער אינפאַנט דאָן סאַנטשאָ (דון שאַנגו), וואָס איז געווען צעקריגט מיטן פאָטער, האָט בײַ זײַן ייִדישן קאַסיר אויסגענאַרט אַ היפּשע סומע פון די שטײַערגעלטער, וואָס איז געווען באַשטימט אויף אויסצוהאַלטן דעם פלאָט אין אַלכעסיראַס, ווו עס איז געגאַנגען די מלחמה מיט די מאַווערן. דער קיניג איז דערויף געוואָרן אין כּעס און האָט געהייסן אַרײַנזעצן אין תּפיסה סאַגן און זײַנע שותּפים. ווען דער אינפאַנט איז געקומען צוריק קיין סעווילייע, האָט מען דעם אומגליקלעכן דאָן סאַג אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון שטאָט פאַרבײַ דעם אינפאַנטס הויז און מען האָט איבער אים אויסגעפירט טויטשטראָף פאַרן פרינץ אין די אויגן (1280). נאָך דערמיט איז נאָך אַלפאָנס ניט געווען צופרידן: איין מאָל אַ שבתדיקן טאָג האָט ער געהייסן צונעמען אַ סך אָנגעזעענע בעלי־בתּים פון די ייִדישע קהילות פון די שולן ווו זיי האָבן געדאַווענט און האַלטן זיי אין תּפיסה, ביז וואַנען זיי וועלן ניט אָפּצאָלן גאָר אַ גרויסע סומע שטראָף. אין גיכן האָט סאַנטשאָ זיך געשטעלט בראָש פון אַ פּאַרטיי וואָס איז געווען פײַנטלעך צו אַלפאָנסן און אים האָט אָפּגעגליקט אַראָפּצוזעצן דעם פאָטער און צו נעמען די רעגירונג אין זײַנע הענט.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דעם ווי סאַנטשאָ IV איז געוואָרן קיניג, האָט ער צונויפגערופן אין הועטע דעפּוטאַטן פון די ייִדישע קהילות פון קאַסטיליע, לעאָן, מורסיע און אַנדאַלוזיע און האָט זיי פאַרגעלייגט פונאַנדער־צוטיילן צווישן די קהילות די פאַרשיידענע אָפּצאָלן וואָס ייִדן האָבן באַדאַרפט אַרײַנטראָגן אין דער מלוכה־קאַסע (1290). חוץ דעם געוויינטלעכן קאָפּשטײַער האָט מען פון ייִדן געפאָדערט צו באַצאָלן ווי אַ צוגאָב־אָפּצאָל אַ „דינסטשטײַער" (servicio) צו 3 מאַראַוועדיס אָדער 30 דינרים פון איטלעכן מענטשן וואָס איז געוואָרן 20 יאָר אַלט. די גרייס פון דעם שטײַער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון די 30 זילבערשטיקער, וואָס לויט דער עוואַנגעליע האָט יהודה איש קריות פאַר דעם פרײַז אַרויסגעגעבן קריסטוסן. ביז דעמאָלט פלעגט דער קאָפּשטײַער ווערן געצאָלט אינדיווידועל, און די אַחריות פאַר אים האָט געטראָגן איטלעכער ראָש־משפּחה; איצט האָט דער קיניג לויטן מוסטער פון די שכנישע רעגירערס אַרויפגעלייגט די התחייבֿות פונאַנדער־צוטיילן די שטײַערן און זיי אויפצומאָנען אויף דער פאַרוואַלטונג פון דער ייִדישער קהילה, אַזוי אַז די קהילה האָט געטראָגן די אַחריות דערפאַר, אַז די שטײַער־סומעס זאָלן רעגולער אַרײַנקומען. פון דעם הערכה־רייסטער פון דעם שטײַער לויט די איינציקע באַצירקן קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז סך־הכּל

www.libtool.com.cn

האָט די סומע באַטראָפן דעמאָלט כמעט דרײַ מיליאָן מאַראַוועדיס (אַן ערך
100.000 פונט). חוץ דעם איז אויף יידן געלעגן דער עול פון ספּעציעלע
און אויסערגעוויינטלעכע שטײַערן, אַ שטייגער ווי „מעשׂר" פון נחלאות לטובת
דער קירך, קרוינשטײַער א"אַנד.

אויפן צונויפּפּאָר פון יאָר 1290 זײַנען די שטײַערן פונאַנדערגעטיילט
געוואָרן צווישן די 120 יידישע קהילות פון קאַסטיליע. די גרעסטע קהילות
האָבן זיך געפונען אין די שטעט טאָלעדאָ, בורגאָס, קאַריאָן, קוענקאַ, אַווילאַ,
וואַלאַדאָליד, הועטע, סאָריאַ, מורסיע, סעפּולוועדאַ און אייניקע אַנדערע.
באַשטימען לויט אָט די הערכה=רייסטערס די צאָל פון דער יידישער באַפעל=
קערונג אין קאַסטיליע איז שווער אַפילו לפּי ערך, [1] נאָר ווי פאַר יענער
צײַט איז זי על כל פּנים גאַנץ גרויס. די דאָזיקע רירעוודיקע, עקאָנאָמיש
אַקטיווע באַפעלקערונג איז געווען אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער כּוח, וואָרעם
זי איז ניט געווען באַגרענעצט אין דעם רעכט אויסצוקלײַבן זיך אַ פּראָפעסיע,
ווי אין פראַנקרײַך און ענגלאַנד פון יענער צײַט. לעבן אַרענדאַטאָרס=פינאַנ=
סיסטן באַגעגנט מען צווישן די קאַסטיליער יידן ערד=אייגנטימער און אינדו=
סטריעלער. מחמת מורא פאַר דער מאַכט פון די יידן האָבן די שטאַנד=
פאַרזאַמלונגען פון דעם אַדל (די קאָרטעס) ניט איין מאָל געבעטן בײַם קיניג,
ער זאָל פאַרבאָטן יידן אײַנצושאַפן זיך ערד בײַ קריסטן, און די קאָרטעס
פון די שטעט האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן בכלל אָפּגעשאַפט ווערן די
אַרענדעס אויף שטײַערן. דער קיניג פלעגט אַ מאָל צוזאָגן, אָבער ער האָט
קיין וואָרט ניט געהאַלטן. אין דער דעמאָלטיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג
האָט לא די וואָס די רעגירונג, נאָר אויך אַ היפּשער טייל פון דער באַפעל=
קערונג ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער
טעטיקייט פון די יידן, וואָס זײַנען אין דער נײַער קריסטלעכער שפּאַניע
געווען פּונקט אַזעלכע אַקטיווע בירגער, ווי אין דער פריערדיקער אַראַבי=
שער שפּאַניע.

## § 10. די יידן אין אַראַגאָניע אונטער כיימע I

דאָס צווייטע שפּאַנישע קיניגרײַך, אַ ר אַ ג אָ נ י ע, האָט אין 13טן י"ה
זיך געפונען אין דער ווירקונג=ספערע פון דעם פויפּסטום און פון די מאָנאַ=
כישע אָרדנס און איז לויט איר טיף געווען נעענטער צו איר שכנטע, צו

1 אויפן סמך פון השערותדיקע חשבונות האָט גרעץ באַשטימט די צאָל יידן אין קאַסטיליע סוף 13טן י"ה אויף 850.000, בעת ווען איסידאָר לעב (Loeb) נעמט אָן אַ ציפער פון 234.000. די דאָזיקע ציפער איז מכמעות נעענטער צום אמת. מען באַדאַרף נאָך האָבן אין זינען, אַז אַ היפּשע יידישע באַפעלקערונג איז געווען קאָנצענטרירט נאָך אין אַראַגאָניע און אין אַנדערע טיילן פון דעם פירענעיִשן האַלבאינדזל.

www.libtool.com.cn

פֿראַנקרײַך. צווישןביידע לענדער איז געווען צום טייל אַ טעריטאָריעלע פֿאַרבינדונג; די מלכים פֿון אַראַגאָניע האָבן געהערשט מיט די רעכט פֿון סוזערענען איבער אייניקע פּראָווינצן אין פֿראַנקרײַך, און אין דער געשילדערטער תּקופֿה האָבן צו זיי געהערט די באַצירקן מאָנפּעליע און רוסיליאָן. דער באַשעפֿער פֿון אַ נײַער און שטאַרקער אַראַגאָניע איז געווען דער קיניג כיימע I ‏(Jayme), וואָס זײַן לאַנגע רעגירונגס-צײַט (1276—1213) פֿאַלט צונויף מיט דעם גלענצנדסטן פּעריאָד פֿון דער רעקאָנקיסטע. בשותּפֿות מיט די מלכים פֿון קאַסטיליע טיילט כיימע דער באַצווינגער (Conquistador) דעם זאַקרויב פֿון דער צעפֿאַלנדיקער מוסלימישער שפּאַניע. צו זײַנע גערשנטע פּראָווינצן, אַראַגאָניע און קאַטאַלאָניע, האָט ער צוגעקראָגן די באַלעאַרישע אינדזלען און די רײַכע וואַלענסיע.

אַזוי אַרום האָט ער געקראָגן די ממשלה איבער אַ גרויסער מאַסע ייִדן, וואָס האָבן זינט קדמונים געווינט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע. און ער באַשטימט זײַן באַציִונג צו זיי פּונקט ווי די פֿראַנצייזישע מלכים: זיי זײַנען זײַן אייגנטום. „די ייִדן און סאַראַצענער, וואָס ווינען אין אונדזערע מדינות — אַזוי שטייט געשריבן אין דעם גרונדגעזעץ פֿון דער דאָזיקער רעגירונג — געהערן צום קיניג און שטייען מיט זייער גאַנצן אייגנס אונטער אונדזער שוץ. איטלעכער, וואָס ווערט זיך שטעלן אונטערן שוץ פֿון וואָסער עס איז אַדלמאַן, פֿאַרלירט דאָס לעבן, און זײַן אייגנס ווערט קאָנפֿיסקירט לטובֿת דעם קיניג". דאָ איז ניטאָ קיין טיילונג אויף קיניגלעכע און פֿעאָדאַלע ייִדן, ווי אין פֿראַנקרײַך, דער קיניג איז דער איינציקער שוצהאַר פֿון די ייִדן, און צו זיי קומען נאָך צו די מאַווערן פֿון די אײַנגענומענע פּראָווינצן.

בײַ אַזאַ מצבֿ וואָלט כיימע I, אַ בן-דור פֿון לודוויג דעם הייליקן און צום טייל זײַנער אַ חבֿר-לדעה, געקאָנט אָפּטון איבער „זײַנע ייִדן" פֿאַרשיידענע עקספּערימענטן אין גײַסט פֿון דער דעמאָלטיקער קריגערישער קירך, אויב ער וואָלט אַליין ניט געווען אָפּהענגיק פֿון ייִדן אין דער זעלביקער מאָס, ווי די ייִדן זײַנען געווען אָפּהענגיק פֿון אים. היות ווי ער האָט זיך שטענדיק געניייטיקט אין געלט צוליב זײַנע מלחמות מיט די מאַווערן און צוליב אָרגאַניזירן זײַן פֿאַרברייטערטע מלוכה, האָבן אים ייִדן געגעבן דעם שטאַרקן פֿינאַנציעלן אַפּאַראַט, וואָס אָן אים וואָלט ער ניט געקענט זײַן קיין „קאָנקיסטאַדאָר" און אַפֿילו ניט פּשוט קיין מושל. דער קיניג האָט אויסגעפּרעסט בײַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג כּלערליי אָפּצאָלן, האָט כּסדר גענומען הלוואות צוליב פֿאַרשיידענע פּערזענלעכע און מלוכישע נויטבאַדערפֿעגישן בײַ איינציקע גבֿירים און בײַ גאַנצע קהילות, דערפֿאַר אָבער האָט ער געלאָזט אַלעמען די מיגלעכקייט צו לעבן און צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשיידענע פּרנסות. ער האָט פֿאַר איין וועגס ניט פֿאַרגעסן אויך זײַן חובֿ פֿון אַ קריסטלעכן רעגירער,

www.libtool.com.cn

וואָס איז אַ געטרײַער דינער פֿון רוים און אַ באַשיצער פֿון די מאָנאַכישע אָרדנס, באַזונדערס פֿון די דאָמיניקאַנער, וואָס האָבן שטאַרק זיך פֿאַרמערט אין אַראַגאָניע. ער האָט זיי דערלויבט צו מאַכן עקספּערימענטן פֿון רעליגיעז־זער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יִדן, ער האָט אַליין געפּרוווט אַרײַנפֿירן אין לעבן די קירכלעכע קאַנאָנען, נאָר עס האָט אים ניט אָפּגעגאָלטן, און ער האָט זיך אונטערגעגעבן שטילערהייט. ווערעם וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט געקענט האָבן די מפּלה בײַם וועלן אויספֿירן די געבאָטן פֿון רוים לגבי אַ פֿינאַנציעלן קריזיס, וואָס האָט געקאָנט קאָסטן דעם אָנוווער פֿון אַ גאַנצער פּראָווינץ.

די פֿילצאָליקע אַקטן פֿון כיימע I׳ס רעגירונגס־צײַט, וואָס זײַנען פֿאַר־בליבן אין די אַרכיוון, גיבן אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם סאָציאַלן מצב פֿון די אַראַגאָנישע יִדן. די צענטראַלע קהילות האָבן זיך געפֿונען אין דער הויפּטשטאָט פֿון אַראַגאָניע סאַראַגאָסע און פֿון קאַטאַלאָניע – באַרצעלאָנע. גרויסע קהילות זײַנען געווען אויך אין די שטעט קאַלאַטאַיוד, דאַראָקאַ, הועסקאַ, באַרבאַסטראָ, לערידע, וואַלענסיע, טאָרטאָזע, געראָנע, בעסאַלו, פּערפּיניאַן, מאָנפּעליע, אין די אַלטע און אין די פֿריש אײַנגענומענע פּראָווינצן. כיימע I, ווען ער פֿלעגט אָפּנעמען בײַ די מוסלימס נײַע טעריטאָריעס, פֿלעגט ער זיך פֿלײַסן צו באַזעצן די שטעט דאָרט דערהויפּט מיט יִדן: נאָכן אײַנגעמען וואַלענסיע (1238) צעטיילט ער אַ סך מאַוריטאַנישע הײַזער צווישן זײַנע זעלנער און יִדן; מחוץ די שטעט צעטיילט מען יִדן שטיקער ערד אויף צו באַאַרבעטן, סעדער און ווײַנגערטענער. אין יאָר 1247 לייגט דער קיניג פֿאָר אַ פֿולע נאַטוראַליזאַציע אַלע יִדן, וואָס וועלן זיך באַזעצן אין מאַיאָרקע, קאַטאַלאָניע און וואַלענסיע. ער רופֿט אַרויס אַהין יִדן אַפֿילו פֿון פֿעס און אַנדערע ערטער פֿון מאַראָקאָ. אין מאַיאָרקע טרעט ער אָפּ די נײַע קאָלאָניסטן אַ קוואַרטאַל נאָענט פֿון זײַן פּאַלאַץ און גיט זיי פֿאַרשיידענע פּריווילעגיעס. אין דער שטאָט מאָנפּעליע, ווו יִדן האָבן געוווינט אין צוויי קוואַרטאַלן, וואָס איינער פֿון זיי האָט געהערט צום קיניג און דער צווייטער צום בּיסקופֿ, האָט כיימע I באַפֿרײַט פֿון הויזשטײַער יענע יִדן, וואָס האָבן זיך אַריבער־געקליבן פֿון דעם בּיסקופֿס קוואַרטאַל אין דעם קיניגס קוואַרטאַל. אָן אַ דער־לויבעניש פֿון קיניג האָט מען אין די גרענעצן פֿון קיניגרײַך ניט געטאָרט אַריבערקלײַבן זיך צו וווינען פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער; אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד איז געווען שווער ביז גאָר. יִדישע עמיגראַנטן פֿון פֿראַנקרײַך, וואָס פֿלעגן אַוועק פֿון דעם שווערן שוץ פֿון קיניג לודוויג דעם פֿרומען, פֿלעגט מען אין אַראַגאָניע זייער גערן צונעמען. אין דער כאַרטיע, וואָס כיימע I האָט אַרויסגעגעבן די יִדן פֿון מאָנפּעליע, זאָגט ער מיט גדלות, אַז הגם יִדן טראָגן דעם יאָך פֿון קנעכטשאַפֿט אין די קריסטלעכע לענדער, נאָר

www.libtool.com.cn

אין זייַנע מדינות וועט ער ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי דערנידעריקן און באַעוולען (1258).

אין אָנהייב פֿון זייַן רעגירונג האָט די ייִדן אָפּגעגליקט צייַטווייַליק פּטור צו ווערן פֿון צו טראָגן דעם ייִדישן צייכן (די דאָזיקע הנחה האָט אויסגעפּועלט בייַם פּויפּס האָנאָריוס III דער דאָקטאָר בנבנישתי, וואָס האָט געהאַט אַ השפּעה בייַם אַראַגאָנישן הויף), אָבער שפּעטער האָט דער קיניג ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דער פֿאָדערונג פֿון דער גייַסטלעכקייט און האָט אין יאָר 1228 אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדן אַ מוז צו טראָגן אויף די מלבושים אַ געל רעדל (rota) אָדער אַן אייבער־מאַנטל מיט אַ קייַלעכדיקן קאַפּושאָן (capa rotunda). אָבער אויך נאָך דעם האָבן פֿאַרשיידענע קהילות דורך אַ באַזונדער השתדלות זיך באַפֿרייַט פֿון צו טראָגן דעם צייכן (באַרסעלאָנע אין יאָר 1268 א״אַ). דער קיניג האָט דערלויבט ייִדן וואָס פֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער צו טראָגן אָנשטאָט דעם ייִדישן מאַנטל אַ געוויינטלעכן מאַנטל, כּדי מען זאָל זיי אונטער וועגס ניט טשעפּען. אין גאַנצן פּטור פֿון צו טראָגן דעם צייכן זייַנען געווען די הויפֿישע פֿינאַנץ־אַגענטן. אין מאָנפּעליע פֿלעגט מען אויך אין דעם פּרט געבן הנחות די ייִדישע אייַנוווינער פֿון דער קיניגלעכער Juiverie, בכדי זיי אָפּצוצייִען פֿון דעם ביסקופּס קוואַרטאַל, ווו מען האָט די ייִדן געצוווּנגען צו טראָגן „מער מבֿיישדיקע צייכנס״.

דער קיניג האָט געזאָרגט צו באַשיצן די ייִדן אין די אומרויִקע טעג פֿון דער פֿאַרפּאַסכעדיקער וואָך, ווען די קריסטן, אויפֿגערעגט דורך דעם קירכלעכן אַקט פֿון דער „פּאַסיע״, פֿלעגן וואַרפֿן שטיינער אויף די פֿאַרבייַגייענדיקע ייִדן און אין די פֿענצטער פֿון זייערע הייַזער. דער דאָזיקער פֿאָלקס־מנהג פֿלעגט ווערן פּראַקטיקירט באַזונדערס אין דעם פֿאַרפּאַסכעדיקן פֿרייַטאָג, און דער קיניג האָט געהייסן אין יענעם טאָג היטן די ייִדישע קוואַרטאַלן. נאָר אַ מאָל פֿלעגט דער קיניג זיך לאָזן באַווירקן דורך דער גייַסטלעכקייט: ער פֿלעגט צווינגען די ייִדן צו הערן די מיסיאָנערישע דרשות פֿון די דאָמיניקאַנער און עפֿנטלעך צו דיספּוטירן מיט זיי וועגן די ענינים פֿון גלויבן; ער האָט אויך געפּרוּווט צו רודפֿן די ייִדישע רעליגיעזע ספֿרים לויטן מוסטער פֿון לודוויג דעם הייליקן.

אין דער גאַנצער טועכץ פֿון אָט דעם מאָנאַרך האָט זיך אַרויסגעוויזן דער ווידעראַנאַנד צווישן געזעץ און לעבן. פּרינציפּיעל האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַרן כּלל ניט צו באַשטימען ייִדן אויף געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס, נאָר פֿאַקטיש האָט ער אָפֿט געמאַכט אַ יוצא מן הכּלל און האָט באַשטימט ייִדן לאַ די וואָס פֿאַר אַגענטן אויפֿצומאָנען שטייַערן, נאָר אַ מאָל אויך אויף דעם אַחריותדיקן פּאָסטן פֿון אַ באַיולוס (bajulus), דאָס הייסט אַ קיניגלעכער שופֿט און פֿיסקאַל אין שטעט. יהודה דע־קאַוואַלעריאַ איז אַ צייַט לאַנג געווען קיניג=

www.libtool.com.cn

לעכער באַיולוס אין סאַראַגאָסע, ווידאַל שלמה און בנבנישתּי דע פּאָרטאַ — אין באַרצעלאָנע, אַסטרוג יעקבֿ — אין טאָרטאָזע. בײַם קיניג און בײַ זײַן זון דעם אינפֿאַנט פּעדראָ זײַנען ייִדן געווען אָנגעשטעלט ווי „אַלפֿאַכימס" אָדער איבערזעצערס פֿון אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן, און האָבן פֿאַר איינס אויס־געפֿירט אויך דיפּלאָמאַטישע שליחותן. דער קירכלעכער פֿאַרבאָט צו היילן זיך בײַ ייִדן האָט אויך כּיימע I, פּונקט ווי אַ סך מלכים פֿון יענער צײַט, ניט געשטערט אָנצוגעטרויען זײַן געזונט און דאָס געזונט פֿון זײַן משפּחה אין די הענט פֿון ייִדישע דאָקטוירים.

די פֿינאַנציעלע השפּעה האָט געגעבן כּוח און מאַכט יענע, וואָס די קירך האָט זיי געוואָלט מאַכן פֿאַר קנעכט. דערפֿאַר טאַקע האָבן די אַראַגאָ־נישע ייִדן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן האַנדל, מלאָכות און ווו ניט ווו אויך מיט ערדאַרבעט,[1] זיך פֿאַרנומען גערן אויך מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס. קיניג כּיימע I האָט זיך געפֿלײַסט צו רעגולירן די דאָזיקע געשעפֿטן. אין אַראַגאָניע איז זינט 1228 געווען גילטיק אַ געזעץ, וואָס איז ניט איין מאָל באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קיניג, דורך די קאָרטעס פֿון דעם אַדל און די קירכלעכע סינאָדן, וואָס לויט אים איז ייִדן געווען פֿאַרבאָטן צו נעמען מער פֿון 20 פּראָצענט אַ יאָר. בײַם אָפּשליסן אַזעלכע געשעפֿטן זײַנען די נאָטאַריוסן געווען מחויבֿ אויפֿצופּאַסן, אַז מען זאָל ניט עובֿר זײַן אויפֿן געזעץ דורך אַרײַנגעמען דעם צינזן־ריווח אין קרן, ווי דאָס פֿלעגן מאַכן די קריסטלעכע פּראָצענטניקעס (למשל די איטאַליענישע לאָמבאַרדער) אויף אַרומצוגיין דעם קירכלעכן פֿאַרבאָט צו נעמען „נשך". ערטערווײַז פֿלעגט זײַן דערלויבט די קריסטלעכע פּראָצענטניקעס צו נעמען ניט מער ווי 12 פּראָצענט, און ייִדן 20 פּראָצענט. פֿאַרן עובֿר זײַן דעם דאָזיקן געזעץ האָט געקומט קאָנפֿיסקירן די גאַנצע סומע פֿון דעם חובֿ, וואָס אַ העלפֿט דערפֿון פֿלעגט אָנקומען דעם קיניג און אַ העלפֿט דעם בעל־חובֿ. דער קיניג האָט געהאַט דאָס רעכט זיך אַרײַנצומישן אין די קרעדיט־אָפּעראַציעס פֿון די ייִדן: לויט זײַן אײַנזען האָט ער געמעגט אָפּלייגן דעם טערמין צו באַצאָלן דעם חובֿ אָדער צווינגען דעם בעל־חובֿ צו באַצאָלן צום טערמין. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קיניג האָט אויס־גענוצט אָט דאָס רעכט צוליב זײַנע אייגענע אינטערעסן, אַזוי אַז ער האָט אונטערגעהאַלטן יענע פֿינאַנסיסטן וואָס פֿלעגן אים אויסלײַען געלט אויף

[1] פֿון אָפֿיציעלע אַקטן איז צו זען, אַז ייִדן האָבן פֿאַרמאָגט פֿערמעס (alquerias), סעדער און ווײַנגערטנער, האָבן געהאַנדלט מיט תּבֿואה, בוימל, קעז, טוך און כּלערליי סחורות, „וואָס ווערן פֿאַרקויפֿט לויט וואָג און מאָס", און אויך מיט בהמות. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע שיפֿן און האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן ים־טראַנספּאָרט צווישן די האַוונס פֿון שפּאַניע און מאַראָקאָ. נאָר אָפֿט פֿלעגט מען, לויט די אָרטיקע געזעצן אָדער „פֿועראָס", פֿאַרבאָטן ייִדן צו האַנדלען מיט שפּײַז־אַרטיקלען און מיט אייניקע אַנדערע סחורות. פֿאַראַן ידיעות וועגן ייִדישע בעלי־מלאָכישע וואַרשטאַטן.

www.fltool.com.cn

גרינגע תּנאים און פלעגט פאַרקוקן אַפילו, ווען זיי פלעגן עובר זיין אויף דעם געזעץ וועגן דער מאָס פון פּראָצענטן לגבי אַנדערע בעלי־חובות. אָפט פלעגט כיימע I, בעת ער פלעגט אַנטלייען גרויסע סומעס ביי יידישע גבירים, געבן אַ גאַראַנטיע צו זיכערן דעם חוב דורך די שטייער־הכנסות פון אַ וואָסער עס איז באַצירק אָדער פון אַ יידישער קהילה. די שטייערן־אויפמאַנערס פלעגן אַרויסגעבן דעם קיניג אַוואַנסן אויפן חשבון פון די קומענדיקע הכנסות. אָפט פלעגן די קהילות גופא אַוואַנסירן דעם קיניג געלט על־חשבון די שטייערן־צאָלונגען, און אין משך פון דער צייט זיינען די קהילה־קאַסעס געוואָרן אַ מין בענק צו קרעדיטירן דעם קיניג אָדער דעם אינפאַנט. פאַר אַזעלכע גרויסע אַוואַנסן אין אַ נויטפאַל פלעגן די קהילות געגעבן ווערן ברייטע פּריווילעגיעס אין דער אַליין־פאַרוואַלטונג אָדער עס פלעגן אָפּגעשאַפט ווערן גזרות. אין דער געשילדערטער תּקופה איז די אינעווייניקסטע אויטאָנאָמיע פון יידנטום אין ערגעץ ניט געווען אַזוי ברייט ווי אין אַראַגאָניע. אָבער אין ערגעץ פלעגט זיך אויך אַזוי ניט בייטן כּסדר פריי־הייט און גזרות, ווי אין דעם דאָזיקן לאַנד, וווּ אַרום דעם טרוין פון אַ קלוגן און ענערגישן מאָנאַרך האָט געפלאַכטן איר שפּינוועבס די דאָמיניקאַנער אינקוויזיציע.

## § 11. די אויטאָנאָמע קהילה (Aljama)

אין 13טן י"ה האָבן יידן אין אַלע שטעט פון אַראַגאָניע געוווינט אָפּגעשיידט פון די קריסטן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. אין דעם יידישן קוואַרטאַל (Callum judaicum, Juderia) פלעגן זיך טרעפן אויך הייזער וואָס האָבן געהערט צו קריסטן, אָבער בהדרגה זיינען זיי אַריבער אין יידישע הענט (כיימע I האָט דערלויבט צו פאַרקויפן אַזעלכע הייזער נאָר צו יידן). ערטערווייז פלעגן אין דעם יידישן קוואַרטאַל אַריינפירן טויערן פון דעם שטאָטישן מויער אָדער אויף די עקן גאַסן; די טויערן פלעגט מען קאָנען פאַרשליסן, און אַזוי אַרום פאַרמאַכן דעם צוטריט אין יידישן קוואַרטאַל. פאַראייניקט טעריטאָריעל אין די גרענעצן פון דער „יודעריע", איז די קהילה אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַראייניקט פּאָליטיש דורך דער נאַציאָנאַלער אַליין־פאַרוואַלטונג. די יידישע קהילה, וואָס האָט אין שפּאַניע געהייסן Aljama אָדער Algama [1],

---

1 Aljama שטאַמט פון דעם אַראַבישן וואָרט אַל־דזשאַמאַ (פאַרזאַמלונג, קהל), און דער פולער נאָמען פון דער יידישער קהילה אָדער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געהייסן אין אַראַביש „אַל־דזשאַמאַ אַל־יאַהוד". די שפּאַניער ווידער וואָס האָבן איבערגענומען דאָס וואָרט פון אַראַביש, פלעגן עס אַרויסריידן אַלכאַמאַ (אין קאַסטיליש ווערט j אַרויסגערעדט כ). דאָס איז צו זען פון איין דעקרעט פון כיימע I פון יאָר 1203, ווו דאָס וואָרט ווערט געבראַכט אין דער לאַטייניש טראַנסקריפּציע אין דער פאָרם alhamia.

www.libtool.com.cn

איז געווען אָנערקענט פֿאַר אַ פֿולקום אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אירע אויסגעקליבענע פֿירערס, אירע אייגענע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע אינסטיטוציעס. דער קיניג און די אָרטיקע גובערנאַטאָרן האָבן געהאַט נאָר דאָס רעכט פֿון קאָנטראָלירן און באַשטעטיקן די ממונים פֿון דער קהילה. פֿון פֿיל איבערגעבליבענע אַקטן איז אָבער צו זען, אַז דער קיניג, וואָס האָט שאַרף אויפֿגעפּאַסט אויף דער ייִדישער אַליין־פֿאַרוואַלטונג, האָט צײַטנווײַז זיך דערלויבט אַרײַנצומישן זיך אין די ענינים פֿון די קהילות. ער קוקט דורך גענוי די רשימות פֿון די אויסגעקליבענע עלטסטע פֿון די קהילות אָדער adelantados, וואָס ער דאַרף זיי באַשטעטיקן (אין העברעיִש האָבן אָט די עלטסטע געהייסן „מוקדמים" – „געשטעלט אין פֿאָרויס"). ער באַשטעטיקט אויך די רבנים און דיינים, וואָס משפּטן ייִדן לויט דער תורה (asuna). דער קיניג באַשטעטיקט אויך באַזונדערס וויכטיקע החלטות פֿון דעם קהילה־וועד, אָדער ער לייגט פֿאָר אַרויסצוגעבן נײַע תקנות, און ער באַנוצט דערבײַ אויך דעם העברעיִשן טערמין tacana. אין דעם קיניגס דעקרעטן ווערט אָפֿט באַפֿוילן די וועדי־הקהילות אַרויפֿצולייגן אַ חרם אויף די וואָס זײַנען עובֿר אויפֿן געזעץ אָדער וואָס צאָלן ניט פּינקטלעך די שטײַערן (אין די אַקטן ווערט באַנוצט herem און niduj, און אין שפּאַניש alatma, פֿון דעם וואָרט anathema). דאָס שטערט איבעריקנס ניט דעם קיניג אַראָפּצונעמען דעם חרם פֿון יענע פֿאַרמשפּטע, וואָס געניסן פֿון זײַן באַזונדערן שוץ, און צו פֿאָדערן פֿון דער קהילה, אַז זי זאָל דערלאָזן די אָפּגעשיידטע צו קומען אין שול אַרײַן און זאָל אַראָפּנעמען פֿון זיי דעם באָיקאָט אין וועלטזאַכן. טייל מאָל גיט ער אַרויס זײַנע ליבלינגען ספּעציעלע פּריווילעגיעס, ווו ער באַפֿרײַט זיי לכתחילה פֿון יעדער „תקנה" אָדער „חרם".

אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, באַגרענעצט דורך דעם פּערזענלעכן אײַנזען פֿון דעם מאָנאַרך, האָבן די קהילות געהאַט אויפֿן געביט פֿון געריכט. פּראָצעסן צווישן ייִדן האָבן געמוזט, און צווישן אַ ייִד און אַ קריסט האָבן געקאָנט באַטראַכט ווערן אין אַ ייִדישן בית־דין לויטן ייִדישן דין. דאָס געריכט באַשטייט פֿון אַ רבֿ און דרײַ דיינים, און אין וויכטיקע פּראָצעסן קאָנען צוגעגעבן ווערן צו זיי בײַזיצערס, אַזוי אַז דער גאַנצער באַשטאַנד זאָל דערגיין ביז צען מאַן. אַזאַ בית־דין האָט דאָס רעכט צו באַטראַכטן סײַ דיני ממונות און סײַ דיני נפֿשות (די לעצטע נאָר צווישן ייִדן). פֿאַר ערנצטע קרימינעלע פֿאַרברעכנס איז געווען מיגלעך אַ מער קאָמפּליצירטע געריכטלעכע פּראָצעדור: דער ייִדישער בית־דין אין באַשטאַנד פֿון צען מיטגלידער האָט באַטראַכט דעם ענין אין בײַזײַן פֿון דעם קיניגלעכן באַאַמטן, דעם „באַיולוס", און אויב ער האָט אָנערקענט דעם געמשפּטן פֿאַר שולדיק, האָט ער באַקרעפֿטיקט זײַן פּסק־דין מיט אַ שבֿועה, און דעמאָלט פֿלעגט דער באַיולוס אַרויסזאָגן זײַן פּסק,

www.libtool.com.cn

אײַנשליסלעך ביז טויטשטראָף. אַזאַ סדר איז פֿאָרויסגעזעצן למשל פֿאַר זינדיקע מיטגלידער פֿון די קהילות, וואָס די מנהיגים באַשולדיקן זיי אין שלעכטער אויפֿפֿירונג אָדער אין פֿאַלשע מסירות (אין די אָפֿיציעלע אַקטן malsin, פֿון דעם העברעיִשן וואָרט „מלשין"). אָבער אויך דאָ מישט זיך דער קיניג אָפֿט מאָל אַרײַן אין די גערילכטלעכע ענינים פֿון די קהילות, ער איז מבטל דעם פּסק־דין, ער ווירקט אויך אויפֿן עצם באַשטאַנד פֿון דעם בית־דין דורך באַשטימען מענטשן וואָס זײַנען אים ניחא — קעגן דעם פֿירן די קהילה־וועדים אַן ענערגישן קאַמף. פּראָצעסן צווישן יִדן און קריסטן ווערן געוויינטלעך באַטראַכט אין אַלגעמיינעם געריכט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דעם באַיוּלוס אָדער ריכטער, „אַלקאַלד", און דערבײַ ווערן ווי בײַזיצערס צוגעלאָזט אויך יִדן, בפֿרט אין ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צו רעליגיעזע מנהגים. די באַשולדיקונג פֿון אַ קריסט קעגן אַ יִדן האָט זיך גערעכנט פֿאַר באַוויזן, נאָר ווען עס האָבן זי באַשטעטיקט צוויי עדות, אַ יִד און אַ קריסט. אַ יִד האָט געדאַרפֿט שווערן אויף אַ טאָוול מיט די עשׂרת־הדברות, און ניט איבער דער „תּוכחה", ווי דאָס איז געווען דער מנהג אין אַ סך ערטער צוליב אַ בזיון פֿאַר דעם וואָס האָט געמוזט אָפּגעבן די שבֿועה. בײַ געלט־תּבֿיעות איז געווען פֿאַרבאָטן צו לאָדן אַ יִדן פֿאַרן געריכט אָדער אַרעסטירן אום שבת אָדער יום־טובֿ; אַזעלכע יִדן וואָס זײַנען געזעסן תּפֿוס איבער דיני ממונות פֿלעגט מען אָפּלאָזן אַהיים איטלעכן פֿרײַטאָג אין דער פֿרי און איטלעכן ערבֿ יום־טובֿ, און נאָך יום־טובֿ איז דער תּפֿוס אַליין געקומען צוריק אין תּפֿיסה.

הגם דער קיניג און זײַנע באַאַמטע האָבן אָפֿט זיך אַרײַנגעמישט אין די ענינים פֿון דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג, פֿון דעסט וועגן איז זי געווען נאָך גענוג ברייט און האָט געגעבן די פֿירער פֿון פֿאָלק די מיגלעכקייט צו שאַפֿן אַ פֿעסטע אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע פֿון די קהילות. דער קיניג האָט ניט איין מאָל דערמאָנט זײַנע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די אויטאָנאָמיע פֿון די יִדן און אונטערהאַלטן דעם אויטאָריטעט פֿון די קהילה־ראַטן (אויב אַ ווידערשפּעניקער האָט פּוגע בכּבֿוד געווען אַן אויסגעקליבענעם מיטגליד פֿון וועד, האָט אים געקומט אַ שווערע שטראָף). דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַוודאי ניט צוליב די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון די יִדן, נאָר צוליב די פֿיסקאַלע אינטערעסן פֿון דער רעגירונג. די אָפֿיציעלע אַקטן פֿון יענער צײַט זײַנען דער עיקר אַ געשעפֿטלעכע קאָרעספּאָנדענץ און שטײַער־חשבונות צווישן דעם קיניג און די קהילות. אַ מאָל פֿאָרן דעלעגאַטן פֿון איינציקע קהילות אָדער גאַנצע גלילות צום הויף, כּדי אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן די קרוינישע הכנסות וואָס זיי האָבן צונויפֿגענומען און וועגן די הוצאות וואָס זיי האָבן געמאַכט אויפֿן חשבון פֿון דער קרוין, און אַ מאָל דערמאָנט דער קיניג די קהילות, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע דעלעגאַטן אויפֿן

www.libtool.com.cn

צונויפֿפֿאָר פֿון די קהילה־ראַטן פֿון אַ גאַנצן גליל אָדער פּראָווינץ אויף דורכצופֿירן די הערכה פֿון די שטײַערן־סומעס. אַלע יאָר פֿלעגן פֿאָרקומען צונויפֿפֿאָרן פֿון פֿאָרשטייער פֿון די ייִדישע קהילות אין די דרײַ הויפּט־מדינות — אַראַגאָניע, קאַטאַלאָניע און וואַלענסיע, און אויך אין די פּראַנצײ־זישע פּראָווינצן און אויף די באַלעאַרישע אינדזלען. דאָרט פֿלעגט ווערן געמאַכט די הערכה סײַ פֿון די געוויינטלעכע שטײַערן און סײַ פֿון אויסער־געוויינטלעכע אָפּצאָלן, אָבער דערמיט האָט, פֿאַרשטייט זיך, די טעטיקייט פֿון די דעלעגאַטן זיך ניט באַגרענעצט, זיי פֿלעגן אַרומרעדן זייערע אַלגע־מיינע ענינים, די מאַטעריעלע און די גײַסטיקע, אויסאַרבעטן גלײַכע תּקנות פֿון דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג און בכלל באַטראַכטן אַלגעמיין נאַציאָנאַלע פּראָגעס. אַזוי אַרום האָבן פּיסקאַלישע אינטערעסן געבראַכט די רעגירונג פֿון אַראַגאָניע דערצו, אַז זי האָט לאָ די וואָס פֿאַרפֿעסטיקט די אויטאָנאָמיע פֿון די ייִדישע קהילות אין איינציקע שטעט, נאָר אַז זי האָט פֿאַראייניקט די קהילות אין אַ פֿאַרבאַנד און דורך דעם מיטגעווירקט דער נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידירונג פֿון די ייִדן, — דאָס נאַטירלעך זײַנען די דעמאָלטיקע רעגירער לחלוטין ניט אויסן געווען. אָט די נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע האָט פֿאַר־גרינגערט די ייִדן דעם קאַמף מיט יענע פֿינצטערע כּוחות פֿון דעם קלערי־קאַליזם, וואָס קעגן זיי האָט טייל מאָל ניט געקאָנט באַשטיין אַפֿילו דער אויסגערעכנטער קיניג כיימע I.

## § 12. די קירכלעכע פּאָליטיק און דער וויכּוח אין באַרצעלאָנע

אין כיימע Iס צײַט איז אַראַגאָניע געווען איינע פֿון די הויפּטנעסטער פֿון דעם מאָנאַכן־אָרדן דאָמיניקאַנער. דער ראָש פֿון דעם אָרדן רײַמונד דע־פּעניאַפֿאָרטע איז געווען דעם קיניגס גײַסטלעכער. דורך די באַמיִונגען פֿון די מאָנאַכן, וואָס זײַנען שטענדיק געווען פֿאַרבונדן מיטן רוימישן פּויפּס, איז אין אַראַגאָניע אײַנגעפֿירט געוואָרן די אינקוויזיציע אויף צו רודפֿן די קאַטאַרן און אַנדערע כּופֿרים פֿון די קריסטן; פֿאַר איין וועגס האָבן די מאָנאַכן גע־שטרעבט צו אַנטוויקלען דאָ אַ ברייטע מיסיאָנערישע טעטיקייט צווישן ייִדן און מאַורען. די גײַסטלעכקייט האָט מיט אומרויִקייט געקוקט אויפֿן וווּקס פֿון די ייִדישע קהילות אין אַראַגאָניע און אויפֿן שוץ וואָס דער קיניג גיט זיי; זי איז געווען אויפֿגעבראַכט דערויף, וואָס דער קיניג איז עובֿר אויף די קאַנאָנען פֿון דער קירך, וואָס ער לאָזט צו ייִדן צו די הויכע אַמטן פֿון באַיולוסן און פֿינאַנץ־אַגענטן. און אַוודאי האָבן ניט געפֿעלט קיין פּרווון צו ווירקן אויפֿן קיניג: זײַן גײַסטלעכער פּעניאַפֿאָרטע און השפּעהדיקע ביסקופּן

www.libtool.com.cn

האָבן זיך געפּלײַסט צו מאַכן אים פֿאַר אַ מוסטער־קיניג, ווי עס איז געווען לודוויג דער הייליקער; אָבער כיימע I, וואָס האָט געבויט אַ נײַע מלוכה, האָט ניט געקאָנט זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער פֿון זײַן שכן, וואָס האָט דורך אַ בלינדער קירכן־פּאָליטיק צעשטערט זײַן מלוכה. נאָר גאָר אָן אַ פּעולה איז די אַגיטאַציע פֿון די קלעריקאַלן בײַם אַראַגאָנישן הויף ניט געבליבן. צום סוף פֿון זײַן לעבן האָט דער אַלטער קיניג, הגם ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו זינדיקן מיט ייִדן אין פֿינאַנציעלן זנות, זיך פֿירגענומען אויסצוקויפֿן זײַן חטא מיט אייניקע הנחות לטובֿת די הייליקע פֿאָטערס. ער האָט דערלויבט „די ברידער די פּריידיקער" צו פֿירן אַ רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ייִדן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויך פֿאַר שטערן די רעליגיעזע פֿרײַהייט וואָס איז געווען גאַראַנטירט די קהילות.

די דאָמיניקאַנער האָבן אין זייערע שולן צוגעגרייט מאַנאַכן, וואָס זײַנען געווען באַהאַוונט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און געניט אין פֿירן רעליגיעזע וויכּוחים. באַזונדערס האָבן בײַ זיי געהאַט אַ גוטע מערכה געשמדטע ייִדן, וואָס האָבן געקאָנט אויפֿדעקן די „בלאַנדזשענישן" פֿון דעם תּלמוד און די „פֿאַלשקייטן" פֿון די רבנים. אָט אַזאַ אַגיטאַטאָר, וואָס איז פֿאַר דער קירך געווען אַ גאַנץ געפֿינס, האָט זיך באַוויזן אין דרום־פֿראַנקרײַך און אַראַגאָניע, קורץ נאָך דעם ווי די דאָמיניקאַנער האָט אָפּגעגליקט אויסצופּועלן די פֿאַרברענונג פֿון דעם תּלמוד איז פּאַריז מיט דער הילף פֿון דעם משומד דונין (§ 4). דאָס איז געווען דער משומד פּ ו י ל ו ס כ ר י ס ט י אַ נ י אָדער „ברודער פּאַולאָ" (פֿראַ פּאַולאָ), אַ מאַנאַך פֿון דעם דאָמיניקאַנער אָרדן. דער דאָזיקער משומד, וואָס האָט געהאַט אָנגענומען דעם נאָמען פֿון דעם פֿאַרצײַטיקן אַפּאָסטאָל, איז אַרום 1260 אַרומגעפֿאָרן איבער פּראָוואַנס און קאַטאַלאָניע און האָט געפּרוווט אַרויסרופֿן רבנים אויף רעליגיעזע וויכּוחים, האָט זיך געפּלײַסט צו באַווײַזן די ריכטיקייט פֿון די קריסטלעכע דאָגמעס מיט ראַיות גענומען פֿון תּנך און אַפֿילו פֿון תּלמוד, און האָט פֿאַרשטייט זיך גאָרנישט ניט אויפֿגעטאָן.

אין דער שטאָט געראָנע, דעם צענטער פֿון דער תּלמודישער וויסנשאַפֿט, האָט דעמאָלט געלעבט דער געבילדעטער און פּאָפּולערער רבֿ ר ב י מ ש ה ב ן נ ח מ ן, וואָס זײַן שפּאַנישער נאָמען (באָנאַסטרוג דע־פּאָרטאַ) איז שוין לאַנג פֿאַרגעסן, דערפֿאַר איז געבליבן נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג זײַן פֿאַרקירצטער ליטעראַרישער נאָמען: בײַ ייִדן ר מ ב " ן, בײַ קריסטן נ אַ כ מ אַ נ י־ד ע ס. אין די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פֿון ייִדנטום איז דער רמבן געווען אָנגענומען ווי דער העכסטער אויטאָריטעט, ווי אַ גרויסער קענער פֿון נגלה און נסתּר און ווי אַ געגנער פֿון דעם רמבמס ראַציאָנאַליזם (זע דעם ווײַטערדיקן קאַפּיטל). און אָט דווקא מיטן רמבן האָט פּאַולאָ קריסטיאַני געוואָלט

www.libtool.com.cn

האָבן אַן עפֿנטלעכן וויכוח. ער האָט אײַנגערעדט זײַנע אָרדנס־ברידער, אַז ער וועט דעם רבֿ אין דעם וויכוח מנצח זײַן, און די גראָנער מאָנאַכן האָבן גענומען פֿאָדערן, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַן עפֿנטלעכער וויכוח אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאַטאַלאָניע, באַרצעלאָנע. רײַמונד פּעניאַפֿאָרטע האָט אונטערגעהאַלטן זייער השתדלות פֿאַר זײַן גײַסטלעכן זון, כיימע I, און האָט אים באַוויזן, אַז פּוילוסעס נצחון איבער די „פּרושים" וועט זײַן אַ טריומף פֿאַרן קריסטנטום, און אפֿשר וועט דאָס די ייִדן עפֿענען די אויגן. דער קיניג האָט דערויף מסכים געווען. ער האָט באַשטימט דעם וויכוח אויף יולי 1263 און האָט געשיקט אַ פֿאַרבעטונג צו „רבי משהן, דעם לערער פֿון די גראָנער ייִדן", ער זאָל קומען קיין באַרצעלאָנע צוזאַמען מיט זײַנע געלערנטע חבֿרים.

דער וויכוח האָט זיך אָנגעהויבן דעם 20סטן יולי 1263 און האָט געדויערט פֿיר טעג. ער איז פֿאָרגעקומען אין דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ אין בײַזײַן פֿון דעם קיניג, די שׂרים און ריטערס, די ביסקופּן און מאָנאַכן. בײַם פֿירשטעלן די פּראָגראַם פֿון דעם וויכוח האָט פּוילוס כריסטיאַני דערקלערט, אַז הגם וועגן דער אמתדיקייט פֿון דעם קריסטנטום איז ניט שייך צו פֿירן אַ פּלוגתא, פֿון דעסט וועגן איז ער מסכים צו פֿירן דעם וויכוח וועגן די דאָגמעס פֿון דער דאָזיקער רעליגיע, בכדי צו באַווײַזן די ייִדן אויפֿן סמך פֿון זייער אייגענער רעליגיעזער ליטעראַטור די ריכטיקייט פֿון אָט די פֿיר טעזיסן: 1) אַז דער משיח וואָס ייִדן וואַרטן אויף אים איז שוין לאַנג געקומען; 2) אַז דער משיח איז לויט דער נבֿואה פֿון תנך גלײַכצײַטיק אַ מענטש און אַ גאָט; 3) דער משיח איז איבערגעקומען עינויים און טויט צוליב אויסלייזן דעם מין מענטש; 4) אַלע חוקים און צערעמאָניעס פֿון דער תורה זײַנען מער ניט גילטיק, נאָך דעם ווי דער משיח איז געקומען.

דער רמבן האָט פֿאַרשטאַנען, ווי געפֿערלעך עס איז די פּאָזיציע פֿון דעם ייִדישן פֿאָרשטייער בײַם אַרומרעדן אַזעלכע פֿראַגעס: וואָרעם וואָס שאַרפֿער ער וועט אָפּפֿרעגן די דאָזיקע כלומרשטע אמתן, אַלץ מער וועט ער אַרײַנברענגען אין כעס זייערע פּאַרטייִדיקער, וואָס קאָנען דאָך אָנווענדן באַווײַזן פֿון גאָר אַן אַנדער מין, וואָרעם די אינקוויזיציע האָט דאָך שוין געהאַט באַוויזן וואָס זי קען. דעריבער האָט ער באַלד אין אָנהייב געבעטן בײַם קיניג און בײַ פּעניאַפֿאָרטע רשות צו רעדן פֿרײַ. פּעניאַפֿאָרטע האָט געענטפֿערט, אַז די דערלויבעניש קאָן געגעבן ווערן, נאָר בתנאַי אַז דער רבֿ זאָל ניט באַנוצן אַזעלכע רייד וואָס זײַנען אַן אומכּבֿוד פֿאַר דער קירך. דערויף האָט דער רמבן געזאָגט: אַוודאי, איך וויל דאָך ניט אַרײַנפֿאַלן צו אײַך אויף אַ געריכט; איך וויל נאָר, אַז מיר זאָל געגעבן ווערן די זעלביקע פֿרײַהייט פֿון וואָרט אין וויכוח ווי אײַך, און בײַ מיר וועט שוין קלעקן

www.libtool.com.cn

פֿאַרשטאַנד, צו זײַן אָפּגעהיט אין מײַנע רייד". אַזוי איז דעם רמבנס פֿאָדע־רונג געוואָרן באַפֿרידיקט.

אויף צו דערווײַזן זײַן ערשטן טעזיס האָט פּוילוס כריסטיאַני געבראַכט דעם פּסוק: „לא יסור שבט מיהודה... עד כי יבֿא שילה", וואָס ער האָט עס געטײַטשט אַזוי: „פֿון יהודהן וועט ניט אָפּגעטאָן ווערן דער מלוכה־צעפּטער, ביז עס וועט קומען דער משיח", און האָט ווײַטער געטענעט אַזוי: דער צעפּטער איז דאָך שוין פֿון לאַנג אַוועק פֿון יידן, איר האָט ניט קיין מלך, ניט קיין מלוכה, יידן האָבן דאָס אָנגעוואָרן גראָד דעמאָלט, ווען קריסטוס איז געקומען. דערויף האָט דער רמבן געענטפֿערט: עס איז געווען נאָך אַ צײַט, ווען יידן האָבן צײַטווײַליק געהאַט אָנגעוואָרן זייער מלוכה, און פֿאָרט וועלן אויך קריסטן מוזן מודה זײַן, אַז דעמאָלט איז דער משיח ניט געקומען — דאָס איז געווען די צײַט פֿון גלות־בבֿל. פּוילוס האָט אויסגעזוכט אויך אין דער תּלמודישער אַגדתא אַ פּאָר אומקלאָרע פֿראַזעס, וואָס לויט זײַן מיינונג זײַנען זיי מרמז דערויף, אַז משיח איז שוין געקומען. דאָ האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט אַ לאַנגער איבעררייד, וואָס בעת אים האָט דער רמבן איראָניש באַמערקט: „פֿראַ פּול פֿאַרשטייט באַשײַמפּערלעך בעסער דעם תּלמוד ווי די בעלי־התּלמוד גופֿא. לויט זײַן מיינונג קומט אויס, אַז זיי האָבן יאָ געהאַלטן פֿון ישון און פֿון זײַן תּורה, אָבער פֿאַר וואָס האָבן זיי ניט געטאָן אַזוי ווי פֿראַ פּול [דאָס הייסט: זיך געשמדט]?" צווישן אַנדערע טענות האָט דער רמבן געבראַכט די געוויינטלעכע ראיה קעגן קריסטנטום: ביזן הײַנטיקן טאָג איז נאָך ניט מקוים געוואָרן די נבֿואה, אַז נאָך משיחס קומען וועט זיך אײַנשטעלן אייביקער שלום אויף דער וועלט: „עס שטייט געשריבן, אַז די פֿעלקער וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקער־אײַזנס און וועלן מער ניט לערנען זיך פֿירן מלחמה, און ווי שלעכט וואָלט געווען דיר, אַדוני קיניג, — האָט דער רמבן זיך געווענדט צום קיניג דעם באַצווינגער, — און דײַנע ריטערס וואָס זיצן דאָ, ווען איר וואָלט אויפֿגעהערט צו לערנען זיך פֿירן מלחמה!"

בכדי צו מאַכן אַ סוף צו די פּוסטע פּלוגתּות וועגן אַזוי אָדער אַנדערש אײַנטײַטשן אַ פּסוק אָדער אַ מאמר פֿון תּלמוד, האָט דער רמבן דערקלערט דעם קיניג, אַז דער תּוך פֿון דער מחלוקת צווישן יידישקייט און קריסטנטום איז ניט אין דער דאָגמע וועגן משיח, נאָר אין דעם באַנעם פֿון דעם מהות פֿון דער גאָטהייט: „וועגן דעם מהות פֿון דער גאָטהייט זאָגט איר עפּעס אַזוינס זייער ביטערס [פֿאַר אונדז]. דו, מײַן האַר, ביסט אַ זון פֿון אַ קריסט, געבאָרן פֿון אַ קריסטין, דײַן גאַנץ לעבן הערסטו די רייד פֿון דײַנע גײַסט־לעכע און מאָנאַכן, וואָס האָבן אײַנגעוואָרצלט אין דײַן מוח אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער גאָטהייט, וואָס איז אַ דאָגמע פֿון אײַער גלויבן; נאָר דער שׂכל קאָן

www.libtool.com.cn

זי ניט תּופֿס זײַן. קעגן דער נאַטור איז דער געדאַנק, אַז דער באַשעפֿער פֿון הימל און פֿון דער ערד איז געוואָרן פֿלייש אין דער טראַכט פֿון אַ ייִדינע, איז דערנאָך געבאָרן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, געוואָרן איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון זײַנע שׂונאים, פֿאַרמשפּט צום טויט און געטייט, און נאָך דעם איז ער אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים און האָט זיך אומגעקערט צו זײַן ערשטער טבֿע. אַזאַ פֿאָרשטעלונג איז ניט גורם דעם שׂכל פֿון אַ ייִדן אָדער בכּלל פֿון אַ מענטשן, וואָס איז דערין ניט אײַנגעוויינט. און אַרויסגעוואָרפֿן זײַנען אַלע אײַערע רייד, וואָרעם דערין איז דער תּוך פֿון אונדזער מחלוקת". אין די ווערטער האָט דער רמבן העל באַלויכטן די שרעקלעכע טיף פֿון דעם תּהום, וואָס שיידט אָפּ די קריסטלעכע השגה פֿון גאָט פֿון דער ייִדישער, אָבער אין דער ריכטונג האָט דער וויכּוח ווײַטער ניט געקאָנט גיין, וואָרעם פֿאַר איין צד וואָלט אַ פֿאַרשאַרפֿטע מחלוקת זיך געקאָנט ענדיקן ביטער – אויפֿן שײַטער־הויפֿן פֿון דער אינקוויזיציע.

סימנים פֿון אומרויִקייט זײַנען שוין געווען צו מערקן אין באַרצעלאָנע. די ריטערס פֿון הויף האָבן אַרויסגעזאָגט אומצופֿרידנקייט איבער דעם רבֿס עזותדיקע רייד קעגן די אמתן וואָס זײַנען פֿאַר זיי געווען הייליק. אייניקע שטאָטישע חשובֿים און גײַסטלעכע לײַט, דערין אויך דער מאָנאַך דער מינאָריט (פֿראַנציסקאַנער), וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אין דעם וויכּוח, האָבן געעצהט דעם רמבן אָפּצושטעלן דעם וויכּוח. מער פֿון אַלץ איז מען געווען אומרויִק אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל: מען האָט מורא געהאַט פֿאַר אויסבראָכן מצד דעם קריסטלעכן המון־עם און פֿאַר דער נקמה פֿון די דאָמיניקאַנער. פֿאַררופֿנדיק זיך אויף די אַלע חששות, האָט דער רמבן פֿאָרגעלייגט דעם קיניג אָפּצושטעלן דעם וויכּוח, נאָר דער קיניג האָט ניט אַנדערש פֿאַרלאַנגט, אַז די דיסקוסיעס זאָלן ווערן געפֿירט ווײַטער, מחמת דאָס איז אים געווען אינטערעסאַנט. וועגן דעם רמבנס תּשובֿות האָט ער איין מאָל באַמערקט: „איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהערט אַזאַ קלוגע פֿאַרטיידיקונג פֿון אַן אומגערעכטער זאַך". אָבער דער וויכּוח האָט זיך באַלד געענדיקט, אַזוי ווי איבערגעריסן אין מיטן, נאָך פֿיר זיצונגען.

די אָנטייל־נעמער אין דעם וויכּוח האָבן דערציילט פֿאַרשיידן וועגן זײַן אויסלאָז. אין דעם דין־וחשבון, וואָס די דאָמיניקאַנער האָבן צונויפֿגעשטעלט, שטייט, אַז דער „רבי משה", ווען ער האָט דערשפּירט, אַז ער איז באַזיגט, האָט אָנגעהויבן אויסצומײַדן צו ענטפֿערן פֿוילוסן און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פֿירברענגען זײַנע טענות אויף אַ פֿאַרמאַכטער זיצונג אין בײַזײַן פֿון דעם קיניג און אייניקע אויסדערוויילטע מענטשן, נאָר דערנאָך, ווען דער קיניג איז צײַטווײַליק אָפּגעפֿאָרן, האָט ער דאָס אויסגענוצט און איז „אַנטלאָפֿן" פֿון באַרצעלאָנע און האָט דורך דעם באַוויזן זײַן „אָנמעכטיקייט צו פֿאַרטיי־

www.libtool.com.cn

דיקן אַ פֿאַלשן גלויבן". אין דער באַשרײַבונג פֿון דעם וויכּוח, וואָס דער רמבן גופֿא האָט מחבר געווען, שטייט, אַז לויטן קיניגס רצון איז דער וויכּוח ווײַטער געפֿירט געוואָרן אין פּאַלאַץ, און שפּעטער האָט ער זיך פֿאַרענדיקט אין אַ שול. אין אַ שבתדיקן טאָג איז געקומען אין שול אַרײַן דער קיניג אין דער באַגלייטונג פֿון רייַמונד פּעניאַפֿאָרטע און די „ברידער די פּריידיקער" מיט פּוילוס כּריסטיאַני. דאָ האָט געהאַלטן אַ דרשה רייַמונד אַליין, וואָס האָט פֿונאַנדערגעוויקלט די אידעע פֿון דער קריסטלעכער דרײַ-אייניקייט. אין די וויכּוחים האָט דער קיניג אַרויסגעזאָגט זיך, אַז די אײנהייט פֿון גאָט אין דרײַ פּערזאָנען קאָן מען צוגלײַכן מיט ווײַן, ווי דער קאָליר, דער טעם און דער ריח זײַנען צונויפֿגעגאָסן אין איין זאַך. מכּוח אָט דעם פֿאַרגלײַך פֿון אַ מבֿין אויף ווײַן האָט דער ייִדישער דענקער, וואָס איז געווען מער ידען אין פֿילאָסאָפֿיע, געענטפֿערט, אַז מען טאָר דאָך ניט צונויפֿמישן אַטריבוטן מיט דער סובסטאַנץ, און אַז די קריסטלעכע דאָגמע רעדט דאָך וועגן דער דרײַיקייט אין דער סובסטאַנץ פֿון גאָט. אויף פּוילוסעס באַמערקונג, אַז די דאָגמע פֿון דער דרײַ-אייניקייט איז אַ טיפֿער סוד, וואָס אַפֿילו מלאָכים קאָנען אים ניט תּופֿס זײַן, האָט דער רמבן געענטפֿערט, אַז אויב אַזוי קאָן מען דאָך ניט באַשולדיקן אַ בשׂר-ודם, וואָס זײַן שׂכל קאָן דאָס ניט משׂיג זײַן. צום סוף דערציילט דער רמבן, אַז דער קיניג האָט אים אָפּגעלאָזן מיט גענאָד און ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון באַרצעלאָנע. די דאָזיקע דערציילונג פֿון אַן אַחריותדיקן אָנטיילנעמער און אמתן מענטשן פֿאַרדינט מער צוטרוי, ווי דער באַריכט פֿון די מאָנאַכן, ווו די צערייצטקייט איז צו באַמערקן אַפֿילו אין דעם אָפֿיציעלן טאָן פֿון דעם פּירטראָג.

נאָר גאָר אָן רעזולטאַטן פֿאַר די אַראַגאָנישע ייִדן איז דער וויכּוח אין באַרצעלאָנע ניט געבליבן. נאָך דעם ווי די דאָמיניקאַנער האָבן געליטן אַ מפּלה אין דעם וויכּוח מיט דעם געלערנטן טעאָלאָג, האָבן זיי באַשלאָסן צו פֿירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדישע מאַסן. נאָר די מאַסן האָבן ניט געוואָלט הערן קיין דרשות פֿון די „ברידער פּריידיקער", און מען האָט געמוזט איבער געוואַלד צונויפֿטרײַבן צוהערערס אויף די דרשות. אין אַ חודש אַרום נאָכן וויכּוח איז אַרויס אַ קיניגלעכער דעקרעט (26 אויגוסט 1263), ווו עס ווערט אָנגעוויזן די מאַכטאָרגאַנען, אַז זיי זײַנען אומעטום מחויבֿ צו העלפֿן די מאָנאַכן די מיסיאָנערן, צו צווינגען די סאַראַצענער און ייִדן, אָן אונטערשייד פֿון געשלעכט און עלטער, צו קומען אויף זייערע פֿאַרזאַמלונגען און שווײַגנדיק אויסהערן זייערע דרשות, און אויך אָפּצוהיטן יענע וואָס וועלן זיך שמדן און צו פֿאַרבאָטן צו זידלען זיי מיט די צונעמענישן renegado אָדער tornado (רענעגאַט, איבערגעקערטער). פֿאַרן הויפּט-מיסיאָנער בײַ ייִדן איז געוואָרן באַשטימט פּוילוס כּריסטיאַני.

www.libtool.com.cn

דורך אַ באַזונדער דעקרעט פֿון דעם קיניג (29 אויגוסט) איז געגעבן געוואָרן צו וויסן די ייִדישע קהילות, אַז צו זיי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן „אויף אָנצווייַזן זיי דעם וועג צו אויסלייזונג" דער ברודער פּויל, וואָס האָט רשות צו פּריידיקן אין די שולן און אין די הייַזער, און דערבייַ האָט מען פֿון ייִדן פֿאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן קומען הערן די דרשות און זאָלן ענטפֿערן אויף פּוילוסעס שאַלות „מיט כּבֿוד, מיט הכנעה, אָן אויסדרייעניש"; זיי זייַנען אויך מחוייבֿ צוצושטעלן דעם מיסיאָנער זייערע ספֿרים אויף דורכצוקוקן, בכדי אויסצומעקן אין זיי, אויב ער וועט פֿאָדערן, אַלע ערטער וואָס זייַנען באַליידיקנדיק פֿאַרן קריסטנטום. נאָר אין אַ טאָג אַרום האָט זיך באַוויזן אַ קיניגלעכער באַפֿעל, וואָס באַגרענעצט די נעכטיקע פֿאַראָרדענונג: עס וועט בטל דער צוואַנג צו הערן די מיסיאָנערישע דרשות, און ייִדן ווערן באַפֿרייַט פֿון צו נעמען אַן אָנטייל אין וויכּוחים מחוץ זייער קוואַרטאַל. אין גיכן האָט דער קיניג אויפֿגעקלערט אויך זייַן דעקרעט וועגן דער צענזור פֿון די ייִדישע ספֿרים (1264): עס ווערט באַשטימט אַ צענזור-קאָמיסיע פֿון קירכלעכע שׂררות (פּעניאַפֿאָרטע, דער מחבר פֿון אַן אַנטי-ייִדישער שריפֿט רייַמונד מאַרטין א"אַ), וואָס צייכנט אָן יענע ערטער אין די העברעיִשע שריפֿטן, ווו עס זייַנען פֿאַראַן סימנים פֿון „גאָט-לעסטערונג" און לייגט פֿאָר די בעלי-בתּים פֿון די ספֿרים אויסצומעקן אָט די ערטער אין זייערע אָפּשריפֿטן, און די אַחריות דערפֿאַר טראָגן די חשובֿים פֿון די קהילות.

אין אַ יאָר אַרום האָט דער קיניג אין גאַנצן באַפֿרייַט די באַרצעלאָנער קהילה פֿון דער התחייַבֿות צו געבן די דאָמיניקאַנער ידיעות וועגן דעם אינהאַלט פֿון די ספֿרים, און אויך פֿון דעם חובֿ צו הערן די דרשות פֿון די דאָמיניקאַנער, מינאָריטן און אַנדערע מאָנאַכן מחוץ די ייִדישע גאַסן. דאָס לעצטע ווערט מאָטיווירט דורך דעם, וואָס די מיסיאָנערישע דרשות מחוץ דעם ייִדישן קוואַרטאַל ענדיקן זיך געוויינטלעך דערמיט, וואָס קריסטן שלאָגן ייִדן. איבער דעם זעלביקן טעם ווערט די מיסיאָנערן פֿאַרבאָטן צו קומען אין די שולן באַגלייט פֿון אַ המון קריסטן: זיי מעגן ברענגען מיט זיך נאָר צען מאַן פֿון די קריסטלעכע חשובֿע מענטשן. אָט די אַלע פּיבערדיקע שאָקלעניש צווישן רדיפֿות און אויסנאַמען פֿון זיי זאָגן עדות דערויף, אַז דער קיניג האָט זיך געפֿונען אונטערן דרוק פֿון צוויי אַנטקעגנדיקע כּוחות: פֿון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי און פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וואָס די ערשטע האָט געווירקט אויף זייַן נשמה און די צווייטע האָט געדריקט אויף זייַן קעשענע, וואָרעם דעם קיניגס קאַסע איז געווען אָפּהענגיק פֿון די ייִדישע פֿינאַנסיסטן.

www.libtool.com.cn

אָבער די קלערוקאַלע פּאַרטיי איז נאָך געווען זייער שטאַרק. נאָך דעם ווי זי האָט געליטן אַ מפּלה אין דער דיסקוסיע מיטן גײַסטיקן פֿירער פֿון ייִדנטום, האָט זי געזוכט אַן אויסרייד זיך נוקם צו זײַן אָן אים. אַזאַ אויסרייד האָט זיך געפֿונען. בכדי אָפּצופֿלייקענען די פֿאַלשע מעשׂיות וועגן דעם וויכּוח אין באַרצעלאָנע, וואָס פּוילוס כריסטיאַני האָט פֿאַרשפּרייט צוליב אַגיטאַציע, האָט דער רמבן אָנגעשריבן אַ פּינקטלעכע באַשרײַבונג פֿון דעם וויכּוח און האָט צעשיקט אָפּשריפֿטן פֿון איר אין די ייִדישע קהילות: איין אָפּשריפֿט האָט ער צוגעשיקט דעם ביסקופּ פֿון גערלאָנע. די דאָמיניקאַנער זײַנען געוואָרן ברוגז, ווײַל אין דעם רמבנס באַשרײַבונג איז אָפּגעלייקנט געוואָרן זייער דערציילונג, אַז זיי זאָלן כּלומרשט האָבן מנצח געווען אין דעם רעליגיעזן וויכּוח. היות ווי דער רמבן האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַן באַריכט יענע אויסדרוקן בנוגע דער דאָגמע פֿון דער דרײַ-איינוקייט, וואָס ער האָט באַנוצט בעת דעם וויכּוח, דעריבער האָבן די מאָנאַכן פֿון דער צענזור-קאָמיסיע געבעטן דעם קיניג, ער זאָל דעם מחבר (אין דעם אָפּיציעלן אַקט איז ער אָנגערופֿן מיט זײַן שפּאַנישן נאָמען: באָנאַסטרוג דע-פּאָרטאַ) צוציִען צום געריכט פֿאַר גאָט-לעסטערונג. האָט דער קיניג אַרויסגערופֿן דעם רמבן קיין באַרצעלאָנע, ער זאָל געבן דערקלערונגען. דער באַשולדיקטער האָט אין בײַזײַן פֿון דעם באַרצעלאָנער ביסקופּ און עטלעכע גלחים דערקלערט, אַז ער האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַן באַשרײַבונג די זעלביקע אויסדרוקן, וואָס ער האָט באַנוצט אין דעם וויכּוח, ווו דער קיניג אַליין און פּעניאַפֿאָרטע האָבן אים געגעבן פֿרײַהייט פֿון וואָרט. נאָך דעם ווי דער קיניג און דער ביסקופּ האָבן באַטראַכט דעם ענין, האָבן זיי באַשטימט: די אָפּשריפֿט פֿון דעם רמבנס באַריכט זאָל מען פֿאַרברענען, און דעם מחבר זאָל מען אויף צוויי יאָר פֿאַרטרײַבן פֿון אַראַגאָניע (1265). די דאָמיניקאַנער האָבן אָט דעם פּסק געהאַלטן פֿאַר צו מילד, און זיי האָבן אָנגעגעבן דערויף אַן אַפּעלאַציע צום רוימישן פּויפּס. דער פּויפּס קלעמענס IV האָט אַרײַנגעשיקט דעם קיניג פֿון אַראַגאָניע אַ שטרענגע בולע (1266), ווו ער האָט אים קודם-כּל אויפֿגעוואָרפֿן דערפֿאַר, וואָס ער לאָזט צו ייִדן צו געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס און וואָס ער איז צוגעלאָזט צו די לעסטערערס פֿון דער קירך, און האָט געפֿאָדערט אַ שטראָף פֿאַר דעם מחבר פֿון דעם אַנטיקריסטלעכן פּאָלעמישן ביכל, וואָס איז „פֿול מיט ליגן און אויסטראַכטענישן", אַז עס זאָל זײַן אַן אָנלערעניש פֿאַר אַנדערע. עס איז משמעות געווען אַ סכּנה פֿאַרן רמבן, אַז ער זאָל צוגעצויגן ווערן צום געריכט פֿון דער אינקוויזיציע, און ער האָט דעריבער פֿאַרלאָזן שפּאַניע. אין עלטער פֿון 70 יאָר איז ער אַוועק קיין ארץ-ישׂראל און איז אָנגעקומען אַהין אין יאָר 1267.

www.libtool.com.cn

## § 13 די אַראַגאָנישע קהילות אונטער פּעדראָ III און אַלפאָנס III (1291—1276).

אונטער די נאָענטסטע יורשים פון כיימע I האָט זיך ווייטער געפירט דער קאַמף פון די בירגערלעכע און די קירכלעכע כוחות, צווישן די אינטע־רעסן פון דער מלוכה און די גלוסטן פון די קלעריקאַלן. דער קיניג פּעדראָ III (1285–1276) איז נאָך זייענדיק אַן אינפאַנט געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט יידישע פינאַנסיסטן און פאָרשטייערס פון די קהילות. ניט געאַכט אויפן פּראָטעסט פון דעם פּויפּס האָט ער די ערשטע צייט געלאָזט אויף זייערע פּאָסטנס די יידישע באַאַמטע, וואָס דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט זיינען זיי געווען אַזוי דערווידער. דער פריִערדיקער גובער־נאַטאָר אָדער באַיולוס פון סאַראַגאָסע יהודה דע־קאַוואַלעריאַ האָט דערגרייכט אונטער פּעדראָס רעגירונג צו אַ גרויסער ווירקונג און האָט צייטנווייז אויס־געפירט די פונקציעס פון דעם הויפּט־באַיולוס פון דער גאַנצער מדינה אַראַגאָניע; אין זיינע דעקרעטן רופט אים דער קיניג אָן „אונדזער געטרייער באַפולמעכטיקטער״. נאָך שפּעטער האָט פּעדראָ III, לויט דער פאָדערונג פון די קאָרטעס אין סאַראַגאָסע, אויפגעהערט צו באַשטימען יידן אויפן אַמט פון באַיולסן. אַ דאָקטאָר ביים קיניג און אַ שרייבער פון די איבערזעצונגען פון אַראַביש („אַלפאַכים״) איז געווען שמואל אַבינאַכים. אַז די יידישע קהילה פון וואַלענסיע האָט געמאָנט פון שמואלן, ער זאָל באַצאָלן שטייערן, האָט דער קיניג איר געמאָלדן, אַז פּערזאָנען וואָס געפינען זיך אויף מלוכה־דינסט זיינען פריי פון שטייערן; די ריכטערס און די אַדמיניסטראַטאָרן ווידער האָט דער קיניג באַפוילן, אַז זיי זאָלן „זיין געטרייען אַלפאַכים״ ניט צווינגען צו טראָגן אַ מאַנטל מיט אַ קײַלעכדיקן קאַפּושאָן, פאַר אַ פּערזאָן וואָס באַלייט דעם קיניג אויף נסיעות געשיקט זיך ניט צו טראָגן די מלבושים פון באַרצעלאָנער יידן (1284). אַזוי האָט דער קיניג, וואָס האָט גענומען אין דינסט צו זיך געבילדעטע יידן, געמוזט זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער נעץ פון דער קירכלעכער געזעצגעבונג.

נאָך די קלעריקאַלן האָבן נאָך אַלץ אויסגענוצט די קירכלעכע קאַנאָנען אויף אָנצוטון יידן נגישות. זיי האָבן אויסגעגראָבן אַן אַלטן געזעץ, וואָס האָט מחייב געווען אַ יידן אַרויסצולאָזן פריי אָן אַן אויסקויף זיין מוסלמאַנישן שקלאַוו, אויב יענער וויל אָננעמען די קריסטלעכע אמונה. די דאָמיניקאַנער מיסיאָנערן האָבן צוגערעדט די מאַורישע קנעכט וואָס האָבן געאַרבעט אין די יידישע מאַיאָנטקעס, אַז זיי זאָלן אָננעמען קריסטנטום, און דערפאַר וועלן זיי תיכף ווערן באַפרייט פון קנעכטשאַפט. האָבן די פאָרשטייער פון די יידישע קהילות זיך באַקלאָגט פאַרן קיניג פּעדראָ, אַז דערפון וועלן אַ סך

www.libtool.com.cn

בעלי-בתּישקייטן חרובֿ ווערן, ווארעם די מוסלמאַנישע קנעכט זאָגן צו אַ סך מאָל לפּנים וועגן אָנצונעמען קריסטנטום, נאָר בכדי אַרויסצוגיין פֿריי אָן אַן אויסקויף. לויטן באַפֿעל פֿון קיניג האָט אַ קאָמיסיע פֿון יוריסטן באַטראַכט אָט די פֿראַגע און האָט איינגעפֿונען, אַז לויטן ציווילן און לויטן קאַנאָנישן רעכט מעג מען נעמען אויסקויף-געלט פֿאַר באַפֿרייען אַ קנעכט וואָס גרייט זיך צו ווערן אַ קריסט, אויב ער איז נאָך ניט „דורכגעדרונגען מיטן קאַטוילישן גלויבן". מחמת דעם האָט דער קיניג באַשטימט, אַז די יידן האָבן רעכט צו באַקומען אויסלייזגעלט 12 מאַראַוועדיס אין גאָלד פֿאַר איטלעכן מוסלים וואָס ווערט אָפּגעלאָזן פֿריי, ווען ער וויל ווערן אַ קריסט (1277).

פּונקט ווי זיין פֿאָטער האָט אויך פּעדראָ III ניט דערלאָזט, אַז די ביסקופּן זאָלן באַשווערן די יידן דורך אָפּצאָלונגען אָן אַ גרונד. ווי באַוווּסט, האָט די גייסטלעכקייט געהאַט דאָס רעכט אויפֿצומאָנען אַ „מעשׂר-שטייער" פֿון ערד-שטחים און הייזער, וואָס קריסטן פֿאַרקויפֿן צו יידן, נאָר זי האָט אָפֿט געפֿאָדערט אַזאַ אָפּצאָל אויך פֿון אַנדערע יידישע נחלאות, און ערטער-ווייז האָט זי געהאַט תּביעות, אַז איר קומט די ערשטע פֿרוכט פֿון די גערע-טענישן (ביכּורים). דער קיניג האָט געהייסן זיינע באַאַמטע, זיי זאָלן אָט די פֿאָדערונגען ניט באַפֿרידיקן, בפֿרט ניט די פֿאָדערונגען פֿון די ביכּורים, מחמת אויך קריסטן האָבן דאָס ניט געגעבן (1280).

די מאָנאַכן האָבן געפּרוּווט צו מאַכן אויפֿלעבן נאָך איין גאַנג אויף צו עקספּראָפּרייִרן יידן: זיי האָבן געקליבן פּריוויליקע פֿאַר אַ נייעם קרייצצוג אין די מזרח-לענדער (1278) און האָבן באַפֿרייט די וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן פֿון צו באַצאָלן זייערע חובֿות צו יידן אויפֿן סמך פֿון אַן אַלטער פּויפּסלעכער בולע. דעמאָלט האָט פּעדראָ III אָנגעשריבן צום ביסקופּ פֿון טאַראַגאָנע, אַז די וואָס ווילן זייערע חובֿות ניט צאָלן טרעטן אַריין אין די חיילות פֿון די קרייצפֿאָרערס, „ניט אַזוי פֿיל כּדי אַריבערצושווימען דעם ים (אויפֿן וועג קיין ארץ-ישׂראל), ווי כּדי פּטור צו ווערן פֿון די חובֿות", און דעריבער לאָזט ער וויסן, אַז אַזעלכע מענטשן זיינען מחוייבֿ צו באַצאָלן זייערע קרעדיטאָרן.

די זעלביקע פּאָליטיק האָט געפֿירט אַלפֿאָנס III (1285–1291). „זיינע יידן" האָט ער געשיצט קעגן די פֿיינטלעכע שטאָנדן. ווען דער קיניג האָט זיך דערוווּסט, אַז די מאָנאַכן אין וואַלענסיע האָבן געפּלאַנט אַ באַזונדער אַריינ-גאַנג אין דעם יידישן קוואַרטאַל און רייסן זיך אַריין אַהין, לויפֿן אַרום איבער די גאַסן מיט אַ צלם און רופֿן אַרויס אַ טומל צווישן די איינוווינער פֿון שטאָט, האָט ער באַפֿוילן די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען צו פֿאַרמויערן דעם אַריינגאַנג (1287). בכּלל איז געווען אָנגענומען, אַז די איינוווינער פֿון דער כּודעריע פֿאַרשליסן די טויערן פֿון דעם קוואַרטאַל, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען ניט אַריינלאָזן די שכנים וואָס געפֿעלן זיי ניט. אין יאָר 1290 האָט מען

www.libtool.com.cn

געמאָלדן דעם קיניג, אַז אין דער שטאָט ווילאַפראַנקאַ האָט דער ייִדישער קוואַרטאַל נאָר אַ טויער וואָס פאַרמאַכט זיך פון איין עק, און דער אַנדער עק בלייבט אָפן, און ייִדן האָבן דערפון אומבאַקוועמקייטן. האָט ער זיי דערלויבט אויסצובויען אַ טויער אויך ביי דעם צווייטן עק און מאַכן צוויי שליסלען: איינעם פאַר די ייִדן און אַ צווייטן פאַר די קריסטן וואָס וווינען דאָרט.

די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געוווסט צו שאַצן אָט די זאָרגלעכקייט פון די מלכים וועגן זייער זיכערקייט און האָט אָפּגעהיט געטריישאַפט דער אַראַגאָנישער דינאַסטיע, בעת זי איז געשטאַנען אין סכנה. ווען אין דער קרוינשטאָט סאַראַגאָסע איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די ריטערס און חשובע לייט קעגן קיניג, וואָס איז אין גיכן דערשטיקט געוואָרן (1287), האָט אַלפאָנס באַפרייט די פאַרמעגלעכע ייִדן פון דער קאָנטריבוציע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער שטאָט, מחמת די ייִדישע באַפעלקערונג האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד.

אַוודאי האָט אויך אונטער כיימע ונס יורשים געהערשט אין די באַציִונגען צווישן דער קיניגלעכער מאַכט און די ייִדן דער פּרינציפּ do ut des. ייִדן האָבן געמוזט צאָלן פאַרן שוץ. פּעדראָ און אַלפאָנס האָבן כסדר זיך געווענדט נאָך פינאַנציעלער הילף צו זייערע „געטריַיע ייִדישע קהילות". חוץ די בקשות אַרויסצוגעבן גרויסע אַוואַנסן אויפן חשבון פון די קומענדיקע שטייערן, פאַרלאַנגען דער קיניג און דער אינפאַנט אָפט מאָל הילף צוליב עקסטרע באַדערפענישן. פּעדראָ III מוז בעטן אַן אונטערשטיצונג פון הונדערט טויזנט סאָלדיס ביי אַלע קהילות פון קאַטאַלאָניע (1282), מחמת ער מוז דורכפירן אַ מיליטערישע עקספּעדיציע קעגן אַ צעבונטעוועטן גראַף. בעת אַלפאָנס III דאַרף זיך צונויפקומען מיטן „געערימטן קיניג פון ענגלאַנד", מוז ער אָנקומען צו דער פינאַנציעלער הילף פון „יענע אונטערטאַנער זיינע, וואָס זיינען אַלע מאָל גרייט צו פאָלגן די באַפעלן פון זייער קיניג", און מוז אַרויפלייגן אויף עטלעכע קהילות אַן אויסערגעוויינטלעכן אָפּצאָל (1287). ניט ווינציק געלט האָט אָפּגעקאָסט די אַראַגאָנישע ייִדן די באַצווינגונג פון סיציליע, וואָס פּעדראָ פון אַראַגאָניע האָט זי איינגענומען נאָך דער „סיציליִשער וועספּער" פון יאָר 1282; [1] דערפאַר אָבער האָבן די ייִדן פון סיציליע נאָך די בלוטיקע מהומות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען דורך דעם קאַמף פון די

---

[1] פון די קיניגלעכע אַקטן איז צו זען, אַז אין יאָר 1285 האָבן ייִדן געצאָלט דעם קיניג פּעדראָ III אַ שטייער פון 12 אַ האַלב פּראָצענט פון די הכנסות פון קאַפּיטאַל, פון נחלאות און פון כלערליי רווחים. פון די שווערע אָפּצאָלן זיינען די קהילות אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז זיי זיינען געווען געצוווּנגען צו אַנטלייען געלט ביי קריסטן אויף גרויסע פּראָצענטן. דער רשב״א, דער באַרצעלאָנער רב, האָט אין יענער צייט געשריבן, אַז „אָפט איז די גרעסעניש פון די בעסטע פעלדער ניט גענוג אויף צו באַצאָלן דעם מס המלך".

www.libtool.com.cn

לעצטע האָהענשטויפֿנס קעגן די אַנזשויער אין סיציליע, אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אונטער דער ממשלה פֿון די אַראַגאָנישע מלכים.

די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות אין אַראַגאָניע, קאַטאַלאָניע און וואַלענסיע איז צום סוף 13טן י״ה פֿאַרברייטערט געוואָרן. די צונויפֿפֿאָרן פֿון די דעלעגאַטן פֿון די קהילות, וואָס די מלכים פֿלעגן צונויפֿרופֿן צוליב דער הערכה פֿון די אָפּצאָלן, זײַנען בהדרגה געוואָרן רעגולערע קאָנגרעסן, ווו עס פֿלעגן ווערן באַטראַכט אויך אַלגעמיינע פֿראַגעס פֿון דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג. לויט אָפּיציעלע אַקטן און די שאלות־ותשובות פֿון יענער צײַט קאָן מען באַקומען אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג וועגן דער קאָנסטיטוציע פֿון די קהילות. אַ קהילה־ראַט, וואָס פֿלעגט ווערן אויסגעקליבן פֿון די „טובֿי העיר״, פֿלעגט אַלע יאָר אויסקלײַבן פֿון זיך אַ פֿאַרוואַלטונג, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געהייסן אין העברעיִש „מוקדמים״, „ברורים״ (אויסגעקליבענע) אָדער „נאמנים״ (אין די אַקטן secretarii). די מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָבן זיך געטיילט לויט זייער התמנות אין גרופּעס: „ברורי דיינים״ (אויסגעקליבענע דיינים), „ברורי מדות״ (אויפֿפּאַסערס איבער די וואָגן און מאָסן), „ברורי עבֿרות״ (זוכערס פֿון חטאים, אויפֿפּאַסערס אויפֿן אויפֿפֿיר), „ממונים על המס״ אָדער „גבאי מס״ (די אויפֿמאָנערס פֿון די אָפּצאָלן) א״אַ. די „ברורי עבֿרות״ האָבן געדרודפֿט די פֿאַרשײַטע אין זייער אויפֿפֿיר, בפֿרט די מוסרים, וואָס פֿלעגן אַ מאָל פֿאַר געלט אַרײַנברענגען אין סכּנת־נפֿשות גאַנצע קהילות. מען מעג משער זײַן, אַז די וויכטיקסטע ענינים פֿלעגן ווערן באַטראַכט אויפֿן פֿלענום פֿון דעם וועד־הקהילה (די „קרואי העדה״). אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט אין דער פֿאַרוואַלטונג דער רבֿ, וואָס אָן אים האָט ניט געקאָנט ווערן באַשיידט קיין איין פֿראַגע פֿון דעם ייִדישן דין. צו אים האָט געמוזט אָנקומען אויך דאָס מלוכה־געריכט, ווו אין פּראָצעסן פֿון ייִדן האָט מען געמוזט פּסקענען לויטן ייִדישן דין. אין די אָפּיציעלע אַקטן פֿון יענער צײַט באַגעגענען זיך אָפֿט די נעמען פֿון באַרימטע רבנים, ווי למשל רבי שלמה בן אדרת (מפֿורסם אונטערן קיצור רשב״א) אין באַרצעלאָנע, וואָס אין איין קיניגלעכן דעקרעט ווערט ער טיטולירט „לערער פֿון ייִדישן געזעץ, דער באַפֿולמעכטיקער פֿונאַנדערצוקלײַבן געריכטלעכע סיכסוכים צווישן ייִדן״ (ווײַטער, § 15).

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון יענער תּקופֿה איז די שטענדיקע השגחה פֿון די אַראַגאָנישע מלכים איבער די ייִדישע קהילות. אין דעם באַרצעלאָנער אַרכיוו זײַנען פֿאַרבליבן בײַ 2000 קיניגלעכע אַקטן וואָס האָבן אַ שײַכות צו ייִדן נאָר אין משך פֿון די צוויי קורצע רעגירונגס־צײַטן פֿון פּעדראָ III און אַלפֿאָנס III, ד״ה אין משך פֿון 15 יאָר (1291–1276). ווען מען לייענט כּסדר די דאָזיקע אַקטן, באַקומט מען דעם אײַנדרוק, אַז דער

קיניג האַלט אין איין קאָרעספּאָנדירן וועגן ייִדן, ענטפֿער מיט די ייִדישע קהילות www.libtool.com.cn אין צענדליגגער שטעט אָדער מיט די אָרטיקע אָרגאַנען מכּוח ייִדן, אַזוי ווי די רעגולירונג פֿון די ייִדישע ענינים וואָלט געשטאַנען אין צענטער פֿון דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק פֿון לאַנד. דעם גרעסטן אָרט אין די אַקטן פֿאַרנעמען חשבונות צווישן דעם קיניג און די קהילות וועגן שטײַערן און אַנדערע געלטגעשעפֿטן, פֿאָדערונגען פֿון אַוואַנסן על חשבון פֿון קומענדיקע אָפּצאָלן, מעלדונגען וועגן אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלן. נאָר דער קיניג מישט זיך אָפֿט אַרײַן אויך אין די אינעווייניקסטע ענינים פֿון די קהילות. ער נעמט אויף זיך די ראָלע פֿון אַ בורר אין סיכסוכים צווישן צוויי קהילות אָדער צווישן אַ קהילה־פֿאַרוואַלטונג און פּריוואַטע מענטשן. צוליב די אינטערעסן פֿון דעם פֿיסקוס פּאַסט ער שאַרף אויף יענע פֿון „זײַנע ייִדן", וואָס קלײַבן זיך אַריבער אין די מאַיאָנטקעס פֿון ריטערס און פֿון מאָנאַכן־אָרדנס, בכדי צו זײַן פּטור פֿון צו צאָלן שטײַערן, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ הכנסה פֿון נחלאות אָדער אונטערנעמונגען וואָס זײַנען געבליבן אויף דער קיניגלעכער ערד; דער קיניג פֿאָדערט אויף זײַנע באַאַמטע, זיי זאָלן אויפֿמאָנען די ניט־דערצאָלטע שטײַערן פֿון אַזעלכע „בורחים" דורך די אָרטיקע ייִדישע קהילות.

פֿון דער אַנדער זײַט שטעלט ער זיך אײַן פֿאַר זײַנע ייִדן, אויב מען טוט זיי אָן נגישות אין די לענדער פֿון פּריצים אָדער ביסקופּן. בײַם פֿונאַנדערקלײַבן סיכסוכים פֿון פּריוואַטע מענטשן דערמאָנט דער קיניג אָפֿט מאָל, אַז דער פּסק־דין דאַרף זײַן געמאַכט לויט די כּללים פֿון דעם ייִדישן געזעץ, דער „אַסונאַ". אַזוי למשל באַקלאָגט זיך פֿאַרן קיניג אַלפֿאָנס III איין ייִדינע פֿון סאַראַגאָסע אויף אַ צווייטער, אַז זי נעמט פֿון איר וואָכערײַ־פּראָצענטן קעגן דעם ייִדישן דין, וואָס פֿאַרבאָט צו נעמען רבית פֿון ייִדן, און דער קיניג הייסט דער סאַראַגאָסער קהילה („אַלכאַמאַ"), זי זאָל אויספֿאָרשן די זאַך, און אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן ריכטיק, זאָל זי אַרויפֿלייגן אויף דער שולדיקער ייִדינע אַ חרם („אַלאַטמאַ"), ביז זי וועט ניט אָפּגעבן צוריק דאָס איבערגענומענע געלט.

נאָר עס טרעפֿט אויך, אַז דער קיניג גיט הנחות וואָכערניקעס. היות ווי אין באַרצעלאָנער קרײַז איז אַנטלײַען געלט געווען איינער פֿון די ייִדישע הויפּטגעשעפֿטן, האָט פּעדראָ III פֿאַר דער קאַטאַלאָנישער פּראָווינץ אָפּגעשאַפֿט דעם פֿאַרבאָט פֿון כיימע I צו נעמען פּראָצענט פֿון פּראָצענט, און אַלפֿאָנס III האָט די דאָזיקע הנחה באַשטעטיקט. דער קיניג נעמט אַ מאָל אַרײַן אונטער זײַן השגחה אויך די משפּחה־ענינים. אַלפֿאָנס III דערלויבט איינעם אַ ייִדן פֿון באַרצעלאָנע, ווײַל זײַן פֿרוי האָט קיין קינדער ניט, חתונה צו האָבן מיט איר הסכּם אַ צווייט מאָל, בתנאַי אַז דאָס איז ניט קעגן

דעם ייִדישן דין. אין דער זעלביקער צײַט הײסט ער דעם גובערנאַטאָר פֿון לערידע אַרויסשטעלן אַ באַשולדיקונג קעגן אַ ייִדן, וואָס מען האָט אים געכאַפּט אין אַ ניט-געזעצלעכער פֿאַרבינדונג מיט אַ קריסטלעכער פֿרוי. אין גרויסן און גאַנצן הערשט אין אָט די אַקטן אַ גוטגינציקע שטימונג.

נאָך כיימע Iטנס טויט (1276) האָבן זיך פֿון דעם קיניגרײַך אַראַגאָניע, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון פּעדראָ III, אָפּגעטײלט די באַלעאַרישע אינדזלען (מאַיאָרקע און מינאָרקע) און די פֿראַנצייזישע פּראָווינצן (מאָנפּעליע, רוסיליאָן), וואָס האָבן געבילדעט אַ באַזונדער מלוכה אונטער דער ממשלה פֿון פּעדראָס ברודער כיימע II, דעם „קיניג פֿון מאַיאָרקע". צווישן די ברידער איז געגאַנגען אַ שטענדיקער קאַמף. דער קיניג פֿון מאַיאָרקע, וואָס האָט זײַן רעזידענץ געוויינטלעך געהאַט אין פּערפּיניאַן, איז מער געווען נוטה צו דער פֿראַנצייזישער פּאָליטיק לגבי ייִדן.

איין טייל פֿון זײַנע ייִדישע אונטערטאַנער האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען אונטער דער דירעקטער ממשלה פֿון דעם פֿראַנצייזישן קיניג פֿיליפּ IV. דאָס איז געווען אין דער שטאָט מאָנפּעליע, ווו עס זײַנען נאָך אַלץ געווען צוויי ייִדישע קוואַרטאַלן: אויף דעם קיניגס ערד און אויף דעם ביסקופּס ערד. אין יאָר 1293 האָט דער ביסקופּ אָפּגעטראָטן דעם פֿראַנצייזישן קיניג, וואָס איז געווען להוט נאָך הכנסות פֿון ייִדן, אַלע רעכט איבער די ייִדן פֿון זײַן קוואַרטאַל, און דער פֿלינקער פֿיליפּ האָט דאָס אויסגענוצט אויף צו ווערן דער בעל-הבית איבער דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט, צום שאָדן פֿון די אינטערעסן פֿון דעם קיניג פֿון מאַיאָרקע. אַ קורצע צײַט האָבן די צוויי מלכים זיך אַרומגעקריגט, און צום סוף זײַנען זיי געקומען צו אַזאַ פּשרה: כיימע II טרעט אָפּ דעם פֿראַנצייזישן קיניג אַ דריטל הכנסות פֿון זײַן ייִדישן קוואַרטאַל, און ער קריגט דערפֿאַר אַ דריטל הכנסות פֿון דעם ביסקופּס ייִדן, און דערבײַ איז דער פֿראַנצייזישער קיניג געבליבן בײַ דער אייבערהערשאַפֿט איבער דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט מאָנפּעליע און איר קרײַז. ווען כיימע II איז געוואָרן קיניג פֿון גאַנץ אַראַגאָניע נאָך אַלפֿאָנס IIIס טויט, האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט נאָכצומאַכן די רויבערישע פּאָליטיק פֿון פֿראַנקרײַך לגבי די ייִדן פֿון זײַן מלוכה: ווען דער זעלביקער פֿיליפּ IV האָט פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך און קאָנפֿיסקירט זייער האָב-און-גוטס, האָט דער קיניג פֿון אַראַגאָניע גערן אויפֿגענומען די פֿאַרטריבענע פֿראַנצייזישע ייִדן אין זײַנע מדינות.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל III

# די גײַסטיקע באַוועגונג אין שפּאַניע און פֿראַנקרײַך אין XIII י״ה

### § 14. די אָנהענגער פֿון דעם רמב״ם און זייערע געגנער

אין ביידע העגעמאָניע־צענטערס פֿון דעם ייִדנטום איז דער לעצטער יאָרהונדערט, ניט געקוקט אויף דעם פֿאַרשטאַרקטן דרוק פֿון דער קירך, געווען אַ צײַט פֿון באַלעבטער גײַסטיקער טעטיקייט. אין שפּאַניע איז דאָס געווען דער רעזולטאַט פֿון דעם ליטעראַרישן רענעסאַנס פֿון דער פֿריִער־דיקער אַראַבישער תּקופֿה, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דעם גרויסן סינ־טעז פֿון דעם רמב״ם. אין צפֿון־פֿראַנקרײַך האָט נאָך געוועלטיקט איבער די גײַסטער די תּלמודישע שיטה, וואָס עס האָבן געשאַפֿן רש״י און די בעלי־התּוספֿות. צווישן אָט די צוויי לענדער, פֿאַרבונדן מיט ביידע פּאָליטיש און קולטורעל, האָט זיך געפֿונען פּראָוואַנס מיט אירע אַלטע ייִדישע צענטערס, ווו עס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן די יסודות פֿון דער פֿראַנצייזישער און פֿון דער שפּאַנישער קולטור, ווו די קאָנסערוואַטיווע רבנות האָט געקעמפֿט קעגן דער פֿרײַדענקערײַ, פּונקט ווי די קירך האָט געקעמפֿט קעגן דער כּפֿירה פֿון די אַלביגענזער.

די אויסוווייניקסטע גײַסטיקע אַטמאָספֿערע איז ניט געבליבן אָן ווירקונג אויף די אינעווייניקסטע באַוועגונגען אין ייִדנטום. אין די צוועלפֿיקע יאָרן, ווען דער פּויפּסט אינאָקענטיוס III און די מאָנאַכישע אָרדנס, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען מיט זײַן ברכה, האָבן געשאַפֿן אַן אַלגעמיין־אייראָפּעיִשע אָרגאַניזאַציע צו דערשטיקן אַלץ וואָס טראַכט אַנדערש, וואָס קאָן אונטער־גראָבן דעם אויטאָריטעט פֿון דער קירך, — איז אויך שטאַרקער געוואָרן די רעאַקציאָנערע טענדענץ אין אייניקע קרײַזן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. די היטערס פֿון דער קירך האָבן געשטעלט אויף ביידע זײַטן פֿון די פּירע־נעען אינקוויזיטאָרישע טריבונאַלן אויף צו כאַפּן פֿרײַדענקערס, און די קנאים פֿון דער סינאַגאָגע האָבן געזוכט כּפֿירה אין דער אייגענער סבֿיבֿה און האָבן זי געפֿונען אין דער פֿרײַער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס האָט דערגרייכט צו איר פֿולער אַנטוויקלונג אין דער סיסטעם פֿון דעם רמב״ם. אָן ספֿק, ניט גלײַך זײַנען געווען די צילן און די מיטלען פֿון די קריסטלעכע און פֿון די

www.libtool.com.cn

יידישע פאַנאַטיקער פון גלויבן: דאָרט האָט געווירקט די קריגערישע קירך, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען ניט אַזוי מיט רעליגיעזע ווי מיט קלעריקאַלע טענדענצן און מיט דעם אויטאָקראַטיזם פון דער פּויפּסלעכער רוים; דאָ האָבן געציטערט און געפלאַטערט איבערגעשראָקענע רבנים, וואָס בײַ זיי איז יידישקייט געשטאַנען אין סכּנה, און זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער געצנדינער אַריסטו טוט מיטן רמבמס הענט צעטרייסלען אַלע פונדאַמענטן פון גלויבן און די הייליקסטע טראַדיציעס פון דער אומה. די קירך האָט געקעמפט קעגן פרײַדענקערײַ מיט פײַער און שווערד, די סינאַגאָגע האָט געהאַט אין איר רשות נאָר אַ גײַסטיקע שטראָף – דעם חרם, וואָס האָט דערצו נאָך קיין קראַפט ניט געהאַט, ווען אין די קהילות איז קיין אַחדות ניט געווען. פון דעסט וועגן האָט בלי ספק עקסיסטירט אַ היסטאָרישע פאַרבינ־דונג צווישן אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען אין די צוויי פאַרשיידענע לאַגערן. עס איז ניט געווען קיין פּשוטער צופאַל, וואָס אין איין און דער זעלביקער צײַט, אָנהייב 13טן יאָרהונדערט, האָט אַריסטאָטעלעס׳ שאָטן איבערגעשראָקן די היטערס סײַ אין דער קירך און סײַ אין דער סינאַגאָגע פון פראַנקרײַך.[1] שפּעטער האָבן די פאַרשפּיצטע דאָמיניקאַנער טעאָלאָגן, ווי אַלבערטוס מאַגנוס און טאָמאַס פון אַקווינאָ, געקליגט זיך אײַנצוצאַמען דעם היידנישן פילאָסאָף און אײַנצושפּאַנען אים אין דעם וואָגן פון דער קירך. די יידישע טעאָלאָגן האָבן אָבער ניט געוווּסט די קונץ פון שלום מאַכן צווישן גלויבן און שׂכל; דער אָפענער תּהום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע איז ניט געווען פאַר־שאָטן, און דער געראַנגל צווישן די וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ ביידע ברע־געס פון דעם תּהום האָט געדויערט אַרום הונדערט יאָר.

אין דעם אָנהייב־פּאַזיס איז דער קאַמף געפירט געוואָרן נאָך אַרום דער שיטה פון דעם „יידישן אַריסטאָטעלעס", דעם רמבם. עס איז אַן איראָניע פון דעם גורל, אַז די זעלביקע שיטה, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו ברענגען שלום צווישן גלויבן און שׂכל, האָט געבראַכט צו אַ שאַרפער מלחמה צווישן זיי. נאָך בעת דער רמבם האָט געלעבט, האָט מען אין דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער געקאָנט הערן שאַרפע רייד קעגן דעם באַשעפער פון דער „משנה תורה" פאַר זײַן פרײַדענקערײַ אין די פראַגעס פון דאָגמאַ־טיק און פאַר זײַן בפירושער כּוונה אָפּצוצײַען די תּלמידים פון דעם שטודיום פון תּלמוד (באַנד I, § 49). דער ערשטער ספר פון דעם רמבמס „יד החזקה" („ספר המדע" – דאָס בוך פון דערקענטעניש), ווו די דאָגמאַטיק פון דער

---

1 די אַפּשריפטן פון די ווערק פון אַריסטאָטעלעסן און פון זײַנע מפרשים, וואָס זײַנען אַרײַנגעדרונגען פון שפּאַניע קיין פראַנקרײַך, האָבן אַרויסגערופן אַ יווירונג אין די גײַסטער, און די קירכלעכע מאַכטאָרגאַנען האָבן געפּרוּווט אַרויפצולייגן אויף זיי אַן איסור: Non legantur libri Aristotelis de metaphysica et naturali philosophia.

www.libtool.com.cn

יהדות איז פֿירגעשטעלט אין פֿילאָסאָפֿישער באַלײַכטונג, האָט געבראַכט אין אַ מבֿוכה די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן אײַנגעזעצן דערין אַ פּרווו צו מאַכן פֿון די טראַדיציאָנעלע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער גאָטהייט, וועגן מופֿתים און עולם־הבא אַ מין מעטאַפֿיזישע אַבסטראַקציע. נאָך מער האָט אויפֿגעוועקט זייער גרימצאָרן דער „מורה נבֿוכים”, ווו רעליגיע איז געוואָרן אַ דינסטמויד בײַ דער פֿילאָסאָפֿיע, להיפּך צו דער באַוווסטער מימרא פֿון מיטלעלטער. די ווײַטזעענדיקע פֿון צווישן די אָרטאָדאָקסן האָבן אײַנגעזען אַ סכּנה פֿאַר דער נאַציאָנאַלער יהדות אין דער אַלגעמיינער ריכטונג פֿון רמבמס שיטה, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פֿון ראַציאָנאַליזם.

נאָר אָט די שיטה האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט צווישן די געבילדעטע קלאַסן און האָט געקראָגן באַגײַסטערטע אָנהענגער. זייער צאָל איז געווען באַזונדער גרויס אין פּראָוואַנס, קאַסטיליע און אַראַגאָניע, ווו דער „מורה נבֿוכים” איז געגאַנגען איבער די הענט אין די העברעיִשע איבערזעצונגען פֿון אבן תּיבון און פֿון דעם פּאָעט אַלחריזי און איז פֿאַר די פֿרײַדענקערס געווען אַ מין נײַע גילוי־שכינה. אַ פֿערטל יאָרהונדערט נאָך דעם טויט פֿון דעם גרויסן דענקער האָט די ליבעראַלע גײַסטיקע באַוועגונג זיך געלאָזט שוין שפּירן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. פֿרײַדענקערײַ האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין אידעען, נײַערט אויך אין מעשׂים, אין מבֿטל זײַן די רעליגיעזע צערעמאָניעס. דער פֿראַנצייזישער רבֿ רבי משה מקוצי איז אין יאָר 1236 געפֿאָרן קיין שפּאַניע מיט דער ספּעציעלער שליחות — אַרויפֿצופֿירן אויפֿן רעכטן וועג יענע וואָס האָבן ניט אָפּגעהיט וויכטיקע רעליגיעזע דינים (למשל, תּפֿילין, ציצית, מזוזות) און האָבן געהאַט אַפֿילו קריסטינס פֿאַר פֿרויען אָדער פּילגשים.[1] זײַן בן־דור, דער פּאַריזער בישאָף גיליאָם ד׳אָווערן, זאָגט אויך עדות דערויף, אַז עס וואַקסט צווישן ייִדן כּפֿירה, בפֿרט אין די געוועזענע מדינות פֿון די סאַראַצענער אין שפּאַניע: „אַ סך האַלטן פֿון דער שיטה פֿון דער אייביקייט פֿון דער וועלט און אַנדערע בלאָנדזשענישן אַריס־טאָטעלעס׳ ”, און אַנדערע וואַרפֿן אַראָפּ דעם „איבעריקן עול” פֿון די מצוות און צערעמאָניעס פֿון דער אמונה. פּונקט ווי די קריסטלעכע בישאָפֿן, אַזוי האָבן אויך די רבנים געוואָרפֿן די גאַנצע שולד דערפֿאַר אויף דער פֿילאָ־סאָפֿיע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וואָס דער רמב״ם האָט זיך געפֿלײַסט אויפֿצוזוכן אַ טעם פֿאַר איטלעכער מצווה פֿון דער תּורה, האָט אונטערגע־גראָבן די יראַת־שמים, וואָרעם מען האָט געקאָנט מיינען, אַז יענע מצוות, וואָס מען קאָן ניט געפֿינען פֿאַר זיי קיין טעם על־פּי שׂכל, זײַנען ניט

[1] באַשולדיקונגען קעגן ייִדן וואָס לעבן מיט קריסטינס, וואָס לויט די קריסטלעכע קאַנאָנען האָט געקומט דערפֿאַר אַ שטראָף, געפֿינט מען אויך אין די אָפֿיציעלע אַקטן פֿון דער צײַט פֿון כיימע I. Regné, Actes des rois d'Aragon, №№ 200, 206, 619

www.hbtool.com.cn

וויכטיק אָדער חלילה גאָר איבעריק. „דער רמבם — האָבן געטענהט די מעסיקע קאָנסערוואַטאָרן — האָט טאַקע באַפעסטיקט די שרשים פון דער אמונה (די דאָגמעס, די עיקרים), ער האָט אָבער אַרומגעהאַקט די צווײַגן (ענפים)". די עקסטרעמע פאַנאַטיקער ווידער, וואָס האָבן ניט געוואָלט הערן פון קיין פשרה צווישן רעליגיע און וויסן, האָבן געטענהט, אַז דעם רמבמס שיטה גראָבט אונטער ייִדישקייט אין שורש.

די נעסט פון די קאָנסערוואַטאָרן האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער פראַנצייזישער שטאָט מ אָ נ פ ע ל י ע, וואָס האָט געהערט צו די מדינות פון דעם קיניג כיימע I פון אַראַגאָניע. דאָ האָט מען באַשלאָסן צו שטעלן אַ דאַמבע קעגן די פרײַע אידעען וואָס זײַנען אַרײַנגעדרונגען פון שפּאַניע. פאַר דער זאַך האָט זיך גענומען דער ענערגישער תלמיד־חכם ר ב י ש ל מ ה ב ן אַ ב ר ה ם מ ן ה ה ר („פון באַרג", דאָס הייסט פון Mont-pellier). ער איז באַזונדערס געווען אויפגעבראַכט דערפון, וואָס די אָנהענגער פון דעם רמבם זײַנען מבטל די תלמודישע אגדה, וואָס זיי האָבן אין איר געפונען נאָר אַ הויפן פאָעטישע לעגענדעס; צו אים זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז עס זײַנען פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז די מעשׂיות פון חומש זײַנען ניט קיין דערציילונגען פון פאַקטן, נאָר משלים צוליב אַ מוסר־השׂכל. רבי שלמה בן אַברהם האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ מיינונג גראָבט אונטער דעם היסטאָרישן יסוד פון גילוי־שכינה און וואַרפט אום די גאַנצע טראַדיציע, און ער האָט געפירט לאַנגע וויכוחים מיט די אָנהענגער פון דעם רמבמס שיטה אין מאָנפעליע. אָבער ער האָט זיי ניט געקאָנט אײַנבייגן, און די וויכוחים האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קאַמף פון די צדדים.

צו רבי שלמהן איז צוגעשטאַנען דער געראָנער רבֿ רבי י ו נ ה ג י ר ו נ ד י, דער מחבר פון דעם מאמר על התשובה, און אַ געוויסער רבי דוד בן שאול. אָנהייב 1232 האָט די דאָזיקע קאָלעגיע פון דרײַ רבנים אויסגערופן אַ חרם קעגן אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע און „חכמות חיצוניות", און בפרט די וואָס שטודירן דעם רמבמס „מורה נבֿוכים" און דעם „ספר המדע", און אויך קעגן יענע וואָס שטעלן זיך אײַן אויסצוטײַטשן די מסורות פון תנך און פון תלמוד אין אַ ראַציאָנאַליסטישן גײַסט. די קנאים פון מאָנפעליע און געראָנע האָבן געפונען פאַרבינדעטע אין צפון־פראַנקרײַך, ווו עס האָט פון קדמונים אָן געהערשט די סכאָלאַסטישע ריכטונג פון די בעלי־התוספות. די רבנים פון צפון האָבן געלויבט די דרומדיקע רבנים, וואָס זיי זײַנען אויפגעשטאַנען צו באַשיצן די אמונה און די ייִדישע פרומקייט, און זײַנען אויך צוגעשטאַנען צום חרם אויף די פרײַדענקער.

דעם רמבמס אָנהענגער אין פּראָוואַנס האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן פון זייער צד זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פאַרטיידיקער פון דער

www.libtool.com.cn

רעליגיע און האָבן דערקלערט, אַז זיי נעמען זיך אָן פֿאַרן כּבֿוד פֿון דעם גדול בישׂראל, וואָס ניט נאָר אַ נייַע רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע האָט ער געגעבן דעם ייִדישן פֿאָלק, נייַערט אויך אַ נייַעם תּלמוד – דעם געזעצבוך „משנה תּורה", וואָס דאַרף באַפֿעסטיקן די יסודות פֿון דער צערעמאָניעלער ייִדישקייט. די תּלמידי־חכמים פֿון בעזיער, לונעל און נאַרבאָנע האָבן עפֿנטלעך אויסגע־רופֿן אַ חרם אויף רבי שלמה פֿון מאָנפּעליע און זייַנע צוויי חבֿרים, וואָס האָבן מבֿזה געווען דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן לערער, און האָבן דערקלערט, אַז זייער חרם איז בטל ומבֿוטל.

פֿון דרום־פֿראַנקרייַך האָט דער קאַמף זיך אַריבערגעטראָגן קיין אַראַגאָניע און קאַסטיליע. אין אַראַגאָניע זייַנען דורכן חרם פֿון די קאָנסערוואַטאָרן געווען אָנגערירט השפּעהדיקע פֿאָרשטייער פֿון די קהילות, דאָקטוירים און געלערנטע, וואָס צווישן זיי זייַנען געווען מענטשן נאָענטע צום הויף פֿון כיימע I. דער דאָקטאָר און „אַלפֿאַכים" בייַם קיניג בחיאל אַלקונסטנטיני האָט געפּועלט בייַ די ראָשי־הקהילה אין סאַראַגאָסע אויסצורופֿן אַ קעגן־חרם אויף די אַנטימיימוניסטן אין מאָנפּעליע (יולי 1232). די סאַראַגאָסער מיימו־ניסטן האָבן זיך געווענדט מיט אַ צירקולאַר־בריוו צו די אַנדערע קהילות אין אַראַגאָניע און גערופֿן זיי, זיי זאָלן „אויפֿשטיין צו באַשיצן משהן [דעם רמבם] און זייַן הייליקע תּורה, יענעם משהן, וואָס האָט אונדז אַרויסגעצויגן פֿון גרוב פֿון אומוויסן, בלאָנדזשעניש און נאַרישקייט און האָט בייַ אונדז אייַנגעפֿלאַנצט דעם עץ־הדעת". אין דעם בריוו שטייט געזאָגט, אַז לויט דעם גייַסט פֿון דער תּורה זייַנען וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע לאַ־די וואָס מותּר, נאָר זיי זייַנען נאָך אַ חובֿ־זאַך פֿאַר ייִדן, וואָרעם אָן זיי בלייַבט דער ייִד אומבאַוואָפֿנט אין אַ וויכּוח מיט אַ פֿרעמד־גלייביקן; מען מוז קענען אַסטראָנאָמיע, געאָמעטריע און פּראַקטישע וויסנ־שאַפֿטן, וואָס „מען קען זיך ניט אויסלערנען ניט פֿון דער תּורה און ניט פֿון דער גמרא". אַז די פֿיר קהילות פֿון אַראַגאָניע: הועסקאַ, מאָנצאָן, קאַלאַ־טיוד און לערידע האָבן געקראָגן אָט דעם בריוו, זייַנען זיי צוגעשטאַנען צו די סאַראַגאָסער און האָבן באַשטעטיקט דעם חרם קעגן די דרייַ „חוטאים פֿון ישׂראל", רבי שלמה פֿון מאָנפּעליע און זייַנע חבֿרים. אין זייערע מעל־דונגען באַגריסן זיי הייס אַלע „וואָס גלייבן אין גאָט און אין משה [רמבם] זייַן קנעכט", – שטעלנדיק אַזוי אַרום בייַנאַנד ביידע משהס, דעם נייַעם מיט דעם אַלטן.

אַ שפּאַלטונג איז אַרויסגעקומען אויך צווישן די רבנים. דער גרעסטער רבֿ רבי משה בן נחמן, דער רמבן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן מפֿורסם אויפֿן באַרצעלאָנער וויכּוח (§ 12), האָט פֿאַרנומען אַ נייטראַלע שטעלונג צווישן די קעמפֿנדיקע צדדים. ער האָט זיך געווענדט צו די קהילות פֿון

www.libtool.com.cn

קאַסטיליע, נאַוואַרע און אַראַגאָניע מיט אַן אַזהרה, זיי זאָלן ניט פֿאַרמשפּטן ר׳ שלמהן פֿון מאָנפּעליע און זײַנע חבֿרים, איידער זיי וועלן אויסהערן זייערע טענות, בפֿרט אַז צו זיי זײַנען שוין צוגעשטאַנען די גרויסע רבנים פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך. פֿעסטער אויפֿן צד פֿון די פֿײַנד פֿון פֿרײַען געדאַנק האָט זיך געשטעלט דעם רמבמס אַלטער געגנער, רבי מאיר אַבולעפֿיא פֿון טאָלעדאָ. דער דאָזיקער שטרענגער תּלמודיסט איז נאָך בעת דער רמבם האָט געלעבט אַרויסגעטראָטן מיט אַ „בריוו צו די תּלמידי־חכמים פֿון לונעל״, ווו ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער מחבר פֿון דער „משנה תּורה״ האָט פֿאַרשוויגן די דאָגמע פֿון תּחית־המתים. דערפֿאַר האָט איינער פֿון דעם רמבמס פֿאַרערערס געמאַכט אויף רבי מאירן אַן עפּיגראַמע: „צי מעג זיך רופֿן באַלײַכטער (מאיר) דער וואָס בלאָנדזשעט אין דער פֿינצטער?״ איצט איז דער אַלטער אָבסקוראַנט צוגעשטאַנען צו די נײַע קעמפֿערס קעגן ראַציאָנאַליזם. אין אַ בריוו צום רמבן שרײַבט אַבולעפֿיא, אַז ער איז לחלוטין מסכּים מיט דעם אויפֿפֿיר פֿון רבי שלמה פֿון מאָנפּעליע און זײַנע אָנהענגער, וואָרעם זיי האָבן אָפּגעשיידט פֿון דער טשערעדע מאַמינים יענע וואָס ווילן „אַראָפּוואַרפֿן דעם עול פֿון די מצוות און זיך באַפֿרײַען פֿון די פּענטעס פֿון דער מסורה, ווײַל זיי זאָגן, אַז השם יתבּרך פֿאַרלאַנגט אינעווייניקסטע הסתּכּלות און פֿילאָסאָפֿישע חקירה״. אַבולעפֿיא האָט אַרויסגעזאָגט זײַן זיכערקייט, אַז די רופֿן פֿון די פֿרײַדענקערס פֿון סאַראַגאָסע וועלן קיין שום רושם ניט מאַכן אין קאַסטיליע, און אַז איר ערשטע קהילה, די טאָלעדער, וועט ניט צושטיין צום פּראָטעסט פֿון די פֿינף אַראַגאָנער קהילות.

און אַזוי איז טאַקע געווען: די טאָלעדער קהילה האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿעסטונג פֿון דער שטרענגער אָרטאָדאָקסיע. איר ראָש, דער „נשׂיא״ יהודה אלפֿכאר, האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אויפֿן פּראָטעסט פֿון די מײַמוניסטן פֿון פּראָוואַנס און אַראַגאָניע. בכדי אַריבערצוציִען דעם דאָזיקן השפּעהדיקן מאַן און אויך אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון די קאַסטילישע קהילות אויפֿן צד פֿון די מײַמוניסטן, האָט דער באַיאָרנטער מדקדק רבי דוד קמחי (רדק) פֿון נאַרבאָנע (באַנד I, § 47), זיך געלאָזט פֿאָרן קיין טאָלעדאָ. אונטערוועגס, אין אַווילע, איז ער קראַנק געוואָרן און האָט אָפּגעשיקט צו אַלפֿכארן אַ בריוו, ווו ער האָט אים געבעטן אָנצוווענדן גאָר זײַן השפּעה, בכדי אײַנצוצאַמען די רודפֿים פֿון וויסנשאַפֿט. פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס האָט זיך אַנטוויקלט דערויף האָט דער רדק געמוזט אײַנזען, אַז ער האָט צו טון מיט אַן אײַנגעשפּאַרטן געגנער. דער טאָלעדער „נשׂיא״ האָט דעם רדק גופֿא געהאַלטן פֿאַר אָנגעשמעקט מיט „אַפּיקורסות״, ווײַל ער האָט געהערט וועגן זײַנע פֿרײַע געדאַנקען, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן דעם גרימצאָרן פֿון די פֿראַנצייזישע רבנים. ער האָט געענטפֿערט דעם נאַרבאָנער געלערנטן אין זייער

www.libtool.com.cn

אַ שאַרפֿן טאָן. ער האָט געטאַדלט דעם רמבם דערפֿאַר וואָס ער וויל פֿאַר־בינדן יהדות מיט דער גריכישער פֿילאָסאָפֿיע, זאַכן וואָס לאָזן זיך ניט פֿאַר־בינדן, וואָרעם צווישן דער תּורה און דער „חכמה יוונית", וואָס אין איר געוועלטיקט די „סאָפֿיסטיק", איז פֿאַראַן אַ סתירה ניט אויסצוגלײַכן. זיי קאָנען ניט לעבן אין אײנעם ווי צוויי שוועסטער, נײַערט ווי די צוויי ווײַבער אין דער מעשה מיט שלמהס משפּט וועלן זיי שטענדיק זיך אַרומקריגן, צו וועמען געהער דאָס „לעבעדיקע קינד", ד"ה דער אמת. דער „מורה נבֿוכים" פֿירט אַראָפּ פֿון דעם וועג פֿון גלויבן, וואָרעם ער זאָגט למשל, אַז די דערציילונג וועגן שמש בגבעון אָדער די מעשה וועגן בלעמס אײזעלין וואָס האָט גערעדט זײַנען ניט מער ווי פּאָעטישע משלים, אָבער אויב אַזוי קאָן מען דערגיין צו לייקענען אין אַלע נסים פֿון דער תּורה און צעטרייסלען די יסודות פֿון דער התגלות אלהות. אלפכאר לייקנט ניט, אַז דער רמבם האָט אויפֿגעטאָן גרויסע זאַכן אין דער תּורה, ער איז זיך אָבער מצער, וואָס מיט זײַן „מורה נבֿוכים" האָט דער פֿילאָסאָף אָנגעטאָן ניט ווינציק צרות דעם ייִדנטום, און האָט טענות צו רבי שמואל אבן תּבון, פֿאַר וואָס ער האָט דעם ספֿר איבער־געזעצט אויף העברעיִש. דעריבער איז ער אין גאַנצן מסכּים מיטן אויפֿפֿיר פֿון רבי שלמה מההר און זײַנע חבֿרים.

אין דער צײַט איז דער רמבן, וואָס האָט געזען, אַז די מחלוקת פֿאַר־שאַרפֿט זיך, אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּשרה־פֿאָרשלאָג: מען זאָל אַראָפּנעמען דעם חרם פֿון דעם רמבמס „יד החזקה", נאָר מען זאָל אַסרן צו פֿאַרשפּרייטן דעם „מורה נבֿוכים" וואָס קאָן פֿאַרטומלען ניט צוגעגרייטע מוחות און וואָס דער מחבר אַליין האָט אים באַשטימט נאָר פֿאַר אויסדערוויילטע. דעם זעלביקן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט אין אַ שיר דער משורר משולם דאַ־פּיעראַ:

לאָז אָפּ, לערער, דעם „מורה", — האַלט זיך אָפּ פֿון חקירה,
באַקען זיך נאָר מיט „דערקענטעניש", [1] — וועסטו גאָטס גײַסט משיג זײַן.

נאָר פּשרות האָבן שוין קיינעם ניט צופֿרידן געשטעלט. די לײַדנשאַפֿטן האָבן זיך צעפֿלאַקערט, און די מחלוקת האָט זיך געענדיקט מיט אַ סקאַנדאַל וואָס האָט זײַן גלײַכן ניט.

אַז דער פֿאַנאַטיקער רבי שלמה מן ההר איז געוואָר געוואָרן, אַז די מײַמוניסטן האָבן אויף אים אַרויפֿגעלייגט אַ קעגן־חרם, איז ער אַרײַן אין אַזאַ ווילדן כעס, אַז ער האָט פֿאַרגעסן אָן אַלצדינג און האָט זיך אײַנגעשטעלט אויף אַ שרעקלעכן אַקט. אין יענער צײַט האָט די קאַטוילישע אינקוויזיציע, וואָס איז לויטן רצון פֿון פּויפּס גרעגאָר IX געוואָרן פֿון אַ צײַטווײַליקער געריכט־אינסטיטוציע אַ שטענדיקע (1233), אַרומגעזוכט די רעשטלעך פֿון די

1 „ספֿר המדע", דער ערשטער ספֿר אין „יד החזקה".

www.libtool.com.cn

אַלביגענזער כּופֿרים אין פּראָוואַנס. אינקוויזיטאָרן דאָמיניקאַנער האָבן מיט אַ באַזונדער התמדה געאַרבעט אין טולוזע און מאָנפּעליע. האָבן די רודפֿים פֿון דער ייִדישער פֿרײַדענקערײַ זיך מיישבֿ געווען, אַז אין תּוך שטימען זייערע צילן מיט די צילן פֿון די קירכלעכע רודפֿים פֿון דער כּפֿירה. זײַנען רבי שלמה און זײַן חבֿר רבי יונה גירונדי, לויט דער בילדערישער שילדערונג פֿון די דעמאָלטיקע פּאָלעמיסטן, געקומען צו גיין צו די דאָמיניקאַנער אין מאָנפּעליע און האָבן צו זיי אַזוי געזאָגט: „פֿאַר וואָס גיט איר ניט אַכט אויף אונדזערע אַפּיקורסים און כּופֿרים בעיקר, וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן דורך דער לערע פֿון משה מצרים [דער רמבם], דעם מחבר פֿון שאַלקהאַפּטיקע פֿילאָסאָפֿישע ביכער? אויב איר זײַט עוקר מן השורש אײַערע כּופֿרים, וואָרצלט אויס אויך אונדזערע און הייסט פֿאַרברענען זייערע שעדלעכע ספֿרים". דערבײַ האָבן זיי די מאָנאַכן צוגעשטעלט אַ ריי ציטאַטעס פֿון דעם רמבמס ווערק, וואָס זײַנען מסוגל אָנצוּיאָגן שרעק אויף די שונאים פֿון פֿרײַען געדאַנק. מען האָט דעם ענין געמאָלדן דעם קאַרדינאַל דעם דעלעגאַט, וואָס דער פּויפּס האָט אים געהאַט געשיקט קיין דרום-פֿראַנקרײַך אָנצופֿירן די טעטיקייט פֿון די אינקוויזיטאָרן. דער קאַרדינאַל, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז די מיינונגען פֿון דעם ייִדישן פֿילאָסאָף זאָלן זיך ניט פֿאַרשפּרייטן צווישן קריסטן (דער „מורה נבֿוכים" איז שוין געווען איבערגעזעצט אויף לאַטײַן), האָט באַשלאָסן צו פֿאַרברענען דעם רמבמס ספֿרים וואָס די רבנים האָבן אָנגעוויזן. מען האָט געמאַכט זוכונגען אין די הײַזער פֿון ייִדן אין מאָנפּעליע, און די כּתבֿ-ידן פֿון דעם „מורה נבֿוכים" און פֿון דעם „ספֿר המדע" וואָס מען האָט דאָרט געפֿונען זײַנען עפֿנטלעך פֿאַרברענט געוואָרן (סוף 1233). לויטן באַפֿעל פֿון די קירכלעכע שׂררות האָט מען געמאַכט אַזאַ אויטאָ-דאַ-פֿע איבער די פּסולע ביכער אויך אין פּאַריז. דעם שטאַטער-הויפֿן וואָס אויף אים האָט מען די ספֿרים פֿאַרברענט — דערציילט מען — האָט מען אָנגעצונדן מיט אַ ליכט געבראַכט פֿון דעם אַלטאַר פֿון אַ קאַטוילישער קירך.

אָט דער בוגדישער בונד פֿון די פֿאַנאַטיקער פֿון דער סינאַגאָגע מיט די פֿאַנאַטיקער פֿון דער קירך, מיט די פֿאַרהאַרטעוועטע שׂונאים און רודפֿים פֿון ייִדישן פֿאָלק, האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון צאָרן אין די קהילות פֿון פּראָוואַנס און שפּאַניע. די מעסיקע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעקערט פֿון רבי שלמהן און זײַן חבֿריה ווי פֿון מיאוסע מוסרים. דער באַרצעלאָנער שרײַבער אַבֿרהם בן חסדאי, דער איבערזעצער פֿון דעם אַראַבישן דידאַקטישן בוך „בן המלך והנזיר", האָט אָנגעשריבן אַ צירקולאַר-בריוו צו די קהילות פֿון שפּאַניע, פֿול מיט אויפֿרעגונג קעגן די רודפֿים פֿון פֿרײַען געדאַנק.

www.dibook.com.cn

דער רמבן און רבי מאיר אַבולעפֿיא האָבן זיך פֿאַרשעמט איבער דעם אַקט פֿון די פֿאַנאַטיקער פֿון מאָנפּעליע און זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר איין אַלפֿכאר האָט, ענטפֿערנדיק אויף דעם רדקס פֿאָרוורף, געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן רבי שלמהס טועכץ, ווײַל ער איז געווען געצוווּנגען דאָס צו טון דורך די פֿײַנטלעכע מעשׂים פֿון דעם צד שכנגד.

די אַגיטאַציע פֿון די אָרטאָדאָקסן האָט געבראַכט אַ טרויעריקן סוף פֿאַר אייניקע מענטשן וואָס האָבן געהאַט צו איר אַ שײַכות. די מײַמוניסטן האָט זיך אײַנגעגעבן אָפֿיציעל צו דערווײַזן, אַז די עדות וואָס האָבן אונטער־געהאַלטן פֿאַר דער אינקוויזיציע די באַשולדיקונג קעגן די פֿאַרמשפּטע ספֿרים האָבן געזאָגט ליגן. מען איז משער, אַז פֿאַר דער באַשטראָפֿונג פֿון די שולדיקע האָבן זיך משתדל געווען די ייִדן די בעלי־השפּעה, וואָס האָבן זיך געפֿונען בײַם הויף פֿון דעם אַראַגאָנישן קיניג כיימע I, דעם מושל פֿון דעם קרײַז פֿון מאָנפּעליע (בחיאל אַלקונסטנטיני און אַנדערע). די מענטשן, וואָס מען האָט דערוויזן, אַז זיי האָבן פֿאַלש עדות געזאָגט, האָבן געקראָגן אַ האַרבע שטראָף לויטן פּסק־דין פֿון געריכט: מען האָט בײַ זיי אויסגעשניטן די צינגער. איינער פֿון די מײַמוניסטן האָט אויף זיי געזאָגט דעם פּסוק פֿון תהלים (עג, 9): „שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ" („זיי האָבן זייער מויל געווענדט קעגן הימל, שלעפּט זיך זייער צונג איבער דער ערד").

וואָס איז געוואָרן מיטן אויפֿטוער פֿון דער מחלוקת, רבי שלמהן, איז ניט באַוווּסט. זײַן מיט־חבֿר, רבי יונה גירונדי, האָט שפּעטער תּשובֿה געטאָן. דאָס איז געשען אַזוי. אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער פֿאַרברענונג פֿון דעם רמבמס ספֿרים אין מאָנפּעליע און פּאַריז איז אין פּאַריז פֿאָרגעקומען דער באַוווּסטער וויכוח וועגן תּלמוד, וואָס האָט געבראַכט צו דער עפֿנטלעכער פֿאַרברענונג פֿון די ספֿרי־התּלמוד אויף איינעם פֿון די פּלעצער פֿון דער הויפּטשטאָט (§ 4). די דאָזיקע געשעעניש האָט טיף אויפֿגעטרייסלט רבי יונה גירונדי: דעם שפּעטער־הויפֿן פֿאַר די ספֿרי־התּלמוד האָט ער באַטראַכט ווי גאָטס שטראָף פֿאַר דער פֿאַרברענונג פֿון דעם רמבמס ספֿרים דורך די זעלביקע דאָמיניקאַנער, וואָס ער מיט זײַנע חבֿרים האָבן גורם געווען דערצו. דער פֿרומער רבֿ האָט גענומען אויף זיך אַ האַרבע תּשובֿה, בכדי אויסצוקויפֿן זײַן עבֿרה. ער איז געקומען קיין מאָנפּעליע און האָט אויסגערופֿן אין שול: „משה [דער רמבם] איז אמת און זײַן תּורה איז אמת, און מיר זײַנען ליגנערס!" ער האָט אַ נדר געטאָן צו לאָזן זיך גיין קיין ארץ־ישׂראל צום רמבמס קבֿר, בכדי צו בעטן בײַ אים מחילה, נאָר אים איז ניט געווען באַשערט מקיים צו זײַן דעם נדר. נאָך דעם ווי ער האָט אַרומגעוואָגלט איבער פֿראַנקרײַך און שפּאַניע, איז ער געשטאָרבן אין טאָלעדאָ (1264).

www.libtool.com.cn

## § 15. די רבנות אין פראַנקרייך און שפּאַניע

די סיסטעמאַטישע רדיפות אויפן תּלמוד זינט דער צייט פון לודוויג דעם הייליקן (די עפנטלעכע פאַרברענונג פון די ספרים און די אָפטע רעקוויזיציעס פאַר דער צענזור) האָבן געבראַכט אַ גרויסן בראָך פאַר דער רבנות אין פראַנקרייך. אין די ערשטע יאָרצענדליגער פון 13טן י״ה האָט אין פּאַריז נאָך עקסיסטירט אַ ישיבה, וואָס בראָש פון איר איז געשטאַנען רבי יחיאל בן יוסף, וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אין דעם עפנטלעכן וויכוח מיטן משומד דונין. רבי יחיאל האָט געזאָגט אַ שיעור, לויט דער שיטה פון די בעלי־התוספות, פאַר דריי הונדערט תּלמידים. נאָך דער פאַרמשפּטונג פון דעם תּלמוד איז די פּאַריזער ישיבה געגאַנגען אויף אַראָפּ. עס איז שווער געווען צו לערנען תּלמוד, מחמת עס האָבן געפעלט ספרים. די תּלמידים פון דער פּאַריזער ישיבה האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע מקומות און רבי יחיאל גופא האָט פאַרלאָזן פּאַריז און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל (אַרום 1260).

די רדיפות אויף דער תּלמודישער ליטעראַטור האָבן גורם געווען דערצו, אַז מען האָט זיך גענומען מיט מער התמדה זאַמלען די ספרים און היטן זיי. מחמת מורא, „די תּורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון ישראל״ האָבן די רבנים גענומען זאָרגן קודם כּל, עס זאָל כאָטש בלייבן דער תּוך און דער עיקר פון דער אָנגעקליבענער ליטעראַטור. רבי משה מקוצי, וואָס האָט אין איינעם מיט רבי יחיאלן גענומען אַן אָנטייל אין דעם פּאַריזער וויכוח, האָט מחבר געווען דעם „ספר מצוות גדול״ (פאַרקירצט סמ״ג) — אַ זאַמלונג פון די מצוות פון דער תּורה. דער ספר באַשטייט פון צוויי טיילן: אין איינעם ווערן דערקלערט די מצוות „עשה״, די מוז־געבאָטן, אין דעם צווייטן: די מצוות „לא תעשה״, די לאָוון. דער קאָנסערוואַטיווער מחבר האָט אין אָט דער זאַמלונג געוואָלט באַשאַפן אַ קאָרעקטיוו צום רמבמס געזעצבוך, ווו אַ סך זאַכן פון דער צערעמאָניעלער סיסטעם זיינען געבליבן אין שאָטן. דער מיסטיש געשטימטער רב פון קוסי פאַרזיכערט, אַז מן השמים האָט מען אים געהייסן מחבר זיין זיין ספר: מען האָט אים געוויזן אין חלום, און ער האָט געהערט אַ רוף צו נעמען זיך פאַר דער אַרבעט.

אַ געגענער פון דעם ראַציאָנאַליזם, האָט אָבער רבי משה ניט געהאַט קיין חלק אין די מיאוסע מעשים פון די אַנטימיימוניסטן. ער האָט דורך אַ פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע געפועלט דאָס, נאָך וואָס ר׳ שלמה מן ההר האָט זיך געיאָגט דורך צוואַנגמיטלען, — הײַנו איינצופּעסטיקן פרומקייט ביי די געבילדעטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט פון שפּאַניע און האָט אין פייערדיקע דרשות גערופן די פריידענקערס

www.libtool.com.cn

צו תּשובֿה (1236). אונטער דער השפּעה פֿון די דאָזיקע דרשות האָבן אייניקע ייִדן פֿונאַנדערגעלאָזן זייערע שידוכים מיט קריסטינס און גענומען אָפּהיטן צערעמאָניעס, וואָס זיי פֿלעגן פֿריִער זיי מזלזל זײַן (ווי לייגן תּפֿילין א״אַ). צו גלײַך האָט דער פֿרומער רבֿ גערופֿן דאָס פֿאָלק צו מאָראַלישער השתּלמות און צו ערלעכקייט אין די ענינים בין אָדם לחבֿרו. ער איז געשטאָרבן אַרום 1260.

זײַן ייִנגערער בן=דור רבי יצחק פֿון קורבייל האָט צונויפֿגעשטעלט אַ קורצע זאַמלונג פֿון דינים אונטערן טיטל „ספֿר מצוות קטן״ (פֿאַרקירצט: סמ״ק). דער מחבר האָט צעשיקט זײַן ספֿר איבער די קהילות מיט דער בקשה צו מאַכן אָפּשריפֿטן פֿון אים, וואָרעם „אין דער איצטיקער עת צרה ווערט אַלץ ווינציקער דאָס לערנען תּורה, און עס איז פֿאַראַן אַ חשש, אַז די מצוות זאָל פֿאַרגעסן ווערן״ (אַרום 1280).

צום סוף 13טן י״ה האָט די שול פֿון די בעלי=התּוספֿות אין צפֿון=פֿראַנקרײַך (צרפֿת) אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. מען האָט אירע פּירושים צונויפֿגעקליבן און שפּעטער צוגעגעבן צום טעקסט פֿון דער גמרא, ווו זיי פֿאַרנעמען אַ שפּאַלט פֿון איין זײַט עמוד, און פֿון דער צווייטער זײַט שטייט רשיס פּירוש. דאָס האָט געגעבן אַ ווײַטערדיקן שטויס צו אַנטוויקלען די תּלמודישע סכאָלאַסטיק. דעם רמבמס באַמיִונגען אָפּצוציִען די גײַסטער פֿון דער דאָזיקער סכאָלאַסטיק האָבן קיין קענטיקע פּעולה ניט געהאַט. אין דער רבנישער ליטעראַטור האָבן נאָך אַלץ געוועלטיקט דער יורידישער פּילפּול און די איבערגעשפּיצטע קליגענישן, וואָס ווי באַלד זיי זײַנען געוואָרן אַ ציל פֿאַר זיך, אַ „תּורה לשמה״, האָבן זיי אָפּגעווענדט דעם שׂכל פֿון דעם לעבעדיקן וויסן. איינער פֿון די אָנהענגער פֿון דער שיטה פֿון די פֿראַנצייזישע בעלי=התּוספֿות אין שפּאַניע איז געווען דער גרעסטער רבֿ רמבן (רבי משה בן נחמן), וואָס איז אונדז שוין באַקאַנט פֿון זײַן אָנטייל אין דעם באַרצעלאָנער וויכּוח און אין דער אַנטימײַמוניסטישער מחלוקת.

דער רמבן (1270–1195) איז ניט געווען פֿרעמד פֿון וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און האָט געקענט מעדיצין, אָבער אויפֿן געביט פֿון דער רבנישער וויסנשאַפֿט האָט ער קיין קריטיק ניט געוואָלט צולאָזן און האָט בעסער געוואָלט „לערנען בײַ די אַלטע אויטאָריטעטן״. דעם מעטאָד פֿון דיאַלעקטיק און פֿון קינצלעך אויסגלײַכן די סתּירות אין די „אויטאָריטעטע״ מקורים — דאָס האָט ער פֿאַרמאָגט בשלמות. יונגערהייט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ספֿר („מלחמות״), ווו ער האָט פֿאַרטיידיקט אַלפֿסיס זאַמלונג פֿון הלכות קעגן די השׂגות פֿון רבי זרחיה הלוי (באַנד I, § 39). די פֿיל אויסטײַטשונגען און „חידושים״ צום תּלמוד, וואָס דער רמבן האָט מחבר געווען, זײַנען אָנגעשריבן אין יענעם גײַסט פֿון די בעלי=התּוספֿות, וואָס ווען אים האָט גוט

www.libtool.com.cn

געזאָגט זייער ראָש, דער רבנו תם: „אויב אין תּלמוד ווערט איין און דער זעלביקער פאַל פאַרענטפערט איין מאָל אויף יאָ און אַ צווייט מאָל אויף ניין, וועל איך שטענדיק געפינען אַ וועג אויסצוגלייכן אָט די סתירה". זיין יראת־הכּבוד פאַר דעם אויטאָריטעט פון די „ראשונים" האָט דער רמבן אַרויסגעוויזן אין זיין גרויסן פירוש אויף חומש, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דער עלטער, באַשיימפּערלעך מיט דער כוונה אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון ר' אַבֿרהם אבן עזראס קריטישן פירוש. אויסטייטשנדיק דעם פשט פון פסוק אויפן יסוד פון די כּללים פון דקדוק און פון די אַרמישע תּרגומים, פלעגט אָבער דער רמבן אַריינשטעלן אָפט פירושים פון דער אַגדה און אַפילו פון קבלה. דאָס האָט ער טאַקע דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער פּרשנות פון דער תּורה אייניקע עלעמענטן פון דער קבלה אָדער „חכמת הנסתר", וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן זיך צו פאַרשפּרייטן אין שפּאַניע. זיין פירוש האָט דער רמבן פאַרענדיקט אין ארץ־ישׂראל, וואָס אַהין האָט ער זיך אַריבערגעקליבן, בכדי אויסצומיידן די סכּנה וואָס איז געהאַנגען איבער אים נאָכן באַרצע־לאָנער וויכּוח. די אויבן דערמאָנטע קורצע באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן וויכּוח, דער „וויכּוח הרמבן", וואָס דערפאַר האָבן די דאָמיניקאַנער אים גע־רודפט, האָט אַ גרויסן טעאָלאָגישן ווערט: דאָס דאָזיקע קליינע ספרל וועט איבערלעבן דעם רמבנס גרויסע רבנישע פאָליאַנטן.

די לעצטע יאָרצענדלינגער פון 13טן י"ה איז בראָש פון דער שפּאַנישער רבנות געשטאַנען ר ב י ש ל מ ה ב ן א ד ר ת, וואָס איז מער מפורסם אונטער די ראָשי־תּיבות ר ש ב " א (אַרום 1245—1310). אַ תּלמיד פון דעם רמבן און פון רבי יונה גירונדי, האָט אָט דער רבֿ פון באַרצעלאָנע גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אַליין־פאַרוואַלטונג פון די ייִדישע קהילות פון גאַנץ קאַטאַ־לאָניע, און זיין גייסטיקע השפּעה האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער דאָזיקער מדינה. ווי דער אָפיציעל אָנערקענטער „לערער פון ייִדישן געזעץ" און דער אייבער־דיין אין ייִדישע ענינים, האָט דער רשבאָ געהאַט אָפט באַציִונגען מיט די מלכים פון אַראַגאָניע פּעדראָ III און אַלפאָנס III. אין איינעם מיט די מנהיגים פון דער באַרצעלאָנער קהילה האָט ער דורכ־געפירט שטייער־חשבונות מיטן קיניג און פלעגט אויך גערופן ווערן אין קיניג־לעכן געריכט צו נעמען אַן אָנטייל אין פונאַנדערקלייבן קרימינעלע פּראָצעסן אין שייכות מיט ייִדן.[1] אין דער ייִדישער געזעלשאַפט ווידער האָט ער געשפּילט די ראָלע פון דעם העכסטן אויטאָריטעט אין די דינים פון דער תּורה, און צו אים האָט מען זיך געווענדט מיט שאלות פון פאַרשיידענע קהילות פון שפּאַניע און פון די שכנישע לענדער. עס זיינען געבליבן איבער

1 אין די שפּאַנישע אַקטן ווערט ער טיטולירט: magister in lege hebraica Salomon d'en Abraham d'en Adret.

www.libtool.com.cn

3000 „תּשובֿות" (ענטפֿערס) פֿון דעם רשבאָ, וואָס ער האָט געשיקט צו יחידים און צו קהילות אויף פֿאַרשיידענע שאַלות פֿון רעליגיע, וויסנשאַפֿט און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער האָט אויך געשריבן סיסטעמאַטישע ווערק וועגן ייִדישע דינים. ער איז געווען איינער פֿון די בויערס פֿון דעם בנין פֿון תּלמודיזם, וואָס האָבן אָן אָפּרו און אָן מידקייט געבויט אַלץ נײַע און נײַע גאָרנס, הגם דער בנין איז שוין אַזוי אויך געווען צו הויך. דעם רמבמס געזעצבוך, וואָס איז אויסן געווען איבערצובויען דעם דאָזיקן בנין לויט אַ פֿאַראיינפֿאַכטן פּלאַן, האָט ניט באַפֿרידיקט דעם רשבאָ, אים איז געווען מער געפֿעלן די דיאַלעקטיק פֿון די בעלי־התּוספֿות. ער האָט זיך גענומען צונויפֿצושטעלן אַ נײַע זאַמלונג פֿון די צערעמאָניעלע דינים, אונטערן נאָמען „תּורת־הבית" — „די תּורה פֿאַר דער שטוב", דאָס הייסט די דינים וועגן מאַכלים אאַז"וו. דאָס איז אָבער געווען אַ „גמרא אויף אַ נײַעם שטייגער", ווו די טעזיסן און אויספֿירן גייען פֿאַרלאָרן אין דעם ים פּלפּולים, וואָס שטיצן זיך אויף אַ גרויסער בקיאות. אויפֿן דאָזיקן ספֿר האָט אָנגעשריבן אַ קריטיק אַ צווייטער באַרצעלאָנער רבֿ, רבי אַהרן הלוי, אין זײַן ספֿר „בדק הבית", און דער רשבאָ איז געווען געצוווּנגען צו שרײַבן אַן אַנטיקריטיק אונטערן טיטל „משמרת הבית".

ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער האָט דער רשבאָ זיך אָפּגערופֿן אויף אַרויסרופֿן פֿון דעם פֿײַנטלעכן לאַגער. באַלד נאָך דעם ווי זײַן רבי דער רמבן האָט זיך מתוכּח געווען מיט די דאָמיניקאַנער בעל־פּה, האָט דער באַרצעלאָנער רבֿ געמוזט פֿירן מיט זיי אַ קריג שריפֿטלעך. אַרום 1278 האָט דער דאָמיניקאַנער רײַמונד מאַרטין, וואָס האָט געוווינט אין אַ באַרצעלאָנער קלויסטער און איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע אויף צענזורירן די ייִדישע ספֿרים (§ 12), אָנגעשריבן צוויי ווערק: Capistrum judaeorum — „אַ צאַם פֿאַר די ייִדן" און Pugio fidei — „שווערד פֿון גלויבן". אין די ווערק ווערן אויפֿגעדעקט די דאָגמאַטישע „בלאָנדזשענישן" פֿון די ייִדן און עס ווערט דערוויזן, אַז אין תּלמוד זײַנען פֿאַראַן מימרות, וואָס באַשטעטיקן אומדירעקט די ריכטיקייט פֿון דעם קריסטלעכן גלויבן (למשל דער מאַמר פֿון דער אַגדה, אַז נאָך דעם ווי משיח וועט קומען, וועלן אַלע דינים בטל). דער מאָנאַך גייט אין זײַן אימפּעט אַזוי ווײַט, אַז ער קליגט זיך צו געפֿינען אַ רמז אויף דער דאָגמע פֿון דרײַ־אייניקייט אַפֿילו אין דעם פּסוק „שמע ישׂראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד", דער פֿאָרמולע פֿון דעם ייִדישן מאָנאָטעיזם! ווי אַזוי? דרײַ מאָל ווערט אין דעם פּסוק איבערגעחזרט גאָטס נאָמען... מאַרטין האָט באַשײַמפּערלעך געהאַט בדעה צו באַנײַען די מיסיאָנערישע אַגיטאַציע, וואָס עס האָט אָנגעהויבן זײַן חבֿר פּוילוס כריסטיאַני. דער רשבאָ האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק אָפּצופֿרעגן מאַרטינס סאָפֿיזמען אין אַ קליינעם טראַקטאַט,

אָנגעשריבן אין אַ שטאַרק איינגעהאַלטענעם טאָן. די טרויעריקע רעזולטאַטן, וואָס עס האָט געבראַכט פֿאַרן רמבן דער באַרצעלאָנער וויכּוח פֿון 1263, האָבן געצוווּנגען זײַן תּלמיד צו זײַן אָפּגעהיט אין דער פּאָלעמיק. דרייסטער איז דער רשבא אין אַ צווייטער אַפּאָלאָגיע, וואָס איז אָנגעשריבן קעגן אַ מוסלים אַ ראַציאָנאַליסט (מען איז משער, אַז דאָס איז געווען דער באַוווּסטער טראַקטאַט „רעליגיע און סעקטעס" פֿון דעם קאָרדאָווער טעאָלאָג פֿון 11טן י"ה איבן-האַזם, וואָס האָט אָפּגעלייקנט, אַז די תּורה איז געגעבן געוואָרן אויפֿן באַרג סיני און אַז זי שטאַמט פֿון גאָט. דאָ האָט דער ייִדישער טעאָלאָג געמעגט שרײַבן פֿרײַ אָן מורא פֿאַר דער צענזור, וואָרעם די דאָמיניקאַנער האָבן געקאָנט נאָר מיטפֿילן אים אין דעם קאַמף קעגן דער פֿרײַדענקערײַ. שפּעטער האָט אָט דער קאָנסערוואַטיווער רבֿ געמוזט פֿירן אַ ביטערן קאַמף מיט די ראַציאָנאַליסטן בײַ ייִדן גופֿא, מיט די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון דער דעמאָלטיקער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ.

אויב דער רשבא האָט אַריבערגעפֿלאַנצט אין שפּאַניע די טראַדיציעס פֿון דער פֿראַנצייזישער קאָנסערוואַטיווער שול, האָט אַ צווייטער גרויסער תּלמודיסט פֿון יענער צײַט רבי אָשר בן יחיאל, וואָס איז באַוווּסט אונטער די ראשי-תּיבֿות ראָ"ש (אַן ערך 1250–1327) אַריבערגעטראָגן אַהין די נאָך ענגערע טראַדיציעס פֿון דער דײַטשער רבנות. אַ געבוירענער אין דײַטשלאַנד, איז דער ראָ"ש געווען אַ טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון דער אַשכּנזישער רבנות – אַ שטרענגער תּלמודיסט, אַ קנאי פֿון דעם רעליגיעזן צערעמאָניאַל און געגנער פֿון וואָסערע עס איז „חכמות חיצוניות". די בלוטיקע רדיפֿות, וואָס זײַנען אויפֿגעהויבן געוואָרן קעגן די דײַטשע ייִדן צום סוף 13טן י"ה און וואָס האָבן חרובֿ געמאַכט אַ סך ייִדישע קהילות (ווײַטער, § 23), האָבן געצוווּנגען דעם ראָ"ש צו פֿאַרלאָזן זײַן היימלאַנד און זיך אַריבערצוקלײַבן קיין שפּאַניע. זײַן נאָמען איז געווען שוין לאַנג באַוווּסט דאָרט ווי אַ גרויסער תּלמודיסט, וואָס מיט אים זײַנען געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן, צווישן זיי אויך דער רשבאָ. אָנגעקומען אין שפּאַניע (1305) האָט דער ראָ"ש פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון אַ ראָש-ישיבֿה אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאַסטיליע טאָלעדאָ.

אין דער רבנישער ליטעראַטור האָט דער ראָ"ש פֿאַראייביקט זײַן נאָמען דורך אַ גרויסער זאַמלונג פֿון הלכות א"ט „פּסקי הרא"ש", וואָס איז צונויפֿגעשטעלט לויטן מוסטער פֿון אַלפֿסיס ווערק. דאָס איז אַ מין צונויפֿגעפּרעסטער תּלמוד, אַן אויסצוג פֿון דער גאַנצער הלכה מיט הוספֿות אויפֿן סמך פֿון די אַרבעטן פֿון די בעלי-התּוספֿות. די פּסקי הרא"ש האָט מען געלערנט אין די ישיבֿות, און שפּעטער זײַנען זיי צוגעגעבן געוואָרן ווי אַ הוספֿה צו די געדרוקטע עקזעמפּלאַרן פֿון תּלמוד בבלי.

www.libtool.com.cn

www.lbtool.com.cn

פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן און פילאָסאָפיע האָט דער ראָש גאָר ניט געהאַלטן. אויף דער פילאָסאָפיע האָט ער אָנגעווענדט דעם פסוק וואָס ווערט אין „משלי" געזאָגט אויף אַ זונה: „כל באיה לא ישובון" – „די וואָס גייען באָך איר קערן זיך ניט אום צוריק". „אײַערע חכמות חיצוניות קען איך ניט – האָט ער געזאָגט מיט גדלות צו די שפּאַנישע ייִדן, – און איך דאַנק השם יתברך, וואָס האָט מיך אָפּגעהיט פון זיי". דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם ברען פון דער נײַער מחלוקת, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין שפּאַניע און דרום=פראַנקרײַך אין די ערשטע יאָרן פון 14טן יאָרהונדערט.

## § 16. פילאָסאָפיע און פרײַדענקערײַ

אין 13טן י"ה האָבן אין דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק, וואָס איר צענטער איז געווען דער פּאַריזער אוניווערסיטעט, געקעמפט צוויי ריכטונגען. איינע האָט געשטרעבט שלום צו מאַכן צווישן דער רעליגיע און אַריסטאָטעלעס' פילאָסאָפיע, און פאַקטיש האָט זי געמאַכט די פילאָסאָפיע פאַר אַ דינסטמויד פון דער טעאָלאָגיע (ancilla theologiae), באַנוצנדיק אַריסטאָטעלעס' לאָגישן אַפּאַראַט אויף צו באַווײַזן די רעליגיעזע דאָגמעס. דער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען דער דאָמיניקאַנער טעאָלאָג טאָמאַס פון אַקווינאָ, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אַריסטאָטעלעס' שיטה דער עיקר פון די ווערק פון דעם רמבם און פון איבן=ראָשד. די צווייטע ריכטונג, וואָס האָט מודה געווען, אַז עס קאָן ניט זײַן קיין שלום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון „צווייענדיקן אמת". דער אמת פון גלויבן, – האָבן געטענעט די אָנהענגער פון אָט דער ריכטונג, – שטימט ניט שטענדיק מיטן אמת פון שׂכל, מחמת דער שׂכל האָט צו טון מיט נאַטירלעכע דערשײַנונגען, און דער גלויבן – מיט איבערנאַטירלעכע. אַ צווייענדיקייט פון דעם וועלטבאַנעם איז ניט אויסצומײַדן: איטלעכער קאָן תּופס זײַן מיטן שׂכל איין זאַך און גלייבן אין אַן אַנדער זאַך. די רעכטגלייביקע טעאָלאָגן האָבן שטאַרק גערודפט אָט די געפערלעכע אידעע פון דואַליזם, וואָס צו איר זײַנען געקומען די אָנהענגער פון איבן=ראָשד. אין די יאָרן 1269 און 1277 האָט דער פּאַריזער אוניווערסיטעט, לויט דער פאָדערונג פון דער גײַסטלעכקייט, אויסגערופן אַ חרם אויף די אָנהענגער פון אָט דער מיינונג און אויך אויף אַלע וואָס האַלטן די אידעע פון דער „נאַטירלעכער פילאָסאָפיע": די אייביקייט אָדער ניטגעשאַפנקייט פון דעם חומר, די באַלעבטקייט פון די מזלות אין הימל, די אוממיגלעכקייט פון תחית=המתים אאַז"וו.

אַן ענלעכער, הגם ניט קיין גלײַכער פּראָצעס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ייִדישן פילאָסאָפישן געדאַנק. די מײַמו=

www.libtoday.com.cn

ניסטן, געטרײַ די געבאָטן פֿון זייער חבֿיך, האָבן ניט אָנגעטאָן אַזוי פֿיל צוואַנג דער פֿילאָסאָפֿיע, בכדי זי צו מאַכן אונטערטעניק צו די רעליגיעזע דאָגמעס, ווי דאָס האָבן געטאָן אַלבערטוס מאַגנוס אָדער טאָמאַס פֿון אַקווינאָ, נאָר זיי האָבן מיט אַן אמת געשטרעבט אײַנצושטעלן אַ הסכּם צווישן רעליגיע און פֿילאָסאָפֿיע דורך קענגזײַטיקע הנחות. זיי איז דאָס ניט געווען אַזוי שווער, ווי די קריסטלעכע טעאָלאָגן וואָס זײַנען געווען געבונדן דורך די פּענטעס פֿון מיסטישע דאָגמעס. אַ קאָנסעקווענטער מײַמוניסט האָט געדאַרפֿט זיך אָפּזאָגן ניט פֿון די עיקר־דאָגמעס פֿון גלויבן (דעם רמבמס 13 „אני מאמינס", די י"ג עיקרים, זײַנען געווען אויסגעשטימט מיט זײַן פֿילאָסאָפֿיע), נײַערט נאָר פֿון יענע הייליקע לעגענדעס, בילדערישע אויסדרוקן פֿון תּנך און די ניט־אָבליגאַטאָרישע מימרות פֿון דער אַגדה, וואָס זײַנען ניט געווען דאָגמאַטיזירט און וואָס מען האָט געמעגט זיי פֿרײַ אײַנטײַטשן.

נאָר די ייִדישע ראַציאָנאַליסטן האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אַנדער ערנסטן שטער: אויף אַן אײַנגעוואָרצלטן וועלטבאַנעם, ווי רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פֿאָרשטעלונגען, לעגענדע און געשיכטע, עמאָציע און געדאַנק זײַנען געווען איבערגעפֿלאָכטן און צונויפֿגעקניפּט ניט איבערצורײַסן און האָבן ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן דעם צוריר פֿון דעם קאַלטן מעסער פֿון אַנאַליז. אויך צווישן די ייִדישע דענקערס זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט אַן אויסוועג אין דער טעאָריע פֿון דעם צווייענדיקן אמת, אָבער דאָס איז אַרויסגעקומען פֿון יאוש, נאָך דעם ווי מען האָט זיך אומזיסט אָפּגעמאַטערט צו שאַפֿן אַ סינטעז צווישן דעם רעליגיעזן אמת און דעם פֿילאָסאָפֿישן אמת; דאָס איז געווען אַ ווייטאָגדיקע וויוויסעקציע איבער אַן אָרגאַניזם, וואָס אויף אים צו שאַפֿן האָבן געהאָרעוועט דורות דענקערס פֿון רבי סעדיה גאון ביזן רמבם. אַזעלכע מענטשן זײַנען געשטאַנען אויפֿן גרענעץ, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס באַוווסטזײַן, ענטפֿער אַז דער שׂכל איז אָנמעכטיק, אָדער אַז דער גלויבן איז אָנמעכטיק. און דערנעבן זײַנען געשטאַנען די מנהיגים פֿון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט און האָבן מיט אימה געקוקט דערויף, ווי עס ווערט סיסטעמאַטיש אונטערגעגראָבן דער נאַציאָנאַלער בנין, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם שטורעם פֿון יאָרטויזנטער... דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אַ טיפֿן נשמה־ריס אין די זוכערס פֿון דעם אמת גופֿא און גורם געווען צו אַ לײַדנשאַפֿטלעכן געזעל־שאַפֿטלעכן קאַמף צווישן די פֿאָרשטייערס פֿון פֿאַרשיידענע אידעיִשע שטרע־מונגען.

אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פֿון 13טן י"ה געפֿינט מען די שפּורן פֿון אָט די אַלע וויגעניש פֿון דעם רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון דעם יאָרהונדערט איז נאָך געווען שטאַרק די השפּעה פֿון דעם אַריסטאָטעליזם אויף די פּראָגרעסיווע גײַסטער. אין דער פּראָוואַנס,

www.libtool.com.cn

אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון די בני־תּיבון (באַנד I, § 47), האָבן דרײַ דורות איבערזעצערס געמיט זיך אויף דער איבערזעצונג פֿון אַראַבישע וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע ווערק אויף העברעיִש. דער איבערזעצער פֿון „מורה נבֿוכים", ר׳ שמואל אבן תּיבון, האָט אויך איבערגעגעבן איבן־ראָשדס שיטה אין זײַן חיבור „דעות הפֿילוסופֿים". זײַן זון ר׳ משה אבן תּיבון האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש איבן־ראָשדס „פּירושים" און אַ סך ווערק פֿון אַראַבישע און גריכישע שרײַבערס וועגן מאַטעמאַטיק, פֿיזיק און מעדיצין. שמואל אבן תּיבונס איידעם, יעקבֿ אַנטולי (אַרום 1200–1260) איז פֿון פּראָוואַנס אַריבערגעפֿאָרן קיין איטאַליע און האָט דאָרט פֿאַרנומען די שטעלע פֿון אַ געלערנטן איבערזעצער בײַם הויף פֿון דעם ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿטן, דעם קיסר פֿרידריך II האָהענשטויפֿן אין נעאַפּאָל. לויט פֿרידריכס באַשטעלונג האָט ער איבערגעזעצט וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע ביכער פֿון אַראַביש אויף העברעיִש, מן הסתם בכדי צוצוגרייטן די לאַטײַנישע איבערזעצונג מיט דער הילף פֿון זײַן קריסטלעכן גוטן פֿרײַנד, דעם הויף־אַסטראָלאָג מיכאל סקאָט. ער האָט איבערגעזעצט איבן־ראָשדס „מיטלסטן פּירוש" און אייניקע אַסטראָנאָמישע ביכער (1231–36). אַ הייסער אָנהענגער פֿון דעם רמבם, האָט יעקבֿ אַנטולי אַרויסגעבראַכט זײַנע ראַציאָנאַליסטישע אידעען אין די דרשות אויף פּסוקים פֿון תּנך, וואָס ער פֿלעגט האַלטן אַלע שבת אין שול. אַ טייל פֿון די צוהערערס זײַנען ניט געווען צופֿרידן מיט די צו דרייסטע אויספֿירן פֿון דעם דרשן, און ער האָט געמוזט אָפּשטעלן זאָגן זײַנע דרשות. דערפֿאַר האָט ער אָנגעשריבן אַ חיבור „מלמד התּלמידים", ווו ער זאָגט אַרויס פֿרײַ זײַנע געדאַנקען. אין דער הקדמה צו דעם ספֿר רעדט ער מכּוח דעם וואָס די גײַסטלעכע פֿירערס האָבן קיין צוטרוי ניט צו קיין שום אויסדרוק פֿון אַ פֿרײַען געדאַנק; ער דערמאָנט די קאָנסערוואַטאָרן, אַז אין תּנך גופֿא איז פֿאַראַן אַ ספֿר, פֿול מיט פֿרײַדענקערײַ (קהלת), וואָס ענדיקט זיך פֿון דעסט וועגן מיט די ווערטער: „האָב מורא פֿאַר גאָט און היט זײַנע געבאָטן". אַנטולי האַלט, אַז די רעליגיעזע טראַדיציע און די פֿילאָסאָפֿישע פֿאָרשונג קומען מיט פֿאַרשיידענע וועגן צו איין ציל: צו דערקענען גאָט און צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם מאָראַלישן פּרינציפּ אין לעבן. די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון זײַן ספֿר איז אויפֿצוקלערן דעם רעליגיעז־מאָראַלישן באַטײַט פֿון די מסורות און חוקים פֿון דער תּורה. אָפֿט מאָלס דעקט דער מחבר אויף אין דער אָדער יענער דערציילונג פֿון דער תּורה אָדער אין אַ מצווה אַ „סוד" – אַ סימבאָל אָדער אַן אַלעגאָריע, און דערין איז ער געווען דער אָנזאָגער פֿון יענע סימבאָליסטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך אים און וואָס האָבן דערפֿירט ביז עקסטרעם דעם אַלעגאָרישן מעטאָד אײַנצוטײַטשן דעם תּנך.

www.fbtool.com.cn

דער מײַמוניזם האָט אין זײַן בהדרגהדיקן וווּקס געמוזט פֿירן פֿון סינטעזיס צו אַנטיטעזיס, פֿון אַן אויסגלײַכונג פֿון די ווידעראַנאַנדן צווישן גלויבן און וויסן צו אַ נאָך גרעסערער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די סתירות. די מעסיקע מײַמוניסטן האָבן נאָך געאַרבעט אין דער סינטעטישער ריכטונג פֿון דעם רבין. דער מפֿרש פֿון „מורה נבֿוכים" שם-טובֿ פֿלקירא פֿון דרום-שפּאַניע (אַרום 1290–1225) האָט געהערט צו יענער גרופּע פּשרה-מענטשן. אין אַ דיאַלאָג צווישן מאמין און חוקר („אגרת הויכוח") פֿירט ער דורך דעם רעיון וועגן דער האַרמאָניע צווישן דעם קוק פֿון דער ביבל און פֿון די פֿילאָסאָפֿן. אין דעם דידאַקטישן סיפּור „המבֿקש" („דער זוכער") ווערט געלויבט דער וואָס זוכט ענציקלאָפּעדיש וויסן, און דורך דעם „חכמס" מויל רעקאָמענדירט דער מחבר אײַנצופֿירן דעם לימוד פֿון אָט אַזאַ וויסן פֿאַר דער יוגנט, און דאָס זאָל ווערן אײַנגעשטעלט אין אַזאַ סדר: „אין אָנהייב דאַרף מען לערנען די תּורה שבכתבֿ (תּנך), דערנאָך די תּורה שבעל-פּה (תּלמוד), וואָס איז אַ פּירוש אויף איר, נאָר בײַ הײַנטיקן טאָג איז גענוג דורכצומאַכן (אָנשטאָט דעם תּלמוד) דעם ספֿר „הלכות" פֿון אַלפֿסי צוזאַמען מיט די חיבורים פֿון רמבם – די „משנה תּורה" און זײַן פּירוש אויף משניות. דאָס איז גענוג, בכדי צו וויסן אַלע דינים. אויב עס איז פֿאַראַן צײַט, וואָלט געווען גוט צו לערנען משנה מיט די פּירושים אויף איר אין דער גמרא, וואָרעם דאָס שאַרפֿט דעם שׂכל; נאָר איך גיב דיר אַן עצה טובֿה: פּטר ניט קיין צײַט אויף אָנוואַרפֿן קשיות און אָפּווענדונגען, ווי דאָס טוען אַ סך מענטשן, וואָס זיצן אָפּ גאַנצענע נעכט אויף לערנען איין הלכה און ווייסן ניט וואָס צו ענטפֿערן, ווען מען פֿרעגט זיי אין דער פּרי, וואָס איז דער עצם ענין. ווען דו האָסט זיך אויסגעלערנט די תּורה, טו זיך אַרײַן אין וויסנשאַפֿטן, קודם-כּל אין די וואָס גרייטן צו פֿיזיק און מעטאַפֿיזיק (טעאָלאָגיע). דעמאָלט וועסטו זײַן אַ ירא-שמים מיט וויסיקייט און וועסט דערגרייכן צו דערקענען גאָט". פּראַקטיש אָבער טרעט דער מחבר אָפּ פֿון דער פּראָגראַם: ווען דער בחור דער „זוכער", דער העלד פֿון דעם סיפּור, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעלערנט תּנך, משנה און גמרא, און דערנאָך מאַטעמאַטיק, לאָגיק און פֿיזיק, בעט דעם רבין, ער זאָל מיט אים לערנען די געטלעכע חכמה אָדער מעטאַפֿיזיק, קריגט ער אַן ענטפֿער: „דו מעגסט אַליין לייענען אַריסטאָטעלעס' מעטאַפֿיזיק, וואָרעם מען טאָר ניט לערנען מיט תּלמידים אַזעלכע זאַכן, וואָס ניט איטלעכער פֿאַרשטאַנד קאָן זיי תּופֿס זײַן". אַזוי אָרום האַלט שם-טובֿ פֿלקירא, אַז וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע זײַנען טאַקע זייער הויכע ענינים, אָבער שטודירן מעטאַפֿיזיק (מה למטה, מה למעלה...) דאַרפֿן אויסדערוויילטע מענטשן מיט אַ צײַטיקן פֿאַרשטאַנד. אים איז באַשײַמפּערלעך ניט געווען צום האַרצן די גײַסטיקע יוירונג פֿון יענער צײַט. אין זײַן פּירוש אויף דעם „מורה נבֿוכים" פֿון דעם רמבם („מורה

www.libtool.com.cn

המורה", אין דער הקדמה) פֿאָרמולירט פֿלקירא דעם דעמאָלטיקן אידעיִשן קאַמף אויף אַזאַ שטייגער: די איינע האַלטן, אַז נאָר די תּורה „וואָס איז געגעבן פֿון הימל" איז אמת, און די וויסנשאַפֿט און די חקירה זײַנען נישטיק, בפֿרט דאָרט ווו זיי זײַנען סותר די תּורה; די אַנדערע ווידער זײַנען איינגעגלייבט, אַז נאָר חקירה גיט דעם אמת, און זיי טענען, אַז „שׂכל און גלויבן זײַנען צוויי מאורות: דער שׂכל איז דאָס גרויסע ליכט (המאור הגדול), און דער גלויבן דאָס קליינע ליכט (המאור הקטן), וואָס באַקומט זײַן ליכטיקייט פֿון דעם גרויסן, ווי די לבֿנה פֿון דער זון". דער רמבם, האַלט דעם מפֿרש, האָט באַוויזן אויסצוגלײַכן די סתּירות צווישן דער תּורה און דער פֿילאָסאָפֿיע, חוץ צוויי זאַכן, וואָס די פֿילאָסאָפֿיע קאָן זיי ניט באַשטעטיקן: די געשאַפֿנקייט פֿון דער וועלט (להיפּך צו אַריסטוטס שיטה, אַז דער חומר איז אַ קדמון) און גאָטס השגחה אין דעם ערדישן לעבן פֿון מענטשן. אויך בנוגע צום „מורה נבֿוכים" חזרט פֿלקירא איבער דעם געדאַנק, אַז ניט איטלעכער טאָר נוצן דעם ספֿר, וואָס איז באַשטימט נאָר פֿאַר ווייניק מענטשן מיט אַ העכערן שׂכל, ווי דער רמבם גופֿא האָט דאָס מזהיר געווען דעם לייענער.

אַנדערע דענקערס, וואָס האָבן מודה געווען, אַז צווישן שׂכל און גלויבן קאָן קיין אויסגלײַך ניט זײַן, נאָר פֿון דעסט וועגן האָבן זיי ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן ניט פֿון ד ע ם מקור פֿון וויסן און ניט פֿון יענעם, האָבן זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון דעם ווידעראַנאַנד דורך דעם, וואָס זיי האָבן אָנגענומען די „פֿאַריזער מאָדע" פֿון יענער צײַט: די אידעע פֿון דעם רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישן דואַליזם אָדער פֿון דעם צווייענדיקן אמת. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט מיט פֿולער אָפֿנהאַרציקייט ר ב י  י צ ח ק  א ל ב ל ג, וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 13טן יאָרהונדערט אין דרום־פֿראַנקרײַך. „אין אַ סך ענינים — זאָגט ער — שטייט מײַן וויסן קעגן מײַן גלויבן. אויפֿן סמך פֿון וויסנשאַפֿטלעכער חקירה האָב איך א ײַ נ ג ע ז ע ן, אַז די געגעבענע נאַטירלעכע דערשײַנונג איז ריכטיק, אויפֿן סמך פֿון די רייד פֿון די נבֿיאים ווידער ג ל ײ ב איך, אַז עס זײַנען ריכטיק די היפּכדיקע ערשײַנונגען, די נסים". דער פֿילאָסאָף און דער נבֿיא זײַנען משׂיג דעם אמת אויף פֿאַרשיידענע וועגן, איינער אויפֿן וועג פֿון דערקענען, פֿון ידיעה, דער צווייטער אויפֿן וועג פֿון אַנטפּלעקונג, פֿון התגלות, און דערפֿאַר קאָנען זיי איינער דעם אַנדערן ניט פֿאַרשטיין. אויסגלײַכן אָט די סתּירה מניה וביה איז ניט מיגלעך, און דער דענקער איז פֿאַרמשפּט אויף אינעווייניקסטער צעשפּאָלטנקייט. די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט איז צו באַמערקן אויף אַלבלגס ספֿר. אָט זאָגט ער אַרויס דרייסטע געדאַנקען, וואָס שמעקן שיער ניט מיט אַפּיקורסות, אַ שטייגער ווי אַריסטוטס טעזיס וועגן „קדמות העולם", און אָט איז ער נוטה צו האַלטן אַפֿילו פֿון מיסטישע מסורות. אין זײַן פֿאַרשטאַנד

www.libtool.com.cn

האָבן זיך עפּעס אויסטערליש צונויפגעפּאָרט אַלגאַזאַליס קאָנסערוואַטיזם מיט איבן-ראָשדס ראַדיקאַליזם. זײַנע אידעען זאָגט ער אַרויס אין דער פאָרם פון אַ באַאַרבעטונג פון די ווערק פון אַלגאַזאַלי, דעם „צעשטערער פון דער פילאָסאָפיע" (פון אָט דעם בוך אלבלגס „תיקון הפילוסופים" זײַנען פאַרעפנטלעכט נאָר פראַגמענטן), און צו גלײַך פלײַסט ער זיך אויפצוקלערן די גײַסטער דורך איבערזעצן אַריסטאָטעלעס' ווערק. אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון זײַנע געדאַנקען גיט אַלבלג אַזאַ פאָרמולע פון דער טעאָריע פון דעם „צווייענדיקן אמת": דער חילוק צווישן די צוויי מקורים פון דעם אמת באַשטייט ניט אין זייער עצם מהות, נאָר אין דער פאָרם פון אויסדרוק: איינע און די זעלביקע אידעען ווערן אין דער פילאָסאָפיע באַוויזן לאָגיש אָדער דורך נאַטירלעכע געזעצן, און אין רעליגיעזע ספרים ווערן זיי איבערגעגעבן אין דער פאָרם פון לעגענדעס, דערבײַ ווערן באַנוצט בילדער, בכדי דער המון עם זאָל קאָנען פאַרשטיין. למשל, אַזעלכע אידעען אָדער דאָגמעס ווי השארת הנפש, שכר ועונש, דעם אייבערשטנס השגחה, ווערן פאָרמולירט אַנדערש פאַר חכמים און ווידער אַנדערש פאַרן פשוטן עולם: פאַר די אַבסטראַקט און גײַסטיק, פאַר יענע קאָנקרעט און מאַטעריעל. „אין די כתבי הקודש איז איינס פאַרן מויל און אַנדערש פאַרן האַרץ. די פנימיות איז באַשטימט פאַר חכמים, די חיצוניות פאַר פשוטע לײַט". דערפון איז געבליבן נאָר איין טריט ביז צום עקסטרעמען אַלעגאָריזם. און אַלבלגס בני דור האָבן אָט דעם טריט געמאַכט.

אויפן גרענעץ צווישן ראַציאָנאַליזם און סימבאָליזם שטייט אַן אויסטערלישער דענקער פון יענער תקופה רבי לוי בן אַברהם בן חיים אָדער רלב"ח (אַן ערך 1245–1315) פון ווילאַפראַנקאַ לעבן פערפיניאַן. אַ גליד פון אַ געבילדעטער משפחה האָט ער מחמת אומגינציקע טרעפענישן געמוזט אַרומוואָגלען פון שטאָט צו שטאָט אין דרום-פראַנקרײַך. אין מאָנפעליע האָט ער געלעבט אָרעם, געצויגן חיונה פון לערערײַ, דערנאָך האָט ער געפונען אַ מקום מקלט אין פערפיניאַן אין שטוב פון דעם רײַכן מעצענאַט שמואל סולמי, און שפּעטער איז ער געווען אין בעזיער און אין אַרל. אין צוויי ספרים („בתי הנפש" און „לוית חן") האָט דער רלב"ח געגעבן אַ מין ענציקלאָפּעדיע פון די וויסנשאַפטן און פון דער טעאָלאָגיע. אין דעם ערשטן ספר, וואָס איז געשריבן אין גראַמען, ווערט גערעדט וועגן עטיק, לאָגיק, פּסיכאָלאָגיע, קאָסמאָגאָניע, וועגן נבואה און משיחיות; אין דעם צווייטן ספר זײַנען צונויפגעקליבן ידיעות וועגן מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע, פיזיק, מעטאַפיזיק, און עס ווערן פרטימדיקער אַרומגערעדט די פראַגעס פון טעאָלאָגיע און דאָגמאַטיק. דער מחבר געהער באַשײַמפערלעך צו דעם טיפּ פון בלאָנדזשענדיקע וואָס האָבן ניט געפונען קיין אָנהאַלט אַפילו אין דעם

www.libtool.com.cn

רמבמס „מורה". ער קערט זיך אום כסדר צו דער פֿראַגע, וואָס לאָזט אים ניט צו רו, וועגן דעם חילוק צווישן דעם פֿילאָסאָף און דעם נבֿיא, צווישן דעם אמת וואָס ווערט באַוויזן דורך ראַיות פֿון שׂכל און צווישן דעם אמת וואָס ווערט געזען דורך אינטויִציע. ער קלאַסיפֿיצירט די מצוות פֿון דער יִדישער אמונה און דעקט אויף זייער סימבאָלישן באַטײַט אָדער זייער מאָראַלישע כּוונה. גלײַכצײַטיק איז בײַ אים רעכט אָנצונעמען הן אַריסטאָטעלעס' אידעע וועגן קדמות העולם, הן די רעליגיעזע דאָגמע, אַז די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן יש מאַיִן. ער לייקנט אָפּ דעם נס פֿון שֶמֶש בגבעון און דערקלערט דאָס אויף אַ „נאַטירלעכן וועג": יהושע האָט נאָר מתפּלל געווען צו גאָט, אַז יענע שטערן, וואָס לויט די געזעצן פֿון דער אַסטראָלאָגיע דאַרפֿן זיי באַשיצן די שׂונאי ישׂראל, זאָלן ניט ווירקן אויפֿן גאַנג פֿון דער שלאַכט. דער דאָזיקער אויסגעמיש פֿון פֿרײַדענקערײַ און אָבערגלויבן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם רלב"גס קוק אויף דער וועלט. דאָרט ווו ער קאָן ניט אָדער ער דערוועגט זיך ניט צו אָפּערירן מיט סבֿרות פֿונעם שׂכל, קומט ער אָן צו סימבאָלן אָדער אַלעגאָריעס.

די דאָקטרינע פֿון סימבאָליזם אָדער אַלעגאָריזם, אין דעם גײַסט פֿון דער אַלטער שיטה פֿון פֿילון פֿון אַלכּסנדריא, איז געווען דער אייציקער אויסוועג פֿון דער סתּירה צווישן טראַדיציע און פֿרײַדענקערײַ. אין זייער פֿלײַסן זיך אָפּצורייניקן דעם באַגריף גאָט פֿון אַלע אַנטראָמאָרפֿיזמען און בילדערישע פֿאָרשטעלונגען וואָס זײַנען פֿאַראַן אין תּנך און אין דער אַגדה האָבן די ראַציאָנאַליסטן געפּרוווט אײַנטײַטשן סימבאָליש אַלע מעשׂיות פֿון חומש. זייער גאַנג איז געווען אַזאַ: אויב מיר האַלטן, אַז אַזעלכע אויסדרוקן פֿון תּנך ווי „גאָט האָט געזאָגט", „גאָט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט" פֿאַר מעטאַפֿערן, און אַז „דברה תּורה בלשון בני אדם", טאָ פֿאַר וואָס מעגן מיר ניט אײַנטײַטשן מעטאַפֿאָריש אויך די הייליקע לעגענדעס? זיי האָט אויסגעוויזן, אַז עס קאָן ניט געמאָלט זײַן, אַז די כּתבֿי הקודש, וואָס זײַנען דער קוואַל פֿון די העכסטע אמתן, זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס „פּוסטע" מעשׂיות וועגן די טרעפֿענישן פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן. גאָר דער דערציילערישער טייל פֿון דער תּורה איז נאָר אַ מאַסקע, און הינטער איר זײַנען פֿאַרבאָרגן טיפֿע רעיונות. דעריבער האָבן זיי געמאַכט פֿון די רעאַלע פֿאַקטן פֿון תּנך אַבסטראַקטע מעטאַפֿיזישע פֿאָרמולעס אָדער מאָראַלישע באַגריפֿן, פֿון געשיכטע און פּאָעזיע — פֿילאָסאָפֿישע סימבאָלן. אין בראשית אַ שטייגער סימבאָליזירן אַבֿרהם און שׂרה דעם חומר און דעם גײַסט, די פֿיר אמהות זײַנען די פֿיר יסודות פֿון דער וועלט (פֿײַער, לופֿט, וואַסער און ערד), די מלחמה פֿון פֿיר מלכים קעגן פֿינף איז דער קאַמף פֿון די פֿיר יסודות קעגן די פֿינף חושים, די 12 שבֿטים פֿון ישׂראל באַטײַטן די 12 פּלאַנעטן. אַנדערע זײַנען געגאַנגען

www.libtool.com.cn

נאָך ווײַטער און האָבן שוין אָנגעגרירט די פּראַקטישע פּרומקייט. זיי האָבן זיך געחקירהט אַזוי: ווי באַלד אַז אַלע דינים און צערעמאָניעס פון ייִדישקייט זײַנען אויסן נאָר צו דערוועקן אין דער נשמה אַ געהויבענע רעליגיעז-מאָראַלישע שטימונג, ממילא זײַנען זיי ניט קיין חיובֿ פאַר אַזאַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט שוין אָן דעם אַזאַ שטימונג. אין אַזעלכע חקירות האָט שוין אָן ספק געשטעקט אַ סכנה פאַר דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, ווי די רבנים האָבן זי פאַרשטאַנען. די רבנים, די „היטערס פון די מויערן", האָבן דערפילט די סכנה און האָבן זיך געשטעלט אויף דער וואַך. פּונקט ווי זיי האָבן אין דער ערשטער העלפט 13טן יאָרהונדערט געפירט אַ קאַמף קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון די מײַמוניסטן, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן, אַזוי האָבן זיי אין אָנהייב 14טן י"ה געמוזט באַנײַען דעם קאַמף קעגן אירע רעזולטאַטן.

## § 17. דער קאַמף קעגן פילאָסאָפיע און וועלטלעכע וויסנשאַפטן

דער נײַער צוזאַמענשטויס צווישן אָרטאָדאָקסן און פרײַדענקערס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער זעלביקער שטאָט מאָנפּעליע, ווו מיט זיבעציק יאָר פריִער האָבן די שונאים פון פרײַען געדאַנק אויפגעריכט אַ שײַטער-הויפן פאַר דעם רמבמס ווערק. בראָש פון דער נײַער קאַמפּאַניע האָט זיך געשטעלט דער פאַנאַטיקער פון דער טראַדיציע **אבא מארי ירחי**, וואָס איז באַוווּסט אויך אונטערן פּראָנצייזישן נאָמען דאָן אַסטרוק דע-לונעל. דער דאָזיקער מאַן איז געווען אַ פּשטן. ניטאָ קיין צוויי קוואַלן פון אמת, פאַראַן נאָר **איין** אמת — דער וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן באַרג סיני אין דער תורה און וואָס איז אין תלמוד אויסגעטײַטשט געוואָרן[1]. ייִדישקייט שטייט אויף דרײַ דאָגמעס וואָס טאָרן ניט גערירט ווערן: אַז גאָט איז איין איינציקער, אַז ער האָט די וועלט באַשאַפן און אַז ער רעגירט זי. דער געצנ-דינער אַריסטו איז דערגאַנגען מיטן מענטשלעכן שׂכל נאָר צו איינעם פון אָט די אמתן, און ער איז מודה, אַז עס איז פאַראַן אַן איין איינציקער גאָט, אָבער די אַנדערע צוויי אמתן האָט ער ניט משׂיג געווען. דערזען, אַז דער סדר פון דער וועלט בײַט זיך ניט, האָט ער געמיינט, אַז די וועלט איז ניט באַשאַפן דורך גאָטס רצון, נאָר עקסיסטירט פון אייביק אָן, און אַז גאָטס רעגירונג אָדער זײַן השגחה איז אויסגעשפּרייט נאָר אויף די הימלישע

1 אבא מאריס מיינונגען געפינען זיך ארויסגעזאָגט אין זיינע פּאָלעמישע מאמרים און בריוו, וואָס זײַנען צונויפגעקליבן אין דעם ספר „מנחת קנאות", ווו עס איז אַרײַנגעשטעלט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן די אַנטײל-נעמער אין דער מחלוקת פון די יאָרן 1303—1305.

www.libtool.com.cn

גלגלים, אָבער ניט אויף דער ערדישער מענטשהייט. אָבער שוין דער קלענסטער ספק אין אָט די צוויי דאָגמעס מאַכט טרייסלען דעם גאַנצן בנין פֿון דעם גלויבן: אומפֿערזענלעכע כּוחות פֿון דער נאַטור ווערן געשטעלט אויפֿן אָרט פֿון דעם לעבעדיקן באַשעפֿער און רעגירער פֿון דער וועלט, וואָס ער פֿירט די מענטשן צו די הויכע מאָראַלישע צילן, וואָס מען קאָן צו זיי גרייכן דורך מקיים זײַן די מצוות וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן דעם פֿאָלק ישׂראל. צווישן אָט די צוויי קוקן אויף דער וועלט קאָן קיין שלום ניט זײַן, נאָר עס מוז הערשן אַן אייביקער קריג. מען מוז אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען, בכדי „די פֿילאָסאָפֿישע מגפֿה" זאָל זיך ניט פֿאַרשפּרייטן, באַזונדערס צווישן יונגע לײַט, צווישן די אומצײַטיקע גײַסטער, וואָס די נײַע אידעען קאָנען אין זיי אין גאַנצן צעטרייסלען די זײַלן פֿון גלויבן.

פֿול מיט זאָרג פֿאַרן קיום פֿון ייִדישקייט האָט אבא מארי זיך געווענדט נאָך הילף צום באַרצעלאָנער רבֿ, דעם רשבא, וואָס איז אין יענער צײַט געווען דער העכסטער גײַסטלעכער אויטאָריטעט. אין יאָר 1303 האָט ער אַוועקגעשיקט קיין באַרצעלאָנע אַ בריוו, ווו ער האָט אָנגעוויזן אויף דער סכּנה וואָס עס קאָן אַרויסקומען פֿאַר דער ייִדישקייט פֿון דעם, וואָס ייִדן שטודירן לאָגיק, נאַטור=וויסנשאַפֿטן, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון איבן=ראָשד און אַריסטאָטעלעס, און האָט געפֿאָדערט, אַז דער „מנהיג=הדור" זאָל אַרויסטרעטן מיטן האַרבן וואָרט צו פֿאַרמשפּטן די „מחבלים פֿון די הייליקע מסורות". דער רשבא איז געווען אין גאַנצן איין דעה מיט דעם פּראָוואַנסאַלער קנאי. אין זײַן תּשובֿה זאָגט ער אויך אַרויס זײַן צאָרן דערויף, וואָס „פֿרעמדע זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין די טויערן פֿון ישׂראל", און וואָס „דער אַראַבער און דער גריך" פֿירן אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג די כּשרע בתולת=יהודה, וואָס מען האַלט מער פֿון אַריסטון ווי פֿון משה רבנו, און יונג און אַלט וואַרפֿן זיך אַרײַן מיטן גײַסט אין תּהום פֿון דער מעטאַפֿיזיק; נאָר מיט דער אָפֿיציעלער עניוות פּרוּווט ער אָפּווענדן פֿון זיך די אַרײַנמישונג אין די ענינים פֿון די פּראָוואַנסאַלישע קהילות: ער וואַרט, אַז די אָרטיקע רבנים זאָלן זײַן די „מתחילים במצווה".

דערויף האָט אבא מארי אים געשריבן אַ צווייטן בריוו: מען טאָר זיך ניט זאַמען, די כּפֿירה וואַקסט, די אַלעגאָריסטן מאַכן פֿון די פֿאַקטן פֿון דער הייליקער געשיכטע אַבסטראַקטע סימבאָלן, די יוגנט פֿאַרשפּרייט פֿרײַע געדאַנקען אין די שולן און בתּי=מדרשים, און צוזאַמען מיט פּסוקים פֿון דודס תּהילים לאָזן זיך הערן די רייד פֿון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס. „מיר זײַנען מחוייבֿ — רופֿט אויס אבא מארי — צו צערײַסן, פֿאַרברענען, מאַכן כּפּרה דאַרצא די אַפּיקורסישע ביכער, וואָס דורך זיי ווערן פֿאַרשפּרייט כּלערליי

www.libtool.com.cn

פֿאַרדאַרבערישע רעיונות, אַפֿילו ווען זייערע מחברים מאַכן אַ פּנים פֿון יראַת שמים״.

דער רשבא איז אין זײַן תשובה אין גאַנצן מסכּים מיט די דאָזיקע סבֿרות און זעט אויך אײַן אין דעם אַלעגאָריזם אַ גרויסע סכּנה: מענטשן, וואָס פֿאַר זיי האָבן אַבֿרהם און שׂרה אויפֿגעהערט צו זײַן די אָבֿות פֿון דער אומה און זײַנען מגולגל געוואָרן אין סימבאָלן פֿאַר חומר און צורה, האָבן שוין אין זיך צעריסן מיט דער נאַציאָנאַלער רעליגיע: „זיי זײַנען ניט קיין קינדסקינדער פֿון אַבֿרהם אָבֿינו און אַפֿילו ניט קיין קינדסקינדער פֿון עשׂו און ישמעאל [זיי זײַנען ניט קיין ייִדן, ניט קיין קריסטן, ניט קיין מוסלימס], נאָר זיי שטאַמען אָפּ פֿון די קינדער פֿון לילית [דער עלטער־באָבע פֿון די שדים], וואָס זי האָט זיי געהאַט פֿון אָדם הראשונען״. און ווידער אַ מאָל עצהט ער צו רופֿן די אָרטיקע מנהיגים צום קאַמף קעגן דער כּפֿירה, נאָר פֿאַר איינס פֿלײַסט ער זיך צו ווירקן דירעקט אויף די פּראָוואַנסאַלער קהילות. איינעם פֿון די אָנגעזעענע מיטגלידער פֿון דער קהילה אין פּערפּיניאַן, קרשקש־ווידאַל, רופֿט ער אין זײַן בריוו צום קאַמף קעגן די אַפּיקורסים, וואָס האָבן „די גריכישע פֿילאָסאָפֿן דערהויבן צו נבֿיאים, און די אמתע נבֿיאים האָבן זיי געמאַכט פֿאַר משלים־שרײַבערס״. אַז דער רשבא האָט זיך דערוווּסט, אַז אין פּערפּיניאַן וווינט אין שטוב פֿון דעם רײַכן מעצענאַט שמואל סולמי דער אויבן דערמאָנטער שרײַבער דער אַלעגאָריסט רלב״ח, האָט ער אָנגעשריבן אַ באַזונדער בריוו, צו סולמין, ווו ער האָט אים שטאַרק אויסגערעדט, פֿאַר וואָס ער האַלט בײַ זיך דעם אַפּיקורס, און געפֿאָדערט פֿון אים, ער זאָל אים אַרויסשיקן. עס האָבן ניט געהאָלפֿן קיין שום טענות ומענות פֿון סולמין און פֿון רלב״חן אַליין, דער באַרצעלאָנער רבֿ האָט זיך ניט געלאָזט אײַנבעטן. אַ געוויסע צײַט האָט סולמי נאָך געקווענקלט זיך, ניט געוואָלט אָפּנעמען די שטיצע בײַ דעם אָרעמען פֿילאָסאָף, נאָר עס האָט בײַ אים אין דער משפּחה געטראָפֿן אַן אומגליק, אַ טאָכטער איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט ער דאָס אויפֿגענומען ווי אַן עונש פֿאַר ניט פֿאָלגן דעם רבֿ. ער האָט דעם פֿילאָסאָף געהייסן פֿאַרלאָזן זײַן שטוב, און דער אָרעמער רלב״ח האָט געמוזט ווערן נע־ונד. ער איז געוווען דער ערשטער קרבן פֿון דער „רעליגיעזער מלחמה״.

די קאָרעספּאָנדענץ פֿון אבא מארי און פֿון דעם רשבא מיט די מנהיגים פֿון פֿאַרשיידענע קהילות האָט קלאָר געמאַכט, אַז אַ סך רבנים און ראָשי הקהילות זײַנען גרייט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער קאַמפּאַניע קעגן דער פֿילאָסאָפֿיע. פֿון אָט די אונטערהאַנדלונגען איז אויך קלאָר געוואָרן דער פּראַקטישער ציל פֿון אָט דעם קאַמף: מען זאָל פֿאַרבאָטן צו שטודירן פֿילאָ־סאָפֿיע און נאַטור־וויסנשאַפֿט, לכל־הפּחות יונגע מענטשן, וואָס זײַנען נאָך ניט קיין גרויסע לומדים אין גמרא. די רבנים־קאָלעגיע אין באַרצעלאָנע איז

www.libtool.com.cn

געװען מרוצה אויף אָט דעם פּלאַן, נאָר זי האָט פֿריִער געװאָלט זיך פֿאַרזיכערן דעם הסכם פֿון די פֿירערס פֿון דער קהילה אין מאָנפּעליע, װוּ עס איז געזעסן דער אויפֿטוער פֿון דער מחלוקת אבא מארי.

אין גיכן (1304) איז קיין מאָנפּעליע אַראָפּגעקומען אַ שליח פֿון באַרצעלאָנע מיט אַ בריװ, געחתמעט פֿונעם רשבא און פֿון 14 מיטגלידער פֿון דעם װעד-הקהילה. אין דעם בריװ װערט געשילדערט בולט די סכנה פֿון דער מגפֿה פֿון אַפּיקורסות און עס װערט אָנגעװיזן, אַז אויב צװישן קריסטן װאָלט זיך באַװיזן אַזאַ כּפֿירה, װאָלט מען אירע פֿאַרשפּרייטערס געברענט אויף שייטער-הויפֿנס, ייִדן קאָנען אַזעלכע חוטאים באַשטראָפֿן נאָר דורך אויסשליסן פֿון דער קהילה: מען מוז אויסרופֿן אַ האַרבן חרם אויף יענע, װאָס װעלן לערנען אַליין די „ספֿרי יונים” און לערנען זיי מיט אַנדערע ייִנגערע װי 30 יאָר.

האָט אבא מארי אָנגעהויבן צו קלייַבן אין מאָנפּעליע אָנהענגער פֿון דעם חרם, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז אין אָט דער נעסט פֿון קנאים פֿאַרן גלויבן איז פֿאַראַן אויך אַ גרופּע הייסע קנאים פֿאַר אויפֿקלערונג. בראָש פֿון אָט דער גרופּע איז געשטאַנען דער אַסטראָנאָם ר ב י י ע ק בֿ ב ן מ כ י ר פֿון דער באַרימטער משפּחה בני-תּיבון, װאָס אין די קריסטלעכע קרייַזן איז ער געװען באַװוּסט אונטערן נאָמען פּ ר אָ פֿ י אַ ט (פּרופֿיט) אָדער פּ ר אָ פֿ אַ ט י ו ס. דער דאָזיקער מאַן האָט זייַן לעבן לאַנג געמיט זיך צו פֿאַרשפּרייטן װיסן: ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש אייקלידעסעס „עלעמענטן”, פּטאָלעמיי‏אָסעס „אַלמאַגעסט”, איבן-ראָשדס „לאָגיק” און האָט געשריבן אָריגינעלע ביכער װעגן אַסטראָנאָמיע, װאָס אין אַ שפּעטערדיקער צייַט האָבן זיי באַנוצט אין אַ לאַטייַנישער איבערזעצונג קאָפּערניק און אַנדערע אַסטראָנאָמען. אַרום 1300 איז ער געװאָרן באַשטימט פֿאַרן דעקאַן פֿון דעם מעדיציניש‏ן פֿאַקולטעט אין מאָנפּעליע, װוּ עס האָבן געאַרבעט אַ סך ייִדן דאָקטוירים. פּונקט װי אַלע בני-תּיבון, איז רבי יעקבֿ בן מכיר געװען אַ קעמפֿער פֿאַר בילדונג. די אַגיטאַציע פֿון די אָבסקוראַנטן האָט אים אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. װען עס איז אָנגעקומען אין מאָנפּעליע דער בריװ פֿון די באַרצעלאָנער רבנים מיטן פּראָיעקט צו אַסרן די װיסנשאַפֿטן און די פֿילאָסאָפֿיע, און אבא מארי האָט דעם בריװ עפֿנטלעך פֿירגעלייענט שבת אין שול (אלול 1304), האָט רבי יעקבֿ בן מכיר ענערגיש פּראָטעסטירט און אַריבערגעצויגן אויף זייַן צד אַ סך מיטגלידער פֿון דער קהילה. עס איז דערגאַנגען צו שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן. די פּראָגרעסיסטן פֿון מאָנפּעליע האָבן אַװעקגעשיקט קיין באַרצעלאָנע אַ בריװ פֿול מיט שיינע מליצות, װוּ זיי האָבן דערװיזן, אַז ייִדישקייט איז לאו-דװקא נישט קעגן די װעלטלעכע װיסנשאַפֿטן, נאָר פֿאַרקערט, אַז עס איז גאָר אַ מצוה צו שטודירן װיסנשאַפֿט, אַז נאָך

www.libtool.com.cn

שלמה המלך האָט געפאָרשט די נאַטור, אַז די תנאים פון דער משנה האָבן געקענט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, אַז אַסרן פאַר אַלע יונגע לײַט צו לערנען וויסנשאַפט וואָלט באַטײַט פאַרמשפּטן די קומענדיקע דורות אויף אומוויסן. די מחברים האָבן געבעטן דעם רשבא און זײַן בית־דין „אַרײַנשטעקן זייער שווערד אין שייד" און ניט פאַרמערן קיין מחלוקת אין כלל ישראל. נאָר זייער רוף איז פאַרשטייט זיך ניט דערהערט געוואָרן.

די מחלוקותן האָבן זיך געמערט. פון מאָנפּעליע איז דער קאַמף פון די פּאַרטייען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנדערע קהילות פון דער פּראָוואַנס. פון ביידע צדדים האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שולד־כּתבים, איטלעכע פּאַרטיי האָט זיך געפלײַסט אַריבערצוציִען אויף איר צד דעם רובֿ אין די קהילות. די פּאַרטיי פון קאָנסערוואַטאָרן איז אָבער געווען בעסער אָרגאַניזירט. זי האָט געהאַט אירע צענטערס אין מאָנפּעליע און אין באַרצעלאָנע, בראָש פון איר זײַנען געשטאַנען דער גרעסטער רבֿ פון יענער צײַט און אַ פײַערדיקער אַגיטאַטאָר. אַהין האָבן זיך געווענדט אַלע אָבסקוראַנטן פון לונעל, אַרזשאַנטיער, אַוויניאָן און אַנדערע מקומות. מען האָט געוואַרט אַלץ, דער רשבא זאָל טון דעם לעצטן טריט, נאָר ער האָט געזאַמט: ער האָט געהאַלטן, אַז ער מעג אויסרופן דעם געפּלאַנטן חרם ערשט נאָך דעם, ווי לכל הפּחות צוואַנציק קהילות וועלן זיך אַרויסזאָגן דערפאַר, און קודם־כּל די עלטסטע קהילה פון נאַרבאָנע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן אבא מארי און דעם „נשיא" פון נאַרבאָנע רבי קלונימוס בן טודרוס. אבא מארי האָט געוואָלט, אַז רבי קלונימוס זאָל צוגעבן זײַן וועלטלעכן אויטאָריטעט צו דעם רשב"אס גײַסטלעכן אויטאָריטעט, און דעמאָלט וועלן די צוויי הייליקע קהילות, באַרצעלאָנע און נאַרבאָנע, אַרויסראַטעווען דאָס ייִדנטום פון דער כּפירה; נאָר רבי קלונימוס האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון צו געבן אַ גלײַכן ענטפער.

בינתים איז פון דײַטשלאַנד, דעם לאַנד פון תּלמוד, אָנגעקומען קיין שפּאַניע רבי אָשר בן יחיאל, דער אויבן דערמאָנטער ראָ"ש. אונטער וועגס קיין טאָלעדאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מאָנפּעליע און אין אַנדערע שטעט פון פּראָוואַנס און האָט דאָרט געזען אַ בילד, וואָס איז אין זײַנע אויגן געווען משונהדיק: אַ סך „ציִען זיך צו נאַטור־וויסנשאַפטן און דעם וועג צו דער תּורה האָבן זיי פאַרגעסן". דאָס האָט געמוזט פאַרשאַפן אַ סך צער אַ מענטשן, וואָס פאַר אים איז דער תּלמוד געווען דער אלף און דער תּיו פון וויסן. דער ראָ"ש האָט פאַרשטייט זיך געליבט דעם ברען פון אבא מארי און פון די געגנער פון דער פילאָסאָפיע. ער האָט דערקלערט, אַז פילאָסאָפיע דאַרף מען אַסרן ניט נאָר פאַר יונגע לײַט, נײַערט פאַר אויך צײַטיקע מענטשן, וואָרעם דער פּסוק זאָגט „והגית בה יומם ולילה" – „דו זאָלסט זיך

www.libtool.com.cn

אַרײַנטון אין דער תּורה טאָג און נאַכט", – בלײַבט פֿאַר אַלע װעלטלעכע װיסנשאַפֿטן „די צײַט װאָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט".

אַז דער רשבא האָט סוף־כּל־סוף אײַנגעזען, אַז דער רובֿ פֿון די קהילות שטײט אױפֿן צד פֿון דער אָרטאָדאָקסישער פּאַרטײ, האָט ער זיך גענומען פֿאַרענדיקן דעם ענין. שבת־חזון פֿון יאָר 1305 איז אין שול פֿון באַרצעלאָנע אױסגערופֿן געװאָרן אַ כּרוז, װאָס האָט געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ מוסטער די אַנדערע קהילות: „מיר האָבן גוזר געװען און אָנגענומען אױף זיך און אױף אונדזערע קינדער און קינדסקינדער, אונטער אַ חרם, אַז קײנער פֿון די מיטגלידער פֿון אונדזער קהילה זאָל ביזן עלטער פֿון 25 יאָר ניט לערנען די גריכישע ביכער װעגן נאַטור־װיסנשאַפֿט און טעאָלאָגישע װיסנשאַפֿטן (טבֿעיות ואלוהיות), סײַ אין אָריגינאַל, סײַ אין איבערזעצונג אין אַנדערע שפּראַכן, פֿון הײַנט אָן און װײַטער אין משך פֿון פֿופֿציק יאָר. קײן מיטגליד פֿון אונדזער קהילה טאָר ניט לערנען מיט אַ ייִדן די דאָזיקע װיסנשאַפֿטן, ביז יענער װעט ניט דערגרייכן צו דעם דערמאָנטן עלטער, בכדי די דאָזיקע װיסנשאַפֿטן זאָלן אים ניט אָפּציִען פֿון דער תּורת־ישׂראל, װאָס שטײט העכער איבער אַלע אַזעלכע װיסנשאַפֿטן. מען טאָר ניט צוגלײַכן דאָס מענטשלעכע װיסן, װאָס זײַן יסוד זײַנען פֿאָרשטעלונגען און דערשײַנונגען פֿון די חושים, מיט דער ידיעה פֿון גאָט ברוך הוא. אַ מענטש אַ בשׂר ודם קאָן ניט משפּטן זײַן באַשעפֿער און זאָגן: דאָס קאָן ער טון און דאָס קאָן ער ניט, װאָרעם אַזאַ רעיון פֿירט צו פֿולער כּפֿירה. פֿון דער איצטיקער תּקנה אונדזערער נעמען מיר אַרױס דעם שטודיום פֿון מעדיצין, הגם זי איז באַגרינדעט אױף נאַטור־װיסנשאַפֿט, װאָרעם די תּורה האָט מתּיר געװען דעם רופֿא צו הײלן".

דער טעקסט פֿון דעם דאָזיקן חרם איז אין געװיסע פּרטים געװען אַנדערש פֿון דעם לכתּחילהדיקן פּראָיעקט; ער איז געװען דער רעזולטאַט פֿון אַ פּשרה צװישן די מעסיקע און די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן: מען האָט געאַסרט פֿילאָסאָפֿיע און נאַטור־װיסנשאַפֿט פֿאַר מענטשן ביז 25 יאָר און ניט ביז 30, די צײַט װען דער איסור איז גילטיק איז געװאָרן באַגרענעצט אױף 50 יאָר, עס איז געװאָרן באַגרענעצט אױך די קאַטעגאָריע פֿון די געאַסרטע ביכער: נאָר ביכער װעגן נאַטור־װיסנשאַפֿט און טעאָלאָגיע װאָס שטאַמען פֿון גריכיש.

צו גלײַך מיט אָט דעם טעקסט פֿון חרם איז אין נאָמען פֿון דעם רשבא און זײַן בית־דין געװאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַזונדער כּתבֿ, געװענדט קעגן די מענטשן, װאָס טײַטשן אױס די תּורה אין אַלעגאָרישן גײַסט: „זײ טענען – שטײט צװישן אַנדערע זאַכן געשריבן אין דעם דאָזיקן כּתבֿ – אַז פֿון בריאת העולם ביזן מעמד הר־סיני איז אַלץ בלומרשט אַ משל (אַלעגאָריע, סימבאָל), אַז אַבֿרהם און שׂרה זײַנען די סימבאָלן פֿון חומר און צורה, אַז די 12 זין

www.libtool.com.cn

יעקבֿס זײַנען די צוועלף מזלות, אאַז"וו. אַפילו אויף די מצוות הייבן זיי אויף אַ האַנט, זיי זאָגן, אַז די „אורים ותומים" (וואָס דער כהן-גדול האָט געטראָגן אין ערשטן בית-המקדש) איז דער אינסטרומענט וואָס מען רופט „אַסטראָלאַביע"; וועגן משהן זאָגן זיי, אַז ער איז געווען נאָר אַ געזעצגעבער, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט פאַרן פאָלק געזעצן און כּללים פון אויפפיר, און ניט אַז ער האָט אַראָפּגעבראַכט די תורה פון הימל. איינער פון זיי (פון די אַפּיקורסים) האָט אין זײַן דרשה אין שול מיט חידוש געפרעגט: פאַר וואָס האָט משה געאַסרט צו עסן חזיר-פלייש? אויב מחמת דער שלעכ-טער טבֿע פון דעם פלייש, האָבן דאָך די געלערנטע קיין שום שלעכטס אין דעם ניט געפונען. עמעצער פון זיי האָט געזאָגט, אַז לייגן תּפֿילין של ראש און של יד איז ניט פאַר אַלעמען אַ חיובֿ, ווײַל דאָס האָט דאָך נאָר דעם באַטײַט, אַז דער מענטש זאָל טראַכטן וועגן גאָט, קוקנדיק אויף די סימבאָלן אויפן קאָפּ און לעבן האַרץ (און פאַרן מאַמין איז אָט די צערעמאָניע איבעריק)". די אָנהענגער פון אַזעלכע אַפּיקורסישע מיינונגען דאַרפן ווערן דער-קלערט פאַר פאַרשאָלטן און פאַר מוחרם ומנודה, פאַרמשפט אויף אייביקע פּײַן אין גיהנם, און זייערע ביכער זײַנען צוגעגליכן צו כּישוף-ביכער און מוזן ווערן פאַרברענט. די טעקסטן פון דעם חרם און פון דעם כּתבֿ[1] זײַנען צעשיקט געוואָרן צו אַלע קהילות פון שפּאַניע און פראַנקרײַך, כּדי זיי זאָלן לויט אָט דעם מוסטער אויסרופן אַ חרם אויך בײַ זיך.

ווי אַן ענטפער אויף אָט דעם אַקט האָט די פּאַרטיי פון די אויפגע-קלערטע אין מאָנפּעליע בראָש מיט יעקבֿ אבן-תּיבון אויסגערופן אַ קעגן-חרם אויף יענע: 1) וואָס וועלן מבֿזה זײַן דעם רמבם, אויסטראַכטנדיק אויף אים, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט אַפּיקורסישע געדאַנקען, 2) וואָס רעדן שלעכטס אויף עמעצן פון די פרומע שרײַבערס פאַר זײַנע פילאָסאָפישע אידעען, 3) וואָס שטערן יונגע לײַט צו לערנען נאַטור-וויסנשאַפט און רעליגיעזע פילאָסאָפיע. דער דאָזיקער קעגן-חרם איז איבערגעלייענט געוואָרן אום שבת אין שול מיט אַ פײַערלעכער צערעמאָניע. די פּראָטעסטאַנטן האָבן מיט אַ כּיוון אָנגעשטעלט אין דער שפּיץ פון זייער מעלדונג דעם נאָמען פונעם רמבם, בכדי צו ווײַזן דעם פאָלק, אַז די מחלוקת פון די אָבסקוראַנטן איז געווענדט אויך קעגן אָט דעם גדול בישראל, וואָס דירעקט פאַרמשפטן אים האָבן די אָרטאָדאָקסן זיך ניט דערוועגט. דער דאָזיקער טאַקטישער גאַנג האָט טאַקע געפועלט, און אַ סך זײַנען צוגעשטאַנען צו דעם קעגן-חרם.

---

1 דער ח"ם איז אָפּגעדרוקט אין גאַנצן אין די שאלות-ותשובֿות פון רשב"א (סי' תט"ו און תי"ז) מיט די חתימות פון דעם רשב"א און נאָך 36 חשובֿים פון באַרצעלאָנע, דער כּתבֿ אָבער (אין „מנחת קנאות" סי' פא) האָט נאָר 12 חתימות צוזאַמען מיט רשב"אס חתימה.

www.libtool.com.cn

מען האָט נאָך געמאַכט אַ פּרוּוו אַרײַנצוציִען די קריסטלעכע מאַכט אין דעם קאַמף פֿון די צדדים. השפּעהדיקע מענטשן פֿון דעם צד פֿון יעקבֿ אבן תּיבון, וואָס זײַנען געשטאַנען גוט מיטן מושל פֿון דער שטאָט מאָנפּעליע, האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי העלפֿן דורכפֿירן די דרײַ פּונקטן פֿון זייער קעגן־חרם, נאָר ער האָט זיי געענטפֿערט, אַז בנוגע די ערשטע צוויי פּונקטן, וואָס זײַנען שייך צו אַן אינעווייניקסטער רעליגיעזער מחלוקת, קאָן ער זיך ניט מישן, ער קאָן העלפֿן דורכפֿירן נאָר דעם דריטן פּונקט, וואָס איז געווענדט קעגן איסור אויף וועלטלעכער בילדונג. נאָר קיין ידיעות וועגן דעם, אַז די מאַכט זאָל זיך האָבן אַרײַנגעמישט אין דעם קאַמף פֿון די פּאַרטייען, זײַנען ניטאָ.

אויף צו פֿאַרטיידיקן די גערודפֿטע וויסנשאַפֿט זײַנען אַרויסגעטראָטן אַ סך באַוווּסטע שרײַבערס, וואָס זײַנען אויך פֿערזענלעך געווען אָנגערירט דורכן באַרצעלאָנער חרם. דער באַוווּסטער תּלמודיסט רבי מ נ ח ם מ א י ר י פֿון פּערפּיניאַן, דער מחבר פֿון אַ היסטאָריש־קריטישן פּירוש אויפֿן תּלמוד („בית הבחירה"), וואָס איז געשריבן געוואָרן לויט דעם רמבמס שיטה, האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דעם באַרצעלאָנער חרם מיט אַ פּראָטעסט־בריוו צו אבא מארי. ער האָט געטאַדלט די אומגעלומפּערטע טאַקטיק צו אַסרן די בעסטע ווערק פֿון דעם מענטשלעכן גײַסט נאָר דערפֿאַר, וואָס אַ ניט־צײַטיקער פֿאַרשטאַנד קאָן אויף זיי געשטרויכלט ווערן. „צי איז דער פּרדס [גאָרטן פֿון חכמה] — פֿרעגט ער — פֿאַרשלאָסן געוואָרן, נאָך דעם ווי אלישע בן אבויה [אחר] איז פֿון אים אַרויסגעגאַנגען מיט נטיות צו צעשטערונג?"

מיט אַ הייסן פּראָטעסט איז אַרויסגעטראָטן אויך דער יונגער טאַלענטירטער שרײַבער י ד ע י ה ב ד ר ש י (פֿון בעזיער, אַן ערך 1280–1340), וואָס פֿאַר זײַן פֿײַנער העברעיִשער מליצה האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען „הפניני" (דער פּערלער). אַן אָנהענגער פֿון אַבֿרהם אבן עזרא און פֿון רמבם האָט ער זיך פֿאַרנומען דער עיקר מיט עטישע פֿראַגעס. ער האָט זײַן נאָמען פֿאַראייביקט מיטן פּאָפּולערן ספֿר „בחינת עולם", וואָס אין אים זײַנען טיפֿע מאָראַלישע און פֿילאָסאָפֿישע חקירות פֿירגעבראַכט אין נוסח פֿון „קהלת". אַז ידעיה האָט זיך דערוווּסט, אַז די רבנים אין באַרצעלאָנע האָבן עפּנטלעך אַרײַנגעלייגט אין חרם וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע, האָט ער אַרײַנגעשיקט צום רשבא אַ בריוו פֿול מיט איידעלן צאָרן (1306). ער איז אויפֿגעבראַכט, שרײַבט ער, ניט איבער דעם בזיון וואָס איז אָנגעטאָן געוואָרן דער וויסנשאַפֿט, זי איז באַוואָרנט, נאָר איבער דער באַשולדיקונג פֿון אַפּיקורסות וואָס איז געוואָרפֿן געוואָרן קעגן די תּלמידי־חכמים פֿון פּראָוואַנס אָן שום יסוד. וויסנשאַפֿט און פֿרײַע פֿאָרשונג האָבן געקראָגן בירגעררעכט אין ייִדישן פֿאָלק נאָך זינט די צײַטן פֿון רב סעדיה גאון און זײַנען פֿאַרהייליקט דורכן נאָמען פֿון דעם גרויסן רמבם, וואָס פֿאַר זײַן אָנדענק מוזן אַלע זיך בייגן. די פֿילאָ־

www.libtool.com.cn

סאָפֿיע האָט שטאַרק געהאָלפֿן דער יהדות: זי האָט אָפּגערייניקט די פֿאָרשטעלונג פֿון גאָט פֿון יעדער גשמיות, האָט פֿאַרפֿעסטיקט די אידעע פֿון בחירה חפשית און פֿון דער מאָראַלישער אַחריות פֿון דעם מענטשן. רעליגיע וואָלט אָן פֿילאָסאָפֿישער און וויסנשאַפֿטלעכער באַלייַכטונג דעגענערירט געוואָרן צו אַ גראָבן אָבערגלויבן. צום סוף זאָגט ידעיה, אַז עס וועט זיך ניט אײַנגעבן אָפּצושאַפֿן די פֿרײַע וויסנשאַפֿט.

עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז די מחלוקת צווישן די אָנהענגער און געגענער פֿון פֿרײַען געדאַנק זאָל זיך נאָך מער אויסברייטערן, אָבער אין יענער צײַט האָט אויסגעבראָכן איבער די פֿראַנצייזישע ייִדן אַ צרה, וואָס האָט זיי געצווונגען צו פֿאַרגעסן אַלע מחלוקתן: פּונקט אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם ווי עס זײַנען אויסגערופֿן געוואָרן דער חרם און דער קעגן-חרם אין באַרצעלאָנע און אין מאָנפּעליע, האָט פֿיליפּ דער שיינער פֿאַרטריבן ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך. ווי באַוווּסט, האָבן אויך געליטן די ייִדישע קהילות פֿון לאַנגעדאָק און פּראָוואַנס, חוץ יענע וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער דער ממשלה פֿון דעם קיניג פֿון אַראַגאָניע כיימע II. נאַרבאָנע, בעזיער, לונעל און אַנדערע ייִדישע צענטערס זײַנען חרובֿ געוואָרן. דאָס זעלביקע איז געשען אויך מיט דער קהילה פֿון מאָנפּעליע, ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער הויפּטקאַמף: די שטאָט, ווי עס איז אָנגעוויזן אויבן (§ 13), איז ווידער אַרונטער אונטער דער ממשלה פֿון דעם קיניג פֿון פֿראַנקרײַך. אָט וואָס עס דערציילט וועגן זײַנע צרות דער אויפֿטוער פֿון דער מחלוקת אבא מארי:

„אין יאָר ה׳ ס״ו (1306) האָבן אונדזערע זינד גורם געווען, אַז עס איז אַרויס אַ גזרה פֿון דעם קיניג פֿון פֿראַנקרײַך, אַז מען זאָל בײַ אַלע ייִדן אָפּנעמען זייער אייגנס, אַרויסוואַרפֿן זיי פֿון זייערע הײַזער און פֿאַרטרײַבן פֿון קיניגרײַך. אַלעמען האָט מען אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה, יונג און אַלט, ווײַבער און קינדער, און דערנאָך 16 טעג אין אָבֿ האָט מען זיי פֿאַרטריבן פֿון לאַנד. די ייִדן פֿון דער שטאָט מאָנפּעליע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן אין חודש מרחשון פֿון 6טן יאָר (אָקטאָבער 1306). אַ טייל זײַנען אַוועק קיין פּערפּיניאַן, זיכער, אַז עס וועט זיי העלפֿן דער מלך פֿון מאַיאָרקע, וואָס וועט זיי לאָזן וווינען און זוכן זיך חיונה, און אַ טייל האָבן אַרומגעוואָגלט איבער פּראָוואַנס, מיט בטחון אויף גאָטס הילף. איך האָב זיך צו ערשט באַזעצט אין דער שטאָט אַרל, שפּעטער בין איך פֿון דאָרט אַוועקגעפֿאָרן און זיך אַריבערגעקליבן קיין פּערפּיניאַן, ווו איך בין אָנגעקומען ראש-חודש שבֿט, אין זעקסטן חודש נאָך אונדזער גירוש“.

אַזוי אַרום האָבן אַ היפּשער טייל פֿון די פֿאַרטריבענע פֿון מאָנפּעליע געפֿונען אַ מקום-מקלט אין פּערפּיניאַן, וואָס איז געבליבן אונטער דער ממשלה פֿון דעם „מלך פֿון מאַיאָרקע“, ד״ה פֿון אַראַגאָניע. אבא מארי דער-

ציילט, אַז די פֿרײַדענקער זאָלן פֿלומרשט האָבן אויך אין דעם נײַעם אָרט גערודפֿט אים און די מענטשן פֿון זײַן צד, וואָס האָבן געזוכט אַ מקום-מקלט: זיי האָבן געפּרוּווט אײַנרעדן דעם קיניגס באַאַמטע, זיי זאָלן זיי ניט לאָזן זיך באַזעצן אין שטאָט, נאָר די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער קהילה האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זיי. די צרת-הכּלל האָט די ערשטע צײַט ניט באַוויזן צו מאַכן שלום צווישן די צדדים, נאָר אין משך פֿון דער צײַט איז די מחלוקת פֿאָרט אײַנגעשטילט געוואָרן. דער אײַנבראָך פֿון דעם פֿראַנצייזישן צענטער האָט באַטויבט אַלעמען. אין 1315, ווען די פֿאַרטריבענע האָבן ווידער געמעגט זיך אומקערן אין זייערע אַלטע היימען, איז שוין דער קולטורקאַמף זיי ניט אײַנגעגאַנגען: זיי האָבן זיך געמוזט שטעלן אין קאַמף פֿאַרן עלעמענטאַרן קיום, אַ קאַמף וואָס האָט זיך געצויגן ביזן סוף פֿון דעם 14טן אומגליקס-יאָרהונדערט.

## § 18. מיסטישע טעאָסאָפֿיע, מקובלים און משיח-זוכערס

אויב די רבנות האָט נאָך אַ הונדערטיאָריקן קאַמף אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דער אויפֿקלערונג, האָט איר אין דעם ניט ווינציק צוגעהאָלפֿן די מיסטישע ריכטונג, וואָס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט צווישן די שפּאַנישע און פּראָווענסאַלישע ייִדן אין 13טן י"ה. דער ראַציאָנאַליזם פֿון דעם רמבם און פֿון זײַנע מער עקסטרעמע אָנהענגער האָט ניט געקאָנט באַפֿרידיקן דעם רעליגיעזן געוויסן פֿון גלייביקע מענטשן, וואָס האָבן אין יענער פֿינצטערער תּקופֿה געזוכט אין דער יהדות שפּײַז פֿאַרן האַרץ, ניט פֿאַרן פֿאַרשטאַנד, גע-וואָלט אין איר געפֿינען פֿאַרגעסנקייט, און ניט וויסיקייט. מיסטיש געשטימטע מענטשן האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער „תּורה פֿון דעם שׂכל הישר" פֿון די פֿילאָסאָפֿן, וואָס האָט אַראָפּגענומען פֿון דער רעליגיע איר סודותדיקן שלייער און געגעבן אַבסטראַקטע אידעען אָנשטאָט לעבעדיקע בילדער פֿון דער פֿאַנטאַזיע. פֿון דער אַנדער זײַט האָט זיי אויך ניט געקאָנט באַפֿרידיקן יענע פֿאָרמאַלע לומדות, יענע פּילפּולים און חקירות אין קליינע פּרטים און דקדוקים פֿון מצוות, וואָס דערמיט האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַזאַ התמדה די תּלמוד-לערנערס. די טעאָלאָגישע זוכערישקייט, אויפֿגעוועקט דורך דער פֿילאָסאָפֿיע, האָט געשטופּט אַזעלכע גײַסטער ווײַטער, אין דעם געביט פֿון יענעוועלטיקייט, וואָס מען קאָן זי משׂיג זײַן נאָר דורך אינטויציע. דער שׂכל, ניט בכּוח אַרײַנצודרינגען אין די סודות פֿון דער יצירה, האָט געמוזט רופֿן צו הילף די קאַפּריזע פֿאַנטאַזיע, דעם אָרט פֿון טעאָלאָגיע האָט פֿאַרנומען טעאָסאָפֿיע. אָנשטאָט צו זוכן דערקלערונג פֿאַר די העכסטע דאָגמעס און טראַדיציעס פֿון דער יהדות אין דער נאַטור-וויסנשאַפֿט און מעטאַפֿיזיק פֿון

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַריסטאָטעלעסן, האָט מען זי גענומען זוכן אין די נאַציאָנאַלע מקורים, אין די פֿלאָנטערנישן פֿון דער תּלמודישער אַגדה און מדרש, אין טונקעלע אַפּאָ-קריפֿן און אַפּאָקאַליפּסן. אַ סך האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר אָט דער „חכמה נסתּרה" ווי אַ קעגנוואָג קעגן ראַציאָנאַליזם, און מיסטיציזם איז געוואָרן דער געטרײַער באַלייטער און מיטקעמפֿער פֿון דער רבנישער אָרטאָדאָקסיע.[1]

אַזוי האָט אין 13טן י"ה זיך פֿאַרשפּרייט אין שפּאַניע און פּראַנקרײַך די בסודיקע, עסאָטערישע תּורה, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען קבלה, אַ תּורה וואָס ווערט „איבערגעגעבן" בסוד צו די וואָס האָבן אַ באַזונדער זכיה. פּונקט ווי די תּורה שבעל-פּה פֿון פֿאַר צײַטן, וואָס איז שפּעטער קריסטאַליזירט געוואָרן אין דעם תּלמוד, אַזוי האָט אויך אָט די נײַע מיסטישע תּורה זיך אָנגעקניפּט אָן תּנך ווי דעם ערשטן מקור פֿון ייִדישקייט. פּונקט ווי די בעלי-התּלמוד האָבן זיך געפֿלײַסט אַרויסצודרינגען זייערע דינים פֿון די פּסוקים פֿון דער תּורה, פֿאַררופֿנדיק זיך דערבײַ אויף אַ קבלה שבעל-פּה, אַזוי האָבן איצט די בעלי-קבלה אויסגעטײַטשט מיסטיש יעדן פּסוק פֿון תּנך, טענענדיק, אַז אין די ווערטער שטעקן סודות, וואָס נאָר אינעוווייניקסטע מענטשן זײַנען מסוגל זיי צו פֿאַרשטיין, און פֿאַררופֿנדיק זיך אויף עפּעס טראַדיציעס, וואָס גייען זיגט משה רבנוס צײַטן און זינט די צײַטן פֿון די תּנאים.

די קבלה פֿון 13טן י"ה האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער עיקר אויף פֿילאָנס פּרינציפּ פֿון עמאַנאַציע. גאָט איז „אין-סוף", אָן עצם אָן אַ גבֿול און שיעור, וואָס מען קאָן אים ניט משׂיג זײַן, האָט ניט קיין שום קאָנקרעטע אַטריבוטן און אַנטפּלעקט זיך נאָר דורך זײַנע שאַפֿונגען. אַזאַ אַבסטראַקטע קראַפֿט, וואָס איר פֿעלט יעטווידע גשמיותדיקייט, האָט ניט געקאָנט באַשאַפֿן די גשמיותדיקע וועלט אומפֿאַרמיטלט, און דעריבער שטייען צווישן דעם אין-סוף און דער גשמיותדיקער וועלט צען פֿאַרמיטלענדיקע שעפֿערישע כּוחות אָדער ספֿירות („ספֿירה" – איז טײַטש צאָל, אין זינען פֿון צאָל-כּוחות פֿון דער אַלטער טעאָריע פֿון דעם „ספֿר יצירה"; לויטן קלאַנג דערמאָנט עס אַריסטאָ-טעלעס' הימלישע „ספֿערעס", צום טייל האָט עס אויך דעם זעלביקן באַטײַט). פֿון גאָט איז צו ערשט אַרויס דורך עמאַנאַציע (אַצילות) אָדער אויסשטראַלונג די ערשטע ספֿירה, פֿון דער ערשטער ספֿירה די צווייטע, און אַזוי ווײַטער ביז דער צענטער. די דאָזיקע צען ספֿירות, וואָס זײַנען ענלעך צו גאָט לויט זייער מהות, אָבער ניט גלײַך צו אים, שטייען נעענטער צו דער

---

1 פּונקט ווי אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער סכאָלאַסטישער טעאָלאָגיע, אַזוי קאָן מען אויך אין דער טעאָסאָפֿיע אײַנשטעלן אַ פּאַראַלעל צווישן דעם ייִדישן און קריסטלעכן געדאַנק פֿון יענער צײַט. אין 13טן י"ה האָט זיך פּאַראַלעל מיטן דאָמיניקאַנישן אינטעלעקטואַליזם פֿון טאָמאַס פֿון אַקווינאָ אַנטוויקלט די פֿראַנציסקאַנישע מיסטיק פֿון באָנאַווענטורע.

www.libtool.com.cn

גשמיותדיקער וועלט. זיי האָבן דאָס באַשאַפן די וועלט און זיי רעגירן איבער איר, און דערביַי האָט איטלעכע איר התמנות. די סימבאָלישע נעמען פון די ספירות, אויסגעשטעלט לויט זייערע מדרגות, זיַינען אַזעלכע: כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות. די ערשטע דריַי ספירות (דער עולם האצילות) זיַינען די העכסטע גיַיסטיקע אָרדענונג פון דער וועלט: דער שׂכל, די נבואה אָדער גילוי-שכינה; די דריטע, פערטע און פינפטע זיַינען די מאָראַלישע אָרדענונג, די לעצטע פיר — די וועלט פון חומר. אַנט-קעגן אָט די דריַי גרופּעס שטייען דריַי מדרגות פון דעם באַשאַף: דאָס וואָס ווערט דערקענט, דאָס וואָס ווערט געפילט, דאָס מאַטעריעלע (מושׂכל, מורגש, מוטבע). דורך די ספירות קומט אונדזער אויפנעם דורך די חושים צו צו גאָט. ווען עס שטייט אין דער תורה: „גאָט האָט געזאָגט, גאָט האָט אַראָפּגעני-דערט", איז דאָס שייך ניט צום אֵין-סוף, וואָס אים קאָן מען לגמרי ניט תופס זיַין, נאָר צו די ספירות. דער סוד פון דער תפילה באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש ווירקט אויף דער אָדער יענער ספירה, און איטלעך וואָרט פון דער תפילה מאַכט אַ באַשטימטן רושם אין די אייבערשטע וועלטן. די תורה וועגן דער נשמה און וועגן יענער וועלט איז אין דער קבלה פאַר-בונדן מיט דער טעאָריע וועגן גילגול אָדער וואַנדערונג פון די נשמות. ווען דעם מענטשנס לעבן ענדיקט זיך, קומט יענע נשמה וואָס איז געבליבן ריין אויף דער וועלט אַרויף אומגעשטערט אין דער מלוכה פון די אייביקע גיַיסטער, אַזאַ נשמה אָבער וואָס איז געוואָרן פאַראומרייניקט דורך עבֵרות ווערט מגולגל אין גוף פון אַן אַנדער מענטשן, וואָס איז איצט געבאָרן געוואָרן, און פאַרבליַיבט אין אָט דער ערדישער שאָלעכץ, ביז זי וועט ניט קריגן כפרה אויף אירע עבֵרות און ניט אויסגעליַיטערט ווערן.

די דאָזיקע נעפּלדיקע טעאָסאָפיע האָט געמאַכט שלום צווישן דער אַבסטראַקטער דאָגמאַטיק פון יהדות מיט דער באַדערפעניש פון די גלייביקע אין הגשמה פון דער גאָטהייט. גיַיסטער, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויס „אויף יענער זיַיט פון וויסיקייט", האָבן געפונען אַ שטיצפּונקט אין דער דאָזיקער סיסטעם פון פאַרמיטלער-קרעפטן, וואָס פּאַסן זיך מער אַריַין אין דער פאַנ-טאַזיע. די קבלה האָט זיי אַנטפּלעקט די סודות פון דער וועלט דורך די רמזים, וואָס זי האָט געפונען אין די פּסוקים פון דער תורה.

די טעאָריעס פון דער קבלה האָבן זיך פאַרשפּרייט אין 13טן י"ה צווישן די שפּאַנישע און פּראָוואַנסאַלישע ייִדן פּאַראַלעל מיט דעם רמבמס אידעען. אין דער ציַיט, ווען אייניקע האָבן אויפגעקלערט זייער שׂכל דורך דער ניכטערער פילאָסאָפיע פון דעם „מורה נבוכים", האָבן אַנדערע זיך פאַר-טיפט אין דער טונקעלער פילאָסאָפיע פון די נייַע מקובלים. די ערשטע נעסט

www.libtool.com.cn

פֿון דער קבלה איז געווען די אַראַגאָנישע שטאָט גערָאָנאַ. דאָ האָט אין אָנהייב 13טן י"ה געלערנט די „תורת הסוד" אַ געוויסער רבי עזריאל (אָדער עזרא), וואָס וועגן זײַן לעבן זײַנען קיין שום פּרטים ניט באַוווּסט. פֿון די איבערגעבליבענע פֿראַגמענטן פֿון זײַן ספֿר וועגן די צען ספֿירות („עזרת אדני") איז צו זען, אַז ער האָט זיך מתווכח געווען מיט די „פֿילאָ־סאָפֿן", וואָס האָבן געהאַלטן נאָר פֿון אמתן וואָס קאָנען דערוויזן ווערן און האָבן אָפּגעלייקנט אַזעלכע איבערשׂכלדיקע באַגריפֿן ווי „אין־סוף" און ספֿירות. פֿון דעם דאָזיקן סודותדיקן רבי עזריאלן, איז מען משער, האָט איבערגענומען זײַנע אידעען פֿון קבלה דער רמבן, וואָס אין זײַן פּירוש אויף דער תּורה טרעפֿן זיך אָנצוהערענישן אויף די „סודות התּורה".

צו ערשט איז די קבלה פֿאַרשפּרייט געוואָרן נאָר בעל־פּה, ווי דאָס איז שטענדיק דער מנהג בײַ אַ שיטה וואָס ווערט געלערנט נאָר מיט אײַנ־געהייליקטע, נאָר אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 13טן י"ה שטעלן זיך די בעלי־קבלה אײַן אַרויסצוטראָגן זייערע אידעען אין דער ליטעראַטור.

איינער פֿון די ערשטע מקובלים־שרײַבערס איז געווען דער קאַסטילישער רב רבי טודרוס בן יוסף אַבולעפֿיא (געשט' אַרום 1289 אין טאָלעדאָ). פּונקט ווי זײַן אויבן דערמאָנטער פֿעטער רבי מאיר אַבולעפֿיא, איז ער אויך געווען אַ שאַרפֿער געגענער פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער פֿילאָסאָפֿיע. ער האָט ניט געקאָנט מוחל זײַן די ראַציאָנאַליסטן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן גע־שטרעבט צו באַנעמען דאָס געטלעכע מיט אַ מענטשלעכן שׂכל און אָפּצושאַצן די מצוות פֿון דער תּורה, צי זיי זײַנען פּראַקטיש נוציק; ער איז ניט געווען צופֿרידן מיט די פֿילאָסאָפֿן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט געגלייבט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן שדים. די אמתע חכמה האָט ער געפֿונען נאָר אין דער קבלה, וואָס אירע וואָרצלען ליגן אין דער תּלמודישער אַגדה. זײַן מיסטישע תּורה האָט רבי טודרוס אַבולעפֿיא פֿירגעבראַכט אין זייער אַ באַאַרבעטער פֿאָרם אין דעם ספֿר „אוצר הכּבוד", ווו עס זײַנען געבראַכט אייניקע ציטאַטעס, וואָס האָבן שפּעטער זיך באַוויזן אינעם „זוהר", און דאָס באַווײַזט, אַז דער מחבר האָט געהאַט אַ חלק אין צונויפֿשטעלן אָט דעם גרונדבוך פֿון דער קבלה.[1]

צווישן מעטאַפֿיזיק און מיסטיק איז געשטאַנען אַ בן־דור פֿון רבי טודרוסן רבי יצחק אבן לאַטיף (געשט' אַרום 1290), דער מחבר פֿון עטלעכע

---

1 ביז דער לעצטער צײַט האָט מען אָט דעם ר' טודרוס אַבולעפֿיא צונויפֿגעמישט מיט אַן אַנדער טודרוס אַבולעפֿיא (בן יהודה), וואָס איז געווען אַ פֿינאַנץ־באַאַמטער בײַם הויף פֿון די קאַסטילישע מלכים אַלפֿאָנס X און סאַנטשאָ IV און איז געווען פֿאַרמישט אין סאַנטשאָס אויפֿשטאַנד קעגן פֿאָטער (אויבן, § 9). נאָר די נײַסטע פֿאָרשונגען האָבן אויפֿגעקלערט, אַז דאָס זײַנען צוויי באַזונדערע מענטשן. ממילא איז קלאָר, אַז די גרויסע זאַמלונג שירים „גן המשלים והחידות", וואָס איז ניט לאַנג געפֿונען געוואָרן אין כּתב־יד, געהער דער פֿעדער ניט פֿון דעם מקובל, נאָר פֿון דעם פּאָליטיקער טודרוס בן יהודה. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

ווערק, וואָס די בעלי־קבלה האַלטן פֿון זיי שטאַרק („צורת העולם", „שער השמים" א"אַ). אבן לאַטיף וויקלט פֿונאַנדער די אידעע פֿון אַ מיסטישן פּאַנטעיִזם: „די אַבסאָלוטע רוחניות פֿון דעם בורא יתברך און זײַן פֿולע ידיעה זײַנען אונדז מחייבֿ צו פֿאַרשטיין, אַז ער געפֿינט זיך אין אַלץ און אַלץ געפֿינט זיך אין אים". ער באַווײַזט, ווי אַזוי די גאָטהייט אַנטפּלעקט זיך אין דער וועלט פֿון די גײַסטער און פֿון די אונטערשטע ספֿירות דורך געאָמעטרישע פֿיגורן. גאָט שטייט אַנטקעגן דער וועלט, ווי אַ פּינטל צו אַ ליניע אָדער ווי אַ ליניע צו אַ פֿלאַך. — נאָך אַ מקובל ר' יוסף גיקאַטילאַ (געשט' אַרום 1305) האָט מער באַנוצט דעם מעטאָד פֿון חשבון: אין זײַן ספֿר „גִנַת אגוז" פֿאַרנעמט ער זיך מיט צירופֿים (קאָמבינאַציעס פֿון אותיות) און חשבונות און פֿלײַסט זיך צו פֿאַרבינדן דאָס מיט דער טעאָריע פֿון די ספֿירות. ער האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט השבעות און האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ בעל־מופֿת.

די קבלה האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט טעאָרעטישע חקירות, זי האָט אַרויסגעבראַכט אויך באַגײַסטערטע בעלי־חלומות, וואָס האָבן געהאַט פּרעטענזיעס אויף נבֿואה אָדער משיחיות. אַזעלכער איז געווען אַבֿרהם אַבולעפֿיאַ פֿון סאַראַגאָסע (אַן ערך 1240—1291), וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ קורץ, אָבער אַ שטורעמדיק לעבן. יונגערהייט האָט ער אונטערגענומען אַן אויסטערלישע נסיעה, בכדי צו געפֿינען דעם לעגענדאַרישן טײַך סמבטיון און די פֿאַרלאָרענע עשׂרת השבֿטים; ער האָט באַזוכט איטאַליע, גריכנלאַנד און ארץ־ישׂראל. אין איטאַליע האָט ער זיך שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין שטודיום פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע און האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם „מורה נבֿוכים". געקומען צוריק קיין שפּאַניע, האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין דער קבלה. „31 יאָר אַלט, זײַענדיק אין באַרצעלאָנע — דערציילט אַבולעפֿיאַ — בין איך מיטן אייבערשטנס הילף אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון שלאָף און האָב גענומען לערנען דעם „ספֿר יצירה" מיט פּירושים. מײַן גײַסט האָט אָפּגעלעבט, גאָטס גײַסט האָט אָנגערירט מײַנע ליפּן, און איך האָב דערזען אַ סך וווּנדערלעכע זעונגען. און איך האָב געזען פֿאַנטאַסטישע און אויסטערלישע זאַכן, און מײַנע געדאַנקען האָבן זיך צעמישט, וואָרעם עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל מיר ווײַזן דעם ריכטיקן וועג, און אין משך פֿון 15 יאָר בין איך געווען געגליכן צו אַ בלינדן וואָס טאַפּט דעם וועג בײַ טאָג. אַ בייזער רוח האָט מיך געיאָגט, און איך האָב פֿאַרלאָרן דעם זינען פֿון דעם אַלעמען וואָס איך האָב געזען". אין אַזאַ עקזאַלטירטן צושטאַנד האָט אַבֿרהם אַבולעפֿיאַ געשאַפֿן זײַן טעאָריע פֿון דער קבלה, וואָס שיידט זיך אונטער פֿון דער טעאָריע פֿון די ספֿירות. ער האָט אויפֿגעפֿרישט די אידעע פֿון דעם „ספֿר יצירה" וועגן די 22 אותיות פֿון דעם אַלף־בית, וואָס מיט זייער הילף האָט גאָטס וואָרט באַשאַפֿן די וועלט. די מיסטיקער גלייבן, אַז די קאָמבינאַציעס פֿון די אותיות אין די

www.libtool.com.cn

פֿאַרשײדענע פֿאָרמולעס פֿון גאָטס נעמען („צירופֿי שמות") גיבן די מיגלעכקייט צו טון מופֿתים, און אַבולעפֿיא האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער קאָן טאַקע באַווײַזן מופֿתים. ער איז ווידער אַוועקגעפֿאָרן קיין איטאַליע און האָט דאָרט געוומען פֿאַרשפּרייטן זײַן טעאָריע בעל־פּה און בכתב. אין יענער צײַט איז בײַ אים פֿלוצים אויפֿגעקומען דער רעיון, אַז דורך דער קבלה קאָן מען פֿאַראייניקן ייִדישקייט מיט קריסטנטום. די קריסטלעכע דאָגמע פֿון דרײַ־אייניקייט האָט אויסגעוויזן צו זײַן נאָענט צו דער טעאָריע וועגן די צען ספֿירות: דאָרט איז גאָט אין דרײַ פּערזאָנען און דאָ גאָט אין צען פּערזאָנען. צו ערשט איז אָט די ענלעכקייט געווען קשה אַבולעפֿיאַן; ער איז אָנגעפֿאַלן אויף די בעלי־הספֿירות, וואָס „פֿאַרצענפֿאַכן די גאָטהייט, פּונקט ווי די קריסטן פֿאַרדרײַפֿאַכן אים", אָבער שפּעטער האָט ער אַליין אויסגענוצט די זעלביקע טעאָריע אויף צו פֿירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן קריסטן. אין יאָר 1280 איז דעם עקזאַלטירטן בעל־דמיון אײַנגעפֿאַלן אַן אומזיניקער רעיון: זיך שטעלן פֿאַרן פּויפּס ניקאָלאָוס III, אָנווײַזן אויף דער ענלעכקייט צווישן דער „ספֿיראָלאָגיע" מיט דער קריסטאָלאָגיע און געווינען אים פֿאַרן ייִדישן גלויבן. אַבולעפֿיא האָט פֿאַר דעם דאָזיקן פּרוּוו טײַער באַצאָלט: מען האָט אים אַרעסטירט אין סוריאַנאָ לעבן דעם פּויפּס' פּאַלאַץ, וואָס ער האָט זיך געוואָלט אַרײַנכאַפּן אַהין אָהן דעם וויסן פֿון דער וואַך. מען האָט אים אָפּגעפֿירט קיין רוים, אָפּגעהאַלטן אין תּפֿיסה 28 טעג און דערנאָך אַרויסגעלאָזט פֿרײַ. שפּעטער איז ער אַוועק קיין סיציליע, און דאָרט האָט ער זיך שוין אַרויסגעשטעלט ווי אַ משיח און האָט פֿאַרזיכערט, אַז גאָט האָט אים אַנטפּלעקט „דעם סוף פֿון גלות און דעם אָנהייב פֿון דער גאולה פֿון ישׂראל" (1284). די גאולה האָט, לויט זײַן נבֿיאות, באַדאַרפֿט זיך אָנהייבן אין יאָר 1290. עס האָבן זיך געפֿונען אין סיציליע לײַכטגלייביקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיט אַבולעפֿיאַס פֿאַנטאַזיעס. דעמאָלט האָבן די מער ניכטערע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה אין פּאַלערמאָ זיך געווענדט צום רשבֿאָ אין באַרצעלאָנע מיט דער בקשה, ער זאָל זיי לאָזן וויסן, ווער איז דאָס אַזוינס אָט דער ייִד וואָס גיט זיך אַרויס פֿאַר אַ נבֿיא. האָט דער רשבֿאָ געענטפֿערט, אַז ער קען אַבולעפֿיאַן פֿון לאַנג ווי אַ פֿאַנטאַזיאָר און אַ מיסטיפֿיקאַטאָר. האָט אַבולעפֿיא געמוזט פֿאַרלאָזן סיציליע און זיך באַזעצן ערגעץ לעבן מאַלטע. דאָ האָט ער געשריבן אַפּאָקאַליפּטישע זעונגען מיט משיחישע נבֿואות, וואָס זײַנען באַגרינדעט אויף צירופֿים פֿון אותיות און שמות („ספֿר האות", אָנגעשריבן אין יאָר 1288). ער באַקלאָגט זיך אויף די „חכמי ישׂראל, וואָס זאָגן: וואָס קומט אונדז אַרויס פֿון חשבונען גאָטס נעמען? מיר וועלן בעסער אויסחשבונען די צאָל פֿון אונדזערע אוצרות גאָלד און זילבער". ער פֿאַלט אָן אויף די רבנים, וואָס פֿאַרנעמען זיך נאָר מיט דער תּורה פֿון נגלה, און ניט מיט דער

www.libtool.com.cn

חכמת הנסתר. ווי האָט געענדיקט דער דאָזיקער בעל=דמיון, איז ניט באַוווסט. אַבֿרהם אַבולעפֿיא האָט אָנגעשריבן עטלעכע ספֿרים אין קבלה, וואָס די אַרויסגעגעבענע טיילן פֿון זיי האָבן אַ סך טיפֿע געדאַנקען צוזאַמען מיט פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונגען [1].

אונטער דער השפּעה פֿון דער מיסטישער פּראָפּאַגאַנדע זײַנען אין קאַסטיליע אַרויסגעטראָטן צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר נבֿיאים, וואָס קומען מבֿשׂר זײַן די גאולה: איינער אין דער געגנט פֿון סעגאָוויע, דער צווייטער אין דער שטאָט אַווילע (1295). וועגן דעם נבֿיא פֿון אַווילע האָט מען דערציילט, אַז ער האָט ניט געקענט ניט לייענען און ניט שרײַבן, נאָר אַ מלאך האָט אים אויסגעלערנט און מיט רוח=הקודש האָט ער אָנגעשריבן אַ ספֿר „פֿליאות חכמה“. אַ סך האָבן געגלייבט אין די נבֿואות פֿון אָט דעם עקזאַלטירטן מענטשן. די מער ניכטערע מיטגלידער פֿון דער קהילה האָבן זיך געווענדט צום רשבאָ מיט אַ שאלה, צי זאָל מען גלייבן די נבֿואות, און די תשובֿה איז געווען, אַז מען טאָר ניט געטרויען די כּלומרשטע בעלי=מופֿת וואָס נאַרן אָפּ דאָס פֿאָלק. נאָר דער המון אין אַווילע האָט ניט געוואָלט הערן די וואָרעניש: לײַכטגלייביקע מענטשן האָבן געפֿאַסט תעניתים, געטיילט צדקה און געוואַרט אויף נסים. אין אַ באַשטימטן טאָג האָבן אַלע זיך אָנגעטאָן אין ווײַסן און צונויפֿגעקליבן זיך אין שול, בכדי צו הערן דעם שופֿר של משיח. אַ צײַט לאַנג האָבן זיי געוואַרט, און האָבן פֿאַרשטייט זיך ניט דערוואַרט זיך, נאָר ווען זיי זײַנען אַרויס פֿון שול, האָבן זיי באַמערקט בײַ זיך אויף די קליידער אָנגעצייכנט צלמימלעך. דער דאָזיקער „מופֿת“ (עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז דאָס האָבן די געגנער פֿון דעם פֿאַלשן נבֿיא בשתיקה אונטערגעשטעלט) האָט אַלעמען אָנגעשראָקן. מחמת יאוש האָבן אייניקע זיך געשמדט, אַנדערע זײַנען אַראָפּ פֿון זינען. דער כּלומרשטער נבֿיא איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

## § 19. דער ספֿר הזוהר

סוף 13טן און אָנהייב 14טן י"ה זײַנען אין די קרײַזן פֿון די שפּאַנישע מקובלים אַרומגעגאַנגען אָפּשריפֿטן פֿון אַ סודותדיקן פּירוש אויף חומש, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „זוהר“ („גלאַנץ“). דער ספֿר האָט געהאַט די פֿאָרם פֿון אַ מדרש=אַגדה און האָט אַנטהאַלטן דרשות און שמועסן פֿון רבי שמעון

1 דער נאָמען און צום טייל דער אינהאַלט פֿון איינעם פֿון זײַנע ספֿרים — „שבֿע נתיבֿות התורה“ — דערמאָנען אָן דעם באַרימטן בוך פֿון דעם קריסטלעכן מיסטיקער באָנאַווענטורא De septem gradibus contemplationis, וואָס אַבולעפֿיא האָט אים אפֿשר געקענט. פֿון אַנדערע ווערק אַבולעפֿיאַס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין גאַנצן אָדער אין פֿראַגמענטן: „ספֿר האות“, „חיי העולם הבא“, „אמרי שפֿר“. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

בן יוחאי און אַנדערע תּנאים פֿון 2טן י"ה, נאָר פֿון געוויינטלעכע מדרשים האָט ער זיך אונטערגעשיידט דורך זײַן טיף מיסטישן אינהאַלט, דורך דעם וואָס די שמועסן זײַנען געווען געבראַכט אין דער פֿאָרם פֿון הימלישע זעונגען אָדער אַנטפּלעקונגען, וואָס רבי שמעון בן יוחאי זאָל האָבן געקראָגן, און אויך דורך דער שפּראַך: דער ספר איז געווען געשריבן ניט אין העברעיִש, נאָר אין אַרמיש. מען האָט דערציילט, אַז אָט די כּתבֿ־ידן זאָל האָבן געפֿונען דער רמבן אין ארץ־ישׂראל, וואָס ער האָט געהאַט אַריבערגעשיקט. און זיי אַריבערגעשיקט קיין שפּאַניע. צווישן פֿאָלק איז נאָך אַרומ־געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דעם סודותדיקן כּתבֿ־יד זאָל האָבן אָנגעשריבן רבי שמעון בן יוחאי אין יענע יאָרן, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער הייל אין גליל פֿאַר די רדיפֿות פֿון די רוימער, און אין משך פֿון יאָר־הונדערטער זײַנען די כּתבֿים געלעגן באַהאַלטן אין אַ פֿאַרבאָרגענעם אָרט, ביז מען האָט זיי געפֿונען און איבערגעשיקט קיין קאַסטיליע. פֿאַקטיש איז באַוווּסט נאָר דאָס, אַז אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה האָבן דער קאַסטי־לישער מקובל טודרוס אַבולעפֿיא און אַנדערע אויבן אָנגערופֿענע מקובלים אַרויסגעזאָגט אין זייערע חיבורים געדאַנקען, וואָס זײַנען ביז גאָר ענלעך צו יענע, וואָס זײַנען געפֿונען געוואָרן אין „זוהר", אַ מאָל אַפֿילו אַרויסגע־שטעלט אין די זעלביקע אויסדרוקן, נאָר אין העברעיִש און אָן אָנצורופֿן דעם מקור. מער פֿון אַלעמען האָט געשעפּט פֿון די דאָזיקע „בסודיקע כּתבֿים" דער קאַסטילישער מקובל רבי משה בן שם־טובֿ די ליאון (אַן ערך 1250—1305), וואָס אים איז באַשערט געווען צו מאַכן דעם „זוהר" פֿאַר דער הייליקער שריפֿט פֿון דער קבלה.

געבאָרן אין דער קאַסטילישער פּראָווינץ לעאָן, אַ קרובֿ פֿון דער משפּחה פֿון טודרוס אַבולעפֿיא, האָט רבי משה די ליאון זיך געמאַכט אַ פּרנסה פֿון פֿאַרשפּרייטן כּתבֿ־ידן פֿון קבלה־ספֿרים. ער האָט געוווינט אין פֿאַרשיידענע שטעט (גוואַדאַלאַכאַרע, וואַלאַדאָליד, אַווילע) און איז קענטיק געווען אָפּהענגיק פֿון רײַכע נדבֿנים, וואָס ער האָט זיי געהייליקט זײַנע חיבורים. און געשריבן און איבערגעשריבן האָט ער זייער אַ סך. צווישן די יאָרן 1287 און 1293 האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי ספֿרים, וואָס צוויי פֿון זיי האָט ער געהייליקט טודרוס אַבולעפֿיאַס זון יוסף. אין די דאָזיקע ספֿרים („ספֿר הרמון", „ספֿר המשקל", „משכּן העדות" א"אַ) ציטירט ר' משה די ליאון אָפֿט אומבאַקאַנטע מדרשים פֿון קבלה אין אַזאַ סודותדיקער פֿאָרם: „איך האָב געפֿונען אין איין מדרש", „אין אַ מדרש ירושלמי", „איך האָב געזען אין די סתרי תּורה", „איך וועל דיר אַנטפּלעקן אַ גרויסן סוד". צום גרעסטן טייל זײַנען אָט די ציטאַטעס שטיקער פֿון „זוהר" איבערגעגעבן אין העברעיִש. צווישן אַנדערע זאַכן ווערט דאָרט אַנטוויקלט די גרונט־אידעע פֿון דעם „זוהר",

www.libtool.com.cn

אַז די אמתן פֿון דער תּורה קאָנען ווערן אויפֿגעדעקט ניט אויפֿן וועג פֿון שׂכל, נאָר דורך אינטויִציע אָדער דער „פֿאַרבאָרגענער חכמה“ פֿון דער קבלה. צוליב וואָס, פֿרעגט דער מחבר, האָט דאָס דער אייבערשטער באַדאַרפֿט געבן די תּורה אויפֿן באַרג סיני מיט קולות וּברקים, מיט דונערן און בליצן, אויב די אַנטפּלעקטע תּורה לערנט דאָס זעלביקע, וואָס עס לערנט דער פֿילאָסאָף אַריסטו אָן שטורעמס און אָן קולות? ניין, די תּורה איז נאָר די אויסווייניקסטע שאָלעכץ פֿון דעם אייבערשטנס געדאַנק, דער קערן איז פֿאַרבאָרגן פֿון די אויגן פֿון דעם המון, און נאָר אויסדערוויילטע קאָנען צו אים דערגרייכן. עס איז ניט באַוווּסט, צי רבי משה די ליאון האָט טאַקע אַליין געגלייבט אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אָדער ער האָט נאָר געפּלייסט זיך איינצורעדן אַנדערע, אַז ער איז דערגאַנגען צו אָט דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם תּוך פֿון דער תּורה דורך די סודותדיקע כּתבֿים וואָס זיינען געקומען צו אים אין האַנט אַריין, — על־כּל־פּנים האָט ער זיי אויסגענוצט, ווי וויִט נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ער האָט אַ סך זאַכן פֿון די „אַלטע“ כּתבֿ־ידן אַריינגענומען אין זיינע אייגענע חיבורים, און האָט אָבער אויך זיינע אייגענע געדאַנקען אַריינגעשטעלט אין אָט די כּתבֿ־ידן, וואָס ער האָט זיי ניט בלויז געקאָפּירט, נייערט אויך גערעדאַקטירט. און אַזוי איז אַרויסגעקומען דער אַפּאָקריפֿישער קבלה־ספֿר „זוהר“, וואָס איז, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע ספֿרים פֿון דעם מין, געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער קאָלעקטיווער אַרבעט פֿון אומבאַוווּסטע מיסטיקער פֿון פֿריִערדיקע ציִטן און פֿון מקובלים פֿון 13טן י״ה, און רבי משה די ליאון האָט צום כּוף פֿון אָט דעם יאָרהונדערט זייערע אידעען צונויפֿגעקליבן אין דעם ספֿר.

אין דעם ספֿר הזוהר קאָן מען לחלוטין ניט דערקענען, אַז עס האָבן אין אים אַ חלק שפּעטערע מחברים, קיין שום זכר פֿון זיך האָבן זיי אין טעקסט ניט איבערגעלאָזט. ווי דער „ראָש המדברים“ אין דעם ספֿר טרעט אַרויס דער תּנא רבי שמעון בן יוחאי, און ער ווערט פֿירגעשטעלט אין דער ליכטיקער שיין פֿון אַ צווייטן משה רבנו, וואָס דער מלאך מטטרון איז אים מגלה אַלע סודות התּורה. „איך בין מעיד אין נאָמען פֿון די הויכע הימלען און פֿון דער הייליקער ערד, — איז פֿייערלעך מכריז ומודיע דער חוזה, — אַז איך זע איצט אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין בשׂר־ודם האָט ניט געהאַט די זכיה צו זען, זינט משה רבנו איז דאָס צווייטע מאָל אַרויף אויפֿן באַרג סיני“... („זוהר“ פּרשת „נשׂא“).

דער „זוהר“ באַשטייט פֿון עטלעכע ספֿרים, קענטיק אָנגעשריבן אין פֿאַרשיידענע ציִטן, און ערשט אין אַ שפּעטערדיקער רעדאַקציע זיינען זיי געוואָרן מעכאַניש פֿאַראייניקט. דער גרונדשיכט פֿון אָט דער גרויסער זאַמלונג באַשטייט פֿון דרשות אויף פּסוקים פֿון דער תּורה, אויסגעשטעלט אין דעם

www.libtool.com.cn

סדר פון די 52 סדרות פון יאָר, ווי מען לייענט זיי אין די שולן, אַזוי ווי דאָס איז אָנגענומען אין אַלע מדרשים אויף דער תורה. אין אָט דעם גרונד־טעקסט זײַנען אַרײַנגעשטעלט פראַגמענטן פון ספרים, וואָס טראָגן די סודות־דיקע טיטלען: „אידרא רבא" („גרויסע פאַרזאַמלונג"), „אידרא זוטא" („קליינע פאַרזאַמלונג"), „ספרא דצניעותא" („ספר פון פאַרבאָרגנקייט"), „מדרש הנעלם" („פאַרבאָרגענער מדרש"), „רעיא מהימנא" („געטרײַער פּאַסטעך") א"אַ. דער הויפּטגעדאַנק פון דעם „זוהר" שטימט מיט יענע סבֿרות, וואָס מען פלעגט אַרויסזאָגן קעגן דעם ראַציאָנאַליזם אין משך פון גאַנצן 13טן יאָרהונדערט, הײַנו אַז אין די מעשׂיות און מצוות פון דער תורה זײַנען פאַרבאָרגן די גרעסטע וועלט־סודות. „ווײ איז דעם מענטשן, – רופט אויס דער כּלומרשטער רבי שמעון בן יוחאי, – וואָס מיינט, אַז אין דער תורה שטייען פּשוטע מעשׂיות און שמועסן פון פּראָסטע מענטשן! צי קאָן דאָס געמאָלט זײַן, אַז גאָט זאָל ניט געפינען קיין הייליקע ווערטער פאַר זײַן תורה און זאָל מוזן אָנקלײַבן אַלע די דאָזיקע וואָכעדיקע מעשׂיות וועגן הגר און עשׂו, לבֿנען און יעקבֿן, בלעם און זײַן אייזעלין, בכדי צונויפצושטעלן פון זיי יענע תורה, וואָס הייסט די תורה פון אמת?... מענטשן וואָס פאַרשטייען קוקן ניט אויפן לבֿוש, נאָר אויפן גוף וואָס אונטערן לבֿוש, קליגערע קוקן אין דער נשמה אַרײַן, אין דעם [סודות־דיקן] זינען פון דער תורה, און אויף יענער וועלט וועלן זיי זען די נשמה פון דער נשמה, דאָס הייסט דעם עתיקא קדישא [דעם הייליקן אַלטן, גאָט] אַליין". [1] דאָ קומען זיך די מיסטיקער צונויף מיט די ראַציאָנאַליסטן אין דעם פּרינציפּ פון אַלעגאָריזם, מערניט אַרויסגייענדיק פון אַנדערע מאָטיוון: די ראַציאָנאַליסטן געפינען אין די הייליקע לעגענדעס מאָראַלישע סימבאָלן אויף צו פירן דאָס ערדישע לעבן, די מקובלים פאַרקערט געפינען אין זיי טעאָסאָפישע סימבאָלן און לייענען אַרויס צווישן די שורות פון דער תורה אַ גאַנצע הימלשע מעטאַפיזיק.

די טעאָסאָפיע פון דעם „זוהר" איז באַזירט אויף דער אויבן דערמאָנטער טעאָריע פון עמאַנאַציע אָדער ספירות. דאָ איז שוין אָנגעמערקט די שפּעטער אַנטוויקלטע טעאָריע וועגן דער גראַדאַציע פון די וועלטן: דער „עולם האצילות" („וועלט פון דער עמאַנאַציע"), „עולם הבריאה" („וועלט פון שאַפונג"), „עולם היצירה" („וועלט פון אויספורעמונג"), „עולם העשׂיה" („וועלט פון מאַכונג"). סודותדיקע פעדעמער ציִען זיך צווישן איין וועלט און די אַנדערע וועלטן, און די טועכצן פון מענטשן אויף דער אונטערשטער מדרגה פון דער „עשׂיה" רופן זיך אָפּ אויף דער אייבערשטער מדרגה פון דעם „עולם הבריאה". דעם מענטשנס נשמה געפינט זיך אונטער דער ווירקונג ניט נאָר פון די שעפּע־רישע כּוחות, פון די לויטערע געטלעכע ספירות: אונטער דעם קיניגרײַך

1 „זוהר", פּרשת „בהעלותך".

www.libtool.com.cn

פֿון אָט די ליכטיקע גײַסטער געפֿינט זיך דאָס פֿינצטערע קיניגרײַך פֿון די רוחות רעות, שדים און מזיקים, וואָס לאָקערן אויפֿן מענטשנס נשמה צו פֿאַרכאַפּן זי אין זייערע נעצן. דאָס ערשטע קיניגרײַך שטייט אַנטקעגן דעם צווייטן, דער „סיטרא אַחרא", ווי דער תּוך צו אַ שאָלעכץ, אַ „קליפּה". דאָס קיניגרײַך פֿון די ניט־גוטע האָט אויך זײַנע צען שטאַפּלען אָדער נעגאַטיווע ספֿירות, און פֿון זיי קומט גאָר די זינדיקייט אין דעם מענטשנס נשמה. איטלעכע עבֿרה ענטפֿערט איבער דעם מענטשן אין רשות פֿון די מזיקים, און איטלעכע מצווה פֿאַרבינדט אים מיט די ליכטיקע, שעפֿערישע כּוחות. און דאָס איז די עיקר כּוונה פֿון דער תּורה.

די מחברים פֿון „זוהר", וואָס איז אַ תּורה אַ פֿאַרבאָרגענע, האָבן אויס־געטײַטשט די התגלות פֿון אָט דעם ספֿר ווי אַן אָנזאָג אויף „משיחס צײַטן". דער ספֿר איז נתגלה געוואָרן אין מיטן פֿון ערשטן יאָרהונדערט פֿון דעם „אלף השישי", דעם זעקסטן יאָרטויזנט פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג, וואָס נאָך לויט דער אַלטער תּלמודישער לעגענדע דאַרף אין אים קומען משיח. אין „זוהר" זײַנען צעוואָרפֿן רמזים דערויף, אַז אין די קומענדיקע יאָרהונדערטער (פֿון 14טן ביזן 17טן) דאַרפֿן זיך אַנטפּלעקן די „אותות", די מופֿתים פֿון משיחס צײַטן: קיניגרײַכן און פֿעלקער וועלן אונטערגיין, די כּנסת־ישׂראל וועט קומען צו איר פֿריִערדיקער גדולה, עס וועט קומען דער קיבוץ־גליות אין ארץ־ישׂראל און דער נס פֿון תּחית־המתים.

אַזוי איז סוף דעם 13טן י"ה אַרויסגעשווומען פֿון עפּעס אַ סודותדיקן קוואַל דער דאָזיקער אויסטערלישער ספֿר, אַן אויסמישונג פֿון מעטאַפֿיזיק און מיסטישע היצרייד, וואָס איז געוואָרן שפּעטער דאָס הייליקע בוך פֿון די מקובלים. אַ סך האָבן געגלייבט, אַז ר' משה די ליאון האָט פֿאַרשפּרייט אָפּשריפֿטן פֿון אַן עכטן כּתבֿ־יד פֿון רבי שמעון בן יוחאי וואָס זאָל זײַן גע־פֿונען געוואָרן אין זײַן צײַט; אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט געשריבן אין נאָמען פֿון דעם אַלטן תּנא, ווײַל אין אים האָט געלעבט יענעמס נשמה („שם הכּותבֿ"), די דריטע ווידער האָבן חושד געווען, אַז דאָס איז פּשוט אַ פֿעלשונג. באַלד נאָך ר' משה די ליאונס טויט האָט מען געמאַכט אַ פּרווו אויסצופֿאָרשן, צי איז דער „זוהר" עכט. איינער אַ גבֿיר אין אַווילע האָט אָנגעבאָטן ר' משהס אַלמנה, וואָס האָט דאָרט געלעבט אין גרויס נויט, אַ גרויסע סומע געלט פֿאַרן אַלטן אָריגינאַל פֿון דעם „זוהר", וואָס פֿון אים האָט איר מאַן אָפּגעשריבן די קאָפּיעס, נאָר די יידינע האָט געענטפֿערט בתּמימות, אַז איר מאַן האָט קיין אַלטע כּתבֿ־ידן ניט איבערגעשריבן, נאָר האָט געשריבן אַלץ „פֿון קאָפּ". פֿון דער אַנדער זײַט האָט עדות געזאָגט דעם פֿאַרשטאָרבענעמס גוטער פֿרײַנד, ר' יוסף בן טודרוס אַבולעפֿיא, אַז ער האָט

www.libtool.com.cn

פֿאַרגלײַכט פֿאַרשײדענע אָפּשריפֿטן פֿון דעם „זוהר", וואָס ר' משה האָט געמאַכט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אַלע געשטימט.

די מחלוקת וועגן דעם, פֿון וואַנען עס איז געקומען אָט דער רעטענישדיקער ספֿר, האָט זיך געצויגן נאָך אין די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער, באַזונדערס נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגערופֿן אין ייִדנטום אַ שטאַרקע משיחיש-מיסטישע באַוועגונג. מען איז געווען מחולק דערין, צי איז טאַקע דער „זוהר" אויפֿגעקומען אין 2טן י"ה אין מוח פֿון דעם גליליער מתבודד, אָדער ער איז דאָס ווערק פֿון אַ מקובל, וואָס האָט געלעבט מיט עלף יאָרהונדערטער שפּעטער. די היסטאָרישע וויסנשאַפֿט שטעלט אַנדערש די פֿראַגע און פֿאַרענטפֿערט זי אַזוי, ווי מען איז זיך נוהג צו פֿאַרענטפֿערן אַלע פֿראַגעס אַזעלכע וועגן קאָלעקטיווע אַפּאָקריפֿן אין צונויפֿשטעלן דעם „זוהר" ווי אַ זאַמלונג פֿון אַ גאַנצן ציקל ווערק האָבן גענומען אַן אָנטייל גאָטזוכערס פֿון פֿאַרשײדענע דורות: מיסטיקער פֿון ארץ-ישׂראל און בבֿל פֿון דער תּקופֿה פֿון „ספֿר יצירה", שפּאַנישע און דײַטשע מקובלים פֿון 13טן י"ה און פֿון די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער אַזש ביזן מיטן 16טן י"ה, ווען דער „זוהר" איז צום ערשטן מאָל געוואָרן אָפּגעדרוקט אין איטאַליע. איטלעכער אָנטייל-נעמער האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן חלק אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך, צופּאַסנדיק זיך צו זײַן לכתחילהדיקן נוסח, אָבער באַשטימט דעם מהות און דעם כאַראַקטער פֿון דעם „זוהר" האָט די רעדאַקציע פֿון רבי משה די ליאון.[1] זינט יענער צײַט איז אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור אַרײַנגעקומען אַ ספֿר, וואָס אים איז געווען באַשערט צו דינען ווי אַ פֿאָן פֿאַר רעליגיעזע און משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויפֿגערודערט די ייִדישע וועלט פֿון דעם 16טן ביזן 18טן י"ה,

1 אין דער פֿראַגע, צי איז ר' משה די ליאון געווען דער מחבר צי נאָר דער צונויפֿזאַמלער און רעדאַקטאָר פֿון דעם „זוהר", זײַנען מיר נוטה אָנצונעמען די צווייטע מיינונג. דער אָריגינעלער און ערטערהײַז זייער שיינער אַפּאָקאַליפּטישער סטיל פֿון דעם „זוהר", ווען מען האָט דערצו נאָך אין זינען זײַן אַרמישע שפּראַך און אַלע געגנג פֿון די אַלטע מדרשים, זאָגט עדות דערויף, אַז דער הויפּטבאַשטאַנד פֿון דעם ספֿר געהער צו מזרח, און ניט צו מערבֿ. עס לייגט זיך גאַנץ גוט אויפֿן שׂכל, אַז דער רמבן, וואָס איז געווען אַ האַלבער מקובל, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ-ישׂראל אין יאָר 1268, האָט זיך גענומען אויפֿקלײַבן כּתבֿ-ידן פֿון אַלטע מדרשים און איבערשיקן זיי קיין שפּאַניע. דאָס זעלביקע האָט געקאָנט טון ר' אַבֿרהם אַבילעפֿיא בעת זײַנע וואַגלענישן איבער דער וועלט. די דאָזיקע פֿראַגמענטן זײַנען אַ שטיקל צײַט אַרומגעגאַנגען אין אָפּשריפֿטן אין די קרײַזן פֿון „אײַנגעהייליקטע", און שפּעטער האָט ר' משה די ליאון זיי צונויפֿגעקליבן און באַאַרבעט אין דער שפּראַך פֿון די אָריגינאַלן, אין אַרמיש, דערבײַ אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די טעקסטן אידעען פֿון דער נײַער קבלה. אַלע מאַטעריאַלן, וואָס גרעץ האָט צונויפֿגעקליבן אין דער הוספֿה XII פֿון 7טן באַנד פֿון זײַן „געשיכטע", זײַנען נאָך ניט גענוג אויף צו באַשולדיקן ר' משה די ליאון אין פֿעלשונג, זיי באַווײַזן נאָר, אַז ער האָט אָנגעווענדט אין דעם פֿאַל די געוויינטלעכע גענג פֿון דער פּסעוודאָעפּיגראַפֿיק. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל IV

# דײַטשע ייִדן אונטערן שוץ פֿון די קיסרים און פֿעאָדאַלן (XIII י״ה)

### § 20. „קאַמערקנעכט“ אין דער צײַט פֿון פֿרידריך II (ביזן יאָר 1250)

דער מצב פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד האָט זיך אונטערגעשיידט פֿון זייער מצב אין פֿראַנקרײַך אין דעם גראַד, ווי די דאָזיקע צוויי לענדער זײַנען געווען פֿאַרשיידן לויט זייער פּאָליטישער אָרדענונג. אין דײַטשלאַנד האָט דער ראָש פֿון דער מלוכה געטראָגן דעם טיטל „רוימיש־דײַטשער קיסר“, און אין דער צײַט פֿון די האָהענשטויפֿנס האָט ער טאַקע אויסגעשפּרייט זײַן ממשלה אויך איבער אַ גרויסן טייל פֿון איטאַליע. די קיסרים און די פּויפּסן, אַ מאָל אין הסכם מיט אַנאַנד און אַ מאָל אין מלחמה קעגן אַנאַנד, האָבן געשאַפֿן די אייראָפּעיִשע פּאָליטיק. דערפֿאַר האָבן די קיסרים ווינציק געלייגט אַכט אויף דער אינעווייניקסטער רעגירונג, וואָס איז אין דײַטשלאַנד געווען צעטיילט און צעבראָקלט צווישן די וועלטלעכע און גײַסטלעכע פֿעאָדאַלן און די שטאָטישע בירגערלעכע מאַכטאָרגאַנען.

בנוגע ייִדן האָבן די דײַטשע קיסרים נאָך ניט אַרויסגעוויזן ניט דעם קירכלעכן פֿאַנאַטיזם פֿון דעם פֿראַנצייזישן קיניג לודוויג דעם הייליקן און ניט דעם רויבערישן חשק פֿון פֿיליפּ דעם שיינעם. דער פּרינציפּ פֿון דעם קיניגלעכן שוץ איבער די ייִדן, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט נאָך די קרייצ־צוגן, איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן אין דײַטשלאַנד אַנדערש ווי אין פֿראַנקרײַך אָדער ענגלאַנד: דאָ האָט דער קיניג, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן אייגנס דעם ייִדנס פּערזאָן און זײַן האָב־און־גוטס, גראַב עקספּלואַטירט אָט דעם קנעכט פֿון האַנדל, און ווען ער האָט אים מער ניט באַדאַרפֿט, האָט ער אים אָן רחמנות אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד; אין דײַטשלאַנד האָבן ייִדן זיך אויך גערעכנט פֿאַר צוגעהעריק צו „דעם קיסרס קאַמער“, און אין 13טן י״ה איז דער שטאַנד „קנעכט פֿון דער אימפּעריע“ אָדער „קאַמערקנעכט“ (-Reichs knechte, servi camerae) געוואָרן לעגאַליזירט אין אָפֿיציעלע אַקטן, נאָר דאָ

האָט זי מער באַצייכנט דעם חובֿ פֿון דער העכסטער מאַכט צו באַשיצן ייִדן און האָבן השגחה, מען זאָל זיי ניט באַעוולען, איידער דאָס רעכט צו עקספּלו-אַטירן זייער אַרבעט. אין דער דײַטשער געזעלשאַפֿט פֿון יענער צײַט איז געווען פֿאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז דער עצם טיטל פֿון דעם רוימיש-דײַטשן קיסר לייגט אַרויף אויף זײַן טרעגער די היסטאָרישע מיסיע – צו זײַן דער שוצהאַר פֿון דעם פֿאָלק, וואָס די רוימישע אימפּעריע האָט דאָס פֿאַר צײַטן אונטערטעניק געמאַכט (באַנד I, § 37). אין דעם דעמאָלטיקן דײַטשן געזעצ-בוך Sachsenspiegel ווערט דער דאָזיקער רעיון דערקלערט דורך אַ היסטאָ-רישער מסורה: דער קיסר אַספּסיגוס זאָל האָבן צוגעזאָגט צו באַשיצן די ייִדן, נאָך דעם ווי יוסף פֿלאַוויוס האָט אויסגעהיילט פֿון אַ שווערער מחלה זײַן זון טיטוסן, דער באַצווינגער פֿון ירושלים. אין דעם Schwabenspiegel שטייט נאָך ווײַטער, אַז נאָכן אײַננעמען ירושלים האָט טיטוס גענומען געפֿאַנגענע אַ סך ייִדן און האָט זיי אָפּגעגעבן צוזאַמען מיט זייערע קינדסקינדער אין אייגנטום דעם רוימישן הויף, און זינט יענער צײַט זײַנען זיי געוואָרן קנעכט פֿון דער אימפּעריע (des Reiches Knechte)). דערפֿון איז געווען געדרונגען, אַז די דײַטשע קיסרים, וואָס האָבן אָפּגעירשנט זייער מאַכט דורך קאַרל דעם גרויסן פֿון די אַלטרוימישע קיסרים, זײַנען די געזעצלעכע בעלי-בתּים און שוצהאַרן פֿון אַלע ייִדן וואָס זײַנען צעזייט אין דער אימפּעריע.

און טאַקע, זינט די קרייצצוגן טוען די קיסרים אָפֿיציעל באַשיצן ייִדן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די קריסטלעכע מאַסן, פֿאַרזיכערן זייערע קנאַפּע רעכט און די אַליין-פֿאַרוואַלטונג פֿון זייערע קהילות און נעמען פֿאַר אָט דעם שוץ באַשטימטע אָפּצאָלן. היות ווי די קיסרים האָבן, איבער די אויבן דערמאָנטע סיבות, ניט געהאַט די מיגלעכקייט אַרײַנצודרינגען אין אַלע ענינים פֿון דער אינעווייניקסטער פֿאַרוואַלטונג, דעריבער האָבן זיי אין אַ סך ערטער איבער-געגעבן זייער „ייִדישע רעגאַליע" צו די פֿעאָדאַלן, דער עיקר צו די ביסקופּן פֿון יענע שטעט, ווו עס זײַנען געווען קאָנצענטרירט ייִדישע קהילות; אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט דער ביסקופּ דער מושל אָפּצאָלן דעם קיסר אַ באַשטימטע סומע געלט פֿאַר די שטײַערן וואָס האָבן געקומט פֿון דער געגעבענער קהילה אין אַ געוויסער צײַט, און ער פֿלעגט דערנאָך אויפֿמאָנען פֿון די ייִדן די דאָזיקע סומע מיט אַן עודף. אָפֿט מאָל פֿלעגט דער קיסר אָדער זײַן פֿאַר-טרעטער, ווען ער פֿלעגט נייטיק האָבן געלט צוליב דעקן קריגס-הוצאות, „פֿאַרזעצן פֿאַר אַ משכּון" אַ ייִדישע קהילה בײַם אָרטיקן ביסקופּ, דאָס הייסט, ער פֿלעגט אַנטלײַען בײַ אים געלט אונטער דער גאַראַנטיע פֿון די הכנסות פֿון דער קהילה, און ווען ער פֿלעגט אַ צײַט לאַנג ניט אויסלייזן דעם „משכּון", פֿלעגט דער פֿעאָדאַל דער קרעדיטאָר ווערן דער פֿולער בעל-הבית פֿון דער אָרטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג. אויף די זעלביקע תּנאים פֿלעגט ווערן

www.libtool.com.cn

איבערגעגעבנטפֿערט דער שוץ „איבער די ייִדן" (Judenschutz) צו די שטאָטישע מאַכטאָרגאַנען, די פֿאָרשטייער פֿון דער קריסטלעכער בירגערשאַפֿט, וואָס ווערט אַלץ מער אַ פּאָליטישער כּוח אין דײַטשלאַנד. צו די שטעט ווערט דער שוץ איבערגעגעבן אָדער דירעקט פֿון קיסר, אָדער פֿון דעם ביסקופּ פֿון דער געגעבענער דיאָצעזע. אין די אויטאָנאָמע פּראָווינצן איז דער גורל פֿון ייִדן געווען אָפּהענגיק פֿון די הערצאָגן, לאַנדגראַפֿן און מאַרקגראַפֿן, און דאָ פֿלעגט דער קיסר זיך אַרײַנמישן נאָר אין פֿאַלן פֿון גרויסע קאַטאַסטראָפֿעס, ווען מען האָט געדאַרפֿט באַשיצן ייִדן קעגן מאַסן=עקסצעסן.

אַזוי אַרום איז אין דײַטשלאַנד דער שוץ איבער די ייִדן געווען צעטיילט צווישן דער קיסרלעכער, דער פֿעאָדאַלער און דער שטאָטישער מאַכט, בעת ווען אין פֿראַנקרײַך האָט זיך שוין אָנגעהויבן די קאָנצענטרירונג פֿון דער מאַכט אין די הענט פֿון דעם קיניג. נאָר פֿון צו פֿיל שוץ איז דעם שוצלינג אונטער אַלע דרײַ שוצהאַרן ניט געווען וואָס מקנא צו זײַן. אַראָפּגעשטויסן אויפֿן דעק פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, האָבן ייִדן געקאָנט געניסן נאָר יענע רעכט, וואָס זײַנען געבליבן ווי אַ רעשט פֿון יענעם סכום רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס עס האָבן צוגענומען פֿאַר זיך די העכערע און מיטעלע קלאַסן פֿון דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. דאָס איז געווען גאָר אַ מאָגערע רעשט, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם רעכט זיך צו פֿאַרנעמען מיט האַנדל מחוץ דעם שוץ פֿון די סוחרישע גילדיעס און באַזונדערס מיט אַנטלײַען געלט. אַזאַ באַגרענעצטקייט פֿון פּרנסות, וואָס זײַנען נאָך געווען געענגט דורך אָפּגאָבן און אַקציזן, ווי דעם אָדער יענעם האַר האָט זיך געגלוסט, האָט פֿאַרמשפּט די ייִדן צו עקאָנאָמישן דלות. די שווערקייט פֿון דעם מצבֿ איז נאָך געווען גרעסער מחמת דעם, וואָס דעם ייִדנס לעבן און אייגנטום איז ניט געווען געשיצט קעגן נגישות און געוואַלד=מעשׂים, וואָס אין דײַטשלאַנד, להיפּך צו פֿראַנקרײַך, פֿלעגן זיי קומען ניט פֿון אויבן, נאָר פֿון אונטן. פּאָגראָמען אַרויסגערופֿן דורך רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם זײַנען אין דײַטשע שטעט געוואָרן מעשׂים בכל יום; פּראָצעסן וועגן עלילת=דם און בילבולים אין פֿאַרשוועכן קירכלעכע הייליקטימער האָבן גורם געווען צו מאַסנדיקע הריגות פֿון אומשולדיקע מענטשן. דער אָפֿיציעלער באַשיצער פֿון ייִדן, דער קיסר, פֿלעגט געוויינטלעך קומען צו הילף, ערשט נאָך דעם ווי די צרה איז שוין געשען, און ער האָט געקאָנט ווו ניט ווו באַשטראָפֿן די העצערס צום פּאָגראָם. די ביסקופֿן די פֿעאָדאַלן האָבן צוליב זייערע אינטערעסן אָפֿט מאָל אײַנגעצאַמט דעם פֿאַנאַטיזם פֿון זייערע צאָן=קדשים, אָבער זיי האָבן געמוזט זיך קערעווען און דרייען צווישן זייער פּערזענלעכן אינטערעס און דער קלעריקאַלער פּאָליטיק. ווינציקער פֿון אַלץ האָט מען געקאָנט זיך פֿאַרלאָזן אויף די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, די פֿאָרשטייערס פֿון דער קריסטלעכער בירגערשאַפֿט, וואָס האָט פֿײַנט געהאַט

www.libtool.com.cn

ייִדן ווי אירע האַנדל־קאָנקורענטן. און די צײַט איז געווען אַן אומרויִקע: חוץ אויסוויייניקסטע מלחמות, האָט דײַטשלאַנד געליטן דעמאָלט פֿון פֿעריאַ־דישע בירגערקריג אין די צײַטן צווישן איין קיסר און דעם אַנדערן. די דינאַסטישע רײַסערײַען נאָכן טויט פֿון איטלעכן קיסר, די מלחמה צווישן די שטויפֿנס און וועלפֿן וואָס האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען, דער קאַמף צווישן די פֿעאָדאַלע פֿירשטן – דאָס אַלץ האָט געשפּײַזט מהומות און אונטערגעהאַלטן דעם רעזשים פֿון פֿויסטרעכט, וואָס דעמאָלט זײַנען ייִדן געווען די קרבנות וואָס קיינער האָט זיך פֿאַר זיי ניט אָנגענומען.

מיט אַזעלכע מהומות האָט זיך אָנגעהויבן דער 13טער יאָרהונדערט. בעת דעם לאַנג דויערנדיקן קאַמף פֿאַר דער קיסרלעכער קרוין צווישן די שטויפֿנס און די וועלפֿן (1198–1212), וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער קריינונג פֿון פֿרידריך II האָהענשטויפֿן, איז דער שוץ איבער ייִדן אָפֿט מאָל אַריבערגעגאַנגען צו די ביסקופֿן, און די שׂררות פֿון דער קירך האָבן געמוזט פֿאַרטיידיקן די „אומגלייביקע" קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די צערייצטע קריסטלעכע מאַסן. אין יאָר 1207 האָבן די בירגערס פֿון האַלע אונטערגעצונדן דעם ייִדישן קוואַרטאַל און פֿאַרטריבן זײַנע אײַנוווינערס, נאָר דער אַרציביסקופּ אַלברעכט פֿון מאַגדעבורג האָט די בירגערס באַשטראָפֿט און אַרויפֿגעלייגט אויף זיי אַ קנס פֿון טויזנט מאַרק זילבער.

אַפֿילו נאָך דער באַרויִקונג פֿון לאַנד אונטער דעם קיסר פֿרידריך II (1212–1250) פֿלעגט די קיסרלעכע מאַכט אַלץ איבערענטפֿערן די ביסקופֿן דאָס שוצרעכט איבער ייִדישע קהילות. דער דאָזיקער באַרימטער קיסר, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַזוי פֿיל אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע סתירות – אַ פֿרײַ־דענקערישער ליבהאָבער פֿון דער אַראַביש־ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע און צײַטנווײַז אַ פֿאַנאַטיקער פֿון דער קירך, אַ הומאַניסט און אַ האַרטער דעספּאָט – איז ניט אַלע מאָל געווען געשטימט גלײַך צו ייִדן, אָבער בדרך כּלל האָט ער זיך געפֿלײַסט זיי צו באַשיצן ווי זײַנע „קאַמערקנעכט". אין יאָר 1216 האָט ער אַרויסגעגעבן „זײַנע געטרײַע ייִדן" (fidelibus nostris Judaeis) אין רעגנסבורג אַ כּתבֿ, וואָס דורך אים האָט ער באַשטעטיקט די פּריווילעגיע וואָס זיי האָבן געקראָגן פֿון פֿרידריך I און האָט זיי גאַראַנטירט פֿולע אומבאַרירלעכקייט פֿון פּערזאָן און אייגנס. און אין יאָר 1236, אין דער אַלגעמיינער כאַרטיע, וואָס פֿרידריך II האָט אַרויסגעגעבן פֿאַר אַלע ייִדן אין דײַטשלאַנד, רופֿט ער זיי שוין אָן „קנעכט פֿון אונדזער קאַמער" (servi camerae nostrae) און פֿאַרצייכנט דאָס מאָל, אַז זיי געהערן אומפֿאַרמיטלט צו דער קיסרלעכער „קאַמער" (omnibus judaeis ad cameram nostram immediate spectantibus). לויט אָט דער נײַער כאַרטיע ווערן גילטיק געמאַכט פֿאַר אַלע דײַטשע ייִדן יענע סטאַטוטן וואָס זײַנען אונטער פֿרידריך באַרבאַראָסאַ אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַר

www.libtool.com.cn

איינציקע קהילות (ב' I, § 37), אָבער אין איר איז שאַרפֿער פֿאָרמולירט דער פּרינציפּ פֿון דער ייִדישער אונטערטאַנשאַפֿט. אין דעם טיטל „קנעכט פֿון דער קאַמער" איז געווען אויסגעדריקט הן ביטול און פֿאַראַכטונג און הן געגנאָד און שוץ. ווי אַזוי האָט דער קיסר גופֿא אויסגעטײַטשט אָט דעם טיטל: צי אין דעם זינען, אַז ייִדן זײַנען זײַנע פּערזענלעכע קנעכט, אָדער אַז קנעכטשאַפֿט איז בכלל זייער גורל? אין פֿרידריך IIנס פּאָליטיק וואָס איז פֿול מיט סתּירות קאָן מען געפֿינען באַווײַזן סײַ פֿאַר דעם קוק און סײַ פֿאַר יענעם. אין יאָר 1237 האָט דער קיסר צוגענומען די שטאָט ווין בײַ דעם עסטרײַכישן הערצאָג פֿרידריך דעם קריגערישן. בכדי אָפּצודאַנקען די ווינער שטאָטלײַט פֿאַר זייער געטרײַשאַפֿט צו אים, האָט ער דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיי אַ פּריווילעגיע, וואָס לויט איר ווערט בײַ ייִדן אָפּגענומען דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען שטעלעס, ווו זיי האָבן די מיגלעכקייט צו „דריקן קריסטן". דערבײַ האָט דער קיסר אויסגעטײַטשט אָט דעם דעקרעט אין גאַנצן אין נוסח פֿון אינאָקענטיוס III: „וואָרעם זינט די עלטסטע צײַטן האָט די קירכלעכע (רוימישע) מאַכט, בכדי צו נעמען נקמה פֿאַר דעם פֿאַרברעך וואָס ייִדן האָבן אָפּגעטאָן (קעגן קריסטוסן), פֿאַרמשפּט זיי אויף אייביקער קנעכטשאַפֿט (perpetuam servitutem)". און אין אַ יאָר אַרום האָט פֿרידריך אַרויסגעגעבן די ווינער ייִדן אַ באַזונדער כּתבֿ, ווו ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער נעמט זיי אַרונטער אונטער זײַן קיסרלעכן שוץ, ווי „קנעכט פֿון אונדזער קאַמער".

די פֿלײַסעניש פֿון דעם צווייפּנימדיקן קיסר צו באַווײַזן מיט רייד זײַן געטרײַשאַפֿט צו די קאַנאָנען פֿון דער קירך האָבן ניט געהאָלפֿן אויסצובאַהאַלטן פֿון דעם שאַרפֿן אויג פֿון די היטערס פֿון דער קירך אין רוים, אַז אין דער אמתן היט מען אין דײַטשלאַנד שלעכט אָפּ די קאַנאָנען וועגן ייִדן און אַז עס זינדיקן אין דעם פּרט אויך אַ סך ביסקופּן. אין יאָר 1233 האָט דער פּויפּס גרעגאָר IX, וואָס האָט געשטיצט די אינקוויזיציע און אויפֿגעמונטערט צו פֿאַרברענען די ספֿרים פֿון תּלמוד אין פֿראַנקרײַך, אַרײַנגעשיקט צו דער דײַטשער גײַסטלעכקייט אַ בריוו פֿול מיט טענות, פֿאַר וואָס מען לאָזט ייִדן פֿרײַ לעבן אין לאַנד און מען פֿאָלגט ניט די באַשטימונגען פֿון די קירכן־קאָנצילן. דער פּויפּס פֿאַרצייכנט „מיט צער און בושה" אַזעלכע שרעקלעכע פֿאַקטן: דײַטשע ייִדן האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון און באַקערן זיי צו זייער גלויבן, און אייניקע פֿרײַע מענטשן „יודאַיִזירן" מיטן גוטן ווילן; „די לעסטערערס פֿון קריסטוסן" האָבן אַ מאָל מאַכט איבער קריסטן, ווײַל זיי פֿאַרנעמען עפֿנטלעכע אַמטן; קריסטלעכע אַמען און דינסטן דינען אין ייִדישע הײַזער, ווו עס ווערן אָפּגעטאָן זאַכן, וואָס מען קאָן וועגן זיי ניט ריידן „אָן עקל און שרעק"; אין אייניקע געגנטן פֿון דײַטשלאַנד שיידן ייִדן זיך ניט אונטער מיט זייער הלבשה פֿון קריסטן, און פֿון דעם קומט אַ מאָל אַרויס אַ ניט־געווינטשענע

www.libtool.com.cn

אויסמישונג. דער פויפס פארלאנגט פון דער גייסטלעכקייט פון אלע דיאצעזעס, אז זי זאל ניט דערלאזן, מען זאל אזוי מזלזל זיין די תקנות פון דער קירך, און בפרט זאל זי פארבאטן רעליגיעזע וויכוחים צווישן יידן און צווישן וועלטלעכע קריסטן, מחמת די נשמות פון פשוטע מענטשן קאנען ווערן פאר־כאפט אין די נעצן פון יידישקייט. אויף איינצוצאמען די יידן דארף מען זיך ווענדן נאך הילף צו דער וועלטלעכער מאכט (auxilio brachii saecularis), און די קריסטן וואס וועלן ניט פאלגן דארף מען באשטראפן מיט א „קירכ־לעכער צענזור".

די ארטיקע קירכלעכע סינאדן האבן נאכגעזאגט דעם פויפס. אין יאר 1227 האט א סינאד פון ביסקופן אין טריר פארבאטן קריסטן זיך מתוועך צו זיין מיט יידן, אננעמען פון זיי רפואות און דאקטערשע עצות, און אויך אפ־צוגעבן זייער געלט צו „קאווערטשינער" (caorsini – איטאליענישע וואכער־ניקעס) און יידן, כדי דורך זיי צו באקומען ריווח. אין דעם זעלביקן יאר, ווען עס האט זיך באוויזן גרעגאר IXטער שטרענגער בריוו צו דער גייסטלעכ־קייט, איז אפגעהאלטן געווארן א געגנט־סינאד אין מאינץ, וואס האט באַ־שטימט ארייַנצוליייגן אין חרם אלע קריסטן, וואס דינען ביי יידן. אלע די באשטימונגען זיינען, פארשטייט זיך, שלעכט אפגעהיט געווארן. יענע ביסקופן, וואס זיינען געווען דירעקט די שוצהארן פון יידישע קהילות, האבן זעלטן געפאלגט די באשטימונגען פון די קאנצילן, וואס האבן ניט געלוינט פאר ביידע צדדים.

קעגן אזעלכע לעגאלע גזרות האט מען געקענט פירן א קאמף. א סך געפערלעכער איז געווען די אומלעגאלע ארבעט פון פינצטערע כוחות, וואס האבן פארשפרייט אין פאלק די ווילדסטע זאבאבאנעס וועגן יידן. אין דער זעלביקער צייט האט פון עפעס אומבאוווסטע קוואלן (מן הסתם אין שייכות מיט דער גרינדונג פון דעם ארדן דאמיניקאנער און פון דעם Sanctum officium פון דער אינקוויזיציע) א פלייץ געטאן דער סם-המוות פון דער „עלילת-דם": אין פארשיידענע ערטער האבן זיך צעטראגן קלאנגען, אז יידן קוילען אוועק קריסטלעכע קינדער צוליב עפעס ריטועלע צוועקן. די קלאנגען פון די כלומרשטע הריגות האבן געבראכט צו אמתע טויטשטראפן פאר אומשולדיקע מענטשן. עס האט זיך אנגעהויבן א נייע שורה פון אומגעקומענע אויף קידוש-השם.

## § 21. בלוט-בילבולים און דער פראטעסט פון דעם פויפס

אין יאר 1235 זיינען אויפגעקומען אין פארשיידענע ערטער פון דייטש־לאנד, אזוי ווי מען וואלט זיך האבן לכתחילה צונויפגערעדט, באשולדיקונגען

קעגן ייִדן, אַז זיי טייטן קריסטלעכע קינדער.[1] אין צוויי שכנישע שטעט לאַודאַ און בישאָפסהיים (אין באַדן) האָט מען ביי אַזאַ פאַל באַשטראָפט מיט טויט די פאָרשטייער פון די ייִדישע קהילות. דער סוף פון אָט דעם יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערס פינצטערער טראַגעדיע. אין דער סביבה פון דער שטאָט פולדאַ האָט געוווינט די משפחה פון אַ מילנער. אין אָוונט פון ניטל, ווען דער מילנער מיט זיין ווייב זיינען אַוועק אין קירך, אין זיין הויז פאַרברענט געוואָרן און זיינע פינף קינדער זיינען אומגעקומען. אין שטאָט האָט זיך דעמאָלט אַרומגעטריבן אַ באַנדע קרייצלערס, וואָס צווישן זיי האָט זיך אפשר געפונען דער שולדיקער אין דעם פאַרברעך. נאָר דער פינצטערער המון האָט געווענדט די באַשולדיקונג קעגן די ייִדן: זיי דאַרפן האָבן קריסטלעך בלוט אויף צו היילן זייערע קרענק, ממילא האָבן זיי דאָס דערהרגעט דעם מילנערס קינדער און אונטערגעצונדן דאָס הויז, כדי צו פאַרווישן די שליאַדן; דערציילט האָט מען נאָך דערצו, אַז די מערדערס האָבן מיטגענומען דאָס בלוט אין לעדערנע זעקלעך. האָט מען געכאַפּט צוויי אוּן דרייסיק מענטשן פון דער אָרטיקער ייִדישער קהילה און אויסגעפּרעגט זיי אונטער עינויים; צוויי, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די יסורים, האָבן זיך מודה געווען אין אַ פאַרברעך וואָס זיי האָבן ניט געטאָן, און אין דריי טעג אַרום האָבן די צעווילדעוועטע קרייצלערס דערהרגעט אַלע 32 תפוסים מיט זייערע ווייבער און קינדער. קיסר פרידריך II האָט זיך געפונען דעמאָלט אין דער שטאָט האַגענוי. אַהין האָט מען געבראַכט צו אים די אויסגעגראָבענע גופים פון דעם מילנערס קינדער, בכדי צו ווייזן בחוש דעם פאַרברעך פון די ייִדן און צו באַרעכטיקן די רציחה וואָס מען האָט אָפּגעטאָן איבער זיי. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געוואָרן אומרויִק, קוקנדיק אויף די גופים פון די „פאַרפייניקטע קדושים", נאָר דער קיסר דער סקעפּטיקער, ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די טויטע גופים, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט רוגזא: „באַגראָבט זיי, ווייל זיי טויגן מיר אויף גאָרנישט".

1 א פאַרצייטיקע קריסטלעכע כראָניק דערציילט, אַז נאָך אין יאָר 1221 האָבן פּריזישע סוחרים און אָרטיקע קריסטן אין ערפורט דערהרגעט 26 ייִדן „מחמת אַ בונט וואָס איז אַרויסגעקומען" (orta seditione). פון פאַרשרייבונגען אין פּנקס און פון קינות קאָן מען דרינגען, אַז דער „בונט" איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּראָצעס וועגן אַן „עלילת-דם". דער מחבר פון איין קינה, שלמה בן אברהם, פּראָטעסטירט קעגן אָט דעם מיאוסן בילבול אין אַזעלכע מערקווירדיקע ווערטער: „זיי [די קריסטן] לייגן, ווען זיי זאָגן, אַז מיר עסן אַ מענטשן [אַ טויטן קריסט]. ניין, זיי עסן אונדז, פרעסן אונדזער פלייש און טרינקען אונדזער בלוט". נאָר צונויפשטימען אָט די צוויי מקורים האָט ביז איצט זיך נאָך ניט איינגעגעבן, און די ערפורטער קאַטאַסטראָפע בלייבט ניט אויפגעקלערט. זע די רעגעסטן פון אַראָניוס, נ' 413, און די קינות אין בערנפעלדס ספר הדמעות I, ז' 265 א"וו (זע ביבליאָגראַפיע).

www.libtool.com.cn

פון דעסט וועגן האָט ער געהייסן, אויף צו באַרויִקן די אויפגערעגטע געמיטער, אויסצופאָרשן די זאַך אין אַ באַזונדער קאָמיסיע פון וועלטלעכע און גייַסטלעכע שׂררות. פאַר דער קאָמיסיע איז געשטעלט געוואָרן די פּרינציפּיעלע פראַגע: וויפל אמת שטעקט אין דער איַינגלייבעניש פון פאָלק, אַז יִדן טייטן קריסטלעכע קינדער און באַנוצן זייער בלוט צוליב רעליגיעזע און אַנדערע צוועקן? אין דער קאָמיסיע זיַינען געווען חילוקי-דעות: טייל האָבן געהאַלטן, אַז די איַינגלייבעניש איז ריכטיק, אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז ניט. דעמאָלט האָט פרידריך געמאָלדן, אַז הגם ער פערזענלעך איז אויפן סמך פון די ביכער וואָס ער האָט איבערגעלייענט זיכער, אַז די יִדן זיַינען אומשולדיק, נאָר ער איז גרייט צו רופן צו דער זיצונג געשמדטע יִדן, וואָס וועלן דאָך ניט אויסבאַהאַלטן די שעדלעכע מידות און מנהגים פון זייער פריִערדיקן גלויבן וואָס זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן. האָט מען פון פאַרשיידענע געגנטן אַרויסגערופן משומדים וואָס זיַינען באַהאַוונט אין דער יִדישער ליטעראַטור, און זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער ליטעראַטור איז ניטאָ קיין איין אָנווייַז אויף באַנוצן מענטשיש בלוט, פאַרקערט לויט דער תורה און לויטן תלמוד איז פאַרבאָטן אַפילו פלייש מיט בלוט. ווען די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע — ביסקופן, מאָנאַכן, הערצאָגן און גראַפן — האָבן אויסגעהערט אָט די עדות, האָבן זיי אָנגענומען און געחתמעט אַזאַ החלטה: די יִדן פון פולדאַ אָנערקענען פאַר אומשולדיק אין דעם מאָרד פון דעם מילנערס קינדער און מעלדן פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז אַזאַ מין באַשולדיקונג איז אַ בילבול, און אַז מען טאָר ניט אויף דעם סמך לאָדן צום געריכט קיין איין יִדן אין דיַיטשלאַנד. דער קיסר האָט אָט די החלטה פון דער קאָמיסיע באַשטעטיקט אין אַ באַזונדער דעקרעט (יולי 1236), וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן צו דער אויבן דערמאָנטער גענעראַל-פּריווילעגיע פון די דיַיטשע יִדן, אַרויסגעגעבן אין דעם זעלביקן יאָר. וועגן דעם האָבן געבעטן די פאַרציטערטע יִדן, וואָס האָבן משמעות אָפּגעצאָלט פאַר דעם דאָזיקן חסד מיט אַ רייַכער גאָב, ווי זיי פלעגן אָפּצאָלן אַלע פּריווילעגיעס און שוצבריוו. די קירכלעכע כראָניסטן האָבן ניט פאַרמיטן אַרויסצוזאָגן די רשעותדיקע מיינונג, אַז אין דעם פולדער ענין „איז דעם קיסרס שטרענגקייט געמילדערט געוואָרן דורך דער גרויסער סומע געלט וואָס ער האָט געקראָגן פון יִדן".

נאָר פונקט ווי דעם קיסרס דעקרעט האָט ניט געקאָנט מחיה-מתים זיַין די דערהרגעטע פולדער יִדן, אַזוי האָט ער ניט געקאָנט אָפּשטעלן די פאַרשפּרייטונג פון דער ווילדער בלוטיקער לעגענדע, וואָס האָט געבראַכט אַלץ נייַע גזרות. פונקט ווי פריִער, ווו נאָר מען האָט געפונען דעם טויטן קערפּער פון אַ קריסט, האָט דער המון געהאַט אַן אויסרייד אָנצופאַלן אויף יִדן, מען האָט זיי געכאַפּט און געפּייַניקט, געהרגעט און באַרויבט. עס פלעגט אויך

www.libtool.com.cn

טרעפֿן ניט זעלטן, אַז מען האָט אונטערגעוואָרפֿן דעם גוף פֿון אַ דערהרגעטן קריסט אין אַ ייִדנס הויז, כּדי אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויפֿן בעל־הבית פֿון הויז אַ פֿרעמדנס שולד, און די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען פֿלעגן דאָס אויסנוצן אויף אויסצופּרעסן געלט בײַ דער איבערגעשראָקענער ייִדישער קהילה.

אויסגעפּײַניקט דורך די שטענדיקע פּחדים האָבן די דײַטשע ייִדן זיך געווענדט דורך דעפּוטאַטן צום פּויפּס איננאָקענטיוס IV מיט דער בקשה צו נעמען זיי אונטער זײַן שוץ און אויפֿצוקלערן די קריסטלעכע וועלט, ווי פֿאַלש עס איז די אָבערגלייבישע באַשולדיקונג, וואָס איז געווענדט קעגן זיי. דער פּויפּס, וואָס האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אין ליאָן, האָט די השתדלות פֿון די ייִדן אָנגענומען. דעם 5טן יולי 1247 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן און פֿונאַנדערגעשיקט צו די ביסקופּן און אַרציביסקופּן פֿון דײַטשלאַנד דעם פּויפּס׳ אַ בולע מיט אַזאַ מערקווערדיקן אינהאַלט:

„מיר האָבן געקראָגן די ביטערע קלאָג פֿון די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד דערויף, וואָס אייניקע קירכלעכע און וועלטלעכע שׂררות, און אויך אַנדערע איידעלע און מאַכטהאָבערישע פּערזאָנען אין אַנדערע שטעט און דיאָצעזעס טראַכטן אויס קעגן זיי רשעותדיקע באַשולדיקונגען, אויסקלערנדיק תּירוצים, בכדי צו רויבן און אומגערעכט צוצונעמען פֿאַר זיך זייער אייגנס. די דאָזיקע מענטשן פֿאַרגעסן, אַז פֿון די אַלטע שריפֿטן פֿון ייִדנטום זײַנען געדרונגען ראַיות פֿאַרן קריסטלעכן גלויבן. בעת ווען די הייליקע שריפֿט הייסט: „לא תרצח" און פֿאַרבאָט זיי אין יום־טובֿ פּסח אַפֿילו אָנצורירן דעם גוף פֿון אַ מת, שטעלט מען אַרויס קעגן ייִדן אַ פֿאַלשע באַשולדיקונג, אַז זיי זאָלן כּלומרשט עסן אין אָט דעם יום־טובֿ דאָס האַרץ פֿון אַ דערהרגעטן קינד. אויב מען געפֿינט אַ טויטן מענטשן, און מען ווייס ניט, ווער עס האָט אים דערהרגעט, וואַרפֿט מען אים אונטער מחמת רשעות ייִדן. דאָס אַלץ דינט פֿאַר אַן אויסרייד, בכדי זיי מיט רציחה צו רודפֿן. אָן משפּט און אויספֿאָרשונג, ניט אַרויסגעבראַכט קיין ראַיות קעגן די באַשולדיקטע, ניט געפּועלט, אַז זיי זאָלן זיך מודה זײַן, לסוף קעגן די חסדים און פּריווילעגיעס, וואָס דער אַפּאָסטאָלישער שטול האָט געגעבן ייִדן, נעמט מען אָפּ בײַ זיי דאָס אייגנס מיט רשעות און אומגערעכט, מען לאָזט זיי אויסגיין פֿון הונגער, וואַרפֿט זיי אַרײַן אין תּפֿיסה און מען פּײַניקט זיי מיט עינוייִם און פֿאַרמשפּט אויף אַ מיאוסן טויט. דער מצבֿ פֿון ייִדן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַזעלכע פֿירשטן, אַדלײַט און מאַכטהאָבערס איז אַ סך ערגער, ווי דער מצבֿ פֿון זייערע אָבֿות אין מצרים אונטער פּרעהס ממשלה. מחמת די דאָזיקע רדיפֿות זײַנען די אומגליקלעכע געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן יענע ערטער, ווו זייערע עלטערזיידעס האָבן געלעבט זינט קדמונים. היות ווי זיי האָבן מורא פֿאַר אַ לעצטגילטיקער פֿאַרלענדונג, ווענדן זיי זיך איצט נאָך שוץ צום אַפּאָסטאָ=

www.libtool.com.cn

לישן שטול. היות ווי מיר ווילן ניט, אַז מען זאָל אומגערעכט פּייניקן די ייִדן, וואָס אויף זייער תּשובֿה וואַרט נאָך דער באַרעמהאַרציקער גאָט, באַפֿעלן מיר אײַך, אַז איר זאָלט זיך באַגיין מיט זיי פֿרײַנדשאַפֿטלעך און גוטגינציק. ווען איר וועט הערן וועגן אַזעלכע אומגעזעצלעכע נגישות מצד פּרעלאַטן, אַדללײַט און שׂררות, זאָלט איר זיך סטאַרען אַרײַנצופֿירן די זאַך אין די גרענעצן פֿון געזעץ און דערלאָזט ניט, אַז מען זאָל די ייִדן אַזוי אָדער אַנדערש באַשווערן אומגערעכט".

אין דער דאָזיקער בולע פֿון אינאָקענטיוס IV האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג יענע מאוימדיקע מעשׂים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן מחמת דעם בלוט=בילבול אין דײַטשלאַנד און אין פֿראַנקרײַך (די בולע איז געשיקט געוואָרן אויך צו די פֿראַנצייזישע ביסקופֿן). דער פּויפּס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר ייִדן ניט בלויז אויס רחמנות, נאָר ווײַל ער האָט געגלייבט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט ווען עס איז נאָך ברענגען דער קירך דעם טריומף, דורך דעם וואָס עס וועט זיך באַקערן „צום אמתן וועג". נאָר ביז אָט די גליקלעכע שעה וועט קומען, מוז מען ייִדן איזאָלירן פֿון קריסטן, בכדי אָפּצוהיטן די קריסטן פֿון דער השפּעה פֿון ייִדישקייט. דער זעלביקער פּויפּס אינאָקענטיוס IV, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז אין דער שטאָט קאָנסטאַנץ און איר דיאָצעזע שיידן זיך ייִדן ניט אונטער פֿון קריסטן אין דעם שניט פֿון זייער הלבשה, האָט ער אָנגעזאָגט אין יאָר 1254 דעם אָרטיקן ביסקופּ, ער זאָל שטרענג אויפֿפּאַסן, אַז די ייִדן זאָלן טראָגן אויף זייערע בגדים דעם דערקען=צייכן (signum) לויט דער באַשטימונג פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל, בכדי עס זאָל ניט זײַן קיין פֿאַרקער צווישן ייִדן און קריסטן, בפֿרט ניט צווישן מאַנצביל און פֿרויען.

אין יאָר 1241 האָבן ייִדן אין עטלעכע שטעט איבערגעלעבט זייער אומרויִקע טעג איבער אַזאַ אומגעוויינטלעכער געשעעניש. די מזרחדיקע געביטן פֿון דײַטשלאַנד (דער געגנט פֿון ברעסלע) זײַנען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון די מאָנגאָלישע האָרדעס, וואָס האָבן דעמאָלט פֿאַרוויסט רוסלאַנד און אַ טייל פּוילן. צווישן פֿאָלק האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אַזיאַטישע שבֿטים וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין אייראָפּע זײַנען קרובֿים פֿון די ייִדן, און אַז די ייִדן האָבן זיי דאָס אַרויסגערופֿן קיין דײַטשלאַנד, בכדי מיט זייער הילף פּטור צו ווערן פֿון דער ממשלה פֿון די קריסטלעכע פֿעלקער. אַ קריסטלעכע כראָניק (מאַטיאַס פֿון פּאַריז) וויל האָבן, אַז מען זאָל כּלומרשט האָבן געכאַפּט ייִדישע סוחרים וואָס האָבן געפֿירט ווײַן בײַ איינער פֿון די צאָלקאַמערן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די פֿעסער האָבן זיי געפֿירט געווער באַשטימט פֿאַר די מאָנגאָלן.

www.libtool.com.cn

משמעות, אַז אָט די מעשׂיות וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען אין פֿאָלק האָבן געהאַט אַ שײַכות צו די משיחישע חלומות וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַרומגע־טראָגן צווישן די אייראָפּעיִשע ייִדן. אַ סך האָבן געגלייבט, אַז זינט דעם יאָר 1240, ווען עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דער 5טער יאָרטויזנט פֿון דער ייִדישער צײַט־רעכענונג און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער זעקסטער, דער אלף השׂשי, הייבט זיך אָן די צײַט פֿון דער גאולה, וואָרעם לויט דער תּלמודישער אַגדה דאַרף זיך דעמאָלט אָנהייבן „משיחס צײַט". דער אָנפֿאַל פֿון די אומבאַוווּסטע אַזיאַטישע שבֿטים, וואָס האָבן אײַנגענומען מזרח־אייראָפּע, האָט אײַנגעגעבן די ייִדן דעם גלויבן, אַז זיי וועלן אין גיכן קאָנען זיך פֿאַראייניקן מיט זייערע ברידער אין מזרח און באַפֿרײַען דאָס הייליקע לאַנד פֿון דעם קריסטלעך־מוסלימישן יאָך. אָט די פֿאַרשטיקטע יוירונג האָבן די קריסטן אויפֿגעכאַפּט, און אין איינער פֿון די דײַטשע כראָניקעס (Gesta Trevirorum) איז פֿאַרצייכנט „די גרויסע פֿרייד פֿון די ייִדן וואָס וואָרטן אויף זייער משיח און אויסלייזונג אין יאָר 1241 פֿון דער פֿאַרקער־פּערונג פֿון אונדזער האַר".

נאָר די ביטערעווירקלעכקייט האָט אָן רחמנות צעבראָכן די דאָזיקע לופֿטשלעסער. אין דעם זעלביקן יאָר האָט די ייִדישע קהילה פֿון דער אימפּעריע־שטאָט פֿראַנקפֿורט בײַם מאַין דערשפּירט, ווי אומבאַשיצט זי איז. עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ צופֿאַל (אַ ייִדישער בחור האָט זיך געוואָלט שמדן, און זײַנע עלטערן און גוטע פֿרײַנד האָבן אים דערין געשטערט), און עס איז אַרויסגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן קריסטן און ייִדן, וואָס איז אויפֿן צווייטן טאָג אַריבער אין אַ פּאָגראָם: די צעיושעטע קריסטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין ייִדישע הײַזער און האָבן אויסגעהרגעט ביז 180 מענטשן. ייִדן האָבן אין זייער יאוש אַליין אונטערגעצונדן זייערע הײַזער, און דאָס פֿײַער, וואָס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויף די שכנישע גאַסן, האָט אַראָפּגע־טראָגן אַ האַלבע שטאָט. אייניקע ייִדן, בפֿרט פֿרויען, האָבן זיך געראַטעוועט פֿון טויט דורך אָננעמען קריסטנטום.

בינתּים זײַנען די מאָנגאָלן אַוועק קיין אונגערן, די געריידערײַען וועגן דער ייִדישער בגידה זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן, און פֿרידריך II האָט גערופֿן די פֿראַנקפֿורטער בירגער צום משפּט, פֿאַר וואָס זיי האָבן געהרגעט זײַנע קאַמערקנעכט. היות ווי ער אַליין איז געווען פֿאַרנומען מיט די ענינים אין איטאַליע, דעריבער האָט ער אויפֿגעגעבן זײַן יונגן זון קאָנראַדן, דעם נאָמי־נאַלן מושל פֿון דײַטשלאַנד, אַז ער זאָל דורכפֿירן אַן אויספֿאָרשונג מכּוח די שולדיקע אין דעם פּאָגראָם. די אויספֿאָרשונג האָט געדויערט עטלעכע יאָר און האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס קאָנראַד האָט באַגנעדיקט אַלע באַשולדיקטע.

www.libtool.com.cn

עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז אין אָט די אַלע צוזאַמענשטויסן האָבן געשפּילט אַ ראָלע אויך עקאָנאָמישע מאָטיוון, נאָר אין דײַטשלאַנד פֿון 13טן י"ה איז די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ נאָך ניט געווען יענער הויפּט-רעגולאַטאָר פֿון די באַציִונגען צווישן דײַטשן און ייִדן, ווי דאָס איז געווען אין די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער. דער וווּקס פֿון די שטעט און פֿון דער בירגערשאַפֿט אין פֿעאָדאַלן דײַטשלאַנד איז געגאַנגען זייער פּאַוואָליע, און די קאָנקורענץ פֿון דעם ייִד דעם הענדלער האָט זיך נאָך ניט געשפּירט אַזוי שאַרף. די געשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס פֿון די בעל-מלאָכישע צעכן און האַנדל-גילדעס, וואָס זײַנען דעמאָלט אויפֿגעקומען, האָבן בהדרגה אָפּגעשטופּט די ייִדן אין דער בראַנזשע פֿון געלטהאַנדל, נאָר אויך דאָ האָבן די דײַטשע ייִדן ניט פֿונאַנדערגעשפּרייט זייערע קרעדיט-אָפּעראַציעס אַזוי ברייט, ווי זייערע רײַכע פֿאָלקסברידער אין פֿראַנקרײַך אָדער ענגלאַנד. זיי פֿלעגן געווײנטלעך אַנטלײַען געלט אויף משכּנות אויף קורצע טערמינען, און דאָס האָט פֿאַרקלענערט די ריזיקע פֿון דעם קרעדיטאָר און די גרייס פֿון די פּראָצענטן. די דאָזיקע גרייס איז געווען באַשטימט דורך די פֿאַראָרדענונגען פֿון די פֿעאָדאַלע און שטאָטישע מאַכטאָרגאַנען. אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון פֿאָרשטייער פֿון די שטעט אין מאַינץ (1255) האָט דערלויבט ייִדן קרעדיטאָרן צו נעמען ניט מער פֿון צוויי פֿעניג אויף אַ פֿונט (240 פֿעניג) אַ וואָך בײַ קורצטערמיניקע הלוואות, און בײַ אַ יאָריקער אויסרעכענונג האָט מען געמעגט נעמען ניט מער ווי 33 פּראָצענט. בײַ דעם דעמאָלטיקן יקרות פֿון קרעדיט האָט דאָס זיך גערעכנט פֿאַר אַ געמעסיקטן ריווח אויפֿן קרן, און שפּעטער האָבן די מאַכטאָרגאַנען אַליין געמוזט העכערן דעם פּראָצענט. בכל אופֿן הערט מען אין יענער תּקופֿה נאָך ניט וועגן גרויסע צוזאַמענשטויסן בײַ געלט-חשבונות אין דײַטשלאַנד. די הויפּט-סיבה פֿון דער מאַסן-באַוועגונג קעגן ייִדן איז דעמאָלט געווען דער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם אין פֿאַרבינדונג מיט דער פּאָליטישער מהומה, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ מסוכּנדיקער גרייס אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה.

## § 22. די מאַכט פֿון די פֿעאָדאַלן און בירגערשאַפֿט אין די יאָרן פֿון אינטעררעגנום (1250–1273)

די צײַט פֿון דעם גרויסן אינטעררעגנום (1250–1273) נאָכן טויט פֿון קיסר פֿרידריך II האָט ניט אַנדערש געמוזט זיך אָפּרופֿן אויפֿן גורל פֿון ייִדן. די אָפּשוואַכונג פֿון דער צענטראַלער מאַכט און די הערשאַפֿט פֿון דעם „פֿויסטרעכט" האָט אַוועקגעשטעלט די ייִדן אין אַ צושטאַנד פֿון פֿולער אָפּהענגיקייט פֿון די אָרטיקע פֿעאָדאַלע און שטאָטישע שׂררות, וואָס האָבן גערן

www.libtool.com.cn

גענומען אויף זיך דעם שוץ איבער דער באַפֿעלקערונג פֿאַר אַ רייכן געצאָלט.
אין אַ סך שטעט האָבן דער ביסקופּ און דער מאַגיסטראַט זיך אַרומגעקריגט
צווישן זיך, ווער פֿון זיי האָט דאָס רעכט פֿון דעם שוץ איבער די ייִדן.
דער קעלנער אַרציביסקופּ קאָנראַד האָט מיט כּל-המיטלען זיך געפּלייסט צוצו-
ציִען אין זײַן רעזידענץ ייִדישע אײַנוואַנדערער פֿון אַנדערע שטעט. נאָך
אין יאָר 1252 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר ייִדן וואָס ווינען
און ווילן זיך באַזעצן אין קעלן. פֿאַר אַ באַשטימטן אָפּגאָב (tributum servicium),
וואָס ווערט אײַנגעצאָלט צוויי מאָל אַ יאָר, אין יאָהאַני-טאָג און אין ניטל,
איז דער אַרציביסקופּ זיך מתחייב צו געבן ייִדן שוץ אין אַלע זאַכן. דער
ייִדישער קהילה האָט ער געגעבן דאָס רעכט פֿון אַליין-פֿאַרוואַלטונג, און נאָר
דאָס רעכט צו משפּטן אירע מיטגלידער פֿאַר קרימינעלע פֿאַרברעכן בלײַבט
בײַ אים. די קהילה קלײַבט פֿרײַ אויס איר אייגענעם „ייִדישן ביסקופּ"
(episcopus judaeorum, ד"ה אַ רבֿ), און דערפֿאַר טראָגט זי אַרײַן איטלעכס
מאָל פֿינף מאַרק אין דעם ביסקופּס קאַסע.

בײַם פֿאַרעפֿנטלעכן די דאָזיקע כאַרטיע האָט דער קעלנער אַרציביסקופּ
געבעטן די בירגערמײַסטערס און די מיטגלידער פֿון דעם אָרטיקן שטאָטישן
ראָט, אַז זיי זאָלן שטרענג אָפּהיטן די רעכט וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן
ייִדן, בכדי „צוצובינדן צו דער שטאָט די ייִדן וואָס ווינען דאָרט און צוצו-
ציִען אַהין איבערוואַנדערער פֿון אַנדערע מקומות". די קעלנער בירגער אָבער
זײַנען ניט מרוצה געוואָרן דערמיט, אַז דער אַרציביסקופּ זאָל איינער אַליין
געוועלטיקן איבער די ייִדן, און האָבן געפֿאָדערט אַ חלק אויף פֿאַר זיך. אין
יאָר 1258 האָט אָט דעם סיכסוך באַטראַכט אַ בוררים-געריכט, וואָס פֿאַר דעם
האָט דער אַרציביסקופּ אויפֿגעוויזן, אַז די בירגער האָבן ניט קיין רעכט זיך
אַרײַנצומישן אין זײַנע באַציִונגען צו ייִדן, וואָס ער האָט זיי געקראָגן ווי
אַ פֿעאָד פֿון דער אימפּעריע (tenet ipsos judaeos in feudo ab imperio). דאָס
געוו"יכט האָט געפּסקעט, אַז די ייִדן ווערן טאַקע צוגערעכנט „צו דער קאַמער
פֿון דעם אַרציביסקופּ", נאָר אין דער זעלביקער צײַט שטייען זיי אונטער דער
מאַכט פֿון דעם מאַגיסטראַט, און מחמת דעם דאַרפֿן די אָפּצאָלן פֿון די ייִדישע
הײַזער ווערן צעטיילט אויף גלײַכע חלקים צווישן ביידע מאַכטאָרגאַנען,
בתּנאי אַז עס זאָלן בלײַבן אָפּגעהיט די „פּריווילעגיעס" פֿון די באַשיצטע.

קאָנראַדס יורש, דער קעלנער אַרציביסקופּ ענגעלבערט II, האָט געגעבן
די קעלנער ייִדן, מחמת זיי זײַנען פֿאַראָרעמט געוואָרן, נײַע הנחות; צווישן
אַנדערע זאַכן האָט ער פֿאַרבאָטן צו ווינען אין קעלן די פֿרעמדע חלפֿנים –
די „קאַווערטשינער" און אַנדערע קריסטלעכע וואָכערניקעס, וואָס האָבן אונטער-
געריסן די הלוואה-אָפּעראַציעס פֿון די ייִדן. זײַן כּתבֿ האָט ער געהייסן
אויסקריצן אויף אַ שטיין און אַרויסשטעלן אויף אַ עפֿנטלעכן פּלאַץ, כּדי סײַ

www.libtool.com.cn

די בני-דור פֿון די שפּעטערדיקער דורות זאָלן וויסן וועגן די „פֿרײַהייטן" פֿון די ייִדן (1266).

דער פּויפּסט אינאָקענטיוס IV האָט איין מאָל זיך אַרײַנגעמישט אין דעם סיכסוך צווישן דעם ביסקופֿ פֿון ווירצבורג און דער בירגערשאַפֿט פֿון וועגן דער יוריסדיקציע איבער ייִדן. דער פּויפּסט האָט באַשטעטיקט די יוריסדיקציע פֿון דעם ביסקופֿ און פֿאַרבאָטן דעם מאַגיסטראַט צו באַשווערן די ייִדן מיט אָפּגאָבן, דערבײַ האָט ער דערמאָנט, אַז די הייליקע קירך, „ווי אַ גוטע מאַמע", טאָלערירט די ייִדן צווישן אירע זין און דערלויבט זיי צו לעבן לויט זייערע אייגענע מנהגים, אין דער האָפֿענונג, אַז סוף-כּל-סוף וועלן זיי זיך באַקערן צום קריסטנטום (1253). די ווירצבורגער בירגער זײַנען זיך אויך מתחייב געווען ניט אַרײַנצומישן זיך אין די באַציִונגען צווישן דעם ביסקופֿ און דער ייִדישער קהילה און ניט צו באַשווערן זיי מיט קיין שום אָפּצאָלן אָן דעם ביסקופֿס הסכּם. נאָר אין אַנדערע ערטער האָט די בירגערשאַפֿט גענומען שטײַערן פֿון די ייִדישע קהילות, וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער דעם ביסקופֿס יוריסדיקציע, ווען און וויפֿל זי האָט געוואָלט, און דער ביסקופֿ פֿון שטראַס-בורג האָט זיך טאַקע שטאַרק באַקלאָגט דערויף, וואָס מען באַעוולט אים אין זײַן רעגאַליע (1261).

צווישן די קירכלעכע פֿעאָדאַלן פֿלעגן זיך אָבער אַ מאָל טרעפֿן אויך רויבערס, וואָס לאָ-די וואָס זיי האָבן געשאַרן זייערע ייִדישע שאָף, וואָס זײַנען איבערגעענטפֿערט געוואָרן אונטער זייער שוץ, נאָר זיי האָבן נאָך אַראָפּגע-שונדן פֿון זיי די הויט. אַזוי האָט געטאָן דער מאַגדעבורגער אַרציביסקופֿ ראָבערט (אָדער רופּרעכט). געקומען צוריק פֿון רוים, ווו ער האָט געפּטרט אַ סך געלט אויף צו באַקומען זײַן גײַסטלעכן פּאָסטן, האָט אָט דער קירכ-לעכער שׂררה באַשלאָסן צו דעקן זײַנע הוצאות אויפֿן חשבון פֿון די ייִדן אונטער זײַן ממשלה. אין אַ סוכּות-טאָג פֿון יאָר 1261 איז ער אָנגעפֿאַלן מיט אַן אָפּטייל פֿון זײַנע באַדינערס אויף דער ייִדישער פֿאָרשטאָט פֿון מאַג-דעבורג, וואָס האָט געהייסן Judendorf, האָט אָנגערויבט אין די הײַזער אַ שלל געלט און גילדענע און זילבערנע כּלים, און די רײַכסטע בעלי-בתּים האָט ער אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה, כּדי אויסצופּרעסן פֿון זיי אויסלייזגעלט. פּונקט אַזאַ אָנפֿאַל האָט ער געמאַכט אויך אויף די ייִדן פֿון דער שטאָט האַלע, וואָס האָט געהערט צו דער מאַגדעבורגער דיאָצעזע. נאָר דאָ זײַנען קעגן דעם ביסקופֿ דעם רויבער אַרויסגעטראָטן די בירגער און האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן אָפּצוטרעטן פֿון דעם אָפּמאַך, וואָס איז מחייב די שטאָט-פֿאַרוואַלטונג צו באַשיצן די ייִדן. האָט דער אַרציביסקופֿ גערופֿן צו הילף זײַנע קרובֿים, די גראַפֿן מאַנספֿעלד, און האָט באַלעגערט די שטאָט, אויפֿן צד פֿון די שטאָטלײַט ווידער האָט זיך געשטעלט דער הערצאָג אַלבערט פֿון

www.libtool.com.cn

ברוינשווײַג. אין דער פֿאָרגעקומענער שלאַכט איז דער הערצאָג גענומען געוואָרן געפֿאַנגען, און די שטאָט איז איבערגעענטפֿערט געוואָרן דעם אַרצי־ביסקופּ אויף באַרויבן. דער זאַקרויב פֿון אָט דעם רויבריטער אין סוטאַנע האָט באַטראָפֿן אין ביידע קהילות אַן ערך הונדערט טויזנט מאַרק.

אין יענער עפּאָכע פֿון „פֿויסטרעכט" האָבן ייִדן געמוזט לאַ־די וואָס צאָלן די שטאָטישע און פעאָדאַלע שררות אויסערגעוויינטלעכע שטײַערן פֿאַרן שוץ קעגן אָנפֿאַלן, נאָר אויך פּערזענלעך נעמען אַן אָנטייל אין פֿאַרטיידיקן די שטעט קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די ווילדע פֿעאָדאַלן. אין רעגענסבורג האָבן זיי באַוואָפֿנט אָפּטיילונגען אויף צו היטן די שטאָטישע באַפֿעסטיקונגען בעת די מהומות פֿון די יאָרן 1251 און 1252. אין וואָרמס האָבן זיי געגעבן היפּשע סומעס געלט די בירגער אויף צו דינגען זעלנער צו פֿאַרטיידיקן די שטאָט (1259 און 1271). דערפֿאַר פֿלעגן די ייִדישע קהילות אַרײַנגענומען ווערן אין אַלע אָפּמאַכן וועגן „מדינה־שלום" (Landfrieden), וואָס פֿלעגן אין יענע מהומה־צײַטן געשלאָסן ווערן צווישן די פעאָדאַלן און די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען צוליב אײַנהאַלטן די עפֿנטלעכע זיכערקייט. אין יאָר 1254 האָט זיך אָרגאַניזירט דער רייניש‍ער בונד פֿון די שטעט (מאַינץ, וואָרמס, קעלן, שפּײַער, שטראַסבורג, באַזל א״אַ) צוליב קעגנזײַטיקן שוץ, און צו אים זײַנען צוגעשטאַנען אויך די אָרטיקע ביסקופּן און גראַפֿן. אָט דער בונד האָט זיך מתחייב געווען אַרײַנצונעמען אונטער דעם מדינה־שלום ניט בלויז מענטשן פֿון די פּני, נאָר אויך אַלע אײַנוווינער, דערין אויך די ייִדן. דערפֿאַר האָבן אויך די ייִדישע קהילות בײַם ריין געמוזט זיך באַטייליקן אין די הוצאות אויף אונטערצוהאַלטן אָט דעם מדינה־שלום. אין יאָר 1265, אין סאַמע ברען פֿון די מהומות פֿון דעם „גרויסן אינטעררעגנום", האָבן די אַרציביסקופּן און גראַפֿן צוזאַמען מיט די פֿאַרטרעטערס פֿון די שטאָטלײַט פֿון פֿראַנקפֿורט, פֿרידבערג און וועצלאַר געשלאָסן צווישן זיך אויף דרײַ יאָר אַן אָפּמאַך, ווו עס איז צווישן אַנדערע זאַכן געשטאַנען: „היות ווי אין אַ סך שטעט, אויף להכעיס דעם רצון פֿון גאָט, וואָס צום אָנדענקן אָן זײַנע עינויים טוט די הייליקע קירך אָפּהיטן די ייִדן, און צום שאָדן פֿון דער אימפּעריע, וואָס צו איר קאַמער זײַנען זיי צוגערעכנט, טוען אומגעצאַמטע מענטשן אַרויסברענגען מהומות און אָנטון ייִדן בזיונות, און אַ מאָל טייטן זיי זיי אוממענטשלעך, איז געוואָרן באַשטימט, אַז איטלעכער ווער עס איז שולדיק אין אַזעלכע מהומות אָדער פּײַניקונגען דאַרף ווערן באַשטראָפֿט ווי אַ שטערער פֿון דער עפֿנטלעכער רו".

אין יענע יאָרן זײַנען טאַקע באַנײַט געוואָרן פּאָגראָמען אויף ייִדישע קהילות. צווישן די יאָרן 1264—1267 זײַנען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין די מעמאָרביכער פֿון די קהילות די נעמען פֿון אַ סך ייִדן, וואָס זײַנען אומגע־

www.libtool.com.cn

קומען אויף קידוש-השם אין קאָבלענץ, זינציג און עטלעכע אַנדערע שטעט. באַזונדערס שרעקלעך איז געווען די שחיטה אין זינציג: דאָ זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אין שול 72 ייִדן. אַן אויסרייד פֿאַר די הריגות האָבן אָפֿט מאָל געדינט בלוט-בילבולים. אַזוי זײַנען אין דער עלזאַסער שטאָט ווייסנבורג געטייט געוואָרן אויפֿן ראָד זיבן ייִדן מחמת דעם בילבול, אַז זיי האָבן געקוילעט אַ קריסטלעך קינד (1270); צווישן די קדושים זײַנען געווען צוויי קריסטן וואָס האָבן זיך געהאַט מגייר געווען, און איינער פֿון זיי איז פֿריִער געווען אַ „פֿריִאָר" פֿון די באָרוועס-גייערס", דאָס הייסט פֿון דעם אָרדן מאָנאַכן-בעטלערס. עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז אָט דעם גאַנצן פּראָצעס האָבן די אינקוויזיטאָרן אויפֿגעטאָן, בכדי צו דערלעבן נקמה אָן די צוויי קריסטן וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די קירך, און אַז דער בלוט-בילבול איז נאָר געווען אַ פֿאַרשטעלעניש צו פֿאַרהוילן דעם אמתן מיין.

אויפֿן סמך פֿון אָט דעם ווילדן אײַנגלייבעניש האָט זיך צעשפּילט דעמאָלט די פֿאַנטאַזיע פֿון דעם המון-עם אין דער שטאָט פֿאָרצהיים אין באַדן. די אויסגעטראַכטע מעשׂה, וואָס תּמימותדיקע מענטשן האָבן זי אָנגע-מען פֿאַר אַ פֿאַקט, האָט זיך דערציילט אַזוי: עפּעס אַן אַלטע פֿרוי, וואָס איז געווען גוט אויפֿגעטראָגן מיט ייִדן, האָט זיי פֿאַרקויפֿט אַ זיבנייעריק מיידעלע, אַ יתומה, מיטן נאָמען מאַרגאַרעטע; די ייִדן האָבן אײַנגעוויקלט דאָס מיידל אין לײַוונט מיט אַ סך פֿאַלבן, האָבן צעשטאָכן דעם קערפּער פֿון דעם קרבן אין אַ סך ערטער און געמאַכט אָנזאַפּן דאָס לײַוונט מיט דעם מיידלס בלוט, און דערנאָך האָבן זיי דאָס מת אַרײַנגעוואָרפֿן אין טײַך אַרײַן. דאָרטן האָבן עס געפֿונען פֿישערס. „האָט דאָס פֿאָלק גענומען שרײַען, אַז אַזאַ פֿאַרברעך האָבן נאָר ייִדן געקאָנט אָפּטון". באַלד האָט מען געבראַכט אויך „באַווײַזן". ווען דער מאַרקגראַף פֿון באַדן איז צוגעגאַנגען נאָענט צום טויטן גוף פֿון דעם קינד, האָט עס אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, אַזוי ווי עס וואָלט געוואָלט בײַ אים בעטן עפּעס; ווען מען האָט אָבער פֿאַרבײַ דעם טויטן גוף פֿאַרבײַגעפֿירט ייִדן, האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט די ווונדן, און עס האָט גענומען פֿון זיי פֿליסן בלוט. צוקוקנדיק דאָס איז דאָס פֿאָלק געוואָרן אַזוי אויפֿגערייצט, אַז עס האָט גענומען פֿאָדערן, מען זאָל תּיכּף אומברענגען די שולדיקע, און די שולדיקע האָט מען טאַקע באַלד געפֿונען: די אַלטע האָט זיך מודה געווען און האָט אָנגערופֿן די מענטשן וואָס האָבן בײַ איר געקויפֿט דאָס מיידעלע; די ייִדן האָט מען גערעדערט און צוזאַמען מיט דער אַלטער אויפֿגעהאַנגען (1267). די דאָזיקע ידיעה איז פֿאַרשריבן אין די כראָניקעס אויפֿן סמך פֿון אַ דערציילונג פֿון צוויי „ברידער-פּריידיקער", דאָס הייסט דאָמיניקאַנער, וואָס זײַנען געווען „עדי-ראיה פֿון דער גע-שעעניש", — און אפֿשר האָבן זיי טאַקע די מעשׂה אויסגעטראַכט.

www.libtool.com.cn

וואָס די דאָמיניקאַנער האָבן אײַנגעקנעלט מיטן פֿאָלק, דאָס איז צו זען פֿון די דרשות פֿון דעם דײַטשן מאָנאַך בערטאָלד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין רעגנסבורג אין יענע יאָרן פֿון אומרו (1250–1272). ייִדן, כופֿרים און געצנדינער זײַנען קינדער פֿון טײַוול, דער קיסר און די פֿעאָדאַלע שׂררות מוזן מיט כּל־המיטלען אָפּהיטן די קריסטן קעגן זייער שעדלעכער ווירקונג. „אַ קריסט לויטן נאָמען און אַ ייִד לויט זײַנע מעשׂים“ – אַזוי געוויינטלעך כאַראַקטעריזירט אָט דער מאָנאַך אַ מענטשן, ווען ער וויל זאָגן, אַז ער איז אַ רשע. מיט ייִדן טאָר מען ניט פֿירן קיין חבֿרשאַפֿט, און אַ פּשיטא שוין אַז מען טאָר מיט זיי ניט שמועסן וועגן ענינים פֿון גלויבן, וואָרעם זיי זײַנען מאַדימס צו ברענגען אַזעלכע ראַיות פֿון די הייליקע שריפֿטן, וואָס זײַנען עלול צו צעטרייסלען די יסודות פֿון די קריסטלעכע גלייבונגען.

וועגן אָפּפֿרעמדן קעגנזײַטיק קריסטן פֿון ייִדן האָבן פֿלײַסיק געמיט זיך די פּראָווינציעלע קירכן־סינאָדן. דער סינאָד פֿון דער מאַינצער דיאָצעזע (1259) האָט דערמאָנט, אַז מען מוז צונייען צו די ייִדישע מלבושים אַ באַזונדער צייכן. אין משך צײַט פֿון צוויי חדשים זײַנען אַלע ייִדישע מענער און פֿרויען פֿון די שטעט און דערפֿער פֿון מאַינצער קרײַז מחויבֿ אָנצוטון מלבושים פֿון אַזאַ שניט אָדער מיט אַזאַ צייכן, וואָס לויט דעם זאָל מען זיי „אָן קווענקלעניש“ קענען אָפּשיידן פֿון קריסטן. אין יענע ערטער, ווו די מאַכטאָרגאַנען וועלן ניט אָננעמען קיין מיטלען אויסצופֿירן אָט די באַשטימונג, דאַרף מען אָפּשטעלן דעם גאָטדינסט אין די קירכן, ביז וואַנען די פֿירשטן און שׂררות, וואָס אויף זייער טעריטאָריע וווינט אָט דער „אומגעטרײַער און נעבעכדיקער שבֿט“ (gens perfida et misera), וועלן אים ניט צווינגען אויסצופֿירן אָט דעם קאָנציליִשן קאַנאָן. אויב אין שטילן פֿרײַטאָג (פֿאַר פּאַסכע) וועט אַ ייִד זיך באַווײַזן אין גאַס, אַפֿילו בײַ דער טיר אָדער בײַם פֿענצטער פֿון זײַן שטוב, מוז ער צאָלן שטראָף לטובֿת דעם אָרטיקן ביסקופּ. ייִדן, וואָס היטן ניט אָפּ די קאַנאָנען וואָס זײַנען שייך צו זיי, דאַרף מען פֿאַרבאָטן צו האָבן אַ מגע־ומשׂא מיט קריסטן בכלל. אַלע גלחים זײַנען מחויבֿ אויסצורופֿן אָט די כּללים אין די קירכן זונטאָג בעת דער תּפֿילה, כּדי די מאַמינים זאָלן דאָס וויסן.

דאָס פֿאָלק, וואָס האָט אויסגעהערט אין די קירכן אַזעלכע מיני מעלדונגען, איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם געהעריקן רעכטלעכן באַוווסטזײַן. אין דעם דעמאָלטיקן פֿאָלקישן געזעצבוך Schwabenspiegel ווערן איבערגעחזרט די קירכלעכע קאַנאָנען: קריסטן טאָרן ניט מאַכן קיין סעודות צוזאַמען מיט ייִדן, טאָרן ניט פֿאַרבעטן זיי צו גאַסט אָדער אויף חתונות, טאָרן ניט גיין מיט זיי אין איין מרחץ. פֿון דעם דאָנערשטאָג פֿון דער פֿאַלעמוואָך ביז פּאַסכע טאָרן ייִדן זיך ניט ווײַזן אין גאַס און מוזן

www.libtool.com.cn

האַלטן פֿאַרשלאָסן די טירן און פֿענצטער פֿון זייערע הײַזער. ייִדן מוזן טראָגן שפּיציקע היטלען, כּדי מען זאָל קאָנען זיי אָפּשיידן פֿון קריסטן; קריסטלעכע באַדינערס טאָרן ניט דינען אין ייִדישע שטיבער. אין געריכט מוז אַ ייִד אָפּגעבן אַ שבֿועה שטייענדיק אויף אַ חזירשער פֿעל און האַלטנדיק די רעכטע האַנט אויף אַ חומש. ווען אַ קריסט לעבט מיט אַ ייִדישער פֿרוי אָדער אַ ייִד מיט אַ קריסטלעכער פֿרוי, מוזן פֿאַרברענט ווערן ביידע שולדיקע אין אַזאַ „האַרבער זנות". צווינגען ייִדן אָנצונעמען קריסטנטום טאָר מען ניט, אָבער האָט איינער פֿון זיי זיך געשמדט, אַפֿילו געצוווּנגענערהייט, מוז ער שוין בלײַבן אַ קריסט; אויב אַ משומד ווערט אָפּטריניק פֿון דער קירך, ווערט ער באַשטראָפֿט מיט פֿאַרברענען, ווי יעטווידער אַנדער כּופֿר. אָט די אַלע געזעצן זײַנען פֿאַראייביקט אין אַ געזעצבוך, וואָס בדרך-כּלל איז אים ניט פֿרעמד אַ נאָרמאַל באַוווסטזײַן פֿון רעכט: אין אַנדערע פּונקטן שטייט דאָרט געזאָגט, אַז ייִדן דאַרפֿן געניסן שוץ און אומבאַרירלעכקייט, וואָס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן לויטן „קיסרס שלום" (Kaisersfrieden) פֿאַר אַלע אומבאַוואָפֿנטע איינוווינער – פֿרויען, גלחים און סוחרים, און פֿאַר הרגען אַ ייִדן קומט פּונקט אַזאַ שטראָף ווי פֿאַר הרגען אַ קריסט, אאַז"וו. פֿאַקטיש זײַנען די שטרענגע קאַנאָנישע געזעצן ניט באַזונדערס שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, פּונקט ווי עס איז פֿון דער אַנדער זײַט שוואַך אָפּגעהיט געוואָרן די גאַראַנטיע פֿון זיכערקייט.

## § 23. דער דרוק אונטער די האַבסבורגער און די גזרה פֿון רינדפֿלייש (1298)

עס האָט זיך געענדיקט די מהומה פֿון דעם אינטעררעגנום, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דרוק פֿון די קיסרים. די קיסרים, די זיגערס, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו דער מאַכט נאָך לאַנגע מלחמות מיט קאָנקו-רענטן, האָבן זיך געניייטיקט אין געלט אויף צו דעקן זייערע קריגס-הלוואות. די הכנסה פֿון ייִדן, וואָס איז געווען אַ היפּשער טייל פֿון דעם קיסרס בודזשעט, האָט איצט געקראָגן אַ באַזונדער באַטײַט, און די קונסט פֿון רעגירן איז באַשטאַנען אין כּסדר פֿאַרגרעסערן אָט די הכנסה. גרויסע מײַסטערס אין דעם פֿרט זײַנען געווען די נײַע רעגירערס פֿון דײַטשלאַנד פֿון דער דינאַסטיע האַבסבורג, וואָס זײַנען געקומען אויפֿן אָרט פֿון די האָהענשטויפֿנס.

די רעגירונג פֿון דעם קיסר רודאָלף פֿון האַבסבורג (1273–1291), וואָס אונטער איר האָט גאַנץ דײַטשלאַנד געקרעכצט מחמת דער שווערקייט פֿון אַנמאָסיקע שטײַערן, איז געווען באַזונדערס שווער פֿאַר ייִדן. אומגעהײַער גרויסע סומעס האָט מען אויפֿגעמאָנט פֿאַר „שוץ", פֿאַר באַשטעטיקן אַלטע

www.libtool.com.cn

רעכט און „פּריווילעגיעס“ פֿון די יִדישע קהילות פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך, וואָס זײַנען געווען פּאַראייניקט אונטער דער ממשלה פֿון די האַבסבורגער. אַלץ אָפֿטער איז אָנגעווענדט געוואָרן די סיסטעם פֿון אָוועקגעבן די אָדער יענע קהילות פֿאַר אַ משכון דעם קיסרס קרעדיטאָרן; ניט זעלטן פֿלעגט מען אויספּרעסן געלט בײַ אײנציקע יִדישע גבֿירים. אין דער צײַט ווען רודאָלף איז ניט געווען אין דײַטשלאַנד, איז די השגחה איבער דעם אײַנפֿליסן פֿון די „יִדישע הכנסות“ אין דעם קיסרס מדינות איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַרציביסקופּ פֿון מאַינץ, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַרן קאַנצלער פֿון דער אימפּעריע; דערפֿאַר פֿלעגט אַ צענט-חלק פֿון די אײַנגעמאָנטע אָפּצאָלן אָנקומען אין דער קאַסע פֿון דעם אַרציביסקופּ, וואָס איז אַזוי אַרום געווען פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַרגרעסערן די הכנסות. דער דרוק פֿון דעם שטײַערפּרעס האָט זיך געשפּירט אַזוי שטאַרק, אַז פֿון אַ סך שטעט האָבן יִדן גענומען עמיגרירן קיין פּוילן און ווײַטער אין „לענדער מעבֿר לים“. דעמאָלט האָט רודאָלף אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל (1286), אַז אַלע נחלאות, הײַזער און מטלטלין פֿון די עמיגראַנטן, וואָס פֿאָרן אַוועק אָן אַ דערלויבעניש, זאָלן ווערן קאָנפֿיסקירט פֿאַר דער קיסרלעכער קאַסע. „אַלע יִדן אין אײנעם און איטלעכער באַזונדער, — אַזוי האָט ער מאָטיווירט זײַן באַפֿעל — זײַנען קנעכט פֿון אונדזער קרוין און געהערן צוזאַמען מיט זייער אייגנס ניט צו קיינעם נאָר צו אונדז אָדער צו יענע פֿירשטן, וואָס מיר האָבן זיי אָפּגעטרעטן צו זיי לויט דעם פֿעאָדאַלן רעכט; הייסט דאָס, אַז אויב אַ טייל יִדן אַנטלויפֿן אָן אונדזער באַזונדער דערלויבעניש און וואַנדערן אַריבער מעבֿר לים, וואָס דורך דעם ציִען זיי זיך אַרויס פֿונעם שעבוד צום געזעצלעכן האַר, דעמאָלט מוז זייער גאַנץ האָב-און-גוטס, דאָס באַוועגלעכע און דאָס ניט-באַוועגלעכע, איבערגעענטפֿערט ווערן צו אונדז“.

מיט דעם שטײַערדרוק און מיטן פֿאַרבאָט פֿון עמיגראַציע איז פֿאַרבונדן די טראַגישע געשעעניש, וואָס איר העלד איז געווען דער גײַסטלעכער פֿירער פֿון די דײַטשע יִדן, רבי מאיר מרוטנבורג. אָט דער פֿאָרשטייער פֿון די דײַטשע בעלי-תּוספֿות האָט אַ צײַט לאַנג אַרומגערײַזט איבער די יִדישע גײַסטיקע צענטערס פֿון דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך און האָט פּערזענלעך מיטגעלעבט די פֿאַרשיידענע טרויעריקע געשעענישן פֿון זײַן דור. ער איז געווען אין פּאַריז ווי אַ תּלמיד פֿון רבי יחיאלן, דעם אַנטייל-נעמער פֿון דעם רעליגיעזן וויכוח פֿון 1240, בעת עס זײַנען דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן אויפֿן פּלאַץ די ספֿרים פֿון תּלמוד. דער יונגער תּלמיד-חכם האָט דעמאָלט אָנגעשריבן זײַן קינה „שאלי שׂרופֿה באש“ (אויבן, § 4) און איז באַלד אַוועק צוריק קיין דײַטשלאַנד, ווו ער האָט זיך געפֿלײַסט ממלא צו זײַן דעם שאָדן, וואָס די תּלמודישע וויסנשאַפֿט האָט געליטן אין פֿראַנקרײַך. אין דער קלײנער

www.libtool.com.cn

פראנקישער שטאט ראטנבערג ביי דער טאובער האט רבי מאיר געגרינדעט זיין ישיבה, וואס פון איר זיינען ארויסגעגאנגען רבנים פאר דייטשלאנד. פון דארט פלעגן צעשיקט ווערן אין אלע קהילות תשובות אויף פארשיידענע שאלות פון דער רעליגיעזער פראקטיק און פון ציווילן רעכט; דא איז אויך געווען די העכסטע אינסטאנץ אויף צו פסקען אין דיני-תורות. אפיציעל איז רבי מאיר טאקע ניט געווען דער הויפט-רב פון דייטשלאנד, אבער פאקטיש איז ער דאס יא געווען.

אז ער איז שוין געווען אין די עלטערע יארן, איז אויסגעבראכן דאס אומגליק איבער אים. בשעת עס האט זיך אנגעהויבן די אויבן דערמאנטע עמיגראציע, האט אויך רבי מאיר געוואלט אריבערוואנדערן מעבר לים (משמעות קיין ארץ-ישראל). אין איינעם מיט זיין משפחה איז ער אוועקגע-פארן בשתיקה פון ראטנבורג און איז אנגעקומען קיין לאמבארדיע. דא האט ער זיך אפגעשטעלט צוווארטן, ביז עס וועט אנקומען די פארטיע אויסוואנ-דערער, וואס ער האט באדארפט אין איינעם מיט זיי פארן אויפן שיף. אין יענער צייט איז דורך דער לאמבארדישער שטאט דורכגעפארן אויפן וועג קיין רוים דער ביסקופ פון באזל, און אין זיין סוויטע האט זיך געפונען א געשמדטער ייד, וואס האט געקענט רבי מאירן פערזענלעך. אז דער ביסקופ האט זיך דערוווסט פון דעם משומד, אז דא איז פאראן אן „אנטלאפענער", האט ער וועגן דעם גלעזט וויסן די ארטיקע מאכט-ארגאנען, זיי האבן רבי מאירן ארעסטירט און שפעטער אים ארויסגעגעבן דעם קיסר רודאלף. דעם בורח האט מען אריינגעזעצט אין שלאס פון דער עלזאסער שטאט ענזיסהיים (1286). די יידישע קהילות האבן אנגעבאטן רודאלפן צוואנציק טויזנט מארק פאר ארויסלאזן דעם רב אויף דער פריי, נאר דער קיסר האט פארלאנגט נאך א גרעסערע סומע. מען האט דערציילט, אז דער תפוס אליין האט פארזאגט די קהילות, אז זיי זאלן קיין סך ניט באצאלן פאר זיין באפרייונג, מחמת ער האט מורא געהאט, אז די שררות וועלן זיך מאכן א מנהג צו ארעסטירן רבנים, בכדי ארויסצופרעסן ביי יידן וואס מער געלט. ער איז געבליבן אין תפיסה זיבן יאר און האט אלץ ניט אויפגעהערט לערנען תורה און שיקן תשובות אויף די שאלות פון די קהילות; אייניקע געטרייע תלמידים זיינען געבליבן לעבן אים און האבן אים פאר-גרינגערט אריבערצוטראגן די געפאנגענשאפט. ער איז געשטארבן אין יאר 1293. אויך צו ברענגען אים צו קבר ישראל האט די רעגירונג ניט דער-לויבט די יידן. ערשט אין 14 יאר ארום האט א פרומער ייד, זיסקינד ווימפן, אויסגעלייזט רבי מאירס געביין און געבראכט אים צו קבורה אויפן בית-עלמין אין ווארמס, און דערביי אויסגענומען א תנאי, אז נאכן טויט זאל מען אים מקבר זיין לעבן אט דעם הייליקן מאן.

www.libtool.com.cn

די פּראָצעסן וועגן בלוטיקע עלילת=דם און מהומות אין דעם צוזאַמענהאַנג האָבן ניט אויפגעהערט די גאַנצע צײַט פֿון רודאָלפֿס רעגירונג. אַרום פּאַסכע 1283 האָט מען אין מאַינץ געפֿונען דעם טויטן קערפּער פֿון אַ קריסטלעכן קינד, און מחמת דעם איז מען אָנגעפֿאַלן אויף יידן. אַ קלאַנג איז אַרויס, אַז די אַם האָט דאָס קינד פֿאַרקויפֿט צו יידן. איינער אַ ריטער, אַ קרובֿ פֿון דעם דערהרגעטן קינד, האָט אַרומגעטראָגן דאָס טויטע קערפּערל אויף זײַן אַקסל איבער די גאַסן פֿון שטאָט און האָט גערופֿן צו נקמה. אומזיסט האָט דער מאַינצער אַרציבּיסקופּ געפּלײַסט זיך צו באַרויִקן דעם המון און צוגעזאָגט אויסצופֿאָרשן די זאַך און איבערצוגעבן די שולדיקע צום געריכט. די צעיושעטע קריסטן האָבן דעם צווייטן טאָג פּאַסכע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זייערע יידישע שכנים און דערהרגעט פֿון זיי צען מאַן. די מערדערס האָט דער קיסר שפּעטער באַגענעדיקט. אין דעם זעלביקן פֿריִיאָר זײַנען געפֿאַלן קרבנות פֿון דעם מיאוסן בילבול 26 יידן אין באַכאַראַך. אין יאָר 1285 האָט אַ המון ווילדע פֿאַנאַטיקער אין מינכן פֿאַרברענט די שול מיט די יידן וואָס האָבן זיך געפֿונען דאָרט. אין אָבערוועזל האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קערפּער פֿון אַ דערהרגעטן קריסט, דעם „גוטן ווערנער", וואָס מען האָט דאָרט געפֿונען, לאָזט כּלומרשט אַרויס שטראַלן פֿון זיך און באַווײַזט מופֿתים: האָבן די בירגער זיך אָפּגערעכנט אויף זייער שטייגער מיטן כּלומרשטן שולדיקן, און צום קבֿר פֿון דעם „הייליקן" האָבן זיך גענומען ציִען המונים מענטשן וואָס לעכצן נאָך אַ נס. אַז רודאָלף האָט אײַנגעזען, אַז די גאַנצע מעשׂה איז אַ ליגן, האָט ער, לויט דער אָנקלאָג פֿון די יידן, באַשטראָפֿט די בירגער, און דעם קערפּער פֿון דעם כּלומרשטן הייליקן האָט ער געהייסן פֿאַרברענען (1288).

אין יענער צײַט האָט גענומען זיך פֿאַרשפּרייטן די באָבע=מעשׂה וועגן דער „מופֿתדיקער האָסטיע"" (hostia mirifica), וואָס איר שורש איז אין דער קריסטלעכער דאָגמע פֿון דער אייכאַריסטיע: מחמת שׂנאה צו קריסטוסן זאָלן יידן דורכשטעכן די קירכלעכע האָסטיע אָדער דאָס ברייטל וואָס ווערט באַנוצט בײַ דער קאָמוניע ווי דער סימבאָל פֿון דעם געקרייציקטנס גוף, און פֿון אָט דעם ברויט פֿליסט דעמאָלט בלוט, וואָס טוט מופֿתים און היילט קראַנקע[1]. אַזאַ מופֿתדיקע האָסטיע איז געפֿונען געוואָרן אין דער שטאָט פּריצוואַלק (בראַנדענבורג), און דער אָרטיקער ביסקופּ האָט געהייסן אויסבויען אויף דעם אָרט ווו זי איז געפֿונען געוואָרן אַ פֿרויען=קלויסטער, וואָס אַהין פֿלעגן קומען צו גיין אַ סך קראַנקע וואָס האָבן געזוכט היילונג און געבראַכט

1 דער פֿינצטערער המון=עם האָט קענטיק אָנגענומען פֿאַר בלוט די רויטע פֿלעקן וואָס באַווײַזן זיך אויף די פֿאַרלעגענע קירכלעכע ברייטלעך מחמת די פֿאַרבנדיקע מיקראָבן וואָס פֿאַרמערן זיך דאָרט, ווי דאָס איז לעצטנס אויפֿגעקלערט געוואָרן דורך אַ כעמישער אויספֿאָרשונג.

www.libtool.com.cn

מתּנות. פֿון די רײַכע מתּנות האָט דער קלויסטער זיך צעבויט, און דער ביסקופּ און די גאַנצע גײַסטלעכע פֿון יענער דיאָצעזע זײַנען נתעשר געוואָרן. די פֿרומע גײַסטלעכקייט האָבן אײַנגעזען, ווי ווײַט עס לוינט זיך אַפֿילו צו אינסצענירן אַזעלכע דורכשטעכונגען פֿון האָסטיעס אויף צו באַקומען דאָס „מופֿתדיקע בלוט" און גרויסע הכנסות, און ווי אַ צוגאָב פֿאַרפֿעסטיקן דעם גלויבן פֿון פֿאָלק. זינט יענער צײַט איז געוואָרן אַ מנהג צו פֿאַבריצירן מופֿתדיקע האָסטיעס בײַ פֿלינקע באַדינערס פֿון דער קירך, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען אײַנצונעמען דעם פֿינצטערן המון.

אין יאָר 1298 איז די ווילדע פֿאַנטאַזיע וועגן דער פֿאַרשוועכטער האָסטיע געוואָרן אין בײַערן אַן אויסרייד פֿאַר אַ מאַסן-שחיטה אויף ייִדן, וואָס האָט מיט איר פֿאַרנעם דערמאָנט אָן די צײַטן פֿון די קרייצצוגן. דאָס איז געווען צום סוף פֿון דעם זיבנציאָריקן בירגערקריג, וואָס איז אַרויסגעקומען נאָך רודאָלפֿס טויט צווישן זײַן זון אַלברעכט פֿון עסטרײַך און אַ צווייטן פּרעטענדענט אויף דער קיסרלעכער קרוין אַדאָלף פֿון נאַסוי. אין דײַטשלאַנד האָט ווידער אַ מאָל געהערשט דאָס „פֿויסטרעכט". פֿאַרווילדערט פֿון די כּסדרדיקע מהומות זײַנען די דײַטשע מאַסן געווען אַ גוט געצײַג אין די הענט פֿון פֿאַנאַטיקער אָדער רויבערס, וואָס האָבן געשטרעבט צו פֿאַרלענדן ייִדן אָדער זיי צו באַרויבן. מען האָט געלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין שטעטל רעטינגען אין פֿראַנקען האָבן ייִדן אַרויסגעגנבֿעט אַ האָסטיע פֿון דער קירך, און בכדי צו לעסטערן אָט דעם סימבאָל פֿון קריסטוסעס גוף, האָבן זיי זי געשטויסן אין אַ שטייסל אַזוי לאַנג, ביז עס האָט אָנגעהויבן צו פֿליסן פֿון איר בלוט. איינער אַ אָרטיקער אַדלמאַן, און אפֿשר איז דאָס געווען פּשוט אַן קצבֿ, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ר י נ ד פֿ ל י י ש, וואָס פּאַסט פֿאַר אָט דער פּראָפֿעסיע, האָט צונויפֿגעקליבן אַ מאַסע קריסטן און האָט געמאָלדן, אַז מן השמים האָט מען אויף אים גוזר געווען, ער זאָל נקמה נעמען פֿאַר דעם חילול-הקודש און אָפּמעקן דעם זכר פֿון ייִדן אויף דער ערד. אין אַפּריל 1298 האָט רינדפֿליישס באַנדע אויסגעהרגעט אַלע ייִדן אין רעטינגען און זיך אַוועקגעלאָזט ווײַטער. אונטער וועגנס זײַנען צו איר צוגעשטאַנען נאָך אַ סך באַנדיטן, און אַ חייל פֿון רוצחים האָט זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. פֿון דעם בלוט פֿון הונדערטער ייִדישע קדושים איז רויט געוואָרן די שטאָט ר אָ ט ע נ ב ו ר ג („העיר האדומה מדם" — הייסט דאָס אין איינער אַ קינה פֿון יענער צײַט). דרײַ מאָל האָבן זיך אין אָט דער שטאָט אַרײַנגעריסן רוצחישע באַנדעס, און איטלעכס מאָל געטאָן זייער אַרבעט פֿון פֿאַרלענדונג און צעשטערונג (יוני — יולי). פֿון גרויסע קהילות האָבן באַזונדערס געליטן ו ו י ר צ ב ו ר ג און נ י ר נ ב ע ר ג. די ערשטע איז כּמעט אין גאַנצן פֿאַרטיליקט געוואָרן; געראַטעוועט האָבן זיך עטלעכע, וואָס האָבן לפּנים אָנגענומען קריסטנטום אָדער

איבער געוואַלד געשמדטע קינדער. אין נירנבערג האָבן עטלעכע הונדערט www.ibtool.com.cn
ייִדן זיך פאַרשפּאַרט אין פעסטונג און געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן, אָבער זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן און זײַנען אומגעקומען ביז איינעם. דאָ איז אויך דערהרגעט געוואָרן דער באַרימטער רבי מרדכי בן הלל, דער מחבר פון דעם תלמודישן ספר „מרדכי". די צאָל פון די וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן אָדער וואָס „האָבן זיך געבראַכט אַ קרבן", ווי מען האָט דעמאָלט געזאָגט, איז געווען פונקט אַזוי גרויס ווי אין יאָר פון ערשטן קרייצצוג. משפחות גאַנצע, עלטערן מיט קינדער, האָבן זיך געוואָרפן אין פייער אָדער וואַסער אַרײַן, בכדי ניט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון די מנוולדיקע מערדערס; מוטערס האָבן צוגעבונדן צו דער ברוסט קליינע קינדער און זיך געוואָרפן אין פייער אַרײַן. די שטאָטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט באַשיצן ייִדן, אָבער אין אייניקע שטעט האָבן די בירגער אַרויסגעראַטעוועט די ייִדישע קהילות פון אונטערגאַנג (אַזוי למשל אין אויגסבורג און רעגנסבורג).

אין משך פון אַ האַלב יאָר, פון פריִיאָר ביז האַרבסט 1298, האָבן רינדפליישס באַנדעס געווילדעוועט אין בײַערן און אין דער שכנותדיקער עסטרײַך. פאַר אָט דער צײַט האָבן זיי חרוב געמאַכט ביז 140 ייִדישע קהילות און ישובים [1]. די פּאָגראָמען האָבן זיך אײַנגעשטילט ערשט ווען אַדאָלף פון נאַסוי איז געשטאָרבן און די קיסרלעכע קרוין האָט געקראָגן זײַן קאָנקורענט אַלברעכט פון האַבסבורג (1298–1308), וואָס האָט אײַנגעפירט אָרדענונג נאָך עטלעכער יאָר מהומות. דער נײַער קיסר האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר די גערודפטע, אַרויפגעלייגט געלטשטראָפן אויף די שטעט וואָס האָבן דערלאָזט צו שחיטה און רויבערײַ, און דערלויבט די אַנטלאָפענע ייִדן זיך אומצוקערן צוריק אין די פריִערדיקע ערטער, און די איבער געוואַלד געשמדטע זיך אומצוקערן צוריק צו זייער פריִערדיקער אמונה. געטאָן האָט ער דאָס ניט אַזוי מחמת מענטשן־ליבע ווי צוליב זײַנע פערזענלעכע אינטערעסן, לויט דעם זעלביקן חשבון, וואָס האָט געווירקט אויפן קיסר רודאָלף אָנצונעמען מיטלען קעגן דער ייִדישער עמיגראַציע: די פאַרטיליקונג פון די קאַמערקנעכט און די צעשטערונג פון זייער אייגנס האָט געבראַכט היזק דער קרוין, ווײַל זיי האָבן דאָך געהערט צו איר. ווי ווײַט מען האָט זיך שוין געהאַט צוגעוויינט צו דעם געדאַנק, אַז ייִדן זײַנען דעם קיסרס אייגנס, איז צו זען פון דער

---

1 איבער גזרת־רינדפלייש, וואָס ווען איר זײַנען געבליבן קורצע ידיעות אין די דײַטשע כראָניקעס (צונויפגעקליבן אין די Fontes rerum germanicarum, ed. Böhmer), זײַנען אָנגעשריבן עטלעכע קלאָגלידער, אין די מערקווערדיקסטע פון זיי איז די קינה פון ר' משה הכהן (זע ווײַטער, § 26).

www.litvoo.com.cn

נאַיִווער דערציילונג פֿון דעם דײַטשן שרײַבער אָטאָקאַר האָרנעק, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ כראָניק אין גראַמען וועגן די סיבות, פֿאַר וואָס מען האָט דעמאָלט (1306) פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך. לויט ווי אָט דער כראָ־ניסט דערציילט, זאָל אַלברעכט I האָבן געפֿאָדערט פֿון זײַן פּאָליטישן געגענער, דעם פֿראַנצייזישן קיניג פֿיליפּ דעם שיינעם, אַז ער זאָל אָנערקענען די אייבערהערשאַפֿט פֿון דעם דײַטש־רוימישן קיניג אויך איבער די פֿראַנצייזישע ייִדן, וואָס זײַנען די קינדסקינדער פֿון די געפֿאַנגענע וואָס עס האָבן געבראַכט אַספּסינוס און טיטוס; האָט פֿיליפּ צונויפֿגערופֿן זײַנע געלערנטע יוריסטן און געפֿרעגט בײַ זיי, צי האָט דער דײַטשער קיסר דאָס רעכט צו שטעלן אַזאַ פֿאָדערונג. און ווען יענע האָבן מודה געווען, אַז די תּביעה האָט אַ יסוד, האָט ער געהייסן צונעמען בײַ די פֿראַנצייזישע ייִדן גאָר זייער געלט און אייגנס און אַרויסטרײַבן זיי פֿון לאַנד אַזוי, אַז זיי זאָלן קומען צו זייער האַר אַלברעכט הויל און נאַקעט. די דאָזיקע לעגענדע איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קוק פֿון מיטל־עלטער אויפֿן סאָציאַלן מצבֿ פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד און אין פֿראַנקרײַך.

## § 24. די ייִדן אין עסטרײַך, ביימען און אונגערן

פֿון די דײַטשע שטאַמלענדער, פֿון בײַערן און די ריין־פּראָווינצן איז אין 13טן י״ה געגאַנגען אַ שטענדיקע עמיגראַציע אין די מזרחדיקע געגנטן – אין דעם הערצאָגטום ע ס ט ר ײַ ך. ניט בלויז די קאַטאַסטראָפֿעס האָבן געטריבן אַהין ייִדן, עס האָבן זיי געצויגן אַהין די הויפּטשטאָט פֿון דונאַי, ווין, און אַנדערע שטעט, וואָס זײַנען געלעגן אויפֿן גרויסן האַנדלשליאַך צווישן די דײַטשע און די סלאַווישע מדינות. אין דער ערשטער העלפֿט 13טן י״ה האָבן די עסטרײַכישע הערצאָגן פֿון דער דינאַסטיע באַבנבערג זיך פֿאַרהאַלטן גוטגינציק צו ייִדן, פּונקט ווי די פֿריִערדיקע מושלים (באַנד I, § 37). ייִדישע פֿינאַנסיסטן און שטײַער־מאַנערס האָבן געהאַט אַ השפּעה בײַם ווינער הויף, נאָר קריסטן זײַנען געווען אויפֿגעבראַכט איבער דער טעטיקייט פֿון זײַנע אַגענטן אויף אײַנצומאָנען שטײַערן: מען האָט געהאַט אין זינען, אַז דער קריסטלעכער קאַנאָן פֿאַרזאָגט, אַז מען טאָר ניט באַשטימען ייִדן אויף פּאָסטנס, וואָס גיבן זיי מאַכט איבער קריסטן. מיר האָבן שוין געזען (§ 20), ווי אַזוי עס האָט רעאַגירט אויף די דאָזיקע „קריסטלעכע״ געפֿילן דער צוויי־פּנימדיקער קיסר פֿרידריך II, בעת ער האָט בײַם אײַננעמען ווין אין יאָר 1237 געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו באַפֿרידיקן די אײַנוווינער מיט דער מעלדונג, אַז עס געשיקט זיך ניט צו געבן עפֿנטלעכע שטעלעס ייִדן וואָס זײַנען פֿאַרמשפּט צו קנעכטשאַפֿט. דער הערצאָג פֿרידריך דער קריגע־רישער האָט באַפֿרײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע די שטאָט ווין און אַנדערע

www.libtool.com.cn

עסטרײַכישע געביטן, און כּדי אונטערצוהאַלטן זײַן אומאָפּהענגיקייט האָט ער זיך געניייטיקט אין די פֿינאַנציעלע טובֿות פֿון ייִדן. דאָס האָט אים באַוויגן אַרויסצוגעבן אין יאָר 1244 זייער אַ גינציקן סטאַטוט פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, און אָט דער סטאַטוט האָט געדינט ווי אַ מוסטער פֿאַר ענלעכע קאָנסטיטוציאָנעלע אַקטן, וואָס זײַנען אין גיכן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בײמען, אונגערן, שלעזיע און פּוילן.

דער עסטרײַכישער סטאַטוט פֿון 1244 גאַראַנטירט ייִדן די פֿולע זיכערקייט פֿון לעבן און אייגנס. פֿאַר הרגען אַ ייִדן קומט דעם מערדער טויטשטראָף און קאָנפֿיסקאַציע פֿון זײַן אייגנס און פֿאַר פֿאַרוווּנדן אַ ייִדן קומט אַ הויכע געלטשטראָף. שטרענג איז פֿאַרבאָטן צו צעשטערן ייִדישע בית־עלמינס און שולן, אַפֿילו צו וואַרפֿן שטיינער אין „ייִדישע שולן“ (scholas judaeorum), און אויך צוצוכאַפּן ייִדישע קינדער אויף צו שמדן זיי. אַ באַשולדיקונג וואָס אַ קריסט שטעלט אַרויס קעגן ייִדן ווערט גערעכנט פֿאַר דערוויזן, נאָר ווען זי ווערט באַשטעטיקט אויך דורך אַן עדות אַ ייִדן. אַלע אַזעלכע פּראָצעסן שטייען ניט אונטער דעם אַלגעמיינעם מלוכישן אָדער שטאָטישן געריכט, נאָר אונטער דעם „ייִדישן ריכטער“ (judex judaeorum), וואָס דער הערצאָג באַשטימט אים פֿון צווישן די קריסטלעכע באַאַמטע. סיכסוכים צווישן ייִדן גופֿא קאָנען ווערן באַטראַכט, לויטן פֿאַרלאַנג פֿון די צדדים, אָדער בײַ אָט דעם הערצאָגלעכן ריכטער אָדער בײַ דעם בית־דין פֿון דער קהילה. ייִדן האָבן פֿולע פֿרײַהייט צו וווינען, אַרומצופֿאָרן און צו האַנדלען אין גאַנץ עסטרײַך, און דערבײַ ווערט באַזונדערס געשטיצט דער געלטהאַנדל. אין דעם עסטרײַכישן סטאַטוט זײַנען אײַנגעשטעלט אַזעלכע הנחות פֿאַר די מלווים בײַ קרעדיט־אָפּעראַציעס, אַז עס איז קלאָר צו זען דער ווונטש פֿון דעם געזעצגעבער צו ווענדן די טעטיקייט פֿון די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן גראָד אין דער זײַט. דער מאַקסימום פֿון געזעצלעכן ריווח אויף קאַפּיטאַל וואָס ווערט דאָ אײַנגעשטעלט (8 פֿעניג אַ וואָך פֿון אַ פֿונט פֿון 240 פֿעניג, וואָס דאָס באַטרעפֿט איבער 173 פּראָצענט אַ יאָר) איז העכער ווי אין דעם גרעסטן טייל אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. מען מעג משער זײַן, אַז די רעגירנדיקע קרײַזן האָבן געקראָגן פֿון ייִדן וואָלוועלן קרעדיט, און דערפֿאַר האָבן זיי ניט געדאַגעט וועגן די וואָס נייטיקן זיך אין קליינעם קרעדיט. די באַשיצערס פֿון דעם געלטהאַנדל האָבן ניט געקלערט וועגן די טרויעריקע רעזולטאַטן, וואָס עס קאָנען אַרויסקומען פֿון דעם פֿאַר די „פּריווילעגירטע וואָכערניקעס“, וואָס די באַפֿעלקערונג האָט זיי ניט ליב געהאַט. אין דער צײַט, ווען דער וועג פֿאַר קרעדיט־אָפּעראַציעס איז געווען ברייט געעפֿנט פֿאַר ייִדן, זײַנען די וועגן צום סחורות־האַנדל און צו דער מלאָכה בהדרגה פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט

www.libtool.com.cn

געוואָרן, אין דער מאָס ווי עס זײַנען געוואַקסן די אָרגאַניזאַציעס פֿון דער בירגערשאַפֿט: די סוחרישע גילדעס און די בעל-מלאָכישע צעכן.

דער הערצאָג פֿרידריך דער קריגערישער, וואָס די ייִדן די פֿינאַנסיסטן האָבן אים געטרײַ געדינט בעת זײַנע מלחמות, איז אומגעקומען אין דער מלחמה מיטן אונגערישן קיניג בעלאַ IV (1246). דאָס הערצאָגטום עסטרײַך איז אָנגעקומען לויטן אויסקלײַב פֿון די שטאַנדן דעם מאַרקגראַף פֿון מערן, דעם שפּעטערדיקן קיניג פֿון ביימען אָטאָקאַר II (1251). אין ביימען זײַנען ייִדן שוין לאַנג געווען געקומען צו זיך נאָך די פּורעניות פֿון די ערשטע קרייצצוגן (באַנד I, § 37), און זייערע קהילות אין פּראָג און אין אַנדערע שטעט זײַנען אויסגעוואַקסן דורך דעם צושטראָם פֿון אײַנוואַנדערערס פֿון דײַטשלאַנד. די פּרוּוון פֿון צופֿעליקע באַנדעס קרייצלערס צו מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן האָבן באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דעם קיניג ווענצעל I (1235–1253); בעת איינעם אַן אָנפֿאַל אַזאַ האָט דער קיניג געגעבן די ייִדן געווער, און זיי האָבן מיט גבֿורה אָפּגעשלאָגן דעם אָנפֿאַל פֿון די רוצחים. ווענצעלס זון אָטאָקאַר II (1253–1276), וואָס איז געוואָרן הערצאָג פֿון עסטרײַך, נאָך בעת זײַן פֿאָטער האָט געלעבט, איז געוואָרן נאָך זײַן טויט דער האַר פֿון אַ גרויסער מלוכה, וואָס האָט אַרומגענומען ביימען, מערן, עסטרײַך און שטײַערמאַרק. ווי באַלד מען איז געוואָרן אַ גרויסע מלוכה, איז מען שוין געווען מחויבֿ צו פֿירן אַ סך מלחמות: מען האָט געמוזט באַשיצן די גרענעצן קעגן די שכנים: דײַטשלאַנד, אונגערן, פּוילן. דעריבער האָט אָטאָקאַר נאָך מער ווי זײַן פֿאָרגייער אויפֿן עסטרײַכישן טרוין זיך גענייטיקט אין דער הילף פֿון די ייִדישע מלווים און שטײַער-אײַנמאָנערס. מחמת דעם האָט ער אין יאָר 1254 אַרויסגעגעבן די ייִדן פֿון די מדינות אונטער זײַן ממשלה אַ כאַרטיע נאָך מיט מער הנחות, ווי הערצאָג פֿרידריך (דער אַקט איז איבערגעחזרט געוואָרן שפּעטער אין די יאָרן 1255 און 1268). צו די פּריווילעגיעס פֿון דער פֿריִערדיקער כאַרטיע האָט אָטאָקאַר צוגעגעבן נאָך עטלעכע הנחה-פּונקטן, וואָס צווישן זיי איז געווען דער וויכטיקסטער פּונקט פֿאַר יענער צײַט אַזעלכער: „לויט די תּקנות פֿון דעם פּויפּס, אין נאָמען פֿון דעם הייליקן פֿאָטער, פֿאַרבאָטן מיר אויפֿן שטרענגסטן אופֿן צו באַשולדיקן אייניציקע ייִדן וואָס וווינען אין אונדזער מלוכה, אַז זיי נוצן מענטשלעך בלוט, ווארעם לויט די דינים פֿון זייער אמונה טאָרן ייִדן בכלל ניט באַנוצן קיין שום בלוט". פֿאַררופֿנדיק זיך אין דעם פֿאַל אויף דער באַוווסטער בולע פֿון אינאָקענטיוס IV פֿון דעם יאָר 1247, האָט דער קיניג אין די אַנדערע פּונקטן פֿון זײַן כּתבֿ לגמרי זיך ניט גערעכנט מיט די פּאָדערונגען פֿון די פּויפּסן און מיט די באַשטימונגען פֿון די קירכלעכע קאָנציליען, וואָס זײַנען געווענדט קעגן ייִדן. קיין איינער פֿון די קירכלעכע קאַנאָנען

www.libtool.com.cn

איז ניט אַרײַנגעגנומען געוואָרן אין אָטאָקאַרס כּתבֿ, אַפֿילו יענער וואָס פֿאַר־זאָגט, אַז ייִדן טאָרן ניט פֿאַרנעמען קיין שטעלעס אָדער אויספֿירן שליחותן, וואָס גיבן זיי מאַכט איבער קריסטן. אין דער אמתן האָט אָטאָקאַר ברייט אויסגענוצט די הילף פֿון ייִדישע שטײַערן־אויפֿמאָנערס און פֿינאַנציעלע אַגענטן. אין יאָר 1257 ווערן אין די אַקטן דערמאָנט דער ייִד לובלין און זײַן ברודער נעקאָלאָ מיט די טיטלען „קאַמערגראַפֿן פֿון דעם הערצאָג פֿון עסטרײַך" (comites camerae illustris ducis Austriae); זיי האָבן געהאַט זייער אייגנס מאַיאָנטקעס און האָבן קענטיק אויסגעפֿירט געוויסע וויכטיקע פֿונקציעס בײַם ווינער הויף. דער גילגול פֿון קאַמערקנעכט אין קאַמערגראַף האָט מן הסתם ניט געהערט צו די מעשׂים־בכל־יום, נאָר קענטיק, אַז דער סאָציאַלער מצבֿ פֿון ייִדן אין עסטרײַך און בײמען בכלל האָט זיך שטאַרק געבעסערט אונטער אָטאָקאַרס ליבעראַלן רעזשים.

דאָס האָבן ניט געקאָנט גלײַכגילטיק צוזען די קנאים פֿון דער ·קירך. דעם פּויפּס קלעמענס IV האָט מען געמסרט, אַז אין אָטאָקאַרס מלוכה ווערן לחלוטין ניט אָפּגעהיט די באַשטימונגען פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל. ייִדן זײַנען עלטסטע איבער קריסטן, האַלטן אין זייערע הײַזער קריסטלעכע באַדינערס, שיידן זיך ניט אָפּ פֿון קריסטן אין די מלבושים. האָט דער פּויפּס אין יאָר 1265 אַוועקגעשיקט דעם קאַרדינאַל גווידאָ ווי אַ לעגאַט קיין מזרח־דײַטשלאַנד, עסטרײַך און פּוילן מיט אַן אינסטרוקציע, וואָס איז אַרויס־געגומען פֿון אַ פּסוק פֿון ירמיה (א 10): „אויסצוואָרצלען, אויסצורײַסן, דערווײַטערן, פֿאַרלענדן, אָבער אויך צו בויען און צו פֿלאַנצן". דער קאַר־דינאַל דער דעלעגאַט האָט אויסגעפֿירט זײַן שליחות מיט גרויס התמדה: אומעטום האָט ער צונויפֿגערופֿן פּראָווינציעלע סינאָדן פֿון דער גײַסטלעכקייט און דורכגעפֿירט רעזאָלוציעס געוווּנטשענע פֿאַר רוים, סײַ בנוגע די אַלגע־מיינע ענינים פֿון דער קירך, סײַ בנוגע ייִדן. אין יאָר 1267 זײַנען געוואָרן צונויפֿגערופֿן צוויי אַזעלכע סינאָדן: אין ברעסלע פֿאַר די דיאָצעזעס פּוילן און שלעזיע, און אין ווין – פֿאַר עסטרײַך און בײמען. אין דעם ווינער סינאָד האָבן גענומען אַן אָנטייל די ביסקופֿן פֿון ווין, פּראָג, רעגנסבורג און אַנדערע שטעט און אַ סך גלחים. נאָכן אַרומריידן די אַלגעמיינע ענינים איז דער סינאָד אַריבער צו דער „ייִדישער פֿראַגע" און האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס, וואָס זײַנען אַ קאָנדענסירטער תּמצית פֿון אַלע אַלטע און נײַע ייִדנפֿײַנטלעכע קאַנאָנען. פֿאַר די רעזאָלוציעס איז געגאַנגען אַ קעמפֿערישער אַרײַנפֿיר: „היות ווי די חוצפּה פֿון ייִדן איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז בײַ אַ סך קריסטן איז פֿאַרשוועכט די לויטערע און הייליקע קאַטוילישע אמונה, טוען מיר באַשטימען: אַז די ייִדן, וואָס זײַנען מחויבֿ אין זייער הלבשה זיך אָפּצושיידן פֿון קריסטן, ווי דאָס איז באַשלאָסן אויף דעם אָיקומעניש

www.libtool.com.cn

קאָנציל (1215), זאָלן ווידער אָנהייבן צו טראָגן דאָס היטל מיט הערנער (pileum cornutum), וואָס זיי האָבן אַ מאָל געטראָגן אין די מדינות און האָבן אין זייער חוצפּה אויפֿגעהערט צו טראָגן, בכדי זיי זאָלן דײַטלעך זיך אָפּשיידן פֿון קריסטן. איטלעכער ייִד, וואָס וועט אַרויסגיין אין גאַס אָן אָט דעם צייכן און וועט ווערן פֿאַרהאַלטן, מוז ווערן באַשטראָפֿט מיט אַ געלטשטראָף לויט דעם באַפֿעל פֿון דעם אָרטיקן רעגירער". ווײַטער ווערן איבערגעחזרט די באַוווּסטע קאַנאָנען, וואָס פֿאַרבאָטן ייִדן צו האָבן אַ מגע־ומשׂא מיט קריסטלעכע משפּחות און אַ פּשיטא שוין צו לעבן מיט קריסטינס ווי מאַן און ווײַב (אַ ייִד וואָס לעבט מיט אַ קריסטין ווערט באַשטראָפֿט מיט אַ גרויסער געלטשטראָף, און די קריסטין ווערט עפֿנטלעך געשמיסן און אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט). מען טאָר ניט קויפֿן בײַ ייִדן קיין פֿלייש און אַנדערע עסנוואַרג אונטערן חשש פֿון פֿאַרסמונג. ייִדן טאָר מען ניט דערלאָזן צום אײַנמאָנען שטײַערן און צו אַנדערע עפֿנטלעכע אַמטן. אַ ייִד — אַ מלווה וואָס נעמט צו גרויסע פּראָצענטן אויף הלוואות, דאַרף מען אים פֿאַרבאָטן צו פֿירן געשעפֿטן מיט קריסטן, ביז ער וועט ניט אומקערן די איבערגענומענע ציִנזן. ייִדן ווערט פֿאַרבאָטן צו פֿירן וויכּוחים מיט קריסטן פֿון פּשוטן עולם וועגן דער קאַטוילישער אמונה. נײַע שולן איז פֿאַרבאָטן צו בויען און די אויסגעבויטע מוזן ווערן אַראָפּגעטראָגן; אַלטע שולן מעג מען רעמאָנטירן, אָבער ניט אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן העכער און שענער ווי פֿריִער. אַ ייִד אַן אייגנטימער פֿון ערד איז מחויבֿ צו צאָלן מעשׂר־ציִנז דעם אָרטיקן גלח, אַזוי ווי דאָס וואָלט געצאָלט אַ קריסט אויף זײַן אָרט. די קירכלעכע מאַכטאָרגאַנען קאָנען צווינגען די ייִדן אָפּצוהיטן אָט די אַלע קאַנאָנען, דורך דעם וואָס זיי וועלן פֿאַרבאָטן קריסטן צו האָבן געשעפֿטן מיט ייִדן, אויב זיי וועלן די קאַנאָנען ניט אָפּהיטן; די פֿירשטן ווידער רעדט דער סינאָד צו, זיי זאָלן אָפּנעמען זייער שוץ פֿון יענע ייִדן, וואָס וועלן עובֿר זײַן אויף די קאַנאָנען, — אַניט וועט די פֿירשטן גופֿא און זייערע באַאַמטע ווערן פֿאַרבאָטן אַרײַנצוגיין אין קירך און צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם גאָטדינסט.

ווי אַן ענטפֿער אויף די דאָזיקע פֿאָדערונגען און סטראַשונקעס האָט דער קיניג אָטאָקאַר II אַ יאָר שפּעטער (1268) פֿײַערלעך באַשטעטיקט זײַן פּריווילעגיע... 

די ייִדן פֿון אַלע טיילן פֿון זײַן מלוכה, דערבײַ האָט ער אין דעם נײַעם כּתבֿ אונטערגעשטראָכן, אַז די ייִדן „געהערן צו דער קיניגלעכער קאַמער און געניטיקן זיך אין אונדזער באַזונדערן שוץ און הילף". אין עטלעכע יאָר אַרום (1273) האָט דער ביסקופּ ברונאָ פֿון אָלמיץ זיך באַקלאָגט אין זײַן מעלדונג צום פּויפּס גרעגאָר X, אַז ייִדן האַלטן ווי פֿריִער קריסטלעכע אַמטן, פֿאַרנעמען שטעלעס בײַם אויפֿמאָנען שטײַערן און אויסשלאָגן מטבעות, אַנטלײַען געלט אויף ציִנזן אויף אַזאַ שטייגער, אַז נאָכן

www.libtool.com.cn

אויסגאַנג פֿון יאָר באַטרעפֿן די פּראָצענטן מער ווי דער קרן, און דערבײַ נעמען זיי פֿאַר משכּנות אויך קירכלעכע כּלים, ניט געקוקט אויפֿן פֿאַרבאָט. משמעות, אַז אויך די איבעריקע פּונקטן פֿון דער ווינער קירכלעכער קאָנסטיטוציע זײַנען ניט אָפּגעהיט געוואָרן. דער סינאָד פֿון דער דיאָצעזע זאַלצבורג האָט אין יאָר 1274 זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס די שליחות פֿון דעם קאַרדינאַל גווידאָ האָט קיין הצלחה ניט געהאַט.

די הצלחה פֿון די ייִדן האָט זיך געענדיקט נאָך אָטאָקאַר IIגס טויט, ווען דער דײַטשער קיסר רודאָלף פֿון האַבסבורג האָט פֿאַרנומען עסטרײַך (1276) און אַרײַנגעצויגן זי אין קרײַז פֿון דער אַלגעמיין=דײַטשער פּאָליטיק. רודאָלף האָט באַשטעטיקט פֿרידריכס כּתבֿ פֿאַר די עסטרײַכישע ייִדן (און ניט אָטאָקאַרס כּתבֿ וואָס האָט געהאַט מער הנחות), נאָר אין דער זעלביקער צײַט האָט ער ניט געוואָלט אײַנרײַסן אויך מיט זייערע געגנערס פֿון דער גײַסטלעכקייט און בירגערשאַפֿט. אין דער פּריווילעגיע פֿאַר דער שטאָט ווין האָט ער, לויטן מוסטער פֿון קיסר פֿרידריך II, שטרענג פֿאַרבאָטן ייִדן צו פֿאַרנעמען עפֿנטלעכע שטעלעס, און אַזוי אַרום מבֿטל געווען די השפּעה פֿון די ייִדישע פֿינאַנסיסטן בײַם הויף. זײַן יורש אַלברעכט I האָט שוין געמוזט זיך רעכענען מיט דער אַנטי=ייִדישער באַוועגונג וואָס איז אויסגעוואַקסן אין לאַנד. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך פֿאַרשטאַרקט צוזאַמען מיטן וווקס פֿון די ייִדישע קהילות אין עסטרײַך (ווין, ווינער=נײַשטאַט, פּעלטען, קרעמס א״אַ), וואָס אַהין האָט זיך געווענדט דער שטראָם אויסוואַנדערער פֿון דײַטשלאַנד. אַ בירגערלעכער שירים=שרײַבער פֿון יענער צײַט, זיגפֿריד העלבלינג, האָט אויסגעדריקט די רשעותדיקע שטימונג פֿון זײַן קרײַז, ווען ער האָט געשריבן אין זײַנע אַלטדײַטשע גראַמען: „צו פֿיל ייִדן זײַנען אין אָט דעם לאַנד, פֿון זיי קומט יעדער זינד און שאַנד. גענוג דרײַסיק ייִדן אין אַ שטאָט, זי זאָל ווערן פֿול מיט געשטאַנק און געשפּאָט. וואָלט איך אַ פֿירשט געווען, וואָלט איך אײַך, ייִדן, געהייסן אַלעמען פֿאַרברענען. ניט אומזיסט האָט קיסר אַספּסינוס און זײַן ברודער [?] טיטוס, נאָך דעם ווי זיי האָבן צעשטערט ירושלים, פֿאַרקויפֿט אײַערע געפֿאַנגענע צו דרײַסיק שטיק פֿאַר אַ פּעניג“. די גײַסטלעכקייט האָט אָנגערייצט דעם אָבערגלייבישן המון=עם קעגן ייִדן דורך ווילדע לעגענדעס וועגן ריטועלע מאָרדן און האָסטיע=שענדונגען. דורך אַ בילבול קעגן ייִדן אין קרעמס, אַז זיי זאָלן האָבן דערהרגעט אַ קריסט אויף צו קריגן בלוט (propter capiendum sanguinem) האָבן באַצאָלט מיטן לעבן צוויי ייִדישע קדושים; אַנדערע באַשולדיקטע זײַנען אָפּגעקומען מיט געלטשטראָף לטובֿת אַלברעכט I (1293).

אין יאָר 1298 זײַנען קיין עסטרײַך אַרײַנגעדרונגען פֿון בײַערן רינד=פֿליישס בלוטדאָרשטיקע באַנדעס, וואָס האָבן אויפֿגערייצט דעם המון=עם מיט

www.libtool.com.cn

קלאַנגען, אַז ייִדן האָבן פֿאַרשווועכט האָסטיעס, און חרוב געמאַכט עטלעכע ייִדישע קהילות. באַלד האָבן אין עסטרײַך זיך באַוויזן אייגענע „מופֿתדיקע האָסטיעס" אין קירכן און קאַפּליצעס, און אַהין האָט גענומען שטראָמען דער פֿינצטערער המון. אין שטאָט קאָרנײַבורג האָבן די מאַכערס פֿון אַזעלכע מופֿתים זיך אַ סטאַרע געטאָן, אַז אויפֿן שוועל פֿון איינעם אַ ייִדנס הויז זאָל מען געפֿינען אַ טייל פֿון אַ קירכלעכער האָסטיע, וואָס איז געווען צעטראָטן און האָט „געבלוטיקט"; האָבן די אויפֿגערייצטע שטאָטלײַט פֿאַרברענט דעם ייִדנס משפּחה און די איבעריקע ייִדן פֿאַרטריבן פֿון שטאָט (1305 אָדער 1306). עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די גלחים מאַכן אַליין טייל מאָל אַזעלכע האָסטיעס און לאָזן זיי אָנזאַפּן זיך מיט בלוט, און דערפֿאַר האָט דער אָרטיקער ביסקופּ פֿאַרבאָטן דעם קולט פֿון האָסטיעס. דאָס האָט אויך געפֿאָדערט דער הערצאָג אַלברעכט, וואָס האָט זיך געפֿלײַסט אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען, וואָס פֿלעגן אויסברעכן אויפֿן גרונט פֿון דער ווילדער לעגענדע. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די פֿאַרווילדערטע פֿאַנאַטיקער אין אַ צווייטער שטאָט, פּעלטען, אויסצוקלערן נאָך אַ מעשׂה וועגן אַ פֿאַרשווועכטער האָסטיע. בירגער, וואָס האָבן געהאַט סיכסוכים מיט אָרטיקע ייִדן פֿון וועגן געלטגעשעפֿטן, האָבן אויסגענוצט די קלאַנגען וועגן חילול-הקודש, זיך אַ לאָז געטאָן אויף ייִדן, עטלעכע דערהרגעט און די איבעריקע באַראַבעוועט. אַלברעכט, וואָס איז געוואָרן אין כּעס דערויף וואָס מען שטעלט סיסטעמאַטיש בדלות זײַנע קאַמערקנעכט, האָט זיך פֿירגענומען צו באַשטראָפֿן שטרענג די פּאָגראָמשטשיקעס. זײַן חייל האָט אַרומגערינגלט די שטאָט און איז געווען גרייט זי אויסצוגלײַכן מיט דער ערד, אָבער עס האָט זיך אײַנגעשטעלט דער האַר פֿון דער שטאָט, דער ביסקופּ, און אַלברעכט האָט זיך באַנוגנט מיט נעמען קאָנטריבוציע פֿון די בירגער און פֿון דער גײַסטלעכקייט. פֿרומע קריסטן האָבן געשאָלטן דעם באַשיצער פֿון די ייִדן, און אַז אַלברעכט I איז אין גיכן דערהרגעט געוואָרן (1307), האָט דאָס פֿאָלק דאָס באַטראַכט ווי גאָטס שטראָף פֿאַר באַשיצן די אומגלייביקע קעגן די זין פֿון דער קירך.

אַ קאַמף צווישן דער וועלטלעכער און גײַסטלעכער מאַכט פֿון וועגן די ייִדן איז געגאַנגען אויך אין אַ שכנישן לאַנד, ווו עס האָבן זיך צו ערשט אין 13טן י"ה בולט אַנטפּלעקט די שטריכן פֿון דער מיטלעלטערישער אָרדענונג. אין א ו נ ג ע ר ן, ווו עס האָבן צווישן דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג געלעבט גרעסערע מאַסן אַנדערשגלייביקע: מוסלימס, ייִדן און אַפֿילו היידן, האָט די ווידעראַנאַנדיקייט פֿון די אינטערעסן פֿון דער מלוכה און פֿון דער קירך זיך געמוזט אַרויסווײַזן שאַרפֿער ווי אין די לענדער, ווו דער באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג איז ניט געווען אַזאַ בונטער. די ניכטערע פּאָליטיק לטובֿת דער מלוכה האָט באַוויזן די אונגערישע מלכים צו טאָלע-

www.libtool.com.cn

רירן די אַנדערשגלייביקע און אויסנוצן זייער עקאָנאָמישע טעטיקייט צוליב די אינטערעסן פֿון דער מלוכה, די גײַסטלעכקייט אָבער (חוץ עטלעכע ביס־קופּן־פּעדאַלן, וואָס זײַנען געווען פערזענלעך פֿאַראינטערעסירט צו באַשיצן יִדן אין זייערע שטעט) און די קאָנקורירנדיקע קריסטלעכע שטאַנדן פֿלעגן געוויינטלעך בײַ יעדער הנחה, וואָס פֿלעגט געגעבן ווערן די אַנדערשגליי־ביקע, אויפֿהייבן אַ געשריי, אַז דער גלויבן איז אין סכּנה.

היות ווי די קרייצצוגן האָבן די אונגערישע יִדן ניט אָנגערירט (באַנד I, § 37), דעריבער איז זייער צאָל אָן אויפֿהער געוואַקסן דורך אימיגראַציע, און אין 12טן י״ה זײַנען זיי געווען אַ וואָגיקע ווירטשאַפֿטלעכע קראַפֿט, וואָס אָן איר האָט די רעגירונג ניט געקאָנט זיך באַגיין. די אונגערישע מלכים פֿון דער אַרפּאַד־דינאַסטיע האָבן זיך געפֿונען אין דעם זעלביקן מצבֿ לגבי די יִדישע פֿינאַנסיסטן, ווי די מלכים פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָניע: זיי זײַנען געווען אָנגעוויזן אויף דעם געלט, וואָס עס האָבן זיי צוגעשטעלט זייערע יִדישע פֿינאַנציעלע אַגענטן, שטײַער־מאָנערס, אַרענדאַרן פֿון זאַלצ־גרובן און „מאָנעטאַרער" (מינצערס, וואָס האָבן געהאַט צו שאַפֿן איבער דעם אויסשלאָגן מטבעות). אונטער דעם קיניג אַנדרעאַס II (1235–1205) האָבן אייניקע פֿון די דאָזיקע פֿינאַנסיסטן געשפּילט די ראָלע פֿון שׂררות און האָבן, ווי אין עסטרײַך, געטראָגן דעם טיטל „קאַמערגראַפֿן" (comites camerae). איינער פֿון אַזעלכע פֿינאַנציעלע שׂרים, דער באַנקיר טעקאַנוס, האָט געהאַט זײַן אייגנס מאַיאָנטקעס אין אונגערן און עסטרײַך, האָט געהאַט אַ הויז אין ווין און איז געווען דער פֿאַרמיטלער אין פֿינאַנציעלע ענינים צווישן דעם אונגערישן קיניג און דעם הערצאָג פֿון עסטרײַך.

די השפּעה פֿון די יִדישע שׂררות בײַם הויף האָט אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים די אונגערישע אַדללײַט, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַלע פּאָסטנס און טיטלען קומען נאָר זיי, און די גײַסטלעכע, וואָס האָבן דערין אײַנגעזען אַן עבֿרה קעגן דער דאָגמע וועגן דער אייביקער קנעכטשאַפֿט פֿון יִדן, וואָס איז ניט לאַנג פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפֿן פּויפּסטלעכן קאָנציל פֿון יאָר 1215. האָט זיך דעמאָלט קעגן דעם ליבעראַלן קיניג אויפֿגעהויבן אַזאַ אַגיטאַציע, אַז ער איז געצוווּנגען געווען אַרויסצוגעבן דעם אַדל אַ „גילדענע בולע" (1222), ווּ ער האָט זיך מתחייבֿ געווען אָפּצוהיטן די פּריווילעגיעס פֿון דעם אַדלשטאַנד און ניט אָפּצוגעבן אין אַרענדע יִדן און מוסלמענער ניט דאָס אויפֿמאָנען שטײַערן און אַקציזן, ניט דאָס רעכט אויסצושלאָגן מטבעות, ווי ווײַט דאָס גיט זיי דאָס רעכט פֿון מלוכה־פֿונקציאָנאַרן. דער קיניג האָט אָבער די דאָזיקע הבטחות ניט געקאָנט האַלטן: אָן די פֿעיִקע יִדישע פֿינאַנ־סיסטן וואָלט ער געבליבן אָן פֿינאַנצן. באַלד האָט ער ווידער געמוזט אָפּגעבן צו יִדישע אַרענדאַרן אויפֿצומאָנען שטײַערן. דער קיניג האָט אויך ניט

www.libtool.com.cn

געקאָנט פאַרווערן רײַכע מוסלמענער צו האַלטן אין זייערע מאַיאָנטקעס קריסטלעכע לײַב־אייגענע, קעגן דעם קאַנאָנישן געזעץ. דעמאָלט האָט דער אונגערישער ביסקופּ אָוועקגעשיקט צום פּויפּס גרעגאָר IX אַ שטרענגע מסירה: יידן און סאַראַצינער פאַרכאַפּן די מאַכט אין דער מלוכה, דערנעענטערן זיך צו קריסטן און לעבן אַפילו מיט קריסטינס, פאַרפירן קריסטן אָנצונעמען זייער אמונה אאַז״וו. דער פּויפּס האָט דערויף געהייסן דעם אַרציביסקופּ, אַז ער זאָל אָנזאָגן די גײַסטלעכע, זיי זאָלן ניט צולאָזן צו דער קירכלעכער קאָמוניע און צו אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס קיינעם, ווער עס איז שולדיק אין פאַרגרינגערן די פרעמדגלייביקע דאָס לעבן (1231). דער קיניג האָט ווידער אַ מאָל געמוזט זיך אונטערגעבן, נאָר וועדליג עס איז צו זען פון די מוסר־בריוו, וואָס דער פּויפּס האָט אויך שפּעטער געשיקט צו אים, האָט ער אויך ווײַטער געזינדיקט קעגן די הייליקע קאַנאָנען.

ווי עס איז צו זען פון דער דערציילונג פון אַ בן־דור, איז די הויפּט־סיבה דערפון, וואָס מען איז געווען ניט צופרידן מיט די יידישע שטײַערן־אויפמאָנערס, געווען דאָס, וואָס זיי האָבן שטרענג אויפגעמאָנט שטײַערן אויך פון די פּריווילעגירטע אַדללײַט, וואָס זײַנען גערן געווען צו נעמען פון דער מלוכה־קאַסע, אָבער ניט צו געבן איר. צוליב דער טובה פון דער מלוכה האָט מען געמוזט ווידער אויפריכטן די אַרענדע־סיסטעם, און דער נײַער קיניג בעלאַ IV (1135—1270) האָט זיך משתדל געווען בײַם פּויפּס, ער זאָל אים מתיר זײַן אָפּצוגעבן די מלוכה־הכנסות אין אַרענדע צו יידן, מחמת זיי צאָלן אויס די אַרענדע־סומע אין פאָרויס, אָפט מאָל אַפילו מיט ריזיקע פון היזק. גרעגאָר IX האָט טאַקע געהאַט אײַנזעעניש מיטן קיניגס פינאַנציעלער נויט און האָט אים געגעבן די דערלויבעניש וואָס ער האָט געבעטן (1239). אַזוי־אַרום האָבן די יידן די אַרענדאַטאָרן געקאָנט ווײַטער פירן זייער טעטיקייט. זיי האָבן דעם קיניג גוט צוגעדינט אין דער עת־צרה, בעת דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן (1241), ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן פאַרוויסט, און אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט געליטן.

נאָר דורך דער געגנערשאַפט פון די העכערע שטאַנדן זײַנען די יידן אַלץ מער אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דעם געביט פון די מלוכישע פינאַנצן אין געביט פון דעם פּריוואַטן קרעדיט אַרײַן. דער קיניגלעכער סטאַטוט וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1251 שטיצט אונטער די קליינע קרעדיט־אָפּעראַציעס פון יידן. כמעט אידענטיש לויטן אינהאַלט מיט די דערמאָנטע עסטרײַכישע כאַרטיעס, באַווײַזט דער סטאַטוט פון בעלאַ IV, אַז אויך די יידישע קאָלאָניע אין אונגערן איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם אַלגעמײַ־נעם סדר פון דעם מיטלעלטערישן לעבן. דעם קיניגס צוזאָג צו באַשיצן יידן קעגן אָנפאַלן באַווײַזט, אַז אויך אין אונגערן איז אין יענער ווילדער

www.libtool.com.cn

צייַט געווען אומרויִק. די קירכלעכע קאַנאָנען צו ליב איז אין סטאַטוט אַרייַנגעשטעלט געוואָרן אַ פּונקט, אַז אַ ייִד, וואָס האָט געגעבן אַ הלוואה אַן אונגערישן אַדלמאַן אויפן משכון פון זייַן מאַיאָנטעק, און דער בעל־חוב צאָלט אים ניט אָפּ דעם חוב, האָט דאָס רעכט צו באַקומען די הכנסות פון דעם פאַרמשכונטן מאַיאָנטעק, אָבער ער האָט ניט צו שאַפן איבער די קריסטן וואָס וווינען דאָרט. נאָר אָט די הנחות האָבן פאָרט ניט צופרידן געשטעלט די קנאים פון דער קירך, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז אין דער „ייִדישער קאָנסטיטוציע" זאָלן ווערן אַרייַנגעשטעלט די אַנטי־ייִדישע קאַנאָנען פון די קאָנציל. און אויך דאָ, פּונקט ווי אין עסטרייַך, שטעלט די גייַסטלעכקייט אַנטקעגן איר קאַטוילישע קאָנסטיטוציע קעגן דער וועלטלעכער.

אין יאָר 1279 האָט זיך צונויפגעקליבן אין דער אונגערישער קרוינשטאָט בודאַ (אָפּען) אַ גרויסער סינאָד פון ביסקופּן און גייַסטלעכע, אונטערן פאָרזיץ פון אַ פּויפּסלעכן דעלעגאַט. דער הויפּטציל פון דעם סינאָד איז באַשטאַנען אין פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דער גייַסטלעכקייט אין אונגערן, ווי עס איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן אָפּשמדן די טאָטערן—די קומאַנען. פאַר איין וועגס איז דאָ אויך פאַרענטפערט געוואָרן די ייִדישע פראַגע: ייִדן, און בכלל אַלע ניט־קאַטוילן, איז געוואָרן פאַרבאָטן צו אַרענדירן פריצישע מאַיאָנטקעס, און יענע פריצים, וואָס גיבן אָפּ אין אַרענדע ערד צו פרעמדגלייביקע, ווערן אַרייַנגעלייגט אין חרם, ביז זיי וועלן ניט מבטל זייַן דעם אַרענדע־אָפּמאַך; ביסקופּן וואָס באַקומען הכנסה פון אַזעלכע אַרענדאַטאָרן פאַרלירן זייער שטעלע און זייער גדולה; בכדי ייִדן זאָלן ניט ווערן נאָענט מיט זייערע קריסטלעכע שכנים, מוזן ייִדישע מאַנצבילן און פרויען טראָגן אויף זייער אייבער־בגד, פון דער לינקער זייַט ברוסט, אַ קייַלעכיק שטיקל רויט געוואַנט (די מוסלימס האָבן געמוזט טראָגן אויך אַ צייכן, אָבער פון געל געוואַנט).

דער אונגערישער קיניג וולאַדיסלאַוו IV איז געווען שטאַרק ניט צופרידן מיט די החלטות פון דעם סינאָד און האָט אים פונאַנדערגעלאָזט, איידער ער האָט פאַרענדיקט זייַן אַרבעט, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אונטערגעגעבן און צוגעזאָגט אָפּצוהיטן די קאַנאָנען. צי האָט ער געהאַלטן וואָרט – דאָס איז אַן אַנדער שאַלה: דאָרט ווו די ביסקופּן וואָס זייַנען געזעסן אין סינאָד האָבן געמוזט סטראַשען ביסקופּן אַראָפּצוזעצן זיי פון אַמט, אויב זיי וועלן אָפּגעבן זייערע נחלאות ייִדן אין אַרענדע, איז קוים צו גלייבן, אַז די וועלטלעכע מאַכט זאָל פּינקטלעך אָפּהיטן די קאַנאָנען פון די קאָנצילן. ביז וואַנען די דינאַסטיע פון די אַרפּאַדער איז געפאַלן (1301), האָבן ייִדן אין אונגערן גענאָסן דעם שוץ פון די מלכים און האָבן געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן די שטרעבונגען פון די קלעריקאַלן אַראָפּצודריקן זיי צום מצב פון פאַריער.

www.libtool.com.cn

נאָר אין 14טן יאָרהונדערט האָבן זיך אויף זיי, פּונקט ווי אויף אַלע ייִדן פון אייראָפּע, אַ שאָט געטאָן שווערע פורעניות.

### § 25. די קהילה-אָרדענונג און די רבנות

אין דער דײַטשער געזעצגעבונג פון 13טן י״ה זײַנען די רעכט און די חיובים פון דער ייִדישער קהילה ניט באַשטימט מיט אַזאַ גענויקייט, ווי אין די שפּאַנישע געזעצן פון יענער צײַט (אויבן, § 11 און § 13). די דײַטשע מושלים זײַנען נאָך ניט געווען געקומען אויפן רעיון צו מאַכן די וועדים פון די ייִדישע קהילות פאַר געצײַג פון זייער פיסקוס און פון זייער פינאַנציעלער פּאָליטיק. דער וועד פון דער קהילה, וואָס האָט געטראָגן לגבי דער מאַכט די אַחריות פאַר די געוויינטלעכע און אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלן לטובת דעם קיניג אָדער די פעאָדאַלן, האָט זיך פאַרנומען מיט דער הערכה פון די דאָזיקע אָפּצאָלן [1], מיט די אינעווייניקסטע ענינים פון דער אויטאָנאָמער קהילה האָבן די מושלים זיך ניט אינטערעסירט. זיי האָבן זיך נאָר גערעכנט מיטן פאַקט, וואָס עס עקסיסטירן באַזונדערע ייִדישע קוואַרטאַלן, „יודן-בישאָפן" אָדער רבנים, זייערע אויטאָנאָמע בתי-דינים און אַנדערע מוסדות. ייִדן האָבן געהאַט די ברירה צו פירן זייערע ציווילע פּראָצעסן ענטפער בײַם רבנישן בית-דין אָדער בײַ דעם קיניגלעכן שופט וועגן ייִדישע ענינים וואָס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן דערצו (judex judaeorum), און לויטן הסכם צווישן די צדדים האָט דער רבנישער בית-דין געמעגט אַפילו אין דיני ממונות פסקענען בײַ די לאָדענישן צווישן ייִדן און קריסטן.

פון דער רבנישער ליטעראַטור פון יענער צײַט קאָן מען שעפּן אייניקע ידיעות וועגן דער אינעווייניקסטער אָרדענונג פון די קהילות אין דײַטש-לאַנד. פאָרשטייער פון דער קהילה אָדער מיטגלידער פון דעם וועד פלעגן קלײַבן אַלע מיטגלידער פון דער קהילה וואָס צאָלן שטײַערן. בעת די וואַלן פלעגן פירן אַ קאַמף קאַנדידאַטן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, און עס פלעגט אַ מאָל דערגיין צו אַ שפּאַלטונג; אין זעלטענע פאַלן פלעגט דער שוואַכערער צד זוכן אונטערשטיצונג בײַ דער אָרטיקער קריסטלעכער מאַכט, – דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר אַ פעלשונג אין דעם פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע און פאַר אַ מעשה מגונה ווי אַ מסירה. איין מאָל האָט געטראָפן, אַז דער קעלנער אַרצי-ביסקופּ האָט געוואָלט באַשטעטיקן איין קאַנדידאַט פאַר אַ חזן אין אַ שול, האָט יענער געזאָגט: „איך וועל פון דיר ניט אָננעמען די הרשאה אויף דער

---

1 אין די שאלות-ותשובות פון די רבנים פון יענער צײַט געפינט מען שקלא-וטריא און פסקים וועגן הערכה פון שטײַערן, וועגן די קאָנפליקטן באַציִונגען צווישן אייניקע קהילות, צווישן צאָלערס און די מאַכטאָרגאַנען (זע למשל די תשובות פון ר׳ מאיר מרוטנבורג).

www.libtool.com.cn

עבֿודת־הבורא״. די פונקציעס פון די אַסיפֿות פון די קהילות און פון די וועדים ווערן באַשטימט אין אַ תשובֿה פון רבי מאיר מרוטנבורג אויף אַזאַ אופֿן: „אויסצוקלײַבן פּרנסים און חזנים, באַשטימען גבאים, גרינדן פֿאָנדן פֿאַר צדקה, בויען אָדער פֿאַרריכטן בתי־כּנסיות, דינגען לאָקאַלן פֿאַר חתונות און וואַרשטאַטן (געזעלשאַפֿטלעכע)״.

צונויפֿפֿאָרן פֿון רבנים און פֿאָרשטייערס פֿון קהילות, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פֿראַנקרײַך אין 12טן י״ה (באַנד I, § 38), זײַנען אויך אין דײַטשלאַנד צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין משך פֿון דעם ווײַטערדיקן יאָרהונדערט. עס זײַנען געבליבן ידיעות וועגן אַזעלכע צונויפֿפֿאָרן אין דער ריינישער געגנט, אין דער גרופּע פֿון די קהילות שפּײַער, וואָרמס, מאַינץ (שו״ם). די רבנים פֿלעגן זיך צונויפֿקומען בכדי אַרויסצוגעבן תּקנות וועגן רעליגיעזע ענינים, משפּחה־זאַכן און דער פֿירונג פֿון די קהילות, און אויך וועגן די באַציִונגען פֿון ייִדן צו דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט. דער צונויפֿ־פֿאָר אין מאַינץ פֿון יאָר 1220, וואָס אין אים האָבן זיך באַטייליקט איבער צוואַנציק דעלעגאַטן, צווישן זיי עטלעכע רבנים מפֿורסמים, האָט באַטראַכט אַזאַ ענין, וואָס פֿון אים האָט דער ייִדישער כּלל שטאַרק געליטן: ייִדן גבֿירים, וואָס האָבן געהאַט אַ צד בײַ די הויפֿן פֿון די קיסרים אָדער פֿון די פֿעאָדאַלע פֿירשטן, פֿלעגן אויספּועלן, אַז מען זאָל זיי באַפֿרײַען פֿון צו צאָלן שטײַערן, און מחמת דעם איז גאָר די שווערקייט פֿון אָפּצאָלן געפֿאַלן אויף דער אָרעמער מאַסע; דעריבער האָט דער צונויפֿפֿאָר באַשטימט, אַז אויך יענע ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרבינדונגען מיט די הויכע שׂררות, זײַנען מחויבֿ מיטצוטראָגן דעם עול פֿון די שטײַערן באַגלײַך מיט די איבעריקע ייִדן. דער צונויפֿפֿאָר האָט אויך אַרויסגעלייגט אַ חרם אויף יענע, וואָס וועלן אויספּועלן בײַ דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיי באַשטימען אויף אַ וואָסער עס איז התמנות אין דער קהילה, אָן דעם פֿרײַען אויסקלײַב פֿון אירע מיטגלי־דער. איין תּקנה האָט געזאָגט, אַז ייִדן מוזן זיך פֿירן שטרענג ערלעך אין געלטגעשעפֿטן מיט קריסטן און ניט באַנוצן פֿאַלש אָדער אָרומגעשניטן געלט. עס איז געוואָרן פֿאַרבאָטן צו מסרן איינער אויפֿן אַנדערן, ווי דאָס טרעפֿט געוויינטלעך אין אַ פֿאַרשקלאַפֿטער סבֿיבֿה. אַ ייִד האָט ניט געטאָרט אַנטלײַען אַ ייִדן געלט אויף פּראָצענט, אָבער ער האָט געמעגט אַנטלײַען געלט אויף אַ געשעפֿט, בכדי צו טיילן זיך מיטן לווה אין דעם ריווח און אויך אין דעם היזק פֿון געשעפֿט (היתּר־עיסקא).

די צונויפֿגעפֿאָרענע רבנים האָבן נאָך געפּסקנט פֿאַרשיידענע שאלות בנוגע משפּחה־ענינים און האָבן אײַנגעפֿירט תּקנות, ווי אַזוי ייִדן זאָלן זיך אָפּשיידן אויך פֿון אויסווייניק פֿון קריסטן: מען טאָר ניט שערן די האָר לויט דעם שטייגער פֿון די קריסטן אָדער טראָגן לאַנגע האָר, און אַ פּשיטא

www.libtool.com.cn

שוין גאָלן די באָרד. אין אַ תּקנה פֿון אײנעם פֿון די דעמאָלטיקע צונויפֿפֿאָרן שטייט געזאָגט, אַז אַ ייִד טאָר ניט אַרויסגיין אין גאַס אין אַ קריסטלעכן אָנטון, — דאָס האָט מן-הסתּם געהאַט אַ שײַכות מיט דעם קירכלעכן געזעץ, אַז ייִדן מוזן טראָגן באַזונדערע קליידער, אַז מען זאָל זיי קאָנען דערקענען פֿאַר ייִדן. פֿאַר די וואָס האָבן ניט געוואָלט פֿאָלגן איז געווען באַשטימט איין איינציקע שטראָף, וואָס די רבנים האָבן געקאָנט אַרויפֿלייגן: דער חרם, וואָס האָט ניט בלויז באַטײַט, אַז דער געטראָפֿענער ווערט אויסגעשלאָסן פֿון ייִדישן כּלל, נאָר אַז מען מוז דעם מענטשן אָנטון נגישות און רודפֿן אים „עד חרמה". היות ווי אַזאַ שטראָף איז זייער אַ האַרבע, דעריבער איז געוואָרן באַשטימט, אַז איין פּרנס אָדער איין רבֿ ווי אַ „דן יחידי" טאָר ניט אַרויפֿלייגן קיין חרם, כּדי אַ חרם זאָל זײַן גילטיק, מוז אים אָננעמען די אַסיפֿה פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער קהילה; און אַזוי איז דער סדר אויך בײַם אַראָפּנעמען דעם חרם, אויב דער פֿאַרמשפּטער האָט חרטה אויף זײַנע מעשׂים און וויל זיך איבערבעטן. די תּקנות פֿון אָט די צונויפֿ-פֿאָרן זײַנען געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען „תּקנות שפּײַער, וואָרמס, מאַינץ" (ראָשי-תּיבֿות: שו"ם), לויט די דרײַ הויפּט-קהילות, וואָס האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַטן. געוויינטלעך פֿלעגן די צונויפֿפֿאָרן זײַן אין מאַינץ.

אין צענטער פֿון דער ייִדישער אַליין-פֿאַרוואַלטונג איז געשטאַנען די קאָלעגיע פֿון די רבנים, וואָס איז געווען די אָנפֿירונג אין רעליגיעזע ענינים און אויך אין ענינים פֿון געריכט. דער רבֿ, אַ געלערנטער אין תּלמוד, אָפֿט אויך אַ ראָש-ישיבֿה, האָט צו גלײַך געדאַרפֿט פּסקענען שאלות פֿון פּראַקטישן לעבן. די תּלמודישע וויסנשאַפֿט האָט אין דײַטשלאַנד זיך שטאַרק אַנטוויקלט, מחמת זי איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן לעבן. די דײַטשע רבנים האָבן איבערגענומען די פּילפּוליסטישע גענג פֿון די פֿראַנצייזישע בעלי-תּוספֿות ניט נאָר ווי אַ מעטאָד צו לערנען די גמרא און צו „שאַרפֿן דעם שׂכל", נײַערט אויך ווי אַן אופֿן אַרויסצוגעפֿינען דעם דין אין געפּלאָנטערטע שאלות פֿון ציווילן רעכט און פֿון ריטואַל. די תּשובֿות פֿון די רבנים אויף יורידישע און רעליגיעזע שאלות זײַנען פֿול מיט אָט דעם געפּלאָנטערטן פּילפּול פֿון דער שיטה פֿון די בעלי-תּוספֿות. צו דער דאָזיקער שיטה האָבן געהערט די דרײַ גרעסטע רבנים אין דײַטשלאַנד אין 13טן י"ה: רבי יצחק אור זרוע פֿון ווין, רבי מאיר בן ברוך פֿון ראָטנבורג און רבי אָשר בן יחיאל אָדער דער ראָ"ש, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן פֿון דײַטשלאַנד קיין שפּאַניע.

רבי יצחק (אַן ערך 1260—1180) האָט אַ סך אַרומגעוואָגלט. געבאָרן אין ביימען, אַ תּלמיד פֿון די ישיבֿות פֿון פּראָג און רעגנסבורג, האָט ער אויך געלערנט אין די ישיבֿות פֿון די רייניש און צפֿון-פֿראַנצייזישע בעלי-תּוספֿות, און דערנאָך איז ער געווען רבֿ אין ווירצבורג, רעגנסבורג און ווין.

www.libtool.com.cn

דערפֿאַר האָט ער טאַקע געקענט גוט דאָס לעבן און די מנהגים פֿון ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער. דאָס איז גראָד דאָס וויכטיקסטע אין זײַן גרויסן חיבור „אור זרוע“ („צעשפּרייטע שײַן“), וואָס איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז די שפּעטערדיקע דורות האָבן דעם מחבר גופֿא אָנגערופֿן מיטן נאָמען פֿון זײַן ספֿר. דער ספֿר פֿאַר זיך איז האַלב אַ זאַמלונג הלכות און האַלב אַ פּירוש אויפֿן תּלמוד. זײַן טעקסט איז אויסגעשטעלט לויטן סדר פֿון די מסכתּות פֿון תּלמוד, נאָר דער מחבר שטרעבט אומעטום אַרויסצודרינגען פֿון זײַנע אײַנטײַטשונגען דעם דין, ווי אַזוי מען האָט זיך נוהג צו זײַן אין דער פּראַקטיק. ערטערווײַז ווערן אין טעקסט אַרײַנגעפֿלאָכטן שאלות־ותּשובֿות צווישן דעם מחבר און רבנים פֿון דײַטשלאַנד, עסטרײַך, פֿראַנקרײַך און איטאַליע. רבי יצחק דערמאָנט אָפֿט זײַן היימלאַנד, „ארץ כּנען“, וואָס בײַ אים באַטײַט דאָס די סלאַווישע ביימען; ער פֿאַרטײַטשט אַ סך העברעיִשע ווערטער אויף „לשון כּנען“ אָדער סלאַוויש, וואָס די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין ביימען האָט דעמאָלט מן־הסתּם גערעדט; ער דערמאָנט אויך וועגן די קהילות פֿון די שכנישע פּוילן און רוסלאַנד. אַזוי אַרום איז רבי יצחק אור זרוע איינער פֿון די ערשטע תּלמוד־לערערס בײַ די ייִדן אין די סלאַווישע לענדער, וואָס האָט פֿאַרשפּרייט צווישן זיי דעם „אור תּורה“. די לעצטע יאָרן האָט ר׳ יצחק פֿאַרנומען דעם כּסא הרבנות אין ווין, און פֿון דאָרט האָט ער געקענט האָבן השגחה אויך איבער די קהילות אין ביימען, וואָס איז גראָד דעמאָלט, אונטער אָטאָקאַר II, געוואָרן פֿאַראייניקט מיט עסטרײַך.

פּונקט אַזאַ אויטאָריטעט האָט געהאַט זײַן תּלמיד, דער אונדז שוין באַוווּסטער רבי מאיר מרוטנבורג (1215—1293), דער קרבן פֿון דעם קיסר רודאָלף פֿון האַבסבורגס געלט־געריקייט (§ 23). דורך זײַן לערנען תּורה מיט תּלמידים און דורך זײַנע חיבורים („תּוספֿות“ צו אַ סך מסכתּות פֿון תּלמוד און אַ סך תּשובֿות אויף פֿאַרשיידענע שאלות) איז ער געוואָרן דער מנהיג־הדור. אין ר׳ מאירס תּשובֿות (תּשובֿות הר״מ מרוטנבורג) טרעפֿט מען אַ מאָל אָנצוהערענישן אויף די שרעקלעכע מעשׂים פֿון יענער תּקופֿה. בעת אַ פּאָגראָם, ווען מען האָט איבער געוואַלד געשלעפּט ייִדן צום שמד, האָט איין ייִדישע משפּחה באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן; דער מאַן האָט געקוילעט די פֿרוי און די קינדער, נאָר אַליין איז ער געבליבן לעבן; איז ער געקומען שפּעטער צו ר׳ מאירן און האָט אים געבעטן, ער זאָל אויף אים אַרויפֿלייגן אַ האַרבע תּשובֿה, כּדי ער זאָל קריגן כּפּרה אויף זײַן חטא. נאָר ר׳ מאיר האָט אים געענטפֿערט, אַז ער איז פּטור פֿון תּשובֿה, וואָרעם ער איז שוין אָפּגעקומען זײַנס, ווײַל ער האָט דערשטיקט אין זיך די ליבשאַפֿט צו זײַן משפּחה צוליב קידוש־השם. אין אַ צווייטער שטאָט האָבן די דאָמיניקאַנער אַרײַנגעטריבן ייִדישע ווײַבער אין אַ קלויסטער, און אַ מאָנאַך אַ פּריידיקער

www.libtool.com.cn

האָט זיי צוגעגרייט צום שמד; ווען מען האָט די פאַרשפּאַרטע ווײַבער אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ, איז מען געקומען צו ר' מאירן מיט אַ שאלה, צי מעגן די מאַנען לעבן מיט די ווײַבער, די געוועזענע „שבויות". האָט ר' מאיר מתיר געווען, מחמת די ווײַבער האָבן דאָך קיין זאַך ניט געטאָן, נאָר אויסגעהערט די דרשה פון דעם פּריידיקער.

דער גרעסטער תּלמיד פון ר' מאיר מרוטנבורג איז געווען ר' אָשר בן יחיאל אָדער רא"ש. אויך זײַן לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאַטאַסטראָפע. איבערגעלעבט רינדפליישס גזרה (1298), האָט ער ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט איבער די כּוחות, וואָס איז נייטיק געווען אויף אויפצוריכטן דעם סדר אין די חרובֿ געוואָרענע קהילות, וואָס זײַנען דערצו נאָך געווען באַשווערט דורך אַ משׂא פון שטײַערן פאַר דעם קיסר אַלברעכט I. ווי דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון די קהילות, וואָס האָט געטראָגן די אַחריות פאַר זייער גאַנצער הנהגה, האָט דער רא"ש געהאַט אַ יסוד חושש צו זײַן, אַז ער וועט האָבן דעם זעלביקן סוף וואָס זײַן רבי. דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון דײַטשלאַנד. אין יאָר 1303 איז ער אָנגעקומען אין סאַוואָיע, ווו ער האָט גערעכנט צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ רבֿ, נאָר ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דער הערצאָג פון סאַוואָיע איז אַ וואַסאַל פון דעם דײַטשן קיסר און קאָן אים אַרויסגעבן דעם אַנטלאָפענעם אונטערטאַן, איז ער באַלד אַוועקגעפאָרן קיין דרום־פראַנקרײַך, און פון דאָרט האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין שפּאַניע, ווו ער איז געוואָרן רבֿ אין טאָלעדאָ (אויבן § 15). דאָ איז ער ווי באַוווּסט אַרײַנגעפאַלן אין מיטן דער מחלוקת צווישן די קאָנסערוואַטאָרן און די פרײַזיניקע און איז צוגעשטאַנען צום ערשטן צד.

אַ צווייטער תּלמיד ר' מאירס, דער נירנבערגער רבֿ ר' מרדכי בן הלל, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם בעת רינדפליישס גזרה, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן. ער איז דער מחבר פון דעם תּלמודישן ספר „מרדכי", וואָס איז אַזוי ווי אַ פּירוש אויף דעם קיצור השס פון אַלפסי, אָבער צוגעפּוצט מיטן פּילפּול פון די דײַטשע ישיבֿות. היות ווי דער חיבור איז געהאַלטן אין אַ שלעכטן סטיל, מעג מען משער זײַן, אַז דער מחבר האָט אים ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן מחמת זײַן פריצײַטיקן טויט.

## § 26. אַנטיראַציאָנאַליזם, מיסטיציזם און מאַרטיראָלאָגיע

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ אַטמאָספער האָט ניט געקאָנט זיך פונאַנדערוויקלען קיין פרײַע שאַפונג אין פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפט. די דײַטשע ייִדן זײַנען אין 13טן י"ה, פּונקט ווי פריִער, געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דער גײַסטיקער באַוועגונג פון שפּאַניע און דרום־פראַנקרײַך. אײַנגעשלאָסן

www.libtool.com.cn

אין דעם ענגן קרײַז פֿון תּלמוד, פּונקט ווי אין זייערע ענגע און פֿינצטערע שטאָטישע קוואַרטאַלן, האָבן די דײַטש־ייִדישע לומדים זיך פֿאַרהאַלטן אָדער גלײַכגילטיק אָדער פֿײַנטלעך צו וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און פֿילאָסאָפֿיע. דער ביטול, וואָס מיט אים מאַכט דער ראָ"ש אַוועק מיט דער האַנט אָט די אַלע „חכמות חיצוניות" (§ 17), איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע זײַנע לאַנדסלײַט. דער דעמאָלטיקער דײַטשער רבֿ ר' משה תּקו (ער האָט געלעבט אין רעגנס־בורג און אין ווינער־נײַשטאָט אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה) האָט אונטערגענומען אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם רמבמס פֿילאָסאָפֿיע אין אַ לאַנד, ווו זי האָט ניט געהאַט קיין איין אָנהענגער. אין זײַן חיבור „כּתבֿ תּמים" פֿאַלט ער שאַרף אָן אויף די ראַציאָנאַליסטן, וואָס לייקענען אָפּ בײַ גאָט מענטשלעכע אַטריבוטן, בעת ווען אין דער תּורה שטייט בפּירוש „גאָטס האַנט", „גאָטס פּנים", „גאָט האָט געצערנט", „גאָט האָט חרטה געהאַט" אאַז"וו. אַזעלכע אויס־דרוקן, מיינט ר' משה תּקו, באַדאַרף מען פֿאַרשטיין ניט בדרך מליצה, נאָר טאַקע פּשוט: גאָט פֿאַרמאָגט טאַקע מאַטעריעלע תּכונות, עמאָציעס און געפֿילן,– אַניט וואָלט ער געווען אַ פּוסטע אַבסטראַקציע און וואָלט ניט געקאָנט קיניגן איבער דער גשמיותדיקער וועלט און איבער דעם מענטשלעכן מין מיט זײַנע געפֿילן און תּאַוות. „דער וואָס נעמט אָפּ בײַ גאָט יעדער מאַטעריעלער געשטאַלט, דער לייקנט אָפּ דעם עצם יסוד פֿון גלויבן" – אַזוי זאָגט ר' משה תּקו. אין דער אמתן איז גאָט „אַן עצם מיט אַ באַשטימטער געשטאַלט, מיט תּכונות און שטימונגען, ווי כּעס און חסד, ליבשאַפֿט און שׂנאה, טרויער און שׂמחה. דער וואָס איז דערין מסופּק איז אַ כּופֿר און אַן אַפּיקורס". דער דאָזיקער פֿאַרטיידיקער פֿון אַ תּמימותדיקן קינדערשן גלויבן קאָן ניט מוחל זײַן דעם ערשטן ייִדישן פֿילאָסאָף ר' סעדיה גאון דערפֿאַר וואָס ער האָט אַרײַנגעבראַכט דעם ראַציאָנאַליזם אין דעם קרײַז פֿון גלויבן און האָט דער ערשטער געמאַכט פֿון גאָט אַן אַבסטראַקציע אָן אַ פּנים און אַ ווילן און פֿון די סיפּורים פֿון דער תּורה אַלעגאָריעס פֿון אידעען. שולדיק איז אויך אַבֿרהם אבן עזרא, וואָס האָט די העזה צו לייקענען די עקסיסטענץ פֿון שדים, קעגן דעם וואָס ווערט דערציילט אין דער תּלמודישער אַגדה. אויף דעם זעלביקן פֿאַלשן וועג איז געגאַנגען אויך דער רמבם. קעגן אָט דער אַפּיקורסות מוז מען פֿירן מלחמה, אַניט וועט פֿון דעם פּערזענלעכן גאָט און פֿון די הייליקע לעגענדעס גאָרנישט איבערבלײַבן.

ר' משה תּקוס אַרויסרוף איז געבליבן אָן אַן ענטפֿער אין לאַנד, ווו סײַ די תּלמודיסטן און סײַ די מיסטיקער זײַנען געווען געגנערס פֿון דעם ראַ־ציאָנאַליזם. אין דײַטשלאַנד איז ניט געווען יענער גרענעץ צווישן „נגלה" און „נסתּר", ווי אין שפּאַניע, בעת די קבלה איז אויפֿגעקומען. די דײַטשע

www.libtool.com.cn

רבנים זײַנען בכלל געווען מער וויײניקער געשטימט מיסטיש. דאָס איז געווען אַ מיסטיציזם פֿון אַ באַזונדער מין, אַן אויסמיש פֿון אַסקעטיזם און אָבערגלויבערײַ, וואָס איז אין אַ פּאָפּולערער פֿאָרם געווען פֿירגעשטעלט אין „ספֿר חסידים", און אין אַ מער לומדישער געשטאַלט אין דעם ספֿר „רוקח" (באַנד I, § 40). אַזוי ווי אין דײַטשלאַנד איז נ‍ט געווען קיין פֿרײַע רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע, ממילא איז ניט געווען קיין סטימול פֿאַר יענער טעאָסאָפֿיע אָדער ספּעקולאַטיווער קבלה, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן אין שפּאַניע ווי אַ קעגנוואָג קעגן דעם ראַציאָנאַליזם. עס איז נאָר געווען אַן אַלגעמיינע בענקשאַפֿט נאָך אַ יענער-וועלט, די געפּײַניקטע נשמות האָבן זיך געריסן אַוועק פֿון דעם ערדישן עמק-הבכא צו יענע סודותדיקע הייכן, ווו עס איז ניטאָ ניט קיין טרויער און ניט קיין קרעכץ. דערפֿאַר האָט אין דײַטשלאַנד זיך צעבליט איין ליטעראַרישער צווײַג, וואָס אין דער דעמאָלטיקער שפּאַניע איז ער געווען שוואַך אַנטוויקלט: דאָס איז די פּאָעזיע פֿון די פֿאַרפּײַניקטע קדושים, די מ אַ ר ט י ר אָ ל אָ ג י ע.

עס איז געווען אַ המשך דערפֿון, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 12טן י"ה (באַנד I, § 41). ווידער האָט ייִדיש בלוט זיך געגאָסן אין די גאַסן און ווידער האָבן טרערן געפֿלאָסן אין די שולן און בתּי-מדרשים. אַלע ווילדע עקסצעסן פֿון 13טן י"ה, די ריטועלע פּראָצעסן מיט עינויִים און עשאַפֿאָטן, און צו לעצט די גזרה פֿון רינדפֿליישן צום סוף פֿון יאָרהונדערט — דאָס האָט אַרויסגערופֿן שטורעמדיקע פּראָטעסטן און געשרייען צו גאָט אין דער געשטאַלט פֿון „קינות" אָדער קלאָגלידער. דער מנהיג-הדור, ר' מאיר מרוטנבורג, באַקלאָגט די פֿאַרברענונג פֿון די ספֿרי-התּלמוד אין פּאַריז אין זײַן קלאָגליד „שאַלי שׂרופֿה באש" (אויבן, § 4). נאָר אין דײַטשלאַנד האָט מען געהאַט צו באַוויינען פֿאַרברענטע מענטשן. די גזרה פֿון 1235 אין פֿולדע (אויבן, § 21) האָט אַרויסגעריסן בײַ אַן אומבאַקאַנטן פּײַטן דעם צאָרנדיקן געשריי: „ווער איז גלײַך צו דיר צווישן די שטומע, אָ גאָט; דו זעסט און שווײַגסט [„מי כמוך באלמים" — פּאַראָדירט דעם פּסוק „מי כמוך באלים"]. אַ צווייטער פּײַטן רופֿט אַרויס גאָטס משפּט אויפֿן דײַטשן סדום: „פֿאַרברען זייער ערד מיט אַ שטראָם פֿון שוועבל און זאַלץ, זײַ זיך נוקם פֿאַר מיר אָן אַ פֿאָלק אַ מיאוסן און פֿאַרוואָרפֿענעם... פֿאַר דער ממשלה פֿון רוים, פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון אומשולדיקע, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער בלאָטע פֿון גאַס!" מיט צער-פֿולער איראָניע קלינגט דער אָנהייב פֿון אַ קלאָגליד אויפֿן טויט פֿון די קדושים אין זינציג (§ 22): „וויפֿל גוטס האָסטו, רבונו-של-עולם, אויפֿגעהיט פֿאַר די וואָס גייען אין דײַנע וועגן, וואָס ברענגען זיך פֿאַר אַ קרבן אויף דײַן מזבח!" דאָס דאָזיקע קלאָגליד האָט אָנגעשריבן דער אויבן דערמאָנטער מחבר פֿון דעם „מרדכי", וואָס איז מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער

www.libtool.com.cn

אַליין אומגעקומען אויף קידוש־השם אין נירנבערג, בעת רינדפֿליישס גזרה. די קרבנות פֿון אָט דעם אינעווייניקסטן קרייצצוג, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד בײַערן מיט בלוט אין נאָמען פֿון דעם ברייטל, וואָס סימבאָליזירט קריסטוסעס גוף, זײַנען ניט געשטאָרבן מיט אַ שטומען פּראָטעסט. די ווענט פֿון די שולן זײַנען אויפֿגעטרייסלט געוואָרן דורך די געשרייען פֿון די קדושים, וואָס אין זיי איז געווען מער גרימצאָרן ווי בקשה. אין איין קלאָגליד („אבכה לקשה יום") הייסט עס: „דורך אומריינעם ברויט [דער פֿאַרשוועכטער האָסטיע] האָבן זיי זיך געקליגט צו פֿאַרדעקן זייער רציחותדיקן פּלאַן און האָבן געזאָגט צו די זין פֿון דעם אויסדערוויילטן הייליקן פֿאָלק: „איר האָט אַרויסגעגנבֿעט אונדזער גאָט און געשטויסן אים אין אַ שטייסל, ביז עס איז געפֿלאָסן זײַן בלוט, וואָס איר האָט צעשיקט איבער אײַער גאַנצער מחנה". דער מקונן רעכנט אויס די גרויסע קהילות, וואָס רינדפֿליישס באַנדעס האָבן חרובֿ געמאַכט: רעטינגען, ראָטנבורג, „די שטאָט רויט פֿון בלוט", ווירצבורג, נירנבערג, און רופֿט אַראָפּ גאָטס נקמה אויף „דעם לאַנד פֿון די אדומים („די רויטע"), אַז עס זאָל ווערן באַפֿאַרבן מיטן בלוט פֿון זײַנע דופסים און אַדונים". אין אַלע קינות אויף דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1298 ווערט פֿאַרצייכנט, אַז די גזרה איז געשען אין יאָר 58 פֿון דעם אלף הששי, דעם יאָרטויזנט פֿון משיחס קומען, ווען דאָס אויסגעפּײַניקטע פֿאָלק האָט געהאָפֿט אויף באַרויִקונג (די אותיות פֿון דער צאָל 58 — נח — באַטײַטן אין העברעיִש „רו") און אויפֿן אָנהייב פֿון די נסים פֿון משיחס צײַטן. דאָס לאַנגע קלאָגליד „מה קול הצאן", וואָס איר מחבר צייכנט זיך אין אַקראָסטיך: משה בן אלעזר הכהן, איז אַ דורכויסיקער קרעכץ און צו גלײַך אַ סך־הכּל פֿון דער מאַרטיראָלאָגיע פֿון 13טן י"ה:

„אָ, הימל, מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פֿאַר אַנדערע פֿעלקער? צי איז אונדזער כּוח אַ כּוח פֿון שטיינער, צי איז פֿון קופּער אונדזער לײַב, אַז מיר זאָלן קאָנען אַריבערטראָגן די שווערקייט פֿון אונדזערע צרות?... אָ ערד, דעק ניט צו אונדזער בלוט, און זאָל דער גאַנצער חלל זײַן אָנגעפֿילט מיט אונדזער געוואַלד־געשריי, מיטן געשריי קעגן אונדזערע רשעותדיקע שכנים, קעגן דעם אונטערדריקער וואָס שטופּט אונדז אָפּ מיט שׂנאה... עס האָבן אונדז פֿאַרצוקט אין אַלטע צײַטן דער לייב און דער בער, עס האָט פֿאַרלענדט אונדזערע קינדער דער ווילדער לעמפּערט, עס האָט אונדז געשטאָכן דער שיפּענדיקער שלאַנג, אָבער צו לעצט גריזשעט אונדז דער חזיר, וואָס האָט זיך אָנגעלייגט אויף אונדז... שוין 1230 יאָר זינט דער שׂונא האָט אַלץ חרובֿ געמאַכט [חורבן ירושלים], און זײַן האַנט שטיקט אונדז נאָך אַלץ. ער קלערט צו אַלע מינים מיתות, כּדי אונדז צו פֿאַרטיליקן: שווערד, פֿײַער און וואַסער. מען ברענט און מען קוילעט אונדזערע גרויסע און קליינע,

www.libtool.com.cn

וויַיבער און קינדער, זקנים און בחורים, חתנים און כלות... פרעגט ביַי אַלע איַינוווינער פון דער ערד: האָט זיך ווען געטראָפן אַזוינס מיט אַן אַנדער אומה?... ווי איז צו מיר אין זעקסטן טויזנט [זינט בריאת העולם], וואָרעם אויך ער האָט אונדז ניט געבראַכט קיין פאַרגרינגערונג: גאָר אין אָנהייב זיַינעם איז אויפגעשטאַנען קעגן מיר אַ שונא מיט אַ בילבול,[1] אין 13טן יאָר האָט מען אונדז געפּיַיניקט, אין 17טן יאָר האָבן אונדז אָנגעיאָגט די שונאים מיט שווערדן אין די הענט, אין יאָר 47 און 48 האָבן זיי אונדז פאַרטיליקט אין דרום און אין צפון,[2] און צו לעצט אין יאָר 58 [1298] זיַינען די הייליקע שאָף איבערגעענטפערט געוואָרן צו די פּיַיניקער...״

צי דען האָט אין אָט דער סביבה פון געפּיַיניקטע געקאָנט קלינגען אַן אַנדער ליד, חוץ דעם קלאָגליד פון די אומגעקומענע אויף קידוש־השם? און פאָרט איז דאָס געשען אַזוי. עס איז צו אונדז דערגאַנגען דאָס פאַריתומטע ליד פון אַ יידישן זינגער אין פרעמדן לאַנד. אין 13טן י״ה באַוויַיזט זיך צווישן ליכט און שאָטן די רעטענישפולע פיגור פון אַ ייד אַ מינעזינגער אין די ריטערשע הויפן. זיסקינד פון טרימבערג (אין בייערן), וואָס וועגן זיַין לעבן איז גאָרנישט באַוווסט, איז משמעות געווען אַן אָרעמער וואַנדער־זינגער, וואָס האָט געמאַכט לידער פאַר די דיַיטשע ריטערס. אָבער ניט וועגן פרייד, וועגן ראָמאַנטישער ליבע און וועגן הארצן־דאַמעס האָט געזונגען דער דאָזיקער ייד אין די פריצישע הויפן. אין די זעקס לידער זיַינע וואָס זיַינען איבערגעבליבן (אָנגעשריבן אין מיטל־הויכדיַיטש) ווערן געריימט די קראַפט פון גיַיסט, די רעכטפאַרטיקע פרוי, גוטסקייט און איידל־קייט פון דער נשמה. „ווער עס פירט זיך אויף איידל, – זאָגט ער, — דעם האַלט איך פאַר אַן איידעלן מאַן, און ניט דעם, ווער עס האָט אַ כתב אויף אַן אַדל. מיר זעען אַ רויז צווישן שטעכלקעס [גוטע מידות אין אָרעמ־קייט] און צו גלייַך אוממאָראַלישקייט צווישן אַדליַיט״. פאַר די וואָס זיַינען פאַרשיכורט מיט די תענוגים פון לעבן דערמאָנט זיסקינד וועגן טויט, וואָס וועט זיי ברענגען „צו דער משפחה פון די קברים־ווערעם״. איינִיקע סטראָ־פעס דערמאָנען פסוקים פון תהלים. ניט גרינג איז געווען דער מצב פון אַ ייד אַ מינעזינגער, וואָס האָט באַזונגען די גוטע מידות אין די הייזער פון זינד, און סוף־כל־סוף האָט זיסקינד געמוזט אַוועקוואַרפן זיַין קונסט. „איך וועל אַנטלויפן פון די פריצישע הויפן, — זאָגט ער, – איך וועל זיך פאַר־לאָזן אַ לאַנגע באָרד, לאָזן וואַקסן גראָע האָר, וועל להבא פירן אַ לעבן ווי אַלטע יידן. מיַין אייבער־מאַנטל וועט זיַין לאַנג אונטער אַ נידעריק אַראָפּ־

---

1 דער פראַנקפורטער פּאָגראָם פון יאָר 1241 (אויב.; § 21), וואָס איז אײַסגעפאַלן אין יאָר ה׳ אלפים א׳ (5001) לויט דער יידישער ציַיט־רעכענונג.

2 אָנצוהערענישן אויף די פּאָגראָמען פון די 50ער ביז די 80ער יאָרן פון 13טן י״ה.

www.libtool.com.cn

געדריקטן היטל, באַשיידן וועט זײַן מײַן גאַנג, און זעלטן וועל איך זינגען אַ הויפּיש ליד, נאָך דעם ווי די האַרן האָבן אָפּגעטאָן זייער חסד פֿון מיר". די ווערטער וועגן דעם ייִדישן אָנטון זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צײַט, ווען דער באַוווסטער פּויפּסלעכער קאַנאָן האָט אײַנגעפֿירט ווי אַ געזעץ דאָס וואָס האָט שוין ערטערווײַז עקסיסטירט ווי אַ מנהג. אין אַ צייכענונג, וואָס איז צוגעגעבן צו אַ האַנטשריפֿטיקן לידערבוך פֿון 14טן י"ה (אין דער קאָלעקציע פֿון מאַנעס אין היידלבערג), איז זיסקינד טאַקע אָפּגעמעלט אין דער פּאָזע פֿון אַ ייִדן וואָס שטייט פֿאַר גײַסטלעכע פּערזאָנען אין אַ לאַנגן מאַנטל מיט אַ שפּיציקן היטל, מיט אַ טיפּישן פּנים, אַרומגענומען מיט אַ לאַנגער באָרד.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל V

# די קליינע צענטערס און קאָלאָניעס אין 13טן י״ה

### § 27. די רוימישע פּויפּסן און די איטאַליענישע ייִדן

פּונקט ווי אין די פֿריִערדיקע צײַטן, האָט אויך אין 13טן י״ה די קריגערישע קירך אַרויסגעוויזן איר מאַכט מער אין אַנדערע לענדער, איידער אין דער רעזידענץ פֿון די פּויפּסן, וווּ מען האָט פֿון זיי ווינציק וואָס געהאַלטן. דער דעספּאָטיזם פֿון אינאָקענטיוס III און די שטרענגע קאַנאָנען פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל פֿון 1215 האָבן ווינציקער פֿון אַלץ זיך געלאָזט פֿילן אין רוים, וווּ עס זײַנען אויסגעקלערט געוואָרן די געצײַג פֿון צוואַנג איבער דעם געוויסן פֿון מענטשן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זייערע ייִדן, די וואָס האָבן געוווינט אין דעם באַשיידענעם קוואַרטאַל אויפֿן נידעריקן ברעג פֿון דעם טיבער, שאַנעווען די פּויפּסן מער ווי זייערע ברידער אין פֿראַנקרײַך, שפּאַניע און דײַטשלאַנד. אַפֿילו דעם שאַנדצייכן אויף די מלבושים האָט מען די רוימישע ייִדן ניט אַרויפֿגעצוווּנגען אַזוי עקשנותדיק, ווי זייערע מיטברידער אין קיניגרײַך פֿון לודוויג דעם הייליקן. דערקלערט איז דאָס געוואָרן דערמיט, וואָס אין דער שטאָט רוים האָט דער אידעאַל אָפּצוזונדערן די ייִדן שוין געקאָנט געהאַלטן ווערן פֿאַר דערגרייכט: דער פֿאַרשלאָסענער ייִדישער קוואַרטאַל אין דעם אומגעזונטן טייל פֿון שטאָט, וואָס איז אָפֿט פֿאַרפֿלייצט געוואָרן דורך דעם טײַך טיבער, און די דערשלאָגענע קהילה, וואָס אירע מנהיגים פֿלעגן מיט הכנעה גיין אָפּגעבן כּבֿוד איטלעכן נײַעם פּויפּס, האָבן שוין גענוג סימבאָליזירט דעם נצחון פֿון דער קירך איבער דער סינאַגאָגע. אַראָפּקוקנדיק פֿון דער הייך פֿון דעם לאַטעראַן אויף דער שול וואָס האָט זיך אונטן קוים אָנגעזען האָבן אינאָקענטיוס III און זײַנע יורשים געקאָנט זיך קוויקן: אָט איז דער לעבעדיקער באַווײַז דערפֿאַר, אַז מיר זײַנען אויסדערוויילט און זיי זײַנען פֿאַרשטויסן! די ייִדן, פֿאַרשטייט זיך, האָבן געהאַלטן אַנדערש, נאָר זיי האָבן אויך געמעגט זײַן צופֿרידן דערמיט, וואָס דאָ איז מען זיי נאָר מבֿזה, אָבער מען הרגעט זיי ניט ווי אין אַנדערע לענדער.

מער ניט די ביטערע בשׂורות פֿון די גרויסע צענטערס פֿון דער דיאַספּאָרע האָבן אַרײַנגעטראָגן אומרו אין לעבן פֿון דער רוימישער קהילה.

www.hbtool.com.cn

פֿון פֿאַרשיידענע לענדער פֿלעגן אָנקומען קיין רוים שלוחים, בכדי מיט דער הילף פֿון זייערע ברידער די „קרובים למלכות“ זיך משתדל צו זײַן פֿאַרן פּויפּס וועגן ווייכער מאַכן נײַע גזרות, וועגן אָפּווענדן קאַטאַסטראָפֿעס פֿון עלילות־דם, וכדומה. אָט אַזעלכע בקשות וועגן הילף זײַנען געוואָרן גאָר אָפֿט אין דער צײַט פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר IX, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו ווירקן די אינקוויזיציע קעגן די כופרים, און די דאָמיניקאַנער האָבן גענומען ברענען אויף שײַטערהויפֿנס ייִדישע ספרים. די פֿאַרברענונג פֿון די ספרי־התלמוד אין פּאַריז נאָכן וויכוח פֿון יאָר 1240 האָט אויפֿגעטרייסלט די רוימישע קהילה, וואָס האָט אײַנגעשטעלט צום אָנדענק אָן דער גזרה אַ יערלעכן תענית־ציבור. דער איטאַליענישער רבֿ רבי צדקיה רופֿא שרײַבט וועגן דעם אין זײַן ספר „שבלי הלקט“, אין דעם אָפּטייל פֿון הילכות תענית: „אין אונדזערע טעג איז בעוונותינו הרבים פֿאַרברענט געוואָרן די תורה פֿון אונדזער גאָט. אין יאָר ה׳ אלפים ד׳ פֿון בריאת־העולם, אום פֿרײַטאָג פּרשת חקת [זומער 1244] זײַנען אין פּאַריז פֿאַרברענט געוואָרן 24 פֿורן, פֿול מיט ספרים פֿון תלמוד, הלכה און אַגדה, וועדליג מיר האָבן געהערט פֿון רבנים וואָס זײַנען דאָרט געווען“.[1] אין איינער פֿון די סליחות, וואָס זײַנען דעמאָלט אָנגעשריבן געוואָרן אין איטאַליע, איז פֿאַראַן אַן אָנצוהערעניש דערויף, אַז אין רוים גופֿא איז אין יענער צײַט געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו צענישטעווען ייִדישע ספרים: אין דער סליחה איז די רייד וועגן ספרי־תורות, וואָס זײַנען צעריסן געוואָרן אין מקום־קדוש און צעשניטן געוואָרן אויף שטיקער מיט אַ מעסער. איינציקע פֿאַלן פֿון געוואַלד־מעשׂים האָבן טאַקע געקאָנט געמאָלט זײַן, מחמת אויך אין רוים האָט זיך דעמאָלט אײַנגעפֿעסטיקט אַ נעסט פֿון די דאָמיניקאַנער, און אַ מיטגליד פֿון אָט דעם אָרדן, ניקאָלאַס דונין, דער אויפֿטוער פֿון דעם פּאַריזער אויטאָ־דאַ־פֿע, האָט מן הסתּם ניט אויפֿגעהערט צו דערמאָנען דעם פּויפּס גרעגאָר IX וועגן די „גאָט־לעסטערונגען“ פֿון דעם תלמוד.

בײַ גאָר זייער קנאות פֿאַר דער קירך האָבן די פּויפּסן פֿון 13טן י״ה באַשטעטיקט די שוצבולע פֿאַר די איטאַליענישע ייִדן. דער פּויפּס אַלכסנדר IV, וואָס האָט געהאַט געשעפֿטן מיט ייִדישע סוחרים, האָט געשטיצט זייער האַנדל: אין יאָר 1255 האָט ער זיי באַפֿרײַט אין אַ סך ערטער פֿון איטאַליע פֿון צו צאָלן וועג־אָפּצאָלונגען, און האָט זיי אַזוי אַרום אויסגעגלײַכט אין דעם פּרט מיט רוימישע קריסטלעכע סוחרים. פֿון אָט דעם אַקט איז צו זען, אַז ייִדן פֿלעגן אַ מאָל פֿירן געשעפֿטן בשותּפֿות מיט קריסטלעכע סוחרים;

---

1 דאָס ערשטע מאָל זײַנען אין פּאַריז פֿאַרברענט געוואָרן די ספרי־התלמוד אין יאָר 1242 (אויבן, § 4), און די דאַטע 1244 איז אָדער אַ טעות, אָדער זי איז שייך צו איינעם פֿון די שפּעטערדיקע אַקטן צו פֿאַרברענען ספרים.

www.libtool.com.cn

אָבער דער סוחרישער שטאַנד האָט זיי ניט אַרײַנגענומען אין זײַנע גילדעס, ווײַל ער האָט זיי ניט געוואָלט אָנערקענען פֿאַר איטאַליענישע בירגער. די קאַסטע-אָפּגעזונדערטקייט פֿון יִדן איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם שטרענגן שטאַנדן-רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין די „שטאָטישע רעפּובליקן" פֿון איטאַליע.

אומרויִק איז געוואָרן אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה. רוים איז געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דער בלוטיקער מלחמה צווישן די וועלפֿן און גיבעלינען, וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַרום דער „סיציליִשער ירושה" נאָכן טויט פֿון דעם קיסר פֿרידריך II (אונטן, § 28). דער פֿראַנצײזישער פּרינץ קאַרל פֿון אַנזשו, וואָס איז אויף אַ שטיקל צײַט געוואָרן קיניג פֿון „ביידע סיציליעס", איז אויך געוואָרן דער בעל-הבית פֿון רוים, אונטערן טיטל „סענאַטאָר" (1268—1278). די יִדן האָבן, פּונקט ווי די איטאַליענער, געמעגט זיך ריכטן אויף אַל דאָס בייז מצד אָט דעם טיראַן, נאָר עס האָט זיי געראַטעוועט זײַן געלט-גײַציקייט. אויסנוצנדיק דעם דינסט פֿון יִדישע פֿינאַנסיסטן, האָט קאַרל געלאָזט צו רו זייערע פֿאָלקסברידער. ווען דער פּויפּסט קלעמענס IV האָט דורך זײַן בולע Turbato corde („מיט אַ צעטומלטן האַרץ", 1267) אויפֿגעשטעלט די אינקוויזיציע קעגן יִדן, וואָס פֿאַרשפּרייטן כּפירה צווישן קריסטן און באַזונדערס משומדים, און די דאָמיניקאַנער האָבן פֿונאַנדערגעוויקלט זייער פּאָליצייִשע טעטיקייט אין רוים, האָט קאַרל אָנגעזאָגט די מאַכטאָרגאַנען, זיי זאָלן די יִדן ניט טשעפּען און ניט מינערן זייערע פּריוִעדיקע „פּריווילעגיעס".

צום סוף 13טן י"ה איז דער מצב פֿון דער רוימישער קהילה געוואָרן אַזוי ביטער, מחמת עס איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דער דרוק פֿון די קלערי-קאַלן, אַז דער פּויפּסט ניקאָלאַוס IV האָט אַליין געמוזט זיך אָפּרופֿן אויף די ווייגעשרייען פֿון די באַדריקטע. אין דעם פּויפּסלעכן ברעווע פֿון יאָר 1291 אויפֿן נאָמען פֿון דעם רוימישן וויקאַר (Orat mater ecclesia) שטייט געשריבן: „די סינאַגאָגע [קהילה] פֿון די יִדן אין רוים האָט אָנגעגעבן אַן אָנקלאָג מכּוח דעם אומלײַטישן אויפֿפֿיר פֿון אייניקע קלעריקער, וואָס באַציִען זיך פֿײַנטלעך צו זיי, באַדריקן זיי כּסדר מיט שווערע פֿאָדערונגען, באַליידיקן זיי און טוען זיי אָן היזקות אין פֿאַרמעגן. די באַדריקטע בעטן הילף בײַ אונדזער אַפּאָסטאָלישער גענאָד. היות ווי מיר האַלטן, אַז די קריסטלעכע ליבע טאָר זיך ניט אַרויסווײַזן אין נגישות און עוולות לגבי יִדן, דערמאָנען מיר, אַז זיי געפֿינען זיך אונטער אונדזער גענעדיקן שוץ, און קיינער טאָר זיי ניט אָנטון קיין פּײַן. דורך דעם איצטיקן אַפּאָסטאָלישן בריוו גיבן מיר דיר אויף ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל די דערמאָנטע יִדן אויף וואָסערע עס איז אופֿנים באַשווערן אומגעזעצלעך, און אויף די וואָס וועלן עובֿר זײַן אַרויפֿ-

www.libpool.com.cn

צולייגן קירכלעכע שטראָפן". עס איז מיגלעך, אַז דאָס וואָס דער פויפּס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר ייִדן קעגן זײַנע אייגענע קלעריקער, איז געווען צו פֿאַרדאַנקען דער השתדלות פֿון דעם ייִדישן דאָקטאָר בײַם פּויפּסלעכן הויף מאַעסטראָ גאַיאָ, איינעם פֿון די געבילדעטסטע מענטשן אין דער דעמאָליטיקער רוימישער קהילה.

ניט ווינציק אומרו האָט איבערגעלעבט די רוימישע קהילה אין די שטורעמדיקע יאָרן פֿון דעם פויפּס באָניפֿאַציוס VIII (1295–1303). דער דאָזיקער שטאָלצער פֿירשט פֿון דער קירך, וואָס האָט געוואָלט דערהייכן די פּויפּסלעכע ממשלה, נאָר ער האָט זי אין דער אמתן דערנידעריקט, האָט אַרויסגעוויזן זײַן שׂנאה צו ייִדישקייט, באַלד ווי ער איז אַרויף אויפֿן אַפּאָסטאָלישן שטול. בעת באָניפֿאַציוסעס פֿײַערלעכן אַרײַנפֿאָר קיין רוים איז, לויטן אָנגענומענעם מנהג, געקומען אים מקבל פּנים זײַן אויך אַ דעפּוטאַציע פֿון דער ייִדישער קהילה, וואָס האָט דעם פויפּס באַגריסט מיט זינגען מזמורים פֿון תּהילים, בעת דער פויפּס איז אַריבערגעפֿאָרן דעם בריק איבערן טיבער. דאָרט האָבן די דעפּוטאַטן מיט אַ טיפֿן פֿאַרבייג דערלאַנגט דעם פויפּס אַ רײַך אויסגעפּוצטע ספֿר־תּורה, אָבער באָניפֿאַציוס האָט מיט אַ בייזער תּנועה אָפּגעווענדעט די מתּנה און האָט איבערגעחזרט די פֿראַזע, וואָס עס האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט אינאָקענטיוס II, אַז ער האַלט שטאַרק פֿון דעם תּנך, ער איז אָבער מבֿטל די אָנהענגער פֿון תּנך (באַנד I, § 51).

באַלד האָט אין רוים זיך אָנגעהויבן דער ביטערער קאַמף צווישן באָניפֿאַציוסן און דער אַריסטאָקראַטישער פֿאַמיליע קאָלאָנאַ און עס איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער אַפּאַראַט פֿון דער אינקוויזיציע מיט איר שפּיאָנאַזש און געהיימען געריכט. אַ קרבן פֿון אָט דעם קאַמף איז געפֿאַלן איינער פֿון די חשובֿע מיטגלידער פֿון דער קהילה, אליהו די פּומיס, וואָס איז מן הסתּם געווען פֿאַרמישט אין דעם ענין פֿון די קאָלאָנאַס: ער איז געוואָרן פֿאַרמשפּט צום טויט און דערהרגעט אין יאָר 1298, און זײַן אייגנס איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט. פֿון אייגנווילליקע קאָנפֿיסקאַציעס האָבן דעמאָלט געליטן אַ סך פֿאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס די שפּיאָנען פֿון דעם פויפּס האָבן זיי חושד געווען, אַז זיי גיבן פֿינאַנציעלע הילף דער אָפּאָזיציע.

דערווײַל האָט דער פויפּס דער תּקיף, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן די מלכים פֿון אייראָפּע אין זײַנע עזותדיקע בולעס („איטלעך באַשעפֿעניש איז אונטערטעניק דעם פויפּס"), זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געגענער וואָס האָט געקאָנט באַשטיין קעגן אים. דאָס איז געווען דער פֿראַנצייזישער דעספּאָט פֿיליפּ דער שיינער, — און דאָ איז געפֿאַלן דער פויפּס, און עס הייבט זיך אָן די ירידה פֿון פויפּסטום. באָניפֿאַציוס איז געוואָרן אַראָפּגעזעצט, און די פויפּסן נאָך אים האָבן געמוזט גיין אין גלות קיין פֿראַנקרײַך. עס האָט זיך

www.libtool.com.cn

אָנגעהויבן דער „גלות-בבל" פון די פויפסן" אין אַוויניאָן; און דער גורל פון די רוימישע ייִדן אין 14טן י"ה איז געווען אָפּגעהאַנגען שוין פון דער נײַער קאָמבינאַציע פון די פּאָליטישע כוחות.

## § 28. דרום-איטאַליע אונטער די שטויפנס, אַנזשוער און אַראַגאָניער

דרום-איטאַליע און סיציליע, ווו עס האָבן אין די פריִערדיקע יאָר-הונדערטער געוועלטיקט פרעמדלענדישע דינאַסטיעס (ביזאַנטיער, אַראַבער, נאָרמאַנען) איז אין 13טן י"ה געוואָרן די אַרענע פאַרן קאַמף פון דרײַ דינאַ-סטיעס: אַ דײַטשער, אַ פראַנצייזישער און אַ שפּאַנישער. ערשט אין דער ערשטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט האָט אָנגעהאַלטן אויף אַ צײַט אַ פעס-טע מאַכט: די רעגירונג האָט איבערגענומען דער דײַטשער קיסר פרידריך II האָהענשטויפן, וואָס זײַן פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושה אין איטאַ-ליע — דאָס נעאַפּאָליטאַניש-סיציליאַנישע קיניגרײַך. פרידריך, וואָס האָט פאַר-בראַכט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן אין איטאַליע און האָט זײַנע איטאַ-ליענישע מדינות געהאַלטן טײַערער ווי די דײַטשע, האָט זיך דאָ שטאַרק עוסק געווען מיט „זײַנע ייִדן", באַזונדערס אין סיציליע, ווו זיי האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן. ער האָט דאָ מיט התמדה דורכגעפירט די סיסטעם פון שוץ איבער די דאָזיקע „קאַמערקנעכט", וואָס ער האָט זי פֿײַערלעך דעקלאַרירט אין דײַטשלאַנד און וואָס איז אין עצם געווען אַ המשך פון דעם פּאַטריאַרכאַלישן רעזשים פון די נאָרמאַנען (באַנד I, §§ 19 און 52). געווענדט אָן זײַנע פּאָליטישע באַציִונגען מיט די רוימישע פויפסן, וואָס אַ מאָל פלעגט ער מיט זיי קעמפן און אַ מאָל לעבן בשלום מיט זיי, פלעגט פרידריך אָט אײַנפירן די קירכלעכע קאַנאָנען אין זײַנע איטאַליענישע מדינות און אָט זיי אָפּשאַפן. אין יאָר 1221 האָט אָט דער קאַפּריזער מאָנאַרך געפּרוּווט אײַנצו-פירן אין סיציליע די אינקוויזיציע, כדי צו ליב צו טון די קלעריקאַלן. דעמאָלט האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז ייִדן זײַנען מחויב צו טראָגן אַ באַזונדער צייכן אויף זייערע מלבושים, און דער דאָזיקער באַפעל איז געוואָרן דערקלערט מיט דעם, וואָס אויב עס וועלן ניט זײַן קיין אויס-ווייניקסטע סימנים אָפּצושיידן די קריסטן פון ייִדן, קענען קריסטן פאַרדאָרבן ווערן, און עס וועלן לעבן ווי מאַן און ווײַב מענטשן פון פאַרשיידענע רעלי-גיעס — אַזוי ווי עס שטייט אין די החלטות פון דעם לאַטעראַנער קאָנציל פון יאָר 1215. לויט אָט דעם דעקרעט זײַנען ייִדן געווען מחויב צוצונייען צו זייער אייבערשטן בגד אַ שטיק קאָלירט געוואַנט; מאַנצביל פון צײַטיקן עלטער מוזן טראָגן אַ באָרד; בײַ די וואָס זײַנען עובר אויף דעם דעקרעט ווערט

www.libtool.com.cn

קאָנפֿיסקירט דאָס אייגנס, און בײַ אַן אָרעמאַן ווערט אויסגעבערענט מיט אַן אײַזן אַ בראַנדפֿלעק אויפֿן שטערן.

עס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל, אַז פֿרידריך זאָל האָבן געהאַלטן פֿון די רעליגיעזע מאָטיוון פֿון אָט דעם דעקרעט. אַן אויפֿגעקלערטער, הגם דעספּאָטישער מאָנאַרך, וואָס האָט געהאַלטן בײַ זײַן הויף אין נעאַפּאָל ייִדישע און אַראַבישע געלערנטע, וואָס ער האָט זיי אויפֿגעגעבן איבערצוזעצן אויף לאַטײַן ווערק פֿון דער ייִדיש־אַראַבישער פֿילאָסאָפֿיע, און וואָס האָט אין אַנדערע פֿאַלן אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ צו ייִדישקייט, האָט ער געקאָנט אַרויסגעבן אַזעלכע אַקטן נאָר איבער פּאָליטישע סבֿרות. און טאַקע, אין די שפּעטערדיקע דעקרעטן פֿרידריכס איז קיין זכר ניטאָ וועגן די אַנטי־ייִדישע קאַנאָנען. אין דעם סטאַטוט פֿון יאָר 1231 איז ער זיך מתחייבֿ צו באַשיצן זײַנע איטאַליענישע ייִדן און מוסלימס, „וואָס די אויפֿפֿלאַקערונגען פֿון דעם צאָרן פֿון די קריסטן שטעלן זיי אַ מאָל אַוועק אונטער אַ סכּנה". אין דער זעלביקער צײַט מאַכט ער די ייִדן פֿאַר געצײַג פֿון זײַן פֿינאַנץ־פּאָליטיק, וואָס איז געווענדט צו דער מאָנאָפּאָליזירונג פֿון די וויכטיקסטע צווײַגן פֿון דער פּראָדוקציע אין דרום־איטאַליע, און פֿאַרפֿעסטיקט זייער עקאָנאָמישן מצבֿ.

להיפּך צו זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער, האָבן די דרום־איטאַליענישע ייִדן גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אינדוסטריע פֿון אָט דעם רײַכן לאַנד. צוויי אינדוסטריע־צווײַגן האָבן זיך געפֿונען כּמעט אין גאַנצן אין זייערע הענט: פֿאַרבערײַ פֿון געוואַנטן און אויסאַרבעטונג פֿון זײַדנס. די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס זײַנען נאָך פֿאַר צײַטן געוואָרן אַריבערגעטראָגן קיין איטאַליע דורך אײַנוואַנדערער פֿון די מזרח־לענדער און פֿון ביזאַנץ, ווו פֿאַרבערס און זײַדן־וועבערס זײַנען געווען דער עיקר ייִדן און גריכן, וואָס זייערע פּראָדוקטן האָבן געהאַט אַן אָפּגאַנג אויפֿן וועלטמאַרק. נאָך די נאָרמאַנישע מושלים פֿון דרום־איטאַליע האָבן דאָ געמאַכט פֿאַרבערײַען (tinctoria), וואָס זיי פֿלעגן פֿון זיי ציִען הכנסה דורך ספּעציאַליסטן ייִדן. פֿרידריך II, וואָס האָט געהאַלטן די ייִדן פֿאַר זײַן קרוינישן אייגנס, האָט באַשלאָסן צונויפֿצוגיסן דעם ייִדישן מאָנאָפּאָל אין פֿאַרבערײַ און זײַדן־מאַכערײַ מיט זײַן מלוכה־מאָנאָפּאָל. אין יאָר 1231 האָט ער געהייסן אָפּשיקן אַלע באַשטעלונגען אויף פֿאַרבן געוואַנטן אין די מלוכישע פֿאַרבערײַען פֿון נעאַפּאָל און קאַפּוע, וואָס עס האָבן געפֿירט ייִדן. אויף די זעלביקע תּנאָים איז אויך אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ מלוכה־מאָנאָפּאָל אויף אויסצואַרבעטן און פֿאַרקויפֿן פּראָדוקטן פֿון זײַדנס. דער צענטער פֿון אָט דער פּראָדוקציע איז געווען די האַוונשטאָט טראַני און אייניקע אַנדערע שטעט פֿון אַפּוליע און קאַלאַבריע. אַ דאַנק דעם וואָס ייִדן זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צו דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע, האָבן זיי אין איטאַליע און סיציליע זיך פֿאַרנומען מיט געלט־

www.libtool.com.cn

האַנדל אַ סך ווינציקער, איידער אין אַנדערע מלוכות. אַ טייל פֿון די סיציליִשע ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט, באַזונדערס מיט פֿלאַנצן טייטלען. פֿרידריך II האָט דערלויבט אַ גרופּע אַפֿריקאַנער ייִדן, וואָס האָבן אַרייַנגעוואַנדערט קיין סיציליע, צו באַאַרבעטן דאָרט אַ קיניגלעכן וועלדל פֿון טייטל-פּאַלמעס. דער פֿאַרוואַלטער פֿון די קיניגלעכע מאַיאָנטקעס אין דעם קרייַז פֿון פּאַלערמאָ האָט אָפּגעגעבן די קאָלאָניסטן אין אַרענדע ערד אויף צו קולטיווירן אינדיגאָ און אַנדערע אַפֿריקאַנער געוויקסן, וואָס די סיציליער האָבן זיי נאָך ניט געקענט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קיסר אין דעם טיטל פֿון קיניג פֿון סיציליע איז ניט געווען דער איינציקער בעל-הבית אין שטאָט: עס האָבן מיט אים געקעמפֿט פֿון וועגן דער מאַכט די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, וואָס האָבן געוואָלט אונטערטעניק מאַכן די ייִדישע קהילות צו זיך. די קריסטלעכע שטאָט האָט געוואָלט געוועלטיקן איבער דער ייִדישער, ווייַל זי פֿאַרנעמט אַ טייל פֿון איר טעריטאָריע, און וואָס שוואַכער עס איז געוואָרן די מאַכט פֿון דער מלוכה, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט די מוניציפּאַלע מאַכט, וואָס איז געווען פֿייַנטלעך צו ייִדן און פֿאַראינטערעסירט אין זייער רעכטלאָזיקייט און עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט. אין אַ סך ערטער זייַנען ייִדן, אַזוי ווי אין דייַטשלאַנד, געוואָרן אַרונטערגעשטעלט אונטער דער יוריסדיקציע פֿון די ביסקופֿן, און אויך פֿון די עלטסטע גייַסטלעכע פֿון די גרויסע קירכן און קלויסטערס, וואָס עס האָבן זיי אַנומלט געהאַט „אַוועקגעשאָנקען" די נאָרמאַנישע פֿירשטן, די וואַסאַלן פֿון דעם רוימישן פּויפּס. פֿרידריך II האָט זיך געפּלייַסט איבערצורייַסן אָט די פֿאַרבינדונג מיט רוים, אָבער נאָך זייַן טויט זייַנען אין דרום-איטאַליע אָנגעשטאַנען גרויסע שינויים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פֿאַר דער איטאַליענישער ירושה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן אומקום פֿון די שטויפֿנס און מיט דעם איבערגאַנג פֿון דער ממשלה צו די פּראַנצויזן אין דער פּערזאָן פֿון קאַרל פֿון אַנזשו (1265—1282). ווי אַ מענטש פֿון רוימישן פּויפּס האָט קאַרל געמוזט זיך רעכענען מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער קירכלעכער פּאָליטיק, נאָר צו גלייַך האָט דער נייַער קיניג פֿון נעאַפּאָל און סיציליע געמוזט אויך רעכענען זיך מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער פֿינאַנציעלער פּאָליטיק, ווו ייִדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דערפֿאַר זייַנען די באַציִונגען פֿון קאַרלען צו די ייִדן געוואָרן באַשטימט דורך דער רעזולטאַנטע פֿון די צוויי כּוחות. אַ באַשיצער פֿון דער אינקוויזיציע קעגן די כּופֿרים אין זייַנע מדינות, האָט קאַרל געשטיצט די מיסיאָנערישע טעטיקייט פֿון די דאָמיניקאַנער צווישן די איטאַליענישע ייִדן, פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן זייַן ברודער לודוויג דער הייליקער אין פֿראַנקרייַך. אין איטאַליע האָט זיך געפֿונען אַן אייגענער

www.libtool.com.cn

פּאַוולאָ כריסטיאַני, אַ משומד וואָס האָט זיך געשטעלט אין דינסט פֿון די מאָנאַכן. אַ געוויסער מאַנופֿאָרטיס פֿון טראַני, אַ „געוועזענער לערער פֿון דער סינאַגאָגע", איז געוואָרן אַ קריסט און האָט גענומען פֿריידיקן זײַן נײַעם גלויבן צווישן זײַנע פֿאַלקסברידער; זײַן טירחה איז ניט געבליבן אָן שׂכר: קאַרל האָט געהייסן אַרויסגעבן דעם משומד אַ יערלעכע רענטע פֿון זעקס אונצן גאָלד פֿון די הכנסות פֿון דער מאָנאָפּאָליזירטער פֿאַרבערײַ פֿון דער שטאָט טראַני „פֿאַר זײַן פֿלײַסן זיך אַרויפֿצופֿירן אַנדערע ייִדן אויפֿן וועג פֿון אמת" (1267). לויט דער מסירה פֿון אָט דעם משומד האָט דער קיניג געהייסן קאָנפֿיסקירן בײַ די ייִדן אַלע בענד פֿון תּלמוד און אַפֿילו די סידורים (1270). דער גײַסטלעכקייט איז אויפֿגעגעבן געוואָרן אויפֿצופּאַסן, אַז צווישן מאַנצבילן און פֿרויען ייִדן און קריסטן זאָל ניט קומען צו אַ „זינדיקן פֿאַר־קער", און אַז פֿון דעם קאָפּשטײַער פֿון ייִדן זאָל מען אַראָפּרעכענען אַ צענטל לטובֿת די קירכן. נאָר פֿון דער אַנדער זײַט האָט קאַרל פֿון אַנזשו באַשיצט זײַנע ייִדישע צינזצאָלערס קעגן יענע ביסקופּן־פֿירשטן, וואָס האָבן אָן רחמנות עקספּלואַטירט די ייִדן אונטער זייער ממשלה. ווען דער אַרציביסקופּ פֿון דער שטאָט באַרי האָט אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה די פּרנסים פֿון דער אָרטיקער קהילה מיט דער פֿאָדערונג, זיי זאָלן פֿאַרגרעסערן דעם געלטאָפּצאָל פֿינף מאָל, האָט קאַרל באַפֿוילן צו באַפֿרײַען די תּפֿוסים (1273). ער האָט זיך אויך אײַנגעשטעלט פֿאַר די ייִדישע אינדוסטריעלער פֿון דער שטאָט טראַני, וואָס דער אַרציביסקופּ און דער קאַסטעלאַן פֿלעגן זיי אָן רחמנות באַרײַסן. קאַרל האָט אָפּגעהיט די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות, ער האָט נאָר איבערגעלאָזט פֿאַר זיך דאָס רעכט צו באַשטעטיקן די פּרנסים און רבנים וואָס זיי וועלן אויסקלײַבן. אַזוי באַשטעטיקט ער אין פּאַלערמאָ דעם אויסקלײַב פֿון דעם רבֿ מבֿורך, וואָס אים רעקאָמענדירט „אונדזער געטרײַער מאַגיסטער פֿאַראַדזש, דער טאָלמעטשער פֿון אונדזער הויף". [1] אין אַן אַנדער פֿאַל האַלט דער קיניג פֿאַר ריכטיק די החלטה פֿון דעם ביסקופּ פֿון שטאָט טרעפּאַני, וואָס האָט „בהסכּם מיטן רעכט וואָס איז אים געגעבן געוואָרן" באַשטעטיקט אויפֿן פּאָסטן פֿון אַ ייִדישן „כּהן" (Sacerdos) אַ געוויסן סולייַ־מאַן. אַזוי אַרום איז די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די קהילות ניט געווען פֿרײַ פֿון אַן אייבער־השגחה פֿון אויסווייניק.

דער סיציליִשער וועספּער פֿון יאָר 1282 האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פֿראַנצייזישער ממשלה אויפֿן אינדזל, און בײַ דער דינאַסטיע פֿון אַנזשו איז

---

1 פֿאַראַדזש בן סאַלעם אָדער פֿ אַ ר אַ ג ו ט פֿון סיציליע איז געווען איינער פֿון די געלערנטסטע ייִדישע מעדיקער פֿון יענער צײַט. לויט דער באַשטעלונג פֿון קאַרל פֿון אַנזשו האָט ער איבערגעזעצט מעדיצינישע ווערק פֿון אַראַביש אויף לאַטײַן. זע Steinschneider, Hebräische Übersetzungen, 974.

www.libfoor.com.cn

געבליבן די מאַכט נאָר אויפֿן קאָנטינענט, אין דעם קיניגרייך נעאַפּאָל. אין סיציליע האָט זיך איינגעפֿעסטיקט אויף לאַנג די אַראַגאָנישע דינאַסטיע. דער קיניג פֿון אַראַגאָניע פּעדראָ III, וואָס איז ניט געווען אָפּהענגיק פֿון דער רוימישער קוריע, האָט ניט דערלויבט דער אינקוויזיציע און די דאָמיניקאַנער צו בעלי־בתּוּוען אויפֿן אינדזל, און צו ייִדן האָט ער זיך באַצויגן טאָלע־ראַנט, פּונקט ווי אין זײַנע שפּאַנישע מדינות (אויבן, § 13). ער האָט אויך אין סיציליע אײַנגעפֿירט די סיסטעם פֿון אָפּגעבן צו רײַכע ייִדן אין אַרענדע די מלוכישע אָפּגאָבן און שטײַערן, ווי דאָס איז געווען אײַנגעשטעלט אין אַראַגאָניע. אונטער פּעדראָס יורשים איז סיציליע געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קורס, וואָס האָט געהערשט זינט דעם 14טן י"ה אין איר שפּאַנישער מעטראָפּאָליע.

## § 29. דאָס גײַסטיקע לעבן אין איטאַליע

פּונקט ווי פֿריִער, האָבן אין דעם גײַסטיקן לעבן פֿון די איטאַליענישע ייִדן פֿון 13טן י"ה זיך געקרייצט די פֿאַרשיידענע שטרעמונגען, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿון די צוויי העגעמאָנישע צענטערס: פֿראַנקרײַך און שפּאַניע. פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך איז געקומען די תּלמודישע תּורה פֿון די בעלי־התּוספֿות. זי האָט זיך ברייט אַנטוויקלט אין די ישיבֿות פֿון רוים, טראַני און עטלעכע אַנדערע שטעט. אַ גרויסן אויטאָריטעט האָט געהאַט רבי ישעיה די טראַני (געשט' אַרום 1270). ער האָט געשריבן פּירושים און „תּוספֿות" צום תּלמוד און געשיקט תּשובֿות אויף שאלות אין יורידישע און ריטועלע ענינים. ער האָט זיך געמיט מקיל צו זײַן אין אַזעלכע פֿאַלן, ווו עס האָבן געליטן פּריוואַטע אינטערעסן, און האָט געהאַט טענות צו די פֿראַנצייזישע רבנים, פֿאַר וואָס זיי זײַנען מחמירים. ר' ישעיה די טראַני האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז ניט קיין מבֿין אין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ קענערס פֿון אָט די וויסנשאַפֿטן, ווען מען האָט עס באַדאַרפֿט צו ליב פֿאַרשטיין דעם תּלמודישן טעקסט; אַזוי למשל האָט ער נאָר פֿון הערן זאָגן געוווּסט, אַז די לבֿנה באַקומט איר ליכט פֿון דער זון.

זײַן אייניקל, וואָס איז אויך געווען אַ באַרימטער רבֿ, רבי ישעיה די טראַני II, וואָס האָט געלעבט אין דער צײַט פֿון דעם קאַמף צווישן דער רעליגיע און פֿילאָסאָפֿיע, האָט לאַ־די וואָס ניט געקענט די וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, נאָר ער האָט זיי ניט געוואָלט קענען. ער האָט זיך באַזונדערס געשראָקן פֿאַר אַריסטאָטעלעס' פֿילאָסאָפֿיע און האָט געצאַרט צו לייענען פֿילאָסאָפֿישע ביכער, ווו עס „ווערט אָפּגעלייקנט די תּורה, מעשׂה בראשית [די באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט] און דער עיקר פֿון שׂכר ועונש". פֿון דער

מצווה פֿון דער תּורה „שמע ישׂראל“ דרינגט ער אַרויס, אַז דער גלויבן דאַרף זײַן געשטיצט נאָר אויפֿן „הערן“, ד״ה אויף דער טראַדיציע, וואָס מען נעמט איבער פֿון די עלטערן, אָבער ניט אויף דערקענען דורך פֿילאָסאָפֿישער חקירה.

www.libtool.com.cn

צו גלײַך מיט תּלמודיסטן פֿון דער שיטה פֿון די בעלי־תּוספֿות האָבן זיך אין איטאַליע באַוויזן אויך פּוסקים. רבי צדקיה בן אַבֿרהם הרופֿא פֿון רוים (אַרום דער העלפֿט פֿון 13טן י״ה) האָט איבערגעלאָזט אַ זאַמלונג פֿון הלכות וועגן די ימים־טובֿים, וועגן דאַוונען און בכלל וועגן רעליגיעזן ריטואַל, אונטערן טיטל „שבלי הלקט“ („זאַנגען צום קלײַבן“). יעדער דין וואָס ער ברענגט באַקרעפֿטיקט דער מחבר דורך ראַיות פֿון דער גמרא און דער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור, און אַ מאָל איז ער זיך סומך אויף די פֿרײַע טראַדיציעס פֿון דער אַגדתא. ער גיט איבער טשעקאַווע ידיעות וועגן אָרטיקע רעליגיעזע מנהגים, וואָס זײַנען אָנגענומען אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד אָדער איטאַליע, און עצהט טײַער צו האַלטן אַזעלכע פֿאָלקס־מנהגים, אַפֿילו דאָרט ווו זיי זײַנען פֿאַרבונדן מיט אײַנגלייבעניש. אַזוי גלייבט ר׳ צדקיה למשל אין חלומות און עצהט מתפּלל צו זײַן, אַז גאָט זאָל צושיקן אין חלום אַן ענטפֿער אויף אַ פֿראַגע וואָס מען קאָן ניט באַשיידן („שאלות חלום“). ער נעמט אויך ערנצט די מיינונג פֿון דער אַגדה, אַז די מלאכים פֿאַרשטייען ניט קיין אַרמיש, אָדער אויף דער שאלה, צי מעג מען בעת דער תּפֿילה באַנוצן אַרמישע ווערטער, ענטפֿערט ער, אַז יאָ, ווײַל אין דער אַגדתא ווערן דערמאָנט אויך מלאכים, וואָס קענען „אַלע שבֿעים לשונות“. איטאַליע איז, ווי באַוווּסט, פֿון אייביק אָן געווען אַ לאַנד פֿון אָבערגלויבן (באַנד I, § 21).

אין זײַן ספֿר־הלכות פֿאַררופֿט זיך ר׳ צדקיה אויף אַ סך אויטאָריטעטע רבנים, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין איטאַליע, און צווישן אַנדערע אויף די גרויסע לומדים פֿון דער רוימישער אַריסטאָקראַטישער משפּחה ענווים (dei Mansi), וואָס ער אַליין האָט געהערט צו איר. פֿון אָט דער געבילדעטער משפּחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אויך אַ צאָל דאָקטוירים, שטאַמט אַרויס אויך רבי יחיאל בן יקותיאל, דער מחבר פֿון דעם מוסר־ספֿר „מעלות המידות“ (אָנגעשריבן אין יאָר 1278). ר׳ יחיאל באַקלאָגט זיך, וואָס די מידות פֿון זײַן דור זײַנען פֿאַרדאָרבן, און פּרוּווט אין זײַן ספֿר צו געבן כּללים, ווי אַזוי אַ ייִד האָט זיך צו פֿירן. ער קלאַסיפֿיצירט די מידות, שטעלט אַנטקעגן יעדער גוטער מידה די שעדלעכע שלעכטע מידה: פֿלײַסיקייט און פֿוילקייט, ענוות און גאווה, אאַז״וו. ער ציטירט „חכמים“ אָן אונטערשייד פֿון נאַציע און רעליגיע, רעכנט אַרײַן צווישן די חכמים אויך אַלכּסנדר מוקדון און פֿרידריך II, ווי מענטשן מיט אַ לעבנס־געניטשאַפֿט. רבי יחיאלס

www.libtool.com.cn

מאָראַל, אַ געזונטע און אַ קלאָרע, איז ווײַט פֿון דער פּינקטלעכער שטרענג-קייט פֿון דעם דײַטשן „ספר-חסידים". דער איטאַליענישער מאָראַליסט לערנט אויך, אַז מען דאַרף זײַן אַן ענוו, אָבער דאָס איז באַגרענעצט אין דער פֿאָרם פֿון געוויינטלעכער היימישער באַשיידנקייט: „באַשיידנקייט פֿירט אַ מענטשן צו כּבֿוד, און גאווה איז אַ סימן, אַז מען איז געפֿאַלן בײַ זיך אַליין, וואָרעם אויב אַ מענטש האַלט פֿון זיך, האַלט ער זיך ניט גרויס אין די אויגן פֿון אַנדערן". אין יענער תּקופֿה, ווען די קירך האָט געריימט ווי אַ הויכע מידה אָרעמקייט, אין דעם היימלאַנד פֿון די בעטלערישע מאָנאַכן, די פֿראַנציסקאַנער, האָט דער ייִדישער מאָראַליסט גערעדט וועגן די מעלות פֿון רײַכקייט, ווײַל זי גיט פֿרײַע צײַט צום לערנען און די מיגלעכקייט צו טון צדקה: „די בעסטע זאַך אין לעבן איז וויסן פֿאַרבונדן מיט עשירות; אויסדערוויילטע מענטשן ווערן דיך אַכפּערן פֿאַר דעם וואָס געפֿינט זיך אין דײַן קאָפּ, און דער המון פֿאַר דעם, וואָס איז פֿאַראַן אין דײַן האַנט".

הגם אַ סך איטאַליענישע רבנים זײַנען געווען קעגן פֿילאָסאָפֿיע און וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, נאָר די אַלגעמיינע גײַסטיקע באַוועגונג פֿון דער צײַט האָט ניט אויסגעמיטן אויך איטאַליע. צו גלײַך מיט דער השפּעה פֿון צפֿון-פֿראַנקרײַך האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אויך די השפּעה פֿון דער שפּאַניש-פּראָווענסאַלישער אויפֿקלערונג. דעם רמבמס שיטה האָט זיך געמאַכט אַ וועג קודם-כּל קיין דרום-איטאַליע, וווּ בײַם הויף פֿון קיסר פֿרידריך II אין נעאַפּאָל האָט זיך באַוויזן אַ גליד פֿון דער געבילדעטער פּראָווענסאַלישער משפּחה אבן תּיבון, ר' יעקבֿ אַנטולי, דער איבערזעצער פֿון איבן-ראָשד און פֿון וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. אין נעאַפּאָל פֿלעגט אַנטולי זאָגן אַלע שבת פֿאַרן עולם אַ פּרק אין דער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער יהדות, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן דעם גרימצאָרן פֿון די אָרטאָדאָקסן, אַזוי אַז ער האָט געמוזט סוף-כּל-סוף אָפּשטעלן זײַנע דרשות (אויבן, § 16).

אָבער די טעטיקייט פֿון דעם פּראָווענסאַלער אויפֿקלערער איז ניט פֿאַרבײַ אָן אַ ווירקונג אויף דעם מער שפּירעוודיקן טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. שוין אין מיטן 13טן י"ה האָט זיך באַוויזן אין איטאַליע אַן אייגענער מפֿרש אויפֿן רמבמס „מורה נבֿוכים", ר' משה פֿון סאַלערנאָ. אונטער דעם אײַנדרוק פֿון דער ניט לאַנג פֿאָרגעקומענער מחלוקת צווישן די מײַמוניסטן און זייערע געגנער אין דער פּראָוואַנס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער פֿאַרברענונג פֿון דעם „מורה נבֿוכים" (§ 14), האָט דער געלערנטער פֿון סאַלערנאָ זיך געשטעלט אָן קווענקלעניש אויפֿן צד פֿון די מײַמוניסטן אין דער הויפּטפֿראַגע — וועגן די אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען. ער איז זיך מצער איבער דער עם-הארצות פֿון די מאַסן, „וואָס שטעלן זיך פֿאָר גאָט אין אַ מענטש-לעכער געשטאַלט, מיט אויגן, הענט, פֿיס און האַלטן פֿאַר אַ כּופֿר בעיקר

www.libtool.com.cn

איטלעכן מענטשן מיט שׂכל, וואָס זאָגט, אַז די הגשמה פֿון דער גאָטהייט אין פּסוקים פֿון די כּתבֿי־הקודש טאָר מען ניט פֿאַרשטיין פּשוטה כּמשמעה". די אַנטימײַמוניסטן, זאָגט ער, זײַנען געבליבן כּפֿויי־טובֿה דעם גרויסן דענקער, „וואָס האָט אויסגעבויט אַ פֿעסטונג אַרום דער תּורה [די „משנה תּורה"], וואָס האָט קלאָר געמאַכט די אויגן און די הערצער פֿון ישׂראל און האָט אונדז געגעבן די מיגלעכקייט אָפּצופֿרעגן די ראַיות פֿון אונדזערע געגענער סײַ פֿון די קריסטן [אין דער דאָגמע וועגן דער פֿאַרמענטשלעכונג פֿון גאָט] און סײַ פֿון די נאַטוראַליסטן".

מיט אַ ניט־געווײנטלעכער דרייסטקייט איז אַרויסגעטראָטן צום שוץ פֿון דעם ראַציאָנאַליזם דער שפּאַנישער עמיגראַנט רבי זרחיה בן שאלתיאל חן, וואָס האָט געלעבט אין רוים אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה. ער האָט אײַנגענומען די הערצער פֿון פּראָגרעסיווע מענטשן, און בפֿרט פֿון דער יוגנט, מיט זײַנע דרשות אויף משלי און איובֿ, ווי ער האָט אַרויסגעבראַכט די פֿילאָסאָפֿישע חקירות פֿון דער שפּאַנישער שול. דער רמבם איז פֿאַר אים געווען אַן אויטאָריטעט וואָס איטלעך וואָרט זײַנס איז הייליק, און די געגענער פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע האָט ער אָפֿן מבֿטל געווען. וועגן זײַן באַרימטן לאַנדסמאַן דעם רמבן האָט ער געשריבן: „גאָר זײַן חכמה איז געווען באַגרענעצט מיטן תּלמוד. אָבער אין דער פֿילאָסאָפֿיע ווייס ער ניט ווו אײַן און ווו אויס, דעריבער האָט ער אין זײַן פּירוש אויף חומש געשטעלט זיך קעגן רמבם אין דער פֿראַגע וועגן דעם רוח־הנבֿואה, — נאָר גלײַכער וואָלט ער געשוויגן, ווען עס גייט די רייד וועגן אַזעלכע ענינים". ר' זרחיה איז שטאַרק נוטה געווען אײַנצוטײַטשן די מעשׂיות פֿון תּנך אויף אַן אַלעגאָרישן שטייגער. ער געפֿינט אין תּנך גופֿא אַ רמז אויף דער קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די וויסנשאַפֿטן וואָס איז געווען אָנגענומען אין מיטלעלטער און גיט זײַן אייגענעם trivium און quadrivium אין אַן אַנדער קאָמבינאַציע: „די חכמה האָט באַפֿעסטיקט איר הויז אויף זיבן זײַלן" (משלי ט', 1) – דאָס באַטײַט די שבֿע חכמות, וואָס זײַנען אײַנגעטיילט אין צוויי גרופּעס: די מאַטעמאַטישע (חשבון, געאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע און מוזיק) און די פֿילאָסאָפֿישע (פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק און פּאָליטיק). ר' זרחיה האָט געהערט צום לינקן פֿליגל פֿון די פֿרײַדענקערס אין איטאַליע און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר פֿילאָסאָפֿישע אויספֿירן, וואָס זײַנען סותר די טראַדיציע. ער האָט למשל זיך אײַנגעשטעלט צו זאָגן, אַז די גאַנצע מעשׂה מיט יונה הנבֿיא, וואָס אים האָט אײַנגעשלונגען אַ פֿיש, איז ניט מער ווי אַ לעגענדע מיט אַ מוסר־השׂכּל, און האָט זיך געוויצלט איבער דער תּפֿילה „מי שענה ליונה במעי הדגה הוא יעננו". פֿאַר דער ־אָזיקער עקסטרעמער פֿרײַדענקערײַ האָט ער געהאַט סיכסוכים מיט די מעסיקע

www.libtool.com.cn

מײַמוניסטן, וואָס בראש פֿון זיי איז געשטאַנען רבי הלל פֿון ווערא̇נע (אַן ערך 1295—1220).

געבאָרן אין װעראָנע אין איבער־איטאַליע, האָט ר׳ הלל יונגערהייט געלערנט אין באַרצעלאָנע אין דער ישיבֿה פֿון ר׳ יונה גירונדי, וואָס איז באַוווּסט מיט זײַן אָנטייל אין דער מחלוקת קעגן די מײַמוניסטן. נאָר פֿון שפּאַניע האָט דער יונגער הלל געבראַכט מער ווי נאָר די ידיעה פֿון תלמוד: ער איז געקומען אַהיים באַלאָדן מיט אַ סך ידיעות אין מעדיצין, נאַטור־וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע. להיפּך צו זײַן רבין איז ער געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פֿון דעם רמבם. אין קאַפּוע האָט ער געלייענט לעקציעס וועגן פֿילאָסאָפֿיע. אַ געוויסע צײַט האָט ער געוווינט אין רוים, און דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין פֿאָרלי, ווו ער האָט זיך דער עיקר פֿאַרנומען מיט איבערזעצן גריכיש־אַראַבישע מעדיציניש ווערק אויף העברעיִש. אין יאָר 1291 האָט ר׳ הלל אָנגעשריבן אַן אָריגינעלן פֿילאָסאָפֿישן ספֿר וועגן דער נשמה און וועגן השאָרת הנפֿש („תגמולי הנפֿש״), וואָס איז באַשטימט נאָר פֿאַר מענטשן „וואָס האָבן אַ ידיעה אין חקירה און אין נאַטור־וויסנשאַפֿט״. זײַן טעאָריע וועגן דער נשמה שטיצט ער אויף דער סיסטעם פֿון אַריסטאָ־טעלעס־רמבם, און בנוגע דער דאָגמע פֿון שׂכר־ועונש אויף יענער וועלט פֿאַרטיידיקט ער הייס דעם רמבמס ניכטערע מיינונג. דער שׂכר־ועונש פֿאַר דער נשמה קאָן זײַן נאָר אַ גײַסטיקער, און ניט קיין קערפּערלעכער, ווי עס מיינט דער המון־עם. „דער המון־עם, זאָגט ער, וואָס איז ניט באַהאַוונט אין דער אמתער חכמה און איז ניט צוגעוויינט צו חקירה, קאָן ניט פֿאַרשטיין יענע וואָס באַווײַזן, אַז דער שׂכר־ועונש אויף יענער וועלט האָט קיין שײַכות ניט צום גוף. ער ציטערט פֿאַר די שטראָפֿן, איז פֿול מיט שרעק בײַ דעם געדאַנק פֿון די ווערעם, וואָס פֿרעסן די מתים און וואָס זאָלן זיי אָנטון אַ ווייטאָג ווי אַ נאָדל אַרײַנגעשטאָכן אין לעבעדיק פֿלייש.[1] פּראָסטע מענטשן זײַנען אײַנגעשראָקן דורך פֿאָרשטעלונגען וועגן דעם פֿײַער וואָס וועט פֿאַר־ברענען זייערע ביינער און מאַכן צו נישט זייער גוף; זיי מעלן זיך אויס שדים ומזיקים וואָס וועלן זיי וואַרפֿן פֿון פֿײַער אין שניי אַרײַן און פֿון שניי אין פֿײַער, און כּדומה נאָך אַזעלכע בילדער פֿון פֿיזישע עינויִים, וואָס טוען אָן יסורים דעם גוף פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן, שוועבן פֿאַר זייערע געדאַנקען. נאָר זיי וועלן מיט אַ שמייכל אויסהערן אַ מענטשן, וואָס וועט פּרוּוון זיי אײַנשרעקן דורך דער שילדערונג פֿון דעם, ווי אַזוי די נשמה [פֿון אַ רשע] וועט בלײַבן אין אייביקן חושך און שאַנד און וועט ניט אויפֿשטײַגן צו איר מקור, כּדי זיך צו באַהעפֿטן מיטן אייביקן ליכט״. דער מחבר ווייס, אַז דאָס וואָס

1 אַזוי שטייט אין תלמוד בבלי, ברכות דף י״ח.

www.libtool.com.cn

ער זאָגט גייט קעגן דער תּלמודישער אַגדה, און ער וואָרנט דעריבער דעם לייענער, אַז ניט איטלעכן מאמר פֿון דער אַגדה באַדאַרף מען אָננעמען פֿאַר ריכטיק, און אַז מען מוז אונטערשיידן צווישן עיקרים פֿון דער אמונה און צווישן די אײַנגלייבענישן פֿון דעם המון־עם, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די שריפֿטן פֿון תּלמוד. אָבער ער גייט ניט אַזוי ווײַט צו האַלטן פֿאַר משלים מיט אַ מוסר־השכּל אויך אייניקע סיפּורים פֿון תּנך, אַ שטייגער ווי די מעשׂה מיט יונה הנביא, ווי דאָס האָט געטאָן ר׳ זרחיה חן. וועגן אַזעלכע פֿראַגעס איז צווישן די ביידע פֿילאָסאָפֿן אָנגעגאַנגען אַ וויכּוח אין בריוו.

די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ר׳ הלל געמוזט אַרויסטרעטן קעגן אַ נײַעם פּרוּוו פֿון די אָבסקוראַנטן צו פֿאַרשוואַרצן דעם רמבמס נאָמען. אין יאָר 1288 האָט איינער אַ פֿאַנאַטיקער פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך, ר׳ שלמה פּטיט, גענומען אַרומפֿאָרן איבער אייראָפּע בכדי צו אַגיטירן קעגן די ייִדישע „אַפּיקורסים“, די פֿרײַדענקערס. אין דײַטשלאַנד זײַנען אַלע מסכּים געווען מיט זײַן אויפֿטו און מען האָט אים געגעבן רעקאָמענדיר־בריוו צו די מנהיגים פֿון די קהילות אין אַנדערע לענדער. אָבער ווען ער איז געקומען קיין איטאַליע און האָט אָנגעהויבן צו דרשענען קעגן דעם רמבמס שיטה, האָט ר׳ הלל זיך אײַנגעשטעלט פֿאַרן כּבֿוד פֿון זײַן רבין. ער האָט פֿון פֿאָרלי אָוועקגעשיקט אַ בריוו צו זײַן גוטן פֿרײַנד מאַעסטראָ גײַאָ, דעם אויבן דערמאָנטן דאָקטאָר בײַם הויף פֿון פּויפּסט, און האָט אים געבעטן אָנצונעמען מיטלען קעגן דער אַגיטאַציע אין דער רוימישער קהילה. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט ער דערמאָנט די געשיכטע פֿון דער ערשטער מחלוקת פֿון די אַנטימײַמוניסטן אין פּראָוואַנס אין די 30ער יאָרן פֿון 13טן י״ה, ווען עס האָט זיך אַרײַנגעמישט די דאָמיניקאַנישע אינקוויזיציע, און „די אַש פֿון די פֿאַר־ברענטע ספֿרי התּלמוד האָט זיך אויסגעמישט מיט דער אַש פֿון דעם רמבמס ספֿרים“. ר׳ הלל האָט נאָך געשיקט אַ צירקולאַר־בריוו צו די קהילות פֿון מצרים און ארץ־ישׂראל, וואָס אַהין האָט זיך געלאָזט פֿאָרן ר׳ שלמה פּטיט, בכדי דאָרט דורכצופֿירן זײַן פֿינצטערן עסק, און פֿאָרגעלייגט צונויפֿצורופֿן אין ווענעציע, גענוע אָדער מאַרסעל אַ צונויפֿפֿאָר פֿון רבנים פֿון מזרח און פֿון מערבֿ, כּדי אויפֿצוריכטן דעם אויטאָריטעט פֿון דעם רמבם. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר איבעריק, מחמת די אָריענטאַלישע קהילות האָבן אויסגערופֿן אַ חרם קעגן ר׳ שלמה פּטיט און זײַנע אָנהענגער.

אין דער זעלביקער צײַט האָט אין איטאַליע באַוויזן זיך אויך די קבלה, וואָס איז פֿאַרטראָגן געוואָרן פֿון שפּאַניע. דער מיסטיקער ר׳ אַבֿרהם אַבו־לעפֿיא (§ 19) האָט דעמאָלט אַרומגעוואַנדערט איבער איטאַליע, ווו ער האָט געלערנט מיט תּלמידים זײַן „תּורת־הסוד“ און האָט אונטערגענומען דעם באַוווסטן פֿאַנטאַסטישן פּלאַן מגייר צו זײַן דעם פּויפּסט. נאָך דעם ווי אַט

www.tiblool.com.cn

דער בעל-מופת האָט געליטן אַ מפּלה אין רוים און אין אייבער-איטאַליע, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין סיציליע און האָט דאָרט אַרײַנגעטראָגן אַ מהומה אין פאָלק מיט זײַנע משיחישע נבֿואות. די אַזהרה פון דעם רשב״א פון באַרצעלאָנע האָט אויסגעניכטערט אַ סך מענטשן, וואָס זײַנען געווען גרייט צו גלייבן דעם פאַלשן נבֿיא, אָבער אין עטלעכע גײַסטער האָט דער פּראָפּאַ-גאַנדיסט באַוויזן צו פאַרזייען די זוימען פון מיסטיציזם. די שפּאַנישע קבלה האָט זיך פאַרשפּרייט אין איטאַליע. דער ערשטער פאָרשטייער אירער איז דאָ געווען ר׳ מנחם ריקאַנאַטי (ער האָט געלעבט סוף 13טן און אָנהייב 14טן י״ה), דער מחבר פון מיסטישע פּירושים צום חומש און צום סידור. ר׳ מנחם האָט געגלייבט, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַראַלעלע טראַדיציע פון דער תּורת הנסתּר מיט דער תּורת הנגלה: די תּורת הנסתּר איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור זינט דער צײַט פון אליהו הנבֿיא ביזן רמבן און ביז די לעצטע מקובלים. אין זײַנע פּירושים פאַררופט זיך ר׳ מנחם ריקאַ-נאַטי אויף אַזעלכע זיכערע מקורים ווי חלומות אָדער דירעקטע אַנטפּלעקונגען פון הימל: „דער דאָזיקער רעיון איז מיר נתגלה געוואָרן אין חלום", „מיר האָבן געשריבן דאָס, וואָס איז אונדז אַנגעוויזן געוואָרן פון הימל". נאָר הגם ר׳ מנחם איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דער קבלה, פון דעסט וועגן האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון דעם רמבם און האָט ציטירט דעם „מורה נבֿוכים" אין זײַנע אויסטערלישע חיבורים. דאָס לאָזט זיך דערקלערן דורך דער צוויי-פּנימדיקייט פון דער דעמאָלטיקער רעליגיעזער פילאָסאָפיע: דער אַלעגאָ-ריזם אָדער סימבאָליזם אין אויסטײַטשן די תּורה איז געווען דער בריק, וואָס פירט פון דער פילאָסאָפיע צו דער טעאָסאָפיע, פון ראַציאָנאַליזם צו מיסטיציזם.

## § 30. פּוילן — אַ קאָלאָניע פון דײַטשן ייִדנטום

די עמיגראַציע פון ייִדן פון דײַטשלאַנד קיין פּוילן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן ערשטן קרייצצוג (באַנד I, §§ 31 און 55), האָט זיך געצויגן אויך אין 13טן י״ה. אין יענער צײַט זײַנען געגאַנגען אין די שוואַך באַפעל-קערטע פּוילישע מדינות אויך דײַטשן פון פאַרשיידענע געגנטן פון דײַטשלאַנד, ווו די שטאָטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג האָט געהאַט צו לײַדן אונטער דעם דרוק פון די רעגירנדיקע קלאַסן און פון בירגערקריג. באַזונדערס אַ סך עמיגראַנטן, קריסטן און ייִדן, האָט אַרויסגעטריבן די מהומה-צײַט פון דעם אינטעררעגנום אין דער צווייטער העלפט 13טן י״ה. די פּוילישע טייל-פירשטן האָבן גערן צוגענומען אָט די אײַנוואַנדערער אין זייערע נאָך פּרימי-טיווע שטעט, וואָס האָבן ווינציק וואָס זיך אונטערגעשיידט פון דערפער. פון דײַטשע און ייִדישע קאָלאָניסטן האָט זיך בהדרגה אויסגעפורעמט דער

www.libtool.com.cn

קערן פון דעם דריטן שטאַנד אין דעם לאַנד פון פּאַטריאַרכאַלישער ווירטשאַפט, ווו עס זײַנען פריער געווען נאָר צוויי שטאַנדן: פּריצים און פּויערים. די פּוילישע פירשטן האָבן געגעבן די דײַטשן אין די שטעט אַ פולע אַליינפאַרוואַלטונג לויט דעם „טעווטאָנישן רעכט" (שפּעטער „מאַגדעבורגער רעכט"), און אַזוי אַרום זײַנען אין פוילן אויפגעקומען שטעט פון דײַטשן מיטלשטערלעכן טיפּ, ווו לעבן אַ קריסטלעכער בירגערשאַפט איז אויסגעוואַקסן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע קהילה.

די ייִדישע אײַנוואַנדערער פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך האָבן אַרײַנגעטראָגן אין זייערע נײַע וווינערטער די ווירטשאַפטלעכע גענג פון זייער אַלטער היים: די געניטשאַפט אין האַנדל און פינאַנציעלע געשעפטן און די סיסטעם פון געלטקרעדיט. אין דער מאָס ווי עס איז געוואַקסן די דײַטשייִדישע שטאָט אין די מערבֿדיקע גרענעץ־מדינות פון פוילן, באַזונדערס אין דעם טייל־פירשטנטום „גרויס־פוילן" (די געגנט פון פּויזן, קאַליש און גנעזן), איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אַנטאַגאָניזם צווישן קריסטלעכן און דעם ייִדישן שטאָטישן עלעמענט, וואָס האָט עקסיסטירט אין דײַטשלאַנד, וועט זיך אַנטוויקלען אויך אין דעם נײַעם לאַנד. היות ווי די ייִדן האָבן פאָרויסגעזען, אַז אַ צונויפשטויס איז ניט אויסצומײַדן, דעריבער האָבן זיי געוואָלט זיך באַוואָרענען דורך אַ באַזונדערן קאָנסטיטוציאָנעלן אַקט, פּונקט ווי די דײַטשן האָבן זיך באַוואָרנט דורך דעם „טעווטאָנישן רעכט". אין יאָר 1264 האָבן די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין גרויס־פוילן, באַקומען פון דעם פירשט באָלעסלאַוו דעם קאַלישער, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „דער פרומער", אַ כאַרטיע פון פרײַהייטן לויט דעם מוסטער פון יענע כתבים, וואָס זײַנען מיט אַ קורצער צײַט פריִער געגעבן געוואָרן די ייִדן אין עסטרײַך און ביימען (אויבן, § 24).[1]

---

[1] אָט אויף אַזאַ אופן, שטעלן מיר זיך פאָר, איז צו שטאַנד געקומען די ערשטע קאָנסטיטוציע פון דעם פוילישן ייִדנטום — דער כתבֿ פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער. דאָס איז געווען אַ מין „טשאַרטער", וואָס איז געגעבן געוואָרן די ייִדן וואָס האָבן אָקערשט געהאַט זיך באַזעצט, כּדי צו רעגולירן זייער מצבֿ אין דער צוקונפט, וואָס איז אָנגעמעייקט געוואָרן לויט די מערבֿדיקע מוסטערן. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז אין אָט דעם פריִען פעריאָד פון קאָלאָניזירונג זאָלן אין דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון ייִדן פאַרנעמען אַזאַ גרויסן אָרט קרעדיט־אָפּעראַציעס, וואָס זײַנען אַזוי פּרטימדיק רעגלאַמענטירט אין באָלעסלאַווס כתבֿ: אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער האָבן פוילישע ייִדן זיך פאַרנומען מער מיט סחורה־האַנדל, מיט אַרענדירן ערד, מיט אויפמאַנען שטײַערן, איידער מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט. באָלעסלאַווס כאַרטיע איז פּשוט איבערגעשריבן געוואָרן, מיט עטלעכע שינויים, פון פאַרטיקע מוסטערן, וואָס זײַנען יענע צײַטן געווען אין גאַנג אין די שכנישע מלוכות: דעם עסטרײַכישן סטאַטוט פון הערצאָג פרידריך (1244), דעם עסטרײַכיש־ביימישן סטאַטוט פון אָטאָקאַר (1254), און אפשר דעם אונגערישן כתבֿ פון בעלאַ IV (1251). די ייִדישע אויס-

www.libtool.com.cn

דער פּוילישער סטאַטוט שיידט זיך אונטער פֿון זײַנע מערבֿדיקע מוסטערן נאָר מיט אייניקע הוספֿה־אַרטיקלען און אומבאַדײַטיקע שינויים אין דעם טעקסט פֿון אַנדערע אַרטיקלען. באָלעסלאַווס סטאַטוט באַשטייט פֿון 37 אַרטיקלען און הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע ווערטער: „די מענטשישע טועכצן, וואָס זײַנען ניט פֿאַרפֿעסטיקט דורך דער שטים פֿון עדות אָדער דורך שריפֿטלעכע באַווײַזן, גייען גיך פֿאַרבײַ און פֿאַרשווינדן פֿון זכרון, און דעריבער טוען מיר, באָלעסלאַוו, דער פֿירשט פֿון גרויספּוילן, אָנזאָגן אונדזערע בני־דור און די מענטשן פֿון קומענדיקע דורות, וואָס צו זיי וועט דערגיין די איצטיקע שריפֿט, אַז די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפֿן גאַנצן שטח פֿון אונדזערע מדינות, האָבן פֿון אונדז געקראָגן די ווײַטערדיקע סטאַטוטן און פּריווילעגיעס".
דער ערשטער אַרטיקל פֿון דעם כּתבֿ זאָגט, אַז אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן פֿאַרן געריכט ווערט אָנגענומען דאָס עדות־זאָגן פֿון אַ קריסט קעגן אַ ייִדן נאָר אין דעם פֿאַל, ווען אַ ייִדישער עדות באַשטעטיקט דאָס. ווײַטער ווערט באַשטימט דער סדר פֿון דער פּראָצעס־פֿירונג אין סיכסוכים צווישן קריסטן און ייִדן אין ענינים פֿון אַנטלײַען געלט אונטער משכּנות פֿון נחלאות און מטלטלין (אַרטיקל 2–7, אויך 24, 26, 30, 33, 34); די דאָזיקע כּללים באַשיצן גלײַך די אינטערעסן פֿון דעם ייִד דעם מלווה און פֿון דעם קריסט דעם לווה. סיכסוכים צווישן ייִדן גופֿא שטייען ניט אונטער דעם שטאָטישן געריכט, נאָר אונטער דעם געריכט פֿון דעם פֿירשט אַליין, זײַן שטעל־פֿאַר־טרעטער (דעם וואָיעוואָדע) אָדער אַ באַזונדער שופֿט וואָס ער באַשטימט (אַרט' 8). פֿאַר הרגען אַ ייִדן אָדער מאַכן אים אַ וווּנד ענטפֿערט דער קריסט וואָס איז שולדיק דערין פֿאַרן פֿירשטלעכן געריכט: אין פֿאַל פֿון אַ מאָרד באַקומט דער שולדיקער אַ „געהעריקע שטראָף", און זײַן גאַנץ אייגנס נעמט צו דער פֿירשט; פֿאַר אַ פֿאַרוווּנדונג מוז ער באַפֿרידיקן דעם געליטענעם און חוץ דעם באַצאָלן שטראָף אין דער פֿירשטלעכער קאַסע (אַרט' 9–10). ווײַטער גייען אַ ריי אַרטיקלען, וואָס שטעלן פֿעסט די אומבאַרירלעכקייט פֿון דעם ייִדנס פּערזאָן און אייגנס. עס איז פֿאַרבאָטן אָנצוטון נגישות ייִדישע סוחרים, וואָס פֿאָרן אין וועג, פֿאָדערן בײַ זיי מער צאָל פֿאַר סחורה ווי בײַ קריסטן, צעשטערן ייִדישע בתּי־קבֿרות און אָנפֿאַלן אויף סינאַגאָגעס אָדער „שולן" (אַרט' 12–15). ווען עס טרעפֿט אַן אָנפֿאַל אויף אַ ייִדנס שטוב בײַ נאַכט, זײַנען די קריסטלעכע שכנים מחויבֿ צו קומען אים צו הילף, ווען זיי וועלן

---

וואַנדערער פֿון די דײַטש־עסטרײַכישע לענדער האָבן נאַטירלעך געוואָלט זיך פֿאַרזיכערן זייער jus judaicum, פּונקט ווי די דײַטשן האָבן באַקומען זייער jus teutonicum, און האָבן אויסגעפּועלט בײַ באָלעסלאַוון אַ כּאַרטיע לויט אַ פֿאַרטיקן מוסטער. אין דער הקדמה צו באָלעסלאַווס כּתבֿ איז די רייד גראָד וועגן ייִדן „וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אונדזערע מדינות" (judaeis per totum districtum nostri dominii constitutis).

www.libtool.com.cn

דערהערן זײַנע געשרייען; דער וואָס האָט ניט געגעבן הילף מוז צאָלן שטראָף (אַרט׳ 36). אויספירלעך ווערן באַשטימט די פונקציעס פון דעם שופט אין ייִדישע ענינים (iudex judaeorum), וואָס דער פירשט באַשטימט אויף פונאַנדערצוקלײַבן סיכסוכים פון ייִדן צווישן זיך, דער צערעמאָניאַל פון דער שבועה און אַנדערע כּללים פון דער פּראָצעס-פירונג, וואָס דאַרף פאָרקומען לעבן דער שול אָדער אין אַן אַנדער אָרט וואָס ייִדן וועלן אויסקלײַבן (אַרט׳ 16–23). אָט דער באַשטימטער קריסטלעכער שופט, וואָס משפט לויטן געזעץ אָדער מנהג פון לאַנד (jus terrae, consuetudo terrae), נעמט פונאַנדער די אינעווייניקסטע סיכסוכים, נאָר ווען די צדדים פאַרלאַנגען דאָס, ייִדן האָבן אָבער אויך דאָס רעכט צו משפטן זיך אויך בײַ די אייגענע דיינים און לויט זייערע אייגענע דינים. שטרענג ווערט באַשטראָפט די אָוועקרויבונג פון ייִדישע קינדער, מן-הסתם בכדי אָפּצושמדן זיי (אַרט׳ 27). ווײַטער ווערט „אין נאָמען פון דעם אַלהייליקסטן פאָטער, לויט די באַשטימונגען פון דעם פּויפּס" (די באַוווסטע בולע פון אינאָקענטיוס IV פון יאָר 1247) פאַרבאָטן צו באַשולדיקן ייִדן אין טייטן און כאַפּן קריסטלעכע קינדער בכדי צו באַנוצן זייער בלוט, „וואָרעם לויט זייער געזעץ זײַנען ייִדן בכלל מחויב זיך אָפּצו-האַלטן פון יעטווידער בלוט; אויב אַזאַ באַשולדיקונג וועט אויפקומען, מוז זי ווערן באַשטעטיקט דורך זעקס עדות – דרײַ קריסטן און דרײַ ייִדן, און אויב זי וועט אויף דעם שטייגער באַשטעטיקט ווערן, ווערט דער באַשולדיקטער ייִד באַשטראָפט מיט טויט, און אויב זי וועט זיך אַרויסווײַזן פאַלש, באַקומט די זעלביקע שטראָף דער קריסט וואָס האָט געמסרט (אַרט׳ 32). ייִדן זײַנען באַפרײַט פון דעם חיוב צו געבן אײַנקוואַרטירונג פאַר באַאַמטע און זעלנערס (hospitatio), מען טאָר זיי ניט לאָדן אין געריכט אין טעג פון זייער יום-טובֿ און אַן אַ גרונד זיי באַשולדיקן אין פעלשן מטבעות (אַרט׳ 25, 29, 35). קעגן די קירכלעכע קאַנאָנען, ווערט די ייִדן דערלויבט צו קויפן בײַ קריסטן און פאַרקויפן זיי כּלערליי סחורות, ניט אויסגעשלאָסן עסנוואַרג (אַרט׳ 37). די אַלע רעכט און פּריווילעגיעס באַשטעטיקט פירשט באָלעסלאַוו אויף אייביקע צײַטן, אין הסכּם מיט די העכסטע שׂרים פון דער מלוכה – וואָיעוואָדעס, הראַביעס און „אַ סך באַראָנען פון אונדזער לאַנד", וואָס האָבן געחתמעט צוזאַמען מיט אים דעם דאָזיקן אַקט אין קאַליש אין יאָר 1264.

די ערשטע כאַרטיע פון פרײַהייטן, וואָס איז געגעבן געוואָרן די ייִדן פון פוילן, האָט געמוזט אַרויסברענגען פון די כּלים די היטערס פון דער קאַטוילישער קירך אין דעם דאָזיקן לאַנד. דער מלוכה-אַקט, וואָס אין אים איז כּמעט ניט געוואָרן געלייגט קיין אַכט אויף די קירכלעכע קאַנאָנען, איז געווען ווי אַן אַרויסרוף דער גײַסטלעכקייט. זי האָט משמעות ניט פאַרזאַמט צו לאָזן וויסן אין רוים וועגן די הנחות, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן די

www.libtool.com.cn
„שונאים פון קריסטנטום", און וועגן דער סכנה פון דער יידישער השפּעה אין אַ לאַנד, ווו די קירכלעכע היעראַרכיע איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג אויף צו קעמפן קעגן דער וועלטלעכער מאַכט. אין רוים האָט מען באַמערקט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער פּריווילעגיע פון דעם פּוילישן פירשט און די ענלעכע אַקטן פון דעם עסטרייכיש-ביימישן קיניג אָטאָקאַר און דעם אונגערישן קיניג בעלאַ, וואָס האָבן פאַרשאַפט צער דעם פּויפּס דורך זייער צו גרויסער טאָלעראַנץ לגבי יידן. דעריבער איז ווען דער פּויפּס קלעמענס IV האָט אין יאָר 1265 אַרויסגעשיקט דעם קאַרדינאַל גווידאָן ווי אַ דעלעגאַט מיט דער שליחות „איינצופלאַנצן און אויסצורייסן" אין עסטרייך און אין פּוילן (אויבן, § 24), זיינען אים געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס אויך מכוח יידן.

אין פעברואַר 1267 האָט דער דעלעגאַט צונויפגערופן אין ברעסלע אַ סינאָד פון דער פּוילישער גייסטלעכקייט פון גנעזענער דיאָצעזע, וואָס צו איר האָט געהערט דאָס גרויספּוילישע פירשטנטום פון באָלעסלאַוו דעם קאַלי-שער מיט אַ טייל שלעזיע. פון די 14 רעזאָלוציעס פון אָט דעם סינאָד זיינען פינף שייך צו יידן. אין זיי איז נכלל אַ גאַנצער רעגלאַמענט, וואָס פאַר-שטאַרקט אין אַ סך פּרטים די געוויינטלעכע קירכלעכע באַגרענעצונגען קעגן יידן. די מאָטיווו פון אָט דעם רעגלאַמענט זיינען אָפן אַרויסגעשטעלט אין איינעם פון זיינע פּונקטן: „היות ווי פּוילן איז אַ נייע פלאַנצונג אויפן קערפּער פון קריסטנטום (in corpore Christianitatis plantatio nova), מעג מען דעריבער חושש זיין, אַז דאָרט וועט די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַלץ גרינגער זיך אונטערגעבן דער השפּעה פון די איינגלייבענישן און די שלעכטע מידות פון די יידן וואָס וווינען דאָרט, וואָס שוואַכער די קריסט-לעכע רעליגיע איז איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון די גלייביקע אין די דאָזיקע לענדער". מחמת דעם האַלט דער סינאָד פאַר נייטיק קודם-כל אָפּצו-שיידן די יידן פון די קריסטן לויט זייערע וווינערטער. „עס ווערט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז די יידן וואָס האַלטן זיך אויף אין דער גנעזענער דיאָצעזע זאָלן ניט וווינען צוזאַמען מיט קריסטן, נאָר זאָלן וווינען באַזונדער, אין שכנישע הייזער אָדער וואָס זיינען פאַרבונדן צווישן אַנאַנד, אין אַ טייל שטאָט אָדער יישוב וואָס איז אויסגעטיילט פאַר זיי. דער דאָזיקער טייל, ווו עס וווינען יידן, דאַרף זיין אָפּגעשיידט פון דעם אַלגעמיינעם טייל ווו עס וווינען קריסטן דורך אַ פּלאַנקען, אַ מויער אָדער אַ גראָבן". יידן, וואָס האָבן הייזער אין די קריסטלעכע קוואַרטאַלן, זיינען מחויב זיי צו פאַרקויפן ביזן קירצסטן טערמין, און אויב זיי וועלן דאָס ניט טון ביז צו דעם נאָענטסטן יאָהאַניס-טאָג, וועלן דערפאַר ענטפערן די קירכלעכע און וועלטלעכע שררות פון יענער געגנט.

www.libtool.com.cn

ווײַטער ווערט באַשטימט, אַז בעת עס גייען קירכלעכע פּראָצעסיעס איבער די גאַסן, מוזן ייִדן זיך אײַנשליסן אין זייערע הײַזער, אַז אין איטלעכער שטאָט מעגן זיי האָבן ניט מער ווי איין שול, אַז בכדי „אָפּצושיידן זיי פֿון קריסטן", מוזן זיי טראָגן אַ היטל פֿון אַ באַזונדערן שניט מיט הערנער פֿון אויבן (cornutum pileum), „ווי זיי האָבן געטראָגן אַנומלט אין די דאָזיקע געגנטן, נאָר מחמת זייער חוצפּה האָבן זיי אויפֿגעהערט צו טראָגן", – און ווער פֿון זיי עס וועט זיך באַווײַזן אויף דער גאַס אָן אָט דעם קאָפּצודעק, ווערט באַשטראָפֿט מיט אַ געלט-קנס לויטן מנהג פֿון לאַנד. קריסטן ווערט פֿאַרבאָטן אונטער שטראָף פֿון עקסקאָמוניקאַציע פֿון דער קירך צו פֿאַרבעטן ייִדן צו זיך אויף אַ סעודה, עסן און טרינקען מיט זיי צוזאַמען, און טאַנצן און זיך משׂמח זײַן מיט זיי אויף חתונות אָדער אַנדערע שׂמחות. קריסטן טאָרן ניט קויפֿן בײַ ייִדן קיין פֿלייש און אַנדערע עסנוואַרג, בכדי די פֿאַרקויפֿערס זאָלן „אויף אַ רמאותדיקן שטייגער זיי ניט אָפּסמען". ייִדן איז פֿאַרבאָטן צו קומען אין קריסטלעכע שענקען אַרײַן און צו באָדן זיך אין איין מרחץ מיט זיי.

ווײַטער ווערן איבערגעחזרט די אַלטע תּקנות פֿון די קאָנצילן, אַז ייִדן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלעכע באַדינערס, חוץ אַמען צו קינדער, טאָרן ניט צוגעלאָזן ווערן אויפֿצומאָנען גרענעץ-אָפּצאָלן און צו אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס. ווען אַ ייִד לעבט מיט אַ קריסטלעכער פֿרוי, ווערט ער באַשטראָפֿט מיט תּפֿיסה און מיט געלט-קנס, און די שולדיקע פֿרוי ווערט עפֿנטלעך געשמיסן מיט אַ בײַטש און אַרויסגעטריבן אויף שטענדיק פֿון שטאָט. זאָרגנדיק וועגן דער טובֿה פֿון דער קירך, האָבן די צונויפֿגעקומענע בישקופֿן און גלחים ניט פֿאַרגעסן אויך זייערע אייגענע אינטערעסן – דעם מעשׂר פֿאַר דער קירך און אַנדערע הכנסות זייערע: די ייִדן זײַנען מחויבֿ צו צאָלן דעם גײַסטלעכן, וואָס זיי וווינען אין זײַן גבֿול, אַלע שטײַערן, „וואָס די אָנפֿירונג פֿון דער דיאָצעזע באַשטימט, וואָרעם ייִדן פֿאַרנעמען די ערטער, וואָס עס האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען קריסטן, און זײַנען מחויבֿ צו דעקן די היזקות וואָס זיי פֿאַרשאַפֿן דערמיט דער גײַסטלעכקייט".

אין דער נײַער „פּלאַנטאַציע פֿון קריסטנטום" האָבן די קירכלעכע פּלאַנטאַטאָרס בכלל געשפּירט זיך פֿרײַער ווי אין די אַלטע און האָבן זיך דערלויבט צו פֿאַרברייטערן דעם פֿאַרנעם פֿון די פֿריִערדיקע קאַנאָנען לויט זייער אײַנזען. דער גרויסער סינאָד פֿון דער גײַסטלעכקייט אין דער אונגערישער שטאָט בודאַ אין יאָר 1279 (§ 24) האָט געהאַט צווישן זײַנע אָנטייל-נעמערס אויך פֿאָרשטייער פֿון דער פּוילישער קירך, אַזוי אַז די קאַנאָנען וואָס זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן אויף דעם סינאָד, דערין אויך די באַשטימונג וועגן דעם רויטן רעדל אויף די ייִדישע מלבושים, איז געווען גילטיק אויך פֿאַר

www.libtool.com.cn

פּוילן. אין יאָר 1285 האָט דער קירכן-סינאָד אין לענטשיץ איבערגעחזרט די באַשטימונגען פֿון די פֿריִערדיקע סינאָדן און צוגעגעבן צו זיי נאָך דעם פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו נעמען אין אַרענדע שטייַערן, אַקציזן אָדער די מינצערייַ.

פֿאַקטיש אָבער האָבן אָט די אַלע המצאות פֿון די קלעריקאַלן ניט געהאַט קיין ערנצטע ווירקונג אויפֿן גורל פֿון דער ייִדישער קאָלאָניע אין פּוילן אין די נאָענטסטע יאָרהונדערטער. זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פֿון דער קאָלאָניזירונג פֿון לאַנד דורך די ייִדן פֿון דייַטשלאַנד און פֿון די עסטרייַכיש-סלאַווישע לענדער, מחמת די פֿירשטן האָבן זי געשטיצט צוליב די אינטערעסן פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט באַגלייַך מיט דער דייַטשער קאָלאָניזירונג. די דאָזיקע אונטערשטיצונג פֿאַר דער ייִדישער אייַנוואַנדערונג וועט נאָך שטאַרקער ווערן זינט דעם 14טן י"ה, ווען פּוילן, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען צעטיילט צווישן די טייל-פֿירשטן, וועט זיך פֿאַראייניקן אונטער דער ממשלה פֿון איין קיניג.

ווו און אין וואָסערע פּוילישע שטעט האָבן זיך אין יענער צייַט אָרגאַניזירט ייִדישע קהילות, און צי האָט זיך דאָרט אייַנגעשטעלט אַ נאָרמאַל קהלש לעבן? — אויף דער פֿראַגע גיבן די קאַרגע מקורות ניט קיין ענטפֿער. פֿאַראַן נאָר אַן אומדירעקטע ידיעה, אַז שוין אין אָנהייב 13טן י"ה זייַנען אין פּוילן געווען ייִדישע קהילות, הגם ניט אין גאַנצן אָרגאַניזירט ווי געהעריק. רבי אליעזר פֿון ביימען שרייַבט אַרום 1210 פֿון רעגנסבורג צו רבי יהודה חסיד, דעם מחבר פֿון „ספֿר חסידים": „אין דעם גרעסטן טייל ערטער פֿון פּוילן, רוסלאַנד און אונגערן זייַנען ניטאָ קיין תּלמידי-חכמים צווישן ייִדן, וואָס מחמת זייער דחקות קאָנען זיי זיי ניט מפֿרנס זייַן. זיי [ייִדן] דינגען געוויינטלעך אַ מענטשן אַ יודע תּורה, וואָס זיי טרעפֿן על-פּי צופֿאַל, און ער איז בייַ זיי סייַ אַ חזן, סייַ אַ מורה-הוראה, סייַ אַ מלמד פֿאַר די קינדער. היות ווי די קהילה איז ניט בכּוח מפֿרנס צו זייַן די דאָזיקע מענטשן אין גאַנצן, האָט זיך אייַנגעשטעלט אַ מנהג, אַז מען גיט זיי אַוועק די נדבֿות, וואָס מען קלייַבט צונויף פּורים און שׂמחת-תּורה און אויף חתונה-סעודות. ווען מען זאָל בייַ זיי [בייַ די רבנים] צונעמען די דאָזיקע תּמיכה, וועלן זיי זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע שטעלעס, ווייַל זיי וועלן ניט האָבן גענוג אויף צו לעבן, און די קהילות וועלן בלייַבן אָן תּורה, אָן עבֿודה און אָן מלמדים". משמעות, אַז אין יענער צייַט זייַנען צווישן די רבנים אין מערבֿ געווען ווינציק פּיאָנירן, וואָס זאָלן זייַן גרייט צו גיין אין די דאָזיקע פֿאַרוואָרפֿענע מזרחדיקע קאָלאָניעס, בכדי דאָרט צו גרינדן נייַע קעמערלעך פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור. די קהילות האָבן זיך אויסגעפֿורעמט פּאַוואָלי, און אַ צייַט לאַנג האָבן זיי געקראָגן זייער גייַסטיקע שפּייַזונג פֿון דרויסן, פֿון דייַטשלאַנד און בפֿרט פֿון סלאַווישן ביימען. די גרויסע רבנים פֿון

www.libtool.com.cn

עסטרײַך און דײַטשלאַנד פֿלעגן באַקומען צוגעשיקט שאַלות פֿון פּוילן. אין די שאַלות-ותשובות פֿון ר׳ יצחק אור זרוע פֿון ווין און פֿון ר׳ מאיר פֿון ראָטנבורג ווערט דערמאָנט וועגן ייִדן פֿון די סלאַווישע לענדער. נאָר עס איז מערקווערדיק, אַז דער נאָמען „רוסיה״ ווי אַ האַנדלס-קאָלאָניע טרעפֿט זיך אין דער דעמאָלטיקער רבנישער ליטעראַטור עפֿטער, ווי דער נאָמען פֿון פּוילן.

## § 31. ביזאַנץ און רוסלאַנד (קרים)

די צוויי מלוכות פֿון מזרח-אייראָפּע, די ביזאַנטישע אימפּעריע און רוסלאַנד, האָבן איבערגעלעבט אין 13טן י״ה אַן איבערגאַנג-צײַט. ביזאַנץ איז אויף אַ משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט (1204–1261) מגולגל געוואָרן אין אַ „לאַטײַנישער אימפּעריע״, אין אַ קיניגרײַך פֿון די מערבֿדיקע קרייצלערס, און רוסלאַנד וואָס איז געווען צעבראָכן צווישן טײלפֿירשטן איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן יאָך פֿון די טאָטערן און איז געבליבן אַ צײַט לאַנג אַ קאָלאָניע פֿון אַזיע. אין ביידע מלוכות, וואָס איינע פֿון זיי האָט זיך שוין גערוקט נעענטער צום סוף פֿון איר היסטאָרישן וועג, און די צווייטע האָט נאָך ניט געהאַט דורכגעמאַכט אַפֿילו די ערשטע סטאַדיע זײַנע, איז פֿאָרגעקומען אַן איבעררוק פֿון די פּאָליטישע כּוחות, וואָס האָט ניט אַנדערש געמוזט זיך אָפּרופֿן אויפֿן גורל פֿון דעם פֿאָלק דעם אייביקן וואָגלער.

וועגן מצבֿ פֿון די ביזאַנטישע ייִדן אין יענער תּקופֿה האָבן מיר גאָר קנאַפּע ידיעות. בעת דער באַלעגערונג פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1203–1204) האָבן די קרייצלערס אויפֿגעשטעלט זייער לאַגער אין דער פֿאָרשטאָט אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל, און זײַנע אײַנוווינער האָבן פֿאַרשטייט זיך קיין האָניק ניט געלעקט פֿון אַזאַ שכנישאַפֿט. שפּעטער, אין דער צעבראָקלטער אימפּעריע, ווו עס האָבן געבעלי-בתּעוועט פֿראַנצויזן און ווענעציאַנער, האָבן די ייִדישע קהילות קוים געקאָנט זײַן באַשיצט קעגן דעם ווילדווילן פֿון די אָקופּאַנטן.

דורך אַ משונהדיקן צונויפֿטרעף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו אָט דער אָקופּאַציע האָבן געהאַט אַ שײַכות, אמת קעגן זייער ווילן, אויך די פֿראַנצייזישע ייִדן. דער ראָש פֿון דער לאַטײַנישער אימפּעריע באַלדוין II האָט זיך געניייטיקט אין געלט אויף אונטערצוהאַלטן דעם פּרעסטיזש פֿון דער רוימישער קירך אויף דער גריכישער טעריטאָריע, און דער פּויפּס גרעגאָר IX איז געקומען אים צו הילף. דער פּויפּס האָט פֿאָרגעלייגט דעם פֿרומען פֿראַנצייזישן קיניג לודוויג IX אָפּצוגעבן פֿאַר די הצטרכותן פֿון דער „קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אימפּעריע״ דעם רעשט פֿון יענעם געלט, וואָס דער קיניג און די פֿריִערדיקע מלכים (פֿיליפּ אויגוסט א״אַ) האָבן קאָנפֿיסקירט בײַ די ייִדישע מלווים אָדער אויפֿגעמאָנט בײַ זייערע קריסטלעכע בעלי-חובֿות. דאָס דאָזיקע געלט, וואָס איז פֿריִער געוואָרן פֿאַרנוצט אויף צו דעקן די הוצאות פֿון די קרייצצוגן,

www.libtool.com.cn

האָט איצט, לויט דער מיינונג פֿון פּויפּס, באַדאַרפֿט גיין אויף אונטערצוהאַלטן די אימפּעריע פֿון די קרייצלערס אויף די באַלקאַנען (1238). לודוויג דער הייליקער האָט פֿאַרשטייט זיך געפֿאָלגט דעם הייליקן פֿאָטער און האָט מיטן ייִדישן געלט באַצאָלט פֿאַרן נצחון פֿון דער רוימישער קירך. די גריכן האָבן געהאַלטן ייִדן פֿאַר פֿאַרבינדעטע פֿון די לאַטייַנער, און מן הסתם דערמיט דערקלערט זיך, וואָס בייַ די גריכן האָט זיך געשטאַרקט די שׂנאה צו ייִדן.

אין יענע טיילן פֿון ביזאַנץ, ווו עס איז נאָך געבליבן די גריכישע מאַכט, האָבן ייִדן געליטן פֿון רדיפֿות. דער מושל פֿון סאַלאָניק טעאָדאָראָס I האָט אויפֿגעהויבן רדיפֿות קעגן ייִדן, נאָר אין גיכן האָט אָט דער דעספּאָט געליטן אַ מפּלה אין דער מלחמה מיטן קיניג פֿון בולגאַריע יאָאַן אַסען און איז אַרייַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט (1230). דער קיניג פֿון בולגאַריע האָט באַשלאָסן אויצושטעכן דעם געפֿאַנגענעם די אויגן און האָט איבערגעגעבן אויסצופֿירן אָט דעם אַקט צוויי ייִדן, ווייַל ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן גוט אויספֿירן די ראָלע פֿון תּלינים איבער דעם שׂונא פֿון זייער פֿאָלק. די ייִדן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, נאָר אַז דער אומגליקלעכער געפֿאַנגענער האָט גענומען זיך בעטן בייַ זיי רחמים, זיי זאָלן אים פֿאַרשוינען, האָבן זיי ניט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער ראָלע פֿון תּלינים. דעמאָלט איז דער בולגאַרישער קיניג אַרייַן אין כּעס און האָט באַפֿוילן די צוויי ייִדן, וואָס האָבן ניט געטויגט פֿאַר תּלינים, אַרייַנצוּוואַרפֿן אין ים אַרייַן. טעאָדאָראָסן האָבן אויסגעשטאָכן די אויגן אַנדערע, נאָר שפּעטער האָט אים אָפּגעגליקט צו אַנטלויפֿן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט. מטושטשע אָנווייַזן פֿון ייִדישע מקורים גיבן אַ יסוד משער צו זייַן, אַז אויך די לעצטע גריכישע רעגירערס פֿון דער משפּחה לאַסקאַריס, יאָאַן באַטאַקיאָס און טעאָדאָראָס II ‏(1254—1222), האָבן אין זייער קליינאַזישער מדינה („די מלוכה פֿון ניקעאַ") באַדריקט ייִדן און געצוווּנגען זיי צו שמד. די רדיפֿות האָבן אויפֿגעהערט ערשט אונטער דעם קיסר מיכאל פּאַלעאָלאָג, וואָס אים האָט אָפּגעגאָלטן צו פֿאַרטרייַבן די לאַטייַנער מיט דער הילף פֿון די גענועזער און אויפֿצוריכטן די גריכישע אימפּעריע (1261). פֿון דעמאָלט ביזן סוף 13טן י"ה האָבן מיר ניט קיין שום ידיעות וועגן גורל פֿון די ביזאַנטישע ייִדן.

אין יענער צייַט האָט דער האַנדלספּלאַץ פֿון דער גענועזער רעפּובליק, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זייַן ווענעציאַנישן קאָנקורענט אויפֿן מיטללענדישן ים, זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו דעם ים=ברעג פֿון דעם דרומדיקן רוסלאַנד. קורץ פֿאַר דעם האָט זיך אויסגעגאָסן אויפֿן קיִעווער לאַנד און אויף אַנדערע רוסישע טייל=פֿירשטנטימער אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפֿע: דער אָנפֿאַל פֿון די טאָטערן (1237), וואָס האָבן אויף לאַנג פֿאַרפֿעסטיקט זייער ממשלה אויף דער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד. די נייַע וואַנ=

דערונג פֿון די פֿעלקער פֿון דער מאָנגאָלישער ראַסע האָט אויך געווירקט
אויפֿן גורל פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס אויפֿן ברעג פֿון שוואַרצן ים, וואָס
זייער צענטער איז געווען דער קרימער האַלבאינדזל. צו דעם ברעגלאַנד
וואָס די טאָטערן האָבן פֿאַרנומען האָבן זיך אַלאָז געטאָן גריכן, איטאַליענער
און ייִדן פֿון דעם נאָענטן באַלקאַנישן האַלבאינדזל. אַרום 1260 האָבן די
גענועזער, וואָס האָבן געשטרעבט צו פֿאַרכאַפּן דאָס ברעגלאַנד פֿון שוואַרצן
ים, איבערגענומען בײַם טאָטערשן כאַן אין קרים די ים=שטאָט קאַפֿאַ, וואָס
האָט פֿריִער געהייסן פֿעאָדאָסיע, און האָבן אין גיכן פֿון איר געמאַכט אַ רײַכע
האַנדלס=רעפּובליק. נאָכן אונטערגאַנג פֿון דער לאַטײַנישער אימפּעריע האָט
זיך פֿאַרשטאַרקט די פּאָליטישע און קאָמערציעלע באַזע פֿון די גענועזער אין
קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דורך דעם איז געשאַפֿן געוואָרן אַ בריק צווישן דער
הויפּטשטאָט פֿון ביזאַנץ און „קליין=קאָנסטאַנטינאָפּאָל", ווי מען האָט דעמאָלט
אָנגערופֿן די שטאָט קאַפֿאַ. די קאָלאָניעס פֿון גענוע בײַם שוואַרצן ים האָבן
געדינט ווי פֿאַרמיטל=פּונקטן צווישן דעם איטאַליעניש=ביזאַנטישן און אַזיאַ=
טישן האַנדל און האָבן צוגעצויגן ייִדישע סוחרים פֿון מזרח און מערבֿ, ווי
אַנומלט אין דער צײַט פֿון די כאַזאַרן.

די באַלעבונג פֿון די לענדער בײַם שוואַרצן ים האָט פֿאַרכאַפּט אויך
די לענדער בײַם מזרחדיקן ברעג, בײַ קאַווקאַז און די געגנטן אַרום קאַספּישן
ים. טיפֿע שיכטן פֿון דעם פֿאַרצײַטיקן קאַווקאַזער ייִדנטום זײַנען אויפֿגע=
הויבן געוואָרן דורך דעם שטראָם פֿון דער מאָנגאָלישער וואַנדערונג און פֿאַר=
בונדן מיט זייערע קרימער ברידער. דער פֿראַנצייזישער רײַזנדער, דער
מאָנאַך ווילהעלם דע=רוברוק, וואָס קיניג לודוויג IX האָט אים געשיקט אין
יאָר 1254 מיט אַ שליחות צום כאַן פֿון די טאָטערן, איז צוריק וועגס געפֿאָרן
דורך קאַווקאַז און האָט דאָרט אין די שטעט געטראָפֿן אַ סך ייִדן. אונטער
וועגס פֿון דערבענט איז ער אויף אַ מהלך פֿון צוויי טעג רײַזע אָנגעפֿאָרן
אויף דער שטאָט סאַמאַראָק, וואָס אירע מויערן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צום
קאַספּישן ים, און ער האָט דאָרט געזען „אַ סך ייִדן". אויפֿן ווײַטערדיקן
וועג קיין שעמאַכע האָט ער געזען אַ ריי פֿעסטונגען, וואָס ייִדן האָבן געהאַט
פֿאַרנומען. די פֿאַרוואָרפֿענע דיאַספּאָרע פֿון דרום=מערבֿ=אייראָפּע, פֿון קרים
און קאַווקאַז, האָט אָפּגעלעבט אין יענער תּקופֿה, ווען די גענועזישע קאַפֿאַ
איז געשטאַנען אַזוי ווי אַ מין קוואַרטאַל פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפֿן קעגנ=
איבערדיקן ברעג פֿון שוואַרצן ים. קיין קרים זײַנען געגאַנגען פֿון קאָנסטאַנ=
טינאָפּאָל ניט בלויז ייִדן סוחרים, נאָר אויך געלערנטע. עס האָט זיך פֿאַר=
שטאַרקט די אימיגראַציע פֿון די קאַראַימער וואָס האָבן אויך פֿריִער געהאַט
דאָרט זייער קאָלאָניע. אין יאָר 1279 איז אין דער שטאָט סולכאַט (עסקי=
קרים) אָנגעקומען פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דער געלערנטער אַהרן בן יוסף, דער

מחבר פֿון אַ גרויסן פּירוש אויף תּנך אונטערן טיטל „ספר המבחר". דאָ האָט ער געפֿונען אויך אַ קהילה פֿון רבניטן.

www.libtool.com.cn

אַזוי אַרום זײַנען אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה אויפֿגעלעבט געוואָרן אין די לענדער פֿון שוואַרצן ים און אין דער אונטערשטער שטרע-מונג פֿון דנעפּער די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס, וואָס וועלן אין די נאָענטסטע יאָרהונדערטער אַרײַנטרעטן אין אַן ענגער עקאָנאָמישער און גײַסטיקער פֿאַר-בינדונג מיט די נײַע ייִדישע קאָלאָניעס אין פּוילן און ליטע, און דורך זיי וועלן זיי זיך אָננעמען מיט דער מערבֿדיקער קולטור.

www.libtool.com.cn

# צווייטער אָפּטייל

## די שפּאַניש-דײַטשע העגעמאָניע ביז דעם גירוש פֿון דעם פּירענעיִשן האַלבאינדזל (XIV—XV י"ה)

### § 32. אַלגעמיינער איבערבליק

דאָס פֿריִע מיטלעלטער האָט געבויט צענטערס פֿון ייִדנטום אין מערב-אייראָפּע, דאָס שפּעטע מיטלעלטער האָט זיי חרובֿ געמאַכט. צווישן צוויי חורבנות ציט זיך דער וועג פֿון פֿאָלק אין יענעם פּעריאָד: דער צײַטווײַליקער גירוש פֿון פֿראַנקרײַך (1306) און דער אייביקער גירוש פֿון שפּאַניע (1492). דער פֿראַנצייזישער צענטער מאַטערט זיך נאָך צו לעבן אין דעם משך צײַט פֿון 80 יאָר צווישן דעם צײַטווײַליקן אומקער פֿון די פֿאַרטריבענע און דעם לעצטגילטיקן גירוש פֿון זייערע אייניקלעך (1315—1394). דער שפּאַנישער צענטער דערגייט אין 14טן י"ה צו זײַן בליפּונקט, אָבער שוין מיט הונדערט יאָר שפּעטער פֿאַלט ער אַראָפּ אין שאול תחתיה. דער דײַטשער ייִדישער קיבוץ צאַפּלט זיך אין צוואַנגען, צווישן טויט אויף קידוש-השם און רעכטלאָזיקייט, אָבער ער ברעכט זיך ניט אײַן ניט אונטערן שטורעם און ניט אונטערן שווערן דרוק. ער נעמט איבער די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע פֿון דעם פֿראַנצייזישן צענטער און טיילט זי מיט דעם שפּאַנישן צענטער. נאָר אויך דאָ ברענגט דער פֿאַטאַלער 15טער יאָרהונדערט טיילווײַזע צעשטערונגען: רדיפֿות און גירושים פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון דײַטשלאַנד רעדוצירן די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דײַטשלאַנד ביז צום מינימום.

איטלעכער פֿון די צוויי לעצטע יאָרהונדערטער פֿון דעם מיטלעלטער האָט זײַן אייגענעם פּרצוף. פֿאַר די צוויי צענטערס פֿון מיטל-אייראָפּע, דעם פֿראַנצייזישן און דײַטשן, איז דער פֿערצנטער יאָרהונדערט אַ צײַט פֿון טויט און פּײַן אויף קידוש-השם. די באַוועגונג פֿון צעווילדעוועטע קריסטלעכע מאַסן: די „גזרת הרועים" (פּאַסטאָרעלן-באַוועגונג), דער „שוואַרצער טויט", ריטועלע פּראָצעסן מיט פּאָגראָמען נאָך זיי — דאָס אַלץ ברענגט אונטערגאַנג

און חורבן פֿאַר די ייִדישע קהילות. דער ייִד איז דער שעיר=לעזאָזל פֿאַר
www.libtool.com.cn
סטיכישע פורעניות:

Pestis regnavit plebis quoque milia stravit,
Contremuit tellus—populusque crematur hebraeus [1]

אין פֿראַנקרײַך האָט די ווילדע מעשׂים פֿון דער גאַס באַלייט דער
ווילדווילן פֿון די מלכים און די רשעות פֿון די מאַכטאָרגאַנען; דער פּועל=
יוצא פֿון אָט די בשותּפֿישע באַמיִונגען איז געווען די נײַע יציאת=מצרים פֿון
פֿראַנקרײַך. אין דײַטשלאַנד האָבן די פּאָגראָמען פֿון די „יודנשלעגערס" און
פֿון די נקמה=נעמערס פֿאַרן „שוואַרצן טויט" געבראַכט צו די זעלביקע רעזול=
טאַטן, וואָס עס האָבן פֿריִער געבראַכט די מעשׂים=תּעתּועים פֿון די קרייצ=
לערס: דערצו, אַז די ייִדן זײַנען נאָך מער פֿאַרשקלאַווט געוואָרן בײַ זייערע
„באַשיצערס" — די קיסרים, די פֿעאָדאַלע פֿירשטן און די שטאָטישע שׂררות.
אין 15טן י״ה לאָזט דער סאָציאַלער מצבֿ פֿון ייִדן זיך אַראָפּ נאָך נידעריקער,
די ייִדישע גאַס רוקט זיך אָפּ נאָך ווײַטער פֿון דער קריסטלעכער, דער גײַסטי=
קער האָריזאָנט ווערט נאָך שמעלער. אין אָט די ענגע גרענעצן טוט דער
שטאָלהאַרטער גײַסט פֿון דער אומה אַרבעטן אינטענסיוו און בויט אויף אַלץ
העכער דעם „צאַם אַרום דער תּורה". דאָ האָט דער כּוח פֿון פּאַסיוון ווידער=
שטאַנד קיין שיעור און קיין גרענעץ ניט. די שרעקלעכסטע מאָמענטן פֿון
מאַסן=הריגות ברענגען ניט צו קיין מאַסן=שמדן: די קרבנות זײַנען שטאַנד=
האַפֿטיק, מיט גבֿורה גייען די קדושים צום טויט, און ווילן אַפֿילו אויף
לפּנים ניט זיך אָפּזאָגן פֿון זייער ייִדישקייט. אין צײַטן פֿון רו טראָגט דער
דײַטשער ייִד מיט הכנעה דעם יאָך פֿון רעכטלאָזיקייט; ער בייגט זיך,
אָבער ער ברעכט זיך ניט.

אַן אַנדערע איז די טבֿע פֿון שפּאַנישן ייִדנטום. די קאַטאַסטראָפֿעס פֿון
14טן י״ה האָבן ביז זײַן לעצטן צענדליגג יאָר נאָך ניט אָנגערירט די ייִדן
אין שפּאַניע. אין אַראַגאָניע און קאַסטיליע זײַנען זיי נאָך ניט אויסגעשלאָסן
פֿון דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט. אין קאַסטיליע פֿאַרמערן זיך משפּחות
פֿון ייִדישע גראַנדן, וואָס זייער פֿינאַנציעלע פֿאַרבינדונג מיטן קיניגלעכן
הויף מאַכט זיי אויך גרויס אין פּאָליטישער השפּעה. זיי נוצן אויס זייער
השפּעה ניט שטענדיק לטובֿת זייער פֿאָלק, נאָר על כּל פּנים אין אַ לאַנד ווו
אַ ייִד קאָן ווערן אַ מיניסטער, קאָן שוין זײַן פֿאָלקסברודער ניט זײַן קיין
פּאַריִער. דער סאָציאַלער מצבֿ פֿון ייִדן אין שפּאַניע איז ווי פֿריִער העכער,
איידער אין יעדן אַנדער לאַנד. דער אַדל, די גײַסטלעכקייט, די בירגערשאַפֿט

---

1 צי עס האָט פּעסט געקיניגט אין אויסגעלייגט טויזנטער מענטשן, צי די ערד האָט געטרייסלט זיך — האָט מען געברענט דאָס ייִדישע פֿאָלק, — אַזוי שרײַבט דער כראָניסט פֿאַבריציוס.

www.libtool.com.cn

װײַזן אַ מאָל אַרױס קנאה און שׂנאה לגבי זײ, אָבער ניט קײן פֿאַראַכטונג. פֿאַראַכטונג פֿאַרדריסט, שׂנאה איז געפֿערלעך – און די ייִדן פֿון שפּאַניע האָבן אױסגעמיטן פֿאַרדראָס, אָבער זײַנען געגאַנגען אַנטקעגן דער סכּנה.

די אַגיטאַציע פֿון די קלעריקאַלן הײבט אױף אין די קריסטלעכע מאַסן אַ בונט קעגן דער „ייִדישער אײבערמאַכט״. אין יאָר 1391 לעבט שפּאַניע איבער איר אײנצװײניקסטן קרײצצוג: װי װילדע חיות רײַסן זיך אַרײַן די מאַסן אונטערן אָנפֿיר פֿון מאָנאַכן אין ייִדישע הײַזער מיטן געשרײ: שמד אָדער טױט! די שחיטה פֿון סעװיליע גיט אַ סיגנאַל צו פֿאַרטיליקן ייִדן אין די שטעט פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָניע. עס איז אָנגעשטאַנען די צײַט, װען די שפּאַנישע ייִדן האָבן זיך אױסגעגלײַכט אין פּײַן מיט די דײַטשע ייִדן, די שעה פֿון שרעקלעכן נסיון. אַ סך זײַנען דעם נסיון בײַגעשטאַנען, אָבער אַ סך האָבן ניט אױסגעהאַלטן: בכדי צו ראַטעװען דאָס לעבן האָבן זײ לפּנים אָנגענומען קריסטנטום. די איבער געװאַלד געשמדטע װאָלטן זיך אומגעקערט צו זײערע קהילות, אױב די סכּנה װאָלט זיך געפֿעלט, אָבער זי איז ניט אַװעק: אין אָנהײב 15טן י״ה איז דער קירכלעכער טעראָר שטאַרקער געװאָרן, צו די פֿריִערדיקע קרבנות פֿון פֿאַרגעװאַלדיקונג פֿון דעם געװיסן זײַנען צוגעקומען פֿרישע קרבנות. עס איז אױפֿגעקומען די טראַגע־דיע פֿון דעם מאַראַנענטום. די ייִדישע פֿראַגע איז נאָך מער פֿאַרפּלאָנ־טערט געװאָרן דורך דער פֿראַגע פֿון די „נײַע קריסטן״, װאָס האָבן זיך אַרײַנגעגלידערט אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפֿט. די קירך, װאָס האָט זיך דערשלאָגן דורך געװאַלד, אַז דאָס ייִדנטום זאָל צום טײל כריסטיאַניזירט װערן, האָט אַ ציטער געטאָן פֿאַר דעם שרעקשאָטן, אַז שפּאַניע זאָל יודאַי־זירט װערן. קעגן די װאָס האַלטן ייִדישקײט בשתיקה האָט מען גערופֿן צו הילף די אינקװיזיציע (1480). די חיה־רעה האָט אױפֿגעפֿרעסן אַ סך קרבנות, אָבער קײן פּעולה איז ניט געװען. דעמאָלט איז מען געקומען צו דער אײַנ־זעניש, אַז מיט דער בשתיקה־ייִדישקײט װעט מען קאָנען קעמפֿן מיט הצלחה ערשט נאָך דעם, װי פֿון לאַנד װעלן װערן פֿאַרטריבן די אָפֿענע ייִדן: װעט דער שטאָם װערן אױסגעהאַקט, װעלן די צװײַגן פֿאַרטריקנט װערן. אַזױ איז געשען דער גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע (1492), און דער־נאָך פֿון פּאָרטוגאַל און פֿון נאַװאַרע. עס איז אומגעקומען נאָך אײן קולטור־צענטער פֿון דער דיאַספּאָרע, עס איז געװאָרן אױס נאָך אײן העגעמאָניע.

אַזױ אַרום האָבן די לעצטע יאָרצענדלינגער פֿון דרײַ יאָרהונדערטער זיך אױסגעצײכנט מיט די חורבנות פֿון ייִדישע צענטערס אין דרײַ לענדער: צום סוף 13טן י״ה איז געװען דער גירוש פֿון ייִדן פֿון ענגלאַנד, צום סוף 14טן י״ה — פֿון פֿראַנקרײַך, צום סוף 15טן י״ה—פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

www.libtool.com.cn

אין אַ צײַט פֿון אָט דעם צעשטערנדיקן שטורעמווינט שטייט ווי פֿריִער די ייִדישע איטאַליע. די תּקופֿה פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס און פֿון דעם אויפֿבלי פֿון די שטאָטישע רעפּובליקן איז ניט געווען גינציק פֿאַר די אַרויסווײַזן פֿון דער מיטלעלטערלעכער באַרבאַרײַ. די ייִדישע קהילות האָבן זיך צוגעפּאַסט צו איטלעכן רעזשים: צום פּויפּסלעכן, רעפּובליקאַנישן, קיניגלעכן (אין נעאַפּאָל און סיציליע), און ערטערווײַז זײַנען זיי געווען קליינע אויטאָנאָמע רעפּובליקן אין די קריסטלעכע שטעט. די אַגיטאַציע פֿון פֿאַנאַטישע מאָנאַכן האָט דאָ זעלטן ווען געפֿונען אַן אָפּקלאַנג. און נאָר צום סאַמע סוף פֿון דער תּקופֿה האָט איין טייל פֿון איטאַליע געליטן פֿון דעם שטורעם וואָס האָט צעשטערט דעם שפּאַנישן צענטער: ייִדן זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון סיציליע, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער רעגירונג פֿון די אַראַגאָנישע מלכים, נאָך דעם ווי די פֿאַראייניקונג פֿון אַראַגאָניע מיט קאַס-טיליע האָט געבראַכט צו דער אײַנפֿירונג פֿון דער אינקוויזיציע און צו דעם גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע.

די פֿאַרעלטערטע ביזאַנץ איז זיך צעפֿאַלן, און אין יאָר 1453 האָבן די אָסמאַנישע טערקן אַרײַנבאַקומען די ירושה פֿון די גריכן. טערקײַ גיט אַ מקום-מקלט פֿאַר די געיאָגטע ייִדן אין אירע אייראָפּעיִשע און אַזיאַטישע מדינות. אויפֿן גרענעץ פֿון דעם מיטלעלטער און דער נײַער צײַט ווערט ווידער אויפֿגעריכט אַ בריק צווישן דער דיאַספּאָרע פֿון אייראָפּע און אַזיע. דער ייִדישער אָריענט האָלט בײַ אויפֿגעלעבט ווערן. אים וועלן אויפֿוועקן פֿון דעם יאָרהונדערטער לאַנגן שלאָף די רוישיקע מאַסן פֿון די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע.

בינתּים פֿורעמט זיך אויס אַ נײַער נאַציאָנאַלער צענטער אין מזרח-אייראָפּע, אָנשטאָט דעם צעשטערטן צענטער אין מערבֿ. די קאָלאָניע פֿון דעם דײַטשן ייִדנטום, פּוילן, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. צום סוף פֿון דער תּקופֿה שטעלט זי זיך אַוועק אין איין ריי מיט דער מעטראָפּאָליע, און שפּעטער שטײַגט זי זי אַריבער.

נאָך דעם ווי עס זײַנען צעשטערט געוואָרן די העגעמאָנישע צענטערס פֿון פֿראַנקרײַך און שפּאַניע, זײַנען אויך אויסגעלאָשן געוואָרן די פֿײַערן פֿון דער גײַסטיקער קולטור. נאָכן בֿעשיקן געראַנגל צווישן דער רבנות און דער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס האָט אָנהייב 14טן י״ה זיך פֿאַרענדיקט מיטן נצחון פֿון דער רבנות, ווערן די גײַסטיקע באַוועגונגען אײַנגעשטילט. אין דער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע באַקומען די אייבערהאַנט קאָנסערוואַטיווע שטרעמונ-גען (קרשקש, אַלבו, אַברבנאל), די שיטה פֿון דער דײַטשער רבנות האָט זיך אָנגענומען אויף דער ערד פֿון שפּאַניע (די ישיבֿה פֿון ראָ״ש, דער ספֿר „טורים״), דער נאַכטישער שטורקאַץ פֿון דער קבלה ציט צו מיט זײַן סודות-

www.libtool.com.cn

דיקן פֿײַערל יענע „בלאָנדזשערס“, וואָס זיי האָט אַ מאָל געפֿירט די ליכטיקע שײַן פֿון דעם רמבמס „מורה“. אין דײַטשלאַנד גופֿא איז דער תּלמודיזם אַ מושל בכּיפּה. דאָ האַרמאָנירט די שמאָלקייט פֿון דעם גײַסטיקן האָריזאָנט מיט דער ענגשאַפֿט פֿון דער פֿאַרשלאָסענער „ייִדישער גאַס“. אין איטאַליע רײַסן זיך אַרײַן פֿרישע ווינטן פֿון דעם רענעסאַנס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און רוקן אַרויס אַזאַ פֿיגור ווי דעם פּאָעט עמנואל רומי, דאַנטעס אַ בן־דור; נאָר דער ייִדישער רענעסאַנס, וואָס האָט אַנומלט באַשײַנט שפּאַניע, האָט ניט זוכה געווען אויפֿצושטיין אויף דער ערד פֿון איטאַליע. בכלל ווערן צום סוף פֿון מיטלעלטער אומעטום פֿאַרפֿעסטיקט די פּאָזיציעס פֿון דער רבנות, וואָס אין טייל ערטער נעמט זי זיך צו הילף די קאָנסערוואַטיווע פֿילאָסאָפֿיע, און אין אַנדערע — די מיסטיק. אומעטום איז פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש זיך אָפּצוזונדערן, אָפּצוהיטן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט פֿון די צעשטערנדיקע שטורעמס פֿון דער צײַט.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל I

# ייִדן אין בירגערלעכן לעבן פֿון שפּאַניע און די קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391

### § 33. די הויפּלײַט אין קאַסטיליע און די ייִדנפֿײַנטלעכע אַגיטאַציע

פֿון די צוויי גרויסע קיניגרײַכן פֿון שפּאַניע האָט אַראַגאָניע פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין 13טן י"ה און קאַסטיליע אין 14טן י"ה. קאַסטיליע, וואָס איז געלעגן אין צענטער און אין דרום פֿון דעם פּירענעיִשן האַלבאינדזל, האָט אין איינעם מיט לעאָן און אַנדאַלוזיע געהאַט אַ גרעסערע ייִדישע און מוסלימישע באַפֿעלקערונג ווי איר מזרחדיקע שכנה, און איז געווען מער פֿאַרבונדן מיט אָט די פֿרעמדשטאַמיקע עלעמענטן אין איר ווירטשאַפֿטלעכן שטייגער. דאָ האָבן די רעגירערס ווי פֿריִער זיך געמוזט רעכענען מיט דעם פֿינאַנציעלן כּוח פֿון די פּני פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. די ייִדן די פֿינאַנסיסטן, וואָס האָבן פֿאַרנומען שטעלעס פֿון אַלמאָכאַריפֿן אָדער אַרענדאַטאָרס פֿון די מלוכה-הכנסות, פֿלעגן זיך אַרײַנציִען אין דעם פּאָליטישן קאַמף צווישן די קאָנקורירנדיקע גלידער פֿון דער קיניגלעכער דינאַסטיע, צווישן די פֿאָרשטייער פֿון די פּאַרטייען און שטאַנדן און פֿלעגן אַרײַנציִען אין אָט דעם קאַמף אַ מאָל אויך זייערע פֿאָלקסברידער.

דער באַטײַט פֿון די שטאַנדן-אָרגאַניזאַציעס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אין קאַסטיליע פֿון 14טן י"ה. די לאַנדראָטן פֿון די אַדללײַט, די קאָרטעס, האָבן דיקטירט דעם קיניג זייערע געזעצן, וואָס זײַנען צווישן אַנדערע זאַכן געווען געווענדט אויך צו מאַכן צו נישט די פּאָליטישע השפּעה פֿון ייִדן. קעגן זייער עקאָנאָמישער השפּעה האָבן געפֿירט אַ מלחמה די שטעט, וואָס זײַנען געווען פֿאַראייניקט אין „הערמאַנדאַדעס" אָדער פֿאַרבאַנדן אויף צו באַשיצן זייערע „פֿועראָס" און אויטאָנאָמע רעכט. קעגן דער קולטורעלער השפּעה פֿון דעם ייִדנטום האָט אײַנגעשפּאַרט געקעמפֿט די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט, וואָס האָט געקראָגן אַלץ אַ גרעסערן כּוח אין קאַסטיליע. זי האָט

www.libtool.com.cn

געצווירקט סיַי פֿון אויבן, דורך אויפֿצווינגען דער רעגירונג די החלטות פֿון אירע סינאָדן און נאָך מיט מער הצלחה פֿון אונטן, דורך פֿירן כסדר אַן אַגיטאַציע אין די מאַסן קעגן יענע, וואָס „פֿאַרייִדישן דאָס לאַנד".

דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער קאַמף איז אַרויס אויפֿן אייבערפֿלאַך שוין אונטער די נאָענטסטע יורשים פֿון דעם קאַסטילישן קיניג סאַנטשאָ IV (§ 9), זיַין אַלמנה מאַריאַ דע־מאָלינאַ און זיַין זון פֿערדינאַנד IV (1295–1312). פֿערדינאַנד האָט געהאַט ביַי זיך אַ קלוגן יועץ, דעם אַלמאָכאַריף דאָן שמואל, וואָס האָט געהאַט צו שאַפֿן איבער די מלוכה־פֿינאַנצן. די פּאָלי־טישע און די דיפּלאָמאַטישע עצות פֿון שמואלן, וואָס דער יונגער קיניג האָט געהאַט צו אים גרויס צוטרוי, זיַינען ניט געווען געפֿעלן דער הערשערישער קיניגין־מוטער מאַריאַ דע־מאָלינאַ, און עס איז דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז די הויפֿישע פּאַרטיי פֿון דער מלכּה האָט געפּרוּווט איבער געוואַלד צו באַזיַי־טיקן פֿון וועג דעם אומבאַקוועמען יועץ. איין מאָל, ווען שמואל איז געפֿאָרן אין דער באַגלייטונג פֿון דעם קיניג קיין סעווילי̇ע, זיַינען אָנגעפֿאַלן אויף אים געדונגענע מערדער און האָבן אים שווער פֿאַרוווּנדעט. ער איז געראַ־טעוועט געוואָרן פֿון טויט נאָר אַ דאַנק דער קונסט פֿון דעם דאָקטאָר, וואָס דער קיניג האָט צו אים געשיקט.

משמעות, אַז אַ דאַנק דער השפּעה פֿון אָט דעם ייִדישן יועץ זיַינען געוואָרן צו נישט די ייִדנפֿיַינטלעכע פּלענער פֿון דער גיַיסטלעכקייט און פֿון דעם אַדל. אין יאָר 1307 האָט די ייִדישע קהילה פֿון טאָלעדאָ זיך באַקלאָגט פֿאַרן קיניג אויף דער אָרטיקער גיַיסטלעכקייט, וואָס האָט זיך גענומען צו־דריקן ייִדן אין זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס אויפֿן יסוד פֿון אַ בולע וואָס זי האָט געקראָגן פֿון דעם פּויפּס קלעמענס V. פֿערדינאַנד IV האָט פֿאַרלאַנגט פֿון דער גיַיסטלעכקייט, אַז זי זאָל אויפֿהערן זיך אַריַינצומישן אין דיווירט־שאַפֿטלעכע ענינים פֿון די ייִדן. ייִדן, האָט ער דערקלערט, שטייען ניט אונטער דעם פּויפּס, נאָר אונטערן קיניג, וואָס אים צאָלן זיי שטיַיערן, און איטלעכע באַדריקונג פֿון זייערע געשעפֿטן וועט זיך אָפּרופֿן מיט היזק אויף דעם צושטאַנד פֿון די מלוכישע פֿינאַנצן. אין דער זעלביקער ציַיט האָט דער קיניג אָפּגעווענדט די פֿאָדערונג פֿון די קאָרטעס פֿון דעם אַדל, אַז מען זאָל ייִדן באַזיַיטיקן פֿון אַרענדירן און אויפֿמאָנען שטיַיערן; ער האָט ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן דער הילף פֿון די ייִדישע פֿינאַנסיסטן, אין דער ציַיט ווען ער האָט אונטערגענומען אַ קריגסמאַרש אויף גיבראַלטאַר.

נאָכן טויט פֿון פֿערדינאַנד IV (1312), ווען די אַלטע מלכּה מאַריאַ איז ווידער אַ מאָל אַריַין אין דער רעגענטשאַפֿט, מחמת דער קרוין־יורש אַלפֿאָנס XI איז נאָך געווען יונג, האָט די רעגירונג געמוזט באַפֿרידיקן אייניקע פֿאָדערונגען פֿון דעם אַדל און פֿון דער גיַיסטלעכקייט. מחמת די באַשטי־

www.libtool.com.cn

מונגען פֿון דעם קירכן-סינאָד אין זאַמאָראַ (1313) און פֿון די קאָרטעס אין בורגאָס (1315), האָבן די רעגענטן פֿאַרבאָטן ייִדן זיך אָנצורופֿן מיט קריסט-לעכע נעמען, באַווײַזן זיך עפֿנטלעך אין טײַערע בגדים און האַלטן בײַ זיך אין שטוב קריסטלעכע אַמען. מער ממשות האָבן געהאַט די ווירטשאַפֿטלעכע און רעכטלעכע באַגרענעצונגען: דער פֿאַרבאָט צו נעמען אויף הלוואות מער ווי דעם געזעצלעכן פּראָצענט (33 פּראָצ'), צו באַטראַכטן סיכסוכים צווישן קריסטן און ייִדן ניט אין קיניגלעכן געריכט, אָנצונעמען אין געריכט דאָס עדות-זאָגן פֿון איין ייִדן קעגן אַ קריסט. אָבער נאָכגעבנדיק געצוווּנגענערהייט די פֿאָדערונגען פֿון די העכערע שטאַנדן, איז די רעגירונג פֿאָרט ניט אַוועק אַזוי ווײַט, זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער מיטאַרבעט פֿון ייִדן בײַ דער רעגולירונג פֿון די מלוכה-פֿינאַנצן. סײַ די קיניגין מאַריאַ, סײַ אַ צווייטער מיטגליד פֿון דער רעגענטשאַפֿט, דער אינפֿאַנט כואַן-מאַנועל, האָבן געהאַט זייערע פֿינאַנציעלע אַגענטן. דער אינפֿאַנט, אַ ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿט און ליטע-ראַטור, האָט געשטיצט ייִדישע געלערנטע; איינער פֿון זײַנע מקורבֿים איז געווען דער געלערנטער יהודה אבן ווקאַר פֿון קאָרדאָווע. לויט אבן ווקאַרס בקשה האָט כואַן-מאַנועל, וואָס איז געבליבן איינער אַליין רעגענט נאָכן טויט פֿון דער קיניגין מאַריאַ, מבֿטל געווען די באַגרענעצונג פֿון דעם ייִדישן בית-דין, וואָס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין איר צײַט, הײַנו אַז ער טאָר ניט אַרויפֿלייגן קיין קרימינעלע שטראָפֿן אויף די מיטגלידער פֿון די קהילות.

נאָך דעם ווי אַלפֿאָנס XI (1350–1325) האָט אַליין איבערגענומען די רעגירונג פֿון לאַנד, האָט ער באַשטימט פֿאַר אַן אַלמאָכאַריף דעם ייִד יוסף בנבֿנישתי. דער דאָזיקער ענערגישער אויפֿמאָנער פֿון שטײַערן, וואָס האָט געהאַט די פֿאַרוואַלטונג איבער די קיניגלעכע פֿינאַנצן, איז געוואָרן דער צוטרוימאַן (privado) פֿון דעם יונגן קיניג און דער אויספֿירער פֿון זײַנע וויכטיקסטע שליחותן. אין איינעם מיט צוויי ריטערס, אַלפֿאָנס' חבֿרים, האָט בנבֿנישתי געפֿירט די גאַנצע פּאָליטיק פֿון הויף און האָט געלעבט ווי עס געשיקט זיך פֿאַר אַ גרויסן פּריץ: ער פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין אַ גרויס-אַרטיקער קאַרעטע, באַלייט פֿון רײַטערס און באַדינערס, פֿלעגט אויפֿנעמען בײַ זיך אין הויז הויכע שׂררות און האָט בכלל געפֿירט דאָס לעבן פֿון אַ קאַסטילישן גראַנד. דאָס האָט דערוועקט אומצופֿרידנקייט אין דער קריסט-לעכער געזעלשאַפֿט: מען פֿלעגט שמועסן, אַז דער קיניג האָט אָפּגעגעבן דאָס לאַנד אין רשות פֿון אַ ייִדישן געשעפֿט-מאַכער און צוויי לײַכטזיניקע ריטערס. אין וואַלאַדאָליד איז אַפֿילו געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו אָנצופֿאַלן אויף בנבֿנישתין, בעת ער איז דאָרט אַ מאָל געווען צו גאַסט צוזאַמען מיטן קיניג. נאָר אַלפֿאָנס האָט ניט געקוקט אויף דער אומצופֿרידנקייט פֿון פֿאָלק און האָט געהאַלטן בנבֿנישתין בײַם הויף מיטן טיטל שאַצמײַסטער פֿון דער מלוכה (tesorero).

www.libtool.com.cn

נאָר די הויפישע אינטריגעס, וואָס אין זיי איז געווען פאַרמישט אַ צווייטער ייִד אַ קרובֿ למלכות, האָבן פאַרן ייִדישן פינאַנץ־מינסטער צוגע־גרייט אַ שוואַרצן סוף. דער פלינקער געשעפטמאַן שמואל אבן ווקאַר (Abenhuacar) האָט געקראָגן פון דעם קיניג די אַרענדע פון די אָפּצאָלן אויף די סחורות, וואָס ווערן געבראַכט פון דער מוירעטאַנישער גראַנאַדע, און אויך די אַרענדע פון דעם מינצהויף מיטן רעכט צו שלאָגן זילבערנע מטבעות מיט ניט קיין פולער וואָג, און דערפון האָט ער געהאַט גרויסע הכנסות. ווען בנבֿנישתין האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצונעמען בײַ זײַן קאָנקורענט די אַרענדע פון די גרענעץ־אָפּצאָלן, האָט ווקאַר אײַנגערעדט דעם קיניג, ער זאָל אין גאַנצן פאַרבאָטן דעם אַרײַנפיר פון סחורות פון גראַנאַדע און אײַנשטעלן אַ סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם. דערווײַל איז אין לאַנד געוואַקסן די אומ־צופרידנקייט קעגן די פיסקאַלע אַגענטן און פּריוואַטע וואָכערניקעס — ייִדן און מוסלמאַנער. די קאָרטעס אין וואַלאַדאָליד און מאַדריד האָבן געפאָדערט, אַז דער קיניג זאָל אײַנצאַמען די וואָכערניקעס, און האָבן אויסגעפועלט, אַז עס זאָל באַנײַט ווערן דער געזעץ וואָס פאַרבאָט צו נעמען מער פון 33 פּראָ־צענט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן טענות אויף די שעדלעכע רעזולטאַטן פון דער אַרענדע פון דער מינצערײַ, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן ווקאַרן; ווײַל די מטבעות האָבן פאַרלאָרן זייער ווערט, זײַנען טײַערער געוואָרן לעבנס־מיטלען, מחמת די פּראָדוצירער האָבן גלײַכער געוואָלט אַרויספירן זיי קיין אויסלאַנד, כדי צו באַקומען פולוואָגיק זילבער. סוף־כל־סוף האָט איין פלינקן קאַסטילישן הויפמאַן אָפּגעגליקט אַראָפּצוואַרפן ביידע ייִדישע פינאַנסיסטן.

המנס ראָלע האָט אָפּגעשפּילט גאָנזאַלאָ מאַרטינעס, אַן אָרעמער קאַסטי־לישער ריטער וואָס איז געווען אָנגעשטעלט בײַ יוסף בנבֿנישתי, און יענער האָט אים אַרײַנגעפירט אין קרײַז פון די הויפלײַט. מאַרטינעס האָט גיך געמאַכט אַ קאַריערע, געקראָגן דעם טיטל שעף פון דעם ריטער־אָרדן אַלקאַנ־טאַראַ און איז געוואָרן אַ מקורבֿ בײַם קיניג אַלפאָנס. אונטער דער השפעה פון דער ייִדנפײַנטלעכער פּאַרטיי האָט ער זיך פירגענומען אומצוברענגען די ייִדישע הויפלײַט און דורך דעם געבן אַ קלאַפּ דעם גאַנצן ייִדנטום פון קאַסטיליע. ער האָט קעגן ביידע אַרענדאַטאָרן אַרויסגעשטעלט די באַשול־דיקונג, אַז דורך זייער פיסקאַלישער סיסטעם שטעלן זיי בדלות דאָס לאַנד און באַרײַכערן זיך אַליין אויפן חשבון פון דער מלוכה. מאַרטינעסן איז געראָטן צו דערווײַזן דעם קיניג, אַז ער האָט רעכט דאָס צוצונעמען פאַר זיך דאָס גאַנצע עשירות פון זײַנע אַרענדאַטאָרס און זיי אַליין צו משפטן ווי פאַר־ברעכערס קעגן דער מלוכה. בנבֿנישתי און ווקאַר מיט זייערע משפחות זײַנען געוואָרן אַרעסטירט און אַרײַנגעזעצט אין תפיסה. בנבֿנישתי איז געשטאָרבן אין תפיסה און ווקאַרן האָט מען פאַרפײַניקט.

www.libtool.com.cn

וואָקאַרן האָט מען באַשולדיקט, אַז אַ דאַנק זײַן צאָל־פּאָליטיק, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם סחורה־אויסבײַט צווישן גראַנאַדע און קאַסטיליע, האָט דער עמיר פֿון גראַנאַדע דערקלערט קריג אַלפֿאָנס XI. צו הילף די מוירן פֿון גראַנאַדע זײַנען געקומען ווייערע שטאַמברידער פֿון מאַראָקאָ, און אויף דער טעריטאָריע פֿון קאַסטיליע האָט געזאָלט זיך צעפֿלאַקערן די אַלטע מלחמה צווישן די מוסלימס און קריסטן. קאַסטיליע האָט אין איינעם מיט אַראַגאָניע און פּאָרטוגאַל זיך געגרייט צום שוץ. צוליב פֿירן די מלחמה האָט מען באַדאַרפֿט האָבן געלט, און גאָנזאַלאָ מאַרטינעס, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פֿון דער קאַסטילישער אַרמיי, האָט פֿאָרגעלייגט צוצונעמען בײַ ייִדן אַלע זייערע קאַפּיטאַלן און זיי אַליין פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד; דערבײַ האָט ער ערבֿ געווען, אַז די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג וועט גערן דעקן דער מלוכה דאָס געלט פֿון די שטײַערן וואָס פֿלעגט אַלע יאָר אַרײַנקומען פֿון ייִדן. אָבער אין דעם קיניגלעכן ראָט איז אָט דער פֿאָרשלאָג ניט אָנגענומען געוואָרן. אַפֿילו דער העכסטער גײַסטלעכער שׂררה פֿון לאַנד, דער אַרציביסקופּ פֿון טאָלעדאָ, האָט דערקלערט, אַז מאַרטינעסעס עצה איז אַ חורבן פֿאַרן לאַנד, וואָרעם ייִדן זײַנען אַ טײַערער אוצר פֿאַרן קיניג: „דו ווילסט – האָט ער געזאָגט צו מאַרטינעסן – אַוועקפּטרן דעם דאָזיקן אוצר און אײַנרעדן דעם קיניג צו טון דאָס וואָס זײַנע אָבֿות האָבן ניט געטאָן; נאָר דערמיט וועסטו אָנטון דעם קיניג מער צרות ווי די ייִדן".

די ידיעה וועגן מאַרטינעסעס פּלאַן האָט אַרויסגערופֿן אומרו אין די ייִדישע קהילות; מען האָט גוזר תּענית געווען און מען האָט תּפֿילה געטאָן אין די שולן, אַז די גזרה זאָל בטל ווערן. דער אומרו פֿון ייִדן איז נאָך באַזונדערס שטאַרק געוואָרן, נאָך דעם ווי מאַרטינעסן האָט אָפּגעגליקט צו צעקלאַפּן די מוסלימישע אַרמיי און צו ווערן אַ נאַציאָנאַלער העלד. צום גליק איז אומגעריכטערהייט געקומען אַ סוף צו מאַרטינעסעס ממשלה. דעם נײַעם המנען האָט, פּונקט ווי דעם אַלטן, אַוועקגעפּטרט דעם קיניגס אַ פֿאַוואָריטין. מחמת אַ הויפֿישער אינטריגע, וואָס אין איר איז געווען פֿאַרמישט אַלפֿאָנס' געליבטע לעאָנאָרע דע־גוסמאַן, איז מאַרטינעס געוואָרן אַרויסגערופֿן פֿון דעם מלחמה־פּלאַץ קיין מאַדריד, נאָר ער האָט ניט געפֿאָלגט דעם באַפֿעל און האָט מיט זײַנע ריטערס פֿון דעם אָרדן אַלקאַנטאַראַ מורד געווען קעגן קיניג. נאָר מען האָט אים געכאַפּט און אַרויסגעגעבן אַלפֿאָנסן, און ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו פֿאַרברענען. דאָס איז געשען אין חודש אָדר, ווען עס איז דער יום־טובֿ צום אָנדענק פֿון דעם וואָס ייִדן זײַנען ניצול געוואָרן פֿון דעם פּערסישן המנען (1319).

צו גלײַך מיט דער פּאָליטישער אַגיטאַציע איז קעגן ייִדן געפֿירט געוואָרן אַן אַגיטאַציע אויך אויפֿן יסוד פֿון דער רעליגיע. איר אויפֿטוער איז געווען

www.libtool.com.cn

אַ ייִדישער משומד, אַ געלערנטער מענטש, אַבֿנר אָדער אַלפֿאָנס פֿון בורגאָס (Alfonso Burgensis). יונגערהייט האָט ער גרונטיק שטודירט די ביבלישע און תּלמודישע ליטעראַטור. אין יאָר 1295 איז אַבֿנר געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון די מיסטיקער וואָס האָבן געוואָלט מקרבֿ זײַן דעם קץ פֿון דער גאולה: ער איז געווען צווישן די וואָס האָבן געגלייבט אין דעם נבֿיא פֿון אַווילע (§ 18) און האָבן שפּעטער זיך אָפּגעקערט פֿון אים, נאָך דעם ווי זיי האָבן דערזען אויף זייערע בגדים די סודותדיקע צלמים. שוין דעמאָלט האָט דער גלויבן זיך אַ טרייסל געטאָן אין אַבֿנרס נשמה. צו ערשט איז ער אונטער דער ווירקונג פֿון דעם רמבמס פֿילאָסאָפֿיע געוואָרן אַ פֿרײַדענקער, האָט פֿאַרנומען זיך מיט וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און מעדיצין, נאָר די מעדיציניש פּראַקטיקע האָט אים ניט געגעבן גענוג אויף חיונה. דעמאָלט איז דער סימבאָל פֿון קרייץ, וואָס האָט אים יונגערהייט איבערגעשראָקן, געוואָרן פֿאַר אים אַ באַשייד סײַ אויף זײַן רעליגיעזער פּראָבלעם און סײַ אויף דער פֿראַגע וועגן פּרנסה. ער האָט זיך געשמדט און געקראָגן די שטעל פֿון סאַקריסטאַן אין דער הויפּטקירך פֿון וואַלאַדאָליד.

דאָ האָט אַבֿנר־אַלפֿאָנס געפּרוּווט צו געפֿינען חן אין די אויגן פֿון זײַנע נײַע גלויבנס־ברידער דורך בילבולים אויפֿן גלויבן וואָס ער האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן. ער האָט אָנגעשריבן אין העברעיִש און שפּאַניש עטלעכע פּאָלעמישע ווערק, ווו ער האָט באַוויזן צווישן אַנדערע זאַכן, אַז די ייִדישע רעליגיע איז פֿאַלש דערמיט, וואָס אין איר זײַנען פֿאַראַן אַ סך סעקטעס — אַ זאַך וואָס איז ווינציקער ווי אַלץ ריכטיק. ייִדישע שרײַבערס (יצחק פּולגר א״אַ) זײַנען שאַרף אָנגעפֿאַלן אויפֿן משומד אין זייערע ענטפֿערשריפֿטן, און דאָס האָט אים נאָך מער פֿאַרביטערט. אַבֿנר־אַלפֿאָנס האָט אַוועקגעשיקט צום קיניג אַ מסירה, ווו ער האָט דערציילט, אַז אין איינער פֿון זייערע תּפֿילות פֿאַרשילטן ייִדן די וואָס גלייבן אין קריסטנטום. מכּוח דעם ענין איז פֿאָרגעקומען אין וואַלאַדאָליד אַ וויכּוח צווישן אַבֿנרן און די אָרטיקע רבנים, אין דעם בײַזײַן פֿון געלערנטע דאָמיניקאַנער. די רבנים האָבן זיך געמיט צו באַווײַזן, אַז די אַלטע תּפֿילה („ברכּת המינים”, וועגן די „מלשינים”, אין „שמונה־עשׂרה”) איז שייך נאָר צו ייִדן וואָס גייען אַוועק פֿון גלויבן, אָבער ניט צו קריסטן בכלל. די ייִדן האָבן געמעגט אויסרעכענען, אַז די קירך וואָס פֿאַרשילט אירע כּופֿרים, וועט דערלויבן דער סינאַגאָגע צו פֿאַרשילטן אירע אָפּטריניקעס. אָבער דער ייִדישער משומד, וואָס איז געווען פּערזענלעך אָנגערירט דורך אָט דער קללה, האָט דערוויזן דער גײַסטלעכקייט און דעם קיניג, אַז אין דער קללה איז פֿאַראַן אַ שענדונג פֿון קריסטנטום. דעמאָלט האָט אַלפֿאָנס XI אין אַ באַזונדער דעקרעט (1336) פֿאַרבאָטן די ייִדישע

www.libtool.com.cn

קהילות צו זאָגן אין דאַוונען די דאָזיקע תּפילה אונטער שטראָף פון הונדערט מאַראַוועדיס.

בכלל איז קיניג אַלפאָנס XI געווען געצווונגען נאָכצוגעבן אייניקע פאָדערונגען פון די ייִדישע שונאים. היות ווי מען האָט זיך געקלאָגט אויף די ייִדישע מלווים, אַז זיי נעמען צו גרויסע צינזן אויף די הלוואות, האָט דער קיניג באַפרײַט די קריסטלעכע בעלי-חובות פון צו באַצאָלן אַ פערטל פון אַזעלכע חובות און פאַרבאָטן בכלל אויף להבא אַזעלכע וואָכער-געשעפטן. אין דער זעלביקער צײַט האָט ער אונטערגעהאַלטן דאָס ייִדישע ערד-אייגנטום, וואָס קעגן דעם זײַנען אַזוי שטאַרק אַרויסגעטראָטן די קאָרטעס פון דעם אַדל: ער האָט דערלויבט ייִדן זיך אײַנצושאַפן גרויסע ערד-נחלאות אויף ביידע זײַטן פון טײַך דועראָ אויף אַ סומע פון 50,000 מאַראַוועדיס (1348).

## § 34. ייִדן אין קאַסטיליִשן בירגערקריג

קיין מאָל איז דער גורל פון ייִדן ניט געווען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט די פּאָליטישע און דינאַסטישע איבערקערענישן אין שפּאַניע, ווי אין דער רעגירונגס-צײַט פון אַלפאָנס דעם עלפטנס זין — פּעדראָ און ענריקע. דער קיניג פּעדראָ IV, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „דער אַכזר" (1350—1369), האָט זיך באַצויגן צו ייִדן אַזוי, אַז פון דער זײַט האָט ער אוודאי ניט פאַרדינט אָט די צונעמעניש. פּעדראָ האָט באַשטימט אויפן פּאָסטן פון אייבער-שאַצמײַסטער (tesorero mayor) שמואל הלוי אַבולעפיאַ, אַ פאָר-שטייער פון דער ייִדישער אַריסטאָקראַטיע אין טאָלעדאָ, און פלעגט זיך האַלטן מיט אים אַן עצה וועגן אַלע מלוכה-ענינים וואָס זײַנען געווען פאַר-בונדן מיט פינאַנצן. אַבולעפיאַ האָט באַרעכטיקט דעם קיניגס צוטרוי: ער האָט אויסגעבעסערט די פינאַנצן פון דער מלוכה דורך רעאָרגאַניזירן דאָס אויפמאָנען די שטײַערן. דעם קיניגס לײַב-מעדיקער און אַסטראָלאָג איז געווען אַבֿרהם צרצל. פּאָליטישע געגענער און קנאים פון דער קירך האָבן שלעכט גערעדט וועגן קיניג, דערפאַר וואָס ער לאָזט צו אומגלייביקע צו מלוכה-שטעלעס און האָבן מיט ביטול אָנגערופן זײַן הויף אַ „ייִדישער הויף". די קאָרטעס אין וואַלאַדאָליד האָבן זיך משתדל געווען בײַם קיניג, ער זאָל אָפּשאַפן דעם אויטאָנאָמען ייִדישן בית-דין, נאָר פּעדראָ האָט זייער בקשה אָפּגעוועגדט מיט די ווערטער: „ייִדן זײַנען אַ שוואַך פאָלק, און אויב מען וועט זיי שטעלן אונטער דעם אַלגעמיינעם געריכט, וועלן זיי לײַדן שטענדיק עוולות". דער ייִדישער פּאָעט סאַנטאָב דע-קאַריאָן האָט געשריבן אין שפּאַניש שירים, וואָס אין זיי האָט ער זיך געווענדט צום קיניג מיט לערנונגען און עצות. אויב דער קיניג וואָלט געפאָלגט די דאָזיקע ערלעכע

www.libtool.com.cn

עצות, וואָלט ער אפֿשר ניט דערגאַנגען צו אַזאַ טרויעריקן מצב, וואָס ער איז אין גיכן אין אים אַרײַנגעפֿאַלן אַ דאַנק פֿאַטאַלע משפּחה־ענינים.

פּעדראָ איז געווען דער איין־אייציקער זון פֿון אַלפֿאָנס XI פֿון זײַן לעגי־טימער פֿרוי, אָבער אַלפֿאָנס האָט געהאַט פֿון זײַן געליבטע לעאָנאָרע גוסמאַן צען זין, וואָס דער עלטסטער פֿון זיי איז געווען ענריקע דע־טראַסטאַמאַראַ. דער דאָזיקער פּרינץ האָט געוואָלט אָפּנעמען די מלוכה בײַ זײַן שטיף־ברודער פּעדראָ און האָט צוליב דעם אויסגענוצט די מחלוקות אין דער קיניגלעכער פֿאַמיליע. קיניג פּעדראָ האָט אַוועקגעוואָרפֿן זײַן יונגע פֿרוי, די פֿראַנצייזישע פּרינצעסין בלאַנקאַ, אַ טאָכטער פֿון דעם הערצאָג פֿון בורבאָן, וואָס מען האָט אים מיט איר חתונה געמאַכט איבער געוואַלד איבער פּאָליטישע חשבונות, און האָט צוגענומען זײַן געליבטע, די שיינע שפּאַניערין מאַריאַ דע־פּאַדילאַ. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די פּאַרטייען, איין צד איז געווען פֿאַר דער פֿראַנצייזין, אַ צווייטער פֿאַר דער שפּאַניערין. צו אָט דעם לעצטן צד האָט געהערט דער שאַצמײַסטער שמואל אַבולעפֿיא און מיט אים די ייִדישע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט געהאַט אַ יסוד חושש צו זײַן, אַז די פֿראַנצייזישע פּרינצעסין וועט אַרײַנטראָגן אין דער רעגירונג דעם גײַסט פֿון שׂנאה צו ייִדן, וואָס הערשט אין איר היימלאַנד. די שׂררות, וואָס האָבן געהערט צו דעם צד פֿון דער פֿראַנצייזישער פּרינצעסין, פֿלעגן מאַכן פֿאַרשווערונגען קעגן דעם קיניג. אַבולעפֿיא איז שיִער ניט געוואָרן אַ קרבן פֿון אַזאַ פֿאַרשווערונג; די פֿאַרשווערערס האָבן אים צוזאַמען מיטן קיניג פֿאַרנאַרט איין מאָל אין דער פֿעסטונג טאָראָ און געהאַלטן דאָרט געפֿאַנגען, נאָר די געפֿאַנגענע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט און זײַנען אַנטלאָפֿן. דאָס וואָס ייִדן זײַנען געשטאַנען אויף איין צד אין אָט דעם קאַמף פֿון דער דינאַסטיע איז געווען אַ סכּנה פֿאַר די ייִדישע קהילות פֿון קאַסטיליע. ווען דער דאָזיקער קאַמף האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿאַרשלעפּטן בירגערקריג, איז די קהילות אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן די גאַנצע אימה וואָס שטאַמט פֿון דער לאַגע פֿון אַן אומבאַוואָפֿנטן „צד". צו ערשט האָט דערשמעקט דעם טעם דערפֿון די קהילה פֿון דער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ. שבת דעם 7טן מײַ 1355 האָבן די באַנדעס פֿון פּרינץ ענריקע זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט אַרײַן פֿון דער זײַט פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל, האָבן אויסגעהרגעט אַ סך מענטשן (דער כראָניסט רעדט וועגן 1200 דערהרגעטע) און האָבן צעראַבירט די געשעפֿטן; נאָר די צענטראַלע גאַסן פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל האָט אָפּגעראַטעוועט אַן אָפּטיילונג ריטערס פֿון דעם קיניגס פּאַרטיי.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז צעטרייסלט געוואָרן די פּאָזיציע פֿון דעם מאַן, וואָס האָט ניט ווילנדיק אַרײַנגעצויגן ייִדן אין אָט דעם פּאָליטישן קאַמף. ווי דער שאַצמײַסטער פֿון דער מלוכה האָט שמואל אַבולעפֿיא אַרויסבאַקומען

www.libtool.com.cn

געלט פֿאַרן קיניג מיט אַלע מעגלעכע גענג, אָפּט מאָל אַזעלכע וואָס האָבן באַדריקט די באַפֿעלקערונג. דער קיניג האָט אים הויך געהאַלטן, אָבער דאָס פֿאָלק איז ניט געווען צופֿרידן. אין פֿאָלק איז אַרומגעגאַנגען אַ ריידעניש פֿול מיט בייזקייט וועגן דעם מיניסטער, וואָס רײַסט אַרויס שטײַערן בײַ דער באַפֿעלקערונג ניט בלויז פֿאַרן קיניג אַליין, נאָר אויך פֿאַר זײַן אייגענער קעשענע. דער דעמאָלטיקער כראָניסט פֿון קאַסטיליע (Ayala) שרײַבט: „ייִדן זופּן דאָס בלוט פֿון די אונטערגעדריקטע קריסטן און דאָרשטן נאָך זייער רויב און נעמען אים צו דורך אַרענדירן די שטײַערן. דאָן אַבֿרהם און דאָן שמואל פּועלן בײַם קיניג מיט רייד זיסע ווי האָניק אַלצדינג וואָס זיי איז וויל געפֿעלן".

נאָר אין זײַן גדולה און גליק האָט אַבולעפֿיא ניט געמערקט, אַז עס קומט די צרה. ער האָט געלעבט מיטן לוקסוס פֿון אַ פֿירשט אין זײַן פּאַלאַץ אין טאָלעדאָ און אַכציק שקלאַוון מוֹרינען האָבן אים באַדינט. בכדי צו פֿאַר־אייביקן זײַן נאָמען, האָט ער אין יאָר 1357 געלאָזט אויסבויען אין טאָלעדאָ אַ גרויסאַרטיקע שול, וואָס אירע ווענט זײַנען אויסגעפּוצט געוואָרן מיט אַראַבעסקעס מיט דעם אַרײַנגעשריבענעם נאָמען פֿון דעם נדבֿן (די דאָזיקע אַראַבעסקעס זײַנען פֿאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג אויף די ווענט פֿון דער קאַטעדראַל־קירך אין טאָלעדאָ, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן פֿון דער טאָלעדער שול נאָכן גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע). קלערנדיק וועגן זײַן שם און וועגן זײַן כּבֿוד אין די קומענדיקע דורות, האָט דער ייִדישער גראַנד ווינציק געהאַט אין זינען זײַן איצטיקן מצבֿ, ווי ווײַט עס שטעקט אין אים אַ סכּנה, ווען אַרום האָט געשיפּעט קנאה־שׂנאה פֿון פֿרעמדע און אַפֿילו פֿון אייגענע. עס ווערט דערציילט, אַז אייניקע ייִדן האָבן מקנא געווען שמואלס גדולה און האָבן געמסרט דעם קיניג, אַז זײַן שאַצמײַסטער ווערט נתעשר אויפֿן חשבון פֿון דעם מלוכה־אוצר. עס האָט זיך דאָ אויסגעלאָזט דאָס וואָס עס טרעפֿט כּסדר אין אַזעלכע פֿאַלן צווישן די מלכים און זייערע פֿינאַנסיסטן: נאָך דעם ווי קיניג פּעדראָ האָט אָפּגעצאַפּט אומגעהײַער פֿיל געלט פֿון דער באַפֿעלקערונג דורך זײַן שטײַער־אַפּאַראַט, וואָס עס האָט פֿאָרגעשטעלט דער ייִדישער שאַצמײַסטער, האָט ער ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון אויסצוזאַפּן אויך דעם דאָזיקן אַפּאַראַט גופֿא, וואָס צו אים האָט זיך בלי ספֿק געהאַט צוגעקלעפּט אַ סך דערפֿון, וואָס איז אין משך פֿון יאָרן געוואָרן צונויפֿגענומען בײַם פֿאָלק. מען האָט געמאַכט אַ הויזזוכונג בײַ שמואל אַבולעפֿיא און מען האָט דאָרט געפֿונען אָן אַ שיעור רײַכקייטן: הונדערטער טויזנטער מטבעות, אַ סך קאַסטנס מיט גילדערנע און זילבערנע חפֿצים; ניט ווינציק ווערטזאַכן זײַנען געפֿונען געוואָרן אין די קעלערן פֿון דעם ייִדישן מאַגנאַטס פּאַלאַץ. דאָרט האָט זיך געפֿונען ניט בלויז שמואלס פֿאַרמעגן, נאָר אויך דאָס אייגנס

www.libtool.com.cn

פֿון זײַנע קרובֿים. לויט פּעדראָס באַפֿעל זײַנען זיי אַלע אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה. שמואלן האָט מען אַוועקגעשיקט קיין סעוויליע און אַרײַנגעזעצט אין פֿעסטונג; דאָ האָט מען אים אויסגעפֿרעגט אונטער עינויים, ווו עס זײַנען נאָך באַהאַלטן זײַנע רײַכקייטן. פֿאַרפּײַניקט דורך די עינויים איז שמואל געשטאָרבן אין יאָר 1360, נאָך אַ צען יאָר לעבן אין פּוסטן גלאַנץ צווישן דער „העכסטער געזעלשאַפֿט". די גאַנצע עשירות פֿון שמואלן און פֿון זײַנע קרובֿים איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן פֿאַר דער קיניגלעכער קאַסע.

מען האָט געקאָנט מורא האָבן, אַז נאָכן טויט פֿון דעם ייִדישן שאַצ־מײַסטער וועלן די באַציִונגען צווישן דעם קיניג און די ייִדישע קהילות ווערן ערגער, אָבער דאָס איז ניט געשען. נאָך דעם ווי די ייִדן האָבן אין אָנהייב פֿון דעם בירגערקריג געשטעלט זיך אויף פּעדראָס צד, האָבן זיי שוין אָן ריזיקע ניט געקאָנט אַריבערגיין אויפֿן צד פֿון דעם פּרעטענדענט ענריקע דע־טראַסטאַמאַראַ. די אַכזריות פֿון דעם קיניג פּעדראָ לגבי זײַן פֿאַרשטוי־סענער פֿרוי בלאַנקאַ, וואָס ער האָט געהייסן זי אומברענגען אין תּפֿיסה, האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט ענריקעס צד צו פֿאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע אין לאַנד און אין די שכנישע לענדער. אין קאַסטיליע האָבן געדינט פֿאַר איינעם פֿון די אַגיטאַציע־מיטלען ייִדן, דעם קיניג פּעדראָס „גוטע פֿרײַנד". מען האָט פֿונאַנדערגעלאָזן קלאַנגען, אַז צוויי ייִדן זאָלן האָבן כּלומרשט אַ שײַכות צו דער טייטונג פֿון דער קיניגין בלאַנקאַ (אַ סך פֿון די דעמאָלט פֿאַרשפּרייטע באָבע־מעשׂיות האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין די שפּעטערדיקע פֿראַנצייזישע ראָמאַנסן וועגן דער טראַגעדיע פֿון דער פּרינצעסין פֿון בורבאָן). בכדי נאָך מער צו פֿאַרשטאַרקן די שׂנאה צום קיניג, האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז פּעדראָ אַליין איז אַ ייִדנס אַ זון. מען האָט דערציילט, אַז דעם קיניגס פֿאָטער, אַלפֿאָנס XI, זאָל זײַן געווען בייז אויף זײַן פֿרוי דער־פֿאַר, וואָס זי האָט געהאַט אַלץ מיידלעך און ניט קיין ייִנגלעך. דערפֿאַר האָט די קיניגין איין מאָל, ווען זי האָט ווידער געהאַט געבאָרן אַ מיידל און האָט מורא געהאַט פֿאַרן צאָרן פֿון דעם קיניג, בשתּיקה מיט דער הילף פֿון דער הייבעם איבערגעביטן דאָס נײַ־געבוירענע מיידל אויף אַ פֿרעמדן ייִנגל, וואָס מען האָט אים גענומען בײַ אַ ייִדן, און אָט דער כּלומרשטער בן־מלך איז דאָס געוואָרן געקרייִנט אונטערן נאָמען פּעדראָ. אַזעלכע אויסטראַכטענישן האָבן שטאַרק געווירקט אויפֿן גאַנג פֿון דעם דינאַסטישן קאַמף. ענריקע האָט זיך גערייצט מיט די קאַסטיליער דערמיט, וואָס איבער זיי קיניגט אַ ייִד, און אויף צו באַשטעטיקן דאָס האָט ער געבראַכט אַ ראיה, אַז ייִדן האַלטן אונטער דעם קיניג פּעדראָ אין דעם בירגערקריג.

און ייִדן זײַנען טאַקע געשטאַנען אויפֿן צד פֿון קיניג, מחמת דער פּרעטענדענט ענריקע האָט זיך געשטיצט אויף דער קלעריקאַלער פּאַרטיי,

www.libtool.com.cn

וואָס האָט פֿײַנט געהאַט ייִדן. ווען דעם פּרעטענדענטס חיילן פֿלעגט באַלעגערן אַ שטאָט, פֿלעגן די ייִדישע קהילות זיך אַנטקעגנשטעלן און אָפּזאָגן זיך צו עפֿענען די טויערן, און דערפֿאַר איז ווען די באַלעגערער פֿלעגן מנצח זײַן, פֿלעגן ייִדן באַצאָלן מיט זייער לעבן אָדער אייגנס. אין בירוויעסקאַ, ניט ווײַט פֿון בורגאָס, ווו ייִדן האָבן זיך פֿאַרטיידיקט קעגן די באַלעגערער, איז נאָכן פֿאַלן פֿון דער שטאָט אומגעבראַכט געוואָרן די גאַנצע ייִדישע קהילה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי הונדערט משפּחות. אין בורגאָס גופֿא, דער הויפּטשטאָט פֿון אַלט-קאַסטיליע, האָבן זיך מיישבֿ געווען די דרײַ גרופּעס אײַנוווינערס – קריסטן, ייִדן און מוסלמאַנער – מכּוח דעם, צי מען זאָל איבערגעבן די שטאָט ענריקעס חייל וואָס האָט זיך דערנעענטערט, אָדער מען זאָל זיך שטעלן אַנטקעגן. די קריסטן האָבן אונטער דער השפּעה פֿון דעם אַרציביסקופּ באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן, צו זיי איז צוגעשטאַנען די קליינצאָליקע מוסלימישע באַפֿעלקערונג, די ייִדן האָבן זיך געקווענקלט, נאָר זיי האָבן אויסגערעדט פֿאַר זיך דאָס רעכט, אַז אויב זיי וועלן ניט זײַן מסכּים מיט דעם אַלגעמיינעם באַשלוס, אַוועקצוגיין פֿון דער שטאָט און אויסצווואַנדערן קיין אַראַגאָניע אָדער פּאָרטוגאַל. שפּעטער איז די שטאָט איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַלעמענס הסכּם (1366), און פֿון דעסט וועגן האָט ענריקע אַרויפֿגעלייגט אויף דער ייִדישער קהילה אַ גרויסע קאָנטריבוציע, וואָס בכדי זי צו באַצאָלן האָט זי געמוזט פֿאַרקויפֿן אַפֿילו די באַפּוצונגען פֿון די ספֿרי-תּורות אין די שולן. אויף אַ צײַט האָט דעם קיניג פּעדראָ אָפּגעגליקט, מיט דער הילף פֿון חיילות פֿון דעם ענגלישן „שוואַרצן פּרינץ" און פֿון דעם גראַנאַדער עמיר, צו פֿאַרטרײַבן זײַן געגנער פֿון אייניקע שטעט, נאָר ווען די שטעט זײַנען אַריבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, האָבן ווידער געליטן ייִדן. אויף דער קהילה פֿון בורגאָס איז ווידער אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע פֿון אַ מיליאָן מאַראַוועדיס, דאָס מאָל פֿאַר דער דערלויבעניש צו בלײַבן אין שטאָט. ערטערווײַז האָט די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג אַליין זיך אָפּגערעכנט מיט ייִדן, צעשטערט זייערע שולן און נעראַבירט זייער אייגנס (וואַלאַדאָליד).

סוף-כּל-סוף האָט דער בירגערקריג זיך געענדיקט (1369). ענריקעס חיילות האָבן באַלעגערט טאָלעדאָ. די ייִדן האָבן צוזאַמען מיט דער קריסט-לעכער באַפֿעלקערונג מיט די לעצטע כּוחות פֿאַרטיידיקט די שטאָט און האָבן איבערגעליטן אַלע יסורים פֿון הונגער.[1] נאָר איצט האָבן זיי זיך געשלאָגן

1 אַ שרײַבער פֿון יענער צײַט שמואל צרצא דערציילט וועגן דעם: „די הייליקע קהילה פֿון טאָלעדאָ, די קרוין פֿון ישראל, האָט אָנגעוואָרן אין צוויי חדשים מער ווי צען טויזנט נפֿשות וואָס זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער, נויט און צער בעת דאָן ענריקע האָט באַלעגערט די שטאָט. געפּײַניקט פֿון הונגער, האָבן די באַלעגערטע געגריזשעט פּאַרמעט פֿון

www.libtool.com.cn

פֿאַר אַ זאַך וואָס איז געווען פֿאַרשפּילט. אין מערץ דאָס זעלביקע יאָר האָט ענריקע אָפּגעהאַלטן אַ לעצטגילטיקן נצחון איבער זײַנע געגענער בײַ מאָנ־טיעל. ווען ער האָט דערזען זײַן דם־שׂונא פּעדראָן, האָט ער אויסגערופֿן: „אָט דאָס איז דער ייִד, דער זון פֿון אַ זונה, וואָס רופֿט זיך אָן קיניג פֿון קאַסטיליע!" לויט דער פֿאָדערונג פֿון דעם אָנפֿירער פֿון דעם פֿראַנצייזישן אָפּטייל האָט ער געהייסן אים אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ. ווען דער פּויפּס אור־באַן V איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן, האָט ער געזאָגט: „די גלייביקע מעגן זיך נאָך פֿרייען איבערן טויט פֿון אַזאַ טיראַן, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען קעגן דער קירך און האָט באַשיצט ייִדן און סאַראַצענער".

## § 35. נצחונות פֿון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי

נאָך דעם ווי ענריקע II (1379–1369) האָט דערגרייכט צו דער ממשלה, האָט ער גענומען זיך נוקם זײַן אָן ייִדן פֿאַר זייער צוגעבונדנקייט צו פּעדראָ דורך דעם, וואָס ער האָט גענומען פֿרישע קאָנטריבוציעס פֿון די ייִדישע קהילות, וואָס זײַנען שוין געווען בדלות געשטעלט דורך דער צײַט פֿון בירגערקריג. די אויפֿמאָנונג פֿון דער קאָנטריבוציע אין טאָלעדאָ איז באַלייט געוואָרן דורך מוראדיקע געוואַלד־מעשׂים: מען האָט פֿאַרקויפֿט דאָס לעצטע ביסל מטלטלין פֿון דעם אָרעמאַן, מען האָט געזעצט אין תּפֿיסה, געפּײַניקט און אַפֿילו פֿאַרקויפֿט פֿאַר שקלאַוון מענטשן וואָס האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. די קלעריקאַלע פּאַרטיי און דער אַדל האָבן איצט מיט מער הצלחה ווי פֿריִער געקאָנט דורכפֿירן זייער פּלאַן וועגן דער סאָציאַלער דע־גראַדירונג פֿון ייִדנטום. די קאָרטעס, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין טאָראָ (1371), האָבן געפֿאָדערט אַזעלכע מיטלען אויף אײַנצוצאַמען דעם „שלעכטן און מחוצפֿדיקן שטאַם": ניט צוצולאָזן ייִדן צו בכּבֿודיקע שטעלעס בײַם קיניג אָדער בײַ די גראַנדן, ניט אָפּצוגעבן זיי אין אַרענדע קיין שטײַערן און אָפּצאָלן, צווינגען זי צו ווינען באַזונדער פֿון קריסטן און צו טראָגן אויף די אייבערשטע מלבושים דעם אײַנגעשטעלטן צייכן, פֿאַרבאָטן זיי צו באַווײַזן זיך אין די גאַסן אָנגעטאָן אין טײַערע קליידער, צו פֿאָרן רײַטנדיק אויף מוילאייזלען און אָנצורופֿן זיך מיט קריסטלעכע נעמען. דער קיניג האָט באַפֿרידיקט אייניקע פֿון אָט די פֿאָדערונגען: ער האָט פֿאַרבאָטן ייִדן זיך אָנצורופֿן מיט קריסטלעכע נעמען און האָט אויף זיי אַרויפֿגעלייגט אַ חובֿ צו טראָגן אַ דערקען־צייכן אויף די מלבושים. די לעצטע באַשטימונג איז געווען

---

די הייליקע ספֿרים, געשלונגען לעדער און חאָל. אַ סך האָבן זיך געלאָזט לויפֿן פֿון שטאָט אַרויס אין דעם לאַגער פֿון די שׂונאים, ווײַל זיי האָבן בעסער געהאַלט אומקומען פֿון שווערד, אָדער פֿון הונגער"...

www.libtool.com.cn

באַזונדערס שווער פֿאַר די קאַסטיליִשע ייִדן, וואָס זײַנען געווען צוגעווינט צו אַ געוויסער בירגערלעכער פֿרײַהייט, און זיי האָבן משמעות זיך ניט אונ־טערגעגעבן. ענריקע II האָט אויך אָנגעטאָן היזק די ייִדישע מלווים, דורך דעם וואָס ער האָט באַפֿרײַט די קריסטלעכע בעלי־חובֿות פֿון צו באַצאָלן איין דריטל פֿון דעם קרן פֿון חובֿ.

נאָר ווײַטער איז דער קיניג ניט געגאַנגען אין זײַנע גזרות. ער האָט צו גוט געוווסט, וואָסער ראָלע ייִדן שפּילן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד, אַז ער זאָל זיי לאָזן דערפֿירן ביז רעכטלאָזיקייט און אין גאַנצן בדלות שטעלן. חוץ דעם האָט ער, פּונקט ווי די פֿריִערדיקע מלכים, זיך געניײטיקט אין דער הילף פֿון ייִדישע פֿינאַנץ־אַגענטן. אויף דעם פּראָטעסט פֿון די קאָרטעס קעגן דעם, וואָס ער באַשטימט ייִדן אויף שטעלעס אין דער פֿינאַנץ־פֿאַרוואַלטונג, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער גייט אין די פֿוסטריט פֿון זײַן פֿאָטער אַלפֿאָנס XI און פֿון זײַנע אָבֿות, וואָס האָבן געהאַלטן ייִדן אין מלוכה־דינסט. ענריקע II האָט באַשטימט פֿאַרן אייבער־אויפֿמאָנער פֿון שטײַערן אין קאַסטיליִע דעם סעוויליער ייִד יוסף פּיכאָן; אַ צווייטער געבילדעטער סעוויליער ייִד, שמואל אַברבנאל, האָט אויך געהאַט אַ היפּשע השפּעה בײַם הויף.

צי איז דערפֿון געווען גרינגער דער ייִדישער מאַסע? די ייִדישע שׂררות אין שפּאַניע האָבן שוין לאַנג געהאַט אָנגעוואָרן די גוטע מידות פֿון די שׂרים פֿון די פֿריִערדיקע דורות, ווי חסדאי אבן שפּרוט און ר׳ שמואל הנגיד. די נײַע שׂררות האָבן קודם כּל געזאָרגט דערפֿאַר, צו לעבן רײַך, אויספּוצן זייערע ווײַבער און קינדער און בכלל זיך אויסצוגלײַכן מיט די קאַסטיליִשע גראַנדן. זיי האָבן ניט באַמערקט, אַז מיט זייער אויפֿפֿיר דערוועקן זיי קנאה־שׂנאה אין דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געטענהט: „זעט, ווי די ייִדן ווערן נתעשר, אין גיכן וועלן זיי גאָר ווערן גראַנדן!" די גיכע באַרײַכערונג פֿון איינציקע מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו זייער עשירות ניט שטענדיק אויפֿן ערלעכן וועג, האָט מען געשטעלט לגנאַי דער גאַנצער ייִדישער מאַסע.

אָט ווי עס שילדערט די דעמאָלטיקע געלט־אַריסטאָקראַטיע אַ שרײַבער פֿון דעם שפּעטערדיקן דור, ר׳ שלמה אַלעמי אין זײַן „אגרת המוסר" (1415): „אומערלעך האָבן געלעבט אַ סך פֿאָרשטייער פֿון אונדזער ציבור, די מיוחסים, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פֿון מנהיגים [פֿון ייִדנטום] בײַ די הויפֿן פֿון די מלכים. די מלכים האָבן זיי דערהויבן, באַשטימט זיי אויפֿן קיניגלעכן דינסט און איבערגעענטפֿערט אין זייערע הענט די שליסלען פֿון זייערע אוצרות, און די דאָזיקע קצינים זײַנען געוואָרן גרויס בײַ זיך און האָבן פֿאַרגעסן זייער פֿריִערדיקע אָרעמקייט און שיפֿלות. זיי האָבן גענומען

www.libtool.com.cn

בויען זיך פּאַלאַצן, האָבן אײַנגעשפּאַנט אין זייערע קאַראָטן גרויסע און שיינע מוילאייזלען, זייערע ווײַבער און טעכטער האָבן גענומען זיך אָנטון ווי שׂררותטעס און פּריצטעס און גלאַנצן מיט זייער אויספּוץ. די דאָזיקע מענטשן האָבן מבטל געווען תּורה, אַרבעט, מלאָכה, און האָבן ליב געקראָגן ליידיקגיין, פּוסטע גאַווה און גלאַנץ... זיי האָבן מקנא געווען איינער דעם אַנדערן, גערעדט רכילות איינער אויפֿן אַנדערן פֿאַר די מלכים און שׂרים, און האָבן ניט באַמערקט, אַז זיי פּטרן זיך אַליין אַוועק דערמיט, און אַז עס וועט אויף זיי קומען אַ ביטערער סוף... קליינע מענטשן ווידער פֿלעגן זיי באַנעמען און באַגזלען. זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך די משׂא פֿון די שטײַערן און אַרויפֿצולייגן זי אויף די אָרעמע לײַט. מיט זייער אויפֿפֿיר האָבן זיי זיך מבֿזה געווען אין די אויגן פֿון די שׂונאים, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַ ציל זיי אַראָפּצוּוואַרפֿן און אַרויסצוטרײַבן זיי פֿון די פּאַלאַצן פֿון די מלכים און שׂרים״.

דאָס דאָזיקע ערלעכע עדות־זאָגן פֿון אַ בן־דור וואַרפֿט אַ שײַן סײַ אויף דעם פֿריִערדיקן גורל פֿון די ייִדישע הויפֿלײַט, סײַ אויף דער נײַער טראַגעדיע, וואָס איר העלד איז געוואָרן דער אייבער־אויפֿמאָנער פֿון די שטײַערן יוסף פּיכאָן (פּיגון). אויב די פֿריִערדיקע פֿינאַנסיסטן האָבן אָנגעוואָרן דעם צוטרוי פֿון די מלכים מחמת הויפֿישע אינטריגעס אָדער אייגענע אָפּגעטאָגענע פֿאַלשקייטן אין זייער דינסט און האָבן פֿאַרענדיקט זייערע טעג אין תּפֿיסה, איז פּיכאָן אומגעקומען פֿון די הענט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט גופֿא. ייִדן האָבן פֿײַנט געהאַט פּיכאָנען מן־הסתּם דערפֿאַר, ווײַל זײַנע אַגענטן צו מאָנען שטײַערן זײַנען זיך באַגאַנגען שלעכט מיט דער באַפֿעלקערונג, בפֿרט האָבן ייִדן געהאַט פֿון זיי צו לײַדן בײַם אויפֿמאָנען די דערמאָנטע קריג־קאָנטריבוציעס. האָבן פּיכאָנס שׂונאים געמסרט דעם קיניג ענריקע, אַז דער אייבער־שטײַער־מאָנער נעמט צו פֿאַר זיך קרויניש געלט. דער קיניג האָט באַפֿוילן אַרײַנצוזעצן זײַן פֿינאַנסיסט אין תּפֿיסה און אַרויפֿצולייגן אויף אים אַ גרויסע געלטשטראָף, נאָר אין גיכן האָט ער אים מוחל געווען און אַוועקגעזעצט צוריק אויף זײַן פֿריִערדיקער שטעלע. דעמאָלט האָט פּיכאָן צוליב נקמה אָנגעגעבן עפּעס אַ מסירה אויף דער ייִדישער קהילה. אַז מען איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן אין סעווילִיע, וואָס צו איר קהילה איז פּיכאָן געווען צוגעשריבן, האָט דער אָרטיקער בית־דין געפּסקנט, אַז ער איז אַ מלשין, אַ מסור, און אויפֿן סמך פֿון דער אויטאָנאָמיע וואָס איז געגעבן געוואָרן דער קהילה איז פֿאַרמשפּט צום טויט. גראָד האָט דאָס געטראָפֿן אין דער צײַט, ווען עס איז געשטאָרבן דער קיניג ענריקע II, פּיכאָנס באַשיצער. דער נײַער קיניג כואַן I האָט זיך געקריינט אין בורגאָס, ווען מען האָט אים דערלאַנגט אונטערצוחתמען דעם פּסק־דין פֿון דעם בית=

www.libtool.com.cn

דין. ניט באַוויזן גוט זיך צוצוקוקן וועגן וואָס דאָ גייט האָט דער קיניג געחתמעט דעם דאָקומענט. זײַנען פּאָליציי־אַגענטן פון סעווילער צוזאַמען מיט שמשים פון דעם בית־דין געקומען צו פּיכאָנען אין שטוב אַרײַן און האָבן אים געטייט. שפּעטער, ווען דער קיניג איז געוואָר געוואָרן די פּרטים פון אַט דעם משפּט, און ווען פּיכאָנס גוטע פרײַנד האָבן אים אויסגעטײַטשט די זאַך, האָט דער קיניג געהייסן באַשטראָפן מיט טויט דעם יִדישן דיין און אָפּהאַקן אַ האַנט דעם סעווילער אַלגוואַסיל, דעם פּאָליציי־אַגענט, וואָס איז געווען שולדיק אין טייטן פּיכאָנען.

דער דאָזיקער פאַל האָט געהאַט אויך אַלגעמיינע רעזולטאַטן. קיניג כואַן האָט אָפּגענומען בײַ די רבנים דאָס רעכט צו משפּטן אין קרימינעלע ענינים און צו פאַרמשפּטן מיטגלידער פון זייערע קהילות צום טויט, אַראָפּ־צוהאַקן אַן אבֿר אָדער צו פאַרטרײַבן פון שטאָט. דאָס האָבן געפאָדערט די קאָרטעס אין סאָריאַ (1380). די קאָרטעס אין וואַלאַדאָליד האָבן נאָך פאַר־לאַנגט, אַז עס זאָל צוגענומען ווערן בײַ די יִדישע קהילות אויך דאָס רעכט צו האָבן זייער אייגענעם ציווילן בית־דין און אויסצוקלײַבנע דיינים, אַלקאַלדן, נאָר דער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויפצולייגן אַ האַנט אויפן פונדאַ־מענט פון דער יִדישער אויטאָנאָמיע. ער האָט אויך אָפּגעווענדט די השתדלות צו פאַרבאָטן יִדן זיך צו פאַרנעמען מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס און אָפּצונעמען בײַ די מלווים דעם געריכטלעכן שוץ, ווען זיי מאָנען חובות בײַ קריסטן. דערפאַר איז דער קיניג געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן דער פּאַרטיי פון די קלעריקאַלן און אַדלײַט אין דער פאָדערונג, וואָס זײַן פאָטער ענריקע האָט אָפּגעוואָרפן: ער האָט מסכּים געווען להבא מער ניט צו באַשטימען קיין יִדן אויף שטעלעס פון פינאַנץ־אַגענטן אָדער אַרענדאַטאָרן פון שטײַערן (1385). זינט דעמאָלט באַגעגענען זיך אין דער אמתן אַ סך זעלטענער בײַם קאַסטי־לישן הויף יִדן מיטן טיטל „אַלמאָכאַריף". אייניקע הנחות האָט כואַן געמאַכט אויך דער גײַסטלעכקייט: ער האָט פאַרבאָטן יִדן צו וווינען אין איין שטוב מיט קריסטן, האַלטן קריסטלעכע דינסטן צו קינדער אָדער אַמען, מגייר זײַן אַפילו מורינען און צו זאָגן די תּפילה „ולמלשינים", וואָס אַנומלט האָט וועגן איר געמסרט דער משומד אַבנר־אַלפאָנס (§ 33).

דער קלעריקאַליזם האָט אַלץ טיפער זיך אײַנגעוואָרצלט אין דער קאַסטילישער געזעלשאַפט. קאַטוילישע גלחים האָבן געפּועלט דערלויבענישן אַרויסצורופן יִדישע געלערנטע אויף עפנטלעכע וויכּוחים וועגן גלויבן. אַזעלכע עפנטלעכע וויכּוחים פלעגן פאָרקומען בײַ ניט־גלײַכע תּנאים פאַר די צדדים: די קאַטוילישע גײַסטלעכע האָבן געמעגט זאָגן וועגן דער יִדישער אמונה אַלצדינג וואָס זיי איז אײַנגעפאַלן, זיי האָבן געקאָנט פאַרדרייען פּסוקים און אַפילו חוזק מאַכן פון יִדישקייט, וויפל זייער האַרץ געלוסט,

www.libtool.com.cn

די רבנים אָבער האָבן ניט געהאַט די העזה צו קריטיקירן די דאָגמעס פֿון קריסטנטום, מחמת זיי האָבן מורא געהאַט אויפֿצורייצן דעם כּעס פֿון די מאַכטהאָבערס אָדער גרימצאָרן פֿון דעם קריסטלעכן המון. די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט פֿלעגט אַ מאָל אַרויסשטעלן געשמדטע ייִדן, אַז זיי זאָלן פֿירן דעם וויכּוח מיט זייערע געוועזענע גלויבנס־ברידער, און דעמאָלט פֿלעגט דער וויכּוח מגולגל ווערן אין אַן עפֿנטלעכן משפּט איבער ייִדישקייט מיט בילבולים און אויסטראַכטענישן, ווי דאָס איז פֿריִער געווען אין פֿראַנקרײַך און אַראַגאָניע.

אין קאַסטיליע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין אָט די מיסיאָנערישע וויכּוחים דער משומד יאָהאַנעס פֿון וואַלאַדאָליד (Johannes Conversus). אין בורגאָס האָט ער געפֿירט אַ וויכּוח מיט ייִדן פֿאַרן אַרציבּיסקופּ פֿון טאָלעדאָ; אין אַווילע איז דער וויכּוח פֿאָרגעקומען אין אַ קאַטוילישער קירך, און עס זײַנען געווען דערבײַ מיטגלידער פֿון דער ייִדישער קהילה, אַ סך קריסטן און מוסלימס (1375). מצד ייִדן איז אַרויסגעטראָטן קעגן יאָהאַנעסן ר׳ משה דע טאָרדעסילאַס (טורסילה), וואָס איז געווען ניט בלויז אַ גרויסער למדן, נאָר אויך אַ קענער פֿון דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע. ר׳ משה האָט שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט דעם אינהאַלט פֿון דעם וויכּוח אין אַ ספֿרל אונטערן טיטל „עזר האמונה“ און האָט עס אָפּגעשיקט קיין טאָלעדאָ, כּדי די ייִדן וואָס דאַרפֿן פֿירן אַ וויכּוח זאָלן זיך לערנען, ווי אַזוי זיך מתווכח צו זײַן. זײַן עצה איז געווען, אַז אין די רעליגיעזע וויכּוחים דאַרף מען זיך אײַנהאַלטן און ניט באַנוצן קיין שאַרפֿע ווערטער, מחמת „די קריסטן האָבן כּוח און קאָנען מיט אַ קלאַפּ פֿון פֿויסט מאַכן שווײַגן דעם אמת“.

דער קאַרדינאַל פּעדראָ דע־לונאַ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּויפּס אונטערן נאָמען בענעדיקט XIII, האָט געפֿירט אַ וויכּוח וועגן דער דאָגמע מכּוח דעם, אַז קריסטוס האָט געבראַכט כּפּרה פֿון די זינד, מיט ר ב י ש ם־ט ו ב ש פּ ר ו ט. ר׳ שם־טובֿ האָט געוווינט אין טאַראַגאָנע, אין דער רעזידענץ פֿון דעם אַרציבּיסקופּ פֿון אַראַגאָניע, ווו עס פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען צונויפֿפֿאָרן פֿון דער גײַסטלעכקייט. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן ספֿר „אבן־בוחן“ („פּרוּווּשטיין“), וואָס איז אַן אַפּאָלאָגיע פֿון ייִדישקייט. „אַ סך פֿון אונדזערע בני־ברית – זאָגט ער אין דער הקדמה צו זײַן ספֿר – גייען אַרויס פֿון אונדזער עדה [שמדן זיך אַוועק] און טוען אונדז רודפֿן, זײַנען זיך מתווכּח מיט אונדז און ברענגען ראַיות פֿאַר זייער [דער קריסטלעכער] אמונה פֿון פֿאַרשיידענע פּסוקים פֿון דער תּורה און מימרות פֿון דער אַגדתא. די דאָזיקע לײַט שטעלן אויס נעצן פֿאַר אונדז, בכדי אונדז מבֿזה צו זײַן אין די אויגן פֿון די קריסטן, אונדזערע בעלי־בתּים. אָבער פֿון דער אַנדער זײַט ווילן מיט אונדז זיך מתווכּח זײַן אַ סך קריסטלעכע געלערנטע.“ בכדי צו

www.libtool.com.cn

פֿאַרהיטן די ייִדישע בעלי־וויכּוח פֿון די נעצן פֿון די געגענער האָט ר׳ שם־טובֿ מחבר געווען זײַן אַפּאָלאָגיע (1380).

אַזוי איז בהדרגה אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן דער גײַסט פֿון קאָנפֿעסיאָ־נעלער שׂנאה אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפֿט. די אַגיטאַציע פֿון די דאָמי־ניקאַנער האָט דאָ געווירקט פּאַוואָלי, אָבער זיכער. די קלעריקאַלע רעאַקציע האָט ווי אַ וואָרעם גענאָגט און אונטערגעגראָבן די יסודות פֿון דער געזעל־שאַפֿטלעכער אָרדענונג פֿון קאַסטיליע און צוריקגעשטופּט דאָס לאַנד ווײַט אויף צוריק, צו דער פֿינצטערער תּקופֿה פֿון די וועסטגאָטן. די רעזולטאַטן פֿון אָט דער ווענדונג וועלן זיך לאָזן שפּירן אין שפּאַניע צום סוף 14טן י״ה אין אַ רײ קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס דערמאָנען די אימהדיקע געשעענישן פֿון די קרייצצוגן אין מיטל־אייראָפּע (ווײַטער, § 37).

## § 36. אַראַגאָניע, נאַוואַרע, פּאָרטוגאַל

אין אַראַגאָניע איז אין 14טן י״ה ניט געווען אַזאַ פֿינאַנציעלע הויך־פּאָליטיק, וואָס האָט אין קאַסטיליע אַרײַנגעצויגן ייִדן אין דעם קאַמף פֿון די פּאָליטישע פּאַרטייען און שטאַנדן. די מלכים פֿון אַראַגאָניע האָבן ניט געהאַלטן בײַ זייער הויף קיין ייִדישע פֿינאַנסיסטן ווי מוכסים אָדער אייבער־אײַנמאָנער פֿון שטײַערן מיטן טיטל „אייבער־שאַצמײַסטער" און פֿאַקטישע פֿינאַנץ־מיניסטאָרן. זיי האָבן מער זיך גערעכנט מיט דעם גרונדקאַנאָן פֿון דער קירך, וואָס האָט פֿאַרבאָטן אַוועקצושטעלן אַ ייִדן אין אַזאַ לאַגע, אַז ער זאָל האָבן מאַכט איבער קריסטן. דאָ איז ווײַטער געפֿירט געוואָרן די סיסטעם, וואָס עס האָבן אײַנגעשטעלט אין 13טן י״ה דער קיניג כיימע I און זײַנע יורשים (אויבן, § 10 און 13). די מלכים האָבן אומפֿאַרמיטלט געהאַט אַ משׂא־ומתּן מיט די ייִדישע „אַלכאַמיעס" און געפֿירט מיט זיי פֿינאַנ־ציעלע געשעפֿטן אויף אַ בעלי־בתּישן שטייגער: האָבן גענומען כּלערליי שטײַערן, געקראָגן אַוואַנסן און הלוואות אויפֿן חשבון פֿון קומענדיקע שטײַערן, האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געהאַנדלט מיט דעם רעכט פֿון באַגענעדיקונג („רעמיסיע") און מיט כּלערליי פּריווילעגיעס פֿאַר יחידים און פֿאַר גאַנצע קהילות. איין מאָל, ווען דער ביסקופּ פֿון טאַראַגאָנע האָט זיך אָרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז מען זאָל נעמען אַן עקסטרע קאָנטריבוציע פֿון די ייִדן פֿון זײַן דיאָצעזע, האָט דער קיניג כיימע II (1291—1327) אים דערמאָנט, אַז אַלע ייִדן אין קאַטאַלאָניע זײַנען דאָס אייגנס פֿון דער קיניגלעכער קאַסע (res propria camerae nostrae), לחלוטין אין גײַסט פֿון די דײַטשע קיסרים. דער דאָזיקער קיניג האָט די סיסטעם פֿון שוץ און אַפּוטרופּסות דערפֿירט ביז אַזאַ גרענעץ, אַז ער פֿלעגט זיך אַרײַנמישן אין די וואַלן צו די קהילות,

www.libtool.com.cn

אין די געלט־סיכסוכים און אַפילו אין די משפּחה־ענינים פון „זײַנע ייִדן". היות ווי די הכנסות פון דעם קיניג זײַנען געוואַקסן, וואָס מער עס זײַנען צוגעקומען ייִדן אין לאַנד, דעריבער האָט כײַמע II געגרן אַרײַנגעלאָזט קיין אַראַגאָניע די פּאַרטריבענע פון פראַנקרײַך אין 1306. נאָך אין אויגוסט דאָס יאָר האָט ער דערלויבט דער קהילה פון באַרצעלאָנע צוצונעמען 60 משפּחות פון די פּאַרטריבענע, און שפּעטער האָט ער אַרײַנגעלאָזן עמיגראַנטן אויך אין אַנדערע שטעט. ווי דער בעל־הבית פון דער פראַנצייזישער שטאָט מאָנ־פּעליע האָט כײַמע געקראָגן פון קיניג פיליפּ דעם שיינעם אַ חלק פון דעם באַטרעף פאַר די פאַרקויפטע ייִדישע הײַזער, וואָס דער פראַנצייזישער קיניג האָט קאָנפיסקירט (1307). נאָר אין אַראַגאָניע האָט ער ניט דערלאָזן ניט קיין הפקרות מצד די מאַכטאָרגאַנען, ניט קיין עקסצעסן פון דעם המון־עם. בעת דעם „קרייצצוג" פון די פּאַסטאָרעלן, וואָס האָבן אין יאָר 1320 חרוב געמאַכט ייִדישע קהילות אין פראַנקרײַך (ווײַטער, § 39), זײַנען באַנדעס פּאַנאַטיקער אַרײַנגעדרונגען אין דער שכנישער אַראַגאָניע און האָבן געמאַכט אַ תל פון די ייִדישע קהילות אין די שטעט יאַקאַ און מאָנמקלוס, ווו זיי האָבן אויסגעקוילעט כמעט אַלע ייִדן. עס איז געווען גרויס די סכנה אויך פאַר די איבעריקע שטעט, נאָר דער אינפאַנט אַלפאָנס האָט גיך דערשטיקט די דאָזיקע באַוועגונג און האָט די פראַנצייזישע רוצחים אַרויסגעטריבן פון לאַנד. אַ סך ייִדישע פּליטים פון פראַנקרײַך האָבן זיך באַזעצט אין די מאַיאָנטקעס פון אַראַגאָנישע פעאָדאַלן. שווערער איז געווען אָפּצושטעלן די פאָלקס־באַוועגונג אין יאָר 1348, ווען עס איז צוזאַמען מיט דער מגפה, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען „שוואַרצער טויט", אַרײַנגעדרונגען קיין שפּאַניע פון אַנדערע לענדער פון אייראָפּע די פּעסט פון שנאה צו ייִדן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אויסטראַכטעניש, אַז כלומרשט סמען די ייִדן אָפּ די ברונעמער (ווײַטער, § 44). אין באַרצעלאָנע האָט זיך אָנגעהויבן אַ הריגה פון ייִדן, וואָס די שטאָטישע רעגירונג האָט מיט מי אײַנגעשטעלט (מאַי 1348). שטאַרקער האָבן געליטן אַנדערע קהילות פון קאַטאַלאָניע: לערידע, געראָנע, טאַראַגאָנע, סערוועראַ, ווו עס זײַנען הונדערטער ייִדן געפאַלן פון די הענט פון די ווילד געוואָרענע קריסטן און זייער אייגנס איז געוואָרן צעראַבירט. משמעות, אַז די קאַטאַסטראָפע איז געוואָרן לאָקאַליזירט אין קאַטאַלאָניע און האָט זיך ניט אויסגעשפּרייט איבער די אַנדערע פּראָווינצן.

די מלכים פון אַראַגאָניע האָבן ניט געהאַט, ווי געזאָגט, בײַ זיך קיין ייִדישע פינאַנץ־אַגענטן מיט די פונקציעס פון „אייבער־שאַצמײַסטערס", ווי אין קאַסטיליע, נאָר אויף אַנדערע ווינציקער אָנזעעוודיקע פּאָסטנס האָבן זיי יאָ געהאַט ייִדישע באַאַמטע. זייער אָפט ווערן דערמאָנט אין די קיניגלעכע אַקטן ייִדישע הויפדאָקטוירים, הויף־איבערזעצערס און דיפּלאָמאַטישע אַגענטן,

www.libtool.com.cn

וואס פלעגן ווערן געשיקט מיט דיפלאמאטישע שליחותן צו די מוירעטאנישע מלכים פון גראנאדע און מאראקא. עס זיינען געווען פריווילעגירטע פערזאנען פון צווישן די רייכע סוחרים אדער צווישן נכבדיקע מנהיגים פון קהילות. נאר דאס אלץ איז געטאן געווארן אזוי, אז די קאטוילישע גייסטלעכקייט זאל קיין טענות און תרעומות ניט האבן. די מלכים פון אראגאניע אלפאנס IV און פעדרא IV (1327—1380) האבן פארמאל אפגעהיט די קירכלעכע קאנאנען בנוגע יידן. זיי האבן אפט מאל דערמאנט אין זייערע באפעלן וועגן דעם, אז יידן זיינען מחויב צו טראגן א באזונדער מין מאנטל (capa) אדער א רעדעלע פון קאלירטן געוואנט אויפן אייבער־בגד, „בכדי מען זאל זיי קאנען דערקענען אין עפנטלעכע פלעצער". נאר די הויפּדאקטוירים, איבערזעצערס און דיפלאמאטישע אגענטן זיינען געווען פריי פון צו טראגן אזא שאנדצייכן. דער קיניג סאנטשא אין מאיארקע האט דערלויבט גרויסע סוחרים, וואס פארן ארום איבער דער מדינה, ניט צו טראגן דעם דערקענ־צייכן, ווייל זיי וואלטן דערפון געהאט אומאנגענעמקייטן, און עס וואלט געווען פאר זיי אפילו א סכנה, „מחמת דער אלגעמיינער שנאה צו יידן" (1323).

די פויפסטלעכע „אינקוויזיציע אויף אויסצוואָרצלען די כפירה" האט שטרענג אויפגעפאסט, אז יידן משומדים זאלן זיך ניט אומקערן צוריק צו זייער פריערדיקער אמונה, און האט געצוווּנגען די מלכים, זיי זאלן האבן די השגחה דערויף, אז אזעלכע מענטשן זאלן ניט האבן קיין שום מגע־ומשא מיט זייערע פריערדיקע גלויבנס־ברידער. די אינקוויזיטארן פלעגן ניט זעלטן צוציען צו זייער שרעקלעכן טריבונאל יידן לויט דער באשולדיקונג, אז זיי „פירן אראפ פון וועג" קריסטן אדער אז זיי לעבן מיט קריסטינס, און פלעגן די שולדיקע פארמשפטן צום טויט און צו קאנפיסקירונג פון זייער אייגנס, אבער דער קיניג פלעגט אין אזעלכע פאלן געוויינטלעך באגנעדיקן די פארמשפטע אדער מילדערן די שטראף, פארשטייט זיך פאר א געהעריקן אויסלייז. די ברידער די פריידיקער פון דעם דאמיניקאנער־ארדן פלעגן לייענען זייערע מיסיאנערישע דרשות אין דעם יידישן קווארטאל, אפט אין שולן, און דער קיניג האט ארויפגעלייגט אויף יידן א חיוב אויסצוהערן את די דרשות; מערניט אין אזעלכע פאלן, ווען די מיסיאנערן האבן גערעדט אין קירכן, ווו די יידישע צוהערערס האבן געקאנט אויסשטיין באליידיקונגען מצד די קריסטן, האט דער קיניג זיי באפרייט פון דעם דאזיקן חיוב. ביים הערן את די אבליגאטארישע דרשות זיינען די יידן געווען מחויב צו ענטפערן אויף די פראגעס, וואס דער פריידיקער האט זיי געשטעלט. ווען עס פלעגן ארויסטרעטן אין דער ראלע פון מיסיאנערן געשמדטע יידן, דעמאלט פלעגן די יידן זיך ניט קאנען איינהאלטן פון שארפע רייד געווענדט קעגן את די משומדים, נאר פאר באליידיקן א משומד האט געקומט א הארבע שטראף:

www.libtool.com.cn

מען האָט ניט געטאָרט אָנרופֿן אים „איבערלייפֿער" (tornado). פּונקט ווי אין קאַסטיליע, אַזוי האָט אויך אין אַראַגאָניע דער קלעריקאַליזם זיך געשטאַרקט. דער גיפֿטיקער זוימען וואָס די דאָמיניקאַנער האָבן פֿאַרזייט וועט אויך דאָ אַרויסגעבן שפּראָצן צום סוף פֿון יאָרהונדערט.

קעגן אָט דעם דראַנג פֿון פֿײַנטלעכע כּוחות פֿון דרויסן האָט דאָס ייִדנטום אין אַראַגאָניע זיך געשיצט דורך זײַן ברייטער אָרגאַניזאַציע פֿון אויטאָנאָמע קהילות, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן נאָך אין 13טן י"ה (אויבן, § 11). אין יאָר 1354 איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו שאַפֿן אַ פֿאַרבאַנד פֿון די קהילות פֿון אַלע טיילן פֿון קיניגרײַך: פֿון די פּראָווינצן קאַטאַלאָניע, וואַלענסיע, אַראַגאָן און די באַלעאַרער אינדזלען. אויפֿן צונויפֿפֿאָר פֿון די דעלעגאַטן פֿון די ערשטע צוויי פּראָווינצן אין באַרצעלאָנע איז דער ציל פֿון דעם פֿאַרבאַנד געוואָרן פֿאָרמולירט אַזוי: באַשיצן ייִדן קעגן די געזעצן פֿון דער רעגירונג און פֿון דער גײַסטלעכקייט וואָס זײַנען פֿײַנטלעך צו זיי, קעגן דעם ווילדווילן פֿון די באַאַמטע און די עקסצעסן פֿון דעם המון, קעמפֿן קעגן מוסרים, וואָס האָבן שטענדיק שאַנטאַזשירט די ייִדישע קהילות און אָפֿט מאָל זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות, רעגולירן דאָס אינעוויניקסטע לעבן אין די קהילות. איבער אומבאַקאַנטע סיבות איז אָט דער פּראָיעקט פֿון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע ניט רעאַליזירט געוואָרן, און דאָס האָט געבראַכט גרויס שאָדן דעם ייִדנטום אין אַראַגאָניע, וואָס האָט אין גיכן געמוזט באַשטיין קעגן גרויסע נסיונות.

מאָמענטן פֿון אומרו האָבן איבערגעלעבט די ייִדישע קהילות פֿון דער האַלב שפּאַנישער און האַלב פֿראַנצייִנישער נ אַ וו אַ ר ע. אין דער צווייטער העלפֿט 13טן י"ה האָבן איבער נאַוואַרע רעגירט מלכים פֿון דער פֿראַנצייזישער דינאַסטיע, און זי האָט אָפֿט מאָל מיטגעליטן פֿון די איבּערײַסלונגען פֿון דער מעטראָפּאָליע. די ייִדישע קהילות אין פּאַמפּעלונע, טודעלאַ, עסטעלאַ און אַנדערע שטעט האָבן געקרעכצט פֿון די רעקוויזיציעס פֿון דעם פֿרומען לודוויג IX און פֿון דעם געלטגעריקן פֿיליפּ דעם שיינעם. פֿון דעסט וועגן איז די צאָל ייִדן אין נאַוואַרע געוואַקסן און איז באַזונדערס גרויס געוואָרן דורך דעם צושטראָם פֿון די פֿראַנצייזישע פֿאַרטריבענע אין יאָר 1306. נאָר פֿון פֿראַנקרײַך זײַנען אַהין געגאַנגען אויך יענע פֿינצטערע כּוחות, וואָס האָבן געטראָגן אומקום פֿאַרן ייִדנטום. פֿון דאָרט זײַנען אַרײַנגעדרונגען קיין נאַוואַרע די אומזיניקע באַנדעס פֿון די פּאַסטאָרעלן און האָבן חרוב געמאַכט די בליִענדיקע קהילה פֿון טודעלאַ (1321). אין יאָר 1328 איז אין נאַוואַרע אָנגעשטאַנען אַן אינטעררעגנום, און אין יענער צײַט, ווען קיין קיניג איז ניט געווען, האָבן די פֿראַנציסקאַנער מאָנאַכן געווענדט די צעפֿלאַקערטע לײַדנשאַפֿטן פֿון פֿאָלק

www.lfbtool.com.cn

קעגן ייִדן. אין דער שטאָט עסטעלאַ האָט דער צעווילדעוועטער המון אַרומגערינגלט דעם ייִדישן קוואַרטאַל. די ייִדן וואָס האָבן זיך דאָרט אײַנגעשלאָסן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט גבֿורה, אָבער צו הילף די פּאָגראָמהעלדן פון דער שטאָט זײַנען געקומען מאַסן פּויערים פון די דערפער, און דער קוואַרטאַל איז געוואָרן אײַנגענומען. אַלע ייִדישע הײַזער זײַנען געוואָרן פאַרברענט און די אײַנוווינער אויסגעשאָכטן. אין קלענערע מאַסן זײַנען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויך אין אייניקע אַנדערע שטעט. דער באַוווסטער תּלמודיסט רבי מנחם בן זרח, וואָס האָט געהערט צו אַ משפּחה פון פראַנצייזישע פאַרטריבענע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין נאַוואַרע, דערציילט וועגן דעם וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין עסטעלאַ אָט וואָס: „ווען עס איז געשטאָרבן דער פראַנצייזישער מלך וואָס האָט געקיניגט אין נאַוואַרע זײַנען אויפגעשטאַנען די אײַנוווינער פון דער מדינה און האָבן באַשלאָסן אויסצוהרגען אַלע ייִדן אין דער דאָזיקער מלוכה. זיי האָבן דערהרגעט אין עסטעלאַ און אין אַנדערע ערטער אַן ערך 6000 ייִדן. מײַן פאָטער, מײַן מוטער און מײַנע פיר ייִנגערע ברידער זײַנען געפאַלן אויף קידוש־השם, — זאָל דער אייבערשטער זיך נוקם זײַן פאַר זייער בלוט! מיר דעם איינציקן האָט אָפּגעגליקט צו אַנטלויפן פון דער היים. איך בין געווען צעשלאָגן און באַדעקט מיט ווונדן, וואָרעם פינף און צוואַנציק רוצחים האָבן מיך געשלאָגן און געפּײַניקט, און בין געלעגן אַ נאַקעטער צווישן הרוגים פון בין־השמשות ביז האַלבער נאַכט פון 23סטן אָדר (6 מאַרץ). האַלבע נאַכט איז געקומען אַ ריטער, אַ גוטער פרײַנד פון אונדזער משפּחה, האָט מיך אַרויסגעצויגן פון דעם הויפן הרוגים, געבראַכט מיך אין זײַן הויז אַרײַן און מיך אויסבאַהאַלטן. אין נאַוואַרע איז געוואָרן געזאַלבט אַ נײַער קיניג, און מיר, די קינדער פון די דערהרגעטע, האָבן גערופן צו אים, געפאָדערט נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון אונדזערע פאָטערס, נאָר מיר האָבן גאָרנישט ניט געפּועלט". און אַזוי איז טאַקע געווען. צו ערשט האָט דער נײַער קיניג פון דער זעלבשטענדיקער נאַוואַרע (פיליפּ III, גראַף ד'עוורע) געהייסן אַרעסטירן די מאַנאַכן די העצערס און אַרויפלייגן אַ שטראָף אויף די שטעט, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען פּאָגראָמען, נאָר שפּעטער האָט ער באַגנעדיקט אַלע פּאָגראָם־מאַכערס און אַראָפּגענומען די שטראָפן, מחמת ער האָט ניט געוואָלט צוליב די ייִדן זיך אַרומקריגן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. פון דעם אייגנס פון די דערהרגעטע ייִדישע משפּחות וואָס איז געבליבן הפקר האָט דער קיניג זיך געמאַכט אַ היפּשן פאַרמעגן און פון די לעבן געבליבענע האָט ער גענומען גרויסע שטײַערן פאַרן „שוץ". אַזוי זײַנען די ייִדישע קהילות פון נאַוואַרע אַלץ אָרעמער געוואָרן, און צום סוף 14טן י״ה איז זייער צאָל שטאַרק געמינערט געוואָרן.

www.libtool.com.cn

אין דעם ווייַטן ווינקל פֿון דעם פּירענעישן האַלבּ־אינדזל, אין פּאָרטוגאַל איז אין יענער צייַט געוואַקסן אַ ייִדישע קאָלאָניע, וואָס איר מצבֿ האָט דערמאָנט די בעסטע צייַטן פֿון קאַסטיליע. זינט עס איז אויפֿגעקומען די זעלבשטענדיקע פּאָרטוגאַל אין 12טן י"ה, האָבן די דאָרטיקע מלכים פֿון אַ בורגונדישער דינאַסטיע געשטיצט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע, מחמת זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מיט דער הילף פֿון ייִדישע פֿינאַנסיסטן איז גוט צו רעגירן. מען האָט ייִדן געגעבן די געווינטלעכע „פּריווילעגיעס" און דאָס רעכט פֿון אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון זייערע קהילות, און מען האָט פֿון זיי געקראָגן פֿאַרשיידענע מינים שטייַערן, און חוץ דעם וויכטיקע הילף דערין, וואָס די אַרענדאַטאָרן פֿון די שטייַערן און באַנקירן האָבן פֿינאַנסירט די מלוכה־קאַסע. דערפֿון האָט זיך גענומען די אומצופֿרידנקייט פֿון די געווינטלעכע געגנער פֿון דער קיניגלעכער מאַכט, דעם אַדל און דער גייַסטלעכקייט, וואָס האָבן זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס עס ווערט צו פֿיל געשטאַרקט דער ייִדישער עלעמענט, קעגן דעם גייַסט פֿון דער קריסטלעכער מלוכה. אין משך פֿון גאַנצן 13טן י"ה איז די מלכים פֿון פּאָרטוגאַל אויסגעקומען צו לאַווירן צווישן די אינטערעסן פֿון דער מלוכה־ווירטשאַפֿט און די פֿאָדערונגען פֿון די שטאַנדן. די מלכים סאַנטשאָ II ‏(1223–45), אַלפֿאָנס III ‏(1246–79) און דיאָניסי (1279–1325) קריגן אויסגערעדט פֿון די פּויפּסן און פֿון די אָרטיקע ביסקופּן, פֿאַר וואָס זיי גיבן די פֿרעמדגלייביקע פֿיסקאַלע אַגענטן די מאַכט צו שאַפֿן איבער קריסטן, וואָס זיי צווינגען ניט די ייִדן צו טראָגן אַ באַזונדער צייכן אויף די בגדים, אאַז"וו, אָבער די מלכים פֿלעגן זיך ווינציק אומקוקן אויף אָט די אַלע פֿאָרוווּרפֿן.

אין יענער צייַט האָבן ייִדן מיט אַן אמת געקראָגן אַ געוויסע ווירקונג אויפֿן גאַנג פֿון די מלוכה־ענינים. אין פּאָרטוגאַל איז אויסגעפֿונען געוואָרן אַן אָריגינעלע סיסטעם, וואָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פֿון די סיסטעמעס פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָניע: דער קיניג פֿלעגט באַשטימען אַ פֿינאַנסיסט צו גלייַך אי פֿאַרן „הויפּט־רבֿ" (rabbi mor) אי פֿאַרן שאַצמייַסטער פֿון דער מלוכה. ווי דער ראָש פֿון די ייִדישע קהילות האָט דער דאָזיקער באַאַמטער געמוזט ענטפֿערן פֿאַר דעם ריכטיקן אַרייַנגאַנג פֿון די ייִדישע שטייַערן, און ווי דער שאַצמייַסטער האָט ער געהאַט צו שאַפֿן איבער דעם אויפֿמאָנען די שטייַערן און איבער די מלוכה־פֿינאַנסן בכלל. דער קיניגלעכער רבֿ האָט געהאַט די השגחה איבער דער ייִדישער אַליין־פֿאַרוואַלטונג: ער פֿלעגט באַשטעטיקן די רבנים און דיינים, וואָס די קהילות האָבן אויסגעקליבן. צום אָנהייב 14טן י"ה זייַנען ייִדישע קהילות געווען אָרגאַניזירט אין אַלע גרעסערע שטעט פֿון פּאָרטוגאַל. חוץ דער הויפּטשטאָט ליסאַבאָן האָבן עקסיסטירט

www.libtool.com.cn

אויטאָנאָמע קהילות אין די שטעט סאַנטאַרעם, אָפּאָרטאָ, עוואָראַ, פֿאַראָ, קאָימבראַ, אַלקאַסאַר, בראַגאַנצאַ און אין אַנדערע ערטער (סך=הכּל אַרום פֿערציק פּונקטן). כּמעט אומעטום האָבן ייִדן געוווינט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן אָדער „יודאַריעס" (judarias).

פֿון די מלכים פֿון פּאָרטוגאַל האָט זיך גערעכנט ערנצט מיט די פֿאָדערונגען פֿון די קלעריקאַלן נאָר אַלפֿאָנס IV (1325–57). ער האָט פֿאַרבאָטן די ייִדן זיך צו ווײַזן אין עפֿנטלעכע פּלעצער אָן דעם דערקען=צייכן: אַ שטיק געל געוואַנט אין דער פֿאָרם פֿון אַ זעקסעקיקן שטערן, צוגעהעפֿט צום הוט אָדער צום מאַנטל. צו גלײַך אָבער האָט ער אַזוי טײַער געהאַלטן די דאָזיקע אונטערטאַנען מיט אַ „דערקען=צייכן", אַז די פֿאַרמעגלעכע פֿון זיי האָט ער פֿאַרבאָטן אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַנד. די ווײַטערדיקע מלכים האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו דער פּאָליטיק, וואָס די קלעריקאַלע קרײַזן האָבן זי גערופֿן „יודאָפֿיליש". קיניג פּעדראָ I (1357—67), וואָס ווערט אין די פֿאָלקס=לעגענדעס געשילדערט ווי אַ ריטער פֿון גערעכטיקייט, האָט באַשטימט פֿאַר זײַן לײַב=מעדיקער און צו גלײַך פֿאַרן הויפּט=רבֿ דעם ליסאַבאָנער דאָקטאָר משה נאַוואַראָ. אונטער זײַן יורש פֿערדינאַנד I (1367–83) איז געווען קיניגלעכער שאַצמײַסטער דער פֿינאַנציעלער טוער דאָן יהודה, וואָס האָט לויט דעם קיניגס באַפֿעל דורכגעפֿירט אַ מסופּקדיקע אָפּעראַציע: איבערגעשלאָגן די פֿריִערדיקע מטבעות און אַראָפּגענומען פֿון זייער וואָג; דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסן ריווח דער קיניגלעכער קאַסע, אָבער עס האָט אויפֿגעבראַכט דאָס פֿאָלק קעגן הויף און קעגן דעם ייִדישן שאַצמײַסטער. ערטערווײַז זײַנען פֿאָרגעקומען אָנפֿאַלן אויף ייִדן — וואָס זײַנען פֿאַרשטייט זיך ניט געווען שולדיק אין די דרייערײַען פֿון דעם דורכגעטריבענעם הויפֿישן אַגענט. באַלד האָט זיך געשטעלט אויפֿן סדר=היום די פֿראַגע פֿון די הויפֿייִדן ווי אַ פֿראַגע פֿון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק און האָט אַפֿילו געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דעם דינאַסטישן קאָנפֿליקט צווישן פּאָרטוגאַל און קאַסטיליע.

ווען עס איז געשטאָרבן פֿערדינאַנד I אָן אַ יורש און די רעגירונג האָט צײַטווײַליק איבערגענומען זײַן אַלמנה לעאָנאָרע, וואָס איז ניט געווען באַליבט אין לאַנד, האָבן די פֿאָרשטייער פֿון דער שטאָט ליסאַבאָן אַרויסגעשטעלט איר אַ רײ פֿאָדערונגען, וואָס איינע פֿון זיי איז געווען שייך צו ייִדן: מען זאָל זיי אַראָפּנעמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכע שטעלעס, „ווי עס פֿאָדערן די קאַנאָנישע און די ציווילע געזעצן". די מלכּה די רעגענטין האָט געענטפֿערט, אַז זי האָט זיך שוין מקדים געווען אויסצופֿירן דעם פֿאַרלאַנג פֿון פֿאָלק און האָט אַראָפּגעזעצט פֿון די שטעלעס דעם שאַצמײַסטער יהודה און איניקע שטײַער=אויפֿמאָנערס ייִדן. פֿאַקטיש האָט לעאָנאָרע זיך ניט

www.libtool.com.cn

צעשײדט מיט יהודהן, װאָס איז געװען איר פֿינאַנץ=אַגענט. איר בעל=יועץ איז אויך געװען אַ צװײטער רײַכער ייִד פֿון איר מאַנס מקורבים, ד ו ד נ ע ג ר אָ. אין דער זעלביקער צײַט האָט באַדאַרפֿט װערן באַשלאָסן די פֿראַגע װעגן קרױן=יורש. עס האָבן זיך געקריגט צװײ פּרעטענדענטן: דעם קיניג פּעדראָס אַ ניט=לעגיטימער זון, דער ריטער כּואַן דע=אַװיס, און דער קיניג פֿון קאַסטיליע כּואַן I, דער מאַן פֿון בעאַטריסע, לעאָנאָרעס טאָכטער. דאָס פֿאָלק איז געשטאַנען אויפֿן צד פֿון דעם ערשטן פּרעטענדענט, װײַל עס האָט ניט געװאָלט, אַז פּאָרטוגאַל זאָל זײַן אונטערטעניק די קאַסטיליער; לעאָנאָרע װידער און אַ טײל פֿון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן געהאַלטן פֿאַר איר אײדעם כּואַן פֿון קאַסטיליע. דער כּעס פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון ליסאַבאָן קעגן דער קיניגין, װאָס װיל איבערענטפֿערן דאָס לאַנד אין די הענט פֿון אויסלענדער, האָט זיך אויסגעלאָזט צו די קעפּ פֿון אירע ייִדישע יועצים. דער המון האָט זיך שוין געגרײט צו מאַכן אַ פּאָגראָם אין דער „יודאַריע" פֿון דער הויפּטשטאָט, באַרויבן די רײַכע ייִדן און אָפּגעבן דעם זאַקרויב דעם אויסדערװײַלטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, דעם ריטער כּואַן, אָבער דער לעצטער האָט זיך אײַנגעשטעלט און אָפּגעהאַלטן דעם פּאָגראָם. לעאָנאָרע און איר יועץ זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט, און פֿאַר אַ רעגענט איז געװאָרן פּראָקלאַמירט כּואַן פֿון פּאָרטוגאַל, צװישן די צװײ כּואַנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה.

בינתּים האָט לעאָנאָרע, װאָס האָט זיך באַזעצט אין קאַסטיליע, זיך צעקריגט מיט איר אײדעם. אין דער מחלוקת זײַנען אויך געװען אַרײַנגעמישט ייִדן. היות װי דער קיניג כּואַן פֿון קאַסטיליע האָט געװאָלט אײַנפֿירן אין זײַן לאַנד דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ אַ פּיסקאַל, האָט ער לויט דער בקשה פֿון זײַן װײַב באַשטימט אויף דעם פּאָסטן דוד נעגראָ װאָס איז געקומען פֿון פּאָרטוגאַל; לעאָנאָרע װידער האָט געװאָלט, אַז אויפֿן דאָזיקן פּאָסטן זאָל װערן באַשטימט איר מקורבֿ יהודה. באַלד איז געװאָרן באַװוּסט, אַז לעאָנאָרע איז פֿאַרמישט אין אַ פֿאַרשװערונג קעגן לעבן פֿון דעם קיניג פֿון קאַסטיליע, און זי איז פֿאַרשיקט געװאָרן אין אַ קלויסטער. דוד נעגראָ, װאָס האָט געהאָלפֿן אויפֿדעקן אָט די פֿאַרשװערונג, איז געבליבן בײַם הויף פֿון דעם קיניג פֿון קאַסטיליע, װאָס האָט נאָך דער אומגעראָטענער מלחמה געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון דער קרױן פֿון פּאָרטוגאַל. פֿאַרן קיניג פֿון פּאָרטוגאַל איז געװאָרן פּראָקלאַמירט כּואַן דע=אַװיס, װאָס האָט זיך אַרױסגעװיזן פֿאַר אַ הומאַנעם רעגירער, גערעכט אויך בנוגע צו ייִדן. אַזױ האָט אין פּאָרטוגאַל זיך איבערגעחזרט דאָס בילד, װאָס איז אונדז באַװוּסט פֿון דער צײַט פֿון דעם דינאַסטישן קאַמף אין קאַסטיליע.

## § 37. דער „הײליקער קריג" פון יאָר 1391

www.libtool.com.cn

צום סוף 14טן י״ה האָט די קלעריקאַלע רעאַקציע שוין געהאַט צו פֿאַרצייכענען אַזעלכע פּעולות אין שפּאַניע, בפרט אין קאַסטיליע, אַז אירע באַשעפֿער האָבן שוין געקאָנט צוטרעטן צו דעצידירנדיקע מעשׂים. די ייִדישע שׂונאים פֿון צווישן דער גײַסטלעכקייט האָבן געשראָקן די געזעלשאַפֿט מיטן שרעקבילד פֿון דער „ייִדישער סכּנה". דער וווּקס פֿון דער ייִדישער רײַכקייט און פֿון דער פּאָליטישער השפּעה פֿון די ייִדישע פֿינאַנסיסטן זײַנען כּלומרשט אַ סכּנה פֿאַר דעם עצם קיום פֿון די קריסטלעכע מלוכות אין שפּאַניע, וואָס האָבן נאָך אַ לאַנגן קאַמף זיך באַפֿרײַט פֿון דער ממשלה פֿון די מורינען, אָבער ניט פֿון דער השפּעה פֿון די מורינען און ייִדן, וואָס זײַנען געבליבן אין לאַנד; בכדי אײַנצופֿעסטיקן דעם נאַציאָנאַל-קריסטלעכן טיפּ פֿון דער מלוכה, מוז מען אויפֿהייבן אַן אינעווייניקסטן „הײליקן קריג", מיטן לאָזונג אָפּצורייניקן דאָס לאַנד פֿון ביידע פֿרעמדגלייביקע עלעמענטן. נאָר מיט די מורינען איז געווען שווער צו פֿירן מלחמה: הינטער זיי איז געשטאַנען דאָס קיניגרײַך גראַנאַדע, און ווײַטער מאַראָקאָ און די בערבערישע שבֿטים, וואָס קאָנען מאַכן אַ הײליקן קריג אויף זייער שטייגער. גרינגער איז געווען צו דערקלערן מלחמה די ייִדן, אין דער פֿאָרם פֿון אַן אולטימאַטום: שמד אָדער טויט! אַנומלט האָבן די קרייצלערס פֿון צענטראַל-אייראָפּע באַוויזן מער אויסצוקוילען ייִדן, איידער אָפּצושמדן, נאָר אין שפּאַניע קאָן מען מער אויפֿטון: דאָ זײַנען ייִדן ניט אַזוי פֿרום און ווינציקער אָפּגעזונדערט פֿון קריסטן, דערצו נאָך זײַנען זיי רײַכער און האַלטן מער פֿון עולם-הזה, און אויב זייער לעבן וועט שטיין אין סכּנה, וועלן אַ סך פֿון זיי זיך לאָזן אָפּשמדן. אויב מען וועט אַרבעטן אַזוי סיסטעמאַטיש, וועט אי פֿאַרשווינדן די „ייִדישע סכּנה", אי דער לאַגער פֿון די גלייביקע וועט ווערן פֿאַרשטאַרקט דורך אַ צושטראָם פֿון פֿרישע כּוחות.

דאָס איז געווען דער אַקציע-פּלאַן פֿון די קלעריקאַלע פֿאַרשווערערס, וואָס האָבן מיט הונדערט יאָר פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון דער אַלשפּאַנישער אינקוויזיציע אָנגענומען איר אידעע פֿון אַ געאייניקטער, איינהייטלעכער קריסטלעכער שפּאַניע, באַפֿרײַט פֿון ייִדן, מורינען און כּופֿרים. בראָש פֿון די קאַסטילישע פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון דער דאָזיקער אידעע איז געשטאַנען אַ פֿאַרברענטער פֿאַנאַטיקער, דער אַרכידיאַקאָן און אָפֿיציאַל פֿון דעם ביסקופּאַט אין סעווילע, פֿ ע ר אַ נ ד מ אַ ר ט י נ ע ס. אין אַ משך פֿון יאָרן, זינט דער צײַט ווען ייִדן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דעם קאַסטילישן בירגער-קריג, האָט מאַרטינעס געפֿירט אַ סיסטעמאַטישע אַגיטאַציע קעגן זיי אין זײַנע קירכן-דרשות. ער פֿלעגט אָנצינדן דעם המון מיט זײַנע רייד, אַז ייִדן

www.libtool.com.cn

געוועלטיקן אין שפּאַניע, אַז זיי ווערן נתעשר פֿון אַרענדירן און אויפֿמאָנען די שטײַערן, אַז זיי מאַכן אונטערטעניק צו זיך אַלע קריסטן, פֿון דעם קיניג ביז דעם קנעכט, פֿאַרשפּרייטן אומעטום זייער פֿאַלשע תּורה און ווען אין גיכן מאַכן די קירכן פֿאַר סינאַגאָגעס; מען מוז פֿאַרלענדן אָט די שונאים קריסטוסעס און זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די סינאַגאָגעס זאָלן ווערן קירכן. אָפֿן זײַנען געפּרײדיקט געוואָרן געוואַלד=מעשׂים און טעראָר. בעת איינער אַ קירכלעכער פּראָצעסיע האָט מאַרטינעס געהייסן דעם המון וואָס איז גע=גאַנגען נאָך אים, אַז איטלעכן ייִד וואָס מען וועט באַגעגענען אויפֿן וועג פֿון דער פּראָצעסיע זאָל מען אָנשלאָגן. ניט איין מאָל האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען גוט צו צעשטערן אַלע שולן פֿון סעוויליע. די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה אין סעוויליע האָבן זיך אָפּט באַ=קלאָגט אויף אָט די געפֿערלעכע העצערײַען פֿאַרן קיניג ענריקע II און זײַן יורש כואַן I; די מלכים האָבן מאַרטינעסן פֿאַרבאָטן אויפֿצורייצן דעם המון און האָבן אים געסטראַשעט מיט שטראָפֿן, ער אָבער האָט מיט דער אײַנגע=שפּאַרטקייט פֿון אַ מאַניאַק ווײַטער געטאָן זײַנס און האָט זיך פֿאַרענטפֿערט דערמיט, וואָס ער איז מקיים זײַן עוואַנגעלישן חובֿ, דורך דעם וואָס ער ווײַזט אויף די שולד פֿון די אומגלייביקע. אַזוי האָט ער געטענעט פֿאַרן סעווילער געריכט, וואָס פֿאַר דעם האָט אים געהאַט געלאָדן די ייִדישע קהילה (1388), און האָט באַלד אויפֿן אָרט איבערגעחזרט, אַז ער האַלט פֿאַר אַ מצווה צו צעשטערן ייִדישע שולן. דער שוואַכער קיניג כואַן I האָט אין דעם ענין זיך געקווענקלט: ער האָט געגלויבט די פֿרומקייט פֿון דעם אַרכי=דיאַקאָן דעם העצער, און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער פֿאַרבאָטן אָנצוטון ייִדן געוואַלד=מעשׂים: ער האָט געוואָלט זאַט מאַכן דעם וואָלף, אַזוי אַז די שאָף זאָלן בלײַבן גאַנץ. ערלעכער איז זיך באַגאַנגען דער אַרציביסקופּ פֿון סעוויליע באַראָסאָ: ער האָט אַראָפּגעזעצט מאַרטינעסן פֿון דעם פּאָסטן פֿון אָפֿיציאַל און אָפּגענומען בײַ אים דאָס רעכט צו פּריידיקן אין קירך (1389).

נאָר גיך האָט זיך דער מצבֿ איבערגעביטן לטובֿת דעם קלעריקאַלן דעמאַגאָג. דער אַרציביסקופּ און דער קיניג זײַנען געשטאָרבן אין איין יאָר (1390). לויט דעם אויסקלײַב פֿון די גלחים וואָס זײַנען געשטאַנען אויף זײַן צד איז מאַרטינעס געוואָרן דער ממלא=מקום פֿון דעם אַרציביסקופּ. אין דער רעגענטשאַפֿט, וואָס האָט רעגירט איבער קאַסטיליע אין נאָמען פֿון דעם יונגן קיניג ענריקע III, האָט אויך געהאַט אַ חלק די קיניגין די אַלמנה עלעאָנאָרע, וואָס מאַרטינעס איז פֿריִער געווען איר גײַסטלעכער. דעמאָלט האָט זיך פֿאַר דער אַגיטאַציע פֿון דעם אומזיניקן פֿאַנאַטיקער געעפֿנט אַ ברייט פֿעלד. מאַרטינעס האָט צעשיקט צו די גײַסטלעכע פֿון דער סעווילער דיאָצעזע אַ צירקולאַר מיט דער פֿאָדערונג צו „צעשטערן ביזן גרונט די סינאַגאָגעס,

www.libtool.com.cn

ווי די שׂונאים פֿון גאָט און פֿון דער קירך ריכטן אָפּ זייער געצנדינסט", און צושטעלן אים ווי אַ באַווײַז די כּלים פֿון די צעשטערטע שולן. דעם 15טן מאַרץ 1391 האָט ער געהאַלטן אַ העצערישע רעדע אויפֿן פּלאַץ פֿון סעווילע, ווו עס האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן מאַסן מענטשן. ער האָט פּשוט גערופֿן די קריסטן אָנצופֿאַלן אויף ייִדן. דער המון האָט זיך שוין געלאָזט גיין צום ייִדישן קוואַרטאַל, נאָר די שטאָטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן אים פֿאַרהאַלטן און אָפּגעשטעלט דעם אָנגעהויבענעם פּאָגראָם. לויטן באַפֿעל פֿון דעם פּאָליצײַ-מײַסטער (alguacil) האָט מען געכאַפּט צוויי אָנפֿירערס פֿון דער באַנדע פּאָגראָם-מאַכערס און מען האָט זיי עפֿנטלעך געשמיסן. אָבער דאָס האָט נאָך מער אַרײַנגעבראַכט אין גרימצאָרן דעם המון און זײַן באַגײַסטערער מאַרטינעסן, וואָס האָט ניט אָפּגעשטעלט זײַן פֿאַרברעכערישע אַגיטאַציע און אָרגאַניזירט כּוחות צוליב אַ נײַעם אָנפֿאַל. דאָס איז געשען אין דרײַ חדשים אַרום נאָכן ערשטן פּרווו, און דאָס מאָל האָט די אַרמיי פֿון רוצחים און אָפּשמדערס געוווּנען. אין איין פֿרימאָרגן זײַנען די קריסטן פֿון סעווילע, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגערעדט, זיך צונויפֿגעלאָפֿן אין דער „כודעריע", האָבן זי אונטערגעצונדן און גענומען הרגענען און ראַבעווען אירע אײַנוווינער (6 יוני). דעמאָלט זײַנען דערהרגעט געוואָרן אַרום 4000 ייִדן, אַ סך גענומען געפֿאַנגען און פֿאַרקויפֿט פֿאַר שקלאַוון צו די אַראַבער; די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט אָפּשמדן, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון טויט. מיט איין קלאַפּ איז די בליִענדיקע אַלטע קהילה, וואָס האָט געציילט אַרום זעקס טויזנט משפּחות, געוואָרן חרוב, די שולן זײַנען געוואָרן צעשטערט אָדער איבערגעמאַכט פֿאַר קירכן. צווישן די וואָס האָבן אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה איז געווען דער געוועזענער הויפֿמאַן פֿון ענריקע II, שמואל אַבּרבּנאל, וואָס האָט בײַם שמד אָנגענומען דעם נאָמען כואַן דע-סעווילאַ (שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל און איז צוריק געוואָרן אַ ייִד).

די הריגה פֿון סעווילע האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו אָנפֿאַלן אויף ייִדן אומעטום. אין סעווילע זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אַלע פֿעדים פֿון דער קלעריקאַלער פֿאַרשווערונג, פֿון דאָרט זײַנען געגעבן געוואָרן די שלאַכט-באַפֿעלן און טאַקטישע אָנווײַזן. שאַנעווען די וואָס ווילן זיך שמדן און דערהרגענען די וואָס שפּאַרן זיך אײַן — דאָס איז געווען דער הויפּטגעבאָט פֿון דעם „הייליקן קריג". אומעטום איז אָפּגעהיט געוואָרן די זעלביקע טאַקטיק, נאָר אויף צו פֿאַרגיטיקן דעם המון האָט מען אים דערלויבט אויך צו ראַבעווען דאָס אייגנס פֿון ייִדן.[1] אין די שטעט פֿון דער סעווילער

---

[1] דער דעמאָלטיקער שפּאַנישער כראָניסט א י א ל א, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט אָט די געשעענישן, איז מודה אין זײַן „כראָניק פֿון דער רעגירונג פֿון ענריקע III", אַז

www.libtool.com.cn

פּראָווינץ האָבן זיך איבערגעחזרט די סצענעס פֿון דער מעטראָפּאָליע. אין אַ צווייטן היסטאָרישן צענטער פֿון דער ייִדישער שפּאַניע, אין קאָרדאָווע, זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן שרעקלעכערע מעשׂים, ווי בעת דעם אָנפֿאַל פֿון די אַלמאָהאַדן: עס איז פֿאַרברענט געוואָרן די „כודעריע“ מיט אַלע אירע גרויסאַרטיקע אַלטע בנינים און סחורה־לאַגערס; 2000 הרוגים, מאַנצבילן, פֿרויען און קינדער, האָבן זיך געוואַלגערט הויפֿנסווײַז אין די גאַסן, אין די הײַזער און אין די צעשטערטע שולן, און דערנעבן האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט מענטשן מיט דערהרגעטע נשמות — וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם גלויבן פֿון זייערע אָבֿות. אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דער שחיטה אין סעווילע איז געקומען די ריי צו דער קהילה אין דער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ (17 טעג אין תּמוז). דאָ זײַנען די רבנים די ערשטע געגאַנגען צום טויט אויף קידוש־השם; צווישן אַנדערע זײַנען דאָ אומגעקומען די קינדסקינדער פֿון דעם באַרימטן רא״ש. עס זײַנען אָבער געווען אַ סך קליינמוטיקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט שמדן. אין בורגאָס איז געווען באַזונדערס גרויס די צאָל פֿון די געצוווּנגענע דעזערטירן. אַזעלכע סצענעס האָבן זיך איבער־געחזרט אין אַ סך אַנדערע שטעט פֿון קאַסטיליע. עס זײַנען חרובֿ געוואָרן אַרום זיבעציק קהילות.

פֿון קאַסטיליע האָט זיך די אַנטי־ייִדישע באַוועגונג אַריבערגעטראָגן קיין אַראַגאָניע, וואָס אַהין זײַנען געקומען צוליב דעם עמיסאַרן פֿון דעם הויפּטשטאַב אין סעווילע. די פֿאַרהיט־מיטלען פֿון דער רעגירונג האָבן אין ערגעץ ניט געווירקט. אין דער שטאָט וואַלענסיע האָט דער קריסטלעכער פּעוול זיך אַרײַנגעריסן אין דער כודעריע מיט קרייצן פֿון טשערעט און האָט געשריִען: „אָט וועט קומען מאַרטינעס און וועט אײַך אָפּשמדן!“ (9 יולי). די ייִדן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, פֿאַרשלאָסן דעם אַרײַנגאַנג אין זייער קוואַרטאַל, און פֿון די אָנפֿאַלערס וואָס האָבן זיך אַרײַנ־געריסן האָבן זיי עטלעכע דערהרגעט. דעמאָלט האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי: „די ייִדן הרגען קריסטן!“ — און די קריסטלעכע מאָנאָפּאָליסטן אויף מאָרד האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל, האָבן אים צעשטערט און אויסגעהרגעט יענע וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן אָדער ניט געוואָלט זיך שמדן. די פֿאַגראָמשטשיקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויך צו דער „מאָרעריע“, דעם קוואַרטאַל פֿון די מורינען, אָבער פֿון דאָרט האָט דאָס מיליטער זיי אָפּגעשטופּט.

באַלד איז אָנגעקומען די ריי צו דער הויפּטשטאָט פֿון קאַטאַלאָניע באַרצעלאָנע. דאָ האָבן די ייִדן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער פֿעסטונג

דער המון האָט געטאָן זײַנע מעשׂים ניט אַזוי אונטער דער ווירקונג פֿון רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם, ווי מחמת דעם פֿאַרלאַנג צו רױבעווען פֿרעמדע עשירות.

www.libtool.com.cn

און זיך פֿאַרזיכערט מיטן שוץ פֿון דעם אָרטיקן גובערנאַטאָר און די ריטערס. אָבער דער צעווילדעוועטער המון האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דער מאַכט, האָט באַלעגערט די פֿעסטונג און צו לעצט זי אײַנגענומען מיט דער הילף פֿון די פּויערים, וואָס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען פֿון די אַרומיקע דערפֿער. פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג זיך צו ראַטעווען, האָבן אַ סך ייִדן זיך אַליין דערשטאָכן מיט קינזשאַלן אָדער אַראָפּגעוואָרפֿן זיך פֿון דעם פֿעסטונג-טורעם און זײַנען געפֿאַלן טויטע, אַנדערע האָבן אין יאוש זיך געוואָרפֿן אויף די פֿײַנד און זײַנען אומגעקומען אין דעם אומגלײַכן קאַמף, די איבעריקע האָבן געביטן זייער גלויבן, גאָר ווייניק האָט אָפּגעגליקט צו אַנטלויפֿן (8 אויגוסט). דאָ איז געפֿאַלן אויף קידוש-השם דער איינציקער זון פֿון דעם פֿילאָסאָף חסדאי קרשקש, און דער פֿאָטער באַמערקט אין זײַן באַשרײַבונג פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע: „איך האָב אָפּגעגעבן פֿאַר אַ קרבן אַ ריין שעפּעלע, מײַן איינציקן זון". אין קאַטאַלאָניע האָבן נאָך געליטן די קהילות פֿון געראָנע און לערידע, נאָר אין אַראַגאָניע גופֿא זײַנען געבליבן גאַנץ אַלע קהילות, ווארעם די קיניגלעכע מאַכטאָרגאַנען און די פֿעאָדאַלן האָבן ענערגיש פֿאַרטיידיקט זייער „ייִדיש אייגנס".

די פּאָגראָם-כוואַליע האָט זיך דערקײַקלט ביז צום אינדזל מאַיאָרקע. אין דער הויפּטשטאָט פֿון דעם אינדזל, פּאַלמאַ, האָט מען מיט רציחה אויסגעקוילעט די ייִדן און אַפֿילו צעשטערט די הײַזער פֿון יענע גוטהאַרציקע קריסטן, וואָס האָבן רחמנות געהאַט און אויסבאַהאַלטן בײַ זיך די אומגליקלעכע קרבנות. אַ סך ייִדן האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער שטאָטישער פֿעסטונג און פֿון דאָרט האָבן זיי, מיט דער דערלויבעניש פֿון דעם גובערנאַטאָר, בײַ נאַכט זיך אַרויסגעכאַפּט צום ברעג, געזעצט זיך אויף שיפֿן און אַנטלאָפֿן געוואָרן קיין צפֿון-אַפֿריקע.

די פּליטים פֿון קאַסטיליע האָבן געפֿונען אַ צײַטווײַליקן מקום-מקלט אין דער שכנישער פּאָרטוגאַל. דאָ איז די באַפֿעלקערונג ניט געווען צוגעגרייט צו פֿאַרטיליקן מענטשן אין נאָמען פֿון דער רעליגיע פֿון ליבע. חוץ דעם האָט דער הויפּט-רבֿ פֿון פּאָרטוגאַל, משה נאַוואַראָ, דער לײַב-מעדיקער פֿון דעם קיניג כואַן, צוגעשטעלט אים אַ בולע פֿון דעם פּויפּס, וואָס פֿאַרווערט צו טייטן און צו שמדן איבער גוואַלד ייִדן, און דער קיניג האָט צעשיקט די דאָזיקע בולע צו מעלדן זי עפֿנטלעך אין אַלע שטעט.

אַזוי אַרום האָבן די שפּאַנישע ייִדן זומער 1391 איבערגעלעבט די זעלביקע שרעקלעכע געשעענישן, וואָס זייערע אָבות אויף די ברעגעס פֿון ריין האָבן איבערגעלעבט זומער 1096. די באַוועגונג, וואָס מאַרטינעס האָט אַרויסגערופֿן מיט זײַנע דרשות, איז געווען אַן אמתער קרייצצוג, געווענדט קעגן די אַנדערשגלייביקע אין לאַנד. די שפּאַנישע ייִדן האָבן דערלעבט צו

www.libtbook.com.cn

זייער קרוין פֿון קידוש־השם, אָבער זיי זײַנען ניט געווען אַזוי צוגעגרייט דערצו, ווי זייערע ברידער אין דײַטשלאַנד. די דײַטשע ייִדן האָבן אין אַזעלכע קאַטאַסטראָפֿעס אָפֿטער מקריבֿ געווען זייער לעבן, און נאָר אין איינציקע פֿאַלן האָבן זיי לפֿנים וועגן אָנגענומען די אמונה פֿון די אָנפֿאַלערס, און ווי נאָר די שׂונאים זײַנען אַוועק, פֿלעגן זיי באַלד עפּנטלעך זיך אָפּזאָגן פֿון דער נײַער אמונה. אין שפּאַניע אָבער איז די צאָל געשמדטע (Conversos) געווען אַ סך מער ווי די צאָל פֿון די וואָס זײַנען געפֿאַלן אויף קידוש־השם: מען איז משער, אַז זי האָט דערגרייכט ביז עטלעכע צענדליגנ טויזנט. דאָ האָבן אַ סך אונטערן חלף פֿון דעם מערדער מסכּים געווען אָנצונעמען די פֿרעמדע אמונה מיטן מיין, אַז ווי נאָר די סכּנה וועט פֿאַרבײַגיין, וועלן זיי זיך אומקערן צוריק צו דער אמונה פֿון די אָבֿות. טייל פֿון זיי האָבן טאַקע אַזוי געטאָן, און כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון די שפּיאָנעס פֿון דער קירך, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן אין אַנדערע לענדער. נאָר זייער אַ סך, וואָס האָבן געזשאַלעוועט זייער צײַטווײַליקע רו, זײַנען געבליבן אָפֿיציעל אונטער דער מאַסקע פֿון דער רעליגיע וואָס איז אויף זיי אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן. זיי האָבן ניט פֿאָרויסגעזען, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע צוקונפֿט זיי גרייטן פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע קינדער. געפֿינענדיק זיך אונטער דער שאַרפֿער השגחה פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט האָבן אָט די געצוווּנגענע קריסטן (אַ נ ו ס י ם) געמוזט לפֿנים וועגן אָפּהיטן די צערעמאָניעס פֿון דער קירך און נאָר בשתיקה, באַהאַלטענערהייט האָבן זיי געקאָנט אָפּהיטן די וויכטיקסטע דינים פֿון זייער געווירשטער רעליגיע. די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט וועט זײַן פֿאַר זיי אַ מקור פֿון יסורים און אומרו אָן אַן אויפֿהער און וועט דערפֿירן צו דער טראַגעדיע פֿון דעם „מאַראַנענטום", און שפּעטער צו די שרעקנס פֿון דער אינקוויזיציע (ווײַטער, §§ 50 א"וו).

## § 38. די רבנות און די קאָנסערוואַטיווע פֿילאָסאָפֿיע (קרשקש)

אויפֿן געביט פֿון דער גײַסטיקער קולטור איז דער 13טער יאָרהונדערט דורכגעגאַנגען אין שפּאַניע אונטער דער פֿאָן פֿון דעם רמבם, אין דעם פּרט וואָס עס איז געגאַנגען די מחלוקת פֿאַר אָדער קעגן זײַן שיטה אין דער טעאָלאָגיע. דער הונדערטיעריקער קאַמף פֿון די קאָנסערוואַטאָרן און די פּרײַזיניקע, וואָס האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1305 מיטן באַוווּסטן חרם פֿון די רבנים, האָט געגעבן די איבערהאַנט דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג. און דער 14טער יאָרהונדערט גייט שוין דורך אונטער דער פֿאָן פֿון אַ גײַסטיקער

www.hebtool.com.cn

רעאקציע. די רבנות שטרעבט צו שטארקן די נאציאנאל-רעליגיעזע דיסציפלין אין א לאנד, ווו עס זיינען געווען אלע תנאים פאר אסימילאציע: די שותפישע ריידשפראך (יידן האבן אין יענער צייט גערעדט שפאניש און צום טייל נאך אראביש, הגם אין דער ליטעראטור האבן זיי גענוצט זייער נאציאנאלע שפראך), די דערנעענטערונג צווישן יידן און קריסטן אין די העכערע קלאסן און דאס איבערנעמען א סך מידות און מנהגים פון דער ארומיקער באפעלקערונג.

סימפטאמאטיש איז געווען דאס, וואס באלד אין אנהייב פון יאר-הונדערט (1305) האט פארנומען דעם כסא-הרבנות אין דער הויפטשטאט פון קאסטיליע רבי אשר בן יחיאל (דער רא"ש), א געקומענער פון דייטשלאנד און טיפישער פארשטייער פון דער דייטשער רבנות, א געגענער פון דער פילאסאפישער חקירה און פון די וועלטלעכע וויסנשאפטן (אויבן, § 17). אין דעם צענטער פון אסימילאציע, ווו סינאדן און קארטעס האבן געמוזט פארווערן יידן זיך אנצורופן מיט שפאנישע נעמען (§ 33), האט דער אנגעקומענער פון צפון זיך גענומען איינפירן די מנהגים און פאראנדקעס פון דעם אפגעשלאסענעם דייטשן געטא. די ברייטע געריכטלעכע אויטאנאמיע פון די רבנים האט זיי געגעבן די מיגלעכקייט צו באשטראפן שטרענג מיט-גלידער פון דער קהילה, וואס האבן זיך פארשולדיקט אין פרייידענקעריי אדער אין פרייען אויפפיר. ווען יהודה אבן ווקאר פון קארדאווע, וואס איז געווען א מקורב-למלכות, האט איין מאל געפרעגט ביים רא"ש, וואס דארף מען טון א מענטשן, וואס האט געזאגט א גאטלעסטערישע פראזע אין אראביש, האט רב דער מחמיר געענטפערט, אז מען וואלט ביי אים באדארפט אויסשניידן די צונג. ביי א יידישער פרוי, וואס איז געווארן באשולדיקט, אז זי האט געלעבט מיט א קריסט, האט דער בית-דין געהייסן אפשניידן די נאז, און אז דער זעלביקער ווקאר האט געפרעגט ביים רא"ש, פאר וואס עס קומט אזא פסק, האט ער געענטפערט: „דער פסק-דין איז ריכטיק: זאל זי [די זינדיקע] פארלירן איר חן אין די אויגן פון אירע ליבהאבערס!" אין דעם פאל איז די רעגירונג גופא, וואס האט איבערגעגעבן דעם ענין דעם יידישן בית-דין, געווען פאראינטערעסירט אין א שטרענגער שטראף, ווייל דאס וואס א יידישע פרוי לעבט מיט א קריסט איז געווען א פארברעך אויך לויט די קאנאנען פון דער קירך.

דער קאמף קעגן דער פרייידענקעריי פון די געבילדעטע מענטשן האט געהאט מער פעולה ווי דער קאמף קעגן די פרייע מידות, וואס זיינען געווען א רעזולטאט פון דער שטייגער-אסימילאציע פון די העכערע קלאסן פון דער געזעלשאפט. דער חרם פון יאר 1305 האט פארטריבן די וועלטלעכע וויסנשאפט און די פילאסאפיע פון דער שול, ווו עס האט איצט געהערשט

דער תּלמוד. עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דעם רמבמס פּרוּוו אָפּצושטעלן די פֿאַרפֿלייצונג פֿון דעם „ים התּלמוד“, בכדי צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר די פֿרײַע וויסנשאַפֿטן. דער ראָ"ש, זײַנע זין און זײַנע פֿיל תּלמידים האָבן באַשאַפֿן אין שפּאַניע אַ נעץ פֿון ישיבֿות פֿון דײַטשן טיפּ, וווּ אָנשטאָט דעם רמבמס ברייטן סינטעז האָט געהערשט דער קליינלעכער סכאָלאַסטישער אַנאַליז. צו די פּירושים און תּשובֿות פֿון די פּוסקים פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווי דער רשב"א, זײַנען צוגעקומען די הלכישע אויספֿירן פֿון דעם ראָ"ש („פּסקי הלכות“) און פֿון זײַנע תּלמידים. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַזאַ מאַסע פֿון נײַע תּקנות און פּסקים פֿון אויטאָריטעטע רבנים, אַז מען האָט געמוזט זיי צונויפֿנעמען אין אַ נײַעם געזעצבוך, מיט הוספֿות צו דעם רמבמס „יד החזקה“.

אין 14טן יאָרהונדערט אַנטוויקלט זיך די ליטעראַטור פֿון די „פּוסקים“. דאָס סיסטעמאַטישסטע ווערק פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז געווען דער ספֿר „טורים“ („רייען“), וואָס עס האָט מחבר געווען דעם ראָ"שס זון, רבי יעקבֿ בן אָשר (געשט' 1340). אין די „טורים“ זײַנען ניט אַרײַנגענומען געוואָרן די הלכות וועגן דער מלוכה, וועגן די מתּנות־כּהונה און וועגן בית־המקדש און קרבנות, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט ארץ־ישׂראל און וואָס האָבן אין גלות נאָר אַ טעאָרעטישן אינטערעס, דערפֿאַר אָבער זײַנען צוגעקומען אַ סך דינים אין די ענינים וואָס זײַנען נוגע דאָס הײַנטיקע ייִדישע לעבן, אויפֿן יסוד פֿון פּסקים פֿון רבנים און פֿון פֿאָלקס־מנהגים. דער גרויסער ספֿר „טורים“ באַשטייט פֿון פֿיר טיילן. אין ערשטן טייל (טור אורח חיים) שטייען די דינים פֿון תּפֿילה, שבת, ימים־טובֿים און תּעניתים; אין צווייטן טייל (יורה דעה) — די דינים וועגן שפּײַז, וועגן שחיטה און וועגן כּשרות אין היימישן פֿיר; אין דריטן טייל (אבן עזר) — די דינים אין משפּחה־ענינים, וועגן חתונה און גט, און אין פֿערטן (חושן משפּט) — די דינים פֿון ציווילן און קרימינעלן רעכט. דער צערעמאָניעלער טייל פֿון די „טורים“ איז אַ סך ברייטער לגבי דעם רמבמס „משנה תּורה“, און דער דאָגמאַטישער און עטישער טייל איז ביז גאָר פֿאַרקירצט. דער מחבר האָט אַזוי ווי מורא אָנצורירן אַלגעמיינע פּרינציפּן און דאָגמעס פֿון דער רעליגיע, וואָס האָבן נאָך קורץ פֿריִער אויפֿגעוועקט הייסע וויכּוחים צווישן די אָרטאָדאָקסן און פֿרײַדענקער. אַ סך רבנים האָבן אָנגענומען ר' יעקבֿ בן אָשרס קאָדעקס ווי אַ פּראַקטישן האַנטבוך, און דעם רמבמס קאָדעקס איז בהדרגה געוואָרן אַרויסגעשטופּט. אין דער שפּעטערדיקער צײַט זײַנען די „טורים“ געוואָרן דער יסוד פֿון דעם „שלחן ערוך“, וואָס איז דער איצט גילטיקער געזעצבוך פֿון דער רבנישער ייִדישקייט, און די דײַטש־פּוילישע רבנים האָבן געשריבן אויף אים אָן אַ שיעור פּירושים.

www.libtool.com.cn

אַנדערע פּוסקים פֿון יענער צײַט (אַרום מיטן 14טן י״ה) האָבן זיך פֿאַרנומען מיט צונויפֿשטעלן טייל־זאַמלונגען פֿון הלכות. דעם ראַ״שס אַ תּלמיד, ר׳ ירוחם בן משולם פֿון פּראָוואַנס, האָט מחבר געווען צוויי זאַמלונגען, וואָס אין איינער פֿון זיי („מישרים״) שטייען די ציווילע געזעצן פֿון דער יהדות און אין דער צווייטער („אדם וחוה״) — די רעליגיעז־צערעמאָניעלע דינים. דער סעוויליער געלערנטער ר׳ דוד אבודרהם האָט צונויפֿגע־שטעלט אַ זאַמלונג פֿון דינים און מנהגים בנוגע דעם סדר פֿון די תּפילות און דעם פֿיר פֿון די שולן. אַ פּרוּוו צו באַגרינדן על־פּי שׂכל די רעליגיעזע געזעצגעבונג האָט געמאַכט דער טאָלעדער געלערנטער ר׳ מנחם בן זרח, וואָס האָט קוים מיט צרות זיך געראַטעוועט פֿון דעם פּאָגראָם אין נאַוואַרע, ווען עס איז אומגעקומען זײַן משפּחה (§ 36). אין דער זאַמלונג דינים מיטן נאָמען „צידה לדרך״, וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט, זײַנען פֿאַראַן אויך רעליגיעז־דאָגמאַטישע חקירות, אָבער זיי באַווײַזן נאָר אויף דער ירידה פֿון דער טעאָרעטישער טעאָלאָגיע אין יענער תּקופֿה.

פּאַראַלעל מיט דער אַרבעט פֿון די פּוסקים איז געגאַנגען די אַרבעט פֿון די פּרשנים. אין צווייטן און דריטן פֿערטל פֿון 14טן י״ה האָבן זיך אַרויסגערוקט אַ גאַנצע רײ. דער ריטב״א (דער פֿולער נאָמען: רבי יום־טובֿ בן אַבֿרהם) פֿון סעוויליע האָט מחבר געווען „חידושים״ צו פֿאַרשיידענע מסכתות פֿון תּלמוד, לויטן מוסטער פֿון זײַן רבין, דעם רשב״א. ר׳ שם־טובֿ גאון פֿון סעוויליע האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש צום רמבמס „משנה תּורה״ אונטערן טיטל „מגדל עוז״ („פֿעסטער טורעם״). דער טיטל קלינגט אַזוי קריגעריש דערפֿאַר, ווײַל דער מחבר פֿון דעם פּירוש פֿאַרטיידיקט דעם רמבם קעגן דער שאַרפֿער קריטיק פֿון דעם ראַב״דס „השגות״ (באַנד I, § 49). צו דער „משנה תּורה״ האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש „מגיד משנה״ דאָן ווידאַל אָדער יום־טובֿ די טולוסאַ. צווישן די אחרונים פֿון די שפּאַנישע רבנים צייכנט זיך אויס דער באַרצעלאָנער רבֿ און דרשן רבנו נסים גירונדי (אין ראָשי־תּיבֿות ר״ן), דער מחבר פֿון אַ פּירוש צו אַלפֿסיס „קיצור התּלמוד״. לויט דער זאַמלונג פֿון זײַנע דרשות איז צו זען, אַז ער איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער דענקער, גלײַך ווײַט פֿון פֿילאָסאָפֿישן ראַציאָנאַליזם ווי פֿון דער מיסטישער קבלה.

אַ גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע ראָלע האָט געשפּילט אין דער צווייטער העלפֿט 14טן י״ה דער סאַראַגאָסער רבֿ רבי יצחק בר ששת, וואָס איז באַוווּסט אונטער די ראָשי־תּיבֿות ריב״ש (געשט׳ 1408). ער איז פֿאַר זײַן תּקופֿה געווען דאָס וואָס דער רשב״א מיט הונדערט יאָר פֿריִער: די העכסטע אינסטאַנץ בײַם באַשיידן פֿראַגעס פֿון רעליגיעזן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַ סך פֿון זײַנע תּשובֿות („תּשובֿות הריב״ש״) זײַנען געשריבן אין טאָן פֿון

www.libtool.com.cn

פּסקים און באַפֿעלן, וואָס מען טאָר אויף זיי ניט מערער זײַן, באַזונדערס אין יענע פֿאַלן, ווען עס איז געגאַנגען וועגן פּרוּוון פֿון פֿרײַדענקערײַ. דער ריב"ש איז געווען לחלוטין קעגן יעטווידער ראַציאָנאַליסטישער טעאָלאָגיע. „מען דאַרף אויסמײַדן די חיבורים וועגן נאַטור-וויסנשאַפֿטן, — זאָגט ער, — וואָרעם זיי גראָבן אונטער די וואָרצלען פֿון אונדזער הייליקער תּורה: דעם גלויבן, אַז די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, און דעם גלויבן אין גאָטס השגחה, וואָס שפּרייט זיך אויס באַזונדער אויף אַלע יחידים פֿון דעם מין מענטש. אין די דאָזיקע ביכער ווערן געבראַכט ראַיות צו באַווײַזן, אַז די וועלט האָט עקסיסטירט פֿון אייביק אָן, אַז זי איז כּלומרשט אימאַנענט אין דער גאָטהייט, אַזוי ווי די ליכטיקייט שטעקט אין דער זון און דער שאָטן אין בוים". אין שפּאַניע האָט אין יענער צײַט זיך געפֿונען איין געבילדעטער רבֿ, רבי חיים גאַליפּאַפּאַ פֿון הועסקאַ, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט אויסצוטײַטשן די נבֿואות פֿון ישעיה און דניאל היסטאָריש, אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן פֿון זייער צײַט, און ניט ווי נבֿואות אויף דעם וואָס דאַרף געשען אין דער צוקונפֿט, אין משיחס צײַטן; חוץ דעם האָט ער פֿאָרגעלייגט אַראָפּצונעמען די צו גרויסע חומרות אין די דינים וועגן שבת-רו און וועגן שפּײַז. מען האָט וועגן דעם דערציילט דעם ריב"ש, און דער רבֿ וואָס האָט געוואָלט זײַן אַ מחדש האָט באַקומען פֿון דעם סאַראַגאָסער היטער פֿון ייִדישקייט אַ שאַרפֿן אויסרייד פֿאַר זײַן פֿרײַדענקערײַ. צום טייל איז אָט דער שטרענגער קאָנסערוואַטיזם געווען אַ פּועל-יוצא פֿון דער דעמאָלטיקער אומרויִקער צײַט. קעגן דעם מיסיאָנערישן דראַנג פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט אין שפּאַניע און בײַ די גאַנץ אָפֿטע פֿאַלן פֿון שמד האָט מען געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען. דער פֿאַנאַטיזם פֿון די קעמפֿער פֿון דער קירך האָט אַרויסגעבראַכט דעם אַנטקעגנדיקן פֿאַנאַטיזם בײַ די פֿאָרשטייער פֿון דער סינאַגאָגע. נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391 האָט דער ריב"ש פֿאַרלאָזן שפּאַניע און האָט זיך באַזעצט אין אַלזשיר, וווּ עס איז צו די אָרטיקע ייִדן צוגעקומען אַ היפּשע קאָלאָניע פּליטים פֿון שפּאַניע. דער אָרטיקער סולטאַן האָט אים באַשטימט פֿאַרן אייבער-רבֿ איבער אַלע ייִדישע קהילות פֿון זײַן לאַנד.

די גײַסטיקע רעאַקציע האָט אַרויסגערוקט איר אייגענעם פֿילאָסאָף. חסדאי קרשקש (Cresquas, אַן ערך 1340—1410), וואָס האָט געלעבט אין סאַראַגאָסע, איז געווען ניט אַזוי אַ רבֿ אַ פּראַקטיקער ווי אַן אידעאָלאָג פֿון דער רבנות. זײַן רעליגיעז-פֿילאָסאָפֿישע סיסטעם האָט ער אויפֿגעבויט אויף הנחות, וואָס זײַנען גאָר אַנדערע ווי די פּרינציפּן פֿון דעם רמבם, וואָס האָט, ווערליג קרשקש זאָגט, „זיך פֿאַרטיפֿט אין די ספֿרים פֿון די פֿילאָסאָפֿן [די גריכישע] און איז געוואָרן פֿאַרפֿירט דורך זייערע אידעען". קרשקשעס

www.libtool.com.cn

ציל איז ניט צו מאַכן שלום צווישן שׂכל און דער געטלעכער התגלות, נאָר אויפֿצוקלערן, ווי ווײַט זיי זײַנען ווידעראַנאַנדיק און קאָנען ניט אויפֿגענומען ווערן אין איינעם. דערפֿון איז געדרונגען, אַז דער באַגרענעצטער מענטשלעכער שׂכל מוז זיך בייגן פֿאַר דער אַנטפּלעקונג פֿון דער תּורה, וואָס אין איר איז געוואָרן נתגלה דעם אייבערשטנס חכמה און זײַן רצון. אין זײַן טעאָלאָגישן טראַקטאַט „אור אדני" („גאָטס ליכט") צעשטערט חסדאי קרשקש שריט נאָך שריט דעם רמבמס מאַיעסטעטישן בנין, וווּ עס זײַנען קינסטלעך פֿאַרבונדן צוויי סותרדיקע אַרכיטעקטור-סטילן — דער גריכישער און דער ייִדישער. ער ווענדט אָפּ די מיינונג פֿון די ראַציאָנאַליסטן, אַז אַריסטאָטעלעס איז אָן אַ פֿעלער אויפֿן געביט פֿון מעטאַפֿיזיק, און באַווײַזט, ווי שאַרף עס שטייט זײַן טעאָריע וועגן גאָט, וועגן באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט, וועגן דער השגחה פּרטית און וועגן השאָרת-הנפֿש קעגן די געהעריקע עיקרים פֿון ייִדישקייט. מכּוח די אָנהענגער פֿון דער שיטה פֿון דואַליזם, אַזעלכע ווי אַלבלג, וואָס האַלטן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי אמתן, אַ פֿילאָסאָפֿישער און אַ רעליגיעזער, האַלט קרשקש, אַז זיי זײַנען צווייפּנימדיק. אַ מענטש, וואָס איז מודה, אַז די יהדות איז די געטלעכע אַנטפּלעקונג, קאָן און מוז אין איר גופֿא געפֿינען אַ שׂכלדיקע באַגרינדונג פֿון זײַן גלויבן, און ער דאַרף ניט זוכן אַזעלכע אין דרויסן. די אייגן געשאַפֿענע פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער יהדות זאָגט, להיפּך צו דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַריסטו-רמבם, אַז די העכסטע שלמות באַשטייט ניט אין דענקען אָדער דערקענען, נאָר אין אַקטיווער ליבשאַפֿט צו גאָט, אַז ניט די אינטעלעקטועלע שלמות, נאָר די מאָראַלישע שלמות דערנענטערט דעם מענטשן צו גאָט, דעם מקור פֿון אַל דאָס גוטס. פֿון די צוויי ביבלישע מצוות „ודע את אלהיך" און „ואהבת את אלהיך בכל לבבך" קלײַבט אויס קרשקש די צווייטע מצווה, להיפּך צו דער שיטה פֿון די ראַציאָנאַליסטן. ער האַלט, אַז גאָטס השגחה שפּרייט זיך אויס ניט בלויז אויף דעם לעבן פֿון גאַנצע פֿעלקער, נאָר אויך אויף די יחידים, אויפֿן לעבן פֿון יעדער איינציקן מענטשן. נאָר די פֿאָרויסבאַשטימונג וואָס גאָט איז גוזר האָט גרענעצן. די געשעענישן זײַנען טאַקע פֿאָרויסגעזען, אָבער ניט די וועלענישן און די געדאַנקען פֿון מענטשן, און דעריבער קומט טאַקע דעם מענטשן, וואָס שטרעבט צו גוטס און קערט זיך אָפּ פֿון שלעכטס, שׂכר פֿאַר זײַן גוטן ווילן, אַלץ איינס וואָס עס זאָל זײַן דער רעזולטאַט פֿון זײַנע שטרעבונגען. קרשקש שטעלט אײַן זיבן עיקר-דאָגמעס פֿון ייִדישקייט אָנשטאָט דעם רמבמס דרײַצן: אַז די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן צוזאַמען מיט דער מאַטעריע, אַז די נשמה איז אייביק, שׂכר ועונש אויף יענער וועלט, תּחית-המתים, אַז די תּורה איז אייביק און וועט ניט פֿאַרענדערט ווערן, אַז משה איז דער גרעסטער פֿון אַלע נביאים, דער גלויבן, אַז משיח וועט

www.libtool.com.cn

קומען. איבער אַן אויסטערלישן קאַפּריז פֿון געדאַנק האָט קרשקש מוסיף נאָך איין פּונקט, אין גאַנצן אַ לעגענדאַרישן: אַז דער רוח־הקודש האָט זיך באַוויזן אין די „אורים־ותומים" פֿון דעם כהן גדול. זײַן פֿילאָסאָפֿיש ווערק האָט קרשקש פֿאַרענדיקט נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391, וואָס אין איר איז אומגעקומען זײַן איינציקער זון (§ 37). אין די זעלביקע יאָרן האָט ער אָנגעשריבן אין שפּאַניש אַ פּאָלעמישן טראַקטאַט וועגן די דאָגמעס פֿון קריסטנטום, ווו ער האָט באַוויזן, אַז עס האָבן קיין יסוד ניט אַזעלכע גלייבונגען, ווי די אַז קריסטוס האָט מכפּר געווען אויף אָדם הראשונס זינד, אַז גאָט איז פֿאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ מענטשן און די דאָגמע פֿון דער דרײַ־איינִיקייט. דאָס בוך איז משמעות געווען באַשטימט פֿאַר די אַנוסים, וואָס האָבן טאַקע אין דעם שרעקלעכן יאָר זיך געשמדט נאָר לפּנים, אָבער שפּעטער האָבן זיי געקאָנט מיט אַן אמת ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון די דאָגמעס פֿון דער רעליגיע, וואָס איז זיי אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן. דער שפּאַנישער אָריגינאַל פֿון דעם ספֿר איז ניט דערגאַנגען צו אונדז, געבליבן זײַנען נאָר פֿראַגמענטן פֿון אַ העברעיִשער איבערזעצונג („ביטול עיקרי הנוצרים").

אויפֿן גרענעץ צווישן פֿילאָסאָפֿיע און קבלה שטייט ר ב י מ א י ר אַ ל ד ב י, דעם ראָ"שס אַן אייניקל, דער מחבר פֿונעם ספֿר „שבילי אמונה" („וועגן פֿון גלויבן", 1360). דער דאָזיקער חיבור איז אַ קליינע ענציקלאָפּעדיע פֿון קענטעניש, וואָס אַ טעאָלאָג מוז זיי האָבן. די טעאָריע וועגן גאָט און זײַנע אַטריבוטן ווערט דאָ באַקרעפֿטיקט דורך חקירות פֿון דער קבלה, די טעאָריע פֿון בריאת־העולם ווערט אויפֿגעקלערט דורך ידיעות פֿון דער דעמאָלטיקער אַסטראָנאָמיע און פֿיזיק, און די באַשאַפֿונג פֿון דעם מענטשן – דורך ידיעות פֿון אַנאַטאָמיע, פֿיזיאָלאָגיע און היגיענע, אין דער טעאָריע וועגן דער נשמה ווערט גערעדט וועגן רעליגיעזן עקסטאַז; די חוקים פֿון דער תורה ווערן דערקלערט סײַ עטיש סײַ לעגענדאַריש, אין גײַסט פֿון דער תּלמודישער אַגדה; אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָגמעס וועגן השאָרת־הנפֿש און עולם־הבא ווערט אַרויסגעבראַכט אַ מיסטישע טעאָריע וועגן גילגולים פֿון דער נשמה. בכלל זײַנען אין דעם ספֿר אויסגעמישט אידעען פֿון פֿאַרשיידענע סיסטעמעס. אַן אָנהענגער פֿון עקלעקטיזם, שטעלט דער מחבר די טראַדיציע פֿאָרט אויפֿן ערשטן פּלאַץ. ער דערקלאַרירט זיך פֿאַר אַ געגנער פֿון „דער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס דערוועגט זיך צו ריידן קעגן אונדזערע אַלטע חכמים"; ער איז מודה, אַז „ער האָט געלערנט ספֿרים חיצונים [וועלטלעכע ביכער], הגם ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ חטא, אָבער ער האָט דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם, ער זאָל וויסן וואָס צו ענטפֿערן אַן אַפּיקורס". אונטער אָט דעם שילד פֿון פֿרומקייט איז אַלדבים ספֿר געוואָרן

www.libtool.com.cn

שטאַרק פּאָפּולער און איז אַ סך מאָל געוואָרן איבערגעדרוקט, דאָס איז אָבער אויך דערפֿאַר, ווײַל ער איז גרינג און צוטריטלעך אָנגעשריבן.

אין אַנדערע צווײַגן פֿון דער ליטעראַטור איז דער 14טער י״ה געווען אַ צײַט פֿון פֿולן שטילשטאַנד. די שוין לאַנג אײַנגעדאַרטע פּאָעזיע האָט אין יענער תּקופֿה ניט געהאַט אין שפּאַניע קיין איין וויכטיקערן פֿאָרשטייער. די שפּאַנישע שרײַבערס דערמאָנען מער ניט וועגן איין הויף־פּאָעט, דעם אויבן (§ 34 דערמאָנטן סאַנטאָב דע קאַריאָן, וואָס האָט געשריבן אין קאַסטיליש „עצות און לערנונגען" פֿאַרן קיניג דאָן פּעדראָ. סאַנטאָב (שם טובֿ) איז געווען אַ מקורבֿ אין קיניגלעכן הויף נאָך בײַ פּעדראָס פֿאָטער, אַלפֿאָנס XI. אין דעם קרײַז פֿון די הויפֿלײַט איז דער ערלעכער ייִד דער משורר געווען אַזוי ווי אַ קאָרעקטיוו צו די ייִדן די פֿינאַנסיסטן, וואָס האָבן ניט שטענדיק אָפּ־געהיט דעם כּבֿוד פֿון דעם ייִדישן נאָמען. מיט די רעכט פֿון אַן אַלטן יועץ האָט סאַנטאָב געשריבן געגראַמטע מוסר־רייד פֿאַר דעם יונגן קיניג, וואָס זײַן לעבן איז דורכגעגאַנגען אין משפּחה־רײַסערײַען און בירגערקריג. אַרײַנ־פֿלעכטנדיק אין זײַנע פֿערזן שפּראָכן פֿון תּנך און פֿון תּלמוד, ווײַזט סאַנטאָב דאָס שלעכטס, וואָס שטעקט אין דעם גלוסט צו עשירות וואָס האָט קיין גרענעץ ניט, און לויבט די ווימנשאַפֿט, וואָס איז „אַן אוצר וואָס מען קאָן פֿאַר געלט זיך ניט אײַנשאַפֿן". כאַראַקטעריסטיש איז די סטראָפֿע, ווו ער זאָגט: „זאָל מען מיך ניט שאַצן צו נידעריק. וואָסער רײַכער ייִד קאָן זיך פֿאַרמעסטן מיט מיר און זינגען דאָס וואָס איך זינג?" משמעות, אַז די רײַכע הויפֿייִדן איז ניט שטענדיק געווען צום האַרצן די מאָראַל פֿון זייער פֿאָלקסברודער, וואָס איז געווען געווענדט קעגן זיי אַליין. דער שפּאַנישער טרובאַדור פֿון 14טן י״ה איז פּונקט אַזאַ זעלטענער אויסנאַם, ווי זיסקינד פֿון טרימבערג אין דײַטשלאַנד אין דעם פֿריִערדיקן י״ה (§ 26).

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל II

# דער חורבן פֿון דעם פֿראַנצייזישן צענטער

### § 39. דער אומקער פֿון די פֿאַרטריבענע קיין פֿראַנקרײַך (1315)

נאָך דעם ווי פֿיליפּ דער שיינער האָט פֿאַרטריבן ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך אין יאָר 1306 (§ 5), האָט ער גענומען זיך פֿירן אַזוי, אַז די באַפֿעלקערונג האָט אין גיכן גענומען זשאַלעווען, וואָס די ייִדן זײַנען אַוועק. דער קיניג דער רויבער האָט אומעטום אָנגעזעצט זײַנע אַגענטן אויף צוצונעמען דאָס קאָנפֿיסקירטע ייִדישע האָב־און־גוטס און אויפֿצומאָנען די חובֿות פֿון קריסטן, וואָס האָבן געהאַט קרעדיט בײַ ייִדן. אין משך פֿון יאָרן איז געגאַנגען די רעאַליזירונג פֿון דעם קיניגלעכן רויב, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אומ־געוויינטלעכע שוועריקייטן. אַ סך פֿאַרטריבענע האָבן פֿאַרן אַוועקגיין איבער־געגעבן זייערע מטלטלין צו קריסטן, און די אַגענטן די צונעמערס האָבן געמוזט אַרומזוכן אין די הײַזער, ווו זיי זײַנען געווען באַהאַלטן, אָדער ווו מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זײַנען באַהאַלטן, און האָבן דורך דעם אָנגעטאָן בגישות דער באַפֿעלקערונג. נאָך ערגער איז געווען מיטן אויפֿמאָנען די חובֿות, ווען דער געהעריקער דאָקומענט איז געווען פֿאַרלאָרן. די קריסטן די בעלי־חובֿות האָבן אין אַזעלכע פֿאַלן אָדער געשוויגן אָדער געטענעט, אַז זיי האָבן שוין באַצאָלט דעם מלווה, און די אונטערגעקויפֿטע באַאַמטע פֿלעגן אָפּנאַרן דעם קיניג און טיילן דעם ייִדישן זאַקרויב מיט די וואָס האָבן אים אויס־באַהאַלטן. האָט דער קיניג געפּרוּווט צוריקצוברענגען אין לאַנד אַרײַן אייניקע ייִדישע קרעדיטאָרן, בכדי זיי זאָלן אָנרופֿן די נעמען פֿון די בעלי־חובֿות, וואָס באַהאַלטן אויס זייער חובֿ, דערבײַ האָט מען צוגעזאָגט די ייִדן אַ טייל פֿון דער סומע וואָס דאַרף אויפֿגעמאָנט ווערן. אָבער די קרעדיטאָרן האָבן שלעכט געהאָלפֿן בײַ זייער אייגענער עקספּראָפּריאַציע און האָבן געהאַלטן פֿאַר גלײַכער צו מאַכן אַ קנוניא מיט די בעלי־חובֿות, אַזוי אַז עס זאָל מער לוינען ביידע צדדים. סוף־כּל־סוף איז געקומען דערצו, אַז די קריסטלעכע באַפֿעל־קערונג, וואָס דער קיניג האָט זי געראַבעוועט אויפֿן חשבון פֿון די ייִדן און

www.libtool.com.cn

וואָס האָט ניט געהאַט קיין צוטריטלעכן קרעדיט, נאָך דעם ווי עס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן די ייִדן און די „לאָמבאַרדן", האָט גענומען אויסדריקן אויפן קול איר אומצופרידנקייט. אין יענער צײַט איז דאָס אויפגעקומען דאָס פראַנצייזישע פאָלקסלידל: „אויב ייִדן וואָלטן געווינט אין פראַנצייזישן קיניגרײַך, וואָלטן קריסטן געהאַט אַ גרויסע הילף, וואָס זיי האָבן זי איצט ניט". צו לעצט האָט די קיניגלעכע קאַסע, נאָך דעם ווי עס זײַנען אויסגע-געבן געוואָרן די קאָנפיסקירטע קאַפּיטאַלן פון די ייִדן, לאָמבאַרדן און טעמפּלערס, מער ניט געהאַט קיין באַקוועמען אָביעקט צו עקספּלואַטירן.

בײַ אַזאַ מצב האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן ברענגען צוריק די ייִדן קיין פראַנקרײַך. אין יאָר 1315, אין צען יאָר אַרום נאָכן גירוש, האָט דער נײַער קיניג לודוויג X באַשלאָסן צו רופן צוריק די פאַרטריבענע. ער האָט גענומען אונטערהאַנדלען מיט יענע פאַרטריבענע, וואָס זײַנען נאָך געבליבן אין אייניקע וואַסאַלע מדינות פון פראַנקרײַך און אין די נאָענטסטע געגנטן פון שפּאַניע. די ייִדן, וואָס האָבן מורא געהאַט, עס זאָלן זיך ניט איבער-חזרן די פריִערדיקע געוואַלד-מעשׂים, האָבן געפאָדערט באַשטימטע גאַראַנטיעס, און סוף-כּל-סוף איז געשלאָסן געוואָרן אַזאַ אָפּמאַך: די ייִדן מעגן זיך באַזעצן ווי פריִער אומעטום אין די מדינות פון דעם קיניג און פון די פעאָדאַלן און פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאָכות, אַנטלײַען געלט אויף וואָכער-פּראָצענטן אָדער לויט שריפטלעכע התחײַבותן טאָרן זיי ניט, בײַם אַנטלײַען אויף משכּנות מעגן זיי נעמען ניט מער ווי צוויי דינאַרן אויף איין ליווּרע אַ וואָך (43 פּראָצ' יערלעך). פון זייערע פריִערדיקע בעלי-חובֿות האָבן ייִדן דאָס רעכט אויפצומאָנען אַ דריטל פון די סומעס, וואָס זײַנען נאָך ניט אויס-געצאָלט געוואָרן דעם קיניג, מיטן תּנאַי אַז צוויי דריטל זאָלן גיין לטובֿת דעם קיניג. די גאַנץ געבליבענע שולן און בתּי-קבֿרות ווערן אָפּגעגעבן צוריק די ייִדן, בתּנאַי אַז זיי זאָלן אומקערן דעם ווערט די וואָס האָבן דאָס געהאַט אָפּגעקויפט; מען גיט זיי אָפּ צוריק אויך אַלע ספֿרים, חוץ די ספֿרי-התּלמוד. די ייִדן זײַנען מחויבֿ צו טראָגן אַ דערקענ-צייכן אויף די בגדים, אַ קײַלעכ-דיקן שטיקל געוואַנט פון אַ באַשטימטער גרייס, און טאָרן ניט פירן קיין רעליגיעזע וויכּוחים מיט קריסטלעכע וועלטמענטשן. עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז ייִדן ווערן דערלויבט אַרײַנגעלאָזן קיין פראַנקרײַך אויף 12 יאָר, און אויב דער קיניג וועט וועלן נאָכן אָפּלויף פון דעם טערמין זיי ווידער פאַרטרײַבן, איז ער מחויבֿ זיי מתרה צו זײַן מיט אַ יאָר פריִער פאַרן גירוש. אין דעם דעקרעט וועגן דעם אומקער (28 יולי) זאָגט דער קיניג, אַז זײַן פאַרשטאָר-בענער פאָטער האָט, אָנגערעדט פון שלעכטע יועצים, פאַרטריבן ייִדן פון פראַנקרײַך, נאָר ער, לודוויג, האָט באַשלאָסן מיטן הסכּם פון די פּרעלאַטן

www.libtool.com.cn

און באַראָנען צו רופֿן זיי צוריק, ווײַל דאָס פֿאַרלאַנגט דער אַלגעמיינער געשריי פֿון פֿאָלק״ („commun clamour di peuple“).

אַ סך פֿאַרטריבענע פֿון די גרענעץ־געביטן און צום טייל פֿון אַנדערע לענדער זײַנען געקומען צוריק קיין פֿראַנקרײַך. מענטשן בדלות געשטעלט, וואָס האָבן געהאַט פֿאַרלאָרן גאָר זייער פֿאַרמעגן, האָבן גענומען צונויפֿקלײַבן די רעשטלעך דורך אויסקויפֿן דעם קאָנפֿיסקירטן אייגנטום און אויפֿמאָנען אַ טייל פֿון די חובֿות. די חרובֿ געוואָרענע קהילות האָבן גענומען זיך ווידער אָפּבויען, אויסלייזן די פֿאַרקויפֿטע שולן און זייער איבעריק אייגנס. איבער דער דאָזיקער רעסטאַווראַציע האָט אין איטלעכער שטאָט געאַרבעט אַ געמישטע קאָמיסיע פֿון קיניגלעכע באַאַמטע און פֿאָרשטייערס פֿון דער ייִדישער קהילה. נאָר אין גאַנצן אויפֿריכטן דאָס וואָס איז חרובֿ געוואָרן איז ניט געווען מיגלעך. די צאָל מענטשן אין די קהילות איז געווען קלענער ווי פֿריִער, מחמת עס האָבן זיך אומגעקערט נאָר אַ טייל פֿון די פֿאַרטריבענע. צוריקגעקומען זײַנען על־פּי־רובֿ מענטשן פֿון אָרעמען קלאַס, מחמת די גבֿירים האָבן שוין באַוויזן זיך אײַנצואָרדענען אין אַנדערע לענדער.

פֿון דעסט וועגן וואָלט דער פֿראַנצייזישער צענטער פֿון ייִדנטום געקאָנט ווערן אויפֿגעריכט, אויב מען וואָלט מיט אַן אמת געקאָנט פֿאַרזיכערן די צוריקגעקומענע די אומבאַוירלעכקייט פֿון פּערזאָן און אייגנטום, וואָס עס האָבן צוגעזאָגט אין זייערע דעקרעטן לודוויג X און זײַן יורש פֿיליפּ V (1317). נאָר פֿאַר אָט דער אומבאַוירלעכקייט האָבן ניט געקאָנט קאַווירן די דעמאָלטיקע רעגירערס פֿון פֿראַנקרײַך. הפֿקרות און געוואַלד־מעשׂים זײַנען איצט געגאַנגען ניט פֿון אויבן, נאָר פֿון אונטן, פֿון די טיפֿעניִשן פֿון די פֿאָלקסמאַסן. די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג פֿון פֿראַנקרײַך האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ צײַט פֿון די גרעבסטע אײַנגלייבעניִשן און די ווילדסטע פֿאָראורטיילן, וואָס פֿלעגן זיך צײַטנווײַז אַרויסווײַזן אין פֿאָרמען פֿון רעלי־גיעזן שגעון. דער גלויבן אין הייליקע בילדער וואָס טוען מופֿתים פֿון איין זײַט און אין כּישוף־מאַכערײַ פֿון דער צווייטער — דאָס איז געווען דער תּוך פֿון דער רעליגיע פֿון דעם דעמאָלטיקן מענטשן פֿון המון, וואָס די גײַסטלעכקייט האָט אים מיט אַ כּיוון געהאַלטן אין פֿולער אומוויסנקייט. מיט די דאָזיקע פֿאַרדרייטע השׂגות האָט גוט געשטימט דער גלויבן, אַז די ייִדן טוען אָפּ בשתיקה לעסטערונגען און פֿאַרברעכנס. מען האָט זיי באַשולדיקט אַ מאָל, אַז זיי טייטן קריסטלעכע קינדער אויף צו באַנוצן זייער בלוט אויף פּסח, אַ מאָל, אַז זיי שענדן די קריסטלעכע סאַקראַמענטן. אין יאָר 1317 זײַנען אין שינאָן פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט צוויי ייִדן, וואָס מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי האָבן דערהרגעט אַ קריסטלעך קינד. אַזעלכע באַשולדיקונגען זײַנען אויפֿגעקומען אויך אין אַנדערע ערטער, און אין גיכן האָט אין פֿראַנקרײַך

www.libtool.com.cn

זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן-באַוועגונג, וואָס האָט דערמאָנט די צײַטן פֿון די קרייצצוגן.

דאָס איז געווען די פּויערשע באַוועגונג, וואָס איז באַוווּסט בײַ ייִדן אונטערן נאָמען „גזרת הרועים", די גזרה פֿון די פּאַסטעכער אָדער „פּאַסטאָרעלן" („pastoureaux"). אין יאָר 1320 האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קיניג פֿיליפּ V נעמט אונטער אַ נײַעם קרייצצוג אין די מזרח-לענדער. איז דאָס פֿאָלק געוואָרן אומרויִק. עפּעס אַ יונגער פּאַסטוך האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען אַ וווּנדערלעכע וויזיע: אַלע טאָג איז צו אים אַראָפּגעפֿלויגן אַ טויב און האָט זיך געשטעלט אַ מאָל אויף זײַן קאָפּ, אַ מאָל אויף די אַקסלען, און אַז ער האָט געוואָלט כאַפּן אָט דעם פֿויגל, איז די טויב פֿלוצים מגולגל געוואָרן אין אַ שיין מיידל און זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל צונויפֿקלײַבן אַ חייל פֿון קרייצלערס און גיין פֿירן מלחמה מיט די אומגלייביקע, וואָרעם עס זײַנען אים באַשערט גרויסע נצחונות. אין גיכן האָט זיך אין דער געגנט פֿון גאַראָנע, אין דרום-פֿראַנקרײַך, צונויפֿגעקליבן אַ גרויסע מאַסע פּויערים און פּאַסטעכער, וואָס צו איר איז אונטער וועגס צוגעשטאַנען אַן ערבֿ-רבֿ פֿון אַרומשלעפּערס. אין אייניקע ערטער האָבן די אָנפֿירערס פֿון די דאָזיקע באַנדעס (אַ גלח און אַ מאָנאַך, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן פֿון קלויסטער פֿאַר שלעכטן אויפֿפֿיר) זיי אַרויסגעלאָזט אויף די אומבאַשיצטע ייִדן.

אין דעם קרײַז פֿון טולוזע האָבן אַן ערך 500 ייִדן, וואָס זײַנען אַנטרונען געוואָרן און אײַנגעשלאָסן זיך אין אַ פֿעסטונג, זיך פֿאַרטיידיקט קעגן דער באַנדע וואָס האָט זיי באַלאַגערט און אַראָפּגעוואָרפֿן אויף די קעפּ פֿון די באַנדיטן שטיינער און באַלקנס פֿון אַ הויכן טורעם אַראָפּ. נאָר די באַלאַגערערס האָבן די פֿעסטונג אונטערגעצונדן און האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעווייניק. דעמאָלט האָבן די ייִדן, בכדי זיי זאָלן נישט מוזן זיך שמדן, אויסגעקוילעט איינע די אַנדערע; זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ אַרויפֿצולייגן אַ האַנט אויף די קליינע קינדער, וואָס די אָנגעקומענע באַנדיטן האָבן זיי גענומען און אָפּגעשמדט. די שעפֿן פֿון די שטעט האָבן געפּרוּווט באַשיצן ייִדן, אָבער עס איז נישט געווען גרינג אײַנצוצאַמען די ווילדע ברואים, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף הייליקע. אַזוי האָבן געליטן די ייִדן אין טולוזע, באָרדאָ, אַלבי און אַנדערע ערטער. ערשט נאָך דעם ווי די אומרוען זײַנען געוואָרן אַ סכּנה פֿאַרן אַדל און פֿאַר דער גײַסטלעכקייט, האָט דער פּויפּס יאָהאַנעס XXII צוגעשיקט פֿון אַוויניאָן אַ באַפֿעל אײַנצוהאַלטן די באַנדיטן. דעמאָלט האָט אויך די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג זיך אָפּגעווענדט פֿון די פּאַסטעכער. די באַנדעס, וואָס זײַנען געגאַנגען קיין נאַרבאָנע, זײַנען געוואָרן פֿאַרהאַלטן אונטער וועגס און האָבן זיך דערנאָך

www.libtool.com.cn

צעשפּרייט. קליינע אָפּטיילן פֿון דעם חייל פֿון די פּאַסטאָרעלן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די שכנישע מדינות פֿון נאַוואַרע און אַראַגאָניע און האָבן געווילדעוועט דאָרט אַ שטיקל צײַט. אויב מען זאָל גלייבן אַ שפּעטערדיקן כראָניסט (אבן וירגא), האָבן פֿון דער „גזרת הרועים" געליטן אין פֿראַנקרײַך און אין צפֿון־שפּאַניע אַן ערך 120 יִידישע קהילות.

די פֿראַנצייזישע יִידן האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם נאָך אָט דער קאַטאַסטראָפֿע, ווי עס איז אָנגעשטאַנען אויף זיי אַ נײַע צרה. אין פֿראַנקרײַך זײַנען אין יענער צײַט געווען אַ סך מענטשן קראַנק אויף צרעת, און בכדי זיך צו פֿאַרהיטן, אַז זיי זאָלן ניט אָנטיילן מיט זייער קרענק אַנדערע, האָט מען זיי געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט מחוץ די שטעט, אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען און אין אַן עלנטן צושטאַנד. מיט אַ מאָל האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די מצורעים אין דרום־פֿראַנקרײַך האָבן, בכדי זיך נוקם צו זײַן אָן דער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיי אויסגעשלאָסן, פֿאַרסמט דאָס וואַסער אין די טײַכן און ברונעמער, און דערפֿון זײַנען אַ סך מענטשן אויסגעשטאָרבן (1321). ווען מען האָט געכאַפּט די מצורעים, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין אָט דעם פֿאַרברעך, און מען האָט זיי גענומען פּײַניקן, כּדי זיי זאָלן זיך מודה זײַן, האָבן זיי דערקלערט, אַז דעם געדאַנק וועגן פֿאַרסמען די ברונעמער זאָלן זיי כּלומרשט האָבן אויפֿגעגעבן די יִידן. משמעות, אַז דאָס פֿאַרברעכערישע געוויסן פֿון די רוצחים, וואָס האָבן קורץ פֿריִער געקוילעט יִידן, האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז די יִידן ווילן נקמה נעמען פֿון די קריסטן פֿאַר דעם אָנפֿאַל פֿון די פּאַסטעכער. קיניג פֿיליפּ V האָט צו ערשט געגלייבט דער דאָזיקער מנוולדיקער אויסטראַכטעניש. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאָרשונגען און זוכעניש. מען האָט געפֿונען נאָכגעמאַכטע בריוו אין נאָמען פֿון די מורישע מלכים פֿון גראַנאַדע און טוניס, וואָס זאָלן כּלומרשט זײַן געוואָרן געשיקט צו יִידן צוזאַמען מיט געלט און סם, מיט דער שליחות איבערצוגעבן די מצורעים „צוליב דער באַוווסטער הצטרכות". דאָס האָט באַטײַט, אַז די יִידן און די מוסלימס האָבן זיך צונויפֿגערעדט צו פֿאַרטיליקן די קריסטן. מען האָט דערציילט, אַז מען האָט געכאַפּט מצורעים מיט אַ סם פֿון אַן עקלדיקן באַשטאַנד (אַ געמיש פֿון בלוט, אורין און גראָזן, און דערין צעלאָזן אַ האָסטיע). אַזוי אַרום האָט מען אָנגעהויבן צוזאַמען מיט די מצורעים פּײַניקן און טייטן אויך יִידן. זומער 1321 איז אין דער שטאָט שינאָן, וואָס האָט קורץ פֿריִער געהאַט געליטן פֿון די פּאַסטאָרעלן, פֿאָרגעקומען אַן אַקט פֿון אַ שרעקלעכער רציחה. מען האָט גענומען 100 יִידן און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ גרוב, וווּ עס איז געווען אָנגעצונדן אַ שײַטער־הויפֿן, און זיי זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. אייניציקע קדושים זײַנען אומגעקומען אויך אין אַנדערע ערטער, דערין אויך אין פּאַריז. אין

www.libtool.com.cn

טור האָט מען די ייִדן אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה און געהאַלטן ביזן סוף פֿון דער אויספֿאָרשונג, וואָס דער קיניג האָט באַשטימט. די אויספֿאָרשונג האָט אַפֿילו פֿאַר די אײַנגעגלייבטע ריכטערס ניט געקאָנט דערווײַזן, אַז די מנוולדיקע באַשולדיקונג קעגן די ייִדן זאָל האָבן אַ יסוד, און די טויטשטראָפֿן זײַנען אין גיכן אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער פֿיליפּ V האָט אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט בכדי באַרויבן די ייִדן, און ער האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די קהילות די גוואַלדיק גרויסע געלטשטראָף פֿון 150.000 ליוורעס. דערמיט האָט זיך געענדיקט די קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1321, וואָס איז באַוווּסט אין די ייִדישע כראָניקעס אונטערן נאָמען „גזרת המצורעים".

אַזוי אַרום זײַנען די ייִדן, וואָס זײַנען אין 1306 פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון פֿראַנקרײַך, געוואָרן צוריקגערופֿן אַהין נאָר צוליב דעם, כּדי דאָס פֿאָלק זאָל האָבן וועמען צו הרגען און די רעגירונג וועמען צו באַרויבן. די גאַראַנ־טיעס פֿון 1315 האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר פּוסטע רייד. די מלכים האָבן ניט געקאָנט באַשיצן די ייִדן קעגן דיווילדע אָנפֿאַלן פֿון דעם המון. אָבער זיך אָפּזאָגן פֿון דעם קוק אויף ייִדיש האָב־און־גוטס ווי אויף זייער אייגנס האָבן זיי ניט געוואָלט. קאַרל IV, דער יורש פֿון פֿיליפּ V (1322), האָט אויפֿגעמאָנט פֿון די ייִדישע קהילות די דערמאָנטע קאָנטריבוציע מיט אַזאַ שטרענגקייט, אַז אַ סך האָבן גלײַכער געוואָלט פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך. ערטער־ווײַז האָבן די מאַכטאָרגאַנען, ניט דערוואַרט זיך, ביז די עמיגראַנטן וועלן אַוועקפֿאָרן, צוגענומען בײַ זיי זייער אייגנס און פֿאַרטריבן זיי פֿון לאַנד. צווישן די יאָרן 1322 און 1359 זײַנען אין די צענטראַלע געביטן פֿון פֿראַנק־רײַך כּמעט ניט געבליבן קיין ייִדישע קהילות. די שׂרפֿה פֿון דעם „שוואַרצן טויט" (1348), וואָס האָט חרובֿ געמאַכט דאָס ייִדנטום אין דײַטשלאַנד, האָט אין פֿראַנקרײַך ניט אָנגעטראָפֿן קיין ברען־מאַטעריאַל און נאָר אין פּראָוואַנס האָט זי אָנגערירט אייניקע ייִדישע ייִשובֿים (ווײַטער, § 44).

## § 40. דער לעצטגילטיקער גירוש פֿון ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך

צום אומגליק פֿאַר די עמיגרירטע ייִדן האָבן זיי נאָך אַלץ זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון דער האָפֿענונג זיך אומצוקערן קיין פֿראַנקרײַך, אויך בײַ די מלכים האָבן אויסגעפּעלט זייערע „האַנדלסקנעכט". די מלחמה צווישן ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, האָט אײַנגעשלונגען אָן אַ שיעור געלט, און צוליב דעם האָבן די רעגירערס באַדאַרפֿט האָבן די ייִדן. נאָך דער מפּלה בײַ פּואַטיע, ווען עס איז געגומען געוואָרן געפֿאַנגען דער פֿראַנצייזישער קיניג זשאַן II (1356), איז די קיניגלעכע פֿאַמיליע געבליבן

www.libtool.com.cn

אין אַ קריטישער לאַגע: די קאַסע איז געווען ליידיק, די שטאָטלײַט און די דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג האָבן זיך געבונטעוועט (Jacqurie) און דאָס לאַנד איז געשטאַנען בײַם ראַנד פֿון אונטערגאַנג. דעמאָלט האָט דער יונגער דאָפֿין קאַרל V, וואָס האָט רעגירט איבערן לאַנד אין זײַן פֿאָטערס נאָמען, אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען וועגן די תּנאים, ווי אַזוי ייִדן זאָלן קומען צוריק, מיט זייער פֿאָרשטייער אין פּאַריז, דעם פֿינאַנסיסט מאַנעסיע דע וועזו (Manecier de Vesoul). אין יאָר 1360 האָט אַ קיניגלעכער דעקרעט אָנגעזאָגט, אַז דער קיניג האָט מיטן הסכּם פֿון דער גײַסטלעכקייט, פֿון דעם העכערן און נידערן אַדל און פֿון די שטאָטלײַט, דערלויבט אַלע ייִדן זיך ווידער צו באַזעצן אין פֿראַנקרײַך און צו וווינען דאָרט אין משך פֿון 20 יאָר אין שטעט און דערפֿער, זיך אײַנשאַפֿן ערד און הײַזער, פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מיט אַנטלײַען געלט. בײַם אַרײַנקומען אין לאַנד מוז איטלעכער ראָש=משפּחה אײַנצאָלן אַ היפּשע סומע, און שפּעטער צאָלן אַלע יאָר אַ באַזונדער שטײַער פֿאַר איטלעכן גליד פֿון דער משפּחה. אַ פּרינץ פֿון קיניגלעכן הויז גראַף ד'עטאַמפּ איז געוואָרן באַשטימט פֿאַרן אייבער=אַפּוטרופּוס און באַשיצער פֿון די ייִדן (gardien général des Juifs), און מאַנעסיע דע=וועזו דער אייבער=אויפֿמאָנער (receveur général), וואָס האָט געדאַרפֿט צושטעלן אין דער מלוכה=קאַסע אַלע אָפּצאָלן פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן.

די „פּריווילעגיעס", וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן ייִדן (צום טייל privilegia odiosa, ווי למשל דאָס רעכט צו נעמען הויכע פּראָצענטן, בכדי דער אָפּצאָל פֿאַר דער מלוכה זאָל זײַן אַ גרעסערער), האָבן געקאָנט צוציִען אין לאַנד אַרײַן נאָר פֿאַרמעגלעכע מענטשן. אָבער אויך זיי זײַנען ניט געווען פּטור פֿון בזיונות. אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון דער גײַסטלעכקייט האָט מען ווידער געצוווּנגען ייִדן צו טראָגן אַ דערקען=צייכן אויף די מלבושים, אין דער פֿאָרם פֿון אַ רעדל (rouelle) פֿון רויט געוואַנט, די גרייס פֿון דעם גרויסן קיניגלעכן זיגל. ייִדן דאָקטוירים האָט מען דערלויבט צו פּראַקטיקירן ניט אַנדערש, סײַדן זיי וועלן פֿריִער אָפּגעבן אַן עקזאַמען בײַ קריסטלעכע אינסטרוקטאָרן, נאָר שפּעטער איז אויך אָט די דערלויבעניש געוואָרן אָפּגעשאַפֿט. קאַרל V, וואָס האָט געקראָגן פֿון ייִדן אַ סך געלט פֿאַר זייער וווינרעכט, האָט פּערזענלעך געשטיצט זייערע פֿאָרשטייערס, וואָס האָבן אים געבראַכט אָט דאָס געלט. אַזעלכע פֿאָרשטייערס זײַנען געווען צוויי: דער דערמאָנטער מאַנעסיע אין צפֿון=פֿראַנקרײַך און דעניס קינאָן אין דרום=פֿראַנקרײַך, אין לאַנגעדאָק. ווי אַ באַזונדער חסד האָט דער קיניג באַפֿרײַט פֿון צו טראָגן דאָס „ייִדישע רעדל" זײַנע גענעראַל=אויפֿמאָנערס, און אויך דעם אייבער=רבֿ ר' מתּתיהו פּרובנסי, דעם ראָש=ישיבֿה פֿון פּאַריז. לויט קינאָנס בקשה האָט ער געהייסן, מען זאָל ניט צווינגען די ייִדן פֿון לאַנגע=

www.libtool.com.cn

דאָק צו קומען אין קירך צום גאָטדינסט און צו די דרשות פון די מיסיאָנערן, „בכדי אויסצומײַדן קערפּערלעכע שעדיקונג" (פאַר זייערע „נשמות" האָבן די געצוווּנגענע צוהערערס באַשײַמפּערלעך זיך ניט געשראָקן). נאָר די „מיאוסע פּריווילעגיעס" האָבן געהאַט זייער ווירקונג. היות ווי די ייִדן האָבן געמוזט אַרײַנטראָגן דער מלוכה געוואַלדיק גרויסע שטײַערן, אָפּט מאָל איבער די כּוחות, ממילא האָבן יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַנטלײַען געלט, געמוזט דריקן זייערע בעלי-חובות און רײַסן פון זיי גרויסע פּראָצענטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טענות און קלאָגן קעגן די וואָכערערס. אין פּאַריז האָבן זיך באַקלאָגט אויף זיי די אויסבערענגערישע זין פון פּריצישע משפּחות, וואָס האָבן זיך פאַרחובֿעט בײַ ייִדן, כּדי צו קענען פירן אַ ברייט לעבן, און איצט האָבן זיי געוואָלט פּטור ווערן פון זייערע קרעדיטאָרן וואָס האָבן געמאָנט געלט כּסדר. דער קיניג האָט שוין געוואָלט צערײַסן דעם אָפּמאַך מיט די ייִדן, אָבער ער האָט דאָס ניט אויסגעפירט, נאָר האָט זיך באַנוגנט מיט אַ סאָלידער אויסקויף-סומע.

אין יאָר 1380 איז אויסגעגאַנגען דער טערמין פון 20 יאָר, וואָס אויף דער צײַט זײַנען ייִדן געוואָרן אַרײַנגעלאָזן אין פראַנקרײַך. קאַרל VI, וואָס איז אין יענעם יאָר געקריינט געוואָרן, האָט פאַרלענגערט די צײַט ווען ייִדן מעגן בלײַבן אין לאַנד און האָט באַשטעטיקט זייערע „פּריווילעגיעס", פאַרשטייט זיך פאַר זייער אַ גרויסן אָפּצאָל. נאָר אויף צו באַפרידיקן אַלע באַדערפענישן פון דעם פיסקוס האָט ניט געקלעקט דער „ייִדישער זאַקרויב" אַליין, און די שווערקייט פון די אָפּצאָלן האָט דערשפּירט אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג. מען האָט זיך געריכט, אַז דער נײַער קיניג וועט געבן הנחות, אָבער מען האָט זיך דערויף ניט דערוואַרט, און אין פּאַריז איז אויסגעבראָכן אַ בונט. די שטאָטלײַט האָבן געפאָדערט צו פאַרגרינגערן די ספּעציעלע שטײַערן, און אַ גרופּע פּריצים וואָס האָט זיך אַרײַנגעמישט אין המון האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרטרײַבן זייערע ייִדישע קרעדיטאָרן. דער המון האָט צעראַבירט דעם מלוכה-אוצר און דערנאָך זיך אַ לאָז געטאָן אויפן ייִדישן קוואַרטאַל, אַוועקגערויבט דאָס אייגנס אין די הײַזער, צעריסן די וועקסלען בײַ די מלווים און צוגענומען בײַ זיי די משכּנות; די דערוואַקסענע ייִדן וואָס האָבן זיך געטראָפן האָט מען דערהרגעט, און די קינדער האָט מען אַוועקגעפירט אָפּשמדן. אַז דער פּאָגראָם איז אײַנגעשטילט געוואָרן, האָט דער קיניג באַפוילן דעם פּאַריזער שטאָטשעף (prévôt) אומצוקערן דאָס אייגנס צו די באַראַבעוועטע און די צוגעכאַפּטע קינדער צו זייערע עלטערן, אָבער קיין סך האָבן ניט געפאָלגט, — זאָגט דער פראַנצייזישער כראָניסט. אין צוויי יאָר אַרום, בעת אַ נײַעם בונט (Maillotins), האָט דער המון אין פּאַריז און אַנדערע שטעט געהרגעט באַאַמטע, שטײַער-אויפמאָנערס און ייִדן.

www.libtool.com.cn

אַ סך יידן האָבן פאַרלאָזן פּאַריז, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט אָפּשמדן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן (1382).

זינט דעמאָלט האָט די אַגיטאַציע קעגן יידן ניט אויפגעהערט. די גאַנצע יידישע מאַסע איז געווען ערבֿ פאַר די חטאים פון די יידישע וואָכער־ניקעס. דאָס פאָלק האָט צונויפגעמישט אַזעלכע וואָכערערס מיט די קיניגלעכע שטייער־מאָנערס, וואָרעם פאַקטיש האָבן זיי „געאַרבעט" לטובֿת דער קיניג־לעכער קאַסע. ווען ניט־פינקטלעכע צאָלערס קריסטן פלעגן ווערן אַרעסטירט לויט דער פאָדערונג פון די יידישע קרעדיטאָרן, פלעגט זיך אָנהייבן אַ טומל און אַ געשריי. די קרעדיטאָרן גופא האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן קיניג, אַז זיי ווערן בדלות געשטעלט. די פאָרשטייערס פון דער פּאַריזער קהילה האָבן געמאָלדן, אַז אָן דער הילף פון זייערע פאָלקסברידער פון לאַנגעדאָק וואָלטן זיי ניט געווען ביכולת צו באַצאָלן זייערע שטייערן דער מלוכה (1387).

דערווייל האָט די קריסטלעכע גייסטלעכקייט געהעצט דאָס פאָלק קעגן די „אומגלייביקע" איבער אַזאַ פאַל. בעת די פּאָגראָמען האָט איין רייכער ייִד דעניס מאַשאָ זיך געשמדט, אָבער שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט, און בכדי זיך אומצוקערן צו זיין פריערדיקער רעליגיע, איז ער אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געהאָלפן מאַשאָ צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן. זיבן בכבֿודיקע פאָרשטייערס פון דער פּאַריזער קהילה, וואָס זיינען דערין באַשולדיקט געוואָרן, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרברענען. דעם דאָזיקן האַרבן פּסק־דין האָט אַרויסגעטראָגן אַ געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון באַאַמטע און גלחים, נאָר דער פאַרלאַ־מענט האָט די שטראָף געמילדערט און האָט באַשלאָסן צו שמייסן די באַשול־דיקטע מיט ריטער דריי שבתים נאָך אַנאַנד, אויף דריי פּלעצער פון פּאַריז, און האַלטן זיי אין תּפיסה, ביז דער משומד מאַשאָ וועט קומען צוריק (אַפּריל 1394). דער דאָזיקער פאַל האָט פאַרערגערט דעם מצבֿ.

אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך אַט דער געשעעניש האָט קאַרל VI אַרויס־געגעבן אַ דעקרעט וועגן פאַרטרייבן דעם רעשט פון דער יידישער באַפעל־קערונג פון אַלע קיניגלעכע מדינות פון פראַנקרייך (17 סעפּטעמבער 1394). דער קיניג, שטייט געשריבן אין אַט דעם דעקרעט, האָט זיך דערוווּסט פון באַגלייבטע מענטשן, אַז אַ סך באַקלאָגן זיך אויף די פאַרברעכנס פון יידן קעגן דער הייליקער אמונה און אויף די פעלשונגען מיט די פּריווי־לעגיעס וואָס זיינען זיי געגעבן געוואָרן, און דעריבער האָט ער באַשלאָסן להבא זיי צו פאַרבאָטן לחלוטין צו וווינען אין אַלע קרוינלענדער פון פראַנק־רייך, סיי די צפונדיקע, סיי די דרומדיקע. ביזן 3טן נאָוועמבער איז די יידן געגעבן געוואָרן אַ טערמין צו פאַרענדיקן זייערע געשעפטן, אויפצומאָנען די חובֿות און אויספאַרקויפן זייער פאַרמעגן. צום סוף 1394 האָבן טויזנטער

www.libtool.com.cn

ייִדישע משפּחות ווידער אַ מאָל פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווי די געלט-גלוסטיקייט פֿון די רעגירערס, דער פֿאַנאַטיזם פֿון דער גײַסטלעכקייט און דער גראָבער אָבערגלויבן פֿון דעם המון האָבן זיי דערפֿירט ביז צו סאָציאַלער קנעכטשאַפֿט, ביז דער נייטיקייט אייביק צו ציטערן פֿאַר זייער לעבן. אייניקע שטעט און בעלי-בתּים פֿון מאַיאָנטעקס האָבן געוואָלט לאָזן בײַ זיך ייִדן, נאָר זיי זײַנען געצוווּנגען געווען אויסצופֿירן דעם קיניגס באַפֿעל. די קהילות פֿון צפֿון-פֿראַנקרײַך און לאַנגעדאָק זײַנען געפֿאַלן אונטער דעם לעצטן קלאַפּ. פֿון פּאַריז ביז נאַרבאָנע איז געוואָרן אַראָפּגעווישט אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך דער קולטור פֿון אַ לאַנגער קייט דורות. פֿון דער ייִדישער פֿראַנקרײַך זײַנען געבליבן גאַנץ נאָר קלײנע רעשטלעך אין די פּראָווינצן, אָבער אויך זיי זײַנען ניט פּטור געוואָרן פֿון דעם גזר-דין פֿון דער געשיכטע.

## § 41. די רעשטלעך פֿון פּראָװאַנצייזישן ייִדנטום (15טער יאָרהונדערט)

דער גירוש פֿון יאָר 1394 האָט ניט אָנגערירט דרײַ פּראָווינצן, וואָס זײַנען געווען מער ווייניקער אומאָפּהענגיק פֿון די פֿראַנצייזישע מלכים. דאָס איז געווען די אומאָפּהענגיקע דאָפֿינע, אַ גרויסער טייל פֿון פּראָוואַנס און דעם פּויפּסט' געביט אַוויניאָן. דאָ זײַנען געבליבן די אַלטע ייִדישע קהילות, און אין די דאָזיקע אַלטע נעסטער האָבן זיך געלאָזט גיין גרעסערע גרופּעס פֿון די פֿאַרטריבענע פֿון דער קיניגלעכער פֿראַנקרײַך, אין דער צײַט ווען זייערע ברידער האָבן געזוכט אַ מקום-מקלט אין פֿרעמדע לענדער: סאַוואָיע, איטאַליע, דײַטשלאַנד און שפּאַניע, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעקומען די קאַטאַסטראָפֿע פֿון 1391. יענע, וואָס זײַנען געבליבן אין די אויטאָנאָמע פֿראַנצייזישע מדינות, האָבן געהאַט אַ נדחה אויף הונדערט יאָר, ביז די ממשלה פֿון די „אַלקריסטלעכע" מלכים פֿון פֿראַנקרײַך האָט דערלאַנגט אויך צו די דאָזיקע מדינות. די געשיכטע פֿון אָט די בראָכ-שטיקער פֿון דעם צעשטערטן צענטער איז דער עפּילאָג פֿון דער אָקערשט געשילדערטער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע.

די ייִדישע קהילות אין דער אויטאָנאָמער מדינה דאָפֿינע, אין די שטעט גרענאָבל, ניאָן, וויען און אַנדערע, זײַנען אַרויסגעוואַקסן דורכן צו-שטראָם פֿון אײַנוואַנדערערס פֿון די קיניגלעכע מדינות אין משך פֿון גאַנצן 14טן י״ה זינט דעם גירוש פֿון יאָר 1306. די מושלים די דאָפֿינען האָבן ניט צוגעלייגט דערצו, וואָס זיי האָבן געגעבן די אויסוואַנדערערס אַ מקום-מקלט בײַ זיך אין לאַנד. זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף ייִדן גרויסע אָפּצאָלן, האָבן געהאַט רווחים פֿון זייערע פֿינאַנציעלע טאַלענטן, נאָר אין אַן עת-צרה האָבן

www.libtool.com.cn

זיי זיי שלעכט געשיצט. בעת דעם „שוואַרצן טויט״ (1348) האָט מען דאָ ניט אויסגעמיטן קיין הריגה פֿון ייִדן, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין פֿאַרשפּרייטן די מגפֿה. וואָס מער ייִדן עס זײַנען געוואָרן אַרויסגעטריבן פֿון פֿראַנקרײַך און האָבן געזוכט פֿאַר זיך אַ שטיקל מקום־מנוחה, אַלץ טײַערער האָבן זיי געמוזט צאָלן פֿאַר אַ דערלויבעניש צו לעבן אין דער מדינה. איטלעכע קאָנצעסיע, איטלעכע „פּריווילעגיע״ איז געווען געוויגן אין גאָלד. אין יאָר 1388 האָט דער דאָפֿין הומבערט II דערקלערט פֿאַר אומגילטיק אַלע פּריווילעגיעס וואָס זײַנען פֿריִער געווען אַרויסגעגעבן ייִדן, בכדי צו באַקומען אַ פֿרישן אָפּצאָל בײַם אַרויסגעבן נײַע כתבֿים. נאָך שטענדיקע און אויסערגעוויינטלעכע שטײַערן זײַנען געקומען קאָנטריבוציעס און קאָנפֿיסקאַציעס, און דערנאָך ווײַטער שטײַערן אָן אַ סוף. אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויט דער דעמאָלטיקער פֿראַנצייזישער מאָדע, חוץ דעם לעצטן אויסגאַנג — גירוש, ווײַל דאָס וואָלט געבראַכט היזק דער קאַסע. בכדי צו ליב צו טון דער גײַסטלעכקייט האָט די רעגירונג אין יאָר 1413 אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז די ייִדן זאָלן האָבן פֿאַר זיך אין די שטעט באַזונדערע מערק, ברונעמער און בעקערײַען, כּדי זיי זאָלן זיך ניט טרעפֿן מיט קריסטן. נאָך דעם ווי דאָפֿינע איז פֿאַרבונדן געוואָרן מיט די פֿראַנצייזישע קרוינלענדער, האָט זיך דאָרט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ אויסצוהאָבן די ייִדן. דער דאָפֿין לודוויג, שפּעטער קיניג לודוויג XI, האָט זיי געדריקט אונטער פֿאַרשיידענע תּירוצים. ייִדן האָבן געשפּירט, אַז דער גירוש איז נאָענט, און האָבן גענומען מיטן אייגענעם ווילן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס האָט געגעבן די אייביקע נע־ונדניקעס אַ מקום־מקלט אויף אַ ווײַל.

מער ווייטאָגדיק איז געווען דער פּראָצעס פֿון צעשיידן די ייִדן מיט פּראָוואַנס, זייער אַלטע היים, מיט אַזעלכע שטעט ווי אַרל און מאַרסעל, וווּ זייערע אָבֿות האָבן געוווינט, נאָך איידער די גאַליער זײַנען געוואָרן קריסטן. אין דעם דאָזיקן קולטורעלסטן טייל פֿון פֿראַנקרײַך, וואָס איז אין 13טן י״ה אַריבער צו אומאָפּהענגיקע גראַפֿן פֿון דער אַנזשוער דינאַסטיע, זײַנען ייִדן געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן האַנדל און אינדוסטריע פֿון די שטעט. אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער ים־געגנט, אין מאַרסעל, זײַנען ייִדן אָפֿיציעל אָנערקענט געוואָרן פֿאַר „בירגער״ (cives Massiliae) און אין זייער ווירטשאַפֿטלעכן שטייגער האָבן זיי ווייניק וואָס זיך אונטערגעשיידט פֿון קריסטן. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מלאָכות, האַנדל און פֿרײַע פּראָפֿעסיעס (באַזונדערס מעדיצין), און אין פּרט פֿון אַנטלײַען געלט האָבן מיט זיי קאָנקורירט מיט הצלחה קריסטן, וואָס זיי איז משמעות ניט געווען פֿאַרבאָטן אָט דער פּרנסה־צווײַג, וואָס די קירך האָט אים געהאַלטן פֿאַר אָסור, דערפֿאַר ווײַל אין צענטער פֿון

www.libtool.com.cn

װעלטהאַנדל האָט קרעדיט געשפּילט אַ װיכטיקע ראָלע.[1] די פֿאַרװאַלטונג פֿון דער ייִדישע קהילה אין מאַרסעל איז געשטאַנען לעבן דעם קריסטלעכן מאַגיסטראַט װי אַן אויטאָנאָמע אינסטיטוציע. די מושלים פֿון אַנזשו האָבן ניט איין מאָל געפּרוּװט אַראָפּצוזעצן די ייִדן פֿון פּראָװאַנס צו דער געװײנטלעכער מדרגה פֿון ייִדן אין אַ קריסטלעכער מלוכה אין יענער צײַט: האָבן זײ געצװוּנגען צו טראָגן אַ דערקען-צייכן, פֿאַרבאָטן צו אַרבעטן אין די קריסטלעכע חגאות און געפּלײַסט זיך צו באַגרענעצן זײערע רעכט אין ים-האַנדל, נאָר אָט די אַלע אונטערדריקונגען האָבן זיך ניט אָנגענומען אין אַזאַ פֿרײַער האַנדלשטאָט װי מאַרסעל. אין 14טן י״ה האָט די ייִדישע קהילה פֿון מאַרסעל געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן אַלע פּרוּװן אָנצורירן אירע אַלטע פּריװילעגיעס, זיך שטיצנדיק אויף דער מוניציפּאַלער פֿאַרװאַלטונג, װאָס האָט אויך פֿאַרטיידיקט די פֿרײַהײטן פֿון דער שטאָט קעגן די גראַפֿן און הערצאָגן. דעמאָלט האָט די פּראָװאַנס נאָך געקאָנט דינען װי אַ מקום-מנוחה פֿאַר די געצװוּנגענע אויסװאַנדערערס פֿון דעם קיניגלעכן פֿראַנקרײַך. נאָר דער צושטראָם פֿון אײַנװאַנדערערס פֿון צפֿון, װאָס איז אַלץ געװאַקסן, בפֿרט פֿון דעם שכנישן לאַנגעדאָק, האָט אונטערגעגראָבן די עקסיסטענץ פֿון די קהילות אין דער פּראָװאַנס. זינט נאָך דעם גירוש פֿון 1394 בײַט זיך די באַציִונג פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג צו ייִדן גיך איבער צום שלעכטן. עס װערן ערגער די תּנאים פֿון דעם קאַמף פֿאַרן קיום, עס װערט פֿאַרשאַרפֿט די האַנדלס-קאָנקורענץ, עס װערן אָפֿטער פֿעלשונגען אין קרעדיט-אָפּעראַציעס. איצטער בײַטן זיך די ראָלעס: דער מוניציפּאַליטעט איז געשטימט פֿײַנטלעך צו ייִדן, װאָס נעמען צו די פֿאַרדינסטן בײַ די קריסטלעכע סוחרים, און די גראַפֿן אָדער „מלכים“ פֿון דעם הויז אַנזשו פֿאַרטיידיקן זײ װי זײערע דירעקטע צינזצאָלערס. דער 15טער יאָרהונדערט גײט דורך אין דער אַטמאָספֿער פֿון אָנגעצויגנקייט, װאָס איז געװײנטלעך נאָך פֿאַרשטאַרקט געװאָרן דורך דער אַרײַנמישונג פֿון דער גײַסטלעכקייט. ייִדן צװינגט מען צו הערן די דרשות פֿון די מיסיאָנערן אין די קירכן, עס טרעפֿן פֿאַלן, װען מען כאַפּט ייִדישע קינדער אויף צו שמדן זײ. די אַנזשוער מושלים האָבן באַשטימט אין די שטעט באַזונדערע באַאַמטע, „אָפּהיטערס“ (conservateurs), װאָס זײער עובֿדא איז געװען צו באַשיצן די געזעצלעכע אינטערעסן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. נאָר אָט די באַשיצערס זײַנען אָפֿט מאָלס געװען אָנמעכטיק קעגן מאַסן-עקסצעסן. אין יאָר 1436 האָט די ייִדישע קהילה אין עקס (Aix, העברעיִש איגס) געהאַט אויסצושטיין אַן אָנפֿאַל פֿון די פֿאַנאַטיקער דערפֿאַר, װאָס איינער

1 אין די אַקטן פֿון דעם מאַרסעלער אַרכיוו פֿון יענער תּקופֿה באַגעגענען זיך זײער אָפֿט תּביעות פֿון קריסטלעכע מלווים צו ייִדן, װאָס האָבן גענומען בײַ זײ הלוואות אויף גאַנץ הויכע פּראָצענטן.

www.libtool.com.cn

פֿון אירע מיטגלידער, אַסטרוק דע לעאָן, „האָט געלעסטערט די הייליקע בתולה". איידער אַסטרוק איז געטייט געוואָרן אויפֿן עשאַפֿאָט לויטן פּסק פֿון דעם געריכט, איז דער המון אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדן, עטלעכע פֿון זיי דערהרגעט, אַנדערע געצוווּנגען צו שמדן זיך אונטער טויטשרעק, און דערצו צערויבט אַ סך הײַזער. פּאָגראָמען האָבן זיך איבערגעחזרט אין אַרל און אין אַנדערע שטעט.

צום סוף 15טן י״ה איז אין דעם פּאָליטישן מצב פֿון פּראָוואַנס פֿאָרגעקומען אַ שינוי: אין יאָר 1481 האָט דער מושל פֿון אַנזשו אָפּגעטראָטן אָט די מדינה דעם פֿראַנצייזישן קיניג לודוויג XI, און די שונאים פֿון ייִדנטום האָבן באַשלאָסן לכּבֿוד דער נײַער תּקופֿה דורכצומאַכן אַ שורה פּאָגראָמען. אין יאָר 1484 האָבן דאָרפֿישע און שטאָטישע אָרעמע לײַט זיך געבונטעוועט, ווײַל עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, דאָס האָבן אויסגענוצט געניטע אַגיטאַטאָרן און האָבן געווענדט דעם אומצופֿרידענעם המון קעגן ייִדן. באַנדעס פֿון אַרבעטלאָזע האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון אַרל, טאַראַסקאָן און עקס, האָבן געהרגעט, געראַבעוועט און איבער געוואַלד געשמדט די אײַנוווינער. אין מאַרסעל, ווו עס האָט באַזונדערס געווילדעוועט הונגער און פּעסט, האָט גענומען אַן אָנטייל אין פּאָגראָם די בירגערשאַפֿט וואָס איז געווען פֿײַנטלעך געשטימט צו ייִדן (1485). און אין גיכן האָט אָט די בירגערשאַפֿט געשיקט אַ דעפּוטאַט צום נײַעם קיניג קאַרל VIII, זיך פֿאַררופֿן אויף דעם „פֿאָלקס ווילן" וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם פּאָגראָם און געבעטן אים „אָפּצורייניקן די שטאָט" פֿון ייִדן, וואָס האָבן כּלומרשט מיט זייערע הלוואה־אָפּעראַציעס פֿאַרשקלאַווט די שטאָטלײַט. מען האָט דעם קיניג אויפֿגעוויזן, אַז נאָך דעם ווי פּראָוואַנס איז פֿאַראייניקט געוואָרן מיט די קרוינלענדער, איז ער מחויבֿ נאָכצוטון דער „ליבוועדיקער" פּאָליטיק פֿון זײַנע אָבֿות, וואָס האָבן די ייִדן פֿאַרטריבן פֿון לאַנד. קאַרל האָט ניט מסכּים געווען צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן, ער האָט אָבער די בעטערס באַפֿרידיקט דערמיט, וואָס ער האָט געהייסן בטל מאַכן יענע געלט־התחײַבֿותן פֿון די שטאָטלײַט, ווו די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטן זײַנען געווען צוגעלייגט צום קרן. אַ סך מלווים זײַנען דערפֿון געוואָרן בדלות. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופֿן בײַ ייִדן אַ פֿאַרשטאַרקטע עמיגראַציע. נאָר די ייִדישע קהילות פֿון פּראָוואַנס האָבן זיך געהאַלטן נאָך עטלעכע יאָר. אין יאָר 1492, ווען די גאַנצע ייִדישע וועלט איז געוואָרן אויפֿגעטרייסלט דורך דער בשׂורה וועגן דעם גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע, האָט די קהילה פֿון מאַרסעל זיך וואַרעם אָפּגערופֿן אויפֿן אומגליק פֿון אירע ברידער און האָט אויסגעלייזט 180 פֿאַרטריבענע, וואָס פּיראַטן האָבן פֿאַרכאַפּט אין ים און געבראַכט אויף אַ שיף קיין מאַרסעל. נאָר אין גיכן האָט די ייִדישע פּראָוואַנס געהאַט דעם זעלביקן סוף. „דער ליבוועדי-

www.libtool.com.cn

קער בײַשפּיל פֿון די אָבֿות" און דער מוסטער פֿון אַזעלכע שכנים ווי פֿערדינאַנד דער קאַטויל און איזאַבעלאַ פֿון קאַסטיליע האָבן אַרײַנגעגעבן חשק דעם קיניג פֿון פֿראַנקרײַך זיי נאָכצוטון. אין יאָר 1496 האָט קאַרל VIII אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו פֿאַרטרײַבן ייִדן פֿון אַרל און טאַראַסקאָן, און שפּעטער זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזעלכע באַפֿעלן אויך בנוגע צו די קהילות פֿון מאַרסעל און אַנדערע שטעט פֿון פּראָוואַנס. עס זײַנען אויך פֿאַרטריבן געוואָרן די רעשטן פֿון דער אַלטער קהילה פּערפּיניאַן, וואָס איז קורץ פֿריִער אַריבער פֿון אַראַגאָניע צו פֿראַנקרײַך.

אַזוי אַרום זײַנען ייִדן אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון די נײַ צוגעקומענע פֿראַנצייזישע פּראָווינצן אין הונדערט יאָר אַרום נאָך דעם ווי זיי זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון די קרוינלענדער פֿון פֿראַנקרײַך. די פֿאַראייניקונג פֿון פֿראַנקרײַך אונטער לודוויג XI און קאַרל VIII האָט געהאַט ווי אַ פּועל־יוצא די צעשפּרייטונג פֿון ייִדן, די צעשטערונג פֿון זייער קולטור־צענטער, וואָס האָט עקסיסטירט טויזנט יאָר. בראָכשטיקער פֿון אָט דעם צעשטערטן צענטער זײַנען געבליבן נאָר אין איין ווינקל פֿון דער פֿראַנצייזישער טעריטאָריע, וואָס איז געווען אַרויסגענומען פֿון דער ממשלה פֿון דעם קיניג פֿון פֿראַנקרײַך און האָט געהערט צו דעם מושל פֿון דער קירך: דאָס זײַנען געווען די שטעט פֿון פּויפּס: אַוויניאָן און קאַרפּענטראַס. די דאָזיקע געגנט האָט געהערט צו די פּויפּסן זינט יענער צײַט, ווען זיי האָבן דאָרט פֿאַרבראַכט זייער „גלות בבֿל" (1309—1376). צוזאַמען מיט די פּויפּסן און קאַרדינאַלן וואָס האָבן פֿאַרלאָזן רוים האָבן דאָרט געפֿונען אַ מקום־מנוחה פֿאַרטריבענע ייִדן פֿון קיניגלעכן פֿראַנקרײַך, און אין 14טן י״ה האָבן אַוויניאָן און איר קרײַז דערגרייכט צו אַ שטאַרקער באַלעבונג. די פּויפּסן, וואָס האָבן אויך אין רוים אָפֿט מאָל פֿאַרהאַלטן זיך טאָלעראַנט צו ייִדן, האָבן בײַ זייער הויף אין אַוויניאָן געהאַט ייִדן פֿאַר פֿינאַנץ־אַגענטן און דאָקטוירים. אין אַוויניאָן האָט דער ייִדישער קוואַרטאַל זיך געפֿונען אויפֿן ברעג פֿון דער ראָנע, בשכנות פֿון דעם פּויפּסלעכן פּאַלאַץ, און די קהילה דאָרט האָט פֿאָרגעשטעלט אַ קליינע שטאָטישע רעפּובליק מיט אַ ראָט פֿון עלטסטע בראָש; אַזעלכע אויטאָנאָמע קהילות האָבן זיך געפֿונען אויך אין קאַרפּענטראַס און קאַוואַליאָן, וואָס האָבן געהערט צו דעם פּויפּס' מדינות אין פֿראַנקרײַך.

נאָר אויך דאָ האָט דער 15טער יאָרהונדערט געבראַכט צו אַ שינוי אויף ערגער, פּונקט ווי אין פּראָוואַנס. נאָך דעם ווי די פּויפּסן זײַנען אַוועק צוריק קיין רוים, איז אַוויניאָן געפֿאַלן און פֿאַראָרעמט געוואָרן, ווײַל זי האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ צוזי־צענטער פֿאַר גאָר דער קאַטוילישער וועלט. פֿון דער אַנדער זײַט האָט נאָכן גירוש פֿון דעם קיניגלעכן פֿראַנקרײַך אין יאָר 1394 זיך פֿאַרשטאַרקט דער צושטראָם פֿון די ייִדישע אײַנוואַנדערערס אין

www.libtool.com.cn

דער דאָזיקער פֿאַראָרעמטער געגנט. די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון אַוויניאָן און קאַרפּענטראַס זײַנען ענג געוואָרן ביז לעצט, מחמת די אָרטיקע רעגירונג האָט ניט דערלויבט צו פֿאַרברייטערן דעם פּלאַץ ווו ייִדן מעגן וווינען. מען האָט געמוזט בויען די הײַזער איין גאָרן איבערן אַנדערן, און אין אַוויניאָן האָבן זיך אָפּט געטראָפֿן פֿילגאָרנדיקע הײַזער, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט די שײַן אין די שמאָלע געסלעך פֿון דעם קוואַרטאַל. און צום סוף פֿון 15טן י"ה זײַנען צוגעקומען נאָך פֿרישע אײַנוואַנדערערס: פֿון די נאָענטע שטעט אַרל און מאַרסעל און פֿון דער ווײַטער שפּאַניע. די באַפֿעלקערונג איז געוואָרן געדיכטער, עס איז געוואָרן אַלץ שווערער צו לעבן. אין אַזאַ צושטאַנד וועט דאָס אַרײַנטרעטן אין דער עפּאָכע פֿון דער „נײַער געשיכטע" אָט די נעבעכדיקע „שארית=ישראל" פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום, דער סימבאָל פֿון דעגענעראַציע פֿון דעם געוועזענעם גרויסן נאַציאָנאַלן צענטער. צעשטערט אונטער די קלעפּ פֿון 14טן און 15טן י"ה, וועט דאָס ייִדישע פֿראַנקרײַך זיך אויפֿכאַפּן צו אַ נײַעם לעבן ערשט אויף דער שוועל פֿון דער מאָדערנער געשיכטע, אין דער צײַט פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע פֿון ייִדן, אָבער די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע וועט זיך אין דעם לאַנד שוין ניט אומקערן מער.

## § 42. דער אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך

פּאַוואָלי איז אָפּגעשטאָרבן דער אַלטער ייִדישער צענטער אין פֿראַנקרײַך. דער 14טער יאָרהונדערט איז געווען דער יאָרהונדערט פֿון דער גסיסה פֿון דער ייִדישער קולטור אין דעם דאָזיקן לאַנד. אין אָט דעם פּעריאָד האָבן געטראָפֿן קורצע מאָמענטן, ווען אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון די קהילות און אויפֿן געביט פֿון גײַסטיקער שאַפֿונג איז געוואָרן עפּעס לעבעדיקער, אָבער די דאָזיקע אויפֿפֿלאַקערס זײַנען געווען נאָר די אָנזאָגערס פֿון דער פֿאַרלעשונג פֿון דער אַ מאָל לײַכטנדיקער מנורה.

אַזאַ אילוזיע פֿון באַלעבונג פֿון אַ צום אונטערגאַנג פֿאַרמשפּטן אָרגאַניזם איז פֿאָרגעקומען אויפֿן געביט פֿון דער קהילה=אויטאָנאָמיע. נאָך דער רעסטאַווראַציע פֿון יאָר 1360, ווען די פֿראַנצייזישע מלכים האָבן מיט כּל המיטלען זיך געפֿלײַסט אַרײַנצוציִען ייִדן צו זיך אין לאַנד, איז געווען איינע פֿון די מיטלען די פֿאַרברייטערונג פֿון זייער אינעווייניקסטער אַליין=פֿאַרוואַלטונג. די קהילות איז געגעבן געוואָרן פֿולע פֿרײַהייט, די רבנים — אַ ברייטע יוריסדיקציע. רבי מתתיהו פּרובנסי (אַן ערך 1360–1380), ווי דער אָפֿיציעלער רבֿ פֿון פֿראַנקרײַך, האָט געהאַט די מיגלעכקייט צו פֿאַראייניקן

www.libtool.com.cn

די קהילות פֿון צפֿון און פֿון דרום אין אַן אָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, מיט דער הילף פֿון די דערמאָנטע אייבער-אויפֿמאָנערס פֿון שטײַערן מאַנעסיע דע וועזו און דעניס קינאָן. היות ווי ר׳ מתתיהו האָט משמעות גערעכנט, אַז די נײַע רעסטאַווראַציע וועט האָבן אַ לאַנגן קיום, האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז און גענומען זיך פֿאַרשפּרייטן די תּלמודישע וויסנשאַפֿט. עס האָט אויפֿגעלעבט די ישיבֿה אין פּאַריז, און די תּלמידים פֿון אָט דער ישיבֿה האָט ר׳ מתתיהו צעשיקט פֿאַר מלמדים און דיינים אין די קהילות. נאָך ר׳ מתתיהוס טויט איז דער פּאָסטן פֿון הויפּט-רבֿ אַריבער צו זײַן זון ר׳ יוחנן (אַן ערך 1380—1390), וואָס האָט ווײַטער געפֿירט די אַרבעט פֿון אָרגאַניזירן די קהילות אין פֿראַנקרײַך, ניט פֿאָרויסצוזען, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז נאָענט.

אין יענער צײַט האָבן די פֿראַנצייזישע ייִדן זיך פֿאַרגונען אַפֿילו דעם וווּלטאָג פֿון אַ גרויסער מחלוקת. איינער פֿון ר׳ מתתיהוס תּלמידים, ר׳ ישעיה בן אַבא מארי פֿון סאַוואָיע, האָט נאָך זײַן רבינס טויט אַרויסגעשטעלט די תּביעה, אַז דער פּאָסטן פֿון דעם הויפּט-רבֿ קומט אים, און ניט ר׳ מתתיהוס זון, ר׳ יוחנן. מיט אַ כּתבֿ פֿון דעם באַרימטן דײַטשן רבֿ ר׳ מאיר הלוי פֿון ווין אין דער האַנט, האָט דער פּרעטענדענט געמאָלדן, אַז נאָר ער האָט דאָס רעכט צו באַשטימען רבנים און דיינים אין די קהילות. איטלעכער פֿון די קאָנקורענטן האָט זיך געהאַט זײַן צד, און די מיט מי אײַנגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע פֿון די קהילות איז עלול געווען צעבראָכן צו ווערן איבער דער מחלוקת. דעמאָלט האָט ר׳ יוחנן זיך געווענדט צו צוויי גרויסע שפּאַנישע רבנים, די „גדולים פֿון קאַטאַלאָניע", ר׳ יצחק בן ששת און ר׳ חסדאי קרשקש, און האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן זײַן די בוררים אין דעם סיכסוך. די שפּאַנישע בוררים האָבן געפּסקעט לטובֿת ר׳ יוחנן מחמת זײַן פֿאָטערס זכות און מחמת זײַנע אייגענע מעלות. דערבײַ האָבן זיי אָנערקענט, אַז דער דײַטשער רבֿ האָט ניט געהאַט קיין רעכט זיך אַרײַנצומישן אין די ענינים פֿון די פֿראַנצייזישע קהילות. צי האָט די אָנטייל-נעמער פֿון דער גאַנצער געשיכטע געקאָנט גאָר אַרויפֿקומען אויפֿן זינען, אַז זיי שטייען אויף דער שוועל פֿון צוויי קאַטאַסטראָפֿעס – דער גזרה פֿון 1391 אין שפּאַניע און דער לעצטגילטיקער צעשטערונג פֿון דעם פֿראַנצייזישן צענטער, וואָס זײַן רעסטאַווראַציע האָט זיי פֿאַרנומען?

אויפֿן געביט פֿון ליטעראַרישער שאַפֿונג זײַנען די לעצטע אויפֿבליצן פֿון דעם ייִדישן געניוס אין פֿראַנקרײַך אויסגעלאָשן געוואָרן פֿריִער, נאָך פֿאַרן סוף 14טן י״ה. דאָס זײַנען געווען שפּעטע אָפּקלאַנגען פֿון דער תּקופֿה פֿון דעם ראַציאָנאַליזם, וואָס איז עפֿנטלעך אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין חרם אין יאָר 1305 (§ 17). אַזוי ווי אויף צו להכעיס דעם האַרבן חרם פֿון די רבנים זײַנען דעמאָלט אין דרום-פֿראַנקרײַך אויסגעוואַקסן דרײַ יונגע לײַט,

www.libtool.com.cn

וואָס האָבן אַרײַנגענומען אין זיך דעם „סם״ פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿילאָסאָפֿיע און זײַנען צוגעשטאַנען צום לינקן פֿליגל פֿון די מײַמוניסטן: ר׳ לוי בן גרשון פֿון באַניאָל (Bagnols) אין קרײַז פֿון אַוויניאָן, ר׳ יוסף כספּי פֿון אַרזשאַנטיער און ר׳ משה נרבוני.

דער גרעסטער פֿאָרשטייער פֿון יענער אונטערגאַנג=תּקופֿה, ר׳ לוי בן גרשון, מער באַוווּסט מיט זײַן ליטעראַרישן נאָמען רלב״ג און בײַ קריסטן געראָסאָנידעס (1288–1345), איז געווען לחלוטין ראוי צו פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די דענקערס פֿון דער עפּאָכע פֿון רענעסאַנס. אַ מעדיצינער מיט אַ פֿילזײַטיקער בילדונג האָט דער רלב״ג זיך פֿאַרנומען, חוץ מיטן שטודיום פֿון תּנך, אויך מיט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, האָט געשריבן אַ קריטיק פֿון פּטאָלאָמייס סיסטעם און אויסגעפֿונען אַן אַפּאַראַט פֿאַר אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס. נאָר מער פֿון אַלץ האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַריסטאָטעלעס, דעם רמב״ם און איבן=ראָשד. וווינענדיק ווי אַ דאָקטאָר אַ מאָל אין דער שטאָט פֿון דעם פּויפּס אַוויניאָן, אַ מאָל אין אָראַנזש, פּערפּיניאַן און אין די שפּאַנישע מדינות פֿון דרום=פֿראַנקרײַך, האָט דער רלב״ג ניט געליטן דירעקט פֿון די נגישות פֿון די פֿראַנצייזישע מלכים, פֿון די פּאַסטאָרעלן און פֿון אַנדערע גזרות פֿון יענער צײַט, הגם ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער געדאַנק וועגן די צרות לאָזט אים ניט רויִק אַרבעטן. די בעסטע פֿרוכט פֿון זײַן אַרבעט איז געווען דער מערקווערדיקער חיבור „מלחמות אדני״, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט זעקס פּראָבלעמעס פֿון דער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע: וועגן דער אייביקייט פֿון דער מאַטעריע, וועגן דער טבֿע פֿון די הימלישע גלגלים, וועגן דער נשמה, וועגן נבֿואה, וועגן גאָטס ידיעה און השגחה. בײַם באַשיידן אייניקע פּראָגעס גייט רלב״ג ווײַטער פֿון דעם רמבם און דערנעענטערט זיך צו אַריסטאָטעלעס און איבן ראָשדן. ער שרעקט זיך ניט אָפּצולייקענען די דאָגמע וועגן דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט אַ יש מאַין, נאָר ער נעמט אָן, אַז עס האָט פֿון אייביק אָן עקסיסטירט אַ מין פֿײַנע עטערישע מאַטעריע, אַ חומר היולי, וואָס פֿון אים איז אין אַ געוויסן מאָמענט באַשאַפֿן געוואָרן די וועלט. די נבֿואה, ווי דער יסוד פֿון דער געטלעכער התגלות, איז אין רלב״גס שיטה ניט קיין פֿאַקט מחוץ לגדר הטבֿע, נאָר דער העכסטער אַרויסווײַז פֿון אינטויִציע אָדער דער רעזולטאַט פֿון אַ פֿאַרבינדונג צווישן דעם מענטשלעכן גײַסט מיט דעם „שכל הפּועל״ פֿון דער וועלט, און דערצו קאָנען זוכה זײַן אַלע גרויסע חכמים. דעם אייבערשטנס השגחה איז אויסגעשפּרייט מער אויף דעם כּלל ווי אויף דעם יחיד, אָבער יחידים פֿון אַ העכערער מדרגה, די אויסדערוויילטע פֿון דער מענטשהייט, זײַנען אַליין פֿאַר זיך אַ כּלל, און דעריבער רוט דעם אייבערשטנס השגחה באַזונדערס אויף זיי (דעם רמבמס אידעע פֿון גײַסטיקן אַריסטאָקראַטיזם).

www.libtool.com.cn

די נסים פֿון תּנך פֿלײַסט זיך דער פֿילאָסאָף מקרבֿ צו זײַן צום שׂכל דורך חריפֿותדיקע אײַנטײַטשונגען פֿון די פּסוקים. די מעשׂה וועגן דעם, אַז די זון „איז געבליבן שטיין” אין גבֿעון, דאַרף מען פֿאַרשטיין, לויט זײַן מיינונג, בלשון מליצה: דער נצחון פֿון די בני־ישׂראל איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, אַזוי אַז עס קומט אויס, אַזוי ווי די זון וואָלט „געוואַרט”, ביז די שלאַכט האָט זיך געענדיקט. די ראַנגלעניש פֿון יעקבֿ אָבֿינו מיטן מלאך איז געווען נאָר אין חלום, דאָס וואָס יעקבֿ האָט גענומען הינקען אויף דער זוּאָר, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער נשמה־צעטרייסלונג וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין חלום.

קאָנסערוואַטיווע שרײַבערס האָבן געטאַדלט דעם רלב״ג פֿאַר זײַן פֿרײַדענקערײַ; זיי האָבן איראָניש געטענעט, אַז דער מחבר פֿון די „מלחמות אדני” פֿירט מלחמה ניט פֿאַר גאָט, נאָר קעגן גאָט. בעסער האָט אויסגענומען בײַ די אָרטאָדאָקסן דעם רלב״גס אַ צווייטער חיבור – זײַן פּירוש צום חומש, די נבֿיאים ראשונים און אייניקע כּתובֿים. די מאָראַליש־פֿילאָסאָפֿישע עקסצערפּטן פֿון אָט דעם פּירוש וואָס זײַנען באַוווסט אונטערן טיטל „תּועליות הרלב״ג” זײַנען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. פֿאַרקערט דער ספֿר „מלחמות אדני” איז אַ לאַנגע צײַט געווען פֿאַרשטופּט, און נאָר פֿרײַע גײַסטער האָבן געוווּסט אים צו שאַצן. דעם רלב״גס פֿאָרשונגען וועגן אַסטראָנאָמיע זײַנען געוואָרן איבערגעזעצט אויף לאַטײַן. בײַ די קריסטלעכע געלערנטע איז דער רלב״ג געווען באַוווסט אויך אונטערן נאָמען „לעאָ פֿון באַניאָל” אָדער magister Leo Hebraeus. אין ספּינאָזעס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט” זײַנען קענטיק סימנים פֿון רלב״גס השפּעה.

דעם רלב״גס בן־דור, דער פּראָוואַנסאַלער דענקער יוסף כּספּי פֿון אַרזשאַנטיער (אַן ערך 1280–1340; כּספּי – דאָס איז די העברעיִשע איבערזעצונג פֿון דעם נאָמען פֿון דער שטאָט Argentière, וואָס איז טײַטש „זילבערנער”), האָט אַ סך אַרומגערײַזט איבער שפּאַניע און צפֿון־אַפֿריקע און האָט באַזוכט מצרים, דאָס לאַנד ווו דער רמבם האָט געווירקט. אַ באַגײַסטערטער פֿאַרערער פֿון „מורה נבֿוכים”, האָט כּספּי זיך מצער געווען, וואָס אים איז ניט געווען באַשערט צו לעבן אין דעם דור פֿון דעם „איש השלמות”, ווי ער האָט אָנגערופֿן דעם רמבם. ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייענדיקן פּירוש צום „מורה”; אין איינעם טײַטשט ער פּשוט אויס דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דעם מחבר, אין דעם צווייטן רעדט ער אַרום די האַרבסטע פּונקטן פֿון זײַן סיסטעם („עמודי כּסף” און „משׂכּיות כּסף”). דער מפֿרש בלײַבט ניט שטיין פֿאַר די סאַמע דרייסטע ראַציאָנאַליסטישע אויספֿירן, און אים האָט מען אויך צוגערעכנט צו די פֿרײַדענקערס. אין זײַן „ספֿר המוסר”, וואָס איז אָנגעשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ צוואה צו זײַן זון, זאָגט כּספּי: „דער אמת טאָר ניט

www.libtool.com.cn

זײַן ניט שרעקעוודיק און ניט שעמעוודיק". און ער האָט זיך טאַקע אַליין געהאַלטן פֿאַר אָט דעם כּלל איז זײַנע שריפֿטן. ער האָט זיך ניט געהיט פֿון צו שרײַבן למשל: „גאָט אָ ד ע ר משה נאָך אים האָבן אָנגעשריבן אין דער תּורה"; „עס שטייט געשריבן: הנני שולך לפּניך מלאך, איך וועל שיקן פֿאַר דיר אַ מלאך – מיטן „מלאך" מיינט מען דאָ דעם שׂכל הפּועל". דעם מענטשנס אינדיווידועלער שׂכל איז אַ טייל פֿון דעם געטלעכן אוניווערסאַלן שׂכל, ממילא געפֿינט זיך גאָט אין דעם מענטשנס נשמה.

דער ייִנגסטער פֿון די לעצטע פֿאָרשטייער פֿון דעם ראַציאָנאַליזם, רבי מ ש ה נ ר ב ו נ י (אַן ערך 1300–1362), האָט געלעבט אין פּערפּיניאַן, דעם מקום־מקלט פֿון די פּראַנצייזישע פֿאַרטריבענע, און אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אַראַגאָניע. דאָ, אין דער שטאָט סערווערא, האָט ער איבערגעלעבט די גזרה פֿון דעם „שוואַרצן טויט": דער צעווילדעווטער פּעוול האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן הויז, צעראַבירט זײַן פֿאַרמעגן און זײַנע טײַערע ספֿרים, נאָר דער בעל־הבית אַליין איז אַנטלאָפֿן געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע גלידער פֿון דער קהילה (1348). דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעווענדט נרבונין פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע, און די רעזולטאַטן פֿון זײַן שטודיום האָט ער אַרויסגעבראַכט, ווי געוויינטלעך אין יענער צײַט, אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּירוש צום רמבמס „מורה נבוכים". נרבוני האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו פֿאַרבינדן די רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע שיטות פֿון דעם ייִדישן און פֿון דעם אַראַבישן אַריסטאָטעלעס — פֿון דעם רמבם און פֿון איבן ראָשד. די טעאָלאָגיע, האַלט ער, דאַרף זיך אָנשפּאַרן אויף נאַטור־וויסנשאַפֿט, פּונקט ווי די מעטאַפֿיזיק אויף פֿיזיק, דערפֿאַר טאַקע הייבט זיך די תּורה אָן מיט „מעשׂה בראשית, וואָס דאָס איז די וויסנשאַפֿט פֿון דער נאַטור". די תּורה האָט צוויי טײַטשן: איינעם פֿאַרן פֿינצטערן המון־עם, אַ צווייטן פֿאַר די אויפֿגעקלערטע גײַסטער; די גשמיותדיקע בילדער און דערציילונגען וועגן נסים זײַנען באַשטימט פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק, און די אַבסטראַקטע אידעען וואָס שטעקן הינטער דעם אַלעמען – פֿאַר די פֿילאָסאָפֿן. נרבוני האָט געשריבן נאָך פֿיל פּירושים: צום רמבמס „לאָגיק", צו די פֿילאָסאָפֿישע ווערק פֿון איבן ראָשד, איבן סינאַ און אַלגאַזאַלי. ער איז געווען דער לעצטער פֿאָרשטייער פֿון דעם ראַציאָנאַליזם אין דרום־פֿראַנקרײַך און שפּאַניע. נאָך אים איז די רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע שוין אַוועק אויפֿן וועג פֿון קאָנסערוואַטיזם, וואָס עס האָט דורכגעשלאָגן אין 14טן י"ה חסדאי קרשקש.

די היים פֿון דער רבנות, צפֿון־פֿראַנקרײַך, האָט אין דער ליטעראַטור גאָרנישט ניט געשאַפֿן אין יענעם יאָרהונדערט, ווען עס איז צעשטערט געוואָרן אָט דער געוועזענער העגעמאָנישער צענטער. איר אָרט פֿאַרנעמט זינט דעמאָלט דײַטשלאַנד, ווו דער לימוד פֿון דער גמרא האָט ניט פֿאַר זיך קיין שום קאָנקורענטן – ניט קיין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, ניט קיין פֿילאָסאָפֿיע אָדער אַנדערע פֿרײַע אַרויסווײַזן פֿון גײַסטיקער שאַפֿונג.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל III

# יאָרהונדערטער פֿון פּורעניות אין דײַטשלאַנד (XIV—XV)

### § 43. דרוק פֿון אויבן און פּאָגראָמען פֿון אונטן: לודוויג דער בײַער און די „ייִדן־שלעגערס"

דער מיטלעלטערלעכער רעזשים האָט אין דײַטשלאַנד דערגרייכט צו פֿולער שלמות אין 14טן און 15טן י"ה. בנוגע צו ייִדן האָט זיך דאָ אויסגעאַרבעט אַ סינטעז פֿון דרוק פֿון אויבן מיט פּאָגראָם פֿון אונטן. די לאַנגע געניטונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז די פֿירשטן זײַנען געוואָרן מאַדימס אין סיסטעמאַטישער עקספּלואַטירונג פֿון זייערע „קאַמערקנעכט", און די פֿאָלקסמאַסן — בריות אין פּערי־אָדישער דורכפֿירונג פֿון עקסצעסן. פֿעסט ווערט געשלאָסן יענער פֿאַרכּישופֿטער קרײַז, וואָס קיין אויסגאַנג פֿון אים איז פֿאַרן ייִדן ניטאָ: בכדי צו זוכן שוץ ווערט ער געטריבן צו די פֿירשטן און האַרן, נאָר אָט דער שוץ מוז טײַער באַצאָלט ווערן, און אַזוי ווי די פּרנסות זײַנען באַגרענעצט, ווערט דער ייִד געטריבן צו געלטהאַנדל; דער געלטהאַנדל גיט ווײַטער די קריסטן אַ פֿרישע געלעגנהייט פֿאַר אומצופֿרידנקייט, עקאָנאָמישע ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט פֿאַרבינדט זיך מיט רעליגיעזער שׂנאה, וואָס די קלעריקאַלן צעבלאָזן נאָך מער, — און דער פּועל־יוצא דערפֿון זײַנען מאַסן־פּאָגראָמען, וואָס מאַכן די ייִדן נאָך מער אָפּהענגיק פֿון די מושלים. דער ייִד ווערט אַרומגעשלײַדערט צווישן די אייבערשטע און די אונטערשטע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, דאָרט דערדריקט, דאָ געשלאָגן. ער זוכט מנוחה אין זײַן אינעווייניקסטער וועלט, שליסט זיך אײַן אין זײַן קוואַרטאַל, אין זײַן קהילה, זונדערט זיך שאַרף אָפּ פֿון דער פֿײַנטלעכער סבֿיבֿה. נאָר די פֿײַנטשאַפֿט צו דעם אײַנגעשלאָסענעם וואַקסט נאָך מער, ווײַל עס קומען אויף פֿאַרשיידענע חשדים: די שׂונאים דוכט זיך אָפּ שטענדיק, אַז דער ייִד האָט עפּעס אין זינען, אַז ער איז הינטן אַרום זיך נוקם, הרגעט קריסטלעכע קינדער, פֿאַרשוועכט קירכלעכע הייליקייטן, פֿאַרשפּרייט מגפֿות — און ווידער אַ מאָל אויסריידן אויף צו מאַכן פּאָגראָמען פֿאַר אַ המון, וואָס איז אויטגעהאָדעוועט אין אײַנגלייבעניש און רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם.

www.libtool.com.cn

אַ טיפּישער דײַטשער פּירשט פון יענער תּקופה איז לודוויג דער בײַער (1347–1314). דער דאָזיקער קיסר האָט געהאַנדלט מיט זײַנע ייִדישע „קאַמער־קנעכט" ווי מיט אַ סחורה, האָט פֿאַרקויפֿט אָדער אײַנגעלייגט פֿאַר אַ משכּון בײַ די פֿעאָדאַלע פּירשטן און שטאָטישע מאַגיסטראַטן גאַנצע קהילות מיטן רעכט צו שאַפֿן איבער זיי און צו נעמען פֿון זיי אָפּצאָלן אין משך פֿון אַ באַשטימטער צײַט. מיט אַזעלכע האַנדלס־געשעפֿטן זײַנען די אָפּיציעלע אַקטן פֿון יענע יאָרן פֿול און פֿיל. פּונקט ווי די אַראַגאָנישע מלכים (§§ 10, 13, 36), האָט דער דײַטשער קיסר געצאָלט זײַנע חובֿות מיט אָנווײַזונגען אויף די שטײַער־הכּנסות פֿון די אָדער יענע ייִדישע קהילות, און ער האָט געלײַען געלט אויף אַ משכּון פֿון די דאָזיקע הכּנסות. נאָר דאָ זײַנען די אָפּעראַציעס געווען קאָמפּליצירטער, מחמת דער קיסר האָט געהאַט צו טון מיט אַ סך פֿעאָדאַלע פּירשטן, רעגירנדיקע ביסקופּן און שטאָטישע מאַגיסטראַטן, וואָס ער איז מיט זיי געווען פֿאַרבונדן דורך געלט־חשבונות, און די „ייִדישע רעגאַליעס" זײַנען דעמאָלט געווען די זיכערסטע וועקסלען אין די דאָזיקע חשבונות. די ייִדישע קהילות פֿון בײַערן (נירנבערג, אויגסבורג, ווירצבורג, רעגענסבורג), פֿון ריינלאַנד (וואָרמס, שפּײַער) און עלזאַס (קאָלמאַר, שטראַס־בורג א"אַ) פֿיגורירן אין אַזעלכע געשעפֿטן ווי אַן אָביעקט פֿון קויף און פֿאַר־קויף, פֿון משכּון און קאָנצעסיע, דערבײַ רופֿט אָן דער קיסר זײַן סחורה פּראָסט און פּשוט: meine Kammerknechte. אין די ווענדונגען צו די קהילות גופֿא בײַ אַזאַ געלעגנהייט רופֿט ער זיי פֿרײַנדלעך meine lieben Kammerknechte (למשל אין פֿראַנקפֿורט דמײַן).

אין אַ סך ערטער זײַנען ייִדן געווען מחוייבֿ צו צאָלן צינז גלײַכצײַטיק צו פֿאַרשיידענע שׂררות. צוזאָגנדיק זײַן „באַזונדערן שוץ" די ייִדן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין שטראַסבורג, רעדט דער קיסר אויס פֿאַר זיך אַ יערלעכן אָפּצאָל פֿון 60 מאַרק זילבער (1330), און דערנאָך נעמט פֿון זיי דער שטאָ־טישער מאַגיסטראַט אַ באַזונדער אָפּצאָל לטובֿת דער שטאָט, דערבײַ ווערן זיי דורך דעם ניט באַפֿרײַט פֿון אַ ספּעציעלן שטײַער לטובֿת דעם אָרטיקן ביסקופּ. אַזוי אַרום זײַנען די ייִדן פֿון שטראַסבורג צינזצאָלערס פֿון דרײַ „שוצהאַרן". בכּלל איז דער קיסר געווען אַ וותרן אויפֿן חשבון פֿון ייִדיש האָב־און־גוטס. דעם בורגגראַף יאָהאַן אין נירנבערג, וואָס האָט זיך בײַ אים פֿאַר עפּעס דערדינט, האָט דער קיסר אָפּגעגעבן אַ גרויסע גרופּע ייִדן, און אַז דער גראַף האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן די חובֿות וואָס ער איז געווען שולדיק ייִדן, האָט לודוויג דערקלערט די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע פֿאַר געזעצלעך, מחמת די ייִדן געהערן צום קיסר און צו איטלעכן, וועמען ער טרעט זיי אָפּ „מיט גאָר זייער לײַבֿ און גוטס" (mit Leib und Gut), און ממילא מעג דער האַר טון מיט זיי אַלץ וואָס אים איז ווויל געפֿעלן (1343).

www.libtool.com.cn

אין יאָר 1342 האָט לודוויג דער בײַער, ניט באַפֿרידיקט מיט די פֿאַרשיידענע מינים אָפּצאָלן פֿון די קהילות, אײַנגעשטעלט פֿאַר יידן אַ פּערזענלעכן קאָפּשטײַער, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „דער גילדענער קרבן-פֿעניג" (der güldne Opferpfennig). אין דער גאַנצער דײַטשער אימפּעריע האָט איטלעכער ייִד, מאַן אָדער פֿרוי, וואָס זײַנען געווען אַלט איבער 12 יאָר און וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַן אײַגנס פֿון איבער צוואַנציק גולדן, געמוזט צאָלן אין דער קיסרלעכער קאַסע יערלעך צו איין גולדן. דער דאָזיקער שטײַער, וואָס איז פֿאַר פֿאַרמעגלעכע מענטשן ניט געווען צו פֿיל שווער, איז על-פּי געווען בדלות צו שטעלן אָרעמע משפּחות. מעלדנדיק דער באַפֿעלקערונג וועגן אײַנפֿירן דעם נײַעם שטײַער, לאָזט לודוויג וויסן, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען לויט אַ הסכם מיט די ייִדישע קהילות, וואָס ער וועט זיי פֿון איצט אָן באַזונדערס באַשיצן. און די קהילות האָבן טאַקע זיך געניייטיקט אין אַ באַזונדערן שוץ קעגן די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געמערט, און דעריבער האָבן זיי מסכּים געווען צו נעמען אויף זיך אַ נײַעם אָפּצאָל, וואָס וואָלט אַגב געוואָרן אַרויפֿגעלייגט אויף זיי אויך אָן זייער הסכם.

מיט צוועלף יאָר פֿריִער, איידער עס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן דער אָפּפער-פֿעניג, האָט אין דײַטשלאַנד זיך אָנגעהויבן אַן אַנטי-ייִדישע באַוועגונג, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער גזרת רינדפֿלייש (§ 23). אין פֿראַנקען האָבן עפּעס אַגיטאַטאָרן אָנגעהויבן רופֿן די פּויערים צו אַ קרייצצוג קעגן ייִדן. פֿון דאָרפֿישן און שטאָטישן פּעוול האָבן זיך צונויפֿגעשטעלט באַנדעס, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן „ייִדן-שלעגערס" (Judenschläger). אין יאָר 1336 זײַנען פֿאָרגעקומען אָנפֿאַלן אויף ייִדן אין מערגענהיים, ראָטנבורג און אין קרײַז פֿון נירנבערג. אַ יאָר שפּעטער זײַנען געשטאַנען אין סכּנה די גרויסע קהילה אין פֿראַנקפֿורט-דמײַן און די שכנישע קהילות. נאָר דער קיסר לודוויג האָט שטרענג אָנגעזאָגט די אָרטיקע שׂררות, בפֿרט דעם פֿראַנקפֿורטער מאַגיסטראַט, זיי זאָלן ניט דערלאָזן צו קיין עקסצעסן.

אין גיכן איז געוואָרן אַ געפֿערלעכער צענטער פֿאַר דער אַנטי-ייִדישער באַוועגונג אין עלזאַס. דאָ האָט עפּעס אַ בעל-הבית פֿון אַן אַכסניא צימבערלין אָרגאַניזירט אַ באַנדע „ייִדן-שלעגערס", וואָס האָבן זיך גערופֿן „אַרמלעדער", ווײַל זיי האָבן געטראָגן לעדערנע פּאַסן אויף די אַרבל פֿון זייערע בגדים. דער אָנפֿירער פֿון דער באַנדע האָט זיך גערופֿן דער „קיניג פֿון די אַרמלעדער". באַוואָפֿנט מיט פּיקעס, העק און גראַבלעס, האָבן די באַנדעס גרופּעסווײַז זיך צעשאָטן איבער עלזאַס און האָבן אין משך פֿון צוויי יאָר (1337—38) גערויבט און געשלאָגן ייִדן אונטערן צייכן פֿון קרייץ, מיט געשרייען פֿון נקמה פֿאַר קריסטוסן. טייל ייִדן האָבן זיך געשמדט, בכדי צו ראַטעווען זיך, אַנדערע האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, בכדי „זיך ניט

www.libtool.com.cn

מטמא צו זײַן“. 1 אַ סך ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער באַפֿעסטיקטער שטאָט קאָלמאַר, ווו די בירגער זײַנען געווען גרייט זיי צו באַשיצן. די ווילדע אַרמלעדערס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און פֿאַרוויסט די סבֿיבֿה, און נאָר די ידיעה, אַז עס דערנענטערט זיך קיסרלעך מיליטער, האָט זיי געצוווּנגען אָפּצוטרעטן. אַ דאַנק דער אַרײַנמישונג פֿון די עלזאַסער פֿעאָדאַלן און ריטערס, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז די פּויערשע באַוועגונג זאָל זיך ניט אַ ווענד טון קעגן די פּריצים, זײַנען די רויבער-באַנדעס געוואָרן צעטריבן. אײן מקור דערציילט, אַז דעם „קיניג פֿון די אַרמלעדערס“ האָט מען געכאַפּט און באַשטראָפֿט מיט טויט, לויטן באַפֿעל פֿון קיסר לודוויג; לויט אַנדערע ידיעות האָט מען אים באַגנעדיקט, נאָך דעם ווי ער האָט צוגעזאָגט, אַז זײַן באַנדע וועט אין משך פֿון צען יאָר ניט טשעפּען ייִדן.

פּונקט ווי אין רינדפֿליישס צײַטן האָט ווי איינער פֿון די אויסריידן אָנצופֿאַלן אויף ייִדן געדינט די באָבע-מעשׂה וועגן דעם, אַז זיי פֿאַרשוועכן אַ האָסטיע, דעם סימבאָל פֿון קריסטוסעס לײַב. אין דעגענדאָרף, אין בײַערן, האָבן שלעכטע מענטשן פֿונאַנדערגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן געגנבֿעט אין אַ קירך אַ האָסטיע און געשטאָכן זי מיט אָלן און געריסן מיט דאָרן-שטעכלקעס, און דערפֿון איז געשען אַ נס: פֿון דעם קוכן האָט גענומען רינען בלוט. אויפֿגערייצט דורך די דאָזיקע קלאַנגען, איז דער המון, לויט אַ סיגנאַל פֿון קלינגען אין די קירכנגלעקער, אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדישע אײַנוווינער פֿון דעגענדאָרף, אויסגעהרגעט זיי, אונטערגעצונדן די הײַזער, צעראַבירט דאָס אייגנס (30 סעפּטעמבער 1337). פֿאַרן אָנגערויבטן געלט איז אין דער שטאָט אויסגעבויט געוואָרן אַ קירך צום אָנדענק פֿון געשעענעם מופֿת. די שטיקלעך פֿון דער צעשטאָכענער האָסטיע זײַנען געבליבן ליגן אין דער דאָזיקער קירך, און אין משך פֿון יאָרהונדערטער האָבן אָט די שטיקלעך קוכן צוגעצויגן אַהין מאַסן גאָטבעטערס. אויף איינעם פֿון די זײַלן פֿון דער קירך איז געוואָרן אויסגעקריצט אַן אויפֿשריפֿט אין דײַטשע גראַמען, וואָס איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג:

Anno 1337, den nächsten Tag nach Michaelis Tagen
Do wurden die Juden geschlagen,
Die Stadt sie anzunden. Do war Gottes Leichnam funden
Das sahn Frau und Mann. Do hub man Gotteshaus zu bauen an. 2

---

1 פֿון די פּאָגראָמירטע עלזאַסער קהילות ווערן אָנגערופֿן אין די אַקטן רופֿאַך, ענזיסהיים, מילהויזן. אין ארכיוו פֿון דער שטאָט רופֿאַך איז געבליבן אַ פֿאַרשרײַבונג: „אין יאָר 1338 נאָך קריסטוס, אין טאָג פֿון דער באַקערונג פֿון הלי׳ פּוילוס, זײַנען דאָ אויסגעהרגעט געוואָרן אַלע ייִדן.“

2 „אין יאָר 1337, דעם צווייטן טאָג נאָך דעם טאָג פֿון מיכעלים זײַנען דאָ בעהרגעט

www.libtool.com.cn

די שחיטה האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט איין אָרט. מען האָט געראַבעוועט און געהרגעט יידן אין פאַרשיידענע שטעט פון בײַערן, עסטרײַך און ביימען. אין פאַרשיידענע ערטער האָט דאָס פאָלק געשמועסט וועגן „מופתדיקע האָסטיעס", וואָס זײַנען ערגעץ ווו געפונען געוואָרן, און יידן האָבן זיי „צעבלוטיקט". אויפן יסוד פון גראָבער אײַנגלייבעניש האָבן זיך אויסגעמעלט פאַנטאַסטישע בלוטיקע בילדער, איז צעקאַלטשעט געוואָרן דאָס רעליגיעזע געפיל און אויפגעוועקט אין פאָלק חיהשע אינסטינקטן. אויך אין עסטרײַך האָבן זיך באַוויזן מופתדיקע האָסטיעס, וואָס צו זיי זײַנען זיך צונויפגעקומען מאַסן גאָטבעטערס, וואָס זײַנען יעדער רגע געווען גרייט מגולגל צו ווערן אין „יידן-שלעגערס". הערצאָג אַלברעכט II פון עסטרײַך, וואָס האָט ניט געגלייבט אין דעם אומגעלומפּערטן קלאַנג, האָט זיך געווענדט צום פּויפּס בענעדיקט XII מיט דער בקשה צו באַרויִקן די אויפגעהעצטע ליידנשאַפטן פון די גלייביקע. האָט דער פּויפּס אָנגעזאָגט דעם ביסקופּ אין דער דיאָצעזע פון פּאַסוי, ווו אָט די „מופתים" זײַנען געשען, ער זאָל אויספאָרשן די זאַך, און אויב די יידן וועלן זיך אַרויסווײַזן אומשולדיק, זאָל ער אָנגעמען מיטלען, אַז אַזעלכע באַשולדיקונגען זאָלן זיך ניט איבערחזרן. נאָר אויך דאָס וואָרט פון דעם ראָש פון דער קירך איז געווען אָנמעכטיק קעגן דעם אומוויסן פון פאָלק, וואָס איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן דערפאַר, ווײַל דאָס האָט אַ סך געלוינט: די אָרטיקע שׂררות האָבן גלײַכצײַטיק געקראָגן צינז פון די טעראָריזירטע יידן פאַרן „שוץ" און פון די פּאָגראָם-מאַכערס פאַר דער אַמנעסטיע, און די גײַסטלעכקייט איז נתעשר געוואָרן פון די מתנות פון די גאָטבעטערס, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אין די „הייליקע ערטער".

לויטן געזעץ האָבן די שטאָט-פאַרוואַלטונגען געמוזט ענטפערן פאַרן קיסר פאַר דערלאָזן אַנטי-יידישע פּאָגראָמען, מחמת דורך דעם איז געשעדיקט געוואָרן דעם קיסרס אייגנטום, און אויף די שטעט, ווו עס פלעגן פאָרקומען די פּאָגראָמען, פלעגט מען געוויינטלעך אַרויפלייגן אַ געלטשטראָף לטובת דעם קיסר. מיט די דאָזיקע שטראָפן פלעגן די בירגער זיך אויסקויפן ניט בלויז פאַר פּאַסיוו צוזען די אָנפאַלן, נאָר אויך פאַר אַקטיוון אָנטייל אין די פּאָגראָמען. די קיסרים און פירשטן פלעגן אין אַזעלכע פאַלן געבן אַ פולע אַמנעסטיע די בירגער פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל. נאָך דער גזרה פון די אַרמלעדערס האָט לודוויג דער בײַער מיט אַ ברייטער האַנט באַטיילט די עלזאַסער שטעט מיט געשריפטסן וועגן באַגנעדיקונג. באַקומען פון די בירגער פון מילהויזן טויזנט ליוורעס, האָט ער זיי אַרויסגעגעבן אַזאַ כתב: „דערמיט לאָזן מיר וויסן, אַז דער ראָט און די בירגער פון מילהויזן זײַנען

---

געוואָרן יידן, די שטאָט אונטערגעצונדן, דאָ האָט מען געפונען גאָטס לײַב, דאָס האָבן געזען פרוי אין מאַן, דאָ האָט מען אָנגעהויבן בויען גאָטס הויז".

www.libtool.com.cn

געקומען צו אַ פרײַנדלעכן הסכם מיט אונדז אַט וועגן וואָס: זיי גיבן אונדז טויזנט פונט אין דער אַלטער באַזעלער מטבע פאַר אַלע תּביעות, וואָס מיר קאָנען אַרויסשטעלן צו זיי וועגן דערהרגענען ייִדן פון מילהויזן אָדער וועגן זייער אָנגעטאָנע היזקות און שעדיקונגען. פון אונדזער זײַט טרעטן מיר אָפּ די באַצייכנטע בירגער, אויף צו דעקן די סומע, וואָס זיי האָבן זיך מתחייב געווען אונדז צו געבן, אַלע פאַרמעגנס פון די ייִדן וואָס זײַנען דערהרגעט געוואָרן אין שטאָט, הײַנו הײַזער, הויפן, פאַרמשכּנטע זאַכן וכדומה. ווען זיי וועלן אָפּצאָלן אונדז טויזנט פונט, וועלן אַלע אײַנוווינער פון מילהויזן זײַן פּטור פון באַצאָלן אַלע חובות, וואָס האָבן געקומט די דערהרגעטע ייִדן". אָט דאָס איז געווען דער פּרײַז פאַרן ייִדישן בלוט! פּונקט אַזעלכע אינדולגענציעס האָט דער קיסר פאַרקויפט אויך אַנדערע שטעט.

מער ניט דער הערצאָג פון עסטרײַך אַלברעכט II האָט אַרויסגעוויזן אַ מער מענטשלעכע באַציִונג צו ייִדן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי ווײַט פון אײַנגלייבעניש, אַז אין זײַן בריוו צום פּויפּס האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם ניכטערן חשש: צי מאַכן ניט די גײַסטלעכע קיין פעלשונג און באַשמירן די האָסטיעס מיט בלוט, בכדי צו פאַרדרייען דעם פאָלק די קעפּ מיט מופתים און אָנרייצן זיי אויף ייִדן. אונטער אַזאַ רעגירער האָט אין עסטרײַך אָפּגע-גליקט אָפּצושטעלן די פּאָגראָם-מגפה, וואָס האָט זיך געריסן אַהין פון דעם שכנישן בײַערן, דעם הויפּטפּלאַץ, וווּ עס האָבן געווילדעוועט די „ייִדן-שלעגערס“.

## § 44. דער שוואַרצער טויט (1348–49)

די פּסיכישע מגפה פון דער ייִדן-פײַנטשאַפט האָט דערגרייכט צו דער לעצטער שפּאַנונג אין יאָר 1348, ווען אין אייראָפּע האָט זיך באַוויזן איינע פון די שרעקלעכסטע פיזישע מגפות: די פון די מזרח-לענדער פאַרטראָגענע פּעסט, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען „שוואַרצער טויט“. די פּעסט האָט אומעטום אָנגעמאַכט מוראדיקע חורבנות. עס זײַנען אומגעקומען מיליאָנען מענטשן, עס זײַנען אויסגעשטאָרבן שטעט גאַנצע, מדינות. מען איז משער, אַז אין משך פון צוויי-דרײַ יאָר האָט דער „שוואַרצער טויט“ צוגענומען אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג פון אייראָפּע. מענטשן זײַנען אַראָפּ פון זינען פון שרעק. דער עם-הארצישער המון, וואָס האָט ניט געהאַט קיין השגה, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מגפה, האָט אויפגעכאַפּט מיט חשק די סאַמע ווילדסטע קלאַנגען וועגן אירע סיבות, דער אָבערגלויבן האָט די מאַסע געמאַכט ווילד און געטריבן צו פאַרברעכנס. אין יענעם מאָמענט איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ טײַוואָלאָנישער קלאַנג, אַז די מגפה האָבן אַרויסגעבראַכט די ייִדן, וואָס

www.libtool.com.cn

פֿאַרסמען דאָס וואַסער אין די ברינעמער און טײַכן, בכדי צו פּטרן די קריסטן. דאָס איז געווען ווי אַ פֿונק אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ הויפֿן פּולווער. עס איז געקומען אַן אויפֿרײַס פֿון דעם פֿאָלקס גרימצאָרן קעגן ייִדן. אָט די אויסטראַכטעניש, וואָס איז ענלעך צו דער מעשׂה מיט דער „גזרת המצורעים" אין פֿראַנקרײַך (§ 39), האָט די קריסטלעכע מאַסע אויפֿגענומען ווי אַ זיכערן פֿאַקט ניט געקוקט אויף גאָר איר אומגעלומפּערטקייט, וואָרעם ייִדן האָבן דאָך געטרונקען דאָס זעלביקע וואַסער און זײַנען אויך געשטאָרבן פֿון דער פּעסט. דער חשד קעגן די כּלומרשטע גיפֿטמישערס האָט ערטערווײַז זיך געהאַלטן מחמת דעם, וואָס די שטאַרביקייט פֿון דער פּעסט איז צווישן ייִדן געווען קלענער ווי צווישן קריסטן, — דאָס האָט געלאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס ייִדן האָבן געפֿירט אַ לײַטישערן שטייגער לעבן, זײַנען געווען אײַנגעהאַלטן, ניכטער, אויך זײַנען זיי בעסער אַרומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע. אויף אַ שטיק צײַט האָט די נײַע פֿאַנטאַזיע פֿאַרכאַפּט די געמיטער, וואָס האָבן אָקערשט זיך געשפּײַזט מיט די באָבע-מעשׂיות וועגן פֿאַרפּײַניקטע קינדער און בלוטפֿלייציקע האָסטיעס. דער בילבול איז געוואָרן אַ פּסיכישע מגפֿה, וואָס האָט פֿאַרסמט די נשמות פֿון די קריסטלעכע מאַסן.

די שרעקלעכע לעגענדע האָט זיך פֿאַרשפּרייט צו ערשט אין דרום-פֿראַנקרײַך און אין די שכנישע שפּאַנישע געגנטן, ווו די עפּידעמיע איז אויסגעבראָכן אין פֿרילינג 1348. אָבער דאָ האָט זי אַרויסגערופֿן נאָר ספּאָראַדישע עקסצעסן קעגן ייִדן (§§ 36 און 39). עס קאָן זײַן, אַז דאָ האָט געווירקט אויף די געמיטער די בולע פֿונעם פּויפּס קלעמענס VI פֿון אַוויניאָן, וואָס האָט פֿאַרבאָטן צו טייטן ייִדן אויפֿן סמך פֿון ניט-קאָנטראָלירטע קלאַנגען (יולי 1348). נאָר אין אַנדערע ערטער האָט מען זיך געפֿלײַסט צו מאַכן פֿון אָט דעם אומזיניקן חשד אַ דערוויזענעם פֿאַקט דורך אָנווענדן דעם אויסגעפּרוווטן אַפּאַראַט פֿון עינויים וואָס האָט עקסיסטירט אין די דעמאָלטיקע געריכטן. אין סאַוואָיע און אין דער שווייץ, ווו עס האָבן זיך געפֿונען דעמאָלט קליינע ייִדישע קהילות (זינט 1306 זײַנען געקומען אַהין פֿאַרטריבענע פֿון פֿראַנקרײַך), האָט מען צו ערשט אויף אָט דעם וועג „אַרויסגעשלאָגן דעם אמת". לויטן באַפֿעל פֿון דעם הערצאָג פֿון סאַוואָיע אַמאַדעי זײַנען געוואָרן אַרעסטירט ייִדן אין שאַמבערי, שילאָן און אַנדערע ערטער אויפֿן ברעג פֿון זשענעווער אָזערע. מען האָט זיי געפּײַניקט מיט אַזעלכע שווערע עינויים, אַז איינער פֿון זיי, דער ייִדישער כירורג באַלאַוויני, וואָס איז פֿון ווייטאָג אַראָפּ פֿון זינען, אָדער ער האָט געוואָלט וואָס גיכער שטאַרבן, האָט זיך מודה געווען אין אַלצדינג, וואָס מען האָט אים אויסגעפֿרעגט. די הודאה איז געווען, אַז כּלומרשט זאָלן דרײַ ייִדן, איינער יעקבֿ פּאַסקאַטע, אַ געקומענער פֿון טאָלעדאָ, דער רבֿ פֿון שאַמבערי און נאָך איינער אַ רײַכער ייִד,

www.libtool.com.cn

זײַן די אויספֿירערס פֿון אַ פֿאַרשווערונג, וואָס ייִדן האָבן געמאַכט אויף צו פֿאַרטיליקן קריסטן. זיי זאָלן כּלומרשט האָבן פֿונאַנדערגעשיקט צו זייערע פֿאָלקסברידער אין פֿאַרשיידענע ערטער זעקלעך מיט סם־המות, כּדי צו פֿאַרסמען דאָס וואַסער אין די ברונעמער. דער סם איז באַשטאַנען פֿון עפּעס אַ משונהדיקער געמישעכץ, וואָס האָט אַרײַנגענומען אויסגעטריקנטע קערפּערס פֿון שלאַנגען, פֿרעש און סקאָרפּיאָנען, טייג פֿון האָסטיעס און פֿלייש פֿון הערצער פֿון קריסטן. די דאָזיקע הודאות, וואָס זײַנען אַרויסגעפּרעסט געוואָרן דורך עינויִים, ווי אומגעלומפּערט זיי זײַנען געווען אין זייער ווילדקייט, זײַנען דאָך אָנגעגאַנגען פֿאַר ערנצטע באַווײַזן, און אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון סאַוואָיִע האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט שײַטער־הויפֿנס, וואָס מען האָט אויף זיי געברענט ייִדן (סעפּטעמבער 1348).

פֿון דאַנען איז די מגפֿה פֿון דעם בילבול צוזאַמען מיט דער עפּידעמיע גופֿא אַריבער קיין צפֿון, אין דער שווייץ. אין קאַנטאָן אַרגוי און אין בערן זײַנען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען האָט געכאַפּט גיפֿטמישערס. די מיטגלידער פֿון דעם שטאָטראַט פֿון בערן האָבן אַוועקגעשיקט בריוו צו די שטאָטראַטן פֿון באַזעל, פֿרײַבורג און שטראַסבורג, אָנצוזאָגן זיי, אַז ייִדן „וואַרפֿן אומעטום פֿונאַנדער סם". אין ציריך האָט מען פֿאַרברענט עטלעכע „שולדיקע" ייִדן און די איבעריקע האָט מען פֿאַרטריבן. אין קאָנסטאַנץ, שאַפֿהויזן, איבערלינגען און אַנדערע שטעט אַרום דער באָדענער אָזערע האָט מען ייִדן געברענט, געהאַנגען, גערעדערט. אין קאָנסטאַנץ האָט איין ייִד, וואָס האָט מחמת יאוש אָנגענומען קריסטנטום, תּיכּף חרטה געהאַט, אונטערגעצונדן זײַן הויז און איז דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, און פֿון די פֿלאַמען אַרויס האָט ער געשריִען: „זעט, איך שטאַרב אַ ייִד!" אין סעפּטעמבער האָט דער פּויפּס ווידער זיך געווענדט צו דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט מיט אַ בולע, וואָס האָט באַוויזן די אומגעלומפּערטקייט פֿון דער באַשולדיקונג וואָס מען וואַרפֿט אַרויף אויף ייִדן און האָט דערמאָנט, אַז די כּלומרשטע אַרויסברענגער פֿון דער מגפֿה שטאַרבן אַליין פֿון איר, און אַז די פּעסט ווילדעוועט אויך דאָרט, ווו קיין ייִדן זײַנען ניטאָ. נאָר די שׂכלדיקע סבֿרות פֿון דעם ראָש פֿון דער קאַטוילישער וועלט האָבן ניט געקאָנט ווירקן אויף די מאַסן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אַ פּסיכישער קרענק פֿון י ו ד אָ פֿ אָ ב י ע, וואָס מען האָט געמעגט אויסטײַטשן „ייִדנשרעק". די דאָזיקע קרענק האָט געווירקט פּונקט אַזוי סטיכיש, ווי די הידראָפֿאָביע (וואַסערשרעק) ווירקט בײַ מענטשן אײַנגעביסן פֿון אַ משוגענעם הונט.

די מאוימדיקסטע מעשׂים זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן אין דער גזרה פֿון „שוואַרצן טויט" אין די שטעט פֿון דײַטשלאַנד, וווּ די עפּידעמיע האָט זיך

www.libtool.com.cn

אָנגעהויבן סוף 1348 און האָט געווילדעוועט דאָס גאַנצע יאָר שפּעטער. דאָ האָט די קריסטלעכע מאַסע צום טייל מיט אַן אמת געגלייבט, צום טייל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי גלייבט אין דער באָבע-מעשׂה, אַז ייִדן האָבן אָפּגעסמט די וואַסערן אויף דער גאַנצער שטרעמונג פֿון דעם ריין און פֿון דעם דונאַי, אין אַלע ריטשקעס און קרעניצעס. זיי האָט ניט געלייגט קיין אַכט ניט אויף די בולעס פֿון פּויפּס, ניט אויף די התראות פֿון דעם נײַעם קיסר, קאַרל IV (1347—78), אַז ער וועט אויפֿמאָנען פֿון די שטעט פֿאַר די היזקות, וואָס די מלוכה וועט האָבן פֿון אויסהרגען ייִדן און צעראַבירן זייער אייגנס. דײַטשלאַנד איז דעמאָלט געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אַ רעליגיעזן שגעון. איבער די שטעט זײַנען אַרומגעגאַנגען פּראָצעסיעס פֿון אויפֿגערייצטע פֿאַנאַטיקער, אַזוי גערופֿענע „פֿלאַגעלאַנטן" (מלקות-שלעגערס), וואָס האָבן מיט באַנומענע קולות געשריִען, אַז מען מוז תּשובֿה טון כּדי אָפּצוּווענדן גאָטס צאָרן, זיך געלייגט אויף דער ערד אין מיטן גאַס און געהייסן זיך שמײַסן איבערן נאַקעטן לײַב, וואָס איז געווען צעשטאָכן מיט נעגל און שטעכלקעס. גלײַכ-צײַטיק מיט דער פּײַניקונג פֿון די בעלי-תּשובֿה איז געגאַנגען אַ פּײַניקונג פֿון ייִדן. עס האָבן ניט געהאָלפֿן די וואָרענונגען פֿון ניכטערע מענטשן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט, וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דעם מאַסן-פּסיכאָז. די שטאָטראַטן פֿון באַזעל, פֿרײַבורג, שטראַסבורג און קעלן זײַנען געווען מסופּק, צי די ייִדן זײַנען שולדיק. דער קעלנער ראַט האָט געשריבן צום שטראַסבורגער, אַז ער האַלט די פּעסט פֿאַר אַ „פּלאָג פֿון גאָט" (plaga Dei) און ער האָט בדעה צו באַשיצן ייִדן קעגן עקסצעסן, וואָס קאָנען ברענגען צו אַ פֿולן חורבן פֿון לאַנד.

אין עלזאַס, וואָס האָט פֿאַר קורצן איבערגעלעבט די באַוועגונג פֿון די אַרמלעדערס, איז די פֿראַגע וועגן דער שולד פֿון די ייִדן געווען באַזונדערס ברענענדיק, און אין ש ט ר אַ ס ב ו ר ג האָט געפֿלאַקערט אַ קאַמף פֿון פּאַרטייען. דער בירגערמײַסטער פֿון שטאָט קאָנראַד ווינטערטור און צוויי מיטגלידער פֿון ראַט, דער ריכטער שטורם און דער עלטסטער פֿון די האַנטווערקער שוואַרבער, האָבן פֿאַרטיידיקט די ייִדן, נאָר דאָס רובֿ פֿון דער באַפֿעלקערונג, בפֿרט די בעלי-מלאָכות, זײַנען געווען קעגן זיי. דאָ האָבן פֿון הינטער דער מאַסקע פֿון רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם אַפּירגעקוקט די נידעריקסטע גלוסטעניש. די איינע האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון ייִדן דורך פֿאַרטיליקן אָדער פֿאַר-טרײַבן זיי, בכדי ניט צו דאַרפֿן באַצאָלן די חובֿות די קרעדיטאָרן און באַקומען צוריק זייערע משכּנות; אַנדערע האָבן געהאָפֿט אויפֿצוקויפֿן פֿאַר וואָלוול אָדער צוצונעמען גאָר אומזיסט ייִדישע הײַזער און אייגנס.

היות ווי די „ייִדישע פֿראַגע" אין אָט דער פֿאָרם האָט אַרויסגערופֿן אַ קאַמף פֿון פּאַרטייען אין אַ סך ערטער, דעריבער האָט דער שטראַסבורגער

www.libtool.com.cn

ראַט צונויפֿגערופֿן דעלעגאַטן פֿון אַנדערע שטאָטישע ראַטן צוזאַמען מיט פֿאָרשטייערס פֿון דעם אַדל און פֿון דער גײַסטלעכקייט אויף אַ באַראַטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער עלזאַסער שטאָט בענפֿעלד (יאַנואַר 1349). דאָ האָבן די אָנגערופֿענע פֿאָרשטייערס פֿון שטראַסבורג אויפֿגעוויזן, אַז ייִדן האָבן קיין שײַכות ניט צו דער פּלאָג וואָס איז באַפֿאַלן דאָס לאַנד, און האָבן געפֿאָדערט שוץ פֿאַר די גערודפֿטע, זיי זײַנען אָבער געבליבן אין מינאָריטעט. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו רודפֿן די ייִדן און צו פֿאַרטרײַבן זיי פֿון די שטעט פֿון עלזאַס און פֿון ריינלאַנד. אין שטראַסבורג האָט די ייִדנפֿײַנטלעכע מערהייט אַראָפּגעזעצט פֿון זייערע פּאָסטנס די דרײַ הומאַנע מיטלידער פֿון מאַגיסטראַט און פֿאַרביטן זיי דורך אירע אָנהענגער. דער גזר=דין אויף דער ייִדישער קהילה איז געווען באַשטימט. אַלע ייִדן, סך=הכּל 2000 נפֿשות, האָט מען צונויפֿגעטריבן אויפֿן בית=עולם און אײַנגעשלאָסן אין אַ גרויסן הילצערנעם שײַער, וואָס איז געוואָרן אונטערגעצונדן פֿון אַלע זײַטן. די אומגליקלעכע זײַנען אומגעקומען אין פֿײַער, חוץ עטלעכע, וואָס האָבן מסכּים געווען זיך צו שמדן און זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פֿון דעם פֿלאַמענדיקן שײַטער=הויפֿן (14 פֿעברואַר). דאָס אייגנס פֿון די דערהרגעטע איז געוואָרן צעטיילט צווישן די שטאָטלײַט, וואָס האָבן טאַקע צוליב אָט דעם זאַקרויב אָנגעמאַכט אָט דעם „ייִדנבראַנד". אַ דײַטשער כראָניסט פֿון יענער צײַט שרײַבט: „אָט טאַקע דערין [אין דעם ווילן נהנה צו זײַן פֿון ייִדישן האָב=און=גוטסן] האָט געשטעקט יענער סם, וואָס האָט אומגעבראַכט די ייִדן", און אַ צווייטער כראָניסט איז מוסיף: „דו ווילסט וויסן, וואָס האָט אומגעבראַכט די ייִדן? דאָס איז די גערעכטיקייט פֿון די קר'סטן". דער נײַער שטאָטראַט האָט באַשלאָסן ניט אַרײַנצולאָזן מער קיין ייִדן צו וווינען אין שטראַסבורג אין אַ משך פֿון 100 יאָר.

דעם מוסטער האָבן נאָכגעמאַכט אויך אַנדערע שטעט פֿון עלזאַס. אין קאָלמאַר איז ביזן הײַנטיקן טאָג פֿאַרבליבן אַן אָרט, וואָס הייסט „ייִדנלאָך", ווו מען האָט ייִדן פֿאַרברענט אויף אַ שײַטער=הויפֿן בעת דעם שוואַרצן טויט. אין שלעטשטאַט איז די ייִדישע קהילה געוואָרן צום טייל אויסגעהרגעט, צום טייל פֿאַרטריבן. אין בענפֿעלד האָט מען טייל פֿאַרברענט, די אַנדערע דערטרונקען אין אַ זומפּ. אין מילהויזן האָט מען אויסגעקוילעט אַלע ייִדן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן. אין אָבערענהיים האָט מען בײַ פֿינף פֿאַרמשפּטע ייִדן פֿאַרן טויט דורך עינויִים אַרויסגעריסן די הודאה, אַז זיי האָבן פֿאַרסמט דאָס וואַסער אין זיבן ברונעמער, וועגן דעם האָט דער שטאָטראַט באַלד געלאָזט וויסן דעם „ראַט פֿון פּערציק אויסגעקליבענע מכּוח די ענינים פֿון די ייִדן" אין שטראַסבורג, דאָס הייסט דער קאָמיטעט צו ליקווידירן דאָס ייִדישע אייגנס. אין אָט די אַלע שטעט זײַנען די שולן

www.libtool.com.cn

אַריבערגעגאַנגען אין רשות פֿון מאַגיסטראַט, דאָס אײגנס פֿון די אומגעקו־מענע און פֿון די פֿאַרטריבענע האָבן צעכאַפּט די שׂררות און ווער עס האָט געוואָלט פֿון די בירגער, און אַלע חובֿ־פֿאַרשרײַבונגען לגבי ייִדן זײַנען דערקלערט געוואָרן פֿאַר בטל ומבֿוטל.

באַלד איז אָנגעקומען די רײ צו די עלטסטע ייִדישע קהילות פֿון ריינלאַנד. די ריינישע שטעט, וואָס האָבן געזען די רציחות פֿון די ערשטע קרייצצוגן, זײַנען אויפֿס נײַ פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון די ווייגעשרייען פֿון ייִדישע קרבנות. די קהילה פֿון שפּײַער האָט געליטן נאָך אין אָנהייב פֿון דער באַוועגונג (יאַנואַר 1349). אין וואָרמס האָט דער שטאָטראַט באַשלאָסן צו פֿאַרברענען די ייִדן, זיך פֿאַררופֿנדיק אויפֿן כתבֿ פֿון דעם קיסר, וואָס האָט אָפּגעגעבן די ייִדישע קהילה אין גאַנצן אין רשות פֿון די בירגער. נאָר די ייִדן האָבן ניט געוואַרט אויפֿן טויט דורך דעם תּליונס האַנט, האָבן אַליין אונטערגעצונדן זייערע הײַזער און זײַנען אומגעקומען אין די פֿלאַמען (1 מאַרץ). אויף דער גרויסער קהילה פֿון מײַנץ האָט זיך געגרייט אַן אָנפֿאַל פֿון המון אין יענע טעג, ווען איבער דער שטאָט זײַנען געגאַנגען פּראָצעסיעס פֿון פֿלאַגעלאַנטן. דאָ האָט אַ טייל פֿון דער קהילה באַשלאָסן זיך אַנטקעגנ־צושטעלן מיט געווער קעגן די שׂונאים, און בעת דעם צוזאַמענשטויס האָט די ייִדישע אָפּטיילונג פֿון זעלבשוץ דערהרגעט אַ צוויי הונדערט מאַן פֿון די אָנפֿאַלנדיקע. דערמיט האָבן זיי פֿאַרשטייט זיך נאָך מער צעיושעט דעם בלוטדאָרשטיקן המון. אַז די ייִדן האָבן געזען, אַז קיין אויסגאַנג איז שוין ניטאָ, האָבן זיי אויך דאָ „געבראַכט אַ קרבן־עולה": האָבן אונטערגעצונדן זייערע הײַזער און זײַנען אַליין אומגעקומען אין פֿײַער. פֿון די פֿלאַמען אַרויס האָבן זיך געטראָגן צום הימל די תּפֿילות פֿון די קדושים. מען איז משער, אַז דאָרט זײַנען אומגעקומען אַן ערך 6000 מאַן (24 אויגוסט). אין דעם זעלביקן טאָג איז אומגעקומען אויך די אַלטע קהילה פֿון קעלן. דער קעלנער מאַגיסטראַט האָט ווי פֿריִער אָפּגעהאַלטן דעם פֿאַרביטערטן המון פֿון עקסצעסן, אָבער אײַנצאַמען די צעפֿלאַקערטע לײַדנשאַפֿטן איז ניט געווען מיגלעך. אין אָוונט איז דער ייִדישער קוואַרטאַל געוואָרן אײַנגענומען אין שטורעם, און אַ גאַנצע נאַכט און דעם טאָג דערויף איז דאָרט געגאַנגען די בלוטיקע סעודה פֿון די זיגערס; די ווייגעשרייען פֿון די פֿאַרפּײַניקטע קדושים האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ווילדע ברומערײַען פֿון די רוצחים, אונטערצינדערס און רויבערס. עס האָבן זיך געראַטעוועט גאָר ווינציק מענטשן, וואָס זײַנען אַנטרונען געוואָרן פֿון שטאָט.

דעם זעלביקן זומער זײַנען אויך חרובֿ געוואָרן די גרויסע קהילות פֿון ערפֿורט און פֿראַנקפֿורט־דמײַן. אין פֿראַנקפֿורט האָט קיסר קאַרל IV קורץ פֿאַרן פּאָגראָם אָפּגעשלאָסן מיטן שטאָטראַט אַן אָפּמאַך, וואָס לויט אים

www.libtool.com.cn

האָט ער אָפּגעטראָטן דער שטאָט „זײַנע קאַמערקנעכט“, די גאַנצע ייִדישע קהילה מיט אַלע הכּנסות פֿון איר, ביז וואַנען דעם מאַגיסטראַט וועט ניט ווערן אָפּגעצאָלט פֿאַר דער הלוואה, וואָס דער קיסר האָט פֿון אים פֿריִער געקראָגן, און דערבײַ איז אין אָפּמאַך געווען בפּירוש אויסגערעדט אַ תּנאַי, אַז דער שטאָטראַט איז פּטור פֿון דער אַחריות, טאָמער וועט מען די ייִדן אויסהרגען און באַראַבעווען. אַ חודש אַרום נאָך דער אָפּשליסונג פֿון אָט דעם אָפּמאַך (24 יולי 1349) זײַנען אין שטאָט אַרײַן געקומען באַנדעס פֿלאַגעלאַנטן, און דער פּעוול האָט תּיכּף זיך גענומען צו אַ פּאָגראָם. די בירגערשאַפֿט האָט געפּרווט באַשיצן די ייִדן ווי זייער אייגנס, נאָר די ייִדן וואָס האָבן שוין אויף קיין ראַטונעק ניט געהאָפֿט האָבן אונטערגעצונדן זייער קוואַרטאַל און אַ סך זײַנען אומגעקומען אין פֿײַער.

נאָך אין האַרבסט 1349 האָבן די נקמה־נעמערס פֿאַרן שוואַרצן טויט געווילדעוועט אין די שטעט פֿון ב ײַ ע ר ן. נירנבערג האָט געהאַט דעם זעלביקן שוואַרצן סוף וואָס פֿראַנקפֿורט: אויך דאָ האָט קאַרל IV אָפּגעגעבן די גרויסע ייִדישע קהילה אויפֿן פֿולן באַראָט פֿון דעם שטאָטראַט און האָט אים באַפֿרײַט פֿון יעטווידער אַחריות פֿאַר איר גורל. ווען די האַנטווערקער־צעכן און דער שטאָטישער המון־עם האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּאַטריציאַנישן שטאָטראַט, האָט מען זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די אומבאַשיצטע ייִדן ווי אין אַנדערע שטעט. פֿון די גרויסע קהילות אין בײַערן איז געבליבן גאַנץ משמעות נאָר די רעגנסבורגער, וואָס דער שטאָטראַט האָט זי מיט אַן אמת פֿאַרטיידיקט. אין מזרח־דײַטשלאַנד האָבן געליטן ברעסלע, קיניגסבערג און אייניקע שטעט פֿון דער מאַרק בראַנדנבורג. באַנדעס „ייִדן־שלעגערס“ האָבן זיך באַוויזן אויך אין ע ס ט ר ײַ ך, נאָר דאָ האָבן געליטן ווייניק קהילות. ווין האָט געליטן מער פֿון פּעסט ווי פֿון פּאָגראָם: פּאָגראָמירט האָט מען ייִדן אין קרעמס און נאָך אין אייניקע שטעט. הערצאָג אַלברעכט VI האָט געטאָן זײַן חובֿ און באַשיצט די ייִדן: ער האָט געהייסן באַשטראָפֿן מיט טויט די הויפּטמאַכערס פֿון די פּאָגראָמען און האָט אַרויפֿגעלייגט אַ געלטשטראָף אויף די שטעט ווו עס זײַנען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען – און דערפֿאַר האָבן די ייִדישע שׂונאים מיט ביטול אים אָנגערופֿן „באַשיצער פֿון די ייִדן“ (fautor judaeorum).

עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז קיסר קאַרל IV האָט אַזוי שלעכט באַשיצט זײַנע קאַמערקנעכט אין זײַנע אייגענע מדינות, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט זיך דערדינגען צו אַזאַ טיטל. מיר האָבן שוין געזען, ווי אַזוי דער קיסר האָט אין אייניקע שטעט פֿאַרקויפֿט די ייִדן צו די שטאָטראַטן, משמעות מיט דער כּוונה פּטור צו ווערן פֿון דעם דאָזיקן ניט־אַסעקורירטן אייגנס אין די יאָרן פֿון דער אַלגעמיינער שׂרפֿה. חוץ פֿראַנקפֿורט און נירנבערג, קאָן מען נאָך אָנווײַזן אויפֿן בײַשפּיל פֿון וואָרמס, ווו ניט לאַנג פֿאַרן פּאָגראָם האָט דער

www.libtool.com.cn

קיסר פֿאַרקויפֿט דער בירגערשאַפֿט די אָרטיקע ייִדישע קהילה „מיט אַלע נוצן און רעכט“ פֿון איר (die Juden und Judischheit mit ihrem Leib und Gut und mit allen Nutzen und Rechten). ווען די פֿאַרמשפּטע קהילות זײַנען אומגעקומען און האָבן איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, איז דער קיסר געקומען מיט תּביעות פֿון הויפּט־יורש. די שטאָטישע שׂררות, וואָס זײַנען על־פּי־רובֿ געווען שולדיק אין די פּאָגראָמען און האָבן געמוזט האָבן אַמנעסטיע, האָבן ניט אַנדערש געמוזט באַפֿרידיקן די פֿאָדערונגען פֿון דעם קיסר אָדער פֿון די פֿעאָדאַלן, וואָס האָבן געוואָלט זיך פֿאַרגיטיקן פֿאַרן אומקום פֿון דעם „לעבעדיקן איוועטאַר“ — די ייִדישע קהילות. בײַ דער חלוקה פֿלעגן אָפֿט אַרויסקומען סיכסוכים צווישן די צדדים, נאָך לאַנגע דינגעניש פֿלעגט מען צווישן זיך מושווה ווערן. געוויינטלעך פֿלעגט דאָס געלט און דאָס וויכטיקסטע פֿון דעם פֿאַרמעגן אָנקומען אויפֿן חלק פֿון דעם קיסר, פֿון דעם ביסקופּ אָדער גראַף, די הײַזער ווידער, די שילן און בתּי־מדרשים און די פּלעצער פֿון די בתּי־קבֿרות פֿלעגן ווערן דאָס אייגנס פֿון די מאַגיסטראַטן. לויט דער פֿאָדערונג פֿון דער גײַסטלעכקייט פֿלעגט מען אַ מאָל די שולן אַראָפּרײַסן און אויף זייער אָרט אויסבויען קירכן (נירנבערג א״אַ). דער קיסר האָט געטיילט אויף רעכטס און אויף לינקס כּתבֿים וועגן אַמנעסטיע די שטאָטראַטן און פּריוואַטע פּערזאָנען, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין די פּאָגראָמען, באַפֿרײַט קריסטן פֿון צו באַצאָלן ייִדן חובֿות, געשאָנקען ייִדיש גוטס צו פֿירשטן און ריטערס פֿאַר באַזונדערע פֿאַרדינסטן. פֿון דעם זעלביקן זאַקרויב האָט מען פֿאַרגיטיקט די בירגערס די היזקות פֿאַר זייערע הײַזער, וואָס זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן, בעת די ייִדן האָבן אונטערגעצונדן זייער אייגענעם קוואַרטאַל.

בעת דער ליקווידירונג פֿון דעם ייִדישן אייגנס אין שטראַסבורג איז פֿאָרגעקומען אַזאַ קוריאָז. צווישן די כּלים פֿון אַ שול האָט מען געפֿונען אַ זאַך, וואָס די גליקלעכע יורשים האָבן ניט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן מיט איר — דאָס איז געווען אַ שופֿר, וואָס מען בלאָזט אין אים אום ראָש־השנה. האָבן די בירגער באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַ האָרן, וואָס ייִדן האָבן אים געהאַלטן צוליב אַ סיגנאַל אויף איבערצוגעבן די שטאָט אַ שׂונא. האָט דער מאַגיסטראַט, אויף צו פֿאַראייביקן די ייִדישע רשעות און פֿאַלשקייט, געלאָזט פֿאַרטיק מאַכן צוויי טרומייטן פֿון בראָנזע לויטן מוסטער פֿון דעם געפֿונענעם שופֿר, און יעדן טאָג אום אַכט אַ זייער אין אָוונט און אום האַלבער נאַכט זאָל מען בלאָזן אין די טרומייטן כּדי צו דערמאָנען די אײַנוווינער וועגן דער פֿעלשונג פֿון די ייִדן און צו וואָרענען די ייִדן וואָס פֿאָרן דורך דער שטאָט, אַז זיי זאָלן תּיכּף־ומיד זיך אָפּטראָגן ווײַטער. מען זאָגט, אַז אָט די טרומייטן־קלאַנגען, די סיגנאַלן פֿון ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט האָבן זיך געלאָזט הערן אין שטראַסבורג אין משך פֿון פֿיר יאָרהונדערטער, אַזש ביז צו דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע.

www.libtool.com.cn

די שרעקלעכע גזרה פֿון שוואַרצן טויט האָט פֿאַרדאָרבן די נשמה, געטייט דעם געוויסן פֿון די פֿעלקער. די פֿיזישע פּעסט האָט אומגעבראַכט מענטשן, די פּסיכישע פּעסט האָט אומגעבראַכט די מענטשלעכקייט. דאָס ייִדנטום איז געווען די איינציקע גרופּע, וואָס איז געווען פֿרײַ פֿון אָט דער פּסיכישער מגפֿה און דער מיט איר פֿאַרבונדענער פֿאַרווילדערונג. אַ טיפֿער תּהום האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן יענע וואָס האָבן באַקרייצנדיק זיך געשאָכטן, געברענט, געטרענקט ייִדן און דערנאָך אויף זייערע פּגרים געטיילט דעם אָנגעראַבעוועטן זאַקרויב, און צווישן די טויזנטער פֿאַרפּײַניקטע קדושים, וואָס זײַנען מיט פּסוקים תּהילים אויף די לעפֿצן געגאַנגען צום טויט, אָפֿט געבראַכט זיך פֿאַר אַ „קרבן־עולה". הונדערטערווײַז האָבן זיך געוואָרפֿן אין פֿײַער מענטשן, אײַנגעהילט אין טליתים און תּכריכים; מוטערס האָבן מיטגענומען מיט זיך זייערע קינדער אין דעם פֿײַער פֿון די שײַטער־הויפֿנס, בכדי צו ראַטעווען זיי פֿון איבערגעוואַלדיקן שמד. די צאָל פֿון די געשמדטע אַפֿילו נאָר לפּנים וועגן בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן איז געווען אַ קליינע, און אין דעם איז געווען דער חילוק פֿון די דײַטשע ייִדן ביז די שפּאַנישע, וואָס האָבן אין יאָר 1391 ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון פֿון לפּנימדיקן שמד. אין דעם געוויין פֿון כּנסת־ישׂראל, אין די סליחות און קינות, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אויף די גזרות פֿון ק"ח און ק"ט פֿון אלף הששי, לאָזט זיך הערן דער ענטפֿער פֿון די פֿאַרפּײַניקטע קדושים דער פֿײַנטלעכער וועלט פֿון קבֿר אַרויס: „מען האָט אויף אונדז אויסגעטראַכט אַ בילבול בכדי אָנצופֿאַלן אויף אונדז. מען באַשולדיקט אונדז, אַז מיר האָבן געבראַכט סם אין אַ כּלי און האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער. נאָר אין דער אמתן האָט מען אונדז אָנגעטרענקט מיט ביטערן וואַסער... די שווערד האָבן אַרויסגעצויגן די רשעים און [אונדזער] בלוט אויסגעמישט מיט וואַסער..." גרויס איז געווען די גײַסטיקע קראַפֿט פֿון דער אומה, וואָס איז געווען בכּוח איבערצולעבן אַזאַ מאָמענט, ווען עס האָבן זיך פֿאַראייניקט די סטיכיע מיט מענטשן וואָס זײַנען אויך אַזוי בייז און בלינד ווי זי, בכדי אָפּצומעקן זי פֿון פּנים פֿון דער ערד. זי איז ניט אומגעקומען אויך אין די פֿלאַמען פֿון די נײַע שײַטער־הויפֿנס, אָט די סאַלאַמאַנדרע צווישן די אומות, וואָס איר סימבאָל איז דער סנה וואָס ברענט און ווערט ניט פֿאַרברענט.

## § 45. די רעסטאַוראַציע אין דײַטשלאַנד (1400–1350)

בײַ אַ דרײַ הונדערט ייִדישע קהילות זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן אין דער צײַט פֿון די פֿאָלקסאומרוען בעת דער עפּידעמיע פֿון „שוואַרצן טויט" — ווו עס זײַנען ייִדן אויסגעהרגעט געוואָרן און ווו פֿאַרטריבן געוואָרן. נאָר אויך די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט אין גיכן דערפֿילט אַלע רעזולטאַטן פֿון

www.libtool.com.cn

די איבערגעלעבטע שרעקלעכע גזרות. די עפּידעמיע וואָס האָט געדויערט צוויי יאָר האָט אומגעבראַכט אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג פון דײַטשלאַנד. די שטעט זײַנען געבליבן ליידיק און מענטשן און פאַראָרעמט. אַ בילד פון חורבן האָבן פאָרגעשטעלט אַ סך שטעט מיט צעשטערטע יידישע קוואַרטאַלן, ווו דאָס אינדוסטריעלע לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַנצן. דאָס וואָס יידן האָבן געפעלט האָט זיך געלאָזט גוט שפּירן. די מלוכישע און שטאָטישע שררות האָבן פאַרלאָרן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון הכנסות, און די באַפעלקערונג וואָס האָט זיך געניימיקט אין קליינעם קרע־דיט האָט מער ניט געהאַט די שטענדיק גרייטע צום דינען און געדולדיקע מלווים, וואָס אַן זיי האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין אין אַ תקופה, ווען עס זײַנען ניט געווען קיין עפנטלעכע קרעדיט־אינסטיטוציעס. אָט פאַר וואָס איז ווי באַלד די פּעסט איז אַריבער, האָבן די רעגירונג און די מאַגיסטראַטן פון דעם גרעסטן טייל שטעט באַשלאָסן צוריק אײַנצושטעלן די פריִערדיקע אָרדענונג. יידן האָט מען ווידער גענומען אַרײַנלאָזן אין יענע שטעט, ווו ניט לאַנג האָט מען זיי געשאָכטן, פון וואַנען מען האָט זיי פאַרטריבן אויף „אייביקע צײַטן". פעאָדאַלע פירשטן, ביסקופּן און מוניציפּאַלע שררות האָבן אַפילו שטאַרק געמאָנט די פּריווילעגיע צו האַלטן יידן (judaeos habere). די קורפירשטן האָבן זיך פאַר אויסגערעדט דאָס רעכט צו האָבן יידן ווי האַנדלס־צינזצאָלערס, אַזוי ווי דער קיסר. אַזאַ פּריווילעגיע האָט קאַרל IV געגעבן די זיבן קורפירשטן אין דער נײַער דײַטשער קאָנסטיטוציע, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „די גילדענע בולע" (1356). אין דעם אַרטיקל פון דער „גילדענער בולע", ווו עס איז די רייד וועגן דעם רעכט פון די קורפירשטן צו האָבן זייער אייגנס אין זייערע טעריטאָריעס מעטאַלגרובן און זאַלצגרובן און צו עקספּלואַטירן די דאָזיקע נאַטירלעכע רײַכטימער, איז צוגעגעבן: „צו גלײַך האָבן זיי דאָס רעכט צו האַלטן יידן און צו העכערן הכנסות פון אָפּצאָלן". אײַזנאַרץ, אָפּצאָלן און יידן זײַנען געוואָרן אַוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה. יידן זײַנען פּונקט אַזאַ מקור פון הכנסה, ווי אַרץ, וואָס מען דאַרף נאָר קענען עקספּלואַטירן. פּונקט אַזאַ רעכט צו „האַלטן יידן" איז געגעבן געוואָרן אויך די שטעט דורך אָפּמאַכן צווישן די מאַגיסטראַטן, דעם קיסר און די אָרטיקע פעאָדאַלע שררות.

נאָר פאַר אַ פולער רעסטאַווראַציע קאָן מען אָט די אויפריכטונג פון די יידישע קהילות אין דײַטשלאַנד ניט אָננעמען. דער קלאַפּ פון יאָר 1349 האָט זיך ניט געלאָזט פאַרריכטן. אַ סך פליטים און פאַרטריבענע, וואָס האָבן באַוויזן זיך אײַנצולעבן אין עסטרײַך, ביימען אָדער אין די שכנישע געגנטן פון פּוילן, האָבן ניט געוואָלט זיך אומקערן אין די אַלטע מקומות. די בירגערשאַפט ווידער האָט די יידן בײַם אומקער געשטעלט ערגערע תנאים

www.lbbook.com.cn

ווי פריִער: באַזעצן זיך האָבן ייִדן געמעגט נאָר אין באַשטימטע טיילן פון שטאָט, וואָס די בירגער וועלן אָנווײַזן, הײַזער האָבן זיי געמעגט נאָר אַרענדירן און ניט אײַנשאַפן זיך ווי אַן אייגנס, זיי האָבן ניט געטאָרט אַרויס-שטעלן קיין שום תּביעות בנוגע דעם ייִדישן אייגנס וואָס איז צוגענומען געוואָרן בעת דער גזרה און בנוגע די אַנולירטע חובות, די ייִדן האָבן געמוזט צאָלן דער שטאָט אַ באַזונדער אָפּצאָל, חוץ די שטײַערן לטובֿת דעם קיסר, די גראַפן און די ביסקופן, זיי האָבן געמעגט זיך פאַרנעמען מיט אַנטלײַען געלט אויף מעסיקע פּראָצענטן אונטערן קאָנטראָל פון די שטאָטישע שׂררות, זיי האָבן ניט געטאָרט זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנדער שטאָט אָן אַ באַזונדער דערלויבעניש. זייער אָפּט זײַנען די אָפּמאַכן פון די מאַגי-סטראַטן מיט די ייִדישע קהילות אָפּגעשלאָסן געוואָרן אויף אַ באַשטימטן טערמין. אין די אָפּמאַכן ווערט אַ מאָל אָנגעוויזן, אַז ייִדן ווערן אַרײַנ-געלאָזן צו ווינען „צוליב דעם נוצן און דעם כּבֿוד פון דער שטאָט“. אויף אַזעלכע תּנאָים זײַנען זײַנען קליינע גרופּעס ייִדן צווישן די יאָרן 1350 און 1370 געקומען צוריק קיין אויגסבורג, נירנבערג, פראַנקפורט, קעלן, שטראַס-בורג און אַ סך אַנדערע שטעט.

אַזוי אַרום זײַנען ייִדן מגולגל געוואָרן אין צופעליקע אײַנוואַנדערערס, וואָס מען לאָזט זיי ווינען פאַר אַ באַשטימטן געצאָלט. פאַרן רעכט צו עטעמען די לופט פון אַ דײַטשער שטאָט, צו האַלטן זײַן גלויבן, צו פאַרנע-מען זיך מיט געוויסע פּרנסות האָט דער ייִד געמוזט צאָלן במזומנים. כּל-זמן אַ ייִד האָט געהאַט געלט, האָט מען אים פאַראַכט, אָבער טאָלערירט; האָט ער אָבער אָגעוואָרן זײַן געלט — האָט מען שוין מער ניט אָנערקענט אים דאָס רעכט צו לעבן. וואָס איז דען דער חידוש, אויב דער ייִד, וואָס זײַן לעבן איז אים געווען טײַער, האָט זיך געפּלײַסט אײַנצושאַפן זיך וואָס מער געלט? דורך קליינעם האַנדל, וואָס איז געווען אײַנגעענגט דורך פאַרליי באַגרענעצונגען, האָט ער קוים געקאָנט אַרויסשלאָגן אויף קנאַפּער חיונה. צו מלאָכות האָבן אים פאַרשפּאַרט דעם צוטריט די געשלאָסענע קריסטלעכע צעכן, און צום גרויסן האַנדל די סוחרישע פאַרבאַנדן און גילדעס.[1] עס איז געבליבן נאָר איין ריווחדיקע פּראָפעסיע, וואָס דער ייִד האָט געקאָנט זיך

---

1 ייִדישע בעלי-מלאָכות האָבן, לויט די דײַטשע געזעצן, געמעגט אַרבעטן נאָר אין די ייִדישע קוואַרטאַלן און פאַר זייערע פאָלקסברידער, פאַר קריסטן האָבן זיי געאַרבעט נאָר אין אויסנאַמפאַל, אַרומגייענדיק דעם געזעץ. אין אייניקע ערטער האָבן ייִדן געהאַט זייער אייגנס מילן און ווײַנגערטנער און האָבן געהאַנדלט מיט ווײַן, אָבער על-פּי-רובֿ האָט מען זיי איבערגעלאָזט דעם קליינעם הויזירער-האַנדל מיט פאַרטיקע בגדים, געווירצן, עופות, און פאַר פאַרמעגלעכע מענטשן — צו אַנטלײַען געלט אויף צינזן. אין סטאַטוט פון מינכענער מאַגיסטראַט פון יאָר 1400 ווערט בפירוש געזאָגט: „ייִדן האָבן ניט קיין רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט קיין זאַך, חוץ מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט, וואָרעם דאָס איז זייער עסק“.

www.libtool.com.cn

פֿאַרנעמען מיט איר, מחמת קריסטן איז זי געווען אָפֿט מאָל דערווידער: האַנדל מיט געלט, וואָס אין יענער צײַט, ווען קרעדיט איז געווען טײַער, האָט ער אָנגענומען די פֿאָרם פֿון וואָכערײַ. דער גאַנצער סדר פֿון דעם דעמאָלטיקן לעבן האָט אײַנגעשלאָסן דעם ייִדן אין דער ספֿערע פֿון קליינלעכע געלט=אינטערעסן און האָט אים צוגעבונדן צו דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ מלווה, וואָס די וואָס גענייטיקן זיך אין אַ הלוואה חנפֿען זיך צו אים צו, און די נישט=פּינקטלעכע בעלי=חובֿות פֿאַרשילטן זײַן געביין. דאָס געלט, וואָס ייִדן האָבן געמיינט דורך דעם זיך צו ראַטעווען, איז געוואָרן פֿאַר זיי אַן אומגליק, אַ פֿאַרדאַרבעניש, אַ קוואַל פֿון פּאָגראָמען, צי פֿון פֿאָלק, צי פֿון דער רעגירונג. אין די כראָניקעס פֿון יענער צײַט טרעפֿן זיך ניט זעלטן אַזעלכע נאָטיצן: „אין יאָר 1384 האָבן די בורגגראַפֿן אין נירנבערג גענומען געפֿאַנגען די ייִדן, די רײַכע האָט מען אַרײַנגעזעצט אין דער מלוכה=פֿעסטונג, און די אָרעמע אין קעלער פֿון ראָטהויז. די ייִדן זײַנען געוואָרן באַפֿרײַט, ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן אויסלייזגעלט“. אין אויגסבורג האָבן די ייִדן זיך אויסגעקויפֿט פֿון „געפֿאַנגענשאַפֿט“ מיט 22.000 גולדן. דורך אַזעלכע געוואַלד=מעשׂים פֿלעגן אַדליַיט און שטאָטלײַט, וואָס זײַנען געווען פֿאַרחובֿעט בײַ ייִדן, אָפֿט מאָל זיי צווינגען זיך אָפּצוזאָגן פֿון אויפֿמאָנען דעם חובֿ.

אָפֿט מאָל פֿלעגט מען בײַ די ייִדישע מלווים אָפּנעמען זייער אייגנס „אויפֿן סמך פֿון געזעץ“, לויט אַ באַפֿעל פֿון דעם קיסר, וואָס פֿלעגט באַפֿרײַען זייערע בעלי=חובֿות פֿון באַצאָלן די ציינזן אָדער אַפֿילו דעם קרן. אָנווענדן אַזעלכע קורצע און שאַרפֿע מיטלען האָט באַזונדערס ליב געהאַט דער יורש פֿון קאַרל IV, דער קיסר ווענצעל (1378—1400), וואָס, ווערדליג איין היסטאָריקער זאָגט וועגן אים, אויב ער וואָלט ניט געווען קיין קיסר, וואָלט ער געווען אַ רויבריטער. אין יאָר 1385 האָט ווענצעל געפֿאָדערט פֿון די בײַערישע און שוועבישע שטעט, אַז די מאַגיסטראַטן זאָלן אַרײַנטראָגן אַ צענט=חלק פֿון אַלע הכנסות וואָס זיי קריגן פֿון ייִדן אין דער קיסרלעכער קאַסע, אָבער ער האָט געקראָגן אַן אָפּזאָג. דער סיכסוך וואָס איז אַרויסגעקומען מחמת דעם איז אויסגעגלײַכט געוואָרן דורך אַ באַזונדער אָפּמאַך, וואָס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין אולם אויף אַ צונויפֿפֿאָר פֿון פֿאָרשטייערס פֿון 38 שטעט (אויגסבורג, באַזעל, נירנבערג, אולם, קאָנסטאַנץ, ראָטנבורג א״אַ) מיטן אָנטייל פֿון דעלעגאַטן פֿון דעם קיסר. לויטן אָפּמאַך זײַנען אַלע קריסטן וואָס זײַנען געווען פֿאַרחובֿעט בײַ ייִדן אָן אונטערשייד פֿון שטאַנד — פֿירשטן, גראַפֿן, ריטערס, בירגער, קנעכט, פּויערים, גײַסטלעכע — באַפֿרײַט געוואָרן פֿון צו באַצאָלן פּראָצענטן אויף נײַע הלוואות און פֿון צו באַצאָלן אַ פֿערטל פֿון דעם קרן אויף אַלטע; חוץ דעם האָט איטלעכער מאַגיסטראַט,

www.libtool.com.cn

בכדי אײַנצוהיטן די הכנסות פֿון ייִדן, דאָס רעכט זיי צוצובינדן צו זייַן שטאָט און ניט דערלויבן זיי זיך אַריבערצוקלײַבן אין אַן אַנדער שטאָט, און דערבײַ זײַנען די מאַגיסטראַטן זיך קעגנזײַטיק מתחייבֿ אַרויסצוגעבן יענע ייִדן, וואָס וועלן מיטן אייגענעם ווילן זיך אַריבערקלײַבן אין זייער שטאָט, און צוריקשיקן זיי אין זייער פֿריַערדיקן וווינאָרט. פֿאַר דער דאָזיקער פרי־ווילעגיע האָבן די שטעט זיך מתחייבֿ געווען צו באַצאָלן דעם קיסר מיט אַ מאָל 40.000 גולדן. אין יאָר 1390 האָט ווענצל פֿאַר נאָך אַ גרעסערן שוחד דורכגעפֿירט אַ גרעסערע עקספּראָפּריאַציע. אונטערגעקויפֿט דורך דעם הערצאָג פֿון בײַערן, די ביסקופֿן און מאַגיסטראַטן פֿון עטלעכע בײַערישע שטעט (נירנבערג, ראָטנבורג א"אַ), האָט ער געמאָלדן, אַז היות ווי די ייִדן נעמען אויף הלוואות צו גרויסע ציגזן, דעריבער ווערן זייערע קריסטלעכע בעלי־חובֿות אין די דאָזיקע שטעט אין גאַנצן באַפֿרײַט פֿון צו באַצאָלן די חובֿות די קרעדיטאָרן, בתנאַי אַז זיי זאָלן אויסצאָלן דעם קיסר אָדער די מאַגיסטראַטן אַ באַשטימטן טייל פֿון דער חובֿ־סומע. אַזוי האָט דער מלך פֿון אַ גרויסער אימפּעריע פֿאָרמאַל דערלויבט צו באַראַבעווען איין טייל פֿון דער באַפֿעלקע־רונג, בכדי זיך צו טיילן דאָס אָנגערויבטע מיט דעם צווייטן טייל. די ייִדן האָבן געהאַנדלט מיט געלט, און די רעגירערס האָבן געהאַנדלט מיט ייִדן — אין אָט דעם האַנדלס־אויסקער האָבן פֿאַרדינט די בעלי־חובֿות וואָס זײַנען פּטור געווען פֿון צו צאָלן און די שׂררות וואָס האָבן געטיילט מיט זיי דעם זאַקרויב. די אָבער וואָס האָבן געהאַט די פֿאַרהאַסטע פּריווילעגיע צו אָנט־לײַען געלט זײַנען געוואָרן בדלות. ייִדן אין דײַטשלאַנד זײַנען פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ לחלוטינדיקער עקאָנאָמישער דעגענעראַציע.

פּונקט אַזוי ניט געווויסנדיק האָט דער העכסטער „שוצהאַר פֿון ייִדן" געזאָרגט וועגן באַשיצן זײַנע קאַמערקנעכט פֿון געוואַלד־מעשׂים און רציחות. אין ווענצעלס רעזידענץ, דער ביימישער פּראָג האָט אום פּסח 1389 געטראָפֿן אַזאַ מעשׂה. אויף אײנער פֿון די שטאָטישע גאַסן האָבן זיך געשפּילט ייִדישע קינדער און געוואָרפֿן איינע אויף די אַנדערע מיט זאַמד. אין יענער צײַט איז געגאַנגען פֿארבײַ אַ קאַטוילישער גלח מיט די הייליקע כּלים, אויפֿן וועג צו אַ גוסס וואָס ער איז געגאַנגען אים מאַכן די לעצטע זאַלבונג. אַ הייפֿל זאַמד, וואָס די קינדער האָבן געוואָרפֿן, איז אומגערן אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם גלחס סאַקראַמענט. באַלד האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד. איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן מאַרק און געגומען שרײַען, אַז די ייִדן האָבן אים באַליידיקט און אַרויסגעקלאַפּט אים פֿון האַנט די הייליקע כּלים. איז זיך דאָס פֿאָלק צונויפֿ־געלאָפֿן מיט העק און מיט דרענגער און אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדישע הײַזער. אַזוי ווי שמדן זיך האָבן די ייִדן ניט געוואָלט, האָט דער המון גענומען זיי הרגען אויף דעם אַכזריותדיקסטן שטייגער. עטלעכע הונדערט ייִדן זײַנען

www.libtool.com.cn

אומגעקומען אין פראָג אין יענעם טאָג און אין דער נאַכט שפּעטער; אַ סך האָבן נאָכגעטאָן זייער רבֿ און האָבן אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. די שול איז געוואָרן פֿאַרברענט, די ספֿרי-תּורות און ספֿרים צעריסן און צעטראָטן, מען האָט אַפֿילו ניט געשאָנעוועט דעם בית-עלמין. פּונקט אַזעלכע הריגות און פּאָגראָמען זײַנען פֿאָרגעקומען אין די אַרומיקע שטעט. די ייִדן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום קיסר ווענצעל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין דער שטאָט עגער, נאָר ער האָט זיי קאַלטבלוטיק געענטפֿערט, אַז זיי זײַנען אַליין שולדיק, ווײַל זיי זײַנען אום פּאַסכע אַרויסגעגאַנגען פֿון זייערע שטיבער, קעגן די קאַנאָנען פֿון דער קירך. דערפֿאַר אָבער האָט ער געזאָרגט צו באַקומען אַ גרויסן סכום זילבער פֿון דעם אייגנס פֿון די דערהרגעטע ייִדן. די פּראָגער קדושים האָט באַוויינט אין זײַן סליחה [1] דער אָרטיקער רבֿ רבי אַבֿיגדור קרא.

בדרך כּלל אַ שלעכטער זון פֿון דער קירך, האָט דער קיסר ווענצעל געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ פֿרומען רעגירער, ווי ווײַט דאָס איז געווען נוגע ייִדן. אין יאָר 1386 איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ייִדן אין שטראַסבורג טראָגן ניט די ספּעציעלע ייִדישע בגדים און דערלויבן זיך לוקסוס אין זייער אָנטון. דאָס האָט אים אויסגעוויזן צו זײַן אַ „באַליידיקונג פֿאַר די קריסטן און פֿאַר זייער רעליגיע“, און ער שיקט אַרויס פֿון פּראָג אַ בריוו צום שטראַסבורגער שטאָטראַט, ווו ער לייגט פֿאָר צו צווינגען די „קנעכט פֿון דער קיסרלעכער קאַמער“ צו טראָגן דעם „ייִדישן הוט“ און שוכוואַרג, וואָס איז געווען בײַ זיי אין גאַנג אַמאָליקע צײַטן, „בכדי מען זאָל קאָנען אונטער-שיידן אַ ייִדן צווישן קריסטן“. דער שטאָטראַט האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן באַפֿעל צוליב זײַנע צוועקן: ער האָט פֿאַרגרעסערט דעם יערלעכן אָפּצאָל, וואָס מען האָט גענומען פֿון ייִדן פֿאַר וווינרעכט. נאָר באַלד האָבן די שטראַסבורגער בירגער גענומען אַרומקלערן די פֿראַגע, צי באַדאַרף מען ניט פֿון דאָס נײַ פֿאַרטרײַבן פֿון שטאָט די ייִדן, וואָס זײַנען אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אין יאָר 1369 נאָר אויף אַ צײַט און אין אַ קליינער צאָל. אין יאָר 1388 האָט דער מאַגיסטראַט באַשלאָסן צו פֿאַרטרײַבן פֿון שטראַסבורג דאָס הײַפֿל ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די חורבֿות פֿון דער געוועזענער קהילה, און דאָס מאָל איז דער גירוש געווען אַ לעצטגילטיקער. די פֿאַרטריבענע האָבן זיך צעטיילט צווישן די אַנדערע קהילות פֿון עלזאַס, וואָס פֿון זיי באַקומען זינט יענער צײַט אַ באַטײַט די וואַקסנדיקע קהילות פֿון שלעטשטאַט און קאָלמאַר. אין שטראַסבורג האָט דער מאַגיסטראַט דערלויבט געקומענע ייִדן זיך אָפּצושטעלן אויף אַ קורצער צײַט צוליב זייערע האַנדלס-געשעפֿטן פֿאַר אַ באַזונדער אָפּצאָל. אַ טיילווײַזע רעסטאַווראַציע פֿון דער ייִדישער

1 „את כל התלאה“ — אין דער יום-כּפּורדיקער מנחה לויטן ביימישן נוסח.

www.libtools.com.cn

קהילה אין שטראַסבורג איז פֿאָרגעקומען ערשט צום סוף 17טן י"ה, ווען עלזאַס איז געוואָרן פֿאַראייניקט מיט פֿראַנקרײַך.

פֿון די חרובֿ געוואָרענע ריינישע קהילות זײַנען אַ סך אַוועק צו די ברעגעס פֿון דונײַ, קיין ווין און אין אַנדערע שטעט פֿון עסטרײַך, וווּ ייִדן האָבן ווינציקער געליטן אין דער צײַט פֿון שוואַרצן טויט. נאָר אויך דאָ איז זייער מצבֿ ערגער געוואָרן אין דער צווייטער העלפֿט 14טן י"ה. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער „גילדענער בולע", וואָס האָט געגעבן די קורפֿירשטן דאָס רעכט צו „האַלטן ייִדן" מיט די קיסרים, האָט דער הערצאָג פֿון עסטרײַך רודאָלף IV אויסגעפּועלט אַזאַ רעכט אויך פֿאַר זיך און פֿאַר זײַנע ברידער, די הערצאָגן פֿון שטײַערמאַרק און קאַרינטיע. די הערצאָגן האָבן נאָכגעטאָן די קיסרים אין פּרט פֿון אויסנוצן די ייִדישע רעגאַליע: זיי האָבן צוגעפּעסטיקט די ייִדן צו זייערע ווינערטער און פֿאַר-באָטן זיי זיך אַריבערצוקלײַבן אין אַנדערע מדינות. פּונקט ווי ווענצעל, האָבן זיי אָפּט מאָל, לויט אַ הסכם מיט די מאַגיסטראַטן און מיט אַ באַשטימטן נוצן פֿאַר זיך, אַרויסגעגעבן שײַנען, אַז עס ווערן טיילווײַז אָדער אין גאַנצן אַנולירט די חובֿות, וואָס קומען אַרויס ייִדן פֿון דער קריסטלעכער בירגער-שאַפֿט (Tödtbriefe). דער פֿאַרמעגן פֿון אַן עמיגראַנט פֿלעגט ווערן קאָנפֿי-סקירט פֿאַר דער מלוכה, און אויב דער עמיגראַנט האָט קיין פֿאַרמעגן ניט איבערגעלאָזט, האָט פֿאַר אים געענטפֿערט די גאַנצע קהילה. ווען דער הערצאָג האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין געלט, האָט ער אָנגעווענדט די אַלטע פֿראַנצייזישע און ענגלישע גענג: עס פֿלעגן ווערן אַרעסטירט די גלידער פֿון דער קהילה, בכדי די מלוכה-קאַסע זאָל קריגן היפּש אויסלייז-געלט פֿאַר זייער באַפֿרײַונג (אין די יאָרן 1377—80 אין ווין און אין אַנדערע שטעט). נאָכן אָפּצאָלן אַלע שטײַערן און קאָנטריבוציעס האָט מען ייִדן דער-לויבט אויסצופֿירן זייער ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציע: באַפֿרידיקן די נויט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין קרעדיט, אונטערן קאָנטראָל פֿון די מאַכטאָרגאַנען. אין ווין זײַנען אַלע קרעדיט-געשעפֿטן פֿון ייִדן מיט קריסטלעכע בעלי-מלאָכות פֿאַרשריבן געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך אונטערן נאָמען Judenbuch, וואָס איז געלעגן אין שטאָטישן אַרכיוו. ווי עס איז צו זען פֿון די דאָזיקע פֿאַר-שרײַבונגען (1389—1420), זײַנען די הלוואות געווען געוויינטלעך קורצטער-מיניקע און ניט קיין גרויסע, פֿון איינעם ביז 30 פֿונט פֿעניג, און די פּראָ-צענטן פֿון זיי זײַנען גענומען געוואָרן אַזוי גרויס ווי 3 פֿעניג פֿון פֿונט אַ וואָך. דער פּראָצענט וואָלט געקאָנט זײַן אַ סך קלענער, אויב אַ גרויסער טייל פֿון אים וואָלט ניט אַוועקגעגאַנגען אויף צו באַפֿרידיקן די אַפּעטיטן פֿון די שׂררות, וואָס האָבן חוץ אַלעמען נאָך פֿאַרגרעסערט די ריזיקע פֿון דעם מלווה דורך אַרויסגעבן די בעלי-חובֿות Tödtbrief, ווען זיי האָבן געוואָלט.

www.libtool.com.cn

דער סחורה-האַנדל פֿון ייִדן איז געוואָרן באַגרענעצט לויט דער השתדלות פֿון די קריסטלעכע סוחרים; אין שטײַערמאַרק למשל האָט דער הערצאָג, לויט דער בקשה פֿון דער בירגערשאַפֿט, פֿאַרבאָטן די ייִדן צו האַנדלען מיט תּבֿואה און מיט ווײַן. דערפֿאַר האָבן די הערצאָגן ניט געקאַרגט צו לאָזן די ייִדן כּלערליי פּריַיהייטן אין זייער אינעווייניקסטן לעבן, און די ייִדישע קהילות אין עסטרײַך האָבן אין יענער צײַט גענאָסן אַ ברייטע אַליין-פֿאַרוואַלטונג.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון עסטרײַך איז אין יענער צײַט פֿאַרגרעסערט געוואָרן דורכן צושטראָם פֿון אויסוואַנדערער פֿון דער שכנישער אונגערן. אין דעם לאַנד, ווו ייִדן האָבן זינט דעם 13טן י״ה דערגרייכט צו אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפֿטלעכער פּאָזיציע אַ דאַנק דער „כאַרטיע פֿון פרײַהייטן" וואָס עס האָט זיי אַרויסגעגעבן בעלאַ IV, זײַנען די יאָרן פֿון שוואַרצן טויט ניט אַריבער פֿאַר זיי אָן ווירקונג. אין יאָר 1349 זײַנען זיי פֿאַרטריבן געוואָרן, און צום טייל זײַנען זיי אַליין אַוועק, פֿון אייניקע געביטן מחמת די פֿאָלקסאומרוען, וואָס די מגפֿה האָט אַרויסגערופֿן. דער קיניג לודוויג פֿון אַנזשו, אַ פֿאַנאַטישער קאַטויליק, האָט די עמיגראַנטן גערופֿן צוריק מיט דער האָפֿענונג צו מאַכן זיי פֿאַר קריסטן, נאָר ווען די האָפֿענונג איז ניט מקוים געוואָרן, האָט ער זיי פֿון דאָס נײַ פֿאַרטריבן (1360). די עמיגראַנטן האָבן זיך צוגעשפּאַרט צו די נאָענטע ערטער פֿון עסטרײַך, וואַלאַכיע און פּוילן, אָבער אין משך פֿון דער צײַט האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק קיין אונגערן. די ייִדישע קהילות פֿון אונגערן זײַנען געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אין פּרעסבורג און איר קרײַז. אין דער צײַט פֿון די מלכים לודוויג און סיגיזמונד איז זיי איבער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אייבערשטער שעף אַ קיניגלעכער באַאַמטער מיטן טיטל „ייִדן-שופֿט", וואָס אָפֿיציעל איז זײַן עובֿדא געווען צו „באַשיצן" ייִדן, פּאַקטיש אָבער האָט ער אָפּגעהיט די אינטערעסן פֿון פיסקוס, אויספּרעסנדיק בײַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געלט פֿאַר דער קיניגלעכער קאַסע אויף געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע וועגן. אַזאַ איז שוין דער גײַסט פֿון דער עפּאָכע וואָס נאָך דעם שוואַרצן טויט: די רעגירערס האָבן געהאַלטן, אַז ייִדן לעבן נאָר מיט זייער חסד, און דערפֿאַר האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן רעכט צו לעבן אויף די ייִדנס חשבון.

## § 46. די הוסיטישע באַוועגונג און די רעאַקציע
## (1450—1400)

צום אָנהייב 15טן י״ה האָט זיך אין די ייִדישע קהילות פֿון די קיסערלעכע שטעט פֿון דײַטשלאַנד לעצטגילטיק אײַנגעשטעלט אַ טאָפּלמאַכט: דער

www.libtool.com.cn

קיסר האָט זיך געטיילט אין זײַן מאַכט איבער זײַנע קאַמערקנעכט און אין די הכנסות פֿון זיי מיט די שטאָטראַטן, מיט דער רעגירונג פֿון דער בירגערשאַפֿט, וואָס האָט אין יענער תּקופֿה דערגרייכט צו אַ גרויסן פּאָליטישן כּוח. דער קיסר רופּרעכט פֿון פּפֿאַלץ, וואָס איז געקומען אויף ווענצעלס אָרט (1410—1400), האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן סיסטעם צו עקספּראָפּריִירן ייִדן דורך אַנולירן די חובֿות וואָס עס קומט זיי אַרויס, נאָר ער האָט אָנגעווענדט דעם געוויינטלעכן דרוק אויפֿן שטײַערפּרעס. ער האָט אָפּגענומען בײַ די מאַגיסטראַטן אַ העלפֿט פֿון אַלע שטײַערן, וואָס עס האָבן זיי געצאָלט די ייִדישע קהילות פֿאַרן „שוץ״, און חוץ דעם דעם זינט לאַנג אײַנגעשטעלטן „גילדענעם אָפּפֿער־פּפֿעניג״ — צו איין גולדן פֿון איטלעכן ייִדן עלטער פֿאַר 12 יאָר. אויף אויפֿצומאָנען די דאָזיקע שטײַערן זײַנען באַשטימט געוואָרן באַזונדערע קאָמיסאַרן אָדער שטײַער־מאָנערס, קריסטן און ייִדן. רופּרעכט האָט אַפֿילו געפּרוּווט אַוועקצושטעלן, צוליב אָט די פֿיסקאַלע צוועקן, אַ באַזונדער ייִדישן „האָכמײַסטער״ אָדער אַ קרויווישן רבֿ, וואָס וואָלט געדאַרפֿט רעגולירן אויך די אינעווייניקסטע ענינים פֿון די קהילות, אָבער די קהילות האָבן לחלוטין זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן דעם רבֿ, וואָס איז זיי אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן פֿון דרויסן (ווײַטער, § 48).

אַן אומרויִקע צײַט איז ווידער אָנגעשטאַנען אין דײַטשלאַנד אונטער דעם קיסר סיגיזמונד, וואָס זײַן רעגירונג (1437—1411) איז דורכגעגאַנגען אין קאַמף מיט דער רעפֿאָרמאַטאָרישער באַוועגונג, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן נאָמען יאַן הוס, און אין די „הוסיטישע״ מלחמות וואָס האָבן זיך געצויגן לאַנגע יאָרן. די רעפֿאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בײמען, האָט געבראַכט פֿאַר ייִדן די זעלביקע רעזולטאַטן, וואָס די אַנאַלאָגישע באַוועגונג פֿון די אַלביגענזער אין פֿראַנקרײַך אָנהייב 13טן י״ה. סײַ די און סײַ יענע „כּפֿירה״, ווי עס איז אָנגערופֿן געוואָרן דער דרייסטער קאַמף קעגן דער טיפֿער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דער קירך, האָט אַרויסגעבראַכט אַ שטאַרקע קאַטוילישע רעאַקציע, וואָס האָט ניט אַנדערש געמוזט זיך אָפּרופֿן אויפֿן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק. להיפּך צו דער אַלביגענזיש־וואַלדענזישער כּפֿירה, ווו מען האָט געקאָנט אַרויסשפּירן די ווירקונג פֿון דעם ייִדישן ראַציאָנאַליזם, זײַנען אין דער הוסיטישער באַוועגונג ניט געווען קיין דירעקטע סימנים פֿון דער ייִדישער השפּעה: די דײַטשע ייִדן פֿון יענער צײַט האָבן געלעבט צו אײַנגעשלאָסן אין זיך און צו ווײַט פֿון ייִדישן מאָניזם זײַנען געווען הוס׳ אָנהענגער, וואָס זייער באַוועגונג האָט חוץ אַלעמען געטראָגן אויך אַ נאַציאָנאַלן כּאַראַקטער. אויף צו פֿאַרשטאַרקן די ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט האָבן מיטגעווירקט נאָר דער אויפֿגעוועקטער קאַטוילישער פֿאַנאַטיזם און די אַטמאָספֿערע פֿון דער רעליגיעזער מלחמה,

www.libtool.com.cn

פֿון דעם אינעווייניקסטן קרייצצוג. די חילות פֿון דעם קיסר סיגיזמונד, וואָס זײַנען געגאַנגען דורך די ריין=פּראָווינצן קיין ביימען אויף דער „הייליקער מלחמה״, פֿלעגן ערטערווײַז אָנפֿאַלן אויף ייִדן אָדער האָבן געסטראַשעט זיך אָפּצורעכענען מיט זיי אויפֿן צוריקוועג, נאָך דעם ווי זיי וועלן מאַכן אַ סוף מיט די כּופֿרים.

די אויפֿגערודערטע קהילות האָבן זיך געגרייט שוין צו אַ נײַער גזרה. דער רבֿ פֿון מײַנץ ר׳ יעקבֿ מולין (מהרי״ל) האָט צעשיקט שלוחים אין די קהילות מיטן פֿאָרשלאָג גוזר צו זײַן אַ תּענית=ציבור און תּפֿילה טון אין די שולן און בתּי=מדרשים, אַז די גזרה זאָל פֿאַרבײַגיין. אין די טעג צווישן ראָש=השנה און יום=כּיפּור פֿון יאָר 1421 זײַנען די שולן פֿון אַ סך שטעט פֿאַרהילכט געוואָרן מיט די קולות פֿון די תּפֿילות ותחנונים, און עס האָבן זיך געגאָסן הייסע טרערן פֿון די פֿאַרמשפּטע. און עס איז אויסגעקומען אַזוי ווי די תּפֿילות זײַנען דערהערט געוואָרן: דעם קיסרס אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה אין דער באַגעגעניש מיטן חייל פֿון דעם טשעכישן נאַציאָנאַלן העלד זשיזשקאַ (1422). דער אָנפֿירער פֿון די הוסיטן האָט גענומען נקמה פֿאַר דער פֿאַרברענונג פֿון הוס אין קאָנסטאַנץ און האָט צעטריבן סיגיזמונדס געדונגענע זעלנערס, וואָס האָבן אויפֿן צוריקוועגס, אָפּגעריסענע און הונגעריקע, געמוזט זוכן אַ צושפּאַר און אַ שטיקל ברויט אין די הײַזער פֿון ייִדן, וואָס זיי האָבן זיי געהאַט פֿריִער פֿאַרמשפּט אויף אומקום.

די הוסיטישע מלחמות האָבן זיך געצויגן נאָך אַ צוויי צענדליגג יאָר, און זיי האָבן די ייִדן טײַער אָפּגעקאָסט. פֿריִער האָט קיסר סיגיזמונד געפֿאָדערט בײַ די ייִדישע קהילות געלט אויף צו דעקן די הוצאות פֿון דעם קאָנסטאַנצער קאָנציל, וואָס האָט פֿאַרברענט יאַן הוסן (1415), און דערנאָך האָט ער גענומען עקסטרע שטײַערן אויף צו פֿירן די מלחמה. פֿון קריסטן האָט מען פֿאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן גיין זיך שלאָגן אין נאָמען פֿון דער אײנהייט פֿון דער קירך, און בײַ ייִדן האָט מען גענומען אַ מיליטער=שטײַער אין דער פֿאָרם פֿון „דריטן פֿעניג״, ד״ה אַ דריט חלק פֿון גאַנצן פֿאַרמעגן, — אַ שטײַער וואָס האָט זיי בדלות געשטעלט. באַזונדערע קאָמיסאַרן זײַנען אַרומגעפֿאָרן איבער די שטעט בכדי אויפֿצומאָנען אָט דעם גוואַלדיקן צינז, זײַנען געגאַנגען איבער די ייִדישע הײַזער, געשאַצט דאָס פֿאַרמעגן און די פֿאַרגרייטן פֿון שפּײַז.

דערווײַל האָבן די שטאָטראַטן געהאַט זייערע תּבֿיעות צו ייִדן. אין די גרעסטע קיסרלעכע שטעט זײַנען די שטאָטראַטן מיט אַן אמת געוועזן די בעלי=בתּים פֿון די ייִדישע קהילות און האָבן מיט זיי געמעגט טון וואָס זיי איז ווילגעפֿעלן, אַפֿילו פֿאַרטרײַבן פֿון שטאָט, מחמת די ייִדן, וואָס האָבן נאָך דער גזרה פֿון שוואַרצן טויט זיך אומגעקערט צו זייערע אַלטע מקומות, האָבן זיך גערעכנט נאָר פֿאַר צײַטווײַליקע אײַנוווינערס פֿון די שטאָט, וואָס ווינען

www.libtool.com.cn

דאָרט מיטן חסד פֿון די בירגער. דאָרט, ווו די בירגער האָט אויסגעדוכט, אַז זיי דאַרפֿן מער די ייִדן ניט האָבן אָדער אַז זיי זײַנען זיי אַפֿילו שעדלעך, האָט דער שטאָטראַט זיי פֿאַרטריבן פֿון שטאָט. אַזוי זײַנען די ייִדן פֿון קעלן פֿאַרטריבן געוואָרן אין יאָר 1424 אָן אַ פֿאַרוואָס, און נאָר „לכּבֿוד גאָט און דער הייליקער בתולה", און זייער שול איז געוואָרן איבערגעמאַכט פֿאַר אַ קאַפּליצע. די פֿאַרטריבענע האָט צוגענומען אין די שכנישע ערטער פֿון זײַן דיאָצעזע דער אַרציביסקופּ פֿון קעלן, וואָס דער שוץ איבער די ייִדן האָט אים אַרײַנגעטראָגן ניט קיין קליינע הכנסות. אויף דעם זעלביקן שטייגער האָבן די שטאָטישע שׂררות פֿאַרטריבן אין יאָר 1438 אַלע ייִדן פֿון מײַנץ און האָבן קאָנפֿיסקירט זייער שול און בית-עולם.

מער פֿון אַלע האָבן געליטן פֿון דער קלעריקאַלער רעאַקציע די ייִדן פֿון עסטרײַך, וואָס זײַנען געווען נאָענט צו די שלאַכטפֿעלצער פֿון די הוסי-טישע מלחמות. אין ווין האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די ייִדן שטעלן צו די הוסיטן געלט און געווער. דער טעאָלאָגישער פֿאַקולטעט פֿון דעם ווינער אוניווערסיטעט האָט אַרומגעקלערט די פֿראַגע וועגן די פֿאַרבינדונגען פֿון די ייִדן מיט די אויפֿשטענדישע כּופֿרים. די סטודענטן האָבן באַנײַט זייערע אָנפֿאַלן אויף דעם ייִדישן קוואַרטאַל, ווו זיי האָבן געווילדעוועט און צוגערויבט פֿאַרשיידענע זאַכן. דער הערצאָג פֿון עסטרײַך אַלברעכט V (שפּעטער דײַטשער קיסר) איז אויך געווען ווײַט פֿון טאָלעראַנץ פֿון די פֿריִערדיקע הערצאָגן. ער האָט גראָד געהאַלטן פֿון די פֿינצטערע אײַנגליי-בענישן פֿון זײַן תּקופֿה בנוגע די „ייִדישע פֿאַרברעכנס", ווי די עלילת-דם און די פֿאַרשוועכונג פֿון די האָסטיעס. די ייִדנפֿײַנטלעכע פּאַרטיי אין עסטרײַך האָט אויסגענוצט די דאָזיקע שטימונג פֿון דעם הערצאָג, בכדי אים צו באַוועגן צו ענערגישע מעשׂים. אין פֿריִיאָר 1420 האָט מען אים געמאָלדן וועגן אַזאַ געשעעניש. אין דער שטאָט ענס איז אין די טעג פֿון פּאַסכע פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אַ האָסטיע פֿון אַ קירך. מען האָט די מעשׂה אויסגעמעלט דעם הערצאָג ווי עס געהער צו זײַן: די שטיקער פֿון הייליקן ברויט האָט צוגעגנבֿעט די ווײַב פֿון דעם גלאָקן-ציִער און זי האָט עס פֿאַרקויפֿט דעם רײַכן ייִדן איזראַעל אויף אָפּצושפּעטן פֿון דעם סימבאָל פֿון דער אייכאַריסטיע. אין יענעם מאָמענט, ווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער הוסיטישער באַוועגונג האָט געפֿלאַקערט די מחלוקת וועגן דער „קאָמוניע אונטער ביידע מינים" (sub utraque), האָט אָט דער סימבאָל געקראָגן אויך אַ פּאָליטישע באַדײַטונג. עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אונטערן חשד אין גאָט-לעסטערונג איזראַעל, זײַן ווײַב און נאָך אַ סך ייִדן, און אויך דעם גלאָקן-ציִערס ווײַב. מען האָט זיי אַלעמען געבראַכט צו פֿירן קיין ווין און געפּײַניקט מיט עינויִים, אָבער מען האָט באַוויזן אַרויסצופּרעסן אַ הודאה נאָר בײַ דער קריסטין, די

www.libtool.com.cn

איבעריקע באַשולדיקטע האָבן אַלץ געטענהט, אַז זיי ווייסן ניט פֿון וואָס צו זאָגן. פֿאַר אַלברעכטן זײַנען געווען גענוג די פֿאַראַנענע „ראַיות". 23 מײַ זײַנען, לויט זײַן באַפֿעל, אַרעסטירט געוואָרן אַלע ייִדן אין די עסטרײַכישע מדינות פֿון דעם הערצאָג און זייער אייגנס איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט. די פּראָסטע מענטשן האָט מען תּיכף פֿאַרטריבן פֿון לאַנד און די חשובֿע מיט־גלידער פֿון די קהילות האָט מען נאָך אַ צײַט לאַנג געפּײַניקט אין די תּפֿיסות. בײַ די עלטערן האָט מען צוגענומען די יונגע קינדער אויף אָפּצו־שמדן זיי און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין קלויסטערס אויף האָדעווען זיי. טייל מאָל האָבן אויך דערוואַקסענע לפּנים וועגן זיך געלאָזט שמדן, אָבער ווען מען האָט זיי שפּעטער געכאַפּט, אַז זיי פֿאַרשטעלן זיך נאָר פֿאַר קריסטן, האָט מען זיי פֿאַרברענט אויף אַ שײַטער־הויפֿן. אַ סך האָבן אַליין זיך גענומען דאָס לעבן (אַ ניט־קאָנטראָלירטע מסורה איז פֿאַראַן, אַז די ייִדן וואָס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין ווינער שול, האָבן זיך אויסגעקוילעט איינע די אַנדערע, לויטן פֿאָרשלאָג פֿון זייער רבֿ רבי יונה כּהן).

פֿאַרכאַפּט פֿון רעליגיעזער קנאות האָט הערצאָג אַלברעכט, וואָס האָט דעמאָלט געברענט אויף שײַטער־הויפֿנס הונדערטער קריגסגעפֿאַנגענע הוסיטן, באַשלאָסן צו דערפֿירן ביזן סוף די פֿאַרטיליקונג פֿון די ייִדן. 12 מאַרץ 1421 האָט ער געהייסן פֿאַרברענען אַ 200 ייִדישע מענער און פֿרויען, וואָס זײַנען געווען אַרעסטירט איבער דעם בילבול אין ענס און וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצוקויפֿן זייער שולד מיט שמד. גלײַכצײַטיק האָט ער געהייסן צו פֿאַר־טרײַבן פֿון זײַנע עסטרײַכישע מדינות די ייִדן וואָס זײַנען דאָרט נאָך געבליבן. די הײַזער און נחלאות פֿון די פֿאַרטריבענע אין ווין און אין אַנדערע ערטער (קרעמס, ענס, טולן) זײַנען אָנגעקומען דעם הערצאָג, און ער האָט זיי געמאַכט צו געלט, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט אויף צו פֿירן די מלחמה קעגן די הוסיטן. די הכנסה פֿון דעם „גאָטגעפֿעליקן" עסק איז אויסגענוצט געוואָרן צוליב דער גאָטגעפֿעליקער מלחמה. מיטן דאָזיקן אויפֿטו איז אַלב־רעכט געוואָרן מפֿורסם אין דער קאַטוילישער וועלט, און אַ כראָניסט פֿון יענער צײַט האָט באַזונגען זײַנע גבֿורות אין דעם קאַמף מיט די טערקן, טאַבאָריטן (הוסיטן) און ייִדן אין אַזעלכע גראַמען:

Turcis occuri, circumdare Tabor adivi
Jussi judaeos ante cremare meos.[1]

ייִדן זײַנען נאָך געבליבן אין די לענדער פֿון די עסטרײַכישע פֿעאָדאַלן אָדער גרויסע פּריצים, און נאָר איינציקע פּערזאָנען האָט מען לויט אַ באַזונ־

1 „קעגן די טערקן בין איך געגאַנגען, דעם טאַבאָר האָב איך אַרומגערינגלט, און מײַנע ייִדן האָב איך פֿריִער געהייסן פֿאַרברענען!"

www.libtool.com.cn

דער געגאַד פֿון דעם הערצאָג דערלויבט צו ווינען אין דעם הערצאָגס מדינות. ערשט אין 30 יאָר אַרום, אונטער דעם הערצאָג און שפּעטערדיקן קיסר פֿרידריך III, איז יידן געוואָרן דערלויבט אויפֿס נײַ צו באַזעצן זיך אין אַלע עסטרײַכישע לענדער.

אין 16 יאָר אַרום נאָך דער ווינער גזרה איז געשטאָרבן דער דײַטשער קיסר סיגיזמונד, און דער הערצאָג פֿון עסטרײַך אַלברעכט V האָט אויף אַ קורצער צײַט (1437—1439) באַקומען די דײַטשע קרוין צוזאַמען מיט דער ביימישער און אונגערישער. די יידישע קהילות זײַנען אַרײַן אין גרויס אומרו. אַ סך האָבן מורא געהאַט, אַז דער „רשע דער צורר" (אַזוי האָט מען גערופֿן אַלברעכטן אין די יידישע כראָניקעס), וואָס האָט פֿאַרטריבן די יידן פֿון עסטרײַך, וועט פּרוּוון איבערחזרן די מעשׂה אין דער גאַנצער אימפּעריע. באָר היות ווי אַלברעכטס רעגירונג האָט ניט לאַנג געדויערט, דעריבער האָט ער ניט באַוויזן אויסצופֿירן אָט דעם פּלאַן, אויב ער האָט אַפֿילו אַזאַ געהאַט. ער האָט נאָר באַוויזן אָפּצוטון איין גאָטגעפֿעליקע זאַך. דער מאַגיסטראַט פֿון אויגסבורג האָט זיך געווענדט צו אַלברעכטן מיט דער בקשה, ער זאָל אים דערלויבן צו פֿאַרטרײַבן די יידן פֿון שטאָט, און האָט צוגעזאָגט צו דעקן צום טייל דעם היזק פֿון דער קיסרלעכער קאַסע מיט אַ סומע פֿון 900 גולדן. דער קיסר האָט גערן דערלויבט און האָט געהייסן די יידן ביזן יאָר 1440 פֿאַרקויפֿן זייערע הײַזער און אַרויספֿאָרן פֿון אויגסבורג. אַליין האָט ער דעם טערמין ניט דערלעבט. די שוועבישע בירגער האָבן אַליין געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די יידן זאָלן צום טערמין אַרויס פֿון אויגסבורג. די שטיינערנע מצבֿות פֿון דעם יידישן בית־הקבֿרות האָט מען אויסגענוצט אויף צו פֿאַר־ריכטן די שטאָטישע מויערן, וואָס האָבן פֿאַרשפּאַרט די פֿאַרטריבענע דעם צוטריט צו דער שטאָט, ווו עס האָט גערוט דאָס געביין פֿון זייערע עלטער־זיידעס.

נאָכן סוף פֿון די הוסיטישע מלחמות האָט די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט געגומען זיך אויפֿצוריכטן איר צעטרייסלטן אויטאָריטעט. צווישן די מיטלען, וואָס עס האָט אָנגענומען דער קאָנציל אין באַזעל (1431—43), זײַנען געווען אויך אַ ריי רעפּרעסיעס קעגן יידן און יידישקייט. צו די אַלטע קאַנאָנישע פֿאַרבאָטן זײַנען צוגעקומען נײַע. דער קאָנציל האָט צווישן אַנדערע זאַכן באַשלאָסן, אַז אין די טעאָלאָגישע שולן זאָל מען לערנען אויך העברעיִש און אַראַמיש, בכדי צוצוגרייטן באַזונדערע מיסיאָנערן פֿאַר יידן. זינט דעמאָלט האָט מען אויך אין דײַטשלאַנד זיך ענערגיש פֿאַרנומען מיט דער פּראָפּאַ־גאַנדע פֿון דעם קאַטוילִיציזם צווישן די אײַנוווינער פֿון די יידיש - קוואַרטאַלן. זי איז געפֿירט געוואָרן ניט אַזוי פֿיל דורך דרשות און אײַנרעדן, ווי דורך סטראַשונקעס און רדיפֿות, וואָס האָבן מיט אַ שטיקל צײַט פֿריִער געהאַט

www.libtool.com.cn

אַזאַ פּעולה אין שפּאַניע. די שפּאַנישע סיסטעם אָפּצושמדן ייִדן אונטערן דרוק פֿון טעראָר איז אין דײַטשלאַנד לכתחילה געווען פֿאַרמשפּט אויף דורכפֿאַל: די ייִדישע נשמות האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַרײַנצוציִען אין שויס פֿון דער קירך, דערפֿאַר אָבער איז דער גוף פֿון דעם דײַטשן ייִדנטום געפֿאַלן פֿון די פּיס אונטער די קלעפּ פֿון דער פֿײַנטלעכער סבֿיבֿה, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אים כּסדר אויך אין משך פֿון דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה.

## § 47. דער המשך פֿון דער מלחמה מיט ייִדן ביזן סוף 15טן י״ה

אין 15טן י״ה זײַנען צײַטיק געוואָרן די פּרוכטן פֿון די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער פֿון ווילדווילן און געוואַלד-מעשׂים אין דײַטשלאַנד. דער שטאָטישער שטאַנד וואָס איז שטאַרק געוואָרן איז דאָ ניט געווען קיין פּראָגרעסיווער כּוח, ווי למשל אין איטאַליע, נאָר אַ רעאַקציאָנערע סאָציאַלע גרופּע, וואָס עקאָנאָמישע געריקייט האָט זיך בײַ איר געפּאָרט מיט רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. וואָס מער עס האָט זיך פֿאַרברייטערט די האַנדלס-אינדוסטריעלע טעטיקייט פֿון דער בירגערשאַפֿט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געשפּירט די קאָנקורענץ פֿון ייִדן, ווי אַ פֿרעמדשטאַמיקע און פֿרעמדגלייביקע גרופּע, וואָס האָט געשטערט די פּאַטריאַרכאַלישע גאַנצקייט פֿון דער קריסטלעכער שטאָט, פֿון די געשלאָסענע גילדעס און צעכן, ווו די פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן האָבן זיך דורכגעפֿלאָכטן מיט קירכלעכע אינטערעסן. די מאַכט איבער ייִדן, וואָס איז אַלץ מער אַריבערגעגאַנגען צו די שטאָטראַטן, האָט געגעבן די לעצטע די מעגלעכקייט פּאַרטיק צו ווערן מיט זייערע קאָנקורענטן מיט דער הילף פֿון איינעם פֿון די צוויי כּוחות: פֿון דעם קיסר אָדער פֿון די אונטערשטע פֿאָלקשיכטן. ווען דער שטאָטראַט פֿלעגט אָננעמען אַ באַשלוס צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון זײַן שטאָט, פֿלעגט ער זיך ווענדן צום קיסר, וואָס איז זייער אייבערשטער בעל-הבית און שוצהאַר, ער זאָל דאָס באַשטעטיקן; ווען אָבער דער קיסר, וואָס האָט ניט געוואָלט פֿאַרלירן די הכנסות פֿון זײַנע קאַמערקנעכט, האָט דאָס ניט געוואָלט טון, פֿלעגט דער מאַגיסטראַט אויפֿהייבן קעגן ייִדן דעם שטאָטישן פּעוול, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט צו רציחה און רויב, אָדער ער פֿלעגט אָפּט מאָל אויסנוצן די רעליגיעזע בילבולים וואָס פֿלעגן אויפֿקומען בכדי אויפֿצורייצן דאָס פֿאָלק קעגן דעם געררודפֿטן שטאַם, און דערנאָך איז שוין געווען גרינג אויסצופֿועלן דעם גירוש.

אין אַזעלכע געשעענישן איז אָפֿט געווען קענטיק די האַנט פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, וואָס איז אין דער תּקופֿה פֿאַר לוטערס רעפֿאָרם געווען דורך און דורך פֿאַרדאָרבן. די ביסקופֿן, וואָס האָבן געקראָגן גרויסע

www.hbtool.com.cn

הכנסות פֿון דעם אויפֿגעבליטן האַנדל מיט אינדולגענציעס, האָבן איצט ווינציקער זיך געניייטיקט אין דעם ייִדישן צינז, און צוזאַמען מיט די מאָנאַכן פֿון פֿאַרשיידענע אָרדנס האָבן זיי זיך געפֿלײַסט אַרויסצווײַזן זײַן התמדה אין פֿאַרטיליקן „קריסטוסעס שׂונאים". עס איז געבליבן נאָר איין מאַכט, וואָס איז געווען פֿאַראינטערעסירט אין באַשיצן ייִדן – דאָס איז די קיסרלעכע, און ערטערווײַז די פֿעאָדאַלע מאַכט, אָבער דאָס איז אַלץ געווען געווענדט אָן די פּערזענלעכע נטיות און שטימונגען פֿון דעם טרעגער פֿון דער דאָזיקער מאַכט. אַ קיסר אָדער אַ הערצאָג, וואָס איז געווען נוטה צו באַפֿרידיקן די פֿאָדערונגען פֿון די קלעריקאַלן אָדער וואָס האָט זיך געניייטיקט אין דער אונטערשטיצונג פֿון דער בירגערשאַפֿט, האָט געווירקט אין ייִדנפֿײַנטלעכן גײַסט, און אַ מער אומאָפּהענגיקער אָדער געוויסנדיקער, באַזונדערס אַזעלכער וואָס האָט זיך געניייטיקט אין די ייִדישע הכנסות, האָט געטאָן זײַן חובֿ פֿון אַ שוצהאַר פֿון ייִדנטום. צום לעצטן מין האָט געהערט דער קיסר פֿרידריך III (1440–93), וואָס די דײַטשע כראָניסטן האָבן וועגן אים געשריבן, פֿאַרשטייט זיך בלשון גוזמא, אַז ער האָט זיך גערעכנט מער פֿאַר אַ ייִדישן מלך, איידער פֿאַר אַ רוימישן, מחמת מען האָט געזען זײַן לײַטזעליקייט לגבי ייִדן" (vulgo dicebatur rex judaeorum potius quam romanorum, propter familiaritatem quam ad judaeos habere videbatur).

אין דער אמתן האָט פֿרידריך III זיך אינטערעסירט מיט ייִדן מער פֿאַר אַלץ פֿון דער פֿינאַנציעלער זײַט. היות ווי ער האָט געפֿירט אָן אויפֿהער אינעווייניקסטע און אויסווייניקסטע מלחמות, האָט ער תּמיד זיך געניייטיקט אין געלט און אין זײַנע דעקרעטן האָט ער בפֿירוש געמאָלדן, אַז די ייִדן זײַנען מחויבֿ אין אַזעלכע פֿאַלן אים צוצושטעלן די נייטיקע מיטלען. חוץ די געוויינטלעכע שטײַערן (אַ העלפֿט פֿון דעם „ייִדן-שטײַער" אין די שטעט און דעם קאָפּשטײַער „גילדענער אָפּפֿער-פֿעניג") פֿלעגט ער אָפֿטער ווי די פֿריִערדיקע קיסרים זיך ווענדן אויפֿצומאָנען עקסטרע שטײַערן. צוויי מאָל געקריינט, אין אַכן און אין רוים (1442 און 1452), האָט ער אין משך פֿון אַ ריי יאָרן אויפֿגעמאָנט בײַ ייִדן אַ „בכּבֿודיקן קריינונג-שטײַער" אין דער געשטאַלט פֿון „דריטן פֿעניג", זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר רעקוויזירן דאָס אייגנס פֿון די הינטערשטעליקע קהילות. איינער פֿון פֿרידריך III וואַסאַלן, דער מאַרקגראַף פֿון בראַנדנבורג, האָט אָפֿנהאַרציק דערקלערט אין זײַן כּתבֿ פֿון יאָר 1462: איטלעכער רוימישער קיניג אָדער קיסר [דער דײַטשער] האָט רעכט צו פֿאַרנעמען דאָס גאַנצע גוטס פֿון די ייִדן אין זײַן מלוכה. דאָס גאַנצע ייִדנטום פֿון דער דײַטשער אימפּעריע האָט געקראָגן פֿרײַהייט, בתּנאַי אַז עס וועט אָפּגעבן דעם קיסר אַ דריט-חלק פֿון זײַן פֿאַרמעגן, ווי אַן אויסקויף פֿאַר זײַן לעבן און פֿאַר זײַן איבעריקן אייגנס". דער לעצטער קיסר

www.libtool.com.cn

פֿון מיטלעלטערישן דײַטשלאַנד האָט מיט אַן אמת בֿרייט אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רעכט, ווי ווײַט עס האָבן אים דערלאָזט דערצו זײַנע קאָנקורענטן אין דער מאַכט איבער ייִדן — די אויטאָנאָמע שטעט, נאָר דערפֿאַר האָט ער אָפּט מיט אַן אמת באַשיצט זײַנע קאַמערקנעכט קעגן די פֿײַנטלעכע שטרעבונגען פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדן.

אין דעם טיטל פֿון הערצאָג פֿון עסטרײַך האָט פֿרידריך III באַשלאָסן אָפּצושאַפֿן דעם געוואַלדאַקט פֿון דעם פֿריִערדיקן הערצאָג אַלבערעכט, וואָס האָט פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון נידער-עסטרײַך. היות ווי דער תּירוץ פֿאַרן גירוש איז געווען אַ פֿאַרברעך אויפֿן רעליגיעזן גרונט, דעריבער האָט ער געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו ווענדן זיך נאָך אַ היתּר צום פּויפּס ניקאָלאַוס V, וואָס ער האָט אים געהאַט געטאָן וויכטיקע טובֿות. אַזוי ווי דער פּויפּס האָט דעם קיסר ניט געקאָנט אָפּזאָגן, האָט ער געמוזט דערשטיקן אין זיך די ייִדנפֿײַנטלעכע געפֿילן און אַרויסגעבן אַ בולע, וואָס איז אָנגעשריבן אין ליבעראַלן גײַסט (1451). אין איר ווערט געמאָלדן, אַז די קירכלעכע שׂררות האָבן ניט קיין רעכט אַרויפֿצולייגן קיין חרם אָדער אינטערדיקט אויף יענע רעגירערס פֿון עסטרײַך, שטײַערמאַרק און אַנדערע מדינות, וואָס וועלן לאָזן ייִדן וווינען אין זייער לאַנד. דער אַפּאָסטאָלישער שטול — האָט דער פּויפּס אײַנגעטײַטשט — פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל „מיט ייִדן זיך באַגיין מענטשלעך, בכדי דורך דעם ווייכער צו מאַכן זייער אײַנגעשפּאַרטקייט, צו באַוועגן זיי אײַנצוזען זייערע בלאָנדזשעניש, אויפֿצוקלערן זייערע נשמות מיט דער העכסטער גענאָד און צוצוקערן זיי צו קריסטוסעס ליכט". נאָך דעם ווי פֿרידריך האָט געקראָגן דעם היתּר פֿון פּויפּס, האָט ער אַרויסגעגעבן אַלע פֿירשטן אין די עסטרײַכישע פּראָווינצן אַ כּתבֿ אויפֿן „רעכט צו האַלטן ייִדן" אין זייערע לענדער. פֿרידריך, וואָס האָט בכלל אַלץ געטאָן פּאַמעלעך, האָט געפֿירט מיט זיי אַ לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ, אָנגעוויזן אויף זײַן חובֿ צו געבן דעם פֿאָלק וואָס ער באַשיצט אַ מקום-מקלט אין די גרענעצן פֿון דער אימפּעריע. נאָר אין משך פֿון דער צײַט האָט דעם קיסר אָפּגעאָלטן דורכצוברעכן דעם ווידערשטאַנד פֿון די שטאַנדן און ווידער צו באַזעצן ייִדן אין יענע טיילן עסטרײַך, פֿון וואַנען מען האָט זיי געהאַט פֿאַרטריבן אין יאָר 1421.

אין יענע יאָרן האָט דער קיסר אויך געהאַט צו טון מיט אַנטי-ייִדישע אויפֿברויזן אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון דער אימפּעריע. דער זעלביקער פּויפּס ניקאָלאַוס V, וואָס האָט אין דער דערמאָנטער בולע אַזוי ווייך גערעדט וועגן „באַגיין זיך מענטשלעך" מיט ייִדן, בכדי זיי צוצוציִען צו „קריסטוסעס ליכט", האָט אָט די אויפֿקלערונגס-אַרבעט איבערגעגעבן אין די הענט פֿון פֿינצטערע און רשעותדיקע מיסיאָנערן, וואָס האָבן געשטופּט די מאַסן אויף אוממענטשלעכע אַקטן. אין די יאָרן פֿון דער קלעריקאַלער רעאַקציע נאָך דער הוסי-

www.libtool.com.cn

טישער באַוועגונג זײַנען איבער דײַטשלאַנד אַרומגעפּאָרן פראַנציסקאַנער מאָנאַכן, וואָס האָבן אין זייערע דרשות געשאָטן פעך און שוועבל אויף אַפּיקורסים און ייִדן. דער היציקסטער פון זיי איז געווען דער פראַנציסקאַנער יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ, אַ פאַרברענטער פאַנאַטיקער, וואָס האָט פריִער אין איטאַליע פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַן אינקוויזיטאָר צו זוכן כופרים. אין יאָר 1450 האָט דער פויפּס אים אַוועקגעשיקט קיין דײַטשלאַנד און אין די שכנישע סלאַווישע לענדער מיט דער שליחות צו פאַרפעסטיקן דאָרט די רוימיש-קאַטוילישע אמונה, וואָס די הוסיטן האָבן געהאַט צעטרייסלט. דער דאָזיקער פינצטערער אַסקעט, וואָס האָט אין זײַנע דרשות אויפגעדעקט די זינד פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און גײַסטלעכקייט (וועגן די חטאים פון די גײַסטלעכע האָט ער אין די קירכן גערעדט בײַ פאַרמאַכטע טירן), האָט קיין מאָל ניט פאַרפעלט צו שענדן דאָס ייִדנטום אין רעדעס, געווענדט צו די ברייטע מאַסן. ער האָט געסטראַשעט מיט גאָטס גרימצאָרן יענע רעגירערס, וואָס באַשיצן די ייִדן, און האָט זיך גערימט, אַז ערטער-ווײַז האָט אים אָפּגעגליקט צו פועלן, מען זאָל בטל מאַכן די „טײַוולאָנישע פּריווילעגיעס" פון די ייִדישע קהילות. נאָר קאַפּיסטראַנאָ האָט זיך ניט צו-פרידן געשטעלט מיט ווירקן אויף די רעגירערס: ער האָט געוואָלט „אויפהייבן דעם אַכזראָן" קעגן די ייִדן, אַ לאָז טון אויף זיי די פינצטערע מאַסן דורך אינסצענירן ריטועלע פּראָצעסן און אינקוויזיטאָרישע סצענעס. דורך זײַנע העצערישע רעדעס האָט ער צוגעגרייט דעם פּלאַץ פאַר אַזעלכע עקספּערי-מענטן. דאָס פאַרבלענדטע פאָלק האָט אין דעם צעיושעטן מאָנאַך געזען אַ הייליקן און אַ בעל-מופת און האָט געגלייבט איטלעכן וואָרט זײַנעם. ייִדן האָט אָנגעכאַפּט אַ שוידער, ווען זיי האָבן געהערט, אַז עס דאַרף אָנקומען דער דאָזיקער פאַנאַטיקער, וואָס די קריסטן האָבן אים מיט גדלות אָנגערופן דער „בײַטש פאַר די ייִדן".

אין יאָר 1453 האָט דער דאָזיקער בײַטש וויטאָגדיק אַ קלאַפּ געטאָן די ייִדן פון שלעזיע, בפרט די קהילה פון ברעסלע. דאָס האָבן די צעיו-שעטע דרשות פון דעם מאָנאַך צוגעצויגן אַזוי פיל צוהערערס, אַז אין קירך האָבן שוין אויסגעפעלט פלעצער, און ער האָט געמוזט רעדן אונטערן פרײַען הימל. די אָרטיקע ייִדנפײַנט האָבן זיך צונויפגעבונדן מיט קאַפּיסטראַנאָן און וועגן עפּעס וואָס זיך מייַשב געווען מיט אים. באַלד זײַנען די פאַר-שווערערס צוגעטראָטן צו מעשים. אין איין פרילינגדיקן טאָג זײַנען אַ סך גלידער פון דער ברעסלער ייִדישער קהילה אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג אין אַ ריטועלן פאַרברעך. אין איין דאָרף פון ברעסלער קרײַז איז פון דער קירך אַרויסגעגנבעט געוואָרן די שאָל מיט דער האָסטיע, און בײַ אַט דער גנבה האָט מען געכאַפּט דעם באַדינער פון מאַגיסטראַט און זײַן

www.libtool.com.cn

ווײַב, וואָס זײַנען געקומען צו פֿאָרן פֿון ברעסלע. אונטער די עינויים האָט די פֿרוי אָרויסגעוואָרפֿן די שולד אויף די ברעסלער ייִדן, וואָס זאָלן כּלומרשט האָבן פֿאַר געלט זי אײַנגערעדט צו גנבֿען די האָסטיע; דאָס הייליקע ברויט זאָל זי האָבן כּלומרשט איבערגעגעבן דעם רײַכן ייִד מאירן, און די גלידער פֿון דער קהילה האָבן דאָס ברויט געשטאָכן, געשניטן, און שטיקלעך צעשיקט איבער אַנדערע קהילות פֿון שלעזיע. די אויספֿאָרשונג פֿון אָט דעם כּלומרשטן חילול־הקודש האָט דער אָרטיקער ביסקופּ איבערגעגעבן קאַפּיסטראַנאָן, און דער געניטער אינקוויזיטאָר איז מיט היץ צוגעטראָטן צו דעם פּראָצעס, וואָס ער אַליין האָט אים צוגעגרייט. מיט דער הילף פֿון קאָמיסאַרן, וואָס זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פֿון ווין (ברעסלע האָט דעמאָלט געהערט צו דער עסטרײַכישער שלעזיע), האָט ער אויסגעבויט אַ געריכטלעכן פּראָצעס מיט אַלע קליפּערלעך. בײַ איינעם פֿון די באַשולדיקטע ייִדן, וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען פֿון די עינויים, האָט מען אַרויסגעריסן אַזאַ הודאה: „איך, יעקבֿ, האָב גערעדט מיטן קריסט, אַז ער זאָל מיר ברענגען דעם קריסטלעכן גאָט, דער־פֿאַר האָב איך לויטן פֿאַרלאַנג און לויט דער עצה פֿון די ייִדישע עלטסטע אים אָנגעבאָטן געלט. דער קריסט איז אַרײַן אין הויז פֿון דעם ייִד מאיר, און יענער האָט צוזאַמען מיט זײַן משרת מיר געבראַכט דאָס פֿאַרלאַנגטע אין אַ קעסטל. איך האָב דאָס אָפּגעטראָגן צו אַבֿרהמען פֿון אָפּעלן, און ער האָט אַוועקגעטראָגן דאָס קעסטל אין שול אַרײַן, באַלייט פֿון צען ייִדן. אין קעסטל זײַנען געווען צען ווײַסע קײַלעכדיקע פֿיגורן, איטלעכע קלענער ווי אַ גראָשן. אין שול האָט מען צוויי שטיק אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, באַדעקט מיט אַ זײַדענעם טישטוך, און מען האָט זיי געשלאָגן אַזוי שטאַרק, אַז פֿון זיי איז גערונען בלוט. ווען די ייִדן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך אַזוי איבערגענומען, אַז עטלעכע זײַנען אויפֿן אָרט בלינד געוואָרן. איך האָב געפֿרעגט ישׂראלן, צי האָט ער אַ „תּלוי" (taluj), ד״ה אַ פֿיגור פֿון דעם געקרייציקטן קריסטוסן, און ער האָט געענטפֿערט: יאָ, דערבײַ האָט ער מוסיף געווען, אַז ער וויל אים אַוועקשיקן אויך אין אַנדערע שטעט, אויף צו שענדן אים"... אויפֿן סמך פֿון אָט דער באַלבערײַ, וואָס עס האָבן פֿאַרשריבן צוויי געשמדטע ייִדן און וואָס זיי אַליין האָבן דאָס אפֿשר פֿירגעזאָגט, האָט קאַפּי־סטראַנאָס אינקוויזיטאָריש געריכט געהאַלטן פֿאַר מיגלעך אַרויסצוטראָגן אַ פּסק־דין. 4 יולי 1453 זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אויף אַ שײַטער־הויפֿן אין ברעסלע 41 ייִדן; דער רבֿ האָט מיט אַ טאָג פֿריִער זיך אַליין אויפֿגעהאַנגען אין תּפֿיסה. אין גיכן האָט מען פֿאַרברענט 17 ייִדן (10 מאַנצ־ביל, 7 פֿרויען) אין שווײדניץ, און אין ליגניץ זײַנען די תּפֿוסים פֿאַרברענט געוואָרן בײַ נאַכט אין דער תּפֿיסה. אַלע איבעריקע תּפֿוסים פֿון ברעסלע, סך־הכּל 318 מאַן, זײַנען אויף שטענדיק פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שטאָט, דער־

www.libtool.com.cn

בײַ האָט מען בײַ זײ צוגענומען די קינדער ביז 7 יאָר אַלט, וואָס די גלחים האָבן זײ איבער געוואַלד אָפּגעשמדט.

אַזוי איז מיט הצלחה איבערגעחזרט געוואָרן אין ברעסלע דער ווינער עקספּערימענט פֿון יאָר 1421. מען האָט געפֿונען אַן אויסגעפּרוווטן מיטל: בכדי אויסצוהאָבן ייִדן פֿון וואָסער שטאָט אָדער פּראָווינץ באַדאַרף מען אויפֿהייבן קעגן דער ייִדישער קהילה אַ באַשולדיקונג אין אַ ריטועלן פֿאַר־ברעך, דורכפֿירן דעם פּראָצעס לויט אַלע כּללים פֿון דער אינקוויזיציע, באַשטראָפֿן מיט טויט די כּלומרשטע גאָט־לעסטערערס – און דער דעקרעט וועגן גירוש איז פֿאַרטיק. און אַזוי טוען זיך באַוויזן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון דײַטשלאַנד, עסטרײַך, איטאַליע גלײַכצײַטיק, אַזוי ווי אָפּגערעדטערהייט, געפֿונענע פּגרים פֿון קריסטלעכע קינדער אָדער רעשטלעך פֿון האָסטיעס אַרויסגעגנבֿעט פֿון קירכן, די גאַנצע קאַטוילישע וועלט ווערט אויפֿגעצײַטערט פֿון די אויסגעקלערטע פֿאַרברעכנס, און די פֿאַקטישע קרבנות פֿון זײ ווערן ייִדן. אין דער זעלביקער צײַט, ווען דער איטאַליענישער אינקוויזיטאָר קאַפּיסטראַנאָ האָט פֿונאַנדערגעבלאָזן די שׂנאה צו ייִדן אין דײַטשלאַנד, האָט זײַן לאַנדסמאַן און חבֿר אין פֿראַנציסקאַנער אָרדן בערנאַרדין דע־פֿעלטרע געגרייט אַ קלאַפּ פֿאַרן ייִדנטום אין דער טיראָלער שטאָט ט ר ־ ע נ ט, וואָס האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אונטער דער ממשלה פֿון אַן עסטרײַכישן הערצאָג. דער טריענטער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן דרײַ יאָר (1478–1475), ווי עס וועט ווערן דערציילט ווײַטער (§ 59), איז געוואָרן אַ cause célèbre אין אייראָפּע און האָט געגעבן די ייִדנפֿײַנט אַ שרעקלעך געצײַג כּדי צו קעמפֿן גלײַכצײַטיק קעגן דער ייִדישער רעליגיע און קעגן דעם ייִדישן פֿאָלק. אָפּקלאַנגען פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן תּיכּף אָפּגעהילכט אין דײַטשלאַנד, ווו עס האָט אַרום די ייִדישע קהילות געברענט דער קאַמף פֿון פֿאַרשיידענע מאַכטן: דער קיסרלעכער, דער פֿעאָדאַלער, דער מוניציפּאַלער און דער קירכלעכער. באַזונדערס איז אָט דער קאַמף פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן אין דער קיסרלעכער שטאָט ר ע ג נ ס ב ו ר ג, ווו די ייִדישע קהילה איז געבליבן גאַנץ נאָך די שטורעמס פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער בלוט־בילבול איז דאָ געווען דער העראָישער מיטל, וואָס איז צוגעקלערט געוואָרן, בכדי צו געפֿינען אַן אויסוועג פֿון דעם פֿאַרפּלאָנטערטן מצבֿ.

די ייִדישע קהילה אין רעגנסבורג האָט זיך געפֿונען אונטער דער דירעקטער ממשלה פֿון דעם אָרטיקן שטאָטראַט, אָבער חוץ דעם האָבן זיך איבער איר געקריגט דער קיסר פֿרידריך III און לודוויג דער הערצאָג פֿון בײַערן. דער קיסר האָט געפֿאָדערט פֿון דער קהילה עקסטרע אָפּצאָלן ווי דער העכסטער שוצהאַר פֿון ייִדנטום, און דער הערצאָג האָט געהאַלטן, אַז די תּבֿיעה איז קיין תּבֿיעה ניט, מחמת אַנומלט האָט דער קיסר לודוויג דער בײַער פֿאַר־

www.libtool.com.cn

משכּונט די ייִדן בײַם הערצאָג פֿון בײַערן צו גאַראַנטירן אַ הלוואה וואָס ער האָט באַקומען. דער הערצאָג האָט פֿאַרטיידיקט זײַן רעכט צו שאַפֿן איבער דער קהילה לויט זײַן אײַנזען. אַ דם-שונא פֿון ייִדן, האָט ער אונטער דער השפּעה פֿון קאַפּיסטראַנאָס אַגיטאַציע באַשלאָסן צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון זײַנע מדינות. אים האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן אויסצופֿירן אין אייניקע ערטער פֿון בײַערן, אָבער אין רעגנסבורג האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטער מצד דער קיניגלעכער מאַכט און האָט געמוזט זיך באַגרענעצן דערמיט, וואָס ער האָט מחייבֿ געווען די אָרטיקע ייִדן אָפּצוהיטן דעם קאַנאָן פֿון דעם דערקען-צייכן אויף די בגדים (1552).

אין צוואַנציק יאָר אַרום איז דער קאַמף באַנײַט געוואָרן אויף אַ רעליגיעזן גרונט. הערצאָג לודוויג און דער ביסקופּ פֿון רעגנסבורג הייגריך האָבן אויסגענוצט די הילף פֿון צוויי ייִדן משומדים, בכדי צו טעראָריזירן די קהילה. איינער פֿון זיי, פּעטער שוואַרץ, איז געווען אַ מיטגליד פֿון דעם דאָמיניקאַנער-אָרדן און האָט געהאַלטן מיסיאָנערישע דרשות פֿאַר ייִדן אויף זייער ריידשפּראַך, און דערבײַ האָט דער ביסקופּ געצוווּנגען די ייִדן אויסצוהערן די רעדעס וואָס זײַנען געווען זיי דערווידער. מער שעדלעך איז געווען דער צווייטער משומד, האַנס פֿאַיאָל (Vajol), וואָס האָט אויף צו חנפֿענען זײַנע נײַע גלויבנס-ברידער גענומען זיך דערווײַזן, אַז ייִדן באַנוצן דאָס בלוט פֿון דערהרגעטע קריסטלעכע קינדער צוליב רעליגיעזע צערעמאָניעס. דער באַווײַז איז באַשטאַנען אין אַ פֿאַלשער מסירה אויף דעם „ייִדן-מײַסטער“, דער רעגנסבורגער רבֿ און שרײַבער ר׳ ישׂראל ברונא: יענער זאָל כּלומרשט האָבן געקויפֿט בײַ אים, בײַ פֿאַיאָלן, אַ זיבניאָריק קריסטלעך ייִנגל צוליב אַ ריטועלן מאָרד. דער משומד האָט מיט זײַן מסירה צוגעטראָפֿן אין פּינטל: די רעגנסבורגער קריסטן האָבן אויפֿגעהויבן אַ טומל, גרייט זיך אָפּצורעכענען מיטן רבֿ און מיט זײַן עדה. דער שטאָטראַט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אַרײַנצוזעצן דעם רבֿ אין תּפֿיסה, בכדי אים אָפּצוראַטעווען פֿון דעם צעיושעטן המון (1474). דער קיסר פֿרידריך III האָט געפֿאָדערט צו באַפֿרײַען דעם תּפֿוס, נאָר אַז ער האָט געקראָגן דעם ענטפֿער פֿון מאַגיסטראַט, אַז מען קאָן דאָס ניט טון, ווײַל עס איז אַ סכּנה פֿאַרן רבֿס לעבן, האָט ער געבעטן אָפּצולייגן דעם פּראָצעס, ביז וואַנען ער, פֿרידריך, וועט קומען צו פֿאָרן קיין רעגנסבורג. דערווײַל האָט מען געזוכט דאָס דערהרגעטע קינד און זײַנע עלטערן און מען האָט גאָרנישט געפֿונען. ווען מען האָט גענומען שטרענגער אויספֿרעגן דעם מסור פֿאַיאָלן, האָט ער געמוזט זיך מודה זײַן, אַז ער האָט די גאַנצע מעשׂה אויסגעקלערט פֿון קאָפּ. דעריבער האָט דאָס געריכט, ניט דערוואַרט זיך אויפֿן קיסרס קומען, אַרויסגעלאָזט פֿון טורמע דעם אומשולדיקן רבֿ, און דעם בילבול-מאַכער האָט ער פֿאַרמשפּט צו פֿאַרברענען.

www.libtool.com.cn

באַלד אָבער איז די אַנטי=ייִדישע אַגיטאַציע באַנייט געוואָרן. פּונקט ווי אין גאַנץ דײַטשלאַנד, איז מען אויך אין רעגנסבורג געווען אויפֿגעהעצט דורך די ידיעות וועגן דעם פּראָצעס אין טריִענט, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען. עס האָט זיך געפֿונען נאָך אַ פֿאַרקויפֿטער משומד, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן ייִדן אין רעגנסבורג פֿאַרפּײַניקט קריסטלעכע קינדער. דער ביסקופּ היינריך, וואָס איז געקומען צוריק פֿון רוים, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט די אַקטן פֿון דעם טריִענטער פּראָצעס, האָט דאָס אויסגענוצט כּדי צו באַשאַפֿן אַ נײַעם פּראָצעס בײַ זיך אין דער דיאָצעזע. ער האָט געפֿועלט אַריבערצוציִען אויף זײַן צד דעם רובֿ פֿון דעם שטאָטראַט, וואָס האָט געהאַט אין זינען זײַנס: אויב מען וועט די ייִדישע קהילה פֿאַרמשפּטן און מען וועט די ייִדן פֿאַרטרײַבן פֿון רעגנסבורג, וועט דער גאַנצער ייִדישער קוואַרטאַל מיט זײַנע הײַזער אַריבערגיין צו דער שטאָט. עס זײַנען געוואָרן אַרעסטירט זעקס ייִדן. די אַרעסטירטע האָט מען אויסגעפֿרעגט אונטער אַזעלכע עינויִים, אַז די אומגליקלעכע האָבן זיך מודה געווען אין נישט=געשטויגענע=נישט=געפֿלויגענע פֿאַרברעכנס און האָבן אונטערן דיקטאַט פֿון די תּליינים אָנגערופֿן נאָך נעמען פֿון אַנטייל=נעמערס. מען האָט פֿאַרשטייט זיך געפֿונען בײַנער פֿון די „פֿאַרפּײַניקטע“, וואָס, ווי עס האָבן געהאַלטן אויך ניכטערע קריסטן, די אויפֿטוערס פֿון דעם פּראָצעס האָבן אַליין געקאָנט זיי אַוועקלייגן אין די געהעריקע ערטער. נאָך דעם ווי דער שטאָטראַט האָט אויף אַזאַ שטייגער קאָמפּראָמיטירט די גאַנצע קהילה, האָט ער געהייסן פֿאַרמאַכן דעם אַרויסגאַנג פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל, און דאָס פֿאַרמעגן אין אַלע הײַזער פֿאַרחתמען. אייניקע ייִדן וואָס זײַנען אַנטרונען געוואָרן פֿון שטאָט זײַנען געקומען צום קיסר זיך באַקלאָגן אויף די גוואַלד=מעשׂים פֿון די אָרטיקע מאַכטהאָבערס און האָבן געקראָגן פֿון אים אַ באַפֿעל צום שטאָטראַט, אַז ער זאָל תּיכף אַרויסלאָזן פֿרײַ די תּפֿוסים. קעגן דעם האָט דער ראַט געטענהט, אַז די יוריסדיקציע איבער די ייִדן אין אַזעלכע ענינים געהער דער שטאָט, דעם הערצאָג פֿון בײַערן און דער גײַסטלעכקייט, נאָר פֿרידריך האָט איבערגעחזרט זײַן פֿאָדערונג, ווילנדיק דעמאָנסטרירן דערמיט זײַן רעכט ווי דער העכסטער שוצהאַר פֿון ייִדן. דער קיסר האָט ווינציק געגלייבט אין דער עלילת=דם און האָט אין אַזעלכע פּראָצעסן געזען נאָר רשעותדיקע פֿעלשונגען פֿון ייִדישע שׂונאים. הערצאָג לודוויג און דער ביסקופּ זײַנען שוין געווען גרייט נאָכצוגעבן דעם קיסרס פֿאָדערונג, אָבער דער שטאָטראַט האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. ער האָט אַפֿילו באַשלאָסן צו טייטן אייניקע תּפֿוסים. אַז מען האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם קיסר, האָט ער אַרויפֿגעלייגט דעם רײַכסבאַן אויף דער צעבונטעווועטער שטאָט און געסטראַשעט מיט פֿאַרשיידענע שטראָפֿן. געצווונגען נאָכצוגעבן זײַנען די שטאָט=

www.libtool.com.cn

טאַטעס פאַמעלעך אָפּגעטראָטן פֿון זייערע פּאָזיציעס: צו ערשט האָבן זיי אַראָפּגענומען די שלעסער און די שמירה פֿון דעם יידישן קוואַרטאַל, נאָר זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין תּפֿיסה 17 אַרעסטירטע. בינתּים האָבן זיי געשיקט דעפּוטאַציעס צום קיסר און צום הערצאָג, געפּלײַסט זיך צו ווירקן אויפֿן פּויפּס, מיט געריקייט אויפֿגעכאַפּט און פֿאַרשפּרייט די קלאַנגען וועגן „ריטועלע געשעענישן" אין אַנדערע ערטער. יידן האָבן אָבער אויך ניט געשלאָפֿן: זיי האָבן צוגעשטעלט דעם פּויפּסלעכן לעגאַט אַ מעמאָראַנדום וועגן דער פֿאַלשקייט פֿון די ריטועלע בילבולים, וואָס איז דערוויזן דורך לאַנגסטיקע בולעס פֿון די פּויפּסן; פֿרידריכן האָבן זיי דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום, ווו זיי האָבן אויפֿגעוויזן, אַז זייערע אָבֿות האָבן געוווינט אין רעגנסבורג פֿון קדמונים אָן, נאָך איידער קריסטוס איז געבוירן געוואָרן, און ממילא טראָגן זיי ניט קיין שולד אין זײַן קרייציקונג. צו לעצט אין יאָר 1478 האָט דער קיסר געהייסן דעם שטאָטראַט אַרויסלאָזן פֿרײַ די תּפֿוסים אין משך פֿון דרײַ וואָכן, אײַנצאָלן אין דער קיסרלעכער קאַסע 8000 גולדן און ערבֿ זײַן דערפֿאַר, אַז די יידישע קהילה וועט פֿון איר זײַט אײַנצאָלן 10.000 גולדן. דער ראָט האָט זיך געדונגען מיטן קיסר און האָט געפּועלט, אַז די גאַנצע סומע פֿון דעם שטראָפֿגעלט איז געוואָרן אַרויפֿגעלייגט אויף דער יידישער קהילה. די געליטענע קהילה ווידער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן דעם קנס, וואָס עס האָבן געדאַרפֿט צאָלן די וואָס האָבן איר פֿאַרשאַפֿט די יסורים. אַזוי האָט זיך דער ענין געצויגן נאָך צוויי יאָר, וואָס אין משך פֿון זיי זײַנען די תּפֿוסים נאָך אַלץ געזעסן פֿאַרשפּאַרט, ביז מען האָט זיי אַרויסגעלאָזן אין יאָר 1480 מיט דעם תּנאַי, אַז זיי וועלן ניט נקמה נעמען פֿאַר די צרות וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן און וועלן ניט אַוועק פֿון שטאָט מיט זייער גוטס. די קהילה האָט פֿאָרט געמוזט אָפּצאָלן איר חלק פֿון דער שטראָף — פֿאַר דער שולד פֿון יענע, וואָס האָבן עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד זי געשענדט און געפּײַניקט.

די יידן זײַנען געבליבן אין רעגנסבורג, נאָך דעם ווי זיי האָבן געקראָגן נײַע פּריווילעגיעס פֿון דעם קיסר (1481). נאָר דאָס לעבן איז זיי געוועזן פֿאַרסמט. דער שטאָטראַט האָט זיי אָנגעטאָן נגישות, ווי ווײַט זײַן כּוח האָט געגרייכט, און האָט אַלץ נאָך געהאָפֿט צו פֿאַרטרײַבן זיי, בכדי צו באַקומען די רײַכע ירושה — די הײַזער פֿון דעם יידישן קוואַרטאַל. די עטלעכע אָרנטלעכע מענטשן פֿון דעם שטאָטראַט, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר יידן, האָט מען מיט ביטול אָנגערופֿן Judenkönige. די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג, אונטערגעהעצט דורך די מאָנאַכן, איז געוואָרן אַלץ מער פֿײַנטלעך געשטימט צו די יידן: די בעקערס האָבן זיי ניט פֿאַרקויפֿט קיין ברויט, די מילנערס האָבן ניט געמאָלן קיין מעל פֿאַר זיי, אויפֿן סמך דערפֿון וואָס די

גלחים האָבן דאָס פאַרבאָטן. דער ראָט האָט פאַרבאָטן ייִדן אײַנצוקויפן לעבנס־מיטלען אויפן מאַרק פאַר 4 אַ זייגער בײַ טאָג, בכדי די קריסטן זאָל פריִער באַוויַזן אײַנצוקויפן אַלץ וואָס זיי האָבן נייטיק. דער קאַמף האָט זיך געצויגן נאָך עטלעכע צענדליגג יאָר און ערשט אין באַגינען פון דער עפּאָכע פון דער רעפאָרמאַציע האָבן די ייִדנפײַנט געפּײַערט זייער נצחון: די ייִדן זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון רעגנסבורג אין יאָר 1519.

דער סוף פון מיטלעלטער איז געוואָרן אָנגעצייכנט מיט אַ ריי גירושים, וואָס ייִדן זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון דײַטשע שטעט. די עלטסטע קהילות פון צווי ביסקופּישע שטעט, מאַינץ און מאַגדעבורג, זײַנען צעשטערט געוואָרן אין יענער צײַט. דער אַרציביסקופּ אַדאָלף נאַסוי האָט פאַרטריבן די ייִדן פון מאַינץ אין יאָר 1462, שפּעטער האָט ער זיי אויף אַ צײַט צוריקגערופן, און אין 1473 האָט ער זיי פאַרטריבן לעצטגילטיק; די שול האָט מען איבערגעמאַכט פאַר אַ קאַטוילישער קאַפּליצע. דער אַרציביסקופּ פון מאַגדעבורג האָט אין יאָר 1493 פאַרטריבן די ייִדישע קהילה (1400 מאַן) פון דער פאָרשטאָט פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט געהייסן יודנדאָרף, נאָר האָט געצוווּנגען דעם אָרטיקן שטאָטראָט צו באַצאָלן די פאַרטריבענע פאַר די הײַזער און פאַר דעם איבערגעלאָזטן פאַרמעגן, און דערבײַ האָט ער געהייסן נעמען בײַ די פאַרטריבענע אַ קוויט, אַז דער ראָט האָט זיי „ערלעך באַצאָלט" פאַר זייער אייגנס און אַז דערפאַר „טוען זיי אונטערטעניק דאַנקען דעם האַר פון מאַגדעבורג". אָפּטער פלעגן פאַרטרײַבן די ייִדן די שטאָט־ראַטן, מיט דער דערלויבעניש פון דעם קיסר אָדער פון די פּעאָדאַלע פירשטן. פרידריך III פלעגט ניט גערן געבן אַזעלכע דערלויבענישן, אָבער אונטער זײַן יורש מאַקסימיליאַן (זינט 1493) האָבן די ראַטן געקראָגן אַ גרעסערע פרײַהייט אָנצוטון ייִדן נגישות. אַזוי אַרום איז דער פּראָצעס פון פאַרטרײַבן ייִדן פון די דײַטשע שטעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער עפּאָכע פון שוואַרצן טויט, אָנגעגאַנגען אין משך פון גאַנצן 15טן י״ה, און ווען עס איז אָנגעשטאַנען די „נײַע צײַט", איז די צאָל ייִדישע קהילות אין דײַטש־לאַנד געוואָרן שטאַרק פאַרקלענערט.

## .48 § דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון די קהילות און די ליטעראַטור

וואָס זשע האָט אונטערגעהאַלטן די ייִדן אין דײַטשלאַנד אין אָט דעם שרעקלעכן פּעריאָד פון צוויי הונדערט יאָר, ווען די גאַנצע אַרומיקע וועלט איז אויפגעשטאַנען אויף צו פאַרטיליקן זיי? וואָס האָט זיי געגעבן דעם כּוח צו באַשטיין קעגן פײַער און שווערד, רדיפות און רעכטלאָזיקייט און אַלע

www.libtool.com.cn

יסורים פֿון אַ פֿאַריער=לעבן? אין וואָסערע פֿאָרמען האָט זיך אַרויסגעוויזן דער כּוח פֿון דעם נאַציאָנאַלן קיום, וואָס האָט גערעטעוועט די שיטער געוואָרענע רייען פֿון דײַטשן ייִדנטום פֿון סאָציאַלער פֿאַרווילדערונג און האָט זיי אויפֿגעהיט ווי אַן אָרגאַניזירטע קולטורעלע איינס? — אין צוויי פֿאָרמען האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט דער כּוח: אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער קהילה=אויטאָנאָמיע און אין דעם המשך פֿון אַן אינטענסיווער גײַסטיקער טעטיקייט.

אַ פֿאַריער מחוץ זײַן קוואַרטאַל, איז דער ייִד געווען אַ בירגער אינעווייניק אין אים, אַ בירגער פֿון זײַן גײַסטיקער מלוכה. נאָך מער ווי פֿריִער האָט זיך אָפּגעשלאָסן דאָס ייִדישע שטעטל אין מיטן דער קריסטלעכער שטאָט, אַלץ ענגער האָבן זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע די אײַנגעשראָקענע שעפּעלעך, וואָס פֿון זייערע רייען פֿלעגן די וועלף צײַטנווײַז אַרויסרײַסן אַ גרויסן רויב. די שׂררות האָבן כּסדר געשאָרן די וואָל, די פֿעלקער האָבן אין אָנפֿאַלן פֿון ווילדקייט געריסן די הויט און געבראָכן די ביינער, און די פֿאַסטעכער פֿון דער דאָזיקער טשערעדע האָבן שטענדיק געמוזט שטיין אויף דער וואַך, צו פֿאַרהיטן די צרה, ווו נאָר עס איז געווען מיגלעך, אַרײַנפֿירן אַ סדר נאָכן חורבן, אונטערהאַלטן דיסציפּלין אין די צעשויבערטע רייען. די דאָזיקע עבֿודה האָט אין איטלעכער שטאָט אויסגעפֿירט דער ראָט פֿון דער ייִדישער קהילה, וואָס פֿיגורירט אָפֿט אין די דעמאָלטיקע אָפֿיציעלע אַקטן אונטערן נאָמען „יודנשאַפֿט" אָדער „ייִדישהייט". אין יענער עפּאָכע פֿון סיסטעמאַטישער עקספּלואַטאַציע פֿון ייִדן מצד דעם קיסר, די הערצאָגן, די ביסקופֿן, די שטאָטישע שטאַנדן איז די ייִדישע קהילה=פֿאַרוואַלטונג אַלץ מער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם קאַמף צווישן די פֿאַרשיידענע שׂררות און אינסטיטוציעס. אַלע די דאָזיקע שׂררות האָבן געהאַט צו טון מיטן ראָט פֿון דער ייִדישער קהילה און מיט איר פֿאָרזיצער, דעם „יודן=מײַסטער".[1] די קיסרים, ווען זיי פֿלעגן אַרויפֿלייגן עקסטרע=אָפּצאָלן אויף גרופּעס פֿון ייִדישע קהילות אין פֿאַרשיידענע פּראָווינצן, פֿלעגן זיי אָפֿט פֿאָדערן, עס זאָלן צונויפֿגערופֿן ווערן צונויפֿפֿאָרן פֿון פֿאָרשטייערס פֿון די קהילות אויף צו באַשטעטיקן און פֿונאַנדערצוטיילן די אָפּצאָלן. די פֿאָרשטייערס ווידער האָבן געקאָנט אויסנוצן אָט די צונויפֿפֿאָרן אויף אַרומצורעדן די אינע=

---

1 אין 13טן י"ה פֿלעגן אָנגערופֿן ווערן „יודן-מײַסטערס" יענע מיטגלידער פֿון דעם קריסטלעכן שטאָטראַט, וואָס זײַנען געווען באַשטימט צוליב קאָנטראָלירן די אַרטיקע ייִדישע קהילה און אויפֿמאָנען פֿון איר די שטאָטישע שטײַערן. אין קעלן זײַנען צוליב אָט דעם ציל באַשטימט געוואָרן צלע יאָר צוויי „יודן-מײַסטערס" פֿון די מיטגלידער פֿון דעם שטאָטראַט (זע Weyden, Die Geschichte der Juden in Köln, 169). נאָר זינט דעם 14טן י"ה האָבן אָט דעם טיטל געטראָגן אָפֿט מאָלס די ראָשי-הקהילות אָדער די רבנים.

װײניקסטע פּראַגעס פֿון דעם קהילה=לעבן, אויף אויסצואַרבעטן דעם רעגלאַמענט פֿון דער אַלײן=פֿאַרװאַלטונג און אויף צו צענטראַליזירן זי. אין 14טן און 15טן י״ה זעען מיר אַזעלכע צונויפֿפֿאָרן אין די רײַן=פּראָװינצן (מאַינץ 1381, בינגען 1457 א״אַ) און אין בײַערן (נירנבערג 1438, רעגנסבורג 1471 א״אַ). פֿון דעם זײַנען אַרויסגעקומען קהילה=פֿאַרבאַנדן, פֿון דעם מין װי דער פֿאַרצײַטיקער פֿאַרבאַנד פֿון די רײַנישע קהילות שפּײַער—װאָרמס—מאַינץ (שו״ם, אויבן § 25). אַזאַ פֿאַרבאַנד האָט עקסיסטירט אויך אין עסטרײַך, װוּ די קהילות װין, װינער=נײַשטאָט און קרעמס זײַנען געװען פֿאַראײניקט אין איין קרײַז.

אין צענטער פֿון דער אַלײן=פֿאַרװאַלטונג איז געשטאַנען די רבנות װי אַ גײַסטלעכער און געריכטלעכער אָרגאַן. אין די אָפֿיציעלע אַקטן טרעט דער רבֿ אַ מאָל אַרויס אונטערן טיטל „יודן=מײַסטער״, װאָס געװײנטלעך פֿלעגט דאָס טראָגן דער פּרנס אָדער דער װעלטלעכער פֿאָרזיצער פֿון דעם קהילה=ראַט (עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז אין געװיסע פֿאַלן איז טאַקע דער רבֿ געװען דער פֿאָרזיצער פֿון ראַט). װי מען איז משער, איז אין דער געשילדערטער תקופֿה אײַנגעפֿירט געװאָרן דער אינסטיטוט פֿון „סמיכה״: איטלעכער װאָס האָט געװאָלט װערן אַ רבֿ האָט זיך געמוזט שטעלן צום עקזאַמען פֿאַר אַ קאָלעגיע רבנים אָדער פֿאַר אײנעם אַ רבֿ אַ גדול=הדור און באַקומען פֿון אים אַ כּתבֿ=סמיכה, דאָס איז געװען זײַן דיפּלאָם אויף אַ רבֿ (סמיכות אויף רבנות). דער באַרימטער װינער רבֿ רבי מאיר הלוי (אַן ערך 1370) האָט אײַנגעפֿירט דעם טיטל „מורנו״, װאָס פֿלעגט װערן געגעבן ייִדן, װאָס צײכענען זיך אויס מיט זײער גרויסער לומדות, יראַת=שמים און גוטע מידות. אויפֿן יסוד פֿון אַזעלכע כּתבֿים פֿלעגן די קהילות געװײנטלעך אויסקלײַבן די רבנים. דאָס דאָזיקע רעכט פֿרײַ אויסצוקלײַבן זײערע גײַסטלעכע פֿירערס האָבן ייִדן באַזונדערס טײַער געהאַלטן און האָבן ניט געװאָלט לײַדן, אַז פֿון דרויסן זאָל זיך װער אַרײַנמישן אין דער זאַך.

אין אָנהײב 15טן י״ה איז טאַקע געמאַכט געװאָרן אַ פּרװו אַ טרײסל צו טון אָט דעם יסוד פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע. דער קיסר רופּרעכט האָט באַשלאָסן אײַנצופֿירן אין דײַטשלאַנד דעם אינסטיטוט פֿון אַן אײבער=רבֿ, פּונקט װי דאָס איז געװען אין פֿראַנקרײַך און אין שפּאַניע. די דאָזיקע אײבער=רבנים װאָלטן אָבער נאָר לפֿנים געװען די גײַסטלעכע פֿירערס פֿון פֿאָלק, אין דער אמתן האָבן זײ געדאַרפֿט זײַן דעם קיסרס אײבער=פֿיסקאַלן און העלפֿן אים שערן די אונטערטעניקע שאָף. אין יאָר 1407 האָט רופּרעכט באַשטימט אַ געװיסן רבי ישׂראל פֿאַרן „הויכמײַנסטער״ אָדער עלטסטן איבער אַלע רבנים און אַלע קהילות אין דײַטשלאַנד, מיטן רעכט צו משפּטן און צו זאָגן אַ דעה, צו



www.libtool.com.cn

באַשטראָפֿן און צו רודפֿן די ניטפֿאָלגערס, „וועדליג דאָס הייסט דער ייִדישער געזעץ", אָבער אויך אויפֿצומאָנען פֿאַר דער קיסרלעכער קאַסע דעם „גילדענעם אָפּער-פּעניג" און די געוויינטלעכע שטײַערן. זײַן פֿאַראָרדענונג האָט רופֿרעכט דערקלערט דערמיט, וואָס עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך ייִדן וואָס גיבן זיך אַרויס אייגנוויליק פֿאַר רבנים, שאַלטעווען איבער זייערע עדות אומגעזעצלעך, לייגן אַרויף חרמים אויף ייִדן נאָר בכדי אויסצופּרעסן בײַ זיי געלט, און ברענגען אַזוי אַרום היזק דער מלוכה-קאַסע. נאָר פֿאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דעם קיסרס דעקרעט וועט דעם מצבֿ ניט פֿאַרבעסערן, נאָר אַדרבא, דער אינסטיטוט פֿון רבנות וועט אין גאַנצן דעמאָראַליזירט ווערן, מחמת זײַן העכסטער פֿאָרשטייער וועט ווערן דער אייבער-אויפֿמאָנער פֿון די שטײַערן. און די ייִדישע קהילות האָבן אַזאַ קרוינישן רבֿ ניט געוואָלט אָננעמען. די ערשטע האָט פּראָטעסטירט די גרויסע נירנבערגער קהילה, און נאָך איר האָבן אויך די איבעריקע קהילות מיט זייערע אויסגעקליבענע רבנים זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן דעם באַשטימטן „הויכמײַנסטער". ערטערווײַז האָט מען אַפֿילו מכריז געווען אַ חרם אויף די וואָס וועלן עובֿר זײַן אויף אָט דעם געזעצלשאַפֿטלעכן באָיקאָט און וועלן האָבן אַ מגע-ומשׂא מיט דעם אייבער-רבֿ. אומזיסט האָט דער קיסר אין אַ נײַעם דעקרעט דערקלערט דעם דאָזיקן חרם פֿאַר ניט גילטיק און געשראָקן די רבנים מיט שטראָפֿן פֿאַר ניט אָפּגעבן דעם „הויכמײַנסטער" דעם געהעריקן כּבֿוד, — די קהילות האָבן ניט געפֿאָלגט, און רופּרעכטס אויפֿטו האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

פּונקט אַזאַ דורכפֿאַל האָט געליטן דער פּרווו פֿון זײַן יורש דעם קיסר סיגיזמונד, וואָס איז געוואָרן מפֿורסם דורך זײַן עקספּלואַטאַציע פֿון די ייִדישע קהילות. דער קיסרלעכער פֿיסקאַל, וואָס סיגיזמונד האָט אים געשיקט אײַנצומאָנען די ייִדישע שטײַערן, האָט באַשטימט דעם קעלנער ייִד אַנסעלם (ר׳ אַמשל הלוי) פֿאַרן אייבער-רבֿ פֿון די דײַטשע קהילות, מיט דער אָפֿענער כּוונה צו מאַכן אים פֿאַר זײַן געהילף בײַם אײַנמאָנען די שטײַערן (1435), אָבער ר׳ אַמשל האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן „הויכן פּאָסטן", ווײַל ער האָט ניט געוואָלט עובֿר זײַן אויפֿן איסור, וואָס איז געווען אײַנגעשטעלט מקדמונים, אַז אַ ייִד טאָר ניט אָננעמען פֿון די קריסטלעכע שׂררות קיין שום התמנות אין דער קהילה-פֿאַרוואַלטונג.

אויב די רבנים וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט האָבן די קהילות ניט געוואָלט פֿאָלגן, איז פֿאַר זיי אָבער געווען הייליק יעדער וואָרט פֿון די גײַסטלעכע פֿירערס, וואָס זיי אַליין האָבן זיך אויסגעקליבן. אַ סך פֿון די רבנים זײַנען טאַקע געוואָרן מפֿורסם מיט זייער גרויסער לומדות, מיט זייער הייליקן לעבן, און אָפֿט מיט זייער גבֿורה און מסירת-נפֿש אין דער צײַט פֿון גזרות.

www.libtool.com.cn

גרויסע קענערס פֿון תּלמוד, פֿרומע ייִדן און על־פּי־רובֿ מענטשן פֿון אַ לויטערער מאָראַל, האָבן אָבער די דײַטשע רבנים פֿון יענער צײַט ניט געקאָנט זיך באַפֿרײַען פֿון דער ענגשאַפֿט פֿון דעם גײַסטיקן האָריזאָנט, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פֿון דער פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. קיין ברייטע טעאָלאָגישע בילדונג האָבן זיי ניט געהאַט, און דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דער דעמאָלטיקער רבנישער ליטעראַטור. אין איר פֿאַרנעמט דעם הויפּטאָרט אַפֿילו ניט דער תּלמודיזם, נאָר אַ פּראָפֿעסיאָנעלער רביניזם – מען איז אין גאַנצן פֿאַרנומען מיט פּראַקטישע פֿראַגעס פֿון דעם קולט אין דער סינאַגאָגע און פֿון דעם שטוביקן פֿיר. באַזונדערס שטאַרק איז מען געווען אַרײַנגעטאָן אין פֿאָרשן די פֿיל פֿאָלקס־מנהגים, וואָס זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט אין פֿאַרשיידענע קהילות, און די קאָנסערוואַטיווע רבנים האָבן זיי גערן אַרײַנגענומען צווישן די דינים.

די גזרות פֿון 14טן י"ה האָבן נאָך מער אַראָפּגעדריקט דעם מעמד פֿון דער גײַסטיקער שאַפֿונג פֿון די דײַטשע ייִדן. דער דאָזיקער יאָרהונדערט האָט אַרויסגערוקט אַ ריי טוערס נאָר אין דעם באַגרענעצטן געביט פֿון דער רבנישער וויסנשאַפֿט. דאָס זײַנען געווען: ר' זוסלין פֿון פֿראַנקפֿורט, דער מחבר פֿון דער זאַמלונג הלכות „אַגודה"; ר' שמואל שלעטשטאַט אין שטראַסבורג, וואָס האָט געמאַכט אַ קיצור פֿון דעם „מרדכי"; ר' אַבֿרהם קלויזנער, וואָס האָט צונויפֿגעשטעלט די זאַמלונג „מנהגים", און זײַן רבי דער דערמאָנטער ווינער רבֿ ר' מאיר הלוי.

אין 15טן י"ה לאָזט זיך מערקן אַ געוויסע באַלעבונג אויפֿן ענגן געביט פֿון רביניזם. די גרויסע רבנים ר' יעקבֿ מולין אָדער מהרי"ל אין מײַנץ און וואָרמס (געשט' 1427) און זײַן תּלמיד ר' יעקבֿ ווייל אין נירנבערג און ערפֿורט (געשט' 1456) האָבן געפֿירט אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די רבנים פֿון אַנדערע קהילות וועגן שאַלות פֿון רעליגיעזן ריטואַל. אָט די „שאַלות־ותּשובֿות" זײַנען שפּעטער געוואָרן צונויפֿגעקליבן און פֿאַרשפּרייט אין די קהילות, ווו זיי האָבן געדינט פֿאַר די העכסטע אויטאָריטעטע ווערק אויף צו פּסקענען שאַלות אין דעם רעליגיעזן פֿיר. דער מהרי"ל האָט אַרויסגעגעבן אַ „ספֿר מנהגים", ווו עס זײַנען צונויפֿגעקליבן די דינים און מנהגים פֿון סדר־התּפֿילה לויט דעם נוסח אַשכּנז, וואָס שיידט זיך אונטער אין כּמה פּרטים פֿון דעם נוסח ספֿרד. ר' יעקבֿ ווייל האָט צונויפֿגעשטעלט אַ ספּעציעלן ספֿר וועגן הילכות שחיטה און נאָך אַנדערע ספֿרים פֿון דינים אין ריטואַל און אין ציווילע ענינים. אַ סך פֿון די אָרטיקע פֿאָלקס־מנהגים זײַנען דורך אָט די חיבורים אײַנגעפֿירט געוואָרן ווי דינים פֿאַר אַלעמען און האָבן שווערער געמאַכט דעם עול פֿון די מצוות.

www.libtool.com.cn

דער צײַטווײַליקער גירוש פֿון ייִדן פֿון ווין און פֿון איר סבֿיבֿה אין יאָר 1421 האָט געצווונגען אַריבערצוטראָגן די ישיבֿות און דעם לימוד-התּורה אין די עסטרײַכישע פּראָווינצן (שטײַערמאַרק און אַנדערע) און אין די שכנישע דײַטשע געגנטן, נאָר אין עטלעכע צענדליגג יאָר אַרום זײַנען די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע צענטערס אין עסטרײַך געוואָרן ווידער אויפֿגעריכט. אין יענער תּקופֿה זײַנען געשטאַנען בראָש פֿון דער דײַטש-עסטרײַכישער רבנות: ר׳ ישׂראל איסרלין (געשט׳ אַרום 1460), וואָס איז געווען רבֿ פֿריִער אין דער שטײַערישער מאַרבורג און שפּעטער אין ווינער-נײַשטאָט; דער אויבן דערמאָנטער ר׳ ישׂראל ברונא, וואָס האָט קוים מיט צרות זיך געראַטעוועט פֿון טויט בעת די מהומות אין רעגנסבורג (1476), און ר׳ משה מינץ, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ אין באַמבערג און אַ געוויסע צײַט אין פּויזן, אין פּוילן (1474). אָט די אַלע רבנים האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם ענגן קרײַז פֿון זייער אַרבעט ווי מורי-הוראות און מחברים פֿון רבנישע ווערק (ר׳ ישׂראל איסרלין האָט אָנגעשריבן די באַוווסטע זאַמלונג פּסקים „תּרומת הדשן", און אויך ר״י ברונא און ר״מ מינץ האָבן געלאָזן נאָך זיך גרויסע בענד „תּשובֿות"); נאָר זיי האָבן אויך געזאָרגט אַרײַנצוברענגען תּיקונים אין דעם ציבור-לעבן פֿון די קהילות, צו הייבן דעם מאָראַלישן מצבֿ פֿון די כּלי-קודש, צו פֿאַרמײַדן מחלוקות און פּאַרטייִשקייט אין פֿאָלק. צווישן אַנדערע זאַכן האָט ר׳ משה מינץ פֿונאַנדערגעגרענעצט די פֿונקציעס פֿון די רבנים און פֿון די פּרנסים אין די קהילות און ער האָט געפּסקנט, אַז אין די ענינים פֿון רעליגיע טאָרן די פּרנסים קיין שום זאַך ניט אונטערנעמען אָן דעם וויסן פֿון די רבנים. די פּרנסים, די ראָשים פֿון די קהילות, פֿלעגן אָפֿט מאָל וועלן זאָגן אַ דעה דאָרט, ווו עס קומט זיי גאָר ניט, אין אַזעלכע ענינים, וואָס נאָר די רבנים קאָנען פּסקען; פֿון דער אַנדער זײַט פֿלעגן אויך טייל רבנים, וואָס זײַנען געווען פֿאָרזיצערס אין די קהילה-ראָטן, אַריבערכאַפּן די מאָס און דעם גרענעץ פֿון זייער מאַכט. איבעריקנס האָט די מאַכט סײַ די און סײַ יענע פֿאַרשאַפֿט ווייניק פֿרייד. שווער איז געווען דער מצבֿ פֿון די ראָשי-הקהילות, וואָס די קיסרים און אַנדערע שׂררות האָבן זיי תּמיד טעראָריזירט דורך פֿאָדערונגען פֿון געווינט-לעכע און עקסטרע אָפּצאָלן, און אין פֿאַלן פֿון ריטועלע בילבולים פֿלעגט מען זיי די ערשטע אַרײַנשלײַדערן אין תּפֿיסות, אינקוויזיטאָריש פּײַניקן און טייל מאָל זיי אַרויפֿברענגען אויפֿן עשאַפֿאָט פֿאַר די כּלומרשטע חטאים פֿון די קהילות.

אַלע צווײַגן פֿון דער ליטעראַטור, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שײַכות צו דער רבנות, האָבן זיך אַנטוויקלט זייער שוואַך. אַפֿילו די כראָניק, די מאַרטיראָלאָגיע און די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע האָבן ניט אין יענער תּקופֿה

www.libtool.com.cn

פֿון די גרעסטע גזרות אַזעלכע װערק, װי עס האָט געגעבן די תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן. דעמאָלט זײַנען מאַסן־שחיטות אויף קידוש־השם געװען נאָך אַ נײַע זאַך, איצט זײַנען זיי געװאָרן מעשׂים בכל יום. מענטשן זײַנען מיד געװאָרן צו פֿאַרשרײַבן און צו באַזינגען זייערע צרות. זיי האָבן פֿאַראייביקט דעם אָנדענק פֿון די פֿאַרפּײַניקטע קדושים אין פּשוטע רשימות פֿון נעמען, פֿאַר־שריבן אין די „מעמאָרביכער" פֿון די שולן, כּדי מען זאָל װיסן װען צו זאָגן נאָך זיי „יזכּור". װעגן די שרעקנס פֿון שװאַרצן טויט האָט אַ ייִדישער כראָניסט פֿון אַ שפּעטערדיקער צײַט (דער מחבר פֿון „עמק הבכא") געמוזט שעפּן פֿראַגמענטאַרישע ידיעות פֿון עלטערע קריסטלעכע כראָניסטן. די סינאַ־גאָגאַלע פּאָעזיע איז אויך מיד געװאָרן פֿון װיינען, אַזױ װי די טרערן װאָלטן אויסגעטריקנט געװאָרן בײַ די געפּײַניקטע. אייניקע קינות פֿון װינציק באַװוסטע מחברים אויף דעם אומקום פֿון הונדערטער קהילות אין די יאָרן פֿון שװאַרצן טויט זײַנען גאָר ניט אַרײַנגענומען געװאָרן אין דער ליטורגיע; לויט דער קראַפֿט פֿון נאַציאָנאַלן פּראָטעסט שטייען זיי נידעריקער פֿאַר די אַנאַלאָגישע װערק פֿון דער פֿריִערדיקער תּקופֿה. מער ניט דער „געװיין" פֿון ר' אַביגדור קרא אויף דער פּראָגער טראַגעדיע (§ 45) דערנענטערט זיך צו די עלטערע מוסטערן. די װינער גזרה פֿון יאָר 1421 האָט פֿאַראייביקט אַ לעגענדאַרישע כראָניק אויף אַלט־ייִדיש (גזרה ממדינת אושטרײַך), װאָס איז פֿול מיט אויפֿטרייסלענדיקע שילדערונגען פֿון עינויים און אומקום אויף קידוש־השם, אָבער זי האָט ניט קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיװע.

פֿון דער מאָראַליסטישער מוסר־ליטעראַטור פֿאַרן פֿאָלק זײַנען צו אונדז דערגאַנגען װינציק װערק. דער ספֿר „אורחות צדיקים", דער „ספֿר חסידים קטן", דאָס „זיטנבוך" (אויף אַלט־ייִדיש), װאָס זײַנען צונױפֿגעשטעלט געװאָרן אין 15טן י"ה, זײַנען אַ נאָכמאַכונג פֿון דעם קלאַסישן „ספֿר חסידים" (באַנד I, § 40). פּונקט װי דאָרט װערט דאָ געלערנט עניוות און פּרישות, שטרענגע פֿרומקייט און לויטערע מידות, בטחון און גלויבן אין דעם אייבערשטנס השגחה. עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין אָט די מוסר־װערק, װאָס זייערע מחברים זײַנען געשטאַנען נעענטער צום פּשוטן פֿאָלק, באַגעגענען זיך טענות קעגן דעם, װאָס אין די חדרים און ישיבֿות פֿאַרנעמט מען זיך צו פֿיל מיט פּילפּול, און מען פֿאַרלאָזט אין גאַנצן צו לערנען תּנך, אַגדה, מדרש און מוסר־ספֿרים. דאָס פֿאָלק האָט קענטיק ניט געפֿונען קיין באַפֿרידיקונג אין דער רבנישער תּורה, װאָס האָט ניט געגעבן קיין שפּײַז דעם האַרץ און די מאָראַלישע עמאָציעס (זע װײַטער, § 71).

איינזאַם שטייט צװישן דער אָרמיי ענגע תּלמודיסטן פֿון יענער צײַט דער פּראָגער רבֿ רבי יום־טובֿ ליפּמאַן מילהויזן, דער מחבר פֿון דעם „ספֿר הנצחון" (אָנגעשריבן אַרום 1410). ער האָט געפּרוּװט אויפֿצװועקן דעם אינטערעס צו די פֿאַרגעסענע פֿראַגעס פֿון דאָגמאַטיק און אַפּאָלאָגעטיק.

www.libtool.com.cn

ער האָט געוואָלט אויסלערנען זײַנע בני־דור, וואָס זיי האָבן צו ענטפֿערן אויף די דאָגמאַטישע טענות פֿון קריסטן קעגן דער תּורה פֿון דער יהדות, ווי אַזוי צו פֿאַרטיידיקן אירע גרונט־אמתן. דער מחבר האָט דעריבער זיך געשטיצט אויף זײַן אייגענער געניטשאַפֿט, ווײַל אים איז אויסגעקומען צו פֿירן וויכּוחים מיט קריסטלעכע גײַסטלעכע אין יענער הייסער צײַט, ווען די גײַסטער זײַנען געווען צערודערט דורך דער כּפֿירה פֿון די הוסיטן. וועגן דעם דערציילט ער אַליין אין לעצטן קאַפּיטל פֿון זײַן ספֿר. אין יאָר 1399 האָט זיך אין פּראָג באַוויזן אַ רשעותדיקער משומד פּעטרוס (פּסח), וואָס האָט געמסרט די קירכלעכע שׂררות, אַז יִדן זאָלן כּלומרשט אין זייערע תּפֿילות שענדן קריסטן און רופֿן אָן זייער גלויבן געצן־דינערײַ. מען האָט אַרעסטירט ר׳ ליפּמאַנען, דעם פּראָגער רבֿ, און נאָך עטלעכע פֿאָרשטייערס פֿון דער קהילה, און מען האָט זיי אויסגעפֿרעגט מכּוח אָט דער באַשולדיקונג. מען האָט געמוזט ענטפֿערן אַזוי, אַז מען זאָל ניט צערייצן דעם רעליגיעזן געפֿיל פֿון די קירכלעכע שופֿטים, נאָר אַדרבא „אײַננעמען דעם כּעס פֿון די גויים״. ווען מען האָט דעם רבֿ געשטעלט אַנטקעגן דעם מסור, האָט ר׳ ליפּמאַן באַשלאָסן ניט אָנצורירן דעם עצם מהות פֿון דער מחלוקת צווישן די צוויי רעליגיעס, נאָר מער ניט פֿאָרמאַל אָפּשלאָגן די אַרויסגעשטעלטע באַשולדיקונג. און ער איז זייער קונציק פֿאַרטיק געוואָרן מיט אָט דער אַדוואָקאַטישער אויפֿגאַבע. דער ערשטער פּונקט פֿון דער באַשולדיקונג איז געווען, אַז אין דער תּפֿילה „עלינו״ בעטן יִדן, אַז דער אייבערשטער זאָל „פֿאַרטיליקן די געצן״ און לויבן גאָט, פֿאַר וואָס ער האָט זיי אָפּגעשיידט פֿון אַלע „פֿעלקער פֿון דער ערד, וואָס בוקן זיך צו גאָרנישט און צו פּוסטקייט״ (הבֿל וריק). לויט ווי דער משומד האָט אויסגעטײַטשט איז פֿאַראַן דערין אַ רמז אויף ישון, ווײַל דאָס וואָרט „וריק״ איז בגימטריא „ישו״, דערפֿון איז געדרונגען, אַז אויך די ווערטער וועגן די געצן זײַנען שייך צום קרייץ און צו די קריסטלעכע הייליקע בילדער. דערויף האָט דער פּראָגער רבֿ געענטפֿערט פּסחן־פּעטרוסן אָט וואָס: „דו ביסט מודה, אַז אַלע הילצערנע און שטיינערנע פֿיגורן, וואָס איר בוקט זיך צו זיי, זײַנען נאָר בילדער, סימבאָלן, און קיין ממשותדיקס איז אין זיי ניטאָ. נאָר צי איז דאָס אמת, אַז ווײַבער, יונגע קינדער און דאָרפֿישע מענטשן באַטראַכטן זיי ניט פֿאַר סימבאָלן, נאָר זיי זײַנען זיכער, אַז אין זיי איז פֿאַראַן אַ מין געטלעכע ממשות?״ דערויף האָט דער משומד געענטפֿערט, אַז יאָ. דעמאָלט האָט דער רבֿ געזאָגט: „איז זאָגן מיר טאַקע, אַז מיר זײַנען אָפּגעשיידט פֿון די ‚פֿעלקער פֿון דער ערד׳ (גויי הארצות), ד״ה דאָרפֿסלײַט און פּראָסטע מענטשן, וואָס מיינען, אַז אָט די אַלע בילדער זײַנען געטער ממש״. מיט אָט דעם קלוגן ענטפֿער האָט דער רבֿ אָפּגעווענדט דעם ערשטן קלאַפּ. וואָס איז שייך דעם רמז אויף ישון אין איין וואָרט פֿון דער תּפֿילה („וריק״), האָט ער אויפֿגעקלערט, אַז אין העברעיִש איז ישוס נאָמען גאָר ישוע, און

www.libtool.com.cn

ממילא ווערט שוין בטל דער גאַנצער חשבון פֿון דער גימטריא. נאָך קונציקער איז געווען דער ענטפֿער אויף דער באַשולדיקונג, אַז אין דער תּפֿילה „שמונה עשׂרה" זאָגן ייִדן: „פֿאַר די משומדים[1] זאָל קיין האָפֿענונג ניט זײַן", און דאָס איז אַ קללה אויף די ייִדן וואָס האָבן אָנגענומען קריסטנטום. דערויף האָט ר' ליפּמאַן געענטפֿערט: „די קריסטן גופֿא האָבן דאָך באַשטימט, אַז אַ ייִד וואָס האָט זיך געשמדט, טאָר זיך ניט אומקערן צוריק צו זײַן פֿריִערדיקער אמונה, — ממילא האָבן דאָך זײַנע קרובֿים און גוטע פֿרײַנד מער ניט קיין האָפֿענונג צו זען אים ווידער אַ ייִד, — און אָט דאָס זאָגן מיר אין דער תּפֿילה". די ראָש=השנהדיקע תּפֿילה, ווי עס שטייט, אַז גאָט וועט אָפּשאַפֿן די מלוכה פֿון מוטוויליקייט („מלכות זדון") פֿון דער ערד, האָט געגעבן דעם משומד דעם אויסרייד צו מאַכן אַ פּאָליטישע מסירה, הײַנו אַז ייִדן פֿאַרשילטן די מלכים פֿון די קריסטלעכע מלוכות. דערויף האָט רבי ליפּמאַן געענטפֿערט, אַז עס רעדט זיך ניט וועגן מלכים וואָס קיניגן על=פּי געזעץ, נאָר וועגן אוזורפּאַטאָרן, וואָס נעמען אָפּ מיט כּוח די ממשלה פֿון די געזעצלעכע רעגירערס.

אַ דאַנק אָט דער אָפּגעהיטער טאַקטיק האָט דעם פּראָגער רבֿ אָפּגעגליקט פּערזענלעך פּטור צו ווערן פֿון די רדיפֿות, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון דער מסירה פֿון פּסח=פּעטרוס, נאָר ער דערציילט, אַז אַ סך האָבן געליטן פֿון דער מסירה פֿון דעם דאָזיקן משומד: פֿון די אַרעסטירטע ייִדן זײַנען דרײַ געוואָרן פֿאַרברענט אויף אַ שײַטער=הויפֿן אין יאָר 1400. די דאָזיקע געשעעניש, וואָס פּרטים פֿון איר זײַנען ניט באַוווסט, איז מן=הסתם געווען פֿאַרבונדן מיט אַ מסירה פֿון אַ קרימינעלן כאַראַקטער, מיט דער פֿאַר יענער צײַט געוויינטלעכער באַשולדיקונג אין ריטועלער גאָט=לעסטערונג. בײַ אַזעלכע תּנאים האָט ר' ליפּמאַן מילהויזן געמוזט זײַן שטאַרק אָפּגעהיט אויך אין זײַן געשריבענער אַפּאָלאָגיע „ספֿר הנצחון". ער פֿלײַסט זיך רויִק צו באַווײַזן, ווי אַזוי עס זײַנען ניט אויסגעהאַלטן די מסורות פֿון דער עוואַנגעליע און די פּירושים אויף אייניקע נבֿואות פֿון תּנך. פֿון דעסט וועגן זײַנען די קריסטלעכע טעאָלאָגן געווען אַזוי שטאַרק אָנגערירט פֿון ר' ליפּמאַנס קריטיק, אַז דער בראַנדענבורגער ביסקופּ באָדעקער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער אָנצושרײַבן אַן אָפּווענדונג פֿון די „נײַע גאָט=לעסטערונגען, צוגעגעבן צו די אַלטע", אין דעם ווערק פֿון דער פּראָגער רבֿ (דער ביסקופּ רופֿט אים אָן „רבי ליבמאַן פֿון קראָקע"). אויך אין שפּעטערע צײַטן האָבן דײַטשע טעאָלאָגן אַ סך פּאָלעמיזירט מיטן מחבר פֿון דעם ספֿר (ער איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף לאַטײַן), וואָס האָט זיי גערייצט מיט זײַן טיטל אַליין — „נצחון".

1 דער מחבר ציטירט „למשומדים" אָנשטאָט „למלשינים", ווי מיר האָבן אין די איצטיקע סידורים. קענטיק, אַז די באַוווסטע תּפֿילת=המינים האָט מען דעמאָלט געזאָגט אין דעם נוסח.

## קאַפּיטל IV

# דער לעצטער יאָרהונדערט פֿון דעם ייִדישן צענטער אין שפּאַניע

### § 49. די ממשלה פֿון דער קירך און דער מיסיאָנערישער טעראָר (1391–1415)

אין דער פֿינצטערער סימפֿאָניע פֿון מיטלעלטער געהער דער אויסלאָזאַקאָרד צו שפּאַניע. דאָס לאַנד, וואָס איז געבליבן לפּי-ערך רויִק אין דעם סאַמע קאָך פֿון דער מיטלעלטערישער אָרגיע, האָט סוף-כּל-סוף אַזוי ווי באַטראַכט זיך און געוואָלט וואָס גיכער אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזטע, געפֿלײַסט זיך אַריבערצושטײַגן אַנדערע לענדער אין אַכזריות קעגן ייִדן. אין דעם שפּאַניער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער אָקערשט געשמדטער געצן-דינער פֿון די וועסטגאָטישע צײַטן, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן לעבן זיך אַ ניט-געשמדטן. אײַנגעשטילט אויף עטלעכע יאָרהונדערטער אונטער דער אַראַביש-ייִדישער ציוויליזאַציע, האָט דער אַלטער וועסטגאָט ווידער זיך דערשפּירט אין דער היימישער סטיכיע, בעת עס האָט געפֿײַערט זײַן נצחון דער קלעריקאַליזם, וואָס האָט פּאַוואָלי אונטערגעגראָבן די יסודות פֿון אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפֿט. אין שפּאַניע האָט געלעבט אַ בונטע באַפֿעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון קריסטן, ייִדן און מוירן. דאָ זײַנען זיך צונויפֿגעקומען דרײַ רעליגיעס, דרײַ ראַסעס, דרײַ קולטורן. אין משך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער האָבן זיי זיך אײַנגעלעבט בשלום, זייער קעגנזײַטיקע ווירקונג האָט בונטער געמאַכט די שפּאַנישע קולטור און אויסגעטיילט זי אויפֿן טונקעלן הינטערגרונט פֿון מיטלעלטער. נאָר דער פֿרײַער קולטורעלער פּאַרקער האָט ניט געשמעקט דעם קלעריקאַליזם, וואָס האָט עקשנותדיק געשטרעבט אויסצוּוואָרצלען אַלץ וואָס איז אַנדערשגלייביק און פֿרעמדשטאַמיק אין נאָמען פֿון דער אידעע פֿון קירכלעך-מלוכישער איינהייט. איין גלויבן, איין מלוכה און איין קולטור אין גײַסט פֿון דער הערשנדיקער קירך — דאָס איז געווען דער לאָזונג פֿון יענע, וואָס האָבן זינט דעם 15טן י"ה זיך געמיט בײַ דער פֿאַראייניקונג פֿון דער קריסטלעכער שפּאַניע. בכדי צו דערגרייכן צו אָט דעם

www.libtooh.com.cn

אידעאַל, האָט מען געמוזט ענטפֿער פֿאַרטיליקן די פֿרעמדע עלעמענטן, די ייִדן און די מוירן, אָדער איבער געוואַלד צונויפֿשמעלצן זיי מיט דער קריסט־לעכער באַפֿעלקערונג. אין אַנדערע לענדער האָט מען ייִדן געדריקט, אויס־געהרגעט אָדער פֿאַרטריבן, מחמת מען האָט געהאַט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג, אַז מען קאָן פֿון זיי מאַכן געטרייַע זין פֿון דער קירך; אין שפּאַניע אָבער האָט מען ניט געוואָלט זיך שיידן מיט אָט דער האָפֿענונג, אָבער אויך וואַרטן האָט מען ניט געוואָלט: די אידעע פֿון אַן איבערגעוואַלדיקן מאַסן־שמד, וואָס האָט מיט איר דרייסטקייט געשראָקן אַפֿילו די סאַמע אַקטיווסטע פֿון די פּויפּסן, האָט זיך אײַנגעגעסן טיף אין מוח פֿון די שפּאַנישע קלעריקאַלן און האָט זיי געמאַכט „מער קאַטויליש ווי דער פּויפּס". פֿון דעם פּרימיטיוון איסלאַם האָבן זיי איבערגענומען דעם פּרינציפּ צו פֿאַרשפּרייטן די אמונה מיט דער הילף פֿון שווערד. „טויט אָדער שמד!" — אונטער אָט דער פֿאָן האָבן זיי געהאָפּט צו זיגן. די פֿראַנצייזיש־דײַטשע קרייצלערס פֿון סוף 11טן י"ה האָט דאָס ניט אָפּגעגאָלטן, אָבער די שפּאַנישע „קרייצלערס" פֿון סוף 14טן י"ה, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן די שווערד לויטן רוף פֿון מאַרטינעסן, האָבן צום טייל יאָ אויסגעפֿירט, און דאָס האָט זיי אָנגעפֿײַערט צו ווײַטערדיקער אַרבעט. אויב מען האָט געקאָנט אויסהרגען צענדליגגער טויזנטער ייִדן און פּונקט אַזוי פֿיל אָפּשמדן, איז אויב מען זאָל ווײַטער פֿירן די זעלביקע טאַקטיק, האָט מען געקאָנט דערגיין צו פֿאַרענטפֿערן אין גאַנצן די „ייִדישע פֿראַגע". דער 15טער יאָרהונדערט גייט אויפֿן דאָזיקן וועג: אַ העלפֿט פֿון דער ייִדישער באַפֿעל־קערונג ווערט איבער געוואַלד אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך, און די צווייטע, וואָס איז געבליבן גאַנץ פֿון דער שווערד און פֿון דעם צלם, ווערט סוף־כל־סוף פֿאַרטריבן פֿון לאַנד. די אַקציע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1391, ווערט פֿאַרענדיקט 1492.

אַ קורצע הפסקה איז אָנגעשטאַנען נאָך דער „הייליקער מלחמה" (§ 37). אַ סך שטעט אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע זײַנען געווען חרוב, מחמת עס האָט געליטן דער אַקטיווסטער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט פֿאַרבונדן די דאָזיקע לענדער מיט די מערק פֿון אייראָפּע און אַפֿריקע. די ייִדישע קהילות האָבן פֿאַרלאָרן מענטשן און זײַנען אָרעם געוואָרן. אַ סך האָבן עמיגרירט קיין פּאָרטוגאַל, אין דער מוירעטאַנישער גראַנאַדע און אויף יענער זײַט גיבראַלטאַר, קיין אַפֿריקע. עס איז אויך אָרעמער געוואָרן די קיניגלעכע קאַסע, מחמת זי האָט אָנגעוואָרן דעם גרעסטן טייל פֿון די הכנסות פֿון די ספּעציעלע שטײַערן, וואָס עס האָבן איצט ניט געצאָלט ניט געשמדטע ייִדן, ניט די בדלות געשטעלטע משפּחות. עס האָט דאָס דערפֿילט אויך דער קיניג פֿון קאַסטיליע ענריקע III. אין יאָר 1395 האָט ער אָנגענומען מיטלען אויפֿ־צוריכטן די צעשטערטע כודעריעס. ער האָט געשראָקן מיט שטרענגע שטראָפֿן

www.libtool.com.cn

פֿאַר העצן צו פּאָגראָמען און האָט אַפֿילו געפּרווט באַשטראָפֿן דעם אויפֿהעצער פֿון דער שחיטה אין סעוויליע מאַרטינעסן און אַרײַנגעזעצט אים אין תּפֿיסה. נאָר אין גיכן איז דער קיניג געווען געצוווּנגען צו באַפֿרײַען דעם גלח דעם ווילדן פֿאַנאַטיקער, וואָס צווישן פֿאָלק האָט ער געהאַט דעם שם פֿון אַ „הייליקן מאַן“. פּונקט אַזוי איז דער קיניג געווען אָנמעכטיק קעגן דעם אַדל: ער האָט געמוזט באַפֿרידיקן די פֿאָדערונג פֿון די קאָרטעס אין וואַלאַדאָליד (1405), אַז מען זאָל פֿון די קריסטן, ד״ה די אויסבערענגערישע אַדללײַט, אַראָפּנעמען אַ העלפֿט פֿון די חובֿות, וואָס עס קומט פֿון זיי יִידן קרעדיטאָרן, אַז עס זאָל ווערן באַגרענעצט דאָס רעכט פֿון אַ יִידן צו זאָגן עדות אין געריכט קעגן אַ קריסט, צו לעצט, אַז מען זאָל צווינגען יִידן צו טראָגן דאָס דערקען־רעדעלע אויף די מלבושים.

מער ניט אין די גרענעצן פֿון זײַן מאַכט האָט דער קיניג געקאָנט עפּעס טון אויף אויסצוהיילן די ווונדן, וואָס זײַנען אָנגעמאַכט געוואָרן דער מלוכה דורך דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391. ער האָט באַשטימט פֿאַרן הויפּט־רבֿ פֿון די קאַסטילישע קהילות זײַן הויפּדאָקטאָר רבי מאיר אַלגואַדיץ און האָט אים אויפֿגעגעבן צו זאָרגן דערפֿאַר, עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אָרדענונג אין די כודעריעס און עס זאָל רעגולירט ווערן די צאָלונג פֿון די מלוכישע שטײַערן. אַלגואַדיצן האָט זיך משמעות אײַנגעגעבן אויפֿצוטון אַ סך פֿאַר דער אויפֿריכטונג פֿון די קהילות אין דער קורצער רעגירונגס־צײַט פֿון ענריקע III. דער פֿריצײַטיקער טויט פֿון דעם קרענקלעכן קיניג (1406) האָט די דאָזיקע אַרבעט איבערגעריסן: ווידער אַ מאָל איז אָנגעשטאַנען אַן אומרויִקע צײַט.

אַזוי ווי דער קרוין־יורש כואַן II איז געווען נאָך צו יונג, האָט איבערן לאַנד רעגירט אַ לאַנגע צײַט אַ רעגענטשאַפֿט, וואָס בראָש פֿון איר איז געשטאַנען די קיניגין־מוטער קאַטאַלינאַ, וואָס איז געווען אין גאַנצן איבערגעגעבן די קלעריקאַלן. אין דעם ראַט פֿון דער רעגענטשאַפֿט האָט גענומען אַן אָנטייל אויך דער ביסקופּ פּאַוולאָ פֿון בורגאָס, וואָס איז געוואָרן באַשטימט פֿאַרן אַפּיטרופּוס און דערציִער פֿון דעם יורש־עצר. דער דאָזיקער ביסקופּ איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער געוועזענער רבֿ שלמה הלוי פֿון בורגאָס, וואָס האָט זיך געשמדט בעת דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391. אַ גרויסער רודף אַחרי הכּבֿוד האָט אָט דער משומד באַשלאָסן צו פֿאַרקויפֿן זײַן יִידישקייט פֿאַר אַ טײַערן פּרײַז: עס האָט אים טאַקע געלוינט איבערצובײַטן דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ בײַ די נרדפֿים אויף דעם פּאָסטן פֿון אַ ביסקופּ בײַ די רודפֿים. ער האָט אײַנגערעדט זײַנע נײַע גלויבנס־ברידער, אַז אָנגענומען קריסטנטום האָט ער ניט מחמת טויטשרעק, נאָר נאָך פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע, אונטער דער ווירקונג פֿון אַ ווונדערלעכער וויזיע: עס איז אים

געקומען צו חלום גאָטס מוטער און האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג, וואָס דערצו איז ער געווען שוין צוגעגרייט דורך לייענען די ביכער פֿון טאָמאַס פֿון אַקווינאָ. בײַם שמדן זיך האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען פּ אַ וו ל אָ ד ע ס אַ נ ט אַ מ אַ ר י אַ און איז אַוועק קיין פּאַריז שטודירן טעאָלאָגיע אויפֿן דאָרטיקן אוניווערסיטעט, דערנאָך איז ער געווען אין דעם פּויפּס׳ שטאָט אַוויניאָן, ווו ער איז געווען באַפֿרײַנדט מיטן שפּאַנישן קאַרדינאַל פּעדראָ דע־לונאַ, וואָס איז אין יאָר 1394 אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פּויפּס אונטערן נאָמען בענעדיקט XIII, אַ קעגן־פּויפּס צום געזעצלעכן פּויפּס אין רוים באָניפֿאַציוס IX. דער דאָזיקער קאַרדינאַל, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדער ברען בײַם אָפּשמדן ייִדן און האָט נאָך פֿריִער געפֿירט וויכּוחים מיט ייִדישע געלערנטע (§ 35), האָט אין דעם משומד פּאַוולאָ געפֿונען אַ גוט געצײַג אויף צו פֿאַרווירקלעכן זײַנע פּלענער.

מען האָט געמוזט צוקרעפּטיקן צו דער קירך איר אָקערשטיק גרויס געווינס: די טויזנטער Conversos, די ייִדן וואָס זײַנען אָפּגעשמדט געוואָרן אין דעם שרעקלעכן יאָר, און נאָך פֿאַרמערן דאָס דורך נײַע משומדים. צוליב דעם איז נייטיק געווען צו געבן אַ הויכן גײַסטלעכן ראַנג דעם געוועזענעם רבֿ, וואָס איז געווען גרייט אָפּצוגעבן זײַן וויסן און געניטשאַפֿט אויף צו דינען דער קירך. פּאַוולאָ האָט אַרויסגעוויזן זײַן גרייטשאַפֿט צו גיין אין די פֿוסטריט פֿון דעם אַלטן אַפּאָסטאָל, וואָס זײַן נאָמען האָט ער אָנגענומען, און אויפֿווײַזן די פֿאַלשקייט פֿון זײַן פֿריִערדיקער אמונה. זייער גיך האָט ער אַרויפֿגעשטײַגט אויף דער היִעראַרכישער לייטער. פֿון דעם ראַנג פֿון אַן אַרכידיאַקאָן און קאַנאָניק אין סעווילִיע האָט ער אַרויפֿגעשטײַגט צום ראַנג פֿון דעם ביסקופּ פֿון קאַרטאַגענע און דערנאָך אַרציביסקופּ פֿון בורגאָס. דער משומד וואָס איז געווען נאָענט צום הויף האָט נאָך בעת ענריקע III האָט געלעבט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיטן הויפֿדאָקטאָר מאיר אַלגוואַדיץ, וואָס פֿאַרן שמד איז ער געווען מיט אים באַפֿרײַנדט. (עס איז פֿאַרבליבן אַ הומאָריסטישער בריוו פֿון שלמה הלוי צו אַלגוואַדיצן, אָנגעשריבן אין רבנישן סטיל, וועגן דער פּורימדיקער שיכּרות). אַ דאָקטאָר וואָס איז צו גלײַך דער אָפֿיציעלער רבֿ איז ניט געווען באַקוועם פֿאַרן געוועזענעם רבֿ, וואָס האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ המן פֿון זײַנע פֿאָלקסברידער. מען האָט געמוזט אָפּראַמען פֿון וועג דעם הויפֿמאַן מרדכין. נאָכן קיניגס טויט האָט פּאַוולאָ ווי אַ מיטגליד פֿון דער רעגענטשאַפֿט געקראָגן די מיגלעכקייט דאָס אויסצופֿירן.

אַרום 1410 האָט מען אין סעגאָוויע, ווו עס האָט זיך געפֿונען צײַטווײַליק די רעגענטין קאַטאַלינאַ, פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן עטלעכע ייִדן, וואָס זאָלן כּלומרשט האָבן געקויפֿט אַ קירכלעכע האָסטיע מיטן מיין צו שענדן

www.libtools.com.cn

www.libtool.com.cn

קריסטוסעס גוף. צום פראצעס האט מען צוגעטשעפעט אויך ר' מאיר אלגו־אדיצן. אלע תפוסים האט מען געפייניקט און געצוווּנגען זיי זיך מודה צו זיין. אלגואדיץ האט אונטער די עינויים זיך מודה געווען אין נאך א כלומרשטן פארברעך: ווי א דאקטאר זאל ער האבן כלומרשט פארגיכערט דעם טויט פון דעם קרענקלעכן ענריקע III. דערפאר האט מען אים באשטראפט מיט א יסורימדיקן טויט. די פרטים פון דער געשיכטע זיינען זייער טונקל, על כל פנים איז קיין ספק ניטא דערין, אז דער אפיציעלער רב איז אזוי אדער אנדערש באזייטיקט געווארן דורך דער ווירקונג פון פאוולא פון בורגאס.

ווען עס איז שוין ניט געווען קיינער ביים הויף, וואס זאל זיך איינ־שטעלן פאר יידן, האט אנגעהויבן צו ווירקן קעגן זיי די קלעריקאלע פארטיי בראש מיטן ביסקופ פון בורגאס. די רעגענטשאפט־רעגירונג פון קאטאלינא האט באשלאסן, אז די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דעם מאמענט איז פולקום אפצוזונדערן יידן פון קריסטן, בכדי פון איין זייט אפצושוואכן די געפער־לעכע ווירקונג פון די געטריי געבליבענע יידן אויף זייערע געשמדטע פאלקסברידער, און פון דער אנדער זייט דורך אויסטיילן די איינגעשפארטע אין א דערנידעריקטער קאסטע צו שאפן א בולטן סאציאלן היפך צווישן די גלייביקע און די ניט־גלייביקע. אין יאר 1412 איז ארויסגעגעבן געווארן דער „ארדאנאנס" פון דער דאניא קאטאלינא", וואס האט אוועקגעשטעלט אלע יידן פון קאסטיליע אין דעם מצב פון אן אנרעכטיקער קאסטע. די יידן איז דערלויבט געווארן צו וווינען אין די שטעט ניט אנדערש ווי אין באזונדערע „כודעריעס" (Juderias), און אין משך פון איין וואך מוזן אלע יידן וואס וווינען אין אנדערע טיילן שטאט זיך אריבערקלייבן אהין. קריסטלעכע פרויען איז פארבאטן געווארן אריינצוגיין אין די דאזיקע קווארטאלן סיי ביי טאג און סיי ביי נאכט. קריסטן, סיי פרויען סיי מענער, טארן ניט פירן קיין פריינד־שאפט מיט יידן, גיין צו זיי צו גאסט, עסן, טרינקען אדער באדן זיך מיט זיי צוזאמען, דינען ביי זיי אין די שטיבער, אין זייערע לאנדווירטשאפטלעכע בעלי־בתישקייטן אדער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. א ייד טאר מען ניט אנרופן מיטן געוויינטלעכן שפאנישן טיטל „דאן", ער טאר ניט טראגן קיין געווער, ער טאר ניט גאלן זיין בארד און שערן די האר. יידן מוזן טראגן לאנגע מלבושים פון גראבן געוואנט, וואס שיידן זיך אפ פון די געוויינטלעכע שפאנישע מלבושים.

צו גלייך מיט אט די שטייגערישע כללים זיינען אין די 24 פונקטן פון דעם „ארדאנאנס" איינגעשטעלט אזעלכע כללים, וואס האבן געמאכט אוממיגלעך דאס ווירטשאפטלעכע לעבן פון יידן. יידן טארן ניט האנדלען מיט ברויט, ווייך און פלייש, טארן ניט פארנעמען זיך מיט קיין מלאכות און פרייע פראפעסיעס, בפרט ניט מיט דאקטאריע. צו קיין שום מלוכישע

www.libtool.com.cn

און געזעלשאַפֿטלעכע שטעלעס ווערן זיי ניט צוגעלאָזט. עס ווערט בײַ זיי אָפּגענומען די געריכטלעכע אויטאָנאָמיע: זיי שטייען אונטערן אַלגעמיינעם געריכט אין קרימינעלע ענינים און אַפֿילו אין ציווילע ענינים, זייערע קהילות פֿאַרלירן דאָס רעכט אַרויפֿצולייגן שטײַערן אויף זייערע מיטגלידער. ווער עס איז עובֿר אויף איינעם פֿון די דאָזיקע כּללים, אויף דעם ווערט אַרויפֿגעלייגט אַ שטראָף פֿון 300 ביז 2000 מאַראַוועדיס, אין אייניקע פֿאַלן קומט שמיץ.

היות ווי די מחברים פֿון דעם עדיקט האָבן פֿאָרויסגעזען, אַז ייִדן וועלן אַזאַ לעבן ניט אויסהאַלטן און וועלן נעמען אַוועקגיין פֿון קאַסטיליע, און ממילא וועלן פֿאַרקלענערט ווערן די הכנסות פֿון דער קרוין, דעריבער האָבן זיי שטרענג פֿאַרבאָטן עמיגראַציע אונטער דער שטראָף צו קאָנפֿיסקירן דעם פֿאַרמעגן אָדער צו פֿאַרקויפֿן דעם געכאַפּטן עמיגראַנט פֿאַר אַ שקלאַוו; פֿאַר יענע פֿעאָדאַלן, וואָס וועלן אויסבאַהאַלטן אַנטרונענע ייִדן, האָט דער געזעץ באַשטימט אַ שטראָף פֿון 150.000 מאַראַוועדיס.

אָט די אַלע דראַקאָנישע געזעצן, וואָס צום גרעסטן טייל האָט מען זיי ניט געקאָנט אויספֿירן (פּונקט אַזעלכע רעפּרעסיעס זײַנען אײַנגעפֿירט געוואָרן אויך לגבי די מורינען), זײַנען אויסגעקלערט געוואָרן דער עיקר צוליב דעם, כּדי צו דערנידעריקן, באַליידיקן און אײַנצושרעקן די ייִדן, וואָס האַלטן זיך עקשנותדיק פֿאַר זייער גלויבן. די ייִדן פֿון קאַסטיליע, וואָס זײַנען געווען צוגעוווינט צו אַ געוויסער בירגערלעכער פֿרײַהייט, האָט מען געסטראַשעט אַראָפּצודריקן ביז צום צושטאַנד פֿון פּאַריער, בכדי צו ווײַזן זיי, אַז נאָר שמד קאָן זיי אויסלייזן פֿון דעם מצבֿ פֿון אַ שקלאַוו.[1]

צו אָט די סטראַשונקעס זײַנען צוגעקומען דירעקטע געוואַלד־מעשׂים: די ייִדן האָט מען מיט אײַן האַנט גערופֿן אין קירך אַרײַן, און מיט דער צווייטער געשלעפּט מיט כּוח אונטערן שרעק פֿון רויב און מאָרד. אין שפּאַניע האָט אין יענער צײַט (1412–1415) געווירקט אַ צווייטער מאַרטינעס, אַ נײַער „בײַטש פֿאַר די ייִדן", וויסענטע פֿערער. דער דאָזיקער שטרענגער דאָמיניקאַנער מאָנאַך איז אַרומגעגאַנגען איבער קאַסטיליע און אַראַגאָניע, אַרומגערינגלט מיט אַ המון „פֿלאַגעלאַנטן" („שמײַסערס") און נאָך אַזעלכע צעדרייטע פֿאַנאַטיקער, און האָט געפּרעדיקט „הייליקע שׂנאה" צו אַנדערש־גלייביקע – ייִדן און מורינען. זײַן עובֿדא איז געוואָרן – שמדן אונטער סטראַ־

---

1 דעם מוסטער פֿון די רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער פֿון 15טן י״ה האָבן נאָכגעמאַכט די ראַסישע פֿאַנאַטיקער פֿון היטלערס לאַגער אין דײַטשלאַנד פֿון 20סטן י״ה, אין דער פֿאָרם פֿון דעם „אָרדאָנאַנס" וואָס הייסט „די נירנבערגער געזעצן". דער אונטערשייד איז נאָר דערין, וואָס קיין ראַסע קאָן מען דאָך ניט איבערנעמען, און ממילא זײַנען די דײַטשע ייִדן פֿאַרמשפּט אָדער צום אײַסשטאַרבן אָדער צום אויסוואַנדערן.

www.libtool.com.cn

שונקעס. דער ביסקופּ דער משומד פּאַולאָ פֿון בורגאָס האָט זיך אויפֿגערעדט מיט דעם פֿאַנאַטישן דאָמיניקאַנער, כּדי בשותּפֿות עוקר מן השורש צו זײַן ייִדישקייט. אונטער דער השפּעה פֿון אָט דער בכּבֿודיקער פּאָר איז טאַקע אויסגעאַרבעט געוואָרן דער אויבן דערמאָנטער „אָרדאָנאַנס" און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַ באַזונדער מין, ווו אָנשטאָט אײַנצורעדן און צו שטראָפֿן, האָט מען פּשוט געסטראַשעט. בראָש פֿון אַ באַנדע מאַנאַכן איז פֿערער געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט, מיט אַ צלם אין איין האַנט און מיט אַ ספֿר־תּורה אין דער צווייטער האַנט, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די שולן און מיט באַנומענע קולות געשריִען און געפֿאָדערט פֿון די ייִדן, זיי זאָלן אָוועקוואַרפֿן די תּורה און אָננעמען דעם צלם. באַזונדערס איז ער אָנגעפֿאַלן אויף די געוועזענע משומדים, די קרבנות פֿון די גזרות פֿון 1391, וואָס האָבן בשתּיקה אָדער אָפֿן געהאַלטן ייִדישקייט, ער האָט זיי געסטראַשעט, אַז זיי וועלן האַרט באַשטראָפֿט ווערן.

די פֿײַערדיקע רעדעס פֿון דעם דאָזיקן ווילדן פֿאַנאַטיקער האָבן זיך אָנגענומען בײַם קריסטלעכן המון, וואָס איז שוין געשטאַנען גרייט צו וואַרפֿן זיך לויטן ערשטן רוף אויף קריסטוסעס שׂונאים. אַן אימה האָט אַרומגעכאַפּט די ייִדן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זכּרון די שחיטה פֿון סעווילע און די פּאָגראָמען וואָס זײַנען געקומען דערנאָך. אַ סך קהילות פֿון קאַסטיליע זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין באַלעגערונג־צושטאַנד. אין וואַלאַדאָליד, סאַלאַמאַנקע, סעגאָוויע, אַווילע, בורגאָס און אַנדערע שטעט האָבן ייִדן מחמת יאוש מאַסנווײַז אָנגענומען קריסטנטום, און די „נײַע קריסטן", וואָס האָבן פֿריִער געהאַט זיך אָפּגעקערט פֿון דער קירך, האָבן איצט געטאָן תּשובֿה און צוגעזאָגט צו זײַן גוטע קאַטויליקן. אין טאָלעדאָ האָט פֿערער זיך אַרײַנגעריסן מיט אַ צלם אין שול, האָט צעטריבן די מתפּללים, און דאָ אויפֿן אָרט דערקלערט די שול פֿאַר אַ קירך אין נאָמען פֿון דעם אומבאַפֿלעקטער מאַריע (Santa Maria la Blanca). פֿון קאַסטיליע איז ער אַוועק קיין אַראַגאָניע, ווו ער האָט מיט די זעלביקע טעראָריסטישע גענג אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך אַ סך ייִדן אין סאַראַגאָסע, טאָרטאָזע, וואַלענסיע און אַנדערע שטעט. אַרום צוואַנציק טויזנט ייִדן זײַנען געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פֿון זייער רעליגיע אין די דאָזיקע יאָרן פֿון טעראָר. איינע האָבן דורך אָט דעם טריט זיך געראַטעוועט פֿון הריגות, אַנדערע — פֿון שקלאַווישן לעבן, וואָס אויף דעם האָט זיי פֿאַרמשפּט דער אָרדאָנאַנס פֿון יאָר 1412.

פֿאַר יענע, וואָס זײַנען געבליבן געטרײַ דער אַלטער פֿאָן, האָט דער אָרדאָנאַנס געמאַכט דאָס לעבן אין קאַסטיליע ניט אויסצוהאַלטן, און מחמת דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע, וואָס קיין שום שטראָפֿן האָבן

www.libtool.com.cn

ניט געקאָנט אָפּשטעלן. נאָר די מחברים פֿון דעם דאָזיקן אַכזריותדיקן געזעץ האָבן באַלד אַליין אײַנגעזעהן, צו וואָסערע רעזולטאַטן עס וועט ברענגען, ווען מען זאָל אים אָפּהיטן אין גאָר זײַן שטרענגקייט, און זיי האָבן באַשלאָסן אים צו מילדערן, בפֿרט אַז דעם הויפּטציל, אײַנצושרעקן די קליינמוטיקע בכדי צו פֿאַרמערן קריסטוסעס טשערעדע, האָבן זיי צום טייל דערגרייכט. אין יאָר 1414 האָט די רעגענטשאַפֿט אָפּגעשאַפֿט אייניקע עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס: מען האָט ייִדן דערלויבט צו האַנדלען אויף די מערק, אויסנוצן קריסטלעכע טאָגלוינערס אויף אַרבעט אויף די פֿעלדער און אין אַנדערעווירטשאַפֿטצווײַגן; עס זײַנען געמאַכט געוואָרן הנחות אין דעם רעכט זיך פֿרײַ צו באַוועגן. די געזעצן וועגן דער הלבשה זײַנען געמילדערט געוואָרן אין דעם פּרט, וואָס עס איז דערלויבט געוואָרן צו טראָגן קליידער פֿון אַ טײַערן געוואַנט, נאָר פֿאָרט ניט העכער פֿון אַ באַשטימטן פּרײַז. די קוריאָזע כּללים וועגן דער באָרד און די האָר זײַנען אײַנגעטײַטשט געוואָרן אין דעם זינען, אַז די האָר אויפֿן קאָפּ מעג מען שערן, און די באָרד מעג מען נאָר אונטערשערן, אָבער ניט גאָלן, בכדי צו זײַן אָפּגעשיידט פֿון די שפּאַניער. דאָס לעבן גופֿא האָט פֿאַקטיש אָפּגעשאַפֿט אויך אַנדערע פּונקטן פֿון דעם שענדלעכן „אָרדאָנאַנס" פֿון יאָר 1412.

## § 50. דער וויכּוח אין טאָרטאָזע (1413–15)

מיט אַלע וועגן האָט מען געטריבן ייִדן אין די אָרעמס פֿון דער קירך אַרײַן. דער ביסקופּ פּאַוולאָ פֿון בורגאָס האָט זיך געפֿלײַסט אײַנצושרעקן זיי דורך דערנידעריקונג און רעכטלאָזיקייט, כּדי צו קענען מיט מער הצלחה אַרויספֿישן פֿון צווישן זיי „נײַע קריסטן". דער שגעונותדיקער מאָנאַך וויסענטע פֿערער האָט זיי געטריבן דורך טעראָר אין טויפֿבעקן אַרײַן. און דער דריטער שותּף פֿון דעם דאָזיקן טריִומוויראַט, דער שפּאַנישער קעגנפּויפּס בענעדיקט XIII האָט זיך פֿירגענומען אײַנצוברעכן די ווידערשפּעניקע אויף אַן אַנדער שטייגער. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער אַלטער טאַקטיק: אויפֿווײַזן די פֿאַלשקייט פֿון דער יהדות אין אַן עפֿנטלעכן וויכּוח מיט די רבנים, און דערנאָך פֿאָדערן פֿון די „באַזיגטע", זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, ד"ה זיך שמדן.

בענעדיקט XIII, איינער פֿון די דרײַ פּויפּסן, וואָס האָבן דעמאָלט זיך אַרומגעקריגט פֿון וועגן דער ממשלה, איז אין ערגעץ ניט געווען אָנגענומען פֿאַר אַ פּויפּס, חוץ שפּאַניע. דער קאָנציל אין פּיזע האָט אים אַראָפּגעזעצט פֿון זײַן אַמט און אַרײַנגעלייגט אין חרם (1409). בכדי אויפֿצוהייבן זײַן אויטאָריטעט, האָט בענעדיקט געמוזט זיך מאַכן רעקלאַמע און פֿאַרווונדערן

www.libtool.com.cn

די קריסטלעכע וועלט מיט אַ זעלטענעם אויפֿטו, — און צי האָט מען זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן אַ גרעסערן אויפֿטו, ווי צו באַקערן די ייִדן, וואָס דאָס איז געווען דער שטענדיקער הייסער ווונטש פֿון דער מיטלעלטערישער קירך?

דעם געדאַנק אַרויסצורופֿן די רבנים אויף אַן עפֿנטלעכן וויכּוח האָט בענעדיקטן אײַנגעגעבן זײַן הויזדאָקטאָר, אַ געשמדטער ייִד פֿון די גוטע פֿרײַנד פֿון פּאַוולאָ פֿון בורגאָס. דאָס איז געווען י ה ו ש ע פֿון דער שטאָט לאָרקע, אַ געלערנטער תּלמודיסט, וואָס האָט אָנגענומען קריסטנטום מחמת אַן איבערקער אין זײַן טעאָלאָגישן דענקען. נאָכן שמדן זיך האָט ער זיך אָנגערופֿן גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ־פֿע (פֿון הייליקן גלויבן), און פּונקט ווי דער פֿאַרצײַטיקער קירכן־פֿאָטער היעראָנימוס, וואָס נאָך אים האָט ער געהייסן, האָט ער זיך פֿירגענומען צו דערווײַזן די אומגלייביקע די ריכטיקייט פֿון דער קריסטלעכער תּורה דורך פּסוקים פֿון די הייליקע שריפֿטן. זײַן אייגענער גלויבן אין קריסטוסן איז געווען אַרויסגענומען פֿון ביכער, באַגרינדט אויף אײַנטײַטשונג פֿון הייליקע טעקסטן, און אים האָט אויסגעוויזן, אַז מיט אַזעלכע אײַנטײַטשונגען קאָן מען איבערעדן אייניקע ייִדישע טעאָלאָגן. די דאָזיקע שטרעבונג צו באַגליקן גײַסטיק זײַנע געוועזענע גלויבנס־ברידער האָט דעם משומד ניט געשטערט זיך צו פֿאַרבינדן מיט זייערע ערגסטע שׂונאים, בענע־דיקטן און פֿערערן. ער האָט פֿאָרגעלייגט איבערצוחזרן דעם עקספּערימענט פֿון די וויכּוחים אין פּאַריז און באַרצעלאָנע פֿון 13טן י״ה, בכדי עפֿנטלעך אויפֿצווײַזן די רבנים, אַז זיי פֿאַרשטייען פּשוט ניט געוויסע נבֿואות פֿון תּנך און אַפֿילו מאַמרים פֿון תּלמוד, וואָס זאָגן עדות, אַז קריסטוס איז משיח. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ דורכגעטריבענער פּלאַן פֿון דער אַטאַקע: די רבנים וואָס זײַנען אײַנגעשראָקן דורך פֿערערס טעראָר זאָל מען שטעלן אַזעלכע פֿראַגעס, וואָס זיי זאָלן מורא האָבן צו ענטפֿערן אויף זיי גלײַך און אָפֿנהאַרציק, כּדי ניט אַרויסצורופֿן אַ פּאָגראָם, און ווען זיי וועלן אָנהייבן דרייען אַהין און אַהער און וועלן זיך פּלאָנטערן אין זייערע ענטפֿערס, זאָל מען תּיכּף דאָס אונטער־כאַפּן און מעלדן, אַז די ייִדן האָבן דעם וויכּוח פֿאַרשפּילט. בכדי צו דעמאָנסטרירן דעם נצחון פֿון דער קירך, איז געווען אָפּגערעדט, אַז טאַקע דאָרט אויפֿן אָרט אין די עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען וועט מען אָפּשמדן יענע אומגליקלעכע, וואָס וועלן אין יענע טעג זײַן געצוווּנגען צו זוכן זיך אויס־צובאַהאַלטן אין שויס פֿון דער קירך פֿאַר די געוואַלד־מעשׂים פֿון די באַנדעס מאָנאַכן.

צום סוף 1412 האָט דער פּויפּס בענעדיקט, מיטן הסכּם פֿון דעם קיניג פֿון אַראַגאָניע פֿערדינאַנד I, צעשיקט צו אַלע ייִדישע קהילות פֿון אַראַגאָניע אַ שטרענגן באַפֿעל: זיי זאָלן צושיקן זייערע אויטאָריטעטע רבנים און

www.libtool.com.cn

תּלמידי־חכמים אין דער שטאָט טאָרטאָזע אַרײַן, כּדי צו באַטייליקן זיך אין דעם רעליגיעזן וויכּוח וואָס דאַרף דאָרט פֿאָרקומען. די קהילות האָבן געמוזט פֿאָלגן, הגם זיי האָבן גוט פֿאַרשטאַנען די אמתע כּוונות פֿון דעם קעגנפּויפּס און פֿון זײַנע שותּפֿים. קיין טאָרטאָזע זײַנען אָנגעקומען אַ צוואַנציק דעלעגאַטן, וואָס פֿון זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר די אַקטיווסטע דער ראָש־הקהילה פֿון סאַראַגאָסע, וידאַל בנבֿנישתּי, און דער סאַראַגאָסער רבֿ ר׳ זרחיה הלוי, דער באַוווּסטער מחבר פֿון דעם ספֿר „עיקרים" ר׳ יוסף אַלבו פֿון דאַראָק און אַסטרוק הלוי פֿון אַלקאַניז.[1]

אין פֿעברואַר 1413 האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכּוח, וואָס האָט געדויערט מיט הפֿסקות ביז נאָוועמבער פֿון צווייטן יאָר און האָט פֿאַרנומען 69 זיצונגען. דער וויכּוח איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט זייער אַ גרויסן פּאַראַד. פֿאָרזיצער איז געווען געוויינטלעך דער פּויפּס בענעדיקט אַליין, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער סוויטע פֿון ביסקופּן און וועלטלעכע שׂררות; ווי דער „באַשול־דיקער" פֿון ייִדישקייט איז אַרויסגעטראָטן גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ־פֿע, און די ייִדישע פֿאָרשטייערס האָבן געקאָנט נאָר פֿאַרטיידיקן זיך, וואָרעם באַווײַזן עפֿנטלעך, אַז די קריסטלעכע דאָגמעס זײַנען פֿאַלש, וואָלט באַטײַט אַרויפֿ־ברענגען אַ סכּנה אויף זיך און אויף זייערע קהילות. אין אָט דער אומ־גלײַכקייט פֿון די צדדים איז באַשטאַנען די גאַנצע שוועריקייט פֿון דעם וויכּוח. די רבנים האָבן זיך ניט אײַנגעשטעלט אָפּצווענדן זייערע אָפּאָנענטן אַפֿילו מיט יענער האַלבער אָפֿנהאַרציקייט, ווי דער רמבן האָט אַמאָלט אָפּגעווענדט פֿאַוולאָ כּריסטיאַני אין באַרצעלאָנע: דעמאָלט איז דאָך נאָך ניט געווען קיין קירכלעכער טעראָר, און איצט זײַנען די צעיושעטע באַנדעס פֿון וויסענטע פֿערער שוין געווען אַריבערגעגאַנגען פֿון קאַסטיליע קיין אַראַגאָניע, און די דעלעגאַטן האָבן געקראָגן וועגן דעם אומרויִקע ידיעות אין די טעג פֿון די זיצונגען אין טאָרטאָזע.

זינט די ערשטע טעג זײַנען באַשטימט געוואָרן די קעגנזײַטיקע באַציִונ־גען פֿון צדדים אויפֿן צונויפֿפֿאָר. דעם טאָג פֿון זײַן עפֿענונג (7 פֿעברואַר 1413) באַשרײַבט איינער פֿון די ייִדישע דעלעגאַטן אויף אַזאַ אופֿן.[2]

---

1 בנוגע די נעמען פֿון די הויפּט־אָנטיילנעמער פֿון דעם וויכּוח גייען זיך פֿונאַנדער די ייִדישע און די ניט־ייִדישע מקורים. אין דעם אָפֿיציעלן לאַטײַנישן באַריכט וועגן וויכּוח פֿיגורירט אַ געוויסער ר ב י פֿ ע ר ע ר ווי דער הויפּטרעדנער מצד די ייִדן, בעת ווען דער ייִדישער מקור שטעלט אַרויס וידאַל בנבֿנישתּי, ווי דעם אַקטיווסטן אָנטיילנעמער. אויף דעם סמך האָבן די פֿאָרשערס געמאַכט פֿאַרשיידענע קאָמבינאַציעס. זע גרעץ, לעב, פּאָזנאַנסקי און בער אין דער ביבליאָגראַפֿיע צו דעם §.

2 די כראָניק „שבֿט יהודה" סימן מ׳ (פֿאַרקירצט).

www.libtool.com.cn

„ווען מיר זײַנען געקומען אין הויז פֿון דעם פּויפּס, האָבן מיר דערזען אַ גרויסן הויף אויסגעפּוצט אין קאָלירטע געוואַנטן: דאָס איז געווען דער אָרט פֿון דעם וויכּוח, דאָרט זײַנען געשטאַנען זיבעציק שטולן פֿאַר די קאַרדינאַלן, ביסקופּן און אַרציביסקופּן, אָנגעטאָן אין באַגילדטע בגדים. פֿון רוימישע גדולים (גײַסטלעכע), שטאָטלײַט און שׂרים זײַנען דאָרט געווען אַ טויזנט מאַן. און אַ גרויסע שרעק האָט אונדז אַרומגענומען...״ דערנאָך האָט דער פּויפּס אָנגעהויבן צו רעדן: „זײַט וויסן, ייִדישע חכמים, אַז איך בין אַליין געקומען און האָב אײַך גערופֿן ניט צוליב פֿירן אַ מחלוקת, וואָרעם פֿון די צוויי אמונות איז די אמתע, וואָרעם פֿאַר מיר איז קיין ספק ניטאָ, אַז מײַן גלױבן איז דער אמתער, און אײַער תּורה איז געווען אַ מאָל אמת, נאָר שפּעטער איז זי אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. מיר וועלן צו ערשט אַרומריידן נאָר גירונימוס סבֿרות, וואָס איז גרייט צו באַווײַזן לויטן תּלמוד פֿון אײַערע אַלטע חכמים, וואָס האָבן געוווּסט מער פֿאַר אײַך, אַז משיח איז שוין געקומען, און איר פֿון אײַער זײַט וועט ענטפֿערן נאָר אויף אָט דער פֿראַגע״. דערנאָך האָט גירונימו אָנגעהויבן זײַן רעדע מיט די ווערטער פֿון ישעיה הנבֿיא (א׳ 18): „לכה ונוכחה – קומט און לאָמיר זיך מתווכח זײַן. אויב איר וועט וועלן און איר וועט פֿאָלגן, וועט איר געניסן די גוטסקייט פֿון דער ערד; וועט איר ניט וועלן און וועט ווידערשפּעניקן, וועט די שווערד אײַך עסן״. וידאַל בנבֿנישתּי האָט אין זײַן ענטפֿער-רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין דער לאַטײַנישער שפּראַך, אַרויסגעזאָגט זײַן פֿאַרוווּנדערונג דעריבער, וואָס אײנער פֿון די צדדים וואָס טרעטן אַרײַן אין וויכּוח הייבט אָן מיט סטראַשונקעס, נאָך אײדער די וויכּוחים האָבן זיך אָנגעהויבן. דער פּויפּס האָט מיט אַ שטאָך געענטפֿערט: „איר זײַט גערעכט, אָבער די דאָזיקע שלעכטע געוויינשאַפֿט דאַרף אײַך ניט וווּנדערן: ער [גירונימו] איז דאָך אײַערער״.

ווען די אַרײַנפֿיר-רעדעס זײַנען געווען געענדיקט, האָבן די מנהיגים פֿון דער ייִדישער דעלעגאַציע געבעטן דעם פּויפּס, ער זאָל זיי באַפֿרײַען פֿון דעם וויכּוח, ווײַ די צדדים וועלן זיך אומזיסט מפֿלפּל זײַן וועגן פֿראַגעס, וואָס זײַנען פֿאַר איטלעכן פֿאַרבונדן מיט הייליקע מסורות. די דאָזיקע בקשה איז ניט אָנגענומען געוואָרן, און אויף דער צווייטער זיצונג פֿון דעם צונויפֿפֿאָר האָבן זיך אָנגעהויבן די וויכּוחים אין תּוך. גירונימו האָט זיך פֿאַררופֿן אויף מימרות פֿון דער פֿרײַער תּלמודישער אַגדתא. ער האָט געבראַכט דעם באַוווּסטן מאַמר (סנהדרין צ״ז, עמוד א׳): „זעקס טויזנט יאָר שטייט די וועלט: די ערשטע צוויי טויזנט זײַנען די צײַט פֿון תּוהו ובֿהו (אָדער געצנדינערײַ), די ווײַטערדיקע צוויי טויזנט יאָר זײַנען די צײַט פֿון דער תּורה, די לעצטע צוויי טויזנט – משיחס צײַט״. דערפֿון איז קלאָר געדרונגען – האָט ער געטענעט – אַז משיח איז שוין לאַנג געקומען, ווײַל עס איז שוין

www.libtool.com.cn

לאַנג אָנגעשטאַנען דער זעקסטער יאָרטויזנט זינט דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט. ווידאַל בנבֿנישתּי האָט דערויף געענטפֿערט, אַז איידער מען משפּט וועגן משיחס צײַט, דאַרף מען פֿעסטשטעלן, וואָס איז איר באַשטימונג און וואָס זײַנען אירע תּכונות, וואָרעם די גאַנצע שאלה באַשטייט דאָך דערין, צי איז טאַקע געקומען דער אמתער אויסלייזער; דער פּויפּס דער פֿאָרזיצער האָט ניט מסכּים געווען איבערצובײַטן דעם סדר פֿון די וויכּוחים. דעמאָלט האָט בנבֿנישתּי אָנגעוויזן, אַז ראשית איז ישו געקומען נאָך איידער דער פֿערטער יאָרטויזנט איז אויסגעגאַנגען, און צווייטנס ענדיקט זיך דער געבראַכטער מאַמר פֿון תּלמוד מיט דער באַמערקונג, אַז פֿון דער משיחישער תּקופֿה איז שוין אַוועק אַ סך צײַט, און משיח איז נאָך אַלץ ניט געקומען. האָט גירונימו דערויף געענטפֿערט, אַז אָט די באַמערקונג איז אַ הוספֿה פֿון אַ שפּעטערדיקן תּלמודיסט צום אַלטן טעקסט, וואָס אין אים זײַנען די דאַטעס אָנגעוויזן נאָר לפֿי־ערך. האָבן בנבֿנישתּי און אַלבו געענטפֿערט, אַז אין תּלמוד שטייט ניט, צי וועט משיח קומען אין אָנהייב צי אין סוף פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, און דער עיקר — די תּלמודיסטן, וואָס האַלטן ניט פֿון קריסטוסן, האָבן דאָך ניט געקאָנט זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס איז קעגן זייער גלויבן.

פֿאַרפֿלאָנטערט זיך אין דעם וויכּוח, האָט גירונימו אויף אַ ווײַטערדיקער זיצונג אַרויסגעשטעלט אַ צווייטן נוסח פֿון דער אָנגעוויזענער אַגדתא, ווו משיחס קומען איז געווען צוגעפּאַסט צום לעצטן פֿון די 85 יובֿלות זינט דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט. ווידער אַ מאָל האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ וויכּוח, און דער סאַראַגאָסער דעלעגאַט ר׳ מתּתיהו האָט איראָניש פֿאָרגעלייגט זײַן אָפּאָנענט צו ברענגען אַן אַנדער מאמר פֿון תּלמוד: „פֿאַרשאָלטן זאָלן זײַן אַלע וואָס רעכענען אויס דעם קץ". דערויף איז דער פּויפּס געוואָרן אין כּעס און האָט אויסגערופֿן: „נאַריש פֿאָלק, נאַרישע תּלמודיסטן! צי דער נבֿיא דניאל, וואָס האָט אויסגערעכנט דעם קץ, פֿאַרדינט פֿאַרשאָלטן צו ווערן?" האָט דער דעלעגאַט טודרוס אבן יחיא פֿון געראָנע זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געענטפֿערט: „אויב די תּלמודיסטן ווײַזן אויס צו זײַן דעם אָדון דעם פּויפּס אַזעלכע נאַראָנים, טאָ צוליב וואָס דאַרף מען זיך פֿאַררופֿן אויף זיי צו באַווײַזן, אַז משיח איז שוין געקומען?" און ר׳ יוסף אַלבו האָט אויסגערופֿן מיט כּעס: „אויב איר וואָלט מיר אַפֿילו דערוויזן, אַז משיח איז שוין געקומען, וואָלט איך אויך ניט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ ייִד". דער ראָש פֿון דער ייִדישער דעלעגאַציע ווידאַל בנבֿנישתּי האָט באַלד גענומען זיך פֿאַר־ענטפֿערן פֿאַר די שאַרפֿע אויסדרוקן פֿון זײַנע חבֿרים. אַוועקגייענדיק פֿון דער זיצונג, האָבן די דעלעגאַטן זיך געקריגט צווישן זיך: די דרייסטע רעדנערס האָט מען אויפֿגעוואָרפֿן, פֿאַר וואָס זיי היטן ניט אָפּ דעם אָפּרייד,

www.libtool.com.cn

אַז מען זאָל זײַן אײַנגעהאַלטן אין די ענטפֿערס. די דעלעגאַטן האָבן באַמערקט, אַז די וויכּוחים ווערן פֿאַרשריבן אונטער דער השגחה פֿון דעם פֿאָרזיצער, און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זייערע רייד וועלן ווערן איבערגעגעבן אַזוי, אַז מען וועט די רעדנערס שפּעטער קאָנען שטעלן פֿאַרן געריכט פֿון דער אינקוויזיציע. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען אויסצומײַדן ענטפֿערס אויף ספּקדיקע פֿראַגעס, און אין ערגסטן פֿאַל אַרויסצושטעלן גאָר איין רעדנער בנוגע יעדער פֿראַגע, בכדי די אַחריות זאָל זײַן קלענער.

סוף-כּל-סוף איז דער וויכּוח איבערגעגאַנגען צו דער אײַנטײַטשונג פֿון די פּסוקים פֿון תּנך, ווו עס זאָלן כּלומרשט זײַן נבֿואות וועגן קריסטוסן. דאָ איז נאָך מער אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם מהות פֿון משיחן, דעם גע-פֿערלעכסטן פּונקט פֿון דער פּלוגתּא. די ייִדן האָבן מסכּים געווען, אַז משיח איז שוין לאַנג געבאָרן געוואָרן, נאָר ער איז נאָך ניט נתגלה געוואָרן אין דער וועלט און ער געפֿינט זיך אויפֿן הימל, אַזוי ווי חנוך און אליהו הנבֿיא, אָדער ער וואָגלט אַרום איבער דער ערד, און קיינער ווייס ניט פֿון אים, ביז עס וועט קומען די צײַט פֿון דער גאולה פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. זיי האָבן אויך געלייקנט דעם משיחס געטלעכקייט און זײַן באַרוף מכפּר צו זײַן אויף דעם חטא פֿון אָדם הראשון, אָבער דערויף זײַנען גירונימו, דער פּויפּס און זייער חבֿריא שטאַרק אין כּעס געוואָרן. טייל מאָל פֿלעגן די ייִדן דערלאַנגען זייערע טעזיסן שריפֿטלעך, און גירונימו האָט געשריבן קעגן-טעזיסן און פֿאַר-טיידיקט זיי אויף צענדליגער זיצונגען. בכלל זײַנען די ייִדישע דעלעגאַטן געווען איין דעה אין זייערע ענטפֿערס. מער ניט אין איין פֿאַל זײַנען געווען חילוקי-דעות צווישן זיי. ווען גירונימו האָט גענומען אויסלאַכן דעם תּלמוד, פֿאַרופֿנדיק זיך אויף אייניקע פֿאַנטאַסטישע לעגענדעס פֿון דער אַגדה, האָט אַסטרוק הלוי דערלאַנגט אַ שריפֿטלעכע מעלדונג, אַז ער האַלט ניט פֿון די דאָזיקע לעגענדעס, אַז זיי זאָלן זײַן רעליגיעז הייליק, און נאָך אייניקע אַנדערע דעלעגאַטן האָבן אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע מעלדונג.[1] נאָר ר' יוסף אַלבו און נאָך אַ רבֿ האָבן געהאַלטן, אַז אויך די אַגדה פֿון תּלמוד איז הייליק און אָבליגאַטאָריש, מער ניט וואָס אייניקע מאַמרים און לעגענדעס באַדאַרף מען פֿאַרשטיין ניט לויטן פּשוטן פּשט, נײַערט נאָר בדרך משל. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די אַלטע אינעווייניקסטע מחלוקת צווישן די ראַציאָנאַליסטן און די קאָנסערוואַטאָרן מכּוח דעם, צי די אַגדה האָט דעם זעלביקן אויטאָריטעט ווי די הלכה בנוגע דאָגמאַטיק.

1 אין דעם אָפֿיציעלן פּראָטאָקאָל פֿון דעם וויכּוח האָבן די מאָנאַכן געמאַכט פֿון אָט דער דעקלאַראַציע אַ מין חרטה-אַקט, אַז די דעלעגאַטן זאָגן זיך אָפּ פֿון די „נבֿלות פֿון תּלמוד" אונטער דער ווירקונג פֿון די קריסטלעכע רייד!

אַז בענעדיקט האָט אײַנגעזען, אַז מיט דעם וויכּוח וועט ער גאָרנישט אויפֿטון, האָט ער געפּרוּווט ווירקן מיט אויסוויינּיקסטע עפֿעקטן. מען האָט גענומען ברענגען צו פֿירן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט קיין טאָרטאָזע גרופּעס ייִדן, וואָס זײַנען מרוצה געוואָרן זיך צו שמדן אונטערן דרוק פֿון טעראָר, און מען האָט זיי געצוווּנגען אָפּצוזאָגן די פֿאָרמולע וועגן אָווּעקוואַרפֿן ייִדישקייט אין דעם זאַל פֿון די זיצונגען. דערמיט האָט מען געוואָלט ווײַזן די דעלעגאַטן, אַז אַ סך קהילות האָט די קירך שוין אײַנגענומען, און אַז די סינאַגאָגע איז באַזיגט. נאָר אויך אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס האָבן ניט געהאָלפֿן, הגם זיי האָבן פֿאַרשאַפֿט די דעלעגאַטן אימהדיקע מאָראַלישע יסורים. דער אינטערעס צום וויכּוח איז אַלץ מער געפֿאַלן. בענעדיקט פֿלעגט אָפֿט אָפּפֿאָרן פֿון טאָר־טאָזע, כּדי זיך אַן עצה צו האַלטן מיט זײַנע אָנהענגער מכּוח זײַנע אייגענע ענינים: גראָד אין יענער צײַט זײַנען געמאַכט געוואָרן די הכנות צו דעם גרויסן קירכן־קאָנציל אין קאָנסטאַנץ, וווּ עס האָט געדאַרפֿט באַשיידט ווערן די פֿראַגע וועגן די דרײַ פּויפּסן, וואָס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך, און וואָס בענעדיקט האָט געהאַט די קלענסטע שאַנסן צווישן זיי צו געווינען. בשעת ער איז ניט געווען, פֿלעגט זײַן פֿאָרזיצער דער גענעראַל פֿון דעם אָרדן דאָמיניקאַנער אָדער עמעצער פֿון די קירכלעכע שׂררות. צוויי מאָל זײַנען די פֿאַרזאַמלונגען איבערגעריסן געוואָרן אויף לאַנגע חדשים, און דערפֿאַר האָט די זאַך זיך פֿאַרצויגן ביז האַרבסט 1414.

די לעצטע זיצונגען זײַנען פֿאָרגעקומען ניט אין טאָרטאָזע, נאָר אין דער שכנישער סאַן־מאַטעאָ. צום סוף איז געוואָרן קלאָר, אַז דער עפֿנט־לעכער וויכּוח וועט צו די געווּנטשענע רעזולטאַטן ניט ברענגען. קיינער פֿון די ייִדישע דעלעגאַטן האָט ניט מודה געווען, אַז ער איז באַזיגט, הגם בענעדיקטס פּאַרטיי האָט פּונאַנדערגעלאָזן קלאַנגען, אַז אייניקע האָבן אויפֿן וויכּוח אײַנגעזען די אמתקייט פֿון קריסטנטום — די ליגנערס האָבן אויס־געמישט די דעלעגאַטן מיט די קרבנות פֿון דעם מיסיאָנערישן טעראָר. על־כּל־פּנים אויף דעם קומענדיקן קאָנציל אין קאָנסטאַנץ וואָלט בענעדיקט ניט געקאָנט זיך באַרימען דערמיט, אַז ער האָט געצוווּנגען די פֿאָרשטייערס פֿון דער יהדות זיך אונטערצוגעבן. דער צערייצטער פּויפּס האָט אויסגעלאָזן זײַן כּעס אין אַ שטרענגער בולע קעגן ייִדישקייט, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין מײַ 1415. אין איר איז געווען אַ באַפֿעל: אויפֿצוזוכן און צו פֿאַר־טיליקן די עקזעמפּלאַרן פֿון דעם „גאָטלעסטערישן" תּלמוד און אויך די פּאָלע־מישע אַנטיקריסטלעכע ביכער, לאָזן שטיין אין איטלעכער שטאָט נאָר איין באַשיידענע שול, מיט אַלע מיטלען אָפּשיידן ייִדן פֿון קריסטן, ניט דערלויבן קריסטן צו טון פֿאַר ייִדן אַפֿילו די קלענסטע אַרבעט (אַ שטייגער ווי אָנצינדן און אויסלעשן ליכט אָדער אײַנהייצן דעם אויוון אום שבת), צווינגען די

www.libtool.com.cn

יידן אויסצוהאָרכן קריסטלעכע מיסיאָנערן ניט ווינציקער ווי דרײַ מאָל אַ יאָר.

די בולע פֿון בענעדיקט XIII איז אין גיכן געוואָרן אויס גילטיק, וואָרעם איר מחבר איז געוואָרן אויס פּויפּסט. אַפילו אין זײַן אייגענעם היימלאַנד, אין אַראַגאָניע. דער קאָנציל פֿון קאָנסטאַנץ האָט באַשטימט, אַז „פּעדראָ דע לונאַ וואָס רופֿט זיך אָן בענעדיקט XIII" פֿאַרלירט דעם ראַנג פֿון אַ פּויפּסט און בכלל דעם גײַסטלעכן שטאַנד, ווײַל ער איז שולדיק אין דער שפּאַלטונג פֿון דער קירך און איז „אַ פֿאַרטריקנטער צווײַג אויפֿן בוים פֿון דער קאַטויִלישער קירך", וואָס מען מוז אים אָפּהאַקן (1415). נאָך אָט דעם פּסק-דין האָבן זיך אָפּגעווענדט פֿון דעם פּויפּסט אַפילו זײַנע פֿריִערדיקע מיטהעלפֿערס, דער ביסקופּ פּאַוולאָ פֿון בורגאָס און ווינסענטע פֿערער. דער לעצטער האָט אין זײַנע דרשות געשאָלטן פּעטך און שוועבל אויף דעם „פֿאַרשײַטן און צביעותדיקן פּויפּסט". איבעריקנס פֿערער גופֿא און זײַן באַנדע פֿלאַגעלאַנטן האָבן געקראָגן פֿון דעם קאָנסטאַנצער קאָנציל ניט קיין לויב, נאָר זייער ניט קיין פֿײַנע אַטעסטאַציע.

בענעדיקטס נושׂא-כּלים, יהושע לורקי אָדער גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ-פֿע איז אַראָפּ פֿון סצענע און האָט זיך געמוזט באַנוגענען נאָר מיט ליטעראַרישער פּאָלעמיק. זײַנע טענות קעגן יידישקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אויפֿן וויכוח אין טאָרטאָזע, האָט ער פֿאַראייביקט אין צוויי חיבורים: „קעגן דעם פֿאַלשן גלויבן פֿון די יידן" (Contra judaeorum perfidia) און „קעגן תּלמוד". די אַפּאָלאָגיע פֿון קריסטנטום אין דעם ערשטן פֿון די צוויי ביכער איז פֿול מיט קוריאָזן, וואָס האָבן צום טייל אַפילו דעם טעם פֿון ניבול-פּה (למשל די ראָיה אויף דער אומבאַפֿלעקטער גאָטמוטער דורך אַ סימבאָלישן אויסטײַטש פֿון דעם פּסוק אין יחזקאל מ״ד, 2). אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן משומד פֿאַראייביקט אין דעם ראָשי-תּיבות מגד״ף (לעסטערער), וואָס מאַכט מאישטרו גירונימו די סאַנטאַ-פֿע. מיטן ליטעראַרישן כּלי-זיין האָט געקעמפֿט קעגן יידישקייט צום סוף פֿון זײַן לעבן אויך דער צווייטער משומד, וואָס האָט אין די טעג פֿון זײַן מאַכט דערלאַנגט קלעפּ דעם פֿאַרלאָזענעם לאַגער מיט דער מלוכה-שווערד. דער ביסקופּ פּאַוולאָ פֿון בורגאָס, וואָס האָט אויף דער עלטער פֿאַרלאָרן די מאַכט, נאָך דעם ווי עס איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די רעגענטשאַפֿט אין קאַסטיליע, האָט אָנגעשריבן אַ בוך אונטערן טיטל „אַ דיאַלאָג צווישן פּאַולוס און שאול קעגן די יידן, אָדער אַן אַנאַליז פֿון די שריפֿטן" (Scrutinium scriptarum), ווי עס שטייט צווישן אַנדערע זאַכן געשריבן, אַז די פּורענויות, וואָס די שפּאַנישע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער צײַט פֿון דעם פּאָגראָם-מאַכער מאַרטינעס,

www.ibtool.com.cn

האָבן זיי כשר פאַרדינט פאַרן קרייציקן קריסטנטום. פּאַוולאָ האָט געמעגט זיך באַרימען, אַז נאָך מאַרטינעסן האָט ער אַליין אָנגעטאָן צרות זײַנע געוועזענע גלויבנס־ברידער.

## § 51. די הפסקה פון דער רעסטאַווראַציע (1415 – 49)

נאָך די איבערגעלעבטע פורעניות איז פאַר די יידישע קהילות אָנגעשטאַנען אַ רו־פּויזע. דער פּויפּס מאַרטין V וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן קאָנציל פון קאָנסטאַנץ האָט בכלל פאַרבאָטן צו שמדן יידן איבער געוואַלד, האָבנדיק אין זינען דעם מיסיאָנערישן טעראָר אין שפּאַניע (1418), און שפּעטער האָט ער נאָך, לויט דער השתדלות פון אַ יידישער דעפּוטאַציע, אַרויסגעגעבן אַ באַזונדער בולע פאַר שפּאַניע, ווו ער האָט אָפּגעשאַפט אַלע באַשטימונגען פון בענעדיקט XIII וועגן דער געזעלשאַפטלעכער איזאָלירונג פון יידן. אין דער בולע פון יאָר 1421 איז דערלויבט געוואָרן קריסטן צו באַנוצן די הילף פון יידישע פינאַנציעלע און קאָמערציעלע פאַרמיטלערס, צו קורירן זיך ביי יידישע דאָקטוירים און בכלל צו האָבן אַ געשעפטלעכן מגע־ומשא מיט יידן. מער ווי די פּויפּסלעכע בולעס האָבן געווירקט אויף די שפּאַנישע רעגירערס די שווערע עקאָנאָמישע פועל־יוצאס, וואָס זײַנען אַרויס־געקומען דורך דעם פּיליאַריקן טעראָר פון די מאָנאַכן און דורך דער מאַסן־עמיגראַציע פון יידן. די קיניגין־רעגענטין מאַריע פון אַראַגאָניע האָט אָנגענומען מיטלען אויף אָפּצושטעלן די עמיגראַציע און האָט זיך געפּליײַסט מיט כלערליי הנחות אײַנצוהאַלטן יידן אין לאַנד.

אַ באַזונדערס שאַרפער קער איז פאָרגעקומען אין קאַסטיליע, פון וואַנען די קלעריקאַלע מגפה האָט פריִער זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ שפּאַניע (§ 49). די רעגענטשאַפט, וואָס איז געווען געפירט דורך דער פרומער קיניגין און דעם ביסקופ דעם משומד, איז געוואָרן אָפּגעשאַפט נאָכן טויט פון דער קיניגין קאַטאַלינאַ. די רעגירונג פון דער מלוכה האָט פאָרמאַל איבערגענומען דער קיניג כואַן II (1418—1454), און פאַקטיש זײַן ליבעראַלער מיניסטער אַלוואַראָ דע־לונאַ. די נײַע רעגירונג האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די טרויעריקע רעזולטאַטן פון דער תקופה פון דעם קירכלעכן טעראָר, ווען אַ סך שטעט זײַנען בדלות געוואָרן, עס זײַנען געפאַלן יענע אינדוסטריע־צווײַגן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די געררודפטע יידן און מורין, עס זײַנען פאַר־פלאָנטערט געוואָרן די מלוכה־פינאַנצן, וואָס זײַנען פריִער אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דער אויסגעפינערישקייט פון די יידישע אַרענדאַטאָרן פון די שטײַערן און באַנקירן. אויף צו באַזײַטיקן אָט די רעזולטאַטן האָט די רעגירונג פון קאַסטיליע באַשלאָסן אויפצוריכטן דעם אינעווייניקסטן שלום אין דער מלוכה. זי האָט די יידן ווידער אומגעקערט אַלע פריִערדיקע רעכט, צוגעצויגן אייניקע

www.libtool.com.cn

אונטערנעמערישע קאַפּיטאַליסטן פֿון זייער סבֿיבֿה צום אָנטייל אין דער אַרענדע פֿון די מלוכישע הכנסות און האָט געגעבן די ייִדישע קהילות די מיגלעכקייט צו פֿאַרפֿעסטיקן זייער אַליין־פֿאַרוואַלטונג. עס איז באַנײַט געוואָרן יענע רעסטאַווראַציע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אין דער צײַט פֿון ענריקע III און מאיר אַלגואַדעס דורך דעם צעשטערערישן כּוח פֿון דעם קלעריקאַליזם.

אַ גרויסע השפּעה בײַם קאַסטילישן הויף האָט געקראָגן דער עסקן רבי אַבֿרהם בנבֿנישתּי, וואָס אין זײַן עובֿדא צו זײַן דער אָפּיציעלער פֿאַרמיטלער צווישן די ייִדישע קהילות און דער רעגירונג האָט ער געטראָגן דעם טיטל „דער רבי פֿון קיניגלעכן הויף“ (Rabi de la corte). בנבֿנישתּי האָט פֿאַר זיך געהאַט אַ האַרבע אויפֿגאַבע: ער האָט געמוזט אויפֿריכטן די אָרדענונג פֿון די קהילות, וואָס איז צעפֿאַלן געוואָרן אַ דאַנק די פֿיל פּאָגראָמען און די מאַסן־שמדן. אין אַ סך ערטער האָט ניט געקלעקט קיין שולן צום דאַווענען, מחמת בעת דעם טעראָר זײַנען אַ סך שולן געוואָרן איבערגעמאַכט פֿאַר קירכן. די געזעלשאַפֿטלעכע דיסציפּלין איז בטל געוואָרן, עס זײַנען צעטרייסלט געוואָרן די יסודות פֿון דעם פֿאַמיליען־לעבן און פֿון דעם רעליגיעז־מאָראַלישן שטייגער, אומעטום האָט געוועלטיקט מוטוויליקייט און צעלאָזנקייט. מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעקליבן גרויס עשירות, האָבן זיך געבאָדן אין ווילטאָג און געלעבט אין לוקסוס, און דערמיט געוועקט קנאה־שׂנאה בײַ די קריסטן; די מאַסע ווידער איז אויסגעגאַנגען אין נויט און פֿאַרזונקען געווען אין עם־הארצות. די שולן פֿאַר קינדער זײַנען געווען ליידיק, דער יונגער דור האָט ניט געקראָגן די נייטיקע אויסבילדונג און הדרכה און איז געוואָרן דעמאָראַליזירט, עס האָבן זיך פֿאַרמערט מוסרים און מענטשן מיט טונקעלע פּרנסות. דאָס אַלץ האָט באַוויגן ר׳ אַבֿרהם בנבֿנישתּי צונויפֿצורופֿן, מיט דעם קיניגס דערלויבעניש, אַ צונויפֿפֿאָר פֿון רבנים און פּרנסים אין וואַלאַדאָליד (1432).

אויף דעם דאָזיקן צונויפֿפֿאָר זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן געניע תּקנות (אויף דער שפּאַניש־ייִדישער שפּראַך האָט דאָס געהייסן Tecana אָדער Escama, פֿון „הסכּמה“), ווי אַזוי עס דאַרף אײַנגעשטעלט ווערן דער סדר פֿון די קהילות אין קאַסטיליע. קענטיק, אַז דער יסוד פֿון די וואַלאַדאָלידער תּקנות זײַנען געווען די פֿריִערדיקע תּקנות פֿון איינציקע קהילות, נאָר מען האָט זיי ממלא געווען מיט נײַע תּקנות און געמאַכט פֿון דעם אַלעמען אַן אַל־געמיינע קאָנסטיטוציע פֿון די קאַסטילישע קהילות.[1] דאָ האָט מען דער עיקר געזאָרגט וועגן יענע זײַטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס האָבן געליטן פֿון

1 אין די תּקנות, וואָס זײַנען אָנגעשריבן אויף דער שפּאַניש־ייִדישער שפּראַך, ווערט באַנוצט דער טערמין „קהל“ אָנשטאָט דעם אַראַביש־שפּאַנישן טערמין Aljama, וואָס איז געוואָרן געניצט אין די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער און וואָס איז איצט קענטיק אַרויס פֿון באַניץ.

www.libtool.com.cn

דער געזעלשאַפֿטלעכער צעטרייסלונג. עס זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן שטרענגע שטראָפֿן פֿאַר פֿאַרמעגלעכע לײַט, וואָס מײַדן אויס צו צאָלן שטײַערן פֿאַר דער מלוכה און פֿאַר דער קהילה, אויסנוצנדיק פֿאַרשיידענע דריידלעך אָדער ווענדנדיק זיך נאָך פּראָטעקציע צו קריסטלעכע שׂררות, אַזוי אַז די גאַנצע שווערקייט פֿון די שטײַערן פֿאַלט אויף די אָרעמע גלידער פֿון דער קהילה. עס זײַנען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן די געריכטלעכע שטראָפֿן פֿאַר מוסרים, פֿאַר די „מלשינים“ אָדער שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן נאָך אין די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער אָנגעטאָן גרויסע צרות די קהילות, און איצט זײַנען זיי געוואָרן באַזונדערס געפֿערלעך, מחמת עס זײַנען געוואָרן ערגער די באַציִונגען צווישן ייִדן און קריסטן. אַזעלכע שעדלעכע מענטשן מעג דער בית־דין פֿון קהל און רבֿ פֿאַרמשפּטן, לויט די נײַע תּקנות, צו געלטשטראָף, צו תּפֿיסה און צו לײַבשטראָף; אַ מסור וואָס ווערט געכאַפּט דאָס דריטע מאָל קאָן ווערן פֿאַרמשפּט צום טויט דורך דעם אייבער־דיין, דעם „רבי פֿון קיניגלעכן הויף“, אָבער דער פּסק־דין מוז ווערן באַשטעטיקט דורכן קיניג. אויף צו היטן די גוטע מידות און כּדי צו מילדערן די שׂנאה פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג איז אַרויפֿגעלייגט אַן איסור אויף די פֿרויען צו פּוצן זיך צו פֿיל. „זאָלן ייִדישע מענער און פֿרויען ניט פֿאַרגעסן, אַז זיי געפֿינען זיך אין גלות און לעבן ניט אויף זייער אייגענער ערד!“ אין דעם קאַפּיטל וועגן לערנען מיט קינדער שטייט, אַז אַ קהילה פֿון 15 משפּחות איז מחויבֿ צו האַלטן אַ מלמד־דרדקי צו לערנען מיט קינדער די עלעמענטאַרע לימודים, און אַ קהילה פֿון 40 משפּחות מוז אויסהאַלטן אַ גמרא־חדר; אין גרויסע קהילות מוזן זײַן ישיבֿות. גענוי זײַנען באַשטימט די רעכט און די התחײַבֿותן פֿון די רבנים, דיינים און פֿאַרשיידענע ממונים פֿון קהל, וואָס די קהילה קלײַבט אויס. דער צונויפֿפֿאָר פֿון וואַלאַדאָליד האָט אָנגענומען, אַז זײַנע תּקנות זײַנען אָבליגאַטאָריש פֿאַר די קאַסטילישע קהילות אויף אַ משך פֿון צען יאָר צײַט, און נאָך אָט דעם טערמין קאָן אַ נײַער צונויפֿפֿאָר זיי איבערקוקן.

די קלעריקאַלע פּאַרטיי האָט מיט אומרו געקוקט אויף דער פֿאַרבעסערונג אין דער באַציִונג פֿון דער רעגירונג צו ייִדן און אויף דער אויפֿריכטונג פֿון די קהילות. די זין פֿון פּאַוולאָ פֿון בורגאָס, וואָס פֿון זיי האָט אַלפֿאָנסאָ דע קאַרטאַגענאַ געירשעט דעם פּאָסטן פֿון בּיסקופּ אין בורגאָס, האָבן געחלומט, אַז עס וועט זיך אומקערן יענע צײַט, ווען די מאָנאַכן די פּרעדיקער פֿלעגן אַרײַנטרײַבן טויזנטער ייִדן אין שויס פֿון דער קירך אַרײַן. זיי זײַנען שטאַרק ניט צופֿרידן געווען מיט דער בולע פֿון דעם פּויפּס אייגעניוס IV פֿון יאָר 1435, וואָס האָט פֿאַרבאָטן די מיסיאָנערן אויפֿצורייצן די קריסטלעכע מאַסע קעגן ייִדן. אַלפֿאָנסאָ איז געווען אַ דעלעגאַט פֿון קאַסטיליע אויפֿן גרויסן קאָנציל אין באַזל און האָט דאָרט אויפֿגעהויבן די ייִדישע פֿראַגע. ער האָט

www.libtool.com.cn

אײַנגערעדט דעם פּויפּס, אַז אין שפּאַניע שטייט פֿאַר ווידער אַ סכּנה, אַז עס זאָל זיך שטאַרקן די השפּעה פֿון ייִדן. דערפֿאַר האָט דער פּויפּס, מיט דער הסכּמה פֿון דעם קאָנציל, אַרויסגעגעבן אַ בולע (1442), ווו ער האָט מבֿטל געווען די הנחות פֿון מאַרטין V און זײַנע אייגענע און האָט געגעבן דער גײַסטלעכקייט די ברייטסטע פֿולמאַכטן אין איר מיסיאָנערישער טעטיקייט, מיט דער התחייבֿות אויפֿצופּאַסן שטרענג, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן אַלע קירכלעכע קאַנאָנען. די נײַע גזרות, וואָס זײַנען אויסן געווען איבערצורײַסן יעטווידע מגע־ומשׂא צווישן קריסטן און אַנדערשגלייביקע, זײַנען געווען שייך אויך צו די מוירן, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג אין קאַסטיליע. דער נײַער אַרײַנרײַס פֿון דער קירך איז עלול געווען אַרײַנצו־ברענגען אומאָרדענונג אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס האָט זיך געהאַט ווידער אײַנגעשטעלט נאָכן קריזיס, מחמת די ייִדן און די מוירן זײַנען געווען די אַקטיווסטע טוער דערין.

דאָס איז געשען נאָך דער דעמיסיע פֿון דעם ליבעראַלן קאַנצלער אַלוואַראָ דע־לונאַ, וואָס די קלעריקאַלן אין קאַסטיליע האָט זיך אײַנגעגעבן אים צו באַזײַטיקן פֿון דער מאַכט. נאָר אין גיכן איז אין דער רעגירונג אָנגעשטאַנען אַ צערודערונג, און דער קיניג כּואַן האָט אויפֿס נײַ געמוזט רופֿן צו דער מאַכט דעם ענערגישן קאַנצלער. די פּרווון פֿון דער רעאַקציע זײַנען דורכגעפֿאַלן. די ייִדישע קהילות האָבן אויסגעפּועלט, מן־הסתּם מיט דער הילף פֿון אַבֿרהם בנבֿנישתּי, אַ דעקרעט פֿון קיניג (אַפּריל 1443), וואָס אין אים איז דעם פּויפּס' בולע געוואָרן אַזוי אויסגעטײַטשט, אַז פֿון איר איז גאָר ווינציק געבליבן. אין דעם דעקרעט איז געוואָרן דערקלערט, אַז די בולע שטעלט לחלוטין ניט אַוועק ייִדן מחוץ דעם געזעץ און פֿאַרבאָט זיי ניט צו פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאָכות בײַם אָנטייל פֿון קריסטן (עס זײַנען אויסגערעכנט די דערלויבטע מלאָכות: שנײַדערײַ, שוסטערײַ, וועבערײַ, טעפּערײַ, טישלערײַ א״אַ), וואָרעם די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס געהערן ניט צו די געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס, וואָס גיבן אַנדערשגלייביקע מאַכט איבער קריסט־לעכע אָנגעשטעלטע. אויב דער דעקרעט פֿאַרזיכערט אַזוי אַרום די עקאָנאָ־מישע רעכט פֿון די אַנדערשגלייביקע, גיט ער נאָך די קלעריקאַלן אין ענינים פֿון שטייגער: ייִדישע קוואַרטאַלן אין די שטעט מוזן עקסיסטירן, דאָרט ווו זיי זײַנען ניטאָ, באַדאַרף מען אָפּטיילן פֿאַר ייִדן באַזונדערע גאַסן צום וווינען; עס בלײַבט אויך גילטיק דער געזעץ וועגן ייִדישער הלבשה אָדער וועגן אַ באַזונדער צייכן אויף די מלבושים; דער פֿאַרבאָט פֿאַר קריסטן זיך צו קורירן בײַ פֿרעמדגלייביקע דאָקטוירים בלײַבט גילטיק דאָרט, ווו מען קאָן זיך באַגיין אָן זייער הילף, אָבער מיט געוויסע באַוואָרענישן (אויב די רפֿואה מאַכט אַ קריסט) מעג מען דאָס. די שטאָטראַטן, וואָס האָבן געדריקט

ייִדן אין זייערע רעכט, האָט כואַן II דערמאָנט, אַז די אַנדערשגלייביקע געפֿינען זיך אונטער דעם קיניגס שוץ, און פֿאַר שעדיקן זייער פּערזאָן אָדער פֿאַרמעגן קומט אַ האַרבע שטראָף.

אַזוי האָט דער שפּעטערישער מלוכישער שׂכל געקעמפֿט קעגן דעם צעשטערערישן פֿאַנאַטיזם פֿון דער קירך, נאָר די ליידנשאַפֿטן זײַנען אין דער פּאָליטיק געווען שטאַרקער פֿאַר דעם געזונטן פֿאַרשטאַנד. די ייִדן־פֿײַנטשאַפֿט האָט אין די קריסטלעכע מאַסן פֿון שפּאַניע אין יענער תּקופֿה געצויגן איר יניקה ניט אַזוי פֿון דער שׂנאה צו די רעכטגלייביקע ייִדן, ווי פֿון דער שרעק פֿאַר די „נײַקריסטן" פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, וואָס די קלעריקאַלן גופֿא האָבן זיי אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך אַרײַן. די מורא פֿאַרן „אויסווייניקסטן שׂונא", וואָס איז געשטאַנען פֿון יענער זײַט פֿאַרקן פֿון דער קירך, איז געוואָרן געשטאַרקט דורך דעם חשש, טאָמער זײַנען די איבערלויפֿערס פֿון דעם פֿײַנטלעכן לאַגער געקומען אין דער קירכלעכער פֿעסטונג אַרײַן מיט דער כּוונה זי צו צעשטערן.

## .52 § די באַוועגונג קעגן די מאַראַנען (74 – 1449)

זינט דעם קלעריקאַלן טעראָר, וואָס האָט אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך צענדליגער טויזנטער ייִדן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע, האָט די פֿראַגע וועגן די „נײַע קריסטן" אָדער „באַקערטע" (Conversos) ניט אויפֿגעהערט צו באַאומרויִקן די קריסטלעכע געזעלשאַפֿט. טעמים פֿאַר אומרו זײַנען געווען גענוג. פֿון איין זײַט איז געווען קלאָר, אַז דאָס רובֿ פֿון די „נײַע קריסטן" האָבן זיך טאַקע געשמדט, אָבער די קריסטלעכע אמונה האָבן זיי ניט אָנגענומען. די דאָזיקע געצוווּנגענע קריסטן, די „אנוסים", זײַנען אין דער נשמה געבליבן געטרײַ צו זייער נאַציאָנאַלער רעליגיע און האָבן זי באַהאַלטענערהייט אָפּגעהיט מיטן ברען פֿון גערודפֿטע. זיי האָבן ניט געטויפֿט זייערע קינדער, און אויב זיי האָבן געמוזט לאָזן טויפֿן – פֿלעגן זיי דערנאָך אָפּוואַשן דעם קערפּער פֿון דעם „הייליקן וואַסער"; זיי פֿלעגן לפּנים וועגן קומען אין קירך אַרײַן, אָבער בשתּיקה פֿלעגן זיי אויך גיין דאַוונען אין שול, אָפּהיטן שבת, די דינים פֿון כּשר און טריפֿה און אַלע אַנדערע צערעמאָניעס פֿון ייִדישקייט. דאָס איז פֿאַר די קריסטן ניט געבליבן קיין סוד, און די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט האָט נאָך אין יאָר 1429, אויפֿן סינאָד אין טאָרטאָזע, באַשלאָסן אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן אַזעלכע „יודאַיִזירנדיקע".

נאָר לעבן אָט די „באַהאַלטענע ייִדן", וואָס האָבן געקרענקט אין דער נשמה פֿאַר זייער געצוווּנגענעם שמד, זײַנען געשטאַנען מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿלײַסט אַרויסצוציִען וואָס מער נוצן פֿון דעם. אַ דאַנק זייערע ביר=

www.libtool.com.cn

גערלעכע רעכט האָבן זיי זיך אָנפֿאַרדינט דורך האַנדלס-געשעפֿטן, פֿלעגן אײַנקויפֿן זיך רײַכע מאַיאָנטקעס, האָבן פֿאַרנומען הויכע פּאָסטנס אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע, אין דער אַרמיי און אַפֿילו אין דער קירכלעכער היעראַרכיע, פֿלעגן זיך משדך זײַן מיט שפּאַנישע מיוחסדיקע משפּחות. פֿון דער דאָזיקער גרופּע פֿלעגן אַרויסגיין נאָר איינציקע רודפֿים פֿון ייִדנטום, אַ שטייגער ווי גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ-פֿע אָדער די משפּחה פֿון פּאַוולאָ פֿון בורגאָס. געוויינטלעך אָבער פֿלעגט בלײַבן באַשטיין דער פֿאַרבונד מיט די פֿאַרלאָזענע ברידער אין משך פֿון דורות, מחמת אַ סך פֿון זיי האָבן געהאַט קרובֿים צווישן ייִדן און עס זײַנען ניט פֿאַרשטיקט געוואָרן די סימפּאַטיעס צו ייִדישקייט. ביסלעכווײַז איז אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפֿט, ווו עס האָט זיך אַלץ שטאַרקער געשפּירט די השפּעה פֿון אָט די פֿרעמדע עלעמענטן, אויסגעוואַקסן אַ טיפֿער אומצוטרוי צו זיי, אויסגעמישט מיט אַ שרעק. מען האָט חושד געווען אין באַהאַלטענע סימפּאַטיעס צו ייִדישקייט אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר אַזעלכע סימפּאַטיעס ניט געהאַט. אומעטום האָבן זיך אויס-געמעלט היגטערגענג פֿון „די אינעווייניקסטע שׂונאים פֿון דער קירך". די נײַע קריסטן אָדער conversos פֿלעגט מען אָנרופֿן מ אַ ר אַ נ ע ן (marranos), וואָס אין שפּאַניש האָט דאָס באַטײַט „פֿאַרשאָלטענע" אָדער „חזירים". עס איז אָנגעשטאַנען אַ מאָמענט, ווען מען האָט באַדאַרפֿט לאָזן צו רו די אָפֿענע ייִדן און נעמען זיך פֿאַר די פֿאַרבאָרגענע ייִדן, וואָס האָבן אויסגעוויזן צו זײַן נאָך מער שעדלעך.

דער ערשטער אויסבראָך פֿון דער באַוועגונג קעגן די מאַראַנען האָט געהאַט מער אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישן, איידער אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ער איז פֿאָרגעקומען אין מאַרץ 1449 אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאַסטיליע טאָלעדאָ. דער קאַנצלער אַלוואַראָ דע-לונאַ האָט געפֿאָדערט פֿון דער שטאָט צו באַצאָלן אַן עקסטרע שטײַער פֿון אַ מיליאָן מאַראַוועדיס אויף צו באַשיצן די גרענעצן, אָבער דער שטאָטראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן. דעמאָלט האָט מען די שטײַער-מאָנערס, לויטן אָפּשטאַם נײַע קריסטן, געהייסן אויפֿמאָנען דעם שטײַער איבער געוואַלד. ווי נאָר זיי האָבן גענומען אײַנמאָנען, האָבן די שטאָטלײַט זיך אַ לאָז געטאָן צום הויז פֿון דעם רײַכן מוכס אַלפֿאָנסאָ דע קאָסטאַ און האָבן עס אונטערגעצונדן און דערנאָך האָבן זיי גענומען אונטערצינדן די הײַזער אויך פֿון אַנדערע מאַראַנען. די לעצטע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן: די אָנפֿירערס פֿון דעם זעלבשוץ זײַנען דערהרגעט געוואָרן, דער המון האָט די טויטע קערפּערס זייערע אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און דערנאָך זיי אויפֿגע-האַנגען מיט די קעפּ אַראָפּ. אין דעם ענין איז געווען פֿאַרמישט דער ראָש פֿון דער שטאָט (alcalde mayor) סאַרמיענטאָ. ער האָט אויסגענוצט די

www.libtool.com.cn

„פֿאָלקס-דעמאָנסטראַציע“, בכדי צו באַזײַטיקן די מאַראַנען פֿון די פּאָסטנס אין די שטאָטישע מוסדות. אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון אַדללײַט און מוניציפּאַלע באַאַמטע, וואָס ער האָט צונויפֿגערופֿן, איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז פֿון הײַנט אָן טאָר קיין איינער פֿון די נײַע קריסטן ניט פֿאַרנעמען קיין שטעלע אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן מוסד. אויף דעם יסוד זײַנען אָפּגעזאָגט געוואָרן אין טאָלעדאָ 13 ריכטערס, נאָטאַרן און מיטגלידער פֿון מאַגיסטראַט. די טאָלעדער החלטה איז צעשיקט געוואָרן אין אַנדערע שטעט, און אויך דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן די נײַע קריסטן. אויף די אָנקלאָגעס פֿון די מאַראַנען האָט דער פּויפּס ניקאָלאַוס פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בולע, ווו ער האָט געטאַדלט דעם אויפֿטו פֿון די טאָלעדער שׂררות און האָט געפֿאָדערט, אַז די נײַע קריסטן זאָלן געניסן די זעלבע רעכט בנוגע מלוכישן און געזעלשאַפֿטלעכן דינסט ווי די אַלטע קריסטן (1449). אָבער אין צוויי יאָר אַרום, ווען די קאַסטילישע רעגירונג האָט מיטגעטיילט דעם פּויפּס, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך כּלומרשטע קריסטן, האָט ניקאָלאַוס V געגעבן הרשאה די שפּאַנישע ביסקופּן צו באַשטימען באַזונדערע אינקוויזיטאָרן, וואָס זאָלן אויסזוכן יענע מענטשן, „וואָס מיטן מויל גיבן זיי זיך אַרויס פֿאַר קריסטן, נאָר אין דער אמתן היטן זיי אָפּ די צערעמאָניעס פֿון די ייִדן“: אַזעלכע מענטשן, אַפֿילו אויב זיי פֿאַרנעמען אַ הויכן וועלטלעכן אָדער גײַסטלעכן ראַנג, האָבן די אינקוויזיטאָרן דאָס רעכט צו אַרעסטירן, אויסצופֿרעגן און צו משפּטן אין זייער טריבונאַל (1451).

ניט געקוקט אויף די דאָזיקע רעפּרעסיעס זײַנען די מאַראַנען אַלץ מער אַרײַנגעדרונגען אין די העכסטע שיכטן פֿון דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט. זיי האָבן געקראָגן אַ פּאָליטישע השפּעה אונטער דעם קיניג פֿון קאַסטיליע ענריקע IV (1454 — 1474). איינער פֿון די קינדסקינדער פֿון אַ געשמדטן ייִד דיעגאָ דאַווילאַ האָט געפֿירט די קיניגלעכע פֿינאַנצן מיטן טיטל „הויפּט-שאַצמײַסטער“ (contador mayor); ער פֿלעגט אָפּגעבן די מלוכה-אַקציזן און שטײַערן אין אַרענדע צו זײַנע קרובֿים פֿון די נײַע קריסטן און ייִדן. בײַם הויף האָבן זיך ווידער באַוויזן ייִדישע דאָקטוירים, אַזוי ווי צום חוזק איבער די פּויפּסלעכע בולעס, וואָס האָבן פֿאַרבאָטן זיך צו קורירן בײַ אומגלייביקע. ענריקע IV האָט באַשטימט זײַן לײַב-מעדיקער יעקבֿ נונס פֿאַרן „הויף-רבֿ“ (rabi de la corte), וואָס זײַן עובֿדא איז געווען צו מאַכן די הערכה פֿון די שטײַערן צווישן די קהילות און דערנאָך פֿונאַנדערצוטיילן די צונויפֿגעקליבענע סומעס צווישן די אינפֿאַנטן און שׂררות, וואָס האָבן באַקומען מלוכה-רענטע. די קאַסטילישע פּרינצן און יענע שׂררות, וואָס האָבן געהאַט אַ טובֿה פֿון דער דאָזיקער טאָלעראַנץ, האָבן פֿאַרמאַכט די אויגן אויפֿן קיניגס ליבעראַליזם, אָבער אַנדערע שטאַנדישע עלטסטע האָבן דאָס

www.libtool.com.cn

ניט געוואָלט לײַדן. דערפֿון נעמען זיך די ווידעראַנאַנדיקע החלטות פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די קאָרטעס פֿון יענער צײַט. אין יאָר 1462 האָבן די קאָרטעס אין טאָלעדאָ צוגעטראָגן ענריקע IV אַ השתדלות וועגן אָפּשאַפֿן די באַגרענעצונגען, וואָס שטערן דעם האַנדל און די קרעדיט־אָפּעראַציעס פֿון די ייִדן צום שאָדן פֿון דער קיניגלעכער קאַסע און פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס געניייטיקט זיך אין קרעדיט. און מיט דרײַ יאָר שפּעטער האָט די ייִדנפֿײַנטלעכע פּאַרטיי, וואָס האָט געקראָגן אַ רוב אין די קאָרטעס, געפֿאָדערט, אַז עס זאָל באַנײַט ווערן דער צורודיקער אָרדאָנאַנס פֿון יאָר 1412. די קאָרטעס פֿון יאָר 1469 האָבן אָנגעוויזן, אַז דעם קיניגס גוטגינציקייט לגבי ייִדן איז אַ מכשול פֿאַר די ביסקופֿן, וואָס נעמען זיך אַראָפּ אַ משל פֿון קיניג און גיבן אָפּ אין אַרענדע ייִדן און מורן אַפֿילו קירכלעכע מאַיאָנטקעס. צווישן אָט די פֿאַרשיידענע השפּעות האָט דער קיניג זיך געוואָרפֿן אַהין און אַהער.

איינער פֿון די ערגסטע צורר־היהודים פֿון יענער צײַט איז געווען דעם קיניגס גײַסטלעכער אַלפֿאָנסאָ דע עספּינאַ, דער גענעראַל פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער־אָרדן און דער רעקטאָר פֿון דעם אוניווערסיטעט אין סאַלאַמאַנקע. אין זײַנע דרשות אין קירך פֿלעגט ער רופֿן צום קאַמף מיט די כופֿרים, ייִדן און מורן. באַזונדערס פֿיל מאַטעריאַל אויף שטראָפֿן האָבן אים געגעבן ייִדן, ער האָט געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן צוויי מינים ייִדן: אָפֿענע און באַהאַלטענע (ocultos, publicos). אַ גרויסן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן ייִדן פֿון ביידע מינים האָט עספּינאַ אַרײַנגעשטעלט אין זײַן בוך „באַפֿעסטיקונג פֿון גלויבן קעגן ייִדן, סאַראַצענער און אַנדערע שונאים פֿון דער קריסטלעכער אמונה״ (Fortalicium Fidei ,1460). דאָס דאָזיקע בוך איז אַ גראָבע פֿעלשונג פֿון דער ייִדישער געשיכטע און פֿון דער ייִדישער תּורה. דער מחבר האָט אין דעם צונויפֿגעקליבן אַלע ווילדע, אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען פֿון מיטלעלטער: טייטונג פֿון קריסטלעכע קינדער, פֿאַרשוועכונג פֿון די האָסטיעס, פֿאַרסמונג פֿון די ברונעמער, ווי זיכערע ראַיות, וואָס אויף זייער סמך דאַרף דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַרמשפּט ווערן. היות ווי דער פֿראַנציסקאַנער האָט ניט געהאַט די אמונה, אַז מען וועט קאָנען מאַכן דערוואַקסענע ייִדן פֿאַר גוטע קריסטן, דעריבער האָט ער געעצהט, אַז מען זאָל בײַ זיי צונעמען די יונגע קינדער, וואָס אויב מען וועט זיי ווי געהעריק אויסהאָדעווען, קאָנען זיי ווערן געטרײַע זין פֿון דער קירך. בנוגע די יודאַיִזירנדיקע האָט ער רעקאָמענדירט אינקוויזיטאָרישע אויספֿאָרשונגען און שײַטער־הויפֿנס. ניט צופֿרידן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און שריפֿט, האָט עספּינאַ געפּרוּווט מיט דער הילף פֿון מאָנאַכן אויפֿצוהייבן עפּעס אַ גרויסן ריטועלן פּראָצעס, וואָס זאָל דינען ווי דער זיכערסטער מיטל

אויפֿצוהעצן די מאַסן צו פּאָגראָמען פֿון דעם כּבֿוד וועגן פֿון דער קירך. ערגעץ ווו האָט זיך אײַנגעגעבן אויפֿצוהייבן אַזעלכע באַשולדיקונגען און אויפֿצורודערן קריסטלעכע נשמות. אייניקע מאַראַנען, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט בײַם אויספֿירן ייִדישע צערעמאָניעס, זײַנען געשטעלט געוואָרן פֿאַרן ביסקופֿס געריכט און זײַנען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום פֿאַרברענען אויף אַ שײַטער־הויפֿן.

די פֿראַגע וועגן די נײַע קריסטן האָט אַרויסגערופֿן אַ שפּאַלטונג אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפֿט. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט זיך לחלוטין אָפּגעגרענעצט פֿון די נײַע קריסטן, האָט זיי ניט אַרײַנגעלאָזן אין אירע משפּחות און ניט דערלאָזן צו באַשטימען זיי אויף עפֿנטלעכע פּאָסטנס. די ליבעראַלע פּאַרטיי, וואָס אין איר זײַנען די נײַע קריסטן געווען אַ היפּשער טייל, האָט זיך געפֿלײַסט בטל צו מאַכן דעם גרענעץ צווישן געבאָרענע שפּאַניער און די אַסימילירטע קינדסקינדער פֿון די געשמדטע ייִדן. דער קאַמף פֿון די פּאַרטייען האָט געבראַכט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אין די לעצטע יאָרן פֿון דער רעגירונג פֿון ענריקע IV. אין טאָלעדאָ איז אויף דעם גרונט פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין יולי 1467. דאָ האָבן די אַלטע קריסטן געקעמפֿט מיט די נײַע קריסטן פֿאַר דער מאַכט אין מאַגיסטראַט, וואָס בראָש פֿון אים איז געשטאַנען דער באַשיצער פֿון די מאַראַנען דער אַלקאַלד אַלוואַראָ גאָמעס. דער צוזאַמענשטויס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער טאָלעדער קאַטעדראַלער קירך און האָט שפּעטער געדויערט אויף דער גאַס. דער אַלקאַלד האָט צוזאַמען מיטן אָנפֿירער פֿון די נײַע קריסטן פֿערדינאַנדאָ דע לאַ טאָרע פֿאַרנומען די בריקן און די טויערן פֿון שטאָט, און דערנאָך האָבן זיי דורך קלינגען אין געוואַלדגלאָק פֿון קירך גענומען צונויפֿרופֿן זייערע אָנהענגער צום זעלבשוץ; די אַלטע קריסטן האָבן גערופֿן די אײַנוווינער פֿון די פֿאָרשטעט, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דעם רײַכן קוואַרטאַל, ווו זייערע געגנער האָבן געוווינט. אין דער שׂרפֿה זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן איבער טויזנט הײַזער, אין געשלעג זײַנען אומגעקומען 130 מאַראַנען, און זייער פֿירער דע לאַ טאָרע איז געוואָרן אויפֿגעהאַנגען.

אין זעקס יאָר אַרום האָבן די עקסצעסן זיך איבערגעחזרט אין קאָרדאָווע. דאָ האָבן די קלעריקאַלן אונטערן שוץ פֿון דעם אָרטיקן ביסקופּ געגרינדעט אַ ברודערשאַפֿט אונטערן נאָמען „קריסטלעכע ליבשאַפֿט”, און זיי האָבן באַשלאָסן ניט אַרײַנצונעמען אין איר קיין איין מאַראַן, אַפֿילו פֿון די סאַמע הויכגעשטעלטע. דעריבער איז ווען די מיטגלידער פֿון דער ברודערשאַפֿט האָבן איין מאָל (מאַרץ 1473) דורכגעפֿירט אַ פּראָצעסיע איבער די גאַסן פֿון קאָרדאָווע, האָבן די מאַראַנען פֿאַרשלאָסן זייערע הײַזער און האָבן זיי ניט צוגעפּוצט. פּלוצים האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז פֿון איינעם פֿון די

מאַראַנישע הײַזער, וואָס פֿאַרבײַ דעם איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די פּראָצעסיע, האָט אַ מיידל אויסגעגאָסן שמוציק וואַסער, וואָס האָט געטראָפֿן אין בילד פֿון דער גאָטמוטער. איז דער המון געוואָרן אויפֿגערודערט. אונטערן אָנפֿיר פֿון איינעם אַ שמיד האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן צו די הײַזער פֿון די מאַראַנען, האָט אונטערגעצונדן, געראַבעוועט און געהרגעט. דער שעף פֿון דער שטאָט אַלפֿאָנסאָ דע אַגילאַר, וואָס זײַן ווײַב איז געווען אַ מאַראַנין, און זײַן ברודער גאָנסאַלוואָ דע קאָרדאָוואַ, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער שפּאַנישער אַרמיי ווי „דער גרויסער קאַפּיטאַן", זײַנען אַרויס קעגן די אָנפֿאַלערס מיט אַן אָפּטייל זעלנערס. אויף דער פֿאָדערונג פֿון דעם שעף, אַז דער המון זאָל אָפּשטעלן די עקסצעסן, האָט דער שמיד געענטפֿערט מיט גראָבער זידלערײַ, און דער אויפֿגעבראַכטער אַגילאַר האָט אים דערשטאָכן מיט זײַן שפּיז. דאָס האָט די פֿאַנאַטיקער גאָר אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. מיט געשרייען וועגן נקמה האָט דער המון, וואָס צו אים זײַנען צוגעקומען נאָך מענטשן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די מאַראַנען און זייערע באַשיצערס, צעריבן דעם קליינעם אָפּטייל זעלנערס און נאָך מיט מער רציחה גענומען ווילדעווען: דערהרגעט גרויס און קליין, געשענדט מיידלעך. אַ סך משפּחות מאַראַנען זײַנען אַנטלאָפֿן אין שכנישע ערטער.

די געשעענישן אין טאָלעדאָ און קאָרדאָווע האָבן געגעבן אַ סיגנאַל צו אַזעלכע אָנפֿאַלן אין אייניקע אַנדערע שטעט פֿון קאַסטיליע (קאַרמאָנע, כאַען א״אַ). אַ גרויסן פּאָגראָם האָבן די פֿאַנאַטיקער געמאַכט אין סעגאָוויע. דאָ האָט זיך שוין עטלעכע יאָר געפֿירט אַן אַגיטאַציע קעגן מאַראַנען און ייִדן. די ווילדע פֿאַנאַטיקער האָבן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ייִדישע קהילה אין סעפּולוועדע, ניט ווײַט פֿון סעגאָוויע, זאָל האָבן אונטערן אָנפֿיר פֿון איר רבֿ אויסגעפֿירט אַ ריטועלן מאָרד און געקרייציקט אַ קריסטלעך ייִנגל. דער אָרטיקער ביסקופּ כואַן דאַווילאַ, אַ זון פֿון דעם אויבן דערמאָנטן שאַצמײַסטער פֿון דער מלוכה, האָט זיך גענומען מיט ברען פֿאַרן ענין, בכדי דורך רדיפֿות אויף ייִדן צו דערווײַזן זײַן קריסטלעכע רעכטגלייביקייט. אַכט מיטגלידער פֿון דער קהילה האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין סעגאָוויע, געפּײַניקט און באַשטראָפֿט מיט טויט, און אין סעפּולוועדע גופֿא האָט דאָס פֿאָלק אַליין אַוועקגעהרגעט נאָך עטלעכע אומשולדיקע ייִדן (1471). נאָר וויפֿל אַט דער ביסקופּ דער מאַראַן האָט זיך ניט געפֿלײַסט אָפּצוצאַמען אַזוי אַרום די נײַע קריסטן פֿון די ייִדן, האָט דאָס ניט געהאָלפֿן, און נאָך דעם פּאָגראָם אין קאָרדאָווע האָט פּונקט אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע געטראָפֿן אין סעגאָוויע. די מאַראַנען זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פֿון פֿולן אומקום נאָר דורך דעם, וואָס צופֿעליק איז גראָד דעמאָלט געווען דער קיניג ענריקע אין זײַן סעגאָוויער פּאַלאַץ, און עס האָבן זיך אַרײַנגעמישט די אָרטיקע שׂררות (1474).

www.libtool.com.cn

די מאַראַנען וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון קאָרדאָווע האָבן געפּרוווט צו זוכן פֿאַר זיך אַן אָרט, וווּ זיי זאָלן זיך קאָנען באַזעצן ווי אַ קאָמפּאַקטע קאָלאָניע און זאָלן דאָרט ניט לײַדן פֿון די נגישות פֿון די פֿאַנאַטיקער. דער פֿאָרשטייער פֿון די פּליטים פּעדראָ דע הערעראַ האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיטן שטאַטהאַלטער פֿון דער פּראָווינץ סעווילע, דעם הערצאָג מעדינאַ-סידאָניאַ, ער זאָל אָפּגעבן די מאַראַנען די פֿעסטונג גיבראַלטאַר, וואָס דער הערצאָג האָט מיט אַ קורצער צײַט פֿריִער געהאַט אָפּגענומען בײַ די מוירן. די מאַראַנען האָבן גענומען אויף זיך די מיליטערישע פֿאַרטיידיקונג פֿון דער פֿעסטונג און האָבן צוגעזאָגט צו צאָלן דעם שטאַטהאַלטער גרויסע שטײַערן. דער הערצאָג האָט מסכּים געווען אויף דעם פֿאָרשלאָג, און אין סעווילע האָט באַדאַרפֿט געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך צווישן די צדדים. אָבער די געגענער פֿון די מאַראַנען האָבן גענומען שרײַען, אַז עס איז אַ סכּנה דאָס צו טון: אין גיבראַלטאַר, האָבן זיי געטענעט, קאָנען די נײַע קריסטן זיך פֿאַראייניקן מיט די אַפֿריקאַנער מוירן און איבערענטפֿערן אין זייערע הענט די פֿעסטונג ווי דעם שליסל צו גאַנץ שפּאַניע. אַזוי האָבן די פֿאַנאַטיקער מיט גוטע רייד און סטראַשונקעס געפּועלט בײַם הערצאָג. דער אָפּמאַך איז ניט צו שטאַנד געקומען, און די מאַראַנען איז ניט געווען באַשערט צו גרינדן פֿאַר זיך אַן אויטאָנאָמע קאָלאָניע אין גיבראַלטאַר.

## § 53. פּאָרטוגאַל ווי אַ מקום-מקלט פֿאַר שפּאַנישע ייִדן

די קאָלאָניע פֿון דער ייִדישער שפּאַניע פּאָרטוגאַל איז אויף אַ יאָרהונדערט געווען אָפּגעשטאַנען פֿון איר מעטראָפּאָליע. די פּאָרטוגעזן זײַנען אויך געווען גוטע קאַטויליקן און נישקשהדיקע פֿאַנאַטיקער, אָבער די לעצטע מאָדע פֿון דעם שפּאַנישן קלעריקאַליזם האָבן זיי נאָך ניט געהאַט איבערגענומען: קיין מאַרטינעסן און פֿערערס זײַנען נאָך אויף דער פּאָרטוגעזישער ערד ניט אַרויסגעוואַקסן. דאָ האָט נאָך עקסיסטירט יענע טאָלעראַנץ לגבי ייִדן, וואָס איז געווען אײַנגעפֿירט אין שפּאַניע ביזן יאָר 1391. די ייִדישע מאַסע אין די שטעט האָט מען אָפּגעזונדערט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, „יודאַריעס", נאָר אין זייער עקאָנאָמישער טעטיקייט האָט מען זיי ניט געצאַמט און רײַכע מענטשן האָט מען גערן אַרײַנגעלאָזן אין די הויכע ספֿערעס ווי קיניגלעכע פֿינאַנציעלע אַגענטן אָדער אַרענדאַטאָרן פֿון אַקציזן און שטײַערן, און טייל פֿון זיי האָבן מחמת דעם געהאַט אַ פּאָליטישע השפּעה. אָט פֿאַר וואָס פּאָרטוגאַל האָט אין 15טן י"ה געקאָנט דינען ווי אַ מקום-מקלט פֿאַר די ייִדן און מאַראַנען וואָס זײַנען גערודפֿט געוואָרן אין שפּאַניע.

www.libtool.com.cn

אין דעם שרעקלעכן יאָר 1391 האָבן אַ סך ייִדישע פּליטים פֿון קאַסטיליע געפֿונען אַ מקום-מנוחה אין פּאָרטוגאַל. די איבער געוואַלד געשמדטע האָבן דאָ ווידער אָנגעהויבן האַלטן זייער פֿריִערדיקע אמונה. לויט די אָרטיקע געזעצן האָט זיי געקומט אַ האַרבע שטראָף פֿאַר אָװעקגיין פֿון דער קאַטױלישער רעליגיע, אָבער דער רבֿ הכולל פֿון פּאָרטוגאַל ר׳ משה נאַוואַראָ, וואָס איז געווען דער לײַב-מעדיקער פֿון קיניג יאָאַן I, האָט דאָס אומגליק פֿאַרוואָרנט. ער האָט צוגעשטעלט דעם קיניג צוויי בולעס פֿון פּויפּס, וואָס האָבן פֿאַרבאָטן צו שמדן ייִדן איבער געוואַלד, און אויף דעם סמך האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז מען זאָל די פּליטים פֿון קאַסטיליע ניט שטערן צו האַלטן די ייִדישע אמונה (1392). אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט דער קיניג פֿאַרבאָטן דעם „בײַטש פֿון די ייִדן" ווינסענטע פֿערער צו קומען קיין פּאָרטוגאַל צוליב אַגיטאַציע. אָבער ווען דער מיסיאָנערישער טעראָר האָט אַרײַנגעטריבן קיין פּאָרטוגאַל נײַע מאַסן אַנוסים, וואָס האָבן דאָ אָפֿן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער אויפֿגעצוווּנגענער רעליגיע, האָט דער קיניג געהייסן משפּטן די וואָס מען וועט כאַפּן, אַז זיי פֿאַרלאָזן די קריסטלעכע אמונה (1414). דאָס האָט נאָר געקאָנט ברענגען דערצו, אַז די נײַ געקומענע זאָלן שטרענגער אויסבאַהאַלטן דאָס וואָס מיט זיי איז געשען פֿריִער, און אַזוי אַרום האָבן די קרבנות פֿון רעליגיעזן צוואַנג נאָך געקאָנט געפֿינען אַ מקום-מקלט אין פּאָרטוגאַל. דער חובֿ פֿון אַ קאַטױלישן מאָנאַרך האָט באַוויגן יאָאַן I צוצוריידן ייִדן, זיי זאָלן זיך שמדן מיטן גוטן ווילן: די משומדים פֿלעגט ער געבן פֿאַרשיידענע הנחות, למשל באַפֿרייט זיי פֿון מיליטער-דינסט און פֿון צושטעלן פֿערד פֿאַר דער אַרמיי (1422); די זעלביקע הנחה האָט געקראָגן אויך יעדער קריסט, וואָס האָט איבערגערעדט אַ ייִדיש מיידל צו שמדן זיך און האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט איר. לויט דער פֿאָדערונג פֿון דער גײַסטלעכקייט האָט דער קיניג ניט איין מאָל דערמאָנט אין זײַנע דעקרעטן, אַז ייִדן מוזן ניט אַנדערש טראָגן דעם „ייִדישן צייכן" אויף די מלבושים און אַז ייִדן טאָרן ניט פֿאַרנעמען קיין געזעלשאַפֿטלעכע פּאָסטנס; ער האָט פֿאַרבאָטן די אינפֿאַנטן, ביסקופֿן, גראַפֿן און ריטערס צו האַלטן בײַ זיך ייִדן ווי הויז-פֿאַרוואַלטערס און שרײַבערס. ווי ווײַט ערנצט דער קיניג גופֿא האָט געהאַלטן פֿון אַזעלכע באַשטימונגען, איז צו זען דערפֿון, אַז בײַם סוף פֿון זײַן רעגירונג האָט ער געמוזט אויסהערן פֿון די קלעריקאַלן די טענה, פֿאַר וואָס ער האָט געהאַלטן בײַ זײַן הויף ייִדישע דאָקטוירים און ייִדישע שטײַער-אַרענדאַטאָרן און האָט זיי באַפֿרײַט פֿון צו טראָגן דעם דערקען-צייכן (1427).

ערנצטער האָט זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פֿון די קלעריקאַלן זײַן יורש דער קיניג דואַרטע (1473—38), הגם אויך ער האָט זיך דערלויבט עובֿר צו זײַן אויף די קאַנאָנען אין איין פּרט: ער האָט זיך קורירט בײַם ייִדישן

www.libtool.com.cn

דאָקטאָר גדליה אבן יחיא, וואָס איז געווען צו גלײַך זײַן הויף־אַסטראָלאָג. בעת דער צוגרייטונג צו דער קריינונג – דערציילט איין כראָניסט – האָט אָט דער אַסטראָלאָג געעצהט דעם קיניג אָפּצולייגן די פײַערונג, מחמת די שטערן זאָגן אָן שלעכטס. דער קיניג האָט אָפּגעדאַנקט, נאָר דעם אַסטראָלאָגס עצה האָט ער ניט אָנגענומען און האָט געזאָגט, אַז ער פאַרלאָזט זיך מער אויף גאָט איידער אויף די שטערן. נאָר די נבֿואה איז טאַקע מקוים געוואָרן: דואַרטעס רעגירונג האָט געדויערט נאָר פינף יאָר און איז געווען אַן אומגליקלעכע. ניט רעכענענדיק זיך מיט די שטערן, האָט דער קיניג געוואָלט געפינען חן אין גאָטס אויגן דורך נגישות קעגן די פרעמדגלייביקע: ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי דעקרעטן, וואָס זײַנען געווען אויסן אָפּצוטיילן ייִדן פון קריסטן און האָבן שטאַרק אָנגערירט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון ייִדן. די פרײַהייט פון האַנדל איז באַגרענעצט געוואָרן אין אַזאַ מאָס, אַז קעגן דעם האָט פּראָטעסטירט די ייִדישע קהילה פון ליסאַבאָן.

צו די ווײַטערדיקע נגישות האָט געמאַכט אַ סוף דער איבערבײַט פון דער רעגירונג. נאָך אַ צעניאָריקער רעגענטשאַפט האָט איבערגענומען די רעגירונג דואַרטעס זון, אַלפאָנסאָ V (1447–81), וואָס וועגן אים איז בײַ ייִדן איבערגעבליבן אַ גוט געדעכעניש. אמת, עס איז געבליבן אַ זאַמלונג באַגרענעץ־געזעצן לגבי ייִדן וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם קיניג (Ordenaçoens do rey Alfonso V), נאָר דאָס זײַנען געווען געזעצן, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן די פריִערדיקע מלכים און עס האָבן צונויפגעקליבן יוריסטן אין אַ האַנטבוך, אָבער אַלפאָנסאָ V גופא האָט ווינציקער פון אַלעמען באַנוצט אָט דעם האַנטבוך. אין זײַן צײַט האָט מען ניט געשטערט ייִדן צו וווינען מחוץ די „יודאַריעס" אין די שטעט, ווײַזן זיך אין די גאַסן אָן אַ דערקענצייכן און אַפילו אין רײַכע בגדים, צו פאַרנעמען עפנטלעכע פּאָסטנס אין דער פינאַנץ־בראַנזשע און צו פירן אַ ברייטן האַנדל, – דאָס הייסט עובֿר צו זײַן אויף דער פּאַפּירענער קאָנסטיטוציע פון די „אָרדאָנאַנסן".

דאָס האָט אויפגעוועקט די אומצופרידנקייט פון די קלעריקאַלן און פון די קריסטלעכע סוחרים, און אין ליסאַבאָן געוואָרן דורכגעפירט אַ פּאָגראָם (1449). זײַנע אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געלאָזט גיין פאָרויס אַ המון ווילדע סכאָלאַרן, וואָס זײַנען אָנגעפאַלן אויף ייִדן אויפן שטאָטישן מאַרק. דער שעף פון דער שטאָט (corregedor) האָט געהייסן כאַפּן די יונגע פּאָגראָם־מאַכערס און עפנטלעך שמײַסן זיי. דער צערייצטער המון האָט זיך דעמאָלט אַ לאָז געטאָן צום ייִדישן קוואַרטאַל, די ייִדן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט געווער אין די הענט, נאָר די פּאָגראָם־מאַכערס האָבן זיי גובֿר געווען און גענומען מאָרדן און רויבן. דער מלוכה־סעקרעטאַר האָט געלאָזט וויסן דעם קיניג, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין עוואָראַ, וואָס עס טוט זיך

www.libtool.com.cn

אין דער הויפּטשטאָט, און האָט אים געבעטן צו קומען צו פֿאָרן, כדי צו באַרויִקן דאָס פֿאָלק. בשעת אַלפֿאָנסאָ איז געקומען, האָבן די אָרטיקע שׂררות שוין באַוויזן אײַנצושטילן די אומרוען, נאָר זײַן באַפֿעל צו באַשטראָפֿן די פּאָגראָם-מאַכערס, אַז זיי זאָלן געדענקען, האָט ווידער אַרויסגערופֿן אומרוען. עס האָט אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד קעגן קיניג, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן דורך מיליטערישער קראַפֿט.

דער קאָנסערוואַטיווער רובֿ פֿון די דעפּוטאַטן אין די קאָרטעס פֿלעגן אָפֿט מאָל פֿירברענגען פֿאַר אַלפֿאָנסאָ V זייערע החלטות מיט דער פֿאָדערונג פֿון שטרענגע מיטלען קעגן ייִדן. די קאָרטעס אין סאַנטאַרעמאַ (1451) האָבן זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס ייִדן טראָגן בגדים פֿון זײַדנס און פֿאָרן רײַטנדיק אויף מוילאייזלען אום זונטאָג, און נוצן דערבײַ קריסטן ווי אייזל-טרײַבערס (1455). די קאָרטעס אין קאָימבראַ (1473) האָבן באַשלאָסן צו באַזײַטיקן ייִדן פֿון דער אַרענדע פֿון קירכלעכע מאַיאָנטקעס, ניט צו פֿאַרקויפֿן זיי קיין פֿלעצער אויף צו בויען שולן, ניט דערלאָזן, אַז דער בית-דין פֿון רבנים זאָל באַטראַכטן געלט-סיכסוכים צווישן ייִדן און קריסטן, הגם דער קריסט גופֿא האָט זיך געווענדט צום ייִדישן דיין. אַלפֿאָנסאָ האָט זיך ווינציק גערעכנט מיט די אַלע באַשלוסן, וואָס זײַנען געווען דיקטירט דורך שטאַנדישער און רעליגיעזער שׂנאה. די אינטערעסן פֿון דער מלוכה אין גאַנצן האָט ער געשטעלט העכער ווי די גלוסטונגען פֿון איינציקע שטאַנדן, און דעריבער האָט ער צוגעצויגן צו דעם מלוכה-דינסט מענטשן מיט כשרונות פֿון דער העכסטער ייִדישער געזעלשאַפֿט.

נאָענט צום הויף זײַנען געווען די גלידער פֿון דער מיוחסדיקער משפּחה אבן יחיא, וואָס האָט זינט קדמונים אַרויסגערוקט טאַלענטירטע טוערס אויף פֿאַרשיידענע געביטן. מיט איינעם פֿון זיי, זײַן „קלוגן ייִדן" יוסף אבן יחיא, פֿלעגט אַלפֿאָנסאָ אָפֿט שמועסן וועגן געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגעס. צווישן אַנדערע זאַכן האָט דער קיניג געהאַט טענות צו יוסף̇ן, פֿאַר וואָס ער וואָרנט ניט ייִדן קעגן דעם גלוסט צו רײַכקייט און באַזונדערס צו לוקסוס אין די קליידער, וואָס דערוועקט קנאה בײַ די קריסטן און זאָגט זיי אונטער דעם געדאַנק, אַז ייִדן לעבן אויף גרינג פֿאַרדינטע, „אָנגערויבטע" געלטן. „איבעריקנס — האָט דער קיניג מוסיף געווען — וואַרט איך ניט אויף דײַן ענטפֿער, ווײַל איך ווייס, אַז נאָר דער טויט אָדער אַ צרה וועט אײַך מאַכן בעסער, און דעמאָלט וועט איר חרטה האָבן אויף אײַערע מעשׂים". די דאָזיקע טענה, וואָס עס האָט פֿאַרצייכנט דער כראָניסט פֿון יענעם דור,[1] כאַראַק-

---

1 „שבֿט יהודה", סימן סה (חוץ מען זאָל אָננעמען, אַז די דאָזיקע דערציילונג איז גענומען פֿון יהודה אבן ווירגאַס נאָטיצן).

www.libtoor.com.cn

טעריזירט איינעם פֿון די חטאים פֿון די פּאַרמעגלעכע קלאַסן, וואָס אויך אים האָבן אָנגעוויזן אויך ייִדישע שרײַבערס פֿון יענער תּקופֿה.

בײַם הויף פֿון אַלפֿאָנסאָ V האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט איינער פֿון די גרעסטע געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע טוערס פֿון ספֿרדישן ייִדנטום, וואָס זײַן נאָמען איז פֿאַרבונדן מיט די פּורענויות פֿון יענער תּקופֿה: דאָן יצחק אַ ב ר ב נ א ל (1437–1508). די געשיכטע פֿון דער משפּחה אַברבנאל סימבאָליזירט די געשיכטע פֿון דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שחיטה אין סעוויליע פֿון יאָר 1391 און האָט זיך געענדיקט מיטן גירוש פֿון 1492. סעוויליע איז געווען די היימשטאָט פֿון דער דאָזיקער משפּחה. דאָרט האָט איבערגעלעבט די ערשטע קאַטאַסטראָפֿע ר׳ יצחקס זיידע, דער שׂר דער נדיבֿ שמואל אַברבנאל, וואָס איז אונטערן מעסער פֿון די פֿאַנאַטיקער געווען געצוווּנגען אָנצונעמען קריסטנטום אונטערן נאָמען כואַן דע סעוויליאַ (§ 37), און שפּעטער איז ער אַנטלאָפֿן קיין ליסאַבאָן און האָט זיך אומגעקערט צו ייִדישקייט.

זײַן זון, יהודה אַברבנאל, איז געוואָרן אַ פֿינאַנץ-אַגענט בײַם פּאָרטוגעזישן הויף און האָט איבערגעגעבן דעם דאָזיקן פּאָסטן זײַן זון יצחק, וואָס איז אַגבֿ געווען ראוי פֿאַר אַ בעסערער שטעלע, ווי די שטעלע פֿון אַ הויפֿישן פֿינאַנסיסט. אַ מענטש מיט גרויסע ידיעות אין טעאָלאָגיע, פֿילאָסאָפֿיע און נאַטור-וויסנשאַפֿט, האָט ר׳ יצחק אַברבנאל יונגערהייט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעוויקלט ערשט בײַם סוף פֿון זײַן לעבן. אָבער צווישן דעם אָנהייב און דעם סוף פֿון אָט דער גײַסטיקער טעטיקייט איז דורכגעגאַנגען אַ שטיק וועלטלעך לעבן אין קרײַז פֿון דער העכסטער ליסאַבאָנער געזעלשאַפֿט. אַלפֿאָנסאָ V האָט אַברבנאלן באַשטימט פֿאַרן שאַצמײַסטער פֿון דער מלוכה, און אין יענער צײַט האָט ער זיך דערנעענטערט צו אַ סך שׂרים און איז געווען אַ גוטער פֿרײַנד פֿון דעם הערצאָג דע בראַגאַנצאַ, דעם קיניגס אַ קרובֿ. ער האָט אַליין שפּעטער, נאָך די צרות וואָס האָבן אים געטראָפֿן דערציילט וועגן אָט די יאָרן פֿון זײַן לעבן (אַן ערך 1465–81): „רויִק האָב איך געלעבט אין מײַן הויז, פֿול מיט אוצרות פֿון מײַנע אָבֿות, אין דער באַרימטער שטאָט ליסאַבאָן, דער מוטער פֿון די פּאָרטוגעזישע שטעט. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט עשירות, מיט כּבֿוד און מיט אַלע פֿריידן פֿון אַ מענטשלעכן לעבן. מײַן הויז איז געווען אַ זאַמלאָרט פֿאַר געלערנטע, דאָרט האָט מען זיך מתוכּח געווען וועגן ביכער און שרײַבערס, וועגן עלעגאַנטן געשמאַק, וועגן וויסן און גאָטספֿאָרכטיקייט. איך האָב מיט הצלחה געאַרבעט אין הויף פֿון דעם קיניג דאָן אַלפֿאָנסאָ, אַ גערעכטן רעגירער, וואָס אונטער אים האָבן ייִדן געלעבט פֿרײַ און זיכער".

נאָר מיטן טויט פֿון אַלפֿאָנסאָ V האָט אַבּרבּנאַלס פּערזענלעך ווילזײַן זיך געענדיקט. דער נײַער קיניג יאָאַן II (1481—95), אַן אַכזריותדיקער דעספּאָט, האָט באַשולדיקט דעם הערצאָג דע בראַגאַנצאַ אין אַ פֿאַרשווערונג און אין בוגדישער פֿאַרבינדונג מיט די מושלים פֿון קאַסטיליע. דער הערצאָג איז געוואָרן באַשטראָפֿט מיט טויט, און דער זעלביקער סוף האָט געוואַרט זײַנע קרובֿים און גוטע פֿרײַנד, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פֿאַר אָנטייל־נעמערס אין דער פֿאַרשווערונג. זיי אַלע זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון ליסאַבאָן. צווישן די אַנטלאָפֿענע איז געווען אויך ר׳ יצחק אַבּרבּנאַל, וואָס זײַנע פֿרײַנד האָבן אים מתרה געווען וועגן דער סכּנה אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט גיין אין דעם קיניגס רעזידענץ לויט זײַן פֿאַרבעטונג. ער איז בשתיקה אַריבער דעם פּאָרטוגעזישן גרענעץ און איז געקומען קיין קאַסטיליע. אַבּרבּנאַלס אַנטלויפֿן האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם קיניגס חשד קעגן אים, מען האָט אים נאָכגעיאָגט, אָבער ניט געכאַפּט. יאָאַן II האָט קאָנפֿיס־קירט זײַן גאַנץ אייגנס. אין יאָר 1483 האָט אַבּרבּנאַל זיך באַזעצט אין טאָלעדאָ, און דאָ איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן דעם לעצטן אַקט פֿון דער טראַגעדיע פֿון דעם שפּאַנישן ייִדנטום.

## § 54. דער אונטערגאַנג פֿון דער גײַסטיקער קולטור אין שפּאַניע

די אומרויִקע תּקופֿה פֿון די רדיפֿות אויף דער ייִדישקייט אין שפּאַניע האָט אַרויפֿגעלייגט איר חותם אויף דער ייִדישער קולטור. איר כאַראַקטעריס־טישער שטריך איז די שטרעבונג צו גײַסטיקן זעלבשוץ. אָפּצאַמען די יהדות ווי אַ רעליגיעזן אָדער פֿילאָסאָפֿישן וועלטקוק פֿון אַלע אַנדערע שיטות און פֿעסטשטעלן, אַז זי שטייט העכער פֿאַר זיי אַלע — דאָס איז געווען דער ציל, וואָס האָט באַגײַסטערט די ייִדישע דענקערס אין יענער תּקופֿה, ווען די גאַנצע וועלט האָט דערקלערט אַ מלחמה אויף טויט דעם „ייִדישן אומ־גלויבן". צו באַווײַזן, אַז די קריסטלעכע דאָגמעס זײַנען פֿאַלש, האָט אויס־געוויזן צו זײַן די וויכטיקסטע זאַך אין דער תּקופֿה פֿון איבערגעוואַלדיקע שמדן, ווען גײַסטער אָן דער געהעריקער פֿעסטקייט וואָלטן געקאָנט פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון די דאָזיקע דאָגמעס און וועדן פֿון געצוווּנגענע קריסטן פֿון אייגענעם ווילן. רעליגיעזע אַפּאָלאָגיע און פּאָלעמיק פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ליטעראַטור פֿון דער ערשטער העלפֿט 15טן י״ה. די דאָזיקע פּאָלעמישע ליטעראַטור איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון לעבן גופֿא, ווו רעליגיעזע וויכּוחים זײַנען געשטאַנען אויפֿן סדר־היום, און פֿון דעם אויסגאַנג פֿון דעם וויכּוח אין טאָרטאָזע, וואָס האָט געדויערט צוויי־

www.libtool.com.cn

יאָר, איז אין פֿלוק געווען געווענדט דער גורל פֿון פֿאָלק. אוודאי געשריבן האָט מען דרייסטער, ווי מען האָט גערעדט אויף די וויכּוחים. יענע פֿרײַע קריטיק פֿון קריסטנטום, וואָס אין די וויכּוחים בעל-פּה מיט די קירכלעכע טעראָריסטן איז זי ניט געווען מיגלעך, האָט געפֿונען אַן אָרט אין דער שריפֿטלעכער פּאָלעמיק. מחברים פֿון אַזעלכע ווערק זײַנען אַ מאָל מענטשן, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט די שרעק פֿון רעליגיעזן צוואַנג.

אַזעלכער איז געווען דער פֿילאָסאָף און מדקדק ר׳ יצחק בן משה הלוי, וואָס איז מער באַוווסט אונטער זײַן שפּאַנישן נאָמען פּראָפֿיאַט דוראַן אָדער אונטער זײַן ליטעראַרישן נאָמען אפֿודי. די גזרה פֿון יאָר 1391 האָט אים געטראָפֿן אין קאַטאַלאָניע, און ער האָט לפּנים ווענן זיך געלאָזט שמדן. צוזאַמען מיט אים האָט זיך געשמדט זײַן גוטער פֿרײַנד דוד באָנעט בוענגיאָרנאָ. די חבֿרים האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז ווי נאָר די סכּנה וועט אַריבער, וועלן זיי צוזאַמען אַוועקפֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל און דאָרט „וועלן זיי זיך אומקערן צו זייער פֿאָלק". פּראָפֿיאַט דוראַן איז טאַקע אַריבערגעפֿאָרן אין איינעם פֿון די ים-שטעט פֿון דרום-פֿראַנקרײַך און האָט דאָרט געוואַרט אויף זײַן חבֿר, בכדי צו לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. נאָך וואַרטן אַ צײַט לאַנג איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון באָנעטן, אַז אונטער דער השפּעה פֿון דעם משומד פּאַוולאָ פֿון בורגאָס האָט ער באַשלאָסן צו בלײַבן אין דער קאַטוילישער אמונה און האָט געעצהט זײַן חבֿר, ער זאָל אויך טון דאָס זעלביקע. דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט דוראַנען אין כּעס און ער האָט דעם משומד געענטפֿערט מיט אַ בריוו פֿול מיט שטעכווערטער און חוזק, וווּ איטלעכע פֿראַזע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אל תּהי כּאבֿותיך" („זאָלסט ניט זײַן ווי דײַנע אָבֿות!"). „זאָלסט ניט זײַן ווי דײַנע אָבֿות – האָט ער געשריבן איראָניש, – וואָס האָבן געגלייבט אין דער פּשוטער אַחדות פֿון בורא, האָבן אָפּגענומען בײַ אים דעם אַטריבוט פֿון פֿילקייט און האָבן אויסגעטײַטשט פּשוט כּמשמעו דעם פּסוק „שמע ישׂראל ה׳ אחד". ניין, דו גלייב בעסער, אַז גאָט איז אי אייניציק אי דרײַיִק, אַז דרײַ איז גלײַך איינס און איינס איז גלײַך דרײַ, – אַן אמת וואָס דאָס מויל קאָן אים ניט אַרויסברענגען און דער געהער קאָן אים ניט תּופֿס זײַן. זײַ ניט ווי דײַנע אָבֿות, וואָס האָבן געגלייבט, אַז די טבֿע פֿון גאָט בײַט זיך ניט, און האָבן בײַ אים אָפּגענומען אַלע תּכונות פֿון גשמיות, אָננעמענדיק אין זייערע חקירות, אַז גאָט איז דער אַבסאָלוטער און לויטערער שׂכל. דו ווידער נעם בײַ אים ניט צו די גשמיותדיקייט און קערפּערלעכקייט, נאָר גלייב, אַז ער האָט אָנגענומען לײַב, און זײַן בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן אויף אויסצולייזן די מענטשן. ער איז אויסגעשטאַנען די יסורים פֿון טויט, כּדי צו באַפֿרײַען דיך פֿון ווייטאָג און יסורים, וואָרעם קיין אַנדער וועג האָט זײַן חכמה ניט געפֿונען צוליב

www.libtool.com.cn

דײַן גאולה. גלייב, אַז ער איז פֿאַרקערפּערט געוואָרן איז מוטערלײַב פֿון אַ בתולה, וואָס וועגן דעם איז שוין געגעבן געוואָרן אַ מופֿת דעם קליינ־גלייביקן מלך [אָחזן] מיט פֿינף הונדערט יאָר פֿריִער" (ישעיה ז׳ 14). ווײַטער רעדט דער מחבר אײַן זײַן חבֿר צו גלייבן, אַז אין דעם קירכן־ברויט איז פֿאַראַן קריסטוסעס קערפּער, און לערנט אים, ווי אַזוי צו פֿאַבריצירן מופֿת־דיקע געביין: „גיי אַראָפּ אין טאָל, קלײַב דאָרט צונויף מענטשישע ביינער, און זיי וועלן דיר ווײַזן פֿאַרשיידענע נסים". דער בריוו ענדיקט זיך מיט אַן איראָנישן ווונטש: „דער משיח ישו זאָל זײַן לײַטזעליק צו דיר; ער, און ניט קיין אַנדערער, זאָל דיר געבן שלום און ברכה!"

פּראָפֿיאַט דוראַנס בריוו איז געוואָרן פֿאַרשפּרייט אין אָפּשריפֿטן און ער האָט צו ערשט אַרײַנגעפֿירט אין טעות די קאַטוילישע צענזאָרן: זיי האָבן ניט באַמערקט דעם פֿאַרמאַסקירטן שפּאָט און האָבן דעם מחבר צוגערעכנט צו יענע געשמדטע ייִדן, וואָס האָבן דעמאָלט ניט זעלטן צוגערעדט זייערע געוועזענע גלויבנס־ברידער נאָכצוטון זיי. ווי באַלד אָבער די גלחים האָבן אײַנגעזען זייער טעות, האָבן זיי געהייסן פֿאַרברענען די אָפּשריפֿטן פֿון דעם „גאָטלעסטערישן" בריוו. אַן ערנצטע אַנטיקריסטלעכע פּאָלעמיק האָט פּראָפֿיאַט דוראַן געפֿירט אין אַ צווייטן ווערק זײַנעם „כּלימת הגוים" (די שאַנד פֿון די גויים), וואָס ער האָט אָנגעשריבן לויטן פֿאַרשלאָג פֿון דעם פֿילאָסאָף חסדאי קרשקש. דאָרט האָט ער באַוויזן דעם היסטאָרישן טעזיס, אַז ישו האָט זיך גאָר ניט אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ גאָט, און נאָר די שפּעטערדיקע קירכן־לערערס האָבן אים דעקלאַרירט פֿאַר אַ גאָט.

לויט זײַן קוק אויף דער וועלט איז דוראַן געווען נאָענט צו דער שיטה פֿון די ראַציאָנאַליסטן, און אונטערן נאָמען „אפֿודי" האָט ער מחבר געווען אַ פֿײַנעם פּירוש צום רמבמס „מורה נבֿוכים". ער האָט אויך געשריבן ווערק וועגן דקדוק און וועגן קבֿיעת־החודש און אויך אַ היסטאָרישע כראָניק וועגן די רדיפֿות אויף ייִדן און פֿאַרשיידענע לענדער. צום גרויסן שאָדן פֿאַר דער היסטאָריאָגראַפֿיע איז אָט די כראָניק ניט דערגאַנגען צו אונדז.

די אָפּווענדונג פֿון קריסטנטום איז געווען די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון די אייגנאַרטיקע פּובליציסטן פֿון יענער צײַט. מען האָט געשריבן ספֿרים אונטער קריגערישע טיטלען „קשת ומגן" („בויגן און שילד"), „מגן ורומח" („שילד און שפּיז"), דאָס הייסט פֿאַרטיידיקונג און אָנפֿאַל, אַפּאָלאָגיע און פּאָלעמיק. אײנס פֿון אַזעלכע ווערק האָט אָנגעשריבן דער גדול הדור רבי שמעון בן צמח דוראַן, וואָס איז מפֿורסם אונטערן נאָמען רשב״ץ (געשט׳ 1444). ער האָט אויך געליטן פֿון דער גזירה פֿון 1391 און האָט געמוזט עוקר זײַן פֿון דער פּאָגראָמירטער שטאָט פּאַלמאַ אויפֿן אינדזל מאַיאָרקאַ. ער האָט געפֿונען אַ מקום־מקלט אין אַלזשיר, וווּ ער איז געוואָרן דער הויפּט־רבֿ פֿון די

www.libtool.com.cn

יִדישע קהילות נאָכן טויט פֿון זײַן רבין ר׳ יצחק בר ששת (§ 38). אין זײַן
גרויסן טעאָלאָגישן חיבור „מגן אָבֿות“ גיט ער אָפּ אַ באַזונדערן קאַפּיטל אויף
דער קריטיק פֿון די עוואַנגעליעס און די אַפּאָסטאָלישע בריוו (אונטערן טיטל
„קשת ומגן“). דער רשב״ץ ווײַזט אָן די סתירה צווישן ישוס לערע, וואָס האָט
דערקלערט, אַז ער וויל „מקיים זײַן די תורה“, און צווישן דער שיטה פֿון
דעם אַפּאָסטאָל פּוילוס, אַז די תורה ווערט בטל. ער ווײַזט אַרויס אַ גרויסן
היסטאָרישן חוש, ווען ער רופֿט אָן יוחנן המטביל אַ „חסיד שוטה“, וואָס האָט
די פּרישות פֿון די אַסיִים דערפֿירט ביז צום עקסטרעם. אין דער באַרג-
דרשה געפֿינט רשב״ץ נאָר אַ גוזמאדיקע פֿרומקייט, אַ שטרעבונג צו „בויען
אַ צאַם אַרום דער תורה“ אויפֿן געביט פֿון מאָראַל. רויִק, אָן בייזקייט
צעשטערט דער מחבר די עוואַנגעלישע לעגענדע און ווײַזט אויף, ווי פֿאַלש
עס זײַנען אין דער ברית-חדשה אויסגעטײַטשט די פסוקים פֿון תנך; באַזונ-
דערס פּאָלעמיזירט ער מיט דעם באַשעפֿער פֿון דער לאַטײַנישער ביבל, דעם
הל׳ היעראָנימוס.

קעגן די רכילותדיקע חיבורים פֿון די משומדים, אַ שטייגער ווי פּאַוולאָ
פֿון בורגאָס און גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ-פֿע איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ חיבור
„מגן ורומח“ דער דאָקטער חיים אבן מוסה פֿון סאַלאַמאַנקע (געשט׳ אַרום
1460). ער האָט אָפֿט געפֿירט וויכּוחים בעל-פּה מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן און
איז געווען אַ מושלם אין דער קונסט צו פּאָלעמיזירן. „איין מאָל — דער-
ציילט ער — האָב איך זיך מתווכּח געווען מיט אַ קריסטלעכן מלומד אין דעם
הויז פֿון דעם שׂר, וואָס בײַ אים בין איך געווען [ווי אַ דאָקטאָר]. האָט דער
מלומד געזאָגט צום שׂר: ‚צי איז דיר באַוווסט, מײַן האַר, אַז יִדן האָבן נאָר
איין בוך וועגן טעאָלאָגיע — דעם „מורה נבֿוכים“, בעת ווען מיר פֿאַרמאָגן
אַזוי פֿיל טעאָלאָגישע ביכער, אַז דער גאַנצער פּאַלאַץ וואָלט זיי ניט געקאָנט
אַרײַננעמען?‘ איך האָב געשוויגן, נאָר מײַן בעל-הבית האָט געבעטן, אַז איך
זאָל ענטפֿערן. דעמאָלט האָב איך געזאָגט: ‚יִדן באַדאַרפֿן ניט האָבן אַזוי
פֿיל ביכער, פֿאַר זיי איז גענוג איין בלאַט, וואָס אויף דעם זאָלן זיך קאָנען
אויסשטעלן די דרײַצן פּשוטע עיקרים פֿון אונדזער אמונה, וואָס זײַנען אין
הסכּם מיטן שׂכל; בײַ אײַך אָבער וועלן ניט קלעקן קיין ביכער, בכדי אַרײַנ-
צוקלאַפּן אין קאָפּ פֿון אַ מענטשן וואָס טראַכט אַזעלכע אידעען, ווי למשל:
אַז בכדי מכפּר צו זײַן אָדם הראשונס חטא האָט גאָט ניט געקאָנט צוקלערן
קיין בעסערן מיטל, חוץ זײַן אייגענעם טויט [אין ישוס פּערזאָן]; אַז ער האָט
זיך פֿאַרקערפּערט אין מוטערלײַב פֿון אַ בתולה, איז אויסגעשטאַנען עוולות
און פּײַן און איז סוף-כּל-סוף געשטאָרבן [בכדי מבֿטל צו זײַן טויט אויף דער
ערד], בעת ווען מענטשן שטאַרבן נאָך אַלץ זינדיקע און קומען אַרײַן אין
גיהנום‘. מײַן בעל-הבית איז געווען געפּלעפֿט פֿון דעם וואָס ער האָט געהערט

www.libtool.com.cn

און האָט אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן מער זיך ניט מתוודה זײַן אין זײַן בײַזײַן, בכדי ניט אַרײַנצוברענגען קיין ספֿקות אין זײַן גײַסט. און מיר זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן"... אַזוי האָבן מענטשן זיך אויפֿגערעגט דעמאָלט פֿון אָט די דאָגמאַטישע פֿראַגעס, וואָס פֿון זייערט וועגן פֿלעגן ענטפֿער געטייט ווערן די גופֿים, אָדער דערשטיקט ווערן די נשמות פֿון קרבנות פֿון רעליגיעזן צוואַנג.

עס זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט אַ סך מעשׂיות וועגן אַזעלכע וויכּוחים, אמתע אָדער אויסגעקלערטע, ווי ייִדן האָבן געגעבן טרעפֿיקע תּשובֿות זייערע געגענערס. אַ סך סיפּורים אַזעלכע זײַנען צונויפֿגעקליבן אין אבן ווירגאַס כראָניק „שבֿט יהודה", וואָס שטאַמט פֿון יענער צײַט. צווישן אַנדערע זאַכן איז דאָרט פֿאַרצייכנט אַן אַפֿאָריזם, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם קוק אויף די מאַראַנען: „אין דרײַ פֿאַלן גייט וואַסער פֿאַרלאָרן אָן נוצן: דאָס טויפֿוואַסער אויף אַ ייִדן, דאָס וואַסער פֿון טײַך אין ים און וואַסער אין ווײַן".

אַזאַ צײַט, ווען אַרום די רעליגיעזע דאָגמעס האָבן געפֿלאַקערט די לײַדנשאַפֿטן פֿון די גערודפֿטע און די רודפֿים, איז ניט געווען מסוגל פֿאַר אינעווייניקסטער קריטיק, פֿאַר אויספֿאָרשן די אייגענע גלייבונגען. דער אויבן דערמאָנטער חיים אבן מוסה דערציילט אַזאַ פֿאַל. איינער אַ דרשן אַ „מתפֿלסף" האָט אין זײַן דרשה אין שול וועגן דער איינציקייט פֿון גאָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די פֿראַזע: „אויב גאָט וואָלט ניט געווען קיין איינציקער, וואָלט מען געקאָנט דרינגען..." דערויף האָט איינער אַ צוהערער זיך אָפּגערופֿן מיט כּעס: „בעת דער גזרה אין סעוויליע האָט מען מיך צעשלאָגן, צעוווּנדיקט און געלאָזן ליגן, מחמת מען האָט געמיינט, אַז איך בין שוין טויט – און דאָס אַלץ בין איך אָפּגעקומען פֿון וועגן דעם אמת ,שמע ישׂראל ה' אחד'. און איצט קומסטו און פֿילאָסאָפֿירסט: ,אויב גאָט וואָלט ניט געווען איינער, וואָלט געווען דאָס און דאָס!' ניין, גלײַכער וועל איך שוין בלײַבן בײַם פּשוטן גלויבן פֿון מײַנע אָבֿות". דער פּראָטעסטירנדיקער איז אַרויס פֿון שול און מיט אים איז אַוועק אַ גרויסער טייל פֿון עולם. אַוודאַי איז געווען שווער פֿרײַ צו חקירהן זיך וועגן די יסודות פֿון ייִדישקייט אין שול, בעת עס האָבן אַהין געקאָנט זיך אַרײַנרײַסן די פֿאַנאַטישע באַנדעס פֿון אַ מאַרטינעסן אָדער פֿערערן מיטן געשריי: שמד אָדער טויט!

בײַ אַזעלכע תּנאים האָט געקאָנט עקסיסטירן נאָר אַזאַ פֿילאָסאָפֿיע, וואָס האָט באַפֿעסטיקט דעם גלויבן דורך היסטאָרישע און עמאָציאָנעלע, און ניט דורך ראַציאָנאַליסטישע סבֿרות. אַזאַ סיסטעם פֿון רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע האָט אויסגעבויט ר' יוסף אַלבו (אַן ערך 1380–1440), דער אויבן דערמאָנטער אָנטייל־נעמער אין דעם וויכּוח פֿון טאָרטאָזע און עד־ראיה פֿון דעם טעראָר פֿון וויסענטע פֿערער אין אַראַגאָניע. אַ תּלמיד פֿון דעם קאָנסערוואַטיוון דענקער חסדאי קרשקש, האָט ער אין זײַן ספֿר „עקרים" (וועגן די

www.hbtool.com.cn

גרונט=דאָגמעס פֿון דער יהדות) אַנטוויקלט אין אַ פֿאַראײנפֿאַכטער געשטאַלט זײַן רבינס שיטה. אַלבו שטעלט זיך אַ ציל פֿון נאַציאָנאַלער אַפּאָלאָגעטיק: ער שטרעבט צו באַווײַזן, אַז לא די וואָס די געטלעכע התגלות שטייט העכער פֿאַרן ראַציאָנאַליזם, נאָר אַז די דאָגמעס פֿון דער יהדות שטייען העכער פֿאַר דער דאָגמאַטיק פֿון אַנדערע רעליגיעס. ניט אָפּפֿרעגנדיק דירעקט די קריסט=לעכע דאָגמאַטיק, זאָגט ער זיך אַרויס קעגן איר אומדירעקט, דורך דער פּרעציזער דעפֿיניציע פֿון די „וואָרצלען און צווײַגן" פֿון ייִדישקייט. אַלבו האַלט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן דרײַ „פּרימערע וואָרצלען" (עיקרים) פֿון איטלעכער רעליגיע: 1) די עקסיסטענץ פֿון גאָט, 2) די התגלות, ד"ה דאָס וואָס די הויפּט=מצוות שטאַמען פֿון גאָט אַליין, 3) שׂכר ועונש אויף יענער וועלט. נאָר ניט אַלע רעליגיעס, וואָס נעמען אָן אָט די דרײַ אַלגעמיינע אמתן, מעגן גערעכנט ווערן פֿאַר ריכטיק. ריכטיק איז נאָר יענע רעליגיע, וואָס נעמט אָן חוץ אָט די „פּרימערע וואָרצלען" אויך די „סעקונדערע וואָרצ=לען" (שרשים) און די „צווײַגן" (ענפֿים), וואָס גייען פֿון זיי אַרויס. למשל, דער פּרימערער וואָרצל שטעלט פֿעסט די עקסיסטענץ פֿון גאָט, אָבער ניט די באַזונדערקייטן פֿון אָט דער עקסיסטענץ, וואָס ווערט באַשטימט שוין דורך די סעקונדערע וואָרצלען, הײַנו: די אַבסאָלוטע איינציקייט פֿון גאָט, אַז ער איז ניט קיין קערפּער, אַז ער איז ניט אין דער צײַט (דורך דעם ווערט אָפּגעלייקנט די דאָגמע פֿון דער דרײַאייניקייט, פֿון דער פֿאַר=קערפּערונג, אאַז"וו). דער צווייטער אַלגעמיינער עיקר, די דאָגמע פֿון דער התגלות, ווערט אַ באַשטימטער אמת, נאָר ווען מען גלייבט, אַז משה רבנו און די אַנדערע נביאים פֿון ישׂראל זײַנען געווען די איינציקע פֿאַרמיטלערס צווישן גאָט און די מענטשן. אַלע פּראַקטישע חוקים און מצוות פֿון ייִדישקייט זײַנען נאָר די „צווײַגן", וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון אָט די וואָרצלען. דער ציל פֿון דער רעליגיע איז ניט אַזוי אין דערקענען גאָט, ווי אין טון מעשׂים טובים. דורך אָפּהיטן די מצוות ווערט דעם גלייביקן געגעבן אַ דער=ציִונג בפּועל, וואָס ווירקט שטאַרקער ווי די געהויבענע חקירות פֿון די פֿילאָ=סאָפֿן. נאָר בײַ גאָר זײַן קאָנסערוואַטיזם האָט אַלבו אַרויסגעזאָגט איין דרייסטן געדאַנק, הײַנו, אַז דער גלויבן אין משיחס קומען איז ניט קיין עיקר=דאָגמע פֿון דער ייִדישער אמונה, נײַערט נאָר אַ נאַציאָנאַל=היסטאָרישע טראַדיציע. ער האָט משמעות דורך דעם געוואָלט אָפּשוואַכן די פּאָזיציע פֿון די קירכלעכע טעאָלאָגן, וואָס האָבן די פֿראַגע וועגן משיחן אַוועקגע=שטעלט אין צענטער פֿון דעם טאָרטאָזער וויכּוח, און האָט געוואָלט אויפֿווײַזן, אַז דער ייִדישער משיחיזם, וואָס איז אַ פּאָליטישער סימבאָל, געהער ניט צו די „שרשים" פֿון דער רעליגיע. שפּעטערדיקע טעאָלאָגן (למשל אַברבנאל) האָבן ניט גענומען אין אַכט אָט די באַהאַלטענע כּוונה אַלבוס און האָבן

צו אים געהאַט טענות, פֿאַר וואָס ער האָט מבטל געווען די דאָגמע וועגן משיחן, וואָס האַלט אונטער דעם גײַסט פֿון פֿאָלק אין גלות.

בײַ דעם אָפּגאַנג פֿון דער ייִדישער קולטור אין שפּאַניע האָבן נאָך אַן אַנדערש מאָל אויפֿגעפֿלאַקערט בליצן פֿון דער אַמאָליקער שׂרפֿה – דער מחלוקת פֿאַר און קעגן דעם רמבמס שיטה, דעם יסוד פֿון דער פֿילאָסאָפֿישער טעאָלאָגיע. אין איין משפּחה פֿון שרײַבערס פֿון 15טן י״ה האָבן די פֿאָר־שטייערס פֿון דרײַ דורות אַרויסגעוויזן אַ פֿאַרשיידענע באַציִונג צום רמבמס שיטה און צום ראַציאָנאַליזם בכלל. שם־טובֿ אבן שם־טובֿ, וואָס האָט איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391 (ער איז געשטאָרבן אַרום 1440), פֿאַרנעמט די עקסטרעם קאָנסערוואַטיווע פּאָזיציע: ווי אַ מקובל איז ער לחלוטין אַ געגנער פֿון יעדער פֿרײַער פֿילאָסאָפֿישער פֿאָרשונג, ער פֿאַלט אָן אויפֿן אבן־עזרא, אויפֿן רמבם, אויפֿן רלב״ג און לייגט אַרויף אויף די פֿילאָסאָפֿן די שולד פֿאַר די מאַסן־שמדן אין יענער צײַט. „אין אַלע צײַטן – זאָגט ער אין זײַן ספר „אמונות" – זײַנען אַוועק פֿון זייער אמונה גראָד יענע, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פֿאָרשן זי. עס איז קיין ספק ניט, אַז בעת עס האָבן אונדז געטראָפֿן די איצטיקע צרות, האָבן אונדזערע קהילות זיך געשמדט דערפֿאַר, ווײַל די סאָפֿיסטן און די מתחכמים האָבן שוין פֿריִער געהאַט צעטרייסלט אונדזער געצעלט און צעשטערט דעם צאַם אַרום אים, און נאָך זיי זײַנען נאָכגעגאַנגען מענטשן פֿון פֿאָלק". אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט איז געשטאַנען אָט דעם מקובלס זון יוסף בן שם־טובֿ (אַן ערך 1400–1460), דער מחבר פֿון דעם ספר „כבֿוד אלהים" און פֿון אַנדערע חיבורים. ער האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן מאַכן שלום צווישן דער פֿילאָסאָפֿיע און דעם גלויבן, הגם ער האָט ניט געהאָפֿט, אַז מען קאָן זיי צונויפֿשמעלצן אין איינעם, ווי דער רמבם האָט געוואָלט. אַזאַ פֿרומקייט, וואָס ווערט דערגרייכט דורך פֿילאָסאָפֿישער חקירה, שטייט העכער פֿאַר פֿרומקייט אָן וויסן, וואָס קאָן דעם מענטשן פֿאַרפֿירן אין זומפּ פֿון אָבערגלויבן, אָבער אין אַזעלכע פֿאַלן, ווען דער שׂכל שטימט ניט מיט דער טראַדיציע, מוז ער אָפּטרעטן, וואָרעם די העכסטע מאָס פֿון אמת איז די תּורה. דערין דערנעענטערט זיך יוסף בן שם־טובֿ צו דער שיטה פֿון קרשקש און פֿון אַלבו. זײַן זון ווידער, שם־טובֿ בן יוסף (געשטאָרבן אין יאָר 1489), שטייט נעענטער צו די ריינע מײַמוניסטן. ער האָט געשריבן פֿילאָסאָפֿישע פּירושים צו די ווערק פֿון אַריסטו און אבן ראָשד, נאָר זײַן הויפּטווערק איז אַ גרויסער פּירוש צום „מורה נבֿוכים". ער טײַטשט אין די אידעען פֿון זײַן רבין אַזוי, אַז זיי קומען אויס געוויינטלעך אין הסכּם מיט די טראַדיציעס פֿון ייִדישקייט, און טראָגט אַרײַן תּיקונים אין דעם רמבמס שיטה, דאָרט ווו ער טרעט אָפּ צו פֿיל אין דער זײַט פֿון דעם אַריסטאָטעליזם.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

די דאָזיקע פּשרה־טענדענצן פֿון דער תּקופֿה פֿון דער רעסטאַוראַציע ווערן צום סוף פֿון 15טן י"ה ווידער פֿאַרביטערט דורך קעמפֿערישע טענדענצן, ווען עס ווערט ערגער דער אויסוויי־ניקסטער מצבֿ פֿון די שפּאַנישע ייִדן, ערבֿ דער תּקופֿה פֿון דער אינקוויזיציע און פֿון דעם גירוש. רבי יצחק עראַמה, אַ רבֿ אַ דרשן, וואָס האָט איבערגעלעבט די דאָזיקע גזרות אין אַראַגאָניע (ער איז געשטאָרבן נאָכן גירוש אין נעאַפּאָל אין יאָר 1494), פֿאַלט אָן שטרענג אויף דער פֿילאָסאָפֿישער פֿרײַדענקערײַ אין זײַן ספֿר „חזות קשה". עראַמה זאָגט, אַז די רעליגיע און די פֿילאָסאָפֿיע זײַנען געגליכן צו דער מוטער שׂרה און צו איר שפֿחה הגר: צו ערשט האָט די רעליגיע גערופֿן די פֿילאָסאָפֿיע צו הילף מיט דער האָפֿענונג דורך איר צו האָבן קינדער, אָבער ווען די פֿילאָסאָפֿיע וואָס האָט אָנגעהאַט אַ סך קינדער איז געוואָרן גרויס בײַ זיך און געגומען מבֿטל זײַן איר האַרינטע, האָט מען איר געהייסן גיין. דאָס קומט אויס ווי דער מיטלעלטערישער טעזיס: די פֿילאָסאָפֿיע מוז זײַן די שפֿחה פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע. עראַמה גופֿא האָט אין זײַנע פֿיל דרשות אויף פּסוקים פֿון דער תּורה (די פּאָפּולערע זאַמלונג „עקדת יצחק") נאָך באַנוצט דעם פֿילאָסאָפֿישן מעטאָד צו באַווײַזן די אמתן פֿון דער תּורה, אָבער ער איז קעגן יעטווידער קריטיק פֿון די רעליגיעזע טראַדיציעס.

די קאָנסערוואַטיווע שול פֿון דענקערס פֿאַרענדיקט דער לעצטער שרײַבער און מלוכה־טוער פֿון דער ייִדישער שפּאַניע, דון יצחק אַברבנאל, וואָס אים איז געווען באַשערט צו שטיין בראָש פֿון די פֿאַרטריבענע. אַברבנאל האָט מיט אַ באַזונדער ברען פֿאַרטיידיקט די היסטאָרישע יסודות פֿון ייִדישקייט. נאָך יונגערהייט האָט ער געפֿלאָכטן אַ „קרוין פֿאַר די זקנים" אין דעם ספֿר „עטרת זקנים", ווו ער האָט אַרומגערעדט די פֿראַגע, צי דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַ באַזונדער עובֿדא אויף דער וועלט. די מלוכה־ענינים האָבן אַברבנאלן געשטערט צו פֿאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור, כּל־זמן ער איז געווען בײַם פּאָרטוגעזישן הויף. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין קאַסטיליע, האָט ער זיך גענומען פֿאַר זײַן הויפּטווערק, וואָס איז דער גרעסטער פֿון די פּירושים אויף דער תּורה (1483–1484), וואָס איז פֿאַרענדיקט געוואָרן שוין נאָכן גירוש. [1] צו גלײַך האָט ער געמאַכט אַ פּירוש אויפֿן רמב"מס „מורה נבֿוכים", נאָר אַזוי אַז דער פּירוש ווערט אָפֿט אַ פּאָלעמיק מיטן מחבר. אַברבנאל איז באַזונדערס אַרויסגעטראָטן קעגן דעם רמב"מס טעאָריע פֿון דער נבֿואה, אַז זי איז אַ „צירוף פֿון שׂכל הפּועל" — לויט דער מיינונג פֿון דעם קריטיקער רײַסט דאָס אַראָפּ די קדושה פֿון גילוי־שכינה אין תּנך. דער נבֿיא שטייט העכער פֿאַרן פֿילאָסאָף, פּונקט ווי די געטלעכע התגלות איז העכער פֿאַר דעם מענטשנס חקירה, — דאָס איז

1 זע דעם ווײַטערדיקן באַנד פֿון אַט דער „געשיכטע".

www.libtool.com.cn

אַבּרבּנאַלס גרונט-אידעע, וואָס פֿאַרבינדט אים מיט די אָרטאָדאָקסאַלע דענקערס פֿון דער שולע פֿון דעם רמבן און קרשקש. בנוגע דעם רמבם איז אַבּרבּנאַל נאָך אײַנגעהאַלטן, מחמת ער האַלט פֿון זײַן גרויסקייט, אָבער גאָר שאַרף טרעט ער אַרויס קעגן אַזעלכע עקסטרעמע פֿאָרשטייערס פֿון דעם ראַציאָנאַליזם ווי רלב״ג און נרבוני: זיי וואַרפֿט ער פּשוט אויף אַפּיקורסות און רופֿט זיי אָן „פֿאַלשע מנהיגים״.

די פֿאַרשטאַרקטע אַנטי-ראַציאָנאַליסטישע שטרעמונג האָט ווידער אַרויסגערופֿן אויף דער סצענע דעם שאָטן פֿון דער ק ב ל ה, וואָס האָט אין אָנהייב 13טן י״ה באַשאַפֿן איר הייליקן ספֿר הזוהר, און איז דערנאָך אויף אַ צײַט אַראָפּ פֿון דעם ליטעראַרישן האָריזאָנט. נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1391 האָט זיך באַוויזן אויבן דער דערמאָנטער מקובל אבן שם-טוב דער עלטערער, וואָס האָט אין זײַן ספֿר „אמונות״ אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם רמבמס „חכמה יונית״ „די אמתע תורת הקבלה, וואָס איז איבערגעענטפֿערט געוואָרן פֿון דור צו דור און איז די איינציקע הצלה פֿון ישׂראל״. צו דער זעלביקער פּראָבלעם איז צוגעגאַנגען פֿון אַ צווייטער זײַט שם-טובֿס סודותדיקער בן-דור, דער מיסטיקער ר׳ מ ש ה ב ו ט ר י ל. אין זײַן פּירוש צו דעם פֿאַרצײַטיקן „ספֿר יצירה״ האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם פּאַראַדאָקסאַלן געדאַנק, אַז „די פֿילאָסאָפֿיע איז פֿאַרבונדן מיט דער קבלה ווי דער פֿלאַם מיטן קויל״, און וואָרנט, אַז „אין דעם מיסטישן פּרדס טאָר ניט אַריבערטרעטן אַזעלכער, וואָס האָט פֿריִער ניט געשטודירט פֿילאָסאָפֿיע״. דער דאָזיקער מקובל האָט באַשײַמפּערלעך צונויפֿגעמישט פֿילאָסאָפֿיע מיט טעאָסאָפֿיע. ער האָט דעם רמבם שלעכט פֿאַרשטאַנען, מחמת ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז אָט דער דענקער, וואָס איז געווען אַ שאַרפֿער געגנער פֿון מיסטיק, זאָל האָבן זיך געווענדט צו „שאלות חלום״, ד״ה צו מיסטישע השבעות, בכדי אַרויסצורופֿן וויזיעס אָדער התגלותן. אונטער דער ווירקונג פֿון די שרעקלעכע געשעענישן פֿון סוף 14טן און אָנהייב 15טן י״ה האָט בוטריל אויפֿגעהערט אונטערצושיידן צווישן מיסטיק און מיסטיפֿיקאַציע, האָט זיך באַטייליקט עפּעס אין אַן אַוואַנטורע מיט אַ פֿאַלשן משיח אין קאַסטיליע און האָט זיך געגרייט צו גיין אין וועג פֿון אַברהם אַבולעפֿיא (§ 18). זײַן סוף איז ניט באַוווּסט.

אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה האָבן משמעות זיך באַוויזן די צוויי סודותדיקע שריפֿטן, די אַפּאָקריפֿישע ספֿרי קבלה „הגנה״ און „הפליאה״, וואָס זייער מחבר האָט אויסבאַהאַלטן זײַן נאָמען אונטער אַלטע פּסעוודאָנימען. זײַנע מיסטישע אידעען האָט ער אַרויסגעגעבן ווי אַנטפּלעקונגען, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון אליהו הנביא און ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט, אַז משיח וועט קומען אין יאָר 1490, צוויי יאָר פֿאַר דער לעצטער קאַטאַסטראָפֿע

www.hbtool.com.cn

פון דעם שפּאַנישן ייִדנטום. אָריגינעל איז געווען דאָס, וואָס דער אַנאָנימער מיסטיקער האָט פּאָלעמיזירט ניט מיט די פילאָסאָפן, נאָר מיט די תּלמודיסטן: ער האָט געטאַדלט יענע וואָס לערנען די „תּורת הנגלה" מיט אירע אָן אַ שיעור הלכות מיט די פּירושים צו די הלכות און דרינגען ניט אַרײַן אין די „סודות התּורה". אָפּהיטן די מצוות ניט פאַרשטייענדיק די טיפע כּוונות וואָס שטעקן אין זיי האָט גאָר קיין באַטרעף ניט, און דעם שליסל צו די כּוונות גיט נאָר די קבלה. אין ביידע אַפּאָקריפן איז פאַראַן אַזאַ פרײַע קריטיק פון תּלמוד און פון דער רבנות, אַז עס קומט אויף אַ ספק, צי איז דאָס מיגלעך, אַז אַזעלכע אויסדרוקן זאָלן זיך געפינען אין אַ כּתבֿ־יד, וואָס שטאַמט פון 15טן י"ה. אויב זיי זײַנען פאַרט עכט, וועט מען מוזן משער זײַן, אַז שוין אין יענער צײַט איז אין די קרײַזן פון די מיסטיקער אויפגעקומען יענע אָפּאָזיציע קעגן דער רבנות און די לומדים, וואָס איז געוואָרן צײַטיק אין די מיסטישע באַוועגונגען פון די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, באַזונדערס אין דער חסידות. [1]

## § 55. פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, די אינקוויזיציע
(90–1480)

אַ נײַע ערע איז אָנגעשטאַנען פאַר שפּאַניע, ווען אַראַגאָניע האָט זיך פאַראייניקט מיט קאַסטיליע אין איין מלוכה, מחמת עס האָבן חתונה געהאַט די רעגירערס פון ביידע לענדער: דער קיניג פון אַראַגאָניע פערדינאַנד דער קאַטויל מיט איזאַבעלאַ, דער קרוין־יורשטע פון קאַסטיליע נאָכן טויט פון איר ברודער ענריקע IV (1474). זינט יענעם מאָמענט באַפעסטיקט זיך אין שפּאַניע אויף לאַנגע צײַטן יענער ענגער פאַרבונד פון דעם קלעריקאַליזם מיטן מאָנאַרכישן אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט געמאַכט דאָס לאַנד פון די דרײַ רעליגיעס פאַר אַ גיהנום אויף דער ווערלט פאַר די ניט־קריסטן. ניט צופרידן געשטעלט דורך דער פּאָליטישער פאַראייניקונג, שטרעבט די רעגירונג צו רעליגיעזער איינהייט, צו איבערגעוואַלדיקער צונויפשמעלצונג פון אַלע פעלקער פון דעם קיניגרײַך אונטערן דאַך פון דער קאַטוילישער קירך און צו דער פאַרטיליקונג פון יענע עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך ניט צונויפשמעלצן.

צו ערשט האָט דער שידוך פון דער יונגער און שטאַרק פרומער מלכּה מיט דעם אַראַגאָנישן פּרינץ, וואָס זײַן האַרטער כאַראַקטער האָט זיך אַרויס־געוויזן ערשט שפּעטער, ניט אַרויסגערופן קיין פּחד ניט בײַ די ייִדן ניט בײַ די מאַראַנען. ביידע גרופּעס זײַנען געווען צופרידן מיט אָט דעם פאַרבונד

1 דער ספר „הקנה" און ספר „הפליאה" זײַנען צו ערשט געוואָרן געדרוקט אין פּוילן פאַרנעם אין די חסידישע דרוקערײַען פון 18טן י"ה (קאָרעץ און פּאָריצק).

www.libtool.com.cn

פֿון די דינאַסטיעס, מחמת זיי האָבן גערעכנט, אַז אין דער פֿאַראייניקטער מלוכה וועט זייער מצבֿ ווערן בעסער. די מאַראַנען האָבן געהאָפֿט צו געפֿינען אַ באַשיצער אין פֿערדינאַנדן, וואָס איז געווען פֿערזענלעך באַפֿרײַנדט מיט אייניקע רײַכע מאַראַנישע משפּחות אין סאַראַגאָסע. איזאַבעלאַ איז אויך יונגערהייט געווען אַרומגערינגלט מיט שׂררות פֿון די נײַע קריסטן. אַבֿרהם סעניאָר פֿון סעגאָוויע, אַ מקורבֿ צום הויף פֿון ענריקע IV, דער אַרענדאַטאָר פֿון די קיניגלעכע הכנסות און שפּעטער אָפֿיציעלער רבֿ, האָט זיך באַטייליקט אין די לכתחילהדיקע שמועסן מכּוח דעם שידוך צווישן די צוויי דינאַסטיעס, מן הסתּם בנוגע די פֿינאַנצן. די גערודפֿטע האָט זיך דעמאָלט ניט געחלומט, אַז אָט דאָס נײַע קיניגלעכע פֿאָרפֿאָלק וועט אָפּשפּילן אַזאַ טרויעריקע ראָלע אין זייער גורל.

אויב ייִדן האָבן טאַקע געהאָפֿט אויף עפּעס בעסערס, האָבן זיי גאָר גיך געמוזט אײַנזען, אַז זיי האָבן זיך ביטער גענאַרט. די נײַע רעגירערס האָבן זיך גענומען גאָר אויף אַ גרונטיקן שטייגער צו פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע פֿראַגע, וואָס איז אין שפּאַניע באַשטאַנען פֿון צוויי טיילן: די פֿראַגע פֿון די ייִדן, וואָס די קירך האָט נאָך ניט באַוויזן זיי אײַנצונעמען דורכן טעראָר אין משך פֿון הונדערט יאָר, און די פֿראַגע פֿון די יודאַיִזירנדיקע, וואָס דער דאָזיקער טעראָר האָט אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך אַרײַן, און זיי האָבן זיך גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ דורך אָפּהיטן בשתּיקה די רעליגיע פֿון זייערע אָבֿות. אויפֿן ערשטן אָרט איז געשטאַנען די זאָרג וועגן די באַהאַלטענע ייִדן. מען האָט געמוזט אויסאַרבעטן מיטלען, ווי אַזוי אײַנצוהאַלטן איבער געוואַלד אין דער קירך די קינדסקינדער פֿון די אַנוסים אָדער „מאַראַנען“, וואָס זײַנען אַרײַן אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפֿט. די פֿריִערדיקע סיסטעם פֿון גאַסן־פּאָגראָמען, וואָס האָט געקאָנט זײַן, בעת די אייבערשטע מאַכט איז געווען שוואַך, האָט איצט ניט געפּאַסט, ווען די זעלבסטהערשערישע מאַכט אין דער פֿאַראייניקטער מלוכה האָט פֿאַרמאָגט אַלע מיטלען פֿון אַ לעגאַלן קאַמף קעגן די אָפּטריניקע. אויף אָנצוווענדן אָט די מיטלען האָט מען באַדאַרפֿט קריגן נאָר רשות פֿון רוים, פֿון דעם פּויפּס, און די קאַסטילישע דאָמיניקאַנער האָבן שוין זינט לאַנג זיך משתּדל געווען אין רוים וועגן גרינדן אַ באַזונדער אינקוויזיציע, וואָס זאָל זײַן אַ קירכלעך געריכט מיט באַזונדערע רעכט אויף צו זוכן און צו באַשטראָפֿן די נײַע קריסטן, וואָס מען איז זיי חושד, אַז זיי היטן בשתּיקה ייִדישקייט. דער פּויפּס סיקסטוס IV האָט געגעבן זײַן הסכּם צו גרינדן אַן אַלגעמיינע אינקוויזיציע, וואָס זאָל שטיין אונטער דער רוימישער קוריע אין דער פּערזאָן פֿון איר לעגאַט אין קאַסטיליע. אָבער איזאַבעלאַ און פֿערדינאַנד האָבן דערויף ניט מסכּים געווען: זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די אינקוויזיטאָרן,

וואָס וועלן זײַן באַשטימט פֿון רוים, וועלן קאָנפֿיסקירן www.libtool.com.cn לטובֿת דער קירך דאָס אייגנס פֿון די פֿאַרמשפּטע אַנוסים, וואָס דאָס קיניגלעכע פֿאָרפֿאָלק האָט געהאַלטן, אַז עס געהער צו זיי. בינתּים האָט די אָרטיקע גײַסטלעכקייט ענערגיש זיך געגרייט צו דעם בלוטיקן קרבן. דער אַרציביסקופּ פֿון סעווילּיע מענדאָסע האָט אויפֿגעגעבן די גלחים אויסצופֿאָרשן וויפֿל יודאַיִזירנדיקע זײַנען פֿאַראַן אין זײַן דיאָצעזע. די קאָמיסיע פֿון גײַסטלעכע וואָס האָט זיך דערמיט פֿאַרנומען האָט צוגעשטעלט דעם קיניג און דער קיניגין אַ באַריכט, אַז סעווילּיע און גאַנץ אַנדאַלוזיע זײַנען פֿול מיט יודאַיִזירנדיקע נײַע קריסטן, וואָס צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אַ סך השפּעהדיקע מענטשן, און האָט געבעטן, אַז די אינקוויזיציע זאָל וואָס גיכער אײַנגעפֿירט ווערן. דעם אויספֿיר פֿון דער קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט דער גײַסטלעכער פֿון דער קיניגין ט אָ מ אַ ס ט אָ ר ק ו ו ע מ אַ ד אַ, דער פּריאָר פֿון דעם דאָמיניקאַנער קלויסטער פֿון הייליקן קרייץ אין סעגאָוויע. דעמאָלט האָט דאָס קיניגלעכע פֿאָרפֿאָלק זיך געווענדט צו סיקסטוס IV מיט אַ בקשה אַרויסצוגעבן אַ בולע וועגן גרינדן אין קאַסטיליע אַ נאַציאָנאַלע אינקוויזיציע, דאָס הייסט, אַז די מיטגלידער פֿון דעם טריבונאַל זאָל באַשטימען דער קיניג און אַז דאָס קאָנפֿיסקירטע געלט פֿון די פֿאַרמשפּטע זאָל אַרײַנגיין אין דער קיניגלעכער קאָסע. דער פּויפּס האָט געמוזט נאָכגעבן און האָט אין נאָוועמבער 1478 אַרויסגעגעבן די פֿאַרלאַנגטע בולע. אָבער אויך נאָך דעם זײַנען אַוועק צוויי יאָר, איידער דער שרעקלעכער טריבונאַל איז צוגעטראָטן צו זײַן אַרבעט. השפּעהדיקע מאַראַנען האָבן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים געפּרוּווט פֿאַרהאַמעווען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם פּויפּס׳ בולע, און דאָס קיניגלעכע פֿאָרפֿאָלק גופֿא האָט אַ שטיקל צײַט זיך געקווענקלט צו מאַכן אָט דעם שריט, וואָס זײַנע קרבנות האָבן געדאַרפֿט ווערן אַ סך משפּחות, וואָס זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיטן הויף, מיטן שפּאַנישן אַדל, מיט אַלע צווײַגן פֿון דער מלוכה=פֿאַרוואַלטונג און ווירטשאַפֿטלעכן לעבן. ערשט סוף 1480 איז געמאַכט געוואָרן דער פֿאַטאַלער שריט. דער ערשטער אינקוויזיציע=טריבונאַל איז געוואָרן געגרינדעט אין דעם הויפּטנעסט פֿון דער מאַראַנישער כּפֿירה, אין סעווילּיע, אין באַשטאַנד פֿון צוויי דאָמיניקאַנער טעאָלאָגן, מאָרילּיאָ און סאַן מאַרטין, איין געלערנטן אַבאַט און אַ קיניגלעכן פֿיסקאַל מיט צוויי באַאַמטע, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָפּנעמען דעם זאַקרויב וואָס מען האָט געהאָפֿט צו כאַפּן – דאָס קאָנפֿיסקירטע אייגנס פֿון די פֿאַרמשפּטע.

בײַם אָנהייבן די רייניקונג פֿון די מאַראַנען דורך פֿײַער האָט די רעגירונג אָנגענומען מיטלען אויף צו איזאָלירן זיי פֿון ייִדן אין די ערטער, וואָס זײַנען געווען צום מייסנט „געשלאָגן" מיט כּפֿירה. קיניגין איזאַבעלאַ

האָט געפּרוּווט צו פֿאַרטרײַבן ייִדן פֿון די אַנדאַלוזישע קרײַזן פֿון סעווילִיע און קאָרדאָווע (1480—82), און אַ טייל ייִדן האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין די שכנישע מויריטאַנישע לענדער, קיין מאַלאַגע און גראַנאַדע. אין אַנדערע שטעט פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָניע האָט מען אויפֿגעפּאַסט, אַז ייִדן זאָלן וווינען נאָר אין זייערע קוואַרטאַלן, ווײַט פֿון די גאַסן ווו עס האָבן געוווינט מאַראַנען (אַזאַ קיניגלעכער באַפֿעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין טאָלעדאָ אין יאָר 1480). נאָר אָט די אַלע צאַמען האָבן ניט געהאָלפֿן, און עס איז געוואָרן געלאָזן אין גאַנג דער אַפּאַראַט פֿון דער אינקוויזיציע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן-אַרעסטן פֿון מאַראַנען, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין נטיה צו ייִדישקייט. אויף אַלע קריסטן איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ חובֿ צו מסרן דער אינקוויזיציע וועגן אַלע כּופֿרים וואָס זיי קאָנען, אַניט האָט זיי געקומט אַ האַרבע שטראָף. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אינסטרוקציע פֿון 37 פּונקטן, ווו עס זײַנען אויסגערעכנט געוואָרן די סימנים, ווי אַזוי מען קאָן דערקענען די כּפֿירה. פֿון די רעכטגלייביקע קריסטן האָט מען געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן מסרן איטלעכן מאַראַן, וואָס זיי וועלן אים באַמערקן לאַ-די וואָס אָפּהיטנדיק די הויפּט-צערעמאָניעס פֿון דער ייִדישער אמונה, נאָר אין אַזעלכע קליינִיקייטן ווי טראָגנדיק בעסערע וועש און קליידער אום שבת און אין די ייִדישע ימים-טובֿים, באַנוצנדיק באַשטימטע סאָרטן פֿלייש און ווײַן, אָדער זיי וועלן זען, ווי עלטערן בענטשן זייערע קינדער ערבֿ יום-כּיפּור, אָדער זיי זאָגן תּהלים און זײַנען דערבײַ ניט מוסיף די ווערטער „לויב דעם פֿאָטער און זון" און כּדומה אַזעלכע זאַכן. אַזאַ מין מסירות זײַנען אָנגענומען געוואָרן פֿון אַלעמען: באַקאַנטע, שכנים אָדער פֿון די באַדינערס פֿון די געמסרטע. שפּיאָנערײַ האָט זיך אַנטוויקלט ביז צו דער העכסטער מדרגה. זוכונגען און אַרעסטן האָבן ניט אויפֿגעהערט.

אַ גרופּע פֿון סעווילִיער מאַראַנען, דערפֿירט ביז צו ייִאוש, האָבן באַשלאָסן אָנצווענדן טעראָר: צו דערהרגענען די אינקוויזיטאָרן בײַ דער ערשטער זוכונג אָדער אַרעסט. צוליב דעם האָבן זיי געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג אונטערן אָנפֿיר פֿון דעם רײַכן מאַראַן דיעגאָ דע סוסאַן, די אָנטייל-נעמערס האָבן געקראָגן געווער, און עס איז אָפּגערעדט געוואָרן אַ סיגנאַל, וואָס אויף אים דאַרפֿן אַלע זיך צונויפֿלויפֿן צום אָרט ווו עס דאַרף געשען דער אָנפֿאַל. נאָר די פֿאַרשווערונג איז געוואָרן אויפֿגעדעקט. סוסאַנס שיינע טאָכטער האָט אויסגעזאָגט דעם סוד איר געליבטן אַ שפּאַניער. די פֿאַרשווערערס האָט מען געכאַפּט, אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה פֿון דעם אינקוויזיציע-טריבונאַל, ווו עס האָבן געוואַרט אויף זיי עינויִים און אַ שײַטער-הויפֿן. דעמאָלט האָבן אַ סך מאַראַנען אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן סעווילִיע, בכדי זיך אויסצובאַהאַלטן אין זיכערע ערטער. נאָר די מאַכטאָרגאַנען האָבן צעשיקט אומעטום אַ באַפֿעל,

www.libtool.com.cn

אַז מען זאָל כאַפּן די אַנטלאָפֿענע און ברענגען זיי קיין סעווילליע: די אַנטלאָפֿענע האָבן מיטגענומען ניט נאָר די זינדיקע נשמות, וואָס האָבן געדאַרפֿט געלײַטערט ווערן אין פֿײַער, נײַערט אויך פֿולע קעשענעס געלט, וואָס האָבן אין פֿאַל פֿון פֿאַרמשפּטונג באַדאַרפֿט אָנקומען אין דער קיניגלעכער קאַסע.

די שטאָט פֿון דער „סעווילליער שחיטה" איז איצט געוואָרן די מעטראָפּאָליע פֿון דער אינקוויזיציע. אין די אונטערערדישע היילן פֿון דער קלויסטער=פֿעסטונג זײַנען הונדערטער תּפֿוסים געוואָרן געפּײַניקט מיט מוראדיקע עינויִים. עס איז ווינציק וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט זיך מודה זײַן אין די אייגענע חטאים, נאָר מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן זייערע יודאַיִזירנדיקע קרובֿים און גוטע פֿרײַנד. די וואָס דער טריבונאַל האָט געפֿונען פֿאַר שולדיק האָט ער פֿאַרמשפּט צו פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט אויף אַ שײַטער=הויפֿן. הינטער דער שטאָט האָט מען געמאַכט אַ פּלאַץ צו פֿאַרברענען די פֿאַרמשפּטע — די Quemadero.[1] דעם 6טן פֿעברואַר 1481 איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין סעווילליע דער ערשטער „אויטאָ=דאַ=פֿע" („אַקט פֿון גלויבן"), מיט פֿײַערלעכע קירכלעכע צערעמאָניעס. מען האָט פֿאַרברענט אויף אַ שײַטער=הויפֿן זעקס מאַראַנען, פֿרויען און מאַנצביל. אין עטלעכע טעג אַרום איז פֿאַרברענט געוואָרן נאָך אַ גרופּע מאַראַנען, וואָס צווישן זיי איז געווען אויך דער אָנפֿירער פֿון דער פֿאַרשווערונג קעגן די אינקוויזיטאָרן דיעגאָ סוסאַן, און דערנאָך זײַנען אַזעלכע פֿאַרברענונגען פֿאָרגעקומען גאַנץ אָפֿט. ביז נאָוועמבער דאָס זעלביקע יאָר, ד"ה אין צען חדשים, האָט די אינקוויזיציע אין סעווילליע אַליין פֿאַרברענט ביז 300 מאַראַנען; חוץ דעם זײַנען אַ סך געוואָרן פֿאַרמשפּט צו אייביקער תּפֿיסה אָדער צו טראָגן תּשובֿה=זעק (Sanbenito). דאָס קאָנפֿיסקירטע אייגנס פֿון די פֿאַרברענטע, על=פּי רובֿ רײַכע מענטשן, האָבן אַרײַנגעטראָגן געוואַלדיקע הכנסות פֿערדינאַנדן, וואָס איז געווען אַזוי אַרום פֿאַראינטערעסירט, מען זאָל פֿאַרמשפּטן וואָס מער גבֿירים.

נאָך די ערשטע אויטאָ=דאַ=פֿעס האָבן די קירכלעכע תּלינים אויף אַ צײַט אָנגעטאָן די מאַסקע פֿון „גענאָד". די אינקוויזיטאָרן האָבן געמאָלדן, אַז עס ווערט געגעבן אַ „טערמין פֿון גענאָד" פֿאַר יענע, וואָס ווען מיטן גוטן ווילן קומען אין די טריבונאַלן אַרײַן, בכדי תּשובֿה צו טון אויף זייערע זינד און „שלום צו מאַכן מיט דער קירך"; אַזעלכע בעלי=תּשובֿות האָט מען

[1] די דאָזיקע „קוועמאַדעראָ" איז אין איר פֿיר ווינקלען געווען באַפּוצט מיט סטאַטועס פֿון די נבֿיאים, וואָס עס האָט מנדבֿ געווען דער רײַכער אײַנוווינער פֿון סעווילאַ מעססאָ. שפּעטער, דערציילט מען, איז דער נדבֿן גופֿא געוואָרן פֿאַרברענט אויף דער קוועמאַדעראָ, וואָס ער האָט אַליין אויסגעפּוצט, מחמת עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַליין געווען אַ מאַראַן.

www.libtool.com.cn

צוגעזאָגט מחילה, נאָך דעם ווי זיי וועלן עפֿנטלעך זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע רעליגיעזע בלאָנדזשענישן צום לויב פֿון דער קירך און פֿון אַ טייל פֿון זייער אייגנס לטובֿת דער מלוכה־קאַסע. אַ סך מאַראַנען האָבן געטרויט דעם צוזאָג און זײַנען געקומען אין דעם אָנגעוויזענעם טערמין און האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן באַהאַלטענערהייט אָפּגעריכט ייִדישע צערעמאָניעס. נאָר די אינקוויזיטאָרן האָבן גענומען פֿאָדערן, אַז זיי זאָלן אָנרופֿן אַלע זייערע אייגענע און גוטע פֿרײַנד, וואָס זײַנען אויך געווען שולדיק אין אַזעלכע מעשׂים. יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט ווערן קיין מיאוסע מוסרים, האָבן פֿאַרלאָרן דאָס רעכט אויף „גענאָד" און האָבן געהאַט דעם זעלביקן סוף ווי אַלע אַנדערע תּפֿוסים פֿון דער אינקוויזיציע.

אַ געשריי פֿון אימה האָט זיך צעטראָגן איבער שפּאַניע, ווען עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט די בשׂורה וועגן די מעשׂים פֿון דעם סעווילער טריבונאַל. ער איז אַרײַנגעדרונגען אויך אין דער רעזידענץ פֿון דעם פּויפּס. די מאַראַנען, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון שפּאַניע קיין רוים, האָבן געפֿונען דאָרט באַשיצערס צווישן די קאַרדינאַלן, און יענע האָבן געפּועלט בײַם פּויפּס, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן קעגן די אַכזריותדיקע מעשׂים אין שפּאַניע. אין אַ שיקבריוו צו פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ (יאַנואַר 1482) האָט דער פּויפּס געטאַדלט די מעשׂים פֿון דעם טריבונאַל, וואָס פֿאַרמשפּט מענטשן אויף עינויִים און טויט אויפֿן סמך פֿון איטלעכער מסירה, וואָס מחמת דעם קאָנען אומקומען אויך אומשולדיקע; ער האָט געסטראַשעט אַראָפּצוזעצן די קיניגלעכע אינקוויזיטאָרן און צו באַשטימען זײַנע אייגענע ריכטערס, אויב אָט דער ווילדווילן וועט ניט אויפֿהערן.

אין דרײַ חדשים אַרום האָט דער פּויפּס אַרויסגעלאָזט נאָך אַ שאַרפֿערע בולע קעגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, וואָס פֿערדינאַנד האָט שוין גענומען אײַנפֿירן אין זײַן ירושה־לאַנד, אין אַראַגאָניע. דער פּויפּס האָט אָנגעוויזן, אַז די רדיפֿות קעגן די יודאַיִזירנדיקע ווערט אָפֿט מאָל אַרויסגערופֿן „ניט דורך קנאות פֿאַרן גלויבן און פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון נשמות, נײַערט דורך גלוסטיקייט צו געלט" (non zelo fidei et salutis animarum, sed lucri cupiditate), און אַז די באַשולדיקטע ווערט ניט געגעבן קיין שום גאַראַנטיע פֿאַר אַ גערעכטן משפּט; ער פֿאָדערט, אַז אין דעם טריבונאַל זאָלן זיצן פֿאָרשטייערס פֿון דעם אָרטיקן ביסקופּ, אַז די באַשולדיקטע זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט זיך צו פֿאַרטיידיקן און צו אַפּעלירן קעגן פּסק־דין פֿון געריכט צו דער רוימישער קוריע...

אין די דאָזיקע פּראָטעסטן האָט פֿערדינאַנד אײַנגעפֿונען סײַ אַן אַטנטאַט אויף זײַן סוווערעניטעט און סײַ אַ פּרעטענזיע פֿון דעם פּויפּס אויף אַ חלק פֿון דעם רײַכן מאַראַנישן זאַקרויב – די קאָנפֿיסקירטע פֿאַרמעגנס

www.litbool.com.cn

פֿון די פֿאַרמשפּטע. דער קיניג האָט אויף אַ שאַרפֿן אופֿן אָפּגעשלאָגן די טענות און תּבֿיעות פֿון דעם פּויפּס: ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט ניט פֿאָלגן דער בולע, וואָס איז געשריבן אונטער דער ווירקונג פֿון דעם „כּישוף" פֿון די כּופֿרים (אַן אָנצוהערעניש, אַז די ייִדן האָבן די קוריע אונטערגעקויפֿט). דער פּויפּס האָט געמוזט נאָכגעבן. די שפּאַנישע אינקוויזיציע איז געבליבן בײַ איר „נאַציאָנאַלן" כּאַראַקטער, בלוטדאָרשטיק און רויבעריש. סיקסטוס IV האָט הכנעהדיק באַשטעטיקט די אײַנשטעלונג פֿון נײַע אינקוויזיציע-טריבונאַלן אין קאַסטיליע (קאָרדאָווע, כּאַען, סיודאַד-רעאַל, שפּעטער — טאָלעדאָ) און אין אַראַגאָניע (סאַראַגאָסע א"אַ). דער פּויפּס האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן אויך פֿון דער פֿאָדערונג צו געבן די באַשולדיקטע דאָס רעכט צו אַפּעלירן אין רוים: זיי האָבן געמעגט אַפּעלירן קעגן דעם פּסק-דין פֿון דעם טריבונאַל נאָר צום אַרציביסקופּ פֿון סעווילִיע, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פֿון קיניג.

באַקומען די פֿולע פֿרײַהייט פֿון אַקציע, האָט דאָס קיניגלעכע פּאָר-פֿאָלק פֿאַרברייטערט די טעטיקייט פֿון אינקוויזיציע. עס זײַנען געוואָרן אײַנגעשטעלט „דער העכסטער ראָט פֿון דער אינקוויזיציע" (suprema) און דער פּאָסטן פֿון אַ גענעראַל-אינספּעקטאָר. אויפֿן דאָזיקן פּאָסטן איז געוואָרן באַשטימט דער אויבן דערמאָנטער טאָמאַס טאָרקוועמאַדאַ, וואָס האָט פֿאַרבונדן זײַן נאָמען מיט די שרעקלעכסטע מעשׂים פֿון די שפּאַנישע „הייליקע טריבונאַלן" (סעפּטעמבער 1483).

איצטער האָבן זיך צעפֿלאַקערט שײַטער-הויפֿנס אין גאַנץ שפּאַניע. די האַנט פֿון דעם פֿינצטערן מאָנאַך האָט אָנגעשטעלט די דאָזיקע מאוימדיקע מאַשין, וואָס האָט פֿאַרטיליקט מענטשן אויף צו ראַטעווען זייערע נשמות. די אינסטרוקציע, וואָס טאָרקוועמאַדאַ האָט אויסגעאַרבעט פֿאַר די אינקוויזיטאָרן (1484), האָט אײַנגעשטעלט אַזאַ סדר: פֿאַר איטלעכער סעסיע פֿון דעם טרי-בונאַל אין אַ שטאָט ווערט געמאָלדן אַ „טערמין פֿון גענאָד" אויף 30 אָדער 40 טעג, וואָס אין משך פֿון זיי קאָן דער אָפּטריניקער פֿון גלויבן מיטן גוטן ווילן מעלדן, אַז ער האָט חרטה און ער טוט תּשובֿה. דער בעל-תּשובֿה, וואָס וועט באַווײַזן די אויפֿריכטיקייט פֿון זײַנע ווערטער דורך דעם, וואָס ער וועט אַרויסגעבן זײַנע חבֿרים, קאָן ווערן אָנערקענט פֿאַר „אַרײַנגענומען צוריק אין דער קירך" (reconciliado), נאָך דעם ווי ער וועט אָפּקומען די שטראָף וואָס איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן: עפֿנטלעכע בזיונות דורך גיין איבער די גאַסן פֿון שטאָט אָנגעטאָן אין אַ „סאַנבעניטאָ", אַ זאַק פֿון אַ חוטא, אָדער תּפֿיסה אויף אַ צײַט; חוץ דעם האָט ער געמוזט אָפּגעבן אַ טייל פֿון זײַן אייגנס אויף אויסצוהאַלטן די אָנגעשטעלטע פֿון דער אינקוויזיציע אָדער אויף די הוצאות פֿון דער הייליקער מלחמה קעגן די מוירן פֿון גראַנאַדע. אויב דער בעל-תּשובֿה וועט זיך מעלדן נ אָ ך דעם „טערמין פֿון גענאָד", ווערט

www.libtool.com.cn

ער פֿאַרמשפּט צו קאָנפֿיסקירן זײַן גאַנץ אייגנס אָדער צו אייביקער תּפֿיסה. בײַ די „וואָס זײַנען ניט געקומען צוריק", די וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן לויט אַ מסירה, האָט מען באַדאַרפֿט אַרויסרײַסן די הוצאה אין זייער שולד דורך פֿילמאָליקע אויספֿרעגונגען מיט עינויִים. אויב עמעצער האָט זיך מודה געווען אונטער עינויִים און האָט דערנאָך דאָס באַשטעטיקט, איז דאָס גענוג אים צו פֿאַרמשפּטן ווי אַ כּופֿר; ווען דער באַשולדיקטער האָט נאָך דער ערשטער אויספֿרעגונג חרטה געהאַט און ניט געוואָלט זיך מודה זײַן, האָט מען אים ווידער אַ מאָל געפּײַניקט מיט ווייטאָגדיקערע עינויִים. בײַ אַזאַ מעטאָד פֿון אויספֿרעגן האָט זעלטן ווער געקאָנט אַרויסגיין ניט פֿאַרמשפּט, וואָרעם די עינויִים האָבן געצוווּנגען כּמעט אַלעמען זיך מודה צו זײַן, בכדי צו פֿאַרגיכערן דעם טויט. די טויטשטראָף איז באַשטאַנען נאָר אין פֿאַרברענען („טויטשטראָף אָן בלוט־פֿאַרגיסן", ווי די אינקוויזיטאָרן האָבן זיך איידל אויסגעדריקט). די פֿאַרמשפּטע פֿלעגן ווערן צוגעבונדן צו אַ סלופּ אין מיטן אַ שײַטער־הויפֿן און פֿלעגן פֿאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט, נאָר די וואָס פֿלעגן תּשובֿה טון האַרט פֿאַר דער טויטשטראָף פֿלעגט מען טון דעם חסד צו דערווערגן פֿריִער, כּדי צו פֿאַרגרינגערן זיי די יסורים, און דערנאָך פֿלעגט מען זיי פֿאַרברענען. יענע מאַראַנען, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן אין אַנדערע לענדער, פֿלעגט מען באַשטראָפֿן in effigie, ד״ה מען פֿלעגט פֿאַר־ברענען זייערע בילדער. לויט טאָרקוועמאַדאַס סטאַטוט האָט די אינקוויזיציע געהאַט דאָס רעכט צו פֿאַרמשפּטן אויך געשטאָרבענע, וואָס מען האָט נאָך זייער טויט אויפֿגעוויזן, אַז זיי זײַנען געווען אָפּטריניק פֿון גלויבן. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט מען אויסגראָבן די ביינער פֿון די מתים און פֿאַרברענען, און בײַ זייערע יורשים פֿלעגט מען צונעמען זייער גאַנץ אייגנס. די יונגע קינדער פֿון די פֿאַרמשפּטע פֿלעגן ווערן אויסגעהאָדעוועט אונטער דער השגחה פֿון די אינקוויזיטאָרן.

נאָך קאַסטיליע האָט גענומען רודפֿן די מאַראַנען אויך אַ ר אַ ג אָ נ י ע. דער אינקוויזיציע־טריבונאַל אין סאַראַגאָסע, וואָס בראָש פֿון אים איז געשטאַנען דער קאַנאָניק פּ ע ד ר אָ אַ ר בּ ו ע ס, האָט אין 1484 געמאַכט איין אויטאָ־דאַ־פֿע נאָכן אַנדערן. דעם קיניג פֿערדינאַנד צו ליב פֿלעגט דאָ די אינקוויזיציע ניט אָנזאָגן אַפֿילו אַ פֿריִערדיקן „טערמין פֿון גענאָד" פֿאַר בעלי־תּשובֿה: וואָרעם „די וואָס זײַנען געקומען צוריק צו דער קירך" האָבן באַדאַרפֿט נאָר צאָלן שטראָף; און ניט עס איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט זייער אייגנס, דערפֿון האָט דער קיניג געהאַט דירעקט היזק. און אַרבועס האָט זיך געפֿלײַסט צו פֿאַרברענען וואָס מער מענטשן. זײַנע שפּיאָנען האָבן נאָכגעקוקט דאָס שטוביקע לעבן פֿון די מאַראַנען, האָבן אונטערגעקויפֿט מוסרים און עדות.

לויט דעם קלענסטן חשד פֿלעגן אַרעסטירט ווערן גאַנצע משפּחות און געפּײַניקט אין די תּפֿיסות.

דער טעראָר פֿון דער אינקוויזיציע האָט דאָ אַרויסגערופֿן אַ קאָנטער־טעראָר מצד די מאַראַנען. אין סאַראַגאָסע האָבן די פֿאַרשווערערס באַשלאָסן צו דערהרגענען דעם רוצח אַרבועסן און דורך דעם אָנשרעקן זײַנע קאָלעגן און די באַנדע אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן. דער פֿאַרשווערונג האָבן מיטגעהאָלפֿן אייניקע פֿאָרשטייער פֿון דער העכסטער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט, וואָס זײַנען געווען פֿאַרבונדן אין מחותּנעשאַפֿט מיט מאַראַנען. דער ערשטער אַטענטאַט אויף אַרבועסן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן און האָט אים נאָר געצוווּנגען צו זײַן אָפּגעהיטער. ער האָט אָנגעטאָן אַ פּאַנצער אונטער דעם אייבער־מאַנטל און אַן אײַזערנעם קיווער אונטערן הוט, אָבער דאָס האָט דעם צורר ניט געראַטעוועט פֿון טויט. איין מאָל באַגינען, ווען אַרבועס איז איינער אַליין אַרײַן אין אַ קירך אָפּצוריכטן די פֿרימאָרגן־תּפֿילה, האָבן דרײַ פֿאַרשווערערס זיך אַרײַנגעכאַפּט און דערשטאָכן אים מיט אַ קינזשאַל אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פֿאַרן אַלטאַר (1485).

דער דאָזיקער מאָרד האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז אָט דער תּלין פֿון דער קירך איז געוואָרן דערקלערט פֿאַר אַ קדוש, און די אינקוויזיציע אין אַראַגאָניע האָט גענומען ווילדעווען נאָך מיט מער כּוח ווי פֿריִער. די אַנטלאָפֿענע אָנטייל־נעמער פֿון דער פֿאַרשווערונג און זייערע קרובֿים האָט מען טייל געכאַפּט און באַשטראָפֿט מיט מיתות משונות, און בײַ טייל האָט מען פֿאַרברענט עפֿנטלעך זייערע בילדער און קאָנפֿיסקירט זייער אייגנס. אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָט מען אין סאַראַגאָסע געמאַכט אויטאָ־דאַ־פֿעס, ווו מען האָט צוזאַמען מיט מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַרמשפּט געוואָרן פֿאַר יודאַיִזירן, פֿאַרברענט נאָך גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ חלק אין דערהרגענען אַרבועסן. לויט דער צאָל קרבנות האָט די סאַראַגאָסער אינקוויזיציע געמעגט קאָנקורירן מיט דער סעוויליער.

ווינציקער „פּראָדוקטיוו" איז געווען דער טריבונאַל, וואָס איז געעפֿנט געוואָרן אין יאָר 1486 אין נאָך אַ יידישן צענטער, אין באַרצעלאָנע. אין משך פֿון זעקס יאָר (ביז 1492) האָט ער באַוויזן צו פֿאַרברענען נאָר אַ מענטשן פֿופֿציק, פֿאַרמשפּטן אויף אייביקער תּפֿיסה העכער הונדערט און „פֿאַראייניקן ווידער מיט דער קירך" אַ 300 כּופֿרים.

אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאַסטיליע ט אָ ל ע ד אָ האָבן די אינקוויזיטאָרן זיך פֿאַרנומען מער מיט „פֿאַראייניקן ווידער די כּופֿרים מיט דער קירך", דאָס הייסט מיט פּײַניקן די נשמות. נאָך ניט געראָטענע פּרוּוון צו מאַכן אַן אויפֿשטאַנד פֿון איין זײַט און צו אַנטלויפֿן פֿון דער אַנדער זײַט האָבן די טאָלעדער מאַראַנען באַשלאָסן אויסצונוצן דעם „טערמין פֿון גענאָד".

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט זײַנען געגאַנגען פּראָצעסיעס פֿון בעלי=תשובה, וואָס איבער זיי זײַנען אָפּגעריכט געוואָרן „אַקטן פֿון גלויבן", אומבלוטיקע אויטאָ=דאַ=פֿעס. די ערשטע פֿײַערלעכע פּראָצעסיע איז פֿאָרגעקומען 12 פֿעברואַר 1486. אין איר האָבן גענומען אַן אָנטייל 750 בעלי=תשובה, זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס, האַלב נאַקעט, מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, האַלטנדיק אין די הענט פֿאַרלאָשענע ליכט. אַ המון מענטשן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען קוקן, און די אָנטייל=נעמער פֿון דער פּראָצעסיע האָבן געוויינט פֿון חרפּה. אַז אַלע האָבן אָפּגעריכט די תשובה און האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט דער קירך, האָט מען זיי געמאָלדן, אַז זיי מוזן פֿאַסטן אין באַשטימטע טעג און אַז מען נעמט בײַ זיי צו געוויסע רעכט: זיי טאָרן ניט פֿאַרנעמען קיין עפֿנטלעכע פּאָסטנס, האַלטן האַנדלס=אונטערנעמונגען, עדות זאָגן פֿאַרן געריכט, טראָגן טײַערע קליידער און צירונג, פֿאָרן רײַטנדיק אויף פֿערד, וכדומה אַזעלכע זאַכן.

אויף דעם צווייטן אויטאָ=דאַ=פֿע, וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן 2 אַפּריל דאָס זעלביקע יאָר, זײַנען געקומען 900 מאַן, וואָס זײַנען פֿאַראייניקט געוואָרן מיט דער קירך אויף די זעלביקע תּנאים. דער דריטער אויטאָ=דאַ=פֿע (16 אויגוסט) האָט שוין געהאַט אויך מענטשלעכע קרבנות: עס זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן 20 מאַנצבילן און 5 פֿרויען, צום גרעסטן טייל פֿון דער העכסטער געזעלשאַפֿט. דאָס יאָר שפּעטער האָט די צאָל פֿון „די וואָס האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט דער קירך" אויף די עפֿנטלעכע „אַקטן פֿון גלויבן" דערגרייכט ביז 2000; פֿון זיי האָבן אַ סך געמוזט טראָגן אַ גאַנץ לעבן אַ סאַנבעניטאָ צום סימן פֿון תשובה. אין טאָלעדאָ פֿלעגן אָפֿט ווערן פֿאַרברענט אויף שײַטער=הויפֿנס קריסטלעכע גלחים און מאָנאַכן וואָס האָבן געשטאַמט פֿון מאַראַנען: אַזוי טיף איז דער „ייִדישער סם" געווען אַרײַנגעדרונגען אין די גלידער פֿון דער קירך. עס זײַנען געווען זעלטענע פֿאַלן פֿון העראָיִשן פּראָטעסט פֿון די פֿאַרפּײַניקטע קדושים: איינע אַ פֿרוי האָט פֿון דעם פֿלאַם פֿון שײַטער=הויפֿן אַרויסגעשריִען, אַז זי איז גליקלעך צו שטאַרבן אין משהס רעליגיע און איז געשטאָרבן מיטן וואָרט „אַדני" אויף די ליפּן.

## § 56. דער גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע (1492)

וויפֿל מען האָט די מאַראַנען ניט געברענט, וויפֿל מען האָט זיי ניט „פֿאַראייניקט" מיט דער קירך, זײַנען אין לאַנד פֿאָרט פֿאַרבליבן אַ סך וואָס מען האָט זיי ניט פֿאַראייניקט און ניט געקאָנט פֿאַראייניקן. אַלץ קלערער איז געוואָרן, אַז די פֿראַגע פֿון די מאַראַנען איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון די ייִדן. בכדי צו מאַכן פֿון שלעכטע קריסטן גוטע קאַטוילִיקן

www.libtool.com.cn

האָט מען זיי געמוזט אין גאַנצן איזאָלירן פֿון זייערע פֿאָלקסברידער, און וויבאַלד אַז דאָס האָט זיך ניט געלאָזט, האָט מען געמוזט פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון לאַנד. די סיסטעם פֿון איזאָלירונג האָט טאָרקוועמאַדאַ דורכגעפֿירט מיט דער גרעסטער אַכזריות: מען האָט פֿונאַנדערגעשיידט אייגענע און קרובֿים, פֿאַרשטאַרקט די סיסטעם פֿון שפּיאָנאַזש, געפּרוווט אַרײַנציִען אין דעם שפּיאָנאַזש אַפֿילו די רבנים, דורך דעם וואָס מען האָט זיי מחייבֿ געווען אַרויסצוגעבן דער אינקוויזיציע איטלעכן מאַראַן וואָס האַלט אונטער אַ פֿאַרבינדונג מיט דער סינאַגאָגע. דער רבֿ פֿון סעווילֿיע, רבי יהודה אבן ווירגא, ווען ער האָט געקראָגן פֿון די אָרטיקע אינקוויזיטאָרן די פֿאָדערונג, ער זאָל ווערן אַ מסור, איז אַנטלאָפֿן געוואָרן קיין פּאָרטוגאַל, און אַ סך זײַנען געווען גרייט אים נאָכצוטאָן. און אַזוי האָט זיך געשטעלט אויפֿן סדר=היום דער צווייטער טייל פֿון דער אַלטערנאַטיווע: דער גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע.

אַ פּרוּוו צו פֿאַרטרײַבן ייִדן איז צום טייל שוין געוואָרן געמאַכט אין אָנהייב פֿון איזאַבעלאַס רעגירונג אין קאַסטיליע, ווען מען האָט אַ טייל ייִדן אַרויסגעשיקט פֿון דער געגנט פֿון קאָרדאָווע און סעווילֿיע (§ 55). נאָר אין יענער צײַט האָט מען די אַרויסשיקונג געמוזט אָפּשטעלן. די מלוכה האָט זיך נאָך געניייטיקט אין ייִדן ווי שטײַערן=צאָלערס און פֿינאַנציעלע אַגענטן אין יענע שווערע יאָרן פֿאַר שפּאַניע, ווען מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַרענדיקן די פֿאַראייניקונג דורך אײַננעמען דאָס קיניגרײַך גראַנאַדע, דעם לעצטן רעשט פֿון דער אַראַבישער אייבערהערשאַפֿט אויפֿן האַלבאינדזל. דערמיט דערקלערט זיך די משונהדיקע זאַך, וואָס אין דעם ערשטן יאָרצענדלינג פֿון דער אינקוויזיציע האָט מען די ניט=געשמדטע ייִדן געלאָזט צו רו, און אייניקע פֿון זיי האָט מען אַפֿילו צוגעצויגן צום אָנטייל אין די מלוכה=ענינים. דער אויבן דערמאָנטער אַבֿרהם סעניאָר איז געווען אָנגעשטעלט בײַם הויף צוליב דער פֿיסקאַלישער פֿאַרבינדונג מיט די ייִדישע קהילות (אין יענע יאָרן האָט מען גענומען פֿון זיי אַן עקסטרע שטײַער אויף צו פֿירן די מלחמה מיט די מוירן). ר׳ יצחק אַברבנאלן, וואָס איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון פּאָרטוגאַל (§ 53), האָט דאָס שפּאַנישע קיניגלעכע פּאָרפֿאָלק פֿאַרבעטן אָנצופֿירן די מלוכה=פֿינאַנצן (1484). אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפֿן אַ משונהדיקע לאַגע: דער ייִדישער נאַציאָנאַלער דענקער דינט בײַ דעם זעלביקן קיניגלעכן הויף, וווּ דער גענעראַל=אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ איז געווען הויף=גײַסטלעכער. די גויִט אין געלט האָט געצוווּנגען צײַטווײַליק צו טאָלערירן אַ ייִד אַ מיניסטער און כאָפּן דערפֿאַר אַן אויסרייד פֿון דעם פּויפּס סיקסטוס IV. די מלחמה מיט די גראַנאַדער מוירן, וואָס פֿערדינאַנד האָט אָנגעהויבן, האָט געפֿאָדערט די אָנשטרענגונג פֿון אַלע פֿינאַנציעלע כּוחות פֿון לאַנד. און לויט דער איראָניע פֿון גורל האָט ר׳ יצחק אַברבנאל געמוזט מיט זײַן פֿינאַנציעלן זשעני העלפֿן

www.libtool.com.cn

די שפּאַניער אויסצופירן אָן אונטערנעמונג, וואָס האָט געהאַט פאַטאַלע רעזולטאַטן פאַרן שפּאַנישן ייִדנטום.

צען יאָר האָט געדויערט אָט די לעצטע מלחמה מיט די מוירן. אַ קליינע מוסלימישע נעסט אין דרום פון האַלבאינדזל, האָט דאָס קיניגרײַך גראַנאַדע געקראָגן קלאַפּ נאָך קלאַפּ פון דער פאַראייניקטער אַרמיי פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע. אין יאָר 1487 איז געפאַלן מאַלאַגע, און סוף 1491 האָט זיך אונטערגעגעבן די קריסטן די הויפּטשטאָט גופא, גראַנאַדע. אין מאַלאַגע האָבן די שפּאַניער גענומען געפאַנגען עטלעכע הונדערט ייִדישע אײַנוווינער, זיי האָבן באַדאַרפט פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן באַגלײַך מיט די געפאַנגענע מוירן, נאָר די ייִדישע קהילות פון שפּאַניע האָבן צונויפגעקליבן אַ סך געלט, האָבן אויסגעלייזט די געפאַנגענע און אָפּגעשיקט זיי קיין טוניס און מאַראָקאָ. מער ניט צוועלף געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַנטלאָפענע מאַראַנען, האָט די אינקוויזיציע פאַרברענט. בײַם איבערגעבן גראַנאַדע האָט דער לעצטער עמיר באָאַבדיל אויסגערעדט אַ תנאַי, אַז ייִדן זאָלן מעגן בלײַבן אין שטאָט באַגלײַך מיט די מוסלימס, און אַז די מאַראַנען זאָל ווערן דערלויבט אין משך פון אַ חודש צײַט אַוועקצופאָרן פון דער שטאָט, און אַזוי אַרום זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער אינקוויזיציע. נאָר אין יענעם מאָמענט איז שוין געוואָרן באַשטימט דער גורל ניט נאָר פון איין קהילה, נאָר פון דעם גאַנצן שפּאַנישן ייִדנטום. עס איז געשען דאָס, צו וואָס עס האָט געפירט בהכרח אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון פּאָגראָמען, פון קירכלעכן טעראָר און איבערגעוואַלדיקע שמדן: ייִדן, פונקט ווי שפּעטער די מוירן, האָבן געמוזט פאַלן אַ קרבן פון דער רעליגיעזער איינהייט פון שפּאַניע.

דעם 2טן יאַנואַר 1492 זײַנען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ מיט אַ גרויסן פּאַראַד אַרײַנגעפאָרן אין גראַנאַדע. פאַר די קריסטן איז דאָס געווען אַ געהויבענער מאָמענט, און די התלהבות איז געווען אָן אַ שיעור. עס איז מקוים געוואָרן די שטרעבונג פון דורות: נאָך אַכט הונדערט יאָר מלחמות זײַנען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן די לעצטע רעשטן פון דער מוסלימישער ממשלה אויפן פּירענעיִשן האַלבאינדזל, עס האָט זיך אײַנגעפעסטיקט אַ געאייניקטע קריסטלעכע מלוכה. איצט איז אָנגעשטאַנען די צײַט צו פאַרווירקלעכן די צווייטע שטרעבונג: אײַנצופעסטיקן איין און איינציקע קריסטלעכע קירך אין דעם לאַנד, ווו עס האָבן עקסיסטירט דרײַ רעליגיעס. די טרעגער פון דער עלטסטער רעליגיע האָבן געזאָלט זײַן די ערשטע קרבנות פון דעם פאַרווירקלעכטן שפּאַנישן נאַציאָנאַלן אידעאַל, פון דעם אַלטן אידעאַל פון די וועסטגאָטן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים נאָך אַ הפסקה פון פיל יאָרהונדערטער.

נאָך איידער די מלחמה מיט גראַנאַדע איז געווען פאַרענדיקט, נאָר מען האָט שוין געזען, אַז דער נצחון איז נאָענט, נאָך דעם ווי מאַלאַגע איז

www.libtool.com.cn

געפּאַלן, האָט דאָס שפּאַנישער קיניגלעכע פּאָר־פּאָלק מיטן אָנטייל פון טאָרקוועמאַדאַ זיך גענומען גרייטן צו געבן דעם לעצטן קלאַפּ דעם ייִדנטום. אויף צוצוגרייטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג צו אַט דעם אַכזריותדיקן אַקט, האָט מען געמוזט אויסקלערן, חוץ די געוויינטלעכע באַשולדיקונגען קעגן ייִדן, עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע באַשולדיקונג, האָט מען געמוזט אינסצענירן אַ ריטועלן פאַרברעך, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרענטפערן דעם פאַרברעך פון דער מלוכה אַנטקעגן ייִדן. מיט דער הילף פון דעם מעכטיקן אַפּאַראַט פון דער אינקוויזיציע איז דאָס ניט געווען שווער אויסצופירן.

זומער 1490 האָט מען אונטער וועגס אַרעסטירט איינעם אַ מאַראַן, מיטן נאָמען בעניטאָ גאַרסיאַ, און אין זײַן וועגבײַטל האָט מען געפונען אַ קירכלעכע האָסטיע. מען האָט אים געפּײַניקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט זיך מודה געווען אין די כּלומרשטע פאַרברעכנס, בכדי פּטור צו ווערן פון די עינויים, און האָט אָנגערופן מיטשולדיקע, זעקס ייִדן און פינף מאַראַנען, לויט אַ באַזונדער רשימה, וואָס דער פאָרשריכטער האָט צוגעשטעלט. די געמסרטע זײַנען געוואָרן אַרעסטירט, און מיט דער הילף פון עינויים האָט זיך די אינקוויזיטאָרן אײַנגעגעבן אויפצושטעלן אַזאַ בילד פון דעם פאַרברעך, וואָס זייער אייגענע צעיושעטע פאַנטאַזיע האָט עס אויסגעקלערט. די באַשולדיקטע זאָלן זיך האָבן כּלומרשט צונויפגעקליבן איין מאָל בײַ נאַכט אין אַ הייל און צוגענאָגלט צו אַ קרייץ אַ קריסטלעך קינד פון דער שטאָט לאַגואַרדיאַ, אָפּגעצאַפּט בײַ דעם דאָס בלוט, אַרויסגעריסן דאָס האַרץ און דעם קערפּער ערגעץ ווו באַגראָבן. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די זעלביקע מענטשן זיך ווידער אַ מאָל צונויפגעקליבן אין דער הייל און האָבן דאָרט אָפּגעטאָן פאַרשיידענע „כישופים" איבער דעם קינדס האַרץ און איבער דער דערמאָנטער האָסטיע, און דערמיט זײַנען זיי אויסן געווען אומצוברענגען די אינקוויזיטאָרן און אויסצוואָרצלען די קאַטוילישע אמונה. דאָס אַלץ זאָל זײַן מכּלומרשט אָפּגעטאָן מיטן וויסן פון די ייִדישע קהילות און האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אַלגעמיינער פאַרשווערונג. קיין שום זאַכלעכע באַווײַזן זײַנען ניט געווען, קיינער האָט אַפילו אין די אויגן ניט געזען דעם קערפּער פון אַ דערהרגעט קינד, אָבער די אינקוויזיציע האָט פאַרמאָגט דעם קונץ צו פירן פּראָצעסן אָן באַווײַזן, פאַר איר זײַנען געווען גענוג פאַלשע עדות און די אויסזאָגן פון די געפּײַניקטע. ערשט אין דער לעצטער זיצונג פון געריכט האָט דער הויפּט־באַשולדיקטער בעניטאָ גאַרסיאַ זיך אָפּגעזאָגט פון זײַנע געצוווּנגענע הודאות און האָט זיך אַראָפּגערעדט פון דער צעוויי־טאָגטער נשמה פון אַ מאַראַן אַלץ אָפּן וואָס עס האָט געדריקט. די רעדע קאָן מאַכן ציטערן אַ שטיין:

www.libtool.com.cn

„איך בין געבאָרן געוואָרן אַ ייִד און בין געוואָרן אָפּגעשמדט מיט פֿערציק יאָר צוריק, נאָר ערשט ניט לאַנג בין איך געקומען צום רעכטן אײַנזען: דער קריסטנטום האָט זיך מיר פֿירגעשטעלט ווי אַ גרויסע קאָמעדיע פֿון היידנטום, און איך האָב אין האַרצן זיך אומגעקערט צו ייִדישקייט. איך האָב געזען די שרעקלעכע אויטאָ-דאַ-פֿעס פֿון דער אינקוויזיציע, וואָס האָבן אָנגעפֿילט מײַן האַרץ מיט רחמנות צו די קרבנות און מיט שׂנאה צו די תּליינים. איך האָב פֿײַנט געקראָגן דעם קריסטנטום. יאָ, אַ ייִד אַ משומד איז אַן אַנטיקריסט, אָבער נאָך אַן ערגערער אַנטיקריסט איז אַן אינקוויזיטאָר, און דער גרעסטער אַנטיקריסט איז דער גענעראַל-אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ. איך האַלט בשתיקה ייִדישקייט, און גיי אין קירך אַרײַן, נאָר ווען מען קאָן אַנדערש ניט, איך היט ניט אָפּ די קריסטלעכע ימים-טובֿים, עס פֿלייש אין פֿאַסטטעג, גיי צום גלח אויף ווידוי נאָר פֿון כּלומרשט וועגן... היט אָפּ די ייִדישע דינים: איך רו אום שבת, עס און טרינק נאָר וואָס איז כּשר, פֿאַסט ייִדישע תּעניתים אַפֿילו זיצנדיק אין תּפֿיסה, זאָג ייִדישע תּפֿילות. מײַנע איצטיקע יסורים נעם איך אָן מיט הכנעה: עס קומט מיר, דאָס איז אַ שטראָף דערפֿאַר, וואָס איך האָב יעמאָלט מצער געווען מײַן פֿאָטער, דורך דעם וואָס איך האָב אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה, וואָס איך האָב מײַנע קינדער געפֿירט אין קירך אַרײַן. איצט האָב איך נאָר איין פֿאַרלאַנג: אַז מײַנע זין זאָלן פֿאַרלאָזן אָט דעם פֿאַלשן גלויבן און ווערן ייִדן. ווען איך וועל אַרויס פֿון תּפֿיסה, וועל איך אַוועקפֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל און צורעדן אַנדערע, זיי זאָלן אויך פֿאָרן אַהין".

דער דאָזיקער אויסגעשריי פֿון דער נשמה האָט אויף די אינקוויזיטאָרן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווירקט. פֿון בעניטאָ גאַרסיאַס רייד האָבן זיי געמאַכט נאָר דעם אויספֿיר, אַז ייִדן און מאַראַנען זײַנען אין האַרצן מבֿטל קריסטנטום, און ממילא זײַנען זיי מסוגל אָפּצוטון יענע ווילדע מעשׂים, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעטראַכט אויף זיי. אין דעם זינען טאַקע האָט מען דאָס אײַנגעטײַטשט דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט אויף אַלע אופֿנים: אין וואָרט און שריפֿט, פֿון די קירכלעכע בימות און אין ביכער. און ווען דער אינקוויזיציע-גערעכט האָט אַרויסגעטראָגן זײַן פּסק-דין, און אין אַווילע האָבן אויפֿן שײַטער-הויפֿן געברענט די אומשולדיקע ייִדישע קדושים, איז די אויפֿגערייצטע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט געווען גרייט צו צערײַסן אויף שטיקער די גאַנצע ייִדישע קהילה, וואָס איז געווען געצוווּנגען צו בעטן זיך רחמים בײַם קיניג, ער זאָל זי באַשיצן (אָנהייב נאָוועמבער 1491).

דאָס איז געווען מיט צוויי חדשים פֿריִער, איידער די שפּאַניער האָבן אײַנגענומען גראַנאַדע. די גײַסטער זײַנען שוין געווען צוגעגרייט צום אַקט פֿון דעם גירוש פֿון ייִדן, וואָס איז שוין געווען פֿון פֿריִער באַשטימט. פֿון

www.libtool.com.cn

איין זײַט איז געשטאַנען דאָס פֿאָלק פֿון „קריסטוסעס שונאים", וואָס קאָן ניט אויסגעבעסערט ווערן, פֿון דער אַנדער זײַט האָט די נצחונדיקע פֿאָן פֿון קרייץ געפֿלאַטערט איבער דעם מויריטאַנישן קופּל פֿון דער אַלהאַמבראַ אין דער באַצוווּנגענער גראַנאַדע. מען מוז אָפּדאַנקען גאָט פֿאַרן געשאָנקענעם נצחון און באַצייכענען דורך אַ מצווה דעם טריומף פֿון דער קריסטלעכער שפּאַניע. און טאַקע אין דער זעלביקער גראַנאַדע האָבן פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ, אין דרײַ חדשים אַרום נאָך איר באַצווינגונג, אונטערגעחתמעט דעם „אַלגעמיינעם עדיקט וועגן פֿאַרטרײַבן ייִדן פֿון אַראַגאָניע און קאַסטיליע" (31טן מאַרץ 1492). דער לאַנגער טעקסט פֿון דעם עדיקט ווערט דאָ געבראַכט מיט קיצורים:

„אין אונדזערע קיניגרײַכן זײַנען פֿאַראַן שלעכטע קריסטן, וואָס יודאַיִזירן [די מאַראַנען] און זיי טרעטן אָפּ פֿון אונדזער הייליקער קאַטוילישער אמונה, וואָס דאָס ווערט אין אַ גרויסער מאָס דערקלערט דורך דעם אויפֿטראָג פֿון ייִדן מיט קריסטן. וועלנדיק פֿאַרריכטן אָט די צרה, האָבן מיר אויף די קאָרטעס, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין טאָלעדאָ אין יאָר 1480, באַפֿוילן אָפּצושיידן די ייִדן אין אַלע שטעט און אײַנטיילן זיי באַזונדערע ערטער צו וווינען. מיר האָבן אויך געזאָרגט דערפֿאַר, אַז אין אונדזערע קיניגרײַכן זאָל ווערן געגרינדעט אַן אינקוויזיציע, וואָס עקסיסטירט שוין צוועלף יאָר און וואָס האָט פֿאַרמשפּט אַ סך שולדיקע. וועדליג די אינקוויזיטאָרן האָבן אונדז געמאָלדן, האָט זיך אײַנגעגעבן אויפֿצוקלערן דעם געוואַלדיקן שאָדן, וואָס עס קומט אַרויס פֿאַר די קריסטן דורכן אויפֿטראָג מיט ייִדן, וואָס שטרעבן זיי אַראָפּצופֿירן צו זייער פֿאַרשאָלטענער אמונה. די ייִדן פֿלײַסן זיך צו פֿאַרפֿירן זיי [די מאַראַנען] און זייערע קינדער, גיבן זיי ביכער צוליב תּפֿילה, זאָגן זיי אָן, וואָסערע תּעניתים מען דאַרף אָפּהיטן, ברענגען זיי אויף פּסח מצות און ווײַזן זיי אָן וואָסערע מאכלים מעג מען עסן און וואָסערע מען טאָר ניט — בכלל רעדן זיי צו אָפּצוהיטן משהס תּורה. דאָס אַלץ ברענגט דערצו, אַז אונדזער הייליקע קאַטוילישע אמונה ווערט אונטערגעריסן און דערנידעריקט. מיר האָבן אײַנגעזען, אַז אַ ווירקעוודיקער מיטל קעגן די אַלע בייזע מעשׂים וואָלט געווען אין גאַנצן אָפּצושטעלן דעם פֿאַרקער פֿון ייִדן מיט קריסטן דורך פֿאַרטרײַבן זיי [די ייִדן] פֿון אונדזערע קיניגרײַכן, אָבער די ערשטע צײַט האָבן מיר זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס מיר האָבן זיי באַפֿוילן אַוועקצוגיין פֿון די שטעט פֿון אַנדאַלוזיע, ווו זיי טוען אָן דעם גרעסטן שאָדן. אָבער ניט דאָס, און ניט דער גערעכטער משפּט איבער ייִדן, וואָס האָבן זיך שווער פֿאַרשולדיקט לגבי אונדזער הייליקער אמונה, האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן פֿאַר גענוג אויף אָפּצושטעלן די חטאים...

www.libtool.com.cn

„דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו באַפֿעלן אַלע ייִדישע מענער און פֿרויען, זיי זאָלן פֿאַרלאָזן אונדזער מלוכה, מיט דעם אַז זיי זאָלן קיין מאָל ניט קומען צוריק אַהער. און מיט דעם טוען מיר באַפֿעלן אַלע ייִדן, מענער און פֿרויען פֿון אַלע עלטערס, וואָס וווינען אין אונדזערע מדינות, אַז ניט שפּעטער פֿון סוף יולי דאָס יאָר זאָלן זיי אַוועקגיין פֿון אונדזערע קיניגלעכע מדינות און סעניאָריעס מיט די זין און טעכטער, מיטן הויזגעזינד און באַדינערס וואָס זײַנען ייִדן, און אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו קומען אַהער צוריק, ניט צום וווינען, ניט צום דורכפֿאָרן, ניט צוליב עפּעס אַנדערש. אויב זיי וועלן ניט אויספֿירן אָט דעם באַפֿעל, און מען וועט זיי געפֿינען אין אונדזערע מדינות, זאָל מען זיי באַשטראָפֿן מיט טויטשטראָף און קאָנפֿיסקירן זייער אייגנס, אָן שום משפּט. מיר טוען באַפֿעלן, אַז פֿון סוף יולי אָן זאָל קיין איין מענטש אין אונדזער קיניגרײַך ניט דערוועגן זיך צו האַלטן בײַ זיך אָפֿן אָדער בשתיקה אַ ייִדישן מאַנצביל אָדער אַ ייִדישע פֿרוי, אונטער שטראָף צו פֿאַרלירן זײַן גאַנץ אייגנס, וואָס דאַרף אַרײַנקומען אין אונדזער קאַסע. בכדי די ייִדן זאָלן קאָנען אין משך פֿון דער געבליבענער צײַט פֿאַרענדיקן זייערע געשעפֿטן און פֿאַרזאָרגן זייער אייגנס, נעמען מיר זיי אונטער אונדזער קיניגלעכן שוץ און פֿאַרזיכערן זיי די אומבאַרירלעכקייט פֿון פּערזאָן און אייגנטום, אַזוי אַז ביז סוף יולי מעגן זיי לעבן רויִק, פֿאַרקויפֿן, בײַטן, אַוועקשענקען זייערע מטלטלין און נחלאות לויט זייער פֿאַרלאַנג נאָך. מיר דערלויבן זיי אויך אַוועקצופֿירן זייער אייגנס מיטן ים און מיט דער יבשה, חוץ גאָלד, זילבער, געלט און מטבעות און אַנדערע זאַכן, וואָס עס איז פֿאַרבאָטן אַרויסצופֿירן זיי לויטן געזעץ פֿון אונדזערע קיניגרײַכן".

דורך אָט דעם עדיקט איז באַשטימט געוואָרן דער גזר־דין אויף הונדערטער טויזנטער ייִדן, און צו גלײַך איז באַשלאָסן געוואָרן דער גורל פֿון אַ גרויסן היסטאָרישן צענטער פֿון דער נאַציע. ווי די ייִדן זײַנען ניט געווען צוגעגרייט צו אָט דעם אַקט, זײַנען זיי פֿאָרט געווען ווי באַטויבט, ווען ער האָט זיך באַוויזן בפּועל ממש. ר׳ יצחק אַברבנאל איז תּיכּף צוזאַמען מיט ר׳ אַבֿרהם סעניאָר אַוועק אין הויף אַרײַן און געבעטן רחמים דאָס קיניגלעכע פּאָר־פֿאָלק אָפּצושאַפֿן דעם פֿאַטאַלן עדיקט. היות ווי די ייִדישע דעפּוטאַטן האָבן געוווסט, אַז דעם קיניג אינטערעסירן אין אָט דעם גאַנצן ענין געלטגעשעפֿטן, האָבן זיי אים אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע געלט (מען האָט אָנגערופֿן די סומע פֿון דרײַסיק טויזנט דוקאַטן), אויב ער וועט אָפּשאַפֿן דעם עדיקט. פֿערדינאַנד, וואָס אים איז דער אָנבאָט געווען צום האַרצן, איז שוין כּמעט געווען גרייט נאָכצוגעבן די בקשות פֿון די ייִדן. דעמאָלט איז, וועדליג מען דערציילט, אַרײַנגעלאָפֿן אין פּאַלאַץ דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ, מיט אַ צלם אין האַנט, און האָט אויסגעשריִען געווענדט

www.hbtool.com.cn

צום קיניגלעכן פּאָר־פּאָלק: „יהודה איש־קריות האָט פֿאַרקויפֿט קריסטוסן פֿאַר דרײַסיק שטיקער זילבער, און איר ווילט אים פֿאַרקויפֿן פֿאַר דרײַסיק טויזנט! אָט איז ער, נעמט און פֿאַרקויפֿט אים!" און מיט די ווערטער האָט טאָרקוועמאַדאַ אַנידערגעלייגט דעם צלם און איז האַסטיק אַרויס פֿון פּאַלאַץ. די דאָזיקע סצענע האָט געמאַכט אַ צעטרייסלענדיקן אײַנדרוק, בפֿרט אויף דער קיניגין איזאַבעלאַ. די ייִדישע דעפּוטאַטן האָבן געקראָגן אַן אָפּזאָג. סוף אַפּריל האָבן אויסרופֿערס אָנגעזאָגט אין גאַנצן לאַנד, אַז די ייִדן ווערט געגעבן אַ צײַט פֿון דרײַ חדשים אויף צו ליקווידירן זייערע געשעפֿטן און אָפּצופֿאָרן פֿון שפּאַניע, און ווער עס וועט בלײַבן אויף דער שפּאַנישער טעריטאָריע נאָך אָט דעם טערמין, איז חייבֿ מיתה, אָדער ער מוז זיך שמדן.

עס איז אָנגעשטאַנען דער טראַגישער מאָמענט. הונדערטער, טויזנטער מענטשן איז באַפֿוילן געוואָרן מיט אַ מאָל צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געוווינט נאָך אין די צײַטן פֿון דער רוימישער אימפּעריע, איידער דער קריסטנטום האָט זיך דאָרט פֿאַרשפּרייט, ווו זיי האָבן אין משך פֿון אַ לאַנגער ריי יאָרהונדערטער, אונטער דער אַראַבישער און אונטער דער קריסטלעכער ממשלה, געשאַפֿן דיווירטשאַפֿטלעכע און גײַסטיקע קולטור פֿון לאַנד און האָבן אויסגעבויט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן צענטער, דעם דריטן העגעמאָנישן צענטער לויט זײַן באַטײַט נאָך ארץ־ישׂראל און בבֿל. די צעשיידונג מיטן היימלאַנד איז נאָך געווען פֿאַרבונדן מיט אַ פֿולן מאַטעריעלן דלות און חורבן. אויף צו פֿאַרקויפֿן דעם אייגנטום און צו פֿאַרענדיקן די געשעפֿטן איז די פֿאַרטריבענע געגעבן געוואָרן אַזאַ קורצער טערמין, אַז וועגן אַ נאָרמאַלער ליקווידירונג האָט גאָר ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. די ערד־נחלאות האָבן ייִדן פֿאַרקויפֿט בחצי חינם. אַ פֿײַן געבויט הויז האָט מען אויסגעביטן אויף אַן אייזל, אַ גוט געאָרדנטן ווײַנגאָרטן אויף אייניקע מעטער געוואַנט, אַ גרויסער טייל פֿון די הײַזער איז סתם געבליבן ניט פֿאַרקויפֿט. און בכלל איז ניט כדאַי געווען צו פֿאַרקויפֿן, מחמת געלט אין מטבעות האָט מען ניט געטאָרט אַרויספֿירן, און פּאַפּירגעלט האָט ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט אין אויסלאַנד. און דערווײַל האָבן די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן, וואָס האָבן געזען דעם יאוש פֿון די פֿאַרטריבענע, געפֿירט מיט אימפּעט זייער פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבן צוגערעדט די אומגליקלעכע אָנצונעמען די קאַטוילישע אמונה, און אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פֿון דלות און נע־ונד. נאָר ווינציק מענטשן האָבן זיך געקוואַפּעט אויף די זיסע רייד פֿון די מיסיאָנערן. צווישן אַנדערע האָט זיך געשמדט דער הויף־ראַבינער, דער פֿיסקאַל אַבֿרהם סעניאָר מיט זײַן משפּחה, וואָס דאָס איז געווען אַ גרויסע שׂמחה פֿאַרן הויף; דער קיניג מיט דער קיניגין גופֿא זײַנען געווען קוואַטערס פֿון די געשמדטע.

www.libtol.com.cn

עס האָט זיך אָנגעהויבן יציאת־ספֿרד. דער עלטסטער רבֿ, רבי יצחק אַבוהבֿ פֿון טאָלעדאָ, מיט נאָך דרײַסיק פֿאָרשטייערס פֿון קאַסטילישע קהילות זײַנען אַוועק קיין פּאָרטוגאַל, בכדי זיך משתדל צו זײַן דאָרט, מען זאָל אַרײַנלאָזן אַהין די פֿאַרטריבענע. איינציקע גרופּעס עמיגראַנטן זײַנען אַוועק נאָך פֿאַרן טערמין. אָבער די הויפּטמאַסע פֿון די פֿאַרטריבענע האָט זיך דערוואַרט ביזן לעצטן טערמין, וואָס איז געוואָרן אָפּגעלייגט נאָך אויף צוויי טעג, ביזן 2טן אויגוסט 1492. עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז די דאָזיקע טעג זײַנען געפֿאַלן אויף די ערשטע נײַן טעג פֿון חודש אָבֿ, די טעג פֿון דעם נאַציאָנאַלן טרויער. אין יענע טעג האָבן פֿאַרלאָזן זייער היים ניט ווינציקער פֿון צוויי מאָל הונדערט טויזנט נפֿשות, [1] נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די קבֿרים פֿון זייערע אָבֿות. אין משך פֿון דרײַ טעג פֿאַרן אָפּפֿאָר זײַנען טויזנטער פֿאַרטריבענע געלעגן אויף די טײַערע קבֿרים און באַנעצט זיי מיט זייערע טרערן. אַפֿילו טייל קריסטן האָבן אָן רירונג ניט געקאָנט צוזען די דאָזיקע סצענעס פֿון געזעגענען זיך מיט פֿאַרשטאָרבענע. אַ סך פֿאַרטריבענע האָבן מיטגענומען מיט זיך מצבֿות צום אָנדענק אָדער האָבן זיי אָפּגעגעבן צו היטן זייערע ברידער די מאַראַנען, וואָס זיי האָבן זיי איבערגעלאָזט מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן אין לאַנד פֿון דער אינקוויזיציע.

די פֿאַרטריבענע זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין פֿאַרשיידענע זײַטן. אַן ערך אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער מאַסע זײַנען אַריבער אין דער שכנישער פּאָרטוגאַל, אַ קליינע גרופּע איז אַוועק קיין נאַוואַרע, און די איבעריקע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין צפֿון־אַפֿריקע, טערקײַ און איטאַליע. ר׳ יצחק אַבֿרבנאל האָט בראָש פֿון אַ גרופּע עמיגראַנטן זיך אַריבערגעקליבן קיין נעאַפּאָל. צרות אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף די וואָס האָבן זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג אַרײַן: הונגער, קרענק און טויט האָבן באַגלייט די וואָגלערס.

שפּאַניע האָט פֿאַרטריבן הונדערטער טויזנטער האָרעפּאַשנע און קולטור־רעלע ייִדישע בירגער. אין גיכן האָט די אינקוויזיציע זיך גענומען אויך פֿאַר די מוירן און זיי אויך געגעבן די ברירה: גירוש אָדער שמד (אַ סך מוירן, וואָס האָבן זיך געלאָזט שמדן, האָבן בשתיקה געהאַלטן דעם איסלאַם; מען האָט זיי גערופֿן „מאָריסקעס“, און זייער מצבֿ איז געווען דער זעלביקער

1 פֿאַרשיידענע כראָניסטן און היסטאָריקער חשבונען אויס אויף אַ פֿאַרשיידענעם אופֿן די צאָל פֿאַרטריבענע. פֿאַר דער נאָענטסטער צו דער ווירקלעכקייט באַדאַרף מען רעכענען די צאָל, וואָס עס האָט אויסגערעכנט איסידאָר לעב אויפֿן סמך פֿון קאָמפּליצירטע חשבונות (אַן ערך 200.000). די דאָזיקע צאָל באַדאַרף מען ניט האַלטן פֿאַר צו קליין, ווען מען האָט אין זינען, אַז אין שפּאַניע זײַנען נאָך פֿאַרבליבן אַן ערך די זעלביקע צאָל מאַראַנען, וואָס אַ סך פֿון זיי זײַנען שפּעטער אַנטלאָפֿן.

www.libtool.com.cn

ווי פֿון די מאַראַנען). דורך דעם האָט שפּאַניע אײַנגעפֿירט בײַ זיך די אייגנהייט פֿון רעליגיע, אָבער צו גלײַך געמאַכט דעם אָנהייב פֿון איר עקאָ־נאָמישער און קולטורעלער ירידה. אין דער פּערזאָן פֿון די ייִדן האָט זי אָנגעוואָרן איר אַקטיוון אינדוסטריעלן קלאַס, וואָס האָט מיטגעהאָלפֿן דער באַאַרבעטונג פֿון די נאַטירלעכע רײַכטימער פֿון לאַנד. די מאַראַנען וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין לאַנד האָבן ווײַטער געפֿירט די עקאָנאָמישע טעטיקייט פֿון די ייִדן, און אין דעם יאָרהונדערט נאָך דעם האָבן זיי אַנטוויקלט אַ ברייטן האַנדל מיט די נײַע שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע, וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט. דערמיט איז געראָטן צו פֿאַרהאַלטן אויף אַ שטיק צײַט דעם פּראָצעס פֿון דערווירטשאַפֿטלעכער ירידה פֿון שפּאַניע, נאָר אין 16טן י״ה האָבן די מאַראַנען אַלץ מער גענומען לויפֿן פֿון דעם לאַנד פֿון דער אינקוויזיציע, און דאָס האָט פֿאַרענדיקט דעם קלאַפּ וואָס עס האָט געגעבן דעם ווילשטאַנד פֿון שפּאַניע דער גירוש פֿון ייִדן. בהדרגה איז די „גרויסע״ שפּאַנישע מלוכה געגאַנגען צו דעגענעראַציע. דאָס פֿאָלק, אויסגעהאָדעוועט דורך די בלוטיקע בילדער פֿון די אויטאָ־דאַ־פֿעס, איז געוואָרן פֿאַרווילדערט, די מידות זײַנען געוואָרן פֿאַרגרעבט, אײַנגלייבעניש און פֿינצטערער פֿאַנאַטיזם האָבן פֿאַרשטיקט דעם געזונטן קערן פֿון דער רעליגיע. דאָס בליִענדיקע לאַנד פֿון דעם אַראַביש־ייִדישן רענעסאַנס איז געוואָרן אַ טויט לאַנד פֿון מאָנאַכן.

## § 57. דער גירוש פֿון פּאָרטוגאַל (1492–98)

אַן ערך אַ העלפֿט פֿון די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע זײַנען אַריבער אין דער שכנישער פּאָרטוגאַל. אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס האָט אַנומלט אויפֿ־גענומען די קרבנות פֿון דער גזרה פֿון 1391, האָבן זיי געהאָפֿט צו געפֿינען כאָטש אַ מקום מקלט אויף אַ ווײַל.[1] ווען צום קיניג פֿון פּאָרטוגאַל כואַן II האָט זיך געווענדט די דעפּוטאַציע פֿון די קאַסטילישע קהילות בראָש מיטן טאָלעדער רבֿ ר׳ יצחק אַבוהב און געבעטן בײַ אים, ער זאָל אַרײַנלאָזן די פֿאַרטריבענע, האָט דער קיניג מסכים געווען, אמת ניט מחמת הומאַניטאַרע מאָטיוון, נאָר ווײַל ער האָט געהאָפֿט צו האָבן דערפֿון ריווח. נאָך אַ ייִשובֿ־הדעת מיט די גראַנדן האָט ער געמאָלדן, אַז ער איז גרייט אַרײַנצולאָזן די

1 דרײַ יאָר פֿאַרן גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע און צען יאָר פֿאַרן גירוש פּאָרטוגאַל האָט די גרויסע ייִדישע קהילה פֿון ליסאַבאָן געהאַלטן איר מצבֿ פֿאַר אַזוי פֿעסט, אַז זי האָט זיך באַזאָרגט מיט אַן אייגענער דרוקערײַ, איינע פֿון די ערשטע דרוקערײַען נאָך דעם אויס־געפֿינס פֿון בוכדרוק. פֿון 1489 ביז 1492 האָט די דאָזיקע דרוקערײַ אַרויסגעלאָזט עטלעכע גרויסע ספֿרים (תּנך מיט פּירושים א״אַ).

www.hbtool.com.cn

אויסוואַנדערערס קיין פּאָרטוגאַל אויף צו ווײַנען צײַטווײַליק, ניט מער ווי אויף אַכט חדשים, בתּנאַי אַז מען זאָל אים באַצאָלן אַ היפּשן קאָפּשטײַער (פֿון 8 ביז 100 גילדענע קרוזאַדעס, געוועגדט אָן דעם פֿאַרמעגן פֿון די עמיגראַנטן). די באַגרענעצונג פֿון דער צײַט פֿון דעם אויפֿהאַלט האָט אויך געשטימט מיט די אינטערעסן פֿון די אָרטיקע ייִדישע קהילות, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז אויב עס וועלן צוקומען צו פֿיל פּליטים פֿון שפּאַניע, וועלן זיי ענג מאַכן די פּאָרטוגעזישע ייִדן, און דורך דעם וועט ווערן שטאַרקער די שׂנאה צו זיי אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט, — און שפּעטער איז דאָס טאַקע אַזוי געשען. לענגער צו פֿאַרבלײַבן אין לאַנד איז געוואָרן דערלויבט נאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן געקאָנט באַצאָלן דעם שטײַער אין דער העכסטער מאָס, און בעלי-מלאָכות וואָס זײַנען געווען נייטיק פֿאַר דער מלוכה, באַזונדערס געווער-מײַסטערס. צו גלײַך האָט דער קיניג זיך מתחייב געווען צו געבן די עמיגראַנטן שיפֿן אויף צו פֿאָרן ווײַטער פֿאַר אַ מעסיקן געצאָלט. אַן ערך 100.000 פֿאַרטריבענע זײַנען אַריבער קיין פּאָרטוגאַל, אָבער זיי האָבן דאָרט אַפֿילו קיין צײַטווײַליקע מנוחה ניט געפֿונען.

דער קיניג פֿון פּאָרטוגאַל, וואָס האָט אַרײַנגעלאָזן די פֿאַרטריבענע צוליב געלט-אינטערעס, איז אין דער נשמה ניט געווען בעסער ווי פֿערדינאַנד דער קאַטויל. ייִדן האָט ער פֿײַנט געהאַט, הגם ער האָט אויסגענוצט די הילף פֿון ייִדישע אַסטראָנאָמען און געאָגראַפֿן צוליב די עקספּעדיציעס, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט און וואָס האָבן סוף-כּל-סוף געבראַכט צום אַנטדעקן אַ נײַעם ים-וועג קיין אינדיע (וואַסקאָ דע גאַמאַ). לויט דער פֿאָדערונג פֿון דעם פּויפּס אינאָקענטיוס VIII האָט ער באַשטימט אין פּאָרטוגאַל אַ קאָמיסיע פֿון אינקוויזיטאָרן אויף אויסצוגעפֿינען די מאַראַנען, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון שפּאַניע. דורכגעדרונגען מיט אַ קלעריקאַלן גײַסט, האָט כּוחאַן ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן לא די וואָס די צוגעקומענע ייִדן, נאָר אויך די אָרטיקע. אַ צופֿאַל האָט אים געהאָלפֿן פּטור צו ווערן אין גיכן פֿון ביידע.

אָנהייב 1493 האָט זיך צווישן די איבערוואַנדערערס, וואָס האָבן געלעבט אין דחקות און נויט, פֿאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע, וואָס האָט אומגעבראַכט טויזנטער קרבנות (פֿון דער עפּידעמיע איז געשטאָרבן אויך ר׳ יצחק אַבוהב). די פּאָרטוגעזן האָבן אָנגעהויבן אויפֿצוּוואַרפֿן דער רעגירונג, אַז זי האָט ניט געטאָן גוט, וואָס זי האָט אַרײַנגעלאָזט אין לאַנד די „פֿון גאָט פֿאַרשאָלטענע מענטשן". האָט מען אָנגעהויבן צו טרײַבן די עמיגראַנטן, זיי זאָלן וואָס גיכער אַוועקפֿאָרן, און מען האָט זיי לויטן קיניגס באַפֿעל געגעבן שיפֿן, זיי זאָלן קאָנען זיך אַריבערשיפֿן אין אַנדערע לענדער. די ערשטע פּאַרטיע וואָגלערס איז אָפּגעשוווּמען פֿון ליסאַבאָן אין אָפּאָרטאָ. אונטער וועגס זײַנען זיי אויסגעשטאַנען מוראדיקע צרות. אין די נאָענטסטע האַוונשטעט האָט מען זיי

www.hbtool.com.cn

ניט אַרײַנגעלאָזט, מחמת מען האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן ניט פֿאַרשלעפּן די עפּידעמיע, און די אומגליקלעכע האָבן עטלעכע חדשים אַרומגעוואָגלט איבער די ימים, איבערגעגעבנטפּערט דער מוטוויליקייט פֿון די בעלי־בתּים פֿון די שיפֿן און פֿון די קאַפּיטאַנען, וואָס זײַנען זיך באַגאַנגען מיט זיי ווי מיט שקלאַוון און האָבן צוגענומען בײַ זיי דאָס לעצטע ביסל אייגנס, און אַ מאָל אויך די ווײַבער און די טעכטער. איינע אַ וואָגלענדיקע שיף אַזאַ איז צוגעשווומען צום ברעג פֿון מאַלאַגע, נאָר דאָ האָט מען די עמיגראַנטן ניט אַראָפּגעלאָזט אויף דער יבשה, מחמת זי געהער צו דער שפּאַנישער טעריטאָריע. דערפֿאַר אָבער פֿלעגן, לויטן באַפֿעל פֿון דעם אָרטיקן ביסקופּ, אַלע טאָג קומען אויפֿן שיף קאַטוילישע גײַסטלעכע און פֿלעגן פֿאַר די וואָגלערס פּריי־דיקן קריסטנטום. נאָר ווען די דרשות האָבן ניט געווירקט, האָט דער ביסקופּ פֿאָרגעלייגט דעם קאַפּיטאַן פֿון שיף, ער זאָל די פּאַסאַזשירן ניט געבן צו עסן, בכדי אײַנצונעמען זיי פֿאַר דער קירך דורך עינויים פֿון הונגער. פֿינף טעג האָט מען די מענטשן געפּײַניקט מיט הונגער, און די גלחים האָבן אַלע טאָג געטענעט: „ווער עס וויל לעבן, זאָל זיך שמדן". הונדערט מאַן זײַנען ניט בײַגעשטאַנען דעם נסיון און האָבן זיך געשמדט, אָבער 50 מענטשן זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער און האָבן ניט געוואָלט אָננעמען דאָס „גײַסטיקע ברויט" פֿון דער קירך. דער ליבהאַרציקער ביסקופּ איז געווען צופֿרידן געשטעלט דורך אָט דער העקאַטאָמבע און האָט די לעבן געבליבענע יידן אָפּגעזאָגט, און זיי זײַנען אָפּגעשווומען צום אַפֿריקאַנער ברעג און האָבן זיך באַזעצט אין פֿעס.[1]

ניט בעסער איז געווען דער גורל פֿון די וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין פּאָרטוגאַל איבער דעם אײַנגעשטעלטן טערמין, מחמת זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט אויף צו פֿאָרן אָדער איבער אַנדערע סיבות. יענע וואָס זײַנען ניט געווען בכּוח צו באַצאָלן דעם גרויסן קאָפּשטײַער זײַנען געוואָרן דער־קלערט פֿאַרן קיניגס לײַב־אייגענע. די פּאָרטוגעזישע הויף־שׂררות האָבן צווישן זיך צעטיילט דעם דאָזיקן לעבעדיקן זאַקרויב: איטלעכער האָט זיך צוגענומען יענע יידישע מענער און פֿרויען, וואָס זײַנען אים געפֿעלן געוואָרן. בײַ די געפֿאַנגענע האָט מען צוגענומען די קליינע קינדער און אַוועקגעשיקט אויף די נײַ אַנטדעקטע וויסטע אינדזלען סאַן־טאָמאַס, ווו זיי האָבן באַדאַרפֿט זיך האָדעווען אין דער קריסטלעכער אמונה. ווען מען האָט די קינדער גענומען אַוועקפֿירן, האָבן אַ סך מאַמעס געכאַפּט זייערע קינדער און זײַנען

1 דעם דאָזיקן עפּיזאָד דערציילט איינער פֿון די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע דער מקובל ר' יהודה חייט, וואָס איז אַליין געווען צווישן די פּאַסאַזשירן און זײַן פֿרוי איז געשטאָרבן אויף דער שיף פֿון הונגער און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שמדן זיך (זע די הקדמה צו חייטס ספֿר „מנחת יהודה").

www.libtool.com.cn

מיט זיי געשפּרונגען אין ים אַרײַן. אויף די אַפֿריקאַנישע אינדזלען, וואָס זײַנען געווען באַשטימט אויף צו פֿאַרשיקן פֿאַרברעכערס, זײַנען די קינדער אומגעקומען פֿון דעם אומגעוויינטן קלימאַט, פֿון גיפֿטיקע שלאַנגען און סקאָרפּיאָנען.

ווען קיניג כואַן איז געשטאָרבן און די ממשלה איז אַריבער צו זײַן יורש עמאַנועל (סוף 1495), האָבן יידן געזומען האָפֿן, אַז זייערע יסורים וועלן ווערן גרינגער. קיניג עמאַנועל האָט צוריקגעגעבן די פֿרײַהייט די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע וואָס זײַנען געוואָרן געמאַכט פֿאַר שקלאַוון און האָט צוגעזאָגט זיי צו באַשיצן. עס קאָן זײַן, אַז דאָס האָט אים אויף געווירקט זײַן הויף-אַסטראָלאָג, דער באַוווסטער מאַטעמאַטיקער אַבֿרהם זכותא (דער מחבר פֿון דער כראָניק „יוחסין“), וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן פֿון שפּאַניע קיין ליסאַבאָן. נאָר אַ פֿאַמיליע-פּאָליטישע אינטריגע האָט אין גיכן גורם געווען אויף איבערצובײַטן די באַציִונג פֿון דעם קיניג פֿון פּאָרטוגאַל צו יידן. עמאַנועל האָט געהאַט חשק צו טון אַ שידוך מיט דער עלטסטער שפּאַנישער אינפֿאַנטין, דער טאָכטער פֿון פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ, מחמת ער האָט געהאָפֿט, אַז ווען דאָס קיניגלעכע פּאָר-פֿאָלק וועט שטאַרבן, וועט ער אָפּירשענען די שפּאַנישע קרוין. פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ זײַנען באַשטאַנען אויף דעם שידוך, נאָר צווישן די תנאים האָבן זיי געשטעלט אויך דעם תנאַי, אַז פּאָרטוגאַל מוז אויך ווערן אָפּגערייניקט פֿון יידן, פּונקט ווי די פֿאַרבינדעטע שפּאַניע. די כּלה גופֿא (איזאַבעלאַ די יינגערע) האָט אויך דערקלערט, אַז נאָר מיט דעם תנאַי וועט זי אַרויפֿטרעטן אויף דער פּאָרטוגעזישער ערד. האָט עמאַנועל אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע אויפֿן מלוכה-ראַט, און דאָרט האָבן זיך די שטימען צעטיילט. טייל גראַנדן האָבן באַוויזן, אַז אַ פֿולער גירוש פֿון יידן וועט בדלות שטעלן פּאָרטוגאַל און פֿאַרשטאַרקן די שכנישע מוסלימישע מלוכות פֿון אַפֿריקע, וואָס אַהין וועלן זיי זיך אַריבערקלײַבן; אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז פֿון דעם גירוש פֿון די יידן וועט געווינען די ריינקייט פֿון דער אמונה, דערבײַ האָבן זיי זיך פֿאַררופֿן אויפֿן בײַשפּיל פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און שפּאַניע. דער קיניג האָט מסכּים געווען מיט אָט דער לעצטער מיינונג, ווײַל ער האָט געהאַט אויך זײַן פֿערזענלעכן מאָטיוו: ער האָט ניט געוואָלט מקריבֿ זײַן צוליב יידן זײַנע דינאַסטישע פּלענער. דער חתונה-קאָנטראַקט צווישן עמאַנועלן און דער שפּאַנישער אינפֿאַנטין איז געוואָרן אונטערגעשריבן, און פֿאַר איינס איז אויך געחתמעט געוואָרן דער גורל פֿון די יידן. דעם 25טן דעצעמבער 1496 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל, אַז אַלע יידן, סײַ די אָרטיקע סײַ די וואָס זײַנען געקומען פֿון שפּאַניע, מוזן אַרויספֿאָרן פֿון פּאָרטוגאַל אין משך פֿון צען חדשים, ביז סוף אָקטאָבער 1497, אַניט פֿאַרלירן זיי זייער פֿאַרמעגן און זייער לעבן. פּונקט ווי אין דעם עדיקט פֿון פֿערדינאַנד

www.libtool.com.cn

דעם קאַטויל, איז אין אָט דעם באַפֿעל אַרויסגעשטעלט אײנציק און אַלײן דער רעליגיעזער מאָטיוו: „די ייִדן זײַנען אײַנגעשפּאַרט אין דער שׂנאה צו דער הײליקער קאַטוילישער אמונה, טוען אָפּ פֿאַרברעכנס קעגן דער אמונה און פֿירן אַראָפּ קריסטן פֿון דעם ריכטיקן וועג".

קיניג עמאַנועל האָט ניט אָן אַ כּוונה געגעבן די ייִדן אַזאַ לאַנגן טערמין אויף אַרויסצופֿאָרן: ער האָט געהאָפֿט, אַז אין משך פֿון אָט דער צײַט וועט זיך אים אײַנגעבן, אויסנוצנדיק די קריטישע לאַגע פֿון די אַרויסגעשיקטע, צו פּועלן בײַ זײ, זײ זאָלן זיך שמדן, און אַזוי אַרום וועט ער אָפּראַטעווען פֿאַר דער מלוכה אָט די פֿעיִקע און נוציקע באַפֿעלקערונג. אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז ער האָט מיט זײַנע חשבונות אויף אַ פֿרײַוויליקן שמד ניט געטראָפֿן, איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ שרעקלעכער געדאַנק: אָפּצושמדן איבער געוואַלד די קינדער פֿון די עמיגראַנטן. אומזיסט האָבן דעם קיניג געוואָרנט קעגן אַזאַ רציחה אַ סך מיטגלידער פֿון דעם מלוכה־ראַט און באַזונדערס דער ביסקופּ קוטינאָ, אַ זעלטענער אויסנאַם אין דער שוואַרצער מחנה פֿון די קלעריקאַלן. דעם קיניגס פּלאַן האָבן אונטערגעהאַלטן אַנדערע (צווישן זײ, זאָגט מען, איז געווען דער געשמדטער לײַבדאָקטאָר אַנטאָניאָ, וואָס האָט פֿריִער געהײסן לוי בן שם־טובֿ). האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל בײַ די ייִדישע עלטערן צונעמען די קינדער, ייִנגלעך און מײדלעך, אין עלטער פֿון 4 ביז 20 יאָר, און אָפּשמדן זײ אין די פּאַסכע־טעג פֿון יאָר 1497. ווען די ייִדן אין ליסאַבאָן, עוואָראַ און אַנדערע ערטער זײַנען וועגן דעם געוואָר געוואָרן, האָבן זײ באַלד גענומען זיך גרײטן אין וועג אַרײַן, כּדי אַוועקצופֿאָרן פֿון פּאָרטוגאַל נאָך פֿאַר פּאַסכע. נאָר דער קיניג פֿון זײַן זײַט האָט זיך אויך געאײַלט, און דער געפּלאַנטער פֿאַרברעך איז אָפּגעטאָן געוואָרן (19טן מאַרץ). עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מאוימדיקע סצענעס. מען האָט אַרויסגעריסן קינדער פֿון די אָרעמס פֿון פֿאָטער און מוטער און געשלעפּט זײ אין קירך אַרײַן. „איך האָב געזען, — דערצײלט דער ביסקופּ קוטינאָ, — ווי מען האָט געשלעפּט פֿאַר די האָר צום טויפֿבעקן, ווי אַ פֿאָטער, צעשמעטערט פֿון צער האָט באַלײטנדיק דעם זון פּראָטעסטירט און גערופֿן גאָט פֿאַר אַן עדות, אַז זײ ווילן שטאַרבן צוזאַמען אין משהס רעליגיע. איך האָב געזען נאָך אַ סך זאַכן, וואָס מען האָט צעטאָן איבער זײ, ניט אויסצודריקן ווי שרעקלעך". אײניקע עלטערן האָבן דערהרגעט די קינדער און זיך אַלײן אָדער פֿלעגן זיך אַרײַנוואַרפֿן צוזאַמען מיט זײ אין ים אַרײַן, אַ סך ווידער האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק וועגן צעשײדן זיך מיט די אָפּגעשמדטע קינדער און האָבן אַלײן זיך געשמדט צוליב זײ. די דאָזיקע נײַע אַנוסים, מחמת זײ האָבן מורא געהאַט פֿאַר דער פּויפּסלעכער אינקוויזיציע, האָבן באַלד געשיקט אַ דעפּוטאַציע קײן רוים צום פּויפּס אַלכּסנדר VI מיט

www.libtool.com.cn
דער בקשה, ער זאָל אָפּהאַלטן דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל און די אינקוויזיטאָרן פון רדיפות קעגן די נייַע משומדים. די פּויפּסלעכע קוריע האָט די דאָזיקע בקשה אויסגעפּאָלגט – קענטיק אונטער דער ווירקונג פון אַ סאָלידער געלט־נתינה. דער קיניג עמאַנועל, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַרלירן די ייִדן, זאָל זײַן אַפילו פאַרשטעלטע, האָט גערן מסכים געווען אויף הנחות. אין אַ דעקרעט פון 30טן מײַ 1497 האָט ער געמאָלדן, אַז די „נײַע קריסטן" ווערן אויף 20 יאָר באַפרײַט פון דער השגחה פון דער אינקוויזיציע און טאָרן ניט ווערן געמשפּט פאַר האַלטן ייִדישקייט בשתיקה, אָבער נאָך דעם ווי דער טערמין וועט אַריבערגיין, וועלן די וואָס מען וועט זיי אויספּווײַזן, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין כּפירה, באַשטראָפט ווערן מיט קאָנפיסקירן זייער אייגנס פאַר דער קרוין, אַזוי ווי אין שפּאַניע. אַזוי אַרום האָבן די נײַע קנעכט פון דער קירך פאַקטיש געקראָגן די מיגלעכקייט בשתיקה צו האַלטן ייִדישקייט אין משך פון די גאַנצטסטע יאָרן. דורך געבן אַזעלכע הנחות די נײַע משומדים האָט דער קיניג געהאָפט צוצוציִען צו דער קירך נײַע נשמות צווישן די ייִדישע מאַסן, וואָס האָבן זיך געגרייט צום אויסוואַנדערן.

האַרבסט 1497 איז אָנגעשטאַנען דער לעצטער טערמין אויסצוּוואַנדערן פאַר די עמיגראַנטן וואָס זײַנען פאַרבליבן ייִדן. אין דעם האַוון פון ליסאַבאָן האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ צוואַנציק טויזנט מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם מקום־מקלט וואָס איז געוואָרן פאַר זיי אַ פאַסטקע. נאָר מען האָט אַלץ אָפּגעשלעפּט דאָס אַרויספאָרן די עמיגראַנטן אויף די שיפן און פאַרהאַלטן זיי, ביז עס איז אַריבער דער לעצטער טערמין (אָקטאָבער), און דעמאָלט האָט מען זיי געמאָלדן, אַז היות ווי זיי זײַנען ניט אַוועקגעפאָרן צום טערמין, גייען זיי אַריבער אין רשות פון קיניג, וואָס האָט די מאַכט צו טון מיט זיי וואָס ער וויל. האָט מען אַלע עמיגראַנטן אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ און געשיקט אַהין אַלע טאָג מיסיאָנערן, וואָס האָבן זיי צוגערעדט צו שמדן זיך; די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט האָט מען ניט געגעבן צו עסן און צו טרינקען. ווען אָט די אַלע מיטלען און גענג האָבן ניט געהאָלפן, האָט מען געהייסן שלעפּן די אײַנגעשפּאַרטע אין קירך אַרײַן איבער געוואַלד. זעלנערס האָבן זיי געשלעפּט מיט שטריק אָדער פאַר די האָר און פאַר די בערד. אַ סך האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די הענט פון די פּײַניקער, פלעגן אַרײַנשפּרינגען אין ברונעמער אָדער אַראָפּשפּרינגען פון די דעכער פון הײַזער, אַנדערע פלעגן מיט אַ כּיוון לעסטערן קריסטוס און די קירכלעכע הייליקטימער, בכדי צו צערייצן די רוצחים, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער זיי דערהרגענען. אָבער מען האָט די זעלנערס אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל ניט קוקן אויף די גאָט־לעסטערונגען פון די ייִדן, און „דעמאָלט – זאָגט דער ייִדישער כראָניסט, – האָבן די געפּײַניקטע דערזען, אַז אַפילו דער וועג צום

www.libtool.com.cn

טויט איז פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט". אין אַזאַ מצבֿ האָבן אַ סך לפֿנים וועגן אָנגענומען קריסטנטום; צווישן זיי זײַנען געווען מענטשן, וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן באַרימטע רבנים אין די לענדער, וואָס עס האָט זיי אָפּגעגליקט צו אַנטלויפֿן אַהין. דער דערמאָנטער דעקרעט פֿון 30טן מײַ וועגן באַפֿרײַען די נײַע משומדים פֿון דער השגחה פֿון דער אינקוויזיציע האָט געגעבן דער גרופּע פֿון די נײַע אַנוסים די מיגלעכקייט זיך צו האַלטן ביז צו בעסערע צײַטן.

דערווײַל האָבן די ווילדע אָנפֿאַלן פֿון דער קאַטוילישער רציחה אין פּאָרטוגאַל גענומען שטילער ווערן. אַז דער קיניג עמאַנועל האָט אײַנגעזען, אַז אָפּשמדן אַלע ייִדן איז איבער זײַנע כּוחות, האָט ער זיי דערלויבט אַוועקצופֿאָרן. דער דאָזיקער אַוועקפֿאָר האָט געדויערט אין משך פֿון גאַנצן יאָר 1498. אַזוי אַרום האָט אויך פּאָרטוגאַל פֿאַרענטפֿערט איר „ייִדישע פֿראַגע", אַזוי ווי שפּאַניע. אָבער דורכן איבער געוואַלד אָפּשמדן אַ סך טויזנטער ייִדן האָט זי געשאַפֿן בײַ זיך די „מאַראַנישע פֿראַגע", וואָס אויף צו פֿאַרענטפֿערן זי וועלן נאָך צוויי יאָרהונדערטער האַרעווען אינקוויזיטאָרן אין דער פֿינצטער פֿון די תּפֿיסה־קעלערן און בײַ די פֿלאַקערנדיקע שײַטער־הויפֿנס פֿון דעם אויטאָ־דאַ־פֿע.

די צרות פֿון די פֿאַרטריבענע האָבן זיך ניט געענדיקט אויך מחוץ די גרענעצן פֿון פּאָרטוגאַל. פֿאַר צענדליגער טויזנטער מענטשן איז ניט געווען גרינג צו געפֿינען אַ מקום־מנוחה. גאַנצע חדשים זײַנען די וואָגלערס אַרומגעשווימען איבער די ימים צווישן די האַוונס פֿון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, אַפֿריקע, איטאַליע און טערקײַ ניט ווינציק זײַנען אומגעקומען אונטער וועגס פֿון הונגער, דחקות און קרענק; אייניקע שיפֿן האָבן פֿאַרכאַפּט ים־רויבערס, וואָס האָבן גענומען געפֿאַנגען די פּאַסאַזשירן און פֿאַרקויפֿט זיי פֿאַר שקלאַוון. ווען די עמיגראַנטן זײַנען שוין אַראָפּגעגאַנגען ווו עס איז אויף דער יבשה, האָבן זיי אויך ניט שטענדיק געקאָנט זיך אײַנלעבן אין נײַעם לאַנד; ניט זעלטן האָט מען זיי געטריבן ווײַטער אָדער שטאַרק צוגעדריקט, אַזוי אַז זיי זײַנען געווען געצווונגען צו זוכן זיך אַ נײַעם מקום־מקלט. אַזוי איז געווען אין עטלעכע האַוונשטעט פֿון איטאַליע, אין טוניס און אַלזשיר. אַ מקום־מנוחה מיט אַן אמת האָבן די פֿאַרטריבענע געפֿונען נאָר אין טערקײַ, וואָס האָט זיך קורץ פֿאַר דעם געהאַט אײַנגעפֿעסטיקט אויף די חורבֿות פֿון ביזאַנץ.

אין דעם זעלביקן יאָר 1498 האָבן די ייִדישע פֿאַרטריבענע פֿון שפּאַניע געמוזט נאָך פֿאַרלאָזן זייער דערווײַליקן מקום־מקלט אין נ אַ וו אַ ר ע. אין דעם דאָזיקן קליינעם קיניגרײַך זײַנען אין יאָר 1492 אַוועק פֿאַרטריבענע פֿון דער שכנישער אַראַגאָניע, דער עיקר פֿון סאַראַגאָסע. דער קיניג פֿון נאַוואַרע איז געווען נוטה אַרײַנצולאָזן די אויסוואַנדערער, נאָר די מאַגיסטראַטן פֿון די שטעט טודעלאַ און טאַפֿאַלאָ האָבן זיך צונויפֿגערעדט ניט אַרײַנצולאָזן

www.libtool.com.cn

קיין ייִדן. און אין גיכן, ווען דער קיניג פּערדינאַנד האָט פֿאַראייניקט באַוואַרע מיט זײַנע מדינות, האָט ער אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג, אַז מען זאָל אַרויסזעצן די פֿאַרטריבענע וואָס זײַנען געווען אַרײַנגעקומען אַהין. דער באַוואַרער וואַסאַל איז געווען געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן, און מען האָט ייִדן געשטעלט די ברירה: אַוועקצוגיין פֿון לאַנד אָדער זיך צו שמדן. אַ סך האָבן מחמת יאוש זיך געשמדט און דורך דעם אַוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין פֿאַר אַ קאָלאָניע פֿון מאַראַנען אין באַוואַרע (אין טודעלאַ זײַנען נאָך אין 16טן י״ה געווען אַ סך נײַע קריסטן). די איבעריקע האָבן גענומען זייער וואַנדערשטעקן און געלאָזט זיך גיין ווײַטער.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל V

# ייִדן אין איטאַליע אין XIV און XV יאָרהונדערט

### § 58. די רוימישע קהילה (14טער – 15טער י"ה)

זינט דעם 14טן י"ה ווערט איטאַליע אַ לאַנד פֿון אימיגראַציע פֿאַר דער גערודפֿטער דיִאַספּאָרע. אַלע גזרות פֿון יענער תּקופֿה האָבן אָנגעטריבן אַ גרעסערע אָדער קלענערע גרופּע וואָגלערס צו די איטאַליענישע ברעגעס. אַהין זײַנען געקומען פֿראַנצייזישע פֿאַרטריבענע פֿון די יאָרן 1306 און 1394, אייניקע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד נאָך די פּורעניות פֿון דעם שוואַרצן טויט, די צײַטווײַליקע פֿאַרטריבענע פֿון עסטרײַך 1421 און צו לעצט אַ טייל פֿון די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע. ניט שטענדיק האָבן די אײַנוואַנדערערס דאָ געפֿונען פֿולע רו, אָבער אין דעם אַלטן ייִשובֿ פֿון דער מערבֿדיקער דיִאַספּאָרע, ווו עס האָט אין דער נאַכט פֿון שפּעטן מיטל-עלטער אויפֿגעשײַנט דאָס ליכט פֿון דעם רענעסאַנס, האָט זיך נאָך געהאַט אײַנגעהאַלטן די pax romana, דער „רוימישער שלום" אין דער אייגנאַרטיקער געשטאַלט, וואָס עס האָבן אײַנ-געשטעלט די צעזאַרן פֿון דער קירך, און דאָס האָט געוויינטלעך געראַטעוועט ייִדן פֿון גרויסע קאַטאַסטראָפֿעס, הגם ניט פֿון טאָגטעגלעכן דרוק. די פּויפּס-לעכע רוים האָט ווי פֿריִער „טאָלערירט" די אַלטע ייִדישע קאָלאָניע אויפֿן ברעג פֿון טיבער און האָט אָפּגעהיט פֿון די עקסצעסן פֿון המון דאָס דאָזיקע בראָכשטיק פֿון אייביקן פֿאָלק אין דער „אייביקער שטאָט". די שטאָטישע רעפּובליקן און די קליינע פּירשטנטימער פֿון אייבער- און מיטל-איטאַליע האָבן אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ לגבי ייִדן, נאָר ווי ווײַט עס איז געלעגן אין זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, און די דרומדיקע קיניגרײַכן נעאַפּאָל און סיציליע האָבן געלאָזט בײַ זיך זײַן ייִדישע קהילות ביז דעם שפּאַנישן גירוש, און דערנאָך האָבן ייִדן געמוזט אַוועק פֿון די איטאַליענישע מדינות, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון שפּאַניע.

אומבאַשטימט איז געווען דער מצבֿ פֿון דער ייִדישער קהילה אין 14טן י"ה, בעת רוים איז געבליבן אָן אַ קאָפּ, בעת די פּויפּסן זײַנען אַוועק אין דעם „גלות בבֿל" פֿון אַוויניאָן (1308–1378). אין גאַנץ איטאַליע איז דער

www.libtool.com.cn

מצבֿ געווען אומבאַשטימט און שאָקלדיק אין יענער עפּאָכע פֿון פֿריִען רענעסאַנס, וואָס האָט געפּאָרט פֿרײַהייט מיט טיראַניע, דעמאָקראַטיע מיט אָליגאַרכיע, רעפּובליקאַנישע שטרעבונגקייט מיט אַנאַרכיע, אין דער עפּאָכע פֿון פֿאָלקסטריבונען און פֿאַרקויפֿלעכע קאָנדאָטיערן, אין דעם דור פֿון דאַנטע, קאָלאַ די-ריענצי און מאַלאַטעסטאַ.

נאָך דעם ווי דעם פּויפּס' רעזידענץ איז געוואָרן אַריבערגעטראָגן קיין אַוויניאָן, האָבן אין רוים אַ צײַט לאַנג געקעמפֿט צווישן זיך פֿאַר דער מאַכט די וועלפֿן און די גיבעלינען, די אָנהענגער פֿון דעם דײַטשן קיסר און פֿון פּויפּס, די פּאַרטיי פֿון דעם נעאַפּאָליטאַנישן קיניג ראָבער אַנזשו, די אַריס-טאָקראַטן פֿון די משפּחות קאָלאָנאַ און אָרסיני און די פֿאָרשטייערס פֿון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. ווערליג די מטושטשע ידיעות פֿון דער ייִדישער כראָניק, איז איבער דער רוימישער קהילה געהאַנגען עפּעס אַ סכּנה אין יאָר 1321, ווען אין פֿראַנקרײַך האָבן די ייִדן געליטן פֿון דער „גזרת המצורעים". [1] פֿון דער פּילמאַכטיקייט אין רוים האָט די ייִדישע קהילה געליטן קודם-כּל מאַטעריעל, מחמת מען האָט געמוזט צאָלן צינזן צו עטלעכע הערשערס, אַ מאָל נאָר הערשערס לויטן נאָמען. ווען דער דײַטשער קיסר לודוויג דער בײַער האָט זיך געקריינט אין רוים און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער שטאָט אַן עקסטרע שטײַער פֿון 30.000 גילדענע גולדנס, האָבן די ייִדן באַצאָלט אַ דריטל פֿון דער סומע, דאָס איבעריקע האָבן אַרײַנגעטראָגן גלײַך אויף גלײַך די בירגערשאַפֿט און די גײַסטלעכקייט.

ווינציק פֿרייד האָט פֿאַרשאַפֿט די רוימישע ייִדן אויך די קורצלעביקע דעמאָקראַטישע רעגירונג פֿון דעם פֿאָלקסטריבון קאָלאַ די-ריענצי (1347—54). די באַפֿעלקערונג האָט רעשיק באַגריסט זײַן נצחון איבער דער אַריסטאָקראַטיע און די רעפּובליקאַנישע פֿרײַהייט וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט, אָבער דער טריבון האָט ניט געקאָנט מיט שיינע רעדעס ווענן דער אויפֿלעבונג פֿון דער אַלטער רוים אָפּשאַפֿן דעם ווירטשאַפֿטלעכן חורבן און די צרות פֿון די פֿאָלקסמאַסן. ער האָט געהאַט דעם סוף פֿון אַלע דעמאַגאָגן: דער המון-עם האָט אַראָפּגעוואָרפֿן איר געץ פֿון דעם פּיעדעסטאַל וואָס ער האָט אים אַליין אַרויפֿגעשטעלט אויף אים. צווישן ייִדן זײַנען משמעות געווען אָנהענגער פֿון אָט דעם רעוואָלוציאָנער, אַ זון פֿון אַן אָרעמער רוימישער וואַסער-טרעגערין,

---

1 אַ טונקעלע ידיעה אין די כראָניקעס „שבֿט יהודה" (יד) און „עמק הבכא" (לויט די רייד פֿון שמואל אושקי) רעדט וועגן דער שוועסטער פֿון איין פּויפּס, וואָס האָט פֿײַנט געהאַט ייִדן אין האָט פֿאַרלאַנגט פֿון איר ברודער, ער זאָל זיי פֿאַרטרײַבן פֿון זײַנע מדינות. די סכּנה איז געוואָרן באַזײַטיקט דורך דעם, וואָס דעפּוטאַטן פֿון דער רוימישער קהילה האָבן מיט בקשות און מתּנות זיך אײַנגעבעטן בײַם פּויפּס אין אַוויניאָן און זײַן שוועסטער האָבן זיי איבערגעבעטן דורך ראָבער דעם קיניג פֿון נעאַפּאָל.

www.libtool.com.cn

וואָס האָט געווינט ניט ווײַט פון דער שול. בעת איין באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער פײַנטלעכער פּאַרטיי קעגן דעם טריבון, האָט איינער אַ ייִד וואָס איז אים געווען געטריי אַ גאַנצן טאָג געקלונגען אין געוואַלדגלאָק צו רופן דאָס פאָלק, עס זאָל קומען צו הילף זײַן אויסדערוויילטן פירער. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט ריענצין, ווען ער איז נאָכן אַנטלויפן געקומען צוריק קיין רוים ווי אַ דיקטאַטאָר, צו באַשווערן מיט רעקוויזיציעס מער פון אַלעמען די ייִדן. אַז דער רוימישער המון האָט ריענצין דערהרגעט און האָט לויטן באַפעל פון די פּאַטריציער פון דער משפחה קאָלאָנאַ געברענט זײַן טויטן קערפּער אויף אַ שײַטער־הויפן, האָט מען ייִדן געצוווּנגען אונטער־צולייגן האָלץ אין דעם שײַטער־הויפן. מיר האָבן אָבער ניט קיין ידיעות וועגן באַזונדערע עקסצעסן קעגן די איטאַליענישע ייִדן אין יענע יאָרן, ווען זייערע ברידער אין דײַטשלאַנד האָט מען גערודפט ווי די כּלומרשט שולדיקע אין דעם „שוואַרצן טויט" (1348–9), הגם די עפּידעמיע איז אַרײַנגעדרונגען אויך קיין איטאַליע.

דער צוריקקער פון די פּויפּסן קיין רוים נאָך דער אַוויניאָנער געפאַנ־גענשאַפט האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דער פּילמאַכטיקייט און צו די צווישנצײַטן פון אַנאַרכיע אין שטאָט, נאָר עס איז פּאַרבײַ נאָך אַ האַלבער יאָרהונדערט, איידער עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פעסטע אָרדענונג. אין דער קירך גופא האָט זיך אָנגעהויבן די „גרויסע סכיזמע" (1378–1417), ווען איטלעכער פּויפּס אין רוים האָט געהאַט אַ קעגנפּויפּס אין אַוויניאָן, און אַ מאָל נאָך צוויי קאָנקורענטן, אין פראַנקרײַך און אין שפּאַניע. די רוימישע פּויפּסן פון יענער תּקופה האָבן געוויינטלעך באַשיצט די ייִדישע קהילה, וואָס האָט געהאַט השפּעהדיקע פאַרשטייערס בײַ דער קוריע – ייִדישע דאָקטוירים. אויף להכעיס די באַוווּסטע קאַנאָנען און די פּויפּסלעכע בולעס האָבן די קריסטן אין רוים און די פּויפּסן גופא זיך גערן קורירט בײַ פּאָפּולערע ייִדישע דאָקטוירים. דער רוימישער סענאַט האָט באַפרײַט פון אַלע שטײַערן די אײַנ־ווינער פון דעם ייִדישן קוואַרטאַל טראַסטעווערע, די מעדיקער מאַנועל און זײַן זון אַנדזשעלאָ מיט זייערע משפּחות, דערפאַר וואָס זיי „זײַענדיק זייער געשיקט אין זייער פּראָפעסיע, טוען אַלע טאָג טובֿות רוימישע בירגער און ברענגען דערמיט גרויס נוצן דער שטאָט" (1376). שפּעטער האָט דער סענאַט אַרויסגעגעבן ביידע דאָקטוירים אַ כּבֿוד־דיפּלאָם אויפן טיטל רוימישער בירגער. די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָט באַשטעטיקט דער פּויפּס באָניפאַציוס IX (1384–1404), וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַנזשעלאָן אַ באַזונדער כּתבֿ אויפן טיטל „פאַמיליע־מעדיקער (familiaris) בײַם רוימישן אַפּאָסטאָלישן שטול" און האָט אים באַפרײַט פון אַלע קאַנאָנישע באַגרענעצונגען, וואָס זײַנען אײַנגעשטעלט פאַר ייִדן. דער פּויפּס, וואָס האָט בײַ זיך געהאַט נאָך איין ייִדישן דאָקטאָר,

www.libtool.com.cn

שלמה פון פּערודזשיאַ, האָט אויך זיך גופא באַפרײַט פון דעם יאָך פון די דאָזיקע קאַנאָנען, וואָס אין אַנדערע ערטער האָבן זײַנע שאָף בהכנעה זיך אונטערגעגעבן זיי.

זײַן יורש אינאָקענטיוס VII (1404—1406) האָט באַשטעטיקט די דיפּלאָ־מען אויף רוימישער בירגערשאַפט, וואָס דער סענאַט האָט אַרויסגעגעבן דעם באַרימטן „רופא, פיזיקער און דאָקטאָר מעדיצין" אליהו סאַבאַטאָ און נאָך צוויי יידישע מעדיקער. לויט אָט די אַקטן איז לאָ־די וואָס די דאָקטוירים זײַנען באַפרײַט געוואָרן פון אַלע שטײַערן, נאָר זיי זײַנען אויך פּטור געווען פון צו טראָגן די באַזונדערע יידישע הלבשה; ווי אַ צייכן פון דער בירגער־לעכער גלײַך־באַרעכטיקונג האָט מען זיי דערלויבט אַפילו צו טראָגן געווער. אַזוי אַרום האָבן די פּריווילעגירטע דאָקטוירים, ווי אין אַנדערע לענדער די פינאַנסיסטן און מוכסים, געקאָנט אויספירן די ראָלע פון פאַרמיטלערס צווישן דער יידישער געזעלשאַפט און דער רוימישער קוריע. פון דעסט וועגן זײַנען אין דער רעזידענץ פון דעם ראָש פון דער קירך געוואָרן אָפּגעהיט די אַלטע צערעמאָניעס, וואָס האָבן סימבאָליזירט דעם נצחון פון דער קירך איבער דער סינאַגאָגע, צווישן אַנדערע די צערעמאָניע פון אָפּגעבן כּבוד איטלעכן נײַעם פּויפּס. בײַ דער קריינונג פון אינאָקענטיוס VII האָבן די פאָרשטייער פון דער רוימישער קהילה אונטערגעטראָגן אים אַ ספר־תורה און האָבן אויס־געהערט דעם געוויינטלעכן ענטפער: „אײַער תורה איז גוט, אָבער איר פאַרשטייט זי ניט, ווארעם דאָס אַלטע איז אַוועק און גילטיק איז נאָר דאָס נײַע", און דערנאָך האָט דער פּויפּס אָפּגעגעבן צוריק די ספר־תורה די דעפּוטאַטן, דורכן לינקן אַקסל, ווי אַ סימן פון ביטול צום אַלטן טעסטאַמענט. אַנדערש האָט געטאָן זײַן יורש גרעגאָר XII (1406—1416): ווען די יידישע דעפּוטאַציע האָט אים באַגריסט מיט אַ רײַך אויסגעפּוצטער ספר־תורה אין די הענט, זײַנען דעם פּויפּס אַזוי געפעלן געוואָרן די גילדענע באַפּוצונגען פון דער ספר־תורה, אַז ער האָט געבעטן, מען זאָל זיי אים שענקען. דאָס גילדענע מענטעלע פון דער „אַלטער" תורה האָט פאַרן ראָש פון דער קירך ניט אַזוי שטאַרק פאַרלאָרן זײַן ווערט, ווי די תורה גופא.

אין גרעגאָר XIIטנס צײַט איז די קירכלעכע סכיזמע דערגאַנגען ביז צו די לעצטע שטאַפּלען פון סקאַנדאַל: גלײַכצײַטיק האָבן געהערשט דרײַ פּויפּסן, צווישן זיי בענעדיקט XIII, וואָס איז געוואָרן טרויעריק באַרימט אין דער געשיכטע פון די שפּאַנישע יידן. דער קאָנציל אין קאָנסטאַנץ האָט אַראָפּגעזעצט אַלע פּרעטענדענטן און האָט געמאַכט אַ סוף צו דער סכיזמע דורך אויסקלײַבן מאַרטין V (1417). באַלד האָט מען דערשפּירט, אַז די לייצעס פון דער רעגירונג האָט אַרײַנגענומען אין די הענט אַ מענטש, וואָס איז באַרופן אײַנצושטעלן די איינהייט פון דער קירך. אין יענער צײַט האָט

www.libtool.com.cn

זיך אַרויסגעוויזן אַ שטרעבונג צו פֿאַראייניקן די קהילות פֿון מיטל= און אייבער=איטאַליע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער רוימישער קהילה. אין יאָר 1416 איז פֿאָרגעקומען אין באָלאָניע אַ צונויפֿפֿאָר פֿון רבנים און פֿאָרשטייערס פֿון קהילות אין רוים, פֿעראַרע, באָלאָניע און פּאַדועַ און פֿון די פּראָווינצן פֿון טאָסקאַנע און ראָמאַניע. דער צונויפֿפֿאָר האָט באַשטעטיקט די פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון דער רוימישער קהילה אין פּרט פֿון פֿאַרטיידיקן די ייִדישע רעכט פֿאַר דער רוימישער קוריע: עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז אַלע קהילות פֿון איטאַליע מוזן צוטראָגן אַ חלק פֿון די הוצאות וואָס זײַנען נייטיק צוליב דעם, און ניט אַז די גאַנצע הכבדה זאָל פֿאַלן אויף דער רוימישער קאָלאָניע. אין צוויי יאָר אַרום (מאַי 1418) איז פֿאָרגעקומען אַ נײַע באַראַטונג פֿון דעלעגאַטן פֿון די קהילות אין דער שטאָט פֿאָרלי (ראָמאַניע). דאָ זײַנען געוואָרן אָנגענומען אַ ריי תקנות צו רעגולירן דעם אינעווייניקסטן שטייגער לעבן (די וואַלן פֿון די קהילה=וועדים, די צענזור פֿון דעם אויפֿפֿיר אין דעם זינען, וואָס עס ווערט געאַסרט צו טראָגן אויסגעפּוצטע און טײַערע קליידער, צו שפּילן אין קאָרטן און לעבן מיט פֿרויען אָן חופּה=וקידושין), נאָר דער הויפּט=ענין וואָס איז געוואָרן באַטראַכט איז געווען די פֿראַגע וועגן שיקן אַ דעפּוטאַציע פֿון אַלע איטאַליענישע קהילות צום נײַ אויסגעקליבענעם פּויפּס מאַרטין V, בכדי אויסצופּועלן בײַ אים די באַשטעטיקונג פֿון די אַלטע פּריווילעגיעס און נײַע רעכט. אויף צו דעקן די „באַוווסטע" הוצאות אויף אָט דער השתּדלות איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדער אָפּצאָל פֿון איטלעכער קהילה לויט דער צאָל פֿון אירע משפּחות. די דאָזיקע דעפּוטאַציע האָט געהאַט אַ וויכטיקן באַטײַט ניט בלויז פֿאַר די איטאַליענישע ייִדן אַליין, נאָר אויך פֿאַר זייערע פֿאָלקסברידער אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין שפּאַניע, ווו זיי זײַנען נאָך ניט געווען געקומען צו זיך פֿון דעם מיסיאָנערישן טעראָר פֿון די קאַטוילישע מאָנאַכן, די מיטהעלפֿערס פֿון דעם אַראָפּגעזעצטן אַנטיפּויפּס בענעדיקט XIII (§§ 39–40).

אין איטאַליע גופֿא האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ מיסיאָנערישע קאַמפּאַניע פֿון די דאָמיניקאַנער, וואָס האָבן מיט זייערע דרשות אָנגערייצט דעם המון אויף ייִדן. אין דעם פּרט האָט די ייִדישע דעפּוטאַציע געפּועלט. נאָך פֿאַרן אַרײַנפֿאָרן קיין רוים האָט מאַרטין V אַרויסגעגעבן אַ בולע (יאַנואַר 1419), ווו עס איז פֿאַרבאָטן געוואָרן יעטווידער צוואַנג אין ענינים פֿון גלויבן: מען טאָר ניט טשעפּען ייִדן אין זייערע שולן און שמדן זיי איבער געוואַלד, מען טאָר ניט פֿאַרשטערן זייערע ימים=טובֿים, צווינגען זיי צו היטן קריסטלעכע חגאות אָדער צו טראָגן נײַע דערקען=צייכנס אויף די בגדים, חוץ יענע, וואָס זיי זײַנען צו זיי צוגעוווינט זינט אַלטע צײַטן, אָבער אויך דאָ האָבן געמעגט זײַן אויסנאַמען: וואַנדער=הענדלערס זײַנען געווען פּטור פֿון צו טראָגן דעם

www.libtool.com.cn

צייכן דאָרט, ווו עס ברענגט שאָדן זייער האַנדל. אין יאָר 1429 האָבן די איטאַליענישע ייִדן זיך געקלאָגט פאַרן פּויפּס אויף די מאָנאַכן די פּריידיקערס, וואָס אין זייערע רעדעס ריידן זיי אײַן דעם פאָלק ניט צו האָבן קיין מגע־ומשא מיט ייִדן, ניט באַדינען זיי און ניט לאָזן זיך פון זיי באַדינען, וואָס דאָס ברענגט צו סיכסוכים און צו אָנפאַלן אויף ייִדן. דער פּויפּס האָט אין אַ נײַער בולע פאַרבאָטן אָט די אויפרייצונגען, נאָר דערבײַ מאַכט ער אַ פּרומע באַוואָרעניש: „הגם די ייִדן, וואָס די הייליקע קירך טאָלערירט זיי אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט ווי אַן עדות אויף ישו קריסטוס, ווילן בעסער בלײַבן אין זייער אײַנגעשפּאַרטקייט און פאַרבלענדעניש און ווילן ניט פאַרשטיין די ווערטער פון די נביאים און די סודות פון דער הייליקער שריפט און זיך באַהעפטן מיט דער אויסלייזנדיקער קריסטלעכער אמונה, — פון דעסט וועגן קאָנען מיר זיי ניט אָפּזאָגן אונדזער קריסטלעכע לײַטזעליקייט, ווען זיי בעטן בײַ אונדז הילף אין זייער נויט"... די דאָזיקע „קריסטלעכע לײַטזעליקייט" פון די פּויפּסן האָט געקאָסט די ייִדן אַ סך געלט, וואָס פלעגט אונטערגעטראָגן ווערן דער רוימישער קוריע איטלעכס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט זיך משתדל זײַן וועגן אַרויסגעבן אַ נײַע שוצבולע. מאַרטין V איז ניט געווען באַזונדערס שטאַנדהאַפטיק אין דעם ענין באַשיצן ייִדן. אַן ענלעכע בולע קעגן די העצערײַען פון די מאָנאַכן, וואָס דער פּויפּס האָט אַרויסגעגעבן פריִער (1422) לויט דער בקשה פון די דײַטשע און ביימישע ייִדן, האָט ער אָפּגעשאַפט לויט דער בקשה פון דער אָרטיקער גײַסטלעכקייט, וואָס האָט אין יענער צײַט געראַטעוועט דעם „אַפּאָסטאָלישן שטול" פון די הוסיטן.

אויף די באַציִונגען פון די ווײַטערדיקע פּויפּסן צו ייִדן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע געשעענישן פון יענער תּקופה. אייגעניוס IV (1431—47), וואָס האָט פון וועגן אינעווייניקסטע רײַסערײַען געוווינט על־פּי־רובֿ מחוץ רוים, איז געגאַנגען צו ערשט אין די פוסטריט פון זײַן פאָרגייער און האָט אַרויסגעגעבן אַ בולע צו שיצן די ייִדן קעגן די „פּריידיקער" די העצערס, נאָר אונטער דער השפּעה פון די שפּאַנישע קלעריקאַלן, וואָס האָבן געוואָלט דורכפירן זייערס אויפן באַזעלער קאָנציל, האָט ער אין יאָר 1442 אַרויסגעגעבן יענע ייִדנפײַנדלעכע בולע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה אין שפּאַניע (§ 51). דער פּויפּס האָט געשטרעבט אויסצוברייטערן די גילטיקייט פון דער דאָזיקער בולע אויף די איטאַליענישע ייִדן, — אַזוי אַרום האָט ער געוואָלט אַסרן זײַנע קריסטלעכע צאַן־קדשים דאָס וואָס ער האָט מתּיר געווען זיך — צו קורירן זיך בײַ ייִדישע דאָקטוירים (קורץ פאַר דעם האָט אייגעניוס IV באַשטימט פאַר זײַן לײַב־מעדיקער דעם אויבן דערמאָנטן דאָקטאָר אליהו סאַבאַטאָ). עס איז געהאַנגען אַ סכּנה איבער ייִדן, אַז מען

www.libtool.com.cn

זאָל זיי באַגרענעצן אין האַנדל און מלאָכה און אַפֿילו אין גײַסטיקן לעבן, עס איז געווען אַ פּלאַן זיי צו פֿאַרבאָטן צו לערנען אין זייערע שולן זייער רעליגיעזע ליטעראַטור, חוץ דעם חומש. אָט די סכּנה איז אָפּגעווענדט געוואָרן אויפֿן געווייינטלעכן שטייגער: עס זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן די פֿאָרשטייערס פֿון די קהילות (אין טיוואָלי און ראַוועננע), האָבן צונויפֿגעקליבן אַ היפּשע סומע געלט און האָבן ווייכער געמאַכט די קירכלעכע אַדונים. צווישן דער פּויפּסלעכער קוריע און דער ייִדישער קהילה אין רוים איז געשלאָסן געוואָרן אַ שריפֿטלעכער אָפּמאַך (1443), וואָס לויט אים ווערט די ייִדן געגעבן די פֿריִערדיקע רעכט, בתּנאַי אַז זיי זאָלן באַצאָלן אַ הוספֿה-שטײַער פֿאַר טאָלעראַנץ אַ סכום פֿון 1130 גולדן אַ יאָר. דער באַוווּסטער דאָקטאָר און משורר משה באַריאַטי איז געשיקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון איטאַליע ווי אַ מורשה צוצוציִען די אַנדערע קהילות, זיי זאָלן אויך צאָלן אָט דעם שטײַער, וואָס די רוימישע קהילה אַליין איז ניט געווען בכּוח צו טראָגן אים.

דער יורש פֿון אייגעניוס IV איז געווען יענער פּויפּס ניקאָלאַוס V (1447–55), וואָס מיט זײַן ברכה איז דאָס דער פֿאַנאַטיקער קאַפּיסטראַנאָ געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד, ווו ער האָט אַנטוויקלט אַ ווילדע ייִדנפֿײַנדלעכע אַגיטאַציע (§ 47). דער דאָזיקער פֿראַנציסקאַנער מיטן אײַזערנעם ווילן האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף ניקאָלאַוס V, וואָס איז געווען אַ געלערנטער טעאָלאָג און ניט קיין שלעכטער מענטש. דערפֿאַר טאַקע האָט זיך געביטן די באַציִונג פֿון דעם פּויפּס צו ייִדן. פֿאַראַן זײַנע בולעס, ווו ער האַלט זיך פֿאַר אַ ליבעראַלער פּאָליטיק, און פֿאַראַן אַנדערע, ווו ער פֿאָדערט דווקא, אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די אַלטע קאַנאָנען, און דערלויבט מאָנאַכן פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון פֿאַרשיידענע אָרדנס צו טעראָריזירן ייִדן דורך דעם „פּרעדיקט" פֿון קריסטנטום. דער פּויפּס האָט אַגבֿ פֿאַרמאָגט גענוג שׂכל-הישר אויף אָפּצוּוואַרפֿן איינעם אַ ווילדן פּראָיעקט: מען זאָל אויסבויען אַ גרויסע שיף און אַרויספֿירן אויף אים אַלע רוימישע ייִדן אין ערגעץ אַ לאַנד מעבֿר לים. סימנים פֿון פֿאַרשיידענע השפּעות, בקשות און פֿון אונטערקויפֿן די רוימישע קוריע זײַנען צו זען אין דער טעטיקייט פֿון אַלע פּויפּסן פֿון יענער צײַט. געווייינטלעך פֿלעגן שטרענגע בולעס און קאָנפֿירמאַציעס פֿון די החלטות פֿון די קירכלעכע סינאָדן אַרויסגעגעבן ווערן, ווײַל דאָס האָט פֿאָרמאָל פֿאַרלאַנגט דער חובֿ פֿון דעם ראָש פֿון דער קירך, און לויט די בקשות פֿון די ייִדישע קהילות פֿלעגן ווערן אַרויסגעגעבן הנחה-כּתבֿים, וואָס האָבן געשטימט מיט די פֿאָדערונגען פֿון לעבן, דערבײַ פֿלעגן אַזעלכע הנחות אַרויסגעגעבן ווערן אין איטאַליע מיט מער חשק, ווי אין אַנדערע לענדער.

www.hibouk.com.cn

אַזאַ צווייזײַטיקע פּאָליטיק האָט געפֿירט אויך דער פּויפּס סיקסטוס IV.
פּערדינאַנדן און איזאַבעלאַן גיט ער זײַן הסכּמה אײַנצופֿירן אַ באַזונדער
אינקוויזיציע קעגן די מאַראַנען אין שפּאַניע, און אין דער זעלביקער צײַט
האָרכט ער אויס מיט לײַטזעליקייט די טענות פֿון די מאַראַנען קעגן אָט דעם
„הייליקן מוסד“ און פּראָטעסטירט קעגן זײַן האַרטער מוטווילִיקייט (§ 55).
די שפּאַנישע מאַראַנען, וואָס זײַנען געלאָפֿן פֿון די שרעקנס פֿון דער אינ־
קוויזיציע קיין רוים, האָבן דאָ געפֿונען אַ מקום־מקלט. אָבער די אָרטיקע
יידישע קהילה איז געוואָרן אומרויִק, מחמת די שכנות פֿון די „אומלעגאַלע“
ברידער האָט געקאָנט ווערן פֿאַר יידן אַ סכּנה. דער ווײַטערדיקער פּויפּס
אינאָקענטיוס VIII (1484—92) האָט שוין אָנגענומען מיטלען קעגן די „באַהאַל־
טענע יידן“: צווײ קאַרדינאַלן איז אויפֿגעגעבן געוואָרן צו האָבן אַ השגחה
איבער זייער אויפֿפֿיר, און אין יאָר 1487 האָט די אינקוויזיציע אין רוים
אַרעסטירט אַכט מאַראַנען און אַרײַנגעזעצט זיי אין תּפֿיסה.

## § 59. די קהילות פֿון אייבער־ און מיטל־איטאַליע
### (14טער—15טער י״ה)

דער רעליגיעזער מאָטיוו און די באַציִונגען צו יידן, וואָס אין דער
הויפּטשטאָט פֿון קריסטנטום איז ער אַ נאַטירלעכער, איז געווען נאָר אַ גוטער
תּירוץ פֿאַר די עקאָנאָמישע מאָטיוון אין די האַנדלשטעט פֿון אייבער־ און
מיטל־איטאַליע, ווו עס האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן די אינטערעסן פֿון דער
יידישער און דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. צעבראָקלט אויף אַ סך שטאָ־
טישע רעפּובליקן און הערצאָגטימער, האָט איטאַליע ניט געהאַט קיין איינ־
הייטלעכן רעגלאַמענט פֿאַר יידן, און די באַציִונגען צו זיי זײַנען געווען
פֿאַרשיידן, געווענדט אָן דעם גראַד פֿון זייער קאָנקורענץ מיט די קריסטן אין
דעם ברייט צעצווײַגטן סחורה־ און געלט־האַנדל.

פֿון די צווײ קאָנקורירנדיקע איטאַליענישע רעפּובליקן, וואָס זײַנען
געוואָרן צענטערס פֿון דעם ים־האַנדל, איז פֿאַר יידן געווען אָפֿן נאָר
ווענעציע. אין גענוע האָט מען יידן דעמאָלט ניט געלאָזט וווינען, און
די אַכזריות פֿון דער מאַכט איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין יאָר 1492
האָט זי ניט אַרײַנגעלאָזט אין שטאָט אַ גרופּע פּאַרטריבענע פֿון שפּאַניע,
וואָס זײַנען ווינטערצײַט אָנגעקומען אין האַוון פֿון גענוע. ווענעציע, וואָס
איז געוואָרן די קיסרינע פֿון די ימים נאָך אין דער עפּאָכע פֿון די קרייצצוגן,
האָט אין 13טן י״ה צובאַקומען נאָך אַ טייל פֿון דער ביזאַנטישער טעריטאָריע:
דעם אינזל קרעטע אָדער קאַנדיע און אייניקע אַנדערע וויספּעס פֿון דעם
עגעיִשן ים, און מחמת דעם האָט זי געקראָגן אַ פֿעסטן שטיצפּונקט אויף די

www.libtool.com.cn

באַלקאַנען, אין דעם צענטער פֿון דעם לעוואַנטינישן מסחר. נאָך אַ קאַמף פֿון הונדערט יאָר מיט איר קאָנקורענטין גענוע האָט די ווענעציאַנישע רעפּובליק פֿאַרברייטערט איר טעריטאָריע אויך אין איטאַליע גופֿא. זינט דעם אָנהייב 15טן י״ה זײַנען אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער רעפּובליק פּאַדוע, וועראָנע, ברעשיאַ און אייניקע אַנדערע שטעט פֿון אייבער-איטאַליע, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען גרעסערע ייִדישע קהילות. צו ערשט האָבן ייִדן אין ווענעציע זיך פֿאַרנומען ניט נאָר מיט קרעדיט-אָפּעראַציעס, נײַערט אויך מיט סחורות-האַנדל, דער עיקר אין פּרט פֿון עקספּאָרט. פֿאַר אָט דעם רעכט צו האַנדלען האָבן זיי, לויט דעם דעקרעט פֿון סענאַט פֿון יאָר 1290, געמוזט צאָלן אַ באַזונדער אָפּצאָל אין באַטרעף פֿון פֿינף פּראָצענט פֿון דעם ווערט פֿון די אַרויסגעפֿירטע און אַרײַנגעפֿירטע סחורות. נאָר וואָס מער עס איז געוואַקסן די צאָל ייִדן אין ווענעדיג, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן בײַ די קריסטלעכע סוחרים די שרעק פֿאַר זייער האַנדלס-קאָנקורענץ, און זיי האָבן זיך געפֿלײַסט אָפּצושטופּן זיי אין געביט פֿון געלטהאַנדל. בכלל האָט אין איטאַליע דאָס אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט זיך ניט גערעכנט פֿאַר אַ מחיה בזויה: הלוואה-קאַסעס אָדער „בענק" האָבן עקסיסטירט אין אַלע האַנדלשטעט, און געהאַלטן האָבן זיי קריסטן, וואָס האָבן זינט קדמונים אונטערן נאָמען „לאָמבאַרדער" זיך פֿאַרנומען מיט קרעדיט-אָפּעראַציעס אין אַנדערע לענדער פֿון אייראָפּע. נאָר די נויט אין קאָמערציעלן און פּריוואַטן קרעדיט איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז נאָך געבליבן אַ ברייט פֿעלד פֿאַר דער טעטיקייט פֿון די ייִדישע „בענק". פֿאַר אַ געוויסן טייל פֿון דער קריסטלעכער בירגערשאַפֿט, וואָס האָט געהאַט אין זינען דעם קאַנאָנישן איסור, איז געווען פּריקרע צו האַנדלען אָפֿן מיט געלט אָדער אָנצוקומען צו קריסטלעכע וואָכערניקעס, און דערפֿאַר פֿלעגט זי זיך ווענדן צו ייִדן; טייל מאָל פֿלעגן קריסטלעכע קאַפּיטאַליסטן געבן געלט אויף פּראָצענט דורך ייִדישע לײַקאַסעס. די רעגירונג פֿון דער רעפּובליק און די מאַגיסטראַטן פֿון די שטעט האָבן רעגולירט די טעטיקייט פֿון די בענק און האָבן אײַנגעשטעלט אַ מאָס פֿון צינזן וואָס מען האָט ניט געטאָרט אַריבערשטײַגן: דער פּראָצענט איז געווען נידעריקער פֿאַר הלוואות אויף משכּנות און העכער פֿאַר הלוואות אויף אַ וועקסל. ייִדן פֿלעגט מען דערלויבן אַרויסצוגעבן הלוואות נאָר אויף משכּנות.

נאָר די ברייטע פֿינאַנציעלע טעטיקייט פֿון ייִדן אין דער ווענעציאַנישער רעפּובליק האָט ניט געשטימט מיט זייער נידעריקן רעכטלעכן מצב. די רעפּובליק וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט מערקאַנטיליזם האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צום פֿרעמדן קאָנקורירנדיקן האַנדלשטאַנד, און האָט

www.libtool.com.cn

דעריבער געהאַלטן די ייִדן שטענדיק אין אַ מצבֿ פֿון קאָלאָניסטן, פֿון צײַט־ווײַליקע אײַנוווינער, וואָס מען לאָזט זיי אַרײַן, ווען דאָס איז נייטיק, און וואָס קענען אין יעדער רגע ווערן אַרויסגעשיקט. מיט די ייִדישע קהילות אָדער קאָלאָניעס פֿלעגט ווערן געשלאָסן אַ „קאָנדאָטאַ״, ד״ה אַן אָפּמאַך, וואָס לויט אים האָט דער ווענעציאַנישער סענאַט געגעבן זיי דאָס רעכט צו ווײַנען און צו פֿאַרנעמען זיך מיט דערלויבטע פּרנסות אין משך פֿון אַ באַשטימטער צײַט, על־פּי־רובֿ אַ קורצער, פֿון פֿינף ביז צען יאָר, מיט דעם תּנאַי אַז נאָכן אָפּלויף פֿון דער צײַט זאָל דער אָפּמאַך ווערן באַנײַט אויף די זעלביקע תּנאים אָדער מיט פֿאַרשיידענע שינויים. אין יאָר 1385 האָט דער סענאַט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין דער פֿאָרשטאָט פֿון ווענעציע מעסטרע, און דערלויבט זיי צו האַנדלען אין שטאָט גופֿא, בתּנאַי זיי זאָלן באַצאָלן אַן עקסטרע שטײַער פֿון 4000 דוקאַטן חוץ די געוויינטלעכע שטײַערן. אין צען יאָר אַרום האָט דער סענאַט זיך אָפּגעזאָגט צו באַנײַען דעם אָפּמאַך, און מאָטיווירט האָט ער דאָס דערמיט, וואָס די ייִדן זײַנען עובֿר אויף די כּללים וועגן קרעדיט־געשעפֿטן, און חוץ דעם פֿאַרברייטערן זיי זייער סחורות־האַנדל דורך אויספֿאַרקויפֿן די משכּנות פֿון ניט־פֿינקטלעכע בעלי־חובֿות. די ייִדישע קאָלאָניע האָט געמוזט זיך אומקערן צוריק קיין מעסטרע, נאָר איטלעכער ייִד האָט געמעגט קומען צו פֿאָרן צוליב געשעפֿט אויף צוויי וואָכן אין שטאָט אַרײַן צוליב דעם נוצן פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. די דאָזיקע באַגרענעצונגען האָט מען אין משך פֿון דער צײַט אויפֿגעהערט אָפּצוהיטן, און אַ סך ייִדן האָבן געוווינט שטענדיק אין ווענעציע גופֿא, מער ניט וואָס דער סענאַט האָט זיי פֿאַרווערט זיך אײַנצושאַפֿן נחלאות. קעגן דער ייִדישער קאָנקורענץ האָט מען געקעמפֿט נאָך אויף אַנדערע אופֿנים: די ייִדן האָט מען געצוווּנגען צו טראָגן אויף דער ברוסט אַ דערקען־צייכן: צו ערשט אַ רעדעלע פֿון געלן געוואַנט, דער נאָך אַ געלן הוט, און שפּעטער אַ רויטן הוט. אַזוי האָבן די בירגער געקאָנט אונטערשיידן די פֿרעמדע פֿון אייגענע. פֿאַררופֿנדיק זיך אויף די קירכלעכע קאַנאָנען האָט דער סענאַט פֿאַרבאָטן ייִדן צו האָבן פֿרײַנדשאַפֿטלעכע אויפֿטראָגן מיט קריסטן, בפֿרט מיט פֿרויען, האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו עפֿנטלעכע פּאָסטנס און צו פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, חוץ דער מעדיצינישער, וואָס איז געווען דערלויבט אין רוים אויך. די גוטע קאַטוילן פֿון ווענעציע האָבן פּרימער פֿאַרן פּויפּס ניט געוואָלט זײַן.

פֿרײַער האָט זיך ייִדן געלעבט אויף די גריכישע אינדזלען וואָס זײַנען געווען פֿאַראייניקט מיט דער ווענעציאַנישער רעפּובליק: קרעטע אָדער קאַנדיע, אייבייע און קאָרפֿו. די אַלטע קהילות אויף קרעטע, אין די שטעט קאַנדיע, רעטימאָ און קאַנעאַ, האָבן גענאָסן די פֿריִערדיקע אויטאָנאָמיע, דער ווענע־

ציאַנישער סענאַט האָט מער ניט אויפֿגעפּאַסט, אַז זיי זאָלן ניט אַרויסגײן פֿון זייערע קוואַרטאַלן. אַ סך ייִדן האָבן זיך דאָ פֿאַרנומען מיט עקספּאָרט, דער עיקר האָבן זיי אַרויסגעשיקט צוקער קיין עסטרײַך. מען האָט אָפֿט זיך באַקלאָגט אויף ייִדן, אַז זיי האָבן אַרײַנגענומען אין זייערע הענט אַ גרויסן טייל פֿון די האַנדל־געשעפֿטן, אָבער מען האָט זיי מוחל געווען די דאָזיקע קאָנקורענץ מיט די אָרטיקע גריכן צוליב יענע נוצן וואָס זיי האָבן געבראַכט דער מלוכה דורך שטענדיקע און עקסטרע שטײַערן. דער ווענעציאַנישער סענאַט פֿלעגט אָפֿט מאָל מאַכן בײַ ייִדישע קהילות פֿון קאַנדיע צוואַנג־הלוואות אויף מלוכישע און מיליטערישע באַדערפֿענישן. די גרעסערע קהילות אין קאַנדיע און נעגראָפּאָנטע (אויפֿן אינדזל אײבייע) האָבן אונטערגעהאַלטן לעבעדיקע פֿאַרבינדונגען מיט דער קהילה פֿון רוים און האָבן אַרויסגערוקט אין יענער תּקופֿה עטלעכע גרויסע שרײַבערס.

אין די אינעווייניקסטע שטעט פֿון איטאַליע האָט די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער מאַכט פֿון ווענעציע ניט געבראַכט די ייִדן קיין גוטס. די שכנה פֿון דער האַנדלס־רעפּובליק, די אוניווערסיטעטישע שטאָט פּ אַ ד ו ע האָט געהאַט אַן אָנזעעוודיקע ייִדישע קהילה זינט דער העלפֿט פֿון 14טן י״ה. די קהילה איז געוואַקסן און האָט זיך געשטאַרקט אונטערן שוץ פֿון רעגירערס פֿון דעם הויז קאַראַראַ. קיין פּאַדוע האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַ סך ייִדן פֿון רוים און אַנדערע שטעט. עס זײַנען לעבעדיקער געוואָרן דער האַנדל, די אינדוסטריע, די קרעדיט־אָפּעראַציעס. נאָר אַז די שטאָט איז אַרונטער אונטער דער ממשלה פֿון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק (1405), איז דער מצבֿ פֿון ייִדן געוואָרן פּונקט אַזוי אומזיכער, ווי אין ווענעציע גופֿא. פֿון שטענדיקע אײַנגעזעסענע אײַנוווינער זײַנען ייִדן געוואָרן פֿרעמדע, וואָס לעבן צײַטווײַליק אויפֿן סמך פֿון אַ באַשטימטער „קאָנדאָטאַ”. אַלע מאָל, ווען מען האָט באַנײַט דעם אָפּמאַך, זײַנען געוואָרן העכער די פֿאָדערונגען פֿון דעם סענאַט פֿון דער רעפּובליק פֿאַר „שענקען” דאָס וווינרעכט: עס זײַנען גרעסער געוואָרן די אָפּצאָלן, עס זײַנען באַגרענעצט געוואָרן די רעכט צו האַנדלען, זיך אײַנצושאַפֿן נחלאות אאַז״וו. סיכסוכים זײַנען אַרויסגעקומען באַזונדערס אויפֿן גרונט פֿון געלט־אָפּעראַציעס: די שטאָטישע שׂררות האָבן גערודפֿט די קרעדיטאָרן פֿאַר נעמען פּראָצענטן איבער דער נאָרמע, פֿאַר פֿאַרקויפֿן ניט אויסגעלייזטע משכּנות, וואָס אַ ייִד האָט לויטן אָפּמאַך ניט געטאָרט זיי פֿאַרמאָגן (הײַזער). נאָר די ייִדן פֿלעגן זיך ניט אונטערגעבן אָן אַ קאַמף. ווען דער מאַגיסטראַט פֿון פּאַדוע האָט איין מאָל פֿאַרלאַנגט פֿון דעם ווענעציאַנישן סענאַט שטראָפֿן פֿאַר „די וואָס זײַנען עובֿר אויפֿן געזעץ”, און דער סענאַט איז געווען גרייט צו באַפֿרידיקן די דאָזיקע פֿאָדערונג, האָבן די ייִדן געמאָלדן, אַז זיי קאָנען ניט פֿאַרנעמען זיך מיט זייערע געשעפֿטן בײַ אַזעלכע באַגרענעצנדיקע תּנאים,

www.libtool.com.cn

און האָבן פֿאַרמאַכט זייערע לײַקאַסעס (1415). דעמאָלט האָט זיך פֿאַר זיי אײַנגעשטעלט אַ טייל פֿון דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג; צווישן אַנדערע האָט די פֿאַרוואַלטונג פֿון אוניווערסיטעט דערקלערט, אַז די סטודענטן, וואָס קומען קיין פּאַדוע פֿון אַלע לענדער פֿון אייראָפּע, קענען זיך ניט באַגיין אָן דער הילף פֿון ייִדן אין האַנדל און קרעדיט. דער מאַגיסטראַט האָט געמוזט נאָכגעבן, נאָר שפּעטער האָבן אַזעלכע סיכסוכים ניט איין מאָל זיך איבערגעחזרט בײַם באַנײַען די קאָנדאָטאַ. נאָר אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה איז דער מצבֿ פֿון ייִדן אין פּאַדוע נאָך ערגער געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון דער ייִדנפֿײַנדלעכער אַגיטאַציע פֿון די מאָנאַכן די פּריידיקער, וואָס וועגן דעם וועט ווערן דערציילט ווײַטער.

אַ סך בעסער ווי די סוחרישע רעפּובליק זײַנען זיך באַגאַנגען מיט ייִדן די הערצאָגן פֿון די פֿאַרשיידענע דינאַסטיעס, וואָס זײַנען געווען די בעלי-בתּים פֿון די שטעט פֿון אייבער- און מיטל-איטאַליע. די ייִדישע קהילה אין פֿעראַרע האָט דערגרייכט צו אַ בליצושטאַנד אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה אונטערן שוץ פֿון די הערצאָגן פֿון הויז ד׳עסטע, וואָס האָבן באַזונדערס געזאָרגט מכּוח צוציִען ענערגישע סוחרים אין זייער מדינה און וואָס האָבן חוץ דעם געוואָלט האָבן די הילף פֿון ייִדישע פֿינאַנסיסטן. אין יאָר 1448 האָט דער הערצאָג לעאָנע ד׳עסטע געקראָגן פֿון פּויפּס ניקאָלאַוס V אַ באַשטעטיקונג אויף זײַן אָפּמאַך מיט ייִדן, וואָס לויט אים האָבן ייִדן געמעגט זיך באַזעצן, בויען שולן און פֿאַרנעמען זיך מיט באַנק-אָפּעראַציעס אין פֿעראַרע און איר סבֿיבֿה („מחמת די אײַנוווינער פֿון יענע ערטער וואָלטן געליטן היזק אין זייער פֿאַרמעגן, ווען מען וואָלט זיי ניט דערלויבט צו אַנטלײַען געלט בײַ ייִדן"). צו גלײַך האָט דער פּויפּס, לויט די ייִדנס בקשה, פֿאַרבאָטן די פּראָפּאַגאַנדיסטן און די „אינקוויזיטאָרן" אויפֿצוהעצן דאָס פֿאָלק קעגן ייִדן און שטערן די האַנדלס-געשעפֿטן צווישן ייִדן און קריסטן. דער הערצאָג ערקאָלע I האָט געמאָלדן אין אַ דעקרעט פֿון יאָר 1473, אַז ער שאַצט הויך די טעטיקייט פֿון די ייִדישע בענק, וואָס ווערט באַשוועָרט דורך די קאַנאָנישע געזעצן, און האָט צוגעזאָגט די באַנקירן זײַן שוץ. בײַ דער שוואַכער קאָנקורענץ מצד די קריסטן אין פֿעראַרע האָט דער האַנדלס-געניוס פֿון די ייִדן געקאָנט זיך ברייטער אַנטוויקלען, און זיי זײַנען דאָ אַרויסגעטראָטן ניט נאָר אין דער ראָלע פֿון באַנקירן, נײַערט אויך פֿון פֿאַבריקאַנטן און סוחרים אין הורט און לאַחדים. דער הערצאָג ערקאָלע האָט גערן אַרײַנגעלאָזט קיין פֿעראַרע אַ גרופּע פֿאַרטריבענע פֿון שפּאַניע, וואָס די מערקאַנטיליש-ייִדנפֿײַנדלעכע גענוע האָט אַוועקגעטריבן פֿון איר ברעג (1493), און האָט זיי דערלויבט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשיידענע געשעפֿטן און פּראָפֿעסיעס, ניט אויסגעשלאָסן אויך אַפּטייקערײַ און מעדיצין.

www.libtool.com.cn

פּונקט אַזוי רויִק זײַנען ייִדן געזעסן אין דעם הערצאָגטום פּ אַ ר מ ע, אונטערן שוץ פֿון די ערשטע רעגירערס פֿון דעם הויז ספֿאָרצאַ. צווישן די תּנאים, וואָס דער שטאָטראַט פֿון פּאַרמע האָט געשטעלט דעם הערצאָג פֿראַנטשעסקאָ ספֿאָרצאַ בײַם אונטערגעבן די שטאָט (1449), איז געווען אַ פּונקט, אַז די רעכט און פּריווילעגיעס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג טאָרן ניט ווערן געריִרט. דער פּויפּס ניקאָלאַוס V האָט באַשטעטיקט אָט דעם אָפּמאַך, פּונקט ווי אין פֿעראַרע (1451). גאַלעאַצאָ ספֿאָרצאַ האָט באַפֿרײַט די ייִדן פֿון צו טראָגן דאָס „געלע רעדל" אויפֿן מלבוש (1466) און האָט געקעמפּט קעגן דער ייִדנפֿײַנדלעכער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די מאָנאַכן די פּרעדיקער.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער מערקאַנטילישער איטאַליע פֿון יענער עפּאָכע איז דער מצבֿ פֿון ייִדן אין פֿ ל אָ ר ע נ ץ, דער שטאָט פֿון רײַכע קריסטלעכע סוחרים און באַנקירן, וואָס זײַנען געווען פֿאַראייניקט אין צעכן. דער טײַערער קרעדיט פֿון דעם באַנקירן=צעך איז דעם אָרעמען המון=עם געווען ניט צוטריטלעך, און מען האָט גערופֿן די ייִדן קיין פֿלאָרענץ, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן דעם קליינעם וואָלוועלן קרעדיט. אַזוי האָט די סיניאָריע פֿון דער פֿלאָרענטינישער רעפּובליק אין יאָר 1430 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט דערלויבט איטלעכן ייִדן זיך צו באַזעצן אין דער שטאָט און צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַנטלײַען געלט, בתּנאַי ער זאָל נעמען ניט מער פֿון 20 פּראָצענט. אין דעקרעט שטייט אַזוי פּשוט געשריבן: „מיר ווילן אַרײַנפֿירן ייִדן אין אונדזער שטאָט (Judaeos in civitatem introducere) צוליב דעם, כּדי די אָרעמע מענטשן אין פֿלאָרענץ זאָלן ניט אומקומען אונטער דער משׂא פֿון דעם שווערן צינז, וואָס עס נעמען די וואָכערניקעס" (פֿון די צעכן). נאָר היות ווי די סיניאָריע האָט פֿאָרט זיך געשראָקן פֿאַר דער האַנדלס=קאָנקורענץ פֿון די ייִדן, האָט זי זיי באַגרענעצט אין ווינרעכט און אין דעם אויסקלײַב פֿון פּרנסה. פּונקט ווי אין ווענעציע, אַזוי האָט מען אויך דאָ אַרײַנגעלאָזן ייִדן ווינען לויט אַ „קאָנדאָטאַ" אויף אַ באַשטימטער צײַט, געוויינטלעך אויף צען יאָר, בכדי אַז בײַם באַנײַען דעם אָפּמאַך זאָל מען קאָנען שטעלן שווערע תּנאים אָדער אין גאַנצן זיי משלח זײַן פֿון שטאָט, אויב מען האָט ניט באַדאַרפֿט מער אָנקומען צו זייער הילף. אַזוי האָט די ייִדישע קהילה אין פֿלאָרענץ געלעבט אין שטענדיקער אומזיכערקייט ביז יענער צײַט, ווען אין דער רעפּובליק האָט זיך געשטאַרקט די ממשלה פֿון די ליבעראַלע סעניאָרן פֿון הויז מעדיטשי, די מעצענאַטן פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, וואָס זינט דעם 15טן י״ה זײַנען זיי געוואָרן אויך באַשיצערס פֿון די ייִדן.

די יונגע ייִדישע קהילה פֿון פֿלאָרענץ איז געווען אַ קאָלאָניע, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דעם אַלטן ייִדישן צענטער אין פּ י ז ע, דער אַמאָליקער ים=שטאָט פֿון טאָסקאַנע, וואָס ווענעציע האָט בײַ איר אָפּגענומען די

www.libtool.com.cn

העגעמאָניע. דאָ איז געווען באַרימט דאָס באַנקהויז פֿון דער משפּחה דאַ־פּיזאַ, וואָס האָט אַרויסגערוקט גרויסע מעצענאַטן און פֿילאַנטראָפּן (יחיאל דאַ־פּיזאַ א״אַנד). צו גלײַך מיט באַנקירן און סוחרים האָבן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין די דאָזיקע צענטערס פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס אויך פֿאָרשטייערס פֿון אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס, בפֿרט ייִדן־דאָקטוירים. זיי האָבן געשטודירט אין די מעדיצינישע הויכשולן פֿון פּאַדוע און סאַלערנאָ, אָפֿט מאָלס בײַ ייִדישע פּראָפֿעסאָרן, און אַ סך זײַנען געוואָרן קינצלערס אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק, — און דערפֿאַר האָבן זיי דערלאַנגט צו גרויס חשיבֿות אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט.

אַן אומרויִקע צײַט האָבן איטאַליענישע ייִדן איבערגעלעבט אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה. די ספּעציפֿישע עפּידעמיע פֿון יענער תּקופֿה — די ייִדנפֿײַנדלעכע אַגיטאַציע פֿון די מאָנאַכן די פּרעדיקער — האָט אין איטאַליע אָנגענומען אַן אָרטיקן קאָלאָריט. דאָ האָבן די קלעריקאַלן, אומרויִק דורך די אויפֿטוען פֿון דעם איטאַליענישן „הומאַניזם" און דורך דער אויפֿקלערונג פֿון דער אַנטיקער קולטור, געפֿלײַסט זיך צו שאַפֿן אַ רעאַקציע דורך אויפֿרייצן דאָס פֿאָלק קעגן די אומגלייביקע און די אַנדערש־גלייביקע. נאָך אין די ערשטע יאָרצענדלינגער פֿון 15טן י״ה האָבן אין איטאַליע זיך פֿאַרמירט וואַנדער־פּרעדיקער פֿון ביידע מאָנאַכן־אָרדנס, דאָמיניקאַנער און פֿראַנציסקאַנער, וואָס האָבן, אַזוי ווי אין שפּאַניע, געשפּילט אַ צווייטנדיקע ראָלע פֿון מיסיאָנערן און פּאָגראָם־העצערס. די ייִדישע קהילות פֿון ווענעציע, לאָמבאַרדיע און טאָסקאַנע האָבן זיך באַקלאָגט דערויף פֿאַרן פּויפּס מאַרטין V, און ער האָט ניט איין מאָל פֿאַרווערט אָט די פֿאַרברעכערישע אַגיטאַציע (אין בולעס פֿון די יאָרן 1419—1429), אָבער דאָס האָט די פֿאַנאַטיקער ניט אָפּגעשטעלט. אין משך פֿון פֿערציק יאָר האָט געשטורעמט אויף ייִדן אין זײַנע דרשות דער מאָנאַך בערנאַרדין דאַ סיענאַ (געשט׳ 1444), וואָס די קירך האָט אים שפּעטער דעקלאַרירט פֿאַר אַ קדוש. דער דאָזיקער דעמאַגאָג האָט זיך געפֿלײַסט צו ווירקן אויפֿן המון מיט טענות, וואָס דערמאָנען די געדאַנקען פֿון די מאָדערנע אַנטיסעמיטן פֿון דער פּאַרטיי „קריסטלעך־סאָציאַלע". עס איז בכלל שעדלעך, — האָט ער געטענעט, — אַז עשירות זאָל זיך אָנקלײַבן אין די הענט פֿון ווינציק מענטשן, אָבער נאָך געפֿערלעכער איז דאָס, ווען עס קלײַבט זיך אָן אין די הענט פֿון ייִדן, „וואָרעם דעמאָלט טוט דער רײַכטום, וואָס איז די נאַטירלעכע וואַרעמקייט פֿון דעם מלוכה־אָרגאַניזם, ניט דערוואַרעמען און געזונט מאַכן אים, נאָר ווי באַלד ער גייט דורך דורך אַן אומריינעם קאַנאַל, פֿאַרסמט ער דעם אָרגאַניזם און באַדעקט אים מיט מכּות". די ייִדן וואָס ווערן נתעשר זײַנען אויסן נאָר רשעות: צו פֿאַרשקלאַוון די קריסטלעכע וועלט. די דאָזיקע רשעים שטרעבן אַפֿילו צו

www.libtool.com.cn

פֿאַרטיליקן קריסטן פֿיזיש. „די ייִדן, ווען זיי האָבן אײַנגעזען, אַז זייערע פּרוּוון צוצונעמען בײַ קריסטן זייער גײַסטיק האָב-און-גוטס האָבן זיך אויס-געלאָזט מיט גאָרנישט, שטרעקן אויס זייערע הענט צו זייער מאַטעריעלן גוטס און שטעלן דאָס לאַנד בדלות דורך וואָכערײַ. זיי נעמען צו בײַ קריסטן לאַ-די וואָס דעם פֿאַרמעגן, נאָר אויך דאָס געזונט און דאָס ערדישע לעבן, מחמת זיי זײַנען זייערע דאָקטוירים, הגם דאָס איז פֿאַרווערט לויט די געזעצן פֿון אונדזער רעליגיע". אויב מען קאָן נאָך האַלטן פֿאַר נאַטירלעך, ווען קריסטלעכע וואָכערניקעס ווערן רײַך, איז שוין גאָר ניט נאָרמאַל, אַז ייִדן זאָלן ווערן רײַך, וואָרעם „אַ קנעכט טאָר ניט פֿאַרמאָגן קיין אייגנס". דערפֿון איז געווען דירעקט געדרונגען, אַז דאָס גאַנצע אייגנס פֿון ייִדן געהער על-פּי רעכט צו זייערע הערן, די קריסטן, און ממילא איז אַ פּאָגראָם נאָר אַ געזעצלעכער מיטל אויף אָפּצונעמען דאָס דאָזיקע אייגנס לטובת דעם אמתן בעל-הבית. בכדי צו דעמאָנסטרירן די „קנעכטשאַפֿט" פֿון ייִדן מוז מען שטרענג אָפּהיטן די שײַכותדיקע קאַנאָנישע געזעצן, באַזונדערס די תּקנה וועגן דעם דערקען-צייכן אויף די בגדים. אָבער בערנאַרדין פֿון סיענע האָט געמוזט מיט פֿאַרדראָס פֿאַרצייכענען דעם פֿאַקט, אַז אָט די תּקנה ווערט ניט אָפּגעהיט אין פּאַדוע, וועראָנע און אַנדערע שטעט.

אַ צווייטער פֿראַנציסקאַנער מאָנאַך, בערנאַרדין דאַ-פֿעלטרע (געשט' 1494), האָט דורך זײַנע דרשות געפּועלט אַ גרעסערן פּראַקטישן רעזולטאַט. דער צווייטער בערנאַרדין האָט אויסגענוצט נאָך מער ווי דער ערשטער דעם „קריסטלעכן סאָציאַליזם" ווי אַ שילד פֿאַר זײַנע ייִדנפֿרעסערישע צילן. אין אַזאַ עפּאָכע, ווען ווענעציאַנישע און אַנדערע סוחרים האָבן אײַנגעהילט זייערע קרעמערשע אינטערעסן אין דעם טלית פֿון פֿרומקייט, האָט אַ מאָנאַך געמעגט צודעקן זײַן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם מיט עקאָנאָמישע מאָטיוון. אין זײַנע אַגיטאַציע-רעדעס איז בערנאַרדין דאַ-פֿעלטרע אָנגעפֿאַלן מיט רציחה אויף די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן און האָט געטענעט, אַז זיי זײַנען שולדיק דערין, וואָס די קריסטלעכע מאַסן זײַנען אָרעם. „שוין זשע, – האָט געשריִען אָט דער דעמאַגאָג פֿון די בעטלער-ברידער, — מוז איך, וואָס איך לעב פֿון נדבֿות, וואָס איך עס דאָס ברויט פֿון אָרעמקייט, זײַן אַ שווײַגנדיקער הונט און ניט בילן, ווען איך זע, ווי די ייִדן עסן אויס די מאַרך פֿון די ביינער בײַ אָרעמע קריסטן? שוין זשע זאָל איך ניט בילן אין קריסטוסעס נאָמען?" און דער וואַכהונט פֿון דער קירך האָט מיט התמדה „געבולן" אין אַלע שטעט, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען גרעסערע ייִדישע קהילות, האָט געווירקט אויף די פֿאָרשטייערס פֿון דער מאַכט, געוועקט די לײַדנשאַפֿטן פֿון דעם פּעוול קעגן איינציקע גרופּעס און פּערזאָנען. אין ראַווענע און אין איייניקע אַנדערע שטעט פֿון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק האָבן די מאַגיסטראַטן,

www.libtool.com.cn

אונטער דער השפּעה פֿון די העצערישע רעדעס פֿון דעם פֿאַנאַטיקער, זיך געגרייט צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן און האָבן וועגן דעם זיך משתדל געווען פֿאַרן סענאַט. דער ווענעציאַנישער סענאַט איז ניט נוטה געווען צו אַזעלכע געוואַלד־מיטלען, נאָר פֿון אייניקע קלענערע שטעט האָט זיך די פֿאַנאַטיקערס אײַנגעגעבן אַרויסצושטופּן די ייִדן (ברעשיע, וויטשענצע, בערגאַמאָ און טרעוויזאָ אין די יאָרן 1463—1473). די סיניאָריע פֿון פֿלאָרענץ האָט געטאָן פֿאַרקערט: זי האָט אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט דעם אַגיטאַטאָר גופֿא, וואָס האָט שיער נישט אַרויסגערופֿן דאָרט אַ פּאָגראָם (1488).

אַגבֿ אין דער אַגיטאַציע פֿון בערנאַרדינען און זײַנע אָנהענגערס איז געווען אַ פּונקט, וואָס אויך מענטשן מיט פֿאַרשטאַנד האָבן געקאָנט אים האַלטן פֿאַר ריכטיק: ער האָט אומעטום פֿאָרגעלייגט, אַז בכדי אַרויסצושטופּן די ייִדישע מלווים זאָל מען גרינדן לײַקאַסעס אָדער לאָמבאַרדן (Monte di Pietà), וואָס זאָלן אַרויסגעבן הלוואות אויף משכּנות לויט גרינגע תּנאים. אין אייניקע ערטער האָט זיך טאַקע אײַנגעגעבן דעמאָלט צו גרינדן אַזעלכע לאָמבאַרדן. נאָר פֿאַר די מאָנאַכן די אַגיטאַטאָרן איז דאָס אַלץ געווען ניט מער ווי אַ מיטל פֿאַר אַגיטאַציע צוליב אויפֿוועקן רעליגיעזע שׂנאה קעגן ייִדן, כּדי מען זאָל זיי אָדער פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד אָדער זיי אָפּשמדן, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין שפּאַניע. צוליב דעם צוועק האָט דער „הונט פֿון דער קירך" בערנאַרדין דאַ־פֿעלטרע געלאָזט אין גאַנג ניט בלויז זײַן משוגענעם געבילל, נײַערט אויך זײַנע שאַרפֿע ציין. אים האָט ניט אָפּגעגאָלטן אַרויסצורופֿן אין איטאַליע אַנטי־ייִדישע גאַסן־פּאָגראָמען, דערפֿאַר אָבער האָט ער באַוויזן אויפֿצובויען אַ שרעקלעכן ריטועלן פּראָצעס, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבֿר אין דער וועלט.

אויפֿן גרענעץ פֿון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, אין יענעם טייל פֿון טיראָל, וואָס איבער אים האָבן געהערשט די הערצאָגן פֿון נידער־עסטרײַך, האָט זיך געפֿונען אין ט ר י ע נ ט אַ גוט אײַנגעשטעלטע ייִדישע קהילה. איינער פֿון אירע פֿאָרשטייערס איז געווען דער דאָקטאָר טובֿיה, וואָס אויך די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט געהאַט צוטרוי צו אים. אין אָט דער שטילער נעסט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט בערנאַרדין דאַ־פֿעלטרע. דער פֿאַנאַ־טיקער איז געוואָרן דאָרט דער ראָש פֿון דעם פֿראַנציסקאַנישן קלויסטער, און באַלד האָט ער אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן דער אָרטיקער ייִדישער קהילה. נאָך זײַנער אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר פּאַסכע, האָט מען דעם מאָנאַך אָנגעוויזן, אַז אומזיסט טוט ער פֿאַרמשפּטן אַלע ייִדן, פֿאַראַן צווישן זיי אויך אַ סך גוטע מענטשן ווי אַ שטייגער דער דאָקטאָר טובֿיה, נאָר ער האָט זיך מיט כּעס אָפּגערופֿן: „איר ווייסט ניט וויפֿל בייז עס טוען אײַך אָן אָט די גוטע מענטשן: עס וועט ניט פֿאַרבײַגיין דעם האַרס פּאַסכע,

www.libtool.com.cn

וי זיי וועלן אײַך צושטעלן אַ באַווײַז פון זייער גוטסקייט". און דער וואָס האָט דאָס געזאָגט האָט זיך שוין געפלײַסט, אַז זײַן נבואה זאָל מקוים ווערן.

דעם 23טן מאַרץ 1475, אום גרין דאָנערשטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן טאָג פסח, איז אין טריענט פאַרלאָרן געגאַנגען אַ דרײַיאָריק קריסטלעך יינגל סימאָן, דער זון פון אַ גאַרבער. האָט דער אָרטיקער ביסקופ הענדער-באַך, בערנאַרדינס אַן אָנהענגער, תיכף געמאָלדן, אַז דאָס איז „אַן אויפטועכץ פון די שונאים פון דער קריסטלעכער אמונה", און דער אָרטיקער פּאָדעסטאַ (פּרעפעקט) האָט גענומען זוכן אין די יידישע הײַזער. אין דרײַ טעג אַרום האָט מען דעם קינדס קערפּערל „צופעליק" געפונען אין אַ ריטשקע בײַם הויף פון דעם ייד שמואל. הגם וועגן אָט דעם שרעקלעכן געפינס האָבן תיכף געמאָלדן די מאַכטאָרגאַנען דער בעל-הבית אַליין און דער דאָקטאָר טוביה, פון דעסט וועגן האָט מען זיי אַרעסטירט מיט נאָך פינף בכבודיקע מיטגלידער פון דער קהילה אונטערן חשד, אַז זיי האָבן דאָס יינגל דערהרגעט. ווען מען האָט די תפוסים אַנידערגעשטעלט פאַרן מת, איז געשען אַ „נס": פון די ווונדן האָט גענומען רינען בלוט, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זײַן, לויט דער אײַנגלייבעניש פון פאָלק, ווען אַ מערדער גייט צו נאָענט צו זײַן קרבן. דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר גענוג, אַז מען זאָל צוטרעטן צו אַן אינקוויזי-טאָרישער אויספאָרשונג. די אַרעסטירטע האָבן געטענעט, אַז דעם יינגלס טויטער קערפּער האָט בלי ספק אונטערגעוואָרפן אין שמואלס הויף זײַן שכן אַ קריסט, וואָס האָט פריער געהאַט פאַרשפּילט אַ פּראָצעס מיט שמואלן און האָט זיך פאַרשוואָרן צו נעמען נקמה פון אים. די דאָזיקע דערקלערונג וואָס האָט געשטימט מיטן אמת האָט די אינקוויזיטאָרן ניט באַפרידיקט, מען האָט דעם שכן פאַרהאַלטן, אָבער נאָך אַ גרינגער אויספאָרשונג האָט מען אים פרײַגעלאָזט, און די יידן האָט מען גענומען פּײַניקן. 15 טעג האָבן געדויערט די מוראדיקע עינויים: שמואלן און אַנדערע תפוסים האָט מען געריסן אבֿרים-ווײַז, געבראָכן די ביינער, געברענט מיט גליִענדיקע אײַזנס; ווען די געפּײַ-ניקטע פלעגן בלײַבן ליגן אין חלשות, פלעגט מען זיי אָפּמינטערן און ווײַטער פּײַניקן. דער הויפּט-באַשולדיקטער שמואל, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז דורך ווײַטערדיקע עינויים וועלן די תלינים אַרויסרײַסן בײַ אים אַ הודאה, האָט פאַרוואָרנט זיך פאַר די ריכטערס: „ווען איך וועל אונטער די עינויים זיך מודה זײַן אין דעם פאַרברעך, וועט דאָס זײַן ליגן". פון דעסט וועגן, ווען דער אויסגעפּײַניקטער תפוס האָט זיך מודה געווען אין דעם בפירוש ניט-געשטויגן-ניט-געפלויגענעם פאַרברעך, אַז ער מיט נאָך אַכט יידן זאָלן האָבן דערהרגעט אַ קינד, „בכדי צו שענדן קריסטוסן", האָבן די ריכטערס אָנגענומען דאָס ערנצט. דאָס זעלביקע איז געשען מיטן דאָקטאָר טוביה און אַנדערע תפוסים, די פריִערדיקע און שפּעטערדיקע אַרעסטירטע. אין יוני האָט מען

www.libtool.com.cn

זעקס פֿון זיי פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט אויף אַ שײַטער־הויפֿן, צוויי האָבן פֿאַרן טויט זיך געשמדט, מחמת מען האָט זיי צוגעזאָגט אַ גרינגערן טויט, און מען האָט זיי נאָר געקעפּט, און איין 80יאָריקער זקן משה איז געפֿונען געוואָרן טויט אין תּפֿיסה, און זײַן גוף איז געוואָרן פֿאַרברענט. דער פֿאַרמעגן פֿון די געטייטע איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט. די אויספֿאָרשונג וועגן די איבעריקע באַשולדיקטע האָט זיך נאָך ווײַטער געפֿירט.

די מאָנאַרכן האָבן בינתּים שוין באַוויזן צו מאַכן פֿון דער געשיכטע פֿון דעם כּלומרשטן פֿאַרפּײַניקטן קדוש אַ גוטן עסק: זיי האָבן געהייסן אײַנבאַלזאַמירן סימאָנס קערפּערל און האָבן פּראָקלאַמירט דאָס דרײַיאָריקע קינד פֿאַר הייליק. צווישן פֿאָלק האָט מען פֿונאַנדערגעלאָזן קלאַנגען וועגן די מופֿתים, וואָס עס טוט סימאָנס געביין, און המונים גלייביקע האָבן גענומען שטראָמען קיין טריענט אויף צו בוקן זיך צו די מופֿתדיקע געביין. אין איטאַליע האָט גענומען וואַקסן אַ געפֿערלעכע אַנטי־ייִדישע באַוועגונג. דער דאָזש פֿון ווענעציע, מאָטשעניגאָ, האָט באַפֿוילן די מאַכטאָרגאַנען פֿון פּאַדוע און פֿריול, זיי זאָלן אָננעמען מיטלען צו באַשיצן ייִדן, וואָס שטעלן זיך ניט אײַן אַרומצופֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט מחמת מורא, מען זאָל זיי ניט הרגען אָדער באַראַבעווען. אין זײַן דעקרעט האָט דער דאָזש אָנגעוויזן, אַז דעם גאַנצן ענין האָבן אויפֿגעטאָן די „פּרעדיקער" מיט זייער אַגיטאַציע, און האָט אַרויסגעזאָגט די זיכערקייט, אַז די פֿאַלשקייט פֿון דעם בילבול וועט אין גיכן דערוויזן ווערן. דער פּויפּס סיקסטוס IV האָט, מן הסתם לויט דער בקשה פֿון די רוימישע ייִדן, באַפֿוילן דעם טריענטער ביסקופּ הינדערבאַך אָפּצושטעלן די ווײַטערדיקע אויספֿאָרשונג און האָט אויפֿגעגעבן אַ באַזונדער קאָמיסאַר אַ ביסקופּ, אַז ער זאָל דעם ענין אויספֿאָרשן. אין אָקטאָבער 1475 האָט דער פּויפּס פֿונאַנדערגעשיקט צו די רעגירערס פֿון איטאַליע אַן ענציקליקע מכּוח דעם, אַז זיי זאָלן אָננעמען מיטלען צו באַשיצן ייִדן, מחמת די מעשׂיות וועגן די מופֿתים אויפֿן קערפּער פֿון דעם „פֿאַרפּײַניקטן קדוש", וואָס ווערן פֿאַרשפּרייט דורך דרשות, דורך באַשרײַבונגען און בילדער, קאָנען גורם זײַן צו עקסצעסן. בינתּים האָט די אויספֿאָרשונג פֿון דעם פּויפּס' קאָמיסאַר אויפֿגעקלערט, אַז סימאָנס טויטן קערפּער האָבן פֿאַרברעכערישע מענטשן אונטערגעוואָרפֿן אין דעם ייִדנס הויף, אַז די מופֿתים איבער דעם טויטן קערפּער זײַנען ניט דערוויזן, אַז די הודאה פֿון די באַשולדיקטע איז געוואָרן אַרויסגעריסן פֿון זיי דורך עינויים, אַז אַרעסטירט האָט מען גראָד די פֿאַרמעגלעכסטע ייִדן, בכדי צו קאָנפֿיסקירן זייער אייגנס. דער קאָמיסאַר האָט געפֿאָדערט פֿון דעם ביסקופּ הינדערבאַך און פֿון פּאָדעסטאַ פֿון טריענט, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם פּראָצעס קעגן די איבעריקע תּפֿוסים וואָס האָבן נאָך געוואַרט אויף דער טויטשטראָף. ווי אַן ענטפֿער דערויף האָט הינדערבאַך אָנגעשריבן

www.libtool.com.cn

אַ צירקולאַר-בריוו, ווו ער האָט פֿאַרענטפֿערט זיך און די אינקוויזיטאָרן און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז דער פּויפּסלעכער אויספֿאָרשער, וואָס פֿאַרטיידיקט די יִדן, איז אונטערגעקויפֿט (corrupta inquisitio). די תּלינים האָבן זיך געטאָן זייערס, און ניט געקוקט אויפֿן קאָמיסאַרס פּראָטעסטן האָבן זיי באַשטראָפֿט מיט טויט נאָך פֿיר יִדן (דעצעמבער 1475 – יאַנואַר 1476).

צוריקגעקומען קיין רוים, האָט דער קאָמיסאַר צוגעשטעלט דעם פּויפּס אַ באַריכט וועגן דעם, ווי אַזוי אין טריענט איז די גערעכטיקייט געוואָרן געטראָטן מיט די פֿיס, אַז דאָס געריכט האָט מיט אַ כּיוון אָפּגעשטעלט די אויספֿאָרשונג קעגן די אמתע שולדיקע די קריסטן און האָט זי געווענדט קעגן די אומשולדיקע יִדן, מחמת שׂנאה צו זיי און מחמת מען האָט געוואָלט צונעמען פֿאַרן ביסקופּ זייער קאָנפֿיסקירטן פֿאַרמעגן. אַזוי אַרום האָבן אין רוים זיך צונויפֿגעשטויסן די רעזולטאַטן פֿון צוויי אויספֿאָרשונגען, און בכדי צו קומען צו אַ החלטה האָט מען געמוזט באַשטימען אַ נײַע רעוויזיע. סיקסטוס IV האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע רעוויזיע אַ קאָמיסיע פֿון זעקס קאַרדינאַלן (אַפּריל 1476). נאָר אויפֿקלערן דעם אמת אין דעם פּראָצעס, וואָס די פֿאַנאַטיקער פֿון דער קירך האָבן פֿאַרפּלאָנטערט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. די קאָמיסיע האָט אַרויפֿגעלייגט די אַרבעט אויף איינעם פֿון אירע מיטגלידער, וואָס איז געווען גוט פֿרײַנד מיט בערנאַרדין דאַ-פֿעלטרע, און דער אויסגאַנג פֿון דער רעוויזיע איז דורך דעם געווען באַשטימט פֿון פֿאָרויס. דער פֿאַרברעך פֿון די אויפֿטוערס פֿון דעם פּראָצעס איז ניט געוואָרן אויפֿגעדעקט. נאָך אַ לאַנגער הפסקה האָט סיקסטוס IV געפּסקעט, אַז די געריכט-פּראָצעדור אין דעם טריענטער פּראָצעס איז פֿאָרמעל געווען ריכטיק (processum ipsum recte factum), נאָר אין דער זעלביקער בולע האָט ער פֿאַרבאָטן צו רודפֿן יִדן און צו באַגרענעצן זייערע רעכט. פֿון דעסט וועגן זײַנען די יִדן געוואָרן פֿאַרטריבן פֿון טריענט, וואָס איז געוואָרן אַ הייליקער אָרט פֿאַר אָבערגלייבישע קריסטן. פֿון די גאָטבעטערס, וואָס האָבן געזוכט מופֿתים בײַם „הייליקן" קבֿר, האָבן די מאָנאַכן געהאַט געוואַלדיקע הכנסות. דער פּויפּס סיקסטוס IV האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט צו קאַנאָניזירן סימאָנען ווי אַ פֿאַרפּײַניקטן קדוש, און ערשט אין הונדערט יאָר אַרום האָט מען אין רוים נאָכגעגעבן דעם אײַנגלייבעניש פֿון פֿאָלק: דער פּויפּס גרעגאָר XIII האָט דערלויבט אָפּצוגעבן כּבֿוד „סימאָן פֿון טרידענט" (Simon Tridentinus) ווי אַ קדוש, וואָס איז פֿאַרפּײַניקט געוואָרן „בכדי צו לעסטערן קריסטוסן".

אַזוי האָט אין איטאַליע פֿון דער רענעסאַנס-תּקופֿה בײַם אויסגאַנג פֿון מיטלעלטער דורכגעשוועבט דער שוואַרצער שאָטן פֿון דער אינקוויזיציע. דאָס איז געווען דער אָנזאָג אויף יענער קאַטוילישער רעאַקציע, וואָס וועט אין 70 יאָר אַרום קומען צו פֿאַרבײַטן דעם איטאַליענישן רענעסאַנס.

www.libtool.com.cn

## § 60. דרום-איטאַליע ביזן גירוש פֿון סיציליע (1492)

אַ באַזונדער לעבן האָט געלעבט דרום-איטאַליע מיט איר אייגנאַרטיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אָרדענונג. זי איז אין יענער תּקופֿה געווען צעטײלט צווישן צוויי דינאַסטיעס — אַ פֿראַנצייזישער און אַ שפּאַנישער. דאָס קיניגרײַך נעאַפּאָל האָט זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון די אַנזשוער, וואָס זײַנען צו גלײַך געווען די גראַפֿן פֿון פּראָוואַנס, און איבער סיציליע האָבן רעגירט די מלכים פֿון אַראַגאָניע (אויבן, § 36). וועגן גורל פֿון די ייִדן אין נעאַפּאָל אין 14טן און 15טן י״ה זײַנען געבליבן זייער ווייניק ידיעות. די ערשטע מלכים פֿון דער אַנזשוער דינאַסטיע האָבן געפּרוווט אײַנפֿירן אין דרום-איטאַליע דעם רעזשים פֿון די „קריסטלעכסטע" מלכים פֿון פֿראַנקרײַך, נאָר די קירכן-פּאָליטיק האָט זיך שלעכט צוגענומען אויף דער דאָזיקער ערד. פֿון איר האָט אָפּגעטראָטן דער קיניג ראָבערט אַנזשו (1309–1343), אַ ליב-האָבער פֿון אויפֿקלערונג, וואָס האָט אין נעאַפּאָל געמאַכט אויפֿלעבן די צײַטן פֿון קיסר פֿרידריך II. ער האָט צוגעצויגן צו זײַן הויף געלערנטע און פּאָעטן, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען אויך ייִדישע שרײַבערס, געקומענע פֿון רוים און פֿון פּראָוואַנס (ווײַטער, § 61). דער גירוש פֿון ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך אין סוף 14טן י״ה האָט מן הסתם אַרײַנגעבראַכט אַ צאָל עמיגראַנטן אין קיניגרײַך נעאַפּאָל, נאָר ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויפֿן אינעווייניקסטן לעבן פֿון די דאָרטיקע ייִדן, דאָס איז אונדז ניט באַוווּסט.

דער צענטער פֿון דעם דרום-איטאַליענישן ייִדנטום האָט זיך דעמאָלט געפֿונען ניט דאָ, נאָר אין סיציליע, וווּ עס האָבן זיך אין יענער תּקופֿה קאָנצענטרירט גרויסע ייִדישע מאַסן, וואָס האָבן געהאַט האַנדלס-פֿאַרבינדונגען מיט אַלע האַוונשטעט פֿון מיטללענדישן ים און באַזונדערס מיטן אַפֿריקאַנישן ברעג. סײַ לויט זייער צאָל און סײַ לויט זייער ראָלע אין דעם ווירטשאַפֿט-לעכן לעבן האָבן ייִדן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אויפֿן דאָזיקן אינדזל צווישן דער בונטער קריסטלעך-מוסלימישער באַפֿעלקערונג: גריכן, איטאַליענער, שפּאַניער און מוירן. די ייִדישע קהילות אין די שטעט פֿון דער אַראַגאָנישער סיציליע: אין פּאַלערמאָ, מעסינע, קאַטאַניע, סיראַקוז, מאַרסאַלע און אַנדערע זײַנען לויט זייער סאָציאַלן מעמד געווען נאָענט צו די קהילות פֿון דער מעטראָפּאָליע — סאַראַגאָסע אָדער באַרצעלאָנע, נאָר עס זײַנען געווען אויך אייגענע באַזונדערקייטן, וואָס זייער שורש איז געלעגן אין דער פֿריִערדיקער פּאָליטישער געשיכטע פֿון סיציליע.

אין סיציליע פֿון 14טן און 15טן י״ה זעען מיר אַ קאָמבינאַציע פֿון צוויי סיסטעמעס: פֿון דער קאַמערקנעכטשאַפֿט, וואָס עס האָט געהאַט אײַנ-געפֿירט דאָ דער דײַטשער קיסר פֿרידריך האָהענשטויפֿן (§ 28), און פֿון דער

www.libtool.com.cn

אַראַגאָנישער סיסטעם פֿון כיימע I און זײַנע יורשים, וואָס האָבן געמאַכט פֿון די ייִדישע קהילות זייערע פֿינאַנציעלע אַגענטורעס (§ 10). אין די אָפֿיציעלע אַקטן פֿון ביידע יאָרהונדערטער חזרט זיך נאָך אַלץ איבער דער אַלטער דײַטשער טערמין „קנעכט פֿון דער קיניגלעכער קאַמער" (servi regiae camerae) און עס ווערט געפֿירט אַ כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן די אַראַגאָנישע מלכים אָדער וויצע־מלכים און די ייִדישע קהילות וועגן שטײַערענינים, אַוואַנסן, ניט־געצאָלטע שטײַערן, הלוואות. אין יאָר 1310 האָט דער קיניג פֿון אַראַגאָניע פֿרעדריגאָ III אַרויסגעגעבן פֿאַר די ייִדן פֿון סיציליע אַ סטאַטוט, וואָס אין אים זײַנען געגומען אין אַכט די קירכלעכע קאַנאָנען: עס ווערט זיי פֿאַרווערט צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון, צו האָבן אַ פֿאַמיליען־פֿאַרקער מיט קריסטן, צו פֿאַרנעמען עפֿנטלעכע פּאָסטנס, צו היילן קריסטן. פּונקט אַזעלכע באַגרענעצונגען זײַנען געוואָרן אײַנגעשטעלט אויך פֿאַר „סאַראַצענער", די סיציליאַנישע מורן, וואָס זיי איז אויך באַפֿוילן געוואָרן צו טראָגן אויף דער ברוסט אַ באַזונדער צייכן, פֿון דעם מין וואָס די ייִדן האָבן געטראָגן. אַנדערש־גלייביקע וואָס האָבן אָנגענומען קריסטנטום איז געוואָרן פֿאַרבאָטן אָנצורופֿן „הינטישע רענעגאַטן" (canes renegatos), וואָס צו דעם זײַנען באַזונדערס ייִדן געווען צוגעוויינט לגבי זייערע משומדים. פֿאַר עובֿר זײַן אויף די דאָזיקע פֿאַרבאָטן האָט לויטן געזעץ געקומט גרויסע שטראָפֿן, נאָר קענטיק, אַז זיי זײַנען ניט אָנגעווענדט געוואָרן, וואָרעם קודם־כּל האָט באַדאַרפֿט ווערן באַשטראָפֿט דער קיניג גופֿא, וואָס האָט זיך קורירט בײַ ייִדישע דאָקטוירים, פּונקט ווי דער פּויפּס. די שפּעטערדיקע מלכים, אָנגעהויבן פֿון דער צווייטער העלפֿט 14טן י"ה, פֿלעגן אַרויסגעבן די פֿילצאָליקע ייִדישע דאָקטוירים דערלויבענישן אויף מעדיצינישער פּראַקטיק „אין גאַנץ סיציליע" (per totam Siciliam). בכלל איז די רעגירערס פֿון סיציליע אויסגעקומען צו לאַווירן שטענדיק צווישן די פֿאָדערונגען פֿון דער קירך און צווישן די אינטערעסן פֿון דער מלוכה. צוליב דעם פּרעסטיזש פֿון דער הערשנדיקער קירך האָט מען באַדאַרפֿט מאַכן הנחות דער גײַסטלעכקייט: עס איז געווען פֿאַרווערט צו בויען שולן, וואָס זייערע קופּלען זאָל זײַן העכער פֿאַר די קופּלען פֿון די קירכן, און מיט באַזונדערס אָנזעעוודיקע באַפֿוצונגען, ייִדן האָט מען געצוווּנגען אויסצוהערן מיסיאָנערישע דרשות אין די קירכן, ווו אָט די צוהערערס איבער געוואַלד האָבן געמוזט אויסשטיין באַליידיקונגען מצד דעם קריסטלעכן עולם מתפּללים. נאָר פֿון דער אַנדער זײַט פֿלעגן די מלכים און זייערע שטעלפֿאַרטרעטערס אויפֿן אינדזל, די וויצע־מלכים, באַשיצן ייִדן קעגן אָנפֿאַלן, וואָס דער קריסטלעכער המון פֿלעגט ניט זעלטן אָנהייבן. אַזעלכע אָנפֿאַלן פֿלעגן פֿאָרקומען געוויינטלעך אין די טעג פֿון דער פּאַסיע־וואָך, ווען די לײַדנשאַפֿטן פֿון דעם קאַטוילישן פּעוול פֿלעגן ווערן אויפֿגערייצט דורך די בילדער פֿון

www.libtool.com.cn

קריסטוסעס קרייציקונג, וואָס פֿלעגן ווערן פֿירגעשטעלט אין די קירכן. אין פֿריִיאָר 1339 האָט דער המון אין דער הויפּטשטאָט פֿון דעם אינדזל, פּאַלערמאָ, פּאָגראָמירט ייִדישע הײַזער, און קיניג פּעדראָ II האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז להבא זאָלן אַזעלכע אומרוען ווערן דערשטיקט אויפֿן שטרענגסטן אופֿן.

באַזונדערס וואַכיק האָט געמוזט זײַן די קיניגלעכע מאַכט נאָך 1391, ווען דער קירכלעכער טעראָר האָט זיך אַריבערגעכאַפּט פֿון שפּאַניע קיין סיציליע. אין יאָר 1392 איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם מיט איבערגעוואַלדיקע שמדן אין דער שטאָט מאָנטע סאַן־דזשוליאַנאָ, און אין אַנדערע שטעט איז געגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿון טעראָר. לויט דער פֿאָדערונג פֿון די ייִדישע קהילות פֿון פּאַלערמאָ און אַנדערע ערטער האָט דער רעגירער פֿון אינדזל מאַרטין אַרויסגעגעבן אַ ריי דעקרעטן וועגן שוץ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, און אַז שמדן איבער געוואַלד איז פֿאַרבאָטן, אָבער דערלויבן די געשמדטע זיך אומצוקערן צוריק צו ייִדישקייט, דאָס האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט. ווען דעם ביסקופּ פֿון איין דיאָצעזע האָט געפֿאָדערט די הילף פֿון דער וועלטלעכער מאַכט אויף צו באַשטראָפֿן משומדים, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון קריסטנטום, האָט מאַרטין צוגעזאָגט אָט די הילף (brachium saeculare). די רעגירונג האָט אָפֿט זיך געקווענקלט צווישן דעם דרוק פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט און דער וואָג פֿון דעם ייִדישן געלט, וואָס דערמיט פֿלעגט ווערן באַצאָלט יעטווידער הנחה, און אין די דעקרעטן לאָזן זיך מערקן די רעזולטאַטן פֿון די דאָזיקע קווענקלענישן. אַזוי האָט דער קיניג אַלפֿאָנס V אין יאָר 1428 געצווונגען די ייִדן פֿון סיציליע אויסצוהערן די מיסיאָנערישע דרשות פֿון דעם מאָנאַך מאַטעאָ פֿון אַגריזענט, און ווען די ייִדן האָבן געשיקט צום קיניג אַ דעפּוטאַציע מיט דער בקשה צו באַפֿרײַען זיי פֿון אָט דער קאָמעדיע, וואָס פֿלעגט אַ מאָל זיך ענדיקן מיט אַ טראַגעדיע, און האָבן זייער בקשה אונטערגעהאַלטן דורך אַ היפּשער געלט־נתינה, איז דער באַפֿעל געוואָרן אָפּגעשאַפֿט (1430). די אַראַגאָנישע מושלים וואָלטן ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זייער ממשלה איבער דעם אינדזל אָן די געוואַלדיקע הכנסות פֿון די ייִדישע שטײַערן, ווי „גאַבעלאַ“ (אַ שטײַער פֿון געבורטן און חתונות, מסחר־געשעפֿטן וכדומה), „דזשעזיאַ“ (קאָפּשטײַער) און אַנדערע. איז דעריבער, הגם די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין די שטעט פֿון סיציליע איז געווען געדיכט, האָט אַלפֿאָנס ניט דערלאָזט ייִדן עמיגרירן פֿון לאַנד, און ווען אַ גרופּע ייִדן פֿון פּאַלערמאָ, מעסינע און קאַסטאַניע האָבן אין יאָר 1455 זיך געגרייט אויסצוואַנדערן קיין ירושלים, האָט מען זיי פֿאַרהאַלטן און אַרויפֿגעלייגט אויף זיי אַ געלטשטראָף, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן געוואָלט אַרויספֿירן פֿון לאַנד געלט, ד״ה די קיניגלעכע הכנסות פֿון ייִדן.

www.libtool.com.cn

בײַ אָט דער גאַנצער מיטלעלטערלעכער דעקאַראַציע האָבן די ייִדן
אין סיציליע געלעבט אין בעסערע תּנאָים, ווי זײערע ברידער אין די איבע־
ריקע לענדער פֿון אײראָפּע. פּונקט ווי פֿריִער, זײַנען זײ ניט געווען צו־
געבונדן צו קײן באַשטימטער גרופּע פּרנסות, און ווינציקער פֿון אַלץ צום
געלטהאַנדל, נאָר זײ האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשײדענע מלאָכות, מיט
לאַנדווירטשאַפֿט, און באַזונדערס מיט גערטנערײַ, מיט אַרײַנפֿיר און אַרויספֿיר
פֿון סחורות און מיט גרויסן האַנדל אין לאַנד. אין אײניקע ערטער (למשל אין
סיראַקוז) האָבן די ייִדישע קהילות פֿאַרבאָטן זײערע מיטגלידער צו פֿאַרנעמען
זיך מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט. אויפֿן אינדזל זײַנען צום סוף 15טן
י"ה געווען ניט ווינציקער פֿון דרײַסיק קהילות (אַנדערע רעכענען 52) מיט
אַ באַפֿעלקערונג פֿון הונדערט טויזנט נפֿשות. די אויטאָנאָמע קהילות (קהל,
universita, judeca) האָבן געהאַט אַלגעמײנע תּקנות, וואָס עס האָט קענטיק
אויסגעאַרבעט אַ צונויפֿפֿאָר פֿון זײערע פֿאָרשטײערס. אין פּאַלערמאָ, מעסינע,
סיראַקוז און אַנדערע גרויסע שטעט איז דער וועד פֿון דער קהילה געשטאַנען
אין אײן רײ מיטן שטאָטראַט, און די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן זײ
זײַנען געוואָרן רעגולירט דורך אָפּמאַכן. דער וועד פֿון דער קהילה איז
באַשטאַנען פֿון „ראָשים" (proti) אָדער מיטגלידער פֿון פֿאַרוואַלטונג, „ברורים"
(„אויסגעקליבענע" (electi, „עלטסטע" (majoranti), רעוויזאָרן, שטײַער־מאָנערס.
מיטן קהילה־וועד איז געווען פֿאַרבונדן אַ בית־דין־קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַ־
נען פֿון רבנים און דיינים. אין אָנהײב 15טן י"ה האָבן די אַראַגאָנישע מושלים
באַשאַפֿן אין פּאַלערמאָ נאָך דעם פּאָסטן פֿון אַן „אײבער־דיין" אָדער אָפֿיציעלן
רבֿ, וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן אַ פֿאַרמיטלער צווישן די קהילות און דער
רעגירונג, נאָר די ייִדן האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ באַגרענעצונג פֿון
זײער אויטאָנאָמיע, און נאָך לאַנגע השתּדלותן האָט זיך זײ אײַנגעגעבן פּטור
צו ווערן פֿון דעם קרוינישן רבֿ, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין די זעלביקע
יאָרן אין דײַטשלאַנד (§ 48). אין די 60ער יאָרן פֿון 15טן י"ה זײַנען געמאַכט
געוואָרן פּרוּוון צו באַשאַפֿן אַ פֿאַרבאַנד פֿון קהילות מיט אַ צענטראַלן אָרגאַן
אין דער געשטאַלט פֿון אַ „ייִדישן פּאַרלאַמענט", און אויך צו גרינדן אַ הויכ־
שול פֿאַר ייִדן לויטן טיפּ פֿון די אַלגעמײנע אוניווערסיטעטן. די רעגירונג
האָט זיך באַצויגן מיט מיטגעפֿיל צו בײדע פּראָיעקטן, נאָר זײ זײַנען קוים
פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, ווײַל וואָרעם אין גיכן איז אָנגעשטאַנען די פֿאַטאַלע רעגי־
רונג פֿון פֿערדינאַנד דעם קאַטויל. בעת זײַן רעגירונג האָט דער קיניג צו־
נויפֿגערופֿן דעם ייִדישן פּאַרלאַמענט אײן מאָל, אין יאָר 1489, ווען ער האָט
באַדאַרפֿט האָבן אַ סך געלט אויף צו פֿירן מלחמה מיט גראַנאַדע. עס האָבן
זיך צונויפֿגעקליבן אין פּאַלערמאָ צו צוויי דעלעגאַטן פֿון איטלעכער קהילה,
האָבן אַרומגערעדט זײערע ענינים און האָבן איבערגעגעבן זײערע רעזאָלו־

www.libtool.com.cn

ציעס דעם וויצע-קיניג צוזאַמען מיט אַ גרויסער נדבה פֿאַר דער „גראַנאַדער אונטערנעמונג". דער קיניג האָט באַוויליקט די החלטות פֿון פּאַרלאַמענט, באַשטע־טיקט די פּריווילעגיעס פֿון די קהילות און צוגעזאָגט צו באַשיצן זיי קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דעם פּעוול, וואָס זײַנען אין יענער צײַט אָפֿטער געווען אין סיציליע. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1490, און אין צוויי יאָר אַרום האָט דער קיניג גופֿא געמאַכט פּלוצעם אַן אָנפֿאַל אויף דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון דעם אינדזל.

דער פֿאַטאַלער דעקרעט פֿון 31טן מאַרץ 1492 וועגן גירוש פֿון ייִדן פֿון שפּאַניע און „אירע מדינות" איז געווען גילטיק אויך פֿאַר סיציליע. נאָר אויב אין שפּאַניע איז די ייִדישע און די קריסטלעכע געזעלשאַפֿט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ אַקט דורך דער פֿרײַערדיקער באַוועגונג קעגן די מאַראַנען, דורך דער טעטיקייט פֿון דער אינקוויזיציע, איז פֿאַר סיציליע דער עדיקט וועגן גירוש געקומען לחלוטין אומגעריכט. עס איז געווען שווער אַרויסצונעמען מיט איין מאָל פֿון דער קליינער מלוכה אַזאַ ווירטשאַפֿטלעכן כוח, ווי הונדערט טויזנט הארעפּאַשנע באַפֿעלקערונג. די קריסטלעכע געזעלשאַפֿט האָט זיך געשפּירט אָנגעגרירט דורך אָט דעם אַקט. אַ דעפּוטאַציע פֿון די העכסטע מלוכה-פֿונק־ציאָנאַרן פֿון סיציליע האָבן זיך געווענדט צום וויצע-קיניג מיט דער בקשה, ער זאָל זיך משתדל זײַן בײַ פֿערדינאַנדן וועגן אָפּשאַפֿן דעם עדיקט, און אויב דאָס איז ניט מיגלעך, זאָל מען כאָטש אָפּלייגן דעם גירוש (20טן יוני). „מיר האַלטן פֿאַר אונדזער חוב — האָבן זיי געשריבן אין זייער פּעטיציע[1] — צו זאָגן דעם קיניג דעם אמת, וואָס איז נויטווענדיק פֿאַר דער טובֿה פֿון דער מלוכה. אויב עס וואָלט געווען ריכטיק די מיינונג, אַז דער אויפֿהאַלט פֿון ייִדן צווישן קריסטן איז שעדלעך פֿאַר דער קאַטוילישער אמונה, וואָלטן מיר אַליין געבעטן דעם קיניג ניט בלויז אַז מען זאָל ייִדן פֿאַרטרײַבן, נײַערט אַז מען זאָל זיי אויך פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט. נאָר דאָס איז ניט ריכ־טיק. ייִדן פֿירן ניט אַראָפּ קיין קריסטן אויפֿן פֿאַלשן וועג פֿון זייער אמונה, און טייל פֿון זיי גייען אַליין אַריבער צו אונדזער אמונה. חוץ דעם קאָן מען אָפּילו ניט אויסרעכענען דעם היזק, וואָס די מלוכה וועט לײַדן פֿון דעם גירוש פֿון ייִדן. זיי גיבן אויס אויף זייער דערנערונג ניט ווייניקער ווי אַ מיליאָן פֿלאָרין אַ יאָר, און דאָס דאָזיקע געלט וועט אַוועקגיין פֿון לאַנד מיט זייער גירוש, ניט גערעכנט די שטײַערן און אָפּגאָבן, וואָס זיי צאָלן אײַן אין מלוכה-אוצר. עס וועלן אויך פֿאַרפֿאַלן גיין די חובֿות, וואָס עס שטייען אויף ייִדן פֿאַר זייערע האַנדל-געשעפֿטן מיט קריסטן. און נאָך אַ צרה

1 דאָ ווערט איבערגעגעבן מיט קיצורים דער אינהאַלט פֿון דעם גרויסן דאָקומענט, וואָס באַלײַכט דעם סאָציאַלן מעמד פֿון ייִדן אין סיציליע. דער פֿולער טעקסט פֿון דעם דאָקומענט איז אָפּגעדרוקט בײַ Lagumina, Codice etc. III ,51—45 (זע ביבליאָגראַפֿיע).

www.libtool.com.cn

וואָרט אויף אונדז: אין אונדזער מלוכה זײַנען כּמעט אַלע בעלי־מלאָכות ייִדן, און אויב זיי אַלע וועלן אַוועקגיין אין באַשטימטן טערמין (דרײַ חדשים), וועלן די קריסטן אָנווערן אַ סך הענט, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט מעטאַלענע כּלים, אײַזערנע אויסאַרבעטונגען, און באַזונדערס פּאָדקעוועס פֿאַר די פֿערד, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געצײַג און אַלץ וואָס איז נייטיק אויף צו בויען שיפֿן. אין אַ קורצער צײַט וועלן מיר ניט געפֿינען אַ גענוגע צאָל קריסטן אויף צו פֿאַרבײַטן זיי, און די וואָס וועלן זיך יאָ געפֿינען, וועלן פֿאַרלאַנגען פֿאַר זייער אַרבעט אַן איבערמאָסיק הויכן געצאָלט. דער פּועל־יוצא וועט זײַן, אַז עס וועלן אויספֿעלן די נייטיקסטע זאַכן צום לעבן. ווען אָבער עס וועט אויסברעכן אַ צרה, און די טערקן וועלן אָנפֿאַלן אויף אונדז מיט מלחמה, וועלן מיר דעמאָלט דער־שפּירן, אַז די ייִדן פֿעלן. הגם די ייִדן זײַנען ניט געלערנט צו מלחמה, קאָנען זיי מאַכן אַלע נייטיקע אַרבעטן פֿאַר אַ מלחמה: בויען וועגן, מאַכן אָנשיטן, באַפֿעסטיקן מויערן. מען באַדאַרף נאָך נעמען אין אַכט דאָס, וואָס די צאָל פֿון ייִדן גבֿירים איז ניט גרויס, און אַפֿילו מענטשן מיט אַ מיטעלן פֿאַרמעגן זײַנען ניטאָ באַזונדערס פֿיל צווישן זיי, און אַלע איבע־ריקע זײַנען אָרעמע מענטשן, און אויב די רעגירונג וועט זיי צואײַלן מיטן גירוש, וועלן זיי אויסשטאַרבן פֿון הונגער".

פּונקט אַזאַ פּראָטעסט קעגן דעם גירוש פֿון די ייִדן האָט דערלאַנגט דעם וויצע־קיניג דער מאַגיסטראַט פֿון דער שטאָט פּאַלערמאָ (11טן יולי). אין דער פּעטיציע איז געשטאַנען געשריבן, אַז „די גליקלעכע שטאָט פּאַלערמאָ" וועט בדלות ווערן, אויב די ייִדן וועלן ווערן פֿאַרטריבן אין אַ צײַט פֿון דרײַ חדשים, מחמת זיי זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג דורך האַנדל־ און קרעדיט־געשעפֿטן. נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפֿן. דער גירוש פֿון ייִדן פֿון אַלע מדינות פֿון שפּאַניע איז פֿאַר פֿערדינאַנד און איזאַ־בעלאַ געווען אַ הייליקער נדר נאָכן אײַננעמען גראַנאַדע, און וועגן אָפּשאַפֿן דעם דעקרעט האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. עס האָט געמוזט ווערן געבראַכט דער קרבן־עולה דעם קאַטוילישן גאָט: אין שפּאַניע צוויי מאָל הונדערט טויזנט ייִדן, אין סיציליע הונדערט טויזנט ייִדן. עס איז נאָר פֿאַרלענגערט געוואָרן דער טערמין פֿון דעם גירוש ביז דעצעמבער 1492. צום סוף יאָר זײַנען אַלע ייִדן, חוץ די וואָס האָבן זיך געשמדט, אַוועק פֿון סיציליע, און האָבן מיטגענומען מיט זיך נאָר די נויטווענדיקסטע זאַכן, אַלץ איבעריקע איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט פֿאַר דער קרוין. די פֿאַרטריבענע זײַנען אַוועק צו ערשט קיין נעאַפּאָל, אַפּוליע און קאַלאַבריע, אָבער אין גיכן האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהין די פֿאַראייניקטע שפּאַניש־פֿראַנצייזישע אַרמיי, און אין יאָר 1505 איז נעאַפּאָל גופֿא אַרײַנגעפֿאַלן צו די שפּאַניער אין די הענט.

דעמאָלט האָבן שוין די עמיגראַנטן געמוזט אין גאַנצן פֿאַרלאָזן דרום-איטאַליע. אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין צפֿון, און אַ סך זײַנען אַריבער אויפֿן באַלקאַנישן האַלבאינדזל, אין דער נײַער טערקישער מלוכה. זיי האָבן געגרינדעט גרעסערע קהילות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניק, אַדריאַנאָפּאָל, פּאַטראַס, לאַריסע און אַנדערע שטעט, וווּ דאָס רובֿ פֿון דער באַפֿעלקערונג זײַנען געווען גריכן, וואָס מיט זיי האָבן זיך געהאַט אײַנגעלעבט נאָך אין דער היים. אַזוי אַרום האָט אויך איטאַליע געבראַכט איר קרבן דעם מולך פֿון סוף מיטל-עלטער: דער אַלטער סיציליאַנישער צענטער איז געבליבן חרובֿ אַזש ביזן 19טן י״ה.

## § 61. די ליטעראַטור פֿון דער תּקופֿה פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס

בײַם באַגינען פֿון דעם איטאַליענישן ליטעראַרישן רענעסאַנס, אין דער ערשטער העלפֿט 14טן י״ה האָט די העברעיִשע ליטעראַטור אין איטאַליע געהאַט איר רענעסאַנס. ער איז געווען דער פּועל-יוצא פֿון צוויי השפּעות: פֿון אַן אָרטיקער און פֿון דער פּראָוואַנס. פֿון איין זײַט איז אין דעם גײַסטיקן לעבן פֿון דעם איטאַליענישן ייִדנטום געוואָרן אַרײַנגעטראָגן אַ באַלע-בונג, דורך דעם וואָס עס זײַנען צוגעקומען ליטעראַרישע כּוחות פֿון דרום-פֿראַנקרײַך, פֿון וואַנען עס איז נאָכן גירוש פֿון יאָר 1306 געגאַנגען אַן אויפֿ-הער אַן עמיגראַציע קיין איטאַליע; פֿון דער אַנדער זײַט האָבן זיך אָפּגע-רופֿן די פֿרישע ווינטן פֿון דער תּקופֿה פֿון דאַנטע, פּעטראַרקאַ און באָקאַטשיאָ, די אַטמאָספֿערישע ווירקונג פֿון דעם פֿרײַען געדאַנק, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אַפֿילו הינטער דעם צאַם פֿון די ייִדישע קוואַרטאַלן. אויף אַ שטיקל צײַט איז די ייִדישע איטאַליע געוואָרן אַ ווינקל שפּאַניע אָדער פּראָוואַנס פֿון פֿאַר צײַטן. עפּעס אַ שטרעמונג פֿון פּאָעטישער און פֿילאָסאָפֿישער פֿרײַדענקערײַ האָט זיך דורכגעריסן אין דער שטרענגער רבנישער ליטעראַטור אַרײַן, קיין ברייטן אָרט האָט זי אין איר ניט פֿאַרנומען, נאָר זי האָט דאָך אַרויסגעוויזן דעם דורכרײַס פֿון געשמידטן געדאַנק.

אַ ליטעראַרישער פֿענאָמען אין דעם פּרט איז אַ פּאָעט, וואָס עס איז אָנגענומען אים אָנצורופֿן „דער מיטלעלטערלעכער היינע". עמנואל הרומי (עמנואל בן שלמה הצפרוני, אַן ערך 1270—1335) איז געווען איינער פֿון די געבילדעטסטע מענטשן אין רוים. ער האָט געקענט ניט בלויז די העברעיִשע ליטעראַטור, נײַערט אויך די אַראַבישע, לאַטײַנישע און די נײַע איטאַליענישע, און אינטערעסירט האָט ער זיך מער פֿון אַלץ מיט פֿילאָסאָפֿיע און פּאָעזיע. אין דער פֿילאָסאָפֿיע האָט עמנואל הרומי זיך געפֿונען אונטער דער השפּעה

www.libtool.com.cn

פֿון דעם „מלכותדיקן געדאַנק" פֿון דעם רמב״ם און האָט אין גייסט פֿון דעם ראַציאָנאַליזם געשריבן פּירושים צו די ספֿרים פֿון תּנ״ך. אין דער פּאָעזיע איז ער נאָכגעגאַנגען די שפּאַניש-פּראָוואַנסאַלישע מוסטערן פֿון דער קלאַסישער תּקופֿה פֿון הלוי און אַלחריזי, וואָס ער האָט זיי פֿאַרבונדן מיט דער נײַער פֿאָרם פֿון סאָנעט, וואָס ער האָט איבערגענומען פֿון דער דעמאָלטיקער איטאַליע-שער ליטעראַטור. פֿון זײַנע מאָראַליש-פֿילאָסאָפֿישע פּירושים צום תּנ״ך זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט ניט קיין סך (צו משלי, שיר-השירים און אַ טייל פֿון תּהלים), נאָר עמנואלס שירים זײַנען דורכגעגאַנגען דורך יאָרהונדערטער ווי עפּעס אייגנאַרטיקס אין דער העברעיִשער פּאָעזיע. דער פּאָעט האָט זיי געשריבן אין די יונגע יאָרן אין רוים און אין אַנדערע שטעט, ווו ער האָט געלעבט ווי אַ הויזלערער אין הײַזער פֿון רײַכע מענטשן, און ער האָט זיי צונויפֿגענו-קליבן אויף דער עלטער, ווען ער איז אָרעם געוואָרן און האָט זיך גענייטיקט אין דער הילף פֿון מעצענאַטן. די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט עמנואל פֿאַרבראַכט אין שטוב פֿון אַ ייִדישן מעצענאַט אין פֿערמאָ. דאָ האָט ער זיך געקאָנט אַרײַנטון אין זײַנע פּאָעטישע חלומות און צונויפֿקלייבן די פֿריִער-דיקע פּרוכטן פֿון זײַן מוזע. דאָס אַלץ איז צונויפֿגענומען אין דער פֿאָרם פֿון „מאַקאַמען" (ריטמישע פּראָזע, אויסגעמישט מיט שירים) אין דעם זאַמלבוך „מחברות", וואָס איז צונויפֿגעשטעלט לויטן מוסטער פֿון אַלחריזיס „תּחכמוני".

אַ מישונג פֿון ליריק און הומאָר איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון עמנואלס שאַפֿונג. פֿאַר אים איז די ראָמאַנטישע ליבע ניט קיין רעליגיע, ווי פֿאַרן זינגער פֿון דער „הימלישער לאַורא" פּעטראַרקאַ, ניט דאַנטעס קולט פֿון דער מאַדאָנע אין דער פּערזאָן פֿון בעאַטריטשע, נײַערט נאָר אַ טראַגי-קאָמעדיע פֿון לעבן. יונגערהייט האָט ער זיך דערלויבט פּאָעטישע שטיפֿע-רײַען אַן ערך ווי די:

דעם גיהנום וואָלט איך אויסגעקליבן גלײַכער ווי דעם גן-עדן:
נודנע ביז טויט איז אין גן-עדן,
ווו עס קיניגט גוט-און-פֿרומקייט מיט איר שוועסטער נודנעקייט...
ניין, בעסער שוין צו קומען אין גיהנם אַרײַן: דאָרט איז
אַ מחנה בעל-עבֿירהטעס ליבע ביז גאָר,
אַ קהל פֿון יונגע יפֿהפֿיות...
מיט זיי וועט מיר דער גיהנם זײַן אַ גן-עדן, און זיי איז דער
גן-עדן אַן אמתער גיהנום.

שפּעטער האָט ער דערזען שטריכן פֿון גיהנם אין זײַן פּאָעטישן גן-עדן. אין עמנואלס פּאָעזיע איז פֿאַראַן עפּעס קאָנגעניאַלס מיט היינעס שאַפֿונג: אַ ליד פֿון ליבע און לײַדנשאַפֿט רײַסט זיך איבער מיט ביטערער איראָניע,

מיט חוזק איבער צאַרטע נשמה־אויסגיסונגען, וואָס דער פּאָעט איז נאָר וואָס געווען אַרײַנגעטאָן אין זיי. זײַן גרויסן טאַלענט האָט עמנואל אָפּט מאָל אויסגעביטן אויף קלייניגקייטן. פּונקט ווי דער גרעסטער טייל פון די דעמאָל־טיקע פּאָעטן האָט ער געשריבן אַ סך זאַכן אויף צו ווײַלן מעצענאַטן. זײַן זאַמלונג „מחברות" באַשטייט פון די פאַרשיידנסטע עלעמענטן: דאָרט זײַנען פאַראַן לירישע סאָנעטן און בילדלעך פון שטייגער, לײַכטזיניקע פלאַפּלערײַ און ערנצטע מוסר־רייד, פּיקאַנטע אַנעקדאָטן אין באָקאַטשיאָס גוסט און פילאָסאָפישע חקירות. די שירים זײַנען פאַרבונדן צווישן אַנאַנד דורך אַ פּראָזאַישער דערציילונג, וואָס איז אַ געמיש פון אמת און אויסגעטראַכטס. צום סוף פון דער זאַמלונג איז אַרײַנגעשטעלט די פּאָעמע „התופת והעדן" („גיהנם און גן־עדן"), וואָס איז לויטן סוזשעט ענלעך צו דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע". אין „התופת והעדן" לאָזט עמנואל פרײַ זײַן סאַטירישן טאַלענט. ער זעצט אַרײַן אין גיהנם צוזאַמען מיט אומגלייביקע גריכישע און אַראַבישע פילאָסאָפן אײַנגעגעסענע תלמודיסטן, וואָס זײַנען מבטל וועלטלעכע בילדונג, צבועאַקעס, קאַרגע נגידים, דאָקטוירים שאַרלאַטאַנעס, שרײַבערס פּלאַגיאַטאָרן. נאָר חסידי־אומות־העולם, וואָס גלייבן אין איין גאָט, גיט ער אַן אָרט אין גן־עדן, בעת ווען דאַנטע לאָזט ניט אַרײַן אין זײַן גן־עדן קיין איינעם וואָס איז ניט קיין קריסט.

עמנואל הרומי איז, לויט דער מיינונג פון אייניקע היסטאָריקער, געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיטן גרויסן פלאָרענטינישן פּאָעט; על־כל־פּנים האָבן זיי ביידע געהאַט אַ בשותּפישן גוטן פרײַנד, דאָס איז דער איטאַליענישער שרײַבער באָסאָנע דאַ־גוביאָ. נאָכן טויט פון ביידע פּאָעטן האָט איינער פון זייערע געגענער אָנגעשריבן, אַז זיי וועלן געפּײַניקט ווערן אין גיהנם פאַר זייער פרײַדענקערײַ. דערויף האָט באָסאָנע געענטפערט, אַז דאַנטע און „מאַנאָעללאָ" וועלן נאָר דורכגיין דורך דער לײַטערגרוב, און דערנאָך וועלן זיי קומען אין גן־עדן אַרײַן.

עמנואל האָט אָנגעשריבן אין איטאַליעניש עטלעכע סאָנעטן, וואָס צוויי פון זיי כאַראַקטעריזירן זײַן פּאָליטישן אינדיפערענטיזם, בעת ווען דאַנטע האָט זיך געקאָכט שטענדיק אין דעם קעסל פון פּאָליטישע לײַדנשאַפטן: „איך האָב גאָרנישט ניט ליב און בין גאָרנישט ניט מבטל. אין רוים בין איך גוט פרײַנד סײַ מיט די קאָלאָנאַ סײַ מיט די אָרסיני [צוויי פּאַטריציאַנישע משפחות וואָס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך פאַר דער מאַכט], אַ מאָל קלײַב איך אויס איינעם, אַ מאָל דעם צווייטן... איך פריי זיך מיט דער הצלחה פון די וועלפן, און ווען זיי פאַלן דורך, שטיי איך צו צו די גיבעלינען". אין איין סאָנעט שטעלט ער זיך פיר ווי אַ רעליגיעז־אינדיפערענטן מענטשן און זאָגט, אַז אויב צו אים וואָלטן געקומען משה און אהרן, די אַפּאָסטאָלן

www.libtood.com.cn

פּעטרוס און פּױלוס און מוחאַמאַד, איטלעכער מיט זײַן תּורה, װאָלט ער ניט געװוּסט, נאָך װעמען צו גײן, „װוּ איז דער װעג פֿון הײליקײט און דער װעג פֿון װעלטלעכקײט". אָבער דאָס איז נאָר אַ פּאָעטישער שפּאַס: אין דער אמתן איז עמנואל שטענדיק געבליבן געטרײַ דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקײט, װי דאָס איז צו זען פֿון זײַנע פּירושים צום תּנך און אַפֿילו פֿון אַ סך ערטער פֿון זײַן פּאָעטישער זאַמלונג. אַז ער איז פּערזענלעך אױך מאָראַליש געװען װײַט פֿון דעם טיפּ פֿון אַ הולטײַ און סאַלאָנען-העלד, װי מען װאָלט געקאָנט זיך פֿירשטעלן אַ מחבר פֿון גרינגע דערצײלונגען, איז צו זען פֿון די פֿיל שירים מיט אַ מוסר-השׂכּל, װאָס שטײען אין זײַן זאַמלונג מאַקאַמען אױסגעמישט מיט פֿאַרשײַטער עראָטיק. דאָרט זײַנען פֿאַראַן אױך פּיוטים מיט אַ טיפֿן געפֿיל אין סטיל פֿון מזמורים פֿון תּהלים. פֿאַר דער שטרענגער אָרטאָדאָקסיע אָבער איז עמנואל געװען אַ משורר אַ „ניבול-פּהניק", און שפּעטערדיקע רבנים האָבן געאַסרט זײַנע שריפֿטן.

די געזעלשאַפֿטלעכע סאַטירע טרעט אַרױס קלאָרער אין די פּראָזאַיִשע װערק פֿון דעם פּראָװאַנסאַלער קלונימוס בן קלונימוס (1286—1340). געבאָרן אין אַרל, פֿאַרמשפּט דורך די רדיפֿות פֿון יאָר 1396 אױף אַ לעבן פֿון נע-ונד, האָט דער הױך געבילדעטער קלונימוס אין אװיניאָן זיך באַקענט מיט דעם קיניג פֿון נעאַפּאָל און ליבהאָבער פֿון װיסנשאַפֿט ראָבערט אַנזשו. לױט דעם פֿאַרשלאָג פֿון דעם קיניג דעם מעצענאַט איז ער געקומען צו פֿאָרן קײן רױם מיט אַ װיסנשאַפֿטלעכער מיסיע און איז אין גיכן געװאָרן דאָרט דער צענטער פֿון דער געבילדעטער געזעלשאַפֿט. קלונימוסן האָט מען הױך געשאַצט װי אַ קענער פֿון דער אַראַבישער װיסנשאַפֿטלעך-פֿילאָסאָפֿישער ליטעראַטור און װי אַן איבערזעצער פֿון אַ סך װערק פֿון אַראַביש אין העברעיִש. ער האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אַ דרײַסיק װערק פֿון איבן ראָשד, אַלפֿאַראַבי, גאַלענוס, אײקלידעס און אַנדערע שרײַבערס. אױף לאַטײַניש האָט ער איבערגעזעצט איבן ראָשדס װערק „צעשטערונג פֿון דער צעשטערונג" (Destructio destructionis), װאָס איז אָנגעשריבן געװאָרן װי אַן ענטפֿער אױפֿן װערק פֿון דעם קאָנסערװאַטיװן אַלגאַזאַלי „די צעשטערונג פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע". קלונימוס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער אַרבעט פֿון אַן איבערזעצער, נאָר ער האָט אַרױסגעװיזן פֿעיִקײט צו שעפֿערישער אַרבעט. דער רעזולטאַט פֿון זײַנע אָבסערװאַציעס אין לעבן איז געװען דער מאָראַליש-סאַטירישער ספֿר „אבן-בוחן", װוּ דער מחבר מוסרט זײַנע בני-דור, אַ מאָל אין אַן ערנצטן טאָן, אַ מאָל אין אַ הומאָריסטישן נוסח, פֿאַר זײערע שלעכטע מידות, נאַרישקײט און פֿאַר זײער נאָכגײן נאָך דער מאָדע. באַזונדערס װערן געשטראָפֿט גבֿירים צבֿועקעס, װאָס פֿאַרדעקן מיט אַ מאַנטל פֿון יראַת-שמים זײערע מיאוסע געשעפֿטלעך, און רבנים װאָס „האַנדלען מיט דער תּורה".

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

צײַטנווײַז איראָניזירט קלונימוס אַפילו איבער דער תּלמודישער ייִדישקייט. אים איז אַ שאָד, וואָס ער איז ניט געבאָרן געוואָרן אַ ייִדענע, דעמאָלט וואָלט ער געווען פּטור פֿון אַ סך לאַוון און מצוות-עשׂה פֿון תּלמוד און וואָלט ניט באַדאַרפֿט זיך ברעכן דעם קאָפּ איבער דער גמרא. אַ צווייטער הומאָריסטישער חיבור קלונימוסעס איז דאָס קליינע ספֿרל „מסכת פּורים", וואָס איז אַ שפּילעוודיקע פּאַראָדיע אויפֿן תּלמוד. דאָ ווערט מיט אַ געמאַכטער לומדישער ערנצטקייט, וואָס אונטער איר איז פֿאַרבאַהאַלטן אַ פֿאַרשטיקטער געלעכטער, אַרומגערעדט די שאלה, ווי אַזוי באַדאַרף מען זיך אָנשיכּורן אין „המנס יום-טובֿ". די הויפּטטעזיסן פֿון דעם ענין ווערן איבערגעגעבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ משנה, און וועגן אָט דער משנה גייט אַוועק אַ שקלא-וטריא פֿון אמוראים, אַזוי ווי אין דער גמרא, מיט גאָר דער חריפֿות, וואָס ברענגט דעם לייענער צום לאַכן נאָך מער דערפֿאַר, וואָס דער ענין וואָס ווערט אַרומגערעדט איז אַ קוריאָזער. די דאָזיקע לפּנים אומשולדיקע פּאַראָדיע רירט אָן די שוואַכע זײַטן פֿון דעם תּלמודיזם, און ניט אומזיסט זײַנען שפּעטערדיקע רבנים מחמירים געווען ברוגז אויף דעם מחבר פֿאַר זײַן אויסלאַכן די גמרא.

צווישן די בני-דור פֿון עמנואלן און קלונימוסן איז געווען מפֿורסם ווי אַ ידען אין פֿילאָסאָפֿיע יהודה (לעאָן) ראָמאַנאָ. ער האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש די ווערק פֿון די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער טאָמאַס פֿון אַקווינאָ, אַלבערטוס מאַגנוס און אַנדערע טעאָלאָגן. אין איינעם פֿון די ווערק וואָס ער האָט איבערגעזעצט (Liber de causis) שטייט, אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט לויט דעם באַפֿעל פֿון דעם קיניג ראָבערט. יהודה ראָמאַנאָ האָט נאָך אָנגעשריבן אַ גרויסן פּירוש צום רמבמס „ספֿר המדע".

פֿון די שרײַבערס, וואָס האָבן געגאָסן די שטיצע פֿון דעם קיניג פֿון נעאַפּאָל, דאַרף מען נאָך דערמאָנען שמריה האיקריטי (פֿון דעם אינדזל קרעטע), אַ געבוירענער אין נעגראָפּאָנט, וואָס האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אונטער דער ממשלה פֿון ווענעציע. דעם ערשטן טייל פֿון זײַן גרויסן פּירוש אויף תּנך האָט ער געהייליקט דעם קיניג ראָבערט, „וואָס טראָגט די קרוין פֿון חכמה באַגלײַך מיט דער קרוין פֿון מלכות, אַזוי ווי שלמה המלך" (1328). אין דעם דאָזיקן פּירוש האָט דער מחבר זיך געשטעלט אַ ציל צו באַשיצן די הייליקע שריפֿט קעגן דער פֿילאָסאָפֿישער קריטיק און צו גלײַך אויסטײַטשן דעם טעקסט לויט זײַן גראַמאַטישן און לאָגישן פּשט. ר' שמריה האָט זיך אײַנגערעדט, אַז מן השמים איז ער באַרופֿן דורך זײַן פּירוש אויף דער תּורה צו מאַכן שלום צווישן די רבנים און קראים און מבֿטל צו זײַן די אַלטע שפּאַלטונג אין דער יהדות. ווי אַ געבוירענער אין נעגראָפּאָנט האָט ער זיך מן הסתם באַקענט נעענטער מיט די קראים פֿון קליין-אַזיע און ביזאַנץ און האָט געשטרעבט זיי מקרבֿ צו זײַן מיט ייִדן. אויף די עלטערע יאָרן האָט

www.hbtool.com.cn

ר׳ שמריה צוליב דעם צוועק געמאַכט אַ נסיעה קיין שפּאַניע, אָבער דאָרט האָט מען אים אויסגעלאַכט, און ערטערווײַז האָט מען אים אַפֿילו געררודפֿט, מחמת פֿון זײַנע רייד האָט מען געדרונגען, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ נביא אָדער פֿאַר משיחן (1352–58).

ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דער ייִדישער ליטעראַרישער רענעסאַנס אין איטאַליע. אין 15טן י״ה האָט דער גײַסט, אונטערן דרוק פֿון דער וואַקסנדיקער קלעריקאַלער אַגיטאַציע, זיך געווענדט צו דער רעליגיעזער אַפּאָלאָגיע. עס ווערן געשריבן ספֿרים, וואָס דאַרפֿן דינען ווי אָנווײַזערס פֿאַר ייִדן בײַם פֿירן וויכּוחים צו פֿאַרטיידיקן די דאָגמעס פֿון ייִדישקייט, און אַ סך שריפֿטן אַזעלכע זײַנען באַגראָבן אין דעם שטויב פֿון איטאַליענישע אַרכיוון. זעלטן ווען עס טרעט אַרויס אַן אָריגינעלע ליטעראַרישע קראַפֿט. דער אײנציקער פּאָעט פֿון יענער תּקופֿה, אַ רבֿ און מעדיקער אין פּערודזשיע ר׳ משה דאַ ריאַטי (געשט׳ אַרום 1460), איז געווען אַ קונציקער גראַמען־מאַכער, וואָס האָט אין פֿערזן איבערגעגעבן רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע אידעען און היסטאָריש־ליטעראַרישע ידיעות. זײַן פּאָעמע „מקדש מעט" איז אָנגעשריבן אין טערצינעס לויטן איטאַליענישן מוסטער, און לויטן פּלאַן האָט זי אויך אַ שטיקל ענלעכקייט מיט דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע". די פּאָעמע האָט אַ ריי וויזיעס אין די הימלישע היכלות. אין יענעם טייל, ווו עס זײַנען אויסגערעכנט די נעמען פֿון מחברים גדולי ישׂראל, האָט ר׳ משה דאַ ריאַטי אויסגעלאָזט די נעמען פֿון פֿרײַדענקערס אלבלג, רלב״ג און ר׳ משה נרבוני, און דערקלערט דערבײַ, אַז ער האָט די דאָזיקע „חכמים" אויסגעשלאָסן, מחמת ער איז ניט מסכּים מיט זייער פֿילאָסאָפֿישער שיטה. ער האָט אויך אויסגעשלאָסן דעם משורר פֿון פֿריִערדיקן דור עמנואל הרומי „פֿאַר זײַן סטיל און פֿאַר זײַנע אויסדרוקן אין זײַן עראָטישער זאַמלונג". אויך אין איטאַליע האָט זיך אין יענער תּקופֿה געשטאַרקט דער קאָנסערוואַטיזם, פּונקט ווי אין שפּאַניע. די רעליגיעזע אַפּאָלאָגעטיק האָט זיך ניט געלאָזט אויסשטימען מיט פֿרײַדענקערײַ. ר׳ משה דאַ ריאַטי האָט געמוזט נעמען אַן אָנטייל אין אַ וויכּוח מיטן „באַוווּסטן ברודער [מאָנאַך], דעם שׂונא־ישׂראל, וואָס האָט אין זײַנע דרשות אין רוים געשענדט גאָטס מחנה און געוואָלט זי צעשטערן". דאָס איז געווען מן־הסתּם איינער פֿון דער חבֿרותא פֿון די צוויי בערנאַרדינען, וואָס זײַנען געווען גלײַכצײַטיק אי מיסיאָנערן אי פּאָגראָם־העצערס.

אָנשטאָט דער אײַנגעדאַרטער פֿרײַער ליטעראַטור פּעסטיקט זיך אײַן אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה די רבנישע ליטעראַטור אין איר ענגער דײַטשער פֿאָרם. די עמיגראַציע פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך, ווו עס זײַנען דעמאָלט פֿאָרגעקומען מאַסן־גירושים, האָט אַרײַנגעבראַכט קיין איטאַליע גײַסטיקע שטרעמונגען, וואָס זײַנען געגאַנגען להיפּך צו יענע שטרעמונגען,

וואָס זײַנען געגאַנגען צוזאַמען מיט דער עמיגראַציע פֿון פּראָוואַנס. צווישן די אָנגעקומענע פֿון דײַטשלאַנד זײַנען געווען גרויסע רבנים תּלמודיסטן, וואָס האָבן זיך געפֿלײַסט אײַנצופֿלאַנצן אין דעם נײַעם אָרט די רבנישע סכאָלאַסטיק פֿון זייער היים. איינער פֿון זיי, רבי יהודה מענץ (אָדער מינץ) האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ און ראָש-ישיבֿה אין פּאַדוע (1460—1508); פֿון דער דאָזיקער ישיבֿה זײַנען אַרויסגעקומען אַ סך תּלמידי-חכמים, וואָס האָבן אין איטאַליע אײַנגעפֿירט ייִדישקייט אויפֿן „דײַטשן" נוסח. אַ צווייטער גרויסער רבֿ רבי יוסף קולון (ראָשי-תּיבֿות מהרי״ק; געשט' אַרום 1490) איז געווען אַ געבירטיקער פֿון סאַוואָיע, נאָר געלערנט האָט ער אין די ישיבֿות פֿון עסטרײַך. ער האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ אין מאַנטוע, נאָר פּאַקטיש איז ער געוואָרן דער אייבער-רבֿ אין איטאַליע. צו אים האָבן זיך געווענדט אַ סך קהילות מיט שאלות וועגן אַלע ענינים פֿון ייִדישקייט, און זײַנע תּשובֿות זײַנען געווען אַ חוק פֿאַר אַלעמען.ביידע רבנים, מינץ און קולון, זײַנען געווען שטרענגע אָרטאָדאָקסן און זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן קיין פֿרײַדענקערײַ בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ אין איטאַליע. אין פּאַדוע און מאַנטוע האָבן זיי געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט צוויי דענקערס, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פֿון בילדונג פֿון זייער צײַט און האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג דער גײַסטיקער קנעכטשאַפֿט, וואָס איז געגאַנגען פֿון דעם דײַטשן געטאָ.

אין דעם אוניווערסיטעט פֿון פּאַדוע האָט אין יענער צײַט געלייענט לעקציעס דער ייִדישער פֿילאָסאָף אליהו דעלמעדיגאָ (1460—1497). אַ געבירטיקער פֿון דער שטאָט קאַנדיע אויפֿן אינדזל קרעטע, האָט אליהו דעלמעדיגאָ געקראָגן אַ סאָלידע אַלגעמיינע בילדונג, וואָס ער האָט זי אויס-געברייטערט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער אוניווער-סיטעט-שטאָט פּאַדוע. דאָ און אין ווענעציע האָט ער געשריבן אין לאַטײַניש ווערק וועגן מעטאַפֿיזיק אין גײַסט פֿון אַריסטאָטעלעסן (De creatione mundi, De primo motore, א״אַנד) און האָט אויך איבערגעזעצט אין לאַטײַניש די ווערק פֿון דער אַראַביש-ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע, און געמאַכט זיי אַזוי אַרום צוטריטלעך פֿאַר וויסנדאָרשטיקע קריסטן. אין פּאַדוער אוניווערסיטעט איז איין מאָל אַרויסגעקומען אַ פּלוגתּא וועגן אייניקע פֿילאָסאָפֿישע פֿראַגעס, און די מחלוקת איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די פּראָפֿעסאָרן און סטודענטן האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות. דעמאָלט האָט דער ווענעציאַנישער סענאַט באַשטימט אַ קאָלעגיע אויף צו באַשיידן די מחלוקת, און צו דער זיצונג פֿון דער קאָלעגיע האָט מען פֿאַרבעטן אויך דעם יונגן ייִדישן געלערנטן. אליהו דעלמעדיגאָ האָט געקראָגן דאָס רעכט צו לייענען לעקציעס וועגן פֿילאָסאָפֿיע, און איז דערנאָך ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן ווי אַ לעקטאָר אין פּאַדוע,

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

פֿלאָרענץ און ווענעציע. צווישן זײַנע תּלמידים איז געווען דער באַרימטער
הומאַניסט פּיקאָ=דע=מיראַנדאָלאַ, וואָס האָט זיך באַזונדערס פֿאַראינטערעסירט
מיט דער נײַער קבלה, מחמת ער האָט אין איר געזוכט אַ באַשטעטיקונג פֿאַר
דער קריסטלעכער דאָגמע.

אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט דעלמעדיגאָ פֿאַראייביקט זײַן
נאָמען דורך אַ קליינעם חיבור, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1491,
אונטערן טיטל „בחינת הדת", ווו ער האָט פֿירגעשטעלט די יסודות פֿון דער
פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער יהדות. דער מחבר, וואָס איז ווײַט פֿון ראַדיקאַלע
טענדענצן, פֿלײַסט זיך צו דערווײַזן, אַז די רעזולטאַטן פֿון פֿילאָסאָפֿישע
חקירות טאָרן גאָרנישט ניט בײַטן אין געביט פֿון דער רעליגיע, וואָס איז
אַ מלוכה פֿאַר זיך, וואָס ווערט רעגירט דורך אירע אייגענע געזעצן. ייִדיש=
קייט איז דער עיקר אַ רעליגיע פֿון מעשׂים, און ניט בלויז פֿון גלויבן אָדער
הסתּכּלות. דאָ איז פֿאַר אונדז דער אויטאָריטעט די הלכה פֿון תּלמוד, וואָס
פֿאַרנעמט זיך מיט אויסטײַטשן די חוקים פֿון דער תּורה. פֿאַרקערט די
אַגדה, וואָס דרינגט אַרײַן מיט אירע לעגענדעס און סותרדיקע מיינונגען אין
געביט פֿון גלויבן און דאָגמאַטיק, איז פֿאַר אונדז ניט קיין גרעסערער מוז
ווי יעדער אַנדער שאַפֿונג פֿון מענטשלעכן גײַסט, און דאָרט ווו די אײַנ=
טײַטשונג פֿון דער אַגדה איז סותר דעם פּשט פֿון דער תּורה און פֿון די
נבֿיאים, האָט זי קיין שום באַטרעף ניט. אַ פּשיטא שוין אַז עס האָט קיין
באַטײַט ניט די מיסטישע קבלה און איר הייליקער ספֿר הזוהר, די כּלומרשטע
התגלות פֿון ר' שמעון בן יוחאי, וואָס וועגן איר איז אין תּלמוד גאָרנישט
ניט דערמאָנט. די טעאָריע פֿון די מקובלים וועגן די „ספֿירות", וואָס זאָלן
זײַן כּוחות מיט אַ געטלעכער טבֿע, זײַנען סותר דעם פּשוטן עיקר=הדת וועגן
אַחדות=האלהות. די מקובלים זײַנען מגשים די גאָטהייט, און די ראַציאָנאַ=
ליסטן מאַכן פֿון די תּנכישע פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט אַבסטראַקטע אידעען –
די ביידע עקסטרעמען מוזן ווערן באַזײַטיקט. דעלמעדיגאָ האַלט זיך פֿאַרן
מיטלוועג, וואָס דער רמבם האָט דורכגעפֿירט, נאָר ער איז אײַנגעהאַלטענער
ווי זײַן רבי, און ער עצהט למשל, אַז מען זאָל זײַן אָפּגעהיט בײַם אויס=
פֿאָרשן די טעמים, פֿאַר וואָס די מצוות זײַנען געגעבן געוואָרן, וואָרעם
עס קאָנען אַרויסקומען חילוקי=דעות בײַם דערקלערן דעם טעם פֿון אַ מצווה,
און דאָס קאָן ברענגען צו מחלוקתן און שפּאַלטונגען. אָבער ווי אָפּגעהיט
דער פֿילאָסאָף איז ניט געווען, האָט ער ־דאָך ניט אויסגעמיטן אַ סיכסוך
מיטן רבֿ פֿון פּאַדוע ר' יהודה מינץ, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר אַפּיקורסות
זײַן מיינונג, אַז די אַגדה איז ניט קיין מוז. דער קאָנסערוואַטיווער רבֿ און
דער לעקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע אין אַ קריסטלעכן אוניווערסיטעט האָבן ניט
געקאָנט אײַנלעבן זיך אין איין קהילה, און דעלמעדיגאָ האָט געמוזט אַוועק=

www.libtool.com.cn

פֿאָרן פֿון פּאַדוע אַהיים, קיין קאַנדיע, ווו ער איז אין גיכן געשטאָרבן אין בלײַענדיקן עלטער.

דעם זעלביקן סוף האָט געהאַט אויך זײַן בן-דור יהודה בן יחיאל, וואָס איז מער באַוווּסט אונטערן נאָמען מעסער לעאָן (אַן ערך 1440—1490), אַ דאָקטאָר און רבֿ אין מאַנטוע. אים איז געווען שטאַרק געפֿעלן דער איטאַליענישער הומאַניזם, און ער האָט געוואָלט אַרײַנפֿירן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מוסטערן פֿון דער אַנטיקער רעטאָריק. ער האָט אָנגעשריבן אַ חיבור וועגן רעטאָריק („נופֿת צופֿים") לויטן מוסטער פֿון ציצעראָ און קווינטיליאַן, און אויך צוויי לערנביכער וועגן גראַמאַטיק און לאָגיק. ווען קיין מאַנטוע איז געקומען דער רבֿ ר' יוסף קולון, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אים און לעאָנען אַ פֿאַרביטערטער קאַמף, וואָס איז געווען אַרויסגערופֿן ניט בלויז דורך פּראָפֿעסיאָנעלער קאָנקורענץ, נײַערט אויך דורך דער פֿאַרשיידנקייט פֿון די מיינונגען. די מחלוקת צווישן די רבנים האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ מחלוקת אין דער קהילה, אַז דער הערצאָג פֿון מאַנטוע איז געווען געצוווּנגען אַרויסצושיקן פֿון שטאָט ביידע קאָנקורענטן, בכדי אײַנצושטעלן די מהומות (1475). ר' יוסף קולון האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין פּאַוויע. די ריכטונג פֿון מעסער לעאָן איז אָבער ניט פֿאַרשטיקט געוואָרן. דער איטאַליענישער הומאַניזם איז דעמאָלט געגאַנגען באַרג אַרויף און האָט אויפֿגעטאָן גרויסע זאַכן, בפֿרט אין פֿילאָלאָגיע, און אין אָנהייב 16טן י"ה האָט ער מיטגעצויגן אַ סך ייִדישע געלערנטע.

צו דער באַלעבונג אין גײַסטיקן געביט האָט אַ סך מיטגעווירקט די בוך-דרוקערײַ, וואָס איז אויסגעפֿונען געוואָרן אין מיטן 15טן י"ה. די איטאַליענישע ייִדן האָבן די ערשטע אויסגענוצט דאָס דאָזיקע גרויסע אויסגעפֿינס. שוין אין די יאָרן 1470 און 1480 זײַנען געדרוקט געוואָרן העברעיִשע ספֿרים אין די דרוקערײַען פֿון מאַנטוע, פֿעראַרע, באָלאָניע און נעאַפּאָל. זינט דעם אָנהייב 16טן י"ה ווערן די איטאַליענישע דרוקערײַען די הויפּט-צושטעלערס פֿון ספֿרים פֿאַרן ייִדנטום.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל VI

# מזרח־אייראָפּע און דער ייִדישער מזרח

### § 62. דער וווקס פון די קאָלאָניעס אין פּוילן אונטער קאַזימיר דעם גרויסן

די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער פון מיטל־עלטער איז פּוילן דער הויפּט־אויפנעמפּלאַץ פון דער ייִדישער עמיגראַציע פון דײַטשלאַנד. צוויי סיבות רופן אַרויס די דאָזיקע באַוועגונג פון מערבֿ קיין מזרח: א) די אַלגעמיין־דײַטשע קאָלאָניזאַציע פון די פּוילישע שטעט, וואָס ציט מיט זיך מיט אויך ייִדן; ב) די ספּעציעל ייִדישע פּורענויות: די פּאָגראָמען פון די „ייִדן־שלעגערס", פון די אַרמלעדערס און פון די נקמה־נעמערס פאַרן שוואַרצן טויט אין 14טן י"ה, די סיסטעמאַטישע גירושים פון גאַנצע קהילות פון פאַרשיידענע שטעט פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך אין 15טן י"ה. סײַ די פּריווילעגיעס סײַ די געצוווּנגענע אויסוואַנדערערס האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין פּוילן, וואָס איז אין יענער תקופה פּאָליטיש פּערספּעקטיקט געוואָרן און אַריבערגעגאַנגען אין אַ סטאַדיע פון אַ מער קאָמפּליצירטערווירטשאַפט. דער קיניג וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק (1306–1333) האָט כמעט בטל געמאַכט די סיסטעם פון טייל־פירשטנ־טימער און האָט געמאַכט דעם אָנהייב צו דער פאַראייניקונג פון פּוילן אין אַן איינהייטלעכער מלוכה, און זײַן שלום ליבנדיקער זון קאַזימיר דער גרויסער (1333–1370) האָט מיט אַלע כוחות געזאָרגט דערפאַר, אַז אין דער פאַראיי־ניקטער מלוכה זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אָרדענונג אין ציווילן און עקאָנאָ־מישן לעבן. קאַזימיר האָט אונטערגעהאַלטן די קאָלאָניזירונג פון לאַנד דורך אײַנוואַנדערערס פון דײַטשלאַנד, בכדי זיי זאָלן אַנטוויקלען האַנדל און אינ־דוסטריע. ער האָט געזאָרגט גלײַך וועגן די אינטערעסן פון אַלע שטאַנדן, ניט אויסגעשלאָסן אויך די פּויערים. מען האָט אים גערופן דער „קיניג פון די כלאָפּעס" און מען פלעגט זאָגן, אַז „איבערגענומען פּוילן האָט ער אַ הילצערנע און איבערגעלאָזט אַ געמויערטע", ווײַל אין זײַן צײַט האָט מען די שטעט פאַרבויט מיט געמויערטע הײַזער. אין יענער תקופה, ווען עס האָבן זיך געבויט שטעט, האָט דער קיניג ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן דער הילף

www.libtool.com.cn

פֿון ייִדישע סוחרים און פֿינאַנסיסטן. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע טעמים האָט קאַזימיר געהאַט אין זינען, ווען ער האָט אין צווייטן יאָר פֿון זײַן רעגי-רונג (1334) באַשטעטיקט אין קראָקע דעם כּתבֿ פֿון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ייִדן פֿון דעם פּירשטנטום גרויספּוילן (אויבן, § 30) און האָט אויסגעברייטערט זײַן גילטיקייט אויף גאַנץ פּוילן. שפּעטער האָט קאַזימיר ממלא געווען באָלעסלאַווס כּתבֿ מיט נײַע געזעצן, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט די פֿריִערדיקע געוואָרן די גילטיקע קאָנסטיטוציע פֿון די פּוילישע ייִדן. היות ווי די דײַטשע קאָלאָניסטן זײַנען אין די שטעט געווען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע בירגער-קאָרפּאָראַציעס, וואָס האָבן זיך געפֿירט אויפֿן יסוד פֿון דעם „דײַטשן (מאַגדעבורגער) רעכט", בכן האָבן די ייִדישע קהילות געמוזט זיך פֿאַרזיכערן דורך אַ פּריווילעגיע אויף אַן אייגענער פֿירונג. אין דער אַלגעמיין ציווילער אָרדענונג האָבן די דאָזיקע קהילות זיך געפֿונען אונטער דער פֿירונג פֿון די קיניגלעכע וואָיעוואָדעס, און אין די אינעווייניקסטע ענינים אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אויסגעקליבענע פֿון דער אייגענער סבֿיבֿה. פֿאַר די ייִדן איז באַזונדערס געווען וויכטיק צו זײַן פֿרײַ פֿון דער יוריסדיקציע פֿון די מאַגיסטראַטן און פֿון די קאָרפּאָראַטיווע אינסטיטוציעס, וואָרעם אַנדערש וואָלטן זיי געווען אָפּהענגיק פֿון זייערע האַנדלס-קאָנקורענטן אָדער פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, וואָס איז געווען געשטימט פֿײַנדלעך לגבי זיי.

אין דעם אַרײַנפֿיר צו דעם קיניגלעכן כּתבֿ פֿון יאָר 1364 שטייט ניט, אַז ייִדן זײַנען „קנעכט פֿון דער קיניגלעכער קאַמער", לויטן מוסטער פֿון די דײַטשע אַקטן פֿון דעם מין, נאָר עס ווערט פּשוט פֿאַרצייכנט, אַז דער קיניג „האָט באַוויליקט די בקשה פֿון די ייִדן וואָס וווינען אין אַלע שטעט פֿון דער פּוילישער מלוכה", ווײַל „ער וויל פֿאַרגרעסערן די נוציקייטן פֿון זײַן קאַסע" (utilitates camerae nostrae augere cupientes). לויטן פּשט פֿון אָט דעם גרונטגעזעץ האָבן ייִדן געקראָגן דאָס רעכט צו וווינען אין גאַנצן לאַנד און פֿרײַ זיך צו באַוועגן אומעטום, צו האַנדלען אין גאַנצן פֿרײַ, אַרײַנצופֿירן סחורות, און אויך דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט פֿאַר משכּנות פֿון נחלאות אָדער מטלטלין. דער געזעץ חזרט איבער כּמעט אות באות אַלע פּונקטן פֿון דעם אויבן דערמאָנטן כּתבֿ פֿון באָלעסלאַוו מכּוח דער אומבאַרירלעכקייט פֿון די ייִדנס פּערזאָן און אייגנטום און מכּוח דער יוריסדיקציע איבער זיי. סיכסוכים צווישן ייִדן און קריסטן קלײַבן פֿונאַנדער ניט שטאָטישע ריכטערס, נאָר קיניגלעכע ריכטערס: דער וואָיעוואָדע אָדער וויצע-וואָיעוואָדע, און אין דער העכסטער אינסטאַנץ דער קיניג גופֿא. „דער ריכטער פֿאַר ייִדן" (judex judaeorum), געוויינטלעך דער וויצע-וואָיעוואָדע, איז געווען מחויבֿ צו משפּטן זיי בײַ דער שול אָדער אין אַן אַנדער אָרט,

www.libtool.com.cn

„ווי עס משפּטן זיך די ייִדן". דאָ איז משמעות דאָס קיניגלעכע געריכט וועגן די ענינים צווישן ייִדן און קריסטן צונויפֿגעבראַכט געוואָרן מיטן אויטאָנאָמען ייִדישן בית=דין, וואָס האָט געהאַט צו שאַפֿן איבער די אינעווייניקסטע סיכסוכים צווישן די גלידער פֿון דער קהילה, און דעריבער איז גענומען געוואָרן אין אַכט דאָס געוויינהייט=רעכט פֿון ביידע צדדים.

דער כּתבֿ פֿון 1364, וואָס קאַזימיר האָט אַרויסגעגעבן דעם פֿאָרשטייער פֿון די ייִדן פֿון גרויספּוילן, פֿאַלק פֿון קאָליש, איז געווען באַשטימט פֿאַר דער גאַנצער מלוכה. פֿון דעסט וועגן האָט דער קיניג געפֿונען פֿאַר נייטיק אין דריי יאָר אַרום (1367) אַרויסצוגעבן אין קראָקע אַ נײַעם כּתבֿ פֿון דעם זעלביקן מין פֿאַר די ייִדן פֿון קליינפּוילן, וואָס האָבן קענטיק באַזונדער וועגן דעם זיך משתּדל געווען. דאָ זײַנען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן סײַ דער פּרינציפּ פֿון דער גלײַכוווערטיקייט פֿון אַ ייִדן (פֿאַר אָנמאַכן אַ ייִדן אַ וווּנד האָט געקומט פּונקט אַזאַ שטראָף, ווי מאַכן אַ וווּנד אַן אַדלמאַן אָדער אַ שליאַכטשיץ), און סײַ דער יסוד פֿון אַליין=פֿאַרוואַלטונג (דער קיניגלעכער ריכטער איבער די ייִדישע ענינים טאָר ניט אַרויסטראָגן קיין פּסק אָן דעם אָנטייל פֿון ייִדישע באַזיצערס).

אָט די אַלע כּתבֿים און פּריווילעגיעס האָט קאַזימיר פֿאַרעפֿנטלעכט מיטן הסכּם פֿון די העכסטע פֿאָרשטייערס פֿון דעם אַדל, וואָס זײַנען געזעסן אין דעם קיניגלעכן ראַט. נאָר עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך אַנדערע פֿאָרשטייערס פֿון דער שליאַכטע, וואָס זיי זײַנען די ליבעראַלע סטאַטוטן וועגן ייִדן ניט געפֿעלן געווען. אויפֿן וויסליצער צונויפֿפֿאָר פֿון יאָר 1347 האָט די שליאַכטע פֿון קליינפּוילן אָנגענומען אַ געזעץ וועגן באַגרענעצן די הלוואה=אָפּעראַציעס פֿון ייִדן: עס זײַנען געוואָרן דערלויבט נאָר קליינע הלוואות אויף משכּנות פֿון זאַכן, אָבער ניט קיין הלוואות אויף אַ וועקסל אָדער אויף אַ משכּון פֿון נחלאות; די דאָזיקע באַגרענעצונג איז געוואָרן מאָטיווירט דורך אַ טעם פֿול מיט רשעות: „מחמת די רמאותדיקע שטרעבונג פֿון די ייִדן איז געווענדט צו צעשטערן דעם גלויבן און אַוועקצונעמען דאָס אייגנס פֿון קריסטן". דאָ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער פּחד פֿון יענער שליאַכטע, וואָס אירע מאַיאָנטקעס זײַנען געווען פֿאַרמשכּונט בײַ ייִדישע מלווים, און די מלווים וואָלטן געקאָנט זיי צונעמען אין גאַנצן פֿאַר זיך, ווען דער חובֿ זאָל ניט ווערן אָפּגעצאָלט. דאָ האָט זיך אויך אַרײַנגעמישט די גײַסטלעכקייט, וואָס האָט נאָך אין 13טן י"ה אַנטקעגנגעשטעלט אירע קאַנאָנישע געזעצן קעגן די סטאַטוטן פֿון באָלעסלאַוו דעם קאָלישער (§ 30).

אין דער שרעקלעכער צײַט פֿון דעם „שוואַרצן טויט" האָבן די פּוילישע ייִדן משמעות זיך געפֿונען אין אַ גרויסער סכּנה, וואָרעם צוזאַמען מיט דער מגפֿה איז אַרײַנגעדרונגען פֿון דײַטשלאַנד אויך די מנוּוולדיקע רכילות, אַז

www.libtool.com.cn

ייִדן פאַרסמען טייַכן און ברונעמער. אין איינער פוילישער כראָניק איז פאַראַן די קורצע ידיעה, אַז אין יאָר 1349 „זייַנען פאַרטיליקט געװאָרן די ייִדן אין גאַנץ דייַטשלאַנד און כ מ ע ט אין גאַנץ פוילן: טייל האָט מען צעשניטן מיט דער שװערד, טייל פאַרברענט אויפן שייַטער-הויפן". ענלעכס דערציילט אַגבֿ-אורחא אויך אַן איטאַליענישע כראָניק. בדרך רמז װערט דערמאָנט װעגן אייניקע געליטענע קהילות אין פּיוטים. מען מעג אָננעמען, אַז אין די געגנטן פון פוילן װאָס גרענעצן זיך מיטן דייַטשלאַנד, בפרט אין שלעזיע, זייַנען געװען פּאָגראָמען אויפן סמך פון דעם פּעסט-בילבול, נאָר אויף גאַנץ פוילן האָבן זיי קענטיק זיך ניט פאַרשפּרייט.[1] פאַרקערט, אין דעם לעצטן יאָר-צענדלינג פון קאַזימיר דעם גרויסנס רעגירונג איז דער מצבֿ פון ייִדן אין פוילן געװאָרן פעסטער, און די פּליטים פון דייַטשלאַנד האָבן דאָרט געקאָנט געפינען אַ מקום-מנוחה.

פעסטע התחלות פון ייִדישע קהילות האָבן דעמאָלט עקסיסטירט אין די הויפּטשטעט פון דרייַ פּראָװינצן: אין דער הויפּטשטאָט פון דער מלוכה, קראָקע און אין צװיזמער (קליינפּוילן), אין פּויזן און קאַליש (גרויספּוילן), אין לעמבערג אָדער לבֿוב (רויטרוסלאַנד). אין קראָקע װערט דער ייִדישער קװאַר-טאַל (vicus judaeorum) דערמאָנט אין די אַקטן צו ערשט אין יאָר 1344, און די שול 1356, — און מחמת דעם מעג מען משער זייַן, אַז אויפגעקומען איז די קהילה נאָך פריִער. דער ייִדישער קװאַרטאַל איז נאָך ניט געװען קיין אָפּגעשלאָסענע שטאָט, און צװישן די ייִדישע הייַזער האָבן זיך געפונען אויך קריסטלעכע הייַזער, װאָס האָבן געהערט דערהויפּט צו דייַטשן. אין קראָקע האָבן זיך שוין דעמאָלט באַװיזן ייִדן גבֿירים, װאָס האָבן זיך פאַרנו-מען מיט קויפן און פאַרקויפן פּלעצער און הייַזער און מיט געלט-אָפּעראַציעס. איינער פון זיי, לעװקאָ, איז געװאָרן דער באַנקיר פון קאַזימיר דעם גרויסן, װאָס האָט אים איבערגעגעבן די פירונג פון די זאַלצגרובן אין װעליטשקע און באָכניע און פון דעם מינצהויף אין קראָקע. די קראָקעװער בירגערשאַפט האָט מקנא געװען לעװקאָס השפּעה און רייַכקייט. עס איז אַרומגעגאַנגען

---

[1] די איטאַליענישע כראָניק פון װילאַני (Muratori, Scriptores rerum italia-narum, sub anno 1348) רעדט גראָד װעגן דעם „טייל װאָס גרענעצט זיך מיט דער אימפּעריע", האָבנדיק אין זינען מן הסתם שלעזיע (די געגנט פון ברעסלױ), װאָס מיט אַ קורצער צייַט פריִער האָט זי געהערט צו פוילן. אין דער סליחה פון עקיבֿא פראַנקפורט װערן אין דער רשימה פון געליטענע ייִשובֿים דערמאָנט „קאַליש, קראָקע און גלאָגע" (לאַנדסהוט, „עמודי העבֿודה", הוספה II). קראָקע װערט נאָך דערמאָנט אין דעם מעמאָרבוך פון דער נירנבערגער קהילה צװישן די געליטענע קהילות. די אין טעקסט ציטירטע פראַזע פון דער „אָליװער כראָניק" (Monumenta Poloniae Historica, VI, 347) חזרט איבער די געװיינט-לעכע פראַזע פון די דייַטשע שטאָטישע כראָניקעס אין די באַשרייַבונגען װעגן דער עפּאָכע פון דעם שװאַרצן טויט.

www.libtool.com.cn

אַ קלאַנג, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ כּישוף-פֿינגערל, וואָס דערמיט האָט ער צוגעשמידט צו זיך דעם קיניג. קרעדיט-אָפּעראַציעס האָבן זיך אַנטוויקלט אויך אין פּויזן. דאָ האָבן ייִדן אַנטליִען געלט דער שליאַכטע אויף משכּנות פֿון מאַיאָנטקעס. ווען די מאַיאָנטקעס פֿון די אויסברעננגערישע אַדללײַט פֿלעגן אַריבערגיין אין אייגנטום פֿון ייִדן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ כּעס קעגן זיי, און שפּעטער האָבן זיי דערפֿון געהאַט גרויסע צרות: זינט דער צווייטער העלפֿט 14טן י"ה שטעלט זיך אַוועק לעבן די קהילות אין קראָקע און פּויזן די קהילה פֿון לעמבערג. אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז געוואָרן פֿאַראייניקט אין יאָר 1340 מיט פּוילן צוזאַמען מיט גאַנץ רויטרוסלאַנד, האָבן ייִדן געוווינט נאָך פֿריִער אונטער די רוסיש-גאַליצישע פֿירשטן. אין יאָר 1356 האָט קאַזימיר דער גרויסער אײַנגעשטעלט דאָס קאָמונאַלע רעכט פֿון אַלע באַפֿעלקערונג-גרופּעס אין לעמבערג און דערלויבט די דײַטשן, אַרמעניער, ייִדן און טאָטערן „זיך צו משפּטן לויט זייערע אייגענע געזעצן".

קאַזימיר דעם גרויסנס פֿאַרהעלטעניש צו ייִדן האָט אַזוי אַרום געשטימט מיט זײַן אַלגעמיינער פּאָליטיק לגבי די פֿרעמדשטאַמיקע, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַר נוציק פֿאַרן עקאָנאָמישן וווּקס פֿון לאַנד. פֿון דעסט וועגן האָבן בייזגינערס פֿון ייִדן אײַנגעזען אין די דאָזיקע אַקטן פֿון מלוכישער קלוגשאַפֿט אַן אַרויסווײַז פֿון דעם קיניגס פּערזענלעכע קאַפּריזן און ליבהאָבערײַען. דער פּוילישער כראָניסט, דער ביסקופּ דלוגאָש, דערציילט, אַז קאַזימיר זאָל כּלומרשט זײַן געווען גוט צו ייִדן דערפֿאַר, וואָס איינע פֿון זײַנע געליבטע איז געווען דאָס שיינע ייִדישע מיידל אסתּרקע: די דאָזיקע יפֿהפֿיה, אַ טאָכטער פֿון אַ ייִדישן שנײַדער אין אָפּאָטשנע, זאָל האָבן אין גאַנצן געוועלטיקט דאָס האַרץ פֿון דעם קיניג, וואָס האָט זי באַזעצט אין זײַן שלאָס ניט ווײַט פֿון קראָקע. פֿון איר האָט דער קיניג געהאַט צוויי טעכטער, וואָס די מוטער האָט זיי אויסגעהאָדעוועט אין ייִדישקייט, און צוויי זין, פּעלקאַ און נעמיר, וואָס זײַנען געווען קריסטן און זײַנען געוואָרן די שטאַמפֿאָטערט פֿון חשובֿע פּוילישע משפּחות. אסתּרקע איז געוואָרן דערהרגעט בעת די רדיפֿות, וואָס עס האָט אויפֿגעהויבן קעגן ייִדן קאַזימירס יורש, לודוויק דער אונגער. אָט דער גאַנצער ראָמאַנטישער עפּיזאָד איז אַ פֿלאָנטער פֿון אמת און אויסטראַכטעניש, וואָס עס איז שווער אים פֿונאַנדערצופּלאָנטערן.

מטושטשע ידיעות זײַנען צו אונדז דערגאַנגען וועגן דעם גורל פֿון ייִדן אין דער צווישנדיקער רעגירונג פֿון לודוויג דעם אונגער פֿון דער דינאַסטיע אַנזשו (1370–1382), וואָס האָט פֿאַרפֿולט דעם פּוסטן חלל צווישן די צוויי פּוילישע דינאַסטיעס – די פּיאַסטן און די יאַגעלאָנען. דער קיניג דער אויסלענדער, וואָס האָט צעשטערט דאָס וואָס דער פֿריִערדיקער קיניג האָט אויפֿגעבויט, האָט געפּרוּווט איבערמאַכן אויך דעם מצבֿ פֿון די ייִדן, גייענדיק

www.libtool.com.cn

מיטן גאַנג פֿון די ערגסטע רעגירערס פֿון דעם קאַטוילישן מערבֿ. ער האָט געהאַט חשק זיי צו מאַכן פֿאַר קריסטן, און לויט די רייד פֿון אַ שפּעטערדיקן כראָניסט, האָט ער אַפֿילו פֿאַרטריבן די וואָס האָבן ניט געלאָזט זיך שמדן. קיין פֿאַקטן צו באַשטעטיקן די לעצטע ידיעה זײַנען ניטאָ. פֿון די אַקטן איז צו זען, אַז לודוויג איז פֿינאַנציעל געווען אָפּהענגיק פֿון זײַן ייִדישן באַנקיר און מוכסן לעווקאָ, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט נאָך אונטער קאַזימירן, און בײַ אַזעלכע תּנאים זײַנען די מלכים ניט געווען צו קריגן זיך מיט ייִדן. מן־הסתּם האָבן די פּוילישע קלעריקאַלן געפּלײַסט זיך אײַנצופֿירן מיט דער הילף פֿון דעם פּרינץ אַנשזו די מערבֿדיקע פּאַראָנדקעס, אָבער עס איז קוים מיגלעך, אַז זיי זאָלן האָבן געהאַט עפּעס אַ פּעולה דערין. פֿאַר אַזעלכע פּרוּוון וועט אָנשטיין אַ צײַט ערשט אין דער ווײַטערדיקער תּקופֿה, ווען עס וועט ווערן שטאַרקער די השפּעה פֿון דער גײַסטלעכקייט אויפֿן גאַנג פֿון די מלוכה־ענינים.

## § 63. פּוילן און ליטע אונטער יאַגאַילאַ און וויטאַוטאַס

אויפֿן גרענעץ צווישן 14טן און 15טן י״ה איז אויפֿגעקומען די גרויסע פּויליש־ליטווישע מלוכה, וואָס איז געוואָרן פֿאַראייניקט אין אַ פּערזענלעכער אוניע נאָכן שידוך פֿון דעם ליטווישן פֿירשט יאַגאַילאַ (יאַגעלאָ) מיט דער פּוילישער קרוין־יורשטע יאַדוויגע (1386). מיט איבערגיין צו דער קאַטוילישער אמונה און אָפּשמדן זײַנע געצנדינערישע אונטערטאַנער האָט דער ליטווישער פֿירשט אָפּגעצאָלט פֿאַר דער פּוילישער קרוין, וואָס האָט באַצירט זײַן קאָפּ כּמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט (1386—1434). דער קיניג, וואָס זײַן שם האָט געקלונגען איבער דער וועלט מיט דעם כּבֿוד, וואָס דורך אים איז דאָס לעצטע געצנדינערישע פֿאָלק אין איירעפּע געוואָרן קריסטלעך, האָט ניט אַנדערש געמוזט זײַן אַ קנאי פֿון זײַן נײַעם גלויבן און ווערן אַ געטרײַדינער פֿון דער קירך, וואָס האָט אים דערהויבן צו אַזאַ פּאָליטישער גדולה. האָט טאַקע די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט אונטער וולאַדיסלאַוו יאַגאַילאַ געקראָגן אַ גרויסע השפּעה אויף דער פֿירונג פֿון דער מלוכה. הגם יאַגאַילאַ איז געווען פֿינאַנציעל אָפּהענגיק פֿון ייִדישע מוכסים און באַנקירן, האָט ער פֿאָרט ניט געוואָלט באַשטעטיקן די ליבעראַלע ייִדישע קאָנסטיטוציע פֿון קאַזימיר דעם גרויסן. [1] אמת ער האָט ניט אָפּגעזאָגט זיך פֿון צו באַשיצן

1 דער קראָקעווער ביסקופּ אָלעסניצקי, אַ מקורבֿ צום הויף פֿון יאַגאַילאַ און זײַנע יורשים, האָט געשריבן צו קאַזימיר IV דעם יאַגעלאָנער אָט וואָס: „אײַער פֿאָטער זכרונו לבֿרכה האָט זײַן גאַנץ לעבן לאַנג זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן די פּריווילעגיעס [פֿון קאַזימיר דעם גרויסן], ניט געקוקט אויף די השתּדלותן און שוחד מצד אַ סך ייִדן, וואָס איך אַליין בין געווען אַן עדות דערפֿון“

ייִדן קעגן געװאַלד־מעשׂים, נאָר ער האָט דאָס דערקלערט אַזױ, אַז װעגן זײַן גוטגינציקייט צו זיי האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד: „הגם מיר זײַנען מודה, אַז דער מצבֿ פֿון ייִדן גיט אַרײַן אַ סך מענטשן שׂנאה, פֿון דעסט װעגן האַלטן מיר פֿאַר אַ חובֿ צו פֿאַרהאַלטן זיך מיט טאָלעראַנץ צו יענע, װאָס די געטלעכע גערעכטיקייט טאָלערירט זיי, װאָרעם אויב מיר װעלן בײַ זיי צונעמען אונדזער שוץ, װעלן די קריסטן װערן אַזױ װײַט געפֿערלעך אַפֿילו פֿאַר זייער לעבן, אַז די ייִדן װעלן מוזן איבער פֿאַרשיידענע נגישׂות, צװוּלות, רכילותן און באַליידיקונגען פֿאַרלאָזן די גרענעצן פֿון אונדזער מלוכה". דאָס איז געװאָרן געשריבן אין יענע יאָרן, װען „רכילות" מצד שׂונאים האָט ערטערװײַז דערפֿירט צו שרעקלעכע רעזולטאַטן. דער טריומפֿירנדיקער קלע־ריקאַליזם האָט אָנגעהויבן זײַן מאַרש איבער פּוילן פֿון דער גערמאַניזירטער שטאָט פּ ו י ז ן.

דאָ זײַנען צום סוף 14טן י"ה פֿאַרשאַרפֿט געװאָרן די באַציִונגען צװישן די ייִדן און די שטאָטלײַט. אויף דעם יסוד האָט געקענט געבן בלוטיקע רעזולטאַטן דער בילבול װעגן שענדן האָסטיעס, װאָס איז אַרײַנגעדרונגען פֿון דײַטשלאַנד. אין יאָר 1399 האָט מען די פּויזענער ייִדן באַשולדיקט דערין, אַז זיי האָבן אָפּגעקויפֿט בײַ אַן אָרעמער פֿרוי דרײַ האָסטיעס, װאָס יענע האָט אַרויסגעגנבֿעט פֿון אַ קירך, האָבן זיי דורכגעשטאָכן און אַרײַנגעװאָרפֿן אין אַ גרוב. די געשענדטע האָסטיעס „זײַנען נתגלה געװאָרן" אײנעם אַ פּאַסטעך אין דער געשטאַלט פֿון דרײַ פֿלעדערלעך, און אַז מען האָט זיי אַרויסגענומען פֿון גרוב, האָבן זיי גענומען באַװײַזן די געװיינטלעכע „מופֿתים". האָט דער פּויזענער ביסקופּ פֿאַרקלאָגט פֿאַרן געריכט דעם רבֿ און 13 חשובֿים פֿון דער ייִדישער קהילה, און נאָך לאַנגע עינויים האָט מען זיי צוזאַמען מיט דער באַשולדיקטער קריסטין צוגעבונדן צו סלופּעס און פֿאַרברענט אויף אַ שטילן פֿײַער. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דער קיניג װלאַדיסלאַװ יאַגעלאָ אין אַ באַזונדער אַקט מכריז ומודיע געװען, אַז „צום ליב פֿון אַלמעכטיקן גאָט און לכּבֿוד דעם אַלהייליקסטן גוף פֿון אונדזער האַר יעזוס קריסטוס איז געגרינדעט געװאָרן אַ קירך מיט אַ קלויסטער אין יענעם אָרט, װוּ עס איז געפֿונען געװאָרן גאָטס קערפּער" (1406). צו אָט דעם הייליקן אָרט זײַנען זיך צונויפֿגעקומען מאַסן פֿאַרנאַרטע גאָטבעטערס מיט מתּנות. עס איז דער־גרייכט געװאָרן דער צװייענדיקער ציל פֿון דעם „פֿרומען גנאַר": די פּויזענער בירגער האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט זייערע האַנדלס־קאָנקורענטן, און די גײַסט־לעכקייט פֿון קלויסטער האָט באַרימט געמאַכט די דאָגמע פֿון „גאָטס קערפּער" און אויף לאַנג זיך פֿאַרזיכערט רײַכע הכנסות. זי האָט געװוּסט, אַז דער

www.libtool.com.cn

קולט פֿון „גאָטס קערפּער" איז באַזונדערס גענענט דער נשמה פֿון דעם קריסט-לעכן קיניג, וואָס שטאַמט אַליין פֿון געצנדינערס.

אָבער דער קיניג האָט געמוזט זיך אײַנשטעלן פֿאַר יִדן דעמאָלט, ווען זייערע שׂונאים האָבן אין גיכן געמאַכט אַ גאַסן-פּאָגראָם אין דער הויפּטשטאָט. אין קראָקע האָט דער גוטער מעמד פֿון יִדן שוין לאַנג געשטאָכן די אויגן די יִדישע שׂונאים. אַ סך שטאָטלײַט זײַנען געווען פֿאַרחובֿעט בײַ יִדישע מלווים. די ניט-פּינקטלעכע בעלי-חובֿות האָבן שטאַרק חשק געהאַט צו באַקומען צוריק זייערע משכּנות און בטל צו מאַכן זייערע חובֿות אויפֿן זעלביקן שטייגער, ווי מען איז זיך נוהג געווען אין דײַטשלאַנד, דורך אַ פּאָגראָם. צוליב דעם האָט מען פֿונאַנדערגעשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יִדן מאַכן פֿאַלשע מטבעות; ווען מען האָט געכאַפּט אַ יִדן מיט אַ פֿאַלשער מטבע האָט מען אים אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ אַ קרוין פֿון אַזעלכע מטבעות און פֿאַרברענט דעם „שולדיקן" אויף אַ שײַטער-הויפֿן (1406).

אין אַ יאָר אַרום האָט דער גלח בודעק געמאָלדן פֿון דער בימה אין קירך אָט וואָס: „די יִדן וואָס וווינען אין קראָקע האָבן אין דער פֿאַרגאַנ-גענער נאַכט דערהרגעט אַ קריסטלעך קינד און זיך איזדעקעוועט איבער זײַן בלוט; חוץ דעם האָבן זיי באַוואָרפֿן מיט שטיינער אַ גײַסטלעכן, וואָס איז געגאַנגען צו אַ קראַנקן מיט אַ צלם אין האַנט". ווען דאָס פֿאָלק האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט עס תּיכּף זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער יִדישער גאַס און גענומען ראַבירן די הײַזער. זײַנען די קיניגלעכע אַמט-לײַט, דער סטאַראָסטע און דער קאַשטעלאַן, באַלד געקומען צו הילף די יִדן און האָבן מיט אַ באַוואָפֿנטער מאַכט אָפּגעשטעלט דעם פּאָגראָם. נאָר אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך אויפֿן טורעם פֿון ראָטהויז צעקלונגען דער געוואַלדגלאָק, און אין שטאָט האָט מען גענומען שמועסן, אַז דער שטאָטראַט רופֿט די קריסטן צו אַ נײַעם אָנפֿאַל. דעמאָלט זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן פֿון אַלע גאַסן און האָבן גענומען רויבן און הרגען יִדן. אייניקע יִדן האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער קירך פֿון דער הל׳ אַנע, נאָר זיי זײַנען געווען געצווונגען זיך אונטערצוגעבן, מחמת דער המון האָט געסטראַשעט אונטערצוצינדן די קירך. טייל האָבן צוליב ראַטעווען זיך דאָס לעבן אָנגע-נומען קריסטנטום. „אַ סך עשירות און ווערטזאַכן — זאָגט דער פּאָליטישער כראָניסט (דלוגאָש) — זײַנען געפֿונען געוואָרן אין די הײַזער פֿון יִדן און צעראַבירט, און אַ סך קריסטן זײַנען דערפֿון נתעשר געוואָרן. נאָך דעם ווי די אומרוען זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן, האָט מען אין זייערע [די קריסטנס] הײַזער געפֿונען אַ סך טײַערע זאַכן, באַהאַלטן אין זאַמד און אין מיסטהויפֿנס".

אויפֿגעבראַכט דורך די אומרוען אין דער הויפּטשטאָט, האָט דער קיניג געלאָדן צום משפּט די מיטגלידער פֿון דעם מאַגיסטראַט און האָט זיי מחייבֿ

www.libtool.com.cn

געווען אויפֿצוזוכן די שולדיקע און אָפּצונעמען בײַ זײ די אָנגעראַבעוועטע זאַכן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די הויפּט־אָנטייל־נעמערס פֿון דעם פּאָגראָם זײַנען געווען בעלי־מלאָכות. דערשראָקן זיך פֿאַר דער שטראָף, האָבן די עלטסטע פֿון די בעלי־מלאָכישע צעכן, וואָס האָבן געטראָגן דײַטשע פֿאַמיליע־נעמען (לענץ, נײַקירך וכדומה), זיך געווענדט צום שטאָטראַט מיט דער בקשה, אַז ער זאָל זיך באַנוגענען מיט באַשטראָפֿן עטלעכע אויפֿהעצערס, נאָר דער מאַגיסטראַט האָט לויט דעם קיניגס פֿאַרלאַנג צוגעצויגן צום משפּט אַלע אָנטייל־נעמערס פֿון פּאָגראָם. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן לאַנג, און מיט וואָס ער האָט זיך געענדיקט, איז ניט באַוווסט.

די דײַטשע השפּעה האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין דער אַנטי־ייִדישער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געשטאַרקט אין פּוילן בעת דער הוסיטישער באַוועגונג. אין די זיצונגען פֿון דעם אַנטי־הוסיטישן קאָנציל אין קאָנסטאַנץ האָט גענומען אַן אָנטייל אַ פּוילישע דעלעגאַציע אונטערן אָנפֿיר פֿון דעם גנעזנער אַרציביסקופּ מיקאָלאַי טראָמבאַ. געקומען אַהיים האָט אָט דער אַרציביסקופּ געפֿירט די אַרבעטן פֿון אַ קירכן־סינאָד אין קאַליש, וואָס איז אויך געוואָרן צונויפֿגערופֿן אין שײַכות מיט דער הוסיטישער באַוועגונג (1420). דער קאַלישער סינאָד האָט פֿײַערלעך באַשטעטיקט אַלע קאַנאָנען פֿון די סינאָדן אין ברעסלע און בודע (§ 30), וואָס זײַנען געווען געווענדט קעגן די ליבעראַלע כאַרטיעס פֿאַר ייִדן, וואָס די מלכים האָבן געהאַט אַרויסגעגעבן. אין דער זעלביקער צײַט האָט אַרויסגעשטעלט צום פּוילישן קיניג אירע פֿאָדערונגען די שליאַכטע, וואָס האָט געוואָלט קריגן צוריק די פֿאַרמשכּונטע מאַיאָנטקעס בײַ ייִדן אָן צו סילוקן די חובֿות. אונטער אָט דעם צווייענדיקן דרוק האָט וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ אויפֿן שטאַנדישן סיים אין וואָרט (1423) באַנײַט די באַשטימונג פֿון דעםווישליצער סיים פֿון יאָר 1347, וואָס האָט פֿאַרבאָטן ייִדן צו אַנטלײַען געלט אויף אַ שריפֿטלעכער התחײַבֿות און אויף אַ משכּון פֿון נחלאות; דערלויבט איז געווען נאָר אויסצולײַען געלט אויף משכּנות פֿון מטלטלין. דערבײַ איז געוואָרן איבערגעחזרט נאָך אין אַ מער שאַרפֿער פֿאָרם די פֿײַנטלעכע מאָטיווירונג פֿון דעם ווישליצער סיים.

אין דער זעלביקער צײַט ווען אין פּוילן האָט זיך געשטאַרקט די קאַטוילישע רעאַקציע, איז ליטע, וואָס איז מיט איר געווען פֿאַרבונדן דינאַסטיש, נאָר פֿאַר זיך אַן אויטאָנאָמע מלוכה, געווען פֿרײַ פֿון אָט דעם שעדלעכן גײַסט. אין דער מדינה, וואָס איז אָקערשט ערשט אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קרײַז פֿון דער קריסטלעכער אייראָפּע, האָט זיך נאָך געהאַלטן פֿעסט יענע פּאַטריאַרכאַלישע אָרדענונג, וואָס איז אין פּוילן שוין געגאַנגען צו ענד. די מיטלעלטערלעכע קולטור האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָנצונעמען בײַ די אײַנוווינער פֿון די וואַלדיקע ברעגעס פֿון דעם ניעמען און ניעריס, און די ייִדן

www.libtool.com.cn

האָבן געקאָנט זיך באַזעצן דאָרט, ניט האָבנדיק מורא פֿאַר נגישות און רדיפֿות. פּינקטלעך, ווען עס זײַנען אויפֿגעקומען די ערשטע ייִדישע יישובֿים אין דער ליטע, איז שווער צו באַשטימען; זיכער איז נאָר, אַז צום סוף 14טן י"ה האָבן שוין עקסיסטירט ייִדישע קהילות אין די גרעסערע שטעט פֿון דעם ליטווישן פֿירשטנטום און אין דער מיט אים פֿאַראייניקטער וואָלין: אין בריסק, גראָדנע, טראָק, לוצק און לודמיר. דעמאָלט האָט אויך געקאָנט ווידער אָפּלעבן די ייִדישע קאָלאָניע אין דער אַלטרוסישער קיִעוו, וואָס איז פֿון די טאָטערן אַריבער צו ליטע.

דער ערשטער, ווער עס האָט אָפֿיציעל לעגאַליזירט די עקסיסטענץ פֿון די דאָזיקע קהילות, איז געווען דער גרויספֿירשט וויטאָווטאַס אָדער וויטאָלד (1430—1388), וואָס האָט רעגירט איבער ליטע אַ מאָל זעלבשטענדיק, אַ מאָל אין נאָמען פֿון זײַן שוועסטערקינד, דעם פּוילישן קיניג יאַגעלאָ. אין יאָר 1388 האָט וויטאַווטאַס אַרויסגעגעבן פֿאַר די בריסקער און אַנדערע ליטווישע ייִדן אַ כּתבֿ, וואָס איז ענלעך צו די סטאַטוטן פֿון באָלעסלאַוו דעם קאָלישער און קאַזימיר דעם גרויסן, און אין יאָר 1389 האָט ער געשאָנקען אַ באַזונדער פּריווילעגיע די גראָדנער ייִדן. אין די דאָזיקע אַקטן האָט דער ליטווישער פֿירשט געהאַט אין זינען צו פֿאַרזיכערן די ייִדן, זיי זאָלן קאָנען לעבן בשלום צווישן קריסטן, אַזוי ווי דאָס האָט בשעתו געטאָן אין זײַנע סטאַטוטן קאַזימיר דער גרויסער.

אויב אין דעם ערשטן פֿון וויטאַווטאַסעס כּתבֿים ווערן איבערגעחזרט די אַלגעמיינע פֿאָרמולעס פֿון די פּוילישע פּריווילעגיעס („לויטן לעמבערגער מוסטער"), ווערן אין דעם כּתבֿ פֿאַר די גראָדנער ייִדן, וואָס איז אַנדערש ווי דער געוויינטלעכער טיפּ, אויפֿגעקלערט געוויסע קאָנקרעטע שטריכן פֿון דעם ייִדישן שטייגער אין דער ליטע. פֿון אָט דעם דאָקומענט איז צו זען, אַז ייִדן אין גראָדנע האָבן געהאַט זייערע אייגענע הײַזער און פּלעצער אויף באַשטימטע גאַסן, זייער שול („גאָטהויז") און בית-עלמין. אין זייערע הײַזער האָבן זיי געהאַנדלט מיט בראָנפֿן און האָבן דערפֿאַר געצאָלט דעם פֿירשט אַ באַזונדער אָפּצאָל, און אויפֿן מאַרק, אין „קלייטן" (קראָמען), און אויף די גאַסן האָבן זיי געהאַנדלט באַגלײַך מיט אַלע שטאָטלײַט. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען אויך מיט מלאָכות. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו האָבן זייער אייגנס „גרונטשטיקער", פּלעצער אַקערפֿעלד און היילאָנקעס („סענאָזשענשן"), בתנאַי אַז זיי מוזן צאָלן דעם פֿירשט ערדשטײַער. אַזוי אַרום טרעטן ייִדן אַרויס אין דעם כּתבֿ פֿון יאָר 1389 ווי הענדלערס מיט סחורות אין קראָמען און מיט משקאות אין די הײַזער, ווי בעלי-מלאָכות און בעלי-בתּים פֿון ערד. וועגן הלוואה-אָפּעראַציעס ווערט אין אָט דעם דאָקומענט לגמרי ניט דערמאָנט, און דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז אין דער פּאַטריאַרכאַלישער ליטע האָבן

www.libtool.com.cn

ייִדן דעמאָלט מיט געלטהאַנדל זיך ניט פֿאַרנומען. קיין דײַטשע בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך ניט געהאַט באַוויזן אַרײַנצודרינגען קיין ליטע. פֿון פֿרעמדלענדער האָבן צוזאַמען מיט ייִדן געלעבט רוסן און טאָטערן. עס האָבן זיך אויך באַוויזן אויסוואַנדערערס פֿון דער טאָטערשער קרים, די קראים. ווערדליג אַ מסורה וואָס איז פֿאַראַן בײַ די קראים, זאָלן זיי האָבן אַריבערגעוואַנדערט פֿון קרים קיין טראָק און לוציק לויט דער פֿאַרבעטונג פֿון דעם גרויספֿירשט וויטאָוטאַס, וואָס האָט באַשאָנקען די אײַנוואַנדערערס מיט ברייטע פּריווילעגיעס.

אַזוי אַרום איז דער מצבֿ פֿון ייִדן אין ליטווישן גרויספֿירשטנטום געווען בעסער ווי אין קיניגרײַך פּוילן. די ייִדישע וואַנדערער, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿון דײַטשלאַנד קיין פּוילן, פֿלעגן אָפֿט אַרײַנטרעפֿן אין דער ליטע און זיך דאָרט באַזעצן. חוץ דער ווײַטער קרים, איז ליטע דעמאָלט געווען דער גרענעצפּונקט פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע, וואָס איז געגאַנגען פֿון מערבֿ קיין מזרח, וואָרעם דאָס מאָסקאָוויטישע רוסלאַנד איז געווען כּמעט פֿאַרשלאָסן פֿאַר ייִדן (ווײַטער, § 65).

## § 64. דער קאַמף פֿון דער קלעריקאַלער פּאָליטיק מיט דער ליבעראַלער אונטער די יאַגעלאָנער

אין דער פּאָליטישער השפּעה, וואָס די גײַסטלעכקייט האָט געקראָגן אין קרוינפּוילן אונטער וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ, האָט געשטעקט אַ סכּנה, וואָס איז געוואָרן שטאַרק נאָך זײַן טויט, ווען די רעגירונג איבערן לאַנד איז אַריבער צו אַ רעגענטשאַפֿט בראָש מיטן קראָקעווער ביסקופּ, מחמת דער קרוין-יורש איז נאָך געווען צו יונג (1434–1444). דער ראָש פֿון דער רעגענטשאַפֿט, דער ביסקופּ און שפּעטער קאַרדינאַל זביגניעוו אָלעסניצקי, איז געשטאַנען אין צענטער פֿון דער אייראָפּעיִשער קלעריקאַלער באַוועגונג און האָט געזען זײַן באַרוף דערין צו ברענגען זי צו אַ ניצחון אין פּוילן.

נאָר די האָפֿענונגען פֿון די קלעריקאַלן זײַנען געוואָרן צו נישט, ווען עס איז געוואָרן קיניג פֿון פּוילן דער גרויספֿירשט פֿון ליטע קאַזימיר יאַגעלאָ (1447–1492), אַן אָנהענגער פֿון די אידעען פֿון די איטאַליענישע הומאַניסטן, וואָס האָט געוואָלט זיך באַפֿרײַען פֿון דעם דרוק פֿון דער גרויסער שליאַכטע און פֿון די קירכלעכע שׂרים. צו ייִדן איז קאַזימיר יאַגעלאָ געווען גוט נאָך אין יענער צײַט, ווען ער איז געווען נאָר גרויספֿירשט פֿון ליטע. ער האָט דאָ ברייט אָנגעווענדט דעם ליבעראַלן ייִדישן סטאַטוט פֿון וויטאָוטאַסן, האָט אָפּגעהיט די רעכט און די אויטאָנאָמיע פֿון ייִדן און קאַראַימער (די קאַראַימער פֿון טראָק האָט ער געגעבן אַ פּריווילעגיע אויף אַליין-פֿאַרוואַלטונג אָדער

www.libtool.com.cn
„מאַגדעבורגער רעכט" אין יאָר 1441) און ער האָט אָפּט אויסגענוצט די הילף פון אונטערנעמערישע יידישע פינאַנסיסטן און מוכסנים אויף צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער מלוכה.

ווען קאַזימיר האָט איבערגענומען די פוילישע קרוין, האָט ער אָנגע-הויבן טון טובות יידן אין דער גאַנצער פאַראייניקטער מלוכה. אין יאָר 1453 האָט דער קיניג, לויט דער השתדלות פון די קהילות פון גרויס- און קליין-פוילן, אַרויסגעגעבן זיי אַ כתב, וואָס אין אים האָט ער דעמאָנסטראַטיוו דערקלערט: „מיר פאַרלאַנגען, אַז די יידן, וואָס מיר באַשיצן זיי באַזונדערס צוליב אונדזערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער מלוכה-קאַסע, זאָלן שפירן זיך געטרייסט אין אונדזער באַגליקטער רעגירונג". אַזוי ווי דער כתב פון קאַזימיר יאַגעלאָ האָט באַשטעטיקט אַלע פריערדיקע רעכט און פרייהייטן וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די יידן, די פרייהייט צו וווינען און צו האַנדלען, די אויטאָנאָמיע פון די קהילות און פון בית-דין, די אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן און אייגנס, דעם שוץ קעגן בילבולים און אָנפאַלן, — ממילא איז ער געווען אַ דירעקטער פראָטעסט קעגן די קאַנאָנישע געזעצן, וואָס זיינען קורץ פריער באַנייט געוואָרן אויפן קאָלישער סינאָד, און פאַר פוילן גאָר דער קריסטלעכער וועלט אויפן באַזעלער קאָנציל.

דער דאָזיקער ליבעראַלער קיניג האָט אין דער קאַטוילישער גייסט-לעכקייט אַרויסגערופן אומרו. דער פירער פון דער קלעריקאַלער אָפּאָזיציע, אָלעסניצקי, וואָס האָט דעמאָלט געקראָגן אין רוים דעם טיטל קאַרדינאַל, האָט געלאָזן אין גאַנג אַלע מיטלען, בכדי צו פועלן, אַז עס זאָל בטל ווערן די יידישע קאָנסטיטוציע מיט אירע הנחות. אין דער זעלביקער צייט האָט אין דער שכנישער ברעסלע געפירט זיין ווילדע העצע קעגן יידן דעם פויפּס' לעגאַט קאַפּיסטראַנאָ, וואָס האָט דאָרט אונטערגעצונדן דעם שייטער-הויפן פון דער אינקוויזיציע פאַר די קרבנות פון דעם עלילת-דם (§ 47). אָט צו דעם „בייטש פאַר יידן" איז אַוועק אָלעסניצקיס רעכטע האַנט, דער קראָקעווער קאַנאָניק און פוילישער היסטאָריקער יאַן דלוגאָש, און האָט אים צוגערעדט, ער זאָל קומען צו פאָרן קיין קראָקע און פועלן ביים קיניג, ער זאָל בייטן זיין האַלטונג לגבי יידן. איז קאַפּיסטראַנאָ תיכף געקומען צו פאָרן, און דער הויף מיט דער גייסטלעכקייט האָבן אים געמאַכט אַ פייערלעכן קבלת-פנים. אויפן פלאַץ פאַר דער קירך האָט דער דאָזיקער פאַנאַטיקער געהאַלטן פאַר אַ געוואַלדיקן עולם אַ פלאַמפייערדיקע רעדע, ווו ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין גרימצאָרן דערויף, וואָס אין דער קרוינשטאָט פון דער קאַטוילישער פוילן האָבן יידן אַזוי שטאַרק זיך פאַרמערט און האָבן פאַרנומען אַזאַ הויכן מעמד אין דער געזעלשאַפט. דערנאָך האָט ער גענומען פירן פערזענלעכע שמועסן מיטן קיניג און האָט זיך געפליסן מיט גוטן און מיט בייזן צו פועלן ביי

www.libtool.com.cn

אים, אַז ער זאָל בטל מאַכן די ייִדישע פּריווילעגיעס. אַז דאָס איז אים ניט געראָטן, האָט ער אַוועקגעשיקט אַ קאָפּיע פֿון דעם כּתבֿ וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ייִדן קיין רוים צום פּויפּס ניקאָלאַוס V און באַקלאָגט זיך אויף דעם קיניגס איינגעשפּאַרטקייט, וואָס ער שטעלט זיך איין פֿאַר די שׂונאים פֿון דער קירך.

גלייכצייטיק איז אַרויסגעטראָטן אויך אָלעסניצקי. אין מיי 1454 האָט ער זיך געווענדט צו קאַזימירן מיט אַ בריוו, ווו ער האָט אים שאַרף אויפֿגעוואָרפֿן דאָס, וואָס „צום שאָדן און צו דער עוולה פֿון דער אמונה" האָט דער קיניג באַשטעטיקט לטובֿת די ייִדן די פּריווילעגיעס און הנחות, „וואָס טראָגן פֿאַלש דעם נאָמען און טיטל פֿון קיניג קאַזימיר דעם גרויסן". דורך דער לעצטער פֿראַזע האָט אָלעסניצקי געוואָלט אָפּפֿרעגן די עכטקייט פֿון דעם אַלטן כּתבֿ פֿון 14טן י"ה און אַריינגעבן דעם קיניג דעם געדאַנק, אַז די ייִדן האָבן אונטערגערוקט אים צו באַשטעטיקן אַ געפֿעלשטן כּתבֿ (דער אָריגינאַל פֿון קאַזימיר דעם גרויסנס כּתבֿ איז מיט אַ קורצער צייט פֿריִער פֿאַרברענט געוואָרן אין אַ שׂרפֿה אין פּויזן, און די ייִדישע דעפּוטאַטן האָבן צוגעשטעלט דעם קיניג נאָר אַ קאָפּיע פֿון אים). אין די דאָזיקע פּריווילעגיעס—האָט געשריבן דער קאַרדינאַל – זיינען פֿאַראַן „אַרטיקלען, וואָס זיינען קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע" און וואָס קאָנען מאַכן צו שאַנד דעם קיניגס נאָמען, „ווי דאָס האָט שוין דערקלערט דער בכּבֿודיקער פֿאָטער יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ". זיין בריוו ענדיקט אָלעסניצקי סיי מיט אַ סטראַשונעק סיי מיט אַ בקשה: „מיין ניט, אַז אין די עניינים פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע ביסטו פֿריי צו באַשטימען אַלץ, וואָס דיר וועט איינפֿאַלן. קיינער איז ניט גרויס און ניט שטאַרק אין דער מאָס, אַז מען זאָל ניט קאָנען אַנטקעגנשטעלן זיך אים, ווי באַלד דאָס איז נוגע דער אמונה. איך בעט רחמים ביי דיין קיניגלעכער מאַיעסטעט, דו זאָלסט בטל מאַכן די דערמאָנטע פּריווילעגיעס און פֿריייהייטן, וויַיז, אַז דו ביסט אַ קאַטוילישער מלך, און שאַף אָפּ איטלעכע סיבה פֿון אומכּבֿוד פֿאַר דיין נאָמען און פֿון נאָך ערגערע מעשׂים-רעים וואָס קאָנען אַרויסקומען".

קאַזימיר האָט תּחילת ניט געלייגט קיין אַכט ניט אויף די בקשות, ניט אויף די סטראַשונקעס. מער ניט אַ צופֿעליקע קאַטאַסטראָפֿע האָט אים געצוווּנגען פֿאָרמאַל נאָכצוגעבן. פּוילן האָט אין יענער צייט געפֿירט מלחמה מיטן טייטאָנישן אָרדן. די ערשטע מפּלה פֿון דעם פּוילישן חייל אין דער דאָזיקער מלחמה (סעפּטעמבער 1454) האָט געגעבן דער גייסטלעכקייט אַ תּירוץ צו דערקלערן, אַז דאָס שטראָפֿט גאָט דאָס לאַנד, דערפֿאַר וואָס דער קיניג איז מזלזל די אינטערעסן פֿון דער קירך. די שליאַכטע האָט גענומען פֿאָדערן צו באַשטעטיקן אירע שטאַנדישע פּריווילעגיעס, אַניט האָט זי געסטראַשעט

www.libtool.com.cn

זיך אָפּצוזאָגן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער מלחמה; אײנע פֿון אירע פֿאָדערונגען איז געװען, אַז עס זאָל װערן באַנײַט דער װאַרטער סטאַטוט פֿון יאָר 1420, װאָס פֿאַרװערט ייִדישע קאַפּיטאַליסטן צו האָבן אין זייער אייגנטום ערד. דעמאָלט איז דער קיניג געװען געצװונגען נאָכצוגעבן. אין נאָװעמבער 1454 איז אַרויסגעגעבן געװאָרן דער ניעשאַװער סטאַטוט, װאָס איינער פֿון זײַנע פּונקטן איז געװען, אַז עס װערן בטל די פֿריִערדיקע פּריװילעגיעס פֿון ייִדן, װי װײַט זיי גייען קעגן דעם „געטלעכן רעכט און די לאַנדישע סטאַטוטן", ד"ה די קאַנאָנען פֿון די קאָנצילן און דעם װאַרטער סטאַטוט. דער קיניג האָט געמוזט חתמענען דעם דאָזיקן פּונקט פֿון דער פּריציש־קלעריקאַלער קאָנסטיטוציע אונטער דעם דיקטאַט פֿון דעם קאַרדינאַל אָלעסניצקי. 1 דעם לעצטן געהער בלי־ספק די הוספה, װאָס איז מחייב ייִדן „צו טראָגן מלבושים, װאָס זאָלן געבן די מיגלעכקייט אונטערצושיידן זיי פֿון קריסטן".

נאָר די קלעריקאַלן האָבן טריומפֿירט ניט לאַנג. אַ הנחה װאָס איז אַרויסגעריסן געװאָרן איבער געװאַלד האָט דעם קיניג מאָראַליש ניט געקאָנט בינדן. די געזעצן, װאָס זײַנען געגאַנגען קעגן דער פֿאָדערונג פֿון לעבן, האָבן זיך אַרויסגעװיזן פֿאַר אַ טויטן אות. אין יענער תּקופֿה איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן און ליטע נאָך מער פֿאַרגרעסערט געװאָרן מחמת דער מאַסן־אימיגראַציע פֿון דײַטשלאַנד. אין װירטשאַפֿטלעכן לעבן האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אַ סך פֿרישע כּוחות. די ייִדן האָבן פֿונאַנדערגעװיקלט אַ ברייטע טעטיקייט אויף די נײַע ערטער, באַזונדערס אין פּרט פֿון אָפּדינגען די אָפּצאָלן און אַרענדירן מאַיאָנטקעס. זייער אַ סך אָפּיציעלע אַקטן זאָגן עדות, װי גערן קאַזימיר יאַגעלאָ האָט אָפּגעגעבן ייִדן אין אַרענדע באַזעצטע און ניט־באַזעצטע מאַיאָנטקעס אין זײַנע ליטװישע ירושה־נחלאות, מיטן רעכט צו האַנדלען מיט פֿאַרשיידענע אַרטיקלען פֿון דער לאַנדװירטשאַפֿט: תּבֿואה, אָקװויט, מילכפּראָדוקטן. פֿאַרמעגלעכע מענטשן פֿלעגן נעמען אין אַרענדע די גרענעץ־אָפּצאָלן צװישן פּוילן און ליטע און בײַ די אינעװייניקסטע שלאָ־באַנען צװישן פֿאַרשיידענע פּראָװינצן אין לאַנד. די דאָזיקע מוכסנים („מיטניקעס") האָבן אַרײַנגעבראַכט געװאַלדיקע הכנסות דער קיניגלעכער קאַסע און זײַנען געװען פֿאַקטיש פֿינאַנציעלע באַאַמטע, אויף צו להכעיס די קאַנאָ־

---

1 אין דער רעדאַקציע פֿון דעם היסטאָריקער דלוגאָש, װאָס איז אַרײַן אין לאַסקיס קאָדעקס (1506), איז די מאָטיװירונג פֿון דעם דאָזיקן אַקט אויסגעפּוצט מיט בלומען פֿון ייִדנ־פֿײַנדלעכער רעטאָריק: „היות װי אומגלייביקע דאַרפֿן ניט געניסן מער רעכט װי די דינערס פֿון קריסטוס־גאָט, און שקלאַװן דאַרפֿן ניט זײַן געשטעלט אין אַ בעסערן מעמד װי די זין..." נאָר דאָס איז בפֿירוש אַרײַנגעשטעלט אין טעקסט װאָס האָט לכתּחילה זיך אָנגעהויבן מיט די װערטער: „ייִדן מוזן בלײַבן אין די תּנאים פֿון װאַרטער סטאַטוט". (Judaei serventur juxta Statuta Vartensia. Bandtkie, Jus Polonicum, p. 289).

www.libtool.com.cn

נישע פּאַרבאָטן. די גאָר גרויסע מוכסנים זיינען געווען פּריווילעגירטע מענטשן, זיינען געווען פּטור פון אַלע שטייערן און האָבן זיך געפונען אונטערן קיניגס דירעקטן שוץ. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, וואָס האָט דערמאָנט די בעסטע צייטן פון דער יידישער שפּאַניע.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגעבראַכט פון די כּלים די קלעריקאַלן און האָט פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמישע קנאה פון די שטאָטלייט און פון די לאַנדווירטן. אין קאַזימיר יאַגעלאָס צייט האָבן זיך געמערט אָרגאַניזירטע אָנפאַלן אויף יידן, צוגעפּאַסט צו ניט-געווײנטלעכע געשעענישן. אין יאָר 1464 האָט מען לויטן רוף פון דעם פּויפּס פּיוס II געקליבן אין פּוילן פרייווילִיקע פאַר אַ קרייצצוג קעגן די טערקן, וואָס האָבן קורץ פאַר דעם געהאַט איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ניט-געאָרדנטע המונות מאַנאַכן, סטודענטן, פאַראָרעמטע שליאַכטיצעס און כּלערליי ערב-רב האָבן אָנגעהויבן אַ הייליקע מלחמה אונטער וועגס, ביי זיך אין דער היים. דורכגייענדיק דורך רויטרוסלאַנד האָבן די קרייצלערס געראַבירט פּראַוואָסלאַווישע רוטענער און יידן. די דאָזיקע באַנדעס האָבן באַלעגערט לעמבערג און האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די יידישע איינוווינערס, נאָר די שטאָט האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן זייער פאָדערונג, און די רויבערס זיינען אַוועק, נאָך דעם ווי מען האָט זיי געגעבן אַן אויסקויף. אָבער ווען זיי זיינען געקומען פאַר די מויערן פון קראָקע, האָבן די בירגערס באַשלאָסן זיי אַריינצולאָזן אין שטאָט, כּדי זיי זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט די אָרטיקע יידן. די קרייצלערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די יידישע הייזער און סחורה-לאַגערס, אָנגערויבט זיך אַ סך האָב און גוטס און דערהרגעט דרייסיק מענטשן. האָט די יידישע קהילה זיך באַקלאָגט פאַרן קיניג אויפן מאַגיסטראַט, וואָס האָט אַריינגעלאָזן די רויבערס אין שטאָט אַריין, און קאַזימיר האָט אַרויפגעלייגט אויפן מאַגיסטראַט אַ שטראָף פון 3000 גילדן. חוץ דעם האָט ער געפאָדערט פון די שטאָטלייט 10.000 גילדן ערבות-געלט, אויף צו פאַרזיכערן, אַז אַזעלכע עקסצעסן וועלן מער זיך ניט איבערחזרן.

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן אויך די שונאי-ישראל פון פּויזן געמאַכט אַ בלוטיקן פּאָגראָם. זיי האָבן דערקלערט, אַז יידן זיינען שולדיק אין דער שׂרפה, וואָס האָט פאַרברענט דעם דאָמיניקאַנער קלויסטער, און האָבן אָנגערייצט אויף זיי דעם המון-עם: עטלעכע מענטשן זיינען געוואָרן דערהרגעט און אייניקע יידישע קינדער זיינען געוואָרן אָפּגעשמדט איבער געוואַלד. אויך דאָ האָט דער מאַגיסטראַט געמוזט צאָלן שטראָף, און די דירעקטע שולדיקע זיינען געוואָרן צוגעצויגן צום געריכט.

די עיקר-העצערס אין די דאָזיקע עקסצעסן זיינען געווען די דייטשע בירגערס. זיי האָבן מיט קנאה געקוקט אויף דעם ברייטן האַנדל, וואָס די

www.libtool.com.cn

פּויזענער און קראָקעווער ייִדן האָבן געפֿירט מיט גדאַנצק און מיט די שטעט פֿון מזרח=פּרײַסן, וואָס האָבן אין יענער צײַט אָנערקענט דעם פּראָטעקטאָראַט פֿון פּוילן. פּונקט אַזעלכע באַלעבטע האַנדלס=פֿאַרבינדונגען האָבן זיך פֿאַרקניפּט צווישן די ייִדן פֿון לעמבערג, וואָלין און ליטע מיט זייערע פֿאָלקסברידער פֿון קרים און טערקײַ. היות ווי פֿאַגראָמען האָבן ניט געהאָלפֿן צו דער קאָנקורענץ פֿון די ייִדן, נאָר זיי האָבן נאָך געבראַכט היזק, דעריבער האָבן די מאַגיסטראַטן פֿון די גרויסע שטעט זינט סוף 15טן י"ה גענומען אָנווענדן אַ סיסטעם פֿון באַגרענעצונגען פֿון די האַנדלסרעכט פֿון ייִדן. אין קראָקע, לעמבערג און פּויזן האָט מען אָט פֿאַרווערט זיי דעם לאַחדים=האַנדל אויף די מערק, און אָט באַגרענעצט אים מיט די ירידים=טעג און מיט באַשטימטע סאָרטן סחורה. אין קראָקע האָבן די דײַטשע בירגערס דערפֿירט די ייִדישע קהילה אַזוי ווײַט, אַז אירע פֿאַרטרעטערס האָבן זיך מתחייב געווען שריפֿטלעך, „מיטן גוטן ווילן און אָן שום צוואַנג" (mit guten Willen und ohne allen Zwang) ניט צו האַנדלען מיט סחורות אין קיין קלייטן, נאָר מערניט אין די הײַזער, און ניט מער ווי צוויי מאָל אין וואָך אויף די מערק (1485).

די אַלגעמיינע אַנטי=ייִדישע באַוועגונג האָט אָנגערירט אויך די יונגע קהילה אין וואַרשע, דער הויפּטשטאָט פֿון מאַזאָוויע. די ייִדישע קאָלאָניע איז דאָרט אויפֿגעקומען אָנהייב 15טן י"ה. אין יאָר 1430 איז דאָרט געווען אַ גוט אײַנגעאָרדנטע קהילה אין אַ באַזונדער „ייִדישער גאַס", וואָס האָט געהאַט איר שול צום דאַווענען און איר בית=עלמין. אין יאָר 1454, בעת דער אויבן דערמאָנטער אַגיטאַציע פֿון קאַפּיסטראַנאָ, האָבן די וואַרשעווער שטאָטלײַט געמאַכט אַן אָנפֿאַל אויף ייִדן, און אין יאָר 1483 האָט דער פֿירשט פֿון מאַזאָוויע אין גאַנצן פֿאַרטריבן ייִדן פֿון וואַרשע. אין דרײַ יאָר אַרום זײַנען זיי געקומען צוריק אַהין, נאָר אין יאָר 1527 האָט מען לעצטגילטיק פֿאַרבאָטן ייִדן צו וווינען אין גאַנץ מאַזאָוויע.

נאָך דעם טויט פֿון קאַזימיר יאַגעלאָ האָט איבער פּוילן רעגירט זײַן זון יאַן אַלברעכט (1501–1492) און איבער ליטע — אַ צווייטער זון, אַלעקסאַנדער יאַגעלאָ (1506–1492). די נײַע רעגירערס זײַנען ניט געווען פֿרײַנדלעך געשטימט צו ייִדן: ביידע זײַנען זיי געווען תּלמידים פֿון דעם היסטאָריקער יאַן דלוגאָש, און ער האָט זיי אָנגעטיילט מיט שׂנאה צו ייִדן. כּדי צו ליב צו טון די קלעריקאַלן האָט יאַן אַלברעכט אין יאָר 1496 באַשטעטיקט אין פּעטריקאָוו דעם אויבן דערמאָנטן ניעשאַווער סטאַטוט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם רעכטלעכן מעמד פֿון ייִדן אונטערן קאָנטראָל פֿון דער קירך. דער זעלביקער קיניג האָט נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען פֿון דער קראָקעווער בירגערשאַפֿט, וואָס האָט געשטרעבט אויסצוהאָבן ייִדן פֿון דער שטאָט. אין יאָר 1494 זײַנען אין אַ שׂרפֿה פֿאַרברענט געוואָרן אַ סך הײַזער אין קראָקע. האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, די שולד אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף ייִדן. מען איז

www.libtool.com.cn

אָנגעפּאַלן אויף ייִדישע הײַזער, צעראַבירט לאַגערס מיט סחורות, צעשלאָגן די וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך לאָזן. מען האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם קיניג. און יאַן אַלבערעכט האָט באַשלאָסן, אַז בכדי אויסצומײַדן להבא צוזאַמענשטויסן, דאַרף מען פֿונאַנדערטיילן בײדע פֿײַנטלעכע מחנות: ייִדן איז געוואָרן באַפֿוילן צו פֿאַרלאָזן קראָקע און צו באַזעצן זיך אין דער פֿאָרשטאָט קאָזמער אָדער קוזמער (Kazimierz). אַזוי איז בײַ דער הויפּטשטאָט געשאַפֿן געוואָרן אַן אָפּגעשלאָסן ייִדיש שטעטל, וואָס האָט אין משך פֿון יאָרהונדערטער (ביזן 19טן י"ה) געלעבט זײַן אייגן לעבן, פֿאַרבונדן מיט דער „דרויסנדיקער וועלט" נאָר דורך עקאָנאָמישע באַציִונגען.

אַלעקסאַנדער דער גרויספֿירשט פֿון ליטע האָט אַרויסגעוויזן זײַן פֿײַנטשאַפֿט צו ייִדן ניט מיט אַ מאָל. צו ערשט האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן לגבי זיי גאַנץ גוטגינציק. אין יאָר 1492 האָט דער פֿירשט לויט דער השתדלות פֿון די טראָקער קאַראַימער באַשטעטיקט דעם כּתבֿ אויף אַליין־פֿאַרוואַלטונג, וואָס עס האָט זיי געגעבן קאַזימיר יאַגעלאָ, און האָט אַפֿילו צוגעגעבן נײַע הנחות. פּונקט ווי פֿריִער האָט מען ליטווישע ייִדן אָפּגעגעבן אין אַרענדע פֿאַרשײדענע הכנסות פֿון דעם גרויספֿירשטנטום, בפֿרט גרענעץ־אָפּצאָלן. אַלעקסאַנדער האָט פּינקטלעך געצאָלט די ייִדישע פֿינאַנסיסטן די חובֿות, וואָס זײַן פֿאָטער האָט געמאַכט, און פֿלעגט אַליין נעמען בײַ זיי הלוואות. בײַ אַזעלכע באַציִונגען, וואָס זײַנען געווען באַזירט אויף דער טובֿה פֿון בײדע צדדים, האָט אויסגעוויזן זייער משונהדיק דער דעקרעט, וואָס דער גרויספֿירשט האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1495, אַז אַלע ייִדן מוזן תּיכּף־ומיד פֿאַרלאָזן די ליטווישע מדינות. עס איז ניט באַוווּסט, צי האָט דעם דאָזיקן האַרטן באַפֿעל אויסגעפּועלט די קלעריקאַלע פּאַרטיי, אָדער דער גירוש איז געקומען דערפֿאַר, ווײַל דער פֿירשט און די מאַגנאַטן, וואָס זײַנען געווען בעלי־חובֿות בײַ ייִדן, האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון זייערע קרעדיטאָרן און נאָך אָפּלעקן אַ ביין פֿון זייער פֿאַרמעגן. דאָ האָט געקאָנט ווירקן אויך דער בײַשפּיל פֿון שפּאַניע פֿון יאָר 1492 און די נאָך נעענטערע גירושים פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון דײַטשלאַנד, פֿון וואַנען די פֿאַרטריבענע פֿלעגן מאַסנווײַז גיין קיין פּוילן און ליטע. ווערדליג די רעזולטאַטן מעג מען אָננעמען, אַז דער הויפּטמאָטיוו פֿון דעם גירוש איז געווען ענלעך צו די מאָטיוון פֿון די פֿאַרצײַטיקע פֿראַנצייזישע מלכים: פּטור צו ווערן פֿון צײַטווײַליקע פֿינאַנציעלע שוועריקייטן דורך אַנולירן די חובֿות און עקספּראָפּריִרן די פֿאַרמעגנס פֿון ייִדן, רײַך ווערן אויפֿן חשבון פֿון די אייגענע קרעדיטאָרן און פֿאַרמעגלעכע אונטערטאַנער. דער פֿירשט אַלעקסאַנדער האָט קאָנפֿיסקירט אַלע נחלאות פֿון די פֿאַרטריבענע אין די פּראָווינצן פֿון בריסק, גראָדנע, לוצק און טראָק, און אַ טייל פֿון דעם זאַקרויב האָט ער פֿאַרטיילט צווישן דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג.

www.libtool.com.cn

דער גרעסטער טייל פון די פּאַרטריבענע האָבן זיך באַזעצט, מיט דער דער־ליטעוויש פון קיניג יאַן אַלברעכט, אין די שכנישע שטעט; אַנדערע זײַנען אַוועק קיין קרים, וואָס מיט זײַן האַנדלס־צענטער, קאַפאַ, האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט פאַרבינדונגען.

נאָך אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען אַלעקסאַנדער האָט נאָך זײַן ברודערס טויט איבערגענומען אויך די פּוילישע קרוין (1501), האָט ער געקראָגן ווי אַ צולאָג די זעלביקע יידן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרטריבן פון ליטווישן פירשטנטום. עס האָט קיין טעם ניט געהאַט זיי צו האַלטן אין די איבער־געפולטע שטעט פון פּוילן, בעת עס איז געווען פאַר זיי אָרט אין די ווינציק באַזעצטע מקומות פון ליטע. און אַזוי האָט טאַקע אַלעקסאַנדער אין יאָר 1503, נאָך אַ יישוב־הדעת מיט זײַנע שׂררות, דערלויבט די יידן צו קומען צוריק קיין ליטע און זיך צו באַזעצן אויף די פריִערדיקע ערטער. מען האָט זיי אַלעמען אויך אָפּגעגעבן צוריק די הײַזער, נחלאות, שולן און בית־עלמינס, וואָס זיי האָבן פריִער געהאַט.

אָנהייב 16טן י״ה איז דאָס יידנטום אין פּוילן און ליטע שוין געווען אַ גרויסער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס די מלוכה האָט מיט אים געמוזט זיך רעכענען. עס וועט אויך ווערן אַ קולטור־איינהייט פאַר זיך, נאָך דעם ווי עס איז פיר יאָרהונדערטער לאַנג געווען אָפּהענגיק פון דעם דײַטש־יידישן צענטער.

## § 65. קרים און רוסן־לאַנד אונטער דער ממשלה פון די טאָטערן

די לעצטע יאָרהונדערטער פון מיטל־עלטער האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס קולטור־לעבן אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל בײַם שוואַרצן ים, אויפן קרימער האַלבאינדזל, ווו עס האָבן אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסט־לעכער צײַט געבליט יידיש־העלעניש קאָלאָניעס, ווו עס האָבן שפּעטער געפונען אַ מקום־מקלט די גערודפטע יידן פון ביזאַנץ, ווו עס האָט אַ שטיקל צײַט געוועלטיקט די האַלבייִדישע כוזרישע מלוכה, און זינט דעם 13טן י״ה האָט זיך דאָרט אויף לאַנגע יאָרן אײַנגעפעסטיקט די ממשלה פון די באַצווינ־גערס פון רוסלאַנד, די טאָטערן. זינט יענער צײַט ווערט דאָס ברעגלאַנד פון קרים אַ קולטור־אָאַזיס אויפן ראַנד פון דער געוואַלדיקער מדבר פון מזרח־אייראָפּע אונטערן יאָך פון די טאָטערן. די איטאַליענישע רעפּובליק גענוע ברייטערט אויס אירע האַנדלס־קאָלאָניעס אויפן קרימער ברעג פון דעם שוואַרצן ים (אויבן, § 31) גראָד אין יענע יאָרן, ווען איר קאָנקורענטין ווענעציע פאַרנעמט דעם ברעג פון קליין־אַזיע און די אינדזלען פון אַרכי־

www.hbtool.com.cn

פּעלאַג. אין מיטן די מדינות פֿון די טאָטערשע כאַנען פֿאַרנעמען די גענועזער די שטאָט טעאָדאָסיע אָדער קאַפֿאַ און מאַכן זי פֿאַר אַן ערשטקלאַסיקן האַנדלספּאָרט. דאָ גייט דורך דער גרויסער האַנדלסוועג פֿון איטאַליע דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף קאַווקאַז און ווײַטער קיין מיטל־אַזיע. פֿאַר די צוויי הונדערט יאָר, ווען עס האָט עקסיסטירט די גענועזער קאָלאָניע אין קאַפֿאַ (1260–1475), וואָס מען האָט אויך איצט, לויטן גערעכעניש פֿון אַ מאָל, גערופֿן „כאַזאַריע", האָט דאָרט געוווינט אַ געמישטע באַפֿעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איטאַליענער, גריכן, ייִדן און אַרמעניער. אויב מען זאָל גלייבן דעם עדות־זאָגן פֿון אַ רײַזנדער (שילטענבערג), האָבן אין אָנהייב 15טן י"ה געוווינט אין קאַפֿאַ „צוויי מינים" ייִדן (רבנים און קראים), וואָס האָבן געהאַט צוויי שולן צום דאַוונען און אַן ערך 4000 הײַזער.[1] דאָס זײַנען קענטיק געקומענע פֿון ביזאַנץ און אַ טייל אײַנגעוואַנדערטע פֿון אַנדערע לענדער. די קרימער קאָלאָניע איז געוואָרן רעגירט פֿון אַ קאָנסול, וואָס האָט געקראָגן זײַן פֿולמאַכט פֿון דער צענטראַלער „פֿאַרוואַלטונג פֿון כאַזאַריע" (Officium Gasariae) אין גענוע. די רעגירונג פֿון דער גענועזער רעפּובליק, וואָס בײַ זיך אין דער היים האָט זי קיין ייִדן ניט געוואָלט פֿאַרטראָגן, האָט ניט איין מאָל אָנגעזאָגט אירע קאָנסולן אין קאַפֿאַ, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן טאָלעראַנץ פֿון גלויבן בנוגע דער פֿאַרשיידנשטאַמיקער באַפֿעל־קערונג פֿון דער קאָלאָניע. אין יאָר 1449 איז אין גענוע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סטאַטוט פֿאַר קאַפֿאַ, וואָס לויט אים איז דעם אָרטיקן קאַטוילישן ביסקופּ געוואָרן פֿאַרבאָטן זיך אַרײַנצומישן אין די ענינים פֿון מענטשן פֿון אַנדערע אמונות, וואָס דערויף האָבן זיך געקלאָגט גריכן, ייִדן און אַרמעניער. דער קאָנסול און דער שטאָטראַט פֿון קאַפֿאַ זײַנען געווען מחויבֿ צו באַשיצן די אַנדערש־גלייביקע קעגן אָנפֿאַלן אויף זייער אייגנס. דאָס איז שוין געווען אין דער צײַט, ווען די גענועזער קאָלאָניע אין קרים איז געגאַנגען אַראָפּ. די טערקן, וואָס האָבן זיך געגרייט אײַנצונעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן אָפּגעשלאָסן די דאַרדאַנעלן פֿאַר איטאַליענישע שיפֿן און האָבן שטאַרק באַשווערט די פֿאַרבינדונג פֿון דער קאָלאָניע מיט דער מעטראָפּאָליע. נאָך

---

1 די ידיעות וועגן די שולן ווערן באַשטעטיקט דורך דער מיטטיילונג פֿון אַ שפּעטערן קאַראַיִמישן געלערנטן דוד לחנו (1725), אַז די ייִדן פֿון סולכאַט (אַלטקרים) זײַנען געקומען קיין קאַפֿאַ און האָבן דאָרט אויסגעבויט אַ שול אין יאָר 1308. אין דער קאָלעקציע פֿון דעם קאַראַיִמער פֿירקאָוויטש, וואָס געפֿינט זיך אין דער פּעטערבורגער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, איז פֿאַראַן אַ כּתבֿ־יד פֿון אַ קאַראַיִמישן געלערנטן פֿון סולכאַט, אַבֿרהם קירימי, וואָס איז אָנגעשריבן אין יאָר 1358 און טראָגט אויף זיך סימנים פֿון איטאַליענישער השפּעה: אין דעם ספֿר („ספֿר אמת"), וואָס איז אַ פּירוש אויף תּנך אין דעם גײַסט פֿון ראַציאָנאַליזם, ווערט ציטירט אַן איטאַליענישער שרײַבער פֿון יענער צײַט שמריה איקריטי, וואָס האָט געפּרוּווט מאַכן שלום צווישן די רבנים און די קראים (אויבן, § 61).

www.libtool.com.cn

דעם ווי קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געוואָרן איינגענומען, איז אין קאַפֿאַ פֿאָר־געקומען אַ קריזיס פֿון דער מאַכט: די רעגירונג פֿון דער גענועזער רעפּובליק האָט אָפּגעטראָטן איר קאָלאָניע בײַם שוואַרצן ים דער האַנדלס־קאָמפּאַניע וואָס איר האָט געהערט דער באַנק פֿון הל׳ געאָרג אין גענוע (1454). די דירעקטאָרן פֿון באַנק האָבן אַוועקגעזעצט אין קאַפֿאַ זייערע באַאַמטע, וואָס האָבן אײַנגעפֿירט אָרדענונג אין דער קאָלאָניע און גענומען אונטער זייער שוץ די ייִדן, וואָס די פֿריִערדיקע קאָנסולן פֿלעגן זיי אָנטון נגישות. אָבער אויך די נײַע גענועזער מאַכט האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן אין לאַנד. אין 1475 האָט דער טערקישער סולטאַן מוחאַמעד II אײַנגענומען קאַפֿאַ און דער־נאָך גאַנץ קרים. דער האַלבאינדזל איז געוואָרן אַ טערקישע פּראָווינץ, רעגירט דורך וואַסאַלע טאַטערשע כאַנען פֿון דער דינאַסטיע גיריי, וואָס זייער הויפּט־שטאָט האָט זיך געפֿונען אין באַכטשיסאַרײַ.

די דאָזיקע פּאָליטישע איבערקערעניש האָט געבראַכט צו אַ באַלעבונג פֿון די ייִדישע קהילות אין קרים, מחמת זי האָט זיי פֿאַרבונדן מיטן גרויסן ייִדישן צענטער, וואָס איז גיך אויסגעוואַקסן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י״ה (זע דעם ווײַטערדיקן §). שטאַרק באַלעבט געוואָרן זײַנען אויך די פֿאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך געהאַט אײַנגעשטעלט פֿריִער צווישן די ייִדן פֿון קאַפֿאַ מיט זייערע ברידער אין פּוילן און ליטע, גאַליציש רוסלאַנד און קיִעוו. די עמיגראַנטן פֿון קרים, וואָס האָבן זיך אונטער דעם גרויספֿירשט וויטאָוטאַס באַזעצט אין דער ליטע, זײַנען געווען די פֿאַרבינדערס צווישן בײדע לענדער. דעם האַנדלס־אויסבײַט צווישן קיִעוו, לעמבערג און קאַפֿאַ האָבן אונטערגעהאַלטן די ייִדן און די טאַטערן, וואָס האָבן געוווינט אין די דאָזיקע שטעט.

עס האָט זיך אויך אויפֿגעוועקט דאָס גײַסטיקע לעבן אין די קהילות פֿון די רבנים און קראַים. פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זײַנען געקומען צו פֿאָרן קיין קרים קאַראַיִמישע געלערנטע, און פֿון קיִעוו האָט דער גורל פֿאַרטריבן אַהין דעם תשובֿן שרײַבער רבי משה הגולה („דער וואָגלער״). יונגערהייט האָט ער געלערנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער האָט זיך דערנעענטערט מיט אייניקע תּלמודיסטן און קאַראַיִמישע געלערנטע. געקומען צוריק קיין קיִעוו, האָט ער דאָרט אין יאָר 1482 איבערגעלעבט אַן אָנפֿאַל פֿון די טאַטערן. די טאַטערן האָבן אַוועקגעפֿירט אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַ טייל קיִעווער אײַנ־וווינער, צווישן דעם אויך ר׳ משהס קינדער. דער אומגליקלעכער פֿאָטער האָט גענומען אַרומפֿאָרן איבער די שטעט פֿון ליטע צו קלײַבן געלט אויף אויסצולייזן זײַנע קינדער פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט. ווען עס איז אין יאָר 1495 פֿאָרגעקומען דער אויבן דערמאָנטער גירוש פֿון ייִדן פֿון ליטע און פֿון קיִעוו, איז דער תּלמיד־חכם דער וואָגלער אָנגעקומען אין קרים. זײַן ליטעראַרישע

www.libtool.com.cn

טעטיקייט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין קאַפֿאַ די ערשטע צוויי יאָרצענדליגער פֿון 16טן י"ה,[1] זאָגט עדות אויף דער באַלעבונג וואָס עס האָבן אַרײַנגעטראָגן אין די ייִדישע קהילות פֿון קרים די אויסוואַנדערערס פֿון ליטע. אין קאַפֿאַ, סולכאַט און אַנדערע שטעט פֿון קרים האָבן זיך אויסגעפֿורעמט אין די קהילות לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿון אײַנוואַנדערערס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. איטלעכע האָט זיך געהאַט איר נוסח פֿון דער עבֿודה. די וואָס זײַנען געקומען פֿון דער געוועזענער ביזאַנטישער אימפּעריע האָבן געדאַוונט לויטן נוסח „רומני" אָדער דעם גריכישן נוסח, די פּויליש־ליטווישע אײַנוואַנדערערס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַרן נוסח אַשכּנז. ווען ר' משה הגולה איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער זיך געפֿלײַסט אײַנצופֿירן אין די שולן אַן אייגנהייטלעכן נוסח־התּפֿילה. די קאַראַימער האָבן זיך געלעבט אין זייערע באַזונדערע קהילות, און מיט די רבנים זײַנען זיי ניט געווען גוט אויפֿגעטראָגן. צווישן ר' משה הגולה און די קאַראַימישע חכמים איז געגאַנגען אַ כּסדרדיקע ליטעראַרישע פּאָלעמיק.

אייניקע ייִדן אין קרים זײַנען געווען מקורבֿים פֿון דעם כאַנס רעגירונג ווי פֿינאַנציעלע אַגענטן. צווישן זיי זײַנען אויך געווען דיפּלאָמאַטישע פֿאַר־מיטלערס, וואָס די כאַנען פֿלעגן זיי שיקן צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט די מאָסקעווער צאַרן. אַזעלכע שליחותן פֿלעגט אויספֿירן דער קאַפֿער ייִד כ אָ ז ע ק אָ ק אָ ס, וואָס האָט געגאָסן דעם צוטרוי פֿון דעם קרימער כאַן מענגלי גיריי. דער מאָסקעווער גרויספֿירשט איוואַן III האָט אויסגענוצט די הילף פֿון דעם דאָזיקן דיפּלאָמאַט בעת די אונטערהאַנדלונגען מיטן קרימער כאַן וועגן אַ מיליטערישן בונד קעגן שותּפֿישן שונא, דעם כאַן פֿון דער גילדענער האָרדע (1474). לויט דעם גרויספֿירשטס בקשה האָט קאָקאָס אונטער־געהאַלטן די מאָסקעווער שליחים, וואָס זײַנען געקומען צו פֿאָרן צו מענגלי גירייען מיט דיפּלאָמאַטישע שליחותן, געפֿלײַסט זיך זיי צו דערנעענטערן צום כאַן און אויסצושתּדלען „יאַרליקעס" (פּריווילעגיעס) פֿאַר מאָסקעווע. חוץ דיפּלאָמאַטישע שליחותן פֿלעגט דער מאָסקעווער גרויספֿירשט אים אויפֿגעבן שליחותן אין פּערזענלעכע (מאַכן פֿאַרשיידענע קניות פֿאַר משפּחה־ענינים און וכדומה) און באַצאָלן אים דערפֿאַר מיט אַ ברייטער האַנט. איוואַן III פֿלעגט שיקן צו דעם קאַפֿער ייִדן דורך זײַנע שליחים „געגרוסן" און פֿרײַנדלעכע „כּתבֿים"; קאָקאָס פֿלעגט צו ערשט ענטפֿערן אויף די דאָזיקע כּתבֿים מיט בריוו געשריבן אין „ייִדישער שריפֿט" (געמיינט מן הסתם: טאָטעריש אָדער רוסיש געשריבן מיט העברעיִשע אותיות), נאָר דער גרויספֿירשט האָט אים געבעטן שרײַבן „מיט רוסישער אָדער בעסערמענישער" (לאַטײַנישער?) שריפֿט. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט געדויערט ביזן יאָר 1486. די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער מאָסקעווער גרויספֿירשט געפֿירט אַ געשעפֿטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַן אַנדער אַגענט בײַם הויף פֿון דעם קרימער כאַן,

---

1 זע דעם ווײַטערדיקן באַנד פֿון דער „געשיכטע".

www.libtool.com.cn

דעם „טאַמאַנער פֿירשט״ זאַכאַריוש, וואָס ער האָט אים גערופֿן צו זײַן דינסט אין מאָסקעווע. צי איז אָט דער זאַכאַריוש געווען אַ ייִד, איז נאָך מוטל בספק (הגם די מאָסקעווער באַאַמטע האָבן אים טיטולירט „יעווריעיאַנין״ אָדער „זשידאָווין״), ווארעם פֿירשט פֿון טאַמאַן איז געווען דעמאָלט אַ געגנועזער אַ קאַטוילישער גוויזאָלפֿי, וואָס האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען זאַכאַריוס.

די טעריטאָריע פֿון מאָסקאָוויטישן רוסלאַנד, וואָס אין דער עפּאָכע פֿון דער טאָטערשער ממשלה האָבן אויסלענדער בכלל געהאַט גאָר אַ קליינעם צוטריט צו איר, איז פֿאַר ייִדן געווען לגמרי געשלאָסן, נאָר עס קאָן אויך געמאָלט זײַן, אַז יחידים פֿון פּוילן, ליטע אָדער קרים פֿלעגן קומען צו פֿאָרן אַהין צוליב האַנדלס-געשעפֿטן. אין די אַקטן זײַנען סימנים פֿון ייִדנטום אין דער פֿאַרשלאָסענער מאָסקעווע פֿאַרצייכנט צו ערשט אין דער רעגירונג פֿון דעם זעלביקן גרויספֿירשט איוואַן III. אין יענער צײַט באַווײַזן זיך דאָרט ייִדן געקומענע צופֿעליק פֿון דער ליטע און פֿון קיִעווער געגנט, אַ מאָל אויך פֿון מערבֿ-אייראָפּע.

מיטן נאָמען פֿון איינעם אַ ייִדן אַזאַ, וואָס איז געקומען פֿון קיִעוו, איז פֿאַרבונדן איינע פֿון די גרויסע געשעענישן פֿון דער רוסישער געשיכטע. אין יאָר 1470, דערציילן רוסישע כראָניסטן, איז אַראָפּגעקומען פֿון קיִעוו קיין נאָווגאָראָד, וואָס האָט אין יענער צײַט געפֿירט אַ קאַמף קעגן מאָסקעווע פֿאַר איר זעלבשטענדיקייט, דער שליח פֿון ליטווישן גרויספֿירשט, פֿירשט אָלעלקאָוויטש. צוזאַמען מיט אים איז געקומען צו פֿאָרן אַ קיִעווער געלערנטער ייִד סכאַריאַ (זכריה), און שפּעטער זײַנען אַראָפּגעקומען פֿון דער ליטע נאָך עטלעכע ייִדן. אין יענער צײַט זײַנען אין נאָווגאָראָד געווען אויפֿגעקומען געוויסע אומרוען אין דעם רעליגיעזן לעבן פֿון די רוסן, זכריה האָט זיך געטראָפֿן און צונויפֿגערעדט מיט אייניקע פּערזאָנען פֿון דער פּראַוואָסלאַווישער גײַסטלעכקייט און האָט זיי אײַנגערעדט אָנצונעמען די ייִדישע „כּפֿירה״. עס האָט זיך באַוויזן אַ סעקטע „יודאַיִזירנדיקע״. פֿון נאָווגאָראָד זײַנען די פֿירערס פֿון דער סעקטע די גלחים דעניס און אַלעקסי געקומען אין יאָר 1480 קיין מאָסקעווע און האָבן דאָרט „אַראָפּגעפֿירט פֿון ריכטיקן גלויבן״ אַ סך רוסן, און דערבײַ האָבן אייניקע פֿון די גרים געלאָזט זיך מל זײַן. נאָר אין גרעסטן טייל פֿאַלן האָט די „כּפֿירה״ זיך אַרויסגעוויזן אין דער געשטאַלט פֿון ראַציאָנאַליזם: די סעקטאַנטן האָבן ניט געוואָלט האַלטן קריסטוסן פֿאַר אַ גאָט, האָבן געלייקנט אין דער דרײַ-אייניקייט, געהאַקט און געברענט די הייליקע בילדער, ווי געצנבילדער. די כּפֿירה האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אויך אין די העכסטע קרײַזן; סימפּאַטיזירט מיט איר האָט אַ נאָענטער מענטש צום גרויספֿירשט דער דיאַק פֿעאָדאָר קוריצין, און אַ סך האַלטן, אַז אויך דער מאָסקעווער מיטראָפּאָליט זאָסימאַ גופֿא.

www.libtool.com.cn

אין יאָר 1487 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן די סעקטאַנטן און אויפֿווײַזן זייערע חטאים דער נאָווגאָרעדער אַרציביסקופּ געננאַדי, אַ פֿײַער-דיקער קנאַי פֿון דער קירך. באַגײַסטערט דורך דעם בײַשפּיל פֿון „הישפּאַנישן מלך", וואָס האָט דורך דער אינקוויזיציע „אָפּגערייניקט זײַן לאַנד" (דאָס איז געווען אין דעם עצם ברען פֿון דער אַרבעט פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע), האָט געננאַדי מיט שטרענגע מיטלען אויסגעוואָרצלט די כּפירה פֿון די יודאַיִ-זירנדיקע אין זײַן עפּאַרכיע. אין מאָסקעווע איז דער קאַמף קעגן די סעק-טאַנטן געווען שווערער. אָבער אַ דאַנק דער ענערגיע פֿון געננאַדי, פֿון דעם איהומען יאָסיף וואָלאָצקי און פֿון אַנדערע קנאים פֿון דער פּראַוואָסלאַ-ווישער קירך, איז די סעקטאַנטישע באַוועגונג געוואָרן דערשטיקט אויך דאָרט. לויט דער החלטה פֿון דעם קירכלעכן קאָנציל פֿון יאָר 1504 און לויטן באַפֿעל פֿון דעם גרויספֿירשט איוואַן III זײַנען די הויפּטפֿירערס פֿון די סעקטאַנטן געוואָרן פֿאַרברענט, און די איבעריקע אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסות און אין קלויסטערס.

צו גלײַך מיט דער באַוועגונג פֿון די יודאַיִזירנדיקע האָט אין מאָסקעווע געטראָפֿן נאָך איין טראַגישע פּאַסירונג. בײַם הויף פֿון גרויספֿירשט איוואַן III האָט זיך געפֿונען אַ דאָקטאָר אַ געלערנטער ייִד מ י ס ט ר אָ (אָדער מ ע ס ע ר) ל ע אָ ן, וואָס מען האָט אים געהאַט אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסקעווע פֿון ווענעציע. אָנהייב 1490 איז מסוכן קראַנק געוואָרן דעם גרויספֿירשטס עלטסטער זון. לעאָן האָט גענומען היילן דעם קראַנקן דורך צולייגן הייסע גלעזער און מיט פֿאַרשיידענע קרײַטעכצער. אַז דער גרויספֿירשט האָט בײַ אים איין מאָל געפֿרעגט, וואָס זײַנען די שאַנסן, אַז דער קראַנקער וועט געזונט ווערן, איז דער דאָקטאָר געווען ניט אָפּגעהיט און האָט געענטפֿערט: „איך וועל דײַן זון געוויס אויסהיילן, טאָמער ניט, מעגסטו מיך הייסן קעפּן". אין גיכן איז דער קראַנקער אָבער געשטאָרבן. נאָך דעם ווי עס האָבן זיך געענדיקט די פֿערציק טעג טרויער, האָט איוואַן III טאַקע געהייסן אַראָפּנעמען דעם קאָפּ בײַ דעם ייִדישן דאָקטאָר פֿאַר דער אומגעראָטענער קורירונג. די קעפּונג איז אויס-געפֿירט געוואָרן עפֿנטלעך אויף אַ פּלאַץ אין מאָסקעווע.

די מאָסקעוויטער האָבן געקוקט סײַ אויף דעם געלערנטן טעאָלאָג סכאַריאַ און סײַ אויפֿן דאָקטאָר לעאָן ווי אויף „שוואַרצקינצלער" אָדער מכשפֿים. די כּפֿירה פֿון די יודאַיִזירנדיקע האָט אין זיי אַרײַנגעזעצט עפּעס אַ מין אָבערגלייבישע שרעק פֿאַר ייִדן, וואָס זיי האָבן זיי געקענט נאָר פֿון הערן זאָגן. בײַ אַזעלכע קוקן און מידות האָבן ייִדן ממילא ניט געקאָנט ריכטן זיך, אַז מען וועט זיי גוט צונעמען אין דער מאָסקאָוויטישער מלוכה. און נאָך אַ צײַט שפּעטער האָט מען זיי קיין מאָסקאָוויע ניט אַרײַנגעלאָזט, מיט אויסרייד, אַז „זיי האָבן אונדזערע מענטשן אַראָפּגעפֿירט פֿון דעם וועג פֿון קריסטנטום".

www.libtool.com.cn

## § 66. דער נייער צענטער אין טערקיי

אין יענער תקופה, ווען עס זיינען איינע נאָך איינע חרוב געוואָרן די אַלטע נעסטער פון יידנטום אין די קריסטלעכע לענדער, איז פאַר איין טייל פון דער גערודפטער אומה צוגעגרייט געוואָרן אַ מקום-מקלט אין דער נייער מוסלימישער מלוכה, וואָס איז אויפגעקומען צום סוף מיטל-עלטער אויף די חורבות פון דער איינגעפאַלענער ביזאַנץ. די גריכישע אימפעריע איז אַלט געוואָרן און איז זיך צעפאַלן שטיקערווייז. די דינאַסטיע פון די פּאַלעאָלאָגן, וואָס האָט אויפגעריכט די גריכישע ביזאַנץ נאָך דער הפסקה פון דער לאַטיי-נישער אימפעריע (§ 31), איז ניט געווען בכוח אָפּצושטעלן אָט דעם פּראָצעס פון צעפאַל. עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון די צוויי איטאַליענישע האַנדלס-רעפּוב-ליקן, ווענעציע און גענוע, אינעווייניק צעריסן דורך דעם קאַמף פון די גריכן און סלאַוון פון דעם באַלקאַנישן האַלבאינדזל, צעטרייסלט דורך דעם דראַנג פון די קריגערישע אָסמאַנישע טערקן פון מזרח-זייט, האָט ביזאַנץ ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן. נאָך דעם ווי זי האָט אין 13טן י"ה אָפּגעטראָטן צו ווענעציע די אינדזלען פון אַרכיפּעלאַג, האָט זי זינט דעם 14טן י"ה געמוזט אָפּגעבן די טערקן איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער. שוין אונטער דעם סולטאַן אָרכאַן (1326—60) האָבן די טערקן פאַרנומען קליין-אַזיע און געמאַכט זייער הויפּטשטאָט אין ברוסע. די איינגעוואָרצלטע יידן-פיינדשאַפט פון די גריכישע מושלים האָט די יידן געמאַכט פאַר גוטע פריינד פון די באַצווינגערס, און די טערקן זיינען פון זייער זייט זיך באַגאַנגען מיט יידן ווי מיט פאַרביני-דעטע. אונטער דעם סולטאַן מוראַד I (1360—89) האָבן די טערקן זיך פעסט אַוועקגעשטעלט אין אייראָפּע. דאָס איינגענעמען אַדריאַנאָפּאָל און דער נצחון איבער די סערבן ביי קאָסאָווע האָט געמאַכט די טערקן פאַר בעלי-בתים פון דעם גרעסטן טייל פון באַלקאַנישן האַלבאינדזל, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען רומעליע. די וואַקסנדיקע יידישע קהילה פון אַדריאַנאָפּאָל מיט אַ רבֿ און אַ ישיבֿה איז געוואָרן אַ צענטער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון רומעליע. די אָרטיקע יידן, וואָס האָבן פריער גערעדט גריכיש, האָבן אַלץ מער איבערגענומען די טערקישע שפּראַך צום באַניץ אין טעגלעכן לעבן.

די דערנעענטערונג מיט די טערקן האָט געבראַכט אייניקע יידן צום אָנטייל אין איינער אַ משונהדיקער רעליגיעז-פּאָליטישער באַוועגונג: אין דעם אויפשטאַנד פון די דערווישן קעגן דעם סולטאַן מוחאַמעד I (1418). דער טערקישער טעאָלאָג און קאַדי (ריכטער) בעדרעדין האָט אין יענער צייט פאַרשפּרייט אין קליין-אַזיע און רומעליע עפּעס אַ סעקטאַנטישע לערנונג — אַן אויסגעמיש פון קריסטלעכע, מוסלימישע און קאָמוניסטישע עלעמענטן. די מוסלימישע דערווישן וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו בעדרעדינס סעקטע האָבן

www.libtool.com.cn

לויטן מנהג פֿון איסלאַם געגומען פֿאַרשפּרייטן די נײַע תורה מיט דער שווערד און האָבן אויפֿגערייצט די באַפֿעלקערונג קעגן דער עקסיסטירנדיקער מאַכט. בראָש פֿון איין אָפּטיילונג פֿון 3000 דערווישן איז געשטאַנען דער געשמדטער ייִד טאָרלאַק קעמאַל, וואָס האָט מיט אַ ברען געפּרעדיקט אין די מעטשעטן און אויף די פֿלעצער די אידעע פֿון קאָמוניזם: „איך וועל נוצן דײַן שטוב, דײַן מלבוש און דײַן געווער, און דו וועסט נוצן מײַנע, מערניט פֿרעמדע ווײַבער טאָר מען ניט אָנרירן". די צעבונטעוועטע אָנפֿירערס פֿון די „קאָמו־ניסטן" בעדרעדין, טאָרלאַק קעמאַל און אַנדערע האָט מען געכאַפּט און אויפֿ־געהאַנגען לויטן סולטאַנס באַפֿעל. אַ ייִד אַ רעוואָלוציאָנער איז פֿאַרשטייט זיך געווען אַ זעלטענער אויסנאַם צווישן די ייִדן, וואָס זײַנען בדרך־כּלל געווען לאָיאַל און האָבן אונטערגעהאַלטן די ממשלה פֿון די סולטאַנען.

בעת דער רעגירונג־צײַט פֿון דעם סולטאַן מוראַד II (1421–51) האָט דער ייִדישער דאָקטאָר איסאַק פּאַשאַ געקראָגן אַ השפּעה בײַם אַדריאַנאָפּאָלער הויף ווי אַ לײַב־מעדיקער; ער מיט זײַנע קינדסקינדער זײַנען געוואָרן באַפֿרײַט פֿון אַלע אָפּצאָלן. אויפֿן יסוד פֿון דעם באַוווּסטן אָנזאָג פֿון דעם קאָראַן איז צאָלן אַ באַזונדער צינז געווען דער גרונד־חיובֿ פֿון ייִדן, און בכלל פֿון אַלע פֿרעמדגלייביקע. דער קאָפּשטײַער, דער „כאַראַדזש", פֿלעגט גענומען ווערן פֿון גבֿירים, מיטעלע מענטשן און אָרעמע לײַט, פֿון איטלעכן לויט זײַן פֿאַרמעגן. די וואָס זײַנען גאָרניט געווען בכּוח צו צאָלן קיין שטײַערן פֿלעגט מען צונעמען אין מיליטער־דינסט און מען פֿלעגט זיי אײַנטיילן אין אַ באַ־זונדער אָפּטייל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ניט־מוסלימס (גאַרידאַ).

אין יאָר 1453 איז סוף־כּל־סוף געפֿאַלן די הויפּטשטאָט פֿון ביזאַנץ. דער סולטאַן מוחאַמעד II (1451–81), נאָך דעם ווי ער האָט אײַנגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אײַנגעפֿעסטיקט זיין ממשלה איבערן גאַנצן באַלקאַנישן האַלבאינדזל, האָט געגעבן ייִדן און אויך קריסטן אַלע בירגערלעכע רעכט, וואָס פֿרעמדגלייביקע קאָנען דערגרייכן אין אַ מוסלימישער מלוכה. דער ייִדישער כראָניסט פֿון דער משפּחה קַפּסַלי, וואָס איז אין יענער צײַט געוואָרן מפֿורסם, שילדערט די דאָזיקע געשעעניש אין אַ ביבלישן סטיל: „האָט דער סולטאַן געלאָזט אויסרופֿן אַ כּרוז און צעשיקט בריוו איבער זײַן גאַנצער מלוכה: גאָט האָט מיר באַפֿוילן צו זאָרגן וועגן זײַן פֿאָלק, די בני אַבֿרהם און יעקבֿ אָבֿינו. ווער פֿון אײַך עס וויל, זאָל אויפֿשטיין מיט גאָטס הילף און קומען קיין קאָנסטאַנטין [קאָנסטאַנטינאָפּאָל], מײַן עיר הבירה. באַזעצט זיך אין דעם דאָזיקן לאַנד, האַנדלט אין דעם און פֿאַרנעמט אין אײַער אייגנס ערד. און עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן ייִדן פֿון אַלע שטעט פֿון תּוגרמה [טערקײַ], פֿון נאָענט און פֿון ווײַט, און עס איז אויסגעוואַקסן גרויס די קהילה אין קאָנסטאַנטין מיט טויזנטער און צענדליגער טויזנטער... און עס האָט

www.libtool.com.cn

אָנגעשטעלט דער סולטאַן שטולן אין דעם קיניגלעכן דיוואַן [מלוכה-ראַט]: איינעם פֿאַרן ישמעאלישן מופֿתּי, אַ צווייטן פֿאַרן גריכישן פּתריק [פּאַטריאַרך], אַ דריטן פֿאַרן ייִדישן רבֿ, כּדי איטלעכע אומה זאָל ווערן רעגירט דורך איר פֿירער. איבער די ייִדן איז געוואָרן אָנגעשטעלט אַ ראָש דער אַלטער רבי משה קפּסלי. זײַן שטול איז געשטאַנען אין דעם קיניגלעכן דיוואַן לעבן דעם שטול פֿון דעם מופֿתּי, און ער איז געווען אַ ליבלינג פֿון דעם סולטאַן". די דאָזיקע אָנערקענונג פֿון דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט אין דער העכסטער מלוכישער אינסטיטוציע איז געווען אַ סימן מובֿהק פֿון דער נײַער אָרדענונג פֿון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. מיט צען יאָרהונדערטער פֿריִער איז פֿון דער קריסטלעכער קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַרויס דער דעקרעט וועגן דער אָפּשאַפֿונג פֿון דער ייִדישער נשׂיאות אין ארץ-ישׂראל, און אין דעם קאָדעקס וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון דעם מחבר פֿון דעם דאָזיקן דעקרעט (טעאָדאָסיוס II), זײַנען געוואָרן פֿאַראייביקט אַלע שווערע באַגרענעצונגען פֿון די בירגערלעכע רעכט פֿאַר ייִדן. איצט איז געשען פֿאַרקערט, פּונקט ווי אַ מאָל די אַראַבער אין שפּאַניע, אַזוי האָבן די מוסלימס געגעבן פֿרײַהייט די פֿאַרשקלאַוטע ייִדן. די ייִדישע קהילות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע שטעט פֿון טערקײַ זײַנען גיך פֿול געוואָרן דורכן צושטראָם פֿון אויסוואַנדערער פֿון די מערבֿדיקע לענדער, ווו עס זײַנען דעמאָלט געגאַנגען כּסדרדיקע רדיפֿות אויף ייִדן.

יענע ייִדן, וואָס האָבן פֿריִער זיך געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער קריסטלעכער אייראָפּע און זיך באַזעצט אין אַדריאַנאָפּאָל און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן איצט גערופֿן זייערע לאַנדסלײַט אין דער נײַער מלוכה אַרײַן. איינער פֿון די דײַטשע אויסוואַנדערערס, ר' יצחק צרפֿתי, האָט זיך געווענדט צו זײַנע פֿאָלקסברידער אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך מיט אַן אויפֿרוף, ווו ער האָט זיי אויפֿגעפֿאָדערט צו עמיגרירן אין די טערקישע מדינות (אַן ערך 1470—80). דער דאָזיקער אויפֿרוף איז אָנגעשריבן געוואָרן לויטן פֿאָרשלאָג פֿון צוויי ייִדן געקומענע פֿון דײַטשלאַנד, וואָס האָבן דערציילט צרפֿתין וועגן די צרות וואָס עס שטייען אויס דאָרט די ייִדישע קהילות. געווענדט צו דער „שארית-ישׂראל אין די שטעט פֿון שוואָבן, ריין, שטײַערן, מערן און אונגערן", האָט צרפֿתי געשריבן: „מען האָט מיר דערציילט וועגן די מוראדיקע צרות, וואָס האָבן געטראָפֿן און וואָס טרעפֿן אונדזערע ברידער אין דײַטשלאַנד, וועגן די נגישות און גירושים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן יעדער טאָג אין פֿאַרשיידענע שטעט און וואָס קיין סוף איז צו זיי ניטאָ... און אַזוי האָב איך, וואָס דער גורל האָט מיך פֿאַרטראָגן קיין טערקײַ, דאָס לאַנד פֿון רחבֿות, גענומען קלערן, אַז דער אייבערשטער האָט מיך געשיקט אַהער בכדי צו ברענגען אײַך אויסלייזונג. דורך טערקײַ גייט דער בעסטער וועג איבער דער יבשה קיין

www.libtool.com.cn

ירושלים, מערניט וואָס מען מוז אַ ביסל פֿאָרן איבערן ים. און אַלע טאָג פֿאָרן איבער דעם וועג שורות ייִדישע און מוסלימישע סוחרים. פֿוילט זיך ניט און זאַמט ניט! דאָ איז אַ סך גרינגער צו לעבן ווי אין דײַטשלאַנד און אין די שכנישע מדינות. דאָרט טראַכט מען אויס אויף אײַך כסדר נײַע בילבולים. אַ ייִד טאָר זיך דאָרט ניט פֿאַרנעמען מיט מלאָכה, אַ הענדלער טאָר קיין קראָם ניט עפֿענען אין די טעג פֿון זייערע חגאות. וואָס זשע שלאָפֿט איר? קומט און נעמט אין ירושה דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט אײַך געגעבן. וואָרעם עס וועט אָנשטיין אַ טאָג: ישׂראל וועט אויפֿבליִען, און עס וועלן קומען די וואָס גייען אונטער אין לאַנד פֿון די דײַטשן און די פֿאַרוואָרפֿענע אין לאַנד פֿון די פֿראַנצויזן, בכדי צו דינען צום אייבערשטן אויפֿן הייליקן באַרג אין ירושלים".

דער רמז אויף משיחס צײַטן אין אָט דעם אויפֿרוף, בעת עס ווערט דערמאָנט ארץ־ישׂראל (וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אונטער דער ממשלה פֿון מצרים), האָט געמוזט נאָך מער צוגעבן חשק דעם ייִדישן עולם צו קומען קיין טערקײַ. און אַ סך זײַנען טאַקע געקומען אויף דעם רוף. אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י"ה איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל לעבן דער פֿריִער־דיקער קהילה אויסגעוואַקסן אַ היפּשע קהילה פֿון אַשכּנזים געקומענע פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך.

בראָש פֿון אַלע ייִדישע קהילות פֿון טערקײַ איז געשטאַנען דער אויבן דערמאָנטער ר' משה קפּסלי, וואָס האָט פֿאַרנומען די שטעלע פֿון אַ רבֿ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָך איידער די טערקן האָבן אײַנגענומען די שטאָט. דער סולטאַן מוחאַמעד II האָט אים באַשטימט פֿאַרן אייבער־רבֿ פֿון די טערקישע ייִדן. ער איז געווען דער ערשטער „חכם־באַשי", וואָס האָט אויסגעפֿירט די התמנות פֿון די פֿאַרצײַטיקע מזרחדיקע רישי גלותא און וואָס איז לויט זײַן מעמד געווען גלײַך צום קריסטלעכן פּאַטריאַרך. ר' משה קפּסלי האָט אַנטקעגן דעם סולטאַן געטראָגן די אַחריות דערפֿאַר, אַז עס זאָלן רעגולער אײַנגעצאָלט ווערן די ייִדישע שטײַערן, און אין די אינעווייניקסטע ענינים פֿון די קהילות האָט ער געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט: ער האָט באַשטימט רבנים, געמשפּט אין די וויכטיקסטע דין־תּורות און אַרויפֿגעלייגט שטראָפֿן. פֿון דער דערציילונג פֿון זײַנעם אַן אור־אייניקל, דעם כראָניסט פֿון 16טן י"ה, איז צו זען, אַז דער סולטאַן פֿלעגט אַ מאָל זיך האַלטן מיטן רבֿ אַן עצה אויך וועגן מלוכה־ענינים. איין מאָל האָט דער סולטאַן געפֿרעגט בײַ אים, וואָס זאָל מען טון אויף אָפּצושטעלן די מגפֿה, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. האָט קפּסלי געענטפֿערט, אַז די מגפֿה איז אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר די חטאים אין דער הויפּטשטאָט. האָט דער סולטאַן באַפֿוילן אויפֿצוזוכן אַלע זינדיקע אין שטאָט און זיי באַשטראָפֿן, און דעם רבֿ האָט ער

www.libtool.com.cn

אויפֿגעגעבן דאָס זעלביקע צו טון צווישן ייִדן. האָט קאַפּסאַלי געהייסן אַרעסטירן אַ גרופּע ייִדישע יונגע לײַט, וואָס האָבן געפֿירט באַקאַנטשאַפֿט מיט די צעלאָזענע זעלנערס פֿון דער טערקישער גוואַרדיע, און באַשטראָפֿן זיי מיט קלעפּ מיט שטעקנס. דערפֿאַר זײַנען די יאַניטשאַרן געוואָרן אין כּעס אויפֿן רבֿ און האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זײַן אין אים. אַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט נאָכן טויט פֿון דעם סולטאַן מוחאַמעד (1481): דעמאָלט האָבן די יאַניטשאַרן אויפֿגעהויבן אַ בונט און בשעת מעשׂה זיך אַרײַנגעריסן אין דעם קאַפּסאַליס שטוב מיטן מיין אים צו דערהרגענען, נאָר ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען, מחמת זײַנע טערקישע שכנים האָבן אים געהאַט געוואָרנט פֿריִער פֿאַר דער סכּנה.

היות ווי קאַפּסאַלי איז שטענדיק געווען לאָיאַל בנוגע דער מלוכה־מאַכט, איז איין מאָל געקומען צו אַ סיכסוך צווישן אים און עטלעכע פֿאָרשטייערס פֿון ייִדנטום. אַרום יאָר 1488 איז אַראָפּגעקומען קיין טערקײַ איינער אַ רבֿ פֿון ירושלים, וואָס מען האָט אים געשיקט צו קלײַבן נדבֿות לטובֿת די דאָר־טיקע ייִדן, אָבער קאַפּסאַלי האָט אים געאַסרט צו קלײַבן געלט. דער אָפֿיציעלער ראָש פֿון טערקישן ייִדנטום האָט דערבײַ געהאַט אין זינען פּאָליטישע מאָטיוון. ארץ־ישׂראל האָט זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון די מאַמעלוקן אין מצרים, און דער סולטאַן האָט מיט זיי געפֿירט מלחמה, און אויב מען זאָל קלײַבן געלט פֿאַר אײַנוווינער פֿון ארץ־ישׂראל, האָט דאָס געקאָנט אויסקומען ווי אַ מרידה במלכות. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רבֿ, וואָס ער וויל ניט העלפֿן ייִדן; די אַגיטאַציע איז געגאַנגען ניט נאָר אין טערקײַ, נײַערט אויך אין איטאַליע. ר׳ יוסף קולון דער רבֿ פֿון מאַנטועַ איז אַרויסגעטראָטן קעגן קאַפּסלין מיט אַ טענה, אַז ער קען ניט קיין תּלמוד, און אַז ער האָט עובֿר געווען אויפֿן דין בײַ אייניקע ענינים וועגן גטין. נאָר אַנדערע רבנים האָבן אָפּגעוואָרפֿן די אַלע באַשול־דיקונגען און האָבן עדות געזאָגט, אַז קאַפּסאַלי איז אַ גרויסער תּלמיד־חכם און אַן אכתּער אוהבֿ־ישׂראל, און נאָך אַ מחלוקת, וואָס האָט געדויערט צוויי יאָר, איז קאַפּסאַליס גוטער נאָמען געוואָרן אויפֿגעריכט.

אין יענער צײַט איז אויך געווען צו מערקן אַ באַלעבונג אין דער אַלטער קאַראַ׳מישער קהילה פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אירע פֿאָרשטייערס האָבן גענומען זיך דערנעענטערן מיט די אָרטיקע תּלמודיסטן, אייניקע האָבן אַפֿילו שטודירט דעם תּלמוד און זײַנען געווען גרייט נאָכצוגעבן די רבנים בײַם אײַנטײַטשן די תּורה. אויסגעצייכנטע חכמים פֿון די קאַראַ׳מער זײַנען אין יענער צײַט געווען אליהו בשיצי, דער מחבר פֿון „אדרת אליהו“, דעם קאַראַ׳מישן „שולחן־ערוך“, און זײַן תּלמיד כּלבֿ אפֿנדופולו, אַ געביל־דעטער טעאָלאָג און משורר. בשיצי איז געווען באַפֿרײַנדט מיט ר׳ מרדכי

www.tbtool.com.cn

כּומתּינו (געשט׳ אַרום 1487), אַ באַוווּסטער מאַטעמאַטיקער, וואָס האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף תּנך אין גײַסט פֿון פֿרײַער פֿאָרשונג לויטן מעטאָד פֿון אַבֿרהם אבן עזרא. די ליבעראַלע נטיות פֿון אייניקע פֿירערס פֿון די רבנים און פֿון די קראים האָבן בײַ אַ סך געלאָזט אויפֿקומען דעם רעיון, אַז עס איז מיגלעך צו פֿאַראייניקן ווידער די זינט לאַנג צעשפּאָלטענע טיילן פֿון ייִדנטום. אָבער די פּרוּוון דאָס דורכצופֿירן האָבן קיין הצלחה ניט געהאַט, פּונקט ווי עס איז דורכגעפֿאַלן דער פּרוּוו פֿון שמריה איקריטי מיט הונדערט יאָר פֿריִער (§ 61). דער קאָנסערוואַטיווער ר׳ משה קפּסלי איז לחלוטין געווען קעגן אַ פֿאַראייניקונג פֿון די תּלמודיסטן מיט די אָפּגעשפּאָלטענע סעקטאַנטן. די טערקישע קאַראַימער האָבן אויך ניט אַרויסגעקוקט אויף אַ שלום מיט די ייִדן. זיי האָבן פֿעסטער זיך פֿאַרבונדן אין יענער צײַט מיט זייערע גלויבנס-ברידער אין קרים און אין דער ליטע, און אָט דער פֿאַרבונד פֿון די קאַראַימער פֿון מזרח-אייראָפּע האָט געגעבן דער סעקטע די מיגלעכקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער השפּעה פֿון דעם רבּיניזם.

דאָס יאָר 1492 האָט געעפֿנט אַ נײַע תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין דער אָסמאַנישער אימפּעריע. די געוואַלדיק גרויסע כוואַליע אײַנוואַנדערערס, וואָס האָט אַ פֿלייץ געטאָן קיין טערקײַ פֿון שפּאַניע, און אין עטלעכע יאָר אַרום אויך פֿון פּאָרטוגאַל, האָט פֿאַרטאָפּלט און פֿאַרדרײַפֿאַכיקט דאָ די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין די פֿריִערדיקע קהילות און באַשאַפֿן נײַע קהילות פֿון ספֿרדים. דער הויפּט-רבֿ ר׳ משה קפּסלי האָט נאָך דערלעבט דעם מאָמענט, ווען עס זײַנען אָנגעקומען קיין טערקײַ די ערשטע שיפֿן מיט די שפּאַנישע פֿאַרטריבענע. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיטן גורל פֿון די עמיגראַנטן און האָט געקליבן אין די קהילות געלט אויף פּדיון-שבֿויים, כּדי אויסצולייזן יענע ייִדן וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן בעתן פֿאָרן איבערן מיטלענדישן ים אין געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון פּיראַטן און שקלאַוון-הענדלערס. ער איז געשטאָרבן אַרום 1495.

## § 67. מצרים און ארץ-ישׂראל פֿאַר דער טערקישער באַצווינגונג

אין שפּעטן מיטל-עלטער האָט דער ייִדישער אָריענט – מצרים מיט ארץ-ישׂראל וואָס איז געשטאַנען אונטער איר ממשלה – זיך געפֿונען אונטערן מזל פֿון דער טערקישער באַצווינגונג. דער אָנפֿאַל פֿון די טערקן סעלדזשוקן סוף 11טן י״ה האָט אַרויסגערופֿן די קרייצצוגן און די גרינדונג פֿון דעם קיניגרײַך ירושלים פֿון די קרייצלערס. דאָס דאָזיקע קיניגרײַך איז געפֿאַלן סוף 12טן י״ה דורך דעם כּוח פֿון סאַלאַדינען, דעם גרינדער פֿון דער קורדישער

www.libtool.com.cn

דינאַסטיע פֿון די עיובידן אין מצרים. די דינאַסטיע פֿון די עיובידן ווידער איז געוואָרן אַראָפּגעשווענקט דורך דעם שטורעם פֿון דעם טאָטערשן אָנפֿאַל, וואָס האָט פֿאַרוויסט סיריע און ארץ־ישׂראל אין דער העלפֿט פֿון 13טן י״ה. אין יענער צײַט האָט די ממשלה איבער מצרים און ארץ־ישׂראל זיך געפֿונען אין די הענט פֿון די טערקישע מ אַ מ ע ל ו ק ן, וואָס האָבן זי געהאַלטן פֿעסט אין משך פֿון דריטהאַלבן יאָרהונדערטער (1517—1260), ביז דער צײַט, ווען די אָסמאַנישע טערקן האָבן אײַנגענומען מצרים און פֿאָדער־אַזיע.

די מאַמעלוקן האָבן דערגרייכט צו דער ממשלה איבער מצרים און האָבן דאָרט געשאַפֿן זייער דינאַסטיע אויפֿן זעלביקן שטייגער, ווי די סעלדזשוקן זײַנען אַ מאָל גרויס געוואָרן אין באַגדאַדער כאַליפֿאַט. די לײַב־וועכטער פֿון די קאַהירער עיובידישע סולטאַנען, שקלאַוון וואָס זײַנען אײַנגעקויפֿט געוואָרן אין אַזיע און אויסגעלערנט פֿאַר זעלנערס („מאַמעלוק" באַטײַט „לײַב־אייגענער", געקויפֿטער קנעכט), האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די מושלים וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט היטן און האָבן אַוועקגעזעצט אויפֿן קיניגלעכן שטול סולטאַנען פֿון זייערע אייגענע מענטשן. די ערשטע סולטאַנען פֿון דער נײַער דינאַסטיע האָבן אָפּגעשטופּט פֿון מצרים די סכּנה פֿון דעם מאָנגאָלישן אָנפֿאַל, האָבן אַרויסגעטריבן פֿון ארץ־ישׂראל די מאָנגאָלן וואָס האָבן שוין געהאַט זיך אַרײַנגעריסן אַהין, און אַרום 1260 האָט די מאַמעלוקישע דינאַסטיע זיך אײַנגעפֿעסטיקט אין קאַהיראָ. איר „צווייטער סאַלאַדין", דער סולטאַן ביבאַרס (1277—1260), וואָס האָט געפֿירט גלײַכצײַטיק מלחמה מיט די רעשטן פֿון די קרייצלערס אין ארץ־ישׂראל און אײַנגעהאַלטן דעם אָנדראַנג פֿון די מאָנגאָלן, וואָס האָבן זיך געריסן פֿון די ברעגן פֿון פּרת, האָט געוואָלט מאַכן קאַהיראָ פֿאַרן גײַסטיקן צענטער פֿון איסלאַם. צוליב דעם האָט ער פֿאַרבעטן פֿון באַגדאַד איינעם אַ פֿאַרבליבענעם פֿון דער פֿאַרצײַטיקער כאַליפֿן־משפּחה אַבאַסידן און האָט אים געגעבן דעם טיטל „כאַליף", דעם כּבֿוד פֿון דעם גײַסטלעכן ראָש פֿון אַלע מוסלימס. די נײַע כאַליפֿן האָבן גענומען קודם־כּל צודריקן די פֿרעמדגלייביקע. זיי האָבן געפּרוווט באַנײַען „אָמאַרס געזעצן" און אײַנפֿירן אַ סיסטעם פֿון שאַנדצייכנס, בכדי אָפּצושיידן זיי פֿון די מוסלימס, פּונקט ווי אין די צײַטן פֿון דעם באַגדאַדער כאַליף מוטאַוואַקיל און פֿון דעם מצרישן כאַליף חכים. די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן בולט אין דער צײַט פֿון דעם סולטאַן אַל־נאַסיר. דעם נצחון פֿון די מצרישע קלעריקאַלן האָבן מיטגעהאָלפֿן זייערע חבֿרים לדעה פֿון מ אַ ג ר ע ב, פֿון דעם פֿינצטערן נעסט פֿון פֿאַנאַטיקער, וואָס האָט נאָכן פֿאַלן פֿון די אַלמאָהאַדן זיך דערנענטערט צו מצרים. אָט וואָס עס דערציילן וועגן דעם די מיצרישע כראָניסטן: [1]

1 די מוסלימישע כראָניסטן אַל־נוּוויירי און איבן נאַקאַש גיבן אַ בדרך כּלל ענלעכן באַריכט וועגן אָט דעם עפּיזאָד. דער שפּעטערדיקער יידישער כראָניסט יוסף סמברי דערציילט די מעשׂה מיט לעגענדאַרישע צופּוצן. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

אין יאָר 1301 איז געקומען צו פֿאָרן קײַן קאַהיראָ אַ וויזיר פֿון מאַגרעב, וואָס איז געגאַנגען צו די הייליקע ערטער אין מעקאַ. ער האָט געהאַט אַ שמועס מיטן סולטאַן נאַסיר און זײַנע עמירן און האָט אַרויסגעזאָגט זײַן חידוש מכּוח דעם, וואָס אין מצרים לעבן ייִדן און קריסטן לגמרי פֿרײַ, טוען זיך אָן ווי האַרן, פֿאָרן רײַטנדיק אויף פֿערד און פֿאַרנעמען אַפֿילו מלוכה־פּאָסטנס, אַזוי אַז זיי האָבן צו שאַפֿן איבער מוסלימס. דער וויזיר האָט מוסיף געווען, אַז אין מאַגרעב דערלאָזט מען ניט צו אַזעלכע עבֿרות קעגן אָמאַרס געזעצן, און די אַנדערשגלייביקע לעבן דאָרט אין „דערנידעריקונג און פֿאַראַכטונג". די דאָזיקע רייד האָבן געמאַכט אַ רושם. די עמירן האָבן באַשלאָסן, אַז מען מוז נאָכטון דעם בײַשפּיל פֿון מאַגרעב, בכדי „צוצוגעבן גלאַנץ דעם אמתן גלויבן אין מצרים". מען האָט צונויפֿגערופֿן אין דער מעדרעסע פֿון קאַהיראָ (דער העכסטער שול פֿון איסלאַם) אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאָרשטייערס פֿון די דרײַ רעליגיעס און מען האָט געלאָזט וויסן די קריסטן און די ייִדן, אַז מהיום והלאה וועט מען זיי שטעמפּלען מיט באַזונדערע צייכנס, בכדי אָפּצושיידן זיי פֿון די רעכטגלייביקע. און דער מוסלימישער כראָניסט פֿאַרצייכנט מיט שׂמחה, אַז דאָס אַלץ איז געוואָרן פּינקטלעך אויסגעפֿירט, סײַ אין קאַהיראָ, סײַ אין דער הויפּטשטאָט פֿון סיריע דמשׂק: „אַלע ייִדן האָבן גענומען טראָגן געלע טשאַלמעס אויף די קעפּ און די קריסטן בלאָע. ווען עמעצער פֿון זיי האָט זיך געזעצט רײַטן אויף אַ פֿערד, האָט ער איין פֿוס געמוזט אַרונטערבייגן אונטער זיך. עס זײַנען געוואָרן אָפּגעזאָגט פֿון זייערע שטעלעס אַלע פֿרעמדגלייביקע וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף מלוכה־דינסט, און טייל פֿון זיי האָבן מחמת דעם אָנגענומען די מוסלימישע אמונה. עס זײַנען צעשיקט געוואָרן באַפֿעלן, אַז די הײַזער פֿון קריסטן און ייִדן טאָרן ניט זײַן העכער ווי די הײַזער פֿון זייערע מוסלימישע שכנים". אין דמשׂק איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדער קאָליר פֿאַר אַ דריטער גרופּע פֿון דער באַפֿעלקערונג, די שומרונים: זיי האָבן געמוזט טראָגן רויטע טשאַלמעס אויף די קעפּ. אָנקוקנדיק פֿון די בונטע קאָפּ־צייכנס אויף די קעפּ פֿון די אַנדערשגלייביקע, רופֿט דער מוסלימישער שרײַבער אויס: „עס איז באמת געווען אַ מחיה צו זען! געבענטשט זאָל זײַן אַלאַה און געלויבט!"

פֿון דעם וואָס דער מוסלימישער פֿאַנאַטיקער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ התפּעלות, איז קענטיק, אַז ניט אָפֿט האָט מען געקאָנט זען אַזעלכע בילדער, און זיי זײַנען דאָ אַזוי גלוסטיק אויסגעמאָלט געוואָרן, בכדי צוצוגעבן חשק די בני־דור נאָכצוטון דעם בײַשפּיל. אין דער אמתן האָבן אין דעם קיניגרײַך פֿון די מאַמעלוקן, פּונקט ווי פֿריִער אין די פֿאַרשיידענע כאַליפֿאַטן, געקאָנט זײַן נאָר צײַטווײַליקע אויפֿרײַסן פֿון דער מוסלימישער אומטאָלעראַנץ. געוויינט־

www.libtool.com.cn

לעך זײַנען די מבֿיישדיקסטע קאַנאָנען פֿון איסלאַם וועגן די אַנדערשגלייביקע פּונקט אַזוי ווינציק געוואָרן אָפּגעהיט, ווי די שײַכותדיקע קאַנאָנען פֿון דער קריסטלעכער קירך אין די אייראָפּעיִשע מלוכות. שטרענג און צײַטנווײַז אַכזריותדיק האָט מען אָפּגעהיט נאָר דעם געבאָט פֿון קאָראַן וועגן נעמען בײַ די אַנדערשגלייביקע קאָפּשטײַער. לויטן מנהג, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט נאָך אין דעם באַגדאַדער כאַליפֿאַט, פֿלעגן די רײַכערע מוזן צאָלן גרעסערע שטײַערן, און די אָרעמע קלענערע. מצד דער רעגירונג האָט מען זייער שטרענג אויפֿגעפּאַסט אויף די ייִדן, ווי ווײַט עס שטײַגן די הכנסות בײַ יעדער איינעם פֿון זיי, און אָפֿט פֿלעגט מען העכערן זיי די שטײַער־קוואָטעס אָן אַ שום גרונד אָדער מען פֿלעגט אַרויפֿלייגן אויף זיי אַזעלכע עקסטרע שטײַערן, וואָס זײַנען געווען גלײַך צו אַ רעקוויזיציע. פּונקט ווי אומעטום, האָבן די מנהיגים פֿון די ייִדישע קהילות געמוזט טראָגן אויף זיך די אַחריות דערפֿאַר, אַז די מלוכה־שטײַערן זאָלן אַרײַנגײן רעגולער, אָבער אין זייער אינעווייניקסטן לעבן זײַנען די קהילות געווען פֿרײַ.

די גרעסטע קהילה איז געווען אין קאַהירע. אין דער דאָזיקער שטאָט צוזאַמען מיט איר פֿאָרשטאָט פֿאָסטאַט (אַלט־קאַהירע) האָט דער עגיפּטישער היסטאָריקער מאַקריזי אָנגעצײלט אין דער ערשטער העלפֿט 15טן י"ה צוועלף שולן, וואָס צוויי פֿון זיי האָבן געהערט צו קאַראַיִמער און איינע צו שומרונים. צום סוף 15טן י"ה האָט אַ רײַזנדער פֿון איטאַליע (משולם פֿון וואָלטערא) געפֿונען דאָרט אַן 800 ייִדישע משפּחות, ניט גערעכנט די קאַראַיִמער און שומרונים. אין אַלכּסנדריא האָט ער געפֿונען נאָר 60 משפּחות, אָבער ער פֿאַרצייכנט, אַז אַ סך געדענקען נאָך די צײַט, ווען אין דער דאָזיקער האַוונ־שטאָט האָבן געוווינט 4000 ייִדישע משפּחות. דער אַמאָליקער גלאַנץ פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין מצרים איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן. דער אינסטיטוט פֿון „נגידים", וואָס איז באַשײַנט דורך דעם גרויסן נאָמען פֿון רבנו משה בן מײַמון, איז געבליבן אויף דער פֿריִערדיקער הייך נאָר אין 13טן י"ה, ווען נגידים זײַנען געווען דער זון און דער אייניקל פֿון דעם גרויסן דענקער: אַבֿרהם און דוד. צו זיי זײַנען נאָך דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פֿון דעם גרויסן קולטורקאַמף פֿון וועגן דעם מײַמוניזם, וואָס האָט אויפֿגעררו־דערט די שפּאַנישע און פֿראַנצייזישע קהילות אין 13טן י"ה.[1] פֿון זייער אויטאָריטעט האָט מען געהאַלטן אויך מחוץ מצרים. נאָר וועגן די נגידים פֿון 14טן און 15טן י"ה איז גאָר ווינציק באַוווּסט; זיי האָבן משמעות געהאַט

1 בשעת עס איז דערגאַנגען צו ר' אבֿרהם מײַמוני די בשורה, אַז אין פֿראַנקרײַך האָט מען פֿאַרברענט זײַן פֿאָטערס ספֿרים, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָלעמישן ספֿר „מלחמות אדני", מיט דער כּוונה צו כּשרן דעם אָנדענק פֿון דעם באַשעפֿער פֿון דעם „ספֿר חמדע" און פֿון דעם „מורה נבֿוכים" פֿון דער באַשולדיקונג אין אַפּיקורסות.

נאָר אַ לאָקאַלן באַטײַט. מען הערט אויך גאָרנישט וועגן אַ גײַסטיקער שפּאַנונג אין יענער צײַט אין דער שטאָקפֿינצטערער נאַכט פֿון אָריענט. דער באַטירלעכער גײַסטיקער צענטער האָט דאָ באַדאַרפֿט זײַן די מצרישע פּראָווינץ ארץ־ישׂראל, אָבער אויך זי איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט פֿון דעם הינערפּלעט פֿון שפּעטן מיטל־עלטער.

ארץ־ישׂראל האָט באַזונדערס שווער געליטן פֿון די פּאָליטישע איבערקערענישן אין די מזרח־לענדער. נאָך דעם ווי סאַלאַדין האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם ירושלימער קיניגרײַך, האָט דער קאַמף צווישן מצרים און די קרייצלערס ניט אויפֿגעהערט אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט. עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אין אײראָפּע עטלעכע קרייצצוגן מיטן מיין אָפּצונעמען פֿון די מוסלימס די הייליקע ערטער. ווידער אויפֿצוריכטן דאָס קיניגרײַך ירושלים האָט שוין די קריסטן ניט אָפּגעגליקט, אָבער דורך אַ צופֿעליקן נצחון האָבן זיי אַ מאָל אויף אַ צײַט געקאָנט פֿאַרנעמען אַ טייל פֿון ארץ־ישׂראלדיקן ברעג, און אין יאָר 1229 האָט דער מצרישער סולטאַן קאַמיל אָפּגעגעבן דעם קיסר פֿרידריך II אַפֿילו די שטאָט ירושלים. אין יאָר 1244 האָבן פֿאַרכאַפּט די שטאָט די טאָטערן פֿון דער מלוכה כאָוואַרעזם און האָבן זי צעראַבעוועט. אין דרײַ יאָר אַרום איז ירושלים ווידער אַריבער צו מצרים, און אין גיכן האָט זי איבערגעלעבט די פּורעניות פֿון דעם מאָנגאָלישן אָנפֿאַל, וואָס האָט פֿאַרוויסט סיריע און ארץ־ישׂראל. ווען דער באַרימטער רמבן, וואָס איז געקומען פֿון מערבֿ זיך אויסבאַהאַלטן אין ארץ־ישׂראל פֿאַר די רדיפֿות פֿון דער קירך, איז אין יאָר 1267 אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער דאָרט געפֿונען נאָר חורבֿות. „גרויס איז די פֿאַרוויסטונג, — האָט ער געשריבן צו זײַן זון אין שפּאַניע, — און וואָס מער הייליק אַן אָרט איז, אַלץ גרעסער איז דער חורבן. ירושלים איז פֿאַרוויסט צום מערסטן, יהודה איז מער חרובֿ ווי גליל". צווישן די רעשטן פֿון דער קריסטלעכער און מוסלימישער באַפֿעלקערונג האָט דער רמבן געפֿונען נאָר צוויי ייִדן, די אַרענדאַטאָרן פֿון אַ פֿאַרבערײַ וואָס האָט געהערט צו אַ מצרישן עמיר. אום שבת פֿלעגן אָט די צוויי ירושלמים צונויפֿקלײַבן פֿון אַרום צען מענטשן אויף אַ מנין, כּדי מתפּלל צו זײַן בציבור. קיין ירושלים פֿלעגן קומען ייִדן פֿון דמשק, אַלעפּאָ און פֿון אַנדערע מקומות, כּדי זיך אויסצווייִנען אויף די הייליקע חורבֿות. אויפֿגעטרייסלט ביז דער טיף פֿון דער נשמה פֿון אַלץ וואָס ער האָט געזען, האָט דער רמבן באַשלאָסן צו שאַפֿן כאָטש אַ קליינע קהילה אין דער הייליקער שטאָט. ער האָט צונויפֿגערופֿן די ייִדן, וואָס זײַנען זיך געוועזן צעלאָפֿן אין אַנדערע שטעט בעת דעם אָנפֿאַל פֿון די טאָטערן, האָט צונויפֿגעקליבן אַ מנין אין איינער אַ האַלב חרובֿער שול און האָט דאָרט געגרינדעט אַ ישיבֿה. דער רמבן האָט ניט דערלעבט ביז די ירושלימער

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

קהילה איז אויפֿגעריכט געוואָרן: ער איז געשטאָרבן אַרום 1270 און איז געקומען צו קבֿורה אין חיפֿה.

אַזוי זײַנען געקומען צו קבֿר־ישׂראל אין צוויי שטעט פֿון גליל די פֿאָרשטייערס פֿון צוויי ריכטונגען אין ייִדישקייט: דער גרויסער ראַציאָנאַ־ליסט דער רמבם, וואָס איז באַגראָבן אין טבֿריה, און דער טראַדיציאָנאַליסט דער רמבן, וואָס ווערט גערעכנט פֿאַרן פֿאָטער פֿון קבלה. באַלד נאָך דעם רמבנס טויט האָט זיך בײַם רמבמס קבֿר אָפּגעשפּילט אַ מיאוסע סצענע. פֿון אייראָפּע איז געקומען צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל דער אַנטימײַמוניסט, ר׳ שלמה פּטיט, אַ פֿײַערדיקער פֿאַנאַטיקער, וואָס האָט אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און איטאַליע געדרשעט וועגן דעם, ווי שעדלעך עס איז צו שטודירן דעם רמבמס ספֿרים. ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש פּועלן, אַז אין ארץ־ישׂראל זאָל מען אַרויפֿלייגן אַ חרם אויף די ספֿרים. ער האָט צוגעצויגן אויף זײַן צד אַ גרופּע רבנים און תּלמידי־חכמים אין עכּו, מען האָט אויסגערופֿן אַ חרם אויף די וואָס וועלן לערנען דעם רמבמס ספֿרים, און דער „מורה נבֿוכים" איז געוואָרן אָפּגעפּסקנט אויף שׂרפֿה. עס האָבן זיך געפֿונען פֿאַנאַטיקערס, וואָס האָבן אויסגעקריצט אויף דעם רמבמס מצבֿה אין טבֿריה די עזותדיקע ווערטער: „משה בן מײַמון מין ומוחרם". ווען דאָס איז באַוווּסט געוואָרן אין דער ייִדישער וועלט, האָט דער נגיד פֿון די עגיפּטישע ייִדן ר׳ דוד, דעם רמבמס אייניקל, און ר׳ ישי בן חזקיה פֿון דמשׂק, וואָס האָט זיך מייחס געווען צו די פֿאַרצײַטיקע רישי־גלותא, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פֿאָר־שטייערס פֿון אָריענטאַלישע קהילות, אויסגערופֿן אַ חרם אויף אַלע די וואָס וועלן שענדן דעם נאָמען און די ספֿרים פֿון דעם רמבם (1289). דער דאָזיקער פּסק־דין איז צעשיקט געוואָרן אין די ייִדישע קהילות פֿון אומעטום.

מחוץ ירושלים האָבן די ייִדישע קהילות אין ארץ־ישׂראל אָפּגעלעבט נאָך דער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן. די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער ברעג־געגנט איז געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דער נעץ פֿון צווישנפֿעלקערישן האַנדל, וואָס ווענעציע האָט געהאַט אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן אָריענט. אין די באַלעבטע האַוונשטעט יפֿו און עכּו האָבן אַ סך זיך פֿאַרנומען מיטן אַרויספֿיר פֿון סחורות. אין די אינעווייניקסטע שטעט רמלה און חבֿרון האָבן ייִדן זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַבריצירן און פֿאַרבן געוועבן צוליבן אינעווייניקסטן באַניץ און צוליבן אַרויספֿיר. אין טבֿריה, צפֿת און אַנדערע שטעט פֿון גליל האָבן געבליט ווײַנגערטנער און אויסאַרבעטונג פֿון בוימל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט דער עיקר אויף עקספּאָרט. ווען עס וואָלט געווען אַ גוטע רעגירונג, וואָלט דאָס לאַנד געקאָנט אָפּלעבן נאָך די צוויי הונדערט יאָר קאַמף צווישן די קריסטן און מוסלימס. נאָר די רעגירונג פֿון די מאַמעלוקן, וואָס האָט חרובֿ

www.libtool.com.cn

געמאכט מצרים, איז געווען נאך מער רויבעריש אין ארץ־ישראל, ווו רעגירן האט באטייט סיסטעמאטיש ארומנעמען די באפעלקערונג.

באזונדערס האט געליטן פון דעם ווילדווילן פון די מאכטהאבערס די אָרעמע ירושלימער קהילה, וואָס איז פאמעלעך געוואקסן פון די הונדערט־יאריקע חורבות ארויס. דאָס איז געווען א שטאָט פון גאָטבעטערס, קריסטן און יידן, וואָס זיינען זיך דאָרט צונויפגעקומען פון אַלע עקן וועלט. די ווינציק שטענדיקע איינוווינער זיינען געווען זייער אָרעם. דער געלערנטער איש תור פרחי, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון דרום־פראנקרייך, שרייבט אין זיין ספר וועגן די מצוות התלויות בארץ („כפתור ופרח", אָנגעשריבן ארום 1322) רעדנדיק וועגן ירושלים אין זייער א טרויעריקן טאן: „מיר און אונדזערע ברידער פון טראבולוס (טריפאָליס אויפן סירישן ברעג), חמת, דמשק, אַלעפּאָ, קאהירא און אלכסנדריא קומען געווייינטלעך קיין ירושלים אין די טעג פון יום־טוב, אָבער דאָס מאכט נאָר שטאַרקער אונדזער טרויער". ביז איצט איז ניטאָ קיין ידיעות, ווי גרויס איז געווען די צאָל יידן, וואָס פלעגן קומען אין 14טן און 15טן י"ה קיין ארץ־ישראל. מען מעג משער זיין, אַז ניט קיין סך. די שיפן פון ווענעציע, וואָס פלעגן אַלע יאָר צופירן צום ברעג פון יפו טויזנטער קריסטלעכע גאָטבעטערס, האָבן געבראַכט זייער ווינציק יידישע פאסאזשירן. אין 15טן י"ה פלעגן די בעלי־בתים פון די שיפן אָפט בכלל זיך אָפּזאָגן צו פירן יידן אין זייער לאַנד. דאָס איז געקומען דערפאר, וואָס אין ירושלים איז ארויסגעקומען א מחלוקת צווישן קריסטן און יידן. אויפן „הר ציון", ניט ווייט פון די קברי מלכי בית־דוד, איז געשטאַנען א קאפעליצע פון די מאָנאַכן פראַנציסקאַנער. איינער א רייכער ייד וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד האָט געוואָלט אָפּקויפן ביים סולטאַן פון מצרים דעם גאַנצן פלאַץ פון די קברי מלכים און האָט א לאַנגע צייט זיך געמשפּט מיט די מאָנאַכן, ביז וואַנען די מוסלימישע מאַכטהאָבערס האָבן ארייַנגענומען דעם אָרט אין זייערע הענט. האָבן די פירערס פון דעם אָרדן פראַנציסקאַנער זיך באַקלאָגט פאַרן פויפּס אויף די „עוולות און נגישות", וואָס די יידן טוען אָן די ברידער־מינאָריטן ביי „דודס קאַפּעליציע". האָט דער פויפּס אַרויסגעגעבן אַ בולע, צו פאַרזאָגן אַלע קריסטן בעלי־בתים פון שיפן, אַז זיי זאָלן ניט פירן קיין יידן אין הייליקן לאַנד אַריין. דער דאָזש פון ווענעציע האָט פאַרבאָטן די אָרטיקע שיפערס צו פירן יידן פון ווענעציע קיין ארץ־ישראל און האָט אַזוי אַרום פאַרמאַכט פאַר זיי דעם גלייכן ים־וועג (דורך קאַנדיע און קיפּרוס קיין יפו). דער דאָזיקער פאַרווער, וואָס איז געוואָרן אויסגערופן אין יאָר 1428, איז נאָך געווען גילטיק אַ צייט לאַנג, און יידן האָבן געמוזט פאָרן אַרום און אַרום (דורך סיציליע קיין אַלכסנדריא און דערנאָך איבער דער יבשה קיין ירושלים).

www.libtool.com.cn

צוויי איטאַליענישע געלערנטע, וואָס האָבן באַזוכט ירושלים אין די 80ער יאָרן פֿון 15טן י״ה, האָבן פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט זייער אַ שווערן אײַנדרוק. ר׳ משולם דאַ וואָלטעראַ האָט געשריבן: „אין יאָר ה׳ רמ״א [1481] זײַנען מיר אָנגעקומען קיין ירושלים. ווען איך האָב דערזען די חרובֿע שטאָט, האָב איך געריסן קריעה און געזאָגט די ברכה וואָס מען דאַרף זאָגן. אין דער שטאָט וווינען צען טויזנט משפּחות מוסלימס און אַ 250 משפּחות ייִדן״. ווען עס איז געקומען קיין ירושלים אין יאָר 1488 דער באַוווסטער מפֿרש פֿון דער משנה רבי עובֿדיה מברטנורא, האָט ער דאָרט געפֿונען נאָר 70 משפּחות, מחמת אַ סך זײַנען זיך צעלאָפֿן, ווײַל זיי זײַנען ניט געווען בכּוח צו צאָלן די שווערע שטײַערן, וואָס מען האָט בײַ זיי געמאָנט מיט גרויס אַכזריות. אין זײַנע בריוו שילדערט ר׳ עובֿדיה דעם צושטאַנד פֿון דער ירושלימער קהילה אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן. אויף צו באַצאָלן די מלוכה-שטײַערן זײַנען די פּרנסים געווען געצוווּנגען צו פֿאַרקויפֿן דעם ייִדישן שפּיטאָל און אַפֿילו די כּלים פֿון די שולן און די הייליקע ספֿרים, וואָס עס פֿלעגן גערן אָפּקויפֿן קריסטן און אַוועקפֿירן קיין אייראָפּע אויף צו פֿאַרקויפֿן די דאָרטיקע ייִדן ווי זאַכן וואָס קומען פֿון הייליקן לאַנד. אַ פֿאַרמעגלעכער ייִד פֿון אייראָפּע, ווען ער איז געקומען אין דער הייליקער שטאָט אַרײַן, האָט שטענדיק ריזיקירט אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון די גבאים, וואָס האָבן אויפֿגעמאָנט די שטײַערן פֿאַרן סולטאַן און זײַנען געווען ניט ווינציקער דעמאָראַליזירט און שלעכט, ווי דעם סולטאַנס אַנדערע משרתים.

בײַ אַזאַ מצבֿ האָט אין ירושלים ניט געקאָנט ווערן יענער ייִדישער גײַסטיקער צענטער, וואָס דאָס ייִדנטום אין גלות האָט נאָך אים געגאַרט. די יחידים ייִדן וואָס פֿלעגן אָנקומען אין הייליקן לאַנד אַרײַן האָבן געוואָלט כאָטש דאָ אין דער אַלטער היים אָפּכאַפּן דעם אָטעם פֿון די יסורים און דערנידעריקונגען, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן אין די קריסטלעכע מלוכות, אָבער אויך דאָ האָבן זיי געפֿונען זייערע ברידער דערנידעריקט און געפּײַניקט. ערשט צום אָנהייב 16טן י״ה, נאָכן גירוש פֿון די ייִדן פֿון פּירענעיִשן האַלבּ-אינדזל, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין ארץ-ישׂראל גרעסערע ייִדישע מאַסן. דאָס איז געווען שוין בײַם סוף פֿון דער מצרישער ממשלה אין ארץ-ישׂראל. אין דרײַ טיילן פֿון דער וועלט האָט זיך אויסגעברייטערט די אימפּעריע פֿון די אָסמאַנישע טערקן, וואָס האָט אײַנגעשלונגען סײַ די קריסטלעכע ביזאַנץ, סײַ דעם מוסלימישן אָריענט. אין יאָר 1517 איז מצרים צוזאַמען מיט ארץ-ישׂראל אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער אָסמאַנישער אימפּעריע. אין די גרענעצן פֿון דער אייראָפּעיִש-אַזיאַטישער טערקײַ וועט די פֿאַראייניקונג פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקע טיילן פֿון ייִדנטום אויפֿוועקן דעם אָריענט פֿון זײַן פֿיל-הונדערטיאָריקן הינערפּלעט.

www.libtool.com.cn

# קאַפּיטל VII

## דער שטײגער און די מידות פֿון מיטל-עלטער [1]

### § 68. דער ייִדישער קוואַרטאַל

אין לעצטן פּעריאָד פֿון מיטל-עלטער האָבן אין די ייִדישע צענטערס פֿון אייראָפּע זיך אײַנגעשטעלט מער ווייניקער גלײַכאַרטיקע פֿאָרמען פֿון פֿאָלקסלעבן. וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די וואַנדערונג פֿון די ייִדישע מאַסן פֿון איין לאַנד אין אַנדערן, אַרויסגערופֿן דורך דרוק און רדיפֿות, אַלץ מער האָבן זיך אָפּגעריבן די אונטערשיידן פֿון די אָרטיקע באַזונדערקייטן אין דעם שטײגער לעבן. קודם-כּל האָט געווירקט אויף צו ניוועלירן דאָס לעבן דער כּוח פֿון דער רעליגיעזער דיסציפּלין, וואָס האָט מיט אַ נעץ פֿון צערעמאָניעס און מנהגים אַרומגענומען אַלע געביטן פֿון פּערזענלעכן, משפּחה-דיקן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַפֿילו די פֿאַרשיידנקייט פֿון די שפּראַכן, וואָס אין דער צעשפּרייטונג איז זי דאָך אַ מוזזאַך, איז בהדרגה אָפּגעשוואַכט געוואָרן, מחמת עס האָבן זיך אויסגעפֿורעמט אייגענע ייִדישע לשונות דורך אַ צונויפֿמישונג פֿון די אָרטיקע שפּראַכן מיט אַ העברעיִשן ווערטער-מאַטע-ריאַל. [2] די דײַטשע און פּוילישע ייִדן אָדער אַשכּנזים פֿאַראייניקן זיך אין

1 היות ווי אַ סך פֿון דעם וואָס איז שייך צו דער געשיכטע פֿון דעם פֿאָלקשטײגער איז שוין געווען באַשריבן אין פֿאַרשיידענע קאַפּיטלען פֿון דעם דאָזיקן באַנד לויט די לענדער און תּקופֿות (בפֿרט בנוגע דעם עקאָנאָמישן שטײגער און דער אַליין-פֿאַרוואַלטונג פֿון די קהילות), דעריבער זײַנען אין אָט דעם אויסלאָז-קאַפּיטל בקיצור געשילדערט נאָר יענע זײַטן פֿון דעם אינעווייניקסטן פֿאָלקסלעבן, וואָס זײַנען ווינציק אָנגערירט אין דעם פֿריִערדיקן טעקסט. די דאָזיקע ידיעות זײַנען שייך צו אַלע עפּאָכעס פֿון מיטל-עלטער, נאָר בעיקר צו די לעצטע יאָרהונדערטער זײַנע, ווען די סטאַטיק פֿון דעם פּריוואַטן און פֿון דעם עפֿנטלעכן לעבן האָט זיך שוין געהאַט מער אײַנגעשטעלט. זיי זײַנען שייך צו אַלע ייִדישע צענטערס פֿון אייראָפּע, דערבײַ ווערן אָנגעוויזן די באַזונדערקייטן פֿונעם שטײגער אין איינציקע ערטער דאָרט, וווּ דער היסטאָרישער מאַטעריאַל מאַכט מעגלעך אויסצושיידן די אָרטיקע מנהגים, נאָר מער פֿון אַלץ זײַנען פֿאַראַן ידיעות וועגן די דײַטשע מדינות, וואָס פֿון דאָרט איז דער לעבן-סדר געוואָרן אַריבערגעטראָגן אין די נײַע צענטערס: פּוילן, ליטע און שפּעטערדיקן רוסלאַנד.

2 גענויער וועגן דעם זע אין דעם ווײַטערדיקן באַנד, הוספֿה נומ' 2.

www.libtool.com.cn

דער דײַטש־ייִדישער שפּראַכיקער גרופּע („עברי־טײַטש" אָדער „ייִדיש"), און די ספרדים – אין דער שפּאַניש־ייִדישער גרופּע („שפּאַניאָליש" אָדער „לאַדינאָ"). פֿאַרשטייט זיך, דער טיילווײַזער קולטורעלער דואַליזם פֿון די אַשכּנזים און די ספרדים איז געבליבן באַשטיין און וועט זיך האַלטן אויך אין דער נײַער צײַט, נאָך דעם ווי די און יענע זײַנען צעשפּרייט געוואָרן, און אַפֿילו ווען זיי האָבן ווידער געלעבט צוזאַמען (פּאַראַלעלע קהילות אין איין און דער זעלביקער שטאָט), נאָר אינעווייניק אין איטלעכער גרופּע האָבן פֿאָרט געהערשט די שותּפֿישע שטייגער־פֿאָרמען, וואָס האָבן זיך געהאַט אײַנגעשטעלט אונטער דער ווירקונג פֿון גלײַכע רעליגיעזע נאָרמעס און פֿון דער קולטורע־לער אויטאָנאָמיע.

כּמעט אין אַלע שטעט פֿון אייראָפּע זײַנען די ייִדישע קהילות געווען קאָנצענטרירט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן ענטפּער אין זייער גאַנצער מאַסע, אָדער אין איר הויפּטקערן. ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן ניט איין מאָל, זײַנען געוואָרן ייִדישע קוואַרטאַלן ניט אַזוי מחמת דעם דרוק פֿון דרויסן, ווי מחמת דער נאַטירלעכער באַדערפֿעניש פֿון דער ייִדישער באַפֿעל־קערונגס־גרופּע צו ווינען צוזאַמען, צו קאָנצענטרירן זיך אַרום איר שול און אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס. אין אַ סך ערטער איז אַזאַ קאָנצענטראַציע געווען אַרויסגערופֿן דורך דער נויטווענדיקייט זיך צו באַשיצן קעגן אָנפֿאַלן; טייל מאָל איז דער ייִדישער קוואַרטאַל געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פֿעסטונגס־מויער, וואָס האָט געשטערט די באַנדעס אָנפֿאַלערס אַרײַנצודרינגען אַהין.

בהדרגה פֿלעגן די קריסטן, וואָס האָבן געוווינט אין אַזעלכע קוואַרטאַלן, פֿאַרקויפֿן זייערע הײַזער צו ייִדן, און ייִדן, וואָס האָבן געוווינט צווישן קריסטן אין אַנדערע טיילן שטאָט, פֿלעגן אָפּטרעטן זייערע הײַזער די שכנים און אַריבערקלײַבן זיך אין זייער באַזונדער שטעטל. אַזוי זײַנען אויפֿגעקומען די Judeca און Giudeca אין איטאַליע, די Judengasse, Judenstadt און Judenviertel אין דײַטשלאַנד, די juiverie אין פֿראַנקרײַך, Juderia, Call און Judaria אין פּראָוואַנס, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. דעם אַלגעמיינעם טערמין געטאָ אויף צו באַצייכענען דעם ייִדישן קוואַרטאַל האָט מען אָנגעהויבן צו ניצן ערשט אין דער נײַער צײַט, אָנגעהויבן פֿון 16טן י״ה. דאָרט, ווו די שטאָטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן געשטערט ייִדן צו ווינען אויך אין אַנדערע טיילן שטאָט, איז די געדיכטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די ייִדישע קוואַרטאַלן אָפֿט מאָל דערגאַנגען ביז די לעצטע גראַדן; מען האָט געמוזט אַריבערבויען נײַע גאָרנס איבער די אַלטע הײַזער, און דערפֿון זײַנען די שמאָלע גאַסן געוואָרן פֿאַרשטעלט אַזוי, אַז די ליכטיקע שײַן פֿון דער זון איז צו זיי ניט צוגעקומען, און די הײַזער אינעווייניק זײַנען געוואָרן פֿינצ־טערע און נאַסע (אַזוי איז געווען אַ שטייגער אין אַוויניאָן, אין פֿראַנקפֿורט־מײַן).

www.libtool.com.cn

אין אַ סך ערטער האָט די ייִדישע באַפעלקערונג געוווינט אויף באַזונדערע גאַסן אין פאַרשיידענע טיילן שטאָט (סעוויליע, ליסאַבאָן א״אַנד). נאָר אין גרעסטן טייל פאַלן איז געווען אַ ייִדישער הויפּטקוואַרטאַל, און די גרופּעס ייִדישע הײַזער וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן אין אַנדערע טיילן שטאָט זײַנען געווען אַזוי ווי אָפּצווײַגן פון אים. אַזוי איז געווען אין רוים, ווו דער קערן פון דער קהילה האָט זינט קדמונים זיך געפונען אין טראַסטעווערע, אין דעם בידעריקן טייל שטאָט אויף יענער זײַט טײַך, וואָס דער טיבער פלעגט אים אָפּט פאַרפלייצן; מחמת דעם פלעגן גבירים וווינען און האַלטן זייערע מאַגאַזינען אין אַנדערע קוואַרטאַלן — ביזן 16טן י״ה האָט מען זיי דאָס ניט פאַרווערט.

אין יענע ערטער, ווו דער ייִדישער קוואַרטאַל איז געווען אָפּגעשיידט פון די אַנדערע קוואַרטאַלן דורך אַ מויער, זײַנען געווען דורכגעהאַקט טויערן אָדער פורטקעס, וואָס פלעגן בײַ נאַכט ווערן פאַרשלאָסן, און די שליסלען פלעגן זיך געפינען בײַ דעם שטאָטישן וועכטער, וואָס האָט געהיט דעם אַרײַנגאַנג. דער טויער פלעגט ווערן פאַרמאַכט לויט אַ באַזונדער סיגנאַל און געעפנט ווערן אין דער פרי. אַ ייִד וואָס איז געבליבן מחוץ דער ייִדישער גאַס נאָכן פאַרשליסן דעם טויער, האָט געמוזט צאָלן געלטשטראָף, און אויב דאָס האָט געטראָפן אַ צווייט מאָל, איז די שטראָף געווען אַ גרעסערע. סײַדן עמעצער איז געקומען צו פאָרן פון אַ ווײַטן וועג, דעמאָלט פלעגט מען אים אַרײַנלאָזן אויך בײַ נאַכט. אַ דאָקטאָר, וואָס מען האָט אים גערופן בײַ נאַכט צו אַ קראַנקן, האָט געמעגט אַרויסגיין פון דעם ייִדישן קוואַרטאַל אין דער באַגלייטונג פון דעם וואָס האָט אים גערופן, און יענער האָט געמוזט באַלײַכטן דעם וועג מיט אַ לאַמטערן.

די שול אָדער דער בית=מדרש איז געווען דער צענטער פון דעם ייִדישן קוואַרטאַל. חוץ דער צײַט פון דאַוונען איז זי געווען אַ פאָלקסהויז: דאָ פלעגן פאָרקומען די אַסיפות פון די מיטגלידער פון דער קהילה, די זיצונגען פון דעם וועד=הקהילה, דאָרט פלעגט מען מכריז זײַן די תקנות פון דעם וועד אָדער די פסקים פון בית=דין אין פּריוואַטע דיני=תורות, דאָ פלעגט מען אין אַ פײַערלעכער מסיבה אויסרופן אַ חרם קעגן די עבֿריָנים, און אַ מאָל פלעגט מען זיי דאָרט גופא מקיים פסק זײַן דורך שלאָגן זיי מלקות. אין איטאַליע איז געווען אַ מנהג אויסצורופן אין שול וועגן איטלעכן מיטגליד פון דער קהילה, וואָס האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן, בכדי זײַנע קרעדיטאָרן זאָלן וויסן אויפצומאָנען פון אים זייערע חובות. אָפט פלעגט מען אין שול פירן שמועסן אויך וועגן די אייגענע עסקים, נאָר די רבנים פלעגן אַסרן צו רעדן דבֿרי=חול אין שול, און דעריבער פלעגן ייִדן זיך

www.dilibook.com.cn

צונויפֿקלײַבן אין שולהויף אָדער אויפֿן פּלעצל פֿאַר דער שול און דאָרט פֿירן שמועסן וועגן זייערע פּערזענלעכע עסקים אָדער וועגן פּאָליטישע געשעענישן, מלחמות און אַנדערע חידושים פֿון דער וועלט. ווײַבער זײַנען, לויטן אַלטן מנהג, געווען אין שול אָפּגעשיידט פֿון מאַנצביל דורך גראַטעס אָדער אַ שייד־וואַנט אין אַ ווײַבערשער שול; דאָרט ווי זיי האָבן געדאַוונט אין אַ באַזונ־דער עזרת־נשים, האָבן זיי געהאַט זייער אייגענע „חזנטע", וואָס האָט פֿירגע־זאָגט די תּפֿילות. אין דײַטשלאַנד איז געווען אײַנגעפֿירט, אַז דער שמש פֿון שול פֿלעגט רופֿן די מתפּללים „אין שול אַרײַן!" פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט, און אום דער וואָכן פֿלעגט ער אָנקלאַפּן אין איטלעכן הויז אין טיר אָדער אין לאָדן און וועקן דעם עולם „לעבֿודת הבורא"; געוויינטלעך פֿלעגט דער שמש דערבײַ אַ קלאַפּ טון מיט זײַן הילצערנעם האַמער דרײַ מאָל, און אויב עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט געבן נאָר צוויי קלעפּ מיטן האַמער, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז עמעצער פֿון דער קהילה איז נפֿטר געוואָרן, און בײַ טאָג וועט זײַן די לוויה.

חוץ דער גרויסער שול וואָס האָט געהערט צו קהל, פֿלעגן נאָך געמאַכט ווערן „מנינים" אין די הײַזער פֿון רבנים אָדער נגידים און חשובֿים, ווו עס פֿלעגן זיך אום דער וואָכן צונויפֿקלײַבן ניט ווינציקער ווי צען מענטשן דרײַ מאָל אין טאָג צו דאַוונען בציבור. שבת און יום־טובֿ פֿלעגט דער רבֿ אָדער עמעצער פֿון די אָרטיקע תּלמידי־חכמים האַלטן אַ דרשה אין שול. די דרשה איז ניט געווען קיין נויטווענדיקער טייל פֿון דער תּפֿילה, און ניט אַלע שבת פֿלעגט זי געהאַלטן ווערן. די דרשה איז געווען אויסן ניט בלויז צו לערנען מוסר, נאָר אָפֿט מאָל פֿלעגט זי כולל זײַן אַ פּילפּול אין דער גמרא, אין דעם פֿאַל האָבן זי געקאָנט פֿאַרשטיין נאָר יחידן לומדים. אום דער וואָכן פֿלעגן יחידן אָפֿט קומען אין שול אַרײַן לערנען משנה, גמרא, פּוסקים, אַזוי אַז זי פֿלעגט ווערן דער אָרט פֿון דער ישיבֿה, און אַ מאָל פֿלעגט נאָך אין דער שול זײַן דער חדר פֿאַר אָרעמע קינדער וואָס קהל האָט אויסגעהאַלטן אָדער די תּלמוד־תּורה (דערפֿאַר טאַקע האָט דער בית־הכּנסת בײַ די אַשכּנזים געקראָגן דעם נאָמען „שול"; שפּעטער איז דער נאָמען „שול", אַ מאָל „קאַלטע שול", צוגעפּעסטיקט געוואָרן צום גרויסן בנין אויף צו דאַוונען שבת און יום־טובֿ, די קלענערע בנינים, ווו מען פֿלעגט דאַוונען אום דער וואָכן אויך און ווו מען פֿלעגט לערנען, האָט מען גערופֿן „בית־מדרש" אָדער „קלויז").

דאָס אויסווייניקסטע אויסזען און דער אויספּוץ פֿון דער שול זײַנען אין פֿאַרשיידענע לענדער געווען פֿאַרשיידן. אין שפּאַניע, איטאַליע און פּראָווענס האָבן די שולן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סקולפּטור פֿון אַנדערע בנינים; ערטערווײַז פֿלעגט דער קופּל פֿון דער שול זײַן געבויט אַזוי הויך ווי דער טורעם פֿון קירך, הגם לויט די געזעצן פֿון די קאָנצילן איז דאָס

www.libtool.com.cn

געווען פֿאַרווערט; די ווענט און די סטעליעס זײַנען געווען באַמאָלט מיט מאָזאַיִקע; אַ גרויסאַרטיקער אָרון=קודש, טײַערע מנורות און אַנדערע כּלי=קדושה פֿון דער שול, וואָס עס פֿלעגן זײַן יִדן מיט אַ ברייטער האַנט, מנדבֿ זײַן, האָבן צוגעגעבן מער פּראַכט דער שול. אין דײַטשלאַנד האָבן די שולן אויסגעזען באַשיידענער: אויסמעלן עפּעס אויף די ווענט איז געווען געזאַסרט, דער איינציקער פּוץ וואָס האָט געמעגט זײַן אויף זיי, זײַנען געווען תּפֿילות אָנגעשריבן מיט אַ שיינעם כּתבֿ. ערטערווײַז (למשל אין קעלן) זײַנען געבליבן אויף די ווענט פֿון די שולן געמעלן פֿון חיות און עופֿות נאָך פֿון פֿאַרצײַטן, נאָר די רבנים האָבן געקוקט קרום אויף אַזעלכע באַפּוצונגען, וואָס האָבן געשטערט די כּוונה בײַם דאַוונען. מוזיק (ד"ה געזאַנג, וואָרעם מוזיק אויף אינסטרומענטן איז געווען אָסור אין שול) איז געווען די איינציקע פֿאָרם פֿון רעליגיעזער קונסט; באַשטימטע תּפֿילות און פּזמונים האָבן געהאַט זייערע אייגענע ניגונים, וואָס פֿלעגן איבערגעגעבן ווערן בקבלה פֿון איין דור חזנים צום צווייטן; אין איטלעכן לאַנד זײַנען געווען אייגענע טראַדיציאָנעלע נוסחאות פֿון זינגען; אין דײַטשלאַנד האָט די געגנט פֿון ריין זיך אָפּגעשיידט לויט אירע סינאַגאָגאַלע ניגונים פֿון דער דונײַ=עסטרײַכישער געגנט.

אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל זײַנען געווען נאָך אַנדערע קהלשע מוסדות: אַ הכנסת=אורחים („הקדש") פֿאַר וואַנדערנדיקע אָרעמע לײַט, אַ באָד מיט אַ מקווה, אַ מאָל אויך אַ הויז פֿאַר חתונות, טענץ און אַנדערע פֿאַרווײַלונגען. באַזונדערע בית=עלמינס האָבן אין דײַטשלאַנד געהאַט נאָר גרעסערע קהילות; די קלענערע האָבן געמוזט פֿירן זייערע מתים מקבר זײַן אויף די בית=עלמינס פֿון דעם גליל, אָפֿט מאָל אויף אַ גרויסן מהלך. אַזעלכע צענטראַלע בית=עלמינס פֿאַר די קהילות פֿון בײַערן האָבן זיך געפֿונען אין רעגנסבורג, ווירצבורג און נירנבערג, פֿאַר דער ריין=געגנט — אין מאַינץ, וואָרמס און שפּײַער. בײַם אַריבערפֿירן די בר=מינַנס האָט מען געמוזט צאָלן צאָל בײַ די שטאָטישע שלאַבאַנעס. דער בית=עלמין איז געווען באַשיצט דורך אַ הויכן פּלאַנקען ניט קעגן בעלי=חיים, נאָר קעגן מענטשן געגליכן צו חיות, וואָס פֿלעגן ניט זעלטן זיך אַרײַנרײַסן אַהין און אָנטון דאָרט חורבנות אין „קריסטוסעס נאָמען".

די אויטאָנאָמע רעגירונג פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל איז געווען אַן אויסגעקליבענער וועד=הקהילה, וואָס זײַן טעטיקייט איז אונדז באַוווּסט. בראָש פֿון וועד איז געשטאַנען ענטפֿער אַן אויסגעקליבענער פּרנס אָדער דער רבֿ פֿון שטאָט. צו ערשט איז די שטעלע פֿון אַ רבֿ געווען נאָר אַ כּבֿוד=פּאָסטן, פּונקט ווי דער פּאָסטן פֿון איטלעכן פּרנס=הקהל, און דער רבֿ פֿלעגט ניט קריגן קיין שום שׂכירות פֿון דער קהילה. אויף צו האָבן חיונה פֿלעגט דער רבֿ זיך מוזן פֿאַרנעמען מיט עפּעס אַ פּראָפֿעסיע — פֿון אַ דאָקטאָר, אַן

www.libtool.com.cn

איבערשרײַבער פֿון ספֿרים, אַ שדכן, און אָפֿט מאָל פֿלעגט די פֿאַרדינערין זײַן די רביצין, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט האַנדל אָדער מלאָכה. נאָר אין משך פֿון דער צײַט האָט מען אײַנגעפֿונען, אַז אַזאַ מצבֿ פּאַסט ניט פֿאַר אַ רבֿ, און מען האָט אים געגומען געבן אויף חיונה פֿון דער קהלשער קאַסע. עס האָבן זיך געפֿונען רבנים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון שׂכירות, מחמת אין תּלמוד איז פֿאַראַן אַן איסור צו נעמען געצאָלט פֿאַרן לערנען תּורה אָדער פּסקענען שאלות, און האָבן ווי פֿריִער געזוכט פֿאַר זיך זײַטיקע פּרנסות. אָבער דער גרעסטער טייל רבנים זײַנען געווען צופֿרידן מיט דער דאָזיקער רעפֿאָרם, וואָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אין גאַנצן זיך אָפּצוגעבן דעם לערנען תּורה און עוסק זײַן בצרכי־ציבור. דער חיסרון פֿון דער רעפֿאָרם איז באַשטאַנען נאָר דערין, וואָס אייניקע תּלמידי־חכמים האָבן אָנגעהויבן צו יאָגן זיך נאָך אַ שטעלע פֿון אַ רבֿ נאָר צוליב פּרנסה, און מחמת דעם האָט געמוזט אַ ביסל פֿאַלן דער מאָראַלישער מעמד פֿון דער רבנות. דערויף באַקלאָגן זיך אין זייערע חיבורים אייניקע באַוווּסטע מחברים פֿון 15טן י״ה. אָבער די דאָזיקע טענות גופֿא באַווײַזן, אויף וויפֿל די ייִדישע גײַסטלעכקייט איז מאָראַליש געשטאַנען העכער פֿאַר דער קאַטוילישער. אין אַ דור, ווען די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט איז געווען פֿאַרדאָרבן ביז לעצט, ערבֿ לוטערס רעפֿאָרמאַציע, ווען די ביסקופּן פֿלעגן אײַנקויפֿן זייער פּאָסטן אין רוים, און האָבן דערנאָך לעבעדיק פֿאַרהאַנדלט זייער גאָט, פֿאַרקויפֿט וועלטמענטשן אינדולגענציעס און שטעלעס דער אונטערשטער גײַסטלעכקייט, — האָבן די פֿירערס פֿון דער ייִדישער גײַסטלעכקייט געהאַט טענות דערויף, וואָס טייל „טוען אָן דעם כּתר־הרבנות צוליב כּבֿוד און פּרנסה, פֿאַרמאָגן ניט די הויכע מעלות וואָס אַ תּלמיד־חכם דאַרף האָבן און ווײַזן אַ שלעכטן בײַשפּיל דעם עולם" (ר׳ יעקבֿ ווייל פֿון נירנבערג).

די ייִדישע שטאָט אין מיטן דער פֿײַנטלעכער קריסטלעכער שטאָט האָט געהאַט גענוג גרונד צו האַלטן טײַער איר אינעווייניקסטע אומאָפּהענגיקייט. אין זײַן אייגענעם קוואַרטאַל האָט דער ייִד זיך געשפּירט ווי אַ בירגער: דאָ האָט ער ניט געמוזט טראָגן דעם שאַנדצייכן אויף די מלבושים, דאָ איז ער ניט געשטאַנען אין סכּנה צו הערן די זידלערײַען פֿון פֿאַרבײַגייענדיקע קריסטן און האָט ניט באַדאַרפֿט אויסשטיין זלזולים און באַליידיקונגען. דער גראַד פֿון דער אָפּגעזונדערטקייט פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל איז געווען אָפּהענגיק פֿון די שטימונגען פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג: אין דײַטשלאַנד, ווו עס האָט זיך זינט דעם 14טן י״ה אײַנגעוואָרצלט צווישן די מאַסן אַ שׂנאה צו ייִדן, וואָס האָט געווירקט סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק, איז די אָפּגעזונדערטקייט געווען שטאַרקער, איידער אין שפּאַניע, ווו אַפֿילו אין דעם דאָזיקן ערגסטן פּעריאָד פֿון מיטל־עלטער פֿלעגט די שׂנאה צו ייִדן זיך

אַרויסוויַיזן נאָר פון צײַט צו צײַט אין פּאָגראָמען, וואָס זײַנען געוואָרן אַרויסגערופן דורך דער אַגיטאַציע פון די פאַנאַטיקערס פון דער קירך.

www.libtool.com.cn

צי איז דער דאָזיקער פּראָצעס פון אָפּזונדערונג געווען אַ פולער און אַבסאָלוטער? דאָס ניין. דער היסטאָריקער איז מחויב צו פאַרצייכענען די דערשײַנונג, וואָס מען קאָן פון איר עפּעס אָפּלערנען, אַז אַפילו אין דעם פעריאָד, ווען קריסטן און ייִדן זײַנען געווען אָפּגעפרעמדט פון אַנאַנד, האָבן זיי געהאַט אַ בשותּפישן באַנ יק=לשון. אין די „ייִדישע גאַסן" פון דײַטשלאַנד האָט געקלונגען די דײַטשע שפּראַך אָדער „ייִדיש", אין די „כודעריעס" פון שפּאַניע – אַראַביש אָדער שפּאַניש, אין די „זשוויוועריעס" פון פראַנקרײַך – אַ געמישטער פראַנצייזיש=דײַטשער לשון, אין בײַמען און פוילן – אַ דײַטש=ייִדיש=סלאַווישער לשון. אין אָט דער גערעדטער שפּראַך איז שטענדיק אַרײַנגעגאַנגען אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס אַ ווערטער=עלעמענט פון העברעיִש, צו ערשט אין טערמינען וואָס האָבן אַ שײַכות צום נאַציאָנאַל=רעליגיעזן לעבן אָדער צום שטייגער, און שפּעטער ווי אַ פאַקטאָר, וואָס בײַט איבער דעם עצם בוי פון לשון. פון אָט די אַלע ריידשפּראַכן איז אַרײַנגעדרונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אין איר האָט געהערשט די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר די אַראַבישע שפּראַך אין שפּאַניע, אָבער אויך זי איז פאַרשוואונדן פון באַניץ צום סוף מיטל=עלטער, ווען די מורין זײַנען געוואָרן כּמעט אַרויסגעשטופּט פון אייראָפּע. אין יענער צײַט באַווײַזט זיך די טענדענץ צו העבראַיִזירן אין דער ליטעראַטור די געמישטע ייִדישע לשונות דורך שרײַבן זיי מיט לשון=קודשדיקע אותיות. אַזוי איז געמאַכט געוואָרן די התחלה פון דער פאָלקס=ליטעראַטור אין דער דײַטש=ייִדישער שפּראַך אָדער „ייִדיש" און אין אַנדערע יודאַיִזירטע אָרטיקע שפּראַכן, ווי דאָס האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן גרענעץ צווישן מיטל=עלטער און דער נײַער צײַט, נאָך דעם אויסגעפינען די בוך=דרוקערײַ. [1]

די נאַטירלעכע שפּראַך=אַסימילאַציע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף די נעמען פון ייִדן. אין שפּאַניע און דרום=פראַנקרײַך האָבן אַ סך ייִדן, אַפילו שטרענג פרומע, זיך אָנגערופן מיט קריסטלעכע נעמען (מאַנצביילשע נעמען: אַסטרוג אָדער אַשתּרוק, ווידאַל אָדער וויטאַל, באָנעט, באָנאַפאָס, באָנאַפעד און אַנדערע; ווײַבערשע נעמען: רעגינאַ אָדער ריינאַ, דאָלסאַ (טאָלצאַ) אָדער דולציאַ, אַדעלעד=אַדעלאַיִדאַ). אין דײַטשלאַנד זײַנען דײַטשע נעמען אַרײַנגעדרונגען אין דער ייִדישער אָנאָמאַסטיק און האָבן זיך דאָרט אײַנגעפעסטיקט אויף שטענדיק (מאַנצביילשע נעמען: הערש אָדער הירש, הערץ, אַנסעלם אָדער אַמשל, ליפּמאַן אָדער ליבמאַן, זעליג און זעליגמאַן; ווײַבערשע נעמען: גוטאַ אָדער גודאַ, יוטאַ, שיינע און שיינדל, רייזל,

1 זע אין דעם ווײַטערדיקן באַנד, § 32 און אין דער הוספה נומ' 2.

www.libtool.com.cn

דולצע, פּרומעט). דאָס האָט דאָס לעבן אויפגעצווונגען. די גלײַכע אָדער ענלעכע שפּראַך האָט פאַרגרינגערט ייִדן זיך אויפצוטראָגן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

דאָס וואָס ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער האָבן גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכן האָט פאַרשווערט די אומפאַרמיטלטע אויפטראָגן צווישן זיי בײַ פער־זענלעכע באַגעגענישן, אָבער אין דער קאָרעספּאָנדענץ זײַנען אַלע געווען פאַראייניקט דורך דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, דער שפּראַך פון די תּפילות און פון דער גאַנצער ליטעראַטור. פאַר געלערנטע מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער האָט אָט די שפּראַך געדינט אויך ווי אַ מיטל זיך צונויפצורעדן בײַ אַ שמועס. בכלל גערעדט האָט די שפּראַכיקע אַסימילאַציע ניט געווירקט אויף דעם אינעווייניקסטן שטייגער פון דעם ייִדישן קוואַרטאַל. צו פיל אָפּגעזונדערט איז געווען אָט דער שטייגער סײַ מחמת דער אינעװייניקסטער נויטווענדיקייט און סײַ מחמת דעם אויסווייניקסטן דרוק, אַז די בשותּפישקייט פון דער שפּראַך זאָל קאָנען אַרויסרופן אַ שותּפישקייט פון גײַסטיקע שטרעבונגען, מידות און מנהגים.

### § 69. דער שטוביקער און דער משפּחהדיקער שטייגער

בײַ גאָר דער פאַרשיידנקייט אין דעם סאָציאַלן מצבֿ און אין דעם שטוביקן פיר צווישן די ספרדים אין דרום און צווישן די אַשכּנזים אין צפון האָבן זיי זיך אויסגעגלײַכט אין די אַלע זאַכן, וואָס זײַנען געוואָרן רעגולירט דורך די פאָלקס־מסורות און מנהגים, וואָס זײַנען געווען פאַרהייליקט דורך דער רעליגיעזער דיסציפּלין. אין דײַטשלאַנד האָט די סאָציאַלע שיפלות זיך אַרויסגעוויזן אין דער גרעסערער פּשוטקייט פון דעם שטוביקן פיר. אָבער אויך דאָ איז די ענגשאַפט פון די ייִדישע דירות געווען צו מערקן נאָר אין די באַזונדערע קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט, אין די קלענערע שטעט אָבער פלעגן זיך טרעפן אויך גרויסע דירות, אַ מאָל אַפילו מיט אַ גערטנדל אין הויף. דער באַרימטער רבֿ רבי מאיר מרוטנבורג האָט געהאַט אַ הויז, וווּ עס זײַנען געווען באַזונדערע חדרים לא די וואָס פאַר די מיטגלידער פון זײַן משפּחה, נאָר אויך פאַר די תּלמידים פון זײַן ישיבֿה. וועגן דעם אינעווייניקסטן אויספוץ פון די חדרים האָט מען מער געקלערט ווי וועגן דעם אויסווייניקסטן אויסזען פון די הײַזער: אַ הויז וואָס איז פון דרויסן שיין האָט געקאָנט אויפוועקן קנאה־שׂנאה בײַ די קריסטלעכע שכנים, און שטילע באַשיידנקייט איז געווען אַ סגולה קעגן אַ בייזן אויג; אינעווייניק אין שטוב אַרײַן האָט אַ פרעמדער זעלטענער געקאָנט אַרײַנדרינגען.

אַ דײַטשער שרײַבער פון 15טן י״ה האָט באַשריבן דאָס הויז פון אַ ייִדישן „האָכמײַסטער״ (ראָש־הקהילה) אין רעגנסבורג, וווּ דער ייִדישער

www.libtool.com.cn

קוואַרטאַל האָט אַרײַנגענומען אַ פּילצאָליקע באַפעלקערונג. אויף אַזאַ שטייגער: „פון דרויסן האָט דאָס הויז אויסגעוויזן ווי אַ טונקעלער הויפן שטיינער באַוואַקסן מיט מעך. אין די ווענט קליינע און גרעסערע פענצטערלעך מיט אײַזערנע גראַטעס. אַ לאַנגער פינצטערער דורכגאַנג פירט צו שאָקלדיקע טרעפּ, וואָס איבער זיי טאַפּן מיר זיך אַרויף צו דער טיר. אָבער ווי נאָר עס עפנט זיך אויף די טיר, זײַנען מיר אַרײַן אין אַ גרויסאַרטיקן צימער, אויסגעפּוצט מיט בלומען. די ווענט זײַנען געווען באַדעקט מיט קינצלעכע האָלץ-שניצערײַען און באַהאַנגען מיט טײַערע קאָבריצעס. די ריינע דיל איז אויך אויסגעבעט מיט קאָבריצעס, און דער טיש איז באַדעקט מיט אַ ריינעם לײַנענעם טישטעך. פון דער סטעליע לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ בלישטשענ-דיקער מעשענער קייט אַן אַכטאָרעמדיקער הענגלײַכטער, וואָס פאַרפלייצט מיט ליכט דעם גאַנצן צימער. אויפן טיש שטייען זילבערנע שאָלן פון קינצלעכער יוּועליר-אויסאַרבעטונג. אַרום טיש — שטולן מיט הויכע לענען געדעקט מיט סאַמעט. אין ווינקל צימער שטייט אַ זילבערנער האַנטפּאַס מיט אַ האַנטעך צו ווישן די הענט. בײַ דער וואַנט אַן אָריענטאַלישער דיוואַן מיט זײַדענע קישנס". אַזוי האָט אויסגעזען די שטוב פון אַ ייִד אַ נגיד פרײַטאָג צו נאַכט; אָבער אויך די דירות פון אָרעמע לײַט פלעגן אויף יום-טובֿ ווערן אויסגערייניקט און פאַרפּוצט. די ליכט וואָס מען האָט געמוזט אָנצינדן פרײַטאָג צו נאַכט פלעגן צוגעבן די צימערן יום-טובֿדיקייט און היימלעכקייט. אום דער וואָכן האָט די דירה פון אַ מיטעלן ייִד אין דײַטש-לאַנד געוויס ניט געהאַט אָט דעם חן: די דאגות-פּרנסה און דער טומל פון אַ האַנדלס-לעבן האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן שטוביקן שטייגער.

דורך פריִע שידוכים איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן די שטרענגקייט פון די מידות. מען פלעגט זיך פלײַסן חתונה צו מאַכן ייִנגלעך און מיידלעך געוויינטלעך אין עלטער פון 15–18 יאָר. דאָס איז געווען ווירטשאַפטלעך אַ הכבדה פאַר די עלטערן, ווײַל דאָס צו יונגע פּאָר-פאָלק איז נאָך געווען ניט ביכולת זיך מפרנס צו זײַן אַליין, און דער ראָש-המשפּחה האָט געמוזט באַזאָרגן מיט קעסט זיי און זייערע יונגע קינדער. און קיין קינדער האָבן ניט געפעלט אין אַזאַ משפּחה, בכל אופן האָט די פאַרמערעוודיקייט אַריבער-געשטײַגט די קנאַפּע פאַרדינסטן פון אַ דורכשניטלעכער ייִדישער משפּחה. דורך די פריִע שידוכים איז אויך אַרויסגעשניטן געוואָרן פון דעם לעבן פון דעם יונגן דור יענער שיינער פּאָעטישער פּאַס פון צוקלײַבן זיך אַ פּאָר און פון ראָמאַנטישע חלומות, וואָס סײַ ער איז די פּריווילעגיע פון דער יוגנט און סײַ אַ מקור פון טראַגישע קאָליזיעס פאַר איר. אין אַזאַ פריִען עלטער האָט פאַרשטייט זיך ניט געקאָנט זײַן קיין רייד דערפון, אַז די יונגע מענטשן זאָלן זיך אַליין אויסקלײַבן זייער כלה אָדער זייער חתן, דאָס האָבן שוין

אָפּגעטאָן פֿאַר זיי די עלטערן. צוליב דעם פֿלעגט מען זיך באַדינען מיט אַ שדכן אַ פֿאַרמיטלער, וואָס פֿלעגט שוין אויסזוכן דעם פּאַסיקן זיווג, האָבנדיק אין זינען דעם יחוס און דעם פֿאַרמעגן פֿון די צוויי משפּחות, וואָס דאַרפֿן זיך משדך זײַן. דער שדכן פֿלעגט פֿירן דעם משׂא-ומתּן מיט ביידע צדדים וועגן נדן און מכּוח דעם, וואָסער צד דאַרף דעם יונגן פּאָר-פֿאָלק געבן קעסט די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה און אין וועמעס הויז זיי זאָלן וווינען; ער פֿלעגט אויך מאַכן די זעונג צווישן דעם חתן און דער כּלה, וואָרעם לויטן דין פֿון תּלמוד טאָר אַ בחור ניט מקדש זײַן זײַן כּלה, אויב ער האָט זי ניט געזען. אָפּט מאָלס פֿלעגן חתן-כּלה זיך טרעפֿן ערשט ווען מען פֿלעגט שוין שרײַבן די תּנאים, דעם אָפּמאַך צווישן די עלטערן. לכּבֿוד דעם פֿלעגט מען מאַכן אַ סעודה („גאַסטמאָל" אָדער „קנס-מאָל": דער לעצטער נאָמען נעמט זיך דערפֿון, וואָס אין די תּנאים ווערט אַרײַנגעשריבן, אַז דער צד וואָס וועט מבֿטל זײַן דעם אָפּרייד וועט זײַן מחויבֿ צו באַצאָלן קנס אַ באַשטימטע סומע). אַז די אײַנגעשטעלטע צײַט (זמן החופּה) פֿלעגט קומען, פֿלעגט מען פֿײַערן די חתונה מיט גרויס פּאַראַד. דאָס איז געווען אַ שׂמחה, וואָס אין איר פֿלעגט נעמען אַן אָנטייל די גאַנצע קהילה אָדער אַ גרויסער טייל פֿון איר.

לויט דער שילדערונג פֿון אַ רבֿ פֿון 15טן י״ה פֿלעגן חתונות אין דײַטש-לאַנד אין יענער צײַט אָפּגעריכט ווערן אין אַזאַ סדר. די חופּה פֿלעגט מען שטעלן געוויינטלעך פֿרײַטאָג. ערבֿ דעם טאָג, דאָנערשטאָג, פֿלעגט מען מאַכן אַ סעודה אין דער כּלהס שטוב, און דער חתן פֿלעגט איר אַרײַנשיקן דעם טאָג מתּנות („סבֿלונות"). פֿרײַטאָג אין דער פֿרי, ווען דער שמש פֿלעגט רופֿן דעם עולם אין שול אַרײַן דאַוונען, פֿלעגט ער אָנזאָגן, אַז מען וועט הײַנט פֿירן חתן-כּלה „מייען" אָדער „מיין" (= מאַאַנפֿירן). נאָך פֿאַרן שחרית-דיקן דאַוונען פֿלעגן דער רבֿ און די חשובֿי-הקהלה פֿירן דעם חתן פֿון זײַן שטוב אין שולהויף אַרײַן: פֿאָרויס זײַנען געגאַנגען שטורקאַצן-טרעגערס מיט ברענעדיקע וועקסענע ליכט („הבֿדלות") און קלעזמאָרים, וואָס האָבן געשפּילט אויף פֿאַרשיידענע אינסטרומענטן און נאָך זיי דער גאַנצער עולם. דערנאָך פֿלעגן די קלעזמאָרים אַוועקגיין צו דער כּלהס שטוב און ברענגען די כּלה אין באַגלייטונג פֿון אַ סוויטע ווײַבער אין שולהויף אַרײַן, ווו עס פֿלעגן זי מקבל-פּנים זײַן דער רבֿ מיט די חשובֿים און צופֿירן צו איר דעם חתן. דער חתן פֿלעגט נעמען די כּלה פֿאַר דער האַנט, און די אַרומיקע פֿלעגן שיטן אויף זיי ווייצענע קערנער און זאָגן דערבײַ די ברכה: „פּרו ורבֿו". טייל פֿלעגן וואַרפֿן קליינע מטבעות, וואָס אָרעמע לײַט פֿלעגן צונויפֿ-קלײַבן. בײַ דער טיר פֿון שול פֿלעגט מען אַוועקזעצן חתן-כּלה צוליב אַ קורצן אויסרו, און דערנאָך פֿלעגט מען די כּלה אָפּפֿירן אַהיים איבערטון זי. איבער

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

דעם יום־טובֿדיקן מלבוש פֿלעגט מען איר אָנטון אַ ברייטן ווײַסן אייבער־בגד, וואָס לויטן שניט איז ער געווען ענלעך צו תּכריכין (סאַרגענעס), און אויפֿן קאָפּ און פּנים פֿלעגט מען אַרויפֿוואַרפֿן אַ שלייער; דער חתן, אויסגעפּוצט אין חתונה־קליידער, האָט אויך געטראָגן פֿון אויבן אַ קיטל מיט ברייטע אַרבל און מיט אַ קאַפּושאָן. אָט דער אייבער־בגד האָט באַדאַרפֿט אַרײַנטראָגן אין דער שׂמחה אַ טראָפּן טרויער, בכדי חתן־כּלה זאָלן אויך אין טאָג פֿון זייער פֿרייד דערמאָנען זיך אָן דעם טאָג פֿון טויט און אָן דעם נאַציאָנאַלן טרויער, „אבֿל־ירושלים". דערנאָך הייבט זיך אָן דאָס שחריתדיקע דאַוונען; דער חתן שטייט אין דער ערשטער שורה בײַ דער מזרח־וואַנט, און ווען מען רופֿט אים אויף צו דער תּורה, גייט ער אַרויף אויף דער בימה און לייענט אַ פּרשה חומש. נאָכן דאַוונען גייט דער רבֿ אַרויס מיט זײַן סוויטע אויפֿן שולהויף צו דער כּלה וואָס וואַרט דאָרט און פֿירט זי אַרײַן אין שול אויף דער בימה אַרויף און שטעלט זי אַוועק לעבן חתן בײַ זײַן רעכטער האַנט. אַרום חתן־כּלה שטייען די עלטערן און קרובֿים. דעמאָלט איז דער רבֿ מסדר־קידושין: דער חתן טוט אָן דער כּלה דאָס קידושין־פֿינגערל, דער רבֿ זאָגט די שבֿע־ברכות אויף אַ גלאָז ווײַן, און חתן־כּלה טרינקען אָפּ פֿון דעם ווײַן, און דערנאָך גיט דער חתן אַ וואָרף די גלאָז אָן וואַנט און צעברעכט זי. דעם דאָזיקן מנהג טײַטשט מען אויס ווי אַ סימן פֿון אַבֿלות, און אַנדערע ווידער ווי אַ סימבאָל פֿון דער מאַכט פֿון דעם קומענדיקן בעל־הבית. דערנאָך פֿירט מען ווידער דאָס יונגע פּאָר־פֿאָלק מיט דער באַגלייטונג פֿון זייער סוויטע און מיט מוזיק אין הויז פֿון זייערע עלטערן אָדער אין געזעלשאַפֿטלעכן חתונה־זאַל. חתן־כּלה, וואָס האָבן געפֿאַסט פֿון אין דער פֿרי אָן, זעצט מען בײַם טיש און מען דערלאַנגט זיי צום עסן אייער און הינערשע פֿלייש, די מחותּנים און די געסט עסן די סעודה, און מוזיק שפּילט צו, און מען איז משׂמח חתן־כּלה מיט פֿריילעכע שמועסן. און די שׂמחה מיט סעודות און טענץ און מוזיק אין הויז פֿון דעם יונגן פּאָר־פֿאָלק ציט זיך אויך אין די ווײַטערדיקע טעג, און געווייגטלעך אין משך פֿון אַ גאַנצער וואָך. אָט די חתונה־וואָכן, וואָס פֿלעגן אַרײַנברענגען לעבן אין דער גאַנצער קהילה, פֿלעגן פֿאַרטרײַבן די געוויינטלעכע עצבֿות און פֿאַרדאגעטקייט פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל.

דאָס פֿאַמיליע־לעבן בײַ ייִדן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרעסערער שטרענגקייט, ווי בײַ וואָסערן עס איז פֿון די מערבֿדיקע פֿעלקער. דער אַלטער מנהג פֿון פֿיל־ווײַבערײַ איז אין אייראָפּע בטל געוואָרן ניט בלויז מחמת דעם חרם דרבנו גרשום אין 10טן י"ה, נאָר אויך מחמת די אַלגעמיינע תּנאים פֿון לעבן. בלויז אין די מוסלימישע מדינות פֿון אייראָפּע — אין דער אַראַבישער שפּאַניע און אין סיציליע — פֿלעגן טרעפֿן פֿאַלן פֿון פֿיל־ווײַבערײַ בײַ אָנגעקומענע פֿון די מזרח־לענדער, אָבער זינט די דאָזיקע לענדער זײַנען אַרונטער

www.libtool.com.cn

אונטער דער ממשלה פון די קריסטן, זײַנען אַזעלכע פֿאַלן געװאָרן אַלץ זעלטענער. בכדי חתונה צו האָבן אַ צװײט מאָל, בעת עס האָט נאָך געלעבט די ערשטע ניט־געגטע װײַב, האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פון קיניג, װאָס פלעגט אַרויסגעגעבן װערן נאָר מחמת זייער װיכטיקע מאָטיװן. אַזוי למשל האָט דער קיניג פון אַראַגאָניע כואַן II אין יאָר 1393 דערלויבט דעם באַװוסטן פילאָסאָף ר׳ חסדאי קרשקש חתונה צו האָבן אַ צװײט מאָל, מחמת פון דער ערשטער פרוי האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט.[1] פאַלן פון לעבן מיט אַ פרוי אָן חופּה־וקידושין זײַנען בײַ די ייִדן אין דײַטשלאַנד געװען זייער זעלטן. אין די ייִדישע קװאַרטאַלן פלעגט מען זעלטן טרעפן פראָסטיטוירטע, װאָס די דײַטשע שטעט אין 14טן און 15טן י״ה זײַנען געװען פול מיט זיי (אין פראַנקפורט־מײַן בײַ אַ באַפעלקערונג פון 10.000 האָט מען אין יאָר 1394 אָנגעציילט אַן 800 פראָסטיטוירטע. אויף די קירכלעכע קאָנצילן אין קאָנסטאַנץ און באַזעל האָבן זיך צונויפגעקליבן ביז 1.500 אַזעלכע פרויען צוליב דער באַדערפעניש פון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, װאָס האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן). די הייליקייט פון דער משפחה איז בײַ ייִדן אָפּגעהיט געװאָרן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, און אַ פאַרזינדיקטע אשת־איש פלעגט האַרב באַשטראָפט װערן. אַזוי האָט ר׳ יעקב װייל, דער ערפורטער רבֿ, אַרויפגעלייגט אויף אַ זינדיקער פרוי אַזאַ תשובֿה: אין משך פון אַ יאָר מוז זי גיין דרײַ מאָל אין טאָג אין שול אַרײַן און זיך מתוודה זײַן דאָרט פאַר די װײַבער „אויף דײַטש“, כדי אַלע זאָלן זי פאַרשטיין; חוץ דעם טאָר די זינדיקע אין משך פון דער תשובֿה־צײַט ניט טראָגן קיין שיינע קליידער און קיין צירונג, נאָר זי מוז גיין אָנגעטאָן אין שװאַרץ, אַזוי װי אַן אַבֿלה, אויפן קאָפּ מוז זי טראָגן אַן אַלט טיכל אָנשטאָט אַ היטל אָדער אַן אויסגעפוצטע הויב, און אַ שטריק אָנשטאָט אַ גאַרטל; װײַטער איז זי מחויבֿ ניט צו טרינקען קיין װײַן און ניט צו עסן קיין פלייש, חוץ שבת און י״ט, און בכלל זיך אָנצוטון סיגופים אָפּט. נאָר פון עמנואל רומיס עראָטישע שירים מעג

1 אָט איז אַן אויסצוג פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן דאָקומענט: „היות לויטן ייִדישן דין איז לא די װאָס מותר, נאָר עס איז אַפילו אַ מוז פאַר אַ ייִדן װאָס האָט ניט קיין קינדער פון זײַן װײַב, צו נעמען אַ צװײטע װײַב אָדער װײַבער, װאָס פון זיי װאָלט ער געקאָנט האָבן קינדער, דעריבער טוען מיר דערלויבן אײַך, מאַגיסטער אַזדאַי קרעסקעס, רבֿ פון דער ייִדישער קהילה אין סאַראַגאָסאַ (rav aljamae judeorum) אַרײַנצופירן אין אײַער שטוב אַ צװײטע װײַב" אאַז״וו. דאָ דאַרף מען פאַרצייכענען אָט װאָס: חסדאי האָט געהאַט אַ זון, װאָס בעת דער שחיטה פון יאָר 1391 איז ער דערהרגעט געװאָרן (אויבן, § 37), דאָס הייסט, אַז ער האָט געקאָנט בעטן אַ דערלויבעניש חתונה צו האָבן אַ צװייט מאָל דערפאַר, װײַל פון זײַן ערשטער פרוי האָט ער שוין ניט געהאַפּט צו האָבן קיין קינדער. אַזעלכע פאַלן פון ביגאַמיע זײַנען געװען גאַנץ אָפּט בײַ די שפּאַנישע ייִדן. זע בער, Die Juden im christlichen Spanien, Urkunden № 452 (Berlin 1929).

www.libtool.com.cn

מען אַרויסדרינגען, אַז אין איטאַליע זײַנען די מידות פֿון דעם משפּחה=לעבן ניט געווען אַזוי שטרענג ווי אין דײַטשלאַנד. אין שפּאַניע זײַנען געווען אָפֿטער פֿאַלן פֿון פֿעלשונגען אין דער משפּחה, באַזונדערס אָפֿטע פֿאַלן, ווען ייִדן האָבן געלעבט מיט קריסטלעכע פֿרויען. אין אַזעלכע פֿאַלן האָבן די זינדיקע געהאַט אויסצושטײן חוץ דער שטראָף, וואָס די רבנים האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף ייִדן (אויבן, § 38), אויך אַ שטראָף פֿאַר ביידע צדדים לויט די קירכלעכע געזעצן. בײַ דעם וועד=הקהילה איז געווען אַ באַזונדערע קאָמיסיע אויף צו זוכן „חטאים" און פֿאַרשיידענע עבֿרות קעגן אָנגענומענע מנהגים („בירורי עבֿרות"); די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אויך אַרויפֿגעלייגט שטראָפֿן.

די מוסר=זאָגערס פֿון יענער צײַט האָבן שטאַרקע טענות געהאַט קעגן דער שוואַכקייט פֿון ייִדישע פֿרויען וואָס מען האָט זיי ניט געקענט אויסוואָרצלען — דעם גלוסט צו פּוצן זיך. אין שפּאַניע איז אָט דער גלוסט דערגאַנגען ממש צו דער מדרגה פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער פּורעניות. רײַכע פֿרויען פֿלעגן אַרויסגיין עפֿנטלעך אין בונטע קליידער, באַפּוצט מיט גאָלד און איידלשטיינער, און האָבן אַרויסגערופֿן קנאה=שׂנאה מצד די קריסטלעכע שכנים. נאָך די פּאָגראָמען פֿון סוף 14טן און אָנהייב 15טן י"ה האָבן די מאַכטאָרגאַנען באַמערקט אָט די סיבה פֿון שׂנאה צו ייִדן, און אַ קיניגלעכער דעקרעט האָט פֿאַרבאָטן ייִדן צו טראָגן זײַדענע קליידער. אין דער כראָניק „שבֿט יהודה" (סימן ח) ווערט דערציילט, אַז דער קיניג פֿון שפּאַניע האָט אין אַ שמועס מיט פֿאָרשטייערס פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס ייִדן האָבן אַ טבֿע אַריבערצוכאַפּן די מאָס בײַם פּוצן זיך. האָבן די דעפּוטאַטן אים געענטפֿערט, אַז די מאַנצביל גייען אָנגעטאָן זייער באַשיידן, אין שוואַרצן, און נאָר די ווײַבער האָבן ליב זיך אַ ביסל צו פּוצן אין שיינע קליידער מחמת ווײַבערשער שוואַכקייט. דעמאָלט האָט דער קיניג זיך אָפּגערופֿן: „אויב אַזוי זײַט איר אין אײַערע שוואַרצע בגדים געגליכן צו אַ קוילן=ברענערס אייזל, און אײַערע ווײַבער זײַנען אויסגעפּוצט ווי דעם פּויפּס' מוילאייזל". אויך אין איטאַליע האָט מען געקאָנט מערקן אַ חשק צו פּוצן זיך, און די ייִדישע פֿרויען דאָרט האָבן נאָכגעטאָן די קריסטלעכע דאַמען פֿון דער רענעסאַנס=תקופֿה. ייִדישע שרײַבערס האָבן ניט איין מאָל געשטראָפֿט דעם עולם פֿאַר אָט דער נטיה צו לוקסוס און פּוץ, און אויף די צונויפֿפֿאָרן פֿון די רבנים פֿלעגט מען אָננעמען שטרענגע תקנות קעגן דעם. אין דײַטשלאַנד פֿלעגן ייִדן זיך אָנטון אַ סך באַשיידענער: די מאַנצביל פֿלעגן טראָגן באַזונדערע טראַדיציאָנעלע מלבושים, פֿאַרשיידן פֿון די וואָס זײַנען געווען אָנגענומען בײַ קריסטן. אָבער אויך דאָרט האָבן יונגע פֿרויען ניט שטענדיק געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון פֿון דער מאָדע: זיי פֿלעגן טראָגן בונטע זײַדענע גאַרטלען מיט גילדענע שנאָלן, גילדענע קייטן, שנורן פּערל אויף די העלדזער,

www.libtool.com.cn

הויבן געהאָפטן מיט גאָלד וכדומה. אָט דעם פֿון פֿלעגט מען איבעריקנס אָנטון נאָר אום יום-טובֿ אָדער בעת די שׂמחות, וואָס פֿלעגן אָפּגעריכט ווערן צווישן די מויערן פֿון דעם ייִדישן קוואַרטאַל. מחוץ דעם ייִדישן קוואַרטאַל, אין דער קריסטלעכער שטאָט, האָבן ייִדישע מאַנצביל און פֿרויען געמוזט טראָגן אַ דערקען-צייכן, אויב לויט דעם שניט פֿון דער הלבשה איז ניט געווען קיין סימן צו דערקענען אַ ייִדן. אָבער ווי באַוווסט, האָבן ייִדן אין אַלע לענדער זיך געפּלײַסט מיט כּל-התחבולות אויסצומײַדן צו טראָגן דעם קין-צייכן, וואָס די קירך האָט זיי אָנגעבונדן.

חוץ די אויבן געשילדערטע שׂמחות בײַ חתונות זײַנען נאָך געווען עפּנטלעכע שׂמחות אין די ימים-טובֿים, ווי ווײַט דאָס האָט דערלאָזט דער רעליגיעזער ריטואַל און אַ מאָל טאַקע פֿאַרבונדן מיטן רעליגיעזן ריטואַל. דער האַלבער יום-טובֿ פּ ו ר י ם איז געווען אַ מין ייִדישער קאַרנעוואַל. אין יענעם טאָג האָט מען געמעגט טרינקען, זיך משׂמח זײַן, אַפֿילו זיך נאַריש מאַכן. אין פֿריִען מיטל-עלטער פֿלעגט מען מיט שׂמחה פֿאַרברענען אויפֿן פֿלעצל פֿאַר דער שול אַ הילצערנע פֿיגור פֿון המנען. שפּעטער האָבן די קריסטלעכע שׂררות דאָס פֿאַרווערט, מחמת זיי האָבן די דאָזיקע צערעמאָניע מיט רעכט באַטראַכט ווי אַ פּראָטעסט קעגן די נײַע המנס. אויף „קלאַפּן המנען" האָבן ייִדן געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַן אַנדער סימבאָל: בעת מען פֿלעגט בײַם לייענען די „מגילה" אין שול דערמאָנען המנס נאָמען, פֿלעגט דער עולם נעמען טופּען און מאַכן אַ רעש מיט גראַגערס און אַנדערע מכשירים. פּורים פֿלעגט מען אויך מתּיר זײַן צו פֿאַרשטעלן זיך מיט מאַסקעס, וואָס דאָס איז געווען פֿאַרבאָטן, און מען פֿלעגט שטעלן קאָמישע „פּורים-שפּילן", וואָס פֿון זיי איז שפּעטער אַרויסגעקומען דער ייִדישער טעאַטער. פּורים איז געווען דער פֿריילעכער יום-טובֿ פֿון דער יוגנט, מען פֿלעגט שיקן איינער צום אַנדערן שלח-מנות, זיסע זאַכן און מען פֿלעגט זיך צונויפֿקלײַבן אויף פּירן שפּילן. אַ צווייטער פֿריילעכער יום-טובֿ איז געווען שׂ מ ח ת - תּ ו ר ה. דאָרט פֿלעגט די שׂמחה זײַן אין שול: בשעת מען פֿלעגט אַרומטראָגן די ספֿרי-תּורות אַרום דער בימה אין הקפֿות, פֿלעגן נאָכגיין אַלע, יונג און אַלט, מאַנצביל און ווײַבער; פֿאַר די קינדער פֿלעגט מען וואַרפֿן דעמאָלט פֿרוכט און זיסקייטן צו כאַפּן.

היימישע פֿאַרווײַלונגען אין דער וואָכן זײַנען געווען ווינציק, און מען איז געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין דעם פּרט. שפּילן אין קאָרטן, וואָס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין דײַטשלאַנד נאָכן „שוואַרצן טויט", האָט זיך גערעכנט פֿאַר ניט לײַטיש; נאָר פֿאָרט האָבן אַ סך ייִדן זיך אַרײַנ-געלאָזן אין קאָרטנשפּיל, און די רבנים האָבן געמוזט מתּיר זײַן צו שפּילן קאָרטן אום חול-המועד און חנוכּה. געהאַלטן שטאַרק האָט מען פֿון דער

www.libtool.com.cn

ערנצטער שאָכשפּיל. מען האָט ליב געהאַט צו שפּילן אין רעטעניש און שאַראַדעס, און צום גרעסטן טייל האָט מען צוליב דעם אויסגענוצט מאַטעריאַל פון תנך און תלמוד. מען פלעגט שפּילן אַ שפּיל אויף אויסגעפינען פסוקים פון תנך: איינער פלעגט זאָגן אַ פסוק, און דער צווייטער האָט געמוזט ברענגען אויף אויסווייניק אַ פסוק וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם וואָרט, וואָס דער ערשטער פסוק האָט זיך מיט דעם אויסגעלאָזט. אָט די שפּיל איז שוין געווען אַ נוציקע געניטונג אויף איינצוחזרן דעם טעקסט פון תנך, וואָס אַ סך ייִדן האָבן אים געקענט אויף אויסווייניק. אָסור איז געווען צו באַזוכן צירקן און טעאַטערס. דאָס איז געווען געאַסרט נאָך אין די אַלטע צייַטן, ווייַל טעאַטער און צירק זייַנען געווען פאַרבונדן מיטן געצנדינערישן קולט פון די גריכן און רוימער. די רבנים פון מיטל-עלטער (פונקט ווי שפּעטער די פּוריטאַנער אין ענגלאַנד) האָבן געהאַלטן דעם טעאַטער מיט זייַנע שפּילן פּשוט פאַר אַ שול פון לײדיקגיין, פּוסטעפּאַסנעקייט און זנות. נאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער האָט דאָס ייִדנטום געשאַפן זייַן אייגענעם פאָלקס-טעאַטער, ווו מען פלעגט שטעלן פּיעסעס מיט אַ רעליגיעז-מאָראַלישן אָדער היסטאָרישן אינהאַלט („מכירת-יוסף", „המן און אסתר" וכדומה).

## § 70. דערציִען און לערנען קינדער

בייַ ייִדן פון אַלע לענדער איז דער ענין פון האָדעווען און לערנען דעם יונגן דור אַ צענטראַלע עובדא; מערניט וואָס די מעטאָדן און פּראָ-גראַמען פון די לימודים זייַנען געווען פאַרשיידן ווענדיק דעם צושטאַנד פון דער גייַסטיקער קולטור אין איטלעכן לאַנד. בדרך כּלל מעג מען זאָגן, אַז פון די צוויי צענטערס פון מיטל-עלטער האָט אין דעם שפּאַניש-פּראָוואַנסאַלישן צענטער געהערשט אַ שטרעמונג צו פאַרבינדן די אַלגעמיינע בילדונג מיט דער ספּעציעלער, און אין דעם דייַטש-פראַנצייזישן צענטער האָט מען זיך באַגרענעצט מיט לערנען דעם תלמוד. ביזן באַוווסטן קריזיס פון דעם ראַציאָ-נאַליזם אין אָנהייב 14טן י"ה איז אָט דער אונטערשייד געווען גאַנץ שאַרף קענטיק, אָבער נאָכן קריזיס באַקומט די דייַטשע סיסטעם די אייבערהאַנט איבער דער שפּאַנישער.

אַ שול פאַר אַלגעמיינער בילדונג איז געווען נאָר אַ צייַטווייַליקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור, אַ באַשאַף פון דער תקופה פון דעם רמבם און פון דעם אַראַביש-ייִדישן רענעסאַנס; זי האָט זיך אָנגענומען נאָר אין שפּאַניע, פּראָוואַנס און צום טייל אין איטאַליע אין 13טן און 14טן י"ה. דרייַ שרייַבערס פון דער דאָזיקער תקופה [1] גיבן די לערן-

[1] יוסף בן יהודה פון באַרצעלאָנע (דער מחבר פון דעם ספר „מרפא הנפשות"), יהודה בן שמואל עבּאַס („יאיר נתיב") און דער באַוווסטער פילאָסאָף שם-טוב פלקירא אין זייַן „המבקש".

www.libtool.com.cn

פּראָגראַם פון די דעמאָלטיקע שולן, וואָס אויף אירע טעקסטע שטאַפּלען האָט זי ווינציק וואָס זיך אָפּגעשיידט פון די פּראָגראַמען פון די דעמאָלטיקע איראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן. דאָרט איז געווען אײַנגעשטעלט דער פּרינציפּ פון קאָאָרדינאַציע פון דער ספּעציעל־יִדישער בילדונג מיט דער אַלגעמיינער אין אַ שטענדיקן סדר אַזוי, אַז פריִער איז געגאַנגען דער יִדישער לימוד, און דערנאָך דער אַלגעמיינער. אָנהייבן צו לערנען האָט מען רעקאָמענדירט זייער פרי, צו פיר יאָר, אָבער לערנען דאַרף מען פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, מחמת די פּראָגראַם פון דער שול און פון דער שפּעטערדיקער אַליין־בילדונג איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ סך יאָרן. דאָס ערשטע יאָר לערנט דאָס קינד (עס גייט די רייד נאָר וועגן יִנגלעך) אַלף־בית מיט די נקודות; נאָך דעם ווי דער תּלמיד לערנט זיך אויס לייענען, לייענט ער צו ערשט דעם חומש נאָר מעכאַניש, און שפּעטער נעמט מען אים פאַרטײַטשן די פּסוקים איינעם נאָכן אַנדערן אויף דער גערעדטער שפּראַך. אין דריטן יאָר ווערט געלערנט דער אַראַמישער תּרגום, כּדי צוצוגרייטן דעם תּלמיד צו דער גמרא. ווען מען ענדיקט דעם חומש, הייבט מען אָן לערנען כּסדר די איבעריקע ספרים פון תּנך: נביאים ראשונים, נביאים אַחרונים און כּתובים. פּאַראַלעל לערנט מען קאַליגראַפיע און אָרטאָגראַפיע. צו דרײַצן יאָר ווערט פאַרענדיקט דער תּנך, און דערנאָך נעמט דער תּלמיד לערנען דעם דקדוק פון לשון־קודש לויט די ספרים פון חיוג׳, אבן ג׳נאַח, אבן עזרא און רדק. אין דער זעלביקער צײַט הייבט מען אָן לערנען אויסגעקליבענע מסכתות פון תּלמוד מיטן פּירוש פון רשי, נאָר אָן די „תּוספות“ און אַנדערע פּירושים מיט פּילפּול, און עס איז פאַראַן אַפילו אַ מחבר פון אַ פּראָגראַם, וואָס וואָרנט די רביים און די תּלמידים, אַז זיי זאָלן מיט דעם ניט פאַרנעמען זיך, „וואָרעם די אַלע חידושים און תּוספות זײַנען געמאַכט פון אַ סך מענטשן ווערדליג די קאַפּריזן פון זייער שׂכל און זיי פּטרן נאָר אַוועק די צײַט מיט פּוסטע קלִיגענישן, אָן נוצן פאַר דעם הויפּטציל פון תּלמוד – אויסצוטײַטשן די מצוות און די חוקים, בכדי אַרויסצודרינגען פון זיי די הלכות פאַר דער פּראַקטיק“. אויף צו פאַרקירצן דעם קורס פון תּלמוד ווערט רעקאָמענדירט צו לערנען דעם רמבמס „משנה תּורה“, „אַ מוסטער־ווערק וואָס האָט קיין גלײַכס צו זיך ניט“, ווײַל דאָרט איז צונויפגענומען אַלץ וואָס אַ יִיד דאַרף וויסן פון תּורה־שבכתב און תּורה שבעל־פּה. די צײַט וואָס מען געווינט פון פאַרקירצן דעם קורס פון תּלמוד באַדאַרף מען אויסניצן צו שטודירן מוסר לויט די מימרות פון די פילאָסאָפן, וואָס זײַנען צונויפגעקליבן אין פּאָפּולערע ספרים פון יענער צײַט („מבחר הפּנינים“, „מוסר הפילוסופים“). צו 18 יאָר ווערט פאַרענדיקט דער קורס פון לערנען יִדישע לימודים, און דער בחור האָט חתונה; אָבער דעמאָלט הייבט זיך אָן אַ קורס פון אַלגעמיינע וויסנשאַפטן דורך אַליין־בילדונג. די

www.libtool.com.cn

אַלגעמײנע װיסנשאַפֿטן װערן שטודירט אין דעם סדר, װאָס דערנענטערט זיך צו דער מיטל־עלטערלעכער קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די זיבן חכמות — דעם דרײַער און דעם פֿירער (trivium et quadrivium): מעדיצין צוזאַמען מיט היגיענע אויף צו פֿאַרהיטן דאָס געזונט (לויט די ספֿרים פֿון דעם רמב״ם, איבן־סינאַ א״אַנד), חשבון (לויט אבן עזראס „תורת המספּר״), אַסטראָנאָמיע (תּכוּנה, לויטן ספר „צורת האָרץ״ פֿון אַבֿרהם בן חייא און דעם „אַלמאַגעסט״ פֿון פּטאָלאָמײאָס), לאָגיק (הגיון, לויט אַריסטאָטעלעסן און איבן־ראָשד), געאָמעטריע (הנדסה), מוזיק און פֿיזיק (לויט אַריסטאָטעלעסן). דער דריטער און העכסטער ציקלוס פֿון װיסנשאַפֿטן, װאָס צו אים האָבן אַ צוטריט נאָר מענטשן פֿון צײַטיקן עלטער, איז כּולל אין זיך מעטאַפֿיזיק, טעאָלאָגיע און פֿילאָסאָפֿיע (לויט די חיבורים פֿון אַריסטאָטעלעסן מיט איבן־ראָשדס פּירושים), װאָס קאָנען פֿאַרנעמען דעם מענטשנס גײַסט ביז זײַן טויט און עפֿענען זײַן בליק צו זען דעם אײביקן אמת.

די דאָזיקע שטרעבונג צו אַן אידעאַלער, האַרמאָנישער דערציִונג, װאָס דאַרף שאַפֿן דעם טיפּ פֿון אַ מענטשן אַ מושלם מיט אַלע מעלות איז אין דער פּראַקטיק מן־הסתם קײן מאָל ניט פֿאַרװירקלעכט געװאָרן אין אַ פֿולן פֿאַרנעם; דאָס איז געװען אַ פּראָגראַם פֿאַר אויסדערװײלטע, פֿאַר יחידים. אָבער פּרוּװן דורכצופֿירן אַזאַ פּראָגראַם, זאָל זײַן פֿאַרקירצטערהײט, אין דער שול און אין אַלײן־בילדונג, זײַנען בלי־ספֿק געמאַכט געװאָרן אין אײנציקע פֿאַלן. דער קלאַפּ, װאָס דער ראַציאָנאַליזם און די װעלטלעכע בילדונג האָט געקראָגן דורכן חרם פֿון יאָר 1304, איז געװען אַ רעזולטאַט פֿון דעם, װאָס מען האָט אויפֿגעהערט צו גלײבן, אַז מען קאָן האַרמאָניש צונױפֿפּאָרן װיסנשאַפֿט מיט רעליגיע. דער גורל פֿון ייִדן אין גאַנץ אײראָפּע צום סוף מיטל־עלטער האָט אָן רחמנות צעבראָכן די ליכטיקע האָפֿענונגען פֿון די האַרמאָניסטן און ענציקלאָפּעדיסטן אויפֿן געביט פֿון פּעדאַגאָגיק. מען האָט געמוזט צופּאַסן די שול צו די האַרטע תּנאָים פֿון דעם קאַמף פֿאַרן נאַציאָנאַלן קיום, און סוף־כּל־סוף האָט גובֿר געװען די ענגע און אײנזײַטיקע, הגם ביז גאָר אינטענ־סיװע, דײַטשע סיסטעם.

די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך אײַנגעשטעלט אין צפֿון־פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד נאָך דער באַלעבונג, װאָס עס האָט אַרײַנגעבראַכט אין דעם שטודיום פֿון דעם תּלמוד דער קלאַסישער פּירוש פֿון רש״י און דער פּילפּול פֿון די בעלי־התּוספֿות. אין 13טן י״ה איז דאָרט געװאָרן אויסגעאַרבעט אַזאַ שול־קאָנסטיטוציע.[1] אין איטלעכער קהילה מוז זײַן אַ „קלײנע שול״ („מדרש קטן״) מיט אַ זיבניאָריקן קורס פֿאַר ייִנגלעך פֿון 5 ביז 13 יאָר, און אין

---

[1] דעם כּתבֿ־יד פֿון דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט צו ערשט פֿאַרעפֿנטלעכט דער קולטור־היסטאָריקער גידעמאַן, אין ערשטן באַנד פֿון זײַן װערק, קאַפּ׳ III. זע ביבליאָגראַפֿיע.

www.libtool.com.cn

גרויסע קהילות אָדער דאָרט ווו עס זיצן רבנים מפורסמים — אַ „גרויסע שול" („מדרש גדול") אָדער ישיבֿה. דער „מדרש קטן", ד"ה די עלעמענטאַר-און די מיטל-שול, איז באַשטאַנען פֿון אַ סך קלאַסן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע דירות פֿאַר תּלמידים פֿון פֿאַרשיידענע כּיתּות. די ערשטע צוויי יאָר האָט מען זיך געמוזט אויסלערנען עבֿרי און חומש. די אַנדערע צוויי יאָר נבֿיאים און כּתובֿים, און די לעצטע דרײַ יאָר — גרינגע מסכתּות פֿון דער גמרא, ייִנגלעך מיט גוטע קעפּ פֿלעגן אַרײַנגיין אין דער ישיבֿה.

אין דער רבנישער ליטעראַטור זײַנען געבליבן ידיעות וועגן דעם סדר-הלימוד אין אָט די שולן. דאָס קינד פֿלעגט מען דאָס ערשטע מאָל אַרײַנפֿירן אין שול אַרײַן לערנען מיט פֿאַרשיידענע צערעמאָניעס, וואָס מען פֿלעגט זיי געוויינטלעך צופּאַסן צו ראָש-חודש ניסן אָדער צו שבֿועות, דעם יום-טובֿ פֿון מתּן-תּורה, ד"ה צום אָנהייב פֿון דעם זומערדיקן זמן. דער פֿאָטער פֿלעגט אײַנוויקלען דאָס ייִנגל אין אַ טלית און ברענגען צו פֿירן אין חדר אַרײַן. דער רבי פֿלעגט אַוועקזעצן דאָס ייִנגל אויף אַ בענקל און ווײַזן אים די אותיות פֿון אַלף-בית אויף אַ טאָוול און צונויפֿשטעלן די ווערטער „תּורה" און אַנדערע. דערנאָך פֿלעגט מען ברענגען אַ האָניק-לעקעכל, וואָס אויף אים זײַנען געווען אויסגעדריקט פּסוקים, אַ שטייגער ווי „בן אדם בטנך תאכל ומעיך תמלא את המגלה הזאת אשר אני נתן אליך ואכלה ותהי בפי כדבש למתוק" (יחזקאל, ג', 3; „מענטשנקינד, דײַן בויך זאָלסטו צו עסן געבן און דײַנע געדערעם זאָלסטו אָנפֿילן מיט אָט דער מגילה וואָס איך טו דיר געבן. און איך האָב זי אויפֿגעגעסן און זי איז געווען אין מײַן מויל ווי האָניק פֿאַר זיסקייט"). מען פֿלעגט אויך דערלאַנגען אַ געקאָכט איי וואָס אויף דעם זײַנען געווען אָנגעשריבן פּסוקים פֿון דעם מין. די פּסוקים פֿלעגט מען איבערלייענען און אויסטײַטשן דעם ייִנגל, און דאָס ייִנגל פֿלעגט דערנאָך אויפֿעסן דאָס לעקעכל אָדער דאָס איי; דאָס האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ סגולה צו שאַרפֿן דעם שׂכל און צו שטאַרקן דעם זכּרון. נאָכן פֿאַרענדיקן די דאָזיקע צערעמאָניע פֿלעגט מען דאָס ייִנגל פֿירן צום טײַך אַראָפּ, מחמת פֿליסיק וואַסער האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ סימבאָל פֿון דער תּורה, און דערבײַ פֿלעגט מען זאָגן דעם פּסוק: „יפוצו מעינתיך חוצה ברחובות פלגי מים" (משלי, ה', 16; „זאָלן זיך אויסשפּרייטן דײַנע קוואַלן אין דרויסן אַרויס, איבער די גאַסן אין שטראָמען וואַסער"). נאָך אָט דער שׂמחה פֿלעגט דאָס ייִנגל אָנהייבן גיין כּסדר אין חדר אַרײַן לערנען און פֿלעגט דאָרט שוין פֿאַרברענגען גאַנצע טעג, פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט.

די תּלמידים פֿלעגן גיך זיך אויסלערנען די ערשטע לימודים: דעם אַלף-בית און לייענען טראַף, און נאָך דעם פֿלעגט מען באַלד זיך נעמען פֿאַר לערנען חומש. אָנהייבן פֿלעגט מען פֿון „ויקרא", דער תּורת-כּהנים,

www.libtool.com.cn

הגם לויט זײַן אינהאַלט איז אָט דער ספֿר געווען צום האַרבסטן פֿאַר קינדער און זיי האָבן פֿון אים געקאָנט האָבן ווינציקער הנאה, ווי פֿון די ערשטע צוויי ספֿרים מיט זייערע שיינע מעשׂיות. דאָ האָט געווירקט אַ בלינדע טראַדיציע: מען האָט געמוזט אָנהייבן פֿון דעם חומש, וואָס הייבט זיך אָן מיט מצוות. עס איז געווען נאָך אַ טעם, פֿאַר וואָס מען האָט אָנגעהויבן לערנען „ויקרא": דער רבי האָט זיך געפֿלײַסט צוצופּאַסן דאָס לערנען חומש אין חדר צו די סדרות וואָס מען פֿלעגט לייענען אין שול יעדער שבת, בכדי די קינדער זאָלן הערן די סדרה לייענען עטלעכע מאָל, און „ויקרא" לייענען הייבט מען אָן אַרום פּסח־צײַט, צום אָנהייב פֿון זומערדיקן זמן. אַזוי אַרום איז דאָס לערנען אין חדר געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער עבֿודה אין שול.

דעם חומש פֿלעגט מען אין חדר פֿאַרטײַטשן אויף דער גערעדטער שפּראַך. אויך די תּפֿילות פֿון דאַוונען פֿלעגט מען פֿאַרטײַטשן. ביז צען יאָר פֿלעגן די קינדער לערנען תּנך און אויך דעם אַרמישן תּרגום ווי אַ צוגרייטונג צו דער גמרא. דערנאָך פֿלעגט מען לערנען משנה און גרינגערע מסכתּות פֿון דער גמרא, און לסוף פֿלעגט מען זיך נעמען פֿאַר די האַרבע מסכתּות, וואָס מען האָט שוין געדאַרפֿט האָבן אַ גוטן קאָפּ בכדי זיי צו פֿאַרשטיין. אויב דאָס יִינגל איז ניט געווען גענוג פֿעיִק תּופֿס צו זײַן דעם לימוד פֿון דער גמרא, איז דער מלמד געווען מחויבֿ צו מעלדן וועגן דעם דעם פֿאָטער און פֿאָרלייגן אים אָפּצונעמען דאָס יִינגל פֿון חדר, בכדי עס זאָל ניט זײַן קיין עיכּובֿ פֿאַר די פּעולות פֿון די אַנדערע תּלמידים.

ווען דאָס יִינגל איז געוואָרן בר־מצווה, צו דרײַצן יאָר, האָט זיך געוויינטלעך דערמיט געענדיקט די צײַט פֿון לערנען אין חדר, און די פֿעיִקסטע תּלמידים פֿלעגן אַריבערגיין אין די ישיבֿות צו לערנען תּורה. די בחורים פֿלעגן נעמען וואַנדערן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, צו זוכן פֿאַר זיך אַ ישיבֿה וווּ עס האָט געלערנט אַ באַרימטער ראָש־ישיבֿה. די יונגע ישיבֿה־בחורים, על־פּי־רובֿ קינדער פֿון אָרעמע עלטערן, האָבן אין דער פֿרעמד געלעבט פֿון דער תּמיכה וואָס זיי האָבן געקראָגן פֿון דער קהילה וווּ עס איז געווען די ישיבֿה; זיי האָבן געגעסן קעסט בײַ פֿאַרמעגלעכע בעלי־בתּים, אָדער קהל פֿלעגט צאָלן פֿאַר זייער דירה און קעסט.

דער סדר־הלימוד אין די ישיבֿות איז געווען אַ קאָמבינאַציע פֿון אַ לעקציע מיט געניטונגען. דער ראָש־ישיבֿה פֿלעגט אַלע טאָג „זאָגן אַ שיעור" פֿאַר די תּלמידים: לייענען דעם טעקסט פֿון דער גמרא מיט די מפֿרשים, אַנאַליזירן דעם ענין אָדער די סוגיא און די גאַנצע שקלא־וטריא, שטעלן קשיות און פֿאַרענטפֿערן זיי, אַ מאָל אויך אַרויסדרינגען אַ דין; די תּלמידים

www.litbook.com.cn

פֿלעגן זיך אַרײַנמישן אין דעם פּילפּול, שטעלן פֿון זײַט קשיות, אָפּפֿרעגן דעם רבינס מיינונגען, און ער פֿלעגט ווידער ענטפֿערן זײַנע תירוצים — אַזוי אַז דאָס לערנען פֿלעגט ווערן מגולגל אין אַ דיסקוסיע, וואָס פֿלעגט פֿאַרכאַפּן די גאַנצע אוידיטאָריע. צוויי מעלות האָט געדאַרפֿט האָבן אַ תּלמיד אין דער ישיבֿה: בקיאות (געדענקען וואָס מער דפֿים פֿון דער גמרא), וואָס דאָס האָט געגעבן אַ גוטער זכרון, און חריפֿות — אַ שאַרפֿער קאָפּ מיט אַ פֿלינקער תּפֿיסה, וואָס העלפֿט געפֿינען אַ וועג אין די פֿאַנטערנישן פֿון דעם תּלמודישן פּילפּול. רבנים מיושבֿדיקע, סאָלידע האָבן געהאַלטן מער פֿון בקיאות, פֿון קענען וואָס מער דפֿים און מסכתּות און ספֿרים, אַנדערע פֿאַרקערט האָבן מער ליב געהאַט „פּילפּלא חריפֿתּא", דעם „שאַרפֿן פֿעפֿער", וואָס שאַרפֿט טאַקע דעם שׂכל, אָבער גיט ניט צו קיין ידיעות אין דער תּורה.

מחוץ די שיעורים פֿלעגן די תּלמידים לערנען אין דער ישיבֿה גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, מיט אַ הפֿסקה נאָר אויף צו דאַוונען און צו עסן; אַ סך פֿלעגן פּעריאָדיש, איין אָדער צוויי מאָל אין וואָך, דורכלערנען אַ גאַנצע נאַכט, כּדי מקיים צו זײַן דעם פּסוק „והגית בה יומם ולילה". צווישן די תּלמידים האָבן זיך געפֿונען אויך חתונה געהאַטע יונגע לײַט, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט זייערע משפּחות, כּדי צו לערנען תּורה; אַזעלכע ישיבֿה-לײַט פֿלעגט מען רופֿן „פּרושים" (אָפּגעשיידטע פֿון זייערע משפּחות). די ישיבֿות פֿלעגן זײַן געוויינטלעך אין באַזונדערע בנינים, און אין דעם בנין פֿון דער ישיבֿה פֿלעגן אַ מאָל זײַן אָפּגעטיילט אויך חדרים פֿאַר טייל בחורים צו נעכטיקן. אָפֿט פֿלעגט די ישיבֿה זײַן אין אַ בית-מדרש אָדער אין דער שטוב פֿון דעם ראָש-ישיבֿה.

אין דער ישיבֿה האָט מען געלערנט נאָר גמרא מיט די מפֿרשים און פּוסקים; תּנך פֿלעגט מען לערנען זייער זעלטן; וואָס איז שייך „חכמות חיצוניות" — דיקדוק, מאַטעמאַטיק, רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע — פֿאַר דעם איז שוין גאָר ניט געווען קיין אָרט צווישן די ווענט פֿון דער ישיבֿה. אין דײַטשלאַנד האָט מען אַזעלכע פֿרײַע וויסנשאַפֿטן געקאָנט לערנען נאָר מחוץ דער ישיבֿה; ביכער אויף פֿרעמדע שפּראַכן האָט מען אין דער ישיבֿה ניט אַרײַנגעלאָזט.

מיידלעך פֿלעגט מען האָדעווען גאָר אַנדערש ווי בחורים. מען האָט געזאָרגט נאָר, אַז די מיידלעך זאָלן ווערן פֿרומע ווײַבער און גוטע בעלי-הביתטעס. מיידלעך פֿלעגט מען לערנען נאָר זאָגן עבֿרי, כּדי זיי זאָלן קאָנען דאַוונען. ווי אַ יוצא-מן-הכּלל פֿלעגן זיך טרעפֿן פֿרויען, וואָס האָבן אַליין זיך אויסגעלערנט תּנך און אַפֿילו תּלמוד; דאָס זײַנען על-פּי-רובֿ געווען ווײַבער אָדער טעכטער פֿון רבנים, פֿון אַזעלכע פֿרויען פֿלעגט מען זיך דערציילן חידושים וועגן זייערע כּשרונות. געוויינטלעך אָבער פֿלעגן פֿרויען

קאָנען ניט מער ווי לייענען עבֿרי, אָבער דעם פּירוש־המלות פֿון די תּפֿילות וואָס זיי האָבן געזאָגט האָבן זיי ניט פֿאַרשטאַנען. דערפֿאַר האָבן די רבנים מתּיר געמאַכט ווײַבער צו דאַוונען אויף דער אָרטיקער גערעדטער שפּראַך, און די תּפֿילות וואָס די ווײַבער דאַרפֿן האָבן פֿלעגט מען פֿאַרטײַטשן אויף דער דאָזיקער שפּראַך. דאָס האָט פֿאַרשטייט זיך ניט געשטערט די פֿרויען צו זײַן ייִדישלעך פֿרום אין העכסטן גראַד און אָפּצוהיטן שטרענג די אָן אַ שיעור דינים, וואָס האָבן רעגולירט דאָס לעבן אין שטוב, ווי די דינים וועגן כּשרות, שבת און יום־טובֿ אאַז"וו. די פֿרוי אַליין, וואָס האָט קיין תּורה ניט געקענט, האָט געהאַלטן די תּורה פֿאַר דער העכסטער זאַך אין דער וועלט, האָט געקוקט מיט יראת־הכּבֿוד אויפֿן מאַן אָדער ברודער אָדער זון, וואָס זײַנען געווען לומדים. וואָרעם אין ייִדישקייט איז לומדות געווען גלײַך מיט הייליקייט, און דער פּשוטער ייִדענע האָט גאָר ניט געקאָנט אײַנפֿאַלן צו האָבן איר אייגענע מיינונג וועגן אַזעלכע הויכע ענינים.

בכלל האָט מען צווישן ייִדן אין יענער צײַט שטאַרק געהאַלטן פֿון לומדות. גלײַכלעך האָט מען געשאַצט דעם וואָס האָט געהאַט זײַן אייגנס אַ סך ספֿרים, וואָס אין מיטל־עלטער, איידער עס איז געוואָרן אויסגעפֿונען די בוך־דרוקערײַ, האָבן זיי געקאָנט זײַן נאָר געשריבן מיט דער האַנט און האָבן געקאָסט זייער טײַער. צו אַזאַ בר־מזל פֿלעגן די שכנים כּסדר זיך ווענדן מיט בקשות אויסצולײַען ספֿרים צום לערנען, און אויסלײַען ספֿרים אַנדערע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ מצווה. דער פּראָוואַנסאַלישער שרײַבער, דער באַרימטער איבערזעצער יהודה אבן תּיבון שרײַבט אין דער צוואה צו זײַן זון (סוף 12טער י"ה): „איך האָב זיך אײַנגעשאַפֿט אַ סך ספֿרים און האָב געגעבן דיר די מעגלעכקייט צו לערנען, אָן דעם אַז דו זאָלסט דאַרפֿן אָנקומען צו אַנטלײַען בײַ לײַטן. דו ביסט ניט געצוווּנגען אַרומצו־לויפֿן און צו זוכן אַ נייטיקן ספֿר, ווי דער גרעסטער טייל פֿון די תּלמידים, וואָס זוכן און געפֿינען אָפֿט ניט. פֿאַרקערט, דו ביסט בּיכולת אויסצולײַען דײַנע חבֿרים ספֿרים פֿון אַלע צווײַגן פֿון וויסן... איך להבא, ווען מען וועט זיך ווענדן צו דיר מיט אַזעלכע בקשות, זאָלסטו קיין מאָל ניט ענטפֿערן: ניין, וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זײַנען ניט אין שטאַנד צו קויפֿן קיין ספֿרים; דו דאַרפֿסט זיך נאָר זען פֿאַרזיכערן, אַז מען זאָל דעם ספֿר דיר אומקערן". אין דער צוואה ווערן געגעבן בפּרטיותדיקע כּללים, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דער ביבליאָטעק, ווי אַזוי צו היטן די ספֿרים, ווי אַזוי צו האַלטן זיי אין אַלמערס אין אַ סדר און צו מאַכן אַ סיסטעמאַ־טישע רשימה פֿון זיי. זײַן באַהאַוונט אין ספֿרים איז אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אָפֿט מאָל געווען אַ לײַדנשאַפֿט און אַ ספּאָרט. עס האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיזם סײַ אין זײַנע מעלות, סײַ

www.libtool.com.cn

אין זײַנע חסרונות. דער פֿאַרצײַטיקער ביטול בנוגע דעם „עם-הארץ", דעם פּראָסטאַק, האָט געשטעקט טיף אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אויסדערווײלטע. די קלאַסן-אײַנטײלונג אויף אָרעם און רײַך איז דאָ ניט געווען אַזוי שאַרף, ווי די טײלונג אויף למדן און עם-הארץ.

## § 71. מידות און מוסר-ליטעראַטור

פֿון דער מוסר-ליטעראַטור פֿון מיטל-עלטער קאָן מען אַ סך אָפּלערנען וועגן די מנהגים, גלייבעניש און מידות, וואָס זײַנען געווען אײַנגעוואָרצלט אין פֿאָלק, און אויך וועגן די פֿאָדערונגען, וואָס די גײַסטלעכע פֿירער פֿון פֿאָלק האָבן צו דעם געשטעלט אין דעם דאָזיקן פּרט. עס ווערן דאָ אָפּגעשפּיגלט הן דער אידעאַלער שטייגער און הן דער ממשדיקער, הן די העכסטע מאָראַליש-רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען און הן אַזעלכע גלייבענישן פֿון פֿאָלק מיט די שײַכותדיקע מנהגים, וואָס קערן זיך גאָר ווינציק אָן מיט רעליגיע און מאָראַל. מיר האָבן שוין געזען דעם דאָזיקן אויסגעמיש פֿון די העטעראָגענע פֿאָרשטעלונגען אין דעם גרונדבוך פֿון דער דײַטש-ייִדישער מאָראַל, דעם „ספֿר חסידים", וואָס ווײַזט די צײַט פֿון די קרייצצוגן (ב׳ I, § 40). עס איז נאָך נייטיק ממלא צו זײַן דאָס בילד פֿון די מידות אויפֿן סמך פֿון שפּעטערע ווערק פֿון דעם זעלביקן מין אין פֿאַרשיידענע לענדער.

אין דער אייביקער מלחמה וואָס גייט אָן צווישן די סאָציאַלע קלאַסן שטעלן זיך די בעלי-המוסר פֿון יענער צײַט געווייגטלעך אויפֿן צד פֿון די אָרעמע לײַט קעגן די גבֿירים. אין שפּאַניע, פּראָוואַנס און איטאַליע מוסרן די שרײַבערס די רײַכע לײַט, וואָס זיי רײַסן אויף די אויגן מיט זייער לוקסוס און זײַנען שטענדיק להוט נאָך רווחים. ר׳ שלמה עלאמי האַלט, אַז אין אַלע צרות, וואָס עס האָבן געטראָפֿן די ייִדן אין שפּאַניע, זײַנען שולדיק די ייִדישע מוכסים און פֿינאַנסיסטן, וואָס האָבן ניט אַנדערש געוואָלט שפּילן די ראָלע פֿון שפּאַנישע גראַנדן (אויבן, § 35). דער איטאַליענישער פּאָעט עמנואל רומי שיקט אַרײַן אין זײַן „תּופֿת ועדן" אין גיהנם דעם גבֿיר, וואָס האָט אָנגעקליבן געלט דורך עוולות, אויסגעבויט זיך אַ פּאַלאַץ, האָט געפּראַוועט סעודות און זיך משׂמח געווען און איז געווען טויב צו די געבעטן פֿון אָרעמע לײַט, יתומים און אַלמנות; די מלאַכי-חבלה טראָגן אַריבער אָט דעם חוטא פֿון גיהנם אין זײַן אייגענעם הויז אַרײַן אין אַנקאָנע, און דאָרט זעט ער, ווי זײַן אַלמנה האָט איצט מיט איר נײַעם מאַן הנאה פֿון דעם גוטס וואָס ער האָט אָנגעקליבן און וואָס דערפֿאַר מוז ער איצט זיך בראָטן אין גיהנם. דאָ זײַנען כאַראַקטעריסטיש די שאַטירונגען: דער שפּאַנישער נגיד, דער מוכסן אָדער באַנקיר, וואָס איז אַ קרובֿ-למלכות, רופֿט אַרויס קנאה-שׂנאה

www.libtool.com.cn

דורך זײַן לוקסוס וואָס שטעכט די אויגן, דורך די רײַך פּאַרפּוצטע בגדים פֿון זײַן משפּחה, דורך די גרויסאַרטיקע קאַראָטן און געשפּאַנען; דער איטאַליענישער גביר, וואָס איז נתעשר געוואָרן פֿון פּריוואַטע קרעדיט־אָפּעראַציעס (מוכסים און אָפֿיציעלע פֿינאַנציעלע אַגענטן זײַנען ייִדן געווען זייער זעלטן אין איטאַליע), לעבט אַ גוטן טאָג אין דעם קרײַז פֿון זײַן קהילה און שטופּט זיך ניט דורכצוקריכן אין דער קריסטלעכער אַריסטאָקראַטיע אַרײַן; צו אים האָט מען טענות נאָר, פֿאַר וואָס ער איז צו פֿיל אַרײַנגעטאָן אין עולם־הזה און שפּירט ניט קיין פֿרעמדנס נויט. אויף אַ דריטער מדרגה שטייט אַ ייִד אַן עושר אין דײַטשלאַנד: דרויסן מחוץ דעם ייִדישן קוואַרטאַל איז ער פּונקט אַזאַ „נבֿזהדיקער ייִד", ווי אַלע איבעריקע: מיט די שׂררות און מיט דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט האָט ער אַ מגע־ומשׂא נאָר אין געשעפֿטן, און צווישן די אייגענע פֿירט ער אַ באַשיידן לעבן, ווי ווײַט דער גאַנצער סדר פֿון לעבן איז אין דײַטשלאַנד באַשיידענער ווי אין דרום; ער שטייט נעענטער צו דער פֿאָלקסמאַסע, און דערפֿאַר באַנעמט ער בעסער און נעמט זיך מער צום האַרצן אירע נויטן. דאָ באַדאַרף דער שטרענגער בעל־מוסר מערניט רעדן וועגן די פֿאָרמען פֿון צדקה. אין דעם „ספֿר חסידים" ווערן אָפּט דערמאָנט די „גבאי צדקה", וואָס קלײַבן געלט און טיילן דאָס אויף צדקה, און עס גייט כּסדר די רייד וועגן דעם, ווי אַ ז וי דאַרף מען העלפֿן אָרעמע לײַט. אַ סך בכּבֿודיקע בעלי־בתּים וואָס זײַנען געוואָרן יורדים פֿלעגן קריגן תּמיכה באַהאַלטענערהייט, אַ „מתּן־בסתר", מחמת עס איז פֿאַר זיי געווען אַ בזיון אָפֿן אָנצוקומען צו קהלשער קיצבֿה. איבער אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגן די גבאים אָפֿט מאָל האָבן אויסצושטיין טענות אויף די אַסיפֿות פֿון דער קהילה, ווען זיי פֿלעגן מוזן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פֿון דעם צונויפֿגעקליבענעם צדקה־געלט, ווײַל זיי פֿלעגן ניט וועלן אויסזאָגן די נעמען פֿון אייניקע מענטשן וואָס האָבן געקראָגן תּמיכה, — און דער בעל־מוסר זאָגט: „עס איז בילכער, אַז דער גבאי זאָל לײַדן פֿון אַ פֿאַלשן חשד, איידער מען זאָל מבייש זײַן דעם אָרעמאַן וואָס באַקומט תּמיכה". עס ווערן דערציילט מעשׂיות פֿון גרויסע תּלמידי־חכמים, וואָס פֿלעגן אַ מאָל אין דער פֿרעמד ניט אויסזאָגן וועגן דעם, אַז זיי זײַנען לומדים און פֿלעגן קריגן נדבֿות באַגלײַך מיט אַנדערע אָרעמע לײַט. אַ מאָל האָט מען בײַ איינעם אַ תּלמיד־חכם געפֿרעגט, ווען מען איז לסוף געוואָר געוואָרן ווער ער איז, פֿאַר וואָס האָט ער ניט אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ בן־תּורה, האָט ער געענטפֿערט: מען וואָלט דאָך דעמאָלט מיר געגעבן אַ גרעסערע נדבֿה פֿאַר מײַן תּורה, און איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיר פֿאַר מײַן תּורה באַצאָלן. טון צדקה אויף אויסצופּײַנען זיך אָדער געבן אַ נדבֿה מיט דער כּוונה צו קריגן שׂכר פֿון גאָט האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַן עבֿרה. „זאָל דער מענטש, וואָס האָט באַגזלט זײַן חבֿר,

www.libtool.com.cn

ניט מײנען, אַז אויב ער וועט דאָס געלט אָװעקגעבן אויף צדקה פֿאַר אָרעמע לײַט, וועט מען אים דעם חטא מוחל זײַן. בעסער איז גאָרניט גזלען און ווינציק מנדב זײַן, איידער גזלען אַ ביסל און מנדב זײַן אַ סך". הגם די בעלי־מוסר האָבן הויך געהאַלטן אַ למדן, פֿון דעסט וועגן גיבן זיי אים ניט קיין עצה אײַנצולאָזן די אַרבעט וואָס ער ציט פֿון איר חיונה. „אַ בעל־הבית פֿון אַ פֿעלד אָדער אַ ווײַנגאָרטן, וואָס לערנט תורה אין דער צײַט, ווען מען מוז אַראָפּנעמען די תּבֿואה אָדער קלײַבן ווײַנטרויבן, טוט ניט על־פּי־שׂכל. ער האָט פֿריִער געדאַרפֿט פֿאַרנעמען זיך מיט עסקים, און דערנאָך מיט תורה".

די פּאָפּולערע ספֿרים פֿון 15טן יאָרהונדערט „אורחות צדיקים" און „זיטנבוך" (אויבן, § 48) כאַראַקטעריזירן די אידעאַלן פֿון די דײַטש־ייִדישע בעלי־מוסר פֿון יענער צײַט. באַשיידנקייט, אײַנגעהאַלטנקייט, ערלעכקייט און אמתדיקייט – דאָס זײַנען די הויפּט־יסודות פֿון דער מאָראַל. צו גרויסע ליבשאַפֿט איז שעדלעך: עלטערן, וואָס האָבן צו פֿיל ליב זייערע קינדער, פֿאַרצערטלען זיי, מאַכן זיי צעלאָזן און שטופּן זיי אַרויף אויף אַ שלעכטן וועג; אַ צו גרויסער חשק צו געלט שטופּט צו פֿאַרברעכנס, עקספּלואַטאַציע און אָפּנאַרערײַ. ליבשאַפֿט צו מענטשן לאָ די וואָס זי איז איידל און פֿײַן, נאָר זי ברענגט נאָך אַ טובֿה דעם מענטשן, וואָרעם אויב עמעצער האָט ליב אַנדערע מענטשן, וועלן די אַנדערע אויך אים ליב האָבן און וועלן אים העלפֿן; איטלעכער מענטש באַדאַרף שטרעבן דערצו, אַז „ער זאָל זײַן מער נוציק פֿאַר אַנדערע, ווי אַנדערע פֿאַר אים". פֿון אַ געדונגענעם פּועל טאָר מען ניט פֿאָדערן, ער זאָל אַרבעטן איבער די כּוחות; אַפֿילו מיט באַדינערס גויים מוז מען זיך באַגיין איידל און אויסהערן געדולדיק זייערע פֿאָדערונגען. אַבסאָלוטע ערלעכקייט און יושר אין דעם משׂא־ומתּן מיט מענטשן איז אַ מוז, באַזונדערס אין געשעפֿטן מיט אַ גוי: מען טאָר ניט אויסנוצן זײַן טעות אין מקח־וממכּר, מחמת אַן עוולה לגבי דעם גוי איז אַ פֿאַרשוועכונג פֿון דער ייִדישער אמונה, ווײַל מען וועט די שלעכטע מעשׂים פֿון אירע אָנהענ־גער אַרויפֿוואַרפֿן אויף איר, עס וועט קומען צו אַ „חילול־השם". די גערעכ־טיקייט מוז זײַן ניט בלויז אַ דרויסנדיקע, זי מוז זײַן אויך אַן אינעווייי־ניקסטע: מען טאָר ניט טון באַהאַלטענערהייט דאָס, וואָס אַ מענטש וואָלט זיך געשעמט צו דערציילן אַנדערע. מכּוח דעם ווערט דערציילט אַזאַ מעשׂה. איינער אַ גרויסער חוטא האָט געוואָלט תּשובֿה טון און האָט זיך געווענדט צו אַ חכם מיט אַזאַ בקשה: איך האָב ביז איצט ניט מקיים געווען קיין איין מצווה, און איך זאָג אויך להבא ניט צו מקיים צו זײַן אַלע מצוות, אָבער איין מצווה וואָס איר וועט מיר אָנווײַזן בין איך גרייט צו היטן. האָט דער חכם געענטפֿערט: זאָג ניט קיין ליגן, נאָר זאָג שטענדיק דעם אמת, וועסטו האָבן אַ כּפּרה אויף אַלע דײַנע זינד. האָט דער בעל־תּשובֿה צוגעזאָגט

www.libtool.com.cn

און איז אַוועקגעגאַנגען. אונטער וועגס האָט ער געזען אַ בית־הזונות. האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז קיינער איז ניטאָ, האָט ער אַ קלער געטאָן, צי זאָל ער ניט אַרײַנגיין אין דעם אָרט וואָס איז אים באַקאַנט, נאָר תּוך־כּדי־דיבור האָט ער זיך דערמאָנט אָן זײַן צוזאָג און האָט אַ טראַכט געטאָן: איך האָב דאָך צוגעזאָגט ניט צו זאָגן קיין ליגן, און אויב עמעצער וואָלט מיך געטראָפֿן אין אָט דעם הויז און וואָלט בײַ מיר געפֿרעגט, וואָס טו איך דאָ, וואָלט איך דאָך געמוזט זאָגן אַ ליגן, — ממילא טאָר איך אין דעם הויז ניט אַרײַנגיין. ווײַטער האָט ער בײַ איטלעכן נסיון וואָס איז געקומען צו אים געמוזט זיך אָפּשטעלן אויפֿן געדאַנק, אַז וואָס פֿאַר אַן עבֿרה ער זאָל ניט טון, וועט ער ניט אַנדערש מוזן זאָגן ליגן. אַזוי איז ער בהדרגה געוואָרן אַן ערלעכער ייִד נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט זײַן אַן אמתער מענטש.

אינטימע עצות, וואָס זײַנען שייך צום געזונט פֿון גוף און נשמה, פֿלעגן ווערן געגעבן אין צוואות, געווענדט צו די מיטגלידער פֿון הויזגעזינד. צווישן זיי זײַנען באַוווּסט די צוואות פֿון דעם דײַטש־שפּאַנישן רבֿ ר׳ אָשר בן יחיאל, אָדער דער ראַ"ש, פֿון זײַנע זין ר׳ יהודה און ר׳ יעקבֿ, דעם מחבר פֿון די פֿיר „טורים", און פֿון דעם מאַינצער רבֿ ר׳ אליעזר הלוי. אַלע בעלי־צוואה פֿלײַסן זיך צו וואָרענען זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זײַן ביז גאָר אײַנגעהאַלטן בײַם באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון גוף, וואָרעם דערמיט קאָן מען דערגרייכן צו דער דערהייבונג פֿון דער נשמה. „איך בעט, — שרײַבט דער מאַינצער רבֿ, — אַז מײַנע זין און מײַנע טעכטער זאָלן טון אָט וואָס: אין דער פֿרי און פֿאַר נאַכט זאָלן זיי גיין אין שול אַרײַן און זאָלן זײַן זייער אָפּגעהיט מיטן דאַוונען; נאָכן דאַוונען זאָלן זיי כאַפּטש אַ ביסל עוסק זײַן אין תּורה, זאָגן תּהילים אָדער טון גמילות־חסדים; זיי זאָלן ערלעך און מיט געוויסן האַנדלען מיט מענטשן, אַפֿילו מיט גויים; זיי זאָלן זײַן צוגעלאָזט און פֿרײַנדלעך צו מענטשן, וואָס קומען צו זיי מיט אַ בקשה; זיי זאָלן ניט רעדן קיין איבעריקע זאַכן און דורך דעם וועלן זיי פּטור ווערן פֿון לשון־הרע, ליגן און סתּם דבֿרים בטלים; געבן מעשׂר (צדקה פֿאַר אָרעמע לײַט) פּינקטלעך, ניט אָפּזאָגן אַפֿילו קיין איין אָרעמאַן ניט און העלפֿן אים כאָטש מיט וואָס עס איז... די ווײַבער דאַרפֿן אָפּגעבן כּבֿוד און פֿאָלגן די מענער, און די מענער זאָלן ליב האָבן און שאַצן זייערע ווײַבער און ניט בייזערן זיך אויף זיי... זאָלן מײַנע זין און מײַנע טעכטער זיך פֿלײַסן צו וווינען אין אַ שטאָט, וווּ עס איז פֿאַראַן אַ ייִדישע קהילה, בכדי אַז זייערע קינדער זאָלן איבערנעמען ייִדישע מנהגים. זאָלן זיי מיט זייערע קינדער לערנען תּורה, אַפֿילו ווען זיי זאָלן צוליב דעם מוזן אַרומגיין איבער די הײַזער נאָך נדבֿות, און זאָלן זיי אָפּהיטן די קינדער פֿון בטלען צײַט אומזיסט...

www.libtool.com.cn

קינדער מײַנע, עסט און טרינקט נאָר אַזוי פיל וויפיל מען דאַרף האָבן און פטרט ניט דערויף צו פיל געלט. יאָגט זיך ניט נאָך געלט און נאָך עשירות, נאָר זײַט צופרידן מיט אײַער חלק און דערמיט וואָס איר קאָנט דעקן די הוצאות כאָטש אויף דער העלפט פון די הצטרכותן, ווי עס האָבן געעצהט אונדזערע חכמים. נאָר געווײנט זיך צו אַליין און געוויינט אײַן אײַערע זין און אײַערע טעכטער זיך אָנצוטון שיין און ריין... האַלט אויף ריינקייט בײַ אײַך אין שטוב, אַזוי ווי איך אַליין האָב וועגן דעם געזאָרגט, וואָרעם כלערליי מזיקים און כלערליי קרענק שטייען אײַן אין שמוציקע הײַזער: „עסן פאַרן מענטשן איז אַזוי ווי אייל פאַרן לאָמפּ: איז פאַראַן אייל אין דער געהעריקער מאָס ברענט דער קנויט, טאָמער איז ווינציק, ווערט ער פאַרלאָשן, טאָמער צו פיל, ווערט ער נאָך גיכער פאַרלאָשן... שפילן צוליב געווינען געלט טאָר מען ניט, ווײַל דאָס איז פשוט גזלה".

אין שפאַניע האָבן די בעלי-מוסר פירגעטראָגן זייער מוסר אין סיסטעמאַטישע ווערק. אין אָנהייב 14טן י״ה איז געוואָרן צונויפגעשטעלט אַ מוסר-ספר אין אַ גרויסן פאַרנעם מיטן טיטל „מנורת המאור", וואָס אין אים האָט ר׳ יצחק אבוהב דער ערשטער [1] געוואָלט באַשאַפן פונקט אַזאַ קאָדעקס פון דער אַגדה, ווי דער רמבם האָט געשאַפן פאַר דער תּלמודישער הלכה. אין די זיבן שערים פון דעם ספר („שבעת קני המנורה") זײַנען אויסגעשטעלט אַלע מאָראַלישע מצוות אין מימרות, משלים און אַגדות פון תּלמוד און מדרש, אַזוי אַז צוליב פראַקטישע צוועקן קאָן דער ספר באמת פאַרבײַטן אָט די אַלטע מקורים, וואָס דאָרט איז אַלץ אָנגעקליבן אָן אַ סיסטעם און אָן אַ פּלאַן. אויך דאָ האָט די פעיִקייט צו סיסטעמאַטיזירן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ספרדים, געגעבן אַ געהויבענעם רעזולטאַט. אין שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער האָבן די אשכנזים געמאַכט דעם ספר צו טריטלעך פאַר די ברייטע מאַסן דורך איבערזעצן אים אויף ייִדיש. לויט זײַן שטימונג שטייט טאַקע דער מחבר נעענטער צו די דײַטשע מאָראַליסטן, ווי צו די שפאַנישע: זײַן נטיה צו דער אַסקעטישער מאָראַל דערנעענטערט אים צו די באַשעפערס פון דעם „ספר חסידים".

לעבן אָט דער ליטעראַטור פאַרן פאָלק איז אין שפאַניע און פּראָוואַנס געווען נאָך אַ פילאָסאָפיש-מאָראַליסטישע ליטעראַטור פאַר דער אינטעליגענץ. מענטשן מיט פילאָסאָפישער בילדונג, וואָס האָבן געשעפט זייערע אידעען פון די ווערק פון אַריסטאָטעלעסן, איבן-ראָשדן און דעם רמבם, האָבן פון

---

1 אַפּצושיידן פון אַ שפּעטערדיקן רבֿ מיטן זעלביקן נאָמען, וואָס איז געשטאַנען בראָש פון אַ גרופּע פאַרטריבענע, וואָס זײַנען אין יאָר 1492 אַוועק פון שפּאַניע קיין פּאָרטוגאַל (אויבן, § 56).

www.libtool.com.cn

דאָרט געקאָנט שעפּן אויך מאַטעריאַל פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער באַגרינדונג פון מאָראַל, ווי די „היגיענע פון גוף און נשמה". פון די לערנונגען פון די גריכישע, אינדישע און אַראַבישע פילאָסאָפן אויסגעמישט מיט דער „געטלעכער חכמה" פון תּנך איז געוואָרן געבויט אַן אוניווערסאַלע לעבנס-פילאָסאָפיע. אַזעלכע מוסר-שפּראָכן און אַפאָריזמען, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז איטלעכער געבילדעטער מענטש דאַרף זיי וויסן, זײַנען געוואָרן פאַרשפּרייט אין באַזונדערע סיסטעמאַטישע זאַמלביכער, אונטערן טיטל „מוסר הפילוסופים", „מבחר הפנינים" („אויסקלײַב פון פּערל"). אָפט מאָל פלעגט מען זיי אַרײַנפלעכטן אין אַנעקדאָטישע אָדער דידאַקטישע דערציילונגען, אַ שטייגער ווי די זאַמלונג פון דעם באַרצעלאָנער דאָקטאָר יוסף זברה „ספר שעשועים" אָדער דאָס ווערק פון אַ צווייטן באַרצעלאָנער, אַבֿרהם בן חסדאי „בן המלך והנזיר". דער דאָזיקער ספר, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 13טן י"ה, איז אַן איבעראַרבעטונג פון אַן אינדישער דידאַקטישער דערציילונג, וואָס איז אין פאַרשיידענע נוסחאות דורכגעגאַנגען איבער גאַנץ אייראָפּע אונטערן נאָמען „באַרלאַאַם און יאָסאַפאַט" און האָט אַרײַנגענומען העלעניסטישע, אַראַבישע און קריסטלעכע עלעמענטן. אין אַ געבילדעטער געזעלשאַפט האָט זיך גערעכנט פאַר אַ סימן פון לײַטישקייט צו ציטירן אויף אויסווייניק אַזעלכע מימרות אָדער אַנעקדאָטן, וואָס די חריפותדיקע פאָרם אין זיי איז געוואָרן געשאַצט ניט ווינציקער ווי דער באַלערנענדיקער אינהאַלט. די ווײַטער געבראַכטע מוסטערן פון דער רײַכער קאָלעקציע פון אַזעלכע ווײַט פאַרשפּרייטע מוסר-שפּראָכן קאָנען כאַראַקטעריזירן דעם וועלטקוק, די נטיות און די גוסטן פון דער דעמאָלטיקער פילאָסאָפירנדיקער אינטעליגענץ:

„מען האָט געפרעגט בײַ אַ חכם: ווי אַזוי ביסטו געקומען צו גרעסערע ידיעות ווי דײַנע חבֿרים? האָט ער געענטפערט: ווײַל איך האָב אויסגעגעבן מער אויף אייל [פאַרן לאָמפּ צו לערנען בײַ נאַכט], ווי זיי אויף ווײַן". — „אַ מענטש איז אַ חכם, כּל-זמן ער זוכט וויסן, נאָר ער ווערט אַ שוטה, ווען ער מיינט, אַז ער האָט שוין דערגרייכט צו וויסן". — „פאַר וואָס קלאַפּן חכמים אָפטער בײַ די טירן פון נגידים, ווי נגידים בײַ די טירן פון חכמים? ווײַל די חכמים פאַרשטייען דעם באַטײַט פון עשירות און די נגידים פאַרשטייען ניט דעם באַטײַט פון חכמה". — „לערן מיט דעם וואָס ווייס ניט און לערן זיך אַליין בײַ דעם וואָס ווייס מער, דעמאָלט וועסטו געוואָר ווערן דאָס, וואָס דו האָסט פריִער ניט געוווּסט, און דו וועסט פאַרגעדענקען דאָס, וואָס דו האָסט געוווּסט". — „אַ נאַר באַשולדיקט אין זײַן דורכפאַל אַנדערע, אַ קלוגער זיך אַליין, אַ פרומער — ניט זיך, ניט אַנדערע [ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָטס רצון]". — „די רײַנקייט פון דער נשמה איז בילכער פאַר דער רײַנקייט פון קעשענע". — „העלף אַלעמען, סײַ די וואָס

www.libtool.com.cn

זײַנען ראוי, סײַ די וואָס זײַנען ניט ראוי דערצו, וואָרעם אויב עמעצער איז ניט ראוי צו דײַן הילף, ביסטו אָבער ראוי די הילף צו געבן". — „מען האָט געפֿרעגט בײַ אַ חכם, וועמען האָט ער באַזונדערס צו דאַנקען, האָט ער געענטפֿערט: דעם וואָס האָט מיר געטון אַ טובֿה און דעם וואָס איך האָב אים געטון אַ טובֿה". — „אַ סוד וואָס מען האָט דיר איבערגעגעבן מוז זײַן געפֿאַנגען בײַ דיר, נאָר אויב דו האָסט אים אויסגעזאָגט, ביסטו געפֿאַנגען בײַ אים". — „נאָר איין מאָל קענסטו חרטה האָבן דערויף, וואָס דו האָסט פֿאַרשוויגן, נאָר אַ סך מאָל קאָנסטו חרטה האָבן דערויף, וואָס דו האָסט גערעדט". — „אַ חכם האָט געזאָגט: „איך חידוש זיך איבער די מענטשן, וואָס קויפֿן קנעכט פֿאַר געלט און קויפֿן ניט [בינדן ניט צו צו זיך] פֿרײַע מענטשן דורך טובֿות". — „מײַד אויס אָפֿטע באַזוכן בײַ גוטע פֿרײַנד, ווײַל דאָס איז אַ סיבה פֿאַר אָפּקילונג פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט: אַן אָפֿטער רעגן ווערט דאָך דערעסן, און ווען רעגנס זײַנען זעלטן, איז מען מתפּלל, זיי זאָלן קומען". — „אויב מענטשן טוען דיך לויבן ניט לויט דײַנע פֿאַרדינסטן, מוזטו זײַן טרויעריק, און ניט פֿרייען זיך". — „פֿאַרלאָז זיך ניט אויף אַ מענטשן וואָס לויבט דיך פֿאַר מעלות, וואָס דו האָסט ניט". — „אָט אין וואָסערע פֿאַלן אַ מענטש דאַרף וואַרפֿן די שולד פֿאַר די פּגעים וואָס קאָנען אים טרעפֿן נאָר אויף זיך אַליין: ווער עס קומט צו אַ סעודה ניט געבעטענערהייט, ווער עס שאַפֿט זיך אין אַ פֿרעמדנס הויז, בעת דער בעל־הבית איז דערבײַ, ווער עס וויל פּועלן בײַ זײַן שונא, ער זאָל אים אָפּגעבן כּבֿוד, ווער עס מישט זיך אַרײַן ניט געבעטענערהייט אין אַ פֿרעמדן שמועס, ווער עס פֿאַרנעמט אַן אָרט ניט לויט זײַן ראַנג און ווער עס דערציילט עפּעס איינעם, וואָס וויל ניט הערן". — „ווער איז דער ערגסטער פֿון אַלע מענטשן? דער וואָס האַלט זיך פֿאַרן בעסטן". — „איך עס, בכדי צו לעבן, און ניט איך לעב, בכדי צו עסן". — „זײַט אָפּגעהיט אין עסן פֿלייש און מאַכט ניט אײַער מאָגן פֿאַר אַ פּלאַץ צו באַגראָבן בהמות". — „וויסן מאַכט דיך פֿאַר אַ האַר איבער דעם דרויסנדיקן אַרום, און די תּאווה מאַכט דיך פֿאַר אַ קנעכט פֿון דעם דרויסנדיקן אַרום". — „גרייט זיך צו יענער וועלט אַזוי, ווי דו וואָלסט באַדאַרפֿט שטאַרבן מאָרגן; גרייט זיך צו דער וועלט, אַזוי ווי דו וואָלסט באַדאַרפֿט לעבן אייביק". „וואָסער אמת טאָר מען ניט זאָגן? לויבן זיך אַליין".

אַ סך פֿאַרשטאַנד און לעבנס-געניטשאַפֿט האָט געשטעקט אין אַזעלכע מימרות, וואָס אין דעם פּראָצעס פֿון זייער פֿאַרשפּרייטונג זײַנען זיי אַזוי איבערגעאַרבעט געוואָרן, אַז זיי קאָנען גערעכנט ווערן פֿאַר אַ פּראָדוקט פֿון קאָלעקטיווער שאַפֿונג. דאָס פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַר צײַטן געשאַפֿן די „משל־

www.libtool.com.cn

שלמה״ און „חכמת בן-סירא״, האָט געקאָנט אויך זײַן אײגענעם שטייגער אויפֿנעמען און איבעראַרבעטן די עטישע חכמה פֿון אַנדערע פֿעלקער. די עטישע מוסטערן זײַנען אַוודאי געשטאַנען העכער פֿאַר דער פֿאַקטישער מאָראַל, אָבער לויט זיי קאָנען מיר דערקענען די גײַסטיקע שטימונג פֿון יענע, וואָס האָבן אין זייערע שריפֿטן און דרשות אַרויסגעשטעלט די הויכע אידעאַלן פֿון מאָראַל, פֿאַרשיידן לויט דער פֿאָרם, אָבער איינהייטלעך לויטן מהות אין אַלע לענדער פֿון גלות, פֿון שפּאַניע ביז דײַטשלאַנד.

---

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# הוספות

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# איבערבליק איבער די מקורים און ליטעראַטור

דער ייִדישער היסטאָריקער, וואָס איז אין זײַן אַרבעט דערגאַנגען ביזן שפּעטן מיטל־עלטער, קאָן זיך ניט באַקלאָגן, ווי אין די פֿריִערדיקע אָפּטיילן, אַז עס פֿעלן אויס מקורים. אַדרבא, אין אייניקע געביטן איז פֿאַראַן מאַטעריאַל אין אַזאַ שפֿע, אַז אין גאַנצן אויסניצן אים איז מיגלעך נאָר אין ספּעציעלע מאָנאָגראַפֿיעס, אָבער ניט אין אַן אַלגעמיינעם סינטעטישן ווערק. שוועריקייטן קומען דאָ אַרויס נאָר פֿון דעם, וואָס דער פֿאַרעפֿנטלעכטער מאַטעריאַל איז ניט גלײַכמעסיק אָדער ער איז איינזײַטיק, וואָס טייל מאָמענטן זײַנען פֿירגעשטעלט מער ווייניקער קלאָר, בעת אַנדערע ווידער בלײַבן אין שאָטן. אין דעם געביט פֿון דער סאָציאַלער געשיכטע מאַכט קודם־כּל אַן אײַנדרוק, וואָס די ייִדישע מקורים זײַנען קנאַפּ ביז גאָר לגבי די ניט־ייִדישע מקורים. אַנטקעגן די פֿיל טויזנטער אַקטן און דאָקומענטן פֿון די מלוכישע און שטאָטישע אַרכיוון איז געבליבן אַ נישטיקע צאָל ידיעות פֿון ייִדישע קהלשע אַרכיוון, וואָס זײַנען צום גרעסטן טייל פֿאַרשווונדן געוואָרן אין יענע יאָרהונדערטער פֿון פּורעניות און גירושים. אין פּרט פֿון כראָנאָגראַפֿיע פֿאַרמאָגן מיר ניט, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, קיין גענוגן סכום סיסטעמאַטישע כראָניקעס פֿאַרן משך פֿון דער גאַנצער תּקופֿה וואָס ווערט דאָ געשילדערט (13טער – 15טער יאָרהונדערט). און מיר זײַנען ניט שטענדיק ביכולת צו קאָנטראָלירן די טענדענציעזע ידיעות פֿון די קריסטלעכע כראָניסטן דורך קאָנפֿראָנטירן זיי מיט ייִדישע עדות. פּונקט ווי מיר האָבן ניט געהאַט קיין געזיכערטע שאַצקאַמערן אויף צו היטן די אָפֿיציעלע אַקטן, אַזוי האָבן מיר אויך ניט געהאַט קיין שטענדיקן אינסטיטוט פֿון כראָניסטן, ווי דאָס זײַנען געווען די קריסטלעכע מאָנאַכן אָדער די הויפֿישע „היסטאָריאָגראַפֿן". פֿאַר דעם היסטאָריקער פֿון דער אַלוועלטלעכער דיאַספּאָרע איז דאָס אַ באַזונדער שוועריקייט, וואָס עס זײַנען אַזוי ווינציק פֿאַראַן מאָנאָגראַפֿיעס צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין די איינציקע לענדער, וואָס אויף זייער סמך דאַרף ווערן געבויט די אַלגעמיינע געשיכטע. גענוג צו זאָגן, אַז מיר האָבן נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט קיין גאַנצע ווערק וועגן דער געשיכטע פֿון אַזעלכע גרויסע צענטערס ווי דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און איטאַליע. מען מוז אָנקומען צו

www.libtool.com.cn

מאָנאָגראַפֿיעס וועגן איינציקע פּראָווינצן אָדער קהילות און לויט זיי שאַפֿן אַ בילד פֿון דעם עבֿר אין געגעבענעם לאַנד, בכדי דערנאָך אַרײַנצושטעלן אַט דאָס לאַנד אין דער ריי פֿון קאָמפּאָנענטן, וואָס זייער סומע מאַכט אויס די אַלגעמיינע געשיכטע. דער מחבר פֿון אַזאַ געשיכטע איז אָפֿט מאָל געצוווּנגען אָפּצורײַסן זיך פֿון זײַן אַרבעט פֿון אַן אַרכיטעקט צוליב אַ צוגרייטנ־דיקער באַאַרבעטונג פֿון דעם רויען מאַטעריאַל.

מיר וועלן דאָ באַטראַכטן אין דעם אויבן אָנגעוויזענעם סדר איטלעכע גרופּע פֿון די מקורים און ליטעראַטור צוליב דער געשיכטע פֿון דעם פּעריאָד, וואָס ווערט באַשריבן אין דעם איצטיקן באַנד.

## 1. אַקטן און רעגעסטן

מיר הייבן אָן פֿון די העגעמאָנישע צענטערס פֿון דעם געגעבענעם פּעריאָד: שפּאַניע, פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד, און דערנאָך וועלן מיר אַריבערגיין צו די אַנדערע לענדער.

אין שפּאַניע האָט מען ערשט די לעצטע יאָרצענדליגער אָנגעהויבן צו קלײַבן דעם אַקטן־מאַטעריאַל. די אַרבעט האָט אָנגעהויבן דער ענגלישער היסטאָריקער דזשאָזעף דזשעקאָבס, אַליין לויט זײַן אָפּשטאַם אַ ספרדי, וואָס האָט אין יאָר 1888 געמאַכט אַ נסיעה קיין שפּאַניע, בכדי דורכצופֿאָרשן די דאָרטיקע אַרכיוון. אין יאָר 1894 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין לאָנדאָן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער די דאָרט געפֿונענע יידישע אַקטן (An Inquiry into the Sources of the History of the Jews in Spain). דאָ איז פֿאַראַן אַ קורצע באַשרײַבונג פֿון אייניקע שפּאַנישע אַרכיוון, דער עיקר פֿון דעם באַר־צעלאָנער. אַ פֿולע זאַמלונג פֿון רעגעסטן פֿון דעם מלוכה־אַרכיוו פֿון אַראַגאָניע אין באַרצעלאָנע האָט געגעבן דער פֿראַנצייזישער אַרכיוואַריוס זשאַן רעניע, וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פֿון 3456 אַקטן פֿון 13טן און אָנהייב 14טן י״ה (Jean Régné, Catalogue des actes de Jaime I, Pedro III, Alfonso III et Jaime II, rois d'Aragon, concernant les Juifs. Revue des Études Juives, tomes 60—78, an. 1910—1924; אַרויסגעגעבן באַזונדער אין פּאַריז אין יאָר 1924). אין גאָר דער לעצטער צײַט האָט גרונטיק אויסגעפֿאָרשט דעם גאַנצן אַקטן־מאַטעריאַל בנוגע שפּאַנישע ייִדן פֿריץ בער (איצט פּראָפֿעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט), וואָס האָט מיט דער הילף פֿון דער אַקאַדעמיע פֿאַר ייִדישער וויסנשאַפֿט אין בערלין אַרויסגעגעבן אַ גרויסן באַנד אַקטן און רעגעסטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין אַראַגאָניע און נאַוואַרע פֿון דעם 11טן ביז צום סוף 15טן י״ה (Fritz Baer, Die Juden im christlichen Spanien. I Teil: Urkunden und Regesten. Aragonien und Navarra. Berlin 1929). דער זעל־

ביקער מחבר האָט צוגעגרייט צום דרוק אַ באַנד אַקטן וועגן קאַסטיליע, וואָס איז ביז איצט, צום גרויסן שאָדן פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, נאָך ניט אַרויס. [1] אַ סך איינציקע אַקטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין שפּאַניע זײַנען צעשפּרייט אין די פֿאָרשונגען פֿון די שפּאַנישע היסטאָריקער פֿידעל פֿיטאַ, באָפּאַרול און אַנדערע, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין בערס אָנגערופֿענעם ווערק.

www.libtool.com.cn

דער אַרכיוו־מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פֿ ר אַ נ ק ר ײַ ך איז צעשפּרייט אין די אַלגעמיינע אויסגאַבעס פֿון די פֿראַנצייזישע אַקטן און אין די פֿיל בענד פֿון דער פּאַריזער קוואַרטאַלשריפֿט Revue des Ètudes Juives, אָנגעהויבן פֿון יאָר 1880. נאָר פֿאַר ד ײַ ט ש ל אַ נ ד און ע ס ט ר ײַ ך האָבן מיר שוין אַ מער קאָנצענטרירטן מאַטעריאַל, הגם ער איז ווײַט נאָך ניט פֿולקום. חוץ דער אין פֿריִערדיקן באַנד דערמאָנטער זאַמלונג רעגעסטן פֿון אַ ר אָ נ י ו ס (Regesten zur Geschichte der Juden im Deutschen Reiche), וואָס רײַסט זיך איבער בײַם יאָר 1273, איז פֿאַראַן אַ פֿריִער אַרויסגעגעבענע און ווינציקער אויסגעאַרבעטע קאָלעקציע רעגעסטן פֿון מ. ו ו י נ ע ר פֿאַר דער צײַט פֿון סוף 13טן ביזן סוף 15טן יאָר הונדערט (Wiener, Regesten zur Geschichte der Juden im Mittelalter, Hannover 1862). צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פֿראַנקפֿורט איז פֿאַראַן אַן אַקטן־זאַמלונג פֿון ק ר אַ ק ו י ע ר (Urkunden zur Geschichte der Juden in Frankfurt a. M. 1150—1400. Frankfurt 1914). אַקטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין ב ע מ ע ן זײַנען אַרויסגעגעבן אין דעם כראָנאָלאָגישן זאַמלבוך פֿון ב אָ נ ד י און ד וו אָ ר ס ק י (Zur Geschichte der Juden in Böhmen, Mähren u. Schlesien 960—1620. Bd I—II. Prag 1906). אָפֿיציעלע אַקטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין א ו נ ג ע ר ן זײַנען צונויפֿגעקליבן אין דער ניט־פֿאַרענדיקטער אַרבעט פֿון פֿריס Monumenta Hungariae Judaica. Budapest 1903.

זייער ווינציק זײַנען ביז איצט באַאַרבעט געוואָרן די אַרכיוון פֿון ר ו י ם און פֿון אַנדערע שטעט פֿון א י ט אַ ל י ע. דאָ זײַנען פֿאַראַן: די ניט־פֿאַרענדיקטע אויסגאַבע פֿון דעם דײַטשן פֿאָרשער מ. ש ט ע ר ן פֿון דעם אַרכיוו פֿון וואַטיקאַן (Urkundliche Beiträge über die Stellung der Päpste zu den Juden. Kiel 1893—1895), און אַ גרעסערע זאַמלונג פֿון אַקטן (אַרום טויזנט) פֿון 13טן–15טן י"ה וועגן די ייִדן פֿון ס י צ י ל י ע (L a g u m i n a, Codice diplomatico dei Giudei di Sicilia. Tom I—III. Palermo 1884—85).

---

1 ערשט איצט בײַם אָפּשליסן דאָס איצטיקע בוך, איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער דאָזיקער באַנד איז אַרויס; אין אים זײַנען פֿאַראַן אויך אַ צאָל אַקטן וועגן דער אינקוויזיציע.

www.libtool.com.cn

דער אַקטן־מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן און רוסלאַנד, וואָס ערשט צום סוף מיטל־עלטער טרעטן זיי אַרויס אויף דער געשיכטלעכער אַרענע, פֿאַרנעמט אַ קליינעם אָרט אין די ערשטע טיילן פֿון די וויכטיקע זאַמלונגען: Регесты и надписи, сводъ матеріаловъ для исторіи евреевъ въ Россіи, томъ I (Петербургъ 1899); Бершадскій, Русско-Еврейскій Архивъ, томы I, III (Петербургъ 1882, 1903); M. Berson, Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce (Warszawa 1910).

וואָס איז שייך דעם דאָקומענטן־מאַטעריאַל פֿון ייִדישע מקורים, האָט מען אים ערשט אין דער לעצטער צייַט גענומען סיסטעמאַטיזירן אין דער פֿאָרם פֿון זאַמלונגען פֿון רעגעסטן, אַרויסגענומען דער עיקר פֿון אַלטע ספֿרים און נאָר זעלטן פֿון כתבֿ־ידן. עס בלייַבט נאָך אָפּצוטון אַ גרויסע אַרבעט פֿון אַרויסנעמען היסטאָרישע ידיעות פֿון דער רבנישער ליטעראַטור, בפֿרט פֿון די שאלות־ותשובֿות. אין דעם פּרט איז שטאַרק נוציק די גרויסע אַנטאָלאָגיע פֿון ב. דינאַבורג „ישׂראל בגולה", וואָס איר צווייטער באַנד נעמט אַרום די תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן ביזן 14טן יאָרהונדערט (תּל־אָבֿיבֿ 1936; דער ערשטער באַנד איז שייך צו דער עלטערער אָריענטאַלישער דיאַספּאָרע). איבעריקנס ווערן אין דעם ווערק געבראַכט ידיעות ניט בלויז פֿון דער רבנישער ליטעראַטור, נײַערט צום טייל אויך פֿון דער ניט־ייִדישער ליטעראַטור. די ספּעציעלע זאַמלונג פֿון פֿראַגמענטן צו דער געשיכטע פֿון די גזרות אין פּאָעזיע און אין פּראָזע פֿון ש. בערנפֿעלד („ספֿר הדמעות") איז שייך צו אונדזער תּקופֿה אין איר צווייטן באַנד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער גזרה פֿון ריינדפֿלייש (בערלין 1924). פֿון רבנישע מקורים האָט אויך אַרויסגענומען מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די קהילות דער דאָצענט פֿון דעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק ל. פֿינקעלשטיין אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע Jewish Selfgovernment in the Middle Ages, (New York 1924). פֿון די נײַערע רעגעסטן־זאַמלונגען צו דער געשיכטע פֿון דער מיטל־עלטערלעכער קולטור באַדאַרף מען דערמאָנען די דרײַ בענד פֿון דעם ווערק פֿון ש. אָסף „מקורות לתולדות החנוך בישׂראל" (תּל־אָבֿיבֿ 1925–1935), וווּ עס איז צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון דער שול און דערציִונג. – אויסצוגן פֿון ייִדישע באַריכטן וועגן רעליגיעזע וויכּוחים האָט צונויפֿגעקליבן ד. אײַזענשטיין אין דער זאַמלונג „אוצר ויכּוחים" (ניו־יאָרק 1928).

## 2. כראָנאָגראַפֿיע

די דירעקטע פֿאָרגייערין פֿון דער היסטאָריאָגראַפֿיע, די מיטל־עלטערלעכע כראָנאָגראַפֿיע גיט ניט דעם ייִדישן היסטאָריקער יענעם פֿעסטן אָנלען, וואָס עס גיבן דעם אַלגעמיין־אייראָפּעיִשן היסטאָריקער די פֿילצאָליקע כראָניקעס

www.libtool.com.cn

פֿון יענער צײַט. די ייִדישע כראָניקעס זײַנען זייער קנאַפּע, בצימצומדיקע און פֿראַגמענטאַרישע, און ביז איצט זײַנען פֿון זיי נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין וויסנשאַפֿטלעך קריטישע אויסגאַבעס. די איינציקע גרויסע כראָניק פֿון שפּעטן מיטל־עלטער „שבֿט יהודה", וואָס איז צו ערשט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1554, איז דאָס קאָלעקטיווע ווערק פֿון דרײַ דורות פֿון דער משפּחה אבן ווירגא, וואָס נאָר די עלטסטע גלידער אירע זײַנען געווען עדי־ראיה פֿון די געשעענישן אין שפּאַניע אין 15טן י"ה. דער הויפּט־מחבר פֿון דער כראָניק, ר' שלמה אבן ווירגא, האָט געהאַט אין זײַן רשות משפּחה־פֿאַרשרײַבונגען און פֿראַגמענטן פֿון איצט פֿאַרלאָרענע כראָניקעס. גרעץ מיינט, אַז דער מחבר האָט אַ סך אַרויסגענומען פֿון דער פֿאַרלאָרענער געשיכטע פֿון די גזרות פֿון פּראָפֿיט דוראַן „זכרון השמדות" (גרעץ, VIII, נאָטע I). איסידאָר לעב האַלט, אַז אין ספֿר איז אויסגעמישט געשיכטע און פֿאָלקלאָר (Le folklor Juif dans la chronique Schebet Jehouda, REJ, t. 24). על־כּל־פּנים קאָן אָט דער פֿײַנער זאַמלבוך פֿון היסטאָרישע מסורות דינען דעם היסטאָריקער ווי אַ מקור פֿון ידיעות נאָר נאָך אַ גענויעם קאָנטראָל און קאָנפֿראָנטירונג מיט אַנדערע מקורים, און נאָר איייניקע טיילן זײַנע, וואָס זײַנען באַשײַמפּערלעך אַרויסגענומען פֿון מיטצײַטלערישע כראָניקעס אָדער שטאַמען פֿון פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס, קאָן מען געטרויען אין גאַנצן. די קריטיק פֿון די מקורים, וואָס לויט זיי איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן די כראָניק „שבֿט יהודה", ווערט געפֿירט נאָך איצט (זע: F. Baer, Untersuchungen über Quellen und Komposition des Schebet Jehuda. Berlin 1923). די שפּעטערדיקע כראָניק פֿון ר' יוסף הכּהן „עמק הבכא" (פֿאַרענדיקט אין כּתבֿ־יד אין יאָר 1575) האָט אַן אויטענטישן מאַטעריאַל נאָר פֿון 16טן י"ה, און פֿאַר דער פֿריִערדיקער תּקופֿה איז זי נאָר אַ קאָמפּילאַציע פֿון קריסטלעכע כראָניקעס (זע Is. Loeb, Joseph Hacohen et les chroniques juives. REJ, t. XVI—XVII, 1887–88).

פֿאַר איינציקע מאָמענטן פֿון דער געשיכטע גיבן תּוכיקע הוספֿות די פֿאַרבליבענע עפּיזאָדישע שילדערונגען. אַזוי גיט די קורצע כראָניק פֿון ר' אַבֿרהם פֿון טאָרוטיעל „ספֿר הקבלה", וואָס איז אָנגעשריבן אין יאָר 1510 (Neubauer, Chronicles I, 101—114, אויך אין אַ הוספֿה צום זעקסטן באַנד גרעץ אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון שפּ"רן), וויכטיקע צוגאָב־ידיעות וועגן די גירושים פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. דאָס ייִדישע פֿאָלקסביכל „די ווינר גזירה" [איצט (1936) אָפּגעדרוקט אין די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, באַנד II, ז' 41 א"וו] ווײַזט, ווי אַזוי דער גירוש פֿון ווין 1421 האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון פֿאָלק. די כראָניק פֿון אליהו קפּסאַלי „דבי אליהו" (אין דעם זאַמלבוך „לקוטים שונים" פֿון מ. לאַטיש, פּאַדוע 1869) איז דער איינציקער מקור פֿאַר דעם נײַעם צענטער אין טערקײַ

אין דער צווייטער העלפֿט 15טן י"ה. www.libtool.com.cn עס זײַנען נאָך פּובליקירט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פֿראַגמענטן פֿון פֿאַרלאָרענע כראָניקעס, עס בלײַבט אָבער אַ טרויעריקער פֿאַקט: מיר האָבן ניט קיין סיסטעמאַטישע און כסדרדיקע כראָנאָגראַפֿיע פֿון מיטל־עלטער. די געשעענישן וואָס זײַנען גראַנדיאָז לויט זייער טראַגיזם זײַנען ניט פֿאַראייביקט געוואָרן דורך דער פֿעדער פֿון חשובֿע כראָניסטן עדי־ראיה. מען איז געצוווּנגען אויסצוהערן די דערציילונג וועגן דעם וואָס עס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן מיט אונדזער פֿאָלק פֿון דעם מויל פֿון פֿרעמדע, על־פּי־רובֿ שונאי־ישׂראל: פֿון די כראָניקעס און פּאַמפֿלעטן פֿון קאַטוילישע מאָנאַכן, פֿון זייערע טענדענציעזע באַריכטן וועגן ריטועלע פּראָצעסן, וכדומה.

## 3. מאָנאָגראַפֿיעס וועגן איינציקע לענדער און קהילות

ביז איצט האָבן מיר די ווײַטערדיקע וויכטיקע מאָנאָגראַפֿיעס, וואָס פֿאַרנעמען זיך אין גאַנצן אָדער צום טייל מיט דער געשיכטע פֿון ייִדן אין מיטל־עלטער אין איינציקע לענדער, פּראָווינצן אָדער קהילות.

פּירענעיִשער האַלבאינדזל. — די צוויי מאָנאָגראַפֿיעס פֿון מ. קײַזערלינג: Geschichte der Juden in Navarra (בערלין 1861), Geschichte der Juden in Portugal (בערלין 1867) זײַנען איצט פֿאַרעלטערט, אָבער זיי האָבן נאָך אַ באַטײַט ווי זאַמלונגען פֿון מאַטעריאַלן פֿון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע כראָניקעס. אין דעם פּרט איז נאָך וויכטיקער דאָס דרײַבענדיקע ווערק פֿון דעם שפּאַניער אַמאַדאָס דע לאָס ריִאָס: Historia social, politica y religiosa de los Judios de Espana (מאַדריד 1875–76). אין פּרט פֿון וויסנשאַפֿטלעכקייט האָט דאָס דאָזיקע בוך, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע מיטל־עלטערלעכע געשיכטע פֿון די שפּאַנישע ייִדן, דעם חיסרון, וואָס דער מחבר איז ניט צוגעקומען צו די ייִדישע מקורים. ווי אַ קאַטויל, וואָס איז נוטה צו פֿאַרענטפֿערן אַפֿילו מעשׂים פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, האָט ער צו פֿיל אמונה אין די דערציילונגען פֿון די קירכלעכע כראָניסטן וועגן ייִדן; נאָר זײַן פֿאַרדינסט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט דער ערשטער אויסגענוצט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון די אַלטע שפּאַנישע כראָניסטן ווי צוניגאַ, צוריטאַ און אַיאַלאַ. מער באַפֿרידיקט די מאָדערנע פֿאָדערונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט די קליינע מאָנאָגראַפֿיע פֿון פֿר. בער וועגן אַראַגאָניע אין 13טן–14טן י"ה: Studien zur Geschichte der Juden im Königreich Aragonien im 13. u. 14. Jhd. (בערלין 1913). דער מחבר האָט אויסגענוצט די אויבן דערמאָנטע רעגעסטן פֿון רעניע, נאָר שפּעטער האָט ער אַליין געפֿאָרשט אין די שפּאַנישע אַרכיוון און האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן די אויבנדערמאָנטע גרויסע

זאַמלונג פון אַראַגאָנישע און קאַסטילישע אַקטן, וואָס דערגייט ביז צום סוף מיטל־עלטער. פון מאָנאָגראַפּיעס וועגן גרויסע קהילות באַדאַרף מען דער־מאָנען צוויי:
1) Bofarul y Sans, Los judios en el territorio de Barce-lona (1911); 2) Bojerano, Histoire de la juiverie de Seville (1922).

פראַנקרייך האָט ניט קיין איין פולע געשיכטע פון יידן, הגם זי פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן סכום אַרכיוואַלישע אַקטן אין צענטער און אין די פּראָווינצן, וואָס אַ סך פון זיי זיינען שוין פּובליקירט (באַזונדערס אין די הונדערט בענד פון דער Revue des Études Juives פאַר די לעצטע 55 יאָר). צום טייל ווערט אָט דער חיסרון קאָמפּענסירט דורך די סאָלידע מאָנאָגראַפיעס וועגן אייניציקע פּראָווינצן און קהילות. מיר רופן אָן די וויכטיקסטע:

Malvezin, Histoire des Juifs à Bordeaux (Bordeaux 1875); Saige, Les Juifs de Languedoc antérieurement au XIV siècle (Paris 1881); Regné, Études sur la condition des Juifs de Narbonne juisqu'au XIV s. (REJ, t. 55—59); L. Kahn, Les Juifs de Paris depuis le VI Siécle (Paris 1889); Prudhomme, Les Juifs de Dauphiné au XIV et XV s. (Grenoble 1883); Maulde, Les Juifs dans les états français du Saint-Siège (Paris 1886); Bardinet, Condition civile des Juifs du comtat Venaissin (REJ, t. I—VII).

מער ניט איין ענגלאַנד מיט איר קורצער מיטלעלטערלעכער געשיכטע האָט זיך געפונען אַן אָרט אין אַ באַזונדער מאָנאָגראַפיע, אמת אַ קאָמפּי־לאַטיווער: A. Hyamson, A History of the Jews in England (London 1908).

דייטשלאַנד, דאָס געבוירן־לאַנד פון דער נייער יידישער וויסנשאַפט, האָט נאָך ניט דערלעבט צו אַ פולער מאָנאָגראַפיע וועגן דער געשיכטע פון יידן אין דעם דאָזיקן לאַנד (דאָס ניט לאַנג אַרויסגעגאַנגענע בוך פון פּראַגע־עלבאָגען איז נאָר אַ קורצער פּאָפּולערער עסקיז, וואָס שעפּט ניט אויס די גאַנצע שפע פון דעם מאַטעריאַל). צום טייל פאַרבייט אַזאַ מאָנאָגראַפיע אין דעם סאָציאַל־יורידישן טייל דאָס אַלטע ווערק פון שטאָבע: Die Juden in Deutschland während des Mittelalters (1866; נייע אויסגאַבע 1902). פון די מאָנאָגראַפיעס וועגן אייניציקע פּראָווינצן און גרויסע קהילות דאַרף מען אָנרופן:

E. Scheid, Histoire des Juifs d'Alsace (Paris 1887); Taussig, Geschichte der Juden in Bayern (München 1874); Brann, Geschichte der Juden in Schlesien (Breslau 1896—1910); Weyden, Geschichte der Juden in Köln (1867); Carlebach, Die rechtlichen und socialen Verhältnisse der Judengemeinden in Speyer, Worms u. Mainz bis zur Mitte des XIV Jahrhunderts (1901); Rothschild, Die Judengemeinden in Mainz, Speyer u. Worms, 1349—1438 (1904); Kracauer, Geschichte der Juden

www.libtool.com.cn

in Frankfurt am Main (Bd. I., 1925); R. Strauss, Die Judengemeinde Regensburg im ausgehenden Mittelalter (Heidelberg 1932).

אַנדערע מאָנאָגראַפֿיעס פֿון דעם מין ווערן ציטירט ווײַטער, אין דער ביבליאָגראַפֿיע.

פֿאַרן מיטלעלטערלעכן עסטרײַך קאָן דינען ווי אַ גוטער במקום פֿון אַן אַלגעמײנער מאָנאָגראַפֿיע (נאָר פֿאַר דער געשיכטע פֿון דעם רעכטלעכן מצבֿ) דאָס בוך פֿון שערער: Die Rechtsverhältnisse der Juden in den deutsch-österreichischen Ländern (לײַפּציק 1901). דאָס וואָס דאָ פֿעלט בנוגע דעם אויסווײניקסטן און אינעווײניקסטן לעבן פֿון די קהילות און פּראָ־ווינצן זײַנען ממלא די ווײַטערדיקע פֿאָרשונגען: Schwarz, Das Wiener Ghetto bis 1421 (Wien 1909); Goldmann, Das Judenbuch der Scheffen-Strasse zu Wien (1908); S. Krauss, Die Wiener Geserah vom J. 1421 (1920); Rosenberg, Beiträge zur Geschichte der Juden in Steiermark (Wien 1914).

צו דאַנען געהער אויך די קלײנע דאָקומענטירטע מאָנאָגראַפֿיע פֿון אויגוסטע שטײנבערג וועגן שווײץ: Studien zur Geschichte der Juden in der Schweiz während des Mittelalters (Zürich 1903). בײמען פֿיגורירט אין צוויי מאָנאָגראַפֿיעס: Herrmann, Geschichte der Israeliten in Böhmen (פּראָג 1819) און Stein אונטער דעם זעלביקן טיטל (1904); די ערשטע איז פֿאַרעלטערט, און די צווייטע איז שלעכט צונויפֿגעשטעלט. פֿאַר אונגערן, היות ווי קיין בעסערס איז ניטאָ, מוז מען נוצן דעם מאָגערן עסקיז פֿון בערגעל: Geschichte der ungarischen Juden (1879).

איטאַליע, וואָס קיין אַלגעמײנע מאָנאָגראַפֿיע פֿון איר איז ניטאָ, האָט צוויי גרויסע געשיכטעס פֿון ייִדן אין רוים: פֿון בערלינער און פֿון פֿאָגעלשטײן־ריגער, וואָס זײַנען שוין אָנגעוויזן אין דעם איבערבליק איבער די מקורים אין דעם פֿריִערדיקן באַנד. פֿון אַנדערע קהילות איז מער ווייניקער באַאַרבעט די געשיכטע פֿון ווענעציע, פּאַדוע און פֿלאָרענץ, (Schiavi, Gli ebrei in Venezia et nelle sue colonie. „Nuova Antologia" 1893; Ciscato, Gli ebrei in Padova, 1901; Cassuto, Gli ebrei in Firenze, 1918).

בנוגע פּוילן און רוסלאַנד קאָן מען רעדן נאָר וועגן התחלות פֿון געשיכטע אין מיטל־עלטער, ווען בײדע לענדער זײַנען נאָך ניט געווען אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם פּעריאָד פֿון קאָלאָניזירונג. אין דער באַשײדענער געשטאַלט פֿון אַן אַרײַנפֿיר איז אָט דער פֿריִער פּעריאָד פֿירגעשטעלט אין מײַן ענגלישער מאָנאָגראַפֿיע History of the Jews in Russia and Poland, Vol. I, 39—65 (Philadelphia 1916, Jewish Publication Society of America). דער מאַטעריאַל פֿון די פּוילישע כראָניקעס איז אויסגענוצט אין די אַלטע

www.libtool.com.cn

ביכער פֿון טשאַצקי, שטערנבערג און מאַציעיאָווסקי, וואָסזײַנען אָנגעוויזן אין דעם פֿריִערדיקן באַנד (ביבליאָגראַפֿיע צו § 31). אַרכיוו=מאַטעריאַל, ייִדישער און פּוילישער, ליגט אין יסוד פֿון אַזעלכע סאָלידע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן אייניקע קהילות ווי Perles, Geschichte der Juden in Posen (1866), Bałaban, Dzieje Żydów w Krakowie, t. I. (1913) און אַנדערע.

## 4. מאָנאָגראַפֿיעס וועגן אייניקע פּראָבלעמען

אייניקע פּראָבלעמען פֿון דער געשיכטע פֿון דעם מיטלעלטערלעכן ייִדנטום זײַנען מער ווייניקער גרונטיק באַאַרבעט געוואָרן, נאָר צו אַנדערע מוז מען ערשט קומען. אין די ווערק פֿון ג. קאַראָ און י. שיפּער וועגן דער עקאָנאָמישער געשיכטע, וואָס זײַנען אָנגערופֿן אין דעם פֿריִערדיקן באַנד, געהערן צום שפּעטן מיטל=עלטער דער צווייטער באַנד פֿון קאַראָ (אַרויסגעג׳ נאָך זײַן טויט 1920) און די לעצטע צוויי טיילן פֿון שיפּערס „ייִדישע ווירטשאַפֿטס=געשיכטע" (וואַרשע 1930). פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער אַליין=פֿאַרוואַלטונג פֿון די קהילות קאָן זײַן נוציק עפּשטיינס שטודיע, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט לויט די תּשובֿות הרשב"א: The Responsa of R. Salomon b. Adreth as a Source to the History of Spain (London 1925). די קולטור=געשיכטע איז פֿירגעשטעלט אין די צוויי לעצטע בענד פֿון גידעמאַנס באַוווּסטן ווערק: Geschichte des Erziehungswesens u. der Kultur der Juden im Mittelalter (ווין 1888), און אין דער באַזונדער מאָנאָגראַפֿיע וועגן שפּאַניע: Das jüdische Unterrichtswesen während der spanisch-arabischen Periode, 1873. צום געביט פֿון סטאַטיק אָדער שטייגער געהערן די ביכער פֿון אַ. בערלינער Aus dem inneren Leben der deutschen Juden im Mittelalter (Berlin 1900) און פֿון י. אייבּרעהעמס Jewish Life in the Middle Ages (London 1896). בנוגע דער געשיכטע פֿון דער רבנות האָט נאָך ניט אָנגעוואָרן זײַן באַטײַט דאָס ווערק פֿון ווײַס „דור דור ודורשיו", ווו עס ווערט אין 5טן באַנד (אויסג׳ פֿון יאָר 1891) געשילדערט אונדזער תּקופֿה. בנוגע דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור פֿון שפּעטן מיטל=עלטער איז די לעצטע צײַט ניט צוגעקומען קיין שום ממשותדיקע זאַך, וואָס זאָל איבערבײַטן דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון דעם גײַסטיקן לעבן פֿון דער תּקופֿה, וואָס גרעץ האָט געשילדערט אין 7טן און 8טן באַנד פֿון זײַן געשיכטע (אין דער רעווידירטער אויסגאַבע פֿון יאָר 1890). אַ געוואַלדיקער אוצר פֿון ידיעות וועגן דער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור איז פֿאַראַן אין דעם ווערק פֿון דעם ביבליאָגראַף מ. שטײַנשנײַדער אונטער דעם באַשיידענעם טיטל Die hebräischen Übersetzungen des Mittelalters (1883), אָבער אין אָט דעם אוצר פֿעלט סיסטעם און סדר.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ביבליאָגראַפֿיע

## מקורים און ליטעראַטור

### רשימה פֿון די קיצורים אין די טיטלען פֿון די ביכער, וואָס ווערן אָפֿט ציטירט אין דער ביבליאָגראַפֿיע


ARONIUS, Regesten = Regesten zur Geschichte der Juden im fränkischen und deutschen Reiche bis zum Jahre 1273. Berlin 1902.

BAER, Urkunden = Fritz Baer, Die Juden im christlichen Spanien. I. Teil. Urkunden und Regesten: Aragonien und Navarra. Veröffentlichungen der Akademie für d. Wissenschaft des Judentums. Berlin 1929 (XXVIII + 1173 pp.).

BERLINER, Rom = Geschichte der Juden in Rom von den ältesten Zeiten bis zur Gegenwart. I—II. Frankfurt a/M. 1893.

BONDY-DWORSKY, Böhmen = Zur Geschichte der Juden in Böhmen, Mähren und Schlesien, 609—1620, I—II, Akten. Prag 1906.

CARO = Sozial- und Wirtschaftsgeschichte der Juden im Mittelalter. I—II. Leipzig 1908, 1920.

GRAETZ VII—VIII = Geschichte der Juden, Band 7—8 (3. Aufl.), 1890, 1894.

GÜDEMANN, Kultur = Geschichte des Erziehungswesens und der Kultur der abendländischen Juden während des Mittelalters. Band I—III. Wien 1880—1888.

HEFELE = Conziliengeschichte. Bd. I—VII. Freiburg 1873—1890.

JACOBS, Sources = An Inquiry into the Sources of the History of the Jews in Spain. London 1894.

JEW. ENC. = Jewish Encyclopedia. Vol. I—XII. New York 1901—1906.

JQR = Jewish Quarterly Review. London 1888—1908. New York 1910—1936.

LEA, Inquisition = A History of the Inquisition in the Middle Ages, I. New York 1888.

LEA, Spain = History of the Inquisition of Spain, I. New York 1906.

MS = Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums. Breslau 1852—1936.

NEUBAUER, Chronicles = Mediaeval Jewish Chronicles. Vol. I—II. Oxford 1888, 1895.

www.libtool.com.cn

REGNÉ, Catalogue = Catalogue des actes des rois d'Aragon... concernant les Juifs. 1213—1327. REJ. 1910—1924, Paris 1924.

REJ = Revue des Études Juives. Paris 1880—1936.

RENAN-NEUBAUER, Rabbins = Le rabbins français (Histoire littéraire de la France, XXVII. Paris 1877).

RIOS, Historia = Amador de los Rios, Historia social, politica y religiosa de los Judios de Espana y Portugal, I—III. Madrid 1875—1876.

SALFELD, Martyrologium = Das Martyrologium des Nürnberger Memorbuches. Berlin 1898.

SCHERER, Österreich = Rechtsverhältnisse der Juden in den deutsch-österreichischen Ländern. Leipzig 1901.

STEINSCHNEIDER, Übersetzungen = Die hebräischen Übersetzungen des Mittelalters. Berlin 1893.

STERN, Päpstliche Urkunden = Urkundliche Beiträge über die Stellung der Päpste zu den Juden, I—II, Kiel 1893—1895.

STOBBE, Deutschland = Die Juden in Deutschland während des Mittelalters. (1866; 1902).

VOGELSTEIN, Rom = Vogelstein und Rieger, Geschichte der Juden in Rom, I—II. Berlin 1895.

WIENER, Regesten = Regesten zur Geschichte der Juden in Deutschland während des Mittelalters. Hannover 1862.

ZGJD = Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland, I—V.

ZUNZ, Syn. Poesie = Synagogale Poesie des Mittelalters. Berlin 1855.
(ווערט דאָ ציטירט לויט דער נײַער אויסגאַבע פֿון יאָר 1920).

**שבט יהודה** = די כראָניק פֿון אבן וירגא, ארויסג׳ פֿון ווינער. העברעיִשער טעקסט מיט דײַטשער איבערזעצונג. האַנאָווער 1856.

**דור ודורשיו** = א. ה. ווייס, דור דור ודורשיו. געשיכטע פֿון דער רבנישער טראַדיציע. באַנד V. ווין 1891.

**עמק הבכא** = די כראָניק פֿון רבי יוסף הכהן. העברעיִשער טעקסט מיט ווינערס הערות. לײַפּציק 1858.

**ספר הדמעות** = ש. בערנפֿעלד. געשיכטע פֿון די גזרות. ב׳ II. בערלין 1924.

**גרעץ-שפ״ר** = העברעיִשע איבערזעצונג פֿון גרעצס „געשיכטע פֿון יִדן“ מיט הוספֿות לויט די מקורים פֿון שאול-פּינחס ראַבינאָוויטש („דברי ימי ישראל“), ב׳ V און VI. וואַרשע 1897 — 98.

## § 2. פּויפּס אינאָקענטיוס III און דער קאָנציל פֿון יאָר 1215

Stern, Päpstliche Urkunden II, Nr. 174, 176, 177, 187, 188; Aronius, Regesten, 346, 347, 395; Epistolae Innocentii III, ed. Baluz, II, 33, 123; Mansi, Sacrorum Conciliorum Collectio XXII, 1054 sq.; Hefele, Konziliengeschichte V, 899, 942, 1144; Lea, Inquisition I, passim; Scherer, Österreich, 41—45; Lucas, Innocent III et les Juifs (REJ

www.lhtool.com.cn

XXXV, 247); Robert, Les signes d'infamie au moyen-âge, Paris 1889; idem, La roue des Juifs depuis le XIII siècle (REJ VII, 81–95; VIII, 94—102); Saige, Les Juifs de Languedoc, 19 sq. (Paris 1881); Regnè, Narbonne (REJ LVIII, 207—209); Singermann, Über Judenabzeichen (Berlin 1915); Newman, Jewish Influence on Christian Reform Movements (New York 1925); Alphandery, Sur les Passagiens (REJ, t. 82).

## § 3. פראַנקרייך אונטער לודוויג דעם הייליקן

Laurière, Ordonnances des rois de France, I, 36—37, 44, 53, 54, 75, 85; Robert, Catalogue des actes relatifs aux Juifs pendant le moyen-âge (REJ, III, 211—216); Loeb, Bulles inédites des papes (REJ, I, 116); Bouquet-Delisle, Recueil des historiens de France, XXIV, 9—11, 76, 82, 151, 189 et passim (Paris 1904; Index s. v. Judaeus); Renan-Neubauer, Rabbins, 553—562; Stern, Päpstliche Urkunden, Nr. 192, 196, 197, 202, 209; Saige, Juifs du Languedoc, 23, 25, 38—40, 44, 61; Regné, Narbonne (REY, LVIII, 81, 208; LIX, 60—64); Kahn, Juifs de Beaucaire (REJ, LXV, 185; LXVI, 75—80); Gross, Gallia Judaica, 423; Lavisse-Langlois, Histoire de France, II; Scherer, Oesterreich, 94—100; G. Caro, I 364—390; Neubauer, REJ, XXXII, 129; idem Chronicles, II, 251; Graetz VI, Note 7.

## § 4. די וויכּוחים און די פאַרברענונג פון תּלמוד

Zadoc Kahn, Etude sur le livre de Joseph le Zélateur (REJ, I, III); Loeb, La Controverse de 1240 sur le Talmud (ibid., I, II, III); Idem, Polemists chrétiens et juifs en France et en Espagne (ibid., XVIII, 43); Renan-Neubauer, Rabbins, 475—482; Darmsteter, l'Autodafé de Troyes (REJ, II, 199 sq.); Stern, Päpstliche Urkunden II, Nr. 205 sq.; Levi, Les Juifs et l'inquisition dans la France méridionale, Paris 1891 (REJ, XXIII, 150);
בערנפעלד, ספר הדמעות, I, 307; אייזענשטיין, אוצר הויכוחים (ניו-יאָרק 1928).

## § 5. פיליפּ IV און דער גירוש פון יאָר 1306

עמק הבכא, ז' 46, 180.

Laurière, Ordonnances etc., I, 317, 333 et passim; Bouquet, Recueil XXI, 27 sq.; Luce, Catalogue des documents du trésor des chartes (REJ, II, 15—72); Robert, Catalogues des actes etc. (Ibid., III, 216—224); Saige, Juifs de Languedoc, 87—103, 211—243; Regné, Narbonne (REJ, LIX, 64—81); Loeb, Les Juifs de Paris en 1296—1297 (ibid. I, 61—71); L. Kahn, Les Juifs à Paris depuis l. VI. s., Paris 1889, chap. II—III; Hefele, Konziliengeschichte, VI, 177; Lavisse-Langlois, Histoire de France, III, passim; Kayserling, die Juden in Navarra, 31—35 (Berlin 1861).

www.libtool.com.cn

### §§ 6–8. ענגלאַנד אין 13טן י״ה

T o v e y, Anglia Judaica (1738); J a c o b s, The Jews in Angevin England (1893); i d e m, Jew. Enc., V, 164—167; R i g g, The Jews of England in the XIII Century (JQR, XV, 1903); A b r a h a m s, The Expulsion of the Jews from England (ibid., 1894—1895); H y a m s o n, History of the Jews im England, 40—105 (London 1908); S c h e r e r, Oesterreich, 88—93; G. C a r o, I, 343—47; II, 3—68; G u t t m a n n, Die Beziehung des Duns Scotus zum Judentum (MS 1894, XXXVIII, 26—39).
עמק הבכא, 41—44, 176.

### § 9. קאַסטיליע אין דער תקופה פון דער רעקאָנקיסטע

J a c o b s, Sources, passim; R i o s, Historia, I, cap. 8—10; II, cap. I; S t e r n, Päpstliche Urkunden, II Nr. Nr. 175, 177, 179, 180, 186, 193, 201; L o e b, Nombre des Juifs de Castille (REJ, XIV, 161); G. C a r o, II, 237—264; K a y s e r l i n g — J a c o b s, Spain, Jew. Enc., XI, 489—490; S t e i n s c h n e i d e r, Übersetzungen 977—980.

### § 10–11. אַראַגאָניע אונטער כיימע I. די אויטאָנאָמיע

R e g n é, Catalogue Nr. Nr. 1—657 (REJ, LX—LXII, Paris 1910—1911); B o f a r u l y S a n s, Los Judios en el territorio de Barcelona (Barcelona 1911); J a c o b s, Source, 9—44; S t e r n, Päpstliche Urkunden, II, Nr. Nr. 181—185; T o u r t o u l o n, Jaime I, le Conquerant, Paris 1863; B a e r, Urkunden, Nr. 88—108; I d e m, Studien zur Geschichte der Juden im Königreich Aragonien während des XIII und XIV Jahrhunderts (Berlin 1913); K a h n, Documents inédits sur les Juifs der Montpellier (REJ, XIX, 22 sq.); V i d a l, Les Juifs de Roussillon (REJ, XV, 24—28),

### § 12. דער וויכוח אין באַרצעלאָנע

ויכוח הרמב״ן, אויסגאַבע פון שטיינשניידער, שטעטין 1860; דער זעלביקער וויכוח מיט אַ לאַטייניִשער איבערזעצונג אין דעם בוך:
W a g e n s e i l, Tela ignea satanae (Altdorf 1681); Baer, Zur Geschichte der Juden in Aragonien (1913); R e g n é, Catalogue, Nr. 207, 209, 212, 215—217, 249, 262, 318, 323, 324, 386; Is. L o e b, La controverse de 1263 à Barcelone (REJ, XV, 1—18); R e n a n - N e u b a u e r, Rabbins, 562—569.

### § 13. אַראַגאָניע צום סוף 13טן י״ה

R e g n é, Catalogue Nr. 658—2635 (REJ, LXIII, LXIX—LXX, 1912—1920); B a e r, Urkunden Nr. 114—164; i d e m, Aragonien, passim; P e r l e s, Salomo ben Addereth, Breslau 1863; E p s t e i n, The „Responsa" of R. Salomon ben Adreth as a Source to the History of Spain, London 1925;

www.libtool.com.cn

Saige, Juifs de Languedoc, 92—102, 308—319; Kahn, les Juifs de Montpellier (REJ, XIX); Vidal, Les Juifs de Rousillon (REJ, XV, 28—49).

## § 14–15. מײַמוניזם און רביניזם

אגרות הרמבם (בריװ פֿון דעם רמבם און װעגן אים, הוספֿות, ז' 32—60, װאַרשע 1877); מלחמות אדני פֿון ר' אַברהם בן הרמבם (האַנאָװער 1841); װ ו י ס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 1, 3, 6; גרעץ-שפ"ר, ה, קאַפּ' 2, 5; ד י נ א ב ו ר ג, ישראל בגולה (אַנטאָלאָגיע), ב' II, 486 א"װ.

Renan-Neubauer, Rabbins, passim; Guttmann, Guillaume d'Auvergne et la litérature juive (REJ, XVIII, 243); Perles, R. Salomo b. Aderet (Leipzig 1863).

## § 16–17. דער קאַמף אַרום דער פֿילאָסאָפֿיע

Renan, Averroés et l'averroisme, 219—277 (Paris 1861); Renan-Neubauer, Rabbins, 580—599, 628—723; Levisse-Langlois, Histoire de France, passim; Guttmann, Verhältnis des Thomas von Aquino zum Judentum, Göttingen 1891; Güdemann, Das jüdische Unterrichtswesen in Spanien, 155—158 (Wien 1873); Steinschneider, Hebr. Übersetzungen des Mittelalters, §§ 166—171, 312, 383—386; Gross, Gallia Judaica, 199, 465 (Levi b. Abraham etc.); Saige, Juifs de Languedoc, 92—102, 308—319; Цинберг, Борьба против рационализма („Еврейская Старина", том X, Петроград 1918).

מנחת קנאות פֿון אבא מארי דלוניל: בריװ װעגן דעם שאָדן פֿון פֿילאָסאָפֿיע (פּרעשבורג 1838); װײַס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 4; תשובות הרשבא, חלק א', סימן 415—418; ד י נ א ב ו ר ג, ישראל בגולה, II, 523 א"װ.

## § 18–19. קבלה און „זוהר"

A. Jellinek, Beiträge zur Geschichte der Kabbala, Leipzig 1852; idem, Moses de Leon und sein Verhältnis zum Sohar, Leipzig 1851; idem, Auswahl Kabbalistischer Mystik, Leipzig 1853; Joel, Die Religionsphilosophie des „Sohar", Leipzig 1849; G. Scholem, Kabbala, Encyclopaedia Judaica, IX, 629—732 (Berlin 1932).

װ ו ײַ ס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 2; ג ר ע ץ - ש פּ " ר, V, 177—204; ב ר, טודרוס בן יהודה הלוי (אַרטיקל אין דער פּעריאָדיק-שריפֿט „ציון", II, 18—55, ירושלים 1936). די דאָזיקע נײַע אויספֿאָרשונג װאַרפֿט אַ שײַן אויף דער רעטעניש פֿון דער פּערזענלעכקייט פֿון טודרוס בן יהודה װאָס װעגן אים איז די רייד אויבן, אין דער הערה צו ז' 130, און װעגן זײַן שײַכות צו דער פּאָליטישער טראַגעדיע פֿון דאָן סאַג אין סעװיליע (אויבן, ז' 74).

## § 20. דײַטשלאַנד אונטער פֿרידריך II

Aronius, Regesten Nr. Nr. 379—581; ibid, Nr. Nr. 458, 771; Höniger, Zur Geschichte der Juden Deutschlands im Mittelalter (ZGJD, I,

www.libtool.com.cn

137—151); Graetz VII, 85, 100; Stobbe, Deutschland, 12—14, 27, 103 sq.; Scherer, Oesterreich, 60—61, 76—78; G. Caro, I, 408—412, 423, 426—443; Stern, Päpstliche Urkunden, II, Nr. 191; Hefele, Konziliengeschichte, V, 951, 1027 (1878).

## § 21. ריטועלע בילבולים אין דײַטשלאַנד.

Aronius, Regesten, Nr. Nr. 413, 474, 497, 529, 531, 539, 556, 568; Stern, Päpstliche Urkunden, II, 210; idem, Die Blutbeschuldigung in Fulda (ZGJD, II, 194—199); Breslau, Juden und Mongolen im Jahre 1241 (ibid., I, 99—102); Kracauer, Geschichte der Juden in Frankfurt a/M., I, 5—9 (Frankfurt 1925); Zunz, Synagogale Poesie, 29 sq. (1920); Salfeld, Martyrologium 120 sq. 317 sq.

ש. בערנפעלד, ספר הדמעות, I, 265, 273, 286, 295.

## § 22. דער אינטעררעגנום פון 1254—73

Aronius, Regesten Nr. 582—770; „Schwabenspiegel", ibid. Nr. 771; Hefele, Konziliengeschichte, VI, 63; Stobbe, 19—27, 89—92; G. Caro, II, 116—118; Güdemann, Zur Geschichte der Juden in Magdeburg, 9—12 (1866): Weyden, Geschichte der Juden in Köln, 146—156 (Köln 1867); Zunz, Synagogale Poesie, 31 sq.; Salfeld, Martyrologium, 120 sq.

לאנדסהוט, עמודי העבודה, 100—132 (בערלין 1857); בערנפעלד, ספר הדמעות, I, 316—329.

## § 23. דײַטשלאַנד אונטער די האַבסבורגער

Wiener, Regesten, 9—12; Böhmer, Fontes rerum germanicarum (ed. 1843—1854), II, 19, 30—39, 144 sq.; König, Annalen der Juden in Preussen, 19—26 (Berlin 1790); Graetz, VII, 170, 230, 244, Note 9; Stobbe, 20—27, 46—49, 164, 184—187, 282—283; G. Caro, II, 118—132, Scherer, Oesterreich, 79, 339, 349; Hoffmann, Der Geldhandel der deutschen Juden bis zum Jahre 1350, 178—217 (Berlin 1910); Back, R. Meir aus Rothenburg (Frankfurt 1895); Wellesz, Meir b. Baruch de Rothenbourg (REJ, LXI, 49—55); Salfeld, Martyrologium, 29 sq. 331 sq.

בערנפעלד, ספר הדמעות, II, 41—59.

## § 24. עסטרײַך, בײמען, אונגערן

Aronius, Regesten, Nr. 509, 547, 597, 603, 724—725; Bondy-Dvorsky, Böhmen, I, Nr. 24—25; Friss, Monumenta Hungariae Judaica, I, Nr. 8—32 (Budapest 1903); Hefele, Konziliengeschichte, VI, 100—106, 190, 197; Scherer, Oesterreich, 130—355; Schwarz, Das Wiener

www.libtool.com.cn

Ghetto (Wien 1909); idem, Juden in Wien bis J. 1625 (Wien 1913), 14—25; Brann, Geschichte der Juden in Schlesien, I, 6—25 (Breslau 1896); Bergel, Geschichte der ungarischen Juden (1879); Hoffmann, Der Geldhandel der deutschen Juden, 171—178, 217—223.

(אויסצוג פֿון די שו״ת „אור זרוע״).

### § 25–26. דײַטשע קהילות. רבנות. ליטעראַטור

Aronius, Regesten, Nr. 423, 533, 574, 581; Scherer, Oesterreich, 254—260; Graetz, VII, 21, 102; Finkelstein, Jewish Selfgovernment in the Middle Ages (New York 1924, Jewish Theolog. Seminary), 56—81, 218—264; Wellesz, Meir de Rothenbourg, REJ, LVIII—LXI (1909—1911); Tykocinsky, Die Lebenszeit des Isaak Or-Sarua (MS 1911, 478 sq.); Güdemann, Kultur I; Zunz, Synagogale Poesie, 27—36; Süsskind v. Trimberg, Minnenlieder (Berlin 1926).

ווײַס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 2, 6, 7, 8; לאַנדסהוט, עמודי העבֿודה, passim; ספר הדמעות, II, 41; דינאַבורג, ישראל בגולה, II, 442—449; 519.

### §§ 27–29. איטאַליע אין 13טן י״ה

Gregorovius, Geschichte der Stadt Rom im Mittelalter, V, passim (1892); Berliner, Rom, II, 35—58; Güdemann, II (Italien); Vogelstein-Rieger, Rom, I, 357—421; Lagumina, Codice diplomatico dei Giudei di Sicilia, I, Nr. Nr. 16—33 (Palermo 1884); Strauss, Die Juden im Königreich Sizilien unter Normannen und Staufern (Heidelberg 1910); Zunz, Zur Geschichte und Literatur, 484—488 (Berlin 1845); idem, Literaturgeschichte der synagogalen Poesie, 25 (1865); W. Cohn, Das Zeitalter der Hohenstaufen in Sizilien, 138 sq. (Berlin 1925).

### §§ 30–31. פּוילן און רוסלאַנד

Bandtkie, Jus polonicum (Warszawa 1831); Бершадскій, Русско-еврейскій Архивъ, I, № 1 (Петербургъ 1882); Hube, Constitutiones synodales provinciae Gneznensis, p. 68—71, 159—161 (Peterburg 1856); Aronius, Regesten, 724; Sternberg, Geschichte der Juden in Polen (1878); Schipper, Studja nad stosunkami gospodarczymi Żydów w Polsce podczcas średniowiecza (Lwów 1911); Brann, Geschichte der Juden in Schlesien, p. 24—26, 32—33 (Breslau 1896); Stern, Päpstliche Urkunden, II, Nr. 198—200; Krauss, Studien zur byzantinisch-jüdischen Geschichte, 53—55 (Wien 1914); Регесты и надписи, 177, 178; Дубнов, Евр. Старина 1914 („Историческая тайна Крыма").

### §§ 33–35. קאַסטיליע אין 14טן י״ה

Neubauer, Chronicles, I, 97—98, 109—110 (פֿון דער כראָניק „זכר צדיק״); Zuniga (Anales de Sevilla); Zurita (Anales de Aragon); Ayala

www.libtool.com.cn

(Chronicas de Don Pedro, Don Juan I, Enrique III); Rios, Historia, II, cap. 2, 4, 6; Lea, Spain, I, 94—103; Jacobs, Sources, passim; Kayserling, Les Juifs dans royaume de Léon (REJ, XXXVII, 137); Graetz, VII, 250, 286—296, 352—72, Note 13; idem, VIII, 15—22;
שבט יהודה, נומ׳ 10; עמק הבכא, ז׳ 54; עלאמי, אגרת המוסר (ווין 1854).

## § 36. אַראַגאָניע, פּאָרטוגאַל, נאַוואַרע (14טער י״ה)

שבט יהודה, נומ׳ 6; עמק הבכא, ז׳ 49, 51.
Regné, Catalogue, REJ, 1922—24 (tom 73—78); Baer, Urkunden, Nr. 157—396; Zurita, Anales de Aragon (Rios, Ḥistoria, II, cap. 3, 5); Lea, Spain, I, 94, 100; Kayserling, Geschichte der Juden in Navarra etc. (Berlin 1861); idem, Geschichte der Juden in Portugal, 1—39 (1867); Vital, Les Juifs de Roussillion etc. (REJ, XV, 46—58); Finkelstein, Jewish Selfgovernment, 328 sq. (New York 1924).

## § 37. די „הייליקע מלחמה" פֿון יאָר 1391

שבט יהודה, נומערן 27, 45, 47, 48 (און דער בריוו פֿון חסדאי קרשקש אין דער הוספה); ספר יוחסין פֿון א. זכותא, קאַפּ׳ ד׳.
Ayala, Cronica de Enrique III, ano 1391 (Rios, Historia, II, cap. 7); Lea, Spain, I, 103—110; Baer, Urkunden, Nr. 407—441; Graetz, VI.I, 53-65, Note 15.

## § 38. רבנות און פֿילאָסאָפֿיע אין שפּאַניע אין 14טן י״ה

Joel, Chasdai Crescas Religionsphilosophie (Breslau 1866); Steinschneider, Hebr. Übersetzungen, § 4—6; Baer, Urkunden, Nr. 418, 422, 423 (וועגן דער משפחה קרשקש אין 1391); idem, Crescas, Encyclopaedia Judaica, V, 696.
ווייס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ׳ 12—16; גרעץ — שפ״ר, V, 277—289; 332, 338; ד״ז, VI, 31—36, 92—96, 401—410.

## §§ 39-40. דער אומקער קיין פֿראַנקרייַך און דער גירוש פֿון 1394.

Ordonnances des Rois de France, I, 488, 571, 604, 646, 682; III, 351, 352, 467—469, 471—472; IV, 139, 439; V, 167, 168; VI, 44, 339, 439, 519, 563; VII, 169—171, 643, 675 (Paris 1849); Saige, Les Juifs de Languedoc, 103—107, 330—334; L. Kahn, Les Juifs á Paris depuis le VI siècle, cap. III (Paris 1889); Luce, Les Juifs sous Charles V (Revue Historique, VII, 362 sq.); Is. Loeb, Les expulsions des Juifs de France au XIV s. (Graetz's Jubelschrift, Breslau 1887, 39—56); G. Caro, II, 91—116; Scherer, Oesterreich, 97—99, 260—266; Lavisse, Histoire de France III, passim; Lazard, Les Juifs de Touraine (REJ, XVII, 210—234);

S. Kahn, Les Juifs de Beaucaire (ibid., LXVI, 83—97); Regné, Narbonne (ibid., LIX, 80—89).
www.libtool.com.cn

שבט יהודה, נומערן 6, 24, 25, 43; עמק הבכא, § 46, 181.

## § 41. די רעשטן פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום (15טער י"ה)

Prudhomme, Les Juifs en Dauphiné au XIV et XV ss. (Grenoble 1883); Arnauld, Essai sur la condition des Juifs en Provence au moyen-âge (1879); Crémieux, Les Juifs de Marseille au moyen-âge (REJ, XLVI, 246—268); Maulde, Les Juifs dans les états français du Saint-Siège (Paris 1886); idem, REJ, VII—X; Bardinet, La condition civile des Juifs du Comtat Venaissin au XV s. (REJ, VI, 1—38; 269—273); Gross, Gallia Judaica, 46, 78, 369, 489—495.

## § 42. דער אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך

Gross, Gallia Judaica, 67, 94, 467; Munk, Mélanges de philosophie, 497—503; Renan-Neubauer, Les écrivains juifs français (Histoire littéraire de la France, XXXI, Paris 1893, 477—547, 586—644, 666—681; Joel, Levi ben Gerson als Religionsphilosoph (Breslau 1862); Steinschneider, Hebr. Übersetzungen, 66—73, 91—94.

ווייס, דור דור ודורשיו, קאַפּ' 11, 16.

## § 43. לודוויג דער בײַער און די „ייִדן־שלעגערס"

Wiener, Regesten, 25—50, 111—125, 219—222; Bondy-Dworsky, Böhmen, I, Nr. 51—92; Stobbe, Deutschland, 15—16, 28—32, 187, 188, 283, 284; Scherer, Oesterreich 356—373; Scheid, Histoire des Juifs d'Alsace, 11—18, 23—33 (Paris 1887); Ephraim, Histoire des Juifs d'Alsace depuis le milieu du XIII jusqu'à la fin du XIV s. (REJ, LXXVIII, 38—47); Weyden, Geschichte der Juden in Köln, 165—186, 359—376 (Köln 1867); Kracauer, Geschichte der Frankfurter Juden, I, 18—30 (Frankfurt 1925); Salfeld, Martyrologium, 67, sq.

בערנפֿעלד, ספֿר הדמעות, II, 79.

## § 44. דער שוואַרצער טויט

עמק הבכא, ז' 53—54, 186—193.

Böhmer, Fontes rerum germanicarum, III, 259 sq.; IV, 68 sq., 272 sq. (1843—1868); Königshofen, Strassburger Chronik, ed. Schilter, 1021—1036, (1686); Hegel, Chroniken der deutschen Städte, II, 759—764 (1862); Ulrich, Sammlung jüdischer Geschichten aus der Schweiz, 94, 125, 157, 188 (1768); König, Annalen der Juden in den preussischen Staaten (1790); Höniger, Der Schwarze Tod in Deutschland (Berlin 1882); Bondy-

Dworsky, Böhmen, I, Nr. Nr. 110—116; Stobbe, 53, 92, 98, 188—191, 284—286; Scheid, Alsace, 34—38; Ephraim, Alsace, 47—57; Weyden, Geschichte der Juden in Köln, 186—194, 377 sq.; Kracauer, Geschichte der Frankfurter Juden, I, 34—40; Steinberg, Studien zur Geschichte der Juden in der Schweiz, 127—135 (Zürich 1903); Zunz, Synagogale Poesie, 39—43; Nohl, Der Schwarze Tod, eine Chronik der Pest. 1348—1720 (Postdam 1924).

www.libtool.com.cn

## § 45. דײַטשלאַנד (1400–1350)

Wiener, Regesten, 127—159, 213—215, 223—236; Bondy-Dworsky, Böhmen etc. I, Nr.Nr. 98—109, 121—184; Friss, Monumenta Hungariae Judaica Nr. 46 sq.; Stobbe, 22, 32, 55, 71—73; Scherer, 374—402; Scheid, Alsace, 50 sq.; Brann, Geschichte der Juden in Schlesien 66—79 (Breslau 1901); Weyden, Geschichte der Juden in Köln, 194—231, 377 sq.; Kracauer, Geschichte der Frankfurter Juden, I, kap. 2; idem, Urkundenbuch der Juden in Frankfurt (1914); Goldmann, Das Judenbuch der Scheffstrasse zu Wien (Wien 1908); Schwarz, Das Wiener Ghetto (1909); Eibenschütz, Documents sur les Juifs de Wiener Neustadt (REJ, XXVIII—XXX); Wolf, Geschichte der Juden in Wien, 13—16 (Wien 1876); Süssmann, Die Judenschuldentilgungen unter König Wenzel (1907).

עמק הבכא, ז׳ 55, 194.

## § 46. די הוסיטישע מלחמה און די רעאַקציע

Wiener, Regesten, 53—77, 167—196, 237—246; Bondy-Dworsky, 205—233; Stobbe, 36, 86, 93, 175, 192, 240, 288—291; Kerler, Besteuerung der Juden durch Siegmund und Albrecht II (ZGJD, II, 1—13, 107—129); Graetz, VIII, 130—139; Kracauer, Geschichte der Frankfurter Juden, I, Kap. 4; Weyden, Geschichte der Juden in Köln, 232—252, 391—396; Scherer, Oesterreich, 403—421; Brann, Geschichte der Juden in Schlesien, 81—104; Schwarz, Das Wiener Ghetto: das Judenviertel bis zu seiner Aufhebung im Jahre 1421 (Wien 1909); S. Krauss, Die Wiener Geserah vom Jahre 1421 (Wien 1920); Friss, Monumenta Hungariae Judaica, Nr. Nr. 118—119; Steinberg, Die Geschichte der Juden in der Schweiz, 142—147; Neumann, Jewish Influence on Christian Reform Movements, 435—453 (New York 1925).

עמק הבכא, ז׳ 58—61.

## § 47. די ירידה פֿון די דײַטשע קהילות

Wiener, Regesten, 78—104, 200—210, 247—252; Stern, Päpstliche Urkunden, I, Nr. Nr. 49, 52, 53, 59, 62; Bondy-Dworsky, Böhmen Nr. 239—293; Ölsner, Schlesische Urkunden zur Geschichte der Juden, 33, 76—78 (1864); König, Annalen der Juden, 46—48; Stobbe,

www.libtool.com.cn

Deutschland, 17, 48, 61, 62, 76—83, 291, 292; Güdemann, Geschichte der Juden in Magdeburg, 20—26, 44, 45 (1864); Scherer, Oesterreich, 420—440; Scheid, Histoire des Juifs d'Alsace 71—77; Brann, Geschichte der Juden in Schlesien, 115—149; Gemeiner, Regensburger Chronik, III (1910); Strauss, Die Judengemeinde Regensburg im ausgehenden Mittelalter (Heidelberg 1932); Kracauer, Geschichte der Frankfurter Juden I, Kap. 5; Rosenberg, Beiträge zur Geschichte der Juden in Steiermark, Wien 1914 (Quellen zur Geschichte der Juden in Oesterreich VI).

## § 48. דאָס אינעווייניקסטע לעבן אין דייטשלאַנד אין 14טן-15טן י"ה

Stobbe, Deutschland, 94—96, 140—148; Scherer, Oesterreich, 114, 115, 119, 241—249, 254—260; Güdemann, Kultur, III, Kap. 1, 2, 6.
שאלות־ותשובות פֿון מהרי"ל, ר' ישראל איסרלין און ר"י ברונא; ווייס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 22—24; לאַנדסהוט, עמודי העבֿודה II (הוספה 1—4); בערנפֿעלד, ספֿר הדמעות, II, 100—181.

## §§ 49-50. דער מיסיאָנערישער טעראָר און דער וויכּוח אין טאָרטאָזע

Rios, Historia, II, cap. 8—10; Lea, Spain, I, 110—120; Baer, Urkunden Nr. 481—510; idem, Die Quellen d. „Schebet Jehuda", 38—47 (Berlin 1923); Neubauer, Chronicles I, 98; Rodriguez de Castro, Biblioteca Espanola, I, 203 (לאַטייַנישער באַריכט וועגן וויכּוח); Ad. Poznanski. Le colloque de Tortose et de San Mateo (REJ, LXXIV—LXXVI, Paris 1922—23 (ניט־ייִדישע פּראָטאָקאָלן פֿון דעם וויכּוח); Graetz, VIII, 113—129, Note 3.
שבֿט יהודה, נומ' 40, 46, 49, 50; עמק הבכא, ז' 56, 57, 62; זכותאס ספֿר יוחסין, קאַפּ' ד'; ויכּוחא טורטושא (Koback's „Jeschurun", VI, 45—55 ed. 1868)

## § 51. די רעסטאַווראַציע אין שפּאַניע (1415-54)

Stern, Päpstliche Urkunden, I, Nr. Nr. 18, 26, 39, 40, 43; Rios Historia, III, cap. 1—2; Kayserling, Das castilianische Gemeindestatut (Jahrbuch für Geschichte der Juden, 1869); Fernandez y Gonzales, Ordenamiento... de 1432 (Madrid 1886); I. Loeb, Reglements des Juifs de Castille en 1432, (REJ, XIII, 187 sq.);
דער זעלבער, אין נ. סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „האסיף" באַנד III, וואַרשע 1887.
Finkelstein, Jewish Selfgovernment in the Middle Ages, cap. XIII (New York 1924); Graetz, VIII, 140—154, 183—185, Note 4.
שבֿט יהודה, נומ' 41.

## § 52. די באַוועגונג קעגן די מאַראַנען

Stern, Päpstliche Urkunden, Nr. Nr. 45, 51, 56; Lea, Spain, I, 125—130, 148—154; Rios, Historia, III, cap. 3; Jacobs, Sources,

passim; Graetz, VIII, 149—154; 190—192, 225—237; Neubauer, Chronicles, I, 99.

## § 53. פּאָרטוגאַל

שבט יהודה, נומ׳ 65.
Kayserling, Geschichte der Juden in Portugal (1867); Rios, Historia II, cap. 6, 9; III, cap. 4; Graetz, VIII, 64, 125, 324.

## § 54. די שקיעה פון דער יידישער קולטור אין שפּאַניע

שבט יהודה, נומ׳ 7, 8, 29, 32, 40, 41, 64, 65, 67 (וועגן פאַרשיידענע וויכּוחים); ר׳ שמעון דוראן, קשת ומגן (ליוואָרנאָ 1785); פּרופיט דוראן, אל תהי כאבותיך (גייגערס „מלא חפנים", בערלין 1840); חיים בן מוסא, מגן ורומח („בית תלמוד", II, 117, ווין 1882); איזענשטיין, אוצר ויכּוחים (ניו-יאָרק 1928); ווייס, דור דור ודורשיו, קאַפּ׳ 17—21; גרעץ — שפּ״ר, VI, הוספות 1, 4, 8, 9.
Loeb, Polemistes chrétiens et Juifs (REJ, XVIII, 219); Steinschneider, Hebräische Übersetzungen, passim.

## § 55. די אינקוויזיציע אין שפּאַניע

Llorente, Histoire critique de l'inquisition d'Espagne, I, passim (Paris 1817); Lea, History of the Inquisition in Spain, I, 155—183, 249; Rios, Historia, III, cap. 5—6; Graetz, VIII, Kap. 13, Note 12, Baer, Urkunden, Nr. 561—563.

שבט יהודה, נומ׳ 62, 64.

## §§ 56-57. דער גירוש פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל

שבט יהודה, נומ׳ 51, 59—62; אברהם טרוטיאל, ספר הקבלה (נייבויערס קראָניקלס, I, 111—114); עמק הבכא, זז׳ 65—71; ספר יוחסין, ז׳ 226 (לאָנדאָן 1857); גרעץ-שפּ״ר, VI, 379 א״וו (ציטאַטעס פון יהודה חייט א״א).
Rios, Historia, III cap. 6—9; Lea, Spain, I, 131—142; 569—582, 587—611 Loeb, Le saint-enfant de la Guardia (REJ, XV, Paris 1888); Kayserling, Geschichte der Juden in Portugal, 85—139; idem, Geschichte der Juden in Navarra, 105—110.

## §§ 58-59. רוים און אייבער-איטאַליע

Stern, Päpstliche Urkunden I, Nr. Nr. 14—17, 19—21, 24—26, 29—31, 34—42, 48, 54; Berliner, Rom, II, 58, 78; Vogelstein-Rieger, Rom, I, 300—325; II, 1—28; Schiavi, Gli ebrei in Venezia e nelle sue colonie („Nuova Antologia", 1893, passim); Ciscato, Gli ebrei in Padova, 12—32, 38—60, 68—70, 132—137, 229—245 (Padova 1901); Cassuto, Gli ebrei in Firenze nell età del Renascimento, 14, 32, 39—42, 53—67, 361—380 (Firenze 1918); idem, La famille de Medicis et les Juifs (REJ, LXXVI,

132—145); Graetz, VIII, 255—261; Scherer, Österreich, 506, 615, 643—667; Strack, Das Blut im Aberglauben der Menscheit, 126—130 (1900); Lévi, Les Juifs de Candie (REJ XXVI, 198); D. Kaufmann, Contributions à l'histoire des Juifs en Italie (ibid., XX, 34—35, 48—51); Kratruss, Studien zur byzantinisch-jüdischen Geschichte, 83, 85, 95.
שבט יהודה, סימן י"ר; עמק הבכא, זו' 49, 183—184.

## § 60. דרום־איטאַליע און סיציליע

Ferorelli, Gli ebrei nell'Italia meridionale (Archivio storico Napolitane XXXII—XXXIII); Legumina, Codice diplomatico dei Giudei di Sicilia, I—III (Palermo 1884—1895); Zunz, Geschichte der Juden in Sizilien (Zur Geschichte und Literatur, 487—534); La Lumia, Ebrei Siciliani (Studi di storia siciliana, vol. II, 1870); Güdemann, Kultur II, Kap. 9, Note 18.

## § 61. ליטעראַטור פון דער רענעסאַנס־תקופה אין איטאַליע

Cassuto, Dante und Manoello (Jahrbuch für jüdische Geschichte und Literatur, 1921—1922, Berlin); Vogelstein-Rieger, Rom I, 421—425; II, 68—74; Renan-Neubauer, Les écrivains juifs français: Calonymos b. Calonymos, Histoire littéraire de la France XXXI, 417—460, 651—653; Berliner, Rom II, 119—122; Steinschneider, Hebräische Übersetzungen, 263, 330, 499 etc.; Дубновъ, Иммануилъ Римскій (Восходъ 1886); Güdemann II, Kap. 4—5.
עמנואל הרומי, מחברות (נײַע אויסגאַבע פון בראַדי, בערלין 1926); אליהו דלמדיגו: בחינת הדת, מיט אן אַרײַנפיר פון רעדזשיאָ (ווין 1830); ווייס, דור דור ודורשיו, V, קאַפּ' 25.

## § 62. פוילן אונטער קאַזימיר דעם גרויסן

Bandtkie, Jus Polonicum, 1—21 (Warszawa 1831); Volumina Legum, sub anna 1347 (Petersburg 1859. I, 22); Długosz, Historia Polonica, sub anno 1357; Bielski, Kronika Polska I, 398, 414, 415 (Kraków 1856); Monumenta Poloniae Historica, VI, 347, 590; Sternberg, Geschichte der Juden in Polen, 57—65 (1878); Schipper, Studya nad stosunkami gospodarczymi Żydów w Polsce podczas średniowiecza, 63—66, 77—79, 106, 113, 133, 152 (Lwów 1911); Русско-евр. Архивъ I, № 1 (Петерб. 1812); ibid, III, Nr. 1 (1903).

## § 63. פוילן און ליטע אונטער יאַגאַילאָ און וויטאָוטאָס

Volumina Legum I, 35; Berson, Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce, Nr. 1 (Warszawa 1910); Długosz, Historia Polonica s. a. 1406—1407; Bielski, Kronika I, 508; Perles, Geschichte

der Juden in Posen (Ms. XIII, 281—288); Bałaban, Dzieje Żydów w Krakowie, I, 9—30 (Kraków 1913); idem, Kwartalnik Historyczny XXV, 234—239(Lwów 1911); Schipper, Studya etc., 137—142, 329—334; Prümers, Der Hostiendiebstahl zu Posen im Jahre 1399 (Zeitschrift der Historischen Gesellschaft für die Provinz Posen, 1905, 293—317; Русско-евр. Архивъ I, III; Бершадскій, Литовскіе евреи, гл. III (1883); Шиперъ. Еврейская Старина, том IV, 102—106 (1911).

## § 64. פוילן אונטער די יאַגעלאָנען

Bandtkie, Jus Polonicum, 19, 289; Volumina Legum I, 116—117; Długosz, Historia Polonica, s. a. 1464; Bielski, Kronika II, 794, 893—894; Bloch, Generalprivilegien der polnischen Judenschaft (Posen 1892); Perles, Posen (Ms. XIII, 289—293); Bałaban, Kraków I, 31—50; Schipper, Studya etc., 148, 152, 172—176, 185; Ringelblum, Żydzi w Warszawie po roku 1527 (Warszawa 1932); Русско-евр. Арх., I, II; Шорръ, Краковскій сводъ еврейскихъ статутовъ (Евр. Старина, I, II); Бершадскій, Литовскіе евреи, гл. IV; Гаркави, Изгнаніе евреевъ изъ Кіева (Восходъ 1900, кн. 5).

## § 65. קרים און רוסלאַנד

Регесты и надписи, I, № 184—218; Harkavy, Altjüdische Denkmäler aus der Krim, 230—232 (Petersburg 1876); Г. А. Хокеръ (Дубновъ), Евреи въ генуэзской Каффѣ (Евр. Старина 1912, т. V, 66 sq.); Гессенъ, Евреи въ Московскомъ государствѣ XV—XVII в. (ibid. т. VIII); Голубинскій, Исторія русской церкви, т. II (Кіевъ).

א. א. הרכבי, גלות כיוב (אין זשורנאַל „המצפה", פּעטערבורג 1885).

## § 66. דער נײַער צענטער אין טערקײַ

קפּסאלי, דבי אליהו, אין דעם זאמלבוך פֿון לאַטשן „לקוטים שונים" (פּאַדוע 1869); סאַמבאַרי, דבֿרי יוסף (נײַבויערס I Chronicles, 138, 153); יעלינעק, קונטרס תתנ"ו, הוספֿה: דער בריוו פֿון יצחק צרפֿתי (לײַפּציק 1854); גרעץ-שפּ"ר, VI, 240—243, 300—307, 428—438; רוזאַניס, דבֿרי ימי ישראל בתוגרמה, ב' I (נײַע אויסגאַבע אין תל-אָבֿיבֿ).

Franco, Essai sur l'histoire des israélites de l'empire Ottoman (Paris 1897).

## § 67. מצרים און ארץ-ישׂראל

Macrizi, Histoire des sultans Mamelouks, t. I, 2-me part., p. 153—154 (ed. Quatremére, Paris 1840); Lane-Poole, History of Egypt in the Middle Ages, passim (London 1901); Munk, Palestine, 644 (Paris 1856); Carmoly, Itinéraires de la Terre Sainte du XIII—XVII s. (1847);

www.libtool.com.cn

Мѣдниковъ, Палестина со времени арабскаго завоеванія т. II, 1341, 1368.
סאמבארי, נײַבויער, Chronicles, I, 116—137; די בריוו פֿון ר' עובדיה ברטינורה אין Jahrbuch für Geschichte des Judentums, III, 195—224 (לײַפּציק 1863); לונץ, ירושלים, בב' I—III (ירושלים 1882—89); פּולק, היהודים במצרים בימי הממלוכים (קוואַרטאַלשריפֿט „ציון“ 1936, ז' 24—36).

## §§ 68—71. שטייגער און מידות אין מיטל-עלטער

Berliner, Aus dem inneren Leben der deutschen Juden im Mittelalter, 2. Aufl., Berlin 1900. (פֿאַראַן אַן איבערזעצונג אין העברעיִש: „חיי היהודים בימי הבינים“, וואַרשע, פֿ' אחיאסף); Abrahams, Jewish Life in the Middle Ages, London 1896 (אַ העברעיִשע איבערזעצונג אין זשורנאַל „השלוח“ 1898, ב' 4); Güdemann, Geschichte des Erziehungswesens und der Kultur der abendländischen Juden während des Mittelalters, Bd. I—III, Wien 1880—88.
די העברעיִשע איבערזעצונג פֿון א. ש. פֿרידבערג א"ט „התורה והחיים בימי הבינים“ האָט אייניקע הוספֿות. וואַרשע, פֿ' אחיאסף, 1898—1898. אַ ייִדישע איבערזעצונג פֿון 2טן טייל האָט געמאַכט נ. שטיף אונטערן טיטל: ייִדישע קולטור-געשיכטע אין מיטל-עלטער, בערלין 1922.
Güdemann, Jüdisches Unterrichtswesen während der spanisch-arabischen Periode (Wien 1873).
ש. אַסף, מקורות לתולדות החנוך בישראל, ב' I—III, תל-אָביב, „דביר“ 1925—1935.

---

## באַמערקטע דרוקגרײַזן

| זײַט | שורה | שטייט | דאַרף זײַן |
|---|---|---|---|
| 72 | 13 | קאָפּשצורעק | קאָפּצורעק |
| 267 | 4 | שולך | שולח |
| 350 | 5 פֿון אונטן | „הגנה“ | „הקנה“ |
| 383 | 11 | באַריאַטי | דאַ-ריאַטי |
| 398 | 23 | אַגריזענט | אַגריגענט |
| 445 | 8 | איש תור | אישתורי |

www.libtool.com.cn

# זוכצעטל

## פֿון נעמען און זאַכן 1


אַבאַ-מאַרי דע לונעל — 118, 126.

אבודרהם, דוד — 244.

אבוהב, יצחק פֿון טאָלעדאָ — 368, 369.

אבוהב, יצחק („מנורת המאור") — 472.

אַבולעפֿיאַ, אַבֿרהם — 131 א"וו.

אַבולעפֿיאַ, טודרוס — 130, 134.

אַבולעפֿיאַ, מאיר — 102.

אַבולעפֿיאַ, שמואל — 218 א"וו.

אבן וירגאַ, ר' יהודה — 361.

אבן יחיא, גדליה — 339.

אבן יחיא, יוסף — 340.

אבן לאַטיף, יצחק — 130.

אבן סיד, יצחק — 73.

אַבנר-אַלפֿאָנס — 217.

אַברבנאל, יהודה — 341.

אַברבנאל, יצחק — 341 א"וו, 347, 349 א"וו, 361, 366, 368.

אַברבנאל, שמואל — 224, 238, 341.

אברהם בן חסדאי — 104.

אגדה — 39, 100, 117, 195, 322 א"וו, 409. זע תלמוד.

אַדריאַנאָפּאָל, שטאָט — 434.

אהרן בן יוסף, קאַראַים — 205.

אַווילע (שטאָט) — 133, 364.

אַוויניאָן, קרײַז — 262 א"וו, 448.

אויגסבורג, שטאָט — 293.

אויטאָ-דאַ-פֿע — 355 א"וו. זע אינקוויזיציע.

אויטאָנאָמיע — 11 א"וו, 80 א"וו, 197, 263, 304 א"וו, 412 א"וו. זע קהילה, בית-דין, שול.

אונגערן — 168 א"וו, 288.

„אור זרוע", ר' יצחק — 174.

אָטאָקאַר II (ביימען) — 164, 166.

איבן ראַשד — 111.

איוואַן III (מאָסקווע) — 431 א"וו.

איזאַבעלאַ פֿון קאַסטיליע — 351 א"וו.

איטאַליע — 182 א"וו, 377 א"וו.

איטאַליעניש — 404.

אייגעניוס IV, פּויפּס — 329, 383.

איינגלײַבעניש — 251, 273. זע האָסטיע, ריטועלע באַשולדיקונג, שוואַרצער טויט.

אינאָקענטיוס III, פּויפּס — 13 א"וו, 69, 70, 182.

אינאָקענטיוס IV, פּויפּס — 22, 41, 147 א"וו (בולע), 152.

אינאָקענטיוס VII, פּויפּס — 380.

אינאָקענטיוס VIII, פּויפּס — 370, 384.

אינדוסטריע — 187 א"וו, 399.

אינקוויזיציע, אַלגעמיינע — 22 א"וו, 42 א"וו, 45 א"וו, 103 א"וו, 144, 230, 333, 393.

אינקוויזיציע, שפּאַנישע — 352 א"וו.

איסרלין, רבי ישראל — 308.

אַלבו, ר' יוסף — 321 א"וו, 346 א"וו.


1 די נעמען פֿון זאַכן און לענדער זײַנען געזעצט צעשאָסן. — בײַ די נעמען און טערמינען, וואָס וועגן זיי גייט די רייד אין מער ווי איין זײַט, שטייט בײַ דער ציפֿער פֿון דער זײַט: א"וו (און ווײַטער).

www.libtool.com.cn


אלביגענזער — 15 א"ו.

אלבלג, יצחק 115, 407.

אלבערטוס מאַגנוס — 42, 98, 406.

אלברעכט I האַבסבורג—161 א"ו, 167 א"ו.

אלברעכט II, הערצאָג פֿון עסטרײַך — 272 א"ו, 279.

אלברעכט V, הערצאָג פֿון עסטרײַך — 291 א"ו.

אלגואַדיץ, מאיר — 314 א"ו.

אלדאבי, מאיר — 247.

אלוואַראָ דע לונא — 327, 330, 332.

אלזשיר — 245, 344.

א ל י י ן - פֿ אַ ר ו אַ ל ט ו נ ג—80 א"ו, 399, 412. זע אויטאָנאָמיע, קהילות.

אלכּסנדר, ליטווישער פֿירשט — 426 א"ו.

אלכּסנדר IV, פּויפּס — 183.

אלכּסנדר VI, פּויפּס — 373.

אלכּסנדריאַ של מצרים — 442.

אלכּאַמאַ (Aljama, קהילה) — 80 א"ו. זע קהל.

„אלמאָכּאַריף" — 72 א"ו, 213, 226.

א ל ע ג אָ ר י ע, אלעגאָריזם — 116 א"ו, 123 א"ו. 136. זע פֿילאָסאָפֿיע, קבלה.

אלעמי, ר' שלמה — 224.

אָלעסניצקי, קאַרדינאַל — 422 א"ו.

„אלפֿאַבּים" — 79, 91, 101.

אלפֿאָנס III (אַראַגאָניע) — 92 א"ו.

אלפֿאָנס X דער חכם (קאַסטיליע) — 71 א"ו.

אלפֿאָנס XI (קאַסטיליע) — 214 א"ו.

„אַלפֿאָנסאָס טאַבעלעס" — 73.

אלפֿכּאַר, יהודה — 102.

„אָמאַרס געזעצן" — 440.

אנדאַלוזיע — 70 א"ו, 354. זע שפּאַניע.

אַנוסים — 241, 247, 331 א"ו, 373. זע מאַראַנען, שמד.

אַנטולי, יעקבֿ — 113 א"ו, 192.

א ס ט ר אָ נ אָ מ י ע, אַסטראָלאָגיע — 73, 339, 372.

אסטרוק הלוי — 321 א"ו.

אַ ס י מ י ל אַ צ י ע, געמישטע שידוכים — 18 א"ו, 99, 107, 170, 224 א"ו, 242, 453, 459. זע נעמען.

אסתּרקע, פֿאַוואָריטין — 415.

אַפּאָלאָגיע — 109 א"ו, 227, 309 א"ו, 342 א"ו. זע וויכּוחים, פּאָלעמיק.

אָפּזונדערונג — 19, 182, 452 א"ו. זע ייִדישער קוואַרטאַל, הלבשה.

אַפֿנדופּולו, כּלבֿ — 438.

אַפֿריקע — זע אַלזשיר, מצרים, מאַראָקאָ.

אָקספֿאָרד, שטאָט — 57, 60 א"ו.

אַראַביש — 97, 242, 453.

אַראַבער — זע מוירן.

אַרבועס, אינקוויזיטאָר — 358.

א ר י ס ט אָ ט ע ל י ז ם — 98 א"ו, 111 א"ו. זע מײַמוניסטן, ראַציאָנאַליזם, פֿילאָסאָפֿיע.

אָריענט — זע מצרים, ארץ־ישראל.

„אַרמלעדער" — 270.

א ר ץ - י ש ר א ל — 55, 105, 108, 437, 443 א"ו.

אשכּנזים — 431, 447.

אשר בן־יחיאל — זע רא"ש.

באָלאָניע, שטאָט — 381.

באַלעאַרן — זע מאַיאָרקע.

באָלעסלאַוו קאַלישער — 197 א"ו (סטאַטוט), 412.

באָניפֿאַציוס VIII, פּויפּס — 46, 185.

באָניפֿאַציוס IX, פּויפּס — 379.

באָרדאָ, שטאָט — 33, 252.

באַרצעלאָנע, שטאָט — 77, 85 א"ו, 229, 239 א"ו, 359.

בדרשי ידעיה — 125.

בודאַ—אָפֿען (אונגערן) — 171.

בוטריל, ר' משה — 350.

ב ו ך - ד ר ו ק ע ר ײַ — 369, 410.

בורגאָס (שפּאַניע) — 222, 239, 316.

בורזשואַזיע — זע בירגערשאַפֿט.

ב י ז אַ נ ץ — 203 א"ו, 434 א"ו.

ב י י מ ע ן — 164 א"ו, 289 א"ו.

ב ײַ ע ר ן — 160 א"ו, 269 א"ו, 279.

ב י ס ק ו פּ ן, פֿעאָדאַלן — 30 א"ו, 142, 151 א"ו, 269. זע פֿעאָדאַליזם.

ב י ר ג ע ר ש אַ פֿ ט (דײַטשלאַנד) — 10, 141 א"ו, 150 א"ו, 272 א"ו, 279 א"ו, 282 א"ו, 287, 288, 294 א"ו, 414 א"ו.

www.libtool.com.cn
בית־דין — 54, 81 א״וו, 95, 199, 225 א״וו, 242, 329, 413.
בנבנישתי, אברהם — 328.
בנבישתי, וידאל — 321 א״וו.
בנבנישתי, יוסף — 214.
בני קלונימוס (נארבאָנע) — 31, 50, 122.
בני־תיבון — 113, 467.
בעזיער, שטאָט — 15.
בעלאַ IV (אונגערן) — 170.
בעלי־תוספות — 106, 190.
בענעדיקט XII, פּויפּס — 272.
בענעדיקט XIII, אַנטיפּויפּס — 227, 315, 319 א״וו, 326, 380.
בענק — 385 א״וו. זע קרעדיט־אָפּעראַ־ציעס.
בערן (שווייץ) — 275.
בערנאַרדין דע־סיענאַ — 390.
בערנאַרדין דע־פעלטרע — 299, 391 א״וו.
בראַנדענבורג — 159.
ברונאָ, ר׳ ישראל — 300, 308.
ברטינורא, ר׳ עובדיה — 446.
בריסק דליטא — 420.
ברעסלע, שטאָט — 200, 297 א״וו.
בשיצי, אליהו — 438.

גאַליפּאַפּאַ, ר׳ חיים — 245.
גאַרסיאַ, בעניטאָ — 363 א״וו.
גדאַנצק, שטאָט — 426.
גזרות — זע פּאָגראָמען, ריטועלע באַשול־דיקונג, קאַנאָנען פון דער קירך.
גירונדי, ר׳ יונה — 100, 105.
גירונדי, ר׳ נסים — 244.
גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ־פע — 320 א״וו, 326.
גירושים — 48 א״וו (פראַנקרייך), 67 א״וו (ענגלאַנד), 126, 257 א״וו (פראַנקרייך), 292 (עסטרייך), 303 (דייטשלאַנד), 365 א״וו (שפּאַניע), 372 א״וו (פּאָרטוגאַל), 400 א״וו (סיציליע), 427 (ליטע).
געזעלשאַפטלעכער דינסט — 20. זע פּינאַנסיסטן, קאַנאָנען פון דער קירך.
געטאָ — 448. זע יידישער קוואַרטאַל.
געלטהאַנדל — זע קרעדיט־אָפּעראַציעס.

גענוע, רעפּובליק — 204 א״וו (קרים), 384, 428 א״וו.
גראָדנע, שטאָט — 420.
גראַנאַדע — 70, 361 א״וו.
גריכיש — 434.
גרעגאָר IX, פּויפּס — 22, 23, 33, 38, 143, 183, 203.
גרעגאָר X, פּויפּס — 45.
גרעגאָר XII, פּויפּס — 380.

דאָגמאַטיק — 34 א״וו, 85 א״וו, 246 א״וו, 322 א״וו, 343 א״וו, 347 (אלבו). זע וויכוחים, פילאָסאָפיע.
דאָמיניקאַנער — 22 א״וו, 36, 38, 66, 77, 83 א״וו, 352 א״וו, 381 א״וו. זע מיסיאָנערן.
דאַנטע — 402, 403 א״וו, 407.
דאַ־פּיערא, משולם — 103.
דאָפינע (פראַנקרייך) — 51, 258.
דאָקטוירים — 21, 73, 79, 185, 229, 330, 333, 338, 379, 380, 382, 397. זע קאַנאָנען פון דער קירך.
דונין, ניקאָלאַי 38 א״וו.
דונס סקאָטוס — 66.
דוראַן, פּראָפיאַט („אפודי״) — 343 א״וו.
דוראַן, שמעון (רשב״ץ) — 344 א״וו.
דייטש (יידיש) — 309, 448, 453.
דייטשלאַנד — 139 א״וו, 268 א״וו.
דיפּלאָמאַטן — 79, 229, 431. זע אַלפאַכים.
דלוגאָש, יאַן — 415, 422, 424.
דמשק, שטאָט — 441.
דעלמעדיגאָ, אליהו — 408 א״וו.
דערציִונג — 114, 461 א״וו. זע שול.
דושאַן אָן אַ לאַנד — 53 א״וו.

האָנאָריוס III, פּויפּס — 78.
האָנאָריוס IV, פּויפּס — 66.
האַנדל — 9, 64, 79, 183, 283, 385 א״וו, 387 א״וו, 412, 420, 424, 426, 430.
האָסטיע, מופתדיקע — 44, 46, 159 א״וו, 168, 271, 272, 291 א״וו, 297 א״וו, 417.
הוס, הוסיטישע מלחמות — 288 א״וו.

„חיים פאַר משומדים" — 57, 66.
היסטאָריאָגראַפיע — 479 א״ו, 484 א״ו. זע כראָנאָגראַפיע.
הלבשה (באַזונדערע, מיט א צייכן) — 11, 18, 19, 29, 57, 71, 72, 78, 155, 165 א״ו, 171, 174, 201, 223, 230, 250, 255, 386, 441.
הלל פון וועראָנע — 194 א״ו.
העברעיש — 53, 94, 453. זע ליטעראַטור.
העגעמאָניע — 11, 207. זע פראַנקרייך, דייטשלאַנד, שפּאַניע.
הענרי III (ענגלאַנד) — 55 א״ו.

וואַכערײַ — זע קרעדיט־אָפּעראַציעס.
וואַלאַדאָליד, שטאָט — 217, 222, 318, 328.
וואָלטערא, ר׳ משולם — 446.
וואַלענסיע — 76 א״ו, 239.
וואַנדערונגען — זע גירושים, עמיגראַציע.
וואָרמס, שטאָט — 153, 278, 279.
וואַרשע — 426.
וויטאָוטאַס, פירשט — 420.
ווײַל, ר׳ יעקב — 307.
וויכוחים, רעליגיעזע — 11, 26, 33 א״ו, 84 א״ו, 217, 226 א״ו, 310 א״ו, 319 א״ו, 345 א״ו, 407. זע פּאָלעמיק, משומדים.
ווין (עסטרײַך) — 162, 279, 287, 291.
ווייסנשאַפטן, וועלטלעכע — 73, 111, 114, 123, 193, 194, 217, 463.
וירגא — זע אבן וירגא.
ווירצבורג, שטאָט — 152, 160.
ווענעציע, רעפּובליק — 384 א״ו, 394.
ווענצעל, קיסר — 284 א״ו.
ווקאַר, יהודה און שמואל — 214, 215.

„זוהר" (קבלה) — 133 א״ו.
זיסקינד פון טרימבערג — 180 א״ו.
זכותא, אַבּרהם — 372.
זרחיה הלוי — 321.
זרחיה חן — 193 א״ו.

חייט, ר׳ יהודה — 371 (הערה).
חיים אבן מוסא — 345 א״ו.
חרם — 81, 95, 101, 121 א״ו.

טאָלעדאָ, שטאָט — 69 א״ו, 222, 223, 229, 232 א״ו, 335, 360.
טאָמאַס פון אַקווינאָ — 98, 111, 406.
טאָרטאָזע — 319 א״ו (וויכוח).
טאָרקוועמאַדאַ, טאָמאַס — 353, 357, 358, 366.
טבריה, שטאָט — 444.
טודעלאַ, שטאָט — 231.
טודרוס בן יהודה — 130, הערה.
טולוזע, קרייז — 15 א״ו, 29, 49, 50, 352.
„טורים" — 243.
טעאַטער — 460.
טעאָלאָגיע — זע פילאָסאָפיע.
טערראָר פון דער קירך — 236 א״ו, 317 א״ו, 325. זע שמד, מיסיאָנערן.
טערקײַ — 434 א״ו.
טראַני, ר׳ ישעיה I און II — 190.
טרואַ (אויטאָ־דאַ־פע) — 42 א״ו.
טריענט (פּראָצעס) — 299, 293 א״ו.

יאַגעלאָ, וולאַדיסלאַוו — 416, 421.
יאַגעלאָנער (פּוילן) — 421 א״ו.
יאָהאַנעס XXII, פּויפּסט — 252.
יאַן אַלבּרעכט (פּוילן) — 426, 427.
יהדות — זע רבנות, תלמוד, פילאָסאָפיע, קבלה, דאָגמאַטיק.
יהושע לורקי — זע גיעראָנימאָ דע סאַנטאַ־פע.
יודאַיזירנדיקע — 45, 67, 331, 352. זע מאַראַנען.
יודאַיזירנדיקע (סעקטע) — 432 א״ו.
יודאַריע, יודעריע, יודעקאַ — 80, 337, 448. זע ייִדישער קוואַרטאַל.
„יודן־מײַסטער" — 304.
„ייִדן־שלעגערס" — 270.
יום טוב פון סעווילע (ריטב״א) — 244.
יוסף בן שם טוב — 348.
יוסף המקנא — 36.
יחיאל בן יקותיאל, ר׳ — 191.
יחיאל פון פּאַריז, רבי — 38 א״ו, 106.
ייִדישער צייכן — 18. זע הלבשה.
ייִדישער קוואַרטאַל — 31, 78, 80 א״ו, 92 א״ו, 182, 200, 234, 262 א״ו, 414, 417 א״ו.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

יידן־פיינטשאַפט — 13 א"ו, 154 א"ו, 167, 236 א"ו, 268 א"ו, 273, 275 (יודאָפאָביע), 390 א"ו. זע שמד, פּאָגראָמען, קאַנאָנען פון דער קירך.
יעקב בן אשר, ר' (בעל הטורים) — 243.
יצחק בר ששת, רבי — זע ריב"ש.
יצחק מקורבייל, ר' — 107.
ירושלים — 443 א"ו.
ישיבות — 106, 174, 308, 309, 329, 463 א"ו. זע תלמוד.

כומטינו, ר' מרדכי — 439.
כספי, יוסף — 266.
כאַזאַריע (קרים) — 429.
כואַן I (קאַסטיליע) — 225 א"ו.
כואַן II (קאַסטיליע) — 314, 327 א"ו.
כיימע I (אַראַגאָניע) — 76 א"ו.
כיימע II (אַראַגאָניע) — 96, 228 א"ו.
כראָנאָגראַפיע — 16, 21, 308, 344, 479, 482 א"ו.
כריסטיאַני, פּאַולאָ — 29, 84 א"ו.

לאַטייניש — 53.
לאַנגעדאָק — 15, 29. זע פּראָווענס.
לאָנדאָן — 54.
לאַנדווירטשאַפט — 79, 188, 399, 420, 424. זע ערד־אייגנטום.
לודוויג דער בייער, קיסר — 268 א"ו.
לודוויג VIII (פראַנקרייך) — 25.
לודוויג IX דער הייליקער — 25 א"ו, 37 א"ו, 203.
לודוויג X (פראַנקרייך) — 251.
לוי בן אַברהם (רלב"ח) — 116 א"ו, 120.
לוי בן גרשון — זע רלב"ג.
ליטע — 419 א"ו.
ליטעראַטור — 97 א"ו, 106 א"ו, 178 א"ו, 190 א"ו, 241 א"ו, 264 א"ו, 307 א"ו, 402 א"ו. זע רבנות, תלמוד, פּאָעזיע.
ליסאַבאָן, שטאָט — 234, 339, 369 א"ו.
לעמבערג (לבוב) — 415, 425.

מאַגדעבורג, שטאָט — 152, 303.
מאַגיסטראַטן, שטאָטישע — 141, 188, 269, 276 א"ו, 284 א"ו, 300. זע בירגערשאַפט.
מאַגרעב (צפון־אַפריקע) — 440 א"ו.
מאַיאָרקע (באַלעאַרן) — 77, 96, 240.
מאיר הלוי, ר' (ווין) — 305.
מאיר בן שמעון, ר' (נאַרבאָנע) — 28.
מאיר מרוטנבורג, ר' — 40, 157 א"ו, 174.
מאירי, ר' מנחם — 125.
מאַלאַגע, שטאָט — 362, 371.
מאַלעאַ, דאָן מאיר און צאַג — 72 א"ו.
מאַמעלוקן (מצרים) — 440 א"ו.
מאָנגאָלן (אָנפאַל) — 148, 170, 204 א"ו, 443.
מאַנטוע, שטאָט — 408.
מאַנעסיע דע וועזו (פּאַריז) — 255, 264.
מאָנפעליע, קרייז — 76, 77, 96, 100, 118, 229.
מאָנפּאַר, סימאָן I און II — 16, 63.
מאָסקעווע, מאָסקאָוויע — 432 א"ו.
מאַראַנען — 331 א"ו, 352 א"ו, 384. זע שמד.
מאַרטין V, פּויפּס — 380, 381 א"ו.
מאַרטינעס, גאָנזאַלאָ — 215 א"ו.
מאַרטינעס, פערנאַנד — 236 א"ו, 313.
מאַרטיראָלאָגיע — 178 א"ו, 281, 308 א"ו. זע שמד, פּאָגראָמען.
מאַרסעל, שטאָט — 259 א"ו.
מהרי"ל (ר' יעקב מולין) — 290, 307.
מוחאַמעד II (טערקיי) — 435 א"ו.
מויר, מורינען (שפּאַניע, אַפריקע) — 70, 91, 236, 330, 368.
מוסר — 191 א"ו, 309, 468 א"ו.
מורה נבוכים — 99, 103, 104, 192, 267.
מיימוני, ר' אַברהם — 442.
מיימוני, ר' דוד — 442, 414.
מיימוני, ר' משה (רמבם) — 444. זע מיימוניסטן.
מיינץ, שטאָט — 159, 278, 291, 303.
מיימוניסטן, אַנטימיימוניסטן — 97 א"ו, 111 א"ו, 177, 195, 266 א"ו.
מילהויזן, שטאָט — 272 א"ו, 277.
מילהויזן, ר' ליפּמאַן — 309 א"ו.
מינכן, שטאָט — 159.
מינץ (מענץ), ר' יהודה — 408.
מינץ (מענץ), ר' משה — 308.
מיסטיק, מיסטיציזם — 127 א"ו, 178. זע קבלה.

מיסיאָנערן, קאַטויל׳ — 29, 66, 78, 88 א״ה, 189, 230, 293 א״וו, 398. זע שמד.
מלאָכה — 64, 79, 283, 330, 401, 420 זע אינדוסטריע.
מלשין (מסור) — 82, 225, 329.
מנחם בן זרח, ר׳ — 232, 244.
מעדיצין — 123, 383, 390. זע דאָקטוירים.
מעסער לעאָן — 410 (מאַנטועי), 433 (מאַס־קעווע).
מצורעים (גזרה) — 253.
מצרים — 365 א״וו.
מרדכי בן הלל — 161, 176.
משה בן נחמן, רבי — זע רמב״ן.
משה די ליאון, ר׳ — 134 א״וו.
משה דע טאָרדעסילאַס (טורסילה), ר׳ — 227.
משה הגולה, ר׳ — 430 א״וו.
משה מקוצי, ר׳, בעל־התוספות — 38, 99, 106.
משה פון סאַלערנאָ, רבי — 192.
משומדים — 38, 84, 158, 217, 230, 310, 314, 320, 397.
משיח — 85 א״וו, 132, 133, 137, 149, 322 א״וו, 347 א״וו. זע וויכוחים.
מתתיהו פּרובנסי, ר׳ — 255, 263.

נאַווראַ, משה — 234, 240, 338.
נאַוואַרע — 231 א״וו, 375 א״וו.
נאַרבאָנע, שטאָט — 30 א״וו, 50.
„נגידים" (מצרים) — 442.
„נייע קריסטן" — זע שמד, מאַראַנען, אַנו־סים.
ניקאָלאַוס III, פּויפּס — 45, 73.
ניקאָלאַוס IV, פּויפּס — 184.
ניקאָלאַוס V, פּויפּס — 296 א״וו, 333, 383.
נירנבערג, שטאָט — 160, 279, 283.
נעאַפּאָל, קיניגרייך — 186 א״וו, 396 א״וו, 401.
נעגראָ, דוד — 235.
נעגראָפּאָנטע — 387.
נעמען (ניט־יידישע) — 214, 223, 453 זע אַסימילאַציע.
„נצחון", ספר — 309 א״וו.
נרבוני, ר׳ משה — 265, 267.
נתן אופיציאַל, ר׳ — 36.

סאַוואָיע — 274.
סאַטירע — 343 א״וו, 405 א״וו.
סאַנטאָב דע קאַריאָן — 218, 248.
סאַנטשאָ IV (קאַסטיליע) — 74.
סאַראַגאָסאַ, שטאָט — 77, 79, 359.
סטאַטוטן (פּריווילעגיעס) — 64, 163, 198 א״וו, 412 א״וו, 420, 421 א״וו.
סטאַטיסטיק — 75, 368.
סיגיזמונד, דייטשער קיסר — 284 א״וו, 293.
סימאָן פון טרידענט — 395. זע טריענט (פּראָצעס).
סיציליע — 93, 132, 186 א״וו, 396 א״וו.
סיקסטוס IV, פּויפּס — 352, 353, 356, 384, 394, 395.
סלאַוויע — 175, 453.
סעגאָוויע — 336.
סעוויליע, שטאָט — 70, 238, 353 א״וו.
סעניאָר, אַבֿרהם — 352, 361, 366, 367.
ספרדים — 439, 448.

עדוואַרד I (ענגלאַנד) — 63, 64 א״וו.
עוזיאל, רבי, מקובל — 130.
עטיק — זע מוסר.
עלזאַס — 270 א״וו, 276, 277, 286.
עלילת דם — זע ריטועלע באַשולדיקונג.
עמאַנועל, קיניג פון פּאָרטוגאַל — 372 א״וו.
עמיגראַציע — 55, 61, 317, 368 א״וו, 375, 398, 436 א״וו.
עמנואל רומי — 402 א״וו, 407.
ענגלאַנד — 52 א״וו.
ענריקע II, טראַסטאַמאַרא (קאַסטיליע) — 219 א״וו.
ענריקע III (קאַסטיליע) — 313 א״וו.
ענריקע IV (קאַסטיליע) — 333 א״וו.
עסטע אַ (נאַוואַרע) — 231.
עסטרייך — 162 א״וו, 279, 287 א״וו, 296.
עספּינאַ, אַלפאָנסאָ — 334.
עקאָנאָמישע לעבן — 9 א״וו, 24 א״וו, 52 א״וו, 76 א״וו, 141, 400 א״וו, 424. זע אינדוסטריע, מלאָכה, קרעדיט־אָפּעראַציעס, לאַנדווירטשאַפט, האַנדל.
עקספּראָפּריאַציע — 27, 48 א״וו, 284 א״וו. זע קרעדיט־אָפּעראַציעס, שטייערן, גירושים, אינקוויזיציע.


www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn


עראמה, ר' יצחק — 349.

ערד-אייגנטום — 75, 79, 166, 218, 420, 424. זע לאַנדווירטשאַפֿט.

ערפֿורט, שטאָט — 145, 278.

פּאַגראַמען — 16, 69, 145 א״ו, 160 א״ו, 168, 231 א״ו, 252 א״ו, 270 א״ו, 276 א״ו, 285 א״ו, 318, 335 א״ו, 339 א״ו, 398, 418, 425. זע שמד, שוואַרצער טויט.

פּאַדוע, שטאָט — 387 א״ו, 408.

פּאַמלאָ פֿון בורגאָס, ביסקופּ — 314 א״ו, 319, 326 א״ו.

פּאָלעמיק, רעליגיעזע — 34 א״ו, 109, 247, 326, 334, 343 א״ו. — זע וויכּוחים, דאָגמאַטיק.

פּאַלערמאָ (סיציליע) — 398, 399.

פּאַסכע — 19, 78, 155.

„פּאַסטאַרעלן״ — 229, 252 א״ו.

פּאָעזיע — 178 א״ו, 248, 402 א״ו.

פּאָרטוגאַל — 233 א״ו, 238, 240, 337 א״ו, 369 א״ו.

פּאַריז — 38 א״ו, 44, 106, 255 א״ו, 264.

פּאַרמע, הערצאָגטום — 389.

פּויזן, שטאָט — 414, 417, 425.

פּוילן — 196 א״ו, 411 א״ו.

פּויפּסטום — 13 א״ו, 182 א״ו, 378 א״ו.

פּוסקים — 191, 243, 244, 307, 308.

פּורים-שפּיל — 460

פּטיט, ר' שלמה — 195, 444.

פּיכאָן, יוסף — 224 א״ו.

פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ — 409.

פּירושים — זע תנך, תלמוד, רבנות.

פּעדראָ III (אַראַגאָניע) — 91 א״ו, 190 (סיציליע).

פּעדראָ IV (קאַסטילע) — 218 א״ו.

פּעדראָ דע לונאַ — זע בענעדיקט XIII.

פּערפּיניאַן, קרייז — 52, 126, 262.

פּראָג (בײמען) — 285, 310 א״ו.

פּראָוואַנס — 15, 97, 259. — זע פֿראַנקרייך.

פּריווילעגיעס (סטאַטוטן, כּתבים) — 142, 421 א״ו. זע סטאַטוטן.

„פּרעסביטער פֿון די יידן״ (ענגלאַנד) — 54, 58.

פֿאַראַדוש, פֿאַראַגוט — 189.

פֿולדאַ, שטאָט — 145 א״ו.

פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיעזע — 98 א״ו, 111 א״ו, 245 א״ו, 265 א״ו, 348, 408 א״ו.

פֿיליפּ II אויגוסט (פֿראַנקרייך) — 24 א״ו.

פֿיליפּ III (פֿ־אַנקרייך) — 44 א״ו.

פֿיליפּ IV דער שיינער (פֿראַנקרייך) 46 א״ו, 162, 249.

פֿיליפּ V (פֿראַנקרייך) — 251.

פֿינאַנסיסטן, פֿינאַנץ-אַגענטן — 73, 74, 164, 169, 212 א״ו, 224, 225, 332, 341, 361, 424.

פֿלאַגעלאַנטן — 276, 278, 317.

פֿלאָרענץ, שטאָט — 389, 392.

פֿלקירא, שם-טוב — 114 א״ו.

פֿעאָדאַליזם, פֿעאָדאַלן — 9, 24, א״ו, 30 א״ו, 32, 47, 55, 62, 140, 269, 282.

פֿעראַרע, שטאָט — 388.

פֿערדינאַנד דער הייליקער (קאַסטיליע) — 70 א״ו.

פֿערדינאַנד IV (קאַסטיליע) — 213.

פֿערדינאַנד דער קאַטויל — 351 א״ו, 366.

פֿערער, ווינסענטע — 317 א״ו, 326.

פֿראַנציישיש — 43, 53, 453.

פֿראַנציסקאַנער — 23, 297, 390 א״ו.

פֿראַנקפֿורט ביים מיין — 149, 278 א״ו, 448.

פֿראַנקרייך — 14 א״ו, 97 א״ו, 249 א״ו, 274.

פֿרחי, אישתורי — 445.

פֿרידריך II, קיסר — 113, 142 א״ו, 186, 187.

פֿרידריך III, קיסר — 295 א״ו.

פֿרידריך דער קריגערישער (עסטרייך) — 162.

פֿרײַדענקערס — 97 א״ו, 112 א״ו, 242, 245. זע ראַציאָנאַליזם, פֿילאָסאָפֿיע.

צדקיה רופֿא, ר' — 183, 191 א״ו.

צונויפֿפֿאָרן פֿון רבנים — 173 א״ו, 328 א״ו.

ציריך, שטאָט — 275.
צענזור, פֿון דער קירך — 42, 90. זע תּלמוד.
צרפֿתי, ר' יצחק — 436.
צרצל, אַבֿרהם — 218.

קאַהירע (פֿאָסטאַט) — 442.
קאַוואַלעריאַ, יהודה — 78, 91.
קאַזימיר דער גרויסער — 411 א"וו.
קאַזימיר יאַגעלאָ — 421 א"וו.
קאַלמאַר (עלזאַס) — 271, 277, 286.
„קאַמוניסטן" (טערקיי) — 435.
„קאַמערגראַפֿן" 165, 169.
קאַמערקנעכט — 10, 139 א"וו, 142 א"וו, 269, 279, 282, 397.
קאַנאָנען פֿון דער קירך — 17 א"וו, 71, 77, 164 א"וו, 201. זע קאַנצילן.
קאַנדיע (קרעטע) — 384, 386.
קאָנסטאַנטינאָפּאָל — 203, 435 א"וו.
קאָנסערוואַטיזם — 100 א"וו, 106, 118 א"וו, 177, 245 א"וו.
קאַנצילן, סינאָדן — 17 א"וו, 21, 57, 164 א"וו, 201 א"וו, 293, 325, 382, 419.
קאַסטיליע — 69 א"וו, 212 א"וו, 313 א"וו, 351.
קאַפּיסטראַנאָ, יאָהאַן — 297 א"וו, 383, 422 א"וו.
קאַפֿאַ (טעאָדאָסיע) — 205, 429.
קאַרדאָווע — 70, 239, 335 א"וו, 361.
קאַרטעס, די שפּאַנישע — 75, 212 א"וו, 223, 314, 334, 340.
קאַרל אַנזשו (איטאַליע) — 188.
קאַרל IV (קיסר) — 276, 282.
קאַרל V, VI און VIII (פֿראַנקרייך) — 255, 256, 262.
קבלה — 127 א"וו, 196 א"וו, 409.
קהילות, אַליין-פֿאַרוואַלטונג — 80 א"וו, 94 א"וו, 172 א"וו, 202, 231, 233 א"וו, 303 א"וו, 328 א"וו, 381, 399, 451 א"וו.
קהל — 328, 399.
קולון, ר' יוסף — 408, 410.
קולטור — 11 א"וו, 97 א"וו, 172 א"וו, 263 א"וו, 342 א"וו.

קידוש השם — 43 א"וו, 154, 240 א"וו, 281. זע אינקוויזיציע, שמד, ריטועלע באַשולדיקונג, מאַרטיראָלאָגיע.
קיִעוו — 204, 430.
קלונימוס בן קלונימוס — 405 א"וו.
קלעמענס IV, פּויפּס — 90, 165, 184.
קלעמענס VI, פּויפּס — 274.
קלעריקאַליזם — 223 א"וו, 236 א"וו, 312 א"וו. זע קאַנאָנען פֿון דער קירך, קאַנצילן, מיסיאָנערן.
קמחי, ר' דוד — 35 א"וו, 102.
קמחי, ר' יוסף — 34 א"וו.
קעלן, שטאָט — 151, 278, 291.
קפּסלי, ר' משה — 436, 437 א"וו.
קרא, ר' אַבֿיגדור — 286.
קראים — 205, 406, 421, 438 א"וו, 442.
קראָקע, שטאָט — 414, 418, 425.
קרייצצוגן, קרייצפֿאָרערס — 13 א"וו, 33, 69 א"וו, 145, 203, 425. זע פּאָגראָמען.
קרים — 205, 428 א"וו.
קריסטנטום — זע וויכּוחים, דאָגמאַטיק, שמד.
קרעדיט-אָפּעראַציעס — 17, 18 24, 25, 27, 28 א"וו, 48, 51, 52 א"וו, 64 א"וו, 79 א"וו, 150, 163, 197, 198, 214, 215, 249 א"וו, 283 א"וו, 385 א"וו, 392, 413 א"וו.
קרעטע, אינדזל — 384, 386.
קרשקש, חסדאי — 240, 245 א"וו.

ראַבערס אַנזשו — 396, 405.
ראָטנבערג, שטאָט — 160.
ראָטנבורג, ר' מאיר פֿון — 157 א"וו, 175 א"וו.
ראַמאַנאַ, לעאָן — 406.
ראַציאָנאַליזם — 111 א"וו, 193, 264 א"וו. זע פֿילאָסאָפֿיע, מײמוניסטן.
ראַ"ש (ר' אשר בן יחיאל) — 110 א"וו, 122, 174, 176, 242.
רבנות, ליטעראַטור — 106 א"וו, 174 א"וו, 190 א"וו, 241 א"וו, 307 א"וו, 407 א"וו.
רבנים — 172 א"וו, 202, 233, 234, 305 א"וו, 328, 333, 352, 381.


www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn


רודאָלף האַבסבורג — 156 א״ה, 167.
רוים — 182 א״ו, 377 א״ו, 449.
רומעליע (טערקיי) — 434.
רוסלאַנד — 302 א״ו, 432 א״ו.
רופרעכט, דייטשער קייס׳ — 289, 305 א״ו.
ריאטי, משה — 383, 407.
ריב״ש (ר׳ יצחק בר ששת) — 244 א״ו.
ריטועלע באַשולדיקונג—42 א״ו, 59 א״ו, 144 א״ו, 154, 159 א״ו, 168, 199, 291, 297, א״ו, 363 א״ו, 393 א״ו. — זע האָסטיע, איינגלייבעניש.
ריטשאַרד I, ענגל׳ קיניג — 52.
רינדפליייש, גזרה— 160 א״ו. זע פּאָגראָמען.
ריקאַנאַטי, ר׳ מנחם — 196.
רלב״ג (ר׳ לוי בן גרשון) — 265 א״ו, 350.
רמב״ן (ר׳ משה בן נחמן) — 84 א״ו, 101 א״ו, 107 א״ו, 130, 134, 443 א״ו.
רעגענסבורג, שטאָט 153, 299 א״ו.
רעליגיעזע פילאָסאָפיע—זע פילאָסאָפיע.
רעסטאַווראַציע — 250 א״ו, 281 א״ו, 327 א״ו.
רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת) — 94, 108 א״ו, 122 א״ו.
שאַטעלען, משפחה פון קדושים — 42 א״ו.
שאלות ותשובות — 108 א״ו, 307 א״ו. ז׳ רבנות.
„שווארצער טויט״ — 229, 254, 273 א״ו, 413.
שולן (סינאַגאָגעס) — 14, 57, 66, 71, 220, 280, 328, 397, 429, 442, 449 א״ו.
שולן צום לערנען — 329, 450, 461 א״ו. זע ישיבות.
שומרונים — 442.
שוריך — 274 א״ו.
שוץ, סיסטעם — 9, 76, 139 א״ו. זע קאַמערקנעכט, שטייערן.
שטייערן — 18, 25 א״ו, 47 א״ו, 53, 74 א״ו, 91, 92 א״ו, 156 א״ו, 269 א״ו, 289, 295, 329, 435, 442, 446.
שטראַסבורג, שטאָט — 276 א״ו, 280, 286 א״ו.
שידוכים, געמישטע — 18. זע אַסימי־לאַציע.
שליאַכטע (פּוילן) — 413, 419, 423.
שלמה פון מאָנפּעליע (מן ההר)— 100 א״ו.
שמד (איבער געוואַלד) — 20, 33, 236 א״ו, 313 א״ו, 317 א״ו, 325, 371, 373.
שם-טוב גאון — 244.
שם-טוב, משפחה — 348.
שמריה איקריטי, ר׳ — 406 א״ו, 439.
שפּאַניע — 69 א״ו, 212 א״ו, 312 א״ו, 351 א״ו.
שפּאַניש — 242, 328, 448, 453.
שפּייער, שטאָט — 278.
שפּראַך — זע איטאַליעניש, אַראַב׳ש, גריכיש, דייטש, העברעיש, לאַטייניש, סלאַוויש, פראַנצייזיש, שפּאַניש.
שפּרוט, ר׳ שם-טוב — 227.

תיבון, ר׳ יעקב בן מכיר — 121.
תלמוד, תלמודיסטן — 106 א״ו, 171 א״ו, 190 א״ו, 309, 351, 462 א״ו.
תלמוד (גזירות) — 38 א״ו, 183, 189.
תנך (פירושים) — 108, 349, 406, 439, 462 (לערנען). זע זוהר.
תקו, ר׳ משה — 177.